STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02013

KURTSE GESHIKHTE FUN ALKP(B)

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

קורצע
געשיכטע פונ אלקפ(ב)

צונויפגעשטעלט דורכ א בריגאדע פונעם היסטאָריש־
פארטייִשנ אינסטיטוט פאר רויטער פראָפעסור:

ב. פאָנאָמאריאָוו (בריגאדיר), נ. וויטינסקי,
פ. אנדערסאָנ, ג. קראָוויצקי, א. קוטשקינ, א. אוראזאָוו

אונטער דער רעדאקציע
פונ וו. קנאָרינ.

פארטפארלאג צק קפ(ב)או
קיִעוו 1934

פּאָליט־רעדאַקטער — י. כ י נ ט ש י נ. טעכנישער רעדאַקטער—מ. ז א ר ע צ ק י. קאָרעקטער—אַי. ש ט ו ל־
מ א נ. פּאַפּיר 94×62—$^{1}/_{16}$—38 קג. $27^{1}/_{4}$ דרוקבויגנ. אינ 1 פּאַפּירבויגנ 96 000 צייכנס. טיראַזש 2 000
עקז. 2-טע אינטערנאַציאָנאַלע דרוקעריי אופ״ט. קיִעוו, רויטער פּלאַצ № 2. גאַשט. נומ. 898. באַפּולמ. פּונ
הויפּטליט 4311. אָפּגעגעבנ אינ זאַצ 23/VIII—1934, אונטערגעשריבנ צומ דרוק 22/X—1934.

פאָרוואָרט צו דער צוויטער רוסישער אופלאגע.

אין מעשעכ פונ אסאכ הונדערטער יאָרנ האָבנ אפ דער גאנצער וועלט געהערשט קנעכט־איינגנטימערס, לײַבײגנטימערס־פּריצים און קאפּיטאליסטנ, אונטערדריקנדיק, עקספּלואַטירנדיק און בארויבנדיק די ארבעטנדיקע. און אינ מעשעכ פונ אסאכ יאָרהונדערטער האָבנ די אונטערדרדריקטע מאסנ געפירט א קאמפ קעגנ זייערע פײַנט און פארקנעכטערס.

פאר דערדאָזיקער צײַט זײַנען די אונטערדרדריקטע אסאכ מאָל אופגעשטאנענ קעגנ די אונטערדריקערס. אָבער דידאָזיקע אופשטאנדנ פלעגנ אכזאָריעסדיק דערשטיקט ווערנ, און די ארבעטנדיקע מאסנ פלעגנ לײַדנ א מאפּאָלע.

און בלויז דאָס ערשטע מאָל אינ דער וועלט איז אינעם געוועזענעם צארישנ רוסלאנד אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ דער יאָכ פונ די פּריצים און קאפּיטאליסטנ, איז אָפּגעמעקט געוואָרנ פונ דער וועלט די גאנצע אלטע אָרדענונג, און ס'ווערט געשאפנ א נײַע, סאָציאַליסטישע, אָנקלאסעווע געזעלשאפט, פאר וועלכער ס'האָבנ געקעמפט און ס'זײַנענ געשטאָרבנ די בעסטע לײַט פונ דער מענטשהײַט.

דידאָזיקע גרעסטע היסטאָרישע אופגאבע האָבנ פארווירקלעכט די באָלשעוויקעס— די באָלשעוויסטישע פארטיי, וואָס לעניג האָט געשאפנ.

די גאנצע געשיכטע פונ דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) איז די געשיכטע פונ הערא‎ָישנ קאמפ פונעמ פאָדערשטנ אָטריאד פונעם ארבעטער־קלאס קעגנ דער זעלבסטהערשונג און דעמ קאפּיטאליזמ, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט און פארנ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ.

די פארטיי האָט דערצויגנ, אָרגאניזירט און באהעפט די קרעפטנ פונעמ ארבעטער־קלאס צוליבנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. זי האָט אים אָנגעוויזנ דעם ריכטיקנ וועג און די ריכטיקע מיטלענ צו קעמפנ פארנ סאָציאַליזמ און האָט געהאָלפנ דעם ארבעטער־קלאס פירנ נאָכ זיכ די ברייטסטע מאסנ פונ פויערטומ און די אונטערדריקטע נאציאָנאַליטעטנ. דערמיט גופא האָט די פארטיי צוגעגרייט דעם זיג פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אינ אָקטיאבער 1917 און האָט געשאפנ די ערשטע אינ דער וועלט מעלוכע פונ דער זיגרײַכער פּראָלעטארישער דיקטאטור. די פארטיי האָט אָרגאניזירט די רויטע ארמיי און האָט געזיכערט דעם ניצאָכנ אפ די פראָנטנ פונ בירגערקריג.

פאנאנדערגעוויקלט די סאָציאַליסטישע בויונג, האָט די פארטיי צוגעפירט דעם ארבעטער־קלאס צו אנטשיידנדיקע ניצחוינעס אויכ אפנ דאָזיקנ פראָנט. דער ארבעטער־קלאס האָט אויסגעפילט דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר. פונ אנ אָפּגעשטאנענע קליינפויערש לאנד, ווי דאָס איז געווענ דאָס אלטע רוסלאנד, האָט פסס״ר זיכ פארוואנדלט אינ א פאָרגעשריטנ אינדוסטריעל לאנד מיט דער נײַסטער טעכניק, עקאָנאָמיש אנ אומאָפּהענגיקס פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער און א מעכטיקס אינ מיליטערישנ זינען. בלויז אינ פסס״ר איז פולשטענדיק פארניכט די ארבעטלאָזיקײַט.

ס'איז פארניכט דאָס באלעגופישע פארקנעכטנ אונ רויִנירנ דאָס פויערטומ; ס'וואקסט שנעל דער מאטעריעלער ווילשטאנד פונ די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ. פארווירקלעכנדיק די פּאָליטיק פונ ליקווידירנ דאָס באלעגופנטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ, ס'זאָל צעגראָמירט ווערנ דאָס באלעגופנטומ, ס'זאָלנ אונטערגעריסנ ווערנ די וואָרצלענ פונעמ קאפיטאליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט, אונ דערמיט גופע האָט זי געזיכערט דעמ זיג פונעמ סאָציִאליזמ אינ דאָרפ. די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ זײַנענ צעגראָמירט אונ ארויסגעשלײַדערט געוואָרנ פונ דער אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט אונ האנדל, אזויארומ איז פסס"ר, אינ רעזולטאט פונ דער אָנפירנדיקער ארבעט פונ דער פארטיי, ארײַנגעטראָטנ אינ פעריִאָד פונ סאָציִאליזמ אונ האָט זיכ ענדגילטיק פארפעסטיקט אפנ סאָציִאליסטישנ וועג. דער סאָציִאליזמ האָט געזיגט אינ פסס"ר ענדגילטיק אונ אפ שטענדיק.

עס זײַנענ באשאפנ געוואָרנ באדינגונגענ פארנ אויסבויענ אינ צווייטנ פינפיאָר די ערשטע אינ דער וועלט אָנקלאסעווע סאָציִאליסטישע געזעלשאפט.

דידאָזיקע ניצכוינעס, וועלכע האָבנ א וועלט־היסטאָרישנ באטײַט, האָט דער ארבעטער־קלאס דערגרייכט בלויז דערפאר, וואָס מיט זײַנ קאמפ האָט אָנגעפירט די אלק"פ(ב).

די ניצכוינעס פונ סאָציִאליזמ האָבנ פארוואנדלט פסס"ר אינ אנ אומבאזיגלעכער פעסטונג אונ אָנשפאר פאר דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. די דערפאָלגנ פונעמ ארבעטער־קלאס פונ פסס"ר מאָביליזירנ די פראָלעטאריער פונ דער גאנצער וועלט צומ קאמפ קעגנ קאפיטאליזמ. זיי באווײַזנ אָנשוילעכ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ אלע לענדער, אז זייער ניצאָכנ איז מעגלעכ בלויז אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי.

די צענדליקער יאָרנ קאמפ אונ בויונג פונ דער פארטיי אונטער דער אָנפירונג פונ די גרויסע פירערס פונ אינטערנאציִאָנאלנ פראָלעטאריאט, לענינ אונ סטאלינ — די פאָרזעצערס פונ מארקס אונ ענגעלסעס זאכ, — האָבנ פארוואנדלט די אלק"פ(ב) אינ אזא מעכטיקער זיגרײַכער קראפט, וואָס קיינ גלײַכנ צו איר איז ניטאָ אינ דער וועלט.

אפ דער דערפארונג פונ אלק"פ(ב) לערנענ זיכ אלע ברידערלעכע פארטייענ, די סעקציעס פונ קאָמינטערנ. דער באָלשעוויזמ איז א מוסטער פונ טאקטיק פאר אלע קאָמוניסטישע פארטייענ אינ דער וועלט. דאָס האָט געשאפנ פאר דער אלק"פ(ב) א פירנדיקע ראָליע אינעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציִאָנאל. די פירערס פונ אונדזער פארטיי — לענינ אונ סטאלינ — זײַנענ די אלגעמיינ־אנערקענטע פירערס אונ טעאָרעטיקערס פונעמ גאנצנ אינטערנאציִאָנאלנ פראָלעטאריאט.

דער קויעכ פונ אונדזער פארטיי באשטייט אינ דעמ, וואָס זי, א באוואָפנטע מיט דער מארקס־לענינישער טעאָריע, איז די פארטיי פונעמ סאמע פאָרגעשריטענעמ רעוואָלוציִאָנערנ ארבעטער־קלאס; וואָס זי איז אומצערײַסלעכ פארבונדנ מיט די ברייטסטע מאסנ ארבעטנדיקע אונ פארמאָגט אויסגעפרווטע פירערס פונ דער אלטער לענינישער גווארדיע, פארהארטעוועטע, דורכגעקאָנטראָלירטע, צוגעגרייטע אונ אויסגעלערנטע

אין דער לאנגדויערנדיקער שול פון אונטערערדישער ארבעט און שטארק צוזאמענגעשלאָסענע אפ דער באזע פון מארקסיזם־לעניניזם.

די בעסטע, די אָפגעקליבענע און אין קאמפ אויסגעפרוווטע פון צווישן דערדאָזיקער לענינישער גווארדיע, אין שפיץ מיטן כ׳ סטאלין, שאפן דעם צענטראל־קאָמיטעט פון אלק״פ(ב) און זיכערן דאָס אויספילן לענינס געבאָטן. אינעם צ״ק איז קאָנצענטרירט די קלוגשאפט פון אונדזער פארטיי; ער איז דער העכסטער שטאב פון דער רעוואָליוציאָנערער ארמיי פונעם ארבעטער־קלאס.

די אלק״פ(ב) האָט איינגעזאפט אין זיך די דערפארונג פונעם גאנצן קאמפ פונעם וועלט־פראָלעטאריאט, די דערפארונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פון דער גאנצער וועלט. דעריבער איז יעדער ארבעטער, יעדער ארבעטנדיקער, אויב ער וויל זיין א באוווסטזיניקער בויער פון סאָציאליזם, א באוווסטזיניקער קעמפער פאר דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, דארפ ער דערלערנען די קאמפ־דערפארונג פון אונדזער פארטיי. די פליכט פון יעדן באָלשעוויק איז — באהערשן דידאָזיקע דערפארונג, אָנייגענען די געשיכטע פונעם באָלשעוויזם, דערלערנען די רעוואָליוציאָנערע טעאָריע פון מארקס־ענגעלס־לענין־סטאלין און זיין דער דורכפירער פון דערדאָזיקער טעאָריע אין די ברייטסטע מאסן.

דאָס דערלערנען די פארטיי־געשיכטע העלפט צו פארשטיין און צו דערלייזן אלע פראגעס, וואָס זיינען ארויסגערוקט דורכן קאמפ פונעם וועלט־פראָלעטאריאט פארן קאָמוניזם. די געשיכטע פון אונדזער פארטיי איז א וועגווייזער אין דער זאך פון בויען דעם סאָציאליזם און פון קאמפ פארן וועלט־אָקטיאבער.

די טעאָריע און פראקטיק פון דער סאָציאליסטישער בויונג זיינען ענג צוזאמענגעבונדן מיט דער געשיכטע פונעם באָלשעוויזם. דאָס דערלערנען די פארטיי־געשיכטע העלפט צו פארשטיין אפ א לענינישן אופן די אלע זייער קאָמפליצירטע אופגאבעס, וואָס שטייען פארן פראָלעטאריאט פון פסס״ר אינעם צווייטן פינפיאָר.

„... ס׳איז ניטאָ קיין בעסערע דערפארונג, קיין בעסער געצייג צו דערציען אינדזער יוגנט אין גייסט פון מארקסיזם־לעניניזם, איידער די געשיכטע פון אונדזער פארטיי... מע דארפ באָלשעוויסטיש, לעניניש צוגיין צו דער געשיכטע פון דער פארגאנגענהייט, צו דער געשיכטע פונעם נעכטן, און צוגיין אזוי, אז די געשיכטע פונעם דאָזיקן נעכטן זאָל ווערן פארבונדן מיט דער גענעראלער פארטיי־ליניע, מיט יענע נייע גראנדיעזע אופגאבעס, וואָס שטייען פאר אונדז היינט און וואָס וועלן נאָך שטיין מאָרגן [1]”.

ס׳קען ניט געמאָלט זיין קיין איין פארטיי־מיטגליד, וואָס זאָל ניט וויסן די געשיכטע פון אלק״פ(ב), איר פראָגראם, סטאטוט און די וויכטיקסטע פארטיי־באשלוסן. דערלערנענדיק די געשיכטע פון אלק״פ(ב), באוואָפענענדיק זיך מיט דער לענינישער טעאָריע, וועט יעדער פארטיי־מיטגליד און קאנדידאט, יעדער מיטפילנדיקער דערמיט גופע אידייאיש זיך פארהארטעווען צום קאמפ פארן פולשטענדיקן ניצאָכן פון סאָציאליזם. אָן דעם קען מען ניט זיין קיין עמעסער קאָמוניסט.

דאָס וויסן די פארטיי־געשיכטע באוואָפנט מיטן שטארקסטן לענינישן געווער

[1]) Л. Каганович. За большевистское изучение истории партии, стр. 10, 12.

אינ קאמפ קעגנ אלע קלאסנפײַנט אונ זײערע אגענטנ — די אפּאָרטוניסטנ פונ אלע קאָלירנ אונ ניואַנסנ.

די גאנצע פּראקטישע ארבעט פונ יעדער פּארטײער, קאנדידאט, מיטפילנדיקנ אונ קאָמיוגיסט איז נײטיק צו פארבינדנ מיטנ העכערנ זײער טעאָרעטישע צוגרײטונג. בלויז א טעאָרעטיש גראמעטנער באָלשעוויק וועט זײַנ פײִק צו דערציִענ די מאסנ אינ גײַסט פונ באָלשעוויזמ אונ בארעכטיקנ זײַנ הויכנ נאָמענ פונ אנ אָנפירער פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, דעמ ערנ־נאָמענ פונ א מיטגליד פונ אלק״פּ(ב).

דידאָזיקע קורצע געשיכטע פונ אלק״פּ(ב) איז אויסגערעכנט אפ די מיטגלידער אונ קאנדידאטנ פונ דער פּארטײ אונ אפ אומפּארטײִשע אקטיוויסטנ, וואָס האָבנ קענטענישנ אינ פארנעמ פונ אנ אָנפאנג־שול פונ פּאָליטגראמעטע.

די דירעקטע אויפגאבע פונעמ בוכ איז — געבנ א קירצערנ אונ פּאָפּולערנ לערנבוכ פונ פּארטײ־געשיכטע, אײדער די, וואָס זײַנענ פאראנ ביז הײַנטיקנ טאָג.

אינ העסקעמ מיט דערדאָזיקער אויפגאבע איז נײטיק געווענ צו קאָנצענטרירנ די הויפּט־אויפמערקזאמקײַט אפ די גרונטיקע קנופּ־פּונקטנ פונ דער פּארטײ־געשיכטע, באוווסטזיניק דורכלאָזנדיק א רײ מאָמענטנ אָדער אָנרירנדיק זײ אינקורצנ.

דידאָזיקע ארבעט, וואָס ווערט ארויסגעלאָזט, איז דער ערשטער פּרווו צו שאפנ א קורצנ לערנבוכ, וואָס זאָל זײַנ פּאָפּולער אונ אינ דערזעלביקער צײַט זאָל ער שטײנ אפ א הויכנ טעאָרעטישנ ניוואָ אונ זאָל ארומכאפּנ די געשיכטע פונ דער באָלשעוויסטישער פּארטײ פונ איר אנטשטײנ אָנ ביזנ סאָפ פונ ערשטנ פינפיאָר.

דאָס ארויסלאָזנ אזא ארבעט איז זײער א שווערע אונ קאָמפּליצירטע אויפגאבע. דעריבער האָבנ א גרויסנ באטײַט די אָנווײַזונגענ פונ די לײענער וועגנ פארבעסערנ דעמ בוכ אונ וועגנ אויספאריכטנ די פאראנענע פעלערנ.

אינ דער צווײטער אויפלאגע זײַנענ ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ אײניקע ענדערונגענ אונ דערגאנצונגענ פונ רעדאקציאָנעלנ כאראקטער.

ערשטער קאַפּיטל.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד ביזנ אנטשטײנ פונ אלק״פּ(ב).

די אינדוסטריע אונ די לאַנדווירטשאַפט צום סאָפ XIX יאָרהונדערט.

צו דער מיט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט דאָס לײַבײגנטום־רעכט, וואָס האָט עקזיסטירט אינ רוסלאַנד, אָנגעהויבנ שטאַרק טאָרמאָזירנ די אנטוויקלונג פונ דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט אינ לאַנד.

די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ זיכ שאַפנ אינ די שטעט, האָבנ געפאָדערט „פרײַע״ אַרבעטער, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע זאָלנ ניט געהערנ צו די פּריצים אונ זאָלנ קענענ אַוועקגײנ פונ זײ אונ פאַרקויפנ זײער אַרבעט־קראַפט. אינ די דערפער האָט אַ טײל פּריצים, אונטער דער ווירקונג פונ דעם וווּקס פונ די האַנדל־פאַרבינדונגענ מיט אויסלאַנד אונ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג פונ רוסלאַנד, אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז אַריבערגײנ צו אַ קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דערדאָזיקער טײל פּריצים האָט אָנגעהויבנ אָנווענדנ אינ דער ווירטשאַפט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס אונ כימישע באַגיטיקונג. זײ האָבנ זיכ אויכ גענײטיקט אינ אַ מער פּראָדוקטיווער אַרבעט, אינ דער אַרבעט פונ „פרײַע״ אַרבעטער. די אַרבעט פונ די לײַבײגענע פּויערימ, וואָס אַרבעטנ פונ אונטערנ בײַטש, איז געווענ אַ ווייניק פּראָדוקטיווע.

אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזמ האָט זיכ פאַרשטאַרקט די עקספּלואַטאַציע פונעם פּויערטומ. דאָס פּויערטומ האָט אָנגעהויבנ רויִנירט ווערנ. אָבער, צוגעפּעסטיקטע צו דער ערד, האָבנ די פּויערימ ניט געקענט אַוועקגײנ אינ די שטעט — אַפ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ. אינ דערזעלביקער צײַט האָבנ זיכ אינ די דערפער אַלצ אָפטער געגומענ אויפהײבנ פּויערשע אומרוענ קעגנ די גוטבאַזיצערס־לײַבײגנטימערס. פאַנאַנדערוואַקסנדיק זיכ אַלצ ברײטער, פלעגנ דידאָזיקע אומרוענ אָפט זיכ פאַרוואַנדלענ אינ אויפשטאַנדנ, וואָס פלעגנ דראָענ מיט אַ פּויערשער רעוואָליוציע קעגנ דער אַדעליק־פּריצישער מאַכט. די צאַרישע רעגירונג האָט זיכ געאײַלט דורכצופירנ די פּויערשע רעפאָרמע, קעדײ צו ראַטעווענ זיכ פונ אַ רעוואָליוציע. דער צאַר אַלעקסאַנדער II פלעגט אָפנ זאָגנ, אַז עס איז בעסער צו „באַפרײַענ״ די פּויערימ „פונויבנ״, אײדער צו וואַרטנ, ביזוואַנענ זײ וועלנ זיכ אַלײנ באַפרײַענ „פונונטנ״.

ענדלעכ, איז אײנע פונ די סיבעס, וואָס האָט פאַרגיכערט דאָס אָפּשאַפנ דאָס לײַבײגנטום־רעכט, געווענ די מאַפּאָלע פונעם צאַריזמ סאָפ 50־ער יאָרנ אינ דער מילכאָמע מיט טערקײַ, ענגלאַנד אונ פראַנקרײַכ. דידאָזיקע מילכאָמע האָט אויפגעדעקט די צעפוילונג פונעם מעלוכע־אַפּאַראַט אונ די פולשטענדיקע אָנמאַכט פונעם לײַבײגנטימערישנ רוסלאַנד.

דאָס לײַבײגנטום־רעכט איז אָפּגעשאַפט געוואָרנ אינ 1861 יאָר. די „באַפרײַונג״ פונ די פּויערימ איז פאָרגעקומענ „פונויבנ״ דורכ אַ צאַרישנ באַפעל אונ איז דורכגעפירט געוואָרנ, נאַטירלעכ, אַזוי, ווי עס האָט געלוינט פאַר די פּריצימ. די „באַפרײַונג״ פונ

די פויערים האָט זיך אינדערעמעסנ פאַרוואַנדלט אינעמ באַפרײַענ זיי פונ דער ערד, אינ באַראַבעווענ זיי.

בא די פויערים האָט מענ אָפּגעשניטנ לעטויוועס די פריצים דעמ בעסטנ טייל ערד (דערפונ נעמט זיך דער נאָמענ „אָפּשניצלעך“ — „отрезки“). פאַר דער ערד, וואָס מע האָט איבערגעלאָזט פאַר די פויערים, האָבנ זיי געמוזט צאָלנ אויסקויפ־געלט. די דאָזיקע ערד האָט געקאָסט ניט מער פונ 650 מיליאָנ רובל. די פויערים אָבער האָבנ נאָכ דער רעפאָרמע פונ 1861 י. אינ משך פונ 40 יאָר פאַר איר באַצאָלט אויסקויפ־געלט העכער $1\frac{1}{2}$ מיליאַרד רובל, ד. ה. קימאַט $2\frac{1}{2}$ מאָל מער פונ איר ווערט.

די רעפאָרמע פונ 1861 י. איז געווענ א בורזשואזע רעפאָרמע, וואָס ס'האָבנ דורכגעפירט די פריצים־לײַבײגנטימער. זי האָט בלויז אונטערגעריסנ דאָס לײַבײגנטומ, זי האָט עס אָבער ניט פאַרניכט. ס'איז געבליבנ די פריצישע מאַכט — דער צאַריזמ; ס'איז געבליבנ דער אומגעהײערער פריצישער ערדבאַזיץ. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווענ אַרומגעפלאָכטנ מיט די רעשטלעכ פונ לײַבײגנטומ. אַזויאַרומ איז די רעפאָרמע פונ 1861 י. געווענ בלויז דער ערשטער טריט אַפּ צו פאַרוואַנדלענ רוסלאַנד אינ א בורזשואזער מאָנאַרכיע.

נאָכנ פאַלנ פונעמ לײַבײגנטומ האָט זיך היפּש פאַרשנעלערט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד. ס'זײַנענ געוואַקסנ פאַבריקנ, זאַוואָדנ; ס'זײַנענ אויפגעקומענ נײַע אינדוסטריעלע ראַיאָנענ — דאָנבאַס, באַקו; ס'איז געגאַנגענ א קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג אינעווייניק אינ לאַנד; ס'איז געגאַנגענ א קאַפּיטאַל־צופלוס פונ אויסלאַנד.

באַזונדערס איז דער קאַפּיטאַליזמ פאַרשטאַרקט געוואָרנ אינ פּעריאָד פונעמ אינדוסטריעלנ אויפשטײַג — אינ דער צווייטער העלפט 90־ער יאָרנ. פאַרנ יאָרצענדליק — פונ 1890 ביז 1900 י. — איז שטאַרק אויסגעוואַקסנ די פּראָדוקציע פונ טשוהונ, נאַפט אונ שטיינקוילנ. ס'האָט זיך אַנטוויקלט די טעקסטיל־אינדוסטריע, ס'האָט זיך פאַרגרעסערט די אײַזנבאַנ־נעצ. רוסלאַנד איז געוואָרנ א לאַנד פונ א גרויסער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע.

צוזאַמענ מיט דער אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסנ אויכ דער פּראָלעטאַריאַט. די צאָל פאַבריק־זאַוואָדישע, באַרג־ אונ אײַזנבאַנ־אַרבעטער אינ רוסלאַנד איז געשטיגנ פונ 700 טויזנט אינ 1865 יאָר ביז 2,4 מיליאָנ צומ סאָפ 90־ער יאָרנ. די גרונט־מאַסע פונ פּראָלעטאַריאַט איז געווענ קאָנצענטרירט אינ די גרויסע אינדוסטריע־צענטערס — אינ פּעטערבורג, מאָסקווע, דאָנבאַס, באַקו, איוואַנאָווע־וואָזנעסענסק. העכער האַלב פונ אַלע פאַבריק־זאַוואָדישע אַרבעטער אינ רוסלאַנד איז געווענ פאַרנומענ אינ דער ניט־גרויסער צאָל גאַנצ גרויסע אונטערנעמונגענ.

אָבער ניט געקוקט אַפּ דעמ, זײַנענ נאָכ די רעשטלעכ לײַבײגנטומ אינ דער אינדוסטריע געווענ זייער שטאַרק א לאַנגע צײַט שוינ נאָכנ פאַלנ פונעמ לײַבײגנטומ־רעכט. צומ בײַשפּיל, די אייגנטימער פונ די אוראַלער זאַוואָדנ, וואָס האָבנ פאַרמאָגט א גוואַלדיקע צאָל ערד, זײַנענ, אייגנטלעכ, געבליבנ ביז סאָפ XIX יאָרהונדערט פריצים־לײַבײגנטימערס. אויסטיילנדיק פאַר די אַרבעטער נישטיקע ערד־כאַלאָקימ, דערלויבנדיק די פויערים צו באַנוצנ זיך אַפּ פאַרקנעכטנדיקע באַדינגענ מיטנ פאַשע־פעלד פאַרנ פי, מיטנ וואַלד, — האָבנ די דאָזיקע אוראַלער פאַבריקאַנטנ־פריצים פאַרפליכט די פויערים צו אַרבעטנ אַפּ זייערע זאַוואָדנ פאַר א קאָפּצאָנישנ לוינ. אַזויאַרומ זײַנענ זייערע זאַוואָדנ געווענ באַזאָרגט מיט „אייגענע“, צוגעפּעסטיקטע אונ וואָלוועלע אַרבעטער. דערמיט איז צו דערקלערנ די ביז גאָר נידעריקע אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, די אָפּגעשטאַנענע טעכניק אונ די אָנראַכמאָנעסדיקע קנעכטישע עקספּלואַטאַציע אַפּ די אוראַלער זאַוואָדנ. דאָ האָט געהערשט פולשטענדיקע רעכטלאָזיקײַט, א קאָפּצאָנישער אַרבעטלוינ אונ א לאַנגער אַרבעט־טאָג.

די אַלגעמיינע אָפּגעשטאַנענקײַט פונ דער טעכניק, די נידעריקע אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, די פאַראָרעמונג פונ די ברייטע מאַסנ, די ניט־גענוגיקײַט פונעמ אינערלעכנ מאַרק אַפּ אָפּצוזעצנ די אינדוסטריעלע סכוירעס — דאָס אַלצ איז געווענ א רעזולטאַט פונ די לײַבײגנטימערישע איבערבלײַבעכצנ אונ האָט שטאַרק טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג

פון דער גרויס־אינדוסטריע. אזא פראָדוקציע־צווייַג, ווי מאשינבויונג, איז אין רוסלאנד געווען אין אן עמבריאָנעלן צושטאנד. די איבערוועגנדיקע צאָל מאשינעס פלעגט מען אריינפירן פון אויסלאנד.

די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם איז אין רוסלאנד פאָרגעקומען ניט בלויז אין דער אינדוסטריע, נאָר אויך אין אלע אנדערע ווירטשאפט־צווייַגן. דער קאפיטאליזם האָט זיך אנטוויקלט אויך אין די קוסטאר־געווערבן, אלץ מער און מער פארוואנדלענדיק די גרוגט־מאסע קוסטארן אין לוינארבעטער. דער קאפיטאליזם האָט זיך אנטוויקלט אויך אין דער לאנדווירטשאפט, כאָטש זי איז פארבליבן א ביז גאָר אָפגעשטאנענע, א האלב־לייַבייגנט־מערישע.

די גוטבאזיצערס פלעגן זייער לאנגזאם אריבערגיין צום באנוצן לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, צו א קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. צום סאָף XIX יאָרהונדערט פלעגט בלויז א פופצנטל פון דער פריצישער ערד באארבעט ווערן אף דער באזע פון א העכערער קאפיטאליסטישער טעכניק. אלע איבעריקע פריצישע ערדן, און ביפראט נאָך די אָרעמ־ און מיטלפויערשע ערדן, פלעגן באארבעט ווערן רויבעריש, אף אן אָפגעשטאנענעם, פארצייַטיקן אויפן. די גערעטענישקייַט איז אין רוסלאנד געווען אסאך א נידעריקערע, איידער אין אנדערע לענדער פון אייראָפּע.

די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם איז געגאנגען אויך אין דער פויערשער ווירטשאפט. דער אומבאדייַטנדיקער אייבערשטער שיכט פויערים—דאָס באלעגופנטום — פלעגט פארברייטערן די פארזיי־שעטעכן, פלעגט דינגען באטראקעס, פלעגט אריבערגיין צום פארזייען ארבעט־אופנעמיקע קולטורן, פלעגט זיך באנוצן מיט כימישער באגיטיקונג. דעם וווקס פונעם קאפיטאליזם אין דער לאנדווירטשאפט האָט באגלייט די פאנאנדערשיכטונג פונעם פויערטום: ס׳האָט זיך אויסגעטיילט און ס׳איז געוואקסן אין צאָל דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָלעטאריאט, וואָס לעבט פון פארקויפן זייַן ארבעט־קראפט. ס׳איז געוואקסן און האָט זיך פארשטארקט די דאָרפישע בורזשואזיע—דאָס באלעגופנטום,—וואָס האָט אָנגעווענדט לוין־ארבעט. די איבערוועגנדיקע מערהייַט פונעם פויערטום האָט זיך פארוואנדלט אין א האלב־קאפצאָנישער צוהונגערנדיקער אָרעמשאפט.

צום סאָף XIX יאָרהונדערט האָבן די פריצים פארמאָגט א גוואלדיקע צאָל ערדן און וועלדער. די פויערשע כאלאָקים אָבער זייַנען געווען זייער קנאפע. 30 טויזנט פריצים האָבן פארמאָגט 70 מיליאָן דעסיאטין ערד, ד. ה. אזויפיל, וויפל 10,5 מיליאָן רוּיִנירטע פויערשע הויפן. אף איין פריצישער ווירטשאפט איז אויסגעקומען העכער 2 טויזנט דעסיאטין, און דער ערד־ביילעק פון א רויִנירטן פויער האָט באטראָפן 1,5 דעסיאטין, און אין א ריי ראיאָנען—נאָך ווייניקער. דער סאמע גרעסטער פּאָרעץ איז געווען דער קייסער. ער איינער האָט געהאט מער ערד, איידער א האלבער מיליאָן פויערשע פאמיליעס.

די גוואלדיקע אויסקויף־געלטער, די קאָפּ־שטייַערן, אלגעמיינע שטייַערן, אָפּצאָלן, סטראכיר־צאָלונגען האָבן אלץ מער און מער רוּיִנירט די פויערשע ווירטשאפט.

די רעגירונג, שטרעבנדיק צו באוואָרענען א בעסערע אייַנקאסירונג פון די אָפּצאָלונגען פאר דער קאזנא און וואָלוועלע ארבעט־הענט פאר די פריצים, האָט זיך באנוצט מיט דער פויערשער געמיינדע, וואָס האָט שוין פון לאנג עקזיסטירט אין רוסלאנד. די געמיינדע איז באשטאנען פון פויערים פון איינעם אָדער עטלעכע דערפער. יעדער פויער, וואָס האָט געהערט צו דער געמיינדע, האָט געפירט אן אינדיווידועלע ווירטשאפט, אָבער די ערד האָט זיך גערעכנט פאר אן אייגנטום פון דער גאנצער געמיינדע. די געמיינדע אינגאנצן גענומען איז געווען פאראנטוואָרטלעך פארן אייַנקאסירן די אָפּצאָלונגען און שטייַערן, וואָס עס האָט געקומט פון אירע מיטגלידער. דער רויִנירטער פויער האָט ניט געטאָרט מיטן פרייַען ווילן איבערקויפן זייַן שטיקל ערד און אוועקגיין פון דאָרף. די געמיינדע פלעגט אים פארהאלטן, וואָרעם אין דעם פאל, ווען עמעצער פון אירע מיטגלידער פלעגט אוועקגיין, פלעגט דער שטייַער, וואָס האָט געקומט פון אים, צעוואָרפן ווערן אף די געבליבענע פויערים. דערמיט ־ גופא פלעגט די געמיינדע צווינגען יעדן מיטגליד אירן צו צאָלן שטייַער אומאָפּהענגיק

פון דער העזעקדיקײַט אָדער האכנאָסעדיקײַט פון דער ווירטשאפט. זי פלעגט פארהאלטן די אנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קרעפטן.

דער וויניקערדיקער פויער איז געווען געצוווּנגען צו ארענדירן באם פּאָריץ ערד, זיך צו באנוצן מיטן פאשע־פעלד פארן פי, מיט די וועלדער און וואסער־רעזערוווארן, וואָס האָבן געהערט צום פּאָריץ. פאר דעם אלעמען פלעגט דער פויער אָן שום לוין מוזן באארבעטן די פּריצישע ערד מיט זײַן נעבעכדיקן אינווענטאר און פלעגט אויספּילן פארן פּאָריץ א גאנצע רײ פליכטן, וואָס זײַנען געבליבן נאָך פון די לײַבאייגנטום־צײַטן. דידאָזיקע אזויגערופענע אָפּארבעטונגען (отработки) זײַנען געווען די הויפּט־פאָרמע פון פארקנעכטנדיקן עקספּלואטירן די פויערים. א בולעטער בײַשפּיל פון דער קנעכטישער לאגע פון דעם פויערטום איז געווען טראנסקאווקאז און דער צענטראל־שווארצערדישער קאנט. דאָ פלעגט דער פויער פאר א דעסיאטין ערד צאָלן דעם פּאָריץ ניט בלויז א הויכן ארענדע־אָפּצאָל, ניט בלויז ער האָט באארבעט די פּריצישע ערד,—נאָר ער האָט נאָך אויך געמוזט אונטערטראָגן דעם פּאָריץ מאטאָנעס און פלעגט צאָלן א ספּעציעלן צינז לעטויוועס דעם פּאָריץ.

אלזאָ, „די מעכטיקע רעשטלעך פון מיטלאלטער", ווי לענין האָט געזאָגט, האָבן פארהאלטן די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פון לאנד. די גאנצע מאכט צום סאָף XIX יאָרהונדערט איז פארבליבן אין די הענט בא די פּריצים־לײַבאייגנטימערס.

פארשטארקנדיק זיך עקאָנאָמיש, איז די בורזשואזיע נאָך אלץ געבליבן באזײַטיקט פון דער פּאָליטישער מאכט. זי האָט, נאטירלעך, געשטרעבט אָנטײלצונעמען אין דער מעלוכע־מאכט, קעדײ צו פארשטארקן איר לאגע. אָבער די רוסישע בורזשואזיע האָט ניט געפירט קיין רעוואָליוציאָנערן קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג: זי איז געווען צו פיל אָנגעשראָקן דורך דער רעוואָליוציע פון 1848 יאָר אפן מערעוו און דורכן רעוואָליוציאָנערן קאמף פון דער פאריזשער קאָמונע אין 1871 יאָר אין פראנקרײַך. כוטשעם—און דאָס איז באזונדערס וויכטיק—האָט די בורזשואזיע געזוכט א פארשטענדיקונג מיט דער זעלבסטהערשונג דערפאר, וואָס אירע קלאסן־אינטערעסן האָבן זיך אלץ ענגער און ענגער צוזאמענגעפלאָכטן מיטן צאריזם. די צארישע רעגירונג פלעגט פאנאנדערגעבן די פאבריקאנטן און זאוואָדטשיקעס קאזיאָנע באשטעלונגען אף הויכע פּרײַזן. זי פלעגט דורך הויכע פּאָשלינעס אָפּהיטן די היימישע אינדוסטריע פון דער קאָנקורענץ מיצאד די ביליקע מערעוו־איראָפּעיִשע סכוירעס. די בורזשואזיע האָט ענג פארבונדן אירע אינטערעסן מיטן פּריצישן ערדבאזיץ, וואָרעם א קאָלאָסאלע צאָל פּריצישע ערדן איז געווען פארזעצט אין די בענק, וואָס האָבן געהערט צו דער בורזשואזיע.

די פארכאפערישע פּאָליטיק פונעם צאריזם האָט געעפנט פאר די אינדוסטריעלער נײַע מערק פארן סכוירע־אָפּזאץ, פארן באקומען רויוואַרג. אומאויפהערלעך פארכאפנדיק טעריטאָריעס בא די שכײנישע פעלקער, פלעגט דער צאריזם זיי פארוואנדלען אין קאָלאָניעס, ראבעווענדיק אָנראכמאָנעסדיק די אָרטיקע באפעלקערונג. דער צארישער רעזשים פלעגט מיטן שפיז און נאהײַקע פארטיידיקן די בורזשואזיע: ער פלעגט איר פארגרינגערן דאָס אומגעהײַערע עקספּלואטירן די ארבעטער, ער פלעגט איר העלפן קעמפן מיט די שטרײַקן און האלטן די ארבעטער אין קנעכטישער אָפּהענגיקײַט.

ס'איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס דאָס האָט געשטויסן די ארבעטער, פויערים און די ברייטע מאסן פון די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטן צום רעוואָליוציאָנערן קאמף קעגן די לײַבאייגנטימערס־פּריצים, קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג.

דער רעוואָליוציאָנער פאָלקיזם.

דער ארבעטער־קלאס איז אין די 60 — 70־ער יאָרן געווען נאָך קליין אין צאָל און שוואך. די איבערוועגנדיקע מאסע באפעלקערונג אין רוסלאנד איז באשטאנען פון פויערים, וואָס האָבן אָנגעהויבן א קאמף קעגן די פּריצים נאָך א לאנגע צײַט אײדער־

ס'איז אָפּגעשאפנ געוואָרנ דאָס לײַבייגנטום־רעכט. נאָכנ אָפּשאפנ דאָס לײַבייגנטום־רעכט האָט זיכ דער קאמפ פונעמ פויערטומ פאר דער ערד אומופהערלעכ געפירט ווײַטער. דערדאָזיקער קאמפ פלעגט זיכ זייער אָפט אויסגיסנ אינ דער פאָרמע פונ באזונדערע בונטנ, אופשטאנדנ אונ אינעמ אונטערצינדנ פריצישע מאיאָנטקעס. אָבער דאָס פויערטומ פלעגט קעמפנ צעשפליטערט; קיינ איינהײַטלעכע באוועגונג, וואָס זאָל קענענ ברענגענ צומ אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג, איז ניט געווענ, וואָרעמ עס איז נאָכ ניט אויסגעוואקסנ אונ ס'האָט זיכ נאָכ ניט פארשטארקט דער פראָלעטאריאט, וואָס זאָל פירנ נאָכ זיכ דאָס פויערטומ, ס'איז נאָכ ניט געווענ קיינ פראָלעטארישע פארטיי.

אינ דערדאָזיקער אומגעבונג זײַנענ אופגעקומענ די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס פונ די 60 — 70־ער יאָרנ, וואָס זײַנענ באוווסט אונטערנ נאָמענ פאָלקיסטישע (народнические).

די גרונטלייגערס פונעמ פאָלקיזמ זײַנענ געווענ טשערנישעווסקי (1828—1889 י.י.) אונ הערצענ (1812—1870 י.י.). זייער א גרויסע ווירקונג אפ דער פאָלקיסטישער טעאָריע אונ פראקטיק האָבנ געהאט באקונינ, לאווראָוו, טקאטשאָוו. דידאָזיקע טעאָרעטיקערס, ניט געקוקט אפנ אונטערשייד צווישנ זייערע אָנשויונגענ, האָבנ פאנאנדערגעארבעט די טעאָריע פונעמ פאָלקיזמ, וועלכנ לענינ האָט אָנגערופנ „רוסישער, פויערשער סאָציאליזמ".

די פאָלקיסטישע אָרגאניזאציעס זײַנענ באשטאנענ פונ קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ, סטודענטשאפט, קינדער פונ רויִנירטנ אדל, פונ גײַסטלעכע, טשינאָווניקעס, סאָכרימ.

די פאָלקיסטנ פונ די 60 — 70־ער יאָרנ האָבנ באטראכט די פויערימ אלס די איקערדיקע באוועג־קראפט פונ דער קומענדיקער רעוואָלוציע, וואָס אינ איר האָט די אָנפירנדיקע ראָליע געדארפט געהערנ צו דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענצ. אינ דער אָפּגעשטאנענער רוסישער ערד־געמיינדע אונ אינ די פראָדוציר־ארטעלנ האָבנ זיי אײַנגעזענ אזעלכע פאָרמעס פונ פאָלקיש־עקאָנאָמישנ שטייגער, וואָס פונ זיי וועט זיכ גרינג אנטוויקלענ דער סאָציאליזמ. דאָס פויערטומ איז אזויארומ געווענ, לויט זייער מיינונג, דער טרעגער פונ סאָציאליסטישנ אידעאל.

צווישנ די פאָלקיסטנ איז געווענ צוויי גרונט־ריכטונגענ — באקוניסטנ אונ לאווריסטנ. איינע פונ זיי (די באקוניסטנ) האָבנ געהאלטנ פאר זייער הויפּט־אופגאבע די ארבעט צווישנ פויערטומ מיטנ ציל אופצוהייבנ אנ אלגעמיינעמ פאָלק־אופשטאנד (א בונט), אינ רעזולטאט פונ וועלכנ ס'דארפ אראָפּגעוואָרפנ ווערנ די עקזיסטירנדיקע רעגירונג. די אנדערע (די לאווריסטנ) האָבנ גערופנ די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענצ צו פירנ אינעמ פויערטומ א פרידלעכע פראָפּאגאנדע פונ די סאָציאליסטישע (ד. ה. פאָלקיסטישע) אידייעס.

אפ צו פארווירקלעכנ זייערע צילנ פלעגנ הונדערטער פאָלקיסטנ אוועק פונ שטאָט אינ דאָרפ ארײַנ אלס לערער, דאָקטוירימ, שמידנ, טעסלערס. אריבערגייענדיק פונ דאָרפ צו דאָרפ, פלעגנ זיי פירנ צווישנ דעמ פויערטומ א רעוואָלוציאָנערע ארבעט. קעדיי אויסצוארבעטנ אגיטאטערס פארנ דאָרפ, פלעגנ די פאָלקיסטנ פירנ א געוויסע ארבעט אויכ צווישנ די אינדוסטריעלע ארבעטער.

אינ 1876 יאָר האָבנ די פריִער עקזיסטירנדיקע באזונדערע פאָלקיסטנ־קרײַזלעכ פונ דער באקוניסטישער ריכטונג זיכ פאראייניקט אינ דער פארטיי „זעמליא אי וואָליא".

אָבער די ארבעט פונ די פאָלקיסטנ אינ די מאסנ האָט ניט געגעבנ די דערווארטע רעזולטאטנ. די פאָלקיסטנ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ אופצוהייבנ דאָס פויערטומ אפ אנ אלרוסלענדישנ בונט. דאָס פויערטומ איז געבליבנ טויב צו דער פראָפּאגאנדע פונ זייערע אָנשויונגענ. דערצו נאָכ האָט די רעגירונג שוידערלעכ זיכ צערעכנט מיט די פאָלקיסטנ: די מערהײַט פונ זיי האָט מענ ארעסטירט, ארײַנגעזעצט אינ די טורמעס אונ פארשיקט אפ קאטאָרגע.

אינגיכנ (1879 י.), אונטער דער ווירקונג פונ דער ניט־אײַנגעגעבענער ארבעט צווישנ די פויערימ אונ פונ די אכזאָריעטדיקע פאָליציייִשע פארפאָלגונגענ, האָט זיכ די „זעמליא

אי וואָליא" צעשפּאָלטנ אפ צוויי פאָלקיסטישע אָרגאניזאציעס: „נאראָדנאיא וואָליא" אונ „טשאָרני פערעדיעל".

איינ טייל פאָלקיסטנ איז אריבערגעגאנגענ צומ פאָליטישנ קאמפ קעגנ צאריזמ דורכ טעראָר, ד. ה. דורכנ הארגענענ מיניסטאָרנ, זשאנדארמענ אונ אנדערע פאָרשטייערס פונ דער מאכט. דערדאָזיקער טייל פאָלקיסטנ האָט זיכ פאראייניקט אינ דער אָרגאניזאציע, וואָס האָט זיכ אָנגערופנ „נאראָדנאיא וואָליא". די „נאראָדנאיא וואָליא" האָט דורכגעפירט אסאכ טעראָריסטישע אקטנ. זי האָט געשאפנ א מיליטערישע אָרגאניזאציע צוליב דער ארבעט אינ מיליטער אונ האָט געפירט א פראָפאגאנדע צווישנ די ארבעטער. אָבער די „נאראָדנאיא וואָליא" איז געווענ ביז גאָר שוואכ פארבונדנ מיט די מאסנ. דאָס איז געווענ א קלייניקע אונ שטרענג פארקאָנספירירטע אָרגאניזאציע פונ דרייסטע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס האָבנ מעסירעסנעפעשדיק מאקריוו געווענ זייער לעבנ אינ קאמפ מיט דער זעלבסטהערשונג. אינ 1881 יאָר



די נאראָדאָוואָלצעס פילנ אויס דעמ טויט-אורטייל איבער אלעקסאנדער II.

האָט זיכ דער „נאראָדנאיא וואָליא" איינגעגעבנ צו הארגענענ דעמ קייסער אלעקסאנדער II, אָבער די זעלבסטהערשונג האָט זי דערמיט ניט צעבראָכנ: אָנשטאָט דעמ דערהארגעטנ קייסער איז אפנ טראָנ ארופ אלעקסאנדער III. די „נאראָדנאיא וואָליא" איז צעגראָמירט געוואָרנ; די אָנגעזעענסטע טוערס אירע — זשעליאבאָוו, סאָפיא פעראָווסקאיא, קיבאלטשיטש אונ טימ. מיכיילאָוו — זיינענ דעמועלביקנ יאָר אופגעהאנגענ געוואָרנ פארנ אָנטייל אינעמ קייסערס מאָרד.

אינ 1887 י. איז געמאכט געוואָרנ א ניט-געלונגענער פרווו צו דערהארגענענ אלעקסאנדער III. די אָרגאניזאטערס פונעמ אטענטאט — לענינס עלטערער ברודער א. אי. אוליאנאָוו אונ אנדערע — האָט מענ געכאפט אונ געטויט.

א צווייטער טייל פאָלקיסטנ, וואָס האָט געשטרעבט צו בלייבנ טריי די פרינציפנ פונ „זעמליא אי וואָליא", האָט זיכ אָרגאניזירט אינ דער גרופע „טשאָרני פערעדיעל". די טשאָרנאָפערעדיעלצעס האָט זיכ ניט איינגעגעבנ צו פאנאנדערוויקלענ קיינ גרויסע ארבעט. גאָר גיכ האָט די רעגירונג צעגראָמירט די דרוקעריי פונ „טשאָרני פערעדיעל", אונ אירע הויפט-טוערס — פלעכאנאָוו, אקסעלראָד, דייטש אונ אנד. — זיינענ געווע געצוווּנגענ צו אנטלויפנ קיינ אויסלאנד.

אינ וואָס־זשע באַשטייט דער היסטאָרישער באַטייט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקיזמ? אַפ דערדאָזיקער פראַגע האָט א טיפנ און אויסשעפּנדיקנ ענטפער געגעבנ לענינ. אינ אונטערשייד צו פּלעכאַנאָוו, האָט לענינ אונטערגעשיידט צוויי זייטנ אינעמ פאָלקיזמ: א רעוואָלוציאָנערע און א רעאַקציאָנערע.

די רעוואָליוציאָנערע זייט פונעמ פאָלקיזמ איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס אינ זייערע אָנשויונגענ אַפ דער פויערשער רעוואָליוציע און אַפ אַנדערע פראַגעס האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט די שטרעבונג פונעמ פויערטומ צו פאַרניכטנ דעמ פּריצישנ ערד־באַזיצ, אָפּצווואַרפנ די זעלבסטהערשונג, איינצושטעלנ א דעמאָקראַטישע אָרדענונג. די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס פונ די פאָלקיסטנ מיט זייער צענטראַליזמ און דיס־ציפּלינ, די מעסירעסנעפּעשדיקע אַרבעט און קאַמפּ פונ די מיטגלידער פונ דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס קעגנ צאַריזמ שטעלט מיט זיכ פאָר א נייעמ און גרויסנ טריט פאָרויס אינ דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

א. אי. אוליאַנאָוו.

אָבער אינ דערזעלביקער צייט איז אינ די אָנשויונגענ פונ די פאָלקיסטנ געווענ א שעדלעכע, רעאַקציאָנערע זייט. ווי מיר ווייסנ שוינ, זייענע זיי אַרויסגעגאַנגענ פונ דעמ שטאַנדפּונקט, אַז די איינציקע רעוואָליוציאָנערע קראַפט און קעמפער פאַרנ סאָציאַליזמ איז דאָס פויער־טומ. אינעמ פּראָלעטאַריאַט האָבנ זיי ניט איינגעזענ קיינ באַזונדערנ פונעמ פויערטומ קלאַס און האָבנ ניט אָנערקענט פאַר אימ קיינ באַזונדער היסטאָרישע ראָליע, די דאָזיקע צעשמעטערער פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָר־דענונג און ווי דער באַשאַפער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אינ דער צוקונפט. זיי פלעגנ באַטראַכטנ די אַרבעטער בלויז אַלס א קראַפט, וועלכע מע קענ אויס־נוצנ אינ דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישנ די פויערשע מאַסנ. די פויערשע געמיינדע איז, לויט זייער מיינונג, געווענ די באַזע פאַר דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, און דער פויער — א געבוירענער סאָציאַליסט. די פאָלקיסטנ האָבנ אָפּגעלייקנט די פאַנאַנדער־שיכטונג פונ דאָרפ אַפ גרופּעס: באָלעגופימ, מיטלפויערימ און אָרעמפויערימ, צונויפ־גיסנדיק דאָס אַלצ אינ איינ באַגריפ „אַרבעטנדיק פויערטומ".

די פאָלקיסטנ האָבנ געלייקנט אינ דער אומפאַרמיידלעכקייט פונ דער קאַפּיטאַליס־טישער אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד און האָבנ מיט אַלע קויכעס געשטרעבט צו פאַרהאַלטנ די אַנטוויקלונג פונ דער גרויס־אינדוסטריע. זיי האָבנ גערעכנט, אַז מע קענ קומענ צומ סאָציאַליזמ אָנ דער אַנטוויקלונג פונ דער גרויס־אינדוסטריע און אָנ א פּראָלעטאַריאַט.

אַזוי־אַרומ זייענע די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטנ געווענ פאַרשטייערס פונעמ קליינ־בירגערלעכנ „פויערשנ סאָציאַליזמ". לענינ האָט אויפגעדעקט און דעמאַסקירט דעמ קליינבירגערלעכנ טאָכ פונ דעמדאָזיקנ פאָלקיסטישנ „סאָציאַליזמ". ער האָט געוויזנ, אַז די טעאָריע פונ די פאָלקיסטנ, אַפ וויפל זי לייקנט אָפּ די לערע פונ פּראָלע־טאַרישנ סאָציאַליזמ, איז אינ טאָכ געווענ ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע און ניט קיינ סאָציאַליסטישע. אָבער אינ דערזעלביקער צייט האָט לענינ מיט דער גאַנצער קראַפט אונטערגעשטראָכנ, אַז אינ זייער רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ האָבנ די פאָלקיסטנ אָפּגעשפּיגלט דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונעמ פויערטומ קעגנ די פּריצימ און קעגנ דער זעלבסטהערשונג. דערדאָזיקער איבערפלעכט פונ רעוואָליוציאָנערער און רעאַק־ציאָנערער זייטנ בא די פאָלקיסטנ האָט אָפּגעשפּיגלט דעמ צווייזייטיקנ כאַ־ראַקטער פונ דער פויערשער באַוועגונג. פונ איינ זייט, האָבנ די פאָלקיסטנ אָפּגע־שפּיגלט דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונעמ פויערטומ קעגנ דעמ צאַריזמ און דעמ פּריצישנ ערדבאַזיצ, און פונ דער אַנדערער זייט — האָבנ זיי אונטערגעהאַלטנ די שטרעבונג פונעמ פויערטומ אָפּצוהיטנ זיינ קליינווירטשאַפט און צוליב דעמ צו פאַרהאַלטנ די אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ, וואָס רויִנירט דאָס דאָרפ.

די פּאָלקיסטישע באַוועגונג, וואָס די ברייטע פּאָלק־מאַסן האָבן זי ניט אונטער־געהאַלטן, איז צעגראָמירט געוואָרן דורכן צאַריזם. דער דורכפאַל פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם פּאָלקיזם האָט בולעט באַוויזן, אַז מע קען ניט אָראָפּוואַרפן דעם צאַריזם און דערשלאָגן זיך צו דער באַפרײַונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך דורכן פּראָפּאַגאַנדירן דעם „פּויערשן סאָציאַליזם", דורכן אָרגאַניזירן צעשפּליטערטע פּויערשע אופשטאַנדן („זעמליאַ אי וואָליאַ"), אָדער דורך אייִנציקע טעראָריסטישע אַקטן („נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ").

די ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד.

אין די 70־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט דער קאַמף פונעם אַרבע־טער־קלאַס זיך אַלץ פאַרברייטערט. די אַרבעטער־אומרוען האָבן אָנגעהויבן אָננעמען אַלץ אַ מער שאַרפע פאָרמע. באַזונדערס שטאַרק איז געווען די שטרײַק־באַוועגונג אין פּעטערבורג (לענינגראַד). נאָך פּעטערבורג האָבן די שטרײַקן אַרומגעכאַפּט די טעקסטיל־אונטערנעמונגען פון מאָסקווע, שויע, איוואַנאָוואָ, יאַראָסלאַוול, די זאַוואָדן און שאַכטעס פון דאָנבאַס, די אײַזנבאַן־בויונגען, ראָסטאָוו, מאָסקווע, אָדעס.

די גרונט־סיבע פון די שטרײַקן איז געווען די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער. דער אַרבעט־טאָג האָט דעמאָלט אויסגעמאַכט דורכשניטלעך 12—14 שעה. די אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַרן פאַרקירצן די אַרבעט־צײַט, פאַרן פאַרגרעסערן דעם אַרבעט־לוין, פאַרן פאַרקלענערן די שטראָפן און פאַרן אײַנשטעלן פּינקטלעכע טאַריפן.

פּ. אַלעקסייעוו.

די שטרײַקן פלעגן זיך אין אַ רײ פאַלן פאַרענדיקן מיטן אַרײַנמישן זיך פון דער פּאָליציי און מיליטער, מיטן צעשלאָגן די אַרבעטער. צוערשט פלעגן די אַרבע־טער־שטרײַקן פאָרקומען ניט אָרגאַניזירט, צעשפּליטערט, נאָר ביסלעכווײַז האָבן די שטרײַקערס זיך צוגעוווינט צו אַ מער אָרגאַניזירטן קאַמף. אין דעמדאָזיקן קאַמף זײַנען אויסגעוואַקסן קאַדרען אַרבעטער־אַוואַנגאַרדיסטן. אַ זייער העלער מוסטער פון אַזאַ מין אַרבעטער־אַוואַנגאַרדיסט איז געווען דער וועבער פּיאָטר אַלעקסיי־עוו, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די פּאָלקיסטישע קרײַזלעך פון די 70־ער יאָרן. זײַענדיק אַרעסטירט פאַר זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט און פאַרן אָנפירן מיט שטרײַקן, האָט ער אומדערשראָקן געמאָלדן פאַרן צאַרישן געריכט, אַז ניט ווײַט איז דער מאָמענט, ווען „ס'וועט זיך אופהייבן די מוסקולישע האַנט פונעם אַרבעטער־פאָלק, און דער יאָך פון דעספּאָטיזם, באַשיצט דורך באַגנעטן, וועט צעמאָלט ווערן אָפּ אַש". דידאָזיקע אַרויסטרעטונג פון אַן אַרבעטער־רעוואָליוציאָנער האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אַז ס'וואַקסט אָן אַ נײַע קראַפט אין קאַמף קעגן צאַריזם און לײַבייגנשאַפט.

אָפּ אָנצופירן מיטן קאַמף פון די אַרבעטער האָבן זיך געשאַפן די ערשטע רע־וואָליוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, באַפרײַענדיק זיך ביסלעכווײַז פון די פּאָלקיסטישע פעלערן, האָבן אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אַ פּראָלעטאַ־רישע קאַמף־ליניע.

די ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען דער „דאָרעם־רוסלענדישער אַרבעטער־פאַרבאַנד", וואָס איז אופגעקומען אין אָדעס אין 1875 יאָר. דער פאַרבאַנד האָט אָנגעציילט ביז 800 אַרבעטער און איז געווען פאַר־בונדן מיט די גרעסטע אונטערנעמונגען אין אָדעס. אין סאַמע אָנהייב פון זײַן טעטיקײַט איז ער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די פּאָלקיסטן, וועלכע האָבן זיך געפּרווט פאַרשלעפּן זײַנע מיטגלידער אָפּן פּאָלקיסטישן קאַמף־וועג. פאַר זײַן גרונט־אופגאַבע האָט דער פאַרבאַנד געשטעלט דעם קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און

דאָס אויסקעמפן פּאָליטישע פרייהייט, כאָטש באַפרייען זיכ פונ די פּאָלקיסטישע אָנשויונגען ביזנ סאָפ איז ער ניט געווען בעקויעכ. נאָכ עטלעכע כאַדאָשימ פונ זיינ אַרבעט איז דער „דאָרעמ־רוסלענדישער אַרבעטער־פאַרבאַנד" צעגראָמירט געוואָרנ דורכ דער פּאָליציי, אַלע זיינע אָנפירערס זיינענ אַרעסטירט געוואָרנ. דער אָרגאַניזאַטער פונעמ פאַרבאַנד, זאַסלאַווסקי, איז פאַרורטיילט געוואָרנ צו צעניאָריקער קאַטאָרגע אונ איז געשטאָרבנ אינ טורמע אינ 1878 יאָר.

עטוואָס שפּעטער—אינ 1878 יאָר—איז אינ פּעטערבורג אויפגעקומענ „ד ע ר צ אָ פ נ־פ א ר ב א נ ד פ ו נ ר ו ס י ש ע א ר ב ע ט ע ר", זיינע אָרגאַניזאַטערס זיינענ געווענ דער סטאָליער סטעפּאַנ כאַלטורינ אונ דער מעטאַליסט אָבנאָרסקי. דער פאַרבאַנד האָט גענומענ א גרויסנ אָנטייל אינ דער שטרייק־באַוועגונג פונ די פּעטערבורגער אַרבעטער, אָנפירנדיק מיט די ערשטע זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטונגענ פונעמ אַרבעטער־קלאַס. דער פאַרבאַנד האָט אויסגעאַרבעט מיט זיינע אייגענע קויכעס א רעוואָליוציאָנערע פּראָגראַמ. די דאָזיקע פּראָגראַמ האָט אַוועקגעשטעלט פאַרנ אַרבעטער־קלאַס די אויפגאַבע—אָראָפּצוּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג אונ אויסצוקעמפנ פּאָליטישע פרייהייט,

ו. אָבנאָרסקי.


ס. כאַלטורינ.

יע. זאַסלאַווסקי.

פאַרבינדנדיק דערביי דעמ קאַמפ פאַר פּאָליטישער פרייהייט מיטנ קאַמפ פאַרנ סאָציאַליזמ. פּאַראַלעל מיט די דאָזיקע אַבסאָליוט־ריכטיקע טעזיסנ זיינענ אינ דער פּראָגראַמ געווענ פּאָלקיסטישע פעלערנ, צומ ביישפּיל: ס'איז דורכגעפירט געוואָרנ דער פּאָלקיסטישער קוק אַפ דער ראָליע פונ דער פויערשער געמיינדע.

דער „פאַרבאַנד" האָט ניט איינמאָל אונטערגעשטראָכנ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ כאַראַקטער פונ די אויפגאַבעס, וואָס שטייענ פאַרנ רוסישנ אַרבעטער־קלאַס. „דער צאָפנ־פאַרבאַנד" איז צעגראָמירט געוואָרנ אינ 1881 יאָר. זיינ אָנפירער, כאַלטורינ, וואָס איז געוואָרנ א טעראָריסט, האָט באַגאַנגענ אַנ אומגעלונגענעמ אַטענטאַט אַפנ קייסער—דעמ אויפנ פּונעמ ווינטער־פּאַלאַץ אינ 1880 יאָר,—אונ האָט אָנטיילגענומענ אינ אַנדערע טעראָריסטישע אַקטנ. ער איז אַרעסטירט אונ אויפגעהאַנגענ געוואָרנ אינ 1882 יאָר.

די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אינ רוסלאַנד.

אינ די 80־ער יאָרנ האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אַרומגעכאַפּט א ריי גרונטיקע אינדוסטריעלע ראַיאָנענ אינ רוסלאַנד. א באַזונדערס גרויסנ באַטייט האָט געהאַט דער שטרייק אינ אָרעכאָוואָ־זויעוואָ אינ 1885 יאָר אַפ סאַווא מאָראָזאָווס טעקסטיל־פאַבריק. א שטויס צומ דאָזיקנ שטרייק האָט געגעבנ די העפקיירעס באַמ שטראָפירנ אַרבעטער. בלויז אינ איינ 1884 יאָר האָט מאָראָזאָוו דורכ שטראָפנ באַראַבעוועט די אַרבעטער אַפ 300 טויזנט רובל, וואָס עס האָט באַטראָפנ קימאַט א העלפט פונעמ

ארבעטלויג פונ אלע ארבעטער. די אויפגעבראכטע אכט־טויזנטיקע מאסע ארבעטער **האָט אָנגעהויבנ** א שטרייַק. באלד אינעם ערשטנ טאָג פונ שטרייַק האָבנ די ארבעטער **צעגראָמירט** די פאבריק־קראָמ, ווו מע פלעגט זיי אפ אויפגעבלאָזענע פרייַזנ פארקויפנ **שלעכטע** פראָדוקטנ. איבערצייַגנדיק זיכ, אז מיט צוזאָגנ קענ מענ ניט איבערברעכנ **דעמ שטרייַק, האָט** די מאכט באשלאָסנ אָנצווענדנ געוואלדטאט. מע האָט ארויסגע**רופנ** א פאָלק סאָלדאַטנ און קאָזאַקנ. מע האָט גענומענ ארעסטירנ די אָנפירערס. די **ארבעטער** — אלע ווי איינ מענטש — האָבנ באשלאָסנ צו באפרייַענ די ארעסטירטע. **ס׳האָט זיכ** אָנגעהויבנ א געראנגל מיטנ מיליטער. אינעם דאָזיקנ געראנגל זייַנענ **אסאכ ארבעטער** דערהארגעט און פארוווּנדעט געוואָרנ. דער שטרייַק איז דערשטיקט **געוואָרנ.** עטלעכע הונדערט ארבעטער זייַנענ ארויסגעשיקט געוואָרנ אינ זייערע גע**בורט־ערטער,** און די אָנפירערס פונ שטרייַק — די ארבעטער מאָיסייענקאָ און וואָלקאָוו — **זייַנענ פארשיקט** געוואָרנ. ניט געקוקט אפנ אומגעלונגענעמ אויסגאנג פונעמ **שטרייַק, האָט** ער דאָכ געצווונגענ די צארישע רעגירונג ארויסצוגעבנ א ריי פאבריק־זאוואָדישע געזעצנ, וואָס האָבנ רעגולירט די לאגע פונ די ארבעטער. דאָס איז געשאָנ געוואָרנ מיטנ ציל ניט צו דערלאָזנ צו קיינ וווּקס פונ דער שטרייַק־באוועגונג אינ אנדערע ראיאָנענ.

פ. מאָיסייענקאָ.

ס׳איז געוואָרנ קלאָר, אז אינ רוסלאנד איז ווירקלעכ אויפגעקומענ א רעוואָליוציאָנערער קלאס, וואָס איז פייִק צו ווערנ דער אָנפירער און פירער פונ די ברייטע מאסנ פויערטומ. ס׳איז קיינ כידעש ניט, וואָס אינ דידאָזיקע באדינגענ האָבנ אָנגעהויבנ אויפקומענ אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבנ זיכ בעשומויפנ ניט צופרידנגעשטעלט מיט די פאָלקיסטישע אָנשויונגענ. זיי פלעגנ זיכ באקענענ מיט דער דערפארונג פונ דער מערעוו־אייראָפּייִשער ארבעטער־באוועגונג, מיט מארקס לערע און פלעגנ זיכ דערקלערנ פאר אָנהענגערס פונ דערדאָזיקער לערע, זיי האָבנ אָנגעהויבנ פראָפאגאנדירנ דעמ מארקסיזמ אינ רוסלאנד.

די ערשטע רוסישע מארקסיסטישע, סאָציאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציע איז געווענ די גרופּע „ארבעט־באפרייַונג". זי איז געגרינדעט געוואָרנ אינ אויסלאנד אינ 1883 יאָר. אירע גרינדערס זייַנענ געווענ די געוועזענע מיטגלידער פונ „טשאָרני פערעדיעל", וואָס זייַנענ שפּעטער אָפּגעגאנגענ פונעמ פאָלקיזמ, — פלעכאנאָוו, אקסעלראָד, זאסוליטש, דייטש און איגנאטאָוו. די גרופּע „ארבעט־באפרייַונג" האָט דורכגעמאכט א גרויסע ארבעט אפ צו פראָפאגאנדירנ דעמ מארקסיזמ אינ רוסלאנד. זי האָט ארויסגעגעבנ א ריי פלעכאנאָווס ביכער: „סאָציאליזמ און פּאָליטישער קאמפּ" (אינ 1883 יאָר), „אונדזערע מיינונג־פארשיידנקייטנ" (אינ 1884 יאָר); זי האָט איבערגעזעצט אפ רוסיש מארקס און ענגעלסעס ארבעטנ און האָט זיי פארשפרייט אינ רוסלאנד. די גרופּע „ארבעט־באפרייַונג" האָט דורכגעפירט א גרויסנ קאמפּ קעגנ פאָלקיזמ. זי האָט באוויזנ די שעדלעכקייט פונ די פאָלקיסטישע טעאָריעס וועגנ דער אייגנארטיקייט פונ רוסלאנדס עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, וועגנ דעמ באטייַט פונ דער געמיינדע, וועגנ אָפּלייקענענ די זעלבשטענדיקע רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונעמ ארבעטער־קלאס. מיט ציפערנ און פאקטנ האָט זי דערוויזנ די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ אינ רוסלאנד און די צעפאלונג פונ דער געמיינדע אונטער זייַנ ווירקונג. די גרופּע „ארבעט־באפרייַונג" פלעגט דערקלערנ, אז רוסלאנד קענ קומענ צומ סאָציאליזמ ניט דורכ דער פויערשער געמיינדע, אויסמייַדנדיק דעמ קאפּיטאליזמ, נאָר בלויז מיטנ וועג פונ פּאָליטישנ קלאסנקאמפּ פונעמ פראָלעטאריאט, דורכנ. רעוואָליוציאָנערנ אראָפּוואַרפנ די הערשאפט פונ די פּריצימ און בורזשואזיע. די גרופּע „ארבעט־באפרייַונג" פלעגט אונטערשטרייַכנ די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט און זייַנ פייִקייט צו א זעלבשטענדיקנ קאמפּ פאר זייַנע אינטערעסנ.

דאָך האָט די גרופּע אין דערזעלביקער צײַט דערלאָזט אין איר אַרבעט אַ רײ אָפּאָרטוניסטישע פֿעלערנ. זי האָט ניט דערשאַצט די רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטנ פֿונעם פּילמיליאָניקנ פּויערטומ און די פֿײַיקײַט פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אָנצופֿירנ מיטנ פּויערטומ. זי האָט איבערגעשאַצט די ראָליע פֿונ דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אינעמ קאַמפּ קעגנ צאַריזמ, האַלטנדיק זי פֿאַר אַ רעוואָליוציאָנערער קראַפֿט.

די גרופּע „אַרבעט־באַפֿרײַונג” האָט אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגנ באַשאַפֿנ אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטײ אינ רוסלאַנד.

מיט איר טעטיקײַט האָט זי געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַפֿנ אויסאַרבעטנ מאַרקסיסטישע אָנשויונגענ בײַ די מיטגלידער פֿונ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזלעכ, וועלכע האָבנ זיכ שנעל פֿאַרשפּרייט איבער גאַנצ רוסלאַנד. אָבער די צאָרע פֿונ דער גרופּע „אַרבעט־באַפֿרײַונג” איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס זי איז געווענ אָפּגעריסנ פֿונ די מאַסנ און וואָס איר פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט איז ניט געווענ פֿאַרבונדנ מיט קײנ אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אַפֿ די ערטער. דעריבער האָט די גרופּע „אַרבעט־באַפֿרײַונג”, — האָט געזאָגט לענינ, — געגרינדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בלויז טעאָרעטיש און האָט געמאַכט בלויז דעמ ערשטנ טריט אַנטקעגנצוקומענ דער אַרבעטער־באַוועגונג.

צומ סאָפֿ 80־ער און צומ אָנהייב 90־ער יאָרנ זײַנענ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזלעכ אויפֿגעקומענ שוינ אינ אַלע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס פֿונ רוסלאַנד. אינ פּעטערבורג האָט זיכ אינ 1884 יאָר אָרגאַניזירט אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעמ סטודענט בלאַגאָיעוו (שפּעטער — דער פֿירער פֿונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ אינ באָלגאַריע) אַ קרײַזל, וואָס האָט זיכ גערופֿנ „פּאַרטײ פֿונ רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ”. דאָס קרײַזל האָט עקזיסטירט ביזנ 1887 יאָר. אינ פּעטערבורג זײַנענ אויכ אויפֿגעקומענ טאָטשיסקיס (1886—1888) און ברוסניאָוועס (1890—1892) קרײַזלעכ.

די ברוסניאָווישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט ביז 20 אַרבעטער־קרײַזלעכ אינ פֿאַרשיידענע ראַיאָנענ פֿונ פּעטערבורג.

אינ קאַזאַנ האָט געאַרבעט פֿעדאָסייעווס קרײַזל (אינ 1888 יאָר), אינ וועלכנ עס האָט אָנטייל גענומענ אויכ לענינ. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזלעכ האָבנ עקזיסטירט אויכ אינ קיִעוו, כאַרקאָוו, סאַמאַרע.

אַזוי אַרומ זײַנענ אינ פּעריאָד פֿונ די יאָרנ 1883—94 אויפֿגעקומענ און האָבנ זיכ ברייט פֿאַרשפּרייט אינ רוסלאַנד דער מאַרקסיזמ און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג. נאָר דאָס איז געווענ דער ערשטער, „עמבריאָנעלער” פּעריאָד אינ דער אַנטוויקלונג פֿונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווענ די אַרבעט פֿונ די ערשטע מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס איז באַשטאַנענ קימאַט אויסשליסלעכ אינ פּראָפּאַגאַנדע, ווענ זײ זײַנענ נאָכ ניט געווענ פֿאַרבונדנ מיט דער מאַסעווער אַרבעטער־באַוועגונג, ציילנדיק אינ זײערע רייענ בלויז איינציקע מענטשנ פֿונ די מער באַוווסטזיניקע קעמפֿערס פֿאַר דער זאַכ פֿונעמ אַרבעטער־קלאַס.

ליטעראַטור צומ ערשטנ קאַפּיטל.

☞ *Ленин*, „Крестьянская реформа“ и пролетарски-крестьянская революция, Соч. т. XV, стр. 142 — 146.

Ленин, Три источника и три составных части марксизма, Соч., т. XVI, стр. 349—353.

Сталин, К вопросам ленинизма, „Вопросы ленинизма“, стр. 191—194.

Ленин, Попятное направление в русской социал-демократии, Соч., т. II, стр. 533 —556

Тезисы Культпропа ЦК и Института Ленина к 50-летию „Народной Воли“.

Сталин, О некоторых вопросах истории большевизма, „Вопросы ленинизма“ стр. 604—614.

צווייטער קאַפּיטל.

די היסטאָרישע צוגרייטונג און דער געבורט פונ באָלשעוויזמ.

רוסלאַנד — א קנופּ פונ אימפּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכנ.

צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט איז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע־אויפנ געוואָרנ אינ רוסלאַנד דער הערשנדיקער. צו דערדאָזיקער צייט איז רוסלאַנד געוואָרנ אנ אימפּעריאַליסטיש לאַנד, איז אַרייַנגעטראָטנ אינ קרייַז פונ די שטאַרקע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, הַאַגאַמ זי איז צווישנ זיי געבליבנ די סאַמע אָפּגעשטאַנענע. זי איז געווענ א טייל פונ דער וועלט־ווירטשאַפט און איינער פונ די רינגענ אינ דער אייַנהייטלעכער קייט פונ דער אימפּעריאַליסטישער מעלוכעס־סיסטעמ.

צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט זיכ אינ רוסלאַנד אַרויסגעוויזנ מיט דער גאַנצער שאַרפקייַט דער ווידערשפּרוכ צווישנ „דעמ פאָרגעשריטענעמ אינדוסטריעלנ און פינאַנציעלנ קאַפּיטאַל" (לענינ) און צווישנ דער אָפּגעשטאַנענער, ווילדער, לייַבייגנטימערישער לאַנדווירטשאַפט.

צוזאַמענ דערמיט האָט זיכ אינ רוסלאַנד אַלצ מער און מער פאַרשטאַרקט דאָס אונטערדריקנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ. די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע האָט זיכ איבערגעפלאָכטנ מיטנ פּריצישנ דרוק, מיט דער העפקייערס פונעמ צאַר, פונ די זשאַנדאַרמענ און טשינאָווניקעס. אינ רוסלאַנד האָט עקזיסטירט דער סאַמע לענגסטער אַרבעט־טאָג (צו 13 שאָ און מערער), א קאַפּצאָנישער אַרבעטלוינ, גרויסע שטראַפנ, שוידערלעכע וווינונג־ און שטייגער־באַדינגונגענ, א פולשטענדיקע העפקייערס פונ די פאַבריקאַנטנ אפ די אונטערנעמונגענ, א פּריצישע פאַרקנעכטונג אינ דאָרפ, א פינצטערניש און דערשלאָגנקייַט פונעמ פּויערטומ און, ענדלעכ, אנ אומגעזעענער ביוראָקראַטיזמ פונעמ גאַנצנ מעלוכע־אַפּאַראַט.

דערצו איז צוגעקומענ דער אכזאָריעסדיקער דרוק פונעמ צאַריזמ אפ אַלע ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטנ. דער צאַריזמ האָט אינ זייַנע קאָלאָניעס — אינ קאַווקאַז, טורקעסטאַנ, פּוילנ, אוקראַינע, פינלאַנד — אָנראַכמאָנעסדיק אונטערדריקט די אָרטיקע באַפעלקערונג, אָפּגענומענ בא איר אַלע רעכט: מע פלעגט איבערגוואַלט אייַנפלאַנצנ די רוסישע שפּראַכ, מע פלעגט פאַרמאַכנ די נאַציאָנאַלע שולנ און פאַרווערנ די נאַציאָנאַלע פּרעסע. דער צאַריזמ פלעגט אכזאָריעסדיק שטיקנ יעטווידע שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פרייַהייַט. האַלטנדיק זיכ באַמ פּרינציפּ „צעטייל און געוועלטיק", פלעגט דער צאַריזמ אָנרייצנ איינע נאַציאָנאַליטעטנ אפ די אַנדערע: פלעגט אָרגאַניזירנ יידישע פּאָגראָמענ, פלעגט פאַנאַנדערבלאָזנ דעמ קאַמפּ צווישנ די טיורקנ און אַרמענער אפ קאַווקאַז א. ד. גל. דער צאַריזמ האָט פאַרוואַנדלט רוסלאַנד אינ אנ עמעסער „פעלקער־טורמע". העכער א העלפט באַפעלקערונג פונ רוסלאַנד האָט געהערט צו די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ.

די מעגלעכקייַט אומבאַגרענעצט צו עקספּלואַטירנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ, די מעגלעכקייַט צו באַקומענ גרויסע רעוואָכימ פלעגט צוציענ דעמ אויסלענדישנ קאַפּיטאַל קיינ רוסלאַנד. באַנוצנדיק זיכ מיט דער אַלמעגלעכסטער שטיצע פונ דער רעגירונג, איז דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל געגאַנגענ אינ די וויכטיקסטע פאָלקווירטשאַפט־צווייַגנ — אינ דער הייצ־אינדוסטריע, מעטאַלורגיע, אייַזנבאַנענ. אינ סך הכל

XIX אונ אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט איז אינ דער אינדוסטריע אריינגעלייגט געוואָרנ 773 מיליאָנ רובל אויסלענדישער קאַפּיטאַל. צו אים האָבנ געהערט 342 גרעסטע אונטערנעמונגענ. בלויז אינ דער איינער באַרג־אונ מעטאַלורגיע־אינדוסטריע האָט ער פאַרמאָגט 125 אונטערנעמונגענ מיט א קאַפּיטאַל פונ 472 מיליאָנ רובל.

די לאַגע פונ צאַריזמ צווישנ רוסלאַנד צווישנ דעמ אימפּעריאַליסטישנ מיזרעך אונ דעמ קאַלאָניאַלנ מיזרעך האָט אים געשטעלט אינ דער ראָליע פונ א וואַכ־הונט פונעמ אימפּעריאַליזמ אפנ מיזרעך. דער צאַריזמ האָט אָנטיילגענומענ אינ דער צעטיילונג אונ פאַרקנעכטונג פונ טערקיי, כינע אונ פּערסיע. די מיליטערישע קרעפטנ פונעמ צאַריזמ זיינענ שטענדיק געווענ גרייט צו העלפנ די אימפּעריאַליסטנ באַמ דערשטיקנ די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אינ אייראָפּע. דאָס איז געווענ אַנ אויספּילגרייטער אונ אַכזאָריעסדיקער „אייראָפּיישער זשאַנדאַרמ".

דאָס אַלצ האָט געמאַכט רוסלאַנד פאַר א לאַנד פונעמ „מיליטעריש־פעאָדאַלנ אימפּעריאַליזמ" (לענינ), פאַר א נעסט פונעמ קאַפּיטאַליסטישנ, קאָלאָניאַלנ אונ מיליטערישנ דרוק.

„אָט פאַרוואָס רוסלאַנד האָט געמוזט ווערנ דער קנופּ־פּונקט פונ די ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריאַליזמ ניט בלויז אינ דעמ זינענ, וואָס די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ זיינענ גרינגער פאַר אַלצ אויפגעדעקט געוואָרנ דאַפּקע אינ רוסלאַנד, איבער זייער באַזונדערס העסלעכנ אונ באַזונדערס אומדערטרעגלעכנ כאַראַקטער, אונ ניט בלויז דערפאַר, וואָס רוסלאַנד איז געווענ דער וויכטיקסטער אָנשפּאַר פאַרנ מיזרעוודיקנ אימפּעריאַליזמ, וואָס פאַרייניקט דעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל פונ מיזרעך מיט די קאָלאָניעס פונ מיזרעך, — נאָר אויכ דערפאַר, וואָס בלויז אינ רוסלאַנד האָט עקזיסטירט די רעאַלע קראַפט, וואָס איז בעקויעכ געווענ צו דערלייזנ די ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריאַליזמ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ" [1]).

רוסלאַנד — דער צענטער פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

די קראַפט, וואָס איז געווענ פייִק צו דערלייזנ די ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריאַליזמ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ אונ צו געבנ אַנ אַנטשיידנדיקנ קלאַפּ דעמ צאַריזמ, איז געווענ דער פּראָלעטאַריאַט. אינעמ דאָזיקנ קאַמפ האָט דער פּראָלעטאַריאַט פונ רוסלאַנד געהאַט א זיכערנ פאַרבינדעטנ — דאָס פּויערטומ אונ די ברייטע מאַסנ פונ די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ.

„...אינ רוסלאַנד האָט זיכ אויפגעהויבנ די גרעסטע פאָלק־רעוואָליוציע, וואָס אינ איר שפּיצ איז געשטאַנענ דער רעוואָליוציאָנערסטער פּראָלעטאַריאַט אינ דער וועלט, וועלכער האָט געהאַט אינ זיינ רעשוס אַזא ערנסטנ פאַרבינדעטנ, ווי דאָס רעוואָליוציאָנערע פּויערטומ פונ רוסלאַנד" [2]).

די אַרבעטנדיקע מאַסנ האָבנ אינ דער דאָזיקער פאָלק־רעוואָליוציע געקענט ביזנ סאָפ צעקלאַפּנ דעמ צאַריזמ בלויז באַמ טנאַי, אַז זיי זאָלנ פאַנאַנדערוויקלענ דעמ קאַמפ וויַיטער, ווענדנדיק אימ ניט בלויז קעגנ דער צאַרישער רעגירונג, נאָר אויכ קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ. די רעוואָליוציע קעגנ דעמ צאַריזמ האָט זיכ דערנעענטערט אונ האָט געדאַרפט אַריבערוואַקסנ אינ א רעוואָליוציע קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ, אינ א פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

אויפשטייענדיק קעגנ דעמ צאַריזמ, וועלכער האָט געהאָלפנ שטיקנ די רעוואָליוציע אינ די אייראָפּיישע לענדער, האָט דער פּראָלעטאַריאַט פונ רוסלאַנד דערמיט גופע באַהאָפט אַרומ זיכ די פּראָלעטאַריער פונ מיזרעך אונ די אונטערדריקטע פעלקער פונ מיזרעך. דאָס האָט אַרויסגערוקט דעמ רוסלענדישנ פּראָלעטאַריאַט אפ די

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 9.

[2]) אויכ דאָרטנ.

פּאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער צווישנפעלקערלעכער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אָט פארוואָס דאָס אראָפּווארפן דעם צאריזם, — האָט געשריבן לענין, — וואָלט געמאכט רוסלאנד פארן צענטער פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אפ דער גאנצער וועלט און דעם פּראָלעטאריאט פון רוסלאנד — פאר איר אוואנגארד.

אין אזא אומגעבונג האָט אָנגעפירט מיט די רעוואָליוציאָנערע שלאכטן קעגן דעם אימפּעריאליזם, פירן דעם פּראָלעטאריאט אפ א פּראָלעטארישער רעוואָליוציע געקענט בלויז א פּארטיי פון א נייעם טיפּ. ס'איז דעריבער ניט צופעליק, וואָס די פּארטיי פונעם נייעם טיפּ איז אנטשטאנען אין רוסלאנד, און לענין, איר גענ:אלער פירער און טעאָרעטיקער, איז געוואָרן דער פירער פונעם אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאט.

לענין האָט פּאראלגעמיינערט די קאמפּ־דערפארונג פון די ארבעטער אין אלע לענדער.

לענין האָט פון סאמע אָנהייב פון זיין רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט געשאפן די פּארטיי, וועלכע האָט זיך אָנגעשפּארט אפ דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע פון מארקסן

דאָס פייערן דעם 1־טן מיי אין די 90־ער יאָרן (פון דעם בילד פונעם קינסטלער וולאדימירסקי).

און ענגעלסן און אפ דער דערפארונג פון דער גאנצער פריערדיקער רעוואָליר ציאָנערער באוועגונג, אפ דער דערפארונג פונעם פּראָלעטאריאט אין אלע לענדער.

לענין האָט געבויט א פּארטיי, וועלכע איז געווען דער איינציקער יורעש און פאָרזעצער פון יענעם קאמפּ פאר דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, פארן קאָמו־ניזם, וועלכן ס'האָבן געפירט מארקס און ענגעלס אינעם „קאָמוניסטן־פארבאנד" אין דייטשלאנד און אינעם I אינטערנאציאָנאל. די לעקציעס פונעם העראָישן רעוואָליוציאָ־נערן קאמפּ פון די ענגלישע פּראָלעטאריער, וואָס זיי האָבן געפירט אין דער ערשטער

XVIII יאָרהונדערט, פונעמ קאמפ פונ די פראנצויזישע און דײַטשישע ארבעטער, וועלכע האָבנ זיכ דרייסט געשלאָגנ אפ די באריקאדעס אינ 1848 יאָר, זייער קאמפ־דערפארונג פונ די 60־ער יאָרנ און פונ דער שפּעטערדיקער סאָציאַל־דעמאָקראטישער באוועגונג — דאָס אלצ האָט לענינ אויסגענוצט אפ צו שאפנ א פארטיי פונ א נײַעמ טיפּ. לענינ האָט אַלזײַטיק דערלערנט און אויסגענוצט די קאמפּ־לעקציעס פונ די אומשטערבלעכע קעמפערס און מארטירערס פונ דער פאריזשער קאָמונע פונ 1871 יאָר.

ער האָט אופגענומענ און איבערגעארבעט אלדאָס בעסטע, אלדאָס נוצלעכסטע אינ דער ארבעט פונעמ II אינטערנאציאָנאל (1889—1914), דעמאסקירנדיק און אנטשיידנ אָפּווארפנדיק זײַנ אָפּאָרטוניזמ. לענינ האָט דיסקאָנטירט די ארבעט־דערפארונג פונ די פארטייענ פונעמ II אינטערנאציאָנאל אינ די מאסעווע ארבעטער־אָרגאניזאציעס (אינ די פראָפאריינענ, קאָאָפּעראטיווּנ) און אינעמ בורזשואזנ פארלאמענט. אָבער אינ אונטערשייד צומ II אינטערנאציאָנאל, וועלכער האָט אויסגעשטעלט אפ א „פרידלעכער״ מיטארבעט מיט דער בורזשואזיע, האָט לענינ אויסגענוצט דידאָזיקע דערפארונג פונ דער פארגאנגענהײַט צוליבנ קאמפ פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, פארנ קאָמוניזמ.

זיכ אָנשפארנדיק אפ דער ארבעטער־באוועגונג פונ מײַרעוו־אייראָפּע, האָט לענינ זיכ באנוצט אויכ מיט די לעקציעס פונ דער גאנצער פריִערדיקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ רוסלאנד. לענינ האָט הויכ געשאצט דעמ קאמפ פונ די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטנ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, זייערע מעטאָדנ פונ פארטיי־בויונג, זייער מעסירעסנעפעשדיקע איבערגעגעבנקײַט און העראָיזמ. דידאָזיקע קאמפ־דערפארונג פונ די פאָלקיסטנ האָט לענינ איבערגעארבעט אפ דער באזע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ און פארבונדנ זי מיטנ קלאסנקאמפ פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

לענינ האָט אויסגענוצט די טעטיקײַט פונ דער גרופּע „ארבעט־באפרײַונג״, דעמאסקירנדיק און אָפּווארפנדיק אירע אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ.

לענינס ערשטע ווערק און זייער וועלט־היסטאָרישער באטײַט.

זײַנ רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט האָט לענינ אָנגעהויבנ אינ די מארקסיסטישע קרײַזלעכ פונ קאזאנ און סאמארע (סאָפ 80־ער יאָרנ). שטיצנדיק זיכ אפ מארקס־ענגעלסעס לערע, פירנדיק אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ פאר איר רײַנקײַט, האָט לענינ אינ די 90־ער יאָרנ אָנגעהויבנ פאנאנדערארבעטנ די גרונט־פראגעס פונ דער רוסישער און אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג. צו דערדאָזיקער צײַט געהערנ א ריי לענינס גרויסע ווערק: „וואָס איז אזוינס די „פאָלק־פרײַנט״ און וויאזוי קעמפנ זיי קעגנ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ״, „דער עקאָנאָמישער אינהאלט פונעמ פאָלקיזמ און דאָס קריטיקירנ אימ אינ ה. סטרוּוועס בוכ״ — אינ 1894 יאָר, „די אופגאבעס פונ די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ״ — אינ 1897 יאָר און „די אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ אינ רוסלאנד״ — אינ 1899 יאָר. דידאָזיקע אלע ווערק זײַנענ געוואָרנ דער אָנהייב פונ א נײַעמ, לענינישנ עטאפּ אינ דער אנטוויקלונג פונעמ מארקסיזמ און האָבנ א וועלט־היסטאָרישנ באטײַט.

לענינ האָט פונ אָנהייב אָנ פונ זײַנ רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט געשטעלט אנ אופגאבע—דעמ קאמפ פאר דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. ער האָט מיט א באזונדער קראפט אונטערגעשטראָכנ, אז דער קאמפ קעגנ צאריזמ, קעגנ דעמ לײַבײגנטימערישנ ערדבאזיצ איז ענג צוזאמענגעבונדנ מיטנ קאמפ פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. פארניכטנ דעמ צאריזמ און דעמ פריצישנ ערדבאזיצ איז נייטיק, קעדיי אריבערצוגיינ צומ קאמפ פארנ אראָפּווארפנ די בורזשואזיע, פאר א פראָלעטארישער רעוואָליוציע, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

„...דער רוסישער ארבעטער, — האָט געשריבנ לענינ אינ 1894 יאָר, — שטעלנדיק זיכ אינ שפּיצ פונ אלע דעמאָקראטישע עלעמענטנ, וועט אומווארלגערנ דעמ אבסאָליוטיזמ אונ וועט אוועקפירנ דעמ רוסישנ פּראָלעטאריאט (צוזאמענ מיטנ פּראָלעטאריאט פונ אלע לענדער) מיטנ גלײַכנ וועג פונ אָפענעמ פּאָליטישנ קאמפּ צו דער זיגרײַכער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע" [1].

לענינ האָט געלערנט, אז אראָפּווארפנ דעמ צאריזמ אפ א פרידלעכנ אויפנ קענ מענ ניט. אימ קענ אראָפּווארפנ נאָר דער זיגרײַכער באוואָפנטער אופשטאנד פונ די מאסנ.

לענינ האָט אָנגעוויזנ דעמ פּראָלעטאריאט א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע ליניע אינעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ. ער האָט געזאָגט, אז נאָר דער ארבעטער־קלאס איז א ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערער קלאס, א קאָנסעקווענטער קעמפער קעגנ דער בורזשואזיע, פאר דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט.

אזוי־ארומ האָט לענינ שוינ אינ זײַנע פריִע ווערק געקעמפט פאר דער העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאריאט, ד. ה. פאר דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דער רעוואָליוציע, פאר דער נייטיקײַט, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל אָנפירנ מיטנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ פונ די ברייטע מאסנ פויערטומ אונ אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ. דעמ קאמפּ פאר דער העגעמאָניע פונ פּראָלעטאריאט האָט לענינ צוגעגעבנ אנ אנטשליסנדיקנ באטײַט, וואָרעמ זײַנ וועלט־היסטאָרישע אופגאבע האָט דער פּראָלעטאריאט געקענט אויספילנ בלויז באמ באדינג, ער זאָל אָנפירנ מיט די ברייטע פאָלק־מאסנ.

לענינ האָט באזונדערס אונטערגעשטראָכנ, אז דער פּראָלעטאריאט קענ אויספילנ זײַנ ראָליע פונ א העגעמאָנ בלויז אינ דעמ פאל, ווענ מיט זײַנ קאמפּ וועט אָנפירנ א רעוואָליוציאָנערע פּארטיי, וואָס איז באוואָפנט מיט דער מארקסיסטישער טעאָריע, א פּארטיי פונ א נײַעמ טיפּ.

די פּארטייענ פונעמ 2־טנ אינטערנאציאָנאל זײַנענ אזעלכע ניט געווענ. דער 2־טער אינטערנאציאָנאל (1889 — 1914) איז אפילע אינ זײַנע בעסטע צײַטנ ניט געווענ פייִק אוועקצושטעלנ, אונ אוואדע ניט צו לייזנ די רעוואָליוציאָנערע אופגאבעס פונעמ פּראָלעטאריאט. דער 2־טער אינטערנאציאָנאל האָט ניט געגרייט דעמ פּראָלעטאריאט צו דער רעוואָליוציע. ניט א רעוואָליוציאָנערער קאמפּ מיטנ קאפּיטאליזמ, נאָר א פרידלעכע ארבעט אינ פּארלאמענט — אָט וואָס די פּארטייענ פונעמ 2־טנ אינטערנאציאָנאל האָבנ געהאלטנ פאר דער גרונט־פאָרמע פונ זייער טעטיקײַט. אינ קיינ איינ פּראָגראמ פונ די פּארטייענ פונעמ 2־טנ אינטערנאציאָנאל איז ניט ארויסגעשטעלט געוואָרנ די פאָדערונג פונ דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט פאר דעמ איבערגאנג צומ סאָציאליזמ. אינ דידאָזיקע פּארטייענ האָט זיכ געהאלטנ אינ איינ פארפּעסטיקנ די אָפּאָרטוניסטישע פּארעטערישע אײַנשטעלונג, אז דער ארבעטער־קלאס וועט, קלוימערשט, קומענ צו דער מאכט אפ א פרידלעכנ אויפנ, ווענ ער וועט באקומענ א מערהײַט אינ פּארלאמענט. ווי לענינ האָט אָנגעוויזנ, איז דער טיפּ פּארטייענ פונ 2־טנ אינטערנאציאָנאל

„... געווענ א פּארטיי, וואָס האָט געדולדעט אינ איר סוויווע דעמ אָפּאָרטוניזמ... דערדאָזיקער טיפּ האָט זיכ איבערגעלעבט" [2].

דער אָפּאָרטוניזמ פונ דעמ 2־טנ אינטערנאציאָנאל האָט זיכ געשטיצט אפ דער ארבעטער־אריסטאָקראטיע אונ איז באשטאנענ אינ צופּאסנ זיכ צו דער בורזשואזיע אונ אינ אונטערווארפנ דעמ ארבעטער־קלאס אונטער די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע. דער אנטוויקלונג פונעמ אָפּאָרטוניזמ האָט מיטגעווירקט דער אימפּעריאליזמ, וואָס שאפט

[1] Ленин — т. I, стр. 200.
[2] „ т. XVIII, стр. 86.

„... די עקאָנאָמישע מעגלעכקײַט אונטערצוקויפנ די אויבערשיכטנ פונעמ פּראָלעטאריאט און דערמיט נערט ער, פּאָרמירט אויס און פּאַרפעסטיקט דעמ אָפּאָרטוניזמ“ [1].

דאָס אַלצ האָט געבראַכט דערצו, אַז די אַלטע פּאַרטייענ פונעמ 2־טנ אינטערנאַציאָנאַל זײַנענ אַריבער אינ לאַגער פונ דער בורזשואַזיע און האָבנ פולשטענדיק פּאַראַטנ די אינטערעסנ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. פונעמ סאַמע אָנהייב פונ דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע זײַנענ די פּאַרטייענ פונעמ 2־טנ אינטערנאַציאָנאַל (די רוסישע מענשעוויקעס, ענגלישע סאָציאַליסטנ, דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ, פראַנצויזישע סאָציאַליסטנ און אַנד.) אָפּנ אַרויסגעטראָטנ צו פּאַרטיידיקנ זייער בורזשואַזנ „פּאָטערלאַנד“. זיי האָבנ געהעצט די אַרבעטנדיקע פונ פּאַרשיידענע לענדער איינע אַפּ די אַנדערע און מיטגעהאָלפנ דער בורזשואַזיע צו טרײַבנ די אַרבעטער אַפּנ פראָנט אינ די אינטערעסנ פונעמ אימפּעריאַליזמ. דידאָזיקע פּאַרטייענ האָבנ פּאַראַטנ דעמ אַרבעטער־קלאַס, זיכ פּאַרוואַנדלט אינעמ איקערדיקנ סאָציאַלנ אָנשפּאַר פונ דער בורזשואַזיע און געשטעלט זיכ אַפּנ וועג פונ אָפענעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ קעגנ דעמ ראַטנפּאַרבאַנד און דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

דער כ׳ סטאַלינ האָט אויסשעפּלעכ כאַראַקטעריזירט די נאַטור פונ אָט דער פּאַרטיי פונ אַלטנ טיפּ און די נייטיקײַט צו שאַפנ אַ נײַע פּאַרטיי — די פּאַרטיי פונ לעניניזמ:

„אינעמ פּאַררעוואָליוציאָנערנ פּעריאָד, אינעמ פּעריאָד פונ אַ מער־ווייניק פרידלעכער אַנטוויקלונג, ווענ די פּאַרטייענ פונעמ 2־טנ אינטערנאַציאָנאַל האָבנ אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג פּאָרגעשטעלט אַ הערשנדיקע קראַפט, און די פּאַרלאַמענטאַרישע פּאָרמעס פונ קאַמפּ האָבנ זיכ גערעכנט פּאַר די גרונט־פּאָרמעס, — אינ דידאָזיקע באַדינגונגענ האָט די פּאַרטיי ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבנ יענע ערנסטע און באַשליסנדיקע באַדײַטונג, וואָס זי האָט באַקומענ דערנאָכ, אינ די באַדינגונגענ פונ אָפענע רעוואָליוציאָנערע שלאַכטנ“.

„דער נײַער פּעריאָד, — זאָגט ווײַטער דער כ׳ סטאַלינ, — איז אַ פּעריאָד פונ אָפענע קלאַסנ־צוזאַמענשטויסנ, אַ פּעריאָד פונ רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגענ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אַ פּעריאָד פונ פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, אַ פּעריאָד פונ דירעקטנ גרייטנ קויכעס צומ אַראָפּוואַרפנ דעמ אימפּעריאַליזמ, צו פּאַרכאַפּנ די מאַכט דורכנ פּראָלעטאַריאַט. דערדאָזיקער פּעריאָד שטעלט פּאַרנ פּראָלעטאַריאַט נײַע אויפגאַבעס וועגנ איבערבויענ די גאַנצע פּאַרטיי־אַרבעט אַפּ אַ נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ שטייגער, וועגנ דערציִענ די אַרבעטער אינ גײַסט פונ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ — פּאַר דער מאַכט, וועגנ צוגרייטנ און אונטערציִענ די רעזערוונ, וועגנ אַ בונד מיט די פּראָלעטאַריער פונ די שכײַנישע לענדער, וועגנ אײַנשטעלנ פעסטע פּאַרבינדונגענ מיט דער באַפרײַונג־באַוועגונג פונ די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער א. א. וו. א. ד. גל.“.

„פונדאַנענ, — מאַכט כ׳ סטאַלינ דעמ אויספיר, — דרינגט אַרויס די נייטיקײַט אינ אַ נײַער פּאַרטיי, אינ אַ שלאַכט־פּאַרטיי, אַ פּאַרטיי אַ רעוואָליוציאָנערער, וואָס זאָל זײַנ גענוג דרייסט אַפּ צו פירנ די פּראָלעטאַריער צומ קאַמפּ פּאַר דער מאַכט, וואָס זאָל זײַנ גענוג דערפאַרנ אַפּ פּאַנאַנדערצוקלײַבנ זיכ אינ די קאָמפּליצירטע באַדינגונגענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער סיטואַציע, און וואָס זאָל זײַנ גענוג בייגעוודיק אַפּ אַרומצוגיינ אַלע און אַלערליי אונטערוואַסער־שטיינער אַפּנ וועג צומ ציל.

אָנ אַזאַ פּאַרטיי איז ניטאָ אַפילע וואָס צו קלערנ וועגנ אַראָפּוואַרפנ דעמ אימפּעריאַליזמ, וועגנ דעראָבערנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט“ [2].

---

[1] Ленин, т. XIX, стр. 155.

[2] Сталин, „Вопросы ленинизма“, стр. 64—65.

אָט פאַרוואָס לעניִנ האָט שוינ אינ די 90־ער יאָרנ אָנגעהויבנ א קאַמפ פאַרנ שאַפנ א ווירקלעכ־רעוואָליוציאָנערע שלאַכט־פאַרטיי, וואָס איז צום אונטערשייד פונ די אַלטע פאַרטייענ פונעמ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל — א פאַרטיי פונ *נייעמ טיפּ*, א פאַרטיי פונ דער צווישנפעלקערלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

ער האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט די פּראָגראַמ פונ דער פאַרטיי, איר טאַקטיק אונ אויכ די אָרגאַניזאַציאָנעלע יעסוידעס, אפ וועלכע ס'דאַרפ אויסגעבויט ווערנ דידאָזיקע רעוואָליוציאָנערע פאַרטיי.

לעניִנס קאַמפ אינ די 90־ער יאָרנ פאַרנ רעוואָליוציאָנערנ מאַרקסיזמ, קעגנ דעמ פאָלקיזמ אונ קעגנ דער רעוויזיע פונעמ מאַרקסיזמ.

לעניִנ האָט אינ די 90־ער יאָרנ גענומענ פירנ א קאַמפ צומאַלעמערשטנ קעגנ דעמ פאָלקיזמ, וואָרעמ ער איז געווענ איינער פונ די הויפּט־שטערונגענ אפנ וועג צו שאַפנ א פּראָלעטאַרישע פאַרטיי; אינ די 90־ער יאָרנ איז דער פאָלקיזמ נאָכ ניט געווענ באַזיגט, דער מאַרקסיזמ האָט נאָכ ניט געזיגט ענדגילטיק אינ דער רוסישער רעוואָליציאָנערער באַוועגונג.

די פאָלקיסטנ פונ די 90־ער יאָרנ זיינענ שוינ געווענ גאָרניט דאָס, וואָס די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטנ. זיי האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ אונ ניט גערופנ דאָס פאָלק צו א רעוואָליוציע. די פּאָליטיק פונ די פאָלקיסטנ אינ די 90־ער יאָרנ איז באַשטאַנענ מער ניט, ווי אינ דער שטרעבונג צו דערגרייכנ א פאַרשטענדיקונג מיטנ צאַריזמ, אפ א פרידלעכנ אויפנ צו באַקומענ רעפאָרמעס אינ די אינטערעסנ פונעמ קליינבירגערטומ. אָנשטאָט אראָפּצוּוואַרפנ דעמ צאַריזמ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ, ווי דאָס האָבנ געוואָלט די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטנ פונ די 70־ער יאָרנ, האָבנ די פאָלקיסטנ פונ די 90־ער יאָרנ געוואָלט זיכ דערשלאָגנ בלויז צו א טיילווייזער פאַרבעסערונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס האָט דאַנ עקזיסטירט. האַלטנדיק זיכ בא דער טעאָריע פונעמ פאָלקיזמ וועגנ דעמ באַטייט פונ דער געמיינדע, האָבנ די פאָלקיסטנ פונ די 90־ער יאָרנ זיכ דערקייַקלט דערצו, אַז, קעדיי איינצוהאַלטנ די געמיינדע, האָבנ זיי אויסגערעכנט אפילע אפ דער הילפ פונ דער צאַרישער רעגירונג.

אַזויאַרומ איז דאָס רעוואָליוציאָנערס, וואָס איז געווענ אינעמ פאָלקיזמ פונ די 70־ער יאָרנ, פאַרשווּנדנ געוואָרנ בא די פאָלקיסטנ פונ די 90־ער יאָרנ, אונ ס'האָט זיכ באַקומענ א מעסיקע, בעשומויפנ ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע, פּאָליטישע ריכטונג. לעניִנ האָט זיי אָנגערופנ *ליבעראַלע פאָלקיסטנ*, אינ אונטערשייד פונ די רעוואָליוציאָנערע פאָלקיסטנ פונ די יאָרנ 1870—1880. די ליבעראַלע פאָלקיסטנ האָבנ אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסנ פונ דעמ אייבערשטנ שיכט פונ דאָרפ אונ פונעמ קליינבירגערטומ.

אויפדעקנדיק אומראַכמאָנעסדיק די רעאַקציאָנערע זייט אינ די אָנשויונגענ פונ די ליבעראַלע פאָלקיסטנ, האָט לעניִנ אינ דערזעלבער צייט אונטערגעשטראָכנ זייער דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע זייט. דידאָזיקע זייט האָט זיכ אויסגעדריקט אינעמ פּראָטעסט קעגנ דעמ פּריצישנ ערדבאַזיץ אונ דעמ לייַבייגנטומ, אינ דער שטרעבונג צו פאַרבעסערנ די רעכטלעכע לאַגע פונ די פּויערימ.

קעגנ דעמ פאָלקיזמ האָט געפירט א קאַמפ אויכ פּלעכאַנאָוו. אָבער אינ אונטערשייד צו לעניִנענ, האָט פּלעכאַנאָוו אייַנגעזעענ אינעמ פאָלקיזמ בלויז זייַנ רעאַקציאָנערע זייַט. ער האָט אַפּגעלייקנט די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע זייַט אינ דער פאָלקיסטישער אידעאָלאָגיע. אינ דעמ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ זייַנ אומגלויבנ אינ דער רעוואָליוציאָנערער ראָליע פונעמ פּויערטומ אינעמ קאַמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

אַרויסטרעטנדיק אינ די 90־ער יאָרנ קעגנ דעמ ליבעראַלנ פאָלקיזמ, האָט *לעניִנ איינצייַטיק געפירט א קאַמפ אויכ קעגנ די אַזויגערופענע „לעגאַלע מאַרקסיסטנ"* — סטרווּע, טוגאַנ־באַראַנאָווסקי, בולגאַקאָוו. דאָס זייַנענ

געווען בורזשואזע אינטעליגענטן, וועלכע פלעגן אפ די שפאלטן פון די לעגאלע זשורנאלן אנטוויקלען בורזשואזע אָנשויונגען, מאסקירנדיק זיי מיט מארקסיסטישע פראזעס.

די ברייטע פארשפרייטונג פונעם מארקסיזם אין רוסלאנד, דער וווקס פון דער מאסנווייזער ארבעטער־באוועגונג, די שוואכקייט און די אומפייִקייט פון דער ליבעראלער בורזשואזיע צו דערשלאָגן זיך צו דער מאכט אונטער דער פאָן פון איר אייגענער פראָגראם — דאָס אלץ האָט געשטויסן די פאָרשטייערס פון דער בורזשואזיע צו קאָקעטירן מיטן מארקסיזם.

די „לעגאלע מארקסיסטן" האָבן געפרווט צופאסן דעם מארקסיזם צו די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, ארויסווארפנדיק פון אים זײַן רעוואָליוציאָנערן אינהאלט, וועלכער איז, פארשטייט זיך, ניט אָנעמיק פאר דער בורזשואזיע. די „לעגאלע מארקסיסטן" פלעגן לייקענען אין דער נייטיקייט פון א פראָלעטארישער רעוואָליוציע און פון פראָלעטארישער דיקטאטור. זיי האָבן געהאלטן, אז אלע ווידערשפרוכן פונעם קאפיטאליזם — דער קאמף צווישן דעם פראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע, דער קריזיס און אנד. — וועלן ביסלעכווײַז, אפ א פרידלעכן אופן, זיך אויסגלײַכן און סאָפקאָלסאָף פארשווינדן ווערן. זיי פלעגן פארטיידיקן די אייביקייט און די אײַזנפעסטקײַט פונעם קאפיטאליזם. דעם קאמף פונעם פראָלעטאריאט האָבן זיי געפרווט אונטערווארפן אונטער די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע. פארן פראָלעטאריאט האָבן זיי איבערגעלאָזט בלויז די ראָליע פון א גראָבער פיזישער קראפט, וואָס דארף בלויז אָפרייניקן דעם באָדן פאר דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע. זיי האָבן געשטרעבט צו פארוואנדלען דעם פראָלעטאריאט אין א נאָכטענצער פון דער בורזשואזיע, רופנדיק אים „צו גיין זיך לערנען באם קאפיטאליזם".

די „לעגאלע מארקסיסטן" פלעגן קריטיקירן די פאָלקיסטן, וועלכע האָבן געלייקנט אין דער אומפארמײַדלעכקײַט פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג. אין קאמף מיט די פאָלקיסטן האָט לענין געלונגען אויסגענוצט די „לעגאלע מארקסיסטן", פירנדיק אין דערזעלבער צײַט אן אנטשיידנדיקן קאמף קעגן דעם, וואָס זיי האָבן אפ א בורזשואזן אופן פארקריפלט דעם מארקסיזם.

לענין האָט פון אָנהייב אָן אָנגעוויזן, אז סטרווע מאסקירט בלויז מיט מארקסיסטישע פראזעס זײַנע בורזשואזע אָנשויונגען, אז ער איז א בורזשואזער דעמאָקראט, וואָס שטרעבט צו פירן די ארבעטער באם דער בורזשואזיע אפן שטריקל. לענין, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז געווען גערעכט. שוין אין די 90־ער יאָרן איז סטרווע אָפן געוואָרן איינער פון די פירערס פון דער בורזשואזיע און איז צוזאמען מיט איר שפעטער אריבערגעגאנגען צו אָפענער קאָנטררעוואָליוציע [1].

אנדערש האָט זיך באַצויגן צו סטרווען פלעכאנאָוו. פלעכאנאָוו האָט ניט באמערקט די בורזשואזע נאטור פון סטרוועס אָנשויונגען. פלעכאנאָוו האָט געהאלטן, אז די „לעגאלע מארקסיסטן" מאכן באזונדערע קליינע פעלערן, וואָס זיי אליין וועלן פארריכטן. דעריבער איז פלעכאנאָוו ארויסגעטראָטן קעגן דער שארפער לענינישער קריטיק פונעם סטרוויזם. פלעכאנאָוו האָט געפירט א שאָלעמאכערישע פאָליטיק בענעגייע די „לעגאלע מארקסיסטן".

אין דער פארשיידענער באַציִונג פון לענינען און פלעכאנאָוון צו די „לעגאלע מארקסיסטן" און צו די פאָלקיסטן האָבן זיך ארויסגעוויזן צוויי צוגאנגען צו דער ליבעראלער בורזשואזיע און צום פויערטום. לענין פלעגט אופדעקן די גאנצע אומקאָנסעקווענטקײַט, די ניט־רעוואָליוציאָנערישקײַט פון דער בורזשואזיע, פלעגט דעמאסקירן אלע אירע פרווון אונטערצווווארפן דעם פראָלעטאריאט אונטער איר ווירקונג. אין דערזעלבער צײַט פלעגט ער אָנווײַזן אפן פויערטום ווי אפן איינציקן זיכערן פארבינדעטן פונעם פראָלעטאריאט אין זײַן קאמף קעגן צאריזם. פלעכאנאָוו, פארקערט, פלעגט איבערשאצן די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פון דער בורזשואזיע און פלעגט לייקענען אין דער ראָליע פונעם פויערטום ווי א פארבינדעטן פונעם פראָלעטאריאט אין דער פאָרשטייענדיקער רעוואָליוציע.

[1] נאָכן דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע זײַנען סטרווע און טוגאן־באראנאָווסקי געוואָרן אקטיווע אָנטײלנעמערס פון די ווײַסגווארדייער, און בולגאקאָוו איז אפילע געוואָרן א גאלעך נאָך פאר דער רעוואָליוציע.

לענינס קאמפ קעגנ דעמ פאָלקיזמ אונ קעגנ דעמ „לעגאלנ מארקסיזמ" האָט געהאט זייער א גרויסנ אינטערנאציאָנאלנ באטייט, ווארעמ דאָס איז געווענ א קאמפ פארנ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ, פאר דער העגעמאָניע פונעמ פראָלעטאריאט, קעגנ די בורזשואזע (סטרוווויזמ) אונ קליינבירגערלעכע (פאָלקיזמ) פרווונ אונטערצוווארפנ דעמ פראָלעטאריאט אונטער א פיינטלעכער ווירקונג.

דער אומגעהייערער באטייט פונעמ דאָזיקנ קאמפ פאר דער גאנצער אלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג איז באשטאנענ אויכ אינ דעמ, וואָס לענינ האָט איינצייטיק אומראכמאָנעסדיק דעמאסקירט דעמ אָפּאָרטוניזמ בא די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטייענ אינעמ צווייטנ אינטערנאציאָנאל, וואָס זייערע אָנשויונגענ זיינענ געווענ אפנ ענגסטנ אופנ פארבונדנ מיטנ „לעגאלנ מארקסיזמ". דעמ אָפּאָרטוניזמ פונעמ צווייטנ אינטערנאציאָנאל האָבנ קאָנסעקווענטער פונ אלצ אויסגעדריקט די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ — בערנשטיינ, דאוויד, פאָלמאר אונ אנד. זייענדיק איינער פונ די אָנפירערס פונ דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, האָט בערנשטיינ אינ די 90־ער יאָרנ אָפנ געפאָדערט, מע זאָל איבערקוקנ, מע זאָל „רעווידירנ" אלע מארקס אָנשויונגענ (דערפונ שטאמט דער נאָמענ רעוויזיאָניזמ). ער איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ פונקט פונ דער פארטיי־פּראָגראמ וועגנ דעמ ענדציל פונ פּראָלעטארישנ קאמפ, ד. ה. קעגנ דעמ סאָציאַליזמ, אונ פאָרגעלייגט אָנשטאָט דעמ א פרידלעכ־רעפאָרמיסטישע אונ בלויז א טיילווייזע אויסבעסערונג פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. „די באוועגונג איז אלצ, דער ענדציל איז גאָרנישט", — אָט דאָס איז געווענ דער גרונט־לאָזונג, וואָס אונטער זיינ צייכנ האָט בערנשטיינ רעווידירט דעמ מארקסיזמ. אינ דער דאָזיקער פראגע האָבנ אימ גלייכ אונטערגעהאלטנ די לעערעכ פּילצאָליקע אָנהענגערס — אָפּאָרטוניסטנ, די סאָציאַל־דעמאָקראטנ אינ דייטשלאנד אונ אינ אנדערע לענדער. ארויסטרעטנדיק קעגנ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט, איז בערנשטיינ געשטאנענ פאר א פארשטענדיקונג, פאר א שאָלעמ מיט דער בורזשואזיע. ער פלעגט זיכ סטארענ צו דערווייזנ, אז דער ארבעטער־קלאס קענ אפּ א פרידלעכנ אופנ קומענ צומ סאָציאַליזמ, ווארעמ די ווידערשפּרוכנ פונעמ קאפּיטאליזמ ווערנ קלומערשט מילדער, אונ דורכ קליינע אויסבעסערונגענ קענענ זיי ליקווידירט ווערנ. דאָס איז געווענ אנ אומגעהייערע, שרעקלעכ־גראָבע פארקריפּלונג פונ מארקס אונ ענגעלסעס גאנצער רעוואָליוציאָנערער לערע. בערנשטיינ אונ זיינע כאווייריִמ, אָנרופנדיק זיכ סאָציאַל־דעמאָקראטנ, האָבנ געשטרעבט איינצופלאנצנ אינ זייער פארטיי די בורזשואזע אָנשויונגענ אונ פלעגנ זי דעמאָראליזירנ פונ אינעווייניק.

צומ סאָפּ 90־ער יאָרנ איז קעגנ בערנשטייננ ארויסגעטראָטנ דער אָנגעזעענער טעאָרעטיקער פונעמ צווייטנ אינטערנאציאָנאל קאוטסקי. אָבער קאוטסקיס קריטיק איז געווענ א ניט־קאָנסעקווענטע, א שאָלעמ־מאכערישע. קאוטסקי האָט, אשטייגער, אינגאנצנ פארשוויגנ דעמ פאקט, וואָס בערנשטיינ האָט געלייקנט אינ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ אינ דער נייטיקייט פונ א געוואלט־רעוואָליוציע אפּ אראָפּצווארפנ די בורזשואזיע.

בלויז לענינ האָט ביזנ סאָפּ קאָנסעקווענט דעמאסקירט די בערנשטייניאנער. לענינ האָט אָנגעוויזנ, אז די טעאָריע פונ די „לעגאלע מארקסיסטנ" האָט נאָכ ביז די בערנשטייניאנער רעווידירט דעמ מארקסיזמ. אינ זיינ ארטיקל „אונדזער פּראָגראמ" האָט לענינ געשריבנ, אז בערנשטיינ אונ זיינע אָנהענגערס פריידיקנ

> „... ניט א טעאָריע פונ קאמפ, נאָר א טעאָריע פונ פּשאָרעס — פּשאָרעס בענעגייע די פארביסנסטע סאָנימ פונעמ פּראָלעטאריאט... וועלכע ווערנ ניט מיד אויסצוגעפינענ נייע מיטלענ אפּ צו העצנ קעגנ די סאָציאַליסטנ" [1].

דער קאמפ פאר א פארטיי פונ א נייעמ טיפּ.

אומקאָמפּראָמיסלעכ קעמפנדיק קעגנ דעמ פאָלקיזמ אונ קעגנ דער רעוויזיע פונעמ מארקסיזמ, האָט לענינ אינ די 90־ער יאָרנ אָנגעשטרענגט געארבעט אפּ צו שאפנ א

[1]) Ленин, т. II, стр. 492.

רעוואָליוציאָנערע קאמפּ־פּארטיי, וואָס זאָל פייִק זיין אָנצופירן מיטן ארבעטער־קלאס אינעם קאמפּ פאר אויסקעמפן די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט.

געקומענ קיינ פּעטערבורג אינ 1893 יאָר, איז לענינ אריינגעטראָטנ אינ דער מארקסיסטישער גרופּע, אינ וועלכער ס'האָבנ געארבעט: קרזשיזשאנאָווסקי (איצט א מיטגליד פונ צ"ק פונ דער פּארטיי), סט. אי. ראדטשענקאָ, ג. קראסינ (דעם פאר־שטאָרבענעם ל. ב. קראסינס, דעם פאָלקאָמיסטערהאנדלס, א ברודער), וואניייעוו, נ. ק. קרופּסקאיא אונ אנד. זיי אלע האָבנ געארבעט אינ פארשיידענע קרייזלעכ פונ פּעטערבורג. לענינ האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ הינטער דער נעווער זאסטאווע. ער פלעגט לייענענ אונ דערקלערנ די ארבעטער מארקס „קאפּיטאל" אונ פלעגט שמועסנ מיט

די מיטגלידער פונעם פּעטערבורגער „פארבאנד צו קעמפנ פאר דער באפרייונג פונעם ארבעטער־קלאס". זיצנ (פונ לינקס אפ רעכטס): סטארקאָוו, קרזשיזשאנאָווסקי, לענינ, מארטאָוו. שטייענ (פונ לינקס אפ רעכטס): ראדטשענקאָ, זאפּאָראָזשעצ, וואנייעוו.

זיי וועגנ זייער ארבעט אונ וועגנ די ארבעט־באדינגענ אפ די פאבריקנ אונ זאַוואָדנ. אפ דיזאָזיקע לימודים פלעגט לענינ זיי דערקלערנ דעם צוזאמענהאנג צווישנ זייער אָרעמקייט אונ צווישנ דער גאנצער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, פלעגט אָנווייזנ די וועגנ אונ מיטלענ אפ צו פארניכטנ זי. די ענגע פארבינדונג פונ דער טעאָריע מיט דער פּראקטיק איז געווענ די וויכטיקסטע באזונדערקייט פונ לענינס ארבעט אינ די ארבעטער־קרייזלעכ. דאָרטנ טאקע האָט ער זיכ באָגעגנט מיט די אוואנגארדיסטנ־ארבעטער שעלגונאָוו [1]) אונ באבושקינ [2]), וועלכע ער האָט צוגעצויגנ צו אקטיווער ארבעט.

לענינ האָט גאָר אינגיכנ זיכ געשטעלט אינ שפּיצ פונ דער מארקסיסטישער גרופּע אינ פּעטערבורג. אינ 1895 יאָר האָט דיזאָזיקע גרופּע, נאָכנ פאראייניקנ די מארקסיסטישע קרייזלעכ פונ פארשיידענע ראיאָנענ, זיכ אָנגעהויבנ רופנ „פארבאנד צו

1) שעלגונאָוו, געבוירנ אינ 1867 יאָר — אנ ארבעטער א סאָציאַל־דעמאָקראט, עטלעכע מאָל געווענ ארעסטירט. אינ טורמע געוואָרנ בלינד. איצט ארבעט ער אינ דער געזעלשאפט פונ די אלטע באָלשעוויקעס.

2) באבושקינ, געבוירנ אינ 1873 יאָר — א רעוואָליוציאָנער־באָלשעוויק, גענומענ אנ אקטיווע אָנטייל אינ דער פּארטיי־ארבעט; אינ 1906 יאָר צעשאָסנ דורכ דער שטראָפ־עקספּעדיציע אינ סיביר.

קעמפנ פאר דער באפרײַונג פונעמ ארבעטער־קלאס". דאָס איז געווענ די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציע אינ רוסלאנד, וואָס לענינ האָט באשאפנ לויטנ פרינציפ פונ צענטראליזמ, ד. ה. אפנ יעסאָד פונ אָנפירונג פונ אנ איינהייטלעכנ צענטער. דער אָנפירנדיקער אָרגאנ פונעמ פארבאנד איז געווענ א ביוראָ אינ באשטאנד פונ לענינענ, מארטאָוונ, וואנייעוונ, סטארקאָוונ אונ קרזשיזשאַנאָווסקינ.

צו דער צײַט, ווענ ס'האָט זיכ אָרגאניזירט דער פעטערבורגער „קאמפ־פארבאנד", איז די ארבעטער־באוועגונג שטארק אויסגעוואקסנ. די צאָל שטרײַקערס האָט זיכ פארגרעסערט פונ יאָר צו יאָר. די ארבעטער האָבנ געפירט אנ עקאָנאָמישנ קאמפ קעגנ די באלעבאטימ, סטארענדיק זיכ צו דערשלאָגנ זיכ בעסערע ארבעט־באדינגענ. דער שטרײַק־קאמפ אינ די דאָזיקע יאָרנ פונ אינדוסטריעלנ אופשטײַג, ווענ דער נאָכפרעג אפ ארבעטער־הענט איז געווענ אומגעהייער גרויס, פלעגט זיכ מערסטנט ענדיקנ מיט דערפאָלג.

א באזונדערס באדײַטנדיקער שטרײַק פונ דעמדאָזיקנ פעריאָד איז געווענ דער שטרײַק פונ 30 טויזנט וועבער אינ פעטערבורג אינ 1896 יאָר. דערדאָזיקער שטרײַק האָט אינ א געוויסער מאָס געווירקט אפנ פארבעסערנ די ארבעט־באדינגענ פונ די ארבעטער: אָנשטאָט א 13—15־שאָעיקנ ארבעט־טאָג איז אײַנגעפירט געוואָרנ א $11\frac{1}{2}$־שאָעיקער ארבעט־טאָג, מע האָט געהעכערט די טאריפנ. דערדאָזיקער שטרײַק האָט באוויזנ, וואָס פאר א גוואלדיקע קראפט ס'שטעלט מיט זיכ פאָר דער פראָלעטאריאט, ווענ ער שטעלט זיכ אפנ וועג פונ אנטשיידענעמ קאמפ.

די אויסגעוואקסענע ארבעטער־באוועגונג האָט געפאָדערט פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע קרײַזלעכ, זיי זאָלנ איבערגיינ צו נײַע ארבעט־מעטאָדנ: פונ לימודימ מיט די פאָרגעשריטענע ארבעטער אינ די קרײַזלעכ — צומ אָנפירנ מיט דער מאסעווער ארבעטער־באוועגונג.

דעמדאָזיקנ איבערגאנג פונ פראָפאגאנדע צו מאסעווער אגיטאציע האָט לענינ אָנגעהויבנ דורכפירנ צומ סאָפ 1894 יאָר אונ אינ אָנהייב 1895. אינ רעזולטאט פונעמ איבערגאנג פונעמ פעטערבורגער „קאמפ־פארבאנד" צו דער ארבעט אינ די מאסנ, צומ אָנפירנ מיט דער מאסעווער ארבעטער־באוועגונג, האָט זיכ צווישנ דעמ פארבאנד אונ דער ארבעטער־באוועגונג אײַנגעשטעלט אלצ אנ ענגערע, אומצערײַסלעכע פארבינדונג.

דער פעטערבורגער „קאמפ־פארבאנד" איז אינ מעשעכ פונ א קורצער צײַט געוואָרנ גוואלדיק פאָפולער צווישנ די ארבעטער־מאסנ. אינ די יאָרנ 1895—1896 פלעגנ קימאט אלע שטרײַקנ אינ פעטערבורג דורכגעפירט ווערנ לויט דער איניציאטיוו אונ אונטערנ אָנפיר פונעמ „קאמפ־פארבאנד". דער פארבאנד פלעגט ארויסלאָזנ בלעטלעכ אונ פראָקלאמאציעס, וואָס פלעגנ פארשפרייט ווערנ איבער די פאבריקנ אונ זאוואָדנ. דידאָזיקע בלעטלעכ פלעגנ ריכטיק אונ פארשטענדלעכ ריידנ וועגנ די טאָגטעגלעכע נויטנ אונ אינטערעסנ פונ די ארבעטער אונ פלעגנ רופנ צומ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

צומ סאָפ 1895 יאָר האָט דער פארבאנד באשלאָסנ צוצוטרעטנ צומ ארויסגעבנ א צײַטונג — „ראבאָטשעיע דיעלאָ". אינ שפיצ פונ דער צײַטונג האָט זיכ געזאָלט שטעלנ לענינ, וועלכער האָט שוינ צוגעגרייט דעמ ערשטנ נומער פונ דער צײַטונג. אָבער אינ דעקאבער 1895 יאָר זײַנענ פאָרגעקומענע מאסנ־ארעסטנ צווישנ די מיטגלידער פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער אָרגאניזאציע. לענינ איז אויכ ארעסטירט געוואָרנ. דידאָזיקע ארעסטנ האָבנ אראָפגעריסנ דאָס ארויסגעבנ די מאסעווע ארבעטער־צײַטונג.

דער פעטערבורגער „קאמפ־פארבאנד", וואָס לענינ האָט אָרגאניזירט אונ מיט אימ אָנגעפירט, איז געווענ דער עמבריאָנ פונ אנ עכט־רעוואָליוציאָנערער פארטיי פונ נײַעמ טיפ. ער איז געווענ דער עמבריאָנ פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי. שטיצנדיק זיכ אפ דער ארבעטער־באוועגונג, האָט דער פארבאנד אָנגעפירט מיטנ קלאסנקאמפ פונעמ פראָלעטאריאט, מיטנ קאמפ קעגנ צאריזמ אונ

קעגן אַלע עקספּלואַטאַטאָרס. אין דעמדאָזיקן קאַמף פּלעגט לענין דערציִען און צונויפשמידן די רעוואָלוציאָנערע קאַדרען פון זײַנע מיטקעמפערס, די בויערס פון דער באָלשעװיסטישער פּאַרטיי.

קימאַט איינצײַטיק מיטן אָרגאַניזירן דעם פּעטערבורגער „קאַמף־פאַרבאַנד“ זײַנען אויפגעקומען אַרבעטער־פאַרבאַנדן אין מאָסקווע, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, און עטוואָס שפּעטער—אין קיִעוו, ניקאָלײַעוו און קאַטערינאָסלאַוו. כּוצדעם האָבן סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירט אין די יאָרן 1896—1897 אין כאַרקאָוו, אָדעס, ניזשני־נאָווגאָראָד, סאַמאַרע, ריגע, וואָראָניעזש, ראָסטאָוו־דאָן, טיפליס.

די טיפליסער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָליע אין טראַנסקאַווקאַז. אין איר האָט אין 1898 יאָר אָנגעהויבן זײַן אַרבעט כ׳ סטאַלין. בּאַ זײַן טעטיקן אָנטייל איז די טיפליסער אָרגאַניזאַציע אין די יאָרן 1899—1900 איבערגעגאַנגען פון פּראָפּאַגאַנדע צו מאַסן־אַרבעט, אַרומכאַפּנדיק אַלץ מער און מער מיט איר אײַנפלוס די ברייטע מאַסן אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פּויערים פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן.

ס׳זײַנען אויפגעקומען נאַציאָנאַלע סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, לאַטוויע, ליטע. ס׳איז אויפגעקומען דער ייִדישער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער בונד („בונד“), וועלכער האָט פאַרייניקט הויפּטזאַכלעך באַלמעלאָכעס און אַנדערע שיכטן פון שטאָטישן קליינבירגערטום און האָט אָפּגעשפּיגלט אין זײַן אַרבעט די קליינבירגערלעכע אָפּגעשטאַנענע שטימונגען.

צו דערדאָזיקער צײַט האָט פאַר אַלע סאָציִאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד, זייער שאַרף זיך געשטעלט די פראַגע וועגן פאַראייניקן זיך אין אַן איינהײַטלעכער פּאַרטיי און וועגן שאַפן אַן איינהײַטלעכן אָנפירנדיקן צענטער. ס׳זײַנען פאָרגענומען געוואָרן פּראַקטישע טריט אין דערדאָזיקער ריכטונג. נ. ק. קרופּסקאַיאַ איז מיט דעמדאָזיקן צוועק געפאָרן אין די דאָרעמשטעט פון רוסלאַנד.

לענינס אַרעסט אין 1895 יאָר און דאָס פאַרשיקן אים אין פעברואַל 1897 יאָר קיין מיזרעך־סיביר האָט אים אָפּ אַ געוויסער צײַט אָפּגעריסן פון דער דירעקטער אָנפירונג מיטן קאַמף פאַרן פאַראייניקן די סאָציִאַל־דעמאָקראַטן אין איין פּאַרטיי. נאָר אַפילע זײַענדיק אין טורמע, האָט לענין אויך געפירט אַ גרויסע אַרבעט אָפּ צונויפשמידן די סאָציִאַל־דעמאָקראַטן. ער פלעגט שרײַבן פלוג־בלעטלעך, אומלעגאַלע בראָשורן, האָט אָנגעשריבן דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט פאַרן ערשטן צוזאַמענפאָר [1]) און פלעגט לעבהאַפטיק זיך אָפּרופן אָפּ אַלע פראַגעס, וואָס פלעגן אויפקומען צווישן די סאָציִאַל־דעמאָקראַטן. לענינס גאַנצע אַרבעט האָט צוגעגרייט אַ באָדן פאַרן צונויפרופן דעם ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (רסדא״פּ) איז פאָרגעקומען אין מינסק, אין מאַרט 1898 יאָר. אָפּן צוזאַמענפאָר זײַנען בײַגעווען ניין מענטשן—פאָרשטייערס פון פאַרשיידענע „פאַרבאַנדן צו קעמפן פאַר דער באַפרײַונג פונעם אַרבעטער־קלאַס“ און פונעם „בונד“. קיין פּאַרטיי־פּראָגראַם האָט דער צוזאַמענפאָר ניט אויסגעאַרבעט, ער האָט זיך באַגרענעצט מיטן אַרויסלאָזן אַ מאַניפעסט.

אין דעמדאָזיקן מאַניפעסט איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם שאַפן די רסדא״פּ און עס זײַנען אָנגעוויזן געוואָרן די פּאַרטיי־אויפגאַבעס: אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און אַ קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און דער בורזשואַזיע ביזן פולשטענדיקן ניצאָכן פונעם סאָציִאַליזם. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן רעכט פון

[1]) דערדאָזיקער פּראָגראַם־פּראָיעקט איז ניט דערגאַנגען צום I צוזאַמענפאָר.

די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג. דערינאָך האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומען א באשלוס וועגנ די גרונט־פרינציפנ פונ דער אָרגאניזאציאָנעלער סטרוקטור פונ דער פארטיי. אפנ צוזאמענפאָר איז אויסגעקליבנ געוואָרנ א צענטראַל־קאָמיטעט פונ 3 כאווייריִמ — ראדטשענקאָ, איידעלמאנ, קרעמער. די צײַטונג „ראבאָטשאיא גאזעטא", וואָס א גרופע קיִעווער סאָציִאל־דעמאָקראטנ האָט ארויסגעגעבנ, איז דערקלערט געוואָרנ פארנ צענטראַל־אָרגאנ פונ דער פארטיי.

אָבער דער מאניפעסט אונ דער באשלוס וועגנ דער אָרגאניזאציאָנעלער סטרוקטור פונ דער פארטיי האָבנ ניט געגעבנ ריכטיק אָפגעשפיגלט די אופגאַבעס פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער פאָרשטייענדיקער רעוואָליוציע; וועגנ דעמ האָט שפעטער געשריבנ לענינ, וועלכער איז דעמאלט געווענ אינ פארשיקונג. דער גרעסטער פעלער אינעמ מאניפעסט איז געווענ דאָס, וואָס אינ אימ איז קיינ וואָרט ניט דערמאָנט געווענ וועגנ אראָפוואַרפנ די בורזשואזיע מיט געוואלט, וועגנ דער נייטיקייט צו קעמפנ פאר א פראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ פארנ אײַנשטעלנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. אינעמ באשלוס וועגנ דער אָרגאניזאציאָנעלער פארטיי־בויונג איז ניט געווענ דורכגעפירט ביזנ סאָפ דער פרינציפ פונ צענטראליזמ, ד. ה. וועגנ אָנפירנ פונ אנ איינהייטלעכנ צענטער. די אָרטיקע קאָמיטעטנ האָבנ געהאט רעכט זיכ אָפצוזאָגנ אויסצופילנ די באשלוסנ פונ צ"ק.

דער גרויסער באטײַט פונעמ ערשטנ צוזאמענפאָר איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס אפ אימ איז פראָקלאמירט געוואָרנ דאָס שאפנ די רסדא"פ. אָבער די סאָציִאל־דעמאָקראטנ האָט ניט געקלעקט קיינ קריעגפראַקטיש דורכצופירנ דידאָזיקע פארייניקונג. דעמ ערשטנ צוזאמענפאָר האָט זיכ נאָכ ניט אײַנגעגעבנ פאקטיש צו שאפנ די פארטיי. נאָכנ צוזאמענפאָר איז די סאָציִאל־דעמאָקראטישע באוועגונג געבליבנ צעשפליטערט, זי איז ניט געווענ פארבונדנ מיט קיינ פראָגראמ־איינהייט אונ מיט קיינ צענטראַליזירטער אָנפירונג. אינגיכנ נאָכנ צוזאמענפאָר איז דער אויסגעווײלטער צ"ק, די רעדאקציע אונ דרוקערײַ פונ דער „ראבאָטשאיא גאזעטא" אונ א היפשע צאָל סאָציִאל־דעמאָקראטנ אינ פארשיידענע שטעט ארעסטירט געוואָרנ. כאָטש די פארטיי איז אפ א צײַט אנטבלוטיקט געוואָרנ, נאָר די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט אפ די ערטער האָט זיכ ניט אָפגעשטעלט.

לענינס קאמפ מיט די עקאָנאָמיסטנ.

אינעווייניק אינ דער רסדא"פ גופע האָט זיכ צומ סאָפ 90־ער יאָרנ פארשפרייט אנ אָפאָרטוניסטישע שטרעמונג, וואָס האָט באקומענ דעמ נאָמענ עקאָנאָמיזמ. די עקאָנאָמיסטנ האָבנ זיכ באזירט אפ די אָפגעשטאנענע שיכטנ ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ נאָכ ניט באפרײַט פונ די קלייִנבירגערלעכע פויערשע שטימונגענ אונ האָבנ ניט באזיִיקט זייערע קלאסנ־אינטערעסנ, אפנ אייבערשטנ שיכט גוט באצאָלטע ארבעטער אונ אפ א טייל קלייִנבירגערלעכער אינטעליגענצ. צומ פארשפרייטנ דעמ עקאָנאָמיזמ האָט מיטגעווירקט דער גרויסער צופלוס פונ נײַע ארבעטער פונ דאָרפ אפ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס איז דעמאלט ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער באזונדערס שנעלער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע. דאָס, וואָס ס'איז ניט געווענ קיינ מאָנאָליטע פארטיי, דער ארעסט פונ לענינענ אונ פונ אנדערע רעוואָליוציאָנערנ האָט מיטגעווירקט דערצו, אז צו דער אָנפירונג זײַנענ געקומענ די „יונגע", די אָנהענגערס פונעמ עקאָנאָמיזמ, דערצויגענע הויפטזאכלעכ אפ דער ליטעראטור פונעמ „לעגאלנ מארקסיזמ".

זיי האָבנ פארכאפט די אָנפירונג מיטנ „קאמפ־פארבאנד" אונ מיט אנדערע סאָציִאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס.

די אידייִשע דורכפירערס פונ די אָנשויונגענ פונ די עקאָנאָמיסטנ זײַנענ געווענ די צײַטונג „ראבאָטשאיא מיסל" (אָנפירער טאכטאריאָוו אונ לאָכאָוו) אונ דער זשורנאל „ראבאָטשעיע דיעלאָ", וואָס איז דערשינענ אינ אויסלאנד. אינ שפיצ פונ דעמדאָזיקנ זשורנאל איז געשטאנענ דער בארימטער „דרײַלינג": קריטשעווסקי, אקימאָוו אונ

מארטינאָוו[1]). אמערסטנ פול האָבנ די עקאָנאָמיסטנ דערקלערט זייערע אָנשויונגענ אינעם דאָקומענט, וואָס האָט זיכ אָנגערופנ „קרעדאָ“[2]).

די אוטערס פונעם דאָזיקנ דאָקומענט זײַנענ געווענ קוסקאָווא אונ פראָקאָפאָוויטש, וואָס זײַנענ שפּעטער אָפּנ איבערגעגאנגענ צו דער ליבעראַלער בורזשואזיע אונ סאָפ־קאָלסאָפ ארױבער אינ לאגער פונ דער ווײַסגווארדייִשער עמיגראציע.

דער פּראָלעטאריאט איז, לויט דער מיינונג פונ די עקאָנאָמיסטנ, פּייִק צו פירנ בלויז אנ עקאָנאָמישנ קאמפּ (פונדאנענ שטאמט זייער נאָמענ „עקאָנאָמיסטנ“), באנוגנדיק זיכ מיט גראָשנדיקע הויסאָפּעס צום קאפּיטאַלישנ ארבעטלוינ אינ די ראמענ פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

זיי האָבנ געהאלטנ, אז דער קאמפּ פארנ פארגרעסערנ דעמ ארבעטלוינ, פארנ פארבעסערנ די וווינונג־באדינגענ, מיט איינ וואָרט — דער עקאָנאָמישער קאמפּ — איז די איינציקע פאָרמע פונ קאמפּ פונעמ ארבעטער־קלאס.

די עקאָנאָמיסטנ האָבנ אזויאַרומ זיכ אָפּגעזאָגט פונ צו קעמפנ פארנ פארניכטנ די זעלבסטהערשונג, זיי זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט, קעגנ דעמ קאמפּ פאר דער העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאריאט אונ האָבנ אָפּגעלייקנט די ראָליע פונ דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע.

דערמיט גופע פלעגנ זיי די גרונט־אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס אונטערווארפנ צו די אינטערעסנ פונ הײַנטיקנ טאָג.

די עקאָנאָמיסטנ פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ פונ קאמפּ פאר די גרונט־אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס.

זיי האָבנ ניט געפירט דעמ פּראָלעטאריאט פאָרויס, נאָר זיי פלעגנ זיכ נאָכשלעפּנ אינ עק פונ זײַנע אָפּגעשטאנענע, סטיכייִשע שטימונגענ. זיי פלעגנ זיכ בוקנ פאר דער סטיכייִשקײַט, זיכ אָריענטירנ אפּ זעלבשטראָמ, אָפּלייקענענ די אָנפירנדיקע אונ אָרגאניזירנדיקע ראָליע פונ דער פארטיי אונ פונ אירע אָנפירערס.

דאָס אלצ האָט געלוינט בלויז פאר דער בורזשואזיע אונ האָט געמאכט די עקאָנאָמיסטנ פאר די דורכפירערס פונ דער בורזשואזער ווירקונג אפּנ פּראָלעטאריאט.

צווישנ די עקאָנאָמיסטנ אונ די „לעגאלע מארקסיסטנ“ איז געווענ די ענגסטע אידייִשע פארבינדונג. דער עקאָנאָמיזמ, אלס אנ אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונג אינ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, האָט פארווירקלעכט אינ דער פּראקטיק די אידייעס פונעמ „לעגאלנ מארקסיזמ“, וואָס האָבנ זיכ ארויסגעדריקט אינעמ לאָזונג: „פאר די ארבעטער — אנ עקאָנאָמישער, פאר דער בורזשואזיע — א פּאָליטישער קאמפּ“.

די ענגסטע פארבינדונג האָט עקזיסטירט צווישנ די עקאָנאָמיסטנ אינ רוסלאנד מיט די אָפּאָרטוניסטנ אינ מײַרעוו. די אָנשויונגענ פונ די עקאָנאָמיסטנ זײַנענ אינ די גרונט־פראגעס צונויפגעפאלנ מיט בערנשטיינס אָנשויונגענ. „דער עקאָנאָמיזמ איז געווענ די רוסלענדישע פאָרמע פונעמ צווישנפעלקערלעכנ אָפּאָרטוניזמ“ (לענינ).

לענינ איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ עקאָנאָמיזמ נאָכ אינ די יאָרנ 1895 — 1897 אינ פּעטערבורגער „קאמפּ־פארבאנד“. לענינ, האָט אשטייגער, געפירט א קאמפּ מיט טאכטאריאָווס גרופּע, וועלכע האָט שוינ דאנ, עמעס, אינ א ניט־אנטוויקלטער פאָרמע, פּראָפּאגאנדירט די אידייעס פונ עקאָנאָמיזמ. זײַענדיק אינ פארשיקונג אינ סיביר, אינ דאָרפ שושענסקאָיע, האָט ער ווײַטער געפירט דעמ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפּ קעגנ דערדאָזיקער אָפּאָרטוניסטישער שטרעמונג. זיכ באקאנט אינ פארשיקונג מיט דער פּלאטפאָרמע פונ די עקאָנאָמיסטנ — מיט דער „קרעדאָ“, האָט לענינ דאָרט צונויפגעקליבנ א גרופּע פארשיקטע אונ פונ איר נאָמענ אָנגעשריבנ אלס ענטפער דעמ „פּראָטעסט פונ 17 פארשיקטע סאָציאַל־דעמאָקראטנ“.

[1]) מארטינאָוו — שפּעטער, פונעמ 1903 יאָר אָנ, אינ משך פונ א לאנגער צײַט אנ אָנגעזעענער מענשעוויק. אינ 1923 יאָר זיכ אָפּגעזאָגט פונ זײַנע מענשעוויסטישע אָנשויונגענ, פאנאנדערקריטיקירט זיי אונ איז ארײַנגעטראָטנ אינ די רייענ פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

[2]) „קרעדאָ“ — „איכ גלייב“ אָדער „גלויבונג־סימוואָל“ — גרונט־געבאָטנ.

דער „פראָטעסט“ האָט אופגעדעקט די קלײנבירגערלעכע אָנשויונגענ פונ די אָנ־הענגערס פונעמ „קרעדאָ“ אונ האָט גערופנ די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ צו געבנ אנ אנטשײדנדיקנ אָפּשטויס די עקאָנאָמיסטנ. דער „פראָטעסט“ האָט אויסגעדריקט די זיכערקײט אינ דעמ, אז די מארקסיסטנ־רעוואָליוציאָנערנ וועלנ ניט אראָפּ פונעמ וועג צו שאפנ א רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־פארטײ, וועלכע וועט פירנ דעמ פראָ־לעטאריאט אינ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, פארנ אראָפּווארפנ די בורזשואזיע, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

ליטעראטור צומ צווייטנ קאפיטל.

Ленин, Империализм, как высшая стадия капитализма, Соч., т. XIX, стр. 141 — 143.

Ленин, Империализм и раскол социализма, Соч., т. XIX, стр. 301 — 302.

Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 5 — 11.

Ленин, Что такое „друзья народа“ и как они воюют против социал-демократов, Соч., т. I, стр. 168 — 169, 179 — 180, 190 — 192, 200.

Ленин, Экономическое содержание народничества, Соч., т. I, стр. 283 — 309, 378 — 380.

Ленин, Задачи русских социал-демократов, Соч., т. II, стр. 175 — 197.

Ленин, Наша программа, Соч., т. II, стр. 513 — 516.

Ленин, Наша ближайшая задача, Соч., т. II, стр. 517 — 521.

Ленин, Проект программы нашей партии, Соч., т. II, стр. 527 — 550.

Ленин, Беседа с защитниками экономизма, Соч., т. IV, стр. 339 — 344.

Ленин, Что делать, Соч., т. IV, стр. 369—378, 383—411, 418—421, 437—458.

Ленин, Предисловие к сборнику „За 12 лет“, Соч., т. XII, стр. 57—58.

Ленин, Крах II Интернационала, Соч., т. XVIII, стр. 251.

דריטער קאפיטל.

דער „איסקרא“־פעריאָד און די אויספאָרמירונג פונעמ באָלשעוויזמ.

דער קלאסנקאמפ אָנהייב XX יאָרהונדערט.

סאָפ XIX יאָרהונדערט — אינ די יאָרנ 1900—1899 — האָט אויסגעבראָכנ א שווע־רער אינדוסטריעלער קריזיס. דער קריזיס האָט ארומגעכאפט אלע הויפּט־לענדער פונ איירּאָפּע, נאָר אינ רוסלאנד האָט ער געטראָגנ א באזונדערס שארפנ, א פארשלעפּטנ כאראקטער. די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ האָבנ איינע נאָכ די אנדערע גענו־מענ פּלאצנ. ס'איז געפאלנ די פּראָדוקציע, ס'איז געוואקסנ די ארבעטלאָזיקייט און דער דאלעס פונ די מאסנ.

דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט נאָכ מער אופגעהויבנ די קריגערישע שטימונג פונ די מאסנ. פונ עקאָנאָמישע שטרייקנ האָט דער פּראָלעטאריאט אָנגעהויבנ אריבערגיינ צו א פּאָליטישנ קאמפ קעגנ דעמ צאריזמ. אינ די ארבעטער־צענ־טערס פלעגנ איינגעאָרדנט ווערנ דעמאָנסטראציעס, ס'פלעגנ אָרגאניזירט ווערנ שלאכט־ארויסטרעטונגענ. כאראקטעריסטיש אינ דער היגזיכט איז די גאסנ־דעמאָנ־סטראציע אינ כארקאָוו דעמ 1 מיי 1900 יאָר, וועלכע האָט אופגעטרייסלט דעמ גאנצנ דאָרעמ פונ דעמלטיקנ רוסלאנד.

די גאסנ־דעמאָנסטראציעס פלעגנ אָפט זיכ פארענדיקנ מיט בלוטיקע צוזאמענ־שטויסנ מיט דער פּאָליציי.

א קאָלאָסאל גרויסנ באטייט האָט אינעמ דאָזיקנ פעריאָד געהאט דער ראָסטאָ־ווער שטרייק אינ 1902 יאָר. אינעמ דאָזיקנ שטרייק האָבנ אָנטיילגענומענ ביז 30 טויזנט מאנ. די ארבעטער פונ די אייזנבאנ־ווארשטאטנ האָבנ צוערשט געפאָדערט, ס'זאָל געהעכערט ווערנ דער ארבעטלוינ, ס'זאָל פארקירצט ווערנ דער ארבעט־טאָג און ס'זאָלנ אָפּגעשאפט ווערנ די שטראפנ. דער פארקער־מיניסטער האָט דידאָזיקע פאָדערונגענ אָפּגעוואָרפנ. דעמלט האָבנ די ארבעטער פארוואנדלט דעמ שטרייק אינ א מעכטיקער פּאָליטישער דעמאָנסטראציע. אינ משכ פונ זיבנ טעג פלעגנ פאָר־קומענ מאסנווע, פילצאָליקע ארבעטער־פארזאמלונגענ. טויזנטער קאָזאקנ און אר־טילעריע זיינענ ארויסגעשיקט געוואָרנ קעגנ די ראָסטאָווער ארבעטער. די גאנצע שטאָט האָט זיכ פארוואנדלט אינ א מילכאָמע־לאגער. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ א בע־עמעס העראָישער קאמפ, בייס וועלכנ די ארבעטער האָבנ צענדליקער מאָל גע־צוווּנגענ די קאָזאקנ צו אנטלויפנ. סאָפקאָלסאָ זיינענ די ארבעטער, באזיגט דורכ דער מיליטערישער קראפט, געווענ געצוווּנגענ אופצוהערנ דעמ שטרייק. אינעמ ראָסטאָ־ווער שטרייק, האָט געשריבנ לענינ, האָט דער פּראָלעטאריאט צומ ערשטנ מאָל קעגנגעשטעלט זיכ אלס קלאס קעגנ אלע אנדערע קלאסנ און קעגנ דער צארישער רעגירונג. אינ דער ארבעטער־באוועגונג האָבנ אָנגעהויבנ שפּילנ אלץ א גרעסערע ראָליע די מעטאליסטנ, וואָס פלעגנ ארויסטרעטנ אינ די פאָדערשטע רייענ פונעמ ארבעטער־קלאס.

נאָכ א גרעסערנ באטייט פאר דער ארבעטער־באוועגונג האָט געהאט דער אל־געמיינער שטרייק אינ דאָרעמ פונ דעמלטיקנ רוסלאנד אינ 1903 יאָר, וואָס האָט ארומגעכאפט ביז 200 טויזנט אָנטיילנעמערס. ער האָט זיכ אָנגעהויבנ אפ די באקוער

נאפט־געווערבן און האָט גאָר גיך ארומגעכאפט אלע גרויסע שטעט אין דאָרעם (באַקו, באטום, אָדעס, קיִעוו, קאטערינאָסלאוו, טיפליס). אין אָדעס פלעגן די ארבעטער איינאָרדענען פּילצאָליקע פארזאמלונגען און פּאָליטישע דעמאָנסטראציעס. אין קיִעוו און אין קאטערינאָסלאוו האָט די מאכט אָנגעווענדט מיליטערישע קראפט. מיט דער הילף פון מיליטער האָט דער צאריזם דערשטיקט דעם אלגעמיינעם שטרייַק, וואָס האָט געדויערט העכער א כוידעש.

דער ראָסטאָווער שטרייַק און דער שטרייַק אין דאָרעם־רוסלאנד זייַנען געווען די ערשטע דראָענדיקע אָנזאָגערס פון דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. זיי האָבן באצייכנט א קער צו א שארפן רעוואָלוציאָנערן קאמף אין דער גאנצער אינטערנאציאָנאַלער ארבעטער־באוועגונג.


Россійская Соціалдемократическая Рабочая Партія
Пролетаріи всѣхъ странъ, соединяйтесь!
№ 1
Ко всѣмъ русскимъ работницамъ и работникамъ
РОСТОВСКІЯ СОБЫТІЯ
(4—26 ноября 1902 г.)

אופרוף פונעם דאָנער פארטיי־קאָמיטעט.

אין דערזעלבער צייַט האָבן זיך געברייטערט און פאנאנדערגעוואקסן די פויערשע אופשטאנדן. בלויז פארן 1902 יאָר זייַנען פאָרגעקומען 340 פויערשע ארויסטרעטונגען (קעגן 100 פארן 1900 און 1901 יאָרן). די גוואלדיקע מערהייַט פויערשע ארויסטרעטונגען פאר דערדאָזיקער צייַט איז געווען געצילט קעגן די פּריצים.

א באזונדערס גרויסן באטייַט האָבן געהאט די ארויסטרעטונגען פון כארקאָווער און פּאָלטאווער פויערים אין אוקראִינע אין 1902 יאָר. פאר 5 טעג האָבן זיך אופגעהויבן 165 דערפער מיט אנערעך 150 טויזנט מאן. אין די פּאָלטאווער און כארקאָווער ארויסטרעטונגען זייַנען די אָרעם־מיטלפויערים געגאנגען פאָרויס. די מערפארמעגלעכע פויערים האָבן זיך אָפט געהאלטן אָן א זייַט, און אפ א געוויסן טייל פון זיי האָט די רעגירונג זיך געשטיצט באם צערעכענען זיך מיט די אָנטיילנעמערס אין די אונטערציִדונגען און אינעם צעגראָמירן די פּריצישע מאיאָנטקעס.

דאָס איז געווענ א בוילעטער באווײַז פונ דער דיפערענציאַציע, וואָס איז פאָרגעקו־מענ אינ פויערטום.

אינ די פּאָלטאווער־כארקאָווער אופשטאנדנ האָט דאָס פויערטום זיכ ארויסגעוויזנ פאר א גרויסער רעוואָליוציאָנערער קראפט אינעם קאמפ קעגנ דעם צאריזם. די דאָזיקע אופשטאנדנ זײַנענ געווענ דער ארײַנפיר אינעם רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונ די פויע־רימ אינ 1905 יאָר.

אינ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג האָבנ זיכ ארײַנגעצויגנ אויכ אנדערע גרופּעס באפעלקערונג, ווי אשטייגער די סטודענטשאפט. ס'האָט זיכ היפּש פארשארפט דער קאמפ פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ קעגנ דעם צאריזם פאר זייער נאציאָנאלער באפרײַונג.

קעדיי צו דערשטיקנ די ארבעטער־באוועגונג, האָט די זעלבסטהערשונג זיכ גע־פּרווט אָנווענדנ די סיסטעמ פונ פּאָליצייִשער פּראָוואָקאציע. דעמ מאָסקווער זשאנ־דארמ זובאטאָוו (פונדאנענ שטאמט דער נאָמענ — זובאטאָווששינע) איז אי־בערגעגעבנ געוואָרנ צו שאפנ ארבעטער־אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ באדארפט אויס־פילנ א פארטעטרישע ראָליע: ארומפירנ די ארבעטער־באוועגונג פונעמ



א מיטינג אינעם פלוגאטירעווער טאָל, לעמ ראָסטאָוו־דאָנ, בײַט דעמ נאָיאבער־שטרײַק אינ 1902 י.

רעוואָליוציאָנערנ וועג, פארשטארקנ דעמ צאריזם, אופדעקנ די אמערסטנ רעוואָליו־ציאָנער־געשטימטע ארבעטער אונ ארויסגעבנ זיי. די ערשטע צײַט האָט זיכ זובא־טאָוונ אײַנגעגעבנ פאנאנדערצוּוויקלענ אנ ארבעט אינ פּעטערבורג, אָדעס, מאָסקווע, יאראָסלאוול, מינסק, וולאדימיר. אָנהייב 1900 יאָרנ האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ ארײַנציענ אינ זײַנע אָרגאניזאציעס אייניקע אָפּגעשטאנענע שיכטנ ארבעטער אונ באלמעלאָכעס. אָבער די רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ, וואָס האָבנ געהערשט אינעמ ארבעטער־קלאס, זײַנענ ארײַנגעדרונגענ אויכ אינ דער סוויווע פונ יענע ארבעטער, וועלכע זײַנענ ארײַנ אינ די זובאטאָווישע אָרגאניזאציעס. דאָס האָט געצוווּנגענ דעמ צאריזמ זיכ אָפּצוזאָגנ אפ ווײַטער פונ צו שאפנ אזעלכע אָרגאניזאציעס.

אינ דידאָזיקע באדינגענ האָט פאר די סאָציאַל־דעמאָקראטנ זיכ נאָכ שארפער געשטעלט די אופגאבע — אָנצופירנ אונ צו אָרגאניזירנ די מאסנ צומ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

דאָס אָרגאניזירנ די „איסקרא”.

צומ מאָמענט, ווענ לעניג האָט אינ 1900 יאָר זיך אומגעקערט פונ פארשיקונג, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראטיע אינ רוסלאנד איבערגעלעבט א פעריאָד פונ „צעפאָרנקײַט, צעפאלונג, וואקלונגענ” (לעניג). דער אײַנפלוס פונ די עקאָנאָמיסטנ האָט זיך פארשפרייט אפ א היפשער צאָל פארטיי־אָרגאניזאציעס. קיינ אייגהײַטלעכער פארייניקנדיקער צענטער איז ניט געווענ. די בעסטע פארטיי־טוערס פלעגנ דורכ די צארישע זשאנדארמענ ארויסגעריסנ ווערנ פונ די פארטיי־רייענ. אינ די פארטיי־אָרגאניזאציעס איז געווענ ארײַנ א היפשע צאָל בורזשואזע אינטעליגענטנ, וועלכע האָבנ געהאָפט אויסצונוצנ דעמ ארבעטער־קלאס אינ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, נאָר פאר וועלכע ס'זײַנעג געווענ פרעמד די צילנ פונעמ פראָלעטאריאט. אסאך קרײַזלעכ אונ אָרגאניזאציעס האָבנ עקזיסטירט אָפגעזונדערט איינס פונעמ אנדערנ. אָפטמאָל פלעגנ אינ איינ שטאָט ארבעטנ צו עטלעכע צווישנ זיך ניט־פארבונדענע סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס. דער פרווו צוריקצושטעלנ דעמ צ”ק, וואָס איז געווענ אויסגעוויילט אפנ I צוזאמענפאָר, האָט זיך ניט אײַנגעגעבנ.

באדערדאָזיקער סיטואציע איז די גרונט־אופגאבע געווענ — צו ליקווידירנ די אידייִשע אונ אָרגאניזאציאָנעלע צעפאָרנקײַט, אויסצוארבעטנ אנ אײנהײַטלעכע פארטיי־ליניע אונ צו באהעפטנ ארומ איר א פעסטנ גרונט־קערנ פונ רעוואָליוציאָנערנ. דידאָזיקע אופגאבע האָט, לויט לענינס מיינונג, געקענט אויספילנ צומאלעמערשטנ אנ אלרוסלענדישע פאָליטישע אומלעגאלע צײַטונג. בלויז אזא צײַטונג, וואָס פראָפאגאנדירט טאָג־אײַנ, טאָג־אויס דעמ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ, האָט אידייִש געקענט באהעפטנ די ארבעטער־מאסע. לעניג האָט געהאלטנ, אז אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד איז דאפקע א צײַטונג בעסער פאר אלצ געווענ בעקוועמ צו פארייניקנ די פארטייִשע קויכעס אפ די ערטער. ער האָט גערעכנט, אז באשאפנדיק ארומ דער צײַטונג א גאנצע נעצ אָרגאניזאציעס, וואָס באדינענ די צײַטונג, וועט גרינגער פאר אלצ זיך אײַנגעגעבנ צו באהעפטנ די פאראנענע פארטייִשע קאדרענ אינ א קעמפערישער, אידייִש־פארהארטעוועטער אונ בײַגעוודיקער אלרוסלענדישער פארטייִשער אָרגאניזאציע, וואָס זאָל זײַנ פייִק אָנצופירנ מיטנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. אזא איז געווענ לענינס פלאנ, וואָס ער האָט אויספירלעכ אנטוויקלט אינ זײַנ בוכ „וואָס זאָל מענ טאָנ?” (1902 י.), וואָס האָט א וועלט־היסטאָרישנ באטײַט.

אזויארומ, האָט די צײַטונג, לויט לענינס געדאנק, געזאָלט אויספילנ די ראָליע ניט בלויז פונ אנ אגיטאטער, נאָר אויכ פונ אנ אָרגאניזאטער פונ די פארטייִשע מאסנ; זי האָט געזאָלט נעמענ אפ זיך די אופגאבע צו שאפנ די פארטייִשע אָרגאניזאציע.

טאקע דערפאר איז לעניג גלײַכ נאָכנ אומקערנ זיך פונ פארשיקונג צוגעטראָטנ צומ אָרגאניזירנ אנ אלרוסלענדישע פאָליטישע צײַטונג. ער האָט אײַנגעשטעלט פארבינדונגענ מיט די סאָציאַל־דעמאָקראטישע גרופעס אונ איינצלנע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער. צומ אָנטייל אינ אָרגאניזירנ די צײַטונג האָט לעניג צוגעצויגנ מארטאָוונ אונ פאָטרעסאָוונ — מיטגלידער פונעמ פעטערבורגער „קאמפ־פארבאנד”. פאר אקטיווע מיט־ארבעטער פונ דער צײַטונג האָט לעניג אײַנגעלאדנ אויכ די מיטגלידער פונ דער גרופע „ארבעט־באפרײַונג” — פלעכאנאָוונ, אקסעלראָדנ, זאסוליטש, — וועלכע האָבנ אינ יענער צײַט געהאט זייער א גרויסנ אײַנפלוס צווישנ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ. דערנאָכ איז לעניג צוגעטראָטנ צומ ארויסגעבנ די צײַטונג. ס'איז באשלאָסנ געוואָרנ ארויסצוגעבנ זי אינ אויסלאנד, וואָרעמ אינ רוסלאנד איז איבער די פאָליטישע פארפאָלגונגענ אומעגלעכ געווענ צו אָרגאניזירנ דאָס רעגולערע דערשײַנענ פונ דער צײַטונג. דעמ 24 דעקאבער 1900 יאָר איז אינ דײַטשלאנד דערשינענ דער ערשטער נומער פונ דער צײַטונג „איסקרא”.

אין זײַנע אַרטיקלען, וואָס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין „איסקראַ", האָט לענין פאָרגעזעצט דאָס ווײַטערדיקע פאַנאַנדעראַרבעטן די גרונט־פּראַגעס פון מאַרקסיזם, די גרונט־פּראַגעס פון דער פּראָגראַם, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, ער האָט אַנטוויקלט די אידייעס, וועלכע ער האָט אַרויסגערוקט נאָך אין די ערשטע אַרבעטן זײַנע.

דעמאַסקירנדיק די פּאָליטיק פונעם צאַריזם, האָט לענין געשריבן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד וועט ניט קענען דערגרייכן זײַנע צילן, אויב ער וועט ניט אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, אויב ער וועט ניט פאַרניכטן די הערשאַפט פון די לײַבאײַגנטימערס־פּריצים. באַצייכענענדיק יעדער שטרײַק, יעדער טריט אינעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס קעגן די קאַפּיטאַליסטן, האָט די „איסקראַ" פאַרבונדן דעמדאָזיקן קאַמף מיט די ענדצילן פון דער באַוועגונג, מיטן קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פאַרן סאָציאַליזם.

די „איסקראַ" האָט געקעמפט פאַר דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע, פאַרן בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום. און אין דערזעלבער צײַט פלעגט זי באַזונדערס אָנווײַזן דעם פּראָלעטאַריאַט זײַנע פליכטן בענעגייע דער באַטראַקישער און אָרעמפּויערשער מאַסע פון דאָרף: דער פּראָלעטאַריאַט איז מעכויעוו צו אָרגאַניזירן די פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע מאַסן פון דאָרף. אין קאַמף קעגן די פּריצים וועט דער פּראָלעטאַריאַט פירן נאָך זיך דאָס גאַנצע פּויערטום, — פלעגט שרײַבן די „איסקראַ", — און פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע פון שטאָט און דאָרף וועט דער פּראָלעטאַריאַט קעמפן צוזאַמען מיט דער אָרעמשאַפט פון דאָרף. באַזונדערס געניי האָט לענין אויסגעדריקט דעמדאָזיקן געדאַנק אין דער בראָשור „צו דער דאָרפישער אָרעמשאַפט" (1903 י.). דאָס איז געווען די ערשטע מאַסן־בראָשור, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן פאַר פּויערים.

לענינס אַלע אַרטיקלען, באַזונדערס זײַן באַוווסטע בראָשור „וואָס זאָל מען טאָן?" און די גאַנצע אַרבעט פון דער „איסקראַ" אינגאַנצן גענומען האָבן געקלאַפּט אין איין פּינטל: ס'איז נייטיק צו שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי פון אַ נײַעם טיפּ, אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל ברענגען צום זיג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

אַף די שפּאַלטן פון דער „איסקראַ" פלעגט לענין אומדערמידלעך איבערכאַזערן, אַז די פּאַרטיי וועט קענען אויספירן איר רעוואָלוציאָנערע ראָליע בלויז דאַן, ווען זי וועט אידייִש און אָרגאַניזאַציאָנעל זײַן אַן אײַנהײַטלעכע, מאָנאָליטע, צענטראַליזירטע, דיסציפּלינירטע, וואָס אַרבעט אין אונטערערד און די רעגירונג קען זי ניט פּאַקן, ווען זי וועט זײַן פעסט פאַרבונדן מיט די מאַסן, ווען זי וועט שאַפן פאַר זיך אַן אָנשפּאַר אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן און וועט קענען אויסנוצן צוליבן אָרגאַניזירן די מאַסן אַלע לעגאַלע מעגלעכקײַטן.

אַזאַ פּאַרטיי, האָט לענין געזאָגט, דאַרפן בויען פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן — אַזעלכע מענטשן, אַזעלכע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זייער גאַנץ לעבן און אַרבעט זאָל זײַן געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע. דידאָזיקע אַרבעט איז זייער פּראָפעסיע. פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן זײַנען דעמלט געווען צומאַלעמערשטן לענין אַליין און סטאַלין. דאָס זײַנען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע. דאָס זײַנען געווען מענטשן, וואָס צוליב דער רעוואָלוציע, צוליב דער פּאַרטיי זײַנען זיי פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, פלעגן אַרעסטירט ווערן, פלעגן גיין אַף אויסערגעווייִנלעכע מאַטערניש און פלעגן אָפּזיצן אין די טורמעס און אין פאַרשיקונג לאַנגע יאָרן. דאָס האָבן זיי אין אויסשליסלעך־שווערע באַדינגען געגרייט דעם אַרבעטער־קלאַס צום אַנטשיידנדיקן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און דער בורזשואַזיע. דאָס האָבן זיי געפירט אַ קאַמף פאַרן אָרגאַניזירן אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי פון אַ נײַעם טיפּ אַף די יעסוידעס, וואָס לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אין זײַן בוך „וואָס זאָל מען טאָן?"

פאַראַלעל מיט איר אידיישן קאַמף, האָט די „איסקראַ" געפירט אַן ענערגישע אַרבעט אַפּ אָרגאַניזאַציאָנעל צו באַהעפטן און צו פאַרייניקן די אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און די אויסלענדישע גרופּעס. אַ גוואַלדיקע אַרבעט אין פּראַט פון צעמענטירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד האָבן דורכגעמאַכט: דער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע „איסקראַ" נ. ק. קרופּסקאַיאַ, די אַגענטן פון „איסקראַ"—נ. באַומאַן, לענגניק, לעפּעשינסקי, איוו. ראַדטשענקאָ, זעמליאַטשקאַ, קרזשיזשאַנאָווסקי, סטאַסאָוואַ, קניפּאָוויטש, קראַסיקאָוו און אַנד. זיי האָבן איינגעשטעלט די פאַרבינדונג פון דער „איסקראַ" מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און האָבן אויסגעפּילט אַלע וויכטיקסטע לעניגס אויפטראַגן.

די „איסקראַ" האָט געוואונען אַ קאָלאָסאַלע פּאָפּולערקייט אין די מאַסן. וועגן דער דאָזיקער פּאָפּולערקייט זאָגט איידעס דער פאַקט, וואָס די 10—15 טויזנט עקזעמפּליאַרן „איסקראַ", וואָס פלעגט גאַנצ אָפט דערשייַנען צוויי מאָל אַ כוידעש, האָבן ניט געקענט באַפרידיקן די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זי לייענען. איין עקזעמפּליאַר „איסקראַ" פלעגט אויסקומען אַפּ עטלעכע צענדליק מענטשן. דאָס פלעגט צווינגען נאָכאַמאָל איבערצודרוקן אין רוסלאַנד באַזונדערע נומערן „איסקראַ". די שוועריקייטן

ИСКРА

Центральный Органъ Россійской Соціалдемократической Рабочей Партіи.

№ 1 ДЕКАБРЬ 1900 года. № 1

НАСУЩНЫЯ ЗАДАЧИ НАШЕГО ДВИЖЕНІЯ

דער 1־טער נומער „איסקראַ", אַרויסגעגאַנגען אין דעקאַבער 1900 י.

באַם דרוקן און פאַרשפּרייטן די „איסקראַ" זייַנען געווען זייער גרויס. מע פלעגט זי געהיים אַריבערשיקן פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד, אָפטער פאַר אַלץ אין טשעמאָדאַנעס מיט אַ טאָפּלטן דעק. דאָס פלעגן טאָן פאַרשיידענע פּערזאָנען — פּאַרטיי־מיטגלידער און מיטפילנדיקע,—וואָס פלעגן ברענגען די דאָזיקע טשעמאָדאַנעס אַפּן אָפּגערעדטן אָרט. אַביסל שפּעטער האָט מען איינגעאָרדנט אַפּן גרענעץ ספּעציעלע פּונקטן, דורך וועלכע עס פלעגט גיין מיט דער הילף פון ספּעציעל צוגעקליבענע מענטשן דער טראַנספּאָרט פון אַ גרויסער צאָל ליטעראַטור. קעדיי ס׳זאָל זייַן באַקוועם אַריבערצושיקן, פלעגט מען די „איסקראַ" דרוקן אַפּ דינעם פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר. אין רוסלאַנד פלעגט די „איסקראַ" פאַרשפּרייט ווערן געהיים. איבערגעבנדיק פון האַנט צו האַנט אַ נומער „איסקראַ", פלעגט מען אים אַזוי פאַרלייענען, אַז ס׳פלעגן אין אים ווערן לעכער.

די „איסקראַ" האָט געפירט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן אַלע פייַנט פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם: קעגן די בורזשואַזע ליבעראַלן (סטרווע און קאָמפּ.), וועלכע האָבן געשטרעבט אונטערצוואַרפן דעם פּראָלעטאַריאַט צו די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, קעגן די קליינבירגערלעכע פּאָלקיסטישע גרופּעס, וועלכע האָבן אין

יענער צײַט זיך אויסגעפֿאָרמירט אין אַ באַזונדער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָליוציאָנערן" (עסערן). די „איסקרא" פֿלעגט דעמאַסקירן זובאַטאָוס פּאָליצייִשע פּרוּוון אַראָפּצופֿירן די אַרבעטער־באַוועגונג פֿונעם רעוואָליוציאָנערן וועג, אָפּצוציִען די אַרבעטער פֿון פּאָליטישן קאַמף און צו פֿאַרשטאַרקן די זעלבסטהערשונג. די „איסקרא" פֿלעגט דערקלערן, אַז, אָפּלייקענענדיק די נייטיקייט פֿון אַ זעלבשטענדיקן פּאָליטישן קאַמף פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, האָבן די עקאָנאָמיסטן באַדײַטנדיק פֿאַרגרינגערט דערמיט די אַרבעט פֿון די זובאַטאָווישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן דורכגעלייגט אַ וועג פֿאַר דער זובאַטאָווּשטשינע.

טאָג־אײַן, טאָג־אויס פֿלעגט די „איסקרא" אונטער לענינס אָנפֿיר דעמאַסקירן דעם עקאָנאָמיזם. מיט דער הילף פֿון אירע „אַגענטן" האָט זי אַרויסגעשטויסן די עקאָנאָמיסטן פֿון די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס, האָט געוווּנען די גוואַלדיקע מערהייט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און זיי באַהעפֿט אַף דער באַזע פֿונעם רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם.

די „איסקרא" האָט אויך געפֿירט אַן אַקטיוון קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם, אַשטייגער, קעגן בערנשטייִנען און קעגן דער פּשאָרע־מאַכערײַ מיט דער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער פֿראַנצויזישער פּאַרטיי. דער פֿראַנצויזישער „סאָציאַליסט" מילעראַן איז אַרײַנגעטראָטן אין באַשטאַנד פֿונעם בורזשואַזן מיניסטעריום, אין וועלכן איינער פֿון די מיניסטאָרן איז געווען דער גענעראַל גאַליפֿע, דער הענקער פֿון דער פּאַריזשער קאָמונע. אָנשטאָט אַנטשיידנדיק צו פֿאַרורטיילן דעמדאָזיקן מילעראַנס פֿאַררעטערישן טאַט, האָט אַ טייל פֿירערס פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל — בערנשטיין, וואַנדערוועלדע און אַאַנדער — פֿולשטענדיק באַוויליקט זײַן אַרײַנטרעט אין דער בורזשואַזער רעגירונג; אַנדערע, מיט קאַוטסקין אין שפּיץ, האָבן פֿאַרנומען אַ שאָלעם־מאַכערישע ליניע, דערמיט גופֿא פֿאַרגרינגערנדיק און מיטווירקנדיק דעם פֿאַנאַנדערבלי פֿון אָפּאָרטוניזם. לענין האָט גלײַך פֿאַרנומען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע פּאָזיציע אין דערדאָזיקער פֿראַגע. „מילעראַניזם — דאָס איז די פּראַקטישע בערנשטייניאַנערײַ", — האָט געשריבן לענין.

אײַנצײַטיק איז לענינען אויסגעקומען צו קעמפֿן פֿאַר די גרונט־יעסוידעס פֿון מאַרקסיזם אויך אינעווייניק אין דער רעדאַקציע פֿון „איסקרא" גופֿא, קעגן דער שאָלעם־מאַכערײַ צו די עקאָנאָמיסטן און קעגן דעם אָפּאָרטוניזם פֿון פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן, מאַרטאָוון און אַנד. רעדאַקציע־מיטגלידער.

באַזונדערס שאַרף איז געווען לענינס קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטישע וואַקלונגען פֿון די רעדאַקציע־מיטגלידער פֿון „איסקרא" אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַהאַנדלען דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט פֿון דער פּאַרטיי, וואָס אים אויסצואַרבעטן איז אין יענעם פּעריאָד געווען די וויכטיקסטע פּאַרטיי־אויפֿגאַבע.

לענין האָט שאַרף פֿאַנאַנדערקריטיקירט דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן פּלעכאַנאָוו. לענין האָט באַשײַמפּערלעך אויפֿגעדעקט, אַז פּלעכאַנאָווס פּראָגראַם־פּראָיעקט האָט ניט אָנגעוויזן דער פּאַרטיי אירע קאָנקרעטע אויפֿגאַבעס אינעם קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן דעם רוסישן קאַפּיטאַליזם. דער פּראָיעקט האָט געגעבן ניט קיין פּראָגראַם פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט פֿון רוסלאַנד, נאָר „אַ פּראָגראַם פֿון אַן עקאָנאָמישן לערנבוך, וואָס איז געווידמעט דעם קאַפּיטאַליזם בּיקלאַל" (לענין).

אין זײַן פּראָגראַם־פּראָיעקט האָט פּלעכאַנאָוו אין גאַנץ אָפּגעלייקנט די העגעמאָניע פֿון פּראָלעטאַריאַט און האָט פֿאַרווישט דעם אונטערשייד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און קליינבירגערטום אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. אָנשטאָט דײַטלעך אָנצוווײַזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציקער ביזן סאָף רעוואָליוציאָנערער קלאַס, האָט פּלעכאַנאָוו אָפּגעווישט דעם גרענעץ צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם קליינבירגערטום און האָט פֿאַרייניקט אין איין גאַנצס דידאָזיקע פֿאַרשיידענע קלאַסן אונטער איין אַלגעמיינעם נאָמען „די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע

מאַסע". פּלעכאַנאָוו האָט אין זײַן צווייטן פּראָגראַם־פּראָיעקט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן די גײַטיקײַט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור[1]. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט ער געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען פון א פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס אין א פּאַרטיי פון אַלע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע.

לענינס שאַרפע קריטיק האָט געצווונגען פּלעכאַנאָוון אַרײַנצוטראָגן אינעם פּראָגראַם־פּראָיעקט א רײ וועזנטלעכע אויסבעסערונגען.

גרויסע מיינונג־פאַרשיידנקײַטן האָט אַרויסגערופן אין דער רעדאַקציע „איסקרא" אויך די פראַגע וועגן דער אַגראַר־פּראָגראַם. אַלס די נאָענטסטע פּאָדערונג איז אין דער פּראָגראַם געווען אײַנגעשלאָסן די פּאָדערונג אומצוקערן די פּויערים אומזיסט די „אָפּשניצלעך", ד. ה. די ערדן, וואָס מע האָט בא זיי אָפּגעשניטן באַם דורכפירן די „רעפאָרמע" פון 1861 יאָר. דידאָזיקע פּאָדערונג האָט אין „איסקרא" קיין מיינונג־פאַרשיידנקײַטן ניט אַרויסגערופן. אָבער לענין האָט באַטראַכט דידאָזיקע פּאָדערונג פון די אָפּשניצלעך בלויז ווי דעם ערשטן טריט. ער האָט געזאָגט, אַז ווען עס וועט פאָרקומען א מעכטיקער פּויערשער אויפשטאַנד, וועט די פּאַרטיי „אין א געוויסן רעוואָלוציאָנערן מאָמענט" אַרויסרוקן די ווײַטערדיקע פּאָדערונג — צו נאַציאָנאַליזירן די ערד, ד. ה. אָפּצושאַפן דאָס גאַנצע פּריוואַט־אייגנטום אויף דער ערד און איבערצוגעבן זי דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּויערשער־רעגירונג אין די הענט. די פּראָגראַם פון נאַציאָנאַליזירן די ערד, וואָס לענין האָט אַרויסגערוקט, האָט געהאַט א קאָלאָסאַלן רעוואָלוציאָנערן באַטײַט: זי האָט מאָביליזירט דאָס פּויערטום צום קאַמף פאַרן אַנטשיידנדיקן פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג און דעם פּריצישן ערדבאַזיץ; אויף ווײַטער וואָלט דאָס דורכפירן די נאַציאָנאַליזאַציע אין לעבן פאַרשאַרפט דעם קאַמף פון דער דאָרף־אָרעמשאַפט קעגן דעם באַלעגופּנטום און וואָלט מיטגעהאָלפן צו באַהעפטן די אָרעמשאַפט אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט אויף צו קעמפן פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו און אַקסעלראָד זײַנען אין דער פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזירן די ערד שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן לענינען. זיי האָבן געלייקנט אין דער רעוואָלוציאָנערער ראָליע פונעם פּויערטום, אין זײַן בונד מיטן אַרבעטער־קלאַס בײַס דער פאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע און האָבן דעריבער אָפּגעוואָרפן די פּראָגראַם פון נאַציאָנאַליזירן די ערד. אין דידאָזיקע פראַגעס זײַנען זיי געשטאַנען אויף דער פּאָזיציע פונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

ענדלעך, זײַנען אין דער רעדאַקציע „איסקרא" אויפגעקומען מיינונג־פאַרשיידנקײַטן אין דער פראַגע וועגן דער באַציִונג צו די ליבעראַלן. לענין איז געשטאַנען דערפאַר, מע זאָל אַנטשיידנדיק דעמאַסקירן די האַלבעוודיקײַט, די פּאַכדאָנעס פון די ליבעראַלן, זייער גרייטקײַט שאָלעם צו מאַכן מיטן צאַריזם און זיך א קער צו טאָן קעגן דער רעוואָליוציע. פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד אָבער פלעגן אַרויסטרעטן קעגן אַזא פּאָליטיק בענעגייע די ליבעראַלן. זיי האָבן געפירט א ליניע אויף א פאַרשטענדיקונג מיט דער בורזשואַזיע, אָפּלייקענענדיק די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָליוציע.

אַזויאַרום האָט לענינס גאַנצער קאַמף אין דער רעדאַקציע „איסקרא" פאָרגעשטעלט מיט זיך א קאַמף קעגן דער אָפּאָרטוניסטישער ליניע, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך אָנצומערקן און וואָס האָט דערנאָך זיך אויסגעפורעמט און איז אויסגעוואַקסן אין א גאַנצער פּאָליטישער שטרעמונג — אינעם מענשעוויזם.

דער וועלט־היסטאָרישער באַטײַט פון דער „איסקרא".

אָפּשאַצנדיק שפּעטער די ליניע פון דער „איסקרא", האָט לענין געשריבן, אַז לויט איר ריכטונג איז די „איסקרא" געווען א פולשטענדיק

[1] דאָס איז ניט געווען קיין צופעליקײַט, וואָרעם פּלעכאַנאָוו האָט אויך פריִער (צ. ב. אין זײַן בראָשור וועגן די אַנאַרכיסטן, אין 1894 יאָר) אויסגעמיטן די פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

באָלשעוויסטישע. דאָס איז געווענ לויט איר ריכטונג די ערשטע „פולקום באָלשעוויסטישע“ צײַטונג, וואָס האָט באקומענ אנ אינטערנאציאָנאלנ באַטײַט אדאנק לענינס אָנפירנדיקער ארבעט אינ איר. לענינ איז געווענ איר אָרגאניזאטער, אָנפירער אונ באַגײַסטערער. לענינ האָט פאנאנדערגעארבעט אינ „איסקרא“ די פראגעס פונ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזם, האָט געפירט א קאמפ פאר דער רײנקײַט פונעם מארקסיזם, האָט אונטערגעהאלטנ אונ אנטוויקלט די פארבינדונגענ מיט רוסלאנד. ער האָט אויכ אויסגעפילט די גאנצע רעדאקציאָנעלע אונ טעכנישע ארבעט, וואָס איז פארבונדנ מיט א צײַטונג: פלעגט אויספורעמענ די פילצאָליקע קאָרעספאָנדענצ פונ דער „איסקרא“, פלעגט זאָרגנ וועגנ אריבערשיקנ זי קיינ רוסלאנד, וועגנ פארבעסערנ די טעכניק פונ דער אויסגאבע, וועגנ מיטלענ פאר דער צײַטונג.

די „איסקרא“ האָט פאנאנדערגעארבעט די פראָגראמ, טאקטיק אונ די אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפנ פונ אויפבויענ א רעוואָליוציאָנערע פארטיי. די „איסקרא“ האָט געשאפנ „די טעאָרעטישע יעסוידעס פונ דער וווירקלעכ־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונעמ רוסישנ ארבעטער־קלאס“ (סטאלינ). כ׳ סטאלינ האָט אינ זײַנ ארבעט „פארבײַגײענדיק וועגנ די פארטײַישע מיינונג־פארשיידנקײַטנ“, וואָס איז דערשינענ אינ 1905 יאָר, דערקלערט, אז די לענינישע „איסקרא“ האָט זיכ דערשלאָגנ צו א פאריינִיקונג פונעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ מיט דער מאסעווער ארבעטער־באוועגונג אונ פונ דער מאסעווער ארבעטער־באוועגונג — מיטנ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ.

> „וואָס איז אזוינס דער וויסנשאפטלעכער סאָציאַליזמ אָנ דער ארבעטער־באוועגונג?... דאָס איז א קאָמפאס, וואָס, בלײַבנדיק אָנ אָנווענדונג, ווערט ער פארזשאווערט אונ דארפ ארויסגעוואָרפנ ווערנ.
>
> וואָס איז אזוינס די ארבעטער־באוועגונג אָנ דעמ סאָציאַליזמ? א שיפ אָנ א קאָמפאס... פארייניקט זיי אָבער — וועט עס ווערנ א שיפ, וואָס יאָגט זיכ מיטנ ריכטיקנ וועג צומ צווייטנ ברעג, אונ ניט געקוקט אפ קיינע שום שטורעמס, דערגרייכט זי צומ האפנ[1]).

די „איסקרא“ האָט צעקלאפט דעמ עקאָנאָמיזמ, האָט אויפגעדעקט אונ דעמאסקירט די גאנצע שעדלעכקײַט פונ דער „סטיכיישקײַט“־טעאָריע, פונ דעמ „עקיזמ“.

דער קאמפ פונ דער „איסקרא“ מיט די אָפאָרטוניסטנ סײַ אינ רוסלאנד, סײַ אינ אנדערע לענדער, האָט געהאט א קאָלאָסאלנ אינטערנאציאָנאלנ באטײַט. די דײַטשישע בערנשטייניאנער, די פראנצויזישע מיליעראניסטנ, די רוסישע עקאָנאָמיסטנ, די אָפאָרטוניסטנ אינ ענגלאנד — זיי אלע פלעגנ פארקריפלענ דעמ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ אונ פלעגנ צוזאמענ פירנ א קאמפ קעגנ אימ. דעריבער האָט לענינ אינ זײַנ בראָשור „וואָס זאָל מענ טאָנ?“ געגעבנ צו פארשטיינ, אז אויב פריער איז דער קאמפ מיטנ אָפאָרטוניזמ אינ דײַטשלאנד, פראנקרײַכ, ענגלאנד, רוסלאנד געווענ א נאציאָנאלער קאמפ, האָט ער איצט „פונ א נאציאָנאלנ צומ ערשטנ מאָל זיכ פארוואנדלט אינ אנ אינטערנאציאָנאלנ“[2]).

אָנ דעמדאָזיקנ קאמפ האָט מענ אפילע ניט געקענט קלערנ וועגנ שאפנ א פראָלעטארישע פארטיי, וואָס זאָל קענענ ווערנ דער אָנפירער אונ אָרגאניזאטער פונ דער רעוואָליוציע.

אינעמ דאָזיקנ קאמפ איז די לענינישע ליניע פונ דער „איסקרא“ געווענ א ליניע אפ אנ אײַנרײַס אונ אפ א שפאלטונג מיט די אָפאָרטוניסטנ סײַ אינ רוסלאנד, סײַ אינ אנדערע לענדער. אינ דערזעלבער צײַט פלעגט לענינ מיט גרויס שארפקײַט ארויסטרעטנ קעגנ די, וואָס האָבנ פארנומענ אינ דעמדאָזיקנ קאמפ א שאָלעמ־מאכערישע ליניע, וואָס זײַנענ געווענ

[1]) Сталин, Вскользь о партийных разногласиях, стр. 13, 1905 г.

[2]) Ленин, т. IV, стр. 366.

קעגנ דעמ אָפּגרענעצנ זיכ פונ די אָפּאָרטוניסטנ, וואָס זײַנענ געווענ גענייגט אַפּ פּשאָרעס מיט זיי [1].

אָפּגעגרענעצט זיכ פונ די אָפּאָרטוניסטנ, האָט די „איסקרא" אופגעדעקט די פײַנטלעכקײַט פונ זייערע אָנשויונגענ פארנ ארבעטער־קלאס. די „איסקרא" האָט אויסגעארבעט א דײַטלעכע רעוואָליוציאָנערע פארטיי־ליניע, וואָס אַפּ איר באזע האָט זי געגומענ שאפנ די פּראָלעטארישע פארטיי.

די „איסקרא" איזווירקלעכ געווענ ניט בלויז דער אגיטאטער, נאָר אויכ דער אָרגאניזאטער פונ דער פארטיי. אינ רעזולטאט פונ איר אומגעהייער אָנגעשטרענג־טער ארבעט האָט די „איסקרא" געשאפנ די פארטיי, איז געוואָרנ איר טעאָרעטישער אונ פּראקטישער צענטער. זי האָט געהאָלפנ ליקווידירנ דעמ פעריאָד פונ קוסטארע־רײַ, ואקלונגענ אונ צעפּאָרנקײַט. דער קאָלאָסאלער פארדינסט פונ דער „איסקרא" איז באשטאנענ נאָכ אינ דעמ, וואָס זי האָט צוגעגרייט דאָס צונויפרופנ דעמ II פארטיי־צוזאמענפאָר. זי האָט צונויפגערופנ אינ נאָיאבער 1902 יאָר א קאָנפע־רענצ, אַפּ וועלכער ס'איז געשאפנ געוואָרנ אנ אָרגאניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט צו־געגרייט דעמ II פארטיי־צוזאמענפאָר.

דער II פארטיי־צוזאמענפאָר.

דער צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומענ אינ יול — אווגוסט 1903 יאָר אינ לאָנדאָנ [2].

אַפנ צוזאמענפאָר זײַנענ בײַגעווענ דעלעגאטנ, וואָס האָבנ געהאט 51 באשליסנ־דיקע שטימענ פונ 26 אָרטיקע קאָמיטעטנ אונ אויכ פאָרשטייערס פונ דער „איסקרא", פונעמ „בונד" אונ פונ די עקאָנאָמיסטנ. פונ אלע באשליסנדיקע שטימענ האָבנ 33 גע־הערט צו די „איסקרא"־אָרגאניזאציעס, 10—צו די וואקלדיקע אונ צו די, וואָס האָבנ זיכ ניט באשטימט (מ'האָט זיי אָנגערופנ „זומפּ"), אונ 8 שטימענ — צו די קעגנערס פונ דער „איסקרא", צו די אנטי־איסקראָווצעס; פונ רוסלאנד איז געווענ בלויז איינ עקאָנאָמיסט. אזויארומ האָט די מערהײַט דעלעגאטנ אַפנ צוזאמענפאָר געהערט צו די אָנהענגערס פונ דער „איסקרא". אזא באשטאנד פונעמ צוזאמענפאָר האָט איידעס געזאָגט וועגנ דעמ אנטשיידנדיקנ זיג פונ דער איסקרישער ליניע אינ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס פונ רוסלאנד אונ וועגנ דעמ קימאט פולשטענדיקנ ארויסשטויסנ די עקאָנאָמיסטנ.

דער צוזאמענפאָר האָט באהאנדלט די פארטיי־פּראָגראמ, וואָס ס'האָט אויסגעאר־בעט די „איסקרא". די פּראָגראמ האָט גערעדט וועגנ די גרונט־פּרינציפּנ פונ מארקס־ענגעלסנ וועגנ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, וועגנ דער נייטיקײַט אראָפּצוווארפנ די בורזשואזיע אונ אײַנצושטעלנ די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. צוגלײַכ דערמיט האָט די פּראָגראמ אָנגעוויזנ די נאָענטסטע פאָדערונגענ, פאר וועלכע די פארטיי דארפ קעמפנ, קעדיי אמגיכסטנ צו פארניכטנ די רעשטלעכ לײַבייגנטומ. אינעמ דאָזיקנ טייל האָט די פּראָגראמ געפאָדערט, ס'זאָל אראָפּגעוואָרפנ ווערנ די זעלבסטהערשונג, ס'זאָל אײַנגע־שטעלט ווערנ א רעפּובליק, ס'זאָל אײַנגעפירט ווערנ די פרײַהײַט פונ וואָרט, פארזאמ־לונגענ, פּרעסע, ס'זאָל פארווירקלעכט ווערנ אנ אכטשאָיִקער ארבעט־טאָג, מ'זאָל די פויערימ אומקערנ די „אָפּשניצלעכ" אונ ס'זאָלנ אָרגאניזירט ווערנ פויערשע קאָ־מיטעטנ.

אַפנ צוזאמענפאָר זײַנענ אַפּ דער פּראָגראמ אָנגעפאלנ די עקאָנאָמיסטנ אונ די בונדאָווצעס. סײַ די, סײַ יענע האָבנ אינ זייערע רעדעס געשטרעבט צו מאכנ צו נישט דעמ שארפ־רעוואָליוציאָנערנ כאראקטער פונ דער פּראָגראמ אונ האָבנ ארײַנ־געטראָגנ אָפּאָרטוניסטישע אויסבעסערונגענ. אקימאָוו־מאכנאָוועצ אליינ האָט ארײַנ־

---

1) אויכ דאָרטנ.

2) דער צוזאמענפאָר האָט זיכ געעפנט אינ בריוסעל (בעלגיע), אָבער דאָס שטענדיקע טשעפּענ זיכ פונ דער בעלגישער פּאָליציי האָט געצוווּנגענ אריבערצוטראָגנ די זיצונגענ פונעמ צוזאמענפאָר קיינ לאָנדאָנ.

געטראָגן 22 אויסבעסערונגען, שטרעבנדיק אַפּ אַן אָפּאָרטוניסטישן אויפן צו פֿאַר־קריפּלען דאָס איינעמ, דאָס א צווייטנ פּונקט פונ דער פּראָגראַמ. אָבער דידאָזיקע אַלע אויסבעסערונגען האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעוואָרפנ. באַזונדערע אָנפּאַלנ האָט ארויסגערופנ דער פּונקט וועגנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. סײַ די עקאָנאָ־מיסטנ, סײַ די בונדאָווצעס זײַנענ ארויסגעטראָטנ אינ אַנ איינהײַטלעכנ פראָנט קעגנ דעמ פּונקט וועגנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, דערווײַזנדיק, אַז דער קאַמפּ פאַרנ דעראָבערנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז אַנ איבעריקער אונ א שעדלעכער. דידאָזיקע אָפּאָרטוניסטנ האָבנ באַגרענעצט די אויפגאַבעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט מיטנ בלויזנ קאַמפּ פאַר א טיילווײַזער פאַרבעסערונג פונ זײַנ לאַגע אינ די ראַמענ פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. אינ דערדאָזיקער גרונט־פראַגע — וועגנ דער דיקטאַ־טור פונ פּראָלעטאַריאַט — האָבנ אַפּ דער פּאָזיציע פונ די אָפּאָרטוניסטנ זיכ אראָפּגע־קײַקלט אויכ אייניקע איסקראָווצעס פונ צווישנ די קומענדיקע מענשעוויקעס. אַזוי לעמאָשל, האָט טראָצקי דערקלערט, אַז די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט קענ פאַר־ווירקלעכט ווערנ בלויז דאַנ, ווענ דער ארבעטער־קלאַס וועט בילדנ די מערהײַט באַ־פעלקערונג אונ וועט קימאַט אינגאַנצנ ארײַנגייג אינ דער פּאַרטיי, ד. ה. ער האָט פּאַקטיש אָפּגעלייקנט די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. דאָסדאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע פאַרקריפּלענ די מאַרקסיסטישע לערע וועגנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט איז געווענ איינער פונ די אידייִשע קוואַלנ פונ טראָצקיס מענשעוויזמ, וואָס האָט אימ שפּעטער געבראַכט אינ לאַגער פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע.

דער II פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט — קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ — באַשטעטיקט אינ דער פּראָגראַמ דעמ פּונקט וועגנ דער דיקטאַ־טור פונ פּראָלעטאַריאַט אונ האָט איינשטימיק (ס'האָט זיכ אָפּגעהאַלטנ איינ אקימאָוו) אָנגענומענ דעמ פּראָגראַמ־פּראָיעקט, וואָס די „איסק־ראַ" האָט צוגעשטעלט.

אָבער דאָס איינשטימיקע אָנעמענ אפנ צוזאַמענפאָר די פּראָגראַמ האָט נאָכ ניט באַטײַט, אַז אַלע, וואָס האָבנ פאַר איר געשטימט, טײַטשנ זי אויפ אַלצײַנס. לענינ האָט געהאַלטנ, אַז די פּאַרטיי־פּראָגראַמ ווײַזט אָנ דעמ וועג פונ קאַמפּ פאַר א באַ־וואָפנטנ אויפשטאַנד, די זעלבסטהערשונג, פאַרנ אײַנשטעלנ די מאַכט פונ ארבעטער אונ פּויערימ אונ, ענדלעכ, פאַרנ אויסקעמפנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. גאָר אַנדערש האָט אַפּ דער פּראָגראַמ געקוקט דער אָפּאָרטוניסטישער טייל פונעמ צוזאַ־מענפאָר. יענע האָבנ געהאַלטנ, אַז די פּראָגראַמ רעדט בלויז וועגנ אײַנפירנ א קאָנסטי־טוציע, ד. ה. א בורזשואַזע פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק. אָפּלייקענענדיק פּאַקטיש די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, האָבנ די אָפּאָרטוניסטנ (צ.ב. יעגאָראָוו, מאַרטאָווס אַנ אָנהענגער) געזאָגט, אַז אויכ נאָכ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע וועט דאַרפנ בלײַבנ פאַר די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קלאַסנ דאָס שטימ־רעכט, אונ מאַרטאָוו האָט פאָרגעלייגט איבערצולאָזנ אינ זייערע הענט די פּרעסע, ד.ה. די צײַטונגענ, זשורנאַלנ א. ד. גל.

אינ אַנ ענגנ צוזאַמענהאַנג מיטנ פאַרשיידענעמ פאַרשטיינ די פּאַרטיי־פּראָגראַמ זײַנענ געווענ די מיינונג־פאַרשיידנקײַטנ אויכ אינ די פראַגעס וועגנ דער באַציִונג צומ פּויערטומ, צו די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ אונ צו די ליבעראַלנ.

אייניקע דעלעגאַטנ (יעגאָראָוו, מאַכאָוו) האָבנ פּאָשעט געטאָלדנ, אַז די פּאַרטיי דאַרפ זיכ ניט פאַרנעמענ מיט דער פּויערימ־פראַגע. זיי האָבנ געהאַלטנ, אַז דאָס פּויערטומ קענ ניט ארויסטרעטנ אַלס א פאַרבינדעטער פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינעמ קאַמפּ קעגנ דעמ צאַריזמ. דעריבער זײַנענ זיי געווענ קעגנ דעמ אַגראַר־טייל פונ דער פּראָגראַמ. דער צוזאַמענפאָר האָט אַנטשלאָסנ אָפּגעוואָרפנ דידאָזיקע אָפּאָר־טוניסטישע מיינונגענ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ די לענינישע אײַנשטעלונג, וועלכע האָט גע־שטעלט פאַר דער פּאַרטיי די אויפגאַבע — אויסצונוצנ ביזנ סאָפּ די רעוואָלי־ציאָנערע ענערגיע פונ די פּילמיליאָניקע מאַסנ פּויערטומ אינ

קאמפ קעגנ די פריצים און קעגנ דעם צאריזם און פאנאנדערצוינדנ דעם קלאסנקאמפ אינ דאָרפ.

אינ דער נאציאָנאלער פראגע האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ לעניני פאָדערונג וועגנ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס. דידאָזיקע פאָדערונג האָט באטײַט, אז יעדעס פאָלק האָט רעכט זעלבשטענדיק אָנצופירנ מיט זיך אליינ, אז קיינ איינ פאָלק טאָר ניט זײַנ אונטערדריקט דורכ אנדערע פעלקער. פאר רוסלאנד, ביפראט, האָט דאָס באטײַט, אז די רוסנ טאָרנ ניט מיט געוואלט האלטנ אונטערטעניק צענדליקער מיליאָנענ מענטשנ פונ אנדערע נאציאָנאליטעטנ. דידאָזיקע לענינישע פאָדערונג האָט געהאָלפנ פאנאנדערצובינדנ די רעוואָליוציאָנערע קויכעס פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ און זיי צו מאָביליזירנ צום קאמפ פארנ אראָפװארפנ דעם צאריזם, וועלכער איז געווענ די פעסטונג פונעם נאציאָנאלנ דרוק.

אינ קאמפ פאר דערדאָזיקער פאָדערונג האָט לענינ דעמאסקירט די אָפּאָרטוניסטישע פאָזיציע פונ די בונדאָווצעס און פונ די פוילישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ.

די בונדאָווצעס האָבנ פארטיידיקט די קליינבירגערלעכע נאציאָנאליסטישע אינטערעסנ, זיי האָבנ געשטרעבט אָפּצוזונדערנ די פראָלעטאריער פונ פארשיידענע נאציעס איינס פונעם אנדערנ, אײַנצושליסנ זיי אינ די ראמענ פונ אויסשליסלעכ נאציאָנאלע אינטערעסנ, אָפּצווענדנ זיי פונעם קלאסנקאמפ. פאקטיש פלעגנ זיי זיך אָפּזאָגנ פונעם קאמפ פארנ אראָפּװארפנ די זעלבסטהערשונג. פונ דער אנדערער זײַט, פלעגנ די פוילישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ, האלטנדיק זיך בא ר. ליוקסעמבורגס אָנשוינגענ אינ דער נאציאָנאלער פראגע, אויכ אָפּלייקענענ דעם רעוואָליוציאָנערנ באטײַט פונ דער פאָדערונג וועגנ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס. מאסקירנדיק זיך מיט „לינקע” פראזעס וועגנ דעם, אז דער פראָלעטאריאט דארפ קעמפנ בלויז פאר די פראָלעטארישע קלאסנ־אינטערעסנ, אז ער איז ניט פארינטערעסירט אינ דער נאציאָנאלער פראגע, פלעגנ דידאָזיקע „לינקע” אָפּציִענ דעם פראָלעטאריאט פונעם קאמפ פארנ פארניכטנ דעם נאציאָנאלנ דרוק, פלעגנ אָפּרײַסנ דעם פראָלעטאריאט פונ זײַנ פארבינדעטנ — פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ די אונטערדריקטע נאציעס. דערמיט גופא פלעגנ זיי אָביעקטיוו שטיצנ די הערשנדיקע נאציע אינעם פארקנעכטנ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ.

דער II פארטיי־צוזאמענפאָר האָט געגעבנ אנ אנטשיידנדיקנ אָפּשטויס סײַ די בונדישע, סײַ די פוילישע אָפּאָרטוניסטנ, אָנעמענדיק לענינס ליניע אינ דער נאציאָנאלער פראגע.

באם באהאנדלענ די פראגע וועגנ דער באציִונג צו די ליבעראלנ, האָט פּאָטרעסאָוו [1]) ארײַנגעטראָגנ א רעזאָליוציע, וואָס האָט אינ טאָכ געפאָדערט א פארשטענדיקונג מיט די ליבעראלנ און האָט פארשמירט זייער פארעטערישע ראָליע. פארנ העגעמאָנ אינ דער רעוואָליוציע האָט פּאָטרעסאָוו געהאלטנ די בורזשואזיע, און דעם פראָלעטאריאט האָט ער געוואָלט פארוואנדלענ אינ א צוגאָב צו דער בורזשואזיע. אפנ צוזאמענפאָר האָבנ פּאָטרעסאָווס רעזאָליוציע פארטיידיקט הויפּטזאכלעכ יענע דעלעגאטנ, וועלכע זײַנענ שפעטער געוואָרנ מענשעוויקעס.

א צווייטע רעזאָליוציע האָט פאָרגעלייגט פּלעכאנאָוו, לענינס אָנהענגערס האָבנ זי אונטערגעהאלטנ. זי האָט געפאָדערט אומראכמאָנעסדיק צו דעמאסקירנ די אנטירעוואָליוציאָנערע ראָליע פונ די ליבעראלנ. זי איז געווענ, ביפראט, געצילט קעגנ סטרוווענ, וועלכער איז צו יענער צײַט ענדגילטיק אוועק מיטנ וועג פונ א פארשטענדיקונג מיטנ צאריזם.

באם אָפּשטימענ די רעזאָליוציע האָבנ די שטימענ פונ די דעלעגאטנ זיך צעטיילט קימאט אפ דער העלפט, און דעריבער האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ ביידע רעזאָליוציעס. שפעטער, אפנ III צוזאמענפאָר, ווו ס'זײַנענ געווענ בלויז באָלשעוויקעס, איז די פּאָטרעסאָווישע רעזאָליוציע אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ.

אזויארום האָט זיך באם באהאנדלענ די פארטיי־פראָגראם און די טאקטישע רעזאָליוציעס אָפּנ אויסגעקלאָרט, אז בלויז לענינ און זײַנע אָנהענגערס (גוסיעוו,

---

1) איינער פונ די רעדאקטערס פונ דער „איסקרא”, שפעטער א מענשעוויק.

זעמליאטשקא, נ. באומאנ, קראסיקאָוו און אנד.) זײַנען פּראָלעטארישע רעוואָליוציאָנערנ, די „ווייכע“ איסקראָווצעס אָבער (מארטאָוו, פּאָטרעסאָוו און אנד.), קעגנ וועלכע לענינ האָט געפירט א קאמפּ נאָכ ביזנ צוזאמענפאָר אינ דער רעדאקציע „איסקרא“, וואקלענ זיכ אינ דער זײַט פונ די אָפּענע אָפּאָרטוניסטנ — די עקאָנאָמיסטנ.

אנ ענדגילטיקע פאנאנדערגרענעצונג צווישנ די דעלעגאטנ איז פאָרגעקומענ באמ באהאנדלענ דעמ פּארטיי־סטאטוט. די אָרגאניזאציאָנעלע פראגע האָט געהאט א באשליסנדיקנ באטײַט אינעמ קאמפּ פארנ שאפנ די פּארטיי פונעמ נײַעמ טיפּ. באמ באהאנדלענ דידאָזיקע פראגע זײַנענ די „ווייכע“ איסקראָווצעס אָפּ און אינגאנצנ איבערגעגאנגענ אפ דער פּאָזיציע פונ די עקאָנאָמיסטנ.

ו. לענינ.   ג. פּלעכאנאָוו.   פּאוולאָוויטש (קראסיקאָוו)

דער פּרעזידיומ פונ II פּארטיי־צוזאמענפאָר.

וועגנ דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע האָט זיכ אפּנ צוזאמענפאָר פאנאנדערגעוויקלט א קאמפּ צווישנ די צוויי אינ גרונט זיכ פאנאנדערגייענדיקע ליניעס. איינע פונ זיי איז געווענ לענינס ליניע, די אנדערע האָט פארייניקט אלע אָפּאָרטוניסטנ — פונ מארטאָוונ, טראָצקינ, פּאָטרעסאָוונ ביז די עקאָנאָמיסטנ.

דער לענינישער ליניע אפ א באוואָפנטנ אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג, אפנ אײַנשטעלנ די מאכט פונ ארבעטער און פּויערימ און דערנאָכ אפנ דעראָבערנ די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט — האָבנ אנטשפּראָכנ אויכ באשטימטע אָרגאניזאציאָנעלע פּרינציפּנ פונ פּארטיי־בויונג. דידאָזיקע פּרינציפּנ האָט לענינ אויסגעארבעט אינעמ סטאטוט־פּראָיעקט, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט דעמ צוזאמענפאָר. דערדאָזיקער סטאטוט־פּראָיעקט האָט באוואָרנט דאָס אופבויענ א קעמפערישע, דיסציפּלינירטע, צענטראליזירטע פּארטיי — א פּראָלעטארישע לויט איר באשטאנד, מיט א קלאָרנ גרענעצ צווישנ פּארטיי־מיטגלידער און אומפּארטייִשע. בלויז אזא פּארטיי האָט געקענט אָנפירנ מיטנ פּראָלעטאריאט און מיטנ פּויערטומ אינ זייער רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ.

דער לענינישער ליניע איז געווענ קעגנגעשטעלט א ליניע אפ אײַנפירנ א קאָנסטיטוציע און אפ אײַנשטעלנ א בורזשואזע פארלאמענטארישע רעפּובליק. דער ליניע פונ די אָפּאָרטוניסטנ האָט אנטשפּראָכנ דער פּלאנ צו שאפנ א פרידלעכע, פּארלאמענטארישע פּארטיי, לויטנ טיפּ פונעמ II אינטערנאציאָנאל. דאָס איז געווענ ניט עפּעס אנדערש ווי אָפּאָרטוניזמ אינ דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע.

שוינ באמ באהאנדלענ דעמ ערשטנ פּאראגראפ פונעמ סטאטוט האָבנ זיכ אפּנ צוזאמענפאָר אָנגעמערקט צוויי שטאנדפּונקטנ אפ דער פּארטיי־בויונג: פונ איינ זײַט — דער לענינישער, און פונ דער אנדערער זײַט — דער שטאנדפּונקט פונ מארטאָוונ, אקסעלראָדנ, טראָצקינ, פּאָטרעסאָוונ און אנדערע.

לענינס אומשטערבלעכער וועלט־היסטאָרישער פאַרדינסט איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס באַמ באַהאַנדלענ דעמ 1־טנ פאַראַגראַפ פונעמ סטאַטוט האָט ער, אַלס געניאַלער פירער פונעמ פראָלעטאַריאַט, אויפגעדעקט די גאַנצע טיפ פונ די מיינונג־פאַרשיידנקייטנ, האָט אַנטבלויזט דעמ פאָליטישנ זינ אונ די קלאַסנ־וואָרצלענ פונעמ אָפאָרטוניזמ פונ די מענשעוויקעס אינ די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגעס.

אינ זיינ פראָיעקט פונעמ 1־טנ פאַראַגראַפ פונעמ סטאַטוט האָט לענינ אָנגעוויזנ, אַז אַ פאַרטיי־מיטגליד קענ זיינ נאָר דער, וואָס אַנערקענט די פראָגראַמ פונ דער פאַרטיי, צאָלט מיטגליד־אָפצאָלנ, גייט אַריינ אינ איינער פונ די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אונ פירט אַנ אַקטיווע אַרבעט אינ דער פאַרטיי. מיט דער דאָזיקער פאָרמולירונג וועגנ דעמ, ווער ס'איז אַ פאַרטיי־מיטגליד, האָט לענינ פאַרפעסטיקט דאָס שאַפנ די פראָלעטאַרישע פאַרטיי פונעמ נייעמ טיפ, האָט געשאַפנ „אַנ אָרגאַניזאַציאָנעלע צוימ" (סטאַלינ) קעגנ דעמ אָנגעלאָפ פונ קליינבירגערלעכע עלעמענטנ אינ דער פאַרטיי.

„אונדזער אויפגאַבע,— האָט געזאָגט לענינ,— איז איינצוהיטנ די פעסטקייט, אויסגעהאַלטנקייט, ריינקייט פונ אונדזער פאַרטיי. מיר דאַרפנ זיכ שטאַרקנ אויפהייבנ דעמ נאָמענ אונ דעמ באַטייט פונ אַ פאַרטיי־מיטגליד העכער, העכער אונ העכער", וואָרעמ „מע טאָר ניט פאַרגעסנ, אַז יעדער פאַרטיי־מיטגליד איז פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר דער פאַרטיי, אונ די פאַרטיי איז פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר יעדנ מיטגליד" [1].

מאַרטאָוו אָבער האָט געהאַלטנ, אַז פונ אַ פאַרטיי־מיטגליד דאַרפ מענ ניט פאָדערנ, ער זאָל אומבאַדינגט אַריינגיינ אינ אַ פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אונ זאָל פירנ אינ איר אַנ אַרבעט. זיינ פאָרמולירונג האָט געפאָדערט פונ אַ פאַרטיי־מיטגליד צו אַנערקענענ די פאַרטיי־פראָגראַמ אונ „מיטצוהעלפנ" דער פאַרטיי. אָבער „מיטהעלפנ" דער פאַרטיי פלעגנ דעמאָלט אַפילע ווייט ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ. דערמיט האָט מאַרטאָוו, אַזויאַרומ, געפרואווט עפענענ די טירנ אינ דער פאַרטיי אַריינ פאַר פרעמדע עלעמענטנ, וואָרעמ יעדערער, וואָס האָט צופעליק געהאָלפנ דער אָדער יענער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט געזאָלט באַקומענ אַ מעגלעכקייט צו זיינ אַ גלייכבאַרעכטיקטער פאַרטיי־מיטגליד אונ אויפצוווירקנ אַפ איר פאָליטיק. מאַרטאָוו האָט געוואָלט געבנ אַ מעגלעכקייט אַלע קליינבירגערלעכע עלעמענטנ צו פאַררעכענענ זיכ פאַר פאַרטיי־מיטגלידער.

אויסבויענ אַ פעסטע, מאָנאָליטע, צענטראַליזירטע פאַרטיי, אַרויסגייענדיק פונ מאַרטאָווס איינשטעלונגענ, האָט מענ ניט געקענט, וואָרעמ די פאַרטיי־מיטגלידער האָבנ געקענט ניט זיינ אינ קיינ איינער פונ די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. מאַרטאָוו האָט אָפגעווישט דעמ גרענעצ צווישנ אַ פאַרטייישנ אונ אַנ אומפאַרטייישנ, צווישנ דער פאַרטיי אונ דעמ קלאַס. מאַרטאָווס פאָרמולירנ דעמ ערשטנ פאַראַגראַפ פונ סטאַטוט האָט אַנטשפּראָכנ דעמ פרינציפ פונ בויענ אַ פאַרטיי לויטנ טיפ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל.

אַקסעלראָד, טראָצקי, די עקאָנאָמיסטנ אונ די בונדאָווצעס האָבנ העפטיק אָפגעשטיצט מאַרטאָווס פאָרמולירונג, דערפאַר וואָס זיי איז פרעמד צוזאַמענפאָר געקעמפט פאַר מאַרטאָווס פאָרמולירונג, דערפאַר וואָס זיי איז פרעמד געווענ די אידיי פונ אַ פאַרטיי פונעמ נייעמ טיפ — פונ אַ קעמפערישער, מאָנאָליטער, דיסציפלינירטער פאַרטיי, מיט אַ פראָלעטאַרישנ באַשטאַנד אונ מיט אַ צענטראַליזירטער אָנפירונג. פלעכאַנאָוו, וועלכער האָט ניט צוגעגעבנ קיינ אַנטשלייסנדיקנ באַטייט דער פאָרמולירונג פונעמ ערשטנ פאַראַגראַפ פונעמ סטאַטוט, האָט פריער זיכ געוואַקלט, דערנאָכ אונטערגעהאַלטנ לענינענ. אָבער, ווי ס'איז זייער גיכ נאָכנ צוזאַמענפאָר קלאָר געוואָרנ, איז פלעכאַנאָוו פאַקטיש געווענ קעגנ די לענינישע פרינציפנ פונ בויענ אַ פראָלעטאַרישע פאַרטיי.

---

[1] Ленин, т. VI, стр. 33.

דער רעזולטאט איז געווען, אז כאָטש דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען אין גרונט דעם לעניניש פארטיי־סטאטוט, האָבן דאָך די אָפּאָרטוניסטן דורכגעפירט דעם ערשטן פאראגראף פונעם סטאטוט אין דער מארטאָווישער פאָרמולירונג. דערדאָזיקער פונקט איז פארביטן געוואָרן אפן לעניניש פונקט ערשט אפן III פארטיי־צוזאמענפאָר אין 1905 יאָר.

דער צוזאמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען פונעם „בונד", וועלכער האָט געוואָלט אריינטרעטן אין רסדא"פּ, בלײַבנדיק אין דערזעלבער צײַט אן אָפּגעזונדערטע, זעלבשטענדיקע פארטיי פונעם יידישן פראָלעטאריאט, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן דעם אייגהײַטלעכן צענטער. דער צוזאמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכן, אז דידאָזיקע פאָדערונג פונעם „בונד" איז געצילט קעגן דעם שאפן אן אייגהײַטלעכע, פעסטע, מאָנאָליטע פארטיי, אָנגעפירט פון איין צענטער. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אז די פאָדערונג פון „בונד" פארגעזעצלעכט די צעשפליטערטקײַט, קרײַזלדיקײַט און נאציאָנאלע אָפּגעזונדערטקײַט. דעם „בונד" איז פאָרגעלייגט געוואָרן אריינצוגיין אין דער פארטיי מיט דער פליכט אויסצופילן אלע באשלוסן פונעם פארטיי־צ"ק, איבערלאָזנדיק פאר זיך דאָס רעכט זעלבשטענדיק צו לייזן אָרטיקע פראגעס.

די פאָרשטייערשאפט פונעם „בונד" האָט זיך אָפּגעזאָגט זיך אונטערצווארפן דעם־דאָזיקן באשלוס פונעם צוזאמענפאָר. אלס פראָטעסט האָבן די בונדאָווצעס פארלאָזט דעם צוזאמענפאָר. ס'זײַנען אוועק אויך די פאָרשטייערס פון די עקאָנאָמיסטן, נאָך דעם, ווי דער צוזאמענפאָר האָט פאנאנדערגעלאָזט זייער פראקציאָנעלע אָרגאניזאציע („פארבאנד פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטן"), וואָס האָט עקזיסטירט אין אויסלאנד.

דער צוזאמענפאָר האָט אנערקענט די ריכטונג פון דער „איסקרא" אלס די פארטיי־ריכטונג און האָט באשטעטיקט די „איסקרא" פארן צענטראלן פארטיי־אָרגאן (צ"אָ). דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעוויילט א צ"ק און דעם באשטאנד פון דער רעדאקציע „איסקרא". בא די וואלן אין צ"ק און אין צ"אָ איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע שפאלטונג צווישן די צוזאמענפאָר־דעלעגאטן. נאָך דעם, ווי ס'זײַנען פונעם צוזאמענפאָר אוועק די דעלעגאטן פון „בונד" און פונעם „פארבאנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטן", האָבן לעניניסן אָנהענגער באקומען בא די וואלן א מערהײַט,— דערפון שטאמט זייער נאָמען „באָלשינסטוואָ" (מערהײַט), אָדער באָלשעוויקעס. מארטאָווס אָנהענגער זײַנען געבליבן אין דער מינדערהײַט,— דערפון שטאמט זייער נאָמען מענשעוויקעס.

דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעקליבן אין רעדאקציע פונעם צענטראל־אָרגאן (צ"אָ) לענינען, פלעכאנאָוון און מארטאָוון. אָבער מארטאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט אריינצוטרעטן אין דער רעדאקציע „איסקרא" איבערן דורכפאל פון די מענשעוויקעס בא די וואלן אין די צענטראל־אָרגאנען. אין צ"ק האָט דער צוזאמענפאָר אויסגעקליבן דרײַ באָלשעוויקעס: לענגניקן, קרזשיזשאנאָווסקין און נאָסקאָוון[1].

דער אינטערנאציאָנאלער באטײַט פונעם II צוזאמענפאָר.

דער II פארטיי־צוזאמענפאָר האָט א קאָלאָסאלן אינטערנאציאָנאלן באטײַט. ער איז געווען א קער־פונקט אין דער אנטוויקלונג פון דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אין 1903 יאָר האָט לענין אפ דער פעסטער באזע פון מארקסיזם געשאפן א זעלבשטענדיקע פארטיי — די פארטיי באָלשעוויקעס. דאָס איז געווען א פראָלעטארישע פארטיי פונעם נײַעם טיפ — די לענינישע פארטיי, וואָס איז געוואָרן דער פירער ניט בלויז פונעם רוסלענדישן, נאָר אויך פונעם אינטערנאציאָנאלן פראָלעטאריאט. דאָס איז געווען די ערשטע

---

[1]) נאָכן צוזאמענפאָר איז דער באשטאנד פון צ"ק פארברייטערט געוואָרן, און עס זײַנען אין אים אריין אויך לענין, קראסין, זעמליאטשקא און אנד.

פּאַרטײ אינ דער װעלט, װאָס, שטיצנדיק זיכ אָפ דער דערפאַרונג פונ די פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער, האָט זי פאַרגעזעצט די אַרבעט פונעמ „קאָמוניסטנ־פאַרבאַנד“ אונ פונעמ I אינטערנאַציאָנאַל, װאָס מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ זײ געשאַפנ אונ מיט זײ אָנגעפירט.

דער אומגעהײער גרױסער װעלט־היסטאָרישער באַטײַט פונעמ II צוזאַמענפאָר באַשטײט אינ דעמ, װאָס, אױספירעמענדיק די באָלשעװיסטישע פּאַרטײ, האָט לענינ געשאַפנ אַנ אײַזנפעסטנ שטיצפונקט פאַר דער װײַטערדיקער אַנטװיקלונג אונ פאַרנ טריומפ פונעמ מאַרקסיזמ־לעניניזמ.

די פּראָגראַמ, װאָס איז אָנגענומענ געװאָרנ אַפנ צוזאַמענפאָר, האָט פאָרגעזעצט מאַרקס־ענגעלסעס ליניע אונ איז געװענ די ערשטע אונ די אײנציקע פּראָגראַמ אינעמ גאַנצנ II אינטערנאַציאָנאַל, אינ װעלכער ס'איז קלאָר געזאָגט געװאָרנ, אַז די גרונט־אױפגאַבע פונעמ אַרבעטער־קלאַס איז דער קאַמפ פאַר דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

דער פּאַרטײ־סטאַטוט, װאָס לענינ האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט, איז געװענ דער אײנציקער דאָקומענט נאָכנ סטאַטוט פונעמ I אינטערנאַציאָנאַל, װאָס האָט געשטעלט די אױפגאַבע אױפצובױענ אַ װירקלעכ־רעװאָליוציאָנערע פּאַרטײ. דאָס איז געװענ אַ סטאַטוט, װאָס האָט פאַרפעסטיקט דאָס שאַפנ אַ פּאַרטײ אָפ די יעסודעס, װאָס לענינ האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אינ זײַנ בראָשור „װאָס זאָל מענ טאָנ?“

אינ זײַנע באַשלוסנ האָט דער צוזאַמענפאָר פאַרפעסטיקט דעמ פולשטענדיקנ זיג איבערנ עקאָנאָמיזמ. די שפּאַלטונג אַפנ צוזאַמענפאָר האָט אױפגעשטעלט פאַר די באָלשעװיקעס די אױפגאַבע אומראַכמאָנעסדיק צו קעמפנ קעגנ דער נײַער פאָרמע פונ אָפּאָרטוניזמ — קעגנ דעמ מענשעװיזמ.

די באָלשעװיקעס האָבנ זיכ אױסגעפאָרמירט אינ 1903 יאָר אינ אַ זעלבשטענדיקער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ. „דער באָלשעװיזמ עקזיסטירט, װי אַ שטרעמונג פונעמ פּאָליטישנ געדאַנק אונ װי אַ פּאָליטישע פּאַרטײ, פונעמ 1903 יאָר אָנ“ [1], — האָט געשריבנ לענינ. אָבער, פירנדיק אַנ אומראַכמאָנעסדיקנ קאַמפ קעגנ די מענשעװיקעס, זײַנענ די באָלשעװיקעס אינ דערװײַלער צײַט אַרײַנגעגאַנגענ אינ דער רסדא״פּ, װי אײנע פונ די פראַקציעס פונ דער פאָרמעל אײנהײַטלעכער רסדא״פּ. לענינ איז אָפ דעמ געגאַנגענ מיטנ אײנעמ ציל: אינ דער פּראַקטישער אַרבעט אָפ די ערטער צו דעמאַסקירנ די מענשעװיקעס אינ די אױגנ פונ די אַרבעטער, װעלכע האָבנ זײ נאָכ געגלײבט, אָפנעמענ בײַ די מענשעװיקעס יעטװידנ אײַנפלוס אינ דער אַרבעטער־מאַסע, צוציִענ אָפ דער באָלשעװיסטישער זײַט דעמ טײל אַרבעטער, װאָס איז געגאַנגענ נאָכ די מענשעװיקעס, אונ פאַרטרײַבנ דאָס דעמאַסקירטע מענשעװיסטישע קעפּל פונ דער רסדא״פּ.

דערפירנדיק דעמ קאַמפ קעגנ די מענשעװיקעס אַפנ II צוזאַמענפאָר ביז אַ צעשפּאַלטונג, האָבנ די באָלשעװיקעס אָנגעװיזנ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַריאַט, אַז אַ שפּאַלטונג מיט די אָפּאָרטוניסטנ איז דער אײנציקער װעג אָפ צו פאַרפעסטיקנ אַ װירקלעכ רעװאָליוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטײ.

די פּאַרטײ װערט פאַרשטאַרקט דורכ דעמ, װאָס זי רײניקט זיכ אָפּ פונ די אָפּאָרטוניסטנ. אונטער דערדאָזיקער פאָנ האָט לענינ באַהעפט די פעסטע, קאָנסעקװענטע איסקראָװוצעס נאָכ לאַנג בײַנ II צוזאַמענפאָר.

דורכפירנדיק אַ שפּאַלטונג מיט די מענשעװיקעס, װאָס זײַנענ געװענ די רוסלענדישע פאָרמע פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ אָפּאָרטוניזמ, האָבנ די באָלשעװיקעס גלײַכצײַטיק געפירט אַ ליניע אָפ אײַנצורײַסנ מיטנ אָפּאָרטוניזמ אינ דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַװעגונג. דאָס אױספאָרמירנ אַפנ II צוזאַמענפאָר דעמ באָלשעװיזמ, אַלס אַ פּאַרטײ פונעמ נײַעמ טיפּ, האָט געגעבנ אַ גרױסנ קלאַפּ דעמ אָפּאָרטוניזמ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל. דעריבער איז ניט צופעליק, װאָס באַלד נאָכנ צוזאַמענפאָר זײַנענ

[1]) Ленин, т. XXV, стр. 174.

קעגנ די באָלשעוויקעס ארויסגעטראָטנ די אָנפירערס פונעמ II אינטערנאציאָנאל. קאוטסקי האָט זיכ אינגאנצנ געשטעלט אפ דער זייט פונ די מענשעוויקעס. ראָזע ליוקסעמבורג — איינע פונ די אָנפירערס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אינ פוילנ אונ ליטע אונ אנ אָנגעזעענע טוערנ פונעמ II אינטערנאציאָנאל — פלעגט פירנ א קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אינ דייטשלאנד. זי האָט געפאָדערט, מע זאָל אויסשליסנ בערנשטייננ פונ דער פארטיי. אינ דערזעלבער צייט האָט אָבער ראָזע ליוקסעמבורג אינ די גרונט־פראגעס, וואָס האָבנ געבראכט צו דער שפאלטונג אינ רסדא"פ, אונטערגעהאלטנ די מענשעוויקעס. זי האָט געלייקנט אינ דער נייטיקייט פונ א פארטיי פונ באָלשעוויסטישנ צענטראליזמ, פונ אנ אייזערנער דיסציפלינ; זי איז געווענ קעגנ דעמ, מע זאָל דערפירנ דעמ קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ ביז א שפאלטונג מיט אימ.

דער קאמפ פונ דער פארטיי באָלשעוויקעס קעגנ די מענשעוויקעס אונ קעגנ די שאָלעמ־מאכערס נאָכנ II צוזאמענפאָר.

נאָכנ צוזאמענפאָר האָט לענינ פאָרגענומענ אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ די מענשעוויקעס, פארנ אויספילנ די באשלוסנ פונעמ II צוזאמענפאָר. די מענשעוויקעס

אנ אונטערערדישע דרוקערײַ אפ ליעסנאיא גאס אינ מאָסקווע.

האָבנ פונ אָנהייב אָנ פארנומענ אנ אויסגעשפראָכנ אנטיפארטייִשע ליניע, וואָס איז געווענ געצילט אפ אראָפּצורייסנ דידאָזיקע באשלוסנ. ווי מארטאָוו האָט דערקלערט, האָבנ זיי „אופגעהויבנ אנ אופשטאנד קעגנ דעמ לעניניזמ". די מענשעוויקעס האָבנ אויסגעפאָרמירט זייער אָנפירנדיקנ צענטער — די מינדערהייט־ביוראָ — אונ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ יעטווידער ארבעט אינ צ"אָ אונ אינ צ"ק. זיי האָבנ פאנאנדערגעשיקט זייערע באפולמעכטיקטע איבער רוסלאנד, זיכ געפרווט אופצושטעלנ די פארטיי־קאָמיטעטנ קעגנ די באשלוסנ פונעמ II צוזאמענפאָר. אפנ צוזאמענפאָר פונ די מיטגלידער פונ די אויסלענדישע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע גרופעס, וואָס איז פאָרגעקומענ נאָכנ II צוזאמענפאָר, האָט זיכ זיי איינגעגעבנ דורכצופירנ א רעזאָליוציע וועגנ אומצוטרוי צומ צ"ק.

4.....о98

ענדלעכ, האָט פּלעכאַנאָוו, נאָכדעם ווי ער האָט זיכ צוויי כאַראַשימ געוואקלט, באַשלאָסנ שאָלעמ צו מאכנ מיט די מענשעוויקעס און האָט ארויסגעשטעלט לענינענ א פאָדערונג ארייַנצופירנ אינ דער רעדאקציע „איסקרא" דעמ אלטנ באשטאנד אירנ פונ פארנ צוזאמענפאָר, יענע געוועזענע מיטגלידער אירע, וואָס דער פּארטיי־צוזאמענפאָר האָט זיי ניט אויסגעוויילט. לענינ האָט געהאלטנ, אז דערמיט ווערט געבראָכנ דער ווילנ פונעמ פארטיי־צוזאמענפאָר, און האָט געשטעמפּלט פּלעכאנאָווס פאָרשלאָג ווי א קאפּיטוליאציע פאר די מענשעוויקעס. דערדאָזיקער פאראט פּלעכאנאָווס איז געווענ פארבונדנ מיט זייַנע אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ אינ דער פארגאנגענהייַט — מיט זייַנ פּאָזיציע, וואָס ער האָט געהאט פארנומענ נאָכ בײַנ II צוזאַמענפאָר, אינ די 90־ער יאָרנ און אינ דער רעדאקציע „איסקרא".

י. וו. סטאלינ אינ די 900־ער יאָרנ.

ניט וועלנדיק צודעקנ די אָפּאָרטוניסטישע, דעזאָרגאניזאטארישע ארבעט פונ די מענשעוויקעס און פאָרזעצנדיק די ליניע אפ א שפּאלטונג מיט זיי, איז לענינ ארויסגעטראָטנ (דעמ 1 נאָיאבער) פונעמ באשטאנד פונ דער רעדאקציע „איסקרא". אינ דער רעדאקציע איז געבליבנ איינ פּלעכאנאָוו, וועלכער האָט אפ זייַנ אכרייַעס ארייַנגעפירט א ריי מענשעוויקעס — מארטאָוונ, אקסעלראָדנ, פּאָטרעסאָווג, זאסוליטש. די מענשעוויקעס האָבנ אזוי־ארומ פארכאפּט די „איסקרא" און זי פארוואנדלט אינ אנ אָרגאנ פונ זייער מענשעוויסטישער פארטיי.

אפ די שפּאלטנ פונ דערדאָזיקער נייַער, מענשעוויסטישער „איסקרא" האָבנ די מענשעוויקעס אָנגעהויבנ אָפּנ אריבערצוגייַנ פונ אָפּאָרטוניזמ אינ די אָרגאניזאציאָנעלע פראגעס צומ אָפּאָרטוניזמ אינ די פראגעס פונ טאקטיק און פּראָגראמ, זיכ אראָפּקייַקלענדיק אלצ מער און מער צו די עקאָנאָמיסטנ. אָפּוואַרפנדיק פאקטיש די העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאריאט, האָבנ די מענשעוויקעס געוואָלט פארוואנדלענ דעמ פּראָלעטאריאט אינ א צוגאָב צו דער בורזשואזיע. זיי פלעגנ פּריידיקנ א בונד מיט דער בורזשואזיע און פלעגנ לייקענענ אינ דער רעוואָליוציאָנערער ראָליע פונעמ פּויערטומ. זיי פלעגנ ארויסטרעטנ קעגנ אופבויענ די פּארטיי אפ יענע יעסוידעס, וועלכע ס'האָט פארטיידיקט די לעניניסטישע „איסקרא" בײַנ צוזאמענפאָר. אינ זייַנ בראָשור „אונדזערע פּאָליטישע אופגאבעס", וועלכע ער האָט געווידמעט זייַנ „טייַערנ לערער פּ. אקסעלראָדנ", האָט טראָצקי געקעמפּט קעגנ אופבויענ א צענטראליזירטע, אייַזערנע, דיסציפּלינירטע פּארטיי. ער האָט פארטיידיקט און זיכ געפּרווט דערוויַזנ, אז ס'איז געזעצלעכ די עקזיסטענצ פונ פראקציעס, גרופּירונגענ און דאָס צוזאמענלעבנ אינ איינ פּארטיי פאר רעוואָליוציאָנערנ מיט אָפּאָרטוניסטנ. ער האָט געהעצט די מאסנ קעגנ דעמ פּארטיי־אפּאראט און קעגנ דעמ פּארטיי־פירער — לענינענ.

דידאָזיקע טראָצקיס אָנשוויונגענ זייַנענ ארויסגעדרונגענ פונ זייַנ לייקענענ אינ דער נייטיקייַט פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. פאר דעמ, וואָס האָט געלייקנט אינ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, איז בעעמעס ניט נייטיק געווענ קיינ פּארטיי, וואָס איז געבויט אפ די לענינישע אָרגאניזאציאָנעלע יעסוידעס.

ר. זעמליאַטשקאַ.



מ. ליטווינאָוו.

א. ריקאָוו.

ס. גוסיעוו.

פּ. רומיאַנצעוו.

א. באָגדאַנאָוו.

מ. ליאַדאָוו.

די ביוראָ פון די מערהייט־קאָמיטעטן.

די אָנשויונגען פונ די מענשעוויקעס האָבנ פאָרגעשטעלט מיט זיכ א דירעקטנ אָפּזאָג פונ די אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפּנ פונ דער אלטער „איסקרא“. די מענשעוויקעס פלעגנ אַליינ אונטערשטרײַכנ, אז „צווישנ דער אלטער און נײַער „איסקרא“ ליגט אנ אָפּגרונט“. (טראָצקי).

זייער אָפּאָרטוניסטישע ליניע האָבנ די מענשעוויקעס מאסקירט מיט רעכילעסדיקע געשרייענ וועגנ „דיקטאטערישקײַט“, וועגנ „לענינס פערזענלעכער פארביטערטקײַט“, וועגנ שאפנ „באלאגערונג־צושטאנד“ אינ דער פארטיי. דיזעלביקע באשולדיקונגענ פלעגנ די אָפּאָרטוניסטנ אינ דער געשיכטע אסאכ מאָל ארויסשטעלנ, פריער קעגנ מארקסנ — ענגעלסנ, שפעטער—קעגנ לענינענ, און ענדלעכ, אינעם לעצטנ פעריאָד—קעגנ סטאלינענ.

א גלענצנדיקנ ענטפער אפ דערדאָזיקער רעכילעס אפ דער פארטיי האָט געגעבנ לענינ נאָכ אפנ II פארטיי־צוזאמענפאָר. לענינ האָט געזאָגט:

„בענעגייע די ניט־שטאנדהאפטיקע און וואקלדיקע עלעמענטנ איז ניט נאָר מיר מעגנ — מיר זײַנענ מעכויעוו צו שאפנ א „באלאגערונג־צושטאנד“, און אונדזער גאנצער פארטיי־סטאטוט, אונדזער גאנצער אפנ צוזאמענפאָר איצט באשטעטיקטער צענטראליזם איז ניט עפּעס אנדערש ווי א „באלאגערונג־צושטאנד“ פאר די אזוי פילצאָליקע קוואלנ פונ פּאָליטישער צעפלאָסנקײַט“ [1].

די באָלשעוויקעס האָבנ געגעבנ אנ אנטשיידנדיקנ אָפּשטויס די מענשעוויקעס און זייערע פארטיידיקערס. אינ זײַנ ארבעט „איינ טריט פאָרויס—צוויי טריט צוריק“ האָט לענינ אינ 1904 יאָר געגעבנ א פארניכטנדיקע כאראקטעריסטיק דער פראקציאָנעלער ארבעט פונ די מענשעוויקעס און האָט באוויזנ, אז די שפּאלטונג אפנ II צוזאמענפאָר איז ניט געווענ קיינ צופעליקע.

דער „עקאָנאָמיזם“,—האָט לענינ שפּעטער געשריבנ,—האָט זיכ פארוואנדלט אינ „מענשעוויזם“. דאָס קעמפנ פאר דער רעוואָליוציאָנערער טאקטיק פונ דער אלטער „איסקרא“ האָט באשאפנ דעם „באָלשעוויזם“ [2].

טאָג־איינ, טאָג־אויס פלעגט לענינ באהעפטנ ארום זיכ דעמ גרונט־קערנ פונ די טרײַע באָלשעוויקעס און פירנ אנ אקשאָנעסדיקנ קאמפּ אפ צו געווינענ די פארטייישע מאסנ. ער פלעגט שרײַבנ א קאָלאָסאלע צאָל ארטיקלענ און רעזאָליוציעס, וועלכע ער פלעגט, ניט געקוקט אפ דער גאנצער שווערקײַט, אריבערשיקנ קיינ רוסלאנד. אינ דערזעלבער צײַט פלעגט לענינ פירנ זייער אנ ענערגישע ארבעט צווישנ יענע פארטיי־מיטגלידער, וועלכע פלעגנ צו אימ קומענ קיינ אויסלאנד, שטרעבנדיק אויסשמידנ פונ זיי שטאנדהאפטיקע באָלשעוויקעס. צווישנ די, וואָס פלעגנ קומענ צו פאָרנ פונ רוסלאנד, זײַנענ אָפטמאָל געווענ מענטשנ, וואָס האָבנ ניט געוווסט אלע סיבעס פונ דער שפּאלטונג. זיי פלעגנ קומענ צו די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, פלעגנ אויסהערנ אי די, אי יענע, דערנאָכ פלעגנ זיי באשליסנ. עס פלעגנ זײַנ „צורפעליקע“ מענשעוויקעס, זיי האָט מענ באדארפט אויסקעמפנ. עס פלעגנ זײַנ מענטשנ, וואָס האָבנ צוערשט זיכ ניט פאנאנדערגעקליבנ, און שפעטער פלעגנ זיי בײַטנ די פּאָזיציע.

אינ עטלעכע כאדאָשים ארום נאָכנ II צוזאמענפאָר האָבנ די באָלשעוויקעס געמענ פאָדערנ, ס'זאָל צונויפגערופנ ווערנ א נײַער, דער III צוזאמענפאָר, דערקלערנדיק, אז די מענשעוויקעס רײַסנ אראָפּ און סאבאָטירנ די באשלוסנ פונעמ II צוזאמענפאָר. די באָלשעוויקעס האָבנ פאנאנדערגעוויקלט אינ די פארטיי־אָרגאניזאציעס א קאמפּ פארנ פארורטיילנ די פראקציאָנעלע ארבעט פונ די מענשעוויקעס און האָבנ דערקלערט, אז יענע קענענ איבערגעלאָזט ווערנ אינ דער פארייניקטער רסדא״פ בלויז באמ באדינג, אויב זיי וועלנ אײַנגאנצנ זיכ אונטערווארפנ די באשלוסנ פונ די פארטיי־צוזאמענפאָרנ.

---

1) Ленин, т. VI, стр. 36.

2) Ленин, т. XVIII, стр. 219.

זומער 1904 האָבנ אינעווייניק אינ צ״ק גענומענ די איבערהאנט די ניט־שטאנדהאפטיקע, וואקלדיקע עלעמענטנ, די שאָלעמ־מאכערס צו די מענשעוויקעס (קראסינ, נאָסקאָוו א. אנד.). פארקלענערנדיק אונ פארשמירנדיק די טיפ פונ די ווידערשפּרוכנ, פּלעגנ זיי זיכ אָפּזאָגנ צו אנערקענענ די מענשעוויקעס פאר אָפּאָרטוניסטנ, פאר אגענטנ פונ דער בורזשואזיע אינעמ ארבעטער־קלאס. דעריבער זײַנענ זיי ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ צונויפרופנ א צוזאמענפאָר אונ קעגנ פארורטיילנ די פּראקציאָנעלע ארבעט פונ די מענשעוויקעס. די פּרינציפּלאָזיקײַט אונ די שאָלעמ־מאכערײַ פונ דידאָזיקע צ״ק־מיטגלידער האָט געטאָנ א קאָלאָסאלע טויווע די מענשעוויקעס אינ זייער אנטיפּארטייישער ארבעט: זי האָט מיטגעהאָלפנ דער דעמאָראליזאציע פונ די פּארטיי־אָרגאניזאציעס, האָט געשפּאָלטנ די באָלשעוויסטישע פּארטיי־קאדרענ, האָט צוגעגעבנ די מענשעוויקעס כיישעק צו נאָכ מער דעזאָרגאניזאטערישע טאטנ. די מענשעוויקעס, זעענדיק די נאָכגיביקײַט פונעמ צ״ק, האָבנ גענומענ פאָדערנ, מ׳זאָל ארײַנפירנ אינ אימ עטלעכע מענשעוויקעס. דער צ״ק האָט אײַנגעשטימט אונ האָט ארײַנגעפירט אינ זײַנ באשטאנד א רײ מענשעוויקעס — ראָזאנאָוו, פּאָפּאָוו א. אנד. די מענשעוויקעס האָבנ אזוי ארומ פארכאפּט דעמ צ״ק. דערדאָזיקער צ״ק האָט אינ הארבסט 1904 ארויסגעלאָזט א ווענדונג צו דער פּארטיי, אינ וועלכער ער האָט געמאָלדנ וועגנ א שאָלעמ מיט די מענשעוויקעס אונ וועגנ א פארבאָט צו אגיטירנ פארנ III צוזאמענפאָר. אינ דערדאָזיקער ווענדונג פונ צ״ק איז די אגיטאציע פארנ III צוזאמענפאָר אפילע אָנגערופנ געוואָרנ שעדלעכע. אײנצײַטיק האָט דער צ״ק פאנאנדערגעלאָזט א רײ פּארטיי־אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ ניט מאסקימ געווענ מיט זײַנע לעצטע באשלוסנ.

צוערשט האָט לענינ געקעמפט פארנ צונויפרופנ א צוזאמענפאָר אינ די ראמענ פונעמ סמאטוט, פאָדערנדיק, אז דער צ״ק זאָל צונויפרופנ דעמ צוזאמענפאָר. אָבער ווענ דער צ״ק איז אריבערגעגאנגענ צו די מענשעוויקעס אינ די הענט, האָט לענינ אָנגעהויבנ מאָביליזירנ די פּארטיי־מאסע צומ קאמפּ פאר א צוזאמענפאָר, ניט געקוקט אפ די פּארטייישע צענטראלע אנשטאלטנ, וואָס די מענשעוויקעס האָבנ זיי פארכאפּט קעגנ דעמ ווילנ פונעמ צוזאמענפאָר, ווו די מערהײַט האָבנ געהאט די לענינצעס. דידאָזיקע נײַע צענטראלע אָרגאנענ, וואָס זײַנענ דערגאנצט געוואָרנ מיט מענשעוויקעס, פּלעגנ ארויספּרײַסנ די פארפעסטיקונג פונ דער פּארטיי, פּלעגנ פירנ א דעזאָרגאניזאטערישע ליניע אונ אפ א גראָבנ אויפנ ברעכנ דעמ ווילנ פונעמ II צוזאמענפאָר. אינ רעזולטאט פונ אנ אקשאָנעסדיקנ קאמפּ פאר די פּארטייישע מאסנ האָבנ די באָלשעוויקעס אונטער לענינס אָנפיר באהעפט ארומ זיכ די גרויסע אינדוסטריע־צענטערס — פּעטערבורג, מאָסקווע א.אנד. שטיצנדיק זיכ אפ זיי, האָט לענינ אינ אווגוסט 1904 יאָר צונויפגעקליבנ פונ די פעסטע באָלשעוויקעס א קאָנפערענצ אינ זשענעווע, אפ וועלכער עס זײַנענ בײַגעווענ 22 מענטשנ, צווישנ זיי גוסיעוו, זעמליאטשקא, אָלמינסקי, פּאוולאָוויטש (קראסיקאָוו) א. אנד. דידאָזיקע קאָנפערענצ האָט גערופנ די פּארטיי צו אנ ענערגישנ קאמפּ פארנ צונויפרופנ דעמ III צוזאמענפאָר, פארנ אײַנרײַסנ מיטנ צ״ק אונ צ״אָ, פארנ פארורטיילנ די פּראקציאָנעלע ארבעט פונ די מענשעוויקעס. דער פּעטערבורגער, מאָסקווער, אָדעסער, קאטערינאָסלאווער קאָמיטעטנ האָבנ ארויסגעדריקט זייער אומצוטרוי דער שאָלעמ־מאכערישער פּאָליטיק פונעמ צ״ק, האָבנ איבערגעריסנ די פארבינדונג מיט די צענטראלע אײַנריכטונגענ אונ קאטעגאָריש גענומענ פאָדערנ, ס׳זאָל צונויפגערופנ ווערנ דער III צוזאמענפאָר.

אינעמ קאמפּ פארנ III צוזאמענפאָר האָט א גרויסע ראָליע געשפּילט כ׳ סטאלינ. נאָכנ אומקערנ זיכ פונ פארשיקונג, אינ אָנהייב 1904 יאָר, האָט כ׳ סטאלינ געפירט

אנ ארבעט אינ טיפליס אלס א מיטגליד פונ דער געגנט־אָרגאניזאציע פונ טראנסקאווקאז. זייַענדיק אנ אומקאָמפראָמיסלעכער קעגנער פונ די מענשעוויקעס אונ שאָלעמ־מאכערס, האָט ער פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע אגיטאציע פאר דער נייטיקייַט צונויפצורופנ דעמ III פארטיי־צוזאמענפאָר. אונטער זייַנ אָנפירונג האָט דער טראנסקאווקאזער קאָמיטעט איבערגעריסנ די פארבינדונג מיטנ צ״ק אונ האָט אויכ גענומענ פאָדערנ, ס'זאָל צונויפגערופנ ווערנ דער III צוזאמענפאָר. אינ זייַנ בראָשור „פארבייַגייענדיק וועגנ די פארטייִשע מייַנונג־פארשיידנקייַטנ" האָט כ׳ סטאלינ גלענצנדיק פראָפאגאנדירט דעמ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ אונ האָט פולשטענדיק פארטיידיקט די אָנשויונגענ פונעמ פארטיי־פירער לענינ.

אפ דרייַ קאָנפערענצנ פונ די גרויסע אינדוסטריעלע ראיאָנענ — צאָפנדיקער, קאווקאזער אונ דאָרעמדיקער — איז געשאפנ געוואָרנ אנ אָנפירנדיקער צענטער אפ צונויפצורופנ דעמ III צוזאמענפאָר — די ביוראָ פונ די מערהייַט־קאָמיטעטנ.

אינ באשטאנד פונ דערדאָזיקער ביוראָ זייַנענ ארייַנ זעמליאטשקא, גוסיעוו, ליטווינאָוו אונ אנד. די ביוראָ פונ די מערהייַט־קאָמיטעטנ האָט פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע ארבעט. זי האָט געהאָלפנ באהעפטנ ארומ דער לענינישער ליניע די מערהייַט פארטיי־קאָמיטעטנ. אינ דעקאבער 1904 י. האָבנ די באָלשעוויקעס אָרגאניזירט אונטער לענינס אָנפיר די צייַטונג „וופעריאָד", וועלכע האָט פאָרגעזעצט די ליניע פונ דער אלטער „איסקרא", גרייטנדיק דעמ ארבעטער־קלאס צו אנטשיידנדיקע שלאכטנ. אינ דער רעדאקציע זייַנענ כוץ לענינענ ארייַנ אָלמינסקי, וואָראָווסקי אונ לונאטשארסקי. לענינ האָט פאָרגעזעצט דעמ אנטשיידנדיקנ קאמפ פארנ צונויפרופנ דעמ III צוזאמענפאָר. אינ א בריוו (פעווראל 1905 י.) צו ס. גוסיעוו אונ א. באָגדאנאָוו האָט לענינ געשריבנ:

„מיר האָבנ פראָקלאמירט א שפאלטונג, מיר רופנ אפנ צוזאמענפאָר די וופעריאָדאָווצעס, מיר ווילנ אָרגאניזירנ א וופעריאָדישע פארטיי אונ מיר צערייַסנ, טייקעפ צערייַסנ מיר אלע אונ יעטווידע באציִונגענ מיט די דעזאָרגאניזאטערס... אונ אויב מיר ווילנ ניט ווייַזנ פאר דער וועלט קייַנ העסלעכסטנ מוסטער פונ אנ אויסגעדארטער אונ אנעמישער אלטער מויד, וואָס איז שטאָלצ מיט איר פרוכטלאָזער מאָראלישער רייַנקייַט, דארפנ מיר פארשטייַנ, אז אונדז איז נייטיק א מילכאָמע אונ א מיליטערישע אָרגאניזאציע" [1].

אינ צוזאמענהאנג מיטנ אָנוווקס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ די ערשטע כאדאָשימ פונעמ 1905 יאָר האָט די פראגע וועגנ צונויפרופנ דעמ III צוזאמענפאָר זיכ געשטעלט באזונדערס שארפ. ענדלעכ, נאָכ א גרויסער ארבעט, וואָס די ביוראָ פונ די מערהייַט־קאָמיטעטנ האָט אָפגעטאָנ אפ צו אָרגאניזירנ דעמ צוזאמענפאָר, האָט דער שאָלעמאכערישער צ״ק אונטערנ דרוק פונ די פארטיי־מאסנ געגעבנ זייַנ העסקעמ צונויפצורופנ דעמ III צוזאמענפאָר. דעמ III צוזאמענפאָר האָט צונויפגערופנ דער אָרגאניזיר־קאָמיטעט, וואָס איז באשטאנענ פונ פאָרשטייערס פונ צענטראל־קאָמיטעט אונ פונ דער ביוראָ פונ די מערהייַט־קאָמיטעטנ. אזויארומ, האָט לענינ מיט זייַנ רעוואָליוציאָנערער ענערגיע אונ אומקאָמפראָמיסלעכקייַט אייַנגעהיט אונ באהעפט די פארטיי. צו די גרויסע רעוואָליוציאָנערע שלאכטנ פונ 1905 י. האָט ער אויסגעשמידט די באָלשעוויסטישע פארטיי — דעמ פירער אונ אָרגאניזאטער פונ דער רעוואָליוציע.

1) Ленин, т. VII, стр. 101—102.

ליטעראַטור צום דריטן קאַפּיטל.

Ленин, С чего начать? Соч., т. IV, стр. 110—112.
Ленин, Что делать? Соч., т. IV, стр. 366—369, 378—382, 421—434, 456—461, 464—471, 493—501.
Ленин, К деревенской бедноте. Соч., т. V, стр. 274—291, 299—317.
Ленин, Замечания на второй проект программы Плеханова. Соч., т. V, стр. 34.
Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 16—19.
Ленин, Предисловие к сборнику „За 12 лет". Соч., т. XII, стр. 62—63.
Ленин, Речи при обсуждении устава партии. Соч., т. VI, стр. 31—33.
Ленин, Шаг вперед, два шага назад. Соч., т. VI, стр. 162—272.
Ленин, Резолюции II с'езда РСДРП. Соч., т, VI, стр. 398—405.
Ленин, Краткий очерк раскола РСДРП. Соч., т. VII, стр. 91—95.
Ленин, Письмо А. А. Богданову и С. И. Гусеву. Соч., т. VII, стр. 100—103.
„Ленинский сборник" XV, стр. 197—206.

פערטער קאפּיטל.

דער באָלשעוויזמ אינ דער ערשטער רעוואָליוציע.

(1905—1907 י. י.)

דער קאמפּ פונעמ באָלשעוויזמ קעגנ דער מילכאָמע אונ קעג. דער זעלבסטהערשונג, פארנ פאנאנדערוויקלענ די רעוואָליוציע.

דער איבערפלעכט פונ אלע ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריאליזמ אונ דער שטורמישער וווקס פונ דער ארבעטער־ אונ פויערימ־באוועגונג האָבנ געמוזט אומפארמײַדלעכ פירנ אינ דער נאָענטסטער צײַט צו א רעוואָליוציע אינ רוסלאנד. איר אָנהייב האָט פארגיכערט די מאפּאָלע פונ דער זעלבסטהערשונג אינ דער רוסיש־יאפּאָנישער מילכאָמע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1904 יאָר. די רוסיש־יאפּאָנישע מילכאָמע איז געווענ איינע פונ די מילכאָמעס פונ דער זיכ־אָנגעהויבענער אימפּעריאליזמ־עפּאָכע. די גרונט־סיבע פונ דערדאָזיקער מילכאָמע איז געווענ דאָס יאָגנ זיכ פונעמ צאריזמ אונ פונ דער בורזשואזיע נאָכ נײַע קאָלאָניעס אונ רעוואָכימ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. דער צאריזמ האָט געשטרעבט צו דעראָבערנ קאָרייע אונ צו פארשטארקנ זײַנ לאגע אינ מאנדזשוריע. כוצדעמ האָט א זיגרײַכע מילכאָמע געזאָלט אָפּווענדנ די אופמערקזאמקײַט פונ די ארבעטער אונ פויערימ פונ דער רעוואָליוציע אונ אופהייבנ דעמ וואקלדיקנ אווטאָריטעט פונ דער זעלבסטהערשונג. אָבער דער צאריזמ האָט געהאט א מיִעסנ טאָעס אינ כעזשבנ. די מילכאָמע האָט זיכ פארשלעפּט; די צארישע ארמיי איז צעגראָמירט געוואָרנ (הינטער ליאאָיאנ אונ מוקדענ); ס'איז געפאלנ אינ 1904 יאָר פּאָרט־ארטור (די הויפּט־פעסטונג אפנ ווײַטנ מיזרעכ), אונ ס'איז אינגאנצנ אומגעקומענ דער רוסישער פלאָט (בא צוסימא אינ 1905 יאָר).

די רוסיש־יאפּאָנישע מילכאָמע האָט נאָכ מיט א גרעסערער קראפט אופגעדעקט די גאנצע טיפ פונ דער צעלייגטקײַט פונעמ צאריזמ, די אָפּגעשטאנענקײַט אונ די פארקויפטקײַט פונעמ מעלוכע־אפּאראט. די מילכאָמע האָט צעשרויפט דעמ טראנספּאָרט, האָט פארשטארקט די רויִנירונג פונ דער ווירטשאפט אונ פארשארפט דעמ דאלעס פונ די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ. אינ רעזולטאט פונ דעמ אלעמענ האָבנ זיכ אנטבלויזט אלע קלאסנ־ווידערשפּרוכנ אינ לאנד.

דערזעענדיק, אז דער צאריזמ לײַדט איינ מאפּאָלע נאָכ דער אנדערער אונ איז ניט אימשטאנד צו צעגראָמירנ די מיליטערישע מאכט פונ יאפּאָניע, איז די ליבעראלע בורזשואזיע פאכדאָנעסדיק ארויסגעטראָטנ מיט אירע ווונטשנ. זי האָט געשטרעבט אויסצודינגענ פאר זיכ בא דער זעלבסטהערשונג אייניקע „פרײַהײַטנ” אונ דאָס רעכט אפ אָנצופירנ מיט דער מעלוכע. צומ סאָפ 1904 יאָר האָט די ליבעראלע בורזשואזיע אפ די פּילצאָליקע פארזאמלונגענ אונ באנקעטנ, דערווײַזנדיק מיט אלע קויכעס איר טרײַקײַט דער פּריצישער מאָנארכיע, זיכ געפּרווט ארויסרוקנ די פאָדערונג אײַנצופירנ א קאָנסטיטוציע, ד. ה. צו באגרענעצנ די מאכט פונ דער זעלבסטהערשונג. די מענשעוויקעס האָבנ זיכ פולשטענדיק פארייניקט צו דערדאָזיקער פּאָליטיק פונ דער בורזשואזיע. זיי האָבנ גערופנ די ארבעטער אונטערצוהאלטנ די פאָדערונגענ, וואָס די בורזשואזיע רוקט ארויס.

בלויז די באָלשעוויקעס, דעמאסקירנדיק די פשאָרע־פּאָליטיק פונ דער בורזשואזיע, האָבנ גערופנ די ארבעטנדיקע מאסנ צומ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג. זיי פלעגנ אויפקלערנ, אז די מאפּאָלע טונעמ צאריזמ אינ דער מילכאָמע וועט אימ אָפּשוואכנ, וועט פארשארפנ די אויפגעבראכטקייט פונ די מאסנ אונ וועט דערנעענטערנ די שאָ פונ דער רעוואָליוציע. זיי פלעגנ גיינ אינ די מאסנ מיט די לאָזונגענ פונ א מאפּאָלע פאר דער צארישער רעגירונג אינ דערדאָזיקער מילכאָמע, פונ אראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג, פונ א רעוואָליוציע.

אונטער דידאָזיקע לאָזונגענ האָבנ די באָלשעוויקעס פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע ארבעט צווישנ די ארבעטער, פויערימ, סאָלדאטנ אונ מאטראָסנ, פארייניקנדיק אונ צוגרייטנדיק זיי צו דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע.

צומ סאָפ 1904 י. האָט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פונ די מאסנ זיכ אויפגעהויבנ נאָכ העכער. ס'איז שטארק אויסגעוואקסנ די שטרײַק־באוועגונג. אינ ווארשע האָט דער שטרײַק פונ די מויערערס אינ יול 1904 י. ארומגעכאפּט העכער 10 טויזנט אָנטײַלנעמערס אונ האָט זיכ פארוואנדלט אינ א מאסעווער פּאָליטישער דעמאָנסטראציע מיט די לאָזונגענ: „אראָפּ מיט דער זעלבסטהערשונג!", „אראָפּ מיט די עקספּלואטאטערס!", „לעבנ זאָל דער סאָציאַליזמ!". אינ באקו (סאָפ 1904 י.) איז זייער א גרויסער שטרײַק דורכגעפירט געוואָרנ אונטער די לאָזונגענ: „אראָפּ מיט דער זעלבסטהערשונג!", „פאר אנ אכטשאָ׳יקנ ארבעט־טאָג!", „פאר דער פרײַהײַט פונ פארזאמלונגענ, פונ וואָרט, פונ פארייניקונגענ!". ס'האָט זיכ פארשטארקט די באוועגונג אינ דער ארמיי אונ צווישנ די מאטראָסנ. ס'האָט זיכ נאָכ מיט א גרעסערער קראפט פאנאנדערגעוויקלט די באוועגונג צווישנ דעמ פויערטומ אונ צווישנ די ברייטע מאסנ אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ.

בא דער געשאפענער לאגע איז געווענ גענוג איינ שטויס, אז די רעוואָליוציע זאָל זיכ אָנהייבנ איבערנ גאנצנ לאנד. אזא שטויס זײַנענ געווענ די געשעענישנ פונעמ 9 יאנוואר אינ פעטערבורג.

דער 9 יאנוואר 1905 י.

דעמ 3 יאנוואר 1905 י. האָט זיכ אָנגעהויבנ א שטרײַק אפנ פוטילאָווער זאוואָד אינ פעטערבורג. א שטויס צומ שטרײַק האָט געגעבנ דאָס אָפּזאָגנ פיר ארבעטער, וואָס זײַנענ ניט געפעלנ געווענ דער זאוואָד־אדמיניסטראציע. די פוטילאָווצעס האָבנ ארויסגעשטעלט א פאָדערונג, מע זאָל צוריק אויפנעמענ אפנ זאוואָד די אָפּגעזאָגטע ארבעטער. די אדמיניסטראציע האָט זיכ אָפּגעזאָגט. דעמלט האָבנ 12,5 טויזנט פוטילאָווער ארבעטער דערקלערט א שטרײַק. זיי האָבנ ארויסגעשטעלט די פאָדערונגענ צו פארבעסערנ די מאטעריעלע לאגע פונ די ארבעטער, אײַנצופירנ אנ אכטשאָ׳יקנ ארבעט־טאָג אונ אומצוקערנ צוריק אפנ זאוואָד די אָפּגעזאָגטע ארבעטער.

צו די פוטילאָווער ארבעטער זײַנענ אינ משעכ פונ צוויי טעג צוגעשטאנענ די ארבעטער פונ אנדערע פעטערבורגער פאבריקנ אונ זאוואָדנ, מיט אנ אלגעמיינעמ צאָל פונ אנערעכ 140 טויזנט שטרײַקערס. מיט יעדנ טאָג האָט זיכ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פאנאנדערגעוויקלט אלץ ברייטער, פארכאפּנדיק אלץ א גרעסערע צאָל אָנטײַלנעמערס. אלס ענטפער דערויפ האָט די פּאָליציי־אגענטור אינ דער פּערזאָנ פונעמ גאלעכ גאפּאָנ,—וואָס האָט שוינ צו יענער צײַט באוויזנ צו שאפנ אנ אָרגאניזאציע פונעמ זובאטאָווישנ טיפּ צווישנ דעמ אָפּגעשטאנענעמ טייל ארבעטער,—גענומענ קלאפּנ טרעוואָגע. באנוצנדיק זיכ אינ א ברייטער מאָס מיט די פאָרורטײלנ פונ די פארהעלטענישמעסיק ברייטע מאסנ ארבעטער, מיט דער נאַיווער צוטרויליכקײַט פונ די מאסנ, מיט זייער גלויבנ, אז דער קייסער קענ זיי פארטיידיקנ פונ דער פאבריקאנטישער העפקיירעס, האָט דער גאלעכ גאפּאָנ זיכ געפּרווט איבערצופירנ אפ פרידלעכע רעלסנ די אויפגעבראכטקײַט פונ די ארבעטער. גאפּאָנ האָט פאָרגעלייגט זיכ צו ווענדנ צומ קייסער מיט א הישטאדלעס. דידאָזיקע ווענדונג האָט דעמ 9 יאנוואר געזאָלט איבערגעגעבנ ווערנ דעמ קייסער. דידאָזיקע הישטאדלעס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט די ווערטער:

„מיר, ארבעטער פונ דער שטאָט פעטערבורג, אונדזערע פרויענ, קינדער אונ אומבאהאָלפענע זקיינים־עלטערנ, זײַנענ געקומענ צו דיר, קייסער, זוכנ דעמ עמעס אונ באשיצונג. מיר זײַנענ פאראָרעמט געוואָרנ, אונדז דריקט מענ, מע באלאסטיקט אונדז מיט אומדערטרעגלעכער ארבעט, מע איזדעװעט זיכ איבער אונדז, מע האלט אונדז ניט פאר קיינ מענטשנ, מע באַציט זיכ צו אונדז, ווי צו סאָנימ... מיר קענענ שוינ מער ניט איבערטראָגנ... ס'איז פאר אונדז געקומענ יענער שרעקלעכער מאָמענט, ווענ ס'איז בעסער צו שטארבנ, איידער ווײַטער צו לײַדנ אזעלכע אומדערטרעגלעכע פײַנ"[1]).

דער בלוטיקער זונטיק. די צארישע רעגירונג צעשיסט די ארבעטער.

קעדײַ צוצוציִענ אפ זײַנ זײַט די ארבעטער אונ אונטער דער ווירקונג פונ דער שארפער קריטיק פונ די סאָציִאל־דעמאָקראטנ, איז גאפאָנ געווענ געצווונגענ ארײַנצושטעלנ אינ דער ווענדונג די פאָדערונגענ פונ פאָליטישער פרײַהײַט אונ פונ אנ אכטשאָּיקנ ארבעט־טאָג.

די באָלשעוויקעס האָבנ מיט אלע קויכעס זיכ געסטארעט דעמאסקירנ גאפאָנס פרווו אונ אופצוקלערנ, אז מע דארפ ניט בעטנ קיינ שוצ באמ צאר, נאָר מיט א באוואָפנטער האנט אראָפוארפנ די זעלבסטהערשונג.

דאָכ אָבער האָבנ זונטיק דעמ 9 יאנוואר 1905 יאָר צענדליקער טויזנטער פראָלעטאריער מיט צלאָמימ אונ צארישע פאָרטרעטנ זיכ אוועקגעלאָזט צומ ווינטער־פאלאצ בעטנ באמ צאר, ער זאָל זיי באשיצנ פונ זייערע אונטערדריקערס. נאָר, ווי מע האָט זיכ געדארפט ריכטנ, האָט ניקאָלײַ II, אָנשטאָט באשיצונג אונ הילפ, אָפגעגעבנ א באפעל צו צעשיסנ דידאָזיקע דעמאָנסטראציִע. העכער טויזנט ארבעטער אונ קינדער זײַנענ אומגעקומענ פונ די שווערדנ אונ קוילנ פונ די צארישע הענקערס.

דידאָזיקע געשעענישנ האָבנ געהאט א גוואלדיקנ באטײַט. דעמ 9 יאנוואר האָט דער פראָלעטאריאט באקומענ א באשײַמפערלעכע לעקציע

[1]) Ленин, т. VII, стр. 425.

פונ בירגערקריג. דעם 9 יאַנוואַר איז צעשאָסנ געוואָרנ דער גלויבנ פונעם אַרבעטער־קלאַס אינעם צאַר. די מאַסנ האָבנ אַפּ זייער בלוטיקער דערפאַרונג זיכ איבערצייגט, אַז די באָלשעוויקעס זײַנענ גערעכט. די באָלשעוויסטישע ווירקונג איז אויסגעוואַקסנ אינ אַנ אומגעהייערער מאָס. די אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט אינ אַ גרויסער מאָס גענומענ אַריבערגײַנ צו די באָלשעוויקעס.

די צעשיסונג פונעם 9 יאַנוואַר האָט אַרויסגערופנ אַ גוואַלדיקע אופרעגונג אינעם גאַנצנ לאַנד. דעם 11 יאַנוואַר האָט זיכ די שטרײַק־כוואַליע אַריבערגעוואָרפנ אינ דער פּראָווינצ, פאַרכאַפּנדיק דעם צענטראַל־אינדוסטריעלנ ראַיאָנ, בײַ־וואָלגע־קאַנט, אוקראַינע, קאַווקאַז, לאַטוויע, ליטע. בלויז פאַרנ כוידעש יאַנוואַר האָט די שטרײַק־באַוועגונג אַרומגעכאַפּט אַ האַלבנ מיליאָנ מענטשנ. אינ פּוילנ האָבנ די שטרײַקנ אָנגענומענ אַ באַזונדערס שאַרפנ כאַראַקטער, אַריבערגייענדיק אינ באַוואָפנטע אופשטאַנדנ. ס'איז געוואַקסנ די אופרעגונג צווישנ די סאָלדאַטנ אונ מאַטראָסנ. ס'האָט זיכ פאַרשטאַרקט די באַוועגונג צווישנ דעם פּויערטום אונ צווישנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ.

דער 9 יאַנוואַר איז געוואָרנ דער אָנהייב פונ דער רעוואָליוציע.

דאָס באָלשעוויסטישע אָפּשאַצנ דעם כאַראַקטער, די באַוועג־קויכעס אונ אופגאַבעס פונ דער רעוואָליוציע.

לעניִנ פלעגט באַהויפּטנ, אַז די זיכ־אָנגעהויבענע רעוואָליוציע איז לויט איר כאַראַקטער אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע.

דאָס באַטײַט, אַז פאַר דער רעוואָליוציע זײַנענ ניט געשטאַנענ דירעקט די אופגאַבעס צו פאַרניכטנ דעם קאַפּיטאַליזם, אָפּצונעמענ בא דער בורזשואַזיע די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ אונ אײַנצושטעלנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. די נאָענטסטע אופגאַבעס פונ דערדאָזיקער רעוואָליוציע זײַנענ געווענ: אַראָפּצוּוואַרפנ דעם צאַריזם, צו פאַרניכטנ דעם פּריצישנ ערדבאַזיצ, אײַנצושטעלנ אַ רעפּובליק, אײַנצופירנ אַנ אַכטשאָעדיקנ אַרבעט־טאָג, ד. ה. בורזשואַזדעמאָקראַטישע אופגאַבעס, וואָרעם דאָס פאַרווירקלעכנ זיי האָט נאָכ ניט באַטײַט פאַרניכטנ דעם קאַפּיטאַליזם אונ אַרונטערײַסנ די וואָרצלענ פונ דער בורזשואַזיע אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ.

דאָס איז געווענ די ערשטע בורזשואַזדעמאָקראַטישע רעוואָליוציע אינ דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע, דערצו אינ אַזאַ לאַנד, וואָס איז געווענ דאָס סאַמע שוואַכסטע אָרט אינעם אימפּעריאַליזם.

אינ דידאָזיקע באַדינגענ האָט די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד באַקומענ אַ רײ אייגנאַרטיקע באַזונדערקײַטנ אינ פאַרגלײַכ מיט די מײַרעוו־איראָפּייִשע בורזשואַזע רעוואָליוציעס אינ דער עפּאָכע פונעם אופגייענדיקנ קאַפּיטאַליזם.

אַנדערש ווי אינ די בורזשואַזע רעוואָליוציעס אינ מײַרעוו, איז אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י. די גרונטיקע, הויפּטיקע באַוועג־קראַפט, דער פירער אונ אָנפירער פונ די מאַסנ געווענ דער פּראָלעטאַריאַט—דער אייניציקער ביזנ סאָפ קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערער אונ דערבײַ דער אַמערסטנ אָרגאַניזירטער קלאַס. בלויז ער איז גרייט געווענ צום אַנטשיידנדיקסטנ קאַמפּ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

דעריבער איז די רעוואָליוציע פונ 1905 י., האַגאַמ לויט איר כאַראַקטער איז זי געווענ אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע, איז זי אָבער אינ דערזעלבער צײַט געווענ אַ פּראָלעטאַרישע לויט דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אונ לויט די קאַמפּ־מיטלענ קעגנ דער זעלבסטהערשונג (שטרײַקנ אונ באַוואָפנטער אופשטאַנד).

איינער פונ די כאראקטער־שטריכנ פונ דערדאָזיקער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע איז געווענ דאָס, וואָס זי איז, ווי לענינ האָט געזאָגט, געווענ א *פויערשע* בורזשואזע רעוואָליוציע אינ דער עפּאָכע פונ זייער א הויכער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ אפ דער גאנצער וועלט און פונ א לעערעכ הויכער אנטוויקלונג אינ רוסלאנד. זי איז געווענ א פויערשע בורזשואזע רעוואָליוציע צומאלעמערשטנ דערפאר, וואָס, פארניכטנדיק דעמ פריצישנ ערדבאזיצ און אנדערע רעשטלעכ פונ לייבייגנטומ, האָט זי געזאָלט דערלייזנ די אופגאבעס, וואָס שטייענ פארנ פויערטומ. זי איז געווענ א פויערשע בורזשואזע רעוואָליוציע אויכ דערפאר, וואָס *דאָס פויערטומ איז געווענ איינע פונ די באוועג־קרעפטנ פונ דערדאָזיקער רעוואָליוציע*, דער נאָענטסטער פארבינדעטער פונעמ פראָלעטאריאט. אָבער דאָס פויערטומ האָט זיכ געקענט דערשלאָגנ צו א באפרייונג פונ דער זעלבסטהערשונג און פונעמ פריצישנ דרוק בלויז אונטערנ אָנפיר פונעמ ארבעטער־קלאס.

די בורזשואזיע, צוליב דעמ, וואָס אירע אינטערעסנ זיינענ געווענ צונויפגעפלאָכטנ מיטנ צאריזמ און וואָס זי איז געווענ אָנגעשראָקנ דורכ דער רעוואָליוציאָנערישקייט פונעמ פראָלעטאריאט, האָט ניט געקענט זיינ און איז ניט געווענ קיינ באוועג־קראפט פונ דער רעוואָליוציע. אינ דעמ איז באשטאנענ נאָכ איינ באזונדערקייט פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י. אינ פארגלייכ מיט די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציעס אינ דער עפּאָכע פונעמ אופגייענדיקנ קאפיטאליזמ, רעוואָליוציעס, אינ וועלכע די בורזשואזיע — אשטייגער, אינ 1789 יאָר אינ פראנקרייכ — האָט געשפּילט א גרויסע רעוואָליוציאָנערע ראָליע.

אזוי ווייט ווי ס'איז געוואקסנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, איז די רוסישע בורזשואזיע אריינגעטראָטנ אינ א דירעקטער פארשטענדיקונג מיט די פריצימ קעגנ דער רעוואָליוציע, אריבערגייענדיק אלצ מערער אינעמ לאגער פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. זי האָט זיכ געפרווט באהערשנ דאָס פויערטומ און ליקווידירנ די רעוואָליוציע *דורכ א פארשטענדיקונג* מיטנ צאריזמ. דעריבער איז נאטירלעכ, וואָס אונדזער פארטיי האָט ווייטער געפירט אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ דער ליבעראלער בורזשואזיע און איר פארטיי — די קאדעטנ, — ווייל, ווענ מע זאָל זי ניט דעמאסקירנ, וואָלט מענ ניט געקענט באוואָרענענ דאָס פולשטענדיקע אויסנוצנ די רעוואָליוציאָנערע קויכעס פונעמ פויערטומ, וואָלט ניט מעגלעכ געווענ אויסצושטעלנ אפ א זיג פונ דער רעוואָליוציע.

> „*דער פראָלעטאריאט דארפ דורכפירנ ביזנ סאָפ די דעמאָקראטישע איבערקערעניש*, — האָט געלערנט לענינ, — *פארייניקנדיק צו זיכ די מאסע פויערטומ, קעדיי צו דערשטיקנ מיט געוואלט דעמ ווידערשטאנד פונ דער זעלבסטהערשונג און צו פאראליזירנ די ניט־שטאנדהאפטיקייט פונ דער בורזשואזיע*"[1].

לענינ פלעגט זאָגנ: די אופגעשטאנענע ארבעטער און אונטער זייער אָנפיר די פויערימ וועלנ אראָפווארפנ די זעלבסטהערשונג, וועלנ פארניכטנ די הערשאפט פונ די לייבייגנטימער־פריצימ און וועלנ איינשטעלנ זייער מאכט. דאָס וועט זיינ א פעסטע, אומבאגרענעצטע מאכט, ד. ה. א *דיקטאטור*.

דאָס וועט זיינ א *רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע* דיקטאטור פונ די ארבעטער און פויערימ. זי וועט זיינ א *רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע* דיקטאטור דערפאר, וואָס די מאָסמיטלענ, וואָס זי וועט דורכפירנ — דאָס פארניכטנ אלע רעשטלעכ לייבייגנטומ, דאָס איינפירנ אנ אכטשאָיקנ ארבעט־טאָג א. אז. וו. — וועלנ, ניט זייענדיק נאָכ קיינ סאָציאליסטישע, ניט קענענ פארניכטנ דעמ קאפיטאליזמ.

1) Ленин, т. VIII, стр 96.

דידאָזיקע נייַע מאכט וועט איג קאמפ קעגנ דער דיקטאַטור פונ די לייַב־אייגנטימערס זיכ אָנשפארנ אפנ קאמפ־בונד צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ דעמ פויערטומ, מיט וועלכנ ער וועט אָנפירנ.

דער לאָזונג וועגנ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ האָט באטייַט אנ אָנווייַזונג, אז דער פראָלעטאריאט, אָנפירנדיק מיטנ פויערטומ, קענ פארניכטנ די זעלבסטהערשונג, זיכ דערשלאָגנ צו א זיג אינ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אונ רוקנ די רעוואָליוציע פאָרויס. דאָס איז פאר לענינענ געווענ דאָס גרונטיקע אונ באשליסנדיקע.

ריידנדיק וועגנ אויסקעמפנ די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, פלעגט לענינ זיכ פונדעסטוועגנ ניט באגרענעצנ מיט די אופגאבעס פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע.

„בא דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, — פלעגט לענינ זאָגנ, — איז פאראנ, ווי בא אלצ אפ דער וועלט, א פארגאנגענהייַט אונ א צוקונפט. איר פארגאנגענהייַט — דאָס איז די זעלבסטהערשונג, דאָס לייַבאייגנטומ, די מאָנארכיע, די פריווילעגיעס...

איר צוקונפט — דאָס איז דער קאמפ קעגנ דעמ פריוואט־אייגנטומ, דער קאמפ פונעמ לוינארבעטער קעגנ דעמ באלעבאָס, דער קאמפ פארנ סאָציאליזמ" [1].

די באָלשעוויקעס האָבנ געהאלטנ, אז דאָס אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג, דאָס אייַנשטעלנ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ איז די נ אָ ע נ ט ס ט ע אופגאבע פונ דער רעוואָליוציע, דער ע ר ש ט ע ר עטאפ אינעמ קאמפ פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. די באָלשעוויסטישע פארטיי איז געווענ די פארטיי פונעמ ארבעטער־קלאס, וואָס איר ציל איז געווענ דאָס באוואָפנטע אראָפּווארפנ די בורזשואזיע אונ דאָס אייַנשטעלנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אפ אויסצובויענ דעמ קאָמוניזמ.

פארוואָס־זשע האָבנ די באָלשעוויקעס, פירנדיק א ליניע אפ אויסצוקעמפנ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט, געהאלטנ פאר נייטיק דורכצומאכנ דעמדאָזיקנ ערשטנ עטאפ פונ פארניכטנ די זעלבסטהערשונג אונ פונ אייַנשטעלנ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ? דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס ד י ג א נ צ ע אנטוויקלונג פונ רוסלאנד האָט אוועקגעשטעלט אפנ טאָג־אָרדענונג דאָס דערלייזנ צומאלעמערשטנ די בורזשואז־דעמאָקראטישע אופגאבעס, וועלכע מענ האָט געקענט פארווירקלעכנ בלויז באמ אויסנוצנ די רעוואָליוציאָנערע קויכעס פונעמ פילמיליאָניקנ פויערטומ אונטערנ אָנפיר פונעמ פראָלעטאריאט. דאָס אייַנשטעלנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ האָט באטייַט העכערנ די אָנפירנדיקע ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט. צוזאמענ דערמיט האָט דאָס אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג אונ דאָס אייַנשטעלנ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור באטייַט — פאראייניקנ אלע רעוואָליוציאָנערע קויכעס פונ לאנד, פארשארפנ דעמ קלאסנקאמפ אינ דאָרפ. דאָס האָט באטייַט פירנ צומ באהעפטנ די אָרעמשאפט ארומ פראָלעטאריאט אונ דערנעענטערנ דעמ ווייַטערדיקנ עטאפ פונ דער רעוואָליוציע — דעמ עטאפ פונ קאמפ פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. אָט פארוואָס דער באָלשעוויסטישער פארטיי איז נייטיק געווענ צו דערלייזנ די ערשטע, נאָענטסטע אופגאבע פונ דער רעוואָליוציע — זיכערנ דעמ אנטשיידנעמ זיג איבער דער זעלבסטהערשונג אונ דאָס פארכאפנ די מאכט דורכ די ארבעטער אונ פויערימ, קעדיי דערמיט גופע דערלייזנ די הויפט־אופגאבע — דאָס אייַנשטעלנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

---

[1]) Ленин, т. VIII, стр. 84—85.

די לעניניסשע אידײ װעגנ דעמ אריבערװאקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעװאָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער.

די באָלשעװיקעס האָבנ באטראכט די בורזשואז־דעמאָקראטישע אונ די סאָציאַליסטישע רעװאָליוציע „װי צװײ רינגענ פונ אײנ קײט“ (סטאלינ).

„ניט ארײַנפאלנדיק אינ קײנ אװאנטיוריזמ,— האָט געשריבנ לענינ,— ניט פארראטנדיק דעמ אײגענעמ װיסנשאפטלעכנ געװיסנ, ניט יאָגנדיק זיכ נאָכ קײנ ביליקער פאָפּולערקײַט, קענענ מיר זאָגנ אונ מיר זאָגנ בלויז אײנס: מיר װעלנ מיט אלע קויכעס העלפנ דעמ גאנצנ פויערטומ צו מאכנ א רעװאָליוציע א דעמאָקראטישע, כּדי ס'זאָל גרינגער זײַנ אונדז, דער פארטײ פונ פּראָלעטאריאט, אריבערצוגײנ װאָס גיכער צו א נײַער אונ העכערער אויפגאבע — צו א רעװאָליוציע א סאָציאַליסטישער“ [1]).

דאָס פארכאפּנ די מאכט דורכ די ארבעטער אונ פויערימ,— האָט געזאָגט לענינ,— װעט ארויסרופנ א װילדנ װידערשטאנד ניט בלויז מיצאד די פּריצימ, נאָר אויכ מיצאד דער ליבעראלער בורזשואזיע. אינעמ פויערטומ װעט זײַנ גאנצער באלעגופּישער אויבערשיכט זיכ א קערעװע טאָנ אינ דער זײַט פונ דער קאָנטררעװאָליוציע. א היפּשער טײל מיטלפויערטומ װעט זיכ װאקלענ. ס'װעט זיכ פאנאנדערפלאקערנ א נײַער קאמפ. פאַרזעצנ דעמ װײַטערדיקנ רעװאָליוציאָנערנ קאמפ פארנ צװײטנ עטאפּ פונ דער רעװאָליוציע, פאר דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט, װעלנ דער פּראָלעטאריאט אונ די פויערשע אָרעמשאפט. די רעװאָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ פויערטומ אונטערנ אָנפיר פונ דער באָלשעװיסטישער פּארטײ װעט אינ רעזולטאט פונ א פארביסענעמ בירגערקריג ברענגענ דערצו, אז דער פּראָלעטאריאט אינ בונד מיט דער אָרעמשאפט (מיט די האלב־פּראָלעטארישע עלעמענטנ פונ דאָרפ) װעט מאכנ א סאָציאַליסטישע רעװאָליוציע אונ װעט אײַנשטעלנ די סאָציאַליסטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט.

„דער פּראָלעטאריאט דארפ מאכנ א סאָציאַליסטישע איבערקערעניש,— האָט געלערנט לענינ,— פאראײניקנדיק צו זיכ די מאסע האלב־פּראָלעטארישע עלעמענטנ פונ דער באפעלקערונג, כּדי אײַנצוברעכנ מיט געװאלט דעמ װידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע אונ צו פאראליזירנ די ניט־שטאנדהאפטיקײַט פונעמ פויערטומ אונ פונעמ קלײנבירגערטומ“ [2]).

אָט אזא איז געװענ דער פּלאנ פונ די באָלשעװיקעס אינ דער רעװאָליוציע פונ 1905 י. דעמדאָזיקנ פּלאנ האָט לענינ אָנגעהויבנ פאנאנדערארבעטנ נאָכ אינ די ערשטע ארבעטנ אינ די 90־ער אונ 900־ער יאָרנ, אונ באזונדערס גענוי האָט ער װעגנ דעמ גערעדט אינ זײַנ װערק מיטנ נאָמענ „צװײ טאקטיקעס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אינ דער דעמאָקראטישער רעװאָליוציע“ (1905 י.) [3]).

װעגנ דעמ באטײַט פונעמ דאָזיקנ פּלאנ שרײַבט כ' סטאלינ אזוי:

„די מײַלע פונ דעמאָזיקנ פּלאנ איז באשטאנענ אינ דעמ, װאָס, פארמולירנדיק אָפנ אונ אנטשײדנ די קלאסנ־פאָדערונגענ פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דער עפּאָכע

---

1) Ленин, т. VIII, стр. 187.

2) Ленин, т. VIII, стр. 96.

3) אויכ אינ א רײ אנדערע ארבעטנ, װי „די באציִונג פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ צו דער פויערשער באװעגונג“, „דער סאָציאַליזמ אונ דאָס פויערטומ“.

פונ דער בורזשואַזדעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אינ רוסלאַנד, האָט ער פאַרגינגערט דעם איבערגאַנג צו א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, האָט געטראָגנ אינ זיכ אינ עמבריאָנ די אידיי פונ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור" [1]).

די גרונט־אײַנשטעלונג פונעם לעניניש‏נ פּלאַנ איז אויסגעדרוקט פונ דער מאַרקס־אידיי וועגנ דעם איבערוואַקסנ פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער. דיזאָזיקע אידיי האָט לעני‏נ אַנטוויקלט, צוגעפּאַסט צו די באַדינגנע פונ דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע.

לעני‏נ האָט געלערנט, אז דאָס איבערוואַקסנ פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער מוז פּאָרקומענ אינ אנ אומפּהערלעכנ פאַר־ביסענעמ קלאַסנקאַמפּ פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אינ פּראָצעס פונ איבערוואוקס העכערט דער פּראָלעטאַריאַט זײַנ באַוווּסטזיניקײַט, זײַנ אָרגאַניזירטקײַט אונ ציט צו אפ זײַנ זײַט אַלס א פאַרבינ־דעטנ די אָרעמשאַפט צומ קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזיע פונ שטאָט אונ דאָרפ, פאַר דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט זיכ געגרייט צום באַלדיקנ איבערגיינ פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע צו א סאָציאַליסטישער, אפ וויפל עס וועט וואַקסנ די באַוווּסטזיניקײַט אונ די אָרגאַניזירטקײַט פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ אפ וויפל עס וועט זיכ אַרומ אימ פאַרייניקנ די דאָרפישע אָרעמשאַפט.

לעני‏נ פלעגט באַהויפּטנ, אז אינ רוסלאַנד זײַנענ אינעמ 1905 יאָר געווענ אַלע אינערלעכע באַדינגנע, וואָס וואָלטנ באַוואָרנט דעם דערפאָלגרײַכנ קאַמפּ פארנ באַל־דיקנ איבערוואַקסנ פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַ־ליסטישער. אינ רוסלאַנד, ווי אינ אנ אימפּעריאַליסטישנ לאַנד, איז געווענ אפ דעמ געננג מאַטעריעלע פּאָרהאַנאָכעס, צומאַלעמערישטנ דער פאַקט פונ פאַראַנענזײַנ פונ א גרויס־אינדוסטריע. אינ רוסלאַנד איז געווענ די רעוואָליוציאָנערסטע פּאַרטיי אינ דער וועלט — די פּאַרטיי באָלשעוויקעס. ס'איז געווענ דער רעוואָליוציאָנערסטער פּראָלע־טאַריאַט אינ דער וועלט.

אינ דערזעלבער צײַט האָט אנ אויסשליסלעכ־וויכטיקנ באַטײַט געהאַט דאָס, וואָס די גאַנצע אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד האָט אַרויסגערוקט פארנ פּראָלעטאַריאַט די אויפ־גאַבע — צו פירנ, ווי לעני‏נ האָט געזאָגט, צוויי „סאָציאַלע מילכאָמעס": איינע — קעגנ דער דיקטאַטור פונ די לײַבאייגנטימערס־פּריצימ — צוזאַמענ מיטנ גאַנצנ פויערטומ; אונ א צווייטע — צוזאַמענ מיט דער אָרעמשאַפט קעגנ דער בורזשואַזיע, דעריב אויכ קעגנ דעמ באַלעבאַטימ.

דיזאָזיקע צווייטע „סאָציאַלע מילכאָמע" אינ רוסלאַנד האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ אינ די ראַמענ פונעמ זעלבסטהערשערישנ־לײַבאייגנטימערישנ רעזשימ. דאָס אַראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג אונ דאָס אײַנשטעלנ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט אונ פויערטומ וואָלט געבראַכט צו א פולנ פאַנאַנדער־וויקלענ די צווייטע „סאָציאַלע מילכאָמע", וואָלט זי אַרויסגערוקט אפנ פאָדערשטנ פּלאַנ, אָר־גאַניזירנדיק נאָכ מער דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ די אָרעמשאַפט צומ קאַמפּ פאַר דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

אָט פאַרוואָס די באָלשעוויקעס האָבנ געהאַלטנ פאַר מעגלעכ מיט די אייגענע אינער־לעכע קרעפטנ צו באַוואָרענענ דאָס אויסקעמפנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אינ רוסלאַנד אפילע אינ דעמ פאַל, אויב אינ מײַרעוו וועט צו דערדאָזיקער צײַט די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע נאָכ ניט זיגנ.

צוגעבנדיק אנ אומגעהייערנ באַטײַט דער שטיצע פונ די פּראָלעטאַריער אינ מײַ־רעוו אונ פונ די אונטערדריקטע פעלקער אינ מיזרעכ, האָט אונדזער פּאַרטיי באַטראַכט די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר ווי א פּראָלאָג (אַרײַנפיר) צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

---

[1]) Сталин, О Ленине, стр. 11.

די באָלשעוויקעס פלעגנ באַטראַכטנ זייער אויפגאַבע ווי די אויפגאַבע פונ ווייטער־דיקנ פאַנאַנדערבייגנ די רעוואָליוציע אינ אייראָפּע.

„מיר דאַרפנ, — האָט געשריבנ לענינ, — ... געבנ פּראַקטישע לאָזונגענ ניט בלויז אויפנ פאַל, ווענ די רעוואָליוציע וועט אריבערגעטראָגנ ווערנ קיינ אייראָפּע, נאָר אויכ צוליב אַזאַ אריבערטראָג“ [1].

די באָלשעוויקעס האָבנ גערעכנט, אַז דאָס אראָפּוואַרפנ דעמ צאַריזמ אינ רוסלאַנד וועט ארויסרופנ אַזאַ פאַרשאַרפונג פונ קאַמפּ אינ דער גאַנצער וועלט, אַז ס׳וועט פאַרשוועריקנ דאָס באַוואָפנטע אריינמישנ זיכ פונ די אימפּעריאַליסטנ אונ וועט פאַר־גרינגערנ די קאַמפּ־באַדינגענ פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ מייַרעוו פאַר א פּראָלעטאַרי־שער רעוואָליוציע אונ דעמ קאַמפּ פונ די ברייטע מאַסנ אונטערדריקטע נאַציאָנאַלי־טעטנ פאַר זייער באַפרייונג.

דער III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

א גרויסנ באַטייַט אינעמ אויסאַרבעטנ דאָס באָלשעוויסטישע אָפּשאַצנ׳ דעמ כאַ־ראַקטער אונ די באַוועג־קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע, אינעמ אויסאַרבעטנ די לע־נינישע ליניע אינ איר, האָט געהאַט דער III פּאַרטיי־צוזאַמעפאָר.

דער III צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומענ אינ לאָנדאָנ אינ פרילינג 1905 יאָר. אויפנ צוזאַ־מענפאָר זייַנענ בייַגעווענ פאָרשטייערס פונ 20 באָלשעוויסטישע קאָמיטעטנ פונ די גרויסע אינדוסטריע־צענטערס ; 9 פאָרשטייערס פונ די מענשעוויסטישע קאָמיטעטנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמענ אינעמ צוזאַמענפאָר. די מענשעוויקעס האָבנ צונויפגערופנ זייערע א מענשעוויסטישע קאָנפערענצ אינ זשענעווע. דער III צוזאַמענפאָר איז אַזוי־ארומ געווענ אויסשליסלעכ א באָלשעוויסטישער. דער גאַנצער צוזאַמענפאָר איז דורכ־געגאַנגענ אונטער לענינס אָנפיר אונ בא זייַנ טעטיקנ אָנטייל.

דער III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אויפקלייַבנדיק זיכ אינ א מאָמענט פונ אַנוואַקסנ־דיקער מאַסנווער אַרבעטער־ אונ פויערימ־באַוועגונג, האָט אָנגענומענ באַשלוסנ וועגנ די וויכטיקסטע פראַגעס פונ דער רעוואָליוציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַטאָנט, אַז די מעכטיקע כוואַליע פונ דער רעוואָליוציאָ־נערער באַוועגונג האָט געבראַכט צו דער נייטיקייַט פונ א באַוואָפנטנ אויפשטאַנד. די פּאַרטיי איז מעכוייעוו צו שטיינ אינ שפּיצ פונ די אויפגעשטאַנענע מאַסנ. דעריבער האָט דער III צוזאַמענפאָר באַטראָגט אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס:

„... א) אויפצוקלערנ דעמ פּראָלעטאַריאַט דורכ פּראָפּאַגאַנדע אונ אַגיטאַציע ניט בלויז דעמ פּאָליטישנ באַטייַט, נאָר אויכ די פּראַקטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע זייַט פונעמ פאָרשטייענדיקנ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד;

ב) אויפצוקלערנ אינ דערדאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע אונ אַגיטאַציע די ראָליע פונ די פּאָליטישע מאַסנ־שטרייַקנ, וועלכע קענענ האָבנ א וויכטיקנ באַטייַט אינ אָנהייב אונ אינ עצעמ גאַנג פונעמ אויפשטאַנד;

ג) אָנצונעמענ די ענערגישסטע מיטלענ צו באַוואָפענענ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ אויכ צומ אויסאַרבעטנ א פּלאַנ פונעמ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד אונ פונעמ דירעקטנ אָנפירנ מיטנ אויפשטאַנד, שאַפנדיק צוליב דעמ, בייס מע וועט דאַרפנ, באַזונדערע גרופּעס פּאַרטיי־טוער“ [2].

אַזוי־ארומ האָבנ די באָלשעוויקעס ניט בלויז טעאָרעטיש פאַנאַנדערגעאַרבעט די פראַגע וועגנ דעמ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד, — זיי האָבנ טעטיק זיכ געגרייט צו אימ: באַזאָרגט דעמ פּראָלעטאַריאַט מיט געווער, געשאַפנ באַזונדערע שלאַכט־גרופּעס, אָר־גאַניזירט די קויכעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט צומ זיגרייַכנ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד אונ צומ אראָפּוואַרפנ דעמ צאַריזמ.

---

[1]) Ленин, т. VIII, стр. 84.
[2]) Ленин, т. VII, стр. 432.

דער כאַראַקטער־שטריך פון דער באָלשעוויסטישער פּאָזיציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די באָלשעוויקעס, באַזירנדיק זיך אויף סטיכייִשן רעוואָליוציאָנערן דראַנג פון די מאַסן, — טאָטן „פּונוטנג", — האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פירן א קאַמף פאַרן אַנטוויקלען די רעוואָליוציע איבער „פּונויבן" — דורך דער צייטווייליקער רעוואָ־ליוציאָנערער רעגירונג. דער דאָזיקער געדאַנק וועגן דער נייטיקייט צו קאָאָרדינירן די טאַטן „פּונוטנג" מיט די טאַטן „פּונויבן" אונטערן אָנפיר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט דורכגעדרונגען אַלע באַשלוסן פונעם III צוזאַמענפאָר.

ו. לענין.

א. באָגדאַנאָוו.

ל. קראַסין.

די פּרעזידיום־ביוראָ פונעם III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אין דער פראַגע וועגן דער פּויערישער באַוועגונג האָט דער צוזאַמענפאָר זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן פולשטענדיקן שטיצן אַלע רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלען פון־נעם פּויערטום, אויך ביזן קאָנפיסקירן די גאַנצע פּריצישע און קלויסטערשע ערד. דער צוזאַמענפאָר האָט געגעבן אן אָנווייז צו שאַפן רעוואָליוציאָנערע פּויערשע קאָמיטעטן, קעדיי די פּויערים גופא זאָלן גלייך פאַרכאַפּן די פּריצישע ערדן, און האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

דער III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט פאָרגעלייגט אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אום־ראַכמאָנעסדיק צו דעמאַסקירן די עסערן, וואָס פּלעגן מאַסקירן זייערע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אָנשויונגען מיט סאָציאַליסטישע פראַזעס, וואָס פּלעגן צונויפמישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום אין איין מאַסע און וואָס פּלעגן פאַרבייטן דעם קאַמף פון די מאַסן קעגן דער זעלבסטהערשונג מיט פּערסאָנעלע טעראָריסטישע אַקטן. אין דערזעלבער צייט האָט דער צוזאַמענפאָר אונטערגעשטראָכן די רעוואָליו־ציאָנערע ראָליע פון די עסערן אין קאַמף מיטן לייבייגנטום, וואָרעם זיי האָבן גע־קעמפט פאַרן אויפבערגיין פון די פּריצישע ערדן אין די הענט פון די פּויערים אָן אויסקויף־געלט. די עסערן האָבן געהאַט א גרויסן איינפלוס צווישן פּויערטום און צווישן דער אינטעליגענץ. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער צוזאַמענפאָר אנער־קענט פאַר נוציק, קעדיי צו קעמפן מיט דער זעלבסטהערשונג, צו פּראַקטיקירן צייט־ווייליקע קאַמף־אָפּמאַכן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט די עסערן־אָרגאַניזאַציעס. אין דערזעלבער צייט האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגעוויזן אויף דער פליכט פון די באָל־שעוויקעס אין דידאָזיקע אָפּמאַכן איינצוהיטן די פולשטענדיקע זעלבשטענדיקייט און אן אויסגעהאַלטענע פּאַרטיי־ליניע.

אין דער פראַגע וועגן דער באַציונג צו די ליבעראַלן האָט דער צוזאַמענ־פאָר אָפּגעשאַפט פּאָטרעסאָווס אָפּאָרטוניסטישע רעזאָליוציע, וואָס איז געווען אָנגע־נומען אויפן II צוזאַמענפאָר. דער III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכן די נייטיקייט צו דערקלערן די אַרבעטער דעם פאַרעטערישן כאַראַקטער פון דער ליבע־

5—898

ראַלער באַוועגונג און אַנטשיידנ צו קעמפנ קעגנ דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס שטרעבט אונטערצוואַרפנ די אַרבעטער־באַוועגונג צו איר אידייִשער ווירקונג און אָנפירונג.

אינ דער רעזאָליוציע וועגנ די מענשעוויקעס האָט דער צוזאַמענפאָר פאָרורטיילט די פראַקציאָנעלע דעזאָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט פונ די מענשעוויקעס נאָכנ II צוזאַמענפאָר. דער III צוזאַמענפאָר האָט דערביי אָנגעוויזנ, אַז דאָס ווייטערדיקע בלייבנ פונ די מענשעוויקעס אינ רסדאַ״פּ איז מעגלעכ בלויז באַמ באַדינג, אויב, אָנערקענענדיק די באַשלוסנ פונ די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרנ און דעמ פּאַרטייִשנ סטאַטוט, וועלנ זיי זיכ פולשטענדיק אונטערוואַרפנ דער פּאַרטיי־דיסציפּלינ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ דעמ פּאַרטיי־סטאַטוט מיט דער לענינישער פאָרמולירונג פונעמ ערשטנ פּאַראַגראַפ. פאַרנ צ״ק איז געזיכערט געוואָרנ די פולע מאַכט אינעמ פאַריאָד צווישנ די צוזאַמענפאָרנ. דעמ צ״ק איז געגעבנ געוואָרנ דאָס רעכט צו באַשטימענ די רעדאַקציע פונעמ צענטראַלנ אָרגאַנ (צ״אָ). דער III צוזאַמענפאָר האָט ליקווידירט דעמ פּאַרטיי־ראַט, וואָס איז געווענ געשאַפנ אפנ II צוזאַמענפאָר אפ צו קאָנטאַקטירנ און פאַרייניקנ די טעטיקייט פונ צ״ק און צ״אָ.

אפנ צוזאַמענפאָר האָט לענינ אַרויסגערוקט די אויפגאַבע — ברייט אַריינצוציִענ אינ דער פּאַרטיי אַרבעטער און אַרויסצורוקנ זיי אפ אָנפירנדיקער אַרבעט, גרייטנדיק זיכ צומ דורכפירנ אינ א מעגלעכער מאָס די אויסגעוויילטקייט פונ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

אינ די באַשלוסנ פונעמ III צוזאַמענפאָר האָבנ זיכ פולשטענדיק אָפּגעשפּיגלט אַלע פראַגעס פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י., וואָס זיינענ געווענ פאַנאַנדערגעאַרבעט אינ לענינס ווערק. אַלע באַשלוסנ פונעמ III צוזאַמענפאָר זיינענ געווענ געריכטעט צו איינ ציל — צו אָרגאַניזירנ דעמ אַנטשיידנדיקנ זיג פונ דער רעוואָליוציע.

דער קאַמפ פונ די באָלשעוויקעס פאַר א ריכטיקער ליניע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר.

אינ גאַנצנ לויפ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י. האָט אונדזער פּאַרטיי געפירט אַנ אומדאַכמאָנעסדיקנ קאַמפ פאַרנ אויסאַרבעטנ א ריכטיקע פּראָלעטאַרישע ליניע אינ דער רעוואָליוציע. צוליב דעמ איז נייטיק געווענ צו געבנ אַנ עכט־מאַרקסיסטישע אָפּשאַצונג דעמ כאַראַקטער, די באַוועג־קרעפטנ און די אויפגאַבעס פונ דער רעוואָליוציע. די פּאַרטיי פלעגט אויפדעקנ און דעמאַסקירנ אַלע אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגענ אינעמ אַרבעטער־קלאַס און די שאָלעמ־מאַכעריי צו זיי, האָט געפירט א ליניע אפ א שפּאַלטונג מיט די אָפּאָרטוניסטנ אינ דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די באָלשעוויקעס האָבנ געפירט א קאַמפ קעגנ דעמ מענשעוויסטישנ אָפּשאַצנ דעמ כאַראַקטער און די באַוועג־קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר. אפ זייער זשענעווער קאָנפערענצ, און אויכ ביז איר אינ זייערע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגענ[1], האָבנ די מענשעוויקעס געגעבנ אַנ אָפּשאַצונג דעמ כאַראַקטער, די באַוועג־קרעפטנ און די אויפגאַבעס פונ דער רעוואָליוציע, — אַנ אָפּשאַצונג, וואָס איז אינ גרונט זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ מיט דער באָלשעוויסטישער אָפּשאַצונג. די מענשעוויקעס האָבנ באַטראַכט די רעוואָליוציע פונ 1905 י., ווי א בורזשואַזע רעוואָליוציע, וואָס דאַרפ פאָרקומענ אונטערנ אָנפיר פונ דער בורזשואַזיע.

לויט זייער מיינונג, האָט די רעוואָליוציע באַדאַרפט דורכגיינ לויטנ טיפּ פונ די פאָריקע בורזשואַזע רעוואָליוציעס אינ מיירעוו־אייראָפּע און אינ פאַל פונ א זיג דורכרייכנ א וועג פאַר דער הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע.

די מענשעוויקעס פלעגנ אָפּלייקענענ די זעלבשטענדיקע אויפגאַבעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ דערדאָזיקער רעוואָליוציע. פאַרנ פּראָלעטאַריאַט האָבנ זיי געשטעלט

[1] אַשטייגער, אינ מאַרטינאָווס בראָשור „צוויי דיקטאַטורנ".

די אופֿגאבע בלויז אונטערצוהאלטנ די בורזשואזיע. זיי האָבנ געקעמפֿט קעגנ דער אָנפֿירנדיקער ראָליע פֿונעם פּראָלעטאריאט אינ דער רעוואָליוציע אונ האָבנ אָפּגעלייקנט די קאָלאָסאלע רעוואָליוציאָנערע ראָליע פֿונעם פּויערטום. זיי זיינענ פֿאקטיש געווענ קעגנ דעם באוואָפֿנטנ אראָפּוואַרפֿנ די זעלבסטהערשונג.

אזוי ארום האָבנ די מענשעוויקעס אָפּגעלייקנט, אז די רעוואָליוציע פֿונ 1905 יאָר איז געווענ א בורזשואז־פּויערשע רעוואָליוציע, וואָס איז פֿאָרגעקומענ אינ אנ אימפּעריאליסטישנ לאנד אונטער דער העגעמאָניע פֿונעם פּראָלעטאריאט. זיי האָבנ אָפּגעלייקנט די נייטיקייט פֿונ אנ אריבערוווקס פֿונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער אונ האָבנ אָפּגעטיילט איינ רעוואָליוציע פֿונ דער אנדערער מיט א פּעריאָד פֿונ א לאנגדויערנדיקער עקזיסטענצ פֿונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. דאָס איז אויפֿגעדעקט געוואָרנ דורכ לענינענ, וועלכער האָט דערוויזנ, אז אינ דער רעוואָליוציע פֿונ 1905 יאָר זיינענ די מענשעוויקעס פֿאקטיש געווענ בורזשואזע דעמאָקראטנ.

אינ איינע רייענ מיט די מענשעוויקעס איז געגאנגענ טראָצקי. אונדזער פּארטיי האָט אים אויפֿגעדעקט אונ דעמאסקירט ווי א געמיינסטנ מענשעוויק, וואָס פֿלעגט מאסקירנ זיינע מענשעוויסטישע פּאָזיציעס מיט „לינקע” פֿראזעס. טראָצקי פֿלעגט בלויז מיטנ מויל אנערקענענ דעם פּראָלעטאריאט פֿאר א רעוואָליוציאָנערנ קלאס. ער פֿלעגט אָפּלייקענענ די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פֿונ פּויערטום. ער פֿלעגט באטראכטנ דאָס גאנצע פּויערטום ווי א רעאקציאָנערע קראפֿט.

מיטנ דאָזיקנ טראָצקיסטישנ אָפּשאצנ דעם פֿאנאנדערשטעל פֿונ די קלאסנ אינ דער רעוואָליוציע איז בא טראָצקינ געווענ ענג צוזאמענגעבונדנ דער פֿארעטערישער לויטנ אינהאלט אונ „לינקער” לויט דער פֿאָרמע לאָזונג: „אָנ א קייסער, אונ די רעגירונג אנ ארבעטערשע”. דעמדאָזיקנ לאָזונג האָט טראָצקי קעגנגעשטעלט קעגנ דעם לאָזונג פֿונ די באָלשעוויקעס: „פֿאר א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פֿונ פּראָלעטאריאט אונ פּויערטום”, וואָס איז געווענ אויסגערעכנט אפֿ אנ אריבערגאנג צו דער דיקטאטור פֿונ פּראָלעטאריאט. טראָצקי, הייסט עס, האָט געוואָלט אריבערשפּרינגענ איבערנ עטאפּ פֿונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע. טראָצקי האָט גערעכנט אָנצוהייבנ די רעוואָליוציע פֿונעם איינשטעלנ אנ ארבעטער־רעגירונג.

אָבער דידאָזיקע ארבעטער־רעגירונג, ווענ זי וועט זיכ שטעלנ בא דער מאכט, האָט געזאָגט טראָצקי, וועט אומפֿארמיידלעכ קומענ צו פֿיינטלעכע צוזאמענשטויסנ מיט די ברייטע מאסנ פּויערטום, ד. ה. ס'איז אומפֿארמיידלעכ א פֿולשטענדיקער איינרייס צווישנ דעם פּראָלעטאריאט, וואָס שטייט בא דער מאכט, אונ צווישנ דעם פּויערטום; ס'איז אומפֿארמיידלעכ צווישנ זיי א באוואָפֿנטער קאמפּ, א בירגערקריג. טראָצקי האָט געטיינעט, אז די רעוואָליוציע אינ רוסלאנד וועט אומפֿארמיידלעכ צעקלאפּט ווערנ, אויב דער פּראָלעטאריאט פֿונ אנדערע עקאָנאָמיש־פֿאָרגעשריטענע לענדער וועט ניט נעמענ די מאכט אינ זיינע הענט. ער האָט געהאָפֿט אויסשליסלעכ אפֿנ שטיצנ די רוסלענדישע רעוואָליוציע מיצאד דעם מייִרעוו־אייראָפּייִשנ פּראָלעטאריאט, וואָס וועט האָבנ גענומענ די מאכט אינ זיינע הענט.

אזוי ארום האָט טראָצקי, ערשטנס, ניט געגלייבט אינ די קויכעס פֿונ פּראָלעטאריאט אינ רוסלאנד, אינ זיינ פֿייקייט אָנצופֿירנ מיטנ פּויערטום, ער האָט געלייקנט אינ דער אָנפֿירנדיקער ראָליע פֿונעם פּראָלעטאריאט אינ דער רעוואָליוציע; צווייטנס, האָט ער „נעוויִעס געזאָגט”, אז דער פּראָלעטאריאט וועט נאָכנ אראָפּוואַרפֿנ די זעלבסטהערשונג מוזנ פֿירנ אנ אומפֿארמיידלעכנ קאמפּ מיטנ פּויערטום, אונ דערמיט האָט ער פֿארורטיילט דעם פּראָלעטאריאט אפֿ א פֿולשטענדיקער איינזאמקייט אונ מאפּאָלע. טראָצקיס אויסערלעכ „לינקע” רעוואָליוציאָנערע טעאָריע האָט אינ טאָכ געשטיצט די מענשעוויסטישע ליניע אפֿ איבערגעבנ דער בורזשואזיע די אָנפֿירנדיקע ראָליע אינ דער רעוואָליוציע.

זײַנ לאָזונג „אָנ א קײסער, אונ די רעגירונג אנ ארבעטערשע" האָט בעשומויפנ ניט באטײַט קײנ דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, וואָרעמ אפ דער ארבעטער־רעגירונג האָט טראָצקי אינ טאָכ ניט ארופגעלײגט קײנ שומ סאָציאליסטישע אופגאבעס. פאקטיש האָט טראָצקי ניט געקעמפט אפילע פארנ זיג פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, וואָרעמ ער האָט געלײקנט אינ דער העגעמאָניע פונ פראָלעטאריאט אינ דער דאָזיקער רעוואָליוציע, געלײקנט אינ דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ. דערמיט גופע האָט טראָצקי געזאָלט ארונטערײַסנ דעמ זיג פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אונ, ווי אלע מענשעוויקעס, צוגרײטנ א קאָמפראָמיס מיט דער רעאקציע.

אזויארומ האָט טראָצקי אינ גרונט געלײקנט אינ דער לערע וועגנ דעמ אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א פראָלעטארישער אונ וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

אָט פארוואָס טראָצקיס טעאָריע, כאָטש זי האָט זיכ אָנגערופנ טעאָריע פונ „פערמאנענטער רעוואָליוציע", האָט פאקטיש אינ גרונט פארקריפלט מארקס לערע וועגנ דער פערמאנענטער רעוואָליוציע.

אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י. זײַנענ די מענשעוויקעס ביקלאל אונ די טראָצקיסטנ ביפראט געווענ דער רוסלענדישער אָטריאד פונעמ אינטערנאציאָנאלנ אָפאָרטוניזמ. דעריבער האָט לענינ, אומראכמאָנעסדיק דעמאסקירנדיק די מענשעוויקעס אונ די טראָצקיסטנ, געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ קלאפ די אָפאָרטוניסטנ פונעמ II אינטערנאציאָנאל. באזונדערס האָט דערדאָזיקער קאמפ געהאט אנ אינטערנאציאָנאלנ באטײַט דערפאר, ווײַל אינ די גרונט־פראגעס איז צווישנ די מענשעוויקעס אונ דער אָנפירונג פונעמ II אינטערנאציאָנאל ניט געווענ קײנ וועזנטלעכער אונטערשײד. עמעס, אונטער דער ווירקונג פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ האָט קאוטסקי געהאט דערקלערט, אז די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז ניט קײנ בורזשואזע רעוואָליוציע, אינ וועלכער די אָנפירונג געהערט צו דער בורזשואזיע. אָבער גלײַכצײַטיק האָט דערזעלבער קאוטסקי אינ טאָכ געלײקנט אינ די מארקס־לענינישע אָנשויונגענ אפ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. ער האָט געלײקנט אינעמ אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער; ער האָט געלײקנט אינ דער נײטיקײַט פונ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, ער פלעגט זיכ ארויסזאָגנ קעגנ א באוואָפנטנ אופשטאנד אונ ביקלאל קעגנ גוואלדטאט, פארקריפלענדיק די ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט אלס פירער פונ דער רעוואָליוציע.

אונטער דער ווירקונג פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר אונ פונעמ באָלשעוויסטישנ קאמפ קעגנ דעמ אָפאָרטוניזמ האָט זיכ נאָכ שארפער ארויסגעפאָרמירט דער לינקער פליגל אינ דער דײַטשישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטײ מיט ראָזע ליוקסעמבורג אינ שפיצ. די לינקע סאָציאל־דעמאָקראטנ פלעגנ רופנ דעמ גאנצנ פראָלעטאריאט זיכ צו לערנענ אפ די גרויסע לעקציעס פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר. זײ פלעגנ פאָדערנ אינ דײַטשלאנד ענערגישערע קאמפ־מעטאָדנ. די לינקע פלעגנ קעמפנ, כאָטש ניט גענוג אנטשײדנ, קעגנ דעמ אָפאָרטוניזמ, אונ אינ דידאָזיקע ארויסטרעטונגענ פלעגנ די באָלשעוויקעס שטיצנ די לינקע סאָציאל־דעמאָקראטנ.

אָבער צוזאמענ דערמיט האָבנ די לינקע סאָציאל־דעמאָקראטנ געהאט א גאנצע רײ זײער ערנסטע פאָליטישע אונ טעאָרעטישע פעלערנ. די אָפאָרטוניסטישע לאסט האָט נאָכ געדריקט אפ זײ, אונ אינ אסאכ פראגעס פלעגנ זײ זיכ סאָלידאריזירנ מיט די מענשעוויקעס. פארוווס [1]) אונ ראָזע ליוקסעמבורג האָבנ געשאפנ יענע טעאָריע פונ „פערמאנענטער רעוואָליוציע", וועלכע ס'האָט בײמ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר אונטערגעכאפט אונ אנטוויקלט טראָצקי. ראָזע ליוקסעמבורג האָט ניט געגלײבט אינ דער פײַיקײַט פונעמ פראָלעטאריאט אָנצופירנ מיטנ פויערטומ; זי האָט מענשעוויסטיש

1) פארוווס האָט בעשאס דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אָפנ זיכ אראָפגעקײַקלט ביז צו דער מיטארבעט מיט די אימפעריאליסטנ אונ צומ שטיצנ זײ.

געלייקנט אינ דער פּאָליטיק פונ א בונד פונעמ פּראָלעטאריאט מיטנ פּויערטומ, זי האָט געלייקנט אינ דער נייטיקייַט פונ א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ פּויערטומ אונ אינעמ אָרגאניזאציאָנעלנ צוגרייטנ א באוואָפנטנ אופשטאנד. די לינקע פלעגנ פארקריפּלענ די אָנפירנדיקע ראָליע פונ דער פּארטיי אינ דער רעוואָליוציע, ניט דערשאצנדיק איר באטייַט.

פירנדיק א קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ, זייַנענ די לינקע אינ דערזעלבער צייַט ניט אייַנגעגאנגענ אפ קיינ פולשטענדיקנ אייַנרייַס אונ שפּאלטונג מיט זיי. דעריבער פלעגנ די רוסישע באָלשעוויקעס, שטיצנדיק די לינקע, דאָכ אנטשיידנדיק קריטיקירנ זייערע האלב־מענשעוויסטישע פעלערנ אונ דעמאסקירנ זייער ניט־אנטשלאָסנקייַט, אומקאָנסעקווענטקייַט, זייער נאָכגעבנ די אָפּאָרטוניסטנ.

אינעמ גאנצנ לויפ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס אונטער לענינס אָנפיר קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ פונ אלע קאָלירנ אונ שאטירונגענ פארהארטעוועט דעמ באָלשעוויזמ אונ באוואָרנט פארנ פּראָלעטאריאט די ראָליע פונ א פירער אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר.

די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג נאָכנ 9 יאנואר.

די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איז זיכ נאָכנ 9 יאנואר שטורמיש פאנאנדערגעוואקסנ. די שטרייַק־באוועגונג האָט גענומענ ארומכאפּנ אלצ א גרעסערע צאָל אָנטיילנעמערס. אינ דער אָנגעגליטער רעוואָליוציאָנערער סיטואציע האָט די פּארטיי זיכ געסטארעט זיכ צו דערשלאָגנ, אז די עקאָנאָמישע שטרייַקנ פונעמ ארבעטער־קלאס זאָלנ פארוואנדלט ווערנ אינ פּאָליטישע אונ האָט געשטרעבט אופצוהייבנ דעמ פּראָלעטאריאט צומ אנטשיידעגעמ קאמפּ פארנ אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג. אומגעהייער גרויס זייַנענ געווענ די ערשטמייַיקע פּאָליטישע שטרייַקנ פונ 1905 יאָר אינ בייַבאלטישנ קאנט אונ אינ פוילנ מיטנ לאָזונג „אראָפּ מיט דער זעלבסטהערשונג" אונ מיטנ פאָדערנ אנ אכטשאָיִקנ ארבעט־טאָג. זומער האָט זיכ אופגעהויבנ א נייַע כוואליע פונ דער שטרייַק־באוועגונג. אונטערנ אָנפיר פונ דער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אלגעמיינער שטרייַק אינ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק, אינ מאָסקווער אינדוסטריעלנ ראיאָנ אונ אינ אנדערע ערטער.

אינ לאָדז האָט דער פּאָליטישער שטרייַק געטראָגנ א ביז גאָר שארפנ כאראקטער. דעמ 10 יונ איז ער אריבערגעוואקסנ אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד. די שטרייַק־באוועגונג האָט ארומגעכאפּט אָדעס, כארקאָוו, ריגע, קאטערינאָסלאוו; ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אלגעמיינער שטרייַק אפ קאווקאז.

דער שטרייַק, וואָס אונטערנ אָנפיר פונ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי פלעגט ער אריבערוואקסנ אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד, איז געוואָרנ א מעכטיק געווער אינעמ פּאָליטישנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

דער וווקס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג צווישנ פּראָלעטאריאט האָט זייער שטארק געווירקט אפנ פּויערטומ. נאָכגייענדיק נאָכ דער ארויסטרעטונג פונעמ ארבעטער־קלאס, איז אפ א גרויסנ אופשטייַג געגאנגענ אויכ די פּויערשע באוועגונג. פונ די צענטראל־שווארצערדישע ראיאָנענ האָבנ די פּויערשע אופשטאנדנ זיכ אריבערגעוואָרפנ אפ אוקראיִנע, אפ בייַוואָלגע. ס'האָט זיכ אופגעהויבנ א כוואליע שטרייַקנ פונ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער. אינ דידאָזיקע שטרייַקנ האָבנ אָנטיילגענומענ בא 2 מיליאָנ באטראקעס. אינ א ריי ערטער זייַנענ די שטרייַקנ פונ די באטראקעס דורכגעגאנגענ אונטערנ לאָזונג פונ אָפּזאָגנ זיכ צו צאָלנ שטייַערנ אונ אונטערנ לאָזונג פונ בייַטנ די מאכט. צומ שטארקסטנ איז געווענ די פּויערשע באוועגונג אינ בייַבאלטיקע, פוילנ, אינ סאראטאָווער אונ טשערניגאָווער גובערניעס אונ אויכ אפ קאווקאז, ווו די באוועגונג האָט זיכ פארוואנדלט אינ א גרויסנ אופשטאנד. דאָ האָבנ א גרויסע ראָליע געשפּילט די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס: זיי פלעגנ דרוקנ פלוג־בלעטלעכ אונ אופרופנ, פלעגנ צעשיקנ אגיטאטערס אינ דאָרפ, אייַנאָרדענענ

סכאָדקעס, שאפנ קרײַזלעכ אונ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אינ דאָרף. זיי פלעגנ אָרגאַ־
ניזירנ די ברייטע מאסנ פויערטום צום אנטשיידענעם קאַמפּ.
בלויז פאַרנ 1905 יאָר איז פאָרגעקומענ העכער 8 טויזנט פויערשע אופשטאַנדנ
אונ צעגראָמירונגענ פונ פּריצישע מאַיאָנטקעס. נאָר דאָכ האָט דאָס באַטראָפנ בלויז



דער אופשטאנד פונ די מאַטראָסנ אפנ „פּאָטיאָמקינ“.

אנ אומבאַדײַטנדיקנ טייל דערפונ, וואָס מע האָט באַדאַרפט פאַרניכטנ צוליבנ זיג פונ
דער רעוואָליוציע.

די באָלשעוויקעס אינ שפּיצ מיט זייער פירער לענינ, וועלכער
האָט זיכ אינ סאָפ 1905 יאָר אומגעקערט קיינ רוסלאַנד פונ אויס־
לאַנד, זײַנענ געווענ די עמעסע אָנפירערס פונ דער אַלצ ברייטער
זיכ פאַנאַנדערוויקלענדיקער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.
כ׳ סטאַלינ, ווי אַ געטרײַער באָלשעוויק, ווי אַ פעסטער לענינעצ,

האָט געשפילט א גרויסע ראָליע אינעם אָנפירן מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אלס מיטגליד פון דער טראנסקאווקאזער געגנט־ביוראָ, האָט כ' סטאלין אָנגעפירט מיטן אומלעגאלן אָרגאן „באָרבא פראָלעטאריאטא". אונטער זײַן אָנפיר זײַנען די טראנסקאווקאזער באָלשעוויקעס, קעמפנדיק קעגן די מענשעוויקעס און עסערן, געשטאנען אין שפיץ פון דער ארבעטער־באוועגונג און פונעם נאציאָנאל־באפרײַערישן קאמף פון די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטן.

די מאסן־באוועגונג פונעם פראָלעטאריאט און פונעם פויערטום און די אָנגעשטרענגטע ארבעט פון דער פארטיי צווישן דעם מיליטער האָבן גענומען ארײַנציען אין רעוואָליוציאָנערן שטראָם די צארישע ארמיי און פלאָט. זומער 1905 יאָר האָט אויפגעפלאקערט אן אויפשטאנד אינעם שווארציאמיקן פלאָט אפ דער פאנצער־שיף „פאָטיאָמקין". לענין האָט צוגעגעבן דעמדאָזיקן אויפשטאנד דעם קאָלאָסאלסטן באטײַט. ער האָט קאָמאנדירט וואסיליעוו־יוזשינען אָנטײלצונעמען אין דער אָנפירונג מיט די אויפשטענדלער און צו באוואָרענען שטיצע פאר דער פאנצער־שיף. אָבער וואסיליעוו־יוזשינען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אָנצוקומען אפ דער שיף. ניט געקוקט אפן גאנצן העראָיזם פון די מאטראָסן און אפן אלגעמײנעם שטרײַק אין אָדעס, האָט די פאנצער־שיף דאָך ניט געקראָגן די נייטיקע שטיצע. זי איז געצוווּנגען געווען אוועקצוגײן קײן רומעניע און זיך איבערצוגעבן דער רומענישער מאכט. די קאָמאנדע איז ארעסטירט געוואָרן, א טייל איז פארשיקט געוואָרן אפ קאטאָרגע און עטלעכע זײַנען געקעפט געוואָרן. דער אויפשטאנד אפן „פאָטיאָמקין" האָט געהאט אן אומגעהייער גרויסן באטײַט, וואָרעם דאָ איז צום ערשטן מאָל א גאנצע פאנצער־שיף אָפן אריבערגעגאנגען אפ דער זײַט פון דער רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע האָט זיך גענומען אלץ מער פארפעסטיקן. די ארמיי האָט זיך אָנגעהויבן וואקלען.

דער גרויסער שוווּנג פון דער פאָליטישער באוועגונג פונעם פראָלעטאריאט, די אויפשטאנדן אין דאָרף און אין דער צארישער ארמיי האָבן געצוווּנגען די זעלבסטהערשונג צו גײן אפ האנאָכעס און צו מאכן פרווון צו פארקערעווען די באוועגונג אפ א פרידלעכן וועג. מיט דעם צוועק האָט די צארישע רעגירונג באשלאָסן צונויפצורופן די מעלוכע־דומע פון פאָרשטייערס פון פארשיידענע קלאסן. לויט די פארעפנטלעכטע קלאָלים, האָט די דאָזיקע דומע (לויט דער פאמיליע פונעם מיניסטער, וואָס האָט צונויפגעשטעלט די קלאָלים, האָט זי זיך אָנגערופן „בוליגינישע דומע") ניט געהאט קײן געזעצגעבערישע רעכט. אירע באשלוסן האָבן ניט געזאָלט זײַן אָבליגאטעריש פארן צאר. דער ארבעטער־קלאס האָט ניט געזאָלט באקומען קײן שום וואלרעכט. צולאָזנדיק צום אָנטייל אין דער דומע די גרויס־בורזשואזיע, האָט די צארישע רעגירונג גערעכנט פעסטער צוצוציען זי אפ איר זײַט. צוזאמען דערמיט האָט די רעגירונג מיטן צונויפרופן די דומע געשטרעבט צו דעזאָרגאניזירן די שטורמיש־אָנוואקסנדיקע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג.

די באָלשעוויקעס האָבן דײַטלעך געזען, אז, צונויפרופנדיק די דומע, פרווט זיך די רעגירונג ליקווידירן די רעוואָליוציע און צו פארקערעווען די וואקסנדיקע אומצופרידנקײַט פון די מאסן אין געזעצלעכע פרידלעכע ראמען. דער דאָזיקער פאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג האָט אונדזער פארטיי קעגנגעשטעלט די פאָליטיק פון אָנגעשטרענגטן צוגרייטן און אָרגאניזירן א באוואָפנטן אויפשטאנד אפ אראָפצוווארפן די זעלבסטהערשונג. דעריבער האָבן די באָלשעוויקעס גערופן די מאסן אראָפּצורײַסן, אקטיוו זיך אָפצוזאָגן פון די וואלן אין דער דאָזיקער דומע, ד. ה. צו בויקאָטירן די דומע.

די מענשעוויקעס אָבער, זײַענדיק פאקטיש קעגנערס פון א באוואָפנטן אויפשטאנד און פון אן אנטשײדנדיקן קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, האָבן געהאלטן פאר מעגלעך אָנטײלצונעמען אין די וואלן. דערמיט גופא האָבן זיי דורכגעפירט די בורזשואזע ווירקונג אפן פראָלעטאריאט.

די בוליגינישע דומע האָט זיכ ניט צונויפגעקליבנ. די מעכטיקע כוואַליע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר האָט ניט געלאָזט אפילע צוטרעטנ צו אירע וואַלנ.

דער פּאָליטישער אָקטיאַבער־שטרײַק.

אינ אָנהייב אָקטיאַבער האָט זיכ אָנגעהויבנ דער שטרײַק פונ די אַרבעטער אפנ מאָסקווער אײַזנבאַנ־קנופ. ער האָט זיכ שנעל אריבערגעוואָרפנ אפ אלע אײַזנבאַנענ. אינגיכנ האָבנ פאַרשטרײַקט די אײַזנבאַנ־אַרבעטער אונ אָנגעשטעלטע פונ גאַנצ רוסלאַנד. די שטרײַקנ פלעגנ יעדנ טאָג ארומכאַפּנ אַלצ נײַע אונ נײַע פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ. די באָלשעוויקעס האָבנ מיט דער גאַנצער אקשאָנעס אונ אײַנגעשפּאַרטקײַט גענומענ מאָביליזירנ די מאַסנ אפ צו אָרגאַניזירנ אַנ אַלגעמײנעמ פּאָליטישנ שטרײַק פונעמ רוסלענדישנ פּראָלעטאַריאַט. אינ מיטנ אָקטיאַבער האָט דער אַלגעמײנער פּאָליטישער שטרײַק ארומגעכאַפּט קימאַט גאַנצ רוסלאַנד (העכער 120 שטעט).



די לעווײַע פונעמ באָלשעוויק נ. ע. באַומאַנ, וואָס איז געהאַרגעט געוואָרנ דורכ די שוואַרצמײעניקעס (מאָסקווע, אָקטיאַבער 1905 י.).

דאָס לעבנ איז ווי אָפּגעשטאָרבנ געוואָרנ. ס׳האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט די צוגנ, זאַוואָדנ אונ פאַבריקנ; ס׳האָבנ אופגעהערט אַרבעטנ די פּאָטשט אונ דער טעלעגראַפ; מע האָט אופגעהערט לערנענ אינ די לערנ־אַנשטאַלטנ; ס׳האָבנ זיכ פאַרמאַכט די בענק אונ די מאַגאַזינענ.

די הויפּט־פאָדערונגענ פונעמ אָקטיאַבער־שטרײַק זײַנענ געווענ: „אַראָפּ מיט דער זעלבסטהערשונג!", „צונויפרופנ א גרינדונג־פאַרזאַמלונג אפנ יעסאָד פונ אַלגעמײנעמ, דירעקטנ, געהײמענ אונ גלײַכנ וואַלרעכט". אינ די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס—אינ מאָסקווע, כאַרקאָוו, אָדעס, קאַטערינאָסלאַוו—זײַנענ די שטרײַקערס ארויס אפ באַריקאַדעס. דערדאָזיקער באַריקאַדנ־קאַמפּ איז געווענ אַנ אויסערגעוויינלעכ אקשאָנעסדיקער. אומעטומ זײַנענ אָרגאַניזירט געוואָרנ שלאַכט־דרוזשינעס אונ שלאַכט־גרייטע שטרײַק־קאָמיטעטנ, וואָס האָבנ אָנגעפירט מיטנ באַריקאַדנ־קאַמפּ פונ די מאַסנ. צו א באַזונדער קראַפט האָט אינעמ דאָזיקנ פעריאָד דער מאַסנ־קאַמפּ דערגרייכט אינ גרוזיע (קאַווקאַז). דאָרט איז דער אַלגעמײנער שטרײַק אריבערגעוואַקסנ

אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד, אינ וועלכנ ס'האָבנ זיכ באטייליקט בא טויזנט באוואָפנטע ארבעטער אונ פויערימ.

דער פּאָליטישער אָקטיאבער-שטרייק איז געווענ א בוילעטע אנטפּלעקונג פונעמ מעכטיקנ אופשטייג פונ דער פּראָלעטארישער באוועגונג, וואָס האָט פארכאפּט גוואלדיקע מאסנ פונעמ ארבעטער-קלאס. ער האָט פולשטענדיק באשטעטיקט די ריכטיקייט פונ דער באָלשעוויסטישער ליניע אפנ פאנאנדערוויקלענ די רעוואָליוציע. ער האָט באוויזנ, אז אינ שפּיצ פונעמ אלגעמיינ-פאָלקישנ אָנגריפ גייט דער פּראָלעטאריאט אונטער דער פאָנ פונ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי. אינ דעמ זינענ איז געווענ כאראקטעריסטיש די לעוויע פונ איינעמ פונ די אָנפירנדיקע טוערס פונ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי, נ. באומאנ, וואָס די שווארצמייעניקעס האָבנ אימ געהארגעט: אפ באומאנס לעוויע האָט זיכ די מאָסקווער באָלשעוויקעס צומ ערשטנ מאָל איינגעגעבנ צונויפצוזאמלענ אונטער זייערע פאָנענ אלע באוווסטזיניקע ארבעטער פונ מאָסקווע.

דער אָקטיאבער-שטרייק האָט באוויזנ די אומבאוויגלעכע קראפט פונ דער פּראָלעטארישער באוועגונג אונ האָט ארונטערגעריסנ די מעכטיקייט פונעמ רעגירונג-אפּאראט. ער האָט געצוווּנגענ די זעלבסטהערשונג צו גיינ אפ נייע האנאָכעס.

דעמ 17 אָקטיאבער האָט דער צאר ארויסגעגעבנ א מאניפעסט, וואָס האָט צוגעזאָגט אלע קלאסנ איינציקע „פרייהייטנ" אונ צו פארברייטערנ די רעכט פונ דער מעלוכע-דומע. דאָס איז געווענ א טאקטישער מאנעווער, דורכ וועלכנ די זעלבסטהערשונג האָט געהאָפט ארויסצורופנ אנ אָפּפאל פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אונ צו געווינענ צייט אפ צו צעגראָמירנ די רעוואָליוציע. אינ דערזעלבער צייט האָט די צארישע רעגירונג דורכגעפירט מאסנ-ארעסטנ פונ רעוואָליוציאָנערנ אונ פונ אלע פערזאָנענ, וואָס זי האָט כוישעד געווענ אינעמ אָנטיילנעמענ אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. די צעיושעטע שווארצע מייעס האָבנ מיטנ פּאטריאָטישנ געזאנג „גאָט, היט דעמ צאר!" גענומענ מאכנ ווילדע פּאָגראָמענ אפ יידנ אונ אפ אנדערע נאציאָנאליטעטנ. אינ העכער 100 שטעט איז אינ משך פונ א פּאָר וואָכנ דערהארגעט געוואָרנ בא 4 טויזנט מאנ, פארוווּנדעט אונ צעקאליעטשעט געוואָרנ בא 10 טויזנט מאנ.

די ליבעראלע בורזשואזיע האָט באגייסטערט באגריסט דעמ מאניפעסט פונעמ 17 אָקטיאבער. א טייל פונ דער בורזשואזיע האָט צוזאמענ מיט די פּריצימ אָרגאניזירט די פּארטיי אָקטיאבריסטנ מיט גוטשקאָוונ אינ שפּיצ, וועלכע האָט אָפּנ זיכ געוואָרפנ דעמ צאריזמ אינ די אָרעמס.

די באָלשעוויקעס אינ די נייע באדינגענ.

די באָלשעוויסטישע פּארטיי האָט ביז דער רעוואָליוציע געארבעט אינ אויסשליסלעכ שווערע באדינגענ. דער אכזאָריעטדיקסטער טעראָר פונ דער זעלבסטהערשונג האָט אינ דער ערשטער ריי זיכ פארשפּרייט אפ די באָלשעוויקעס. אונדזער פּארטיי פלעגט ארבעטנ אינ אונטערערד, מיט אלע מיטלענ זיכ אויסבאהאלטנ פונ די זשאנדארמישע פארפאָלגונגענ. דעריבער איז ביזנ 1905 יאָר געווענ אינ רוסלאנד זייער ווייניק אויסגעוויילטע קאָמיטעטנ. די פּארטיי האָט זיכ געבויט אפנ פּרינציפּ פונ שטרענגנ צענטראליזמ. דורכ א זאָרגעוודיקנ אָפּקלייבנ פלעגנ די בעסטע, אויסגעפּרוווטע, אינ שלאכטנ פארהארטעוועטע כאווירימ צוגעצויגנ אונ באשטימט ווערנ אפ אָנצופירנ מיט די פּארטיי-קאָמיטעטנ. די פּארטיי-קאָמיטעטנ פלעגנ ארייננעמענ אינ זייער באשטאנד יעדנ נייטיקנ כאווער, ניט האלטנדיק זיכ באמ וואל-פּרינציפּ. די פּארטיי איז באשטאנענ פונ א פארהעלטענישמעסיק ניט קיינ גרויסער צאָל מענטשנ, וואָס זיינענ געווענ פארבונדנ מיט די מאסנ אונ זיינענ געווענ טריי דער זאכ פונעמ ארבעטער-קלאס. די פּארטיי פלעגט אינ די שווערסטע באדינגענ אָנפירנ מיטנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונעמ ארבעטער-קלאס. אירע צוזאמענפאָרנ פלעגט די פּארטיי צונויפרופנ אינ אויסלאנד. פונ אויסלאנד פלעגט אויכ הויפּטזאכלעכ געבראכט ווערנ קיינ רוסלאנד רעוואָליוציאָנערע ליטעראטור—בראָשורנ, צייטונגענ.

מיטנ אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י., נאָכנ 9 יאַנואַר, האָבנ די אַרבעט־באַדינגונגען פונ דער פּאַרטײַ זיכ אָנגעהויבנ ענדערנ. אינ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ זײַנענ אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אונ פּויערימ. די רעוואָליוציאָנערע־שאַפונג פונ די מאַסנ האָט גענומענ ברעכנ די פּאָליצײַישע ראַמענ אונ פאַרבאָטנ. די רעוואָליוציאָנערע מאַסנ האָבנ גענומענ מיט געוואַלט פאַרכאַפּנ אַסאַכ פונ דעמ, וואָס פריִער איז געווענ פאַרבאָטנ. שוינ צומ סאָפ 1905 יאָר האָבנ די פּאַרטײַ אונ דער אַרבעטער־קלאַס אָנגעהויבנ אומעטומ שאַפנ פּראָפאַרײַנענ, קאָאָפּע־ראַטיוונ, קלובנ אונ אַנדערע מאַסעווע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער אַרבעטער־קלאַס פלעגט פאַרכאַפּנ געבײַדעס פאַר זײַנע פּילצאָליקע פאַרזאַמלונגענ.


Россійская Соціалъ-демократическая Рабочая Партія

ВПЕРЕДЪ

Пролетаріи всѣхъ странъ соединяйтесь!

№ 1. ЖЕНЕВА, 4 ЯНВАРЯ (22 ДЕКАБРЯ) 1905 г.

Самодержавіе и пролетаріатъ

דאָס ערשטע זײַטל פונ דער באָלשעוויסטישער צײַטונג „וופּעריאָד" נומ. 1, 1905 י.

דידאָזיקע געוויסע פרײַהײַט, וואָס האָט זיכ פּאַקטיש אײַנגעשטעלט צומ סאָפ 1905 י., האָבנ די באָלשעוויקעס אויסגענוצט אָפּ צו פאַרשטאַרקנ זײַער אידײַישע ווירקונג אינ די מאַסנ אונ אָפּ צו פאַרשטאַרקנ די פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציעס.

אינ דידאָזיקע נײַע באַדינגונגענ האָט זיכ פאַר דער פּאַרטײַ מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט געשטעלט די פראַגע וועגנ איבערבויענ אירע רײַענ אינ הע‌סקעמ מיט דער געענדערטער סיטואַציע. נאָכ אינ מאַרט 1905 יאָר האָט לענינ אינ זײַנ אַרטיקל „נײַע אויפגאַבעס אונ נײַע קויכעס" געפאָדערט טײַקעפּ דורכצופירנ אינ לעבנ דעמ לאָזונג „אָרגאַניזירט זיכ!". דערדאָזיקער לאָזונג האָט צומאַלעמערשטנ געפאָדערט אַנ ענדערונג אינ דער אַרבעט פונ דער פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציע אַפנ גרונט פונ נײַע מעטאָדנ. אײַנהיטנדיק די אומלעגאַלע פאָרמעס פונ איר אָרגאַניזאַציע, איז די פּאַרטײַ פּאַראַלעל מיט זיי מעכויעוו געווענ צו אַנטוויקלענ נײַע אָפענע אונ האַלב־אָפענע, ברײַטערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אונ צו פאַרבינדנ זיי מיט די אומלעגאַלע פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציעס. אינ זײַנ אַרטיקל „וועגנ רעאָרגאַניזירנ די פּאַרטײַ", וואָס ער האָט אָנגעשריבנ נאָכ אָקטיאַבער, האָט לענינ מיט נאָכ מער דרינגלעכקײַט גערעדט וועגנ איבערבויענ די פּאַרטײַ־רײַענ. ער האָט געפאָדערט פאַנאַנדערצוּוויקלענ די אינערלעכ־פּאַרטײַישע דעמאָקראַטיע אונ צו פאַרברײַטערנ דעמ באַשטאַנד פונ די פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציעס אָפנ כעזשבנ פונ די אויסגעוואַקסענע נײַע קאַדרענ.

פאָלגנדיק די אָנווײַזונ פונ זײַער פירער אונ לערער לענינענ, האָבנ די באָלשעוויקעס גענומענ שאַפנ זאַוואָדישע, אונטער־ראַיאָנישע אונ ראַיאָנישע פּאַרטײַ־קאָמיטעטנ, פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציעס אינ דער אַרמײַ, אינ פלאָט, אינ דאָרפ, גענומענ אָרגאַניזירנ קלובנ, פאַרײַנענ אונ אַנדערע מאַסנ־אָרגאַניזאַציעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס. אינ מעשעכ פונ עטלעכע כאָדאָשימ האָבנ די פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציעס אַרײַנגעצויגנ אינ זײַערע רײַענ צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. די פּאַרטײַ האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א

פארשטארקטע ארבעט אפ צו דערציִענ די נײַע מיטגלידער, דורכפירנדיק אלגעמיינע פּארטיי־פארזאמלונגענ, פארזאמלונגענ פונ אקטיוו, פּאנאנדערוויקלענדיק פּילצאָליקע קרײַזלעכ. אינעמ אינערלעכ־פּארטייִשנ לעבנ האָבנ די באָלשעוויקעס אינ דערדאָזיקער נײַער סיטואציע דערקלערט אנ איבערגאנג צו א ברייטערער אויסגעווײלטקייט אונ עפנטלעכקייט אינ דער פּארטיי. די פּארטיי האָט אָנגעהויבנ ארויסצוגעבנ מיליאָנענ פלוג־בלעטלעכ אונ א ריי צײַטונגענ. אינ פּעטערבורג האָט אָנגעהויבנ דער־שײַנענ די צײַטונג „נאָוואיא זשיזנ". דאָס איז געווענ די ערשטע לעגאלע באָלשע־וויסטישע צײַטונג. אינ אפּרעל 1906 י. האָט זיכ אָנשטאָט איר באוויזנ די צײַטונג



ו. לענינ. מ. אָלמינסקי. ו. וואָראָווסקי. א. לונאטשארסקי.

די רעדאקציע פונ דער צײַטונג „וופּעריאָד".

„וואָלנא". אײַנגיכנ (אינ מײַ 1906) איז זי פארמאכט געוואָרנ. זי האָט שפּעטער ווי־דער גענומענ דערשײַנענ אונטערנ נאָמענ „וופּעריאָד". אינ מאָסקווע האָט די פּארטיי אויכ ארויסגעגעבנ לעגאלע צײַטונגענ: „באָרבא", דערנאָכ „סוועטאָטש" אונ „סוואָ־באָדנאיע סלאָוואָ". דורכ איר פּארטיי־פארלאג „וופּעריאָד" אונ דורכ די לעגאלע פארלאגנ—„בורעוועסטניק", „קאָלאָקאָל", „מאָלאָט"—פלעגט די פּארטיי ארויסלאָזנ הונדערטער טויזנטער סאָציאל־דעמאָקראטישע בראָשורנ. פּאראלעל דערמיט איז פונ סאָפ 1904 (לויטנ אלטנ סטיל) אינ אויסלאנד דערשינענ דער אומלעגאלער אָרגאנ פונ די באָלשעוויקעס „וופּעריאָד", וואָס שפּעטער האָט אימ פארביטנ די צײַטונג „פּראָ־לעטארי".

אונדזער פּארטיי האָט אינ הארבסט 1905 יאָר אָנגעהויבנ אָנפירנ, ווי לענינ האָט געזאָגט, מיט גוואלדיקע מאסנ, וואָס האָבנ זיכ ארײַנגעצויגנ אינ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. די פּארטיי האָט פונ די פּארטייִשע אונ אומפּארטייִשע גענומענ אָרגאניזירנ קאמפ־דרושינעס (וועלכע פלעגנ אינ די באדינגענ פונ פּארטיזאנישנ קאמפ אָפט ארבעטנ זאלבעדריט, זאלבעפינפט); מע האָט גענומענ שאפנ געהיימע ווארשטאטנ אפ אויסצוארבעטנ באָמבעס מיטנ ציל צוצוגרייטנ א באוואָפנטנ אויפשטאנד קעגנ דער זעלבסטהערשונג. די פּארטיי האָט אוועקגעשטעלט די אויפגאבע צוצוגרייטנ מיליטערישע אינסטרוקטערס־קאָמאנדירנ אפ אָנצופירנ מיטנ באוואָפנטנ גאסנ־קאמפ.

איבערבויענדיק די אייגענע רייענ, האָבנ די באָלשעוויקעס גענומענ צוגרייטנ אונ אָרגאניזירנ די מאסנ פונעמ ארבעטער־קלאס צומ אנטשיידענעמ באוואָפנטנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

די סאָוועטנ פונ ארבעטער־דעפּוטאטנ.

אינ דער סיטואציע, ווענ ס'איז אָנגעוואקסנ דער רעוואָליוציאָנערער אויפשטײַג, האָט דער ארבעטער־קלאס צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע באשאפנ נײַע אָר־גאנענ פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ—ס אָ וו ע ט נ פ ו נ א ר ב ע ט ע ר ־ ד ע פּ ו ט א ט נ. די ערשטע דעלעגאטנ־פארזאמלונגענ פונ אלע פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס האָבנ



קאַרטע פונ די שטעט, ווו ס'האָבנ זיכ אינ 1905 יאָר אָרגאניזירט סאָוועטנ פונ ארבעטער־ און סאָלדאַטנ־דעפוטאטנ.

דערנאָכ באַקומענ דעמ נאָמענ סאָוועטנ פונ ארבעטער־דעפוטאטנ, זײַנענ אופגעקומענ נאָכ בײַנ אָקטיאַבערישנ אלגעמיינעמ שטרײַק אינ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק און אפֿנ אורא̇ל. אינ דער ערשטער העלפט אָקטיאַבער איז אופגעקומענ דער סאָוועט פונ

ארבעטער־דעפוטאטנ אינ פעטערבורג. דער אָקטיאבערשער אלגעמיינער שטרייק האָט געגעבנ א גרויסנ שטויס צומ שאפנ סאָוועטנ אינ מאָסקווע, כארקאָוו אונ אינ אנדערע שטעט. אינ מאָסקווע אונ אינ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק זײַנענ די אָרגאניזאטערס אונ אָנפירערס פונ די סאָוועטנ געווענ באָלשעוויקעס.

די סאָוועטנ זײַנענ געווענ אָרגאנענ פונ באוואָפנטנ אופשטאנד. אינ מאָסקווע, ראָסטאָוו, נאָוואָראָסיסק, קאטערינאָסלאוו, טשיטא האָבנ די סאָוועטנ אָרגאניזירט אונ אָנגעפירט מיטנ באוואָפנטנ אופשטאנד.

די סאָוועטנ זײַנענ געווענ עכטע מאסנ־אָרגאניזאציעס. זיי זײַנענ געווענ עמברי‍אָנענ פונ א נײַער מאכט, עמברי‍אָנענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור פונ ארבעטער אונ פויערים. אינ פעטערבורג פלעגט דער סאָוועט ארעסטירנ די פאָליציי, פארכאפנ אונ אויסנוצנ דרוקערײַענ, קאָנפיסקירנ געלט פונ דער צארישער רעגירונג אונ האָט גערופנ דאָס פאָלק ניט צו געבנ קיינ געלט דער צארישער קאזנא. אינ מעשעכ פונ נאָיאבער־דעקאבער איז אינ נאָוואָראָסיסק דער סאָוועט געווענ די אייניציקע מאכט אינ שטאָט. ווי א מאכט האָבנ די סאָוועטנ געהאנדלט אויכ אינ טשיטא (סיביר), פארכאפנדיק אונ פארוואלטנדיק מיט די אײַזנבאנענ, ערד־פלעצער, גאָלד־גרובנ, פאָטשט, טעלעגראפ. אינ טשיטא אונ אינ קראסנאָיארסק (סיביר) האָבנ די סאָוועטנ אָרגאניזירט א נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ מאכט־אפאראט. דיזאָזיקע סאָוועטנ האָבנ פארמאָגט א מיליטערישע קראפט, א מיליציע, האָבנ געהאט שלאכט־דרושינעס.

די גאנצע ארבעט פונ די באָלשעוויקעס איז געווענ געצילט אפ צו פארוואנדלענ די סאָוועטנ אינ אופשטאנד־אָרגאנענ, אינ אָרגאנענ פונ א נײַער רעוואָליוציאָנערער מאכט.

אנדערש פלעגנ אָפשאצנ די סאָוועטנ די מענשעוויקעס. זיי פלעגנ די סאָוועטנ צוגעבנ די ראָליע פונ צײַטווײַליקע אָרגאניזאציעס, ביזוואנענ ס׳וועט באשאפנ ווערנ די פאָלק־פאָרשטייערשאפט. זיי פלעגנ מיינענ, אז די סאָוועטנ זײַנענ אָרגאניזאציעס בלויז פאר דער אָרטיקער רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג. אינ דער פראקטישער ארבעט פלעגנ די מענשעוויקעס דערפירנ די ראָליע פונ די סאָוועטנ בלויז צומ פארטיידיקנ די עקאָנאָמישע אינטערעסנ אינ די ראמענ פונ דער זעלבסטהערשונג. די מענשעוויקעס, ביפראט טראָצקי, וועלכער איז א געוויסע צײַט געשטאנענ אינ שפיצ פונ פעטערבורגער סאָוועט, פלעגנ ניט אויסנוצנ אלע רעוואָליוציאָנערע קויכעס פונ די סאָוועטנ אונ פלעגנ ארונטערײַסנ זייער רעוואָליוציאָנערע ארבעט. די מענשעוויקעס אונ טראָצקי פלעגנ ארונטערײַסנ דאָס צוגרייטנ דורכ די סאָוועטנ א באוואָפנטנ אופשטאנד. אזא מינ באציונג פונ די מענשעוויקעס צו די סאָוועטנ איז געווענ ענג צוזאמענגעבונדנ מיט זייער גאנצער אָפאָרטוניסטישער ליניע אינ דער רעוואָליוציע, מיט זייער לייקענענ אינ דער נייטיקײַט פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד, אינ דער נייטיקײַט אײַנצושטעלנ די מאכט פונ ארבעטער אונ פויערימ אונ אויסצוקעמפנ א רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור.

דער באוואָפנטער אופשטאנד אינ מאָסקווע.

אינ נאָיאבער איז אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד אפ דער שיפ „אָטשאקאָוו“, צו וועלכער ס׳זײַנענ צוגעשטאנענ אויכ אנדערע שיפנ—„פאנטעליימאָנ“ (געוועזענער „פאָטיאָמקינ“), „דניעסטער“. דער לייטענאנט שמידט, דער אָנפירער פונ אופשטאנד אפ דער שיפ „אָטשאקאָוו“, האָט אוועקגעשיקט צומ צאר א טעלעגראמע מיט א פאָדערונג צונויפצורופנ א גרינדונג־פארזאמלונג. אינ נאָמענ פונעמ „רומפולנ שווארצ־יאמישנ פלאָט“ האָט ער דערקלערט, אז דער פלאָט זאָגט זיכ אָפ זיכ אונטערצווארפנ דער מאכט. דעמ צאריזמ האָט זיכ אײַנגעגעבנ דורכ א הארמאטנ־באשיסונג צו דערשטיקנ דעמדאָזיקנ אופשטאנד אונ שמידטנ צו ארעסטירנ אונ קעפנ. אָבער דעמ צאריזמ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ אײַנצוברעכנ דעמ ווּקס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. די מאסעווע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג האָט זיכ אלצ מער פאר־

בריימערט און האָט דערגרייכט ביז צום העכסטן אופשטײַג אינעם דעקאבערישן באוואָפנטן אופשטאנד.

אין אָנהייב דעקאבער האָט דער מאָסקווער סאָוועט פון ארבעטער־דעפוטאטן, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט די באָלשעוויקעס, דערקלערט אן אלגעמיינעם פאָליטישן שטרײַק מיטן ציל צו פארוואנדלען אים אין א באוואָפנטן אופשטאנד. אלס ענטפער אפן רוף פון דער פארטיי האָבן באלד דעם ערשטן טאָג פארשטרײַקט אין מאָסקווע בא 100 טויזנט מאן. שנעל איז געגאנגען דאָס אָרגאניזירן שלאכט־דרוזשינעס



די באריקאדעס אין אָרוזשיינע געסל בעשאס דעם דעקאבערישן באוואָפנטן אופשטאנד
(בילד פונעם קינסטלער סאוויצקי).

און פארטיזאנישע אָטריאדן. די מיליטערישע אָרגאניזאציעס פון אונדזער פארטיי האָבן גענומען באוואָפענען דעם פראָלעטאריאט און האָבן געפירט א מיליטעריש־טעכנישע צוגרייטונג צום באוואָפנטן אופשטאנד.

דעם 9 דעקאבער איז דער אלגעמיינער פאָליטישער שטרײַק אריבערגעוואקסן אין א באוואָפנטן אופשטאנד. די ארבעטער האָבן גענומען בויען באריקאדעס. דעם 11 דעקאבער האָט דער באוואָפנטער אופשטאנד ארומגעכאפט דעם גרעסטן ראַיאָן פון מאָסקווע—פרעסניע. אונטערן אָנפיר פונעם באָלשעוויק כ' סעדוי האָבן דאָ די בעסטע שלאכט־דרוזשינעס געגומען פירן א העראָישן מעסירעסנעפעשדיקן קאמף קעגן די באוואָפנטע קרעפטן פונעם צאריזם. די מיליטער־טיילן פון מאָסקווער גארניזאָן האָבן זיך געוואקלט. אָבער די רעגירונג האָט אָנגענומען אלע מיטלען אײַנצוהאלטן די וואקלדיקע טיילן פון ארויסצוטרעטן. די רעגירונג האָט גענומען פארשפארן אין די קאזארמעס די ניט־זיכערע טיילן און זיי אנטוואָפענען און גענומען אָנשיקערן די סאָלדאטן.

די פעטערבורגער ארבעטער האָבן אלס צייכן פון סאָלידארישקײַט מיט מאָסקווע אויך דערקלערט דעם 9 דעקאבער אן אלגעמיינעם שטרײַק. אָבער דער שטרײַק האָט ניט ארײַנגעצויגן די גרונט־מאסע ארבעטער פון פעטערבורג. אין פעטערבורג פלעגן ווײַטער דערשײַנען אפילע די בורזשואזע צײַטונגען. די ניקאָלײַעווער (איצט אָקטיאבערישע) אײַזנבאן איז געבליבן אין די הענט בא דער רעגירונג. די באוועגונג האָט אפ דערדאָזיקער אײַזנבאן ניט אופגעהערט, און די רעגירונג האָט גענומען אריבערוואַרפן פון פעטערבורג קיין מאָסקווע זיכערע מיליטער־טיילן אפ צו דערשטיקן דעם אופשטאנד. אזויארום האָט די ארבעטערשע מאָסקווע ניט באקומען די נייטיקע שטיצע.



די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דעקאַבער 1905 י.

דער צאַריזם האָט באַשלאָסנ צו דערשטיקנ דעמ אופשטאַנד פאַר יעדנ פרײַז. נאָכ ערעוו דעמ דעקאַבער־אופשטאַנד האָט די צאַרישע רעגירונג צעגראָמירט דעמ פעטערבורגער סאָוועט, האָט דערקלערט מיליטער־צושטאַנד אינ א רײ ראַיאָנענ אונ אַרעסטירט אַסאַכ צענדליקער אָנפירערס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. איצט, דעמ 17 דעקאַבער, האָבנ גוט באַוואָפנטע מיליטער־טײלנ, וואָס האָבנ אינ אַסאַכ מאָל איבערגעשטיגנ די קרעפטנ פונ די שלאַכט־דרוזשינעס, אָנגעהויבנ אַנ אַרטילעריש באַשיסונג פונ פרעסניע. פרעסניע איז געווענ אינגאַנצנ אינ פײַער. די קאָזאַקנ האָבנ אָנגעהויבנ זיכ ווילד צערעכענענ מיטנ אופגעשטאַנענעמ פראָלעטאַריאַט. די שטראָף־עקספעדיציעס האָבנ געאַרבעט אָנ אופהער. „קײנ אַרעסטירטע ניט האָבנ, האַנדלענ אומראַכמאָנעסדיק!"—אַזא איז געווענ דער באַפעל פונעמ צאַרישנ הענקער — פאָלקאָווניק מינ. דער גרעסטער ראַיאָנ פונ דער הויפטשטאָט איז צעגראָמירט געוואָרנ.

דער באַוואָפנטער אופשטאַנד האָט געליטנ א מאַפּאָלע. די קויכעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר ניט גענוג אַפ צו געבנ אַנ אַנטשײדנדיקנ קלאַפ דער מאָנאַרכיע. דאָס פויערטומ האָט געקעמפט ניט גענוג אַקטיוו אונ אָרגאַניזירט. די צאַרישע אַרמײ אונ פלאָט זײַנענ אינ אַלגעמײנ געבליבנ אַפ דער זײַט פונעמ צאַריזמ, וואָרעמ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ זײַנענ ניט אויסגענוצט געוואָרנ צוליבנ „אַקטיווע איניציאַטיוו־פולנ אָנגרײַפנדיקנ קאַמפ אַפנ וואַקלדיקנ מיליטער" (לענינ). די שוואַכע זײַט פונעמ דעקאַבער־אופשטאַנד איז נאָכ באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס ער האָט ניט אָנגעגריפנ אַפנ סוינע, נאָר האָט פאַרנומענ א פאַרטײדיקונג־פּאָזיציע.

„דער דעקאַבער האָט אָנשוילעכ באַשטעטיקט,—האָט געשריבנ לענינ,—מאַרקס נאָכ אײנ טיפנ קלאַל, וואָס די אָפּאָרטוניסטנ האָבנ אימ פאַרגעסנ: מאַרקס האָט געשריבנ, אַז אַנ אופשטאַנד—דאָס איז א קונסט, אונ אַז דער הויפט־קלאַל פונ דערדאָזיקער קונסט איז א פאַרצווײפלט־דרײסטער, א ניט־צוריקערעוודיקער אַנטשלאָסענער אָ נ ג ר י פ. מיר האָבנ ניט גענוג אָנגעאײגנט פאַר זיכ דעמדאָזיקנ עמעס. מיר האָבנ זיכ ניט גענוג אַלײנ געלערנט אונ ניט גענוג געלערנט די מאַסנ דידאָזיקע קונסט, דעמדאָזיקנ קלאַל — אָנצוגרײַפנ פאַר יעדנ פרײַז" [1].

א גרויסנ באַטײַט אינ דער מאַפּאָלע פונעמ אופשטאַנד האָט אויכ געהאַט זײַנ שוואַכע טעכנישע צוגרײטונג, דאָס ניט־גענוגנדיקע אָנפירנ מיט אימ אונ די פאַ־רעטערישע ראָליע פונ די מענשעוויקעס, וואָס האָבנ אַרונטערגעריסנ דאָס צוגרײטנ דעמ אופשטאַנד.

אָט דאָס זײַנענ די גרונט־סיבעס פונ דער מאַפּאָלע פונעמ דעקאַבער־אופשטאַנד.

דער מאָסקווער באַוואָפנטער אופשטאַנד איז ניט געווענ דער אײנציקער. גלײַכ נאָכנ מאָסקווער אופשטאַנד האָבנ אויסגעבראָכנ אופשטאַנדנ אינ ראָסטאָוו, נאָוואָראָסיסק, סאָרמאָווע, טשיטא, קאַטערינאָסלאַוו, אינ לאַטוויע, גרוזיע אונ אינ אַנדערע ערטער פונ דעמלטיקנ רוסלאַנד. דידאָזיקע אופשטאַנדנ האָט זיכ דעמ צאַריזמ אויכ אײַנגעגעבנ צו דערשטיקנ.

דער דעקאַבער 1905 יאָר איז דער העכסטער פונקט פונעמ אָנגריפ אַפ דער זעלבסטהערשונג. אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד האָט דער פראָלעטאַריאַט באַוויזנ זײַנע קויכעס. זײַנ קאַמפ, האָט געזאָגט לענינ, איז געווענ די גרעסטע פראָלעטאַרישע באַוועגונג נאָכ דער פאַריזשער קאָמונע. דער אַרבעטער־קלאַס מיט אונדזער פאַרטײ אינ שפיצ האָט פראַקטיש געקעמפט פאַר דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאַטור פונ די אַרבעטער אונ פויערימ (אינ דער פאָרמע

[1] Ленин, т. X, стр. 51.

פונ סאָוועטנ), וועלכע האָט געוואָלט אריבערוואקסנ אינ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. אלע גרעסערע פראָלעטארישע מאסנ האָבנ זיכ גענומענ אײַ־בערצײַגנ, אז דאָס ארײַפוואקסנ דעמ צאריזמ אונ דער זיג פונ דער רעוואָליוציע איז מעגלעכ נאָר אינ רעזולטאט פונ א זיגרײַכנ באוואָפנטנ אופשטאנד.

„לאָמיר געדענקענ,—האָט געשריבנ לענינ וועגנ די לעקציעס פונ מאָס־קווער אופשטאנד,—אז ס'דערנעענטערט זיכ דער גרויסער מאסנקאמפ. דאָס וועט זײַנ א באוואָפנטער אופשטאנד. ער דארפ, ווי ווײַט מעגלעכ, פאָרקומענ אײַנצײַטיק. די מאסנ דארפנ וויסנ, אז זיי גייענ אפ א באוואָפנטנ, בלוטיקנ, פארצווייפלטנ קאמפ. פאראכטונג צומ טויט דארפ פארשפרייט ווערנ אינ די מאסנ אונ באוואָרענענ דעמ זיג. דער אָנגריפ אפנ סוינע דארפ זײַנ דער סאַמע ענערגישסטער; אָנפאלנ, אונ ניט פארטיידיקנ זיכ—דאָס דארפ ווערנ דער לאָזונג פונ די מאסנ; אומבארכמאָנעט־דיק אויסראָטנ דעמ סוינע—דאָס וועט ווערנ זייער אופגאבע; די שלאכט־אָר־גאניזאציע וועט געשאפנ ווערנ א באַוועגלעכע אונ א בייגעוודיקע; די וואקלדיקע עלעמענטנ פונעמ מיליטער וועלנ ארײַנגעצויגנ ווערנ אינ אקטיוונ קאמפ. די פארטיי פונעמ באוווסטזיניקנ פראָלעטאריאט דארפ אויספילנ איר פליכט אינ דעמדאָזיקנ גרויסנ קאמפ"[1]).

דעמ קינסטלער מאָרס קאריקאטור אפ ג. פלעכאנאָוונ, וועלכער האָט געמאָלדנ נאָכנ דעקאבער־אופשטאנד: „מע האָט זיכ ניט באדארפט נעמענ פארנ געווער".

אָט דאָס זײַנענ די אויספירנ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבנ געמאכט פונ דער דער־פארונג פונ די אָקטיאבערשע אונ דעקאבער־שע שלאכטנ פונעמ פראָלעטאריאט אינ 1905 יאָר.

גאָר אנדערש האָבנ די מענשעוויקעס אונ טראָצקיסטנ אָפגעשאצט דעמ באוואָפנטנ דע־קאבער־אופשטאנד. באזונדערס שארפ האָט די מענשעוויסטישע אָנשוינגעג אויסגעדריקט פלעכאנאָוו, וועלכער איז די גאנצע צײַט געבליבנ אינ אויסלאנד, ניִשט געקוקט אפ לענינס אײַנלאדונג צו קומענ צו פאָרנ אר־בעטנ אינ רוסלאנד. נאָכ דער מאפּאָלע פונעמ אופשטאנד האָט פלעכאנאָוו דערקלערט: „מע האָט זיכ ניט באדארפט נעמענ פארנ געווער". דער מענשעוויק טשערעוואנינ האָט גערעדט וועגנ דעמ אופשטאנד ווי וועגנ א פראָדוקט פונ פארצווייפלונג. דערמיט גופא האָבנ די מענשעוויקעס נאָכאמאָל באשטעטיקט זייער אָפּאָרטוניזמ אונ זייער פאראט דעמ אר־בעטער־קלאס. בלויז די פארטיי באָלשעוויקעס האָט געגרייט דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד אונ בלויז זי איינע האָט אָנגעפירט מיט דעמ העראָישנ קאמפ פונ פראָ־לעטאריאט.

---

1) Ленин, т. X, стр. 53

ליטעראטור צום פערטן קאפיטל.

Ленин, Доклад о революции 1905 г., Соч., т. XIX, стр. 343—357.
Ленин, Земская кампания и план „Искры", Соч., т. VII, стр. 1—20.
Ленин, Начало революции в России, Соч., т. VII, стр. 79—81
Ленин, О созыве III С'езда, Соч., т. VII, стр. 137—139.
Ленин, Третий с'езд, Соч., т. VII, стр. 301—306.
Ленин, Резолюции III с'езда РСДРП, Соч,, т. VII, стр. 430—438.
Ленин, Социал-демократия и временное революционное правительство, Соч., т. VIII, стр. 183—195.
Ленин, Две тактики социал-демократии в демократической революции, Соч., т. VIII, стр. 55—66, 82—105.
Ленин, Отношение социалдемократии к крестьянскому движению, Соч., т. VIII, стр. 181—188.
Ленин, О реорганизации партии, Соч., т. VIII, стр. 373—381.
Ленин, Этапы, направление и перспективы революции. Соч., т. VIII, стр. 424.
Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 22—26, 194—195, 604—614.
Ленин, Цель борьбы пролетариата в нашей революции, Соч., т. XIV, стр. 36—42.
Ленин, Уроки московского восстания, Соч., т. X, стр. 48—53.

פינפטער קאַפּיטל.

די פּאַרטיי נאָכנ דעקאַבער־אופשטאַנד.

לענינס פּאָליטישע אָפּשאַצונג פונ די פּערספּעקטיוונ פונ דער רעוואָליוציע נאָכנ באַוואָפנטנ דעקאַבער־אופשטאַנד.

נאָכ דער מאַפּאָלע פונ דעם באַוואָפנטנ דעקאַבער־אופשטאַנד האָט לענינ באַלד געגעבנ א דײַטלעכע פּאָליטישע אָפּשאַצונג דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע. לענינ אונ די באָלשעוויקעס האָבנ באַהויפּט, אז די נאָענטסטע אופגאַבעס, וואָס שטייענ פאַר דער רעוואָליוציע, — דאָס אראָפּוואַרפנ דעם צאַריזם, דאָס פאַרניכטנ דעם פּריצישנ ערדבאַזיצ, דער 8־שאָעדיקער אַרבעט־טאָג א.אז.וו. — זײַנענ ניט דערלייזט, די רעוואָליוציע האָט זיכ ניט פאַרענדיקט, דאָס לאַנד שטייט פאַר א נײַעם רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג. די אופגאַבעס פונ דער פּאַרטיי, האָט געזאָגט לענינ, באַשטייענ אינ דעם, מע זאָל גרייטנ די מאַסנ צו א נײַעם באַוואָפנטנ אופשטאַנד. אינ העסקעם מיט דערדאָזיקער אײַנשטעלונג האָבנ די באָלשעוויקעס אינטענסיוו ווײַטער אָרגאַניזירט שלאַכט־דרוזשינעס אונ באַזאָרגט דעם פּראָלעטאַריאַט מיט געווער. אינ מאָסקווע האָט די מיליטעריש־טעכנישע ביוראָ אָרגאַניזירט וואַרשטאַטנ אפּ צו גרייטנ אופרײַס־שטאָפנ אונ סנאַריאַדנ אונ האָט געלערנט די אַרבעטער די מיליטערישע שלאַכט־אַרבעט. די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבנ אַרויסגעבנ אינ פּעטערבורג א מיליטערישע צײַטונג „קאַזאַרמאַ", אונ אינ מאָסקווע — „זשיזנ סאָלדאַטאַ". די פּאַרטיי האָט ספּעציעל צונויפגעקליבנ אינ טאַמערפאָרס (פינלאַנד) א קאָנפערענצ פונ אירע שלאַכט־מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס.

צום אונטערשייד פונ די באָלשעוויקעס, וואָס האָבנ געגרייט די מאַסנ צו א באַוואָפנטנ אופשטאַנד, האָבנ די מענשעוויקעס גערעכנט, אז א נײַער אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציע איז אוממעגלעכ. זיי האָבנ געשטרעבט אַרײַנצופירנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינ געזעצלעכע ראַמענ. דעריבער האָבנ זיי גערופנ די מאַסנ צו א פרידלעכער אַרבעט אינ דער דומע אונ אינ די פּראָפאַריינענ. זיי זײַנענ געבליבנ טרײַ זייער אָפּאָרטוניסטישער ליניע.

אינמיטנ 1906 יאָר האָט זיכ די פּאַרטיי באַגעגנט מיט א נײַעם טיילווײַזנ אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציע. בלויז פּאָליטישע שטרײַקערס אליינ איז פאַרנ צווייטנ פערטל 1906 יאָר געווענ בא א האַלבנ מיליאָנ. צו זומער־צו איז זיכ פאַנאַנדערגעוואַקסנ די פּויערים־באַוועגונג. ס'זײַנענ פאָרגעקומענ גרויסע אופשטאַנדנ אינ דער אַרמיי אונ אינ פלאָט אינ סוועאַבאָרג (פינלאַנד) אונ אינ קראָנשטאַדט. אלס צייכנ פונ סאָלידאַרקײַט מיט די אופשטענדלער האָבנ אינ פּעטערבורג (3 אויגוסט) געשטרײַקט 80 טויזנט אַרבעטער.

זייער העל האָט באַוויזנ די קאַמפּ־שטימונג פונ די מאַסנ אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד נ. ק. קרופּסקאַיאַ אינ איר דערציילונג וועגנ דער מאַסנ־פאַרזאַמלונג אינ פאָלק־הויז אינ פּעטערבורג, ווו לענינ איז אַרויסגעטראָטנ אונטער דער פאַמיליע קאַרפּאָוו. דאָס איז געווענ וולאַדימיר איליטשס ערשטע אַרויסטרעטונג אינ רוסלאַנד אפּ א גרויסער מאַסנ־פאַרזאַמלונג.

„אַרבעטער פונ אלע ראַיאָנענ האָבנ אָנגעפילט דעם זאַל, — דערציילט נ. ק. קרופּסקאַיאַ. — ס'האָט אַרויסגערופנ דערשטוינונג דאָס, וואָס ס'איז ניט געווענ קיינ פּאָליציי. צוויי פּריסטאַווס האָבנ זיכ א דריי געטאָנ אינ זאַל אינ אָנהייב

פארזאמלונג און זײַנען ערגעץ אנטרונען געוואָרן. „ווי מע וואָלט זיי געוועזן אָפּשיטן מיט פּראָשעק", — האָט עמעצער געשפּאַסט. נאָכן קאַדעט אָגאָראָדניקאָוו האָט דער פּאָרזיצער געגעבן א וואָרט קארפּאָוון. איך בין געשטאנען צווישן אוילעם. איליטש איז געווען שטארק צערודערט. א מינוט איז ער געשטאנען שטיל, שרעקלעך בלייך. דאָס גאנצע בלוט האָט אים צוגעשטראָמט צום הארצן. ס'האָט זיך גלײַך געפילט, ווי די אופרודערונג פונעם רעדנער גיט זיך איבער צו דער אאודיטאָריע. פּלוצים האָט דער זאל אויסגעבראָכן מיט א דונער אפּלאָדיסמענטן. דאָס האָבן די פּארטייער דערקענט איליטשן. ס'האָט זיך פּארגעדענקט דאָס פּארכידעשטע, צערודערטע פּאָנעם פון אן ארבעטער, וואָס איז געשטאנען לעבן מיר. „ווער, ווער איז דאָס?" — האָט ער געפרעגט. קיינער האָט אים ניט געענטפערט. די אאודיטאָריע איז פארגאפּט געוואָרן. אן אויסערגעוויינלעך געהויבענע שטימונג האָט ארומגעכאפּט אלע בײַוועזנדיקע נאָך איליטשס רעדע. אין דערדאָזיקער מינוט האָבן אלע געטראכט וועגן דעם פּאָרשטייענדיקן קאמף ביזן סאָף.

די רויטע העמדלעך האָט מען צעריסן אף פּאָנעס און מיטן געזאנג פון רעוואָליוציאָנערע לידער איז מען זיך צעגאנגען איבער די ראיאָנען" [1].

אָבער דער אופשטײַג פון פרילינג 1906 יאָר און אויך פון 1907 יאָר האָט ניט דערגרייכט צו יענער הייך, וואָס איז געווען אין דעקאבער 1905 י. די רעוואָליוציע איז געגאנגען באַרג־אראָפּ.

די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פון די יאָרן 1906 און 1907 האָט געהאט א גרויסן באטײַט.

„...אף וויפל דער דראנג פונעם רעוואָליוציאָנערן מאסנקאמף איז געווען ניט גענוג שטארק אין 1905 יאָר, — האָט געשריבן לענין, — אף אזויפל איז די מאפּאָלע (סײַ אין דער פּאָליטיק, סײַ אין דער „עקאָנאָמיק") געווען אומפארמײַדלעך; נאָר אויב דער פּראָלעטאריאט וואָלט ניט געווען בעקויעך דערבײַ וויניקסטנס *צוויי מאָל* זיך אופצוהייבן צו א *נײַעם* דראנג אפן סוינע (א *פערטל מיליאָן* בלויז *פּאָליטישע* שטרײַקער אליין פארן צווייטן פערטל 1906 יאָר און אויך אין 1907 יאָר), וואָלט די מאפּאָלע געווען *נאָך שטארקער*; די מעלוכע־איבערקערעניש וואָלט פּאָרגעקומען ניט אין יונ 1907 י., נאָר מיט א יאָר אָדער אפילע מער ווי מיט א יאָר *פריער*; די עקאָנאָמישע דעראָבערונגען פון 1905 יאָר וואָלטן צוריק אָפּגענומען געוואָרן בא די ארבעטער *נאָך גיכער*" [2].

דאָס בויקאָטירן די ערשטע דומע און דאָס אריבערגיין צום אָנטייל אין דער צווייטער דומע.

דער דעקאבער־אופשטאנד האָט געצוווּנגען די צארישע רעגירונג ארויסצוגעבן א נײַעם וואל־געזעץ וועגן די וואלן אין דומע, וועלכער האָט עטוואָס פארברייטערט אין פארגלײַך מיט דער בוליגינישער דומע דעם ווילער־קרײַז. אין פעווראל 1906 יאָר האָט די רעגירונג ארויסגעגעבן א צווייטן געזעץ, וואָס האָט פארוואנדלט די דומע פון א בעראטונג־אָרגאן אין א געזעצגעבערישן, נאָר מיט באגרענעצטע רעכט. דערדאָזיקער געזעץ האָט געזיכערט אין דומע די אינטערעסן פון די פריצים און געגעבן א מעגלעכקײַט דעם צאריזם אײַנצושטעלן א פשאָרע מיט דער בורזשואזיע. די רעגירונג האָט דערלאָזט צום אָנטייל אין די דומע־וואלן ארבעטער און פּויערים, נאָר זי האָט דערבײַ אוועקגעשטעלט אזויפל שטערונגען, אז זיי האָבן פאקטיש באזײַטיקט די ברייטע מאסן פון אָנטיילצונעמען אין דער דומע.

---

[1]) Крупская, Воспоминания о Ленине, стр. 116—117, Партиздат, 1934 г.
[2]) Ленин, т. XV, стр. 19.

דיסקאָנטירנדיק דעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג פונ די מאסנ, האָבנ די באָלשע־וויקעס וויַטער געגרייט א באוואָפנטנ אופשטאנד. דעריבער האָבנ זיי געקעמפט פארנ אקטיוונ אָפּזאָגנ זיך פונ די וואַלנ אינ דומע, פארנ ארונטעררייסנ איר ארבעט. די באָלשעוויקעס האָבנ געפירט אנ אופקלערונג אינ די מאסנ, אז מע דארפ גייַנ ניט אינ דומע, נאָר גרייטנ זיך צו א באוואָפנטנ אופשטאנד. די וויכטיקסטע אופגאבע פונעמ בויקאָטירנ די דומע איז געווענ דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס קעגנ דעמ


Россiйская Социалъ-Демократическая Рабочая Партiя

КАЗАРМА

Пролетарiи всѣхъ странъ соединяйтесь!

Органъ Военной Организацiи при Петербургскомъ Комитетѣ

№ 6. 12 АВГУСТА 1906 года. № 6.

Товарищи солдаты и матросы! Вмѣстѣ съ разгономъ Государственной Думы, рухнули послѣднiя надежды на ваши собственныя надежды на лучшiй исходъ борьбы между народомъ и царскимъ правительствомъ. Ни воли, ни земли! Царь объявилъ войну народу и, не надѣясь на свои войска, вошелъ въ союзъ съ австрiйскимъ и германскимъ императорами. Ихъ иноземные полки, по зову русскаго царя, готовятся вступить въ предѣлы Россiи. Долой измѣнника царя! Долой убiйцъ и палачей народа!

Лишь самъ народъ, черезъ посредство своихъ выборныхъ, сумѣетъ честно разрѣшить вопросы о землѣ и волѣ; лишь выборные отъ всего народа сумѣютъ оградить права народа.

Да здравствуетъ свободно избранное всѣмъ народомъ Учредительное Собранiе!

Да здравствуетъ революцiонная армiя, поддерживающая это первое и самое неотложное народное требованiе!

КЪ АРМIИ И ФЛОТУ.

От Социаль-Демократической Фракции и Трудовой Группы Государственной Думы

Солдаты и матросы! Правительство царскими указом распустило Государственную Думу и собрало со всех сторон войска для того, чтобы силою оружия подавить народ. Народные представители были избраны вами на отцами и братьями для того, чтобы заявить царю про все народные обиды и добиться для народа земли и воли. Но царь не пожелал послушать избранников народа. Он послушал своих [illegible] советников великих князей, министров, генералов и богатейших помещиков, которые не желают выпустить и [illegible] денежного жалованья, о строгом запрещении всех [illegible] оскорблений солдат со стороны военных чинов. Мы хотели улучшить участь солдат, как и вообще улучшить долю всего трудового народа. Чтобы помешать этому, правительство решило разогнать Государств. Думу.

Солдаты и матросы! Мы, законно избранные представители от крестьянства и рабочих, объявляем вам, без Государственной Думы правительство незаконно приказы его не имеют законной силы

די אומלעגאַלע צייַטונג „קאַזאַרמאַ“, באַשטימט צום פאַרשפּרייטנ אינ די מיליטערישע טיילנ.

פארפירערישנ גלויבנ אינ דער מעגלעכקייַט צו דערשלאָגנ זיך צו פרייַהייַט אפ א פרידלעכנ, פארלאמענטארישנ אויפנ. דידאָזיקע אזויגערופענע „קאָנסטיטוציאָנעלע אי־ליוזיעס“ פלעגט באזונדערס פארשפרייטנ צווישנ די מאסנ די בורזשואזיע, אונ די מענשעוויקעס פלעגנ איר אינ דעמ מיט אלע קריכעס העלפנ. ניט געקוקט אפ דער גרויסער מאסנ־ארבעט פונ די באָלשעוויקעס, איז די ליניע פונ בויקאָטירנ די ערשטע דומע דורכגעגאנגענ מיט דערפאָלג בלויז צווישנ די פאָרגעשריטענערע ארבעטער אינ פעטערבורג אונ אינ אנדערע שטעט. די מערהייט פויערטומ אונ א טייל ארבעטער האָבנ זיך אינ די וואַלנ יאָ באטייליקט. די ערשטע דומע האָט זיך צונויפגעקליבנ, נאָר זי האָט עקזיסטירט אינגאנצנ עטלעכע כאָדאָשימ. די רעוואָליוציאָנערע ארויס־טרעטונגענ אינ איר פונ די פויערטומ־פאָרשטייערס, וועלכע האָבנ געפאָדערט צו קאָנפיס־קירנ די פריצישע ערד, האָבנ שטארק איבערגעשראָקנ די רעגירונג. זי האָט באשלאָסנ צו צעלאָזנ די דומע. אינ אָנהייב יול 1906 יאָר איז די ערשטע דומע צעטריבנ געוואָרנ.

צומ סאָפ 1906 יאָר איז די רעוואָליוציאָנערע כוואליע שטארק געפאלנ. דער צא־ריזמ האָט היפש פארשטארקט זייַנע פאָזיציעס מיט דער הילפ פונ דער בורזשואזיע. אינ די מאסנ האָט נאָך אלץ עקזיסטירט דער פארפירערישער גלויבנ אינ דער קאָנ־סטיטוציע, אינ דער מעגלעכקייַט זיך צו דערשלאָגנ פרייַהייַט אפ א פרידלעכנ, פאר־לאמענטארישנ אויפנ, כאָטש די מאסנ־ארבעט פונ די באָלשעוויקעס אונ דאָס צעטרייַבנ די ערשטע דומע האָט פיל מיטגעהאָלפנ צומ ארונטעררייַסנ דידאָזיקע איליוזיעס. אינ

דערדאָזיקער סיטואַציע פֿון צײַטווײַליקן אָפּפֿליץ פֿון דער רעוואָליוציאָנערער כוואַ־ליע זײַנען דורכגעגאַנגען די וואַלן אין דער צווייטער דומע. די באָלשעוויקעס זײַנען אַריבערגעגאַנגען פֿון בויקאָטירן די ערשטע דומע צום אָנטיילנעמען אין די וואַלן צו דער צווייטער דומע. אויב דאָס פֿאַלן פֿון דער רעוואָליוציאָנערער כוואַליע איז אַ פֿאַקט, אויב אין די מאַסן, וואָס זײַנען נאָך ניט גענוג פֿאַרהאַרטעוועט אין קאַמף, איז פֿאַרשפּרייט דער פֿאַרפֿירערישער גלויבן אין דער קאָנסטיטוציע, — האָט געזאָגט לענין, — איז דאַרף מען העלפֿן די מאַסן אויסלעבן דעמדאָזיקן גלויבן, דאַרף מען זיי צוגרייטן צום קאַמף אין נײַע באַדינגען, אויסנוצנדיק די דומע־טריבונע און אַנדערע לעגאַלע מעגלעכקייטן אַף צו דעמאַסקירן די צאַרישע רעגירונג, אַף אויפֿצוקלערן, דערציִען און באַהעפֿטן די מאַסן, אַף צוצוגרייטן דעם באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד.



סאַטירישע זשורנאַלן פֿאַר די יאָרן 1907—1905.

אַזוי אַרום האָבן די באָלשעוויקעס צוגעפּאַסט זייער טאַקטיק צו די נײַע קאַמף־באַדינגען, צום פּעריאָד, ווען ס׳איז געפֿאַלן די רעוואָליוציאָנערע כוואַליע. אײַנהייטנדיק און פֿאַרשטאַרקנדיק די אומלעגאַלע אַרבעט־פֿאָרמעס אין די נײַע באַדינגען, האָבן די באָלשעוויקעס מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט גענומען אויסנוצן די דומע־טריבונע און אַנדערע לעגאַלע מעגלעכקייטן.

אין גאַנג פֿון די וואַלן צו דער צווייטער דומע האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעוואָרפֿן אַלע אָפּמאַכן מיט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי קאַדעטן — מיט דער פּאַרטיי פֿון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. די מענשעוויקעס זײַנען אָבער אויך דאָ געשטאַנען פֿאַר אַ וואַל־אָפּמאַך מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע בורזשואַזע פּאַרטייען. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן פֿאַר צוועקמעסיק דורכצופֿירן די טאַקטיק פֿון אַ „לינקן בלאָק", ד.ה. זיי זײַנען געגאַנגען אַף אַ וואַל־אָפּמאַך מיט די עסערן און די טרודאָוויקעס. אָבער צווישן די אַרבעטער זײַנען די באָלשעוויקעס אַרויסגעטראָטן אַבסאָליוט זעלבשטענדיק.

אין פֿעוראַל 1907 יאָר איז געעפֿנט געוואָרן די צווייטע דומע. די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס האָבן אָרגאַניזירט אין דומע אַ געמיינזאַמע סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע פֿראַקציע. אין דערדאָזיקער פֿראַקציע האָט די מערהייט געהערט צו די מענשעוויקעס. זיי פֿלעגן דורכפֿירן אַ ליניע פֿון פּשאָרעס מיט דער בורזשואַזיע. אַזוי, אַשטייגער, האָבן זיי געשטימט פֿאַר דער קאַנדידאַטור פֿון אַ קאַדעט אַלס דומע־פּאָרזיצער און האָבן אויסגעאַרבעט אַן ענטפֿער אַף דער רעגירונג־דעקלאַראַציע, ווו ס׳איז אפֿילע קיין וואָרט ניט געווען וועגן סאָציִאַליזם.

בלויז די באָלשעוויקעס האָבן פעסט אײַנגעהיט זייערע פּאָזיציעס. די באָלשעוויקעס פלעגן צוציִען אפ זייער זײַט די פיערשע דעפּוטאטן און פלעגן פירן א ברייטע ארבעט אין די מאסן. די באָלשעוויקעס פלעגן ענערגיש דעמאסקירן דעם אָפּאָרטוניזם אין דער ארבעט פון דער סאָציִאַל־דעמאָקראטישער פראקציע אין דער צווייטער מעלוכע־דומע און פון די מענשעוויסטישע צענטערס, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט איר ארבעט. די גאנצע טעטיקײַט פון די באָלשעוויסטישע דעפּוטאטן פלעגט פאָרקומען אונטערן גאָענטסטן אָנפיר פון לענינען, פון דער פארטיי.

וועגן דער פארטיי־אָנפירונג מיט די פּראָפארייִנען אין דער רעוואָליוציע פון די יאָרן 1905—1907.

די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר האָט געגעבן א שטארקן שטויס דעם וווּקס פון די פּראָפארייִנען. צום 1907 יאָר האָבן די פּראָפארייִנען ארומגעכאפט עטלעכע הונדערט טויזנט ארבעטער.

אונטערזוך אין א פּראָפארייִן (בילד פונעם קינסטלער לעבעדיעוו).

די באָלשעוויקעס האָבן אין מעשעך פון דער גאנצער רעוואָליוציע געקעמפט פאר א נײַעם טיפ פּראָפבאוועגונג. די דאָזיקע פּראָפארייִנען האָבן געזאָלט ארבעטן אונטערן באָלשעוויסטישן אידייִשן אײַנפלוס און פירן א רעוואָליוציאָנערע ליניע. די מענשעוויקעס אָבער זײַנען געשטאנען אפן שטאנדפּונקט פון אומאָפּהענגיקײַט, פון „נייטראלקײַט" פון די פּראָפארייִנען בענוגע דער פארטיי און האָבן זיך געסטארעט מיט אלע קויכעס אָפּצוגרענעצן זיי פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג.

די דאָזיקע טעאָריע וועגן „נייטראלקײַט" פון די פּראָפארייִנען האָט ארויסגערופן א שארפן אָפּשטויס מיצאד די באָלשעוויקעס. זיי פלעגן אויפקלערן, אז די „נייטראלקײַט"־טעאָריע אנטפּלעקט דעם פּראָלעטאריאט, און אז אויב די פּראָפארייִנען וועלן זיך ניט געפינען אונטער דער אידייִשער ווירקונג פון דער פארטיי, וועלן זיי אומפארמײַדלעך ארונטערפאלן אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע.

די מענשעוויקעס האָבנ געשטרעבט צוצוגעבנ די פּראָפאריינען פונ רוסלאנד פונקט אזא כאראקטער, וואָס עס האָבנ געהאט די פּראָפאריינען אינ מייַרעוו: אָפּגעריסנקייט פונ דער אָנפירונג פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּארטיי (פראנקרייַך), אָפּגעווי־שטקייט פונ די גרענעצנ צווישנ די פּראָפאריינען און דער פּארטיי (ענגלאנד, בעל־גיע), דאָס זאָרגנ בלויז פארנ פארבעסערנ די מאטעריעלע לאגע אינ די ראמענ פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג א.אז.וו. די מענשעוויקעס האָט זיך דאָס ניט אייַנ־געגעבנ צו פארווירקלעכנ, וואָרעמ די באָלשעוויקעס האָבנ געפירט אנ אומראכמאָ־נעסדיקנ קאמפּ קעגנ דידאָזיקע פּרוונ און האָבנ געקערעוועט די פּראָפבאוועגונג אפ א נייַעמ, אפ א רעוואָליוציאָנערנ וועג.

די פּראָפאריינען האָבנ געשפּילט אינ דער רעוואָליוציע א גרויסע ראָליע. זיי האָבנ פארטיידיקט די עקאָנאָמישע אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס, אריינציִענדיק אפילע די אָפּגעשטאנענע מאסנ אינ קאמפּ קעגנ צאריזמ. אונטערנ אָנפיר פונ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי פלעגנ די פּראָפאריינען זיך ניט אָפּגרענעצנ פונ פּאָליטיק, פלעגנ זיך ניט אייַנצאמענ אינ די שמאָל־צעכעווע אינטערעסנ. זיי פלעגנ ארויס־טרעטנ ווי מאסעווע קאמפּ־אָרגאניזאציעס פונעמ ארבעטער־קלאס.

פונ דער מיט 1907 יאָר אָנ פלעגט דער צאריזמ, וואָס איז געקומענ צו זיך, אָפּהאקנ יעטווידנ פּרווו פונ די ארבעטער צו פאראייניקנ זיך אינ פּראָפאריינען. שוינ אינ 1907 יאָר האָט די רעגירונג פארמאכט א פערטל־טייל פונ אלע פאריינען, און דערנאָך איז צעגראָמירט געוואָרנ אויך די גרעסטע מערהייַט פונ די איבעריקע פאריינען.

דער קאמפּ פונ די באָלשעוויקעס פאר דער פּארטיי.

אינ גאנצנ לויפ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר זייַנענ די באָלשעוויקעס גע־ווענ א זעלבשטענדיקע פּארטיי. זיי האָבנ געפירט א רעוואָליוציאָנערע ליניע, געהאט



די פּראָפאריינישע פּרעסע פאר די יאָרנ 1907—1905.

זייער סטאטוט, זייערע אָנפיר־צענטערס און זייערע פּרעסע־אָרגאנען. זיי האָבנ גע־האט זייער פירער און לערער — לענינען, דעמ קאָנסעקווענטנ פאַרזעצער פונ מארקס־ענגעלסעס זאך אינ די באדינגען פונ דער עפּאָכע פונ אימפעריאַליזמ און פּראָלעטארישע רעוואָליוציעס.

פאר דער צײַט פונ דער רעוואָליוציע איז אינ דער פּאַרטײַ ארײַנ א באַדײַטנדיקע צאָל נײַע ארבעטער. דידאָזיקע פונסנײַ ארײַנגעטראָטענע ארבעטער האָבנ ניט אלע זיכ פאנאנדערגעקליבנ אינ די פּראָטימ פונ די מײנונג־פאַרשײדנקײַטנ צווישנ בײדע פּאַרטײַענ — די באָלשעוויקעס אונ די מענשעוויקעס. זײ פלעגנ ניט שטענדיק פאַרשטײנ, צו וואָס איז אינ יענע באַדינגענ נײטיק די עקזיסטענצ פונ צווײ פּאַרטײַענ. די אונטערשטע פּאַרטײַ־אָרגאַניזאַציעס זײַנענ אינ א היפּשער צאָל געווענ פאַראײניקט. די באָלשעוויקעס אינ דידאָזיקע פאַראײניקטע אָרגאַניזאַציעס פלעגנ דעמאַסקירנ די מענשעוויסטישע אָנפירערס, אופדעקנ זײער גאַנצנ אָפּאָרטוניזמ, זײער גאַנצ פאַררעטערישקײַט. די באָלשעוויקעס האָבנ געקעמפט פאַרנ דורכפירנ זײער ליניע אונ פאַרנ אויסקעמפנ בא די מענשעוויקעס זײערע אָנהענגערס.

די ערשטע באָלשעוויסטישע קאָנפערענצ, וואָס איז פּאָרגעקומענ אינ דעקאַבער 1905 יאָר אינ פינלאַנד, אינ טאַמערפאָרס, האָט אַנטשײדנ זיכ ארויסגעזאָגט פאַרנ צונויפרופנ א פאַרײניק־צוזאַמענפאָר פונ רסדא״פּ. אונטערנ דרוק פונ די מאַסנ האָבנ די מענשעוויסטישע אָנפירערס מאַסקימ געווענ אײַנצוואָרדענענ א געמײנזאַמענ צוזאַמענפאָר. ס׳איז געשאַפנ געוואָרנ א פאַרײניקטער צ״ק, וועלכער האָט געמאָלדנ וועגנ צונויפרופנ דעמ IV צוזאַמענפאָר.

לענינ אונ די באָלשעוויקעס האָבנ וועגנ יעדער פראַגע פונעמ טאָג־אָרדענונג פונעמ צוזאַמענפאָר פאַנאַנדערגעארבעט פאָרשלאָגנ, וועלכע זײ האָבנ פאַרטײדיקט אינ דעמ פאַנאַנדערגעוויקלטנ פאָרצוזאַמענפאָר־קאַמפּ, דעמאַסקירנדיק די מענשעוויסטישע אײַנשטעלונגענ.

אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד האָט אינעמ פאַרשטאַרקנ די באָלשעוויסטישע פּאַרטײַ א גרויסע ראָליע געשפּילט כ׳ סטאַלינ. בײַסנ גאַנצנ לויפ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז ער געווענ א פעסטער דורכפירער פונ דער לענינישער ליניע. אפ דער ערשטער קאָנפערענצ איז כ׳ סטאַלינ, בײַזײַענדיק אלס דעלעגאַט פונ די טראַנסקאַווקאַזער באָלשעוויקעס, ארײַנגעװײלט געוואָרנ אינ דער פּאָליטישער קאָמיסיע אפ צו רעדאַגירנ די רעזאָלוציעס פונ דער קאָנפערענצ. אפ דערדאָזיקער קאָנפערענצ האָט כ׳ סטאַלינ פערזענלעכ זיכ פאַרבונדנ מיט לענינענ.

דער IV שטאָקהאָלמער פאַרײניק־צוזאַמענפאָר פונ רסדא״פּ.

דער IV צוזאַמענפאָר האָט זיכ צונויפגעקליבנ אינ מאַרט 1906 יאָר אינ שטאָקהאָלמ — אינ דער הויפּטשטאָט פונ שוועדנ. ער רופט זיכ פאַרײניק־צוזאַמענפאָר, וואָרעמ אפנ דאָזיקנ צוזאַמענפאָר זײַנענ געמאַכט געוואָרנ פרוּוונ צו פאַרײניקנ די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס.

אפנ דאָזיקנ צוזאַמענפאָר האָבנ די מענשעוויקעס געהאַט א מערהײַט. די מענשעוויקעס האָבנ געהאַט 67 דעלעגאַטנ, די באָלשעוויקעס — בלויז 49.

די מערהײַט פונ די מענשעוויקעס אפנ צוזאַמענפאָר דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס זײַנענ אויסגעוואַקסנ פאַר דער צײַט פונ דער רעוואָליוציע, הויפּטזאַכלעכ אינ דער פּראָווינצ — אינ די ראַנד־געגנטנ, אפנ כעשבנ פונ א גרויסנ צופלוס פונ קלײנבירגערלעכע עלעמענטנ אינ די באַדינגענ פונ אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אונ האָבנ ווײניקער געליטנ פונעמ צאַרישנ טעראָר. אפנ צוזאַמענפאָר זײַנענ בײַגעווענ אַסאַכ מענשעוויקעס — גרוזינישע דעלעגאַטנ מיט זשאָרדאַניא אינ שפּיצ, וואָס האָבנ נאָכ געהאַט א גרויסע ווירקונג אינ דער פריערשער גרוזיע.

די באָלשעוויקעס אָבער, וואָס האָבנ געהאַט די אויבערהאַנט אינ די וויכטיקסטע פּראָלעטאַרישע צענטערס, האָבנ נאָכנ דערשטיקנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטאַנד מער פאַר אלצ געליטנ פונ די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגענ.

אינ מעשעכ פונ דער גאנצער ארבעט פונעמ צוזאמענפאָר האָבנ די באָלשעוויקעס אומראכמאָנעסדיק דעמאסקירט די איינשטעלונגענ פונ די מענשעוויקעס אינ אלע פראגעס.

דער צוזאמענפאָר האָט באהאנדלט די פראגעס: וועגנ דער אגראר־פּראָגראמ, וועגנ לויפנדיקנ מאָמענט, וועגנ דער דומע, וועגנ באוואָפנטנ אופשטאנד, וועגנ די פּארטיזאנישע ארויסטרעטונגענ, וועגנ דער באציונג צו די פּראָפּארייענ, צו דער פויערימ־באוועגונג אונ וועגנ דעמ פּארטיי־סטאטוט.

אפנ צוזאמענפאָר האָבנ די באָלשעוויקעס וועגנ יעדער פראגע ארײַנגעטראָגנ זייערע רעזאָליוציעס. נאָר דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ א מענשעוויסטישע רעזאָליוציע וועגנ דער אגראר־פּראָגראמ; ער האָט זיכ ארויסגעדרייט פונ אנ ענטפער אפ דער פראגע וועגנ אָפּשאצנ דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד (ניט אומזיסט האָט מענ די רעזאָליוציע וועגנ דערדאָזיקער פראגע אָנגערופנ „רעזאָליוציע וועגנ דעמ ניט־באוואָפנטנ אופשטאנד"), האָט פארורטיילט די באזונדערע אָנפאלנ אפ די בענק, אפ די געווער־סקלאדנ א. אז. וו. (די אזויגערופענע פּארטיזאנישע ארויסטרעטונגענ), האָט פארורטיילט דעמ בויקאָט פונ דער ערשטער מעלוכע־דומע אונ האָט אָנגענומענ א ריי אנדערע מענשעוויסטישע איינשטעלונגענ.

דאָכ איז די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס אפ די באשלוסנ פונעמ צוזאמענפאָר געווענ א באדייטנדיקע. לענינ האָט געפאָדערט, מע זאָל איינשליסנ די נאציאָנאליזאציע פונ דער ערד אינ דער פּארטיי־פּראָגראמ. ער האָט אופגעקלערט, אז דאָס נאציאָנאליזירנ די ערד וועט ניט בלויז אנטשיידנ פארניכטנ די רעשטלעכ לייבייגנטומ אונ וועט אמבעסטנ אָרגאניזירנ די פויערימ אפ אראָפּצוווארפנ דעמ צאריזמ, נאָר עס וועט אויכ פאנאנדערצינדנ דעמ קלאסנקאמפ אינעמ פויערטומ גופע, מיטווירקנדיק צומ באהעפטנ די אָרעמשאפט ארומ דעמ פּראָלעטאריאט, ד. ה. עס וועט שאפנ די בעסטע באדינגענ פארנ ארויבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער. לענינ האָט געבראכט באווייזנ, אז דאָס רעוואָליוציאָנערע פויערטומ שטיצט פולשטענדיק די פאָדערונג וועגנ נאציאָנאליזירנ די ערד.

דער צוזאמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפנ דעמ פאָרשלאָג פונ די באָלשעוויקעס וועגנ איינשליסנ אינ דער פּראָגראמ דעמ פּונקט וועגנ נאציאָנאליזירנ די ערד. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ די מענשעוויסטישע אגראר־פּראָגראמ וועגנ מוניציפּאליזירנ די ערד. די מוניציפּאליזאציע האָט געפאָדערט, אז די פּריצישע ערד זאָל איבערגעגעבנ ווערנ צו די אָרגאנענ פונ די אָרטיקע זעלבסטפארוואלטונגענ, ד. ה, די זעמסטוועס, אונ אז די פויערשע ערד־כאלאָקימ זאָלנ איבערגעלאָזט ווערנ בא די פויערימ; מיט אנדערע ווערטער, זיינ ערד וואָלט דער פויער געקענט באקומענ אומזיסט, אָבער די פּריצישע גוטע ערד וואָלט ער געמוזט ארענדירנ בא דער זעמסטווע אונ צאָלנ פאר איר גרויסע געלטנ. דאָס דורכפירנ דידאָזיקע פּראָגראמ האָבנ די מענשעוויקעס ניט געמאכט אָפּהענגיק פונעמ אראָפּוווארפנ די זעלבסטהערשונג, פונעמ רעוואָליוציאָנערנ צונעמענ די פּריצישע ערד, פונעמ באלדיקנ רופנ די פויערימ צו פארכאפנ די פּריצישע ערד. די מוניציפּאליזאציע־פּראָגראמ איז ארויסגעדרונגענ פונ דער גאנצער ליניע פונ די מענשעוויקעס אינ דער בורזשואזער רעוואָליוציע; זי האָט ניט געזאָלט פארניכטנ די רעשטלעכ לייבייגנטומ אונ איז פאקטיש געווענ אויסגערעכנט אפ א פשאָרע מיט די פּריצימ.

דער קאמפ, וואָס די באָלשעוויקעס מיט לענינענ אינ שפּיצ האָבנ געפירט אפנ צוזאמענפאָר, האָט געבראכט דערצו, אז דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ א ריי אויסבעסערונגענ. אינ דער מענשעוויסטישער אגראר־פּראָגראמ איז ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ א פּונקט וועגנ נאציאָנאליזירנ די וועלדער אונ די וואסערנ. אָנשטאָט דער מענשעוויסטישער פאָדערונג וועגנ „אָפּפרעמדנ" (отчуждать) די פּריצישע ערד (וואָס האָט ניט אויסגעשלאָסנ קיינ אויסקויפ־געלט) איז אָנגענומענ געוואָרנ די פאָדערונג צו „קאָנפיסקירנ", ד. ה. אָפּצונעמענ אומזיסט די פּריצישע ערד. לויט דער פאָדערונג פונ

וו. לענין.

י. סטאלין.

ק. וואָראָשילאָוו.

נ. קרופסקאיא.

מ. ליטווינאָוו.

א. בובנאָוו.

וו. האָראָווסקי.

ס. שאומיאַן.

א גרופע באָלשעוויקעס — אָנטיילנעמערס אינעם IV (שטאָקהאָלמער) פארטיי־צוזאמענפאָר.

די באָלשעוויקעס איז אויכ אָנגענומענ געוואָרנ אַ פונקט וועגנ אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פונעמ לאַנדווירטשאַפטלעכנ פּראָלעטאַריאַט.

אונטער דער ווירקונג פונ דער לעניניסטישער קריטיק האָבנ די מענשעוויקעס אָראָפּגענומענ פונ דער אָפּשטימונג זייער רעזאָלוציע וועגנ דעמ לויפנדיקנ מאָמענט. אינ די דעבאַטנ וועגנ דערדאָזיקער פראַגע האָט זיכ באַטייליקט אויכ כ׳ סטאַלינ.

„...אויב די קלאַסנ־אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט פירנ צו זיינ העגעמאָניע,— האָט געזאָגט כ׳ סטאַלינ,— אויב דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ גיינ ניט אינ עק, נאָר אינ שפּיצ פונ דער לויפנדיקער רעוואָליוציע, איז דאָכ זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קענ זיכ ניט אָפּזאָגנ ניט פונעמ אַקטיוונ אָנטייל אינעמ אָרגאַניזירנ דעמ באַוואָפנטנ אופשטאַנד, ניט פונעמ פאַרכאַפּנ די מאַכט. אַזאַ איז די „סכעמע“ פונ די באָלשעוויקעס. אָדער די העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אָדער די העגעמאָניע פונ דער דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע—אָט וויאַזוי עס שטייט די פראַגע אינ דער פּאַרטיי, אָט אינ וואָס עס באַשטייענ אונדזערע מיינונג־פאַרשיידנקייטנ“ [1].

אינ דער רעזאָליוציע וועגנ באַוואָפנטנ אופשטאַנד האָבנ די מענשעוויקעס איבערגעלאָזט דעמ ערשטנ פונקט, אינ וועלכנ ס׳איז אַלס די נאָענטסטע אופגאַבע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אַרויסגערוקט געוואָרנ דאָס אַ ר ו י ס ר י י ס נ ד י מ אַ כ ט בא דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג. די באָלשעוויקעס האָבנ אינ איינער פונ די צוזאַמענפאָר־רעזאָליוציעס זיכ דערשלאָגנ אַפילע צומ אָנערקענענ דעמ אופשטאַנד אַלס דעמ איינציקנ מיטל אויסצוקעמפנ די פרייהייט. אינ דער רעזאָליוציע וועגנ די פּראָפּאַ־ריינע האָבנ די מענשעוויקעס אָנערקענט די נייטיקייט פונ אַנ ענגער אידייִשער פאַרבינדונג צווישנ די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינענ אונ דער פּאַרטיי.

ענדלעכ, האָט לענינ, זייענדיק אינ דער קאָמיסיע אָפּ אויסצואַרבעטנ דעמ סטאַטוט־פּראָיעקט, זיכ דערשלאָגנ, ס׳זאָל אָנגענומענ ווערנ אַ ריי באָלשעוויסטישע פּאָדערונגענ. דער סטאַטוט איז אָנגענומענ געוואָרנ איינשטימיק, דעריינ אויכ דער ערשטער פאַראַגראַפ אונ דער פּרינציפּ פונ דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אַריינגענומענ אינ באַשטאַנד פונ רסדאַ״פּ די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פונ פּוילנ אונ ליטע, דעמ „בונד“, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פונ לאַטווישנ קאַנט), וועלכע האָבנ ביז דאַנ עקזיסטירט אָפּגעזונדערט. דערדאָזיקער באַשלוס פונעמ צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלנ באַטייט אינעמ קאַמפ פאַר דער באָלשעוויסטישער ווירקונג אָפּ די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פונ די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט מיטגעהאָלפנ צו געווינענ פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי די מענשעוויקעס — פּאַרטיי־מיטגלידער פונ די נאַציאָנאַלע ראַנד־געגנטנ אונ צו שאַפנ אַנ איינהייטלעכע פּאַרטיי פונ אַלע נאַציאָנאַליטעטנ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבנ אַ צ״ק, אינ וועלכנ די מערהייט זיינענ געווענ מענשעוויקעס.

„כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געזענ לענינענ אינ דער ראָליע פונ אַ באַזיגטנ,—שרייבט כ׳ סטאַלינ,—נאָר וואָס איז דאָס געווענ פאַר אַ מאַפּאָלע? מע האָט באַדאַרפט אַ קוק טאָנ אָפּ לענינס קעגנער, די זיגערס אָפּנ שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר—אָפּ פּלעכאַנאָוונ, אַקסעלראָדנ, מאַרטאָוונ אונ אַנדערע: זיי זיינענ זייער ווייניק ענלעכ געווענ אָפּ ווירקלעכע זיגערס, וואָרעמ לענינ האָט אינ זיינ אומראַכמאָנעסדיקנ קריטיקירנ דעמ מענשעוויזמ ניט איבערגעלאָזט אָפּ זיי, ווי מע זאָגט, קיינ לעבעדיקנ אָרט. איכ געדענק, ווי מיר, דעלעגאַטנ־באָלשעוויקעס, האָבנ, צונויפגעמענדיק זיכ אינ אַ רעדל, געקוקט אָפּ לענינענ אונ געפרעגט בא אימ אַנ איצע. אינ די רייד פונ אייניקע דעלעגאַטנ האָט זיכ געפילט אַ מידקייט, מאָרעשכוירעדיקייט. ס׳געדענקט זיכ, ווי לענינ האָט

[1] Протоколы об'единительного с'езда, стр. 235, 1934 г.

אלס ענטפער אפ דידאָזיקע רייד בײַסיק דורכגעזייט דורכ די ציינער: „לאָזט ניט אראָפ די נאָז, כאווײרימ, מיר וועלנ אבגעוויס זיגנ, וואָרעמ מיר זײַנענ גערעכט" [1].

אלס קעגנגעוויכט דעמ צ״ק, וואָס איז אויסגעקליבנ געוואָרנ אפנ צוזאמענפאָר, האָבנ די באָלשעוויקעס, בלײַבנדיק א זעלב־שטענדיקע פארטיי, אויסגעפאָרמירט אפ זייער בארעטונג זייער אָנפירנדיקנ צענטער.

אזוי ארומ איז די פארײניקונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אפנ צוזאמענפאָר, געווענ בלויז א פאָרמעלע. די באָלשעוויקעס זײַנענ געווענ און זײַנענ געבליבנ א זעלבשטענדיקע פארטיי. פאר א גרויסנ אידייִשנ אופטו פונעמ צוזאמענפאָר האָט לענינ געהאלטנ די מער דײַטלעכע און באשטימטע פאנאנדערגרענע־צונג צווישנ די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. וועגנ דעמ האָט ער גערעדט אינ זײַנ פאָרטראָג וועגנ צוזאמענפאָר פאר די פעטערבורגער ארבעטער. דער קאמפ, וואָס איז פאָרגעקומענ אפנ צוזאמענפאָר, האָט פארטיפט די פאנאנדערגרענעצונג. ער האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט די ארבעטער בעסער צו דערקענענ די מענשעוויקעס אלס אגענטנ פונ דער בורזשואזיע אינעמ ארבעטער־קלאס. ער האָט נאָכאמאָל דערוויזנ, אז די באָלשעוויקעס זײַנענ די איינציקע רעוואָליוציאָנערע פארטיי פונעמ ארבעטער־קלאס, און אז לענינ איז זייער פירער.

דער קאמפ פאר דער פארטיי נאָכנ צוזאמענפאָר.

די דעלעגאטנ־באָלשעוויקעס האָבנ גלײַכ נאָכנ צוזאמענפאָר ארויסגעלאָזט צו דער פארטיי א ווענדונג, אינ וועלכער זיי האָבנ קריטיקירט די מענשעוויסטישע רעזאָליר־ציעס, וואָס זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ אפנ צוזאמענפאָר. אינ דערדאָזיקער ווענדונג האָבנ די באָלשעוויקעס, זיכ ניט אָפזאָגנדיק זיכ אונטערצוווארפנ די באשלוסנ פונעמ צוזאמענפאָר, אינ דערזעלבער צײַט גערופנ די פארטיי־מיטגלידער צו פירנ א קאמפ קעגנ די מענשעוויסטישע אײַנשטעלונגענ און צו קאָנטראָלירנ אינ דער פראקטיק די ליניע פונ ביידע פארטייענ.

נאָכנ צוזאמענפאָר האָט לענינ פאנאנדערגעוויקלט א קאָלאָסאל־ברייטע ארבעט צו דעמאסקירנ דעמ מענשעוויסטישנ צ״ק, וועלכער האָט גענומענ פירנ אנ אָפענע ליניע אפ א פשאָרע מיט דער בורזשואזיע, אט צו פאראטנ די רעוואָליוציע.

דער מענשעוויסטישער צ״ק האָט אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד געפאָדערט צו שטיצנ די I דומע, וועלכע האָט הינטער די ארבעטערס רוקנ געפירט אונטערהאנדלונגענ וועגנ א פארשטענדיקונג מיטנ צאריזמ, און ווענ די דומע איז פאנאנדערגעלאָזט גע־וואָרנ, האָבנ די מענשעוויקעס גערופנ די ארבעטער צו קעמפנ פארנ אופשטעלנ זי.

אינ דערזעלבער צײַט האָבנ די מענשעוויקעס אָנגעהויבנ א קאמפאניע פארנ פאר־ניכטנ די אונטערערדישע רעוואָליוציאָנערע פארטיי. זיי האָבנ פאָרגעלייגט צונויפ־צורופנ אנ „ארבעטער־צוזאמענפאָר", אפ וועלכנ זיי האָבנ גערעכנט צו שאפנ א ברייטע ארבעטער־פארטיי, אײַנשליסנדיק אינ איר אלע מיטגלידער פונ דער קאָאָפע־ראציע און פונ די פראָפפארייִנענ און די עסערנ. דערדאָזיקער מענשעוויסטישער פרווו צו שאפנ א ברייטע ארבעטער־פארטיי האָט באמײַנט דאָס פארניכטנ די רעוואָליוציאָ־נערע פארטיי, דאָס צעשמעלצנ זי אינ די ברייטע אומפארטייִשע מאסנ און דאָס שאפנ אָנשטאָט איר אנ אָרגאניזאציע, וואָס איז צוגעפאסט צו א פרידלעכער מיט־ארבעט מיט דער בורזשואזיע.

דעמאסקירנדיק אומראכמאָנעסדיק דעמ אָפּאָרטוניזמ פונ די מענשעוויקעס, האָבנ די באָלשעוויקעס געווונענ אפ זייער זײַט די בעסטע ארבעטער־עלעמענטנ, וואָס פלעגנ

[1]) Сталин, О Ленине, стр. 23.

פֿריִער גיינ מיט די מענשעוויקעס. שטיצנדיק זיכ אַפֿ די פּארטייִשע מאסנ, האָט לענינ געפֿאָדערט, ס'זאָל צונויפֿגערופֿנ ווערנ א נייַער צוזאמענפֿאָר אַפֿ צו פֿארורטיילנ די ליניע פֿונעמ צ"ק אונ אַפֿ איבערצוקלייַבנ אימ.

די צווייטע אלגעמיינ־פּארטייִשע קאָנפֿערענצ (אינ הארבסט 1906 י.) האָט אָפּגעוואָרפֿנ די פֿאָדערונג פֿונ די באָלשעוויקעס צונויפֿצורופֿנ באלד א פּארטיי־צוזאמענפֿאָר. אינ דערזעלבער צייַט האָט דער מענשעוויסטישער צ"ק ווייַטער געפֿירט זייַנ פֿארעטערישע ליניע. ער האָט גענומענ פֿירנ א ווילדע העצע קעגנ לענינענ, האָט געמאכט א פּרווו, עמעס, אנ אומגעלונגענעמ, צוצוציִענ לענינענ צו א פּארטיי־געריכט דערפֿאר, וואָס אינ זייַנ בראָשור „די וואלנ אינ דומע אונ די צוויִעס פֿונ די 31 מענשעוויקעס" האָט ער אופֿגעדעקט די גאנצע פֿארעטערישקייַט פֿונ די מענשעוויקעס אונ דעמ גאנצנ באנקראָט פֿונעמ מענשעוויסטישנ צ"ק. דער פּעטערבורגער קאָמיטעט, ווו די איבערהאנט האָבנ געהאט די באָלשעוויקעס, האָט ווידעראמאָל ארויסגעשטעלט די פֿאָדערונג צונויפֿצורופֿנ א פּארטיי־צוזאמענפֿאָר. ניט געקוקט אפֿנ ווידערשטאנד פֿונ די מענשעוויקעס, האָט דער קאמפּ פֿאר א צוזאמענפֿאָר זיכ פֿאנאנדערגעוויקלט אזוי ברייט, אז אינ אָקטיאבער האָבנ פֿארנ צונויפֿרופֿנ א צוזאמענפֿאָר זיכ ארויסגעזאָגט א רייִ גאנצ גרויסע אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ.

דער V צוזאמענפֿאָר פֿונ רסדא"פּ.

אינ אפּרעל — מייַ 1907 י. האָט אינ לאָנדאָנ זיכ אופֿגעקליבנ דער V צוזאמענפֿאָר פֿונ רסדא"פּ. אפֿנ צוזאמענפֿאָר זייַנענ בייַגעווענ 302 דעלעגאטנ, וואָס האָבנ פֿאָרגעשטעלט 150 טויזנט פּארטיי־מיטגלידער.

דער אומראכמאָנעסדיקער קאמפּ פֿונ די באָלשעוויקעס אינ שפּיצ מיט לענינענ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגענ אינעמ ארבעטער־קלאס אונ קעגנ דער שאָלעמ־מאכערייַ צו זיי, זייער טאָגטעגלעכע אופֿקלער־ארבעט צווישנ די ברייטע מאסנ פּארטיי־מיטגלידער האָט געבראכט דערצו, אז די באָלשעוויקעס האָבנ אפֿנ צוזאמענפֿאָר באקומענ א מערהייַט צווישנ די דעלעגאטנ פֿונ די טאמע אינדוסטריעלע אונ גרעסטע צענטערס (פּעטערבורג, אוראל). אפֿנ צוזאמענפֿאָר זייַנענ די באָלשעוויקעס אינ א רייִ פֿראגעס (אשטייגער, וועגנ דער באציִונג צו די ניט־פּראָלעטארישע פּארטייענ, וועגנ דעמ ארבעטער־צוזאמענפֿאָר) געשטיצט געוואָרנ דורכ די נאציִאָנאלע סאָציִאל־דעמאָקראטישע פּארטייענ — דורכ די פּאָליאקנ, לאטישנ. זיי זייַנענ אָבער ניט געווענ גענוג שטאנדהאפֿטיק, האָבנ זיכ אָפֿט געוואקלט, אָפּגעבנדיק צומאָל זייערע שטימענ די מענשעוויקעס. מיטנ מויל — א ניט־פֿראקציִאָנעלע, אונ אינדערעמעסנ א מענשעוויסטישע פּאָזיציע האָט אפֿנ צוזאמענפֿאָר פֿארנומענ טראָצקי.

אַפֿ דעמ דאָזיקנ צוזאמענפֿאָר זייַנענ אָנגענומענ געוואָרנ באָלשעוויסטישע באשלוסנ וועגנ א רייִ גרונט־פֿראגעס פֿונעמ טאָג־אָרדענונג פֿונעמ צוזאמענפֿאָר.

אינ דער פֿראגע וועגנ דער באציִונג צו דער דומע האָט דער צוזאמענפֿאָר אנערקענט פֿאר נייטיק אויסצונוצנ איר טריבונע אַפֿ צו דעמאסקירנ דעמ צאריזמ.

דער צוזאמענפֿאָר האָט דערלאָזט א פֿארשטענדיקונג מיט די פּארטייענ, וואָס האָבנ אנערקענט א באוואָפֿנטנ אופֿשטאנד (די עסערנ), אָנווייַזנדיק אינ דערזעלבער צייַט אַפֿ דער נייטיקייַט צו דעמאסקירנ דעמ קליינבירגערלעכנ טאָכ פֿונ דער דאָזיקער פּארטיי. גלייַכצייַטיק האָט דער צוזאמענפֿאָר גערופֿנ צו פֿירנ אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפּ קעגנ אלע בורזשואזע פּארטייענ, ווי קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערע.

לויטנ פֿאָרשלאָג פֿונ די באָלשעוויקעס, איז פֿארורטיילט געוואָרנ די אידיי פֿונ אנ „ארבעטער־צוזאמענפֿאָר". די דאָזיקע אידיי האָט ארויסגערוקט דער מענשעוויק פּ. אקסעלראָד, אונ עס האָבנ זי געשטיצט א רייִ אנדערע אָנגעזעענע מענשעוויקעס. זיי האָבנ פֿאָרגעלייגט צונויפֿרופֿנ א צוזאמענפֿאר פֿונ פֿאָרשטייער פֿונ ארבעטער־אָרגאניזאציעס אָנ אונטערשייד פֿונ פּארטייענ אונ פֿראקציעס, אונ אַפֿ דעמ דאָזיקנ צוזאמענפֿאָר צו גרינדנ אנ „אלרוסלענדישנ ארבעטער־

פאַרבאַנד" אָדער א „ברייטע ארבעטער־פּאַרטיי". אינ דערדאָזיקער פראַגע איז ניט בלויז די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ־פּאָליאַקנ (מיט ראָזע ליוקסעמבורג אינ שפּיצ) אונ די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ־לאַטישנ, נאָר אפילע אויכ די בונדאָווצעס האָבנ געשטימט קעגנ די מענשעוויקעס, פאַרנ באָלשעוויסטישנ פאָרשלאָג.

ס'איז אָנגענומענ געוואָרנ א רעזאָליוציע, וועלכע האָט אנגער־ קענט די נייטיקײַט, אז די פּאַרטיי זאָל אָנפירנ מיט די פּראָפּאַ־ ריינע.

די באָלשעוויקעס האָבנ פאָרגעלייגט צו פאַרורטיילנ די טעטיקײַט פונעמ מענשעוויסטישנ צ"ק אונ פונ דער פראַקציע אינ דער צווייטער מעלוכע־דומע. אָבער די מענשעוויקעס זײַנענ געשטיצט געוואָרנ דורכ די נאַציאָנאַלע פּאַרטייענ, אונ צוזאַמענ מיט זייערע שטימענ האָבנ זיי אָפּגעוואָרפנ דעמ באָלשעוויסטישנ פאָרשלאָג. ווענ באַריכט פונעמ צ"ק האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומענ א גאָרניט זאָגנדיקנ קורצנ באַשלוס וועגנ איבערגייענ צו די אָרדנטלעכע איניאָנים. בענעגייע אָבער דער ארבעט פונ דער דומע־פראַקציע האָט דער צוזאַמענפאָר דאָכ פאַרורטיילט, כאָטש ניט געננוג אנטשיידנדיק, די אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ פונ דער פראַקציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט א צ"ק, אינ וועלכנ די באָלשעוויקעס האָבנ באַקומענ א מערהײַט.

„איכ האָב דאָס ערשטע מאָל דאַנ געזענ לענינענ אינ דער ראָליע פונ א זיגער. — שרײַבט כ' סטאַלינ, וואָס איז געווענ א דעלעגאַט אפנ דאָזיקנ צוזאַמענפאָר. — געוויינלעכ רופט א זיג ארויס קאָפּשווינדל בא אייניקע פירערס, מאַכט זיי גײַוועדיק אונ גרויסהאַלטעריש. אָפטער פונ אַלצ הייבט מענ אָנ אינ אַזעלכע פאַלנ צו פײַערנ דעמ ניצאָכנ, צו רוענ אפ די לאָרבער־קרענצ. לענינ אָבער איז אפ קיינ האָר ניט ענלעכ געווענ אפ אַזעלכע פירערס, — פאַרקערט, דאַפקע נאָכ א ניצאָכנ פלעגט ער ווערנ באַזונדערס וואַכזאַמ אונ פאָרזיכטיק. ס'געדענקט זיכ, ווי לענינ האָט דעמלט אײַנגעשפּאַרט אײַנגערעדט די דעלעגאַטנ: „די ערשטע זאַכ איז ניט פאַרכאַפּנ זיכ מיטנ זיג אונ זיכ ניט איבערנעמענ; די צווייטע זאַכ איז פאַרפעסטיקנ דעמ זיג; די דריטע זאַכ — דערשלאָגנ ביזנ סאָפ דעמ קעגנער, וואָרעמ ער איז נאָר געשלאָגנ, אָבער ווײַט ניט דערשלאָגנ" [1]).

אינעמ צ"ק, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט, זײַנענ צוגלײַכ מיט די באָלשעוויקעס ארײַנ אויכ מענשעוויקעס.

פאַרשטייענדיק אויסגעצייכנט די ניט־זיכערקײַט פונ דער אָנפירונג מיצאַד א צ"ק, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פונ פאַרשיידענע שטרעמונגענ, האָבנ די באָלשעוויקעס בעשאַסנ צוזאַמענפאָר צונויפגערופנ זייערע א פראַקציאָנעלע באַראַטונג, אפ וועלכער זיי האָבנ אויסגעקליבנ זייערנ א באָלשעוויסטישנ צענטער פונ 15 כאַווייריִמ.

די סיבעס פונ דער מאַפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י., אירע לעקציעס אונ אינטערנאַציאָנאַלער באַטײַט.

די רוסישע רעוואָליוציע האָט צײַטווײַליק געליטנ א מאַפּאָלע.

די ארבעטער אונ פויערים זײַנענ צומ ערשטנ מאָל געגאַנגענ אפ אנ אנטשיידענעמ שלאַכט קעגנ דער זעלבסטהערשונג. דער פּראָלעטאַריאַט פונ א ריי אינדוסטריעלע צענטערס האָט נאָכ ניט אנטוויקלט אַזא אָרגאַניזירטקײַט אונ אַזא אָנגעשטרענגטנ קאַמפ, וועלכע זײַנענ געווענ נייטיק צוליבנ ניצאָכנ. די פויערים זײַנענ

[1]) Сталин, О Ленине, стр. 24.

געגאנגענ צעשפליטערט, ניט ארגאניזירט, ניט גענוג אָנגרײַפעריש און װײניקער באַװוּסטזיניק, אײדער דער פּראָלעטאריאט. אסאך פּויערימ האָבנ נאָך ניט פארשטאנענ, אז אָנעמ אראָפּװארפנ די זעלבסטהערשונג װעלנ זײ ניט באַקומענ קײנ ערד און קײנ באַפרײַונג פונ דער פּריצישער קנעכטשאפט. ס'איז אויסגעקלאָרט געװאָרנ, אז אינעמ רעװאָליוציאָנערנ קאמפּ האָבנ אָנטײלגענומענ פאבריק־זאַװאָדישע ארבעטער אינ דער מערהײַט (ביז דרײַ פינפטל), און פּויערימ — א באַדײַטנדיקע מינדערהײַט — ניט מער פונ א פינפטכײלעק.

די אופשטאנדנ פונ די מאסנ זײַנענ געװענ צעשפליטערטע; אסאך פונ זײ זײַנענ געװענ צו שװאכע. די מענשעװיקעס פלעגנ אפּ יעדנ שריט און טריט טאָרמאָזירנ דעמ אנטשײדענעמ קאמפּ פונ די ארבעטער און פּויערימ. אינ דערזעלבער צײַט האָט זיכ דעמ צאריזמ אײַנגעגעבנ ארויסצוגײנ פונ דער רוסיש־יאפּאָנישער מילכאָמע, צו שליסנ שאָלעמ מיט יאפּאָניע און צו באַװאָרענענ זיכ מיט דער שטיצע פונ דער רוסישער בורזשואַזיע, װעלכע האָט נאָכנ באַװאָפנטנ דעקאבער־אופשטאנד אָפּנ זיכ געװאָרפנ דעמ צאריזמ אינ די אָרעמס. די מײַרעװ־אײראָפּײִשע בורזשואַזיע האָט געגעבנ דער זעלבסטהערשונג א מאמאָשעסדיקע הילפ: פראנקרײַכ האָט געגעבנ רוסלאנד א האלװאָע און דערמיט האָט זי איר פארגרינגערט דאָס ארויסגײנ פונעמ פינאנציעלנ קריזיס; דײַטשלאנד האָט מאָביליזירט אירע מיליטער־קרעפטנ, װאָס האָבנ בלויז געװארט אפּ א באַפעל ארויסצוטרעטנ אינ קאמפּ קעגנ דער רוסישער רעװאָליוציאָנערער באַװעגונג.

ענדלעכ, האָט זיכ דעמ צאריזמ אײַנגעגעבנ צו דערשטיקנ דעמ דעקאבער־אופשטאנד, אײַנצוברעכנ דעמ פרװו פונעמ פאָרגעשריטענעמ טײל פונעמ ארבעטער־קלאס צוצוגרײטנ א נײַעמ אָנגריפ אינ די יאָרנ 1906—1907.

כאָטש די רעװאָליוציע פונ 1905 יאָר איז דורכגעפאלנ, *איז דאָכ איר באַטײַט גװאלדיק גרויס.*

דער צװײַיאָריקער בירגערקריג האָט פארװאנדלט דאָס צארישע רוסלאנד אינ א רעװאָליוציאָנער לאנד און האָט באַשײַמפערלעכ באַװיזנ אלע קלאסנ און פארטײַענ אינ זײער טאט. דער פּראָלעטאריאט האָט געפירט דעמ אנטשײדנדיקסטנ, ביזנ סאָפּ קאָנסעקװענטנ קאמפּ. דער פּראָלעטאריאט האָט אָנגעהויבנ די רעװאָליוציע מיט מאסנשטרײַקנ און איז דערגאנגענ ביז צו באריקאדעס־שלאכטנ בעשאס די באַװאָפנטע אופשטאנדנ אינ דעקאבער 1905 י. די צאָל שטרײַקנדיקע ארבעטער בלויז פארנ 1905 יאָר אלײנ האָט דערגרײכט ביז 3 מיליאָנ, אינ 1906 יאָר — ביז 1 מיליאָנ, אינ 1907 יאָר — ביז 750 טויזנט. אזא קראפט פונ א שטרײַק־באַװעגונג האָט נאָכ דעמלט די װעלט ניט געזענ. צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע פונ דער אלװעלטלעכער ארבעטער־באַװעגונג איז דער פּראָלעטאריאט ארויסגעטראָטנ אלס העגעמאָנ אינ דער בורזשואַז־דעמאָקראטישער רעװאָליוציע. ער האָט אָנגעפירט מיט די ברײטסטע מאסנ פּויערטומ. די אָנפירונג פונעמ פּראָלעטאריאט מיט די ברײטע מאסנ האָט באַװיזנ, װאָס פאר אנ אומבאַזיגלעכע קראפט עס שטעלנ מיט זיכ פאָר די אונטערדריקטע קלאסנ, װענ זײ רײַסנ אײַנ מיט דער בורזשואַזיע און שטעלנ זיכ אונטערנ אָנפיר פונ די ארבעטער. די רעװאָליוציע האָט באַװיזנ, אז בלויז די באָלשעװיסטישע פארטײ, א פארהארטעװעטע און א פארפעסטיקטע, איז די אײנציקע רעװאָליוציאָנערע פארטײ פונעמ פּראָלעטאריאט און קענ זיכערנ דעמ דערפאָלגרײַכנ קאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט פאר זײַנ דיקטאטור. נאָכ אינ א גרעסערער מאָס האָט די רעװאָליוציע אופגעדעקט דעמ קלײנבירגערלעכנ כאראקטער פונ דער פארטײ עסערנ און דעמ אָפּאָרטוניזמ פונ די מענשעװיקעס, זײער פשאָרעמאכערײַ מיט דער בורזשואַזיע, זײער פארעטערישע ראָליע.

דער אומגעהײַערער באַטײַט פונ דער רעװאָליוציע פונ 1905 יאָר באַשטײט נאָכ אינ דעמ, װאָס זי האָט אויסגעלערנט די פארטײ און דעמ ארבעטער־קלאס די קונסט פונ בירגערקריג.

אינ 1905 יאָר איז אינ די באַדינגענ פונ אימפּעריאליזמ און בורזשואַז־דעמאָקראטישער רעװאָליוציע צומ ערשטנ מאָל אָנגעװענדט געװאָרנ דאָס אנטשײדנסטע קאמפּ־

מיטל פונעם ארבעטער־קלאס — דער „באוואָפנטער אופשטאנד, וואָס באזירט זיכ אפ אנ אלגעמײנעם פאָליטישנ שטרײַק".

„דער דעקאבער־קאמפ פונ 1905 יאָר האָט דערוויזנ,—האָט געשריבנ לענינ,— אז א באוואָפנטער אופשטאנד קענ זיגנ בא די הײַנטצײַטיקע באדינגענ פונ מיליטער־טעכניק אונ מיליטער־אָרגאניזאציע. דער דעקאבער־קאמפ האָט געבראכט צו דעם, אז די גאנצע אינטערנאציאָנאלע ארבעטער־באוועגונג דארפ פונ איצט אָנ זיכ רעכענענ מיט דער ווארשײַנלעכקײַט פונ ענלעכע שלאכט־פאָרמעס אינ די נאָענטסטע פראָלעטארישע רעוואָליוציעס" [1].

דידאָזיקע אָנווײַזונגענ זײַנענ געווענ געצילט קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע אײַנשטעלונגענ פונ אסאכ גאָר אָנגעזעענע טעאָרעטיקער פונעם II אינטערנאציאָנאל, וועלכע האָבנ געהאלטנ, אז א באוואָפנטער אופשטאנד איז בא דער הײַנטצײַטיקער טעכניק אונ אויספלאנירונג פונ די שטעט (גלײַכע גאסנ אונ ד. גל.) פארורטײלט אומפארמײַדלעכ צו א דורכפאל,—אונ דעריבער איז דערדאָזיקער קאמפ־מעטאָד, קלוימערשט, פארעלטערט.

אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט דער פראָלעטאריאט ארויסגערוקט די סאָוועטנ אלס אָרגאנענ פונ אופשטאנד אונ פונ רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור.



דיאגראם: דער וווקס פונ דער ארבעטער־ אונ פויערים־באוועגונג פאר די יאָרנ 1907—1900.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט געעפנט א נײַע עפּאָכע אינעם נאציאָנאל־באפרײַערישנ קאמפ פונ די קאָלאָניאלע פעלקער. זי האָט ארויסגערופנ א באוועגונג אינ גאנצ אזיע. זי האָט ארײַנגעצויגנ אינ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ הונדערטער מיליאָנענ קאָלאָניאלע קנעכט. זי האָט געהאט א קאָלאָסאלע ווירקונג אפ דער רעוואָליוציע אינ טערקײַ (אינ 1908 יאָר), אינ פערסיע (1909 יאָר), אינ כינע (1911 יאָר).

אינ מײַרעוו האָט דער פראָלעטאריאט מיט א גוואלדיקער אָנשטרענגונג נאָכגעשפּירט נאָכנ גאנג פונ די געשעענישנ אינ רוסלאנד. אינ עסטרײַכ האָט דער אָקטיאבער־שטרײַק געבראכט צו דעמאָנסטראציעס אונ צום אויסקעמפנ אלגעמײנע וואלרעכט. באלד נאָכנ אופשטאנד אפנ „פּאָטיאָמקינ" איז פאָרגעקומענ אנ אופשטאנד אינעם דײַטשישנ פלאָט. דער באָלגארישער פראָלעטאריאט איז ארויס אפ דער גאס אונ האָט געצוווּנגענ די עקספּלואטאטערישע קלאסנ אָפּצושאפנ א רײ באמ פאָלק

1) Ленин, т XII, стр. 212.

7—898

פארהאסטע גערועצנ. דאָס 1905 יאָר האָט געגעבנ א שטויס דער אנטוויקלונג פונ דער מאסעווער שטרײַק־באוועגונג אינ ענגלאנד.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט פארשטארקט די פאנאנדערגרענעצונג צווישנ די קלאסנ אפ דער גאנצער וועלט. זי האָט פעסט פארבונדנ די וועלט־בורזשואזיע מיטנ צאריזם. זי האָט נאָכ שטארקער באהעפט ארומ דעמ פראָלעטאריאט פונ רוסלאנד די פראָלעטאריער פונ מײַרעוו אונ די אונטערדריקטע פעלקער פונ מיזרעכ. זי האָט ארויסגערוקט דעמ פראָלעטאריאט פונ רוסלאנד אלס דעמ פאָדערשטנ אָטריאד פונ דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנער באוועגונג.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז ארײַנ אינ דער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג ווי דער פראָלאָג (ארײַנפיר) צו דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. אירע גרונט־פראגעס (סאָוועטנ, די העגעמאָניע פונ פראָלעטאריאט, דאָס אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א פראָלעטארישער, די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט אונ פויערטום, דער אופשטאנד אונ אנד.) זײַנענ גלײַכצײַטיק געווענ אויכ די גרונט־פראגעס פונ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציע.

יענע לייזונג פונ אָט די אלע פראגעס, וואָס עס האָבנ געגעבנ די באָלשעוויקעס, אונ צומאלעמערשטנ לענינ, האָבנ געהאט א קאָלאָסאלע אינטערנאציאָנאלע באדײַטונג. זיי האָבנ געשטעלט נײַע אונ אלטע פראגעס פונ דער מארקסיסטישער טעאָריע אונ באלויכטנ זיי גאָר אנדערש, ווי די אָפּאָרטוניסטנ אונ צענטריסטנ פונעם II אינטערנאציאָנאל. דער כ׳ סטאלינ האָט ריכטיק באטאָנט אינ זײַנ בריוו אינ זשורנאל „פראָלעטארסקאיא רעוואָליוציא״, אז די פארטיי באָלשעוויקעס האָט פונ סאמע אָנהייב פונ איר עקזיסטענצ אנטוויקלט ווײַטער די טעאָריע פונ מארקסיזמ, ארויסטרעטנדיק ניט בלויז קעגנ אונדזערע רוסלענדישע מענשעוויקעס, נאָר אויכ אפ דער אינטערנאציאָנאלער ארענע.

די רעוואָליוציע האָט אויסערגעוויינלעכ פארשטארקט די פּאָזיציע פונעמ באָלשעוויזמ אינ דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג אונ האָט נאָכ שטארקער אנטבלויזט דעמ אָפּאָרטוניזמ פונ דער אָנפירערשאפט פונעמ II אינטערנאציאָנאל. אינ אלע פרינציפּיעל אומגעהייער וויכטיקע גרונט־פראגעס, וואָס דער קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס פונ רוסלאנד האָט ארויסגערוקט אינ פעריאָד פונ דער רעוואָליוציע פונ די יאָרנ 1905—1907 (די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטום, דאָס אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער, די אידיי וועגנ דער העגעמאָניע פונ פראָלעטאריאט אינ דער בורזשואזער רעוואָליוציע, די פראגע וועגנ דער באציונג פונ דער פארטיי צו די פראָפארײַנענ, דער „ארבעטער־צוזאמענפאָר״ א. אז. וו.), האָבנ די אָנפירערס פונעמ II אינטערנאציאָנאל פארנומענ אנ אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע, האָבנ אנטשלאָסנ געלייקנט, אז די־דאָזיקע וויכטיקע פראגעס פונ דער רוסישער רעוואָליוציע זײַנענ אויכ פראגעס פונ אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, אז זיי האָבנ א גיגאנטישנ באטײַט פאר דער גאנצער אלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנער באוועגונג.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט, ענדלעכ, געהאט א באשליסנדיקנ באטײַט פארנ זיג פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע אינ אָקטיאבער 1917 יאָר.

> **„אָנ דער גענעראלער רעפּעטיציע פונ 1905 יאָר וואָלט דער זיג פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר געווענ אוממעגלעכ״** (לענינ).

ליטעראטור צומ פינפטנ קאפיטל.

Ленин, Рабочая партия и ее задачи при современном положении. Соч., т. IX, стр. 1—7.

Ленин, Государственная дума и социал-демократическая тактика. Соч., т. IX. стр. 13—19.

Ленин, Современное положение России и тактика рабочей партии. Соч. т. IX, стр. 20—27.

Ленин, Об'единительный с'езд РСДРП. Соч., т. IX, стр. 145—169 (речи и проекты резолюций Ленина).

Ленин, Доклад об об'единительном с'езде РСДРП. Соч., т. IX, стр. 175—226.

Ленин, К итогам с'езда. Соч., т. IX, стр. 237—239.

Ленин, Постановления и резолюции об'единительного с'езда. Соч., т. IX, стр. 463—472.

Ленин, Роспуск думы и задачи пролетариата. Соч., т. X, стр. 5—19.

Ленин, О бойкоте. Соч., т. X, стр. 26—32.

Ленин, Партизанская борьба. Соч. т. X, стр. 80—88.

Ленин, Социал-демократия и избирательные соглашения. Соч., т. X, стр. 127—146.

Ленин, V С'езд РСДРП. Соч., т. XI, стр. 517—538 (резолюции и проекты резолюций лондонского с'езда).

Ленин, Отношение к буржуазным партиям. Соч., т. XI, стр. 271—286.

Ленин, Сердитая растерянность. Соч., т. XI, стр. 142—151.

Ленин, Уроки революции. Соч., т. XIV, стр. 369—373.

זעקסטער קאפיטל.

די פארטיי באָלשעוויקעס אינ די רעאקציע־יאָרנ.

(1907—1910 י.י.)

די רעאקציע־עפּאָכע אונ דער טאָכ פונ דער סטאָליפּינשטשינע.

דעמ דריטנ יונ 1907 יאָר האָט די צארישע רעגירונג פאנאנדערגעטריבנ די II מעלוכע־דומע. די סאָציאַל־דעמאָקראטישע דומע־פראקציע איז ארעסטירט געוואָרנ. נאָכנ געריכט זײַנענ אכצנ סאָציאַל־דעמאָקראטישע דעפּוטאטנ אוועקגעשיקט געוואָרנ אפ קאטאָרגע, צענ—פארשיקט געוואָרנ קיינ סיביר. גלײַכצײַטיק איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א געזעצ וועגנ דער אָרדענונג פונ די נײַע וואלנ צו דער III מעלוכע־דומע, א געזעצ, וואָס האָט געזיכערט אינ דער דומע די פולשטענדיקע הערשאפט פונ די לײַב־אייגנטימער־פּריצימ אונ פונ די פּאָרשטייערס פונ דער גרויס־בורזשואזיע. די ארבעטער אונ פּויערימ אונ אויכ די אונטערדריקטע נאציעס האָבנ קימאט אינגאנצנ פארלוירנ זייער וואל־רעכט. אָנשטאָט די 65 סאָציאַל־דעמאָקראטנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער II דומע, זײַנענ אינ דער III מעלוכע־דומע ארײַנ אינגאנצנ 15 סאָציאַל־דעמאָקראטנ.

דאָס פאנאנדערטרײַבנ די II מעלוכע־דומע אונ דאָס ארויסגעבנ דעמ וואל־געזעצ (די אזויגערופענע איבערקערעניש פונעמ 3 יונ) האָבנ באוויזנ, אז די קאָנטררעוואָלוציע האָט צײַטווײַליק געזיגט אונ אז רוסלאנד איז ארײַנגעטראָטנ אינ דער פאזע פונ א שרעקלעכער רעאקציע. די זעלבסטהערשונג האָט ארײַנגענומענ דאָס גאנצע לאנד אינ א קלעמ פונ אומראכ־מאָנעסדיקנ פּאָליצייישנ דרוק. איבערנ גאנצנ לאנד האָבנ געווילדעוועט שטראָף־אָטריאדנ אונ קריג־פעלד־געריכטנ. פאר די יאָרנ 1907—1909 זײַנענ ארויסגעטראָגנ געוואָרנ העכער 26 טויזנט אורטיילנ פארנ באטייליקנ זיכ אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. העכער 5 טויזנט מאנ זײַנענ פארורטיילט געוואָרנ צו טויט־שטראָף. מיט דער גרעסטער אכזאָריעס האָט זיכ די זעלבסטהערשונג ארופגעוואָרפנ אפנ ארבעטער־קלאס. די ארבעטער־אָרגאניזאציעס זײַנענ צעגראָמירט געוואָרנ. זייערע אָנפירער זײַנענ פארשיקט געוואָרנ, איבערגעגעבנ געוואָרנ צומ געריכט. פונעמ 1906 ביזנ 1910 יאָר האָט די פּאָליציי פארמאכט אונ פארבאָטנ באַ טויזנט פארשיידענע פראָפאָרגאניזאציעס, העכער הונדערט ארבעטער־צײַטונגענ אונ זשורנאלנ.

די ווירטשאפט פונ לאנד האָט איבערגעלעבט אינעמ דאָזיקנ פעריאָד (1907—1909 י.י.) א שווערנ עקאָנאָמישנ שטילשטאנד. די בורזשואזיע האָט זיכ געפּרוווט אימ לינדערנ, אָנקוועטשנדיק שטארק אפנ ארבעטער־קלאס. באַ דער שטיצע פונ דער רעגירונג האָבנ די אונטערנעמער אינגיכנ אָפּגענומענ באַ די ארבעטער אלע פארבעסערונגענ, וואָס זײַנענ ארויסגעקעמפט געוואָרנ אינ די רעוואָליוציע־יאָרנ. עס זײַנענ שארפ פארקלענערט געוואָרנ די טאריפ־פּרײַזנ, עס איז פארלענגערט געוואָרנ דער ארבעט־טאָג, פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל אויבערשאָ־ארבעט, די שטראָפנ. די מער אקטיווע ארבעטער פלעגט מענ אָפּזאָגנ, ארײַנטראָגנ זיי אינ די „שווארצע צעטלענ" אונ זיי שוינ אינערגעצ ניט צולאָזנ צו קיינ ארבעט. אפילע ריינ־עקאָנאָמישע שטרײַקנ פלעגנ זיכ אויסלאָזנ מיט מאסנ־ארעסטנ אונ מיט ארויסשיקונגענ. אונטער דער ווירקונג פונ דער עקאָנאָמישער יערידע אונ פּאָליטישער רעאקציע איז אָנגעקומענ א שטילשטאנד

אויך אין דער ארבעטער־באַוועגונג. אויב אין 1907 יאָר האָבן אין די שטרײַקן זיך באַטייליקט העכער 40% פון גאַנצן ארבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד, איז אין 1910 יאָר האָט שוין געשטרײַקט ניט מער, ווי 2,5%. די צאָל פּראָפּאַריין־מיטגלידער איז פאַרקלענערט געוואָרן פון 325 טויזנט אין די יאָרן 1905—1906 ביז 14 טויזנט צום סאָף 1909 יאָר.

גלײַכצײַטיק האָט די זעלבסטהערשונג בײַ דער שטיצע פון דער בורזשואַזיע פאַרשטאַרקט ביזן העכסטן גראַד די אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד. דער צאַריזם האָט אַפּ אַלערליי אויפנים פּאַנאַנדערגעבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן האַס: געהעצט איין אונטערגעדריקטע נאַציע קעגן דער אַנדערער, אָרגאַניזירט ייִדישע פּאָגראָמען, פאַנאַנדערגעבלאָזן דעם קאַמף צווישן די ארמענער און טיורקן אַפּ קאַווקאַז א. אַז. וו.

בנוגע די מיזרעכ־לענדער — פּערסיע, טערקײַ, כינע — האָט די זעלבסטהערשונג געפירט א פאַרכאַפּערישע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק.

פאַרבלײַבנדיק א רעגירונג פון לײַבאייגנטימער־פּריצים, האָט די זעלבסטהערשונג אין דערזעלבער צײַט געזיכערט מיט איר פּאָליטיק די אינטערעסן אויך פון דער רײַכסטער גרויס־בורזשואַזיע. אין די רעאַקציע־יאָרן האָט דער צאַריזם נאָך שטאַרקער פאַרפעסטיקט זײַן בונד מיט די אייבערשטע שיכטן פון דער האַנדל־אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, האָט געמאַכט נאָך איין טריט אפּן וועג צום פאַרוואַנדלט ווערן אין א בורזשואַזער מאָנאַרכיע.

די ליבעראַלע בורזשואַזיע (מיט דער קאַדעטן־פּאַרטיי אין שפּיץ) איז נאָכן דעקאַבער־אופשטאַנד אריבערגעגאַנגען איינגאַנצן אַפּ דער זײַט פון דער זעלבסטהערשונג און האָט אָפן דערקלערט, אַז זי שטיצט דעם צאַריזם און די קאָנטררעוואָליוציע.

אינעם קאַמף קעגן דער רעוואָליוציע האָט די זעלבסטהערשונג זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט פּאָליציייִשע מיטלען. דער מיניסטער סטאָליפּין, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער רעגירונג, האָט פאַרשטאַנען, אַז קעדיי צו פאַרהיטן רוסלאַנד פון א נײַער רעוואָליוציע, איז נייטיק פריִער פאַר אַלץ צו לייזן די וויכטיקסטע פראַגע—די ערד־פראַגע.

אין די רעוואָליוציע־יאָרן האָט דאָס פּויערטום אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט געפירט א קאַמף קעגן די לײַבאייגנטימער־פּריצים, שטרעבנדיק מיט דער הילף פון א רעוואָליוציאָנערן אופשטאַנד פונונטן אראָפּצוּוואַרפן דעם פּריצישן יאָך און צו באַקומען ערד. סטאָליפּין האָט געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע: צו דערשטיקן דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פונעם פּויערטום און דורכצופירן אין דערזעלבער צײַט פונויבן א רייִ רעפאָרמעס, וואָס זאָלן מאַכן פאַר אומעגלעך א נײַע רעוואָליוציע.

זײַן פּלאַן איז באַשטאַנען אינעם באַפרידיקן טיילווײַז דעם באַלעגופּ אפּן כעזשבן פון דער פּויערשער אָרעמשאַפט און שאַפן אזויאַרום אין דער פּערזאָן פונעם באַלעגופּ אן אָנשפּאַר פאַר דער זעלבסטהערשונג. סטאָליפּין האָט גערעכנט, אַז אָנשפּאַרנדיק זיך אין דאָרפּ אפּן באַלעגופּ, וועט די זעלבסטהערשונג קענען אופהיטן דעם פּריצישן ערד־באַזיץ.

סטאָליפּינס דורכגעפירטע ערד־רעפאָרמע איז געצילט געווען צו דעם, אַז זי זאָל, ניט אָנרירנדיק די אינטערעסן פון די פּריצים, פאַרשטאַרקן מיט אַלע מעגלעכקײַטן די באַלעגופּישע קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט. סטאָליפּין האָט דערלויבט די פּויערים פרײַ ארויסצוטרעטן פון דער געמיינדע (אָבשטשינע) און צו פאַרפעסטיקן פאַר זיך, אַלס פּערזענלעך אייגנטום, די געמיינדע־ערד, וואָס האָט זיך געפונען אין זייער רעשוס. דאָסדאָזיקע רעכט האָט אויסגענוצט פריִער פאַר אַלץ דאָס באַלעגופּטום, וואָס איז ארויסגעטראָטן פון דער געמיינדע און האָט זיך באַזעצט אין כוטערס און אַפּ אייגענע שטיקער ערד („אָטרובן"), האָט פאַרשטאַרקט זײַן ווירטשאַפט און האָט פאַרברייטערט זײַן ערד־באַזיץ, אופקויפנדיק ערד בײַ דער זיך רויִנירנדיקער אָרעמשאַפט. די אָרעמשאַפט פלעגט ארויסטרעטן פון דער געמיינדע צוליב דעם, זי זאָל קענען פאַרקויפן איר שטיקל ערד דעם באַלעגופּ און אַפּ שטענדיק אריבערגיין אין די רייען פון

די לוינ־ארבעטער. אינגאנצנ זײַנענ צום אָנהייב אימפּעריאליסטישער מילכאָמע פונ 1914 יאָר ארויסגעטראָטנ פונ דער געמיינדע באַ 2 מיליאָנ הויז־ווירטנ, וואָס עס האָט אויסגעמאכט באַ 20 % פונ דער אלגעמיינער צאָל זייערער. זייערע ערד־כאלאָקימ האָבנ פארקויפט 1,2 מיליאָנ פויערימ, דערהויפּט די אָרעמשאפט.

סטאָליפּינס ערד־פּאָליטיק איז געווענ א בורזשואזע פּאָליטיק. די רעגירונג האָט אפ אלערליי אויפאנימ סטימולירט דעמ וווקס פונ די באלעגופישע ווירטשאפטנ, געבנדיק זיי האלוואָעס, שטיצנדיק זיי דורכ דער ערד־אײַנאָרדענונג א. אז. וו. דער פּאָליציייִשער אפּאראט האָט מיט געוואלט געצוווּנגענ די אָרעמשאפט צו פארקויפנ פאר נישטיקע פרײַזנ זייערע ערד־כאלאָקימ. דורכ נאָכ א גרעסערער רויִנירונג פונ דער דאָרפישער אָרעמשאפט אונ דורכנ צונעמענ באַ איר די ערד איז סטאָליפּינענ געלונגענ עטוואָס צו פארגרעסערנ דעמ באלעגופישנ ערדבאזיצ, צו שאפנ א ברייטערנ באלעגופישנ שיכט. ניט לייזנדיק די ערד־פראגע, האָט די סטאָליפּינישע רעפאָרמע פארגיכערט די רויִנירונג פונ דער גרונטיקער מאסע פויערטומ, אינ דער ערשטער ריי פונ דער פויערשער אָרעמשאפט.

סטאָליפּינס פּאָליטיק האָט בלויז געבראכט צו א פארשארפונג פונ די קלאסנ־ווידערשפּרוכנ אינעמ דאָרפ אונ האָט פארשטארקט די סינע פונ די ברייטע שיכטנ פויערטומ צו די פּריצימ. אינ דערזעלבער צײַט האָט סטאָליפּינס פּאָליטיק שטארק פארשארפט דעמ קאמפ פונ דער דאָרפישער אָרעמשאפט קעגנ דעמ באלעגופנטומ.

די זעלבסטהערשונג האָט מיט אנ אומגעווייִנלעכער אכזאָריעס געשטיקט דעמ קלענסטנ אויסדרוק פונ אומצופרידנקײַט באַ די פויערימ: מע פלעגט זיי ארעסטירנ, שלאָגנ, שמײַסנ מאסנווײַז, איבערגעבנ זיי צומ געריכט, ארויסשיקנ זיי. גרעסערע אומרועס פלעגנ אפ א כײַישנ אויפנ דערשטיקט ווערנ דורכ די שטראָפ־אָטריאדנ.

אינ דאָרפ האָט געהערשט א פולשטענדיקע העפקיירעס פונ די זעמסקע נאטשאלניקעס אונ פונ די אוריאדניקעס. „דער טריומפ פונ דער בײַטש אונ פונ דער פינצטערניש איז געווענ א פולשטענדיקער" — זאָגט דער כ' סטאלינ וועגנ דערדאָזיקער עפּאָכע.

לייזנ די ערד־פראגע פ ו נ ו י ב נ, דורכ סטאָליפּינס רעפאָרמע, איז דער זעלבסטהערשונג ניט געלונגענ. די סטאָליפּינישע פּאָליטיק האָט נאָכ שטארקער צעבלאָזנ די סינע פונ די פויערימ צו דער זעלבסטהערשונג. דאָס פויערטומ האָט זיכ גענומענ איבערצײַגנ אפ זײַנ אייגענער דערפארונג, אז בלויז דורכנ אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג אינעמ בונד מיטנ פּראָלעטאריאט אונ אונטער זײַנ אָנפירונג וועט עס זיכ באפרײַענ פונ דאלעס אונ הונגער.

אָט דאָס זײַנענ געווענ די אומשטאנדנ, וואָס אינ זיי האָט געקעמפט די פּארטיי באָלשעוויקעס אינ די רעאקציע־יאָרנ נאָכ דער מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע אינ די יאָרנ 1905 — 1907.

די טאקטיק פונ די באָלשעוויקעס אינ די רעאקציע־יאָרנ.

די גרונט־אופגאבעס פונ דער פּארטיי אינעמ רעאקציע־פּעריאָד זײַנענ אויסגעדריקט געווענ אינ די באשלוסנ פונ די אלגעמיינרוסלענדישע פּארטיי־קאָנפערענצנ — די IV (נאָיאבער 1907 י.) אונ באזונדערס די V (דעקאבער 1908 י.), וואָס אפ איר האָט די מערהײַט געהערט צו די באָלשעוויקעס.

די V פּארטיי־קאָנפערענצ האָט אָנגענומענ די רעזאָליוציע, וואָס לעניג האָט צונויפגעשטעלט, „וועגנ דעמ איצטיקנ מאָמענט אונ וועגנ די פּארטיי־אופגאבעס". אינ זײַנע ארבעטנ פונ אָט דעמ פּעריאָד האָט לעניג געגעבנ אנ אויסשעפּנדיקע אָפּשאצונג פונ די אומשטאנדנ, וואָס זײַנענ אנטשטאנענ אינ לאנד נאָכ דער איבערקערעניש פונ דריטנ יונ, אונ האָט אָנגעמערקט די פּארטיי־אופגאבעס אינ די רעאקציע־באדינגונגענ. פריִער פאר אלצ האָט לעניג אונטערגעשטראָכנ, אז ד י ג ר ו נ ט ־ א ו פ ג א ב ע ס פ ו נ ד ע ר ר ע ו ו אָ ל י ו צ י ע א י נ ר ו ס ל א נ ד ז ײַ נ ע נ נ י ט ג ע ל י י ז ט ג ע ו ו אָ ר נ. די סיבעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ די רעוואָליוציע פונעמ 1905 יאָר, האָבנ נאָכ ווײַטער געווירקט, אונ א נײַע רעוואָליוציע האָט אומפארמײַדלעכ געהאלטנ אינ רײַפ

ווערן. אינ דערזעלבער צײַט זײַנען פארשארפט געוואָרן די ווידערשפרוכן צווישן די קאפיטאַליסטישע לענדער, עס זײַנען פארשטארקט געוואָרן די קלאסן־ווידערשפרוכן צווישן דעם פראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע אין מײַרעוו, עס איז געוואקסן די נאציאָנאל־באפרײַערישע באוועגונג אין מיזרעכ. דאָס אלץ האָט געמאכט די אינטערנאציאָנאלע סיטואציע פאר אלץ א מער רעוואָליוציאָנערער.

דער גרונט־צוועק אינעם קאמפ פונעם פראָלעטאריאט איז געבליבן דער פריערדיקער: אראָפּווארפן די זעלבסטהערשונג, זיכ דערשלאָגן צו א ניצאָכן פון דער בורזשואזדעמאָקראטישער רעוואָליוציע, קעדיי צו קעמפן פאר איר באלדיקן אריבערוואקסן אין א רעוואָליוציע א סאָציאליסטישער. דער פראָלעטאריאט האָט ווי פריער געדארפט פירן א קאמפ פאר דער אָנפירונג מיטן פויערטום, ניט דערלאָזן, אז די בורזשואזיע זאָל פירן נאָכ זיכ דאָס פויערטום. אינ די נײַע אומשטאנדן אָבער, אין דער רעאקציע־עפּאָכע, — האָט לענין אָנגעוויזן, — זײַנען נייטיק געווען אויכ נײַע קאמפ־מעטאָדן, א נײַע טאקטיק.

„אינעם פעריאָד פון די יאָרן 1907—1912, — האָט געשריבן כ׳ סטאלין, — האָט די פארטיי געמוזט אריבערגיין צו א טאקטיק פון אָפּטרעטונג, ווײַל מיר האָבן דעמלט געהאט אן אָפּגאנג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, אן אָפּפלוס פון דער רעוואָליוציע, און די טאקטיק האָט ניט געקענט ניט רעכענען זיכ מיטן דאָזיקן פאקט. אינ העסקעם מיט דעם האָבן זיכ געענדערט אויכ די קאמפ־פאָרמעס, ווי אויכ די אָרגאניזאציע־פאָרמעס. אָנשטאָט בויקאָטירן די דומע — באטייליקן זיכ אין דער דומע; אָנשטאָט אָפענע אויסער־דומישע רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגען — דומישע ארויסטרעטונגען און א דומישע ארבעט; אָנשטאָט אלגעמיינע פּאָליטישע שטרײַקן — טיילווײַזע עקאָנאָמישע שטרײַקן אָדער פּאָשעט א שטילשטאנד. פארשטייט זיכ, אז די פארטיי האָט געמוזט אוועקגיין אין דעמדאָזיקן פעריאָד אין אונטערערד, און די מאסעווע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס זײַנען פארביטן געוואָרן אפ קולטור־אויפקלערערישע, קאָאָפּעראטיווע, סטראכירישע און אנדערע דעם געזעץ אונטערגעוואָרפענע אָרגאניזאציעס“ (סטאלין „פראגעס פון לעניניזם“, רוסיש, זײַטן 56—55).

די גרונט־אויפגאבע פון דער פארטיי אינ די דאָזיקע יאָרן איז באשטאנען אינעם אײַנהיטן דעם ארבעטער־קלאס פון א פולער צעגראָמירונג, אינעם אונטערהאלטן אין אים די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע און די גרייטקײַט צו א נײַעם קאמפ. צוליב דעם איז אין דער ערשטער ריי נייטיק געווען אויפצוהיטן א קאמפ־פייִקע אומלעגאלע פארטיייִשע אָרגאניזאציע, זי צו פארשטארקן, זי צוצוגרייטן צו א נײַעם אָנגריף.

לענין פלעגט אָנווײַזן, אז די פארטיי דארפ מיט אלע קויכעס אויפהייבן די פּאָליטישע אקטיווקײַט און באוווסטזיניקײַט פונעם פראָלעטאריאט, קלאָר מאכן פאר די ארבעטנדיקע מאסן דעם זינען און דעם באטײַט פון דער פּאָליטיק פונעם צאריזם: דעמאסקירן סטאָליפּינס אגראר־פּאָליטיק, די אימפּעריאליסטישע אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג, קעמפן קעגן דער פּאָליטיק פון אונטערדריקן די נאציאָנאליטעטן.

די גאנצע ארבעט פון דער פארטיי האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט אונטער די גרונטלעכע באָלשעוויסטישע לאָזונגען: „דעמאָקראטישע רעפּובליק“, „8־שאָיִקער ארבעט־טאָג“, „קאָנפיסקאציע פון דער גאנצער פריצישער ערד“. דאָס זײַנען געווען לאָזונגען, וואָס האָבן גערופן די מאסן צום אראָפּווארפן די זעלבסטהערשונג, צום ליקווידירן דעם פריצישן ערדבאזיץ, צו א רעוואָליוציע. די מענשעוויקעס פלעגן מיט פארביסנקײַט אָנפאלן אפ די דאָזיקע באָלשעוויסטישע לאָזונגען, זיי דערקלערן פאר אוטאָפּישע, ניט־צודערצײַטיקע; אָבער ניט געקוקט אפ דער מענשעוויסטישער אגיטאציע, האָבן זיכ אלץ גרעסערע מאסן באוווסטזיניקע ארבעטער גענומען פארייניקן ארום דער רעוואָליוציאָנערער פאָן פון די באָלשעוויקעס.

א ביז גאָר וויכטיקן באטײַט האָט לענין צוגעגעבן דעם אויסנוצן פאר דער רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע אלערליי מינים

לעגאלע, ד. ה. דורכנ געזעצ דערלויבטע אָפנ ווירקנדיקע אָרגאַ־ניזאַציעס. אזוינע לעגאלע אָרגאַניזאַציעס זײַנענ געווענ: די מעלוכע־דומע, די פּראָפֿאַריינענ, די קאָאָפּעראַציע, די קולטור־אופקלערערישע געזעלשאפטנ, די קראנקנ־קאסעס, די צוזאמענפאָרנ פונ געזעלשאפטלעכע אָרגאַניזאַציעס א. אז. וו. די באָלשעוויקעס האָבנ געהאלטנ פאר זייער כויוו צו ארבעטנ אומעטום, ווו עס איז פאראנ אנ ארבעטער־מאסע, ניט אָפּזאָגנדיק זיכ פונ די סאמע שווערע ארבעט־באַדינגונגענ. בלויז אפ אזא אויפנ האָט די פּארטיי געקענט געווינענ די מערהײַט פונעם ארבעטער־קלאס. דערבײַ האָט לענינ באזונדערס אקשאָנעסדיק געקעמפט פאר דעמ, אז די גאנצע ארבעט פונ די פּארטיי־מיטגלידער אינ די לעגאלע אָרגאַניזאַציעס זאָל זײַנ שטרענג אונטערגע־וואָרפנ דער אָנפירונג און דעמ קאָנטראָל פונ דער אומלעגאלער פּארטיי.

דער ארעסט פונ וואָראָשילאָוונ אפנ לוגאנסקער זאווֹאָד (פונעמ בילד פונעם קינסטלער וולאדימירסקי).

ארבעטנ איז די באָלשעוויקעס אויסגעקומענ אינ אומגעהייער שווערע באַדינגענ. די זעלבסטהערשונג האָט זיכ מיט א באזונדער קראפט ארופגעוואָרפנ אפ די באָלשע־וויסטישע אָרגאַניזאַציעס, שטרעבנדיק אינגאנצנ זיי צו צעגראָמירנ. די צארישע אָכראנקע האָט פאנאנדערגעוויקלט א נעצ פונ אירע אגענטנ — פּראָוואָקאטערס, וואָס פלעגנ ארײַנדרינגענ אינ די פּארטיי־אָרגאַניזאַציעס, אויסשפּירנ די אקטיווסטע פּארטיי־טוערס אונ, אזויארום, פארלײַכטערנ דער אָכראנקע צו צעגראָמירנ דידאָזיקע אָרגאַני־זאציעס. דער פּראָוואָקאטער מאלינאָווסקי האָט ארויסגעגעבנ דער אָכראנקע די כ״כ סטאלינ, סווערדלאָוו א. אנד., וואָס האָבנ געארבעט אינ פּעטערבורג אינ אונטערערד.

אדאנק דעמ פּראָוואָקאטער ראָמאנאָוו איז דער אָכראנקע ניט איינמאָל געלונגענ צו רויִנירנ די ארבעט פונ די מאָסקווער באָלשעוויקעס.

דאָכ, ניט געקוקט אפ אלע רעדיפעס אונ ארעסטנ, האָט די פּאָליציי פּאָרט ניט געקענט פארניכטנ די באָלשעוויסטישע פּארטיי. די אפ דער פרײַהײַט איבערגעבליבענע באָלשעוויקעס פלעגנ אפסנײַ אופשטעלנ די אונטערערדישע קאָמיטעטנ, זיכ פארבינדנ מיט די אונטערנעמונגענ, פאנאנדערוויקלענ א פּארטייִשע ארבעט.

די פּאַרטיי־קאָמיטעטנ אַפ די אונטערנעמונגענ (די קעמערלעכ) אונ די פראַקציעס אינ די פּראָפאַרייִנענ, קאָאָפּעראַטיווג אונ אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זײַנענ געווענ די אָנשפּאַר־פּונקטנ, וואָס דורכ זיי פלעגט די פּאַרטיי דורכפירנ די גאַנצע אַרבעט אינ די מאַסנ אונ אָנפירנ מיט אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די קראַפט פונ דער פּאַרטיי איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס זי פלעגט קאָנצענטרירנ די גאַנצע אַרבעט אַפ די אונטערנעמונגענ, קעמפנדיק פאַרנ פאַרוואַנדלענ יעדע פאַבריק אונ יעדנ זאַוואָד אינ אַ פעסטונג פונעמ באָלשעוויזמ.

צונויפפאָרנדיק די לעגאַלע מיט דער אומלעגאַלער אַרבעט, האָט די פּאַרטיי אונטער לענינס אָנפירונג באַוויזנ צו־דער־צײַט איבערצובויענ אירע אָרגאַניזאַציעס, צוגעפּאַסט צו די נײַע רעאַקציע־באַדינגענ. איבער דעמ פּאָליצייִשנ טעראָר איז היפּש פאַרקלענערט געוואָרנ דאָס אויסווייִלנ, וואָס פלעגט ברייט אָנגעווענדט ווערנ אינעמ פעריאָד פונעמ 1905 יאָר. אָנשטאָט די אַרעסטירטע אָנפירערס פלעגט די פּאַרטיי אַרויסרוקנ נײַע מענטשנ, וואָס פלעגנ אויסוואַקסנ אינ דער אַרבעט אונ וואָס האָבנ געהאַט אַנ אויטאָריטעט בײַ די מאַסנ. אינ די דאָזיקע יאָרנ האָט די פּאַרטיי אַרויסגערוקט אַ נײַעמ קאַדר אָנפירער, פּראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס זײַנענ אַרויסגעגאַנגענ פונ דער אַרבעטער־סוויווע אונ זײַנענ געווענ פעסט מיט איר צונויפגעבונדנ. אַנ אויסשליסלעכ־העלער מוסטער פונעמ קאַמפּ פונ די באָלשעוויקעס, פונ די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ, אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד, איז די אַרבעט פונ כ׳ סטאַלינ.

יאַ. מ. סווערדלאָוו.

קומענדיק צוריק פונעמ V לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, האָט דער כ׳ סטאַלינ געפירט אינ באַקו זייער אַנ ענערגישנ קאַמפּ פאַרנ צונויפשליסנ די באַקוער אָרגאַניזאַציע אַרומ די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ. אונטער זײַנ אָנפירונג איז די באַקוער אָרגאַניזאַציע, וואָס פריִער האָבנ אינ איר געהאַט אַ היפּשע ווירקונג די מענשעוויקעס, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ פעסטונג פונעמ באָלשעוויזמ. אינ מאַרט 1908 יאָר איז כ׳ סטאַלינ אַרעסטירט אונ אַרויסגעשיקט געוואָרנ קיינ סאָלווישעגאָדסק (וואָלאָגדער גובערניע). אינ עטלעכע כאָדאָשימ אַרומ איז ער אַנטלאָפנ פונ דער פאַרשיקונג אונ האָט זיכ אומגעקערט אַפ אונטערערדישער אַרבעט אינ באַקו, ווו ער האָט געפירט אַנ אַקטיוונ קאַמפּ פאַר דער לעניניסטישער ליניע ביזנ יאָר 1910, ווענ ער איז ווידעראַמאָל אַרעסטירט אונ פאַרשיקט געוואָרנ. אינ יאָר 1911 איז כ׳ סטאַלינ איבערסנײַ אַנטלאָפנ קיינ פּיטער, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פונ דער פּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע לויטנ אויפטראָג פונעמ צ״ק. אינגיכנ אָבער ווערט ער ווידער אַרעסטירט אונ פאַרשיקט קיינ וואָלאָגדע. סאָפ 1911 יאָר אַנטלויפט כ׳ סטאַלינ נאָכאַמאָל פונ דער פאַרשיקונג קיינ פּעטערבורג.

אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אַלס פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער־באָלשעוויק האָט געפירט אינ יענעמ פעריאָד אויכ יאַ. מ. סווערדלאָוו. אָפּזיצנדיק אינ פעסטונג פונעמ 1906 ביזנ 1909 יאָר, האָט כ׳ סווערדלאָוו טאַקע באַלד נאָכנ אַרויסגייִנ אַפ דער פרײַהייט (אינ האַרבסט 1909 יאָר) פאַנאַנדערגעוויקלט אַנ אומדערמידלעכע אונטערערדישע אַרבעט אינ מאָסקווע. אינ דעקאַבער 1909 יאָר איז ער אַרעסטירט אונ אַרויסגעשיקט געוואָרנ אינ נאַרימער קאַנט. אינ עטלעכע כאָדאָשימ אַרומ איז דער כ׳ סווערדלאָוו שוינ אַנטלאָפנ פונ דאָרטנ אונ איז ווידער אַרײַנ אינ דער אונטערערדישער אַרבעט אינ פּעטערבורג. אינ נאָיאַבער 1910 י. איז כ׳ סווערדלאָוו נאָכאַמאָל

ארעסטירט געוואָרנ און איז אינ מײַ 1911 י. ארויסגעשיקט געוואָרנ צוריק אינ נארימער קאנט. זעקס מאָל האָט כ׳ סווערדלאָוו געפרווט אנטלויפנ, און אלעמאָל פלעגט מענ אים ווידער כאפנ, ביז, ענדלעכ, צום זיבעטנ מאָל איז אים געלונגענ צו אנטלויפנ. אינ הארבסט 1912 יאָר איז ער געקומענ קיינ פעטערבורג, ווו ער האָט אָפּגעארבעט ביז פעווראל 1913. זײַענדיק דאָסמאָל ארעסטירט, איז ער פארשיקט געוואָרנ אינ טורוכאנער קאנט, ווו ער איז פארבליבנ שוינ ביז דער פעוורא־רעוואָליוציע פונ יאָר 1917.

א העראָישנ קאמפ פונ פראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ האָבנ אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד געפירט, שטענדיק ריזיקירנדיק מיטנ לעבנ, די כ׳כ וואָראָשילאָוו, קאלינינ, אָרדזשאָניקידזע, פיאטניצקי און אסאכ אנדערע באָלשעוויקעס. דאָס זײַנענ געווענ די בעסטע פאָרשטייערס פונ יענעם קאדר פראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ־אונטערערדטוער, וואָס האָבנ מיט זייער העלדישקײַט און אומבאגרענעצטער איבערגעגעבנקײַט צום באָלשעוויזם באוואָרנט אונטער לעניגס אָנפירונג די אופהיטונג און פארפעסטיקונג פונ דער פארטיי אינ די שווערע רעאקציע־יאָרנ.

מיט דער גאנצער פארטיי־ארבעט האָט דירעקט אָנגעפירט לענינ, וואָס האָט אינ יענער צײַט געווינט אינ אויסלאנד (אינ 1908 י.— אינ דער שווייצ, און פונעם יאָר 1910 — אינ פאריזש). די אומלעגאלע צײַטונג „פראָלעטארי״, וואָס לענינ האָט ארויסגעגעבנ, האָט געהאט אנ אומגעהייער וויכטיקנ באטײַט פאר די פארטיי־אָרגאניזאציעס. דורכ איר פלעגט די פארטיי דורכפירנ די באָלשעוויסטישע אָנשווייזונגענ, פירנ די פראָפאגאנדע פונעם רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ, דעמאסקירנ די אָפּאָרטוניסטנ, העלפנ דער ארבעט פונ די אָרטיקע אָרגאניזאציעס. לענינ האָט פונ אויסלאנד אָנגעפירט מיט דער ארבעט פונ די באָלשעוויסטישע אגענטנ, פלעגט זיכ פארבינדנ מיט די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ רוסלאנד, פלעגט זיי געבנ אָנווײַזונגענ, אָרגאניזירנ דאָס אריבערשיקנ קיינ רוסלאנד אומלעגאלע ליטעראטור א. אז. וו.

זומער 1911 יאָר איז לעבנ פאריזש (אינעם דאָרפ לאָנזשיומאָ) אָרגאניזירט געוואָרנ אונטער לענינס אָנפירונג א פארטיי־שול, וואָס אינ איר האָבנ געלערנט ביז 20 פארטיי־טוערס, צוגעשיקטע פונ רוסלאנד. צווישנ די שילערס זײַנענ געווענ די כ׳כ סערגאָ אָרדזשאָניקידזע, סעמיאָנ שווארצ, זעווינ (איינער פונ די 26 באקוער קאָמיסארנ, וואָס די ענגלישע אינטערווענטנ און די ווײַסגווארדייער האָבנ צעשאָסנ אינ 1918 יאָר), פרוכניאק (איצט א מיטגליד פונ אויספירקאָמ פונעם קאָמינטערנ) א. אנד. דידאָזיקע פארטייִשע שול האָט ארויסגעלאָזט א גאנצע רײ הייס איבערגעגעבענע דער פארטיי טוערס.

בלויז אדאנק לענינס פעסטער אָנפירונג און דער זעלבסטאָפּפערדיקער ארבעט פונעם גרונט־קאדר באָלשעוויקעס — פראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ, בלויז אדאנק דעמ זײַנענ די פארטיי־אָרגאניזאציעס, ווענ אפילע אָפּגעשוואכטע, זיכ ניט צעפאלנ, האָבנ זיכ ניט געלאָזט צעגראָמירנ, צוריק אופשטעלנדיק די ארבעט נאָכ די פילמאָליקע דורכפאלנ.

אזוי, אשטייגער, פלעגנ בלויז אפנ אוראל אינ 1908 יאָר ארויסגעגעבנ ווערנ 8 אונטערערדישע פארטיי־צײַטונגענ, עס פלעגנ ארבעטנ 11 אונטערערדישע דרוקערײַענ. אינ מאָסקווע האָבנ געארבעט ניט ווייניקער ווי 120 קעמערלעכ, עס איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א צײַטונג, עס פלעגנ ארבעטנ קרײַזלעכ, געלייענט ווערנ לעקציעס. דאָסזעלביקע איז געווענ אינ פעטערבורג, איוואנאָווא־וואָזנעסענסק, אינ מאָסקווער געגנט און אינ אנדערע פראָלעטארישע ראיאָנענ פונ לאנד.

אנ אקטיווע רעוואָליוציאָנערע ארבעט האָבנ די באָלשעוויקעס פאנאנדערגעוויקלט אינ די פראָפפארייִנענ. זיי פלעגנ אָרגאניזירנ דעמ ווידערשטאנד פונ די ארבעטער קעגנ דעמ אָנגריפ פונעם קאפיטאל, פלעגנ ענערגיש פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ די ארבעטער. אפ די טאָגטעגלעכע פראגעס פונעם ארבעטער־לעבנ פלעגנ זיי איבערצײַגנ די ארבעטער אינ דער נייטיקײַט ארויפצוווארפנ די זעלבסטהערשונג. אפ פארשיידענע געזעלשאפטלעכע צוזאמענפאָרנ (ווענג קאמפ קעגנ שיקרעס, אפנ קאָאָפּעראטיווג צוזאמענפאָר, אפנ פרויענ־צוזאמענפאָר, אפנ צוזאמענפאָר פונ די פאבריק־זאוואָדישע

דאָקטוירים א. אנד.) פלעגנ די באָלשעוויקעס צונויפשליסנ ארומ זיכ די ארבעטער־דעלעגאטנ. זיכ פאנאנדערפאָרנדיק פונ דידאָזיקע צוזאמענפאָרנ, פלעגנ די דעלעגאטנ צעטראָגנ איבערנ גאנצנ לאנד דאָס באָלשעוויסטישע וואָרט. די באָלשעוויקעס פלעגנ אויסנוצנ פאר דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט די קלובנ, קורסנ פאר אלגעמיינער בילדונג, קאָאָפעראטיווג, קראנקנ־קאסעס א. אז. וו.

באגלײַכ מיט דעמ האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אנ אײַנגעשפארטנ קאמפ פארנ אריבערציִענ דאָס פויערטומ אפ דער זײַט פונעמ פראָלעטאריאט. אינ דער דומע אונ אויסער איר פלעגט די פארטיי אויפדעקנ פאר די פויערימ דעמ לײַבייגנטימערישנ כאראקטער פונ דער פאָליטיק פונ דער זעלבסטהערשונג. די פארטיי פלעגט דערקלערנ, אז די אָנערדיקײַט אונ די רעכטלאָזיקײַט פונעמ פויערטומ, די העפקיירעס אונ די גוואלדטאטנ איבער זיי קענענ ניט פארניכט ווערנ אָנעמ ארָאפוואַרפנ דעמ צאַריזמ. די באָלשעוויקעס פלעגנ טאָג־אײַנ, טאָג־אויס דעמאסקירנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פאָליטיק פונ די קאדעטנ, דערווײַזנדיק די מאסנ, אז בלויז דער פראָלעטאריאט אונ זײַנ פארטיי קעמפנ אנטשלאָסנ קעגנ דעמ לײַבייגנטומ.

ניט קיינ קלענערנ באטײַט האָט געהאט דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס קעגנ דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג, וואָס די זעלבסטהערשונג פלעגט דורכפירנ. מיט זייערע דרייסטע ארויסטרעטונגענ אינ דער דומע אונ אויסער איר פלעגנ די באָלשעוויקעס וועקנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ בא די ארבעטנדיקע מאסנ פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ. די פארטיי פלעגט טאָג־אײַנ, טאָג־אויס דעמאסקירנ די ליבעראלנ, וואָס האָבנ געשטיצט די פאָליטיק פונ דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג. די באָלשעוויקעס פלעגנ דערווײַזנ די מאסנ, אז בלויז דער פראָלעטאריאט אונ זײַנ פארטיי קעמפנ קאָנסעקווענט קעגנ דעמ נאציאָנאלנ דרוק.

די רעוואָליוציאָנערע ארבעט פונ די באָלשעוויקעס פלעגט אויפהייבנ אלע רעוואָליוציאָנערע אונ דעמאָקראטישע עלעמענטנ אינ לאנד, פלעגט זיי מיטרײַסנ אפנ וועג פונ א מער אנטשלאָסענעמ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, פלעגט זיי העלפנ צו באַפרײַענ זיכ פונ וואקלעניש אונ האלבקײַטנ.

דער קאמפ פונ דער פארטיי אפ צוויי פראָנטנ אינ דער ארבעטער־באוועגונג.

דורכפירנדיק זייער ליניע, האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אינ די רעאקציע־יאָרנ א פאראקשנטנ קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אינ דער ארבעטער־באוועגונג אונ אינ דער פארטיי. די רעאקציע האָט ארויסגערופנ אנ אידייִשע צעפּאָרנקייט אינ די רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס. די אינטעליגענצ, וואָס איז אינ די רעוואָליוציע־יאָרנ געהאט צוגעשטאנענ צו דער ארבעטער־באוועגונג, איז מיטנ אָנקומענ פונ דער רעאקציע פאכדאָניש אנטלאָפנ פונ די רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס. איינ טייל אירער איז אָפּנ אריבער אפ דער זײַט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, דער צווייטער טייל האָט זיכ דערווײַטערט פונעמ פאָליטישנ לעבנ אונ זיכ פארוואנדלט אינ באלעבעסלעכ־פיליסטערס.

די קליינבירגערלעכע פארטייענ פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער רעוואָליוציע. די מענשעוויקעס (מארטאָוו, מארטינאָוו, אקסעלראָד, דאנ, פאָטרעסאָוו א. אנד.) פלעגנ דערקלערנ, אז די בורזשואזע רעוואָליוציע איז פארענדיקט אונ אז די ווײַטערדיקע ענדערונג פונ דער פאָליטישער אָרדענונג אינ רוסלאנד וועט גיינ אפ א קאָנסטיטוציאָנעלנ וועג, אפנ וועג פונ פארלאמענטארישע רעפאָרמעס. דער פראָלעטאריאט דארפ, לויט זייערע דערקלערונגענ, זיכ אָפּזאָגנ פונ די האָפענונגלאָזע פרווונ פונ א נײַער רעוואָליוציע. אלע זײַנע קרעפטנ דארפ ער ווענדנ אפ צו פארבעסערנ ביסלעכווײַז זײַנ עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע לאגע אינ די ראמענ פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אפ אויסצוקעמפנ וואלרעכט, רעכט אפ פארזאמלונגענ, פארייניגנ, שטרײַקנ א. אז. וו.

די מענשעוויקעס האָבנ געהאלטנ, אז אינ רוסלאנד, וואָס איז ארופגעטראָטנ אפנ קאָנסטיטוציע־וועג, איז נייטיק ניט קיינ קעמפערישע רעוואָליוציאָנערע פארטיי, נאָר א פרידלעכע פארלאמענטארישע ארבעטער־פארטיי, אזוינע, ווי די איבעריקע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטייענ פונעמ צווייטנ אינטערנאציאָנאל. זיי האָבנ גענומענ פירנ אנ אָפענעמ קאמפ פאר דעמ, אז מע זאָל ליקווידירנ די אומלעגאלע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטיי, האלטנדיק, אז אפ איר אָרט דארפ געשאפנ ווערנ א נייַע, אָפענע פארטיי, וואָס זאָל פירנ אויסשליסלעכ א לעגאלנ קאמפ אינ יענע ראמענ, וואָס עס דערלאָזט דער סטאָליפינישער רעזשימ. זייַענדיק פאָרמעל נאָכ אלצ א טייל פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס, פלעגנ די מענשעוויקעס פונ אינעווייניק פאנאנדערלייגנ די ארבעט פונ דער רסדא"פ, פלעגנ קעמפנ קעגנ אירע באשלוסנ, פלעגנ דערווייַזנ די ארבעטער די נייטיקייַט צו ליקווידירנ די פארטיי. פונדאנענ שטאמט זייער נאָמענ ליקווידאטערס. די ליקווידאטערס פלעגנ אָנרופנ די פארטיי „טויטער קערפער", פלעגנ פארזיכערנ די ארבעטער, אז די פארטיי איז „געשטאָרבנ", אונ פלעגנ דערקלערנ פאר שעדלעכ יעטווידנ פרווו אופצוהיטנ אונ צו פארשטארקנ די אומלעגאלע פארטיי. זיי האָבנ געשטרעבט צו פארבייַטנ די שטרענג־אויסגעהאלטענע, מארקסיסטישע פארטיי אפ א צעשוווּמענער אונ אָפּאָרטוניסטישער, „ברייטער" אונ „אָפענער" ארבעטער־פארטיי אָדער אפ דעמ „בארימטנ" „ארבעטער־צוזאמענפאָר". די ליקווידאטערס פלעגנ זיכ אָפנ אָפּזאָגנ פונ די גרונט־טעזיסנ פונ דער טעאָריע פונעמ מארקסיזמ, האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער אלטער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פראָגראמ. די מענשעוויקעס האָבנ מיטנ מויל פונ איינעמ זייערנ א לידער נוי זשאָרדאניא (נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע — אנ אקטיווער ווייַסגווארדייער) דערקלערט, אז דער פראָלעטאריאט דארפ זיכ אָפּזאָגנ פונ צו פאָדערנ א דעמאָקראטישע רעפובליק, ווייַל אזא פאָדערונג שרעקט אָפּ די בורזשואזיע. לויט זייער מיינונג, דארפ דער פראָלעטאריאט זיכ אָפּזאָגנ פונעמ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע אונ קעמפנ צוזאמענ מיט איר פאר א „מעסיקער קאָנסטיטוציע". די ליקווידאטערס (אשטייגער, דערזעלבער זשאָרדאניא) פלעגנ רופנ אָפּצוזאָגנ זיכ פונעמ לאָזונג וועגנ אנ 8־שאָיִקנ ארבעט־טאָג.

די גאנצע טאקטיק פונ די ליקווידאטערס איז געווענ געווענדט אפ אויסצובעטנ בא דער זעלבסטהערשונג קליינע נעדאָווּעס פאר די ארבעטער. זיי פלעגנ מיט אלע מעגלעכקייַטנ אָפּהאלטנ די ארבעטער פונ שטרייַקנ, פלעגנ אייַנגעשפּארט זיי אָפּציִענ פונעמ פאָליטישנ קאמפ.

אזויארומ איז דער מענשעוויזמ אריבערגעוואקסנ אינ די רעאקציע־יאָרנ אינ ליקווידאטאָרייַ, האָט זיכ אינגאנצנ אָפּגעזאָגט אי פונ דער רעוואָליוציע, אי פונעמ מארקסיזמ, אי פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פארטיי.

דער מענשעוויזמ האָט, לויט לענינס אויסדרוק, זיכ פארוואנדלט אינ די רעאקציע־יאָרנ אינ א סטאָליפינישער ארבעטער־פארטיי.

אינ טאָכ גענומענ, האָט דיזעלבע ליקווידאטערישע פאָזיציע פארנומענ אינ די רעאקציע־יאָרנ אויכ טראָצקי. אינ אלע גרונטיקע פראגעס פלעגט ער נאָכגיינ נאָכ די ליקווידאטערס, פלעגט זיי אונטערהאלטנ אונ פארטיידיקנ. צודעקנדיק זייַנע אָנשויונגענ מיט „רעוואָליוציאָנערע" פראזעס, האָט טראָצקי אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד זיכ אינגאנצנ אָפּגעזאָגט, פונקט ווי די ליקווידאטערס, פונעמ קאמפ פאר א רעוואָליוציע. די גרונט־אופגאבע פונעמ ארבעטער־קלאס האָט ער דערפירט צומ פאָדערנ טיילווייַזע רעפאָרמעס (פרייַהייַט פונ פארייניגנ א. אנד.), אָנעמ אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג. דערקלערנדיק, אז ער געהערט ניט צו די באָלשעוויקעס, ניט צו די מענשעוויקעס, האָט טראָצקי אונטערנ אויסרייד, אז ער וויל פאראייניקנ אלע פראקציעס, זיכ שטארק געסטארעט צו פארניכטנ דעמ באָלשעוויזמ, ווי א זעלבשטענדיקע פארטיי, האָט זיכ געסטארעט אונטערצוווארפנ די באָלשעוויקעס אונטער די ליקווידאטערס. טראָצקי איז געווענ א טיפּישער צענטריסט אינ דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער באוועגונג אינ רוסלאנד. צענטריזמ האָט זיכ גערופנ די שטרעמונג אינ דעמ אינטערנאציאָנאל, וואָס פלעגט זיכ מיטנ מויל פאנאנדערגיינ מיט די אָפענע

אָפּאָרטוניסטנ און אינ דערזעלבער צײַט פלעגט זי פאַקטיש אינ אַלע גרונט־פראַגעס זיי שטיצנ. די צענטריסטנ פלעגנ צוויִעסדיק טײַנענ, אז מע דאַרפ אומבאַדינגט „שאָלעמ מאַכנ" צווישנ אַלע שטראָמונגענ אינ דער פּאַרטיי. אינ דער פּראַקטיק אָבער פלעגנ זיי העלפנ די אָפּאָרטוניסטנ אָפּנאַרנ די אַרבעטער. אינעמ קאַמפ, וואָס די „לינקע" רעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ האָבנ געפירט קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, פלעגנ די צענטריסטנ שטיצנ די אָפּאָרטוניסטנ. זיכ צודעקנדיק מיט „לינקע" פראַזעס, פלעגנ די צענטריסטנ שטרעבנ צו דערשטיקנ דעמ לינקנ רעוואָלוציאָנערנ פליגל, אונטערצוּוואַרפנ אימ אונטער די אָפענע אָפּאָרטוניסטנ. אַזאַ איז געווענ אינ יענעמ פעריאָד קאַוטסקיס פּאָזיציע אינ דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און דיזעלבע ליניע האָט געפירט טראָצקי אינ רוסלאַנד.

לענינ האָט מיט דער גרעסטער ענערגיע געפירט א קאַמפ קעגנ טראָצקינ.

„טראָצקי און די צו אימ ענלעכע „טראָצקיסטנ און פשאָרעמאַכערס",—האָט לענינ געשריבנ,—זײַנענ שעדלעכער פונ יעטווידנ ליקווידאַטער, ווײַל די איבערצײַגטע ליקווידאַטערס זאָגנ אָפּנ ארויס זייערע אָנשויונגענ און די אַרבעטער איז לײַכט זיכ פאַנאַנדערצוקלײַבנ אינ זייער פעלערהאַפטיקײַט; די הערנ טראָצקיס אָבער נאַרנ אָפּ די אַרבעטער, זיי פאַרדעקנ דאָס בייז, מאַכנ פאַר אומעגלעכ דאָס אויפדעקנ און אויסהיילנ זיכ פונ דעמ. יעדערער, וואָס שטיצט טראָצקיס גרופּקע, שטיצט די פּאָליטיק פונ ליגנס און פונ אָפּנאַרנ די אַרבעטער, שטיצט די פּאָליטיק פונ פאַרדעקנ די ליקווידאַטאָרײַ" (לענינ. ב. XV, זײַטל 218).

דער קאַמפ קעגנ דער ליקווידאַטאָרײַ און קעגנ טראָצקיס צענטריזמ איז געווענ די וויכטיקסטע אויפגאַבע פונ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. בלויז ענדגילטיק צעגראָמירנדיק די דאָזיקע אַגענטנ פונ דער בורזשואַזיע אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבנ די באָלשעוויקעס געקענט מאָביליזירנ דעמ פּראָלעטאַריאַט צומ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ קעגנ דעמ צאַריזמ און קעגנ דער בורזשואַזיע.

באַגלײַכ מיטנ קאַמפ קעגנ דער ליקווידאַטאָרײַ, ווי די א י ק ע ר ד י ק ע רעכטע געפאַר אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אַנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאַמפ אויכ קעגנ די „לינקע" אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

א טייל צו דער רעוואָלוציע צוגעשטאַנענע קלייַנבירגערלעכע עלעמענטנ, און אויכ אייניקע אַמווייניקסטנ שטאַנדהאַפטיקע און אַמווייניקסטנ באַוווסטזיניקע אַרבעטער (דערהויפּט פונ צווישנ די עסערנ און אַנאַרכיסטנ), ניט גלייבנדיק אינ א נײַעמ רעוואָלוציאָנערנ אויפשטײַג פונ די מאַסנ, האָבנ געווענדט אַלע זייערע קרעפטנ אָפּנ אָרגאַניזירנ א טעראָר (דערהאַרגענענ איינצלנע זשאַנדאַרמענ, באַאַמטע) און עקספּראָפּריאַציעס (באַוואָפנט פאַרכאַפּנ קאַזיאָנע געלטער אינ די קאַזנאַטשייסטוועס א. אַז. וו.). זייער אומגלויבנ אינ א נײַעמ אויפשטײַג פונ די מאַסנ פלעגנ זיי צודעקנ מיט שרײַענדיקע פראַזעס, אז בא דער סטאָליפּינשטשינע איז קלומערשט אומעגלעכ א רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אינ די מאַסעווע אָרגאַניזאַציעס, אז זיי וועלנ „איינס אָפּ איינס" ווײַטער פירנ דעמ קאַמפ מיט דער זעלבסטהערשונג, אז זיי וועלנ ניט גיינ אינ דער שוואַרצמייעדיקער דריטער דומע.

קעמפנדיק קעגנ אָט די דאָזיקע „לינקע" פראַזעס, פלעגט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס דערקלערנ, אז זיי פאַרדעקנ בלויז די אָנמאַכט, זיי פּרוּוונ זיכ באַרעכטיקנ דאָס אָפּזאָגנ זיכ פונ שווערער, אײַנגעשפּאַרטער, ערנסטער אַרבעט אָפּ צו דערציִענ און אָרגאַניזירנ די מאַסנ.

די דאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע שטראָמונגענ — די ליקווידאַטאָרײַ פונ רעכטס, דער אָפּאָרטוניזמ פונ „ליִקס" און טראָצקיס צענטריזמ — האָבנ אָפּגעשפּיגלט די שטימונגענ פונ די קלייַנבירגערלעכע עלעמענטנ, וואָס האָבנ געשטרעבט אונטערצוּוואַרפנ די אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער בורזשואַזער ווירקונג. די באָלשעוויקעס האָבנ צו דער צײַט דעמאַסקירט פאַר די אַרבעטער זייער קלייַנבירגערלעכנ אַנטירעוואָלי־

ציאָנערנ טאָג. די ווירקונג פונ דידאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגענ אינ דער אַרבעטער־מאַסע איז געווענ אומבאַדײַטנדיק.

די בעסטע עלעמענטנ צווישנ די מענשעוויקעס, דערהויפּט די מענשעוויקעס־אַרבעטער, זײַנענ ניט נאָכגעגאַנגענ נאָכ זייערע פירערס, ווענ יענע האָבנ ענדגילטיק פאַרקערעוועט צו דער ליקווידאַטאָרײַ. דידאָזיקע מענשעוויקעס־אַרבעטער האָבנ געבילדעט א באַזונדערע גרופּע „מענשעוויקעס־פּאַרטייער" מיט פּלעכאַנאָוונ אינ שפּיצ. בלײַבנדיק אינ די גרונטיקע טאַקטיק־פראַגעס אפ מענשעוויסטישע פּאָזיציעס, פלעגנ די „מענשעוויקעס־פּאַרטייער" אַרויסטרעטנ קעגנ די ליקווידאַטאָרס, פאַרטיידיקנדיק די נייטיקײַט אָפּצוהיטנ די אומלעגאַלע פּאַרטיי. דערמיט גופא פלעגנ זיי העלפנ דעמאַסקירנ די ליקווידאַטאָרײַ אינ די אויגנ פונ די אַרבעטער־מענשעוויקעס. דעריבער האָט לענינ געהאַלטנ פאַר מעגלעכ צו שליסנ אפ א געוויסער צײַט א בלאָק מיט פּלעכאַנאָוונ, קעדיי געמײַנזאַמ צו קעמפנ קעגנ די ליקווידאַטאָרס. דערבײַ אָבער פלעגנ די באָלשעוויקעס אפ קיינ איינ רעגע ניט פאַרגעסנ, אַז פּלעכאַנאָוו און זײַנע אָנהענגער פאַרבלײַבנ דאָכ מענשעוויקעס; זיי פלעגנ ניט אופהערנ קריטיקירנ און אופדעקנ זייער אָפּאָרטוניזמ. „דאָס איז א בלאָק — און ניט קיינ צונויפגיסונג" — פלעגט כ' סטאַלינ אונטערשטרײַכנ אינ 1910 יאָר. דערדאָזיקער בלאָק האָט פאַרגרינגערט די באָלשעוויקעס צו געווינענ די מענשעוויקעס־אַרבעטער. די אַרבעטער־מענשעוויקעס אינ די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנענ פריִער נאָכגעגאַנגענ נאָכ פּלעכאַנאָוונ, פלעגנ אַלצ מער און מער אַריבערגיינ אפ דער זײַט פונ די באָלשעוויקעס, אויסלעבנדיק ביסלעכווײַז זייער מענשעוויזמ. פּלעכאַנאָוו אָבער, וואָס איז ווײַטער אויכ פאַרבליבנ א מענשעוויק, האָט ביסלעכווײַז אָנגעווירנ יעטווידע ווירקונג צווישנ די אַרבעטער און איז סאָפּקאָלסאָפּ געבליבנ, צוזאַמענ מיט א נישטיקער גרופּע נאָכפאָלגערס זײַנע, אינגאַנצנ אָפּגעריסנ פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאַמפּ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ אינ די רייענ פונ די באָלשעוויקעס.

די שווערע רעאַקציע־באַדינגונגענ האָבנ אויכ געווירקט אפ א קליינעמ ווייניקער שטאַנדהאַפטיקנ טייל באָלשעוויקעס. אינ צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלנ צו דער דריטער מעלוכע־דומע האָט א גרופּע באָלשעוויקעס (אינ שפּיצ מיט א. באָגדאַנאָוו, ל. קאַמעניעוו א. אנד.) געפאָדערט צו בויקאָטירנ די דומע, ד.ה. זיכ אָפּצוזאָגנ פונ די וואַלנ צו איר.

די ערשטע צײַט האָבנ דידאָזיקע בויקאָט־שטימונגענ פאַרכאַפּט א היפּשנ טייל פונ דער פּאַרטיי. לענינ, וואָס האָט פאַרטיידיקט די נייטיקײַט צו באַטייליקנ זיכ אינ דער דריטער דומע, איז צוערשט געבליבנ אינ דער מינדערהײַט; די מערהײַט באָלשעוויקעס איז סײַ אפ דער פּעטערבורגער קאָנפערענצ, סײַ אפ דער III אַלרוסלענדישער פּאַרטקאָנפערענצ אינ יול 1907, געשטאַנענ פאַרנ בויקאָט פונ דער דומע. אָבער אינ רעזולטאַט פונ אַנ ענערגישנ קאַמפּ און אַנ אײַנגעשפּאַרטנ דערקלערנ די שעדלעכקײַט פונעמ בויקאָט אינ דעמ געגעבענעמ עטאַפּ, איז לענינענ געלונגענ צו צעקלאַפּנ דידאָזיקע בויקאָטיסטישע שטימונגענ. די פּאַרטיי האָט זיכ באַטייליקט אינ די וואַלנ און האָט דורכגעפירט אינ דער דומע 15 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטנ (דערינ 5 באָלשעוויקעס).

דערקלערנדיק די נייטיקײַט צו באַטייליקנ זיכ אינ דער דריטער מעלוכע־דומע, האָט לענינ דערוויזנ, אַז דער לאָזונג וועגנ בויקאָטירנ די בוליגינישע דומע אינ יאָר 1905 איז געווענ א פולקומ ריכטיקער לאָזונג: דאָס לאַנד האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַנ אופשטײַג־פּעריאָד אינ דער רעוואָלוציע; דער בויקאָט־לאָזונג איז דעמאָלט געווענ א לאָזונג, וואָס האָט גערופנ די מאַסנ צומ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפּ, צו אויסערפּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּ־פאָרמעס — צו שטרײַקנ, דעמאָנסטראַציעס, צו א באַוואָפנטנ אופשטאַנד.

אינעם מאָמענט אָבער, ווענ עס איז צונויפגערופנ געוואָרנ די דריטע דומע, האָבנ זיכ די באדינגונגענ גרינטלעכ געענדערט. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג האָט איבערגעלעבט א צײַטווײַליקע יערידע. קיינ גלויבנ אינ דער דריטער דומע איז בא די מאסנ ניט געווענ, דעריבער האָט דער אָנטייל אינ איר ניט געקענט ארויסרופנ קיינ גרויס איליוזיעס. פונ דער אנדערער זײַט, זײַנענ די מעגלעכקײַטנ פאר אנ אָפענער פראָפאגאנדע אונ אגיטאציע אינ דערדאָזיקער צײַט געווענ זייער פארשמעלערט, אונ דעריבער, האָט לענינ דערוויזנ, איז די פארטיי מעכויעוו אויסצונוצנ די דומע־טריבונע.

די באָלשעוויקעס, האָט ער דערקלערט, זײַנענ קלאל ניט קיינ אָנהענגערס פונ בויקאָט בא אלע אומשטאנדנ. אינ א פעריאָד פונ א רעוואָליוציע־אופשטײַג קאָנענ זיי בויקאָטירנ דעם בורזשואזנ פארלאמענט, קעדיי צו ווענדנ די אופמערקזאמקײַט אונ די ענערגיע פונ די מאסנ אפנ וועג פונ אָפענעם רעוואָליוציאָנערנ קאמפ; אינ די באדינגונגענ אָבער פונ א צײַטווײַליקער יערידע פונ דער רעוואָליוציע, ווענ אפ דער ריי שטייט ניט קיינ אומיטלבארער באוואָפנטער אופשטאנד, קענ אונ דארפ די פארטיי פונעם פראָלעטאריאט אויסנוצנ דעם בורזשואזנ פארלאמענט באגלײַכ מיט אנדערע קאמפ־פאָרמעס.

באטײַליקנדיק זיכ אינ דער דריטער דומע, האָט די פארטיי אויסגענוצט אירע ארויסטרעטונגענ אינ דער דומע אפ צו פראָפאגאנדירנ די באָלשעוויסטישע אָנשויונגענ, צו געווינענ די מאסנ אפ איר זײַט.

נאָכ דעם, ווי די דומע האָט זיכ געעפנט, האָט א טייל געוועזענע בויקאָטיסטנ געפאָדערט, מע זאָל אָפרופנ פונ דער דומע די סאָציאַל־דעמאָקראטישע דעפוטאטנ. פונדאנענ נעמט זיכ דער נאָמענ פונ דערדאָזיקער גרופע „אָטזאָוויסטנ" (אָפרופערס). אינ שפיצ פונ דערדאָזיקער גרופע זײַנענ געווענ א. באָגדאנאָוו, ליאדאָוו, ג. אלעקסינסקי [1] א. אנד. זיי פלעגנ דערווײַזנ, אז אינ דער שווארצמייעדיקער דומע קענ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פראקציע ניט דורכפירנ קיינ קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערע ליניע. זיי האָבנ אָפגעלייקנט די נייטיקײַט פונ א צוריקטרעט־טאקטיק אינ די רעאקציע־באדינגונגענ. ניט געקוקט אפ דער יערידע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, האָבנ די אָטזאָוויסטנ אלצ פארטיידיקט די טאקטיק פונעם פריערדיקנ פעריאָד פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג: זיי האָבנ געהאלטנ, אז די גרונט־ארבעט פונ דער פארטיי דארפ באשטייענ אינ צוגרייטנ א באוואָפנטנ אופשטאנד, אינ שאפנ קאמפ־אָטריאדנ א. א. וו. אינ דערזעלבער צײַט פלעגנ די אָטזאָוויסטנ אנטשיידנ אָפווארפנ ביקלאל דאָס אויסנוצנ וועלכע ניט איז לעגאלע אָרגאניזאציעס. זיי פלעגנ דערווײַזנ, אז די באָלשעוויקעס דארפנ ניט גייענ אינ די פראָפאריינענ אונ אינ אנדערע לעגאלע ארבעטער־אָרגאניזאציעס, ווײַל איבער די רעפרעסיעס פונ דער פאָליציי זײַנענ די ארבעט־באדינגונגענ דאָרט אומגעהייער שווערע. דידאָזיקע פאָזיציע פונ די אָטזאָוויסטנ איז געווענ א טיפ־אָפאָרטוניסטישע. אויב די פארטיי וואָלט זיכ אָפגעזאָגט פונ דער שווערער ארבעט אינ דער מעלוכע־דומע, אינ די פראָפאריינענ אונ אינ אנדערע לעגאלע ארבעטער־אָרגאניזאציעס, וואָלט זי דערמיט גופע זייער פיל געהאָלפנ די ליקווידאטערס, געבנדיק זיי א מעגלעכקײַט אומגעשטערט צו דעמאָראליזירנ אינ דידאָזיקע אָרגאניזאציעס דעם באוווסטזײַנ פונ די ארבעטער. זי וואָלט פארלוירנ יעטווידע פארבינדונג מיט די מאסנ. די טאקטיק פונ די אָטזאָוויסטנ האָט אינ דער פראקטיק באטײַט דאָס פולשטענדיקע אָפזאָגנ זיכ פונ רעוואָליוציאָנערער ארבעט צווישנ די מאסנ, כאָטש זיי פלעגנ, אינ אונטערשייד פונ די ליקווידאטערס, צודעקנ דאָסדאָזיקע אָפזאָגנ זיכ מיט א „לינקער" פראזע. טאקע דערפאר פלעגט זיי לענינ אָנרופנ ליקווידאטערס אפ דער לינקער זײַט, אָדער „ליקווידאטערס פונ לינקס".

איינער פונ די מינים אָטזאָוויסטנ זײַנענ געווענ די אולטימאטיסטנ (לונאטשארסקי, שאנצער־מאראט א. אנד.). אינ גרונט פלעגנ די אולטימאטיסטנ איבער־

1) שפעטער איז ער געוואָרנ אנ אקטיווער קאָנטררעוואָליוציאָנער, א ווײַסגווארדייער.

כאַזערנ אַלע אַרגומענטנ פונ די אָטזאָוויסטנ. זייער אונטערשייד איז באַשטאַנענ אינ דעם, וואָס זיי פלעגנ פאָרלייגנ פריִער צו שטעלנ דער פראַקציע אַנ אולטימאַטום דורכצופירנ אינ דער דומע זייער ליניע, אונ אויב די פראַקציע וועט זיכ אָפּזאָגנ זיכ אונטערצוואַרפנ דעמדאָזיקנ אולטימאַטום — זאָל מענ זי אָפּרופנ פונ דער דומע. דידאָזיקע שטרעמונג האָט זיכ אינ עצעם מיט גאָרניש ניט אונטערשיידט פונ די אָטזאָוויסטנ, דעריבער פלעגט זיי לענינ אָנרופנ „שעמעוודיקע אָטזאָוויסטנ".

די פאַרטיי איז מיט דער פולער אַנטשלאָסנקייט אַרויסגעטראָטנ קעגנ די אָטזאָוויסטנ אונ אולטימאַטיסטנ.

די באָלשעוויקעס האָבנ ניט געקענט דולדנ אינ זייערע רייענ קיינ באַזונדערע אָפּאָרטוניסטישע אָטזאָוויסטישע פראַקציע, וואָס אינ די גרונט־פראַגעס פונ דער טאַקטיק איז זי זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ מיט דער לענינשער פאַרטיי־ליניע. די פאַרברייטערטע באַראַטונג פונ דער רעדאַקציע „פראָלעטאַרי" [1], וואָס איז פאָרגעקומענ אינ יונ 1909 יאָר, האָט אַנטשלאָסנ דערקלערט, אַז דער באָלשעוויזם האָט קיינ שום געמיינזאַמס ניט מיט דערדאָזיקער אָפּאָרטוניסטישער שטרעמונג אונ האָט דערקלערט, אַז די אָטזאָוויסטנ — באָגדאַנאָוו, קראַסינ, א. אַנד. שטייענ אויסער די באָלשעוויסטישע רייענ. פונ דאַנ אָנ האָט די פאַרטיי אַראָפּגענומענ פונ זיכ יעטווידע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וועלכע ניט איז פּאָליטישע אַרויסטרעטונגענ פונ דידאָזיקע געוועזענע באָלשעוויקעס.

אינ 1920 יאָר האָט לענינ געשריבנ, אַז די מאַפּאָלע, וואָס די רעוואָליוציע האָט געליטנ אינ די יאָרנ 1905—1907, האָט געגעבנ אונדזער פאַרטיי אונ דעם אַרבעטער־קלאַס זייער א נוצלעכע לעקציע.

„פונ אַלע צעקלאַפּטע אָפּאָזיציאָנעלע אונ רעוואָליוציאָנערע פאַרטייענ, — האָט לענינ געשריבנ, — זײַנענ די באָלשעוויקעס אָפּגעטראָטנ אינ דער גרעסטער אָרדענונג, מיטנ קלענסטנ שאָדנ פאַר זייער „אַרמיי", מיטנ גרעסטנ אופהיטנ איר קערנ, מיט די קלענסטע (לויט דער טיפ אונ לויט דער אומהיילבאַרקייט) שפּאַלטונגענ, מיט דער קלענסטער דעמאָראַליזאַציע, מיט דער גרעסטער פייִקייט צו באַנייִענ די אַרבעט אָפּנ ברייטסטנ, ריכטיקסטנ אונ ענערגישסטנ אופנ. אונ דערגרייכט האָבנ דאָס די באָלשעוויקעס בלויז דערמיט, וואָס זיי האָבנ אָנ ראַכמאָנעס דעמאַסקירט אונ אַרויסגעטריבנ די פראַזע־רעוואָליוציאָנערנ, וואָס האָבנ ניט געוואָלט פאַרשטיינ, אַז מע מוז צוריקטרעטנ, אַז מע דאַרפ קענענ צוריקטרעטנ, אַז מע מוז זיכ אומבאַדינגט אויסלערנענ לעגאַל אַרבעטנ אינ די סאַמע רעאַקציאָנערע פאַרלאַמענטנ, אינ די סאַמע רעאַקציאָנערע פראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראַטיווע, סטראַכירישע אונ נאָכ ענלעכע אָרגאַניזאַציעס" [2].

א טייל אָטזאָוויסטנ (א. באָגדאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי א. אַנד.) האָבנ, פאַרייניקנדיק זיכ מיט א גרופּע ליקווידאַטערס (וואַלענטינאָוו, יושקעוויטש א. אַנד.), אָנגעהויבנ פירנ א קאַמפ קעגנ די *יעסוידעס פונעם מאַרקסיזם*, ביפראַט קעגנ דער פילאָסאָפיע פונ מאַרקסיזם. דידאָזיקע גרופּע האָט גענומענ אָפּנ פרײדיקנ בורזשואַזע טעאָריעס אונ פּאָפּאָוושטשינע. לונאַטשאַרסקי פלעגט פאַרטיידיקנ א נייִע, דורכ אימ אויסגעטראַכטע רעליגיע — די אַזויגערופענע *גאָטבויערײַ*. אָנשטאָט דעם אַלטנ שלעכטנ גאָט האָט ער פאָרגעלייגט אַנ אַנדערנ, א נייִעמ, זיכ פרוּוונדיק צו *פאַרייניקנ סאָציאַליזם מיט רעליגיע*.

לענינ איז מיט דער גרעסטער ענערגיע אַרויסגעטראָטנ קעגנ דידאָזיקע פרוּוונ אַדורכצושלעפּנ אונטער דער פאָנ פונעם מאַרקסיזם א נייִעמ מינ פּאָפּאָוושטשינע. ער פלעגט דערווייזנ, אַז די רעליגיע האָט שטענדיק געדינט אַלס א געצייג צו פאַרשלעפערנ די מאַסנ אונ אַז זי פלעגט שטענדיק העלפנ די הערשנדיקע קלאַסנ מיט דער

[1] „פראָלעטאַרי" — צענטראַלער אָרגאַנ פונ די באָלשעוויקעס, וואָס איז אַרויסגעגאַנגענ אונטער לענינס אָנפירונג אינ די רעאַקציע־יאָרנ. די פאַרברייטערטע באַראַטונג פונ דער רעדאַקציע „פראָלעטאַרי" האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט דעם באָלשעוויסטישנ צענטער, דעם אָנפירנדיקנ אָרגאַנ פונ דער פאַרטיי באָלשעוויקעס.

[2] Ленин, т. XXV, стр. 177

הילפ פונ „מוירע פאר גאָט" צו האלטנ אינ געהאָרכזאמקײַט די ארבעטנדיקע מאסנ. יעדע רעליגיעזע אידיי, האָט לעניג געשריבנ, יעדע אידיי וועגנ אוועלכנ עס איז „גאָטעניו" איז דער סאמע געפערלעכער עקל, די סאמע העסלעכע אָנשטעקעניש. קיינ שום אונטערשייד צווישנ דעם אלטנ גאָט אונ דעם נײַעם, „ריינינקנ" גאָטעניו איז ניט פאראנ. דאָס פריידיקנ א „ריינינקנ", נײַעם גאָטעניו פלעגט לעניג האלטנ פאר נאָכ מער שעדלעכ, ווײַל דאָס איז נאָכ מער פייִק צו באשווינדלענ די מאסנ.

„דער רוסישער בורזשואזיע, — האָט לעניג געשריבנ, — איז די לעצטע צײַט נייטיק געוואָרנ צוליב אירע קאָנטררעוואָליוציאָנערע צוועקנ צו באלעבנ די רעליגיע, צו פארשטארקנ אינ פאָלק די רעליגיע".

לונאטשארסקי א. אנד. האָבנ מיט זייער פריידיקנ גאָטבויערײַ טאקע אָפגעשפיגלט דעמדאָזיקנ קער פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע אונ אינטעליגענצ צו רעליגיע אונ פאָפּאָווטשינע.

דיזעלבע באראטונג פונ דער פארברייטערטער רעדאקציע „פראָלעטארי" האָט דערקלערט, אז די גאָטבויערײַ, בפרט בא לונאטשארסקינ, איז אנ אָפּזאָג פונ די עצעמ־יעסוידעס פונעמ מארקסיזמ אונ איז איינע פונ די פאָרמעס פונ קאמפ פונ די קליינבירגערלעכע עלעמענטנ קעגנ דעמ פראָלעטארישנ סאָציאליזמ.

אינעמ קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ, וואָס פארקריפּלענ די עצעמ־יעסוידעס פונ דער טעאָריע פונעמ מארקסיזמ, האָט לעניג אינ די רעאקציע־יאָרנ אָפּגעגעבנ זייער אסאכ אויפמערקזאמקײַט די פראגעס פונ פילאָסאָפיע פונעמ מארקסיזמ. אינ יאָר 1908 האָט לעניג אָנגעשריבנ זײַנ מערקווירדיק בוכ „מאטעריאליזמ אונ עמפּיריאָקריטיציזמ". דאָסדאָזיקע בוכ האָט אָפּגעשפּילט אנ אויסשליסלעכע ראָליע אינ דער אנטוויקלונג פונ דער מארקסיסטיש־לענינישער טעאָריע. לעניג האָט אינ אימ אויפגעהויבנ דאָס פאנאנדערארבעטנ די גרונט־פראגעס פונ דער פילאָסאָפיע פונעמ מארקסיזמ אפ אנ אומדערהערטער הייכ.

לעניגס קאמפ קעגנ דעמ בורזשואזנ פארקריפּלענ די פילאָסאָפיע פונעמ מארקסיזמ האָט ארויסגערופנ אנ אויסערגעוויינלעכע פארביטערטקײַט מיצאד אלע אָפּאָרטוניסטנ. די ליקווידאטערס, אָטזאָוויסטנ אונ אנדערע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ האָבנ גענומענ אונטער זייער שוצ די אָנהענגערס פונ דער בורזשואזער פילאָסאָפיע.

אינגיכנ האָבנ די אָטזאָוויסטנ, אולטימאטיסטנ אונ גאָטבויערס, וואָס האָבנ זיכ פאראייניקט צווישנ זיכ, געשאפנ (אינ יאָר 1909) א באזונדערע פראקציע „וופּערִיאָד" („פאָרויס") (וופּעריאָדאָווצעס).

אינ יאָר 1909 האָבנ די וופּעריאָדאָווצעס אָרגאניזירט אפנ אינדזל קאפּרי (איטאליע) זייערע א פראקציאָנעלע שול. דאָ האָבנ די וופּעריאָדאָווצעס אונטער דעמ שירמ פונ צוגרייטנ פארטייִשע טוערס געפירט צווישנ די געקומענע פונ רוסלאנד א פארשטארקטע פראקציאָנעלע ארבעט, אויפשטעלנדיק זיי אפ אלערליי אויפנאנימ קעגנ לענינענ אונ קעגנ די באָלשעוויקעס. א טייל צוהערערס פונ דער שול איז די וופּעריאָדאָווצעס געלונגענ צו פארוואנדלענ אינ זייערע אָנהענגערס. א צווייטער טייל אינ שפּיצ מיטנ ארבעטער מיכאיל ווילאָנאָוו האָט פארשטאנענ דעמ פראקציאָנעלנ כאראקטער פונ דעמדאָזיקנ וופּעריאָדאָווישנ אונטער, האָט פארלאָזט די שול אונ איז אָפּגעפאָרנ קיינ פאריזש צו לענינענ. אויסגעהערט דאָ א קורס לעקציעס פונ לענינענ, דובראָווינסקינ א. אנד., איז דידאָזיקע גרופּע אוועקגעפאָרנ אפ ארבעט קיינ רוסלאנד, ווו זי האָט טאקע געפירט א קאמפ פאר דער לענינישער ליניע.

סאָפ 1910 יאָר האָבנ די וופּעריאָדאָווצעס געגרינדעט אינ באָלאָניע (איטאליע) א צווייטע שול אזעלכע. אינ דערדאָזיקער באָלאָניער שול האָט זיכ באטייליקט אויכ טראָצקי אונ די ליקווידאטערס, ארויסטרעטנדיק אזויארומ אינ איינ פראָנט קעגנ לענינענ אונ קעגנ די באָלשעוויקעס.

די גרופּע וופּעריאָדאָווצעס האָט ביז דער סאמע רעוואָליוציע פונ יאָר 1917 געפירט א פארביסענעמ קאמפ קעגנ דעמ באָלשעוויזמ. אינעמ קאמפ קעגנ דער פארטיי זײַנענ די וופּעריאָדאָווצעס געגאנגענ צוזאמענ מיט אויסגעשפּראָכענע ליקווידאטערס,

האָבנ צוזאמענ זיכ באמיט צו ליקווידירנ די רעוואָליוציאָנערע, מאַרקסיסטיש־אומקאָמפּראָמיסלעכע ארבעטער־פּאַרטיי.

דעמ קאמפּ קעגנ אָפּאָרטוניזמ סײַ פונ רעכטס, סײַ פונ „לינקס" פלעגנ די באָלשעוויקעס פאַרייניקנ מיט אַנ אַנטשיידנדיקסטנ קאמפּ קעגנ דער שאָלעמ־מאכערײַ אונ אומקאָנסעקווענטקײַט אינ זייערע אייגענע רייענ. א שאָלעמ־מאכערישע פּאָזיציע האָבנ אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד פאַרנומענ ל. קאמענייעוו, א. ריקאָוו, מ. ליובימאָוו א. אנד. די שאָלעמ־מאכערס פלעגנ אָפּוואַרפנ דעמ אַנטשיידענעמ אײַנרײַס מיט די אָפּאָרטוניסטנ אונ פלעגנ פאָדערנ א געמיינזאמע ארבעט מיט די ליקווידאטערס, אָטזאָוויסטנ אונ מיט טראָצקינ. קעגנ דעמ ווילנ פונ לענינענ אונ פונ דער פּאַרטיי האָבנ זיי זיכ צונויפגערעדט מיט די פאָרשטייערס פונ די ליקווידאטערס אונ אָטזאָוויסטנ צונויפצורופנ א ספּעציעלנ פּלענומ פונ צ"ק אפּ צו פאַרייניקנ אונ „שאָלעמ צו מאכנ" צווישנ אלע שטרעמונגענ.

דער פּלענומ איז צו שטאנד געקומענ אינ יאנוואר 1910 יאָר. אפּנ פּלענומ זײַנענ בײַגעווענ באגלײַכ מיט די באָלשעוויקעס פאָרשטייערס פונ אלע שטרעמונגענ, וואָס זײַנענ פאָרמעל נאָכ אַרײַנגעגאנגענ דעמאלט אינ דער רסדא"פּ — די ליקווידאטערס, טראָצקיסטנ, וופּעריאָדאָווצעס, פאָרשטייערס פונ די נאציאָנאלע סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס — לאטישנ, פּאָליאקנ, בונדיסטנ. לענינ האָט שוינ צו דער צײַט פונעמ פּלענומ געהאלטנ פאר נייטיק אינגאנצנ צו צערײַסנ מיט דידאָזיקע אלע שטרעמונגענ, אויסער מיט די „מענשעוויקעס־פּארטײער". ער האָט ארויסגערוקט אפּנ פּלענומ א דײַטלעכע אונ קלאָרע קאמפּ־ליניע קעגנ די ליקווידאטערס פונ רעכטס אונ פונ „לינקס", אויפדעקנדיק די שעדלעכקײַט אונ ניט־אויסגעהאלטנקײַט פונ דער פוילער שאָלעמ־מאכערײַ. די מערהײַט אָבער אפּנ פּלענומ האָט געהערט צו די שאָלעמ־מאכערס, וואָס האָבנ געשטרעבט צו פאַרייניקנ אָנ איבערקלײַב אלעמענ. די שאָלעמ־מאכערס — באָלשעוויקעס (קאמענייעוו, נאָגינ א. אנד.) האָבנ אפּנ דאָזיקנ פּלענומ געשטיצט די פּרינציפּלאָזע פּאָליטיק פונ טראָצקינ, וועלכער האָט אונטערנ שירמ פונ אויסערפראקציאָנעלקײַט זיכ געפּרוווט זיכערנ פאר די ליקווידאטערס א ניצאָכנ איבער די באָלשעוויקעס.

די שאָלעמ־מאכערס האָבנ אפּנ פּלענומ געפירט א ליניע קעגנ דעמ קאמפּ אפּ צוויי פראָנטנ, שטערנדיק דער שפּאלטונג מיט די ליקווידאטערס.

אדאנק די שאָלעמ־מאכערס זײַנענ אינ דער רעדאקציע פונעמ צענטראלנ אָרגאנ פונ רסדא"פּ „סאָציאַל־דעמאָקראט" אונ אינ אנדערע פּארטיי־אָרגאנענ ארײַנגעפירט געוואָרנ פאָרשטייערס פונ אלע אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגענ. אינ די באשלוסנ, וואָס דער פּלענומ האָט אָנגענומענ, איז ארײַנ א טייל לענינס פאָרשלאָגנ, אשטייגער — דאָס פארורטײלנ די ליקווידאטערײַ אונ דעמ אָטזאָוויזמ. אינ דעמ איז באשטאנענ דער פּאָזיטיווער באטײַט פונעמ פּלענומ. אָבער אינ דערזעלבער צײַט האָבנ די שאָלעמ־מאכערישע באשלוסנ פונעמ פּלענומ פאַרטאָרמאָזירט דעמ קאמפּ פונ די באָלשעוויקעס קעגנ די ליקווידאטערס, האָבנ פאַרשווערט דאָס אָפּרייניקנ די פּאַרטיי פונ די אַנטיפּאַרטײַישע עלעמענטנ.

„אַנ אלגעמײַנ־שאָלעמ־מאכערישע קאשע", „די אידיאָטישע שאָלעמ־מאכערישע באַפעלערנ פונעמ פּלענומ" — אזוי האָט לענינ געשריבנ וועגנ די שאָלעמ־מאכערישע באשלוסנ פונעמ יאנואר־פּלענומ.

די ווײַטערדיקע געשעענישנ האָבנ אינגאנצנ באשטעטיקט די ריכטיקײַט פונעמ לענינישנ אָפּשאצנ דעמ צ"ק־פּלענומ פונ יאָר 1910.

נאָכנ פּלענומ האָבנ די אָפּאָרטוניסטנ — ליקווידאטערס אונ אנדערע — אָנגעהויבנ פירנ אינעווייניק אינ צ"ק אונ אינ צענטראל־אָרגאנ אנ ארבעט, וואָס איז אָפּנ געווענ געצילט אפּ פאנאנדערצולייגנ די פּארטיי. זיי פלעגנ ארויסטרײַסנ דאָס צונויפרופנ דעמ צ"ק, פלעגנ ברעכנ די פּלענומ־באשלוסנ. זיצנדיק אינ די צענטראל־אָרגאנענ פונ דער פּארטיי, האָבנ זיי אינ דערזעלבער צײַט געקעמפט פאר דער ליקווידאציע פונ דער פּארטיי. פאר זייער מיטהעלפנ דער ליקווידאטערײַ אונ דעמ אָטזאָוויזמ האָט לענינ אָנגערופנ די שאָלעמ־מאכערס פאַרשטעלטע טראָצקיסטנ אונ האָט

געפירט מיט זיי אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף, באַמיִענדיק זיך פולשטענדיק זיי צו דעמאַסקירן. די שאָלעם־מאַכערס האָבן מיט זייער פּאָליטיק געבראַכט אַ גרויסן שאָדן דער פּאַרטיי: איבער זיי איז די פּאַרטיי געבליבן נאָכן יאַנוואַר־פּלענום אויף גאַנצע צוויי יאָר אָן אַ פעסטן צ"ק, וואָס זאָל זײַן פעיִק אויפצושטעלן די פּאַרטיי־אַרבעט, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די רעאַקציע־יאָרן. איבער זיי איז קימאַט אויף צוויי יאָר, ביז דער פּראַגער קאָנפערענץ (אין יאַנוואַר 1912 יאָר), אָפּגעלייגט געוואָרן דער ענדגילטיקער אײַנרײַס מיט די אָפּאָרטוניסטן.

אין זייער אַנטיפּאַרטייִשן קאַמף קעגן דער לעניניסטישער ליניע זײַנען די שאָלעם־מאַכערס—באָלשעוויקעס געגאַנגען צוזאַמען מיט די פאָרשטייערס פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע—ר. ליוקסעמבורג, טישקאָ, מאַרכלעווסקי א. אַנד. דידאָזיקע אָנפירערס פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פלעגן, ניט צושטייענדיק צו די ליקווידאַטאָרס, אין דערזעלבער צײַט אויף אַלערליי אופנים שטערן דעם קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן די ליקווידאַטאָרס, האָבן געשטרעבט צו פּאַרייניקן זיי, אונטערצוואַרפן די באָלשעוויקעס אונטער די אָפּאָרטוניסטן.

נאָכן פונעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון רסדא"פּ אָן אין 1903 יאָר זײַנען די באָלשעוויקעס אין עצעם געווען אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, כאָטש פאָרמעל האָבן זיי זיך גערעכנט פאַר אַ פראַקציע פון רסדא"פּ. אַרײַנגייענדיק אין די פאַראייניקטע (צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס) סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די באָלשעוויקעס זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו דעמאַסקירן אויף דער פּראַקטישער פּאַרטיי־אַרבעט די מענשעוויקעס, אַרויסצוטרײַבן זיי פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און צו געווינען אויף זייער זײַט יענע אַרבעטער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן נאָך ביז אַהער ניט פאַרשטאַנען די נייטיקייט פון אַ שפּאַלטונג מיט די מענשעוויקעס, טראָצקיסטן, וופּעריאָדאָווצעס א.אז.וו. דידאָזיקע אויפגאַבע האָבן די באָלשעוויקעס אויסגעפירט גלענצנדיק.

אין רעזולטאַט פון אַן אײַנגעשפּאַרטער געדולדיקער אַרבעט אין די מאַסן, פירנדיק אונטער לענינס אָנפירונג אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף מיט אַלע מינים אָפּאָרטוניזם, האָבן די באָלשעוויקעס פאַר די רעאַקציע־יאָרן געווונען אויף זייער זײַט די גרעסטע מערהײַט אַרבעטער אינעווייניק אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד. צו די יאָרן 1910—1911 האָבן קימאַט אַלע אָן אויסנאַם אומלעגאַלע פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס זיך אַרויסגעוויזן פאַר באָלשעוויסטישע. די ליקווידאַטאָרס, טראָצקיסטן, אָטזאָוויסטן, וופּעריאָדאָווצעס א.אז.וו. האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו יענער צײַט פאַר נישטיקע הײַפעלעך קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן, וואָס האָבן קימאַט קיין שום ווירקונג אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער ניט געהאַט.

ליטעראַטור צום זעקסטן קאַפּיטל:

Ленин, Проекты резолюции о современном моменте и задачах партии, Соч., т. XIV, стр. 5—8.
Ленин, Письмо И. И. Скворцову-Степанову, Соч., т, XIV, стр. 212—216.
Ленин, 50-летие падения крепостного права, Соч., т. XV, стр. 108—110.
Ленин, Цель борьбы пролетариата в нашей революции, Соч., т. XIV, стр. 36—51.
Ленин, На дорогу, Соч., т. XIV, стр. 24—32.
Ленин, Против бойкота, Соч., т. XII, стр. 13—42.
Ленин, Каррикатура на большевизм, Соч., т. XIV, стр. 52—60.
Ленин, Резолюции совещ. расш. ред. „Пролетария", Соч., т. XIV, стр. 96—98.
Ленин, Ликвидация ликвидаторства, Соч., т. XIV, стр. 104—110.
Ленин, О фракции впередовцев, Соч., т. XIV, стр. 346—351.
Ленин, Спорные вопросы, Соч. т. XVI, стр. 417—436.
Ленин, Открытое письмо ко всем социал-демократам партийцам, „Ленинский сборник" XXI, стр. 289—302.
Ленин, О новой фракции примир. или добродетельных, Соч. т. XV, стр. 228—243.
Сталин, Письмо с Кавказа, „Большевик" № 4 за 1932 г.
Сталин, Письмо Ленину из Сольвычегодской ссылки, „Большевик" № 1-2, 1932 г.

זיבעטער קאַפּיטל.

די פּאַרטיי אינעם פּעריאָד פונעם נײַעם רעוואָליוציאָנערן אופשטײַג (1911—1914 י. י.)

די פּאַרטיי באָלשעוויקעס אין שפּיץ פונעם נײַעם רעוואָליוציאָנערן אופשטײַג.

אין דער צווייטער העלפט 1910 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אן איבערבראָך אין דער אנטוויקלונג פון דער ארבעטער־באַוועגונג. דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט צו דער־דאָזיקער צײַט אָנגעהויבן זיך פארבײַטן אף אן אינדוסטריעלן אופשטײַג. די אנטוויק־לונג איז אין אלע אינדוסטריע־צווײַגן שנעל אוועק אינדערהייך. עס האָבן זיך גענו־מען גרינדן נײַע גרויסע אונטערנעמונגען מיט א גרויסער צאָל ארבעטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען נײַע פּראָדוקציעס (עלעקטראָטעכנישע, מאשינבויערישע א. אנד.). עס איז פארקלענערט געוואָרן די ארבעטלאָזיקײַט. עס איז געוואקסן און עס האָט זיך פארברייטערט די שטרײַק־באַוועגונג. קומענדיק צו זיך נאָך די שווערע רעאקציע־יאָרן, האָבן די ארבעטער זיך שוין ניט פארטיידיקט, ווי דאָס איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן, נאָר האָבן גענומען אָנגרײַפן אף די קאפּיטאליסטן, פאָדערנ־דיק צו העכערן דעם ארבעטלוין, צו פארקלענערן דעם ארבעט־טאָג, צו פארבעסערן די ארבעט־באַדינגונגען.

אויב אינעם יאָר 1910 איז אינגאנצן געווען 222 שטרײַקן, איז אין יאָר 1912 שוין געווען איבער 2000, און אינעם 1914 יאָר איז שוין געווען העכער 3,5 טויזנט שטרײַקן, אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט העכער 1,3 מיליאָן ארבעטער.

דער שטרײַק־קאמף אינעם אופשטײַג־פּעריאָד האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א גרוי־סער אײַנגעשפּארטקײַט און אָרגאניזירטקײַט מיצאד די ארבעטער.

דער שטויס, וואָס האָט אופגערודערט די מאסן, איז געווען די צעשיסונג פון די ארבעטער אין די לענער גאָלד־גרובן (סיביר) דעם 17 אפּרעל 1912 יאָר. אז די ארבעטער, וואָס זײַנען געווען ווילד עקספּלואטירט, האָבן זיך פארזאמלט, קעדיי צו מעלדן דער אדמיניסטראציע פון די גאָלד־גרובן וועגן זייערע נויטן, האָט דער זשאנ־דארם־אָפיצער טערעשטשענקאָוו באפוילן צו עפענען אף זיי א שיסערײַ. עס זײַנען דערהארגעט געוואָרן 270 און פארוואונדעט געוואָרן 250 מאן. דערדאָזיקער כײַשער גוואלדטאט איבער די אומבאוואָפנטע ארבעטער האָט ארויסגערופן א גוואלדיקע אופ־געבראכטקײַט באַם גאנצן ארבעטער־קלאס פון רוסלאנד. איבערן גאנצן לאנד האָט זיך אדורכגעטראָגן א כוואליע שטרײַקן אלס א פּראָטעסט קעגן דער לענער צעשיסונג. אין אפּרעל 1912 האָבן געשטרײַקט ניט ווייניקער ווי 300 טויזנט ארבעטער. אין דעם ערשטמײַיקן שטרײַק אין יאָר 1912 האָבן זיך באטייליקט ביז 500 טויזנט מאן. אין דער באַוועגונג זײַנען ארײַנגעצויגן געווען אפילע די סאמע אָפּגעשטאנענע שיכטן ארבעטער — די בויערס, די ארבעטער פון די קליינע אונטערנעמונגען א.א.וו. די שטרײַקן האָבן געטראָגן א שארף־פּאָליטישן כאראקטער, זײַנען באגלייט געוואָרן מיט מאסנווע מיטינגען און דעמאָנסטראציעס. די מאסן זײַנען ארויסגעטראָטן מיט די גרונטיקע באָלשעוויסטישע לאָזונגען. די ארבעטער האָבן ארויסגעשטעלט באגלײַך מיט די עקאָנאָמישע פּאָדערונגען אויך פּאָליטישע לאָזונגען: „דעמאָקראטישע

רעפובליק", „8־שאָ:קער ארבעט־טאָג", „קאָנפיסקאציע פונ דער פריצישער ערד". אינ דער צײַט ווענ אינ 1910 יאָר האָבנ די פאָליטישע שטרײַקנ אויסגעמאכט ווײ־ניקער ווי 40% פונ דער אלגעמײנער צאָל שטרײַקנ, איז אינ די יאָרנ 1912—1914 האָבנ זײ שוינ באטראָפנ צווײ דריטל פונ אלע שטרײַקנ.

די שטרײַק־באוועגונג אינ די יאָרנ 1912—1914 האָט באוויזנ, אז די יערידע־פאזע איז אריבער, אז עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַער רעוואָליוציאָנערער אופשטײַג, דערבײַ איז דערדאָזיקער אופשטײַג, ווי לענינ האָט באטאָנט, געווענ לויט זײַנ פארנעמ אָנ אָנערעכ העכער, אײדער פאר דער ערשטער רעוואָליוציע.

ווי ווײַט אײַנגעשפארט די ארבעטער האָבנ געפירט דעמ קאמפ, קענ מענ אורטײלנ לויטנ שטרײַק אפנ ארמאטור־עלעקטרישנ זאוואָד (אינ פעטערבורג), וואָס האָט געדויערט 3 מיט א האלבנ כוידעש, אָדער לויטנ בארימטנ שטרײַק אפנ זאוואָד „נאָווי לעסנער", וואָס האָט געדויערט 102 טעג. די מאסעווע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איז אָנ אופהער געוואקסנ ביזנ סאמע אָנהײב פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע.

אינ יול 1914 י. האָט דער רעוואָליוציאָנערער קאמפ פונ די ארבעטער דערגרײכט צומ העכסטנ אופשטײַג. דער מאסנ־שטרײַק האָט ארומגעכאפט פעטערבורג, דעמ אוראל, דעמ דאָנבאס, דעמ מאָסקווער טעקסטיל־ראיאָנ, די באקוער נאפט־געווערבנ. אינ פעטערבורג האָט די פאָליציי דעמ 16 יול געשאָסנ אפ די פוטילאָווער ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ פארזאמלט אפ א מיטינג. אלס ענטפער אפ דערדאָזיקער צעשיסונג האָט דער פעטערבורגער קאָמיטעט פונ די באָלשעוויקעס גערופנ צו אנ אלגעמײנעמ שטרײַק. די ארבעטער האָבנ אלע ווי אײנער לויטנ רופ פונ דער פארטײ געוואָרפנ די ארבעט. אפ די פעטערבורגער גאסנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דעמאָנסטראציעס. די ארבעטער האָבנ גענומענ בויענ באריקאדעס. עס זײַנענ שוינ פאָרגעקומענ די ערשטע באוואָפנטע צוזאמענשטויסנ פונ די ארבעטער מיט דער פאָליציי אונ מיליטער. די באוועגונג איז געוואקסנ אונ איז ברײטער געוואָרנ פונ טאָג אפ טאָג.

דער אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ די יאָרנ 1912—1914 איז געגאנגענ אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פונ דער באָלשעוויסטישער פארטײ. פונ דער צוריקטרעט־טאקטיק זײַנענ די באָלשעוויקעס ביסלעכווײַז אריבער צו אנ אנט־שלאָסענעמ אָנגריפ, שטרעבנדיק אופצוהײבנ צו אנ אקטיוונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ די ברײטסטע מאסנ.

„...דאָס וויכטיקסטע איז, — האָט לענינ געשריבנ, — אז די שטרײַקנ, מיטינגענ, דעמאָנסטראציעס זאָלנ גײנ אומופהערלעכ, — אז דאָס גאנצע פויערטומ אונ דאָס גאנצע מיליטער זאָל זיכ דערוויסנ וועגנ דעמ עקשאָנעסדיקנ קאמפ פונ די ארבעטער; אז דאָס דאָרפ, אפילע דאָס סאמע פארוואָרפנסטע, זאָל דערזענ, אז אינ די שטעט איז אומרו:יק, אז „אונדזערע" האָבנ זיכ אופגעהויבנ, אז זײ קעמפנ ניט אפ לעבנ, נאָר אפ טויט, אז זײ קעמפנ פאר א בעסער לעבנ, פאר א העכערנ לוינ, פאר דעמ, עס זאָל נעמענ א סאָפ צו די ווילדקײַטנ אונ צו דער העפקײרעס פונ דער מאכט, פארנ איבערגעבנ די פריצישע ערד צו די פויערימ, פארנ אראָפווארפנ די פריצישע מאָנארכיע פונעמ צאר, פאר א רעפובליק. מע דארפ, אז דער פארשטיקטער צאָרנ אונ די אײַנגעהאלטענע אופרעגונג פונעמ דאָרפ זאָלנ צוזאמענ מיט דער אופגעבראכטקײַט פונ דער קאזארמע געפינענ פאר זיכ אינ דעמ רעוואָליוציאָנערנ שטרײַק פונ די ארבעטער א צוצי־צענטער"[1].

די גרונט־ליניע פונ די באָלשעוויקעס איז געווענ געצילט אפ צו פארוואנדלענ די אָנוואקסנדיקע מאסנ־באוועגונג אינ א נײַער רעוואָליוציע, אפ צו פאראײניקנ די באזונדערע ארויסטרעטונגענ אינ אנ אלגעמײנעמ רעוואָליוציאָנערנ דראנג. די פארטײ האָט צוגעגעבנ דער גאנצער באוועגונג אָרגאניזירטקײַט, דיסציפלינירטקײַט. אדאנק דער פארטײ־אָנפירונג האָט דער קאמפ פונ די ארבעטער פונ באזונדערע אונ־טערנעמונגענ באקומענ די שטיצע פונעמ גאנצנ ארבעטער־קלאס; די טײלווײַזע

[1]) Ленин, т. XVI, стр. 244.

שטרײַקנ האָבנ גענומענ פארוואנדלט ווערנ אינ מאסעווע; דער עקאָנאָמישער קאמפ האָט גענומענ אריבערוואקסנ אינ א פּאָליטישנ.

דידאָזיקע פּאָליטיק פונ די באָלשעוויקעס האָט באגעגנט א ווילדנ ווידערשטאנד מיצאד די ליקווידאטערס, וואָס האָבנ מיט אלע קויכעס געשטרעבט אײַנצוהאלטנ דעמ אָנוואקסנדיקנ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג. באגלײַכ מיט דער בורזשואזיע האָבנ זיי געפירט א ליניע אפ אראָפּצורײַסנ דעמ שטרײַק־קאמפ.

די ליקווידאטערס האָבנ גענומענ דערקלערנ די ארבעטער, אז די שטרײַקנ שטערנ דעמ אָרגאניזירטנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס, אז זיי שוואכנ אָפּ די ארבעטער. אָנשטאָט דעמ רעוואָליוציאָנערנ שטרײַק־קאמפ האָבנ די ליקווידאטערס גערופנ די ארבעטער צו א פרידלעכער ארבעט אינ די פראָפאריינענ אונ אינ אנדערע לעגאלע אָרגאניזאציעס.

זעענדיק, אז עס איז אומעגלעכ אָפּצוהאלטנ די מאסנ פונעמ קאמפ, האָבנ די ליקווידאטערס זיכ געסטארעט צוצוגעבנ דער שטרײַק־באוועגונג א וואָס מער פרידלעכנ כאראקטער, ניט צו דערלאָזנ, ער זאָל אריבערוואקסנ אינ א רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, אָפּצוהאלטנ די ארבעטער פונ ארויסשטעלנ פּאָליטישע לאָזונגענ אונ פאָדערונגענ. אינ קעגנגעוויכט צו די רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ פונ די באָלשעוויקעס („דעמאָקראטישע רעפּובליק", „8־שאָיִקער ארבעט־טאָג", „קאָנפיסקאציע פונ דער פריצישער ערד") האָבנ די ליקווידאטערס ארויסגערוקט א רעפאָרמיסטישנ לאָזונג פונ „קאָאליציע־פרײַהײַט", ד. ה. פרײַהײַט פונ פארזאמלונגענ, פאריינענ, פרעסע א. א. וו., וואָס זיי האָבנ געמיינט צו באקומענ אינ רעזולטאט פונ רעפאָרמעס דורכגעפירט דורכ דער צארישער רעגירונג. דאָס איז געווענ א ריינ־ליבעראלע פאָדערונג, א פולקומ אָנעמבארע אפילע פאר די קאדעטנ.

אָנשטאָט א רעוואָליוציאָנערנ קאמפ האָבנ די ליקווידאטערס ארויסגערוקט א פּלאנ פונ א „פּעטיציע־קאמפּאניע". זיי האָבנ פאָרגעלייגט צונויפשטעלנ א פּעטיציע (ביטע) וועגנ דער נייטיקײַט פונ רעפאָרמעס, צונויפצוזאמלענ אונטער איר ארבעטער־אונטערשריפטנ אונ זיכ צו ווענדנ מיט דערדאָזיקער פּעטיציע צו דער מעלוכע־דומע. דערדאָזיקער ליקווידאטערישער פּלאנ האָט געהאט בלויז איינ מיינ: ער האָט געזאָלט אָפּציענ די מאסנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. מיטנ פּלאנ פונ א „פּעטיציע־קאמפּאניע" האָט פולקומ מאסקימ געווענ אויכ טראָצקי: ער האָט געפירט אנ אקטיווע אגיטאציע פארנ דאָזיקנ פּלאנ. דידאָזיקע גאנצע ליקווידאטערישע קאמפּאניע איז אדורכגעפאלנ אפנ סאמע קלאָגעדיקנ אופנ. די ארבעטער האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבנ די ליקווידאטערישע „פּעטיציע": זיי האָבנ גאנצ גוט פארשטאנענ, אז דורכ ביטעס וועלנ זיי זיכ צו גאָרנישט ניט דערשלאָגנ אונ אז אפ דער שווארצמייעדיקער מעלוכע־דומע איז ניטאָ וואָס צו האָפנ. צונויפגעזאמלט פאר עטלעכע כאדאָשימ סאכאקל בא א 1 300 אונטערשריפטנ, זײַנענ די ליקווידאטערס געווענ געצוווּנגענ אוועקוואָרפנ זייער אופטו.

אלע פּרוּוונ פונ די ליקווידאטערס אָפּצוציענ די ארבעטער פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פלעגנ זיכ אויסלאָזנ מיט א פולשטענדיקנ דורכפאל. די ארבעטער זײַנענ נאָכגעגאנגענ נאָכ די באָלשעוויקעס.

די פּראגער קאָנפערענצ פונ רסדא"פּ.

אינ דעקאבער 1910 יאָר האָט אָנגעהויבנ דערשײַנענ א וועכנטלעכע באָלשעוויסטישע צײַטונג „זוועזדא", וואָס האָט גלײַכ באקומענ א גרויסע ווירקונג אפ דער ארבעטער־מאסע. אינ דערזעלבער צײַט האָבנ די באָלשעוויקעס אונטער לענינס אָנפירונג אָנגעהויבנ צוגרייטנ דאָס צונויפרופנ א פּארטיי־קאָנפערענצ.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ זיכ אָנגעהויבענעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג איז באזונדערס נייטיק געווענ צונויפרופנ א פּארטיי־קאָנפערענצ, וואָס זאָל פארשטארקנ די פּארטיי אונ אירע אָנפירנדיקע אָרגאנענ, זאָל אָנמערקנ די טאקטיק פארנ אָנקומענדיקנ פעריאָד, זאָל אינגאנצנ אָפּרייניקנ די פּארטיי־רייענ פונ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ.

א גרויסע ארבעט אָפּ צוצוגרייטן די קאָנפערענץ האָבן אָפּגעטאָן אָרדזשאָניקידזע, ס. שווארץ, גאָלאָשטשאָקין, שאומיאַן, יענוקידזע, סטאַסאָווא א. אַנד. זיי האָבן באַזוכט א ריי שטעט, זיך פארבונדן דאָרט מיט די אונטערערדישע פּארטיי־אָרגאַניזאַציעס, זיי באַקאַנט געמאַכט מיט דער לעניניסטער אָפּשאַצונג פון די אויפגאַבעס פון דער פּארטיי און האָבן דורכגעפירט די וואַלן צו דער קאָנפערענץ.

די שאָלעם־מאַכערישע עלעמענטן האָבן זיך ווידער געפּרוווט צוציען צו דער קאָנפערענץ די וופּעריאָדאָווצעס, די מענשעוויקעס און טראָצקין. לענין האָט אָבער גלייך פון אָנהייב אָן געשטעלט אַן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד קעגן זייערע פּרווון.

ער האָט געהאַלטן, אַז אין דער קאָנפערענץ קענען זיך באַטייליקן בלויז פאָרשטייערס פון די אָרטיקע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן אין רוסלאַנד א פּארטייִשע ארבעט. בלויז אַזא קאָנפערענץ וואָלט געווען ווירקלעך א פּארטייִשע קאָנפערענץ, וואָס שטעלט מאָר די פּארטיי. אָבער די גרופּעס וופּעריאָדאָווצעס, טראָצקיסטן א. אַנד. האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אויסלענדישע גרופּעס ליטעראַטן, וואָס האָבן קיין שום פּארטיי־ארבעט אין רוסלאַנד ניט געפירט. קיינע שום פּארטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי ניט פאָרגעשטעלט. דעריבער האָט לענין געהאַלטן, אַז צוציען דיזאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע גרופּעס צו דער קאָנפערענץ וואָלט געהייסן דירעקט ברעכן דעם ווילן פון דער פּארטיי־מערהייט.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין יאַנוואַר 1912 אין פּראַגע (איצט די הויפּטשטאָט פון טשעכאָסלאָוואַקיע). אויף איר זיינען געווען פאָרגעשטעלט קימאַט אַלע פּארטייִשע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד.

אַכוץ צוויי „מענשעוויקעס־פּארטייער" זיינען אַלע זיך־צונויפגעפאָרענע דעלעגאַטן פון 20 רוסלענדישע אָרגאַניזאַציעס געווען באָלשעוויקעס. די קאָנפערענץ האָט איינשטימיק אויסגעשלאָסן פון דער רסדא״פּ די ליקווידאַטערס. אויסער די רייען פון דער פּארטיי זיינען אויך געבליבן טראָצקי, די וופּעריאָדאָווצעס און די איבעריקע אָפּאָרטוניסטישע גרופּקעלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די באַשלוסן פון דער פּראַגער קאָנפערענץ.

אויף אַזא אופן האָבן די באָלשעוויקעס אויף דער פּראַגער קאָנפערענץ אויף שטענדיק געמאַכט א סוף צו אַלע רעשטלעך פון דער פאָרמעלער פאַרייניקונג מיט די מענשעוויקעס, אַרויסטרייבנדיק זיי ענדגילטיק פון דער רסדא״פּ. די קאָנפערענץ האָט אָנערקענט, אַז אַלע פּארטייִשע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד האָבן איינשטימיק זיך פאַראייניקט אַרום דער לענינישער ליניע און אַז אַזויאַרום שטעלט בלויז די באָלשעוויסטישע פּארטיי פאָר מיט זיך די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (רסדא״פּ־באָלשעוויקעס), וואָס נאָך איר גייט די איבערוועגנדיקע מערהייט פונעם ארבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד. די קאָנפערענץ, וואָס האָט אין עצעם געשפּילט די ראָליע פון א פּארטייצוזאַמענפאָר, האָט אויסגעקליבן א נייעם, א באָלשעוויסטישן צ״ק מיט לענינען אין שפּיץ. אינעם צ״ק זיינען אויך אַריין די ח׳ח׳ סטאַלין, סווערדלאָוו, אָרדזשאָניקידזע, קאַלינין, בובנאָוו, סטאַסאָווא, ספּאַנדאַריאַן א. אַנד.

דאָס זיינען געווען פירערס, וואָס האָבן אין די יאָרן פון שווערער רעאַקציע אויף זייערע פּלייצעס אויסגעטראָגן אונטער לענינס אָנפירונג דעם קאַמף פאַרן אויפהיטן און פאַרשטאַרקן די פּארטיי, דעם גאַנצן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם; אין די אומדערהערטשווערע באַדינגונגען האָבן זיי אויפגעהיט די פּארטיי פון צעגראָמירונג און האָבן באַוואָרנט איר ווידערופשטעלונג.

די קאָנפערענץ האָט אָנגעמערקט די פּארטיי־טאַקטיק פאַרן נאָענטסטן פּעריאָד פונעם אָנוואַקסנדיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. זי האָט אָנגעוויזן, אַז די גרונטאויפגאַבע פון דער פּארטיי איז פריער פאַר אַלץ צו פאַרפעסטיקן די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע. די קאָנפערענץ האָט פאָרגעלייגט אַלע אָרגאַניזאַציעס צו פאַרשטאַרקן די ארבעט פונעם סאָציאַליסטישן דערציען און אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט; מיט אַלע מיטלען צו שטיצן און צו פאַרברייטערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן אונטער די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון דער פּארטיי („דעמאָקראַטישע

רעפּובליק", „8־שאָ‏ָ‏ּיקער אַרבעט־טאָג", „קאָנפֿיסקאַציע פונ דער גאנצער פּריציִשער ערד"). אינ די רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפֿערענצ איז ווידער באַטאָנט געוואָרנ, אַז דער נאָענטסטער ציל פונעמ פּראָלעטאַריאַט איז, ווי פריִער, דער קאַמפ פאַר דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ פּויערטומ. פאַר דער פּאַרטיי איז געשטעלט געוואָרנ די אויפגאַבע קלאָר צו מאַכנ פאַר די ברייטסטע מאַסנ אַרבעטנדיקע אונ באַזונדערס פאַרנ פּויערטומ די ענגע פאַרבינדונג צווישנ זייערע מאַטעריעלע (הונגער, אַרבעטלאָזיקייט א.א.וו.) אונ צווישנ דער גאנצער פּאָליטיק פונעמ צאַריזמ. די קאָנפערענצ האָט אָנגעמערקט די טאַקטיק פונ דער פּאַרטיי בײַ די וואַלנ צו דער פערטער מעלוכע־דומע, וואָס האָבנ געזאָלט פּאָרקומענ אינ האַרבסט 1912 י.

די פּראַגער קאָנפערענצ האָט געגעבנ קלאָרע, קאָנקרעטע דירעקטיוונ פאַרנ פאַנאַנדערוויקלענ די פּאַרטיי־אַרבעט אינ די באַדינגונגענ פונעמ נײַעמ רעוואָליוציע־אויפשטײַג. די קאָנפערענצ האָט נאָך מער צוזאַמענגעשמידט אונ פאַרפעסטיקט די פּאַרטיי, ווי אײנ גאַנצס, אָפּנ יעסאָד פונ דער לענינישער ליניע.

דער אַווגוסט־בלאָק.

אַלע אָפּאָרטוניסטישע גרופּירונגענ מיט טראָצקינ אינ שפּיצ האָבנ אָנגעהויבנ פירנ אַ פאַרביטערטנ קאַמפּ קעגנ די באַשלוסנ פונ דער פּראַגער קאָנפערענצ.

אינ אויגוסט 1912 יאָר האָט טראָצקי צונויפגערופנ אינ ווינ (עסטרײַכ) די אַזוי־גערופענע אויגוסט־קאָנפערענצ, וואָס אויף איר זײַנענ זיכ צונויפגעקומענ די ליקווי־דאַטערס, טראָצקיסטנ, וופּעריאָדאָווצעס אונ אויכ פאָרשטייערס פונ „בונד", פונ דער לאַטווישער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע, ווי צו יענער צײַט האָט די אָנפירונג געהערט צו די ליקווידאַטערס, אונ פונ דער קליינבירגערלעכער פּוילישער סאָציִאַליסטישער פּאַרטיי פּפּ"ס (לעוויצע).

דאָס איז געווענ אַ פאַרייניקונג פונ די פאַרשיידנאַרטיקסטע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ אינ אַ גאַנצער ריי גרונט־פראַגעס. דאָס אײנציקע, וואָס האָט פאַרייניקט צווישנ זיכ אָט די אַלע אַנטיפּאַרטייִשע שטרעמונגענ, איז געווענ זייער געמיינזאַמע סינע צומ באָלשעוויזמ. אינ אַלע איבעריקע פראַגעס האָט דער אויגוסט־בלאָק געגעבנ די גרופּירונגענ, וואָס זײַנענ אינ אימ אַרײַנ, די פולע פרײַ־הײַט דורכצופירנ זייער אָפּאָרטוניסטישע ליניע. לענינ האָט אָנגערופנ דעמאָזיקנ פּרינציפּלאָזנ אַנטיפּאַרטייִשנ בלאָק — א וו א נ ט י ו ר ע.

אַסאַכ שפּעטער, אינ יאָר 1926, זײַענדיק אינ די רייענ פונ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט טראָצקי נאָכאַמאָל געשאַפנ צוליבנ קאַמפ קעגנ דעמ לענינישנ צ"ק אַ פּרינציפּלאָזנ, אַנטיפּאַרטייִשנ בלאָק. באַגלײַכ מיט טראָצקינ אונ זײַנע אָנהענגערס האָבנ זיכ אינ דעמאָזיקנ בלאָק פאַרייניקט אויף דער פּלאַטפאָרמ פונעמ טראָצקיזמ קאַמענעוו, זינאָוויעוו אונ אַנדערע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ. די פּאַרטיי האָט דעמלט גלײַכ אויפגעדעקט די פּרינציפּלאָזיקײַט פונ דעמאָזיקנ בלאָק אונ האָט אָנגעוויזנ, אַז דערדאָזיקער טראָצקיסטישער בלאָק פונעמ 1926 יאָר איז אַ דירעקטע איבער־כאַזערונג פונעמ אויגוסט־בלאָק, וואָס טראָצקי האָט געשאַפנ אינ 1912 יאָר.

די אויגוסט־קאָנפערענצ איז אַדורכגעגאַנגענ אונטערנ צייכנ פונ אָפענער ליקווי־דאַטערײַ. זי האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונעמ קאַמפ פאַר אַ רעפּובליק, פאַר אַנ 8־שאָ‏ָ‏ּיקנ אַרבעט־טאָג, פאַר דער קאָנפיסקאַציע פונ דער ערד, האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ אַלע גרונטיקע פאָדערונגענ פונ דער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַמ.

די גרונט־אויפגאַבע פונעמ אַרבעטער־קלאַס האָט די קאָנפערענצ אײַנגעזונ אינעמ דערשלאָגנ זיכ צוזאַמענ מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע באַמ צאַריזמ צו טייל־ווײַזע רעפאָרמעס.

דער אויגוסט־בלאָק, וואָס טראָצקי האָט געשאַפנ, איז געווענ, לויט כ' סטאַלינס פאָרמולירונג, אַ „נעסט פונעמ צענטריזמ" אינ רוסלאַנד. די וופּעריאָדאָווצעס, וואָס האָבנ זיכ באַטייליקט אינ בלאָק (זיי האָבנ זיכ אָנגערופנ „לינקע" באָלשעוויקעס), האָבנ געדינט בלויז אַלס אַ שירמע פאַר זײַנ ליקווידאַטערישנ טאָכ.

די באָלשעוויקעס האָבן פאר די מאסן דעמאסקירט טראָצקין, וואָס האָט געפרווט פארדעקן זיין אנטיפארטייאישן בלאָק מיט געשרייען וועגן דער אייניקייט פון אלע סאָציאל־דעמאָקראטן. מיט זייער גאנצער ארבעט האָבן די באָלשעוויקעס דערוויזן די פארגעשריטענע ארבעטער, אז קיין שום אייניקייט איז מיט די אָפּאָרטוניסטן ניט מעגלעך, אז אייניקייט איז מעגלעך בלויז צווישן די, וואָס פירן אָפּ די ערטער א רעוואָליוציאָנערע פארטייאישע ארבעט.

„מיר באהויפּטן, — האָט געשריבן כ' סטאלין אין „פּראוודא" אין 1913 יאָר, — אז פעסט וועט זיין בלויז יענע אייניקייט, וואָס די ארבעטער אליין וועלן שאפן אָפּ די פאבריקן און זאוואָדן. דער לאָזונג פון די יעניקע, וואָס ווילן אן עמעסע אייניקייט, דארף זיין: אייניקייט פונונטן. אָנהייבן פונעם צווייטן עק — פון דיפּלאָמאטישע „אונטערהאנדלונגען" מיט דער אָנפירנדיקער גרופּע ליקווידאטערס — וואָלט געהייסן דערווייטערן, און ניט דערנענטערן די אייניקייט"[1].

אונטער די קלעפּ פון די באָלשעוויקעס איז טראָצקיס נעבעכדיקער פּרווו שענדלעך דורכגעפאלן. טאקע איבער זיין פּרינציפּלאָזיקייט האָט דער בלאָק זיך געמוזט סאָפּקאָלסאָפּ צעפאלן. אָפּ דער אווגוסט־קאָנפערענץ גופא האָבן זיך פון אים אָפּגעשפּאלטן די ווּפּעריאָדאָוועצעס. שפּעטער זיינען פון אים ארויס די לאטישן, דערנאָך די גרוזינישע מענשעוויקעס. און ענדלעך — איז פון אים אוועק טראָצקי, וואָס איז ניט דורכגעקומען מיט די ליקווידאטערס.

קיין שום מיטגעפיל בא דער מאסע ארבעטער האָט דער אווגוסט־בלאָק ניט באגעגנט.

די ליקווידאטערישע צייטונג „לוטש" („שטראל"), וואָס דער בלאָק האָט ארויסגעגעבן, איז געשטיצט געוואָרן דערהויפּט דורך די קלייןבירגערלעכע אינטעליגענטישע שיכטן. אפילע די ליקווידאטערס אליין (אשטייגער, מארטאָוו) זיינען געצווונגען געווען מודע צו זיין, אז די ארבעטער־מאסן שטיצן ניט זייער צייטונג, און אז איר ווירקונג צווישן די ארבעטער איז א נישטיקע.

די „פּראוודא" און די באָלשעוויסטישע פראקציע פון דער IV מעלוכע־דומע.

אן אומגעהייערע ראָליע אינעם רעוואָליוציאָנערן דערציען די מאסן האָט געשפּילט די באָלשעוויסטישע צייטונג „פּראוודא", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען טעגלעך פון מיי אָן 1912 יאָר. מיט א פּאָשעטער פארשטענדלעכער שפּראך פלעגט די „פּראוודא" דערקלערן די סאמע ברייטע מאסן די אידייעס פונעם באָלשעוויזם, פלעגט זיך שנעל און לעבעדיק אָפּרופן אָפּ אלע געשעענישן אינעם ארבעטערלעבן. די פּילצאָליקע פּאָליציייאישע פארפאָלגונגען, די שטראפן, ארעסטן און קאָנפיסקאציעס זיינען ניט געווען בעקויעך צו צווינגען די שטימע פון דער באָלשעוויסטישער „פּראוודא" פארשטומט צו ווערן. פארן ערשטן יאָר איז די „פּראוודא" מער ווי 40 מאָל קאָנפיסקירט געוואָרן, ניט רעכענענדיק די שטראפן, די ארעסטן פון די רעדאקטערס א. אז. וו. נאָכדעם ווי די פּאָליציי פלעגט זי פארבאָטן, פלעגט זי אונטער א נייעם נאָמען ווידער ארויס. די ארבעטער אין די אונטערנעמונגען פלעגן פרייוויליק זאמלען געלט פארן „אייזערנעם פאָנד" פון דער „פּראוודא". די ארבעטער האָבן מאמעש קאָפּיקעסווייז צונויפגעקליבן בלויז פאר איין יאָר פאר יענער צייט א גוואלדיקע סומע פון 18 טויזנט רובל. בלויז אדאנק דער שטיצע פון די ארבעטער האָט די „פּראוודא" געקענט עקזיסטירן און פירן איר רעוואָליוציאָנערע ארבעט. לענין פלעגט צוגעבן א גרויסן באטייט דידאָזיקע ארבעטער־זאמלונגען פאר דער „פּראוודא", ער פלעגט אויפמערקזאם שטודירן די באריכטן וועגן דידאָזיקע זאמלונגען. לויט דער צאָל געלט, צונויפגעזאמלטן אין דעם אָדער אין יענעם ראיאָן,

[1] „Правда" № 31, 1913 г.

פּלעגט ער זאָגנ, קענ מענ אורטיילנ וועגנ דער ווירקונג פונ דער „פראוודא" אונ פונ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי צווישנ די אַרבעטער פונעם דאָזיקנ ראַיאָנ. קעגנשטעלנדיק די אָנגאַבנ וועגנ די זאַמלונגענ, וואָס פלעגנ אָנקומענ אינ „פראוו-דא" אונ אינ ליקווידאַטאָרישנ „לוטש",—האָט לענינ באַזונדערס באַטאָנט, אַז די „פראוודא" שטיצנ די אַרבעטער, בייס דער „לוטש" באַקומט שטיצע קימאַט אויס-שליסלעכ פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ.

די לעגאַלע באָלשעוויסטישע פּרעסע אינ די יאָרנ 1911—1914.

אַ קאָלאָסאַלער פאַרדינסט פונ דער „פראוודא" איז געווענ איר זייער ענגע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער-מאַסע. פאַר איינ יאָר איז אינ „פראוודא" געווענ אָפּגעדרוקט העכער 11 טויזנט אַרבעטער-קאָרעספּאָנדענצנ.

ביז דער סאַמע מילכאָמע האָט זי געפירט איר רעוואָליוציאָנערע אַרבעט; זי פלעגט וועקנ די אַרבעטער-מאַסע אינ די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעכ פונ רוס-לאַנד, פלעגט צונויפבינדנ די פאָרגעשריטענע אַרבעטער מיט דער פּאַרטיי. דעמ 21 יול 1914 יאָר איז די „פראוודא" פאַרבאָטנ געוואָרנ אונ איז איבערסנײַ אַרויסגעגאַנגענ שוינ נאָכ דער פעווראַל-רעוואָליוציע—אינ 1917 יאָר.

אינ די באַדינגונגענ פונ דער פּאָליציייִשער רעאַקציע פלעגט די פּאַרטיי דורכ דער „פראוודא" פאַרשפּרייטנ די פּאַרטייִשע דירעקטיוונ, פאַרשטאַרקנ די אידייִשע אונ אָרגאַניזאַציאָנעלע צונויפגעשמידטקייט, די איינהייטלעכקייט פונ די פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס. פאַר די צוויי אַ האַלבנ יאָר פונ איר עקזיסטענצ האָט די „פראוודא" דערצויגנ אַ שטאַרקנ קאַדער באָלשעוויקעס-אַרבעטער.

„דער כ' לענינ האָט געשריבנ נאָכ אינ זיינ בוכ „וואָס זאָל מענ טונ?" (1902 י.), אַז אַ גוט אוועקגעשטעלטע געזעלשאַפטלעכע אַלגעמיינרוסישע קאַמפּ-צייטונג דאַרפ זיינ ניט בלויז אַ קאָלעקטיווער אַגיטאַטאָר, זי דאַרפ אויכ זיינ אַ קאָלעקטיווער

אָרגאניזאטער. און טאקע אין אזא מין צײַטונג איז פארוואנדלט געוואָרן די „פראוודא״ אינעם פעריאָד פון קאמף קעגן די ליקווידאטערס, פארן אויפהיטן דעם אונטערערד און פארן געווינען די לעגאלע ארבעטער־אָרגאניזאציעס"[1]),—האָט געשריבן דער כ׳ סטאלין.

די „פראוודא״ איז ארויסגעגאנגען אונטער לענינס דירעקטער אָנפירונג. לענין איז אין יענער צײַט אריבערגעפאָרן פון דער שווייץ קיין קראקאָוו (לעבן דער רוסישער גרענעץ). ער פלעגט קימאט יעדן טאָג שיקן אין „פראוודא״ זײַנע ארטיקלען.

דעם נאָענטסטן אָנטייל אין דער אָנפירונג פון דער „פראוודא״ האָט גענומען כ׳ סטאלין (ביז ער איז געווען אין פעטערבורג צום סאָף 1912 יאָר ביזן ארעסט אין פרילינג 1913 יאָר).

אן אקטיוון אָנטייל אין דער „פראוודא״ האָבן גענומען די כ׳כ מאָלאָטאָוו, בובנאָוו, אָלמינסקי, סאָלץ, דעמיאן ביעדני, קרילענקאָ, יענוקידזע א. אנד.

א גרויסע פארטייִשע ארבעט האָט געפירט די באָלשעוויסטישע פראקציע אין דער IV מעלוכע־דומע. בא די וואלן צו דער דומע, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין הארבסט 1912 י., זײַנען אדורכגעגאנגען זיבן ליקווידאטערס און זעקס באָלשעוויקעס. די ליקווידאטערס זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן אין אזוינע ניט־פראָלעטארישע ראיאָנען פון לאנד, ווי טראנסקאווקאז, סיביר א. אנד. אין די ארבעטער צענטערס האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעהאלטן א גלענצנדיקן ניצאָכן. אין די גרעסטע ארבעטער־צענטערס פון לאנד האָבן בא 90% פון אלע ארבעטער, וואָס זײַנען געקומען צו די וואלן, געשטימט פאר די באָלשעוויקעס.

אין דער דומע זײַנען ארײַן די דעפוטאטן־באָלשעוויקעס — ג. אי. פעטראָווסקי (איצט פאָרזיצער פון ווציק), באדייעוו (איצט פאָרזיצער פון מספ״אָ), מוראנאָוו, סאמוילאָוו, שאגאָוו און מאלינאָווסקי (וואָס האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזן פאר א פראָוואָקאטער).

צוגעבנדיק אן אויסערגעוויינלעך גרויסן באטײַט דער ארבעט פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע אין דומע, פלעגט לענין פון אויסלאנד אומיטלבאר אָנפירן מיט איר. פון אויסלאנד פלעגט ער צושיקן די דעפוטאטן־באָלשעוויקעס מאטעריאלן, אָנווײַזונגען וועגן באזונדערע פראגעס. אלע גרונטיקע ארויסטרעטונגען פון די באָלשעוויקעס פלעגן פאָרקומען לויט לענינס דירעקטיוון. לענין האָט אליין צונויפגעשטעלט א גאנצע ריי וויכטיקע רעדעס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געזאָלט האלטן פון דער דומע־טריבונע (אשטייגער, די רעדעס וועגן דער נאציאָנאלער פּאָליטיק, וועגן דער אגראר־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועגן דער פּאָליטיק פון בילדונג־מיניסטעריום, וועגן דעם ערדארבעט־מיניסטעריום א. אנד.).

די דעפוטאטן־באָלשעוויקעס פלעגן ניט איין מאָל פאָרן צו לענינען קיין אויסלאנד, ווו זיי פלעגן באקומען פון אים אָנווײַזונגען וועגן דער ארבעט. אין דעקאבער 1912 יאָר אין קראקאָוו און אין סענטאבער 1913 יאָר אין פּאָראָנין (גאליציע) זײַנען צונויפגערופן געוואָרן פארברייטערטע בעראטונגען פונעם צ״ק רסדא״פ צוזאמען מיט די פארטיי־טוערס. אפ ביידע בעראטונגען איז געשטאנען די פראגע וועגן דער ארבעט פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע אין דומע.

דורך די ארויסטרעטונגען פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע אין דומע האָט די פארטיי פארשטארקט איר ווירקונג אפ די מאסן. די רעדעס פון די באָלשעוויסטישע דעפוטאטן פלעגן ווערן געדרוקט און פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד. לויט די אָנווײַזונגען פון דער פארטיי האָט די דומע־פראקציע דורכגעפירט א גאנצע ריי גרויסע פּאָליטישע קאמפאניעס, וואָס האָבן אויפגערודערט דעם גאנצן ארבעטער־קלאס אין רוסלאנד. אזוי, אשטייגער, איז די ארויסטרעטונג פון דער פראקציע אין דומע וועגן די רעציכעדיקע רעדיפעס פון דער רעגירונג אפ די פראָפפאראיינען אונטערגעהאלטן געווען דורך א מעכטיקן שטרײַק פון 60 טויזנט פעטערבורגער ארבעטער.

[1]) Сборник „О пролетарской печати“, стр. 80, Партиздат, 1932 г.

ניט באגרענעצנדיק זיך מיט דער ארבעט אין די ווענט פון דער דומע, פלעגן די דעפּוטאטן־באָלשעוויקעס האלטן א שטענדיקע פארבינדונג מיט זייערע וויילער־ארבעטער און מיט די אָרטיקע אָרגאניזאציעס, פלעגן פירן לויט די אויפטראָגן פון דער פארטיי א גרויסע אגיטאציאנישע און אָרגאניזאטארישע ארבעט. די באָלשעוויסטישע פראקציע פון דער IV מעלוכע־דומע און די צייטונג „פּראוודא" זיינען גע־ווען די גרונטיקע לעגאלע אָנשפּאר־פּונקטן, וואָס דורך זיי האָט די פארטיי דורכ־געפירט איר רעוואָליוציאָנערע ארבעט אין די מאסן.

ביז אָקטיאבער 1913 י. האָבן די באָלשעוויקעס און ליקווידאטערס אין דער דומע פאָרמעל געבילדעט איין געמיינזאמע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פראקציע, כאָטש פון ערשטן טאָג אָן איז צווישן זיי געגאנגען א פארביסענער קאמף. אויסנוצנדיק די מערהייט פון איין שטים (7 קעגן 6), פלעגן די ליקווידאטערס אָפ אַלערליי אויפאנים שטערן די ארבעט פון די באָלשעוויסטישע דעפּוטאטן, פלעגן זיי ניט לאָזן ארויס־טרעטן פון דער דומע־טריבונע, פלעגן זיי ניט צולאָזן צו פארשיידענע קאָמיסיעס. אין דער גאנצער פראקטישער ארבעט פלעגט דאָס ליקווידאטארישע זיבעלע פירן אַן אָפענע ליקווידאטארישע ליניע. נאָך א לאנגן איינגעשפּארטן קאמף זיינען די דעפּו־טאטן־באָלשעוויקעס, לויט לענינס פאָרשלאָג, ארויסגעטראָטן אין אָקטיאבער 1913 פון דער פאראייניקטער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פראקציע און האָבן געבילדעט א זעלב־שטענדיקע באָלשעוויסטישע פראקציע.

אין צוזאמענהאנג מיט דער שפּאלטונג אין דער דומע־פראקציע האָבן די באָל־שעוויקעס פאנאנדערגעוויקלט אין די מאסן א קאָלאָסאלע ארבעט, דערקלערנדיק די ארבעטער די אָפּאָרטוניסטישע ליניע פון די ליקווידאטערס און די נייטיקייט פון א שפּאלטונג מיט זיי. די איבערוועגנדיקע מערהייט ארבעטער האָבן פולשטענדיק בא־וויליקט די אויפירונג פון די באָלשעוויקעס. אין דער באָלשעוויסטישער פראקציע פלעגן אומופהערלעך שטראָמען רעזאָליוציעס פון ארבעטער, באגריסונגען, שטיצע־צוזאָגן א. אז. וו. פאר אָנדערהאלבן כאדאָשים זיינען אָנגעקומען פארן שטיצן די באָלשעוויקעס 10 טויזנט ארבעטער־אונטערשריפטן, ביים די ליקווידאטערס זיינען קוים געווען בעקויעך אָנצוציילן 4 טויזנט.

דידאָזיקע קאמפּאניע האָט אין צוזאמענהאנג מיט דער שפּאלטונג פון דער דומע־פראקציע נאָך מער פארשטארקט די ווירקונג פון די באָלשעוויקעס אין דער ארבעטער־מאסע.

גרויס אופמערקזאמקייט פלעגט די פארטיי אָפּגעבן אויך דער ארבעט אין די לעגאלע אָרגאניזאציעס—אין די פּראָפאראיינען, קלובן, קראנקן־ און סטראכיר־קאסעס, קאָאָפּעראטיוון. אין הייפעך צו די ליקווידאטערס, וואָס האָבן געפירט א ליניע אָפּ ארויסצוזאָגן יעטווידע פּאָליטיק פון דידאָזיקע אָרגאניזאציעס, האָבן די באָלשעוויקעס געשטרעבט צו פארוואנדלען זיי אין א געציַיג פון פּאָליטישן דערציִען די ארבעטער, אין א פעסטונג פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

די באָלשעוויקעס האָבן אין די יאָרן 1913—1914 געוווּנען אָפּ זייער זייט אַלע גרעסטע פּראָפאראיינען פון יענער צייט: דעם פעטערבורגער מעטאליסטן־פאריין, די פאריינען פון די טעקסטילער, שניידער, האָלץ־ארבעטער, פּריקאַשטשיקעס א. אנד.

אַלע פּרוּוון פון די ליקווידאטערס און פון טראָצקין א קער צו טון די ארבע־טער־באוועגונג אָפּן וועג פון פשאָרעס מיט דער בורזשואזיע האָבן געליטן א פול־שטענדיקע מאפּאָלע. די ארבעטער פלעגן זיי ארויסטרייבן פון די פּראָפאראיינען און פון אנדערע לעגאלע אָרגאניזאציעס, ווו זיי האָט געלונגען זיך צו באזעצן אין די רעאקציע־יאָרן. אינמיטן 1914 יאָר, ווען אין לאנד האָט געהאלטן אין שנעלן אָנוואקסן א נייע רעוואָליוציע, איז די איבערוועגנדיקע מערהייט פונעם ארבע־טער־קלאס געגאנגען נאָך דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

פארשטארקנדיק איר ווירקונג אין דער ארבעטער־מאסע, פלעגט די פארטיי אָפּ־געבן אין די אופשטייג־יאָרן גרויס אופמערקזאמקייט די פּראגעס פון פארטיי־בויונג.

די פּראגע וועגן דער פארטיי־בויונג איז געשטאנען אָפּ דער קראקאָווער און פּאָראָנינער בעראטונגען פונעם צ"ק מיט די פארטיי־טוערס. אָפּן סמאך פון די

באשלוס פונ דידאָזיקע באראטונגענ פלעגט די פארטיי מיט אלע קויכעס פארשטארקנ די פארטיי־קעמערלעכ אפ די אונטערנעמונגענ, פלעגנט שאפנ פראקציעס אינ די פראָפאריינענ און אינ אנדערע לעגאלע געזעלשאפטנ. די פארטיי האָט צוריקגע־שטעלט די צעגראָמירטע אינ די רעאקציע־יאָרנ פארטיי־קאָמיטעטנ און האָט אָרגאני־זירט נייע. אינ יאָר 1913 איז די פארטיי ענערגיש צוגעטראָטנ צום צוריקשטעלנ

י. וו. סטאלינ אינעמ פעריאָד פונ דער טורוכאנער פארשיקונג (1917—1913).

די געגנט־קאָמיטעטנ, צונויפרופנדיק געגנטלעכע באראטונגענ (און — ווו מעגלעכ — אויכ קאָנפערענצנ). דער אופשטייג־פעריאָד איז געווענ א פעריאָד פונ באדייטנדיקער אָרגאניזאציאָנעלער פארפעסטיקונג פונ דער פארטיי.

סאָפ 1913 יאָר, נאָכ דער פאָראָנגער באראטונג, האָט די פארטיי אָנגעהויבנ גרייטנ דאָס צונויפרופנ דעמ אָרדנטלעכנ VI פארטיי־צוזאמענפאָר. דער צוזא־מענפאָר האָט געזאָלט פאָרקומענ אינ אווגוסט 1914 יאָר. אינ פרילינג און זומער 1914 יאָר איז די צוגרייט־ארבעט צום צוזאמענפאָר געווענ אינ פולנ גאנג. דער צ"ק

האָט פאַנאַנדערגעשיקט איבער די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זײַנע פאָרשטייערס, וואָס האָבנ געלייענט פאָרטראָגנ וועגנ צוזאַמענפאָר אונ דורכגעפירט די וואַלנ פונ דעלעגאַטנ. צו יול 1914 יאָר איז שוינ קימאַט די גאַנצע צוגרייט־אַרבעט געווענ פאַרענדיקט. אָבער צוליב דער מילכאָמע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ, האָט מענ דעמ צוזאַמענפאָר געמוזט אָפּלייגנ. ער האָט באַקומענ די מעגלעכקײַט פאָרצוקומענ ערשט נאָכ דער פעווראַל־רעוואָליוציע—אינ יול־אויגוסט 1917 יאָר.

די גרעסטע ראָליע אינעמ אָנפירנ מיט דער גאַנצער פאַרטיי־אַרבעט אינ רוסלאַנד אינ די דאָזיקע יאָרנ האָט געשפּילט דער כ׳ סטאַלינ. אַנטלאָפנ פונ פאַרשיקונג צומ סאָפ 1911 יאָר, האָט כ׳ סטאַלינ געפירט אינ פּעטערבורג אַנ אָנפירנדיקע אַרבעט אינעמ אונטערערד (נאָכ דער פּראַגער קאָנפערענצ—אַלס צ״ק מיטגליד). אינ דערדאָזיקער צײַט האָט כ׳ סטאַלינ דורכגערײַזט לויטנ אויפטראָג פונעמ צ״ק די וויכטיקסטע ראַיאָנענ פונ רוסלאַנד, האָט אָנגעפירט מיט דער צײַטונג „זוועזדאַ״ אינ די טעג פונ די לענער שטרײַקנ אונ האָט גענומענ אַנ אָנפירנדיקנ אָנטייל אינעמ גרינדנ די „פּראַווּדאַ״. אינ אַפּרעל 1912 איז כ׳ סטאַלינ ווידעראַמאָל אַרעסטירט געוואָרנ אונ איז אַרויסגעשיקט געוואָרנ אינ נאַרימער קאַנט. זומער 1912 יאָר אַנטלויפט כ׳ כטאַלינ נאָכאַמאָל פונ דער פאַרשיקונג קיינ פּעטערבורג. פונדאַנענ פאָרט ער אַוועק קיינ קראַקאָוו צו לענינענ, באַטייליקט זיכ אינ דער באַוווסטער קראַקאָווער באַראַטונג פונ די באָלשעוויקעס אינ 1912 יאָר אונ, אומקערנדיק זיכ דערנאָכ קיינ פּיטער, פירט ער אָנ, לויט לענינס אומיטלבאַרע דירעקטיוונ, מיטנ קאַמפ פונ די באָלשעוויקעס בײַס די וואַלנ צו דער IV דומע, מיט דער אַרבעט פונ דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אינ דער IV דומע אונ מיט די באָלשעוויסטישע אָרגאַנענ „זוועזדאַ״ אונ „פּראַווּדאַ״. אינ פרילינג 1913 יאָר איז כ׳ סטאַלינ אַרעסטירט געוואָרנ אונ איז פאַרשיקט געוואָרנ אינ טורוכאַנער קאַנט, ווו ער איז אָפּגעווענ די יאָרנ 1914, 1915, 1916. פונ פאַרשיקונג האָט אימ באַפרײַט ערשט די פעווראַל־רעוואָליוציע אינ 1917 יאָר.

דער קאַמפ פונ דער פאַרטיי מיטנ אָפּאָרטוניזמ אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

זייער אַ גרויסנ באַטײַט האָט די פאַרטיי צוגעגעבנ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די גרויסמעלוכישע פּאָליטיק, ד. ה. די פּאָליטיק פונ ברוטאַלנ אונטערדריקנ די נאַציאָנאַליטעטנ, וואָס די זעלבסטהערשונג האָט געפירט בא דער שפּיצ פונ דער בורזשואַזיע, האָט פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַל־באַפרײַענדיקע באַוועגונג צווישנ די אונטערדריקטע פעלקער פונ רוסלאַנד. די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט דעמלט באַקומענ אַנ אויסערגעוויינלעכ־וויכטיקנ באַטײַט, אַלס פּראָבלעמ וועגנ די רעזערוונ אונ פאַרבינדעטע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ דער רעוואָליוציע. אַ באַזונדערס וויכטיקנ אונ צווישנפעלקערלעכנ באַטײַט האָט די דאָזיקע פראַגע געהאַט אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער זיכ דערנעענטערנדיקער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע.

די באָלשעוויקעס האָבנ געקעמפט פאַרנ רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג אַזש ביזנ מעלוכישנ אָפּטיילנ זיכ. דערדאָזיקער לאָזונג האָט באַטײַט, אַז יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט אָפּצוטיילנ זיכ פונ רוסלאַנד אונ צו שאַפנ אַ זעלבשטענדיקע מעלוכע. די באָלשעוויקעס זײַנענ ניט געווענ אומבאַדינגט פאַרנ צעברעקלענ רוסלאַנד אַפ אַסאַכ קליינע נאַציאָנאַלע מעלוכעס. זיי האָבנ אָבער געהאַלטנ, אַז קיינער האָט ניט קיינ רעכט מיט געוואַלט אײַנצוהאַלטנ דאָס אָדער אַנ אַנדער פאָלק אינעמ באַשטאַנד פונ דער איינהײַטלעכער רוסלענדישער מעלוכע—יעדעס פאָלק דאַרפ אַליינ פרײַ באַשטימענ, צי עס בלײַבט אַ טייל פונ רוסלאַנד אָדער עס טיילט זיכ אויס אינ אַ זעלבשטענדיקער מעלוכע. דערבײַ פלעגט די פאַרטיי דרינגלעכ דערקלערנ, אַז דער קאַמפ קעגנ נאַציאָנאַלנ יאָכ איז ענג פאַרבונדנ מיטנ גאַנצנ קאַמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג אונ

אז דאָס פארווירקלעכנ די גלײַכבארעכטיקונג פונ די נאציעס איז אומעגלעכ אָנ דעם אנטשיידענעמ זיג פונ דער רעוואָליוציע.

פירנדיק א קאמפ פארנ פארווירקלעכנ דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג אוש ביזנ מעלוכישנ אָפטיילנ זיכ, פלעגט די פארטיי באָלשעוויקעס דערלאנגענ דערמיט גופע אנטשיידענע קלעפ דער פאָליטיק פונעמ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ. די ארויסטרעטונג פונ די באָלשעוויקעס אינ דער פרעסע, אפ פארזאמלונגענ, אינ דומע וועגנ דער נאציאָנאלער פראגע פלעגנ האָבנ א גרויסע רעוואָליוציאָנערע ווירקונג אינ לאנד, צוציִענדיק צו די באָלשעוויקעס די סימפאטיעס פונ אלע רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע עלעמענטנ פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ.

פראָפאגאנדירנדיק איר פראָגראמ אינ דער נאציאָנאלער פראגע, פלעגט די פארטיי אינ דערזעלבער צײַט פירנ אנ אײַנגעשפארטנ קאמפ אפ צוויי פראָנטנ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגענ אינ דער נאציאָנאלער פראגע.

פונ איינ זײַט האָט זי אנטשלאָסנ געקעמפט קעגנ די ליקווידאטערס, וואָס האָבנ צוזאמענ מיטנ „בונד“ אונ מיט די גרוזינישע מענשעוויקעס אָפגעוואָרפנ די באָלשעוויסטישע פראָגראמ אינ דער נאציאָנאלער פראגע אונ האָבנ ארויסגערוקט דעם אָפּאָרטוניסטישנ לאָזונג פונ „קולטור־נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע“[1]. די פאָדערונג וועגנ „קולטור־נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע“ איז באשטאנענ אינעמ דערשלאָגנ זיכ אפ א פרידלעכנ, רעפאָרמיסטישנ אויפנ, אָנעמ אראָפוואורפנ די זעלבסטהערשערישע אָרדענונג, פאר די אונטערדריקטע נאציעס דאָס רעכט זעלבשטענדיק אָנצופירנ מיט זייערע קולטורעלע איניאָנימ: אָרגאניזירנ שולנ, ארויסגעבנ אפ דער מוטער־שפראכ ליטעראטור א. א. וו. די פארטיי האָט אָנ ראכמאָנעס דעמאסקירט דידאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע פאָדערונג, דערווײַזנדיק, אז די ליקווידאטערס אונ די בונדיסטנ פארנעמענ אינ דער נאציאָנאלער פראגע, פונקט ווי אינ אלע איבעריקע רעוואָליוציע־פראגעס, בורזשואז־ליבעראלע פאָזיציעס, זײַענדיק דירעקטע מיטהעלפערס אונ אגענטנ פונ דער בורזשואזיע אינ דער ארבעטער־באוועגונג.

פונ דער אנדערער זײַט האָבנ דעמ לאָזונג פונ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס אָפגעוואָרפנ די פוילישע סאָציאל־דעמאָקראטנ (ר. ליוקסעמבורג, טישקאָ, ראדעק א. אנד.). זיי פלעגנ טײַנענ, אז דער פראָלעטאריאט איז ניט פארינטערעסירט אינעמ לייזנ די נאציאָנאלע פראגע אונ אז דער קאמפ פאר דער נאציאָנאלער באפרײַונג וועט קלוימערשט אָפציִענ דעמ פראָלעטאריאט פונ זײַנע גרונט־אויפגאבעס — פונעמ קאמפ מיטנ קאפיטאל, פונעמ קאמפ פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

די באָלשעוויקעס מיט לענינענ אונ סטאלינענ אינ שפיצ האָבנ פאנאנדערגעוויקלט א קאמפ אויכ קעגנ דעמדאָזיקנ אָפנויג אינ דער נאציאָנאלער פראגע, דערקלערנדיק, אז אזא מינ ניט־דערשאצנ די נאציאָנאלע פראגע גיסט וואסער אפ דער מיל פונעמ גרויסמעלוכישנ שאָוויניזמ, פירט צומ אָפזאָגנ זיכ פונ דער העגעמאָניע פונעמ פראָלעטאריאט אינ דעמ נאציאָנאל־באפרײַענדיקנ קאמפ, לאָזט איבער די ארבעטנדיקע מאסנ פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ אינגאנצנ אונטער דער אָנפירונג פונ זייער נאציאָנאלער בורזשואזיע.

פירנדיק א קאמפ קעגנ די ליקווידאטערס אונ קעגנ ר. ליוקסעמבורגס אָנהענגערס, פאר א ריכטיקער לייזונג אונ באנעמונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינ די רייענ פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, האָט די פארטיי אינ דערזעלבער צײַט געקעמפט קעגנ די קליינבירגערלעכע, נאציאָנאליסטישע שטימונגענ אינ די מאסנ פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ. די נאציאָנאלע בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס האָט געשטרעבט אָפצורײַסנ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ איר נאציע פונ דער אלגעמיינ־רוסלענדישער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אונ זיי אונטערצוווארפנ אונטער איר אָנפירונג.

די פארטיי באָלשעוויקעס האָט געפירט אנ אײַנגעשפארטנ קאמפ פארנ אופדעקנ דידאָזיקע בורזשואזע פאָליטיק, פארנ ניט געבנ קיינ מעגלעכקײַט דער נאציאָנאלער

---

[1] א ו ט אָ נ אָ מ י ע — זעלבסטפארוואלטונג.

בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס צו פירנ נאָכ זיכ די ארבעטנדיקע מאסנ, פריער פאר אלצ דאָס פויערטומ.

די פארטיי האָט געהאלטנ אינ איינ באטאָנענ די נייטיקייט צו פאראייניקנ דעמ פראָלעטאריאט פונ אלע נאציאָנאליטעטנ אינ רוסלאנד אינ איינהייטלעכע פראָלעטאַרישע אָרגאניזאציעס (אינ אנ איינהייטלעכער פארטיי, וואָס פאראייניקט די פאָרגעשריטענע ארבעטער פונ אלע נאציאָנאליטעטנ, אינ איינהייטלעכע פראָפאראיינענ א. א. וו.). די פארטיי האָט ענערגיש געקעמפט קעגנ דער שטרעבונג צו אָפּזונדערונג, א שטרעבונג, וואָס איז געווענ באמ „בונד" אונ בא די פוילישע אונ לאטווישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ.

לענינס ארבעטנ וועגנ דער נאציאָנאלער פראגע, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד („וועגנ דעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג" א. אנד.) האָבנ געהאט א קאָלאָסאל־גרויסנ אינטערנאציאָנאלנ באטייט אינעמ אנטוויקלענ די מארקסיסטישע טעאָריע אינ דער נאציאָנאלער פראגע אונ אינעמ דעמאסקירנ די אָפּאָרטוניסטישע טעאָריעס, וואָס זיינענ ברייט געווענ פארשפרייט אינעמ II אינטערנאציאָנאל.

אנ אומגעהייער וויכטיקנ באטייט האָט געהאט דער קאמפ פאר דער לענינישער ליניע אינ דער נאציאָנאלער פראגע, וואָס עס האָט געפירט אינ דידאָזיקע יאָרנ דער כ' סטאלינ. אינ זיינ ארבעט פארנ דאָזיקנ פעריאָד „מארקסיזמ אונ די נאציאָנאלע פראגע", אָפּגעדרוקט צומ ערשטנ מאָל אינ 1913 י., האָט כ' סטאלינ אנטוויקלט די באָלשעוויסטישע טעאָריע וועגנ דער נאציאָנאלער פראגע אונ האָט דעמאסקירט די אָפּאָרטוניסטישע טעאָריעס, וואָס האָבנ געהערשט אינעמ II אינטערנאציאָנאל. דעמאסקירנדיק די ליקווידאטעריש־בונדיסטישע פראָגראמ וועגנ דער „קולטור־נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע", דערווייזנדיק איר בורזשואזנ טאָכ, האָט כ' סטאלינ אויספירלעכ באגרינדעט די נאציאָנאלע פראָגראמ פונ אונדזער פארטיי. דידאָזיקע ארבעט פונעמ כ' סטאלינ איז געווענ א דירעקטע אטאקע אפ די אויסטראָ־מארקסיסטנ, וואָס האָבנ מיט א באזונדערנ פלייס זיכ פארנומענ מיט אָפּאָרטוניסטישנ וולגאריזירנ די נאציאָנאלע פראגע. לענינ האָט אינ 1913 יאָר באזונדערס אונטערגעשטראָכנ דעמ וויכטיקנ באטייט פונ כ' סטאלינס ארבעטנ וועגנ דער נאציאָנאלער פראגע. ריידנדיק וועגנ דעמ קאמפ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבנ געפירט אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד פאר דער רעוואָליוציאָנערער ליניע אינ דער נאציאָנאלער פראגע, האָט לענינ געשריבנ:

> „אינ דער טעאָרעטישער מארקסיסטישער ליטעראטור איז דידאָזיקע זאכלאגע אונ די יעסוידעס פונ דער נאציאָנאלער פראָגראמ פונ דער ס"ד שוינ געווענ באלויכטנ די לעצטע צייט (אינ דער ערשטער ריי צייכנט זיכ דאָ אויס סטאלינס ארטיקל)" [1].

דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס מיט די אָפּאָרטוניסטנ אינעמ II אינטערנאציאָנאל אינ די יאָרנ פונ רעאקציע אונ אופשטייג.

דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס אינ די יאָרנ פונ רעאקציע אונ אופשטייג האָט געהאט דעמ גרעסטנ באטייט פאר דער גאנצער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג. אָנשטאָט דער פרידלעכער ארבעט, וואָס די סאָציאליסטישע פארטייענ האָבנ געפירט אינ די פארלאמענטנ פונ די קאפיטאליסטישע לענדער, האָבנ די באָלשעוויקעס געוויזנ, וויאזוי מע דארפ אויסנוצנ דאָס באטייליקנ זיכ אינעמ בורזשואזנ פארלאמענט אפ צוגרייטנ די רעוואָליוציע, אונ ניט אפ אויסצוקליאנטשענ בא דער בורזשואזיע קליינע נעדאָוועלעכ פאר די ארבעטער.

מיט זייער רעוואָליוציאָנערער ארבעט אינ די פראָפאראיינענ האָבנ די באָלשעוויקעס געוויזנ, וויאזוי מע דארפ צוגרייטנ דורכ זיי די ארבעטער־מאסנ צו דער קומענדיקער רעוואָליוציע, אריבערטראָגנדיק דעמ צענטער פונ זייער גאנצער ארבעט אינ די

---

1) Ленин, т. XVII, стр. 116

פאבריקנ און זאוואָדנ, האָבנ די באָלשעוויקעס געוויזנ, אז בלויז אפ אזא אויפנ קענ די פארטיי ווירקלעכ געווינענ די מערהײַט פונעם ארבעטער־קלאס.

די באָלשעוויקעס האָבנ געגעבנ א מוסטער פונ צונויפפאָרנ די אומלעגאלע ארבעט־פאָרמעס מיט די לעגאלע און האָבנ געוויזנ, וויאזוי מע דארפ אוועקשטעלנ די ארבעטער־פרעסע. די באָלשעוויקעס האָבנ געגעבנ א מוסטער פונ קאמפ פאר דער אָנפירונג מיט די ארבעטנדיקע מאסנ פונעם פויערטום און פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ.

די באָלשעוויקעס האָבנ געוויזנ, וויאזוי מע דארפ אָנפירנ מיט דער שטײַגנדיקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, אופהייבנדיק זי אפ אנ אלצ גרעסערער הייכ, דערפירנדיק דעם שטרײַק־קאמפ פונ די ארבעטער ביז צו א באוואָפנטנ אופשטאנד.

ענדלעכ, האָבנ די באָלשעוויקעס געגעבנ א מוסטער פונ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ מיטנ אָפּאָרטוניזם פונ רעכטס און פונ „לינקס" און מיט דער שאָלעמ־מאכערײַ צו אים. די באָלשעוויקעס האָבנ געוויזנ, וויאזוי די פראָלעטארישע פארטייענ דארפנ אָפּרייניקנ זייערע רייענ פונ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, דערפירנדיק דעם קאמפ ביז אנ אנטשיידענער שפאלטונג מיט זיי.

דער גאָרער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס אינ די יאָרנ פונ רעאקציע און אופשטײַג אינ רוסלאנד האָט געהאט דעמ גרעסטנ אינטערנאציאָנאלנ באטײַט, זײַענדיק א מוסטער פונ עכטנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פאר דער ארבעטער־באוועגונג פונ אלע לענדער. דאָס איז געווענ א מוסטער, וויאזוי עס בויט און וויאזוי עס פירט דעם קאמפ די פראָלעטארישע *פארטיי פונעם נײַעמ טיפ*.

אינ פארלויפ פונ דער גאנצער עפּאָכע פונ דער רעאקציע און אופשטײַג האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ מיטנ אָפּאָרטוניזם אינעמ II אינטערנאציאָנאל, שטרעבנדיק איבערצוגעבנ די מײַרעוו־אייראָפּײַישע ארבעטער די רעוואָליוציאָנערע דערפארונג פונעם באָלשעוויזם.

די באָלשעוויקעס פלעגנ ארויסטרעטנ אפ די קאָנגרעסנ פונעם II אינטערנאציאָנאל און אינ דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ביוראָ, אינ וועלכער עס איז ארײַנגעגאנגענ לענינ.

די מערהײַט פונעם II אינטערנאציאָנאל האָט פארנומענ אינ די גרונט־פראגעס פונ דער רעוואָליוציע דיזעלבע פּאָזיציע, וואָס די רוסישע ליקווידאטערס און די טראָצקיסטנ. די אָנפירונג פונעם II אינטערנאציאָנאל, בפרט קאוטסקי, פלעגט שטיצנ די ליקווידאטערס אינעמ קאמפ מיט די באָלשעוויקעס און האָט ניט איינמאָל פאר דער מילכאָמע געפרוווט „מאכנ שאָלעמ" צווישנ די באָלשעוויקעס און די אָפּאָרטוניסטנ, וועלנדיק אונטערווארפנ די באָלשעוויקעס אונטער די אָפּאָרטוניסטנ.

ערעוו דעמ אָנהייב פונ דער מילכאָמע (אינ יול 1914 י.) האָט די אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטישע ביוראָ פונעם II אינטערנאציאָנאל צונויפגערופנ אינ בריוסעל א בארעטונג פונ די באָלשעוויקעס, ליקווידאטערס, טראָצקיסטנ, ווּפּעריאָדאָווצעס, לאטווישע, פוילישע סאָציאל־דעמאָקראטנ א. אנד. אפ דער דאָזיקער בארעטונג איז, ניט געקוקט אפ דעמ פּראָטעסט פונ די באָלשעוויקעס, לויט קאוטסקיס פאָרשלאָג, אָנגענומענ געוואָרנ א באשלוס וועגנ דער נייטיקײַט פאר דידאָזיקע אלע שטרעמונגענ צו פאראייניקנ זיכ אינ אנ איינהײַטלעכער פארטיי. ווענ די באָלשעוויקעס האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט זיכ אונטערצוווארפנ דעמדאָזיקנ באשלוס, איז דער סעקרעטאר פונ דער ביוראָ הויסמאנס ארויסגעטראָטנ מיט דראָונגענ קעגנ די באָלשעוויקעס, וועלכע זאָגנ זיכ אָפּ פונ איינײקײַט מיט די אָפּאָרטוניסטנ.

אינ קעגנשטעל צומ II אינטערנאציאָנאל, וואָס האָט זײַנ גאנצע טאקטיק דערפירט צו א פרידלעכער רעפאָרמיסטישער ארבעט, האָט לענינ אונטערגעשטראָכנ דעמ אָנוווקס פונ דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע אינ דער גאנצער וועלט און די דערנענטערונג פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. אינ העסקעמ מיט דעמ האָט לענינ געקעמפט פאר אנ אקטיווער רעוואָליוציאָנערער טאקטיק אינ אלע לענדער, פאר אנ אנטשיידענער צעגראָמירונג פונעם אָפּאָרטוניזם, וואָס איז געווענ די גרונט־שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונעם רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונעם אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט.

9—898

אינ צוזאמענהאנג מיטנ שטוטגארטער קאָנגרעס פונעמ II אינטערנאציאָנאל אינ יאָר 1907 האָט לענינ אינ דער פראגע וועגנ דער דראָענדיקער מילכאָמע דעמאסקירט מיט דער גאנצער שארפקײַט די פירערס פונעמ צווייטנ אינטערנאציאָנאל, וועלכע האָבנ מיט פראזעס אונ רעזאָליוציעס אײַנגעשלעפערט די וואכזאמקײַט פונ די מאסנ, האָבנ זיי אָפגעצויגנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, האָבנ געהאָלפנ דער בורזשואזיע אינדערשטיל זיכ צו גרייטנ צו דער קומענדיקער מילכאָמע. וועגנ די אָפענע אָפאָרטוניסטנ (אשטייגער, וועגנ דעמ דײַטשישנ סאָציאל־דעמאָקראט פאָלמאר) האָט לענינ פאָשעט געמאָלדנ, אז באוויליקנדיק דעמ וווּקס פונ דער באוואָפענונג, שטייענ זיי פולשטענדיק אפ דער זײַט פונ זייער בורזשואזיע, העלפנ אקטיוו דער צוגרייטונג פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. לענינ איז ווײַטער שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ בעבעלנ, וואָס, ניט שטעלנדיק זיכ אינגאנצנ אפ דער פאָזיציע פונ די אָפענע אָפאָרטוניסטנ, האָט ער אינ דערזעלבער צײַט אינ זײַנ רעזאָליוציע, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרנ דעמ שטוטגארטער קאָנגרעס, אויסגעמיטנ די פראגע וועגנ די קאָנקרעטע מיטלענ פונ קאמפ קעגנ דעמ מיליטאריזמ. לענינ האָט געוויזנ, אז בעבעלס האלביקע רעזאָליוציע, ניט געקוקט אפ די „לינקע" פראזעס, האָט צו גאָרניט מעכײַעוו געווענ די סאָציאליסטישע פארטייענ אונ אדאנק דעמ האָט זי פאקטיש בלויז געהאָלפנ דעמ אָפענעמ אָפאָרטוניזמ. אפנ קאָנגרעס גופע האָט לענינ צוזאמענ מיט ר. ליוקסעמבורג ארײַנגעטראָגנ אויסבעסערונגענ צו דער רעזאָליוציע, ווו ער האָט געשטעלט די פראגע וועגנ דער נייטיקײַט פונ א פראקטישנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ קעגנ דער מילכאָמע אונ האָט אָנגעוויזנ די קאָנקרעטע וועגנ פונ דעמדאָזיקנ קאמפ. לענינ האָט אונטערגעשטראָכנ, אז די אויפגאבע פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע איז צו קעמפנ ניט בלויז קעגנ דעמ אנטשטיינ פונ דער מילכאָמע, נאָר אויכ דערפאר, אז אינ פאל פונ א מילכאָמע זאָל מענ זי אויסנוצנ אפ אראָפצוווארפנ די בורזשואזיע, אפ א רעוואָליוציע.

לענינ פלעגט דעמאסקירנ קאוטסקינ, וועלכער פלעגט פארווישנ דעמ אָפאָרטוניסטישנ כאראקטער פונ דער פאָליטיק פונ דער ענגלישער ארבעטער־פארטיי (אינ 1908 יאָר). לענינ האָט ניט איינמאָל אויפגעדעקט קאוטסקיס אָפאָרטוניסטישע פעלערנ אונ זײַנ שאָלעמ־מאכערײַ צו יעטווידער אנטפלעקונג פונ אָפאָרטוניזמ, זײַנ אָפזאָגנ זיכ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, זײַנ פרינציפלאָזיקײַט אינ פראגעס פונ טעאָריע א. אז. וו.

אינ 1909 יאָר איז לענינ אנטשלאָסנ ארויסגעטראָטנ צו פארטיידיקנ די לינקע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אינ דער האָלענדישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי, קעגנ דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ביוראָ, וואָס האָט געשטיצט די אָפאָרטוניסטנ אינ האָלאנד.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ קאָפענהאגענער קאָנגרעס פונעמ II אינטערנאציאָנאל (אינ 1910 יאָר) האָט לענינ שוינ אָפנ געמאָלדנ, אז די דײַטשישע סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי, די אָנפירנדיקע פארטיי פונעמ II אינטערנאציאָנאל, האָט ארויסגעוויזנ א פולשטענדיקע אומפייִקײַט צו פירנ א קאָנסעקווענטע ליניע, אז אירע פירערס קאפיטולירנ פארנ אָפאָרטוניזמ.

אזויארומ פלעגנ לענינ אונ די באָלשעוויקעס סיסטעמאטיש אויפדעקנ יעדע קאָנקרעטע דערשײַנונג פונעמ אָפאָרטוניזמ אינ דער ארבעט פונעמ II אינטערנאציאָנאל אונ פונ באזונדערע סאָציאליסטישע פארטייענ.

אינ דערזעלבער צײַט פלעגנ די באָלשעוויקעס ארויסווײַזנ אלערליי הילפ אונ שטיצע די לינקע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיכ אויסגעפאָרמירט אינ די סאָציאליסטישע פארטייענ פונ מײַרעוו־אייראָפע. די באָלשעוויקעס פלעגנ דירעקט *שטויסנ* די לינקע אפ א שפאלטונג מיט די אָפאָרטוניסטנ. לענינ האָט ענערגיש געשטיצט די שפאלטונג מיט די אָפאָרטוניסטנ, די שפאלטונג, וואָס עס האָבנ דורכגעפירט די לינקע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אינ האָלאנד, איטאליע אונ אנדערע לענדער. בעשאס דעמ שטוטגארטער (אינ יאָר 1907) אונ קאָפענהאגענער (אינ יאָר 1910) קאָנגרעסנ פונעמ צווייטנ אינטערנאציאָנאל האָט לענינ צונויפגערופנ ספעציעלע באראטונגענ פונ די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ, שטרעבנדיק צונויפשמידנ זיי צומ

קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ. די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראטנ אָבער האָבנ אינ יענער צײַט פאָרגעשטעלט א שוואכע, ניט קיינ אויסגעפאָרמירטע, אידעאָלאָגיש ניט קיינ אונטערגעשמידטע גרופּע, וואָס האָט, ווי כ׳ סטאלינ זאָגט, מוירע געהאט אפילע ארויסצוברענגענ פארנ מויל דאָס וואָרט „איינרײַס״, „שפּאלטונג״.

די לינקע [1] האָבנ אָנ צווייפל געהאט א גאנצע רײ פאַרדינסטנ אונ רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ קעגנ דער פשאָרעדיקער אָנפירונג פונעמ II אינטערנאציאָנאל. זיי פלעגנ קעמפנ קעגנ דער שאָלעמ־מאכערישער פּאָזיציע פונ קאוטסקינ אונ בעבעלנ צו די אָפענע אָפּאָרטוניסטנ — בערנשטיינ א. אנד., פלעגנ פאָדערנ אויסצושליסנ בערנשטייגענ פונ דער פּארטיי. נאָכ דער רעוואָליוציע פונ יאָר 1905 האָבנ זיי געפאָדערט אינ דײַטשלאנד אריבערצוגיינ צו א מער ענערגישנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. ר. ליוקסעמבורג האָט גערופנ די גאנצע ארבעטער־באוועגונג אָפּצולערנענ זיכ פונ די גרויסע לעקציעס פונ דער רוסישער רעוואָליוציע. די לינקע פלעגנ ארויסטרעטנ קעגנ דער אָנפירערשאפט פונ דער דײַטשישער ס״ד, וואָס האָט געפירט א ליניע אפ אָפּצושוואכנ דעמ קלאסנקאמפ. טאקע דערפאר פלעגנ די באָלשעוויקעס זיי שטיצנ.

אָבער באגלײַכ מיט דעמ פלעגנ די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראטנ מאכנ א גאנצע רײ זייער ערנסטע פּאָליטישע פעלערנ. זיי פלעגנ זיכ פאנאנדערגיינ מיט די באָלשעוויקעס אינ דער נאציאָנאלער אונ פויערשער פראגע, וועגנ דער העגעמאָניע פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער רעוואָליוציע. זיי פלעגנ פארטיידיקנ די מענשעוויסטישע טעאָריע פונ פערמאנענטער רעוואָליוציע. זיי פלעגנ ארויסטרעטנ קעגנ די באָלשעוויקעס אינ דער פראגע וועגנ דער נייטיקײַט צו שאפנ א פּארטיי פונ א נײַעמ טיפּ. זיי פלעגנ זיכ פאנאנדערגיינ מיטנ באָלשעוויזמ אינ דער פראגע וועגנ דער ראָליע פונ די סאָוועטנ אונ פונ די פראָפאריינענ. אינ א רײ גרונטיקע פראגעס פונ דער רעוואָליוציע האָבנ זיכ די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראטנ נאָכ ענדגילטיק ניט באפרײַט פונעמ אָפּאָרטוניסטישנ באלאסט. זיי האָבנ זיכ ניט געקענט באשליסנ אפ א קאָנסעקווענטנ קאמפ מיטנ אָפּאָרטוניזמ ביז צו א שפּאלטונג. דעריבער, שטיצנדיק די לינקע, בפראט די דײַטשישע „לינקע ראדיקאלנ״, האָבנ די באָלשעוויקעס געמוזט אנטשלאָסנ קריטיקירנ זייערע האלבמענשעוויסטישע פעלערנ, אויפדעקנ זייער אומאנטשלאָסנקײַט, אומקאָנסעקווענטקײַט, זייער נאָכגעבנ די אָפּאָרטוניסטנ. די באָלשעוויקעס זײַנענ געווענ די איינציקע פּארטיי, וואָס האָט נאָכ לאנג פאר דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע ענדגילטיק צעריסנ מיט די אָפּאָרטוניסטנ אונ האָט קאָנסעקווענט דורכגעפירט די ליניע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ. די באָלשעוויקעס זײַנענ געווענ די איינציקע פּארטיי, וואָס איז נאָכנ דערקלערנ די מילכאָמע געווענ בעקויעכ זיכ צו שטעלנ אינ שפּיצ פונעמ קאמפ פארנ שאפנ א נײַעמ, רעוואָליוציאָנערנ III אינטערנאציאָנאל.

ליטעראטור צום זיבעטנ קאפיטל.

Ленин, Революционний под’ем, Соч., т. XV, стр. 538.

Ленин, Резолюции Пражской конференции, Соч., т. XV, стр. 376—391.

Ленин, О нарушении единства, прикрываемом криками о единстве, Соч., т. XVII, стр. 377—394.

Ленин, Ликвидаторы против революционной массовой стачки, Соч., т. XV, стр. 544—545.

Ленин, Материалы к вопросу о борьбе внутри социал-демократической думской фракции, Соч., т. XVII, стр. 43—56.

Ленин, О праве наций на самоопределение, Соч., т. XVII, стр. 425—474.

---

1) אינ דײַטשלאנד זײַנענ אינ דער שפּיצ פונ די לינקע געווענ: ראָזע ליוקסעמבורג, קלארא צעטקינ, ק. ראדעק, טישקאָ, מארכלעווסקי א. אנד. מע האָט זיי גערופנ „לינקע ראדיקאלנ״.

Ленин, Международный социалистический конгресс в Штутгарте, Соч., т. XII, стр. 84—93.

Ленин, Горючий материал в мировой политике, Соч., т. XII, стр. 304—309.

Ленин, Воинствующий милитаризм и антимилитаристская тактика социал-демократии, Соч., т. XII, стр. 311—319.

Ленин, Чему не следует подражать в немецком рабочем движении, Соч. т. XVII, стр. 333—336.

Сталин, О некоторых вопросах истории большевизма, „Вопросы ленинизма“ стр. 604—614.

Сталин, Национальный вопрос и марксизм.

אכטער קאפיטל.

די פארטײַ אינ די יאָרנ פונ דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע.

די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע.

דעמ 1 אווגוסט 1914 יאָר האָט זיכ אָנגעהויבנ די אימפעריאַליסטישע וועלט־מילכאָמע. אינ איר האָבנ זיכ באַטייליקט אינ אלגעמיינ באַ 25 פארשיידענע מעלוכעס. אפ איינ זײַט האָבנ מילכאָמע געהאלטנ: רוסלאנד, ענגלאנד, פראנקרײַכ, איטאַליע (פונ פרילינג 1915 י.), בעלגיע, די אמעריקאנישע פאריייניקטע שטאַטנ (פונ פרילינג 1917 י.), רומעניע, יאפאָניע א. אנד.; אפ דער אנדערער זײַט זײַנענ געווענ: דײַטשלאַנד, עסטרײַכ־אונגארנ, בולגאריע, טערקײַ. אינ אלע מילכאָמע־האלטנדיקע לענדער זײַנענ גערופנ געוואָרנ אינ דער ארמיי ארײַנ באַ 70 מיליאָנ מענטשנ.

די אימפעריאַליסטישע רעגירונגענ האָבנ געהיימ צוגעגרייט דידאָזיקע מילכאָמע נאָכ לאנג איידער זי איז דערקלערט געוואָרנ. די ענגלישע אונ פראנצויזישע בורזשואזיע האָט געשטרעבט צו פארכאפּנ די דײַטשישע קאָלאָניעס, צו פארניכטנ דעמ שנעלוואקסנדיקנ קאָנקורענט — דײַטשלאַנד. פונ דער אנדערער זײַט, האָט די עסטרײַכ־דײַטשישע בורזשואזיע געשטרעבט צו צעקלאַפּנ די רײַכערע קאָנקורענטנ — ענגלאנד, פראנקרײַכ, בעלגיע אונ אפ זייער כעזשבנ צו פארברייטערנ די אייגענע קאָלאָניעס. אכוץ דעמ האָט די עסטרײַכ־דײַטשישע בורזשואזיע זיכ געסטאַרעט מיט דער הילפ פונ א מילכאָמע צו דערשטיקנ די שטרעבונג צו נאַציִאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט באַ די דאָרעמ־סלאַווישע פעלקער — באַ די סערבנ א. אנד. די צארישע רעגירונג האָט זיכ געגרייט צו דער מילכאָמע, קעדיי צו פארכאפּנ באַ עסטרײַכ־אונגארנ גאַליציע, באַ טערקײַ — קאָנסטאַנטינאָפּאָל אונ ארמעניע.

אינ דערזעלבער צײַט האָט די בורזשואזיע פונ אלע לענדער געשטרעבט אָפּצוציִענ דורכ דער מילכאָמע די אופמערקזאַמקײַט פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ קאמפ, צו צעשפּאלטנ אונ אָנצורייצנ איינע אפ די אנדערע די ארבעטער פונ פארשיידענע נאַציִאָנאַליטעטנ, אויסצוראָטנ אינ דער מילכאָמע דעמ בעסטנ טייל ארבעטער אונ דערמיט גופע אָפּצושוואכנ די רעוואָליוציִאָנערע באַוועגונג פונעמ פראָלעטאַריאַט.

קעדיי צו קענענ פארפירנ די מאסנ, קעדיי צו צווינגענ זיי צו גיינ געהאָרכזאַמ צו דער שכיטע, האָט די בורזשואזיע פונ אלע לענדער פאנאנדערגעוויקלט א צעיר־שעטע ליגנערישע אגיטאַציע, דערווײַזנדיק, אז גראָד אפ איר לאַנד איז מענ אָנגעפאלנ, אז זי איז געצווונגענ צו פארטיידיקנ דאָס פאָטערלאַנד, קעדיי דער פײַנט זאָל זיכ אינ דעמ ניט ארײַנרײַסנ, אז זי פירט א קאמפ אויסשליסלעכ פאר דער באפרײַונג פונ די פעלקער, אונטערגעדריקטע דורכנ פרעמדנ אימפעריאַליזמ. דערשטיקנדיק מיט רעציכע יעטווידע אומצופרידנקײַט מיט דער מילכאָמע, האָט די בורזשואזיע אופגעהויבנ אינ אלע לענדער א כוואַליע שאָוויניזמ (נאַציִאָנאַלנ האס), העצנדיק איינע קעגנ די אנדערע די ארבעטנדיקע פונ פארשיידענע נאַציִאָנאַליטעטנ. די ערשטע צײַט איז דער בורזשואזיע געלונגענ אָפּצונארנ מער־ווייניקער באַדײַטנדיקע שיכטנ ארבעטנדיקע, זיי אײַנצורעדנ, אז די מילכאָמע ווערט געפירט קעדיי צו פארטיידיקנ דאָס פאָטערלאַנד פונעמ פארהאסטנ פײַנט. פאר דער רעוואָליוציִאָנערער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע איז געשטעלט געוואָרנ די קאָלאָסאַל־וויכטיקע אופגאַבע — אופצודעקנ דעמדאָזיקנ בורזשואזנ שווינדל.

דער קראַך פונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

די מילכאָמע האָט ענדגילטיק אופגעדעקט דעם אָפּאָרטוניסטישן פּאָנעם פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. אַפ די קאָנגרעסן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל איז פאַר דער מילכאָמע ניט איינמאָל געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער געפאַר פון אַן אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע (אַפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס אין יאָר 1907, אַפן קאָפּענהאַגענער — אין 1910 י., אַפן באַזעלער — אין 1912 י.). קעדיי צו באַרויִקן די מאַסן, פלעגט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אָננעמען גרויזאַמע רעזאָליוציעס קעגן דער מילכאָמע. דידאָזיקע רעזאָליוציעס פלעגן אָבער בלײַבן אַפן פּאַפּיר. קיין שוםווירקלעכן קאַמף קעגן דעם וווקס פון די באַוואָפענונגען און מילכאָמע-צוגרייטונגען האָט דער II אינטערנאַציאָנאַל ניט געפירט.

נאָכדעם ווי די מילכאָמע איז דערקלערט געוואָרן, זײַנען די פירערס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע גרונטיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער גלײַך אָפּגן אריבער אַפ דער זײַט פון זייער בורזשואַזיע. די דײַטשישע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן דעם 4 אויגוסט 1914 יאָר געשטימט אין זייערע פּאַרלאַמענטן פאַר די מילכאָמע-קרעדיטן, פּאַרן שטיצן זייערע רעגירונגען אין דערדאָזיקער מילכאָמע. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין דײַטשלאַנד, בעלגיע, פראַנקרײַך, ענגלאַנד און אַנד. לענדער זײַנען אַפ דער אײַנלאַדונג פון דער בורזשואַזיע ארײַנגעטראָטן אַלס מיניסטאָרן אינעם באַשטאַנד פון די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט אין יעדן לאַנד זיך אינגאַנצן געשטעלט אַפ דער בורזשואַזער פּאָזיציע פון פּ אָ ט ע ר ל א נ ד-ש ו צ. אויספירנדיק די באַשטעלונג פון דער בורזשואַזיע, האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירערס גענומען רופן די מאַסן צו שטיצן די מילכאָמע, באַרעכטיקנדיק זי דערמיט, וואָס דער פײַנט איז אָנגעפאַלן אַפ זייער לאַנד און האָט געצוווּנגען די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע צו פאַרטיידיקן דאָס פּאָטערלאַנד פונעם אָנפאַל מיצאַד דעם פרעמדלענדישן אימפּעריאַליזם. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון די מילכאָמע-האַלטנדיקע לענדער פלעגן אָנווענדן אַלע זייערע קרעפטן אַפ אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פונעם קלאַסנקאַמף, פון שטרײַקן, צו צווינגען זיי שטילשווײַגנדיק אריבערצוטראָגן די עקספּלואַטאַציע, וואָס איז מוירעדיק אויסגעוואַקסן אין דער מילכאָמע-צײַט.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַגיטאַטערס פלעגן איבערצײַגן די אַרבעטער צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער מילכאָמע, צו גיין אַפן פראָנט א. א. וו. די אַרבעטער פלעגט מען אײַנרעדן, אַז בעשאַס דער מילכאָמע, איבער דער געפאַר מיצאַד דעם געמײַנזאַמען פײַנט, דאַרפן זיי געדולדיק אריבערטראָגן דאַכקעס און נויט און אָפּגעבן דעם „פּאָטערלאַנד" אַלע זייערע קרעפטן.

אריבערגייענדיק אַפ דער זײַט פון זייער בורזשואַזיע, האָבן די פירערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל פאַראַטן די אַרבעטער-באַוועגונג. האַנדלענדיק אין אַן ענגער מיטאַרבעט מיט זייערע רעאַקציאָנערע רעגירונגען, האָבן זיי פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ווילדע העצע קעגן אַלע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, פלעגן העלפן ארויסצוטרײַבן די אַקטיווסטע אַרבעטער פון די זאַוואָדן א. א. וו. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן זיך אַזויאַרום ענדגילטיק אַראָפּגעקײַקלט צום ס אָ צ י אַ ל-ש אָ וו י נ י ז ם. סאָציאַל-שאָוויניסטן — דאָס זײַנען אַזוינע סאָציאַליסטן, וואָס שטיצן אָפן די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון זייער בורזשואַזיע, זאָגן זיך אָפּ אָפן פונעם קלאַסנקאַמף, שטרעבן אָפן צו אונטערדריקן פרעמדע פעלקער.

די אָנגעזעענסטע פאָרשטייערס פונעם סאָציאַל-שאָוויניזם זײַנען געווען: פּלעכאַנאָוו און פּאָטרעסאָוו (אין רוסלאַנד), שיידעמאַן און זידעקום (אין דײַטשלאַנד), וואַנדערוועלדע (אין בעלגיע), אַלבער טאָמאַ און רענאָדעל (אין פראַנקרײַך), הענדערסאָן (אין ענגלאַנד) א. אַנד.

דערדאָזיקער פאַראַט פון די סאָציאַליסטישע פירערס איז בעשומויפן ניט געווען קיין צופעליקײַט. ער איז געווען צוגעגרייט דורך דער גאַנצער פּאָריקער געשיכטע

פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל. פונ זײַנ סאַמע געבורט אָנ איז אינ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייענ געגאַנגענ א קאַמפ צווישנ דעמ רעוואָלוציאָנערנ אונ אָפּאָרטוניסטישנ פליגל. באַקומענדיק פונ די עקספּלואַטירטע קאָלאָניעס אומגעהײַער גרויסע רעוואָכימ, פלעגט די בורזשואַזיע פונ די אימפּעריאַליסטישע לענדער אונטערקויפנ אפּנ כעזשבנ פונ דידאָזיקע רעוואָכימ די אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז באַשטאַנענ פונ די סאַמע קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פלעגט שאַפנ פאַר זיי א פּריווילעגירטע לאַגע, פלעגט זיי בעסער באַלוינענ א. א. וו. דערדאָזיקער שיכט איז אַזוי־אַרומ דירעקט געווענ פאַרינטערעסירט אינ דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פונ זײַנ בורזשואַזיע, אינעמ באַראַבעווענ די קאָלאָניעס. מיט דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע איז ענג געווענ פאַרבונדנ די *אַרבעטער־ביוראָקראַטיע*, ד. ה. די באַאַמטע פונ די פּראָפּפאַרייַנענ, פונ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייענ, פונ די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוונ א. א. וו. אָט דידאָזיקע שיכטנ זײַנענ דאָס געווענ דער *גרונט־אָנשפּאַר פונעמ אָפּאָרטוניזמ*. זיי זײַנענ, אינ טאָכ גענומענ, געווענ די אַגענטור פונ דער בורזשואַזיע אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי פלעגנ שטיצנ די קלאַסנ־מיטאַרבעט אָנשטאָט דעמ קלאַסנקאַמפ, אָפּזאָגנדיק זיכ פונ וועלכנ ניט איז רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ. די מילכאָמע האָט פאַרוואַנדלט דעמ *געהיימענ* בונד פונ די אָפּאָרטוניסטנ מיט דער בורזשואַזיע אינ אַנ *אָפענעמ*, האָט פאַרוואַנדלט דעמ אָפּאָרטוניזמ אינ *סאָציאַל־שאָוויניזמ*.

צוגלײַכ מיטנ אָפענעמ סאָציאַל־שאָוויניזמ, וואָס פלעגט אָפנ פאַרטיידיקנ דאָס אונטערוואַרפנ דעמ אַרבעטער־קלאַס צו די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע (דאָס באַטייליקנ זיכ אינ דער מילכאָמע, די קלאַסנ־מיטאַרבעט א. א. וו.) האָט אינ די פּאַרטייענ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל עקזיסטירט אויכ אַנ אַנדערע, פאַרמאַסקירטע אונ דעריבער אַסאַכ א געפערלעכערע פאָרמע פונעמ סאָציאַל־שאָוויניזמ — דער *צענטריזמ*. מיטנ מויל פלעגנ די צענטריסטנ ניט מאַסקימ זײַנ מיטנ אָפענעמ פאַרטיידיקנ די בורזשואַזע אידייעס, וואָס עס פלעגנ פאַרטיידיקנ די אָפענע סאָציאַל־שאָוויניסטנ. אינ דער פּראַקטיק אָבער פלעגנ זיי פולקומ זיי שטיצנ. די אָנגעזעענסטע פאָרשטייערס פונעמ צענטריזמ אינ די מילכאָמע־יאָרנ זײַנענ געווענ: קאַוטסקי (אינ דײַטשלאַנד), טראָצקי אונ מאַרטאָוו (אינ רוסלאַנד), מאַקדאָנאַלד (אינ ענגלאַנד), ראַקאָווסקי (אינ רומעניע) א. אַנד.

קאַוטסקי, וואָס איז נאָכ לאַנג פאַר דער מילכאָמע געווענ דער הויפּט־טעאָרעטיקער פונעמ צענטריזמ, האָט מיט זײַנ פּאָזיציע אינ די מילכאָמע־יאָרנ באַזונדערס בולעט באַוויזנ, וויאַזוי די אָפּאָרטוניסטנ, זיכ באַהאַלטנדיק הינטער די מאַרקסיסטישע פראַזעס, פאַרטיידיקנ אינ דער פּראַקטיק די בורזשואַזע פּאָליטיק. קאַוטסקי פלעגט פאַרדעקנ די אָפּשטימונג פונ די סאָציאַל־שאָוויניסטנ פאַר די מילכאָמע־קרעדיטנ אונ פלעגט זיי מיטהעלפנ צו פאַרענטפערנ זייער פאַראַט. זיכ פאַרדעקנדיק צוויעסדיק מיט מאַרקסיסטישע פראַזעס, האָט קאַוטסקי געלייקנט אינ דעמ אימפּעריאַליסטישנ כאַראַקטער פונ דער מילכאָמע. ער פלעגט דערווײַזנ, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרטיידיקט אינ דערדאָזיקער מילכאָמע דאָס „פאָטערלאַנד". דעמ אינטערנאַציאָנאַל — די צווישנפעלקערלעכע פאַראייניקונג אונ סאָלידאַרישקײַט פונעמ אַרבעטער־קלאַס — האָט ער דערקלערט פאַר אַנ „אינסטרומענט פונ פרידנ". דערמיט גופע פלעגט ער פאַרענטפערנ דעמ פאַראַט פונ די סאָציאַל־שאָוויניסטנ אינ אַלע לענדער אונ פלעגט זיי העלפנ אָפּצונאַרנ די אַרבעטער.

טראָצקי פלעגט מיטנ מויל אויכ אַרויסטרעטנ קעגנ דער מילכאָמע אונ קעגנ דעמ סאָציאַל־שאָוויניזמ; ער פלעגט אָבער אינ דערזעלבער צײַט געפינענ אַלערליי פאַרענטפערונגענ פאַר די סאָציאַל־שאָוויניסטנ אונ האָט געקעמפט קעגנ א שפּאַלטונג מיט זיי.

עס איז ניטאָ אַפ דער וועלט קיינ מער שעדלעכס אונ געפערלעכס פאַרנ פּראָלעטאַריאַט, האָט לענינ געזאָגט, ווי די עקלדיקע צוויעס פונ די צענטריסטנ, וואָס ווילנ אַלצ פאַרטושירנ, פאַרשמירנ, באַרויִקנ די אַרבעטער מיט א פאַלשער אונ קלוימערשט וויסנשאַפטלעכער פלוידערײַ.

פונ די ערשטע טעג אָנ פונ דער מילכאָמע, ווי נאָר עס איז באוווסט געוואָרנ דער פאראט פונ די פירערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, האָבנ די באָלשעוויקעס מיט לענינען אינ שפּיצ ענדגילטיק איבערגעריסנ מיטנ II אינטערנאַציאָנאַל אונ האָבנ גענומענ פירנ אנ ענערגישנ קאמפּ פאר א באלדיקער שפּאלטונג מיטנ סאָציאַל־שאָוויניזם אונ צענטריזם אינ דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באוועגונג, פארנ שאפנ א III אינטערנאַציאָנאַל. דערדאָזיקער פאראט דעמ סאָציאַליזמ, האָט לענינ געשריבנ, באטײַט א קראכ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל.

„דער II אינטערנאַציאָנאַל איז געשטאָרבנ, באזיגט דורכנ אָפּאָרטוניזמ,— האָט ער געזאָגט.— די אײניקײַט מיט די אָפּאָרטוניסטנ באטײַט איצט אינ דער פּראקטיק דאָס אונטערוואַרפנ דעמ ארבעטער־קלאס צו „זײַנ“ נאציאָנאַלער בורזשואַזיע, באטײַט א בונד מיט איר אפּ אונטערצודריקנ פרעמדע נאציעס אונ אפּ צו קעמפנ פאר גרויסמעלוכישע פּריווילעגיעס“.

די טאקטיק אונ די לאָזונגענ פונ די באָלשעוויקעס אינ די יאָרנ פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.

די פּארטײ באָלשעוויקעס איז געוועננ די אײנציקע פונ אלע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פּארטײענ, וואָס האָט אָנגעהויבנ פונ די ערשטע טעג אָנ פונ דער מילכאָמע אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפּ קעגנ דערדאָזיקער מילכאָמע. די באָלשעוויקעס האָבנ אויפגעדעקט איר אימפּעריאַליסטישנ כאראקטער אונ האָבנ גענומענ דערקלערנ די מאסנ, וואָס פאר א רויבערישע אינטערעסנ עס האָט אינ דערדאָזיקער מילכאָמע יעדע אײנציקע פונ די מילכאָמע־האלטנדיקע מעלוכעס. די באָלשעוויקעס פלעגנ אומדערמידלעכ דערקלערנ די מאסנ דעמ טאָכ פונעמ אימפּעריאַליזמ אונ פונ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס. דעמלט האָט לענינ אָנגעשריבנ זײַנ מערקווירדיק־ווערק „דער אימפּעריאַליזמ אלס דער העכסטער עטאפּ פונעמ קאפּיטאליזמ“, א ווערק, וואָס האָט א קאָלאָסאלנ באטײַט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער מארקס־לענינישער טעאָריע. אינ דערדאָזיקער ארבעט איז איבערגעגעבנ די לענינישע לערע וועגנ אימפּעריאַליזמ. געבנדיק אנ אויספירלעכנ אנאליז פונעמ אימפּעריאַליזמ, האָט לענינ באוויזנ אינ דערדאָזיקער ארבעט די פוילונג פונעמ קאפּיטאליזמ אונ די אומפארמײַדלעכקײַט פונ זײַנ אומקומ. לענינ פלעגט דערקלערנ, אז דער אימפּעריאַליזמ קענ ניט עקזיסטירנ אָנ קײנ מילכאָמעס אונ אז דעריבער וועלנ די מילכאָמעס אויפהערנ בלויז נאָכנ אומקומ פונעמ אימפּעריאַליזמ, בלויז נאָכנ ניצאָכנ פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דערפונ פלעגט לענינ מאכנ דעמ אײנציק־מעגלעכנ רעוואָליוציאָנערנ אויספיר, אז א קאָנסעקווענטער קאמפּ קעגנ דער מילכאָמע איז א קאמפּ פארנ אראָפּוואַרפנ דעמ אימפּעריאַליזמ, פאר דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

אלס א גרונט־לאָזונג פאר די פּראָלעטאריער פונ אלע לענדער האָט לענינ ארויסגערוקט בעשאס דער מילכאָמע דעמ לאָזונג פונ קאמפּ צו פארוואנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגער־מילכאָמע. דערדאָזיקער לאָזונג האָט גערופנ די מאסנ צו פארוואנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א מילכאָמע פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ זײַנ בורזשואַזיע. ער האָט גערופנ די ארבעטער אונ סאָלדאטנ אויסצוקערעווענ די באגנעטנ קעגנ זײערע אײגענע רעגירונגענ. דאָס איז געוועננ א לאָזונג, וואָס האָט גערופנ די מאסנ צומ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ.

פאר די באָלשעוויקעס איז געוועננ קלאָר, אז רויִנירנדיק די ארבעטנדיקע מאסנ פונ אלע לענדער, מוז די מילכאָמע אומפארמײַדלעכ פארשארפנ די אומצופרידנקײַט פונ די מאסנ, פארשטארקנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונג. דעריבער האָט די פּארטײ איר גאנצע ענערגיע געווענדט אפּנ צוגרײטנ די מאסנ צו רעוואָליוציאָנערע טאטנ. די פּארטײ פלעגט אויפקלערנ די ברײטע פּראָלעטארישע אונ האָרעפּאשנע מאסנ דעמ עמעסנ, רויבערישנ זינ פונ דערדאָזיקער מילכאָמע. די פּארטײ פלעגט שאפנ אונ

פארשטארקנ די אומלעגאלע מאסעווע אָרגאניזאציעס און פלעגט אויכ אויסנוצנ אלע לעגאלע און האלבלעגאלע אָרגאניזאציעס פאר דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט.

די באָלשעוויקעס האָבנ פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע ארבעט צווישנ די סאָלדאטנ און מאטראָסנ פונ די אימפעריאליסטישע ארמייענ, אויפקלערנדיק, צוליב וואָס טרייבט זיי די בורזשואזיע אינ די אָקאָפעס. זייער א גרויסנ באטייט פלעגט די פארטיי צוגעבנ דעמ אָרגאניזירנ דאָס ברידערנ זיכ צווישנ די סאָלדאטנ פונ די מילכאָמע־האלטנדיקע מעלוכעס אינ די אָקאָפעס. אלס רעזולטאט פונ דער רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע האָט דאָס ברידערנ זיכ אָנגענומענ צומ סאָפ מילכאָמע אזא ברייטנ פארנעמ, אז די מיליטערישע מאכט פונ דייטשלאנד, ענגלאנד, רוסלאנד האָבנ אָנגעהויבנ אָנווענדנ קעגנ דעמ די סאמע אכזאָריעסדיקע מיטלענ, רעציכעדיק באשטראָפנדיק די סאָלדאטנ, וואָס האָבנ זיכ געפרווט דורכפירנ די ברידערונג.

די פארטיי פלעגט מיט אלע קויכעס אונטערהאלטנ די רעוואָליוציאָנערע אומצופרידנקייט אינ די מאסנ, פלעגט אָרגאניזירנ רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ, שטרייקנ, מיטינגענ, דעמאָנסטראציעס. זי פלעגט ענערגיש פארפעסטיקנ אירע אייגענע רייענ.

א קאָלאָסאלנ באטייט האָט געהאט דער לאָזונג וועגנ דער מאפּאָלע פונ דער אייגענער רעגירונג.

„א רעוואָליוציאָנערער קלאס אינ א רעאקציאָנערער מילכאָמע קענ ניט ניט וועלנ די מאפּאָלע פונ זיינ רעגירונג“ [1], — האָט לענינ געשריבנ.

אָפּשוואכנדיק די געגעבענע רעגירונג, פארלייכטערט די מילכאָמע־מאפּאָלע דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ קעגנ די רעגירנדיקע קלאסנ. דעריבער, האָט לענינ געזאָגט, דארפ דער פּראָלעטאריאט פונ יעדנ לאנד מיטווירקנ מיט אלע קרעפטנ דער אָפּשוואכונג פונ זיינ בורזשואזער רעגירונג, פירנדיק קעגנ איר א רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. אָנ א פּראקטישער ארבעט, וואָס איז געצילט צומ אָפּשוואכנ די אייגענע בורזשואזע רעגירונג, פלעגט לענינ דערווייזנ, זיינענ מיליאָנענ סאמע רעוואָליוציאָנערע פראזעס קעגנ דער מילכאָמע „ניט ווערט קיינ צעבראָכענעמ גראָשנ“.

סאָפ פעווראל 1915 יאָר האָט די פארטיי צונויפגערופנ אינ בערנ (שווייצ) א קאָנפערענצ פונ די אויסלענדישע אָרגאניזאציעס פונ די באָלשעוויקעס. די מילכאָמע־באדינגונגענ האָבנ ניט דערלויבט דעמלט צונויפצורופנ א מער ברייטע קאָנפערענצ מיטנ אָנטייל פונ פאָרשטייערס פונ די רוסלענדישע אָרגאניזאציעס. דעריבער האָט די בערנער קאָנפערענצ פונ די אויסלענדישע באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס געהאט פאקטיש א באטייט פונ אנ אלגעמיינ־פארטייישער קאָנפערענצ. אינ אירע רעזאָליוציעס, וואָס אָנגעשריבנ האָט זיי לענינ, איז געווענ קלאָר איבערגעגעבנ די באָלשעוויסטישע טאקטיק און לאָזונגענ בנוגייע דער מילכאָמע. די באשלוסנ פונ דער קאָנפערענצ האָבנ געהאט א קאָלאָסאלנ היסטאָרישנ באטייט: זיי האָבנ אָנגעוויזנ דעמ קאמפ־וועג און די אויפגאבעס פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט ניט בלויז אינ רוסלאנד, נאָר אויכ אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער. זיי האָבנ אויפגעקלערט די קאמפ־פּראָגראמ פאר דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג אינ דער וועלט.

קעגנ די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ האָבנ גענומענ פירנ א פארצווייפלטנ קאמפ די סאָציאל־שאָוויניסטנ און די צענטריסטנ. די סאָציאל־שאָוויניסטנ פונ יעדנ לאנד האָבנ גענומענ טייַנענ צו די מאסנ, אז א מאפּאָלע פונ דער אייגענער רעגירונג און א בירגערקריג וועלנ ברענגענ צו דעמ, אז דאָס לאנד וועט איינגענומענ ווערנ דורכנ פיינט, און זיי האָבנ גערופנ די ארבעטער צו פארטיידיקנ זייער פאָטערלאנד.

די באָלשעוויקעס פלעגנ אקשאָנעסדיק דעמאסקירנ די דאָזיקע טאקטיק פונ די סאָציאל־שאָוויניסטנ, וואָס האָבנ מיט דער הילפ פונ צוויאקישע פראזעס וועגנ דער פארטיידיקונג פונ דעמ פאָטערלאנד געשטרעבט צו צווינגענ די ארבעטער צו פארטיידיקנ די בורזשואזיע און די זעלבסטהערשונג. „די ארבעטער האָבנ ניט קיינ פאָטערלאנד“, — פלעגט לענינ אָפט ברענגענ מארקס ווערטער. דער, וואָס וויל מיט אנ

[1] Ленин, т. XVIII, стр. 169.

עמעס גליק פאר זײַנ לאנד, דער דארפ מיט אלע רעוואָליוציאָנערע מיטלענ קעמפנ קעגנ דער מאָנארכיע, קעגנ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ, ד. ה. קעגנ די ערגסטע פײַנט פונ אונדזער לאנד, — האָט לענינ געשריבנ.

נאָכ מיט א גרעסערער אקשאָנעס פלעגט די פארטײ דעמאסקירנ די צענטריסטנ. אײנער פונ די גרונט־לאָזונגענ פונ די צענטריסטנ אינ די יאָרנ פונ מילכאָמע איז געווענ דער לאָזונג פונ „קאמפ פאר שאָלעמ". אלס צוגאָב צו אימ האָט טראָצקי ארויסגערוקט אינ די מילכאָמע־יאָרנ דעמ לאָזונג: „ניט קײנ ניצחוינעס, ניט קײנ מאפאָלעס". די באָלשעוויקעס האָבנ דעמאסקירט דידאָזיקע לאָזונגענ ווי צענטריסטישע, וואָס אינ טאָכ גענומענ פלעגנ זײ בלויז פארדעקנ די אָמענע סאָציאַל־שאָוויניסטנ. דידאָזיקע לאָזונגענ האָבנ באטײַט, ווי לענינ האָט געזאָגט, אנ אָפזאָג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ; זײ האָבנ געדינט אלס א פארענטפערונג פאר דער בורזשואזיע אונ פאר די סאָציאַל־שאָוויניסטנ, וואָס האָבנ אויכ געמאָלדנ, אז זײ ווילנ ניט קײנ מילכאָמע, נאָר זײ זײַנענ געצווונגענ צו קעמפנ קעגנ א „מאפאָלע". די פארטײ האָט פאנאנדערגעוויקלט קעגנ דידאָזיקע לאָזונגענ פונ די צענטריסטנ דעמ אקטיווסטנ קאמפ, דערקלערנדיק, אז דידאָזיקע לאָזונגענ נארנ בלויז אָפ דאָס פאָלק מיט דער האָפענונג, אז די הערשנדיקע קלאסנ אונ די רעגירונגענ זײַנענ קלוימערשט פײַיק צו שליסנ דעמ שאָלעמ, צו וועלכנ עס שטרעבנ די פאָלק־מאסנ.

פונקט אזא אָפאָרטוניסטישנ כאראקטער האָט געהאט דער צווייטער לאָזונג פונ די צענטריסטנ — דער לאָזונג ווענג אנטוואָפענונג. קעמפנדיק קעגנ אימ, האָבנ די באָלשעוויקעס אופגעדעקט, אז דער אנטוואָפענונג־לאָזונג דריקט אויס די טרוימענ פונעמ קלײנבירגער וועגנ אופהערנ יעטווידנ קאמפ. לענינ פלעגט אופקלערנ, אז מיר זײַנענ קלאָל ניט קײנ קעגנער פונ יעטווידער מילכאָמע: דער פראָלעטאריאט קעמפט קעגנ אימפעריאַליסטישע מילכאָמעס, ער איז אָבער פאר א בירגערקריג, פאר א מילכאָמע פונעמ פראָלעטאריאט קעגנ זײַנ בורזשואזיע.

„אונדזער לאָזונג דארפ זײַנ: באוואָפענענ דעמ פראָלעטאריאט, קעדײ צו באזיגנ, עקספראָפריִרנ אונ אנטוואָפענענ די בורזשואזיע"[1].

די פארטײ האָט באזונדערס ענערגיש געקעמפט קעגנ די צענטריסטישע לאָזונגענ דערפאר, וואָס זײ פלעגנ מיט זײער קלוימערשטער „לינקײַט" בלויז אָפציִענ די מאסנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, וואָס נאָר ער אלײנ איז געווענ בעקויעכ צו מאכנ א סאָפ צו דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע.

די לענינישע טעאָריע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ א זיג פונ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאנד.

בײַס דער מילכאָמע (אינ 1915 י.) האָט לענינ, באזירנדיק זיכ אפנ טאָכ פונ מארקס לערע, דערוויזנ, אז אינ דער אימפעריאַליסטישער עפּאָכע איז מעגלעכ דער זיג פונ סאָציאַליזמ צומאָלעמערשטנ אינ אײנ לאנד. אינ זײַנע ארבעטנ האָט ער באוויזנ, אז די עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע אנטוויקלונג פונ פארשײדענע לענדער אינ דער עפּאָכע פונעמ אימפעריאַליזמ קומט פאָר אויסערגעווײנלעכ אומגלײַכמעסיק, שפרונגארטיק. לענדער, וואָס זײַנענ פריִער געווענ אָפגעשטאנענע, איז, פארשנעלערנדיק זײער אנטוויקלונג, רוקנ זײ זיכ ארויס אפנ ערשטנ אָרט, אָפשטופנדיק די פאָריס אוועקגעגאנגענע לענדער, שטרעבנדיק צו פארכאפנ זײערע מערק אונ קאָלאָניעס. דאָס רופט אומפארמײַדלעכ ארויס צוזאמענשטויסנ אונ מילכאָמעס צווישנ די לענדער פארנ איבערטײלנ די וועלט, פארנ פארניכטנ די געפערלעכע קאָנקורענטנ. דידאָזיקע צוזאמענשטויסנ אונ מילכאָמעס, ווידער, שוואכנ אָפ

[1]) Ленин, т. XIX, стр. 316.

דעמ פראָנט פונעמ אימפעריאַליזמ, מאַכנ מעגלעכ אימ אדורכצורײַסנ אינ אײנצלנע לענדער. אפנ גרונט פונעמ דאָזיקנ געזעצ וועגנ דער אומגלײַכמעסיקײַט פונ דער אנטוויקלונג פונעמ קאַפיטאַליזמ האָט לענינ דערוויזנ, אז עס איז מעגלעכ דער ניצאָכנ פונעמ סאָציאַליזמ צומאָלעמערשטנ אינ עטלעכע אָדער אפילע אינ אײנ באַזונדער גענומענעמ קאַפיטאַליסטישנ לאַנד.

דידאָזיקע לענינישע טעאָריע האָט א קאָלאָסאַלנ באַטײַט פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די טעאָרעטיקער פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל (קאַוטסקי א. אַנד.) אונ אויכ די רוסלענדישע מענשעוויקעס פלעגנ טײַנענ, אז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קענ פאָרקומענ בלויז גלײַכצײַטיק אינ א רײ פונ די פאָרגעשריטנסטע לענדער — אינ דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, אמעריקע, אונ אז קאָלזמאַנ דערדאָזיקער פראָצעס פונ א גלײַכצײַטיקער רעוואָלוציע איז ניט אָנגעקומענ, דאַרפ ניט דער ארבעטער־קלאַס פונעמ געגעבענעמ לאַנד אָנהייבנ די רעוואָלוציע. דאָס האָט באַטײַט, אז אינ אזא לאַנד, ווי אשטייגער רוסלאַנד, קענ ביקלאַל קיינ רייד ניט זײַנ וועגנ א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, קאָלזמאַנ די רעוואָלוציע האָט ניט אָפגעהאַלטנ קיינ ניצאָכנ אינ די פאָרגעשריטענע לענדער.

מיט דער הילפ פונ דערדאָזיקער אָפאָרטוניסטישער טעאָריע פלעגנ די פירערס פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל מיט אלע מעגלעכקײַטנ אָפהאַלטנ די ארבעטער פונ דער רעוואָלוציע, דערווײַזנדיק זײ, אז זי איז נאָכ ניט צײַטיק געוואָרנ. לענינ האָט אינ דערדאָזיקער פראַגע אנטשיידנ צעגראָמירט די אָפאָרטוניסטנ. ער האָט אונטערגעשטראָכנ, אז דער פראָלעטאַריאַט קענ ניט נאָר פאַרכאַפנ די מאַכט, ער קענ אויכ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאַנד, בײַקומענדיק מיט די אײגענע קרעפטנ, באַ דער שטיצע פונ די ארבעטנדיקע מאַסנ פונעמ פויערטומ, אלע אינערלעכע ווידערשפרוכנ.

דידאָזיקע לענינישע טעאָריע האָט געגעבנ דעמ פראָלעטאַריאַט א קאָלאָסאַלנ גלויבנ אינ זײַנע קויכעס, ענערגיע אונ ווילנ צומ קאַמפ. זי האָט מאָביליזירט די ארבעטער־מאַסנ צומ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ מיטנ קאַפיטאַליזמ אינ אלע לענדער. דידאָזיקע טעאָריע האָט געגעבנ די ארבעטער־מאַסנ פונ די קאַפיטאַליסטישע לענדער די זיכערקײַט, אז זײ קענענ זיגנ באַ זיכ אינ לאַנד, ווענ אפילע דער פראָלעטאַריאַט פונ אנדערע לענדער וועט צו דערדאָזיקער צײַט ניט באַוויזנ אראָפצוּוואַרפנ זײַנ בורזשואַזיע.

די לענינישע לערע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ א זיג פונעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאַנד האָט ביפראַט דערלאַנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאַפ טראָצקיס טעאָריעס.

אינ די מילכאָמע־יאָרנ האָט טראָצקי ווײַטער פאַרטיידיקט זײַנ מענשעוויסטישע טעאָריע וועגנ א פערמאַנענטער רעוואָלוציע. אינ 1915 יאָר איז ער ארויסגעטראָטנ קעגנ לענינענ, דערווײַזנדיק, אז א רעוואָלוציע אינ אײנ לאַנד, אשטייגער אינ רוסלאַנד, איז פאַרורטיילט צו א מאַפאָלע, אויב דער פראָלעטאַריאַט פונ די פאָרגעשריטענע לענדער וועט ניט נעמענ די מאַכט אינ זײַנע הענט אונ וועט אזויאַרומ ניט העלפנ דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. דידאָזיקע טעאָריע האָט דער טראָצקיזמ אויסגענוצט אויכ שפעטער אינעמ קאַמפ קעגנ אונדזער פאַרטײ. באַ הײַנטיקנ טאָג דינט דידאָזיקע קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעאָריע אינ די הענט פונ אלע פײַנט פונ דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור אלס געווער אינ זייער קאַמפ קעגנ פסס״ר אונ דעמ קאָמינטערנ.

די פאַרטײ באָלשעוויקעס האָט מיט דער גרעסטער ענערגיע געפירט א קאַמפ קעגנ דערדאָזיקער טראָצקיס קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעאָריע, פאַרטיידיקנדיק די לענינישע לערע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ א זיג פונעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאַנד. אונ די גראַנדיעזע דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ פסס״ר זאָגנ אײדעס וועגנ דעמ טריומפ פונעמ לעניניזמ אונ וועגנ דעמ עכטנ קאָנטררעוואָלוציאָנערנ טאָכ פונ דערדאָזיקער טראָצקיסטישער טעאָריע.

דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס פארנ שאפנ דעמ III אינטערנאציִאָנאל.

די לינקע שטרעמונג, וואָס האָט עקזיסטירט ביז דער מילכאָמע אינ דער אלוועלטלעכער ארבעטער־באוועגונג, איז געווענ ניט אויסגעפאָרמירט. אינ אָנהייב מילכאָמע פלעגנ די לינקע עלעמענטנ אינ יעדנ לאנד, אויסער די באָלשעוויקעס אינ רוסלאנד, ארויסטרעטנ צעשפליטערט, איינציקוויַיז, מיט אומקלאָרע, צומאָל פארפלאָנ־טערטע לאָזונגענ, קעגנ דער מילכאָמע אונ קעגנ דעמ פאראט פונ די סאָציִאל־דעמאָ־קראטישע פירערס. פאר די באָלשעוויקעס איז געשטאנענ די אויפגאבע צו אָרגאניזירנ די לינקע עלעמענטנ אינ גרופעס, וואָס פונ זיי האָט געזאָלט אנטשטיינ א נייַער אינטערנאציִאָנאל.

איבערגעריסנ מיטנ צווייטנ אינטערנאציִאָנאל, האָבנ די באָלשעוויקעס ארויסגע־רוקט די פראגע וועגנ שאפנ א III אינטערנאציִאָנאל אונ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ גרייטנ צומ אָרגאניזירנ אים.

אינ אלע לענדער האָבנ אָנגעהויבנ אופקומענ לינקע רעוואָליוציִאָנערע גרופעס אינטערנאציִאָנאליסטנ. דידאָזיקע לינקע גרופעס האָבנ אָפגעשפיגלט די סינע פונעמ פאָרגעשריטענעמ טייל ארבעטער צו דער מילכאָמע אונ זייער אופגעבראכטקייַט קעגנ דעמ פאראט פונ די פירערס. אינ דייַטשלאנד איז דאָס געווענ די גרופע „ספארטאק" (ר. ליוקסעמבורג, ק. ליבקנעכט, ק. צעטקינ) אונ ראדעקס גרופע; אינ שוועדנ — די גרופע פונ די אוזיגערופענע שוועדישע „יונגע"; אינ דער שווייצ — מיונצענבערגס גרופע; אינ בולגאריע — די פארטיי „טעסניאקעס" („שמאָלע" סאָציִאליסטנ) מיט בלאָגאָיעוונ, קאָלאראָוונ אונ אנדערע אינ שפיצ. אזוינע גרופעס זייַנענ אופגעקומענ אויכ אינ פראנקרייַכ, ענגלאנד, איטאליע א. אז. וו. דידאָזיקע רעוואָליוציִאָנערע גרופעס, אינ אָנפאנג קליינצאָליקע אונ שוואכע, האָבנ ביסלעכווייַז געוומענ וואקסנ, פארשפרייטנדיק זייער ווירקונג צווישנ די ארבעטער־מאסנ. ניט געקוקט אפנ פאָליציייִשנ טעראָר אונ אפ די רעדיפעס, האָבנ זיי געפירט א העראָיִשנ קאמפ קעגנ דער אימפעריִאליס־טישער מילכאָמע.

אריבערפאָרנדיק נאָכ דער דערקלערונג פונ דער מילכאָמע פונ גאליציע אינ דער שווייצ, איז לענינ ענערגיש צוגעטראָטנ צומ פארייניקנ אונ צונויפשמידנ אלע אינטערנאציִאָנאליסטישע עלעמענטנ, האָט זיכ פארבונדנ מיט זיי, פלעגט זיי שרייַבנ בריוו, זיי באקאנט מאכנ מיט זייַנע אָנשויונגענ, זיי אופקלערנ זייערע פעלערנ, זיי איבער־צייַגנ. די פאָרשטייערס פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי פלעגנ ארויסטרעטנ אפ פארשיידענע פארזאמלונגענ אונ בעראטונגענ פונ די סאָציִאל־דעמאָקראטישע פארטייענ אינ פארשיידענע לענדער, דעמאסקירנדיק די סאָציִאל־שאָוויניסטנ אונ צענטריסטנ, ארויסזאָגנדיק זייערע מיינונגענ, כדי אריבערצוציִענ אפ זייער זייַט דעמ בעסטנ טייל ארבעטער־סאָציִאל־דעמאָקראטנ. דידאָזיקע ארויסטרעטונגענ פונ די באָלשעוויקעס, לענינס בריוו אונ דאָס פארשפרייטנ באָלשעוויסטישע ליטעראטור האָבנ פארשנעלערט די אויספאָרמירונג פונ די לינקע רעוואָליוציִאָנערע גרופעס אינ אלע לענדער, האָבנ זיי געגעבנ א קאָלאָסאלע הילפ.

אזויארומ זייַנענ די באָלשעוויקעס מיט לענינענ אינ שפיצ געווענ יענע זאמלענדיקע קראפט, וואָס ארומ איר איז פאָרגעקומענ די פארייניקונג פונ אלע רעוואָליוציִאָנערע עלעמענטנ אינ דער אינטערנאציִאָנאלער ארבעטער־באוועגונג.

אָנהייב 1915 יאָר האָט א גרופע שווייצארישע, איטאליענישע אונ אנדערע צענ־טריסטנ אָנגעהויבנ גרייטנ אנ אינטערנאציִאָנאלע סאָציִאליסטישע קאָנפערענצ פונ די מילכאָמע־קעגנערס. די באָלשעוויקעס האָבנ קלאָר געזענ דעמ צענטריסטישנ כאראק־טער פונ דערדאָזיקער קאָנפערענצ. זיי האָבנ פארשטאנענ, אז די קאָנפערענצ ווערט צונויפגערופנ דורכ די צענטריסטנ, כדי צו בארויִקנ די ארבעטער מיט לינקע פראזעס אונ כדי צו העלפנ דער בורזשואזיע פארלעשנ די שטייַגנדיקע רעוואָליוציִאָנערע שטימונגענ. דאָכ האָבנ די באָלשעוויקעס צוגעגעבנ דערדאָזיקער קאָנפערענצ א גוואל־

דיקן באטײַט, ווײַל דאָס איז געווען די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע באַגעגעניש פון אינטערנאַציאָנאַליסטן אין דער מילכאָמע־צײַט. די באָלשעוויקעס זײַנען געגאַנגען אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ, ערשטנס, קעדיי צו שטעמפּלען פאַר די אויגן פונעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט דעם פאַראַט פון די פירערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל און די צוויקעס פון די צענטריסטן, וואָס פאַרדעקן זייער אָפּאָרטוניזם מיט אַ לינקער פראַזע און וואָס אין עצעם פלעגן זיי באַרעכטיקן דעם פאַראַט פון די סאָציאַל־שאָוויניסטן; צווייטנס, האָבן צוגלײַך מיט די צענטריסטישע פירערס אין דערדאָזיקער קאָנפערענץ זיך געזאָלט באַטייליקן אויך פאָרשטייערס פון רעוואָליוציאָנערע אַרבע־טער, וואָס האָבן אופריכטיק געהאַסט די מילכאָמע, נאָר וואָס האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי דאַרף מען קעגן איר קעמפן. די באָלשעוויקעס האָבן געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו באַהעפטן אַרום זיך דידאָזיקע אַרבעטער און אָנצווײַזן זיי דעם וועג פון קאַמף.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין סענטיאַ־בער 1915 יאָר אין צימערוואַלד (שווייץ). אַף איר זײַנען געווען פאָרשטייערס פון רוסלאַנד, פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, איטאַליע, שוועדן, נאָרוועגיע און אַנדערע לענ־דער. די אָנגענומענע אַף דער קאָנפערענץ באַשלוסן זײַנען געווען אומקאָנסעקווענטע און האַלבלעכע. די קאָנפערענץ האָט ניט געשטעמפּלט דעם פאַראַט פון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, האָט זיך ניט אַנטשלאָסן צו אָנערקענען דעם קראַך פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון די באָלשעווי־קעס וועגן אָרגאַניזירן אַ III אינטערנאַציאָנאַל. זי האָט ניט גערופן די מאַסן צו קיין דירעקטן רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. אָבער גלײַכצײַטיק איז די קאָנפערענץ אָן צווייפל געווען אַ טריט פאָרויס: זי האָט געמאַכט אַ טריט צו פאַרייניקן די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די מילכאָמע־האַלטנדיקע לענדער, וואָס זײַנען גרייט געווען צו פּראָטעסטירן קעגן דער מילכאָמע. טראָץ אַלע ניט־דערעדעניש, האָט די קאָנפערענץ פאָרט באַטאָנט דעם אימפּעריאַליס־טישן כאַראַקטער פון דער מילכאָמע, האָט פאַרורטיילט די סאָציאַל־שאָוויניסטישע אידייען וועגן „פאָטערלאַנד־שוץ" א. א. וו.

די באָלשעוויקעס האָבן אַף דער קאָנפערענץ אײַנגעשפאַרט געקעמפט פאַר אַ קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערער, אינטערנאַציאָנאַליסטישער ליניע. זיי איז געלונגען אַרײַנצוטראָגן אַ ריי ערנסטע אויסבעסערונגען אין די רעזאָליוציעס פון דער קאָנפערענץ. באַזונדערס וויכטיק איז געווען דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צונויפגעשמידט אַרום זיך דעם רעוואָליוציאָנערסטן טייל דעלעגאַטן, האָבן זיי פאַרייניקט אין אַ באַזונדער שטרעמונג, אין דער אַזויגערופענער „צימערוואַלדער לינקער". אַף דער קאָנפערענץ איז די „צימערוואַלדער לינקע" אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער דערקלע־רונג פון אירע אָנשוויונגען, האָט אַרײַנגעטראָגן איר פּראָיעקט פון אַ מאַניפעסט, ווו עס זײַנען געווען פאַנאַנדערגעוויקלט אַלע גרונטיקע לענינישע לאָזונגען.

„דאָס אַראָפּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען—אָט דאָס איז דער ציל, וואָס עס דאַרף פאַר זיך שטעלן דער אַרבעטער־קלאַס פון אַלע מילכאָמע־האַלטנ־דיקע לענדער, ווײַל בלויז דעמלט וועט נעמען אַ סאָף צו דער עקספּלואַטאַ־ציע פון איינע פעלקער דורך די צווייטע, עס וועט נעמען אַ סאָף צו מילכאָ־מעס, ווען עס וועט אַרויסגעריסן ווערן פון די הענט פונעם קאַפּיטאַל די מאַכט זיך צו שאַפן מיטן לעבן און טויט פון די פעלקער", — האָט דערקלערט דער־דאָזיקער מאַניפעסט־פּראָיעקט.

די אויסגעטײלטע דורך דער „צימערוואַלדער לינקער" ביוראָ אינעם באַשטאַנד פון לענינען, זינאָוויעוון, ראַדעקן האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע פּראַקטישע אַרבעט צווישן די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פון אַלע לענדער. די „צימערוואַלדער לינקע" האָט געגומען פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער, דרוקן און פאַרשפּרייטן אומ־לעגאַלע ליטעראַטור, אײַנשטעלן פאַרבינדונגען מיט די רעוואָליוציאָנערע גרופּירונגען אין אַלע לענדער, געבן זיי הילף אין זייער קאַמף קעגן דער מילכאָמע. די אָרגאַני־

זאציִעס, וואָס זײַנענ געווענ פארבונדנ מיט דער „צימערוואלדער לינקער", פלעגנ ארויסגעבנ אינ פארשיידענע לענדער בא 20 צײַטונגענ אונ זשורנאלנ.

צו דער צײַט פונ דער II אינטערנאציִאָנאלער סאָציִאליסטישער קאָנפערענצ (זי איז פאָרגעקומענ אינ אפרעל 1916 י. אינ קינטאל — אינ דער שווייצ) איז די צאָל אונ דער פאָליטישער באטײַט פונ דער „צימערוואלדער לינקער" היפש ארויסגעוואקסנ. אפ דער קאָנפערענצ גופע איז די באָלשעוויקעס געלונגענ צו פירנ נאָכ זיכ אינ באזונדערע פראגעס קימאט א העלפט דעלעגאטנ. אונ דאָכ האָט דידאָזיקע קאָנפערענצ בוילעט דערוויזנ, אז איר צענטריסטישע מערהײַט פרווט זיכ מיט „לינקע" פראזעס אײַנשלעפערנ די ארבעטער, אָפציִענ זיי פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ קאמפ. די קאָנפערענצ אינ קינטאל האָט אָנגענומענ נאָכ לינקערע רעזאָליוציעס איידער די פריִערדיקע. זי האָט פארורטיילט די סאָציִאל־שאָוויניסטנ אונ האָט דערקלערט די נייטיקײַט צו קעמפנ קעגנ דער מילכאָמע, — אונ אפ אזויפיל האָט לעניג זי געהאלטנ פאר א ווײַטערדיקנ טריט פאָרויס. גלײַכצײַטיק אָבער האָט זי אָפגעוואָרפנ דעמ פאָרשלאָג פונ די באָלשעוויקעס איבעצורײַסנ מיטנ II אינטערנאציִאָנאל אונ צו שאפנ א III אינטערנאציִאָנאל. זי האָט זיכ אָפגעזאָגט צו רופנ די ארבעטער צו א רעוואָליוציִאָנערנ קאמפ.

אינ עטלעכע כאדאָשימ ארומ נאָכ דער קינטאלער קאָנפערענצ האָט לעניג שוינ אָפנ געשטעלט די פראגע וועגנ דעמ, אז עס איז צײַט איבערצורײַסנ מיט דער צימערוואלדער פארייניקונג. די צענטריסטנ, וואָס האָבנ געהאט אינ איר א מערהײַט, האָבנ זיכ געסטארעט אָפצוהאלטנ דעמ אָנוואקסנדיקנ רעוואָליוציִאָנערנ אופשטײַג. זיי זײַנענ געגאנגענ אלצ מער אפ רעכטס, אפ א דערנעענטערונג מיט די אָפענע סאָציִאל־שאָוויניסטנ, זיי פלעגנ זיכ פארייניקנ מיט זיי צוליבנ קאמפ קעגנ די רעוואָליוציִאָנערע אינטערנאציִאָנאליסטנ, קעגנ דער „צימערוואלדער לינקער". „צימערוואלד האָט באנקראָטירט", — האָט לעניג געשריבנ. צו דערדאָזיקער צײַט איז שוינ די באָלשעוויקעס געלונגענ צונויפצושמידנ ארומ זיכ א היפשע צאָל רעוואָליוציִאָנערע אינטערנאציִאָנאליסטנ אינ אלע לענדער, אָפצורײַסנ זיי פונ דער צימערוואלדער מערהײַט. דאָס ווײַטערדיקע פארבלײַבנ צוזאמענ מיט די צענטריסטנ אינ דער צימערוואלדער פארייניקונג וואָלט געווענ שעדלעכ: דאָס וואָלט בלויז פארהאלטנ די דעמאסקירונג פונ די צענטריסטנ. דער פאקטישער אײַנרײַס פונ די באָלשעוויקעס מיט צימערוואלד איז פאָרגעקומענ נאָכ דער פעווראל־רעוואָליוציע אינ 1917 יאָר. אָפיציעל האָט די פארטיי וועגנ דעמ געמאָלדנ שוינ נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

שטעלנדיק די פראגע וועגנ דעמ ארויסגיינ פונ צימערוואלד, האָט לעניג ארויסגערוקט אנ אופגאבע — טייקעפ צוטרעטנ צומ אָרגאניזירנ דעמ III אינטערנאציִאָנאל. דער נײַער אינטערנאציִאָנאל האָט געזאָלט פארייניקנ בלויז די ווירקלעכ־אינטערנאציִאָנאליסטישע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ פייִיק אפ א מעסירעסנעפעשדיקנ רעוואָליוציִאָנערנ קאמפ מיט זייערע רעגירונגענ. אינ אימ האָט ניט געטאָרט זײַנ קיינ אָרט ניט בלויז פאר סאָציִאל־שאָוויניסטנ, נאָר אפילע פאר צענטריסטנ, מיט וואָס פאר א „לינקע" פראזעס זיי זאָלנ זיכ ניט פארדעקנ. אזוינע רעוואָליוציִאָנערע עלעמענטנ זײַנענ אינ דער ערשטער ריי געווענ יענע, וואָס זײַנענ געווענ צונויפגעבונדנ מיט דער „צימערוואלדער לינקער". די באָלשעוויקעס האָבנ זייער הויכ געשעצט די רעוואָליוציִאָנערע טעטיקײַט פונ די לינקע (ר. ליוקסעמבורג, ק. ליבקנעכט, ק. צעטקינ א. אנד.), האלטנדיק, אז בלויז זיי אונ זייערע אָנהענגערס קענענ צוגעצויגנ ווערנ צומ נײַעמ, צומ III אינטערנאציִאָנאל.

וועגנ ק. ליבקנעכט אונ ר. ליוקסעמבורג, וואָס פאר זייער רעוואָליוציִאָנערנ קאמפ האָט די דײַטשישע רעגירונג זיי ארײַנגעוואָרפנ אינ טורמע, האָט לעניג אסאכ מאָל געזאָגט, אז נאָכ זיי גייט נאָכ אלדאָס בעסטע אונ אלדאָס רעוואָליוציִאָנערסטע צווישנ די סאָציִאליסטנ פונ דײַטשלאנד, אז ליבקנעכט האָט ארויסגעוויזנ מוסטערנ פונ אופריכטיקנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ מיטנ קאפיטאליזמ.

וועגנ ראָזע ליוקסעמבורג, וואָס האָט נאָכנ 4 אווגוסט 1914 יאָר דערקלערט, אז די דײַטשישע סאָציִאל־דעמאָקראטיע איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ „איפעשדיקנ מעס", וועגנ איר האָט לעניג אינ יענעמ פעריִאָד געזאָגט, אז זי קעמפט אנטשלאָסנ

און אופריכטיק קעגנ די סאָציִאַל־שאָוויניסטנ, קעגנ דער אימפּעריִאַליסטישער מילכאָמע, פאַר א רעוואָליוציִאָנערער טאַקטיק.

גלייכצייטיק האָבנ אָבער די באָלשעוויקעס שטענדיק קריטיקירט די פעלערנ פונ די לינקע, זייערע וואַקלונגענ, האַלבקייט, זייער מוירע צו דערזאָגנ ביזנ סאָפ די רעוואָליוציִאָנערע לאָזונגען. די לינקע האָבנ אָפּגעוואָרפנ דעם לעניניש לאָזונג וועגנ דער מאַפּאָלע פונ דער אייגענער רעגירונג. אינ הייפּעכ צו דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק האָבנ זיי אַרויסגערוקט אַזעלכע לאָזונגען, וואָס האָבנ זיי דערנעענטערט מיט די צענטריסטנ — לאָזונגען וועגנ שאָלעם און אַנטוואָפענונג. ר. ליוקסעמבורג און ק. ראַדעק פלעגנ אָפּוואַרפנ די נייטיקייט פונ קאַמפּ פאַר דער זעלבסטבאַשטימונג פונ די נאַציעס, לייקענענדיק אַזױאַרום אינ דער ראָליע פונ דער נאַציִאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג אַלס א פאַרבינדעטנ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

איינער פונ די גרעסטע פעלערנ פונ ר. ליוקסעמבורג און פונ אַנדערע לינקע איז געווענ זייער לייקענענ אינ דער באַשליסנדיקער ראָליע פונ דער פּאַרטיי אינעם צוגרייטנ די רעוואָליוציע. זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ די נייטיקייט צו שאַפנ א פעסטע, צעמענטירטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. פירנדיק א קאַמפּ מיט זייערע סאָציִאַל־שאָוויניסטנ און צענטריסטנ, האָט די מערהייט לינקע ניט געקענט פויעלנ בא זיכ צו גייג אָפּ א פולנ איינרייס מיט זיי. די לינקע האָבנ געהאָפט, אַז נאָכ דער מילכאָמע וועט געלינגענ צוריקופצולעבנ דעם II אינטערנאַציִאָנאַל, אָפּרייניקנדיק אים פונ יענע סאָציִאַל־שאָוויניסטנ, וואָס האָבנ זיכ אַמשטאַרקסטנ געמאַכט צו שאַנד.

אַזױאַרום זיינענ אַפילע די בעסטע פונ די לינקע — ראָזע ליוקסעמבורג, קאַרל ליבקנעכט א. אַנד. — ניט געווענ פייִק אינ די מילכאָמע־יאָרנ אינגאַנצנ זיכ צו שטעלנ אָפּ דער רעוואָליוציִאָנערער פּאָזיציע פונ די באָלשעוויקעס.

די לינקע האָבנ געקענט אַריינטרעטנ אינעם III אינטערנאַציִאָנאַל בלויז נאָכנ ענדגילטיקנ באַפרייענ זיכ פונ זייער האַלבצענטריסטישנ באַלאַסט, בלויז אַריבערגייענדיק אָפּ די פּאָזיציעס פונעם רעוואָליוציִאָנערנ מאַרקסיזם־לעניניזם. לענינ פלעגט איינגעשפּאַרט קעמפנ מיט די פעלערנ פונ די לינקע, פלעגט זיי אויפקלערנ, איבערצייגנ, אויסבעסערנ. ביסלעכווייז, טריט נאָכ טריט, זיינענ די באָלשעוויקעס ביי־געקומענ די וואַקלונגענ צווישנ די לינקע, האָבנ זיי צונויפגעשמידט אַרום דער לעניניש ער ליניע, האָבנ געשאַפנ און פאַרשטאַרקט אַזױאַרום די קאַדרענ פאַרנ נייעם, קאָמוניסטישנ אינטערנאַציִאָנאַל.

די רעוואָליוציִאָנערע אַרבעט פונ די באָלשעוויקעס אינ רוסלאַנד.

א קאָלאָסאַלע רעוואָליוציִאָנערע אַרבעט האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעוויקלט אינ די מילכאָמע־יאָרנ אינ רוסלאַנד.

דער גאַנצער קאַמפּ פונ די באָלשעוויקעס אינ רוסלאַנד איז געווענ געצילט פּראַקטיש צו פאַרווירקלעכנ דעם לאָזונג וועגנ פאַרוואַנדלענ די אימפּעריִאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג. פאַר רוסלאַנד האָט דערדאָזיקער לאָזונג באַטייט א קאַמפּ פאַרנ אַראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג, פאַרנ איינשטעלנ א רעוואָליוציִאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. די פּאַרטיי האָט אויכ אינ די מילכאָמע־יאָרנ ווייטער געקעמפט פאַרנ פאַרווירקלעכנ דעם רעוואָליוציע־פּלאַנ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבנ געהאַט אַרויסגערוקט נאָכ פאַר דער רעוואָליוציע פונעם 1905 יאָר. זי פלעגט אָנווייזנ, אַז דער ערשטער נאָענטסטער עטאַפּ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע וועט זיינ א בורזשואַזדעמאָקראַטישע רעוואָליוציע. אָבער גלייכצייטיק פלעגנ די באָלשעוויקעס מיט אַלע קויכעס אונטערשטרייכנ, אַז די רוסישע רעוואָליוציע איז אַנ אומצערטיילעכער באַשטאַנדטייל פונ דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע. לענינ האָט געשריבנ אינ נאָיאַבער 1915 יאָר, אַז די באַפרייִונג פונעם בורזשואַזנ רוסלאַנד פונ אונטערנ צאַריזם און פונ דער פּריצים־מאַכט וועט דער פּראָלע־

טאַריאַט טײקעפּ אויסנוצנ אפּ דורכצומאכנ די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע אינעם בונד מיט די פּראָלעטאַריער פונ אײראָפּע.

דערבײַ פּלעגט לעניג אָנווײַזנ, אז אינ רעזולטאט פונ דער מילכאָמע זײַנענ די באַדינגענ פאַר א דערפאָלגרײַכנ קאמפּ פארנ אריבערוואַקסנ פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער געוואָרנ אסאַך גינסטיקער אונ אז דעריבער האָט דער צווייטער עטאַפּ פונ דער רעוואָליוציע — דער סאָציאַליסטישער — זיך היפּש דערנעענטערט צום ערשטנ — צום בורזשואַז־דעמאָקראַטישנ.

פונ סאמע אָנהײב מילכאָמע אָנ האָט די איבערוועגנדיקע מערהײַט פּאַרטײישע אָרגאַניזאציעס פאַרנומענ אנ אומקאָמפּראָמיסלעכע רעוואָליוציאָנערע פּאָזיציע קעגנ דער מילכאָמע. פּונדעסטוועגנ איז די פּאַרטײישע מאסנ־ארבעט די ערשטע צײַט אָפּגעשוואַכט געוואָרנ. נאָכ דער מאָביליזאציע־דערקלערונג איז די פּאַרטײ אכזאָריעסדיק צעגראָמירט געוואָרנ דורכ דער פּאָליצײ. דער טעראָר פונ דער צארישער רעגירונג איז געוואָרנ מוירעדיק גרויס. די צײַטונג „פּראַוודאַ" איז פארמאכט געוואָרנ. א גאנצע רײ פּאַרטײ־קאָמיטעטנ זײַנענ באַלד די ערשטע טעג ארעסטירט געוואָרנ. די לעגאַלע ארבעטער־אָרגאַניזאציעס זײַנענ דערשטיקט געוואָרנ. א היפּשע צאָל אקטיווע פּאַרטײ־טוערס, וואָס זײ איז געלונגענ אויסצומײַדנ ארעסט, זײַנענ מאָביליזירט אונ אָפּגעשיקט געוואָרנ אפּנ פראָנט. די פאַרבינדונג מיטנ צ"ק פונ דער פּאַרטײ אונ מיט לענינענ, וועלכער איז געווענ אינ אויסלאַנד (אינ דער שווייצ), איז צײַטווײַליק איבערגעריסנ געוואָרנ. כ׳ סטאַלינ איז געווענ אינ פארשיקונג אינעם ווײַטנ סיביר. די אפּ דער פרײַ איבערגעבליבענע באָלשעוויקעס האָבנ באַלד זיך גענומענ אופשטעלנ די פּאַרטײ־אָרגאַניזאציעס. מיט קאָלאָסאַלע שוועריקײַטנ איז צוריק אופגעשטעלט געוואָרנ די פאַרבינדונג מיט לענינענ. אינגיכנ נאָכנ אָנהײב פונ דער מילכאָמע האָט זיך באַקומענ אינ רוסלאַנד דער מאַניפעסט פונעמ צ"ק, וואָס לענינ האָט אים אָנגעשריבנ, וועגנ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. דער מאַניפעסט האָט אויספירלעכ באַגרינדעט די פּאָזיציע פונ די באָלשעוויקעס. דערדאָזיקער מאַניפעסט אונ די באַשלוסנ פונ דער בערנער קאָנפערענצ, ווי אויכ לענינס בריוו, האָבנ געהאָלפנ די פּאַרטײ־אָרגאַניזאציעס אינ רוסלאַנד צו פאַרנעמענ פונ אָנהײב אָנ א קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערע ליניע בענעגײע דער מילכאָמע.

בעשאַס דער מילכאָמע האָט לענינ פּאָרגעזעצט דאָס ארויסלאָזנ די צײַטונג „סאָציאַל־דעמאָקראַט". ניט געקוקט אפּ די אומגעהײערע שוועריקײַטנ, פלעגט דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אומלעגאַל אריבערגעפּעקלט ווערנ קײנ רוסלאַנד, ווו ער האָט געשפּילט אנ אויסערגעוויינלעכ וויכטיקע ראָליע. אויסנוצנדיק יעדע מעגלעכקײַט צו פאַרקערנ מיט רוסלאַנד, פלעגט לענינ דירעקט אָנפירנ פונ אויסלאַנד מיט דער ארבעט פונ די פּאַרטײישע אָרגאַניזאציעס אפּ די ערטער, פלעגט זײ געבנ אָנווײַזונגענ, אויסבעסערנ די דערלאָזטע פעלערנ א. אז. וו.

א גרויסע ארבעט האָט דורכגעפירט אינ אָנהײב מילכאָמע די באָלשעוויסטישע פראַקציע פונ דער IV מעלוכע־דומע. ביז זײער ארעסט פלעגנ די דעפּוטאַטנ־באָלשעוויקעס ארומפאָרנ איבער רוסלאַנד, אײַנאָרדענענ פּילצאָליקע ארבעטער־פאַרזאַמלונגענ, צונויפבינדנ צווישנ זיכ די אָרגאַניזאציעס, דערקלערנ זײ די לענינישע ליניע, צוריק אופשטעלנ די צעגראָמירטע קאָמיטעטנ א. אז. וו. די באָלשעוויסטישע פראַקציע איז געווענ די אײנציקסטע אינ דער גאַנצער וועלט פּאַרלאַמענטאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע, וואָס האָט פאַרנומענ א קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערע ליניע פונ קאמפּ קעגנ דער מילכאָמע. אפּנ גרונט פונ די לענינישע דירעקטיווג איז די דומע־פראַקציע דרײסט ארויסגעטראָטנ קעגנ די מילכאָמע־קרעדיטנ. אלס ענטפער אפּנ רופּ פונעמ בעלגישנ סאָציאַליסט וואַנדערוועלדע (אײנער פונ די פירער פונעמ II אינטערנאציאָנאַל) צײַטווײַליק אופצוהערנ פירנ דעם קאמפּ קעגנ דעם צאַריזמ, האָט בלויז די באָלשעוויסטישע פראַקציע געגעבנ א שאַרפנ ווידערשטאַנד. די מענשעוויסטישע דומע־פראַקציע האָט אָבער מאַסקימ געווענ מיט וואַנדערוועלדענ אונ האָט דערקלערט, אז „זי שטערט ניט דער מילכאָמע". אינ נאָיאַבער 1914 איז די גאַנצע באָלשעוויסטישע דומע־פראַקציע ארעסטירט געוואָרנ פאַר איר רעוואָ־

ליוציאָנערער ארבעט אונ נאָכנ געריכט איז זי פארשיקט געוואָרנ קיינ סיביר. די פארטיי האָט ברייט אויסגענוצט דעמ געריכט־פראָצעס איבער דער פראקציע, קעדיי צו ווייזנ די מאסנ, אז ניט געקוקט אפנ צעווילדעוועטנ שאָוויניזמ, פירנ די באָלשעוויקעס דורכויס א קאמפ קעגנ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע.

פונ מיטנ 1915 יאָר האָט זיכ אינ דער ארבעט פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ רוסלאנד אָנגעהויבנ א היפּשע אופלעבונג. אינ רוסלאנד איז געשאפנ געוואָרנ א ביוראָ פונ צ״ק מיטנ כ׳ מאָלאָטאָוו אינ שפּיצ. די ביוראָ פלעגט דירעקט אָנפירנ מיט דער גאנצער ארבעט פונ די אָרטיקע אָרגאניזאציעס.

די פארורטיילטע דורכ דעמ צארישנ געריכט באָלשעוויקעס־דעפּוטאטנ פונ דער IV מעלוכע־דומע.
פונ לינקס אפ רעכטס: די כ״כ פּעטראָווסקי, סאמוילאָוו, מוראנאָוו, באדייעוו, שאגאָוו.

די פארטיי האָט פאנאנדערגעוויקלט אנ ענערגישע ארבעט אינ די מאסנ. עס איז ברייט אוועקגעשטעלט געוואָרנ דאָס ארויסלאָזנ אומלעגאלע ליטעראטור. בלויז דער פּעטראָגראדער קאָמיטעט אליינ האָט ארויסגעלאָזט פאר די מילכאָמע־יאָרנ 87 פארשיידענע אומלעגאלע אויסגאבעס (אינ 300 טויזנט עקזעמפּליארנ). די פארטיי פלעגט אויסנוצנ די קלענסטע לעגאלע מעגלעכקייטנ פאר איר ארבעט: די סטראכיר־קאסעס, די קולטור־אופקלערערישע געזעלשאפטנ, די קאָאָפּעראציע, די קורסנ פאר אלגעמיינער בילדונג א. אז. וו.

די ארבעט־באדינגונגענ אינ די מילכאָמע־יאָרנ זיינענ געווענ אויסערגעוויינלעכ שווערע. דער פּאָליציישער טעראָר האָט געווילדעוועט ביז גאָר. א באזונדערע אכזאָריעסדיקייט פלעגט די זעלבסטהערשונג ארויסווייזנ בענעגייע ארבעטער. באמ קלענסטנ כשאד אינעמ מיטפילנ דער רעוואָליוציע פלעגנ די ארבעטער ארעסטירט אונ ארויסגעשיקט ווערנ, אָדער מע פלעגט זיי גלייכ אוועקשיקנ אפנ פראָנט, אינ די אָקאָפּעס. אונ אונדזער ארבעט איז דער רעוואָליוציאָנערער קאמפ ניט איינגעשטילט געוואָרנ.

אונטער דער אָנפירונג פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי פלעגנ די ארבעטער אָרגא־ניזירנ מיטינגענ, שטרײַקנ, דעמאָנסטראציעס, קעמפנדיק קעגנ דער מילכאָמע, קעגנ דער ווילדער עקספּלואטאציע, קעגנ יאקרעס. די באזונדערע טיילווײַזע ארויסטרע־טונגענ פונ די ארבעטער פלעגנ די באָלשעוויקעס פארוואנדלענ אינ אָרגאניזירטע מאסעווע שטרײַקנ. דעמ עקאָנאָמישנ קאמפ פונ די ארבעטער פלעגט די פארטיי פאר־וואנדלענ אינ א פּאָליטישנ, סטארענדיק זיכ צו דערשלאָגנ זיכ, אז די ארבעטער זאָלנ

וו. מ. מאָלאָטאָוו.

ארויסשטעלנ צוגלײַכ מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגענ אויכ פּאָליטישע לאָזונגענ: „אראָפּ מיט דער מילכאָמע“, „אראָפּ מיט דער זעלבסטהערשונג“, „קאָנפיסקירנ די פּריצישע ערדנ“, „אנ 8־שאָיקנ ארבעט־טאָג“. אינ איר אגיטאציע פלעגט די פארטיי אָפּגעבנ זייער גרויס אופמערקזאמקײַט דעמ יאקרעס, דעמ דערנערונג־, הייצונג־ אונ וווינונג־קריזיסנ, וואָס זײַנענ באזונדערס שארפ געוואָרנ בעשאס דער מילכאָמע. די באָלשע־וויקעס פלעגנ געבנ צו פארשטײַנ די מאסנ, אז די וואקסנדיקע נויט אונ הונגער זײַנענ ענג פארבונדנ מיט דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע אונ אז בלויז די רע־וואָליוציע וועט געבנ אנ אויסוועג פונעמ דאָזיקנ אומדערטרעגלעכנ טעמפּנ ווינקל, וווהינ די מילכאָמע האָט פאריאָגט דאָס גאנצע לאנד.

א גרויסע רעוואָליוציאָנערע ארבעט האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אינ דער ארמיי אונ אינעמ פלאָט. אינ פּעטראָגראד, סמאָלענסק, סיביר אונ אינ אנדערע ערטער האָבנ די מיליטערישע אָרגאניזאציעס פונ די באָלשעוויקעס פאנאנדערגעוויקלט אנ ענערגישע ארבעט צווישנ מיליטער. אלע גרעסטע שיפנ פונעמ באלטפלאָט — אינ פינלאנד, קראָנ־שטאדט, פּעטראָגראד — זײַנענ געווענ פארבונדנ מיט דער מיליטערישער אָרגאניזא־ציע פונ די באָלשעוויקעס. דער ריגער קאָמיטעט, וואָס האָט געארבעט אינעמ

בייפאָנטישן פאס, פלעגט ארויסלאָזן צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליארן ליטעראטור פאר די סאָלדאטן.

דורכפירנדיק איר ליניע, פלעגט די פּארטיי אומקאָמפּראָמיסלעך קעמפן קעגן אלע אנטפּלעקונגען פונעם סאָציאל־שאָוויניזם און צענטריזם אין רוסלאנד. די מענשעוויקעס אין רוסלאנד זיינען נאָך דער מילכאָמע־דערקלערונג ענדגילטיק פארוואנדלט געוואָרן אין סאָציאל־שאָוויניסטן. אין רוסלאנד פלעגט מען זיי רופן „אָבאָראָנצעס" („באשיצלער"). זיי פלעגן אָפן ארויסטרעטן צו פארטיידיקן די מילכאָמע, פלעגן דערוויזן די ניטיקייט אקטיוו צו העלפן פירן די מילכאָמע, צו גיין אָפן פראָנט א. אז. וו.

די אָפנסטע שאָוויניסטישע ליניע, א ליניע פון דירעקטן שטיצן דעם צאריזם, האָבן דעמלט פארנומען פּלעכאנאָוו, פּאָטרעסאָוו א. אנד.

די באשיצלערס האָבן מיט אלע קויכעס זיך באמיט צו דערשטיקן יעטווידן רעוואָליוציאָנערן ארויסטרעט, ווייל דאָס וואָלט געשטערט צו פירן ווייטער די מילכאָמע. די מענשעוויקעס, וואָס האָבן זיך שוין לאנג געהאט אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָליוציע, האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן אָפן גענומען איבערצייגן די ארבעטער, אז אין רוסלאנד דארף די מאכט געהערן צו דער בורזשואזיע.

דעמאסקירנדיק פאר די מאסן די אָפענע סאָציאל־שאָוויניסטן — פּלעכאנאָוו, פּאָטרעסאָוו און אנד., פלעגן די באָלשעוויקעס דערקלערן, אז מיט זייער שטיצן די מילכאָמע האָבן זיך די מענשעוויקעס ענדגילטיק פארוואנדלט אין לאקייען פון דער זעלבסטהערשונג, אין אן אָנשפאר פאר דער אימפּעריאליסטישער בורזשואזיע. דעמאסקירנדיק די מענשעוויסטישע פראקציע פון דער IV מעלוכע־דומע מיטן מענשעוויק טשכעידזע אין שפּיץ, פלעגט די פּארטיי אויפקלערן די ארבעטער, אז די גאנצע ליניע פון די מענשעוויקעס איז געצילט אָפ מיטצוארבעטן מיט די רעגירנדיקע קלאסן, אָפ אָפּצוהאלטן די מאסן פון דער רעוואָליוציע.

גלייכצייטיק פלעגן די באָלשעוויקעס דעמאסקירן די צענטריסטן—טראָצקין, מארטאָוון א. אנד., וואָס, צודעקנדיק זיך מיט „לינקע" פראזעס, פלעגן זיי פולקום שטיצן טשכעידזעס ליניע, אָפּציען די מאסן פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף, פריידיקן פּאָליטישע פּאסיווקייט און אומטעטיקייט. די באָלשעוויקעס האָבן געפירט אן איינגעשפּארטן קאמף, קעדיי ניט צו דערלאָזן, אז די סאָציאל־שאָוויניסטן און די צענטריסטן זאָלן פירן נאָך זיך די מאסן.

זייער א וויכטיקן באטייט האָט געהאט דער קאמף, וואָס די פּארטיי האָט געפירט אין צוזאמענהאנג מיט די וואלן אין די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. די־דאָזיקע קאָמיטעטן האָט די בורזשואזיע געשאפן, קעדיי צו העלפן דעם צאריזם פירן די מילכאָמע. זיי פלעגן פאנאנדערטיילן די מיליטערישע באשטעלונגען און נאָכשפּירן, וויאזוי די באשטעלונגען ווערן אויסגעפילט. די בורזשואזיע (גוטשקאָוו א. אנד.) האָט זיך געפּרוווט צוצוציען צו דער ארבעט פון די־דאָזיקע מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן אויך די ארבעטער. זי האָט גערעכנט, אז דורך דעם וועט איר געלינגען אָפּצוציען די ארבעטער פון רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגען און פונעם שטרייקקאמף, צו ווענדן זייער גאנצע ענערגיע אָפ העלפן דער מילכאָמע און זיי אָנצושטעקן מיט דער אלגעמיינער פּאטריאָטישער שטימונג. אויספילנדיק די־דאָזיקע באשטעלונג פון דער בורזשואזיע, האָבן די מענשעוויקעס (גוואָזדיאָוו א. אנד.) אָנגעהויבן אן אגיטאציע פארן באטייליקן זיך אין די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן.

די פּארטיי באָלשעוויקעס האָט אָפן אנטשיידנסטן אויפן זיך ארויסגעזאָגט קעגן דעם אריינגיין אין די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. אָפ די ארבעטער־פארזאמלונגען פלעגט די פּארטיי דערקלערן, אז די בורזשואזיע און די גוואָזדיאָווצעס שטרעבן צו שאפן ארבעטער־גרופּעס אין די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, קעדיי אָפּצונארן די ארבעטער, קעדיי צו מאכן פונעם פּראָלעטאריאט א געהאָרכזאם געצייג פון דער בורזשואזיע. ניט געקוקט אָפ דער גאנצער מיטהילף פון די אונטערנעמערס און פּאָליציי, זיינען די גוואָזדיאָווצעס בא די וואלן דורכגעפאלן. אָפן רוף פון די באָלשעוויקעס האָבן זיך די ארבעטער אָפּגעזאָגט צו שיקן זייערע פאָרשטייערס אין די־דאָזיקע קאָמיטעטן. אזוי, אשטייגער, האָבן אין מאָסקווע אינעם זאוואָד

„דינאמאָ" פונ 1 500 ארבעטער זיכ באטייליקט אינעמ וויילנ דעפוטאטנ סאכאק 74 מאנ. אפנ מאָסקווער מעטאל־זאוואָד (איצט „סערפּ אי מאָלאָט") זײַנענ פונ 3 000 ארבעטער געקומענ אינגאנצנ ארומ 120—100. אפנ זאוואָד „פּאָסטאַוושטשיק" האָבנ פונ 8 500 ארבעטער געשטימט קנאַפּע 300 א. אז. וו.

אינ פּעטראָגראד האָט די פּארזאמלונג פונ די באטולמעכטיקטע, וואָס זײַנענ אויסגעוויילט געוואָרנ אפ די אונטערנעמונגענ, אָנגענומענ א באָלשעוויסטישע רעזאָליוציע וועגנ אָפּזאָגנ זיכ צו גײנ אינ די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ. אינ דער אָנגענומענער רעזאָליוציע האָבנ די פּאָרשטייערס פונ פּעטער־בורגער ארבעטער אָנגערופנ פּארעטער פונעמ ארבעטער־קלאס די יעניקע, וואָס וועלנ ארײַנגײנ אונ די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ. די וואלנ האָבנ באשײַמפּערלעכ באוויזנ, אז די ארבעטער גײענ מיט די באָלשעוויקעס.

שפּעטער האָבנ די מענשעוויקעס מיט דער הילפ פונ די אונטערנעמערס אונ פּאָליציי פּאָרט געשאַפנ בא די אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ זייערע גרופּעס, אָנרופנדיק זיי „ארבעטער־גרופּעס". דידאָזיקע גרופּעס האָבנ זיכ געפּרוווט ארויסטרעטנ אינ נאָמענ פונעמ ארבעטער־קלאס. אָבער זייער אוזורפּאטאָרער איז געווענ צו באשײַמפּערלעכ. זיי זײַנענ ניט געווענ אויסגעוויילט דורכ די ארבעטער. קיינ שומ פארבינדונג, קיינ שומ שטיצע בא די ארבעטער־מאסנ האָבנ זיי ניט געהאט.

דער קאמפ ארומ די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ האָט אפ אסאכ פארשטארקט די ווירקונג פונ אונדזער פּארטיי אונ האָט געהאָלפנ דעמאסקירנ די מענשעוויקעס. דערדאָזיקער קאמפ האָט באשײַמפּערלעכ באוויזנ די ארבעטער, אז די מענשעוויקעס זײַנענ ענדגילטיק פארוואנדלט געוואָרנ אינ לאקייענ פונ דער בורזשואזיע, אינ מיטהעלפערס פונ דער מילכאָמע.

לענינ האָט אינ יאָר 1920 געשריבנ:

„...אויב דער באָלשעוויזמ איז געווענ בעקויעכ צו זיגנ אינ די יאָרנ 1917—1920, איז איינע פונ די גרונט־סיבעס פונ דעמדאָזיקנ ניצחונ געווענ דאָס, וואָס דער באָלשעוויזמ פלעגט נאָכ פונ סאָפ 1914 יאָר אָנ אָנ ראכמאָנעס אויפדעקנ די עקלדיקייט, מיעסקייט אונ געמיינהייט פונעמ סאָציאל־שאָוויניזמ אונ דער „קאוטסקיאנערײַ"... די מאסנ, ווידער, פלעגנ דערנאָכ אפ דער אייגענער פּראקטיק זיכ איבערצײַגנ אלצ מער אונ מער אינ דער ריכטיקייט פונ די באָלשעוויסטישע אָנשוייונגענ" [1].

דער קאמפ אפ צוויי פראָנטנ מיטנ אָפּאָרטוניזמ אינ די רייענ פונ די באָלשעוויקעס.

צוגלײַכ מיטנ קאמפ פאר דער לעניניסטער ליניע קעגנ די סאָציאל־שאָוויניסטנ אונ צענטריסטנ, איז דער פּארטיי אויסגעקומענ אײַנגעשפּארט צו קעמפנ אויכ מיט די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ אירע אייגענע רייענ. אינ די מילכאָמע־יאָרנ איז קעגנ דער לעניניסטער פּארטיי־ליניע ארויסגעטראָטנ, פונ איינ זײַט, די גרופּע „לינקע" באָלשעוויקעס (בוכארינ, פּיאטאקאָוו, יע. באָש א. אנד.), פונ דער אנדערער זײַט—די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ (קאמענעוו) אונ אויכ די שאָלעמ־מאכערס (שליאפּניקאָוו א. אנד.).

בוכארינ אונ זײַנ גרופּע האָבנ געלייקנט אינ דער לענינישער לערע וועגנ אימפּעריאליזמ אונ פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. אָפּלייקענענדיק דעמ לענינישנ געזעץ פונ ניט־גלײַכמעסיקער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ, פלעגט בוכארינ, פארקערט, באהויפּטנ, אז די ווידערשפּרוכנ אינ דער עפּאָכע פונעמ אימפּעריאליזמ ווערנ קלענער, אז די קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט ווערט וואָס אמאָל אָרגאניזירטער. אפ דער בערנער קאָנפערענצ פונ דער רסדא"פּ האָט בוכארינ געטײַנעט, אז סײַ דאָס פּויערטומ, סײַ דאָס שטאָטישע קלײנבירגערטומ זײַנענ רעאקציאָנער אונ קענענ ניט דעריבער געבנ קיינ

[1] Ленин, т. XXV, стр. 178.

שטיצע דעם פראָלעטאריאט אינ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. ער האָט אזוי־ארום געהאלטנ, אז דער פראָלעטאריאט וועט אינ דער רעוואָליוציע זײַנ איינזאם, אָנ פֿארבינדעטע. דאָסגלײַכנ האָבנ בוכארינ אונ פיאטאקאָוו געלייקנט אינ דעם, אז די נאציאָנאל־באפֿרײַערישע באוועגונג פֿונ די אונטערדריקטע נאציעס קענ זײַנ א פֿארבינדעטער פֿונעם פראָלעטאריאט אינ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. ארויסגייענדיק פֿונ דעם, פֿלעגנ זיי קעמפֿנ קעגנ דעם לענינישנ לאָזונג וועגנ דעם רעכט פֿונ די נאציעס אפֿ זעלבסטבאשטימונג. דערדאָזיקער לאָזונג האָט נאָכ ביז דער מילחאָמע געהאט א רעוואָליוציאָנערנ באטײַט; אינ די מילחאָמע־יאָרנ אָבער איז זײַנ ראָליע נאָכ מער אויסגעוואקסנ, ווײַל די מילחאָמע האָט באזונדערס פֿארשארפֿט די נאציאָנאלע אונטערדריקונג אינ אלע לענדער. אינ דער פֿראגע וועגנ דער באציִונג צו דער מילחאָמע האָבנ די „לינקע” באָלשעוויקעס געלייקנט אינעם לענינישנ לאָזונג וועגנ דער מאפּאָלע פֿונ דער אייגענער רעגירונג, ארויסרוקנדיק אָנשטאָט אים די צענטריסטישע לאָזונגענ פֿונ „שאָלעמ” אונ „אנטוואָפֿענונג”. בוכארינ האָט זיכ מיט אלע קויכעס געפרוווט דערנענטערנ די באָלשעוויקעס מיט טראָצקיס צענטריסטישער גרופע. די „לינקע” האָבנ געפֿירט א פֿארשטארקטנ פֿראקציאָנעלנ קאמפֿ קעגנ דער פארטיי אונ דערמיט גופֿע געשטערט דער צונויפֿגעשמידטקײַט פֿונ דער לענינישער פארטיי.

פֿונ דער אנדערער זײַט, האָט די פארטיי געקעמפֿט קעגנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, ביפֿראט קעגנ קאמעניעוו. זײַענדיק ארעסטירט (צוזאמענ מיט די דומע־דעפוטאטנ), האָט קאמעניעוו אָנשטאָט צו פֿארטיידיקנ אפֿנ געריכט די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ, גאָר געמאָלדנ, אז ער איז ניט מאסקימ מיט דער פארטיי־ליניע אינ דער פֿראגע וועגנ דער מילחאָמע, אז ער איז ניט מאסקימ מיטנ „מאפּאָלע”־לאָזונג. אינ טאָכ גענומענ האָט ער זיכ אראָפּגעקײַקלט אפֿ די פּאָזיציעס פֿונ באשיצלערײַ.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ פֿלעגנ באַרעכטיקנ די סאָציאל־שאָוויניסטנ פֿונ בעלגיע אונ פֿראנקרײַכ מיט דעם, וואָס דידאָזיקע קלוימערשט דעמאָקראטישע לענדער קעמפֿנ קעגנ דעם דײַטשישנ מיליטאריזמ. דערמיט גופֿע פֿלעגנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אינ עצעמ לייקענענ אינעמ אימפּעריאליסטישנ כאראקטער פֿונ דער מילחאָמע.

די פארטיי האָט געפֿירט דעמ סאמע אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפֿ קעגנ דידאָזיקע רעכטע אונ „לינקע” אָפּאָרטוניסטישע פֿארקרימלונגענ פֿונ דער באָלשעוויסטישער ליניע. איינצלנע פארטיי־מיטגלידער (שליאפּניקאָוו א. אנד.) האָבנ פֿארנומענ א פּרינציפּלאָזע שאָלעמ־מאכערישע פּאָזיציע, פּרוּוונדיק זיכ אָפּצושוואכנ דעמדאָזיקנ קאמפֿ. די שאָלעמ־מאכערס פֿלעגנ פֿארשמירנ דעמ אָפּאָרטוניסטישנ טאָכ פֿונ די רעכטע אונ „לינקע”, פֿלעגנ פֿארדעקנ זייער פֿראקציאָנעלנ קאמפֿ קעגנ דער פארטיי, פֿלעגנ זיי נעמענ אונטער זייער שוצ, פֿלעגנ זיכ פּרוּוונ דערקלערנ דעמ גאנצנ קאמפֿ קעגנ זיי דערמיט, וואָס לענינ טשעפּעט זיכ צו זיי. די פארטיי האָט אָפּגעוואָרפֿנ דידאָזיקע אלע פּרוּוונ פֿונ די שאָלעמ־מאכערס אונ האָט אויפֿגעדעקט זייער פּרינציפּלאָזיקײַט. לענינ האָט געשריבנ, *אז שאָלעמ־מאכערײַ איז די סאמע שעדלעכע זאכ אינ דער פארטיי, אז דאָס איז איר אומקומ.*

די רעכטע אונ „לינקע” אָפּאָרטוניסטנ, ווי אויכ די שאָלעמ־מאכערס, זײַנענ אינ רעזולטאט פֿונעמ אײַנגעשפּארטנ באָלשעוויסטישנ קאמפֿ קעגנ זיי געבליבנ אנ אומבאדײַטנדיק גרופּקעלע. זייערע מיינונגענ זײַנענ קימאט ניט פֿארשפּרייט געוואָרנ אינ די פארטיי־אָרגאניזאציעס פֿונ רוסלאנד.

די לאגע אינ רוסלאנד אונ די ארבעט פֿונ דער פארטיי ערעוו דער פֿעווראל־רעוואָליוציע.

אמ ווײַפֿל די מילחאָמע האָט זיכ פֿארצויגנ, האָט זיכ אלצ מער פֿארטיפֿט דער ווירטשאפֿטלעכער חורבנ אונ די רויִנירונג פֿונ רוסלאנד. צומ סאָפֿ 1916 יאָר איז אינ דער ארמיי געווענ מאָביליזירט קימאט 14 מיליאָנ מאנ. די פֿויערישע ווירטשאפֿט האָט געהאלטנ אינ רויִנירט ווערנ. אינ דאָרפֿ האָט געפֿעלט א העלפֿט פֿונ דער נייטיקער ארבעט־קראפֿט. עס זײַנענ שארפֿ פֿארקירצט געוואָרנ די פֿארזיי־שעטעכנ; עס איז

פאַרקלענערט געוואָרנ די צאָל אַרבעט־פּי. אינ דער אינדוסטריע האָט זיכ געפילט אַנ אָפּלעבונג בלויז אינ יענע צווײַגנ, וואָס האָבנ געאַרבעט אַפ דער אַרמיי, די איבע־ריקע האָבנ איבערגעלעבט אַ שווערע יערידע. דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט אַ שאַרפֿנ קריזיס אינ הייצ־מאַטעריאַלנ. איבערנ מאַנגל אינ הייצוואַרג האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט צענדליקער גרעסטע אונטערנעמונגענ. דער טראַנספּאָרט, וואָס איז ניט געווענ צוגע־גרייט צו די קאָלאָסאַלע מיליטערישע אַריבערפירונגענ, איז פאַר די מילכאָמע־יאָרנ דערגאַנגענ ביז צו אַ קאַטאַסטראָפאַלנ צושטאַנד און האָט געהאַלטנ באַמ אָפּשטעלנ זיכ אינגאַנצנ. אינ שטאָט האָט געווילדעוועט אַ הונגער. דער אַרבעטלוינ האָט געהאַלטנ אינ שנעלנ פאַלנ. די אונטערנעמערס האָבנ באַ דער שטיצע פונ די מענשעוויקעס געפירט אַפ דער גאַנצער ליניע אַנ אָנגריפ אַפנ אַרבעטער־קלאַס: זיי פלעגנ פאַרגרע־סערנ דעמ אַרבעט־טאָג, אײַנפירנ נאַכט־אַרבעט. אונטערנ אויסרייד פונ אַרבעט אַפ דער לאַנד־פאַרטיידיקונג האָט זיכ אָנ אַ גרענעצ פאַרשטאַרקט די עקספּלואַטאַציע פונ די אַרבעטער.

די מיליטערישע מאַפּאָלעס אַפנ פראָנט האָבנ דערוויזנ, אַז די זעלבסטהערשונג איז אינגאַנצנ דורכגעפוילט. שאַרלאַטאַנעס, ווי אַשטייגער ראַספּוטינ, האָבנ געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אַפ דער פאַרוואַלטונג פונעמ לאַנד. דאָס פיבערדיקע פאַרבײַטנ איינ מיניסטער אַפ אַ צווייטנ האָט באַוויזנ, אַז דאָס רעגירנדיקע אויבער־קעפל איז ניט אימשטאַנד אײַנצוהאַלטנ זײַנ הערשאַפט. קעדיי צו ראַטעווענ די מאָנאַרכיע, האָט דער צאַריזמ אָנגעהויבנ פירנ געהיימע אונטערהאַנדלונגענ מיט דײַטשלאַנד וועגנ אַ סעפּאַראַטנ שאָלעמ.

דער כורבנ און דער הונגער האָבנ אויפגעהויבנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונג באַ די מאַסנ. פונ דער צווייטער העלפט אָנ פונ 1915 יאָר האָבנ די אַרבעטער אָנגעהויבנ אַרויסווײַזנ אַלצ אַ מער אײַנגעשפּאַרטנ ווידערשטאַנד קעגנ דעמ אָנגריפ פונ די קאַ־פּיטאַליסטנ. אויב אינ דער צווייטער העלפט 1914 יאָר האָבנ זיכ באַטייליקט אינ די שטרײַקנ באַ 35 טויזנט אַרבעטער, איז אינ 1915 יאָר די צאָל שטרײַקערס דערגאַנ־גענ ביז 540 טויזנט, און אינ 1916 יאָר — ביז 952 טויזנט. די שטרײַק־באַוועגונג איז אונטער דער אָנפירונג פונ דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי געוואַקסנ, זיכ געברייטערט, געוואָרנ אַלצ מער אײַנגעשפּאַרט און מאַסעווע, האָט אַלצ מער אָנגענומענ אַ פּאָלי־טישנ כאַראַקטער.

גלײַכצײַטיק איז אָנ אויפהער אָנגעוואַקסנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונג אינ דער אַרמיי. די שלעכטע באַזאָרגונג, דער מאַנגל אינ שיס־מאַטעריאַלנ, דאָס ניט האָבנ קיינ האָפענונג אַפ אַ גיכנ שאָלעמ — דאָס אַלצ האָט פאַרגרעסערט די אויפגעבראַכטקײַט באַ די סאָלדאַטישע מאַסנ, פלעגט דעמאָראַליזירנ די אַרמיי און זי מאַכנ פאַר אַנ אומזיכערנ אָנ־שפאַר פאַר דער זעלבסטהערשונג. עס זײַנענ אַלצ אָפטער געוואָרנ פאַלנ פונ אָפּזאָגנ זיכ צו גייִנ אינ שלאַכט, פונ דעזערטירערײַ, פונ אָפּגעבנ זיכ אינ געפאַנגענשאַפט, פונ ברידערנ זיכ א. אז. וו. אונטער דער ווירקונג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ פונ די אַרבע־טער האָבנ אויכ די סאָלדאַטישע מאַסנ אָנגעהויבנ אַריבערגייִנ צו אַקטיווע רעוואָליו־ציאָנערע אַרויסטרעטונגענ. אינ אָקטיאַבער 1916 אינ פעטראָגראַד בעשאַס אַ צוזאַמענ־שטויס צווישנ די אַרבעטער פונעמ זאַוואָד רענאָ מיט דער פּאָליציי האָבנ די סאָל־דאַטנ פונעמ 181 פּאָלק, וואָס האָט קוואַרטירט ניט ווײַט פונ דאָרטנ, אַקטיוו אונ־טערגעהאַלטנ די אַרבעטער קעגנ דער פּאָליציי.

פונ דער אַנדערער זײַט, האָט אויכ די בורזשואַזיע געזענ, אַז די רעגירונג איז ניט פײַיק צו באַוואָרענענ דאָס דערפאָלגרײַכע פירנ די מילכאָמע. שוינ אָנהייב 1916 יאָר האָט צווישנ דער בורזשואַזיע אָנגעהויבנ וואַקסנ אַנ אומצופרידנקײַט מיט דער רעגירונג פונ ניקאָלײַ דעמ II. עס איז אויפגעקומענ אַ פּלאַנ פונ אַ הויפ־איבערקערעניש. די בורזשו־אַזיע האָט באַרניט געזאָט קעגנ פאַרבײַטנ ניקאָלײַ דעמ II אַפ אַנ אַנדער קייסער, וואָס זאָל קענענ בעסער באַוואָרענענ די אינטערעסנ פונ דער אימפּעריאַליסטישער בורזשו־אַזיע און דערפירנ די מילכאָמע ביז אַ זיגרײַכנ טאָפּ.

דעמאָקראַטישנ — די פּאַרשטייערס פונעמ ענגליש־פראַנצויזישנ קאַפּיטאַל, וואָס האָבנ אויכ געהאַלטנ, אַז ניקאָלײַ דעמ II רע־גירונג איז ניט פײַיק צו פירנ די מילכאָמע.

צום סאָפ 1916 יאָר איז שוינ אינ לאַנד געווענ א רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע. די פּאַרטיי (אינ געשטאַלט פונ דער ביוראָ פונ צ"ק) האָט געגעבנ א דירעקטיוו — אריבערצוגיינ אינ א מער אנטשלאָסענעמ אָנגריפ, ארויסטירנ די מאַסנ אפ דער גאַס, צוגרייטנ אנ אַלגעמיינעמ שטרײַק אונ דערנאָכ אויכ א באוואָפנטנ אופשטאַנד.

די גאַנצע ארבעט פונ דער פּעטראָגראַדער, מאָסקווער אונ אַנדערע אָרגאַניזאַציעס איז פונ דעמ מאָמענט אָנ געווענ געצילט אפ צוצוגרייטנ א באוואָפנטנ אופשטאַנד.

דעמ 30 דעקאַבער 1916 יאָר האָט זיכ אָנגעהויבנ א גראַנדיעזער שטרײַק אינ איוואַנאָווא־וואָזנעסענסק, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ קימאַט אינ אנ אַלגעמיינעמ שטרײַק.

אינעמ יאָרטאָג פונעמ בלוטיקנ זונטיק, דעמ 9 יאַנוואַר 1917, האָט אינ פּעטראָגראַד אפנ רופ פונ דער פּאַרטיי געשטרײַקט די איבערוועגנדיקע מערהײַט ארבעטער. פונ דעמ מאָמענט אָנ זײַנען אונטער דער אָנפירונג פונ די באָלשעוויקעס די שטרײַקנ, מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס אָנ אופהער אָנגעוואַקסנ ביזנ סאַמע סאָפ פעוורַאַל 1917. אינ יאַנוואַר 1917 האָבנ געשטרײַקט 244 טויזנט, אונ אינ פעוורַאַל — שוינ 432 טויזנט ארבעטער. אינ פעוורַאַל האָבנ די פּאָליטישע שטרײַקנ אויסגעמאַכט שוינ 95,6% פונ אַלע שטרײַקנ. דאָס האָט איידעס געזאָגט וועגנ דעמ, אז דער ארבעטער־קלאַס האָט זיכ געהאַלטנ אינ אופהייבנ צומ קאַמפ קעגנ דעמ צאַרישנ רעזשימ. די דאָזיקע שטרײַקנ זײַנען געווענ א דירעקטע צוגרייטונג צו דער פעוורַאַל־רעוואָליוציע.

ליטעראַטור צומ אכטנ קאַפּיטל.

Ленин, Война и российская социал-демократия, Соч., т. XVIII, стр. 57—66.

Ленин, Конференция заграничных секций РСДРП. Соч., т. XVIII, стр. 124—128.

Ленин, Что доказал суд над РСДР фракцией, Соч., т. XVIII, стр. 129—133.

Ленин, Социализм и война, Соч., т. XVIII, стр. 185—223.

Ленин, Вопрос о мире, Соч., т. XVIII, стр. 226—229.

Ленин, О лозунге соединенных штатов Европы, Соч., т. XVIII, стр. 230—233.

Ленин, Революционные марксисты на международной социалистической конференции, Соч., т. XVIII, стр. 302—305.

Ленин, Несколько тезисов. Соч. т. XVIII, стр. 311—313.

Ленин, О двух линиях революции. Соч., т. XVIII, стр. 314—318.

Ленин, О брошюре Юниуса, Соч., т. XIX, стр. 176—190.

Ленин, О каррикатуре на марксизм и об „империалистическом экономизме“, Соч., т. XIX, стр. 191—235.

Ленин, Интернационал молодежи, Соч., т. XIX, стр, 294—297.

Ленин, Военная программа пролетарской революции, Соч., т. XIX, стр. 323—332.

די פארטיי אינ קאמפ פארנ אָקטיאבער.

(פעווראל — אָקטיאבער 1917 י.)

דאָס אראָפּווארפנ דעמ צאריזמ.

צו אָנהייב מארט 1917 יאָר האָט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג דערגרייכט צומ העכסטנ אופשטייג. די פארטיי באָלשעוויקעס האָט גענומענ רופנ די ארבעטער, סאָלדאטנ אונ פויערימ צו א באוואָפנטנ אופשטאנד קעגנ דער צארישער רעגירונג, צומ קאמפ פאר דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ. די פארטיי האָט גענומענ דערקלערנ די מאסנ, אז זיי וועלנ קענענ פּאָטער ווערנ פונ דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע אונ פונעמ דראָענדיקנ הונגער־טויט בלויז דורכ אראָפּווארפנ דעמ צאריזמ אונ דורכנ פארכאפּנ די מאכט אינ זייערע הענט. מיט יעדנ טאָג איז די סינע צו דער זעלבסטהערשונג געוואקסנ אלצ שטארקער אונ שטארקער. אינ פּעטראָגראד האָבנ זיכ די ארבעטער געריסנ ארויסצוטרעטנ אפּ דער גאס מיט פּראָטעסטנ קעגנ דער מילכאָמע אונ דעמ הונגער. דעמ 8 אונ 9 מארט (23 אונ 24 פעווראל [1]) זיינענ פּאָרגעקומענ ארבעטער־דעמאָנסטראציעס אונטער די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ: „אראָפּ מיט דער זעלבסטהערשונג!“, „אראָפּ מיט דער מילכאָמע!“ — דעמאָנסטראציעס, וואָס זיינענ באגלייט געוואָרנ מיט צוזאמענשטויסנ מיט דער פּאָליציי. דעמ 10 מארט האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אלגעמיינער שטרייק. די דעמאָנסטראציעס זיינענ דעמדאָזיקנ טאָג געווענ נאָכ פילצאָליקער, איידער אינ די פריערדיקע טעג. אינ אייניקע ראיאָנענ פונ פּעטראָגראד האָבנ די ארבעטער אָנגעהויבנ אנטוואָפענענ די פּאָליציי. דעמ 11 מארט האָבנ זיכ די דעמאָנסטראציעס ווידעראמאָל אָנגעהויבנ מיט נאָכ א גרעסערער קראפט. די פּאָליציי האָט גענומענ פאנאנדערטרייבנ די דעמאָנסטראציעס מיט א פייער פונ ביקסנ אונ קוילנווארפערס. אונטער דער ווירקונג פונ דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאגאנדע האָט אפּ דער זייט פונ די ארבעטער אָנגעהויבנ אריבערצוגיינ דאָס מיליטער. די אופגעשטאנענע ראָטע פונעמ פּאוולאָווישנ פּאָלק האָט געעפנט א פייער אפּ דער פּאָליציי. דעמ 12 מארט איז אופגעשטאנענ דער וואָלינער פּאָלק, האָט אויסגעהארגעט די אָפיצערנ אונ איז צוגעשטאנענ צו די ארבעטער. אנדערע פּאָלקנ האָבנ נאָכגעטאָנ דעמ ביישפּיל פונעמ וואָלינער פּאָלק. צומ סאָפּ טאָג איז דער גאנצער פּעטראָגראדער גארניזאָנ אריבער אפּ דער זייט פונ דער רעוואָליוציע. די אופגעשטאנענע ארבעטער אונ סאָלדאטנ האָבנ גענומענ אנטוואָפענענ די פּאָליציי אונ זשאנדארמענ, ארעסטירנ די מיניסטאָרנ. אינ עטלעכע טעג ארומ איז ארעסטירט געוואָרנ אויכ דער צאר.

אזויארומ האָט דער לאָזונג פונ די באָלשעוויקעס וועגנ פארוואנדלענ די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג אָנגעהויבנ אינ מארט 1917 יאָר פארווירקלעכט צו ווערנ אינ לעבנ. די פעווראל־רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר איז געווענ די ערשטע רעוואָליוציע, וואָס די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע האָט

[1] אינ די קלאמערנ זיינענ אָנגעוויזנ די דאטעס לויטנ אלטנ סטיל אינ רוסלאנד ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די דאטעס לויטנ אלטנ סטיל פלעגנ אָפּשטיינ פונעמ צווישנפעלקערלעכנ קאלענדאר אפּ 13 טעג. נאָכנ אָקטיאבער איז אינ ססס״ר איינגעפירט געוואָרנ דער נייער קאלענדאר, וואָס פאלט צונויפּ מיטנ צווישנפעלקערלעכנ. ווייטער, אָנגעהויבנ פונ דעמדאָזיקנ קאפּיטל, ווערנ אלע געשעענישנ אָנגעוויזנ לויטנ נייעמ קאלענדאר.

ארויסגערופנ. זי איז געווענ דער אָנהייב פונעם פארוואנדלענ די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג.

אירע באוועג־קרעפטנ זיינענ געווענ די ארבעטער אונ פּויערים. מאקע זיי זיינענ דאָס ארויס אפ דער גאס אונ האָבנ געפירט א שלאכט מיט דער פּאָליציי אונ די זשאנדארמען. דער פירער (העגעמאָנ) אינעם טויט־געראנגל מיטנ צאריזם איז געווענ דער ארבעטער־קלאס, וואָס נאָכ אים איז געגאנגענ דאָס פּויערטום.

לויט איר כאראקטער אונ באוועג־קרעפטנ איז די פעווראל־רעוואָליוציע געווענ א בורזשואז־דעמאָקראטישע.

פּאָליציאנטנ באשיסנ די ארבעטער פונ א בוידעמ אינ די פעווראל־טעג.

די פעווראל־רעוואָליוציע האָט אינגאנצנ אונ פולשטענדיק באשטעטיקט די ריכטיקייט פונ דער באָלשעוויסטישער סטראטעגיע אונ טאקטיק. די פראגע וועגנ די באוועג־קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע, דאָס אריבערוואקסנ פונעם אלגעמיינעם שטרייק אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד, דאָס אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער — דאָס אלץ איז געווענ פאנאנדערגעארבעט דורכ דער פארטיי נאָכ פאר דער רעוואָליוציע אונ בעשאס דער רעוואָליוציע פונעם 1905 יאָר. לענינ פלעגט שטענדיק לערנענ, אז די באשליסנדיקע ראָליע שפּילט אינ דער רעוואָליוציע די פארטיי פונעם פּראָלעטאריאט. טאקע די פארטיי באָלשעוויקעס האָט צוגעגרייט אונ אָרגאניזירט די פעווראל־רעוואָליוציע. די אונטערערדישע ארבעט פונ די באָלשעוויקעס פאר דער גאנצער פריערדיקער צייט, אונ באזונדערס אינ די יאָרנ פונ דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, האָט צוגעגרייט דעמ פּראָלעטאריאט צומ אופשטאנד, צומ בירגערקריג.

די פארטיי באָלשעוויקעס האָט דירעקט אָנגעפירט מיטנ באוואָפנטנ קאמפ פונ די ארבעטער אונ סאָלדאטנ. צווישנ די הונדערטער אומגעקומענע אינ די פעווראל־טעג אפ די גאסנ פונ פעטראָגראד זיינענ געווענ אסאכ מיטגלידער פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי, דערינ אויכ מיטגלידער פונעם פעטראָגראדער קאָמיטעט (דער ארבעטער פ. קאָריאקאָוו א. אנד.).

די צווײמאכט.

פונ די ערשטע טעג אָנ פונ דער רעוואָליוציע האָבנ אינ פעטראָגראד אונ איבער גאנצ רוסלאנד זיכ אָנגעהויבנ אפנ שטייגער פונעמ יאָר 1905 צו שאפנ סאָוועטנ פונ ארבעטער־, סאָלדאטנ־ אונ פויערימ־דעפוטאטנ. דער ערשטער סאָוועט, וואָס איז אנטשטאנענ אינ גאנג פונ דער פעווראל־רעוואָליוציע, איז געווענ דער פעטראָגראדער, וואָס איז אָרגאניזירט געווענ דעמ 12 מארט (27 פעווראל). אפ דער זײַט פונ די סאָוועטנ איז געשטאנענ די מאסע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, סאָלדאטנ אונ פויערימ. דאָס זײַנענ געווענ אָרגאנענ פונ דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ. מיט זייער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט האָבנ די סאָוועטנ גלײַכ ארויסגערופנ צו זיכ די גרעסטע סינע מיצאד דער בורזשואזיע. די בורזשואזיע האָט פארשטאנענ, אז די ארבעטער אונ די סאָלדאטנ וועלנ זיכ אינ דער רעוואָליוציע ניט באנוגענענ מיטנ אראָפווארפנ די זעלבסטהערשונג, אז זיי וועלנ ווײַטער פירנ דעמ קאמפ—קעגנ דער מילכאָמע, קעגנ דעמ פריצישנ ערדבאזיצ, קעגנ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג. אינ דער פערזאָנ פונ די סאָוועטנ פונ די ארבעטער־, סאָלדאטנ־ אונ פויערימ־דעפוטאטנ האָט די בורזשואזיע געזענ א טויט־געפאר פאר איר הערשאפט. זי האָט אויסגעצייכנט געדענקט די דערפארונג פונ דער רעוואָליוציע פונ יאָר 1905, ווענ די סאָוועטנ האָבנ אינ א ריי שטעט אָנגעהויבנ פארוואנדלט צו ווערנ אינ אָרגאנענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאכט.

אונ די בורזשואזיע איז ארויסגעטראָטנ ווי א קאָנטררעוואָליוציאָנערע קראפט, שטרעבנדיק פאר יעדנ פרײַז אופצוהיטנ די מאָנארכיע.

ניט האָבנדיק הינטער זיכ קיינ גענוגנדיקע באוואָפנטע קראפט אפ צו דערשטיקנ אָפנ די זיכ־אָנגעהויבענע רעוואָליוציע, האָט זיכ די בורזשואזיע געפרווט אָפנארנ די מאסנ אונ מאכנ אזוי, אז דער גאנצער איניענ זאָל זיכ אויסלאָזנ מיטנ פארבײַטנ ניקאָלײַ דעמ II אפ זײַנ ברודער מיכאיל ראָמאנאָוו. דערדאָזיקער מאנעווער פונ דער בורזשואזיע האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ. די באוואָפנטע ארבעטער, געשטיצט דורכ די סאָלדאטנ, האָבנ ניט דערלאָזט צוריקופצושטעלנ די זעלבסטהערשונג. דעמלט האָט די בורזשואזיע זיכ צוגעײַלט צו פארכאפנ די מאכט אינ אירע הענט, קעדיי צוערשט בארויקנ די מאסנ דורכ קליינע האנאָכעס פאר די ארבעטער אונ פויערימ אונ נאָכדעמ מיט בלומ אונ אײַזנ זיכ אָפצורעכענענ מיט דער רעוואָליוציע אונ צו פארפעסטיקנ איר אייגענע הערשאפט.

זיכ פארדעקנדיק מיט פראזעס וועגנ מיטגעפיל צו דער רעוואָליוציע, האָט די בורזשואזיע געשאפנ דעמ 14 מארט פונ די מיטגלידער פונ דער IV מעלוכע־דומע א צײַטווײַליקע רעגירונג, וואָס איר האָט זי טאקע באופטראָגט „אײַנצושטעלנ אָרדענונג אינ פעטראָגראד". אינעמ באשטאנד פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג זײַנענ ארײַנ פאָרשטייערס פונ די גרעסטע קאפיטאליסטנ אונ פריצימ—דער פירשט לוואָוו, מיליוקאָוו, גוטשקאָוו א. אנד. אונ קעדיי אָפצונארנ דאָס פאָלק, איז אהינ ארײַנגעפירט געוואָרנ קערענסקי, וואָס איז נאָכ פעווראל ארײַנגעטראָטנ אינ דער פארטיי עסערנ. אזוי ארומ איז צוגלײַכ מיט די סאָוועטנ, מיט די אָרגאנענ פונ דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, געשאפנ געוואָרנ א צײַטווײַליקע רעגירונג, וואָס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. די סאָוועטנ האָבנ מיט זיכ פארגעשטעלט פאקטיש א צווייטע רעגירונג, אפ וויפל אינ זייערע הענט איז געווענ די באוואָפנטע קראפט פונ דער רעוואָליוציע. דאָס איז געווענ

„... נאָכ א שוואכע, עמבריאָנעלע, נאָר דאָכ אנ אָנ צווייפל ווירקלעכ־עקזיסטירנדיקע אונ וואקסנדיקע צווייטע רעגירונג"[1],—האָט לענינ געשריבנ.

זי האָט עקזיסטירט פאראלעל מיט דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. אָנשפארנדיק זיכ אפ דער שטיצע פונ די מאסנ, האָבנ די סאָוועטנ

---

1) Ленин, т. XX, стр. 94.

געקאָנט שוין פונ אָנהייב אָנ ווערנ די איינציקע רעגירונג אינ לאנד, ווענ זייער מערהייט וואָלט געוואָלט אופהייבנ די מאסנ צומ קאמפ מיט דער צייטווייליקער רעגירונג. אינ די סאָוועטנ אָבער, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, איז די מערהייט געווענ בא די מענשעוויקעס אונ עסערנ, אונ זיי האָבנ געהאלטנ, אז נאָכנ ארעפווארפנ דעמ צאריזמ דארפ די מאכט אריבערגיינ אינ די הענט פונ דער בורזשואזיע. דעריבער איז די מענשעוויסטיש־עסערישע מערהייט פונ די סאָוועטנ איינגעגאנגענ אפ א פשאָרע, אפ א מיטארבעט מיט דער בורזשואזיע. האלטנדיק פאקטיש די מאכט אינ זייערע הענט, האָבנ די מענשעוויסטיש־עסערישע סאָוועטנ פרייוויליק זי אָפגעגעבנ דער בורזשואזיע אונ האָבנ געלאָזט פאר זיכ בלויז דאָס רעכט פונ „קאָנטראָל“ איבער דער טעטיקייט פונ דער בורזשואזער צייטווייליקער רעגירונג. די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ גערופנ די מאסנ צו שטיצנ די צייטווייליקע רעגירונג, איינרעדנדיק די ארבעטנדיקע, אז זי ארבעט, קלוימערשט, לעטובעס דער רעוואָליוציע. בלויז אדאנק דערדאָזיקער שטיצע מיצאד די סאָוועטנ איז די צייטווייליקע רעגירונג געווענ אימשטאנד דורכצופירנ אלע אירע מאָסמיטלענ.

אזויארומ האָט זיכ געשאפנ נאָכ ניט קיינ געזעענע אינ דער געשיכטע אייגנארטיקע צוויימאכט —

„...אנ איבערפלעכט פונ צוויי דיקטאטורנ צוזאמענ, אינײנעמ: די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע... אונ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ“ [1].

די דאָזיקע צוויימאכט, וואָס האָט זיכ געשאפנ באלד אינ די ערשטע טעג פונ דער פעברואר־רעוואָליוציע, איז געווענ די סאמע כאראקטעריסטישע אייגנשאפט אירע.

איינע פונ די גרונט־סיבעס פונ דער צוויימאכט איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס די מאסנ האָבנ אינ זייער מערהייט אינעמ ערשטנ פעריאָד נאָכ דער פעברואר־איבערקערעניש ארויסגעוויזנ אומבאוווסטזיניק א צוטרויִלעכע באציִונג צו דער בורזשואזיע אונ צו אירע אגענטנ — די מענשעוויקעס אונ עסערנ. די רעוואָליוציע האָט אופגעהויבנ צו אנ אקטיוונ פאָליטישנ לעבנ צענדליקער מיליאָנענ ארבעטנדיקע, וואָס האָבנ פריִער קיינ שומ אָנטייל ניט גענומענ אינ דער פאָליטיק, זיינענ געווענ דערשלאָגנ פונעמ שרעקלעכנ דרוק פונעמ צאריזמ אונ פונ דער שווערער ארבעט אפ די פריצימ אונ פאבריקאנטנ. נעמענדיק צומ ערשטנ מאָל אנ אָנטייל אינעמ פאָליטישנ לעבנ, איז דידאָזיקע מאסע (אינ איר מערהייט א פויערשע) איבער איר ניט־גענוגער באוווסטזיניקייט נאָכגעגאנגענ נאָכ די מענשעוויקעס אונ עסערנ, גלייבנדיק זייערע פראזעס וועגנ דער רעוואָליוציאָנערישקייט פונ דער צייטווייליקער רעגירונג, גלייבנדיק זייערע צוזאָגנ צו מאכנ א סאָפ צו דער מילכאָמע, צונויפצורופנ די גרינדונג־פארזאמלונג א. אז. וו.

דאָ האָט אויכ געשפילט א ראָליע די היפשע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומענ פאר דער מילכאָמע־צייט אינעמ ארבעטער־באשטאנד אפ די אונטערנעמונגענ. אסאכ פאָרגעשריטענע ארבעטער, וואָס זיינענ געגאנגענ נאָכ דער באָלשעוויסטישער פארטיי, זיינענ איצט געזעסנ אינ די טורמעס אונ געווענ אפ קאטאָרגע. מער ווי א דריטל פונ אלע ארבעטער זיינענ געווענ מאָביליזירט אפנ פראָנט. אפ זייער אָרט זיינענ אפ די זאוואָדנ געקומענ נייע ארבעטער, דאָסטאָוו פונ דאָרפ, וועלכע האָבנ ניט געהאט קיינ שומ דערפארונג פונ קלאסנקאמפ. דערדאָזיקער קנאפ־באוווסטזיניקער טייל ארבעטער האָט אויכ געגלייבט די מענשעוויקעס אונ עסערנ.

דערקלערנדיק דעמ טאָכ פונ דער צוויימאכט, האָט לענינ געשריבנ:

„די גיגאנטישע קליינבירגערלעכע כוואליע האָט פארפלייצט אלצ, האָט דערשטיקט דעמ באוווסטזיניקנ פראָלעטאריאט ניט בלויז מיט איר צאָליקייט,

[1]) Ленин, т. XX, стр. 114.

נאָר אויכ אידײִש, ד. ה. זי האָט אָנגעשטעקט, פאַרכאַפּט זײער ברײטע קרײַזנ ארבעטער מיט די קלײנבירגערלעכע אָנשװינגענ װעגנ פּאָליטיק" [1].

אָט פאַרװאָס די מענשעװיקעס אונ עסערנ זײַנענ אינעמ ערשטנ מאָמענט פונ דער רעװאָליוציע געװענ אינ א באַדײַטנדיקער מערהײַט אינ די סאָװעטנ, באַקומענדיק, אַזױאַרומ, א מעגלעכקײַט אײַנצוגײנ אינ נאָמענ פונ די סאָװעטנ אפּ אנ אױסגלײַכ מיט דער בורזשואַזיע.

די געשאַפענע צװײמאַכט האָט זיכ לאַנג האַלטנ ניט געקענט, װײַל צװײ מאַכטנ אינ א מעלוכע קאָנענ ניט עקזיסטירנ. די בורזשואַזיע האָט פונ סאַמע אָנהײב אָנ גענומענ פירנ א קאַמפּ אפּ אײַנצושטעלנ איר אײנמאַכט. פונ דער אַנדערער זײַט, האָט דער רעװאָליוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פונ דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ אָנגעהױבנ א קאַמפּ פאַר דעמ, אַז די סאָװעטנ זאָלנ נעמענ די גאַנצע מאַכט אינ זײערע הענט אונ זאָלנ אײַנשטעלנ די מאַכט פונ די ארבעטער אונ פּױערימ. צוליב דעמ האָט מענ באַדאַרפט אַראָפּרײַסנ דעמ צוטרױ פונ די מאַסנ צו די מענשעװיקעס אונ עסערנ, איבערצײַגנ די מאַסנ, אַז בלױז די סאָװעטנמאַכט קענ מאַכנ א סאָפּ צו דער מילכאָמע אונ צומ װירטשאַפטלעכנ כורבנ אונ לײזנ די פראַגע װעגנ ברױט אונ ערד.

די פּאַרטײ אינ די ערשטע טעג פונ דער רעװאָליוציע.

די אָנפירונג מיט דער גאַנצער פּאַרטײ־ארבעט אינ די ערשטע טעג פונ דער פעװראַל־רעװאָליוציע האָט געהערט צו דער ביוראָ פונ צ"ק, װאָס איז געװענ אינ פּעטראָגראַד. לעניג איז דעמאָלט געװענ אינ אױסלאַנד; די צ"ק־מיטגלידער, די כ"כ סטאַלינ אונ סװערדלאָװ, זײַנענ געװענ אינ דער טורוכאַנער פאַרשיקונג. די פּאַרטײ האָט פונ אָנהײב אָנ גענומענ פירנ אנ ענערגישנ קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזער צײַטװײַליקער רעגירונג. דעמ 17 מאַרט האָט די ביוראָ פונ צ"ק פאַרעפנטלעכט א מאַניפעסט, אינ װעלכנ עס איז געזאָגט געװאָרנ, אַז מיט דער צײַטװײַליקער רעגירונג קענענ ניט זײַנ קײנע שומ פּשאָרעס, אַז די ארבעטער אונ פּױערימ דאַרפנ שאַפנ זײער רעגירונג.

כ׳ סטאַלינ, װאָס האָט זיכ אומגעקערט פונ דער פאַרשיקונג סאָפּ מאַרט, האָט געשריבנ אינ „פּראַװדאַ", אַז מע דאַרפ די רעװאָליוציע א רוק טאָנ װײַטער אונ צוליב דעמ דאַרפ מענ פאַרפעסטיקנ דעמ בונד פונ די ארבעטער מיט די פּױערימ, צעקלאַפּנ די װירקונג פונ די מענשעװיקעס אונ עסערנ אפּ די מאַסנ, שאַפנ שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס אפּ די ערטער. כ׳ סטאַלינ פלעגט אָנװײַזנ, אַז קעדײ די רעװאָליוציע זאָל זיגנ, איז נײטיק פריער פאַר אַלצ צו שאַפנ איבער גאַנצ רוסלאַנד א נעצ סאָװעטנ אונ זײ פאַרײניקנ אינ אנ אַלרוסלענדישנ סאָװעט פונ ארבעטער־, סאָלדאַטנ־ אונ פּױערימ־דעפּוטאַטנ. די סאָװעטנ, האָט ער געשריבנ, דאַרפנ פונ אָרגאַנענ פונ רעװאָליוציאָנערנ קאַמפּ פונ פאָלק, פאַרװאַנדלט װערנ אינעמ נײטיקנ מאָמענט אינ אָרגאַנענ פונ דער רעװאָליוציאָנערער מאַכט. באַזונדערס פלעגט כ׳ סטאַלינ אונטערשטרײַכנ די נײטיקײַט טײקעפּ צו באַװאָפענענ די ארבעטער אונ צו שאַפנ א רױטע גװאַרדיע. ער האָט געשריבנ, אַז אָנעמ אָפּשטעלנ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע קענ קײנ רײד ניט זײַנ װעגנ א ניצאָכנ פונ דער רעװאָליוציע. כ׳ סטאַלינ האָט אָנ ראַכמאָנעס אַראָפּגעריסנ די מאַסקע פונ דער בורזשואַזער צײַטװײַליקער רעגירונג, דערקלערנדיק די מאַסנ, אַז מיט די געשרײענ װעגנ דער פאַרטײדיקונג פונ דער פרײַהײַט פאַרדעקט זי די שטרעבונג פונ דער בורזשואַזיע װײַטער צו פירנ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע.

די צײַטונג „פּראַװדאַ", װאָס האָט אָנגעהױבנ דערשײַנענ דעמ 18 מאַרט, פלעגט סיסטעמאַטיש אױפדעקנ די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פונ דער צײַטװײַליקער רעגירונג אונ די פּשאָרעמאַכערישע ראָליע פונ די מענשעװיקעס אונ עסערנ.

---

[1] Ленин, т. XX, стр. 115.

די „פּראַוודאַ" פּלעגט רופֿנ צום פֿרידערנ זיכ אָפּנ פֿראָנט, האָט געפֿאָדערט צו באַוואָפֿענענ די אַרבעטער. זי פּלעגט רופֿנ די אַרבעטער אײַנצופֿירנ אָפּ די זאַוואָדנ אָפּ א רעוואָליוציאָנערנ אופֿנ אַנ 8־שאָ‌עיקנ אַרבעט־טאָג. די אַרבעטער האָבנ אונטער־געכאַפּט דעמדאָזיקנ רופּ און האָבנ מיט דער זעלבער איניציאַטיוו אײַנגעפֿירט אַנ 8־שאָ‌עיקנ אַרבעט־טאָג. די „פּראַוודאַ" פּלעגט רופֿנ די פּויערים צוצונעמענ די פּריצישע ערד אָפּ א רעוואָליוציאָנערנ אופֿנ, ניט וואַרטנדיק אָפּ דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג. אינ דער רעוואָליוציע, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרנ דעמ 8. אַפּרעל (26 מאַרט), האָט די ביוראָ פֿונ צ"ק אָנגעוויזנ, אַז דער צענטער פֿונעמ צוזיפּשמידנ די מאַסנ דאַרפֿנ זײַנ די סאָוועטנ פֿונ די אַרבעטער־ און סאָלדאַטנ־דעפּוטאַטנ אינ די שטעט און די סאָוועטנ פֿונ די פּויערשע און באַטראַקישע דעפּוטאַטנ אינ די דערפֿער, אַלס עמבריאָנענ פֿונ דער מעלוכע־מאַכט, וואָס צו זיי דאַרפֿ שפּעטער אַריבערגײנ די גאַנצע מאַכט.

די גאַנצע ליניע פֿונ דער פּאַרטיי איז, אַזוי אַרום, אינ עצעמ געווענ געצילט אָפּ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿונ דער רעוואָליוציע, אָפּנ אַריבערגײנ צומ צווייטנ עטאַפּ — צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

קעגנ דערדאָזיקער פּאַרטיי־ליניע האָט אָנגעהויבנ פֿירנ א קאַמפּ קאַמעניעוו, וואָס האָט זיכ צו יענער צײַט אומגעקערט פֿונ דער סיבירער פֿאַרשיקונג (ווו ער איז געווענ פֿונעמ 1915 יאָר אָנ צוזאַמענ מיט די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטנ פֿונ דער IV דומע). קאַ־מעניעוו פּלעגט דערווײַזנ, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פֿונ רוסלאַנד איז נאָכ ניט צײַטיק געוואָרנ פֿאַר א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און אַז דעריבער דאַרפֿ די רעוואָליו־ציע ניט אַרויסגײנ פֿונ די ראַמענ פֿונ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אויפֿגאַבעס. קאַמעניעוו פּלעגט אײַנגעשפּאַרט ציִענ די פּאַרטיי אָפּ צו שטיצנ די צײַטווײַליקע רעגירונג אָנ־שטאָט צו דעמאַסקירנ איר קאָנטררעוואָליוציאָנערע נאַטור. ער האָט געשריבנ אינ זײַנע אַרטיקלענ, וואָס זײַנענ געווענ געדרוקט אינ „פּראַוודאַ", אַז אָפּ וויפֿל די צײַטווײַלי־קע רעגירונג קעמפּט מיט די רעשטנ פֿונעמ צאַרישנ רעזשימ, אָפּ אַזויפֿל דאַרפֿ מענ איר „באַוואָרענענ די אַנטשיידענע שטיצע פֿונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט" [1].

אינ דער מילכאָמע־פֿראַגע האָט קאַמעניעוו פֿאַרנומענ א האַלב־באַשיצלערישע פּאָזיציע. אינ דער צײַט, ווענ לענינ האָט געשריבנ, אַז

„...מיר וועלנ ווערנ באַשיצלערס בלויז נאָכ דעמ, ווי די מאַכט וועט אַריבערגײנ צומ פּראָלעטאַריאַט" [2], —

איז קאַמעניעוו אַרויסגעטראָטנ קעגנ דעמ פֿרידערנ זיכ און האָט גערופֿנ די סאָלדאַטנ צו ענטפֿערנ אָפּ די דײַטשישע קוילנ מיט קוילנ, אָפּ סנאַריאַדנ — מיט סנאַריאַדנ.

די פּאַרטיי האָט געגעבנ דעמ סאַמע שאַרפֿנ ווידערשטאַנד קאַמעניעוונ, אָפּוואַרפֿנ־דיק אַנטשיידנ זײַנ אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע. די נישטיקע גרופּע רעכטע אָפּאָרטוניסטנ (וול. וואָיטינסקי, סעוורוק), וואָס פּלעגנ אָפּנ פֿאַרטיידיקנ די באַשיצלערישע אָנשויונ־גענ, איז אַרויסגעשלאָסנ געוואָרנ פֿונ דער פּאַרטיי באַלד אינ די ערשטע טעג נאָכנ פּעוורואַל.

לענינס „אַפּרעל־טעזיסנ".

די פּעוורואַל־רעוואָליוציע האָט פֿאַרניכט די זעלבסטהערשונג. פֿאַרנ פּראָלעטאַריאַט און זײַנ פּאַרטיי איז געשטעלט געוואָרנ די אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירנ דעמ קאַמפּ פֿאַרנ צווייטנ עטאַפּ פֿונ דער רעוואָליוציע — פֿאַרנ אַריבערוואַקסנ פֿונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א־סאָציאַליסטישער.

„די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ און אידייעס, — האָט לענינ געשריבנ, — זײַנענ אינ אַלגעמײנ פֿולשטענדיק באַשטעטיקט געוואָרנ דורכ דער געשיכטע.

---

[1] Каменев, „Правда“ 27(14) марта 1917 г.
[2] Ленин, т. XXI, стр. 116.

Россійская Соціалъ-Демократическая Рабочая Партія.

Пролетаріи всѣхъ странъ, соединяйтесь!

ПРАВДА

ОРГАНЪ Центральнаго Комитета и Петербургскаго Комитета Р. С. Д. Р. П.

№ 26 Пятница ЕЖЕДНЕВНАЯ ГАЗЕТА 7-го апрѣля 1917 г.

О задачахъ пролетаріата въ данной революціи.

Пріѣхавъ только 3 апрѣля ночью въ Петроградъ, я могъ, конечно, лишь отъ своего имени и съ оговорками относительно недостаточной подготовленности выступить на собраніи 4 апрѣля съ докладомъ о задачахъ революціоннаго пролетаріата.

Единственное, что я могъ сдѣлать для облегченія работы себѣ, — и добросовѣстнымъ оппонентамъ, — было изготовленіе письменныхъ тезисовъ. Я прочелъ ихъ и передалъ ихъ текстъ тов. Церетели. Читалъ я ихъ очень медленно, и дважды: сначала на собраніи большевиковъ, потомъ на собраніи и большевиковъ и меньшевиковъ.

Печатаю эти мои личные тезисы, снабженные лишь самыми краткими пояснительными примѣчаніями, которыя гораздо подробнѣе были развиты въ докладѣ.

Тезисы.

1 Въ нашемъ отношеніи къ войнѣ, которая со стороны Россіи и при новомъ правительствѣ Львова и Ко безусловно остается грабительской империалистской войной въ силу капиталистическаго характера этого правительства, недопустимы ни малѣйшія уступки „революціонному оборончеству".

На революціонную войну, дѣйствительно оправдывающую революціонное оборончество, сознательный пролетаріатъ можетъ дать свое согласіе лишь при условіи: а) перехода власти въ руки пролетаріата и примыкающихъ къ нему бѣднѣйшихъ частей крестьянства; б) при отказѣ отъ всѣхъ аннексій на дѣлѣ, а не на словахъ; в) при полномъ разрывѣ на дѣлѣ со всѣми интересами капитала.

Въ виду несомнѣнной добросовѣстности широкихъ слоевъ массовыхъ представителей революціоннаго оборончества, признающихъ войну только по необходимости, а не ради завоеваній, въ виду ихъ обмана буржуазіей, надо особенно обстоятельно, настойчиво, терпѣливо разъяснять имъ ихъ ошибку, разъяснять неразрывную связь капитала съ империалистской войной, доказывать, что кончить войну истинно демократическимъ, не насильническимъ, миромъ нельзя безъ сверженія капитала.

Организація самой широкой пропаганды этого взгляда въ дѣйствующей арміи.

Братанье.

2 Своеобразіе текущаго момента въ Россіи состоитъ въ переходѣ отъ перваго этапа революціи, давшаго власть буржуазіи въ силу недостаточной сознательности и организованности пролетаріата, — ко второму ея этапу, который долженъ дать власть въ руки пролетаріата и бѣднѣйшихъ слоевъ крестьянства.

Этотъ переходъ характеризуется, съ одной стороны, максимумомъ легальности (Россія сейчасъ самая свободная страна въ мірѣ изъ всѣхъ воюющихъ странъ), съ другой стороны, отсутствіемъ насилія надъ массами и, наконецъ, довѣрчиво-безсознательнымъ отношеніемъ ихъ къ правительству капиталистовъ, худшихъ враговъ мира и соціализма.

Это своеобразіе требуетъ отъ насъ умѣнія приспособиться къ особымъ условіямъ партійной работы въ средѣ неслыханно широкихъ, только что проснувшихся къ политической жизни, массъ пролетаріата.

3. Никакой поддержки Временному Правительству, разъясненіе полной лживости всѣхъ его обѣщаній, особенно относительно отказа отъ аннексій. Разоблаченіе, вмѣсто недопустимаго, сѣющаго иллюзіи, „требованія", чтобы это правительство, правительство капиталистовъ, перестало быть империалистскимъ.

4. Признаніе факта, что въ большинствѣ

לענינס טעזיסנ, אָפגעדרוקטע אינ דער צײַטונג „פראווודא“ פונ 7 אפרעל 1917 י.

קאָנקרעט אָבער האָבנ זיכ די איניאַנימ צונויפגעלייגט א נ ד ע ר ש, איידער עס האָט זיכ געקענט (ווער עס ניט איז) ריכטנ — אָריגינעלער, אייגנאַרטיקער, פארשיידנפארביקער" [1]. „וועגנ א צווײמאַכט האָט ק י י נ ע ר פריִער ניט גע־טראַכט אונ טראַכטנ ניט געקענט" [2].

אינ דערדאָזיקער אייגנארטיקער נײַער לאגע איז אפ צו לייזנ די נײַע פארטיי־אויפגאבעס נייטיק געווענ א נײַע אָריענטירונג, א נײַע טאקטיק, נײַע לאָזונגענ.

[1]) Ленин, т. XX, стр. 101.

[2]) דאָרטנ, ז. 94.

לעניגס רעדע פונ א בראָנעוויק דעמ 3 אפרעל 1917 י.

„די אַלטע פאַרעוואָלוציאָנערע פלאַטפאָרמע פונ דירעקטנ אַראָפוואַרפנ די רעגירונג איז געווענ קלאָר און באַשטימט. זי האָט אָבער שוינ ניט געפאַסט צו די נײַע קאַמפ־באַדינגענ. איצט האָט מענ שוינ ניט געקענט גיינ פּאַשעט אַראָפוואַרפנ די רעגירונג, ווײַל זי איז געווענ פאַרבונדנ מיט די סאָוועטנ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אונטער דער ווירקונג פונ די באַשיצלערס, און דער פאַרטיי וואָלט אויסגעקומענ צו פירנ א שווערנ, ניט לויט די קויכעס קאַמפ אי קעגנ דער רעגירונג, אי קעגנ די סאָוועטנ. מ'האָט אָבער אויכ ניט געטאָרט פירנ קיינ פּאָליטיק פונ שטיצנ די צײַטווײַליקע רעגירונג, ווײַל זי איז געווענ

א רעגירונג פונעם אימפעריִאַליזם. עס איז נייטיק געווען א נייַע אָריענטירונג פונ דער פּארטיי אינ די נייַע קאמפּ־באַדינגונגען" [1]).

האַלטנדיק זיכ בא די גרונטיקע באָלשעוויסטישע פּרינציפּנ, איז די פּארטיי באַלד אינ די ערשטע וואָכנ פונ דער פעווראַל־רעוואָליוציע, נאָכ איידער לענינ איז געקומענ צו פאָרנ, צוגעטראָטנ, כאָטש אפילע טאפּנדיק, צום אויסארבעטנ א נייַע אָריענטירונג אינ דער רעוואָליוציע. לענינ, וואָס איז געקומענ צו פאָרנ פונ אויסלאַנד, האָט געגעבנ דער פּארטיי דידאָזיקע נייַע אָריענטירונג. לענינס קומענ, האָט געזאָגט כ' סטאַלינ, האָט געהאָלפנ דער פּארטיי „מיט איינ שוווּנג ארויסצוגיינ אפ א נייַעם וועג".

קומענדיק צוריק פונ אויסלאַנד דעם 16 אַפּרעל, איז לענינ באַלד אפנ צווייטנ טאָג ארויסגעטראָטנ אפ א פארזאמלונג פונ די באָלשעוויקעס מיט זייַנע באַרימטע „אַפּרעל־טעזיסנ". אינ דידאָזיקע טעזיסנ האָט לענינ מיט דער גאַנצער קלאָרקייַט אָנגעמערקט דעם וועג פונ דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע, האָט אָנגעוויזנ דעם קאמפּ־פּלאַנ פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָט ארויסגערוקט דיִיטלעכע לאָזונגענ, וואָס האָבנ מאָביליזירט די ארבעטער אונ די אָרעמסטע פּויערים צום קאמפּ פאר א סאָציִאַליסטישער רעוואָליוציע.

אינ זייַנע טעזיסנ האָט לענינ געגעבנ צו פארשטיינ, אז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד האָט זיכ פארענדיקט, אפ וויפל דער צאַריזם איז אראָפּגעוואָרפנ אונ די מאכט איז אריבערגעגאַנגענ אינ די הענט פונ א נייַעם קלאַס, נעמלעכ—צו דער בורזשואַזיע. אזויארום, איז די רעוואָליוציע, האָט ער געזאָגט, דורכגעגאַנגענ איר ערשטנ עטאַפּ אונ איז ארייַנגעטראָטנ אינ צווייטנ עטאַפּ; אפנ טאָגאָרדענונג איז געשטעלט געוואָרנ א נייַע אופגאַבע, נעמלעכ, — א סאָציִאַליסטישע איבערקערעניש. דער פּראָלעטאַריאַט וועט זי קענענ דורכמאכנ בלויז דעמלט, ווענ די מערהייַט ארבעטער אונ אָרעמסטע פּויערים וועלנ אופהערנ גלייבנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ אונ וועלנ אָנהייבנ גיינ נאָכ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

די אָפּגענארטע דורכ די מענשעוויקעס אונ עסערנ מערהייַט ארבעטער אונ פּויערים איז ניט געווענ פארינטערעסירט צו פירנ ווייַטער די מילכאָמע. זי האָט געוויסנהאַפט געגלייבט, אז די מילכאָמע ווערט ווירקלעכ געפירט מיטנ ציל צו פארטיידיקנ די רעוואָליוציע. לענינ האָט אָנגערופנ דידאָזיקע ארבעטער אונ פּויערים „געוויסנהאַפטיקע באַשיצלערס". אינ זייַנע טעזיסנ האָט ער געזאָגט, אז די גרונט־אופגאַבע פונעם מאָמענט באַשטייט אינעם געבנ צו פארשטיינ איינגעשפּאַרט אונ געדולדיק די אָפּגענארטע מאסנ דעם שווינדל פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ.

לענינ האָט אָנגעוויזנ, אז די מענשעוויקעס אונ עסערנ זייַנענ די הויפּט־שטערונג אינ דער אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע, ווייַל בלויז אדאַנק זייער שטיצע האָט די בורזשואַזע צייַטווייַליקע רעגירונג געקענט פארפעסטיקנ איר מאכט. דעריבער האָט ער גערופנ צו אנ אנטשלאָסענעם קאמפּ מיט די מענשעוויקעס אונ עסערנ, דערקלערנדיק, אז דאָס קלענסטע נאָכגעבנ זיי איז א פאַראַט דעם סאָציִאַליזם.

די פּארטיי האָט געזאָלט דערקלערנ די מאסנ, אז די מילכאָמע פארבלייַבט אויכ אונטער דער צייַטווייַליקער רעגירונג אנ אימפּעריִאַליסטישע מילכאָמע, אז אָנעם אראָפּוואַרפנ די בורזשואַזע צייַטווייַליקע רעגירונג וועט מענ די מילכאָמע ניט קענענ פארענדיקנ, אז א גערעכטער שאָלעם וועט געשלאָסנ ווערנ בלויז דעמלט, ווענ די מאכט וועט אריבערגיינ צו די ארבעטער אונ אָרעמסטע פּויערים.

קעדיי צו פארגיכערנ די רעוואָליוציע אינ אנדערע לענדער, האָבנ די טעזיסנ גערופנ צום באַרידערנ זיכ צווישנ די סאָלדאַטנ פונ די מילכאָמע־האַלטנדיקע ארמייענ אפנ פראָנט.

דעמאַסקירנדיק די צייַטווייַליקע רעגירונג, אלס א דיקטאַטור פונ דער בורזשואַזיע, האָט לענינ אָנגעוויזנ, אז אלע צוזאָגעכצנ פונ דערדאָזיקער רעגירונג צו געבנ דעם אויסגעמאַטערטנ פאָלק שאָלעם אונ ברויט זייַנענ ליגנערישע, אז דער צייַטווייַליקער רעגירונג טאָר מענ ניט ארויסווייַזנ אפילע די קלענסטע שטיצע. זי דאַרפ ווערנ

1) Сталин, Об оппозиции, стр. 107.

אראָפגעוואָרפנ, ווענ די מערהייט ארבעטנדיקע וועט פארשטיינ איר אימפעריאַליסטישנ טאָכ.) לענינ האָט אָבער דערבײַ געוואָרנט, אז אינ יענעמ פעריאָד — אינ אפרעל — האָט־מענ נאָכ ניט געטאָרט ארויסרוקנ דעמ לאָזונג טײַקעפ אראָפצוווארפנ די צײַטווײַליקע רעגירונג, ווײַל זי האָט זיכ אָנגעשפארט אפ דער שטיצע מיצאד דער מערהײַט אינ די סאָוועטנ.

„...דער, וואָס האָט דעמלט געוואָלט אראָפווארפנ די צײַטווײַליקע רעגירונג, דער האָט געמוזט אראָפווארפנ אויכ די סאָוועטנ" [1]), — האָט כ׳ סטאַלינ געזאָגט.

קעדיי צו ווערנ א מאכט, האָבנ די באוווסטזיניקע ארבעטער געדארפט געווינענ אפ זייער זײַט די מערהײַט ארבעטנדיקע. דעריבער איז די טאקטיק פונ געדולדיקנ דערקלערנ, איבערצײַגנ די מאסנ, אומראכמאָנעסדיקנ דעמאסקירנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ געווענ די איינציק־ריכטיקע טאקטיק.

לענינ האָט געזאָגט אינ זײַנע טעזיסנ, אז די סאָוועטנ זײַנענ די איינציק־מעגלעכע פאָרמע פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ אָרעמסטנ פויערטומ אונ אז דעריבער דארפ די גאנצע מעלוכע־מאכט אריבערגיינ אינ די הענט פונ די סאָוועטנ. רוסלאנד דארפ ווערנ א סאָוועטנ־רעפובליק. די אופגאבע פונ דער פארטיי איז — צו געווינענ די מערהײַט אינ די סאָוועטנ אונ צו מאכנ זיי פאר באָלשעוויסטישע.

ווײַטער האָבנ די טעזיסנ גערעדט וועגנ דער נייטיקייט צו קאָנפיסקירנ די פריצישע ערדנ אונ דורכצופירנ די נאציאָנאליזאציע פונ אלע ערדנ.

לענינ האָט פאָרגעלייגט צונויפצוגיסנ אלע בענק אינ אנ אלגעמיינ־נאציאָנאלער באנק, וואָס די סאָוועטנ זאָלנ האָבנ דעמ קאָנטראָל איבער איר. דערבײַ האָט לענינ באטאָנט, אז די דירעקטע אופגאבע פונעמ פראָלעטאריאט איז ניט דאָס באלדיקע „אײַנפירנ" דעמ סאָציאַליזמ, אז די פארטיי פאָדערט דערווײַל בלויז אריבערצוגיינ טייקעפ צומ קאָנטראָל מיצאד די סאָוועטנ איבער דער פראָדוקציע אונ איבער דער פראָדוקטנ־פארטיילונג. דאָס איז נאָכ ניט קיינ סאָציאַליזמ, דאָס איז בלויז א טריט צו אימ. דעמ סאָציאַליזמ קענ מענ ניט „אײַנפירנ" מיט איינ קלאפ, אימ דארפ מענ בויענ אפ די כורוועס פונ דער אלטער וועלט, אונ דאָס וועט פאָדערנ אנ אײַנגעשפארטנ קאמפ פונ די ארבעטנדיקע אינ מעשעכ פונ א ריי יאָרנ.

בענעגייע די אופגאבעס פונ דער פארטיי־בויונג האָבנ די טעזיסנ אָנגעוויזנ אפ דער נייטיקייט טייקעפ צונויפצורופנ א פארטיי־צוזאמענפאָר אונ אויסצוארבעטנ א נײַע פראָגראמ" [2]). לענינ האָט פאָרגעלייגט צו געבנ אנ אנדער נאָמענ דער פארטיי: אָנשטאָט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע זי אָנצורופנ קאָמוניסטישע (מארקס אונ ענגעלס האָבנ זיכ גערופנ קאָמוניסטנ), קעדיי דערמיט גופע זיכ אָפצוגרענעצנ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט פאראטנ דעמ סאָציאַליזמ, אריבערגייענדיק אינ דער גאנצער וועלט אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע. ענדלעכ, האָט לענינ אינ די טעזיסנ ארויסגערוקט די אופגאבע צו גרינדנ א III קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל.

אזויארומ, האָבנ לענינס „אפרעל־טעזיסנ" געגעבנ א קאָנקרעטנ פאנאנדערגעוויקלטנ קאמפ־פלאנ פונ דער פארטיי פארנ אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער, פאר דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט.

„א קאמפ פונ דער פארטיי פאר דער סאָציאַליסטישער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אונ פונעמ אָרעמסטנ פויערטומ — אזא איז געווענ דער גרונט־לאָזונג פונ די טעזיסנ, וואָס אונטער אימ האָבנ די באָלשעוויקעס געגרייט די קרעפטנ פארנ ניצאָכנ פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

---

[1]) Сталин, На путях к Октябрю, стр. VIII, 1925 г.

[2]) דעמלט האָט די פארטיי זיכ נאָכ אלצ געהאלטנ בא דער פראָגראמ, וואָס איז אָנגענומענ גע־וואָרנ אפנ II צוזאמענפאָר פונ רסדרא״פ, אינ 1903 יאָר.

די VII (אפּרעלישע) אלרוסלענדישע פּארטיי־קאָנפערענצ.

אינ מײַ (לויטנ אלטנ סטיל — אינ אפּרעל) 1917 יאָר האָט דער צ״ק פונ דער פּארטיי צונויפגערופנ אינ פּעטראָגראד די VII אלרוסלענדישע פּארטיי־קאָנפערענצ. די קאָנפערענצ איז געעפנט געוואָרנ דעמ 7 מײַ (24 אפּרעל). די דעלעגאטנ, וואָס זײַנענ זיכ צונויפגעקומענ אפ דער קאָנפערענצ, האָבנ פאָרגעשטעלט 80 טויזנט פּארטיי־מיטגלידער. די קאָנפערענצ האָט באדארפט געבנ אנ אָפּשאצונג פונעמ לויפנדיקנ מאָמענט אונ אָנמערקנ א קאמפּ־פּלאנ פארנ צוגרייטנ די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש.

די איבערוועגנדיקע מערהײַט פונ דער קאָנפערענצ האָט זיכ ארויסגעזאָגט פארנ לעניניש פּלאנ, וואָס איז געווענ פאָרמולירט אינ זײַנע „אפּרעל־טעזיסנ“. בלויז ניט קיינ גרויסע גרופּע רעכטע אָפּאָרטוניסטנ מיט קאמעניעוונ אינ שפּיצ איז שארפ ארויסגעטראָטנ אפ דער קאָנפערענצ קעגנ דער לענינישער ליניע. קאמעניעוו, ריקאָוו א. אנד. האָבנ זיכ געסטארעט צו דערווײַזנ, אז די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע אינ רוסלאנד איז נאָכ ניט פארענדיקט, אז אפנ טאָג־אָרדענונג פארבלײַבט נאָכ אלצ דער קאמפּ פאר א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פּויערטומ. זיי האָבנ געטײַנעט, אז דער קורס אפ א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע וועט ברענגענ צו אנ אײַנרײַס מיטנ פּויערטומ, וואָס איבער דעמ וועט דער פּראָלעטאריאט בלײַבנ איינזאמ, אָנ פארבינדעטע, אונ די רעוואָליוציע וועט ווערנ דערשטיקט. די רעכטע האָבנ זיכ געסטארעט צו דערווײַזנ, אז רוסלאנד איז נאָכ ניט צײַטיק פאר קיינ סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, אז די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע קענ זיכ אָנהייבנ בלויז אינ די פאָרגעשריטענע לענדער פונ מײַרעוו, אונ ניט אינ רוסלאנד. זיי האָבנ געלייקנט אינ דער עצעמ מעגלעכקײַט פונ א זיג פונעמ סאָציאַליזמ אינ איינ לאנד.

אינעמ קאמפּ מיט די רעכטע האָט לענינ דערקלערט, אז אינ רוסלאנד זײַנענ דאָ אלע באדינגענ פארנ זיג פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, אז ווארטנ אפ א סאָציאַליסטישער איבערקערעניש אינ מײַרעוו — הייסט פאראטנ דעמ פּראָלעטאריאט אונ זיכ פארלאָזנ אפנ כעסעד פונ דער בורזשואזיע. לענינ האָט זיכ געסטארעט צו דערווײַזנ, אז אינ זײַנ קאמפּ פארנ סאָציאַליזמ איז דער פּראָלעטאריאט ניט איינזאמ, ווײַל איבעוויינִיק אינ רוסלאנד וועט ער געשטיצט ווערנ דורכ די פילמיליאָניקע מאסנ דאָרפישער אָרעמשאפט, אונ אויסער רוסלאנד וועט ער באקומענ שטיצע פונעמ מײַרעוו־אייראָפּיישנ פּראָלעטאריאט.

דערבײַ האָט לענינ מיט דער גאנצער שארפקײַט דעמאסקירט טראָצקינ, וואָס האָט נאָכ אלצ פארטיידיקט זײַנ מענשעוויסטישע טעאָריע וועגנ „פּערמאנענטער רעוואָליוציע“. לענינ האָט ווידעראמאָל מיט דער גאנצער קראפט באטאָנט, אז טראָצקיס לאָזונג „אָנ א צאר, אונ די רעגירונג אנ ארבעטערשע“ פירט צומ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער רעוואָליוציע.

צוזאמענ מיט לענינענ האָט קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ געפירט אנ אנטשלאָסענעמ קאמפּ כ׳ סטאלינ. אינ זײַנע ארטיקלענ אינ „פּראוודא“, אינ די ארויסטרעטונגענ אפ דער VII קאָנפערענצ אונ אינ זײַנ גאנצער ארבעט פלעגט ער קאָנסעקווענט פארטיידיקנ די לענינישע ליניע אינ דער רעוואָליוציע.

די פּארטיי מיט לענינענ אונ סטאלינענ אינ שפּיצ האָט צעקלאַפּט אפ דער VII קאָנפערענצ קאמעניעווס רעכט־אָפּאָרטוניסטישע גרופּע אונ האָט אָנגענומענ די לענינישע ליניע.

צוגלײַכ מיטנ קאמפּ קעגנ די רעכטע, וואָס האָבנ אינעמ דאָזיקנ פעריאָד פארגעשטעלט מיט זיכ די הויפּט־געפאר, האָט די פּארטיי געפירט אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפּ מיט די „לינקע“ אָפּאָרטוניסטנ, אשטייגער, מיטנ מיטגליד פונעמ פּעטראָגראדער פּארטיי־קאָמיטעט באָגדאטיעוונ א. אנד. די „לינקע“ אָפּאָרטוניסטנ האָבנ אינ אפּרעל, ווענ די באָלשעוויקעס זײַנענ אינ די סאָוועטנ אונ אינ דער ארמיי נאָכ געווענ א מינדערהײַט, ארויסגעשטעלט א לאָזונג „ט י ק ע פּ“ ארויסצוווארפנ די צײַטווײַליקע רעגירונג. דידאָזיקע פּאָזיציע האָט געדראָט אָפּצורײַסנ די פּארטיי פונ די מאסנ.

דער כ׳ סטאַלינ האָט וועגנ דעמ געשריבנ:

„די פּאַרטיי וואָלט זיכ אָפּגעריסנ פונעמ ארבעטער-קלאַס, און דער ארבעטער וואָלט פאַרלאָרנ זייַנ ווירקונג אינ די ברייטע מאַסנ פויערימ און סאָלדאַטנ, ווענ דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט גייַנ אַפנ וועג פונ די „לינקע״ קאָמוניסטנ, וועלכע האָבנ גערופנ צו אַנ אופשטאַנד אינ אַפּרעל 1917 יאָר, בעשאַס די מענשעוויקעס און עסערנ האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ זיכ צו דעמאַסקירנ אַלס אָנהענגער פונ מילכאָמע און אימפּעריאַליזמ, ווענ די מאַסנ האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ אַפ זייער אייגענער דערפאַרונג צו דערשפּירנ די פאַלשקייַט פונ די מענשעוויסטיש-עסערישע רייד וועגנ שאָלעמ, וועגנ ערד און וועגנ פרייַהייַט״ [1].

א קאָלאָסאַלנ באַטייַט האָט אַפ דער קאָנפערענצ געהאַט דער קאַמפּ פאַר דער לעניניסטער ליניע אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אַלס פּאָרטרעגער וועגנ דערדאָזיקער פראַגע איז אינ נאָמענ פונעמ צ״ק ארויסגעטראָטנ כ׳ סטאַלינ. די גרופּע „לינקע״ (פּיאַטאַקאָוו א. אנד.) האָבנ וויַיטער פאַרטיידיקט די אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע, וואָס זיי האָבנ פאַרנומענ נאָכ אינ די יאָרנ פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, האָבנ געפּרוווט דערווייַזנ, אַז דער לאָזונג „די רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג״ איז א בורזשואַזער לאָזונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט פאַרינטערעסירט אינ דער זעלבסטבאַשטימונג פונ די נאַציעס.

קעגנדיק מיט דערדאָזיקער גרופּע „לינקע״, האָבנ לענינ און סטאַלינ דערוויזנ, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז מעכוייעוו צו פאַרטיידיקנ דאָס רעכט פונ די פעלקער אַפ זעלבסטבאַשטימונג. די נאַציאָנאַל-באַפרייַערישע באַוועגונג פונ די אונטערדריקטע פעלקער איז געצילט קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ, און „מיר דאַרפנ שטיצנ יעטווידע באַוועגונג, וואָס איז געצילט קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ״,— האָט געזאָגט כ׳ סטאַלינ. פירנדיק א קאַמפּ קעגנ דעמ נאַציאָנאַלנ דרוק, זייַנענ די אונטערדריקטע פעלקער אינ רוסלאַנד דערמיט גופע געוועזנ פאַרבינדעטע פונעמ רוסלענדישנ פּראָלעטאַריאַט אינ זייַנ קאַמפּ פאַר דער מאַכט.

די קאָנפערענצ האָט אָפּגעוואָרפנ פּיאַטאַקאָווס אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע און האָט אָנגענומענ די לענינישע ליניע אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

די קאָנפערענצ האָט אנערקענט די נייטיקייַט צו שאַפנ א III קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל.

די קאָנפערענצ האָט פאַרגעלייגט דעמ צענטראַל-קאָמיטעט צוצוגרייטנ צומ אָרדנטלעכנ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר א פּראָיעקט פונ א נייַער פּאַרטיי-פּראָגראַמ.

די VII (אַפּרעלישע) קאָנפערענצ פונ 1917 יאָר האָט געהאַט א גוואַלדיקנ באַטייַט אינ דער געשיכטע פונ אונדזער פּאַרטיי און אינ דער געשיכטע פונ דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. זי האָט *אָנגעמערקט א קאָנקרעטנ פּלאַנ פונ קאַמפּ פאַרנ אריבערוואַקסנ פונ דער בורזשואַזדעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער; זי האָט געגעבנ די גרונט-לאָזונגען, וואָס די פּאַרטיי האָט מיט זיי מאָביליזירט די מאַסנ פאַרנ אומוואַרפנ די הערשאַפט פונעמ קאַפּיטאַליזמ. די קאָנפערענצ האָט צונויפגעשמידט ארומ דער לענינישער ליניע די איבערוועגנדיקע מערהייַט פּאַרטיי-מיטגלידער.*

דער קאַמפּ פונ דער פּאַרטיי פאַר די מאַסנ.

דורכפירנדיק אינ לעבנ די באַשלוסנ פונ דער VII (אַפּרעלישער) קאָנפערענצ, האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעוויקלט א קאָלאָסאַלע ארבעט. די פּאַרטיי פלעגט דערקלערנ די ארבעטער און די אָרעמסטע פויערימ די באָלשעוויסטישע לאָזונגען, פלעגט אָרגאַניזירנ די מאַסנ, האָט זיי געגרייט צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און האָט אָנגעהויבנ באַשאַפנ אַנ ארבעטער-שע רויטע גוואַרדיע.

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 60.

די הויפט־אויפמערקזאַמקייַט האָבנ די באָלשעוויקעס געווענדט אפנ אָרגאַניזירנ דעמ פּראָלעטאַריאַט גופע אפ אויסצוקעמפנ די מאַכט. לענינ האָט געזאָגט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ

„...באַווייַזנ ווונדער פונ פּראָלעטאַרישער אונ אַלגעמיינ־פאָלקישער אָרגאַניזאַציע, קעדיי צוצוגרייטנ זייַנ ניצאָכנ אפנ צווייטנ עטאַפ פונ דער רעוואָלוציע" [1].

דאָס איז געווענ א פּעריאָד פונ שטורמישער אָרגאַניזאַציאָנעלער בויונג. עס זייַנענ געוואַקסנ די פּאַרטייִשע קעמערלעכ, עס זייַנענ געוואַקסנ די פּראָפּאַריינענ. אפ די אונטערנעמונגענ פלעגנ באַשאַפנ ווערנ פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטנ. אראָפּגעוואָרפנ די פּאָליציייִשע קייטנ, האָט דער אַרבעטער־קלאַס גענומענ באַשאַפנ צענדליקער סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע אָרגאַניזאַציעס—פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, עקאָנאָמישע, קולטור־אויפקלערערישע א.אז.וו. אינ דידאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס האָט געקאָכט דאָס לעבנ. די באָלשעוויקעס פלעגנ אויסנוצנ דידאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי צו פּראָפּאַגאַנדירנ זייערע אידייעס, פלעגנ אַרייַנגייַנ אינ זיי, פירנ אינ זיי אַנ אַרבעט, שטרעבנדיק צו געווינענ אפ זייער זייַט די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע.

א באַזונדערס גרויסנ באַטייַט האָט די פּאַרטיי צוגעגעבנ די פּראָפּאַריינענ, ווי א טרייַב־רימענ פונ דער פּאַרטיי צו די מאַסנ. פירנדיק א ליניע אפ אַנ אומגעטייַלטער ווירקונג אינ די פּראָפּאַריינענ, האָט די פּאַרטיי זיכ דערשלאָגנ גוואַלדיקע דערפאָלגנ, אָפּשטופנדיק אפנ הינטער־פּלאַנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ. אינ די אינדוסטריעלע צענטערס זייַנענ די גרעסטע פּראָפּאַריינענ (די מעטאַליסטנ, טעקסטילער) געווענ אונטער א גרויסער ווירקונג פונ דער פּאַרטיי. די מערהייַט פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטנ אינ די גרויסע שטעט האָבנ זיכ גענומענ שטעלנ אפ דער זייַט פונ די באָלשעוויקעס, פירנדיק א באָלשעוויסטישע ליניע אינ דער רעוואָליוציע.

אָרגאַניזירנדיק זיכ אונטער דער אָנפירונג פונ די באָלשעוויקעס, האָט דער פּראָלעטאַריאַט גענומענ צונויפשמידנ אַרומ זיכ די דאָרפישע אָרעמשאַפט. די פּאַרטיי האָט גענומענ באַשאַפנ אינ דאָרפ אירע קעמערלעכ, וואָס האָבנ געהאַט א רעוואָליוציאָנערע ווירקונג אפ די פויערשע סאָוועטנ.

בעשאַס דער פעווראַל־רעוואָליוציע האָבנ זיכ אינ דער פּאַרטיי אַרייַנגעגאָסנ טויזנטער נייַע מיטגלידער. מע האָט זיי באַדאַרפט דערציִענ אינ גייַסט פונעמ באָלשעוויזמ. די פּאַרטיי האָט ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט אַנ אינערלעכ־פּאַרטייִשע אַרבעט צווישנ אירע מיטגלידער.

צענדליקער טויזנטער פּאַרטיי־מיטגלידער האָבנ באַקומענ א לענינישע פאַרהאַרטונג אפ די פאַרזאַמלונגענ פונ די פאַבריק־זאַוואָדישע, מיליטערישע אונ דאָרפישע פּאַרטיי־קעמערלעכ, אפ די ראַיאָנישע אונ אַלגעמיינ־שטאָטישע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגענ, אפ די ראַיאָנישע, אויעזדנע, גובערניִאַלע אונ געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָנפערענצנ, אינ די פראַקציעס פונ די סאָוועטנ, פּראָפּאַריינענ אונ אַנדערע מאַסעווע אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרטיי־מיטגלידער פלעגנ אויכ דורכגייַנ א באָלשעוויסטישע שול אינ דער צייַט פונ פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס (איבערוואַלנ פונ די סאָוועטנ, פונ די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטנ, סאָלדאַטישע קאָמיטעטנ, שטאָט־דומעס א.אז.וו.), אינעמ קאַמפּ מיט די מענשעוויקעס אונ עסערנ פאַרנ געווינענ די מאַסנ.

א קאָלאָסאַלע דערציִערישע אַרבעט האָט די פּאַרטיי געפירט דורכ די באָלשעוויסטישע צייַטונגענ, פּאָפּולערע בראָשורנ אונ ביכער, דערקלערנדיק געדולדיק טאָג־איינ, טאָג־אויס די פּאַרטיי־ליניע אינ אַלע גרונט־פראַגעס אונ באַוואָפענענדיק די פּאַרטיי־מיטגלידער מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעאָריע. אפ צו אָרגאַניזירנ אונ דערציִענ די פּאַרטיי־מאַסנ זייַנענ בא די ראַיאָנישע, אויעזדנע, גובערניִאַלע אונ געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָמיטעטנ געשאַפנ געוואָרנ קאָלעגיעס אָרגאַניזאַטערס, אַגיטאַטערס, פּראָפּאַגאַנדיסטנ.

די פּאַרטיי איז מיט יעדנ טאָג געוואַקסנ אינ צאָל אונ אידייִש. זי האָט גענומענ פאַרשטאַרקנ די איינִיקייַט אונ די צוזאַמענגעשמידטקייַט פונ אירע רייענ, האָט זיכ

---

[1]) Ленин, т. XX, стр. 19.

געגרייט צו דער פֿאָרשטייענדיקער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, וואָס וועגנ איר האָט לענינ דעמלט געשריבנ, אַז די פּאַרטיי דאַרף „זיכ גרייטנ צו... א רעוואָליוציע אינ 1000 מאָל א שטאַרקערע, איידער די פעווראַלער"[1].

די גאַנצע אַרבעט אַפ צו געווינענ די מאַסנ האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אונטער די לאָזונגענ: „די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוועטנ!" „אַראָפּ מיט דער מילכאָמע!" „די ערד פאַר די פויערימ!" א. אַנד. די פּאַרטיי האָט איינגעשפּאַרט געפירט צווישנ די מאַסנ אַנ אַגיטאַציע פאַר דעמ, אַז די סאָוועטנ זאָלנ נעמענ די מאַכט אינ זייערע הענט. די באָלשעוויקעס האָבנ גענומענ איבערצייַגנ די מאַסנ, אַז אַפ דער זייַט פונ די סאָוועטנ שטייט די גאַנצע באַוואָפנטע קראַפט פונ דער רעוואָליוציע אונ אַז די בורזשואַזיע, וואָס האָט נאָכ ניט באַוויזנ צו אָרגאַניזירנ אירע קאָנטררעוואָליוציאָנערע אָטריאַדנ, וואָלט דעריבער ניט געווענ אימשטאַנד צו שטערנ דעמ פרידלעכנ איבערגאַנג פונ דער מאַכט צו די סאָוועטנ, ווענ די סאָוועטנ גופע וואָלטנ וועלנ נעמענ די מאַכט.

דאָס וואָלט נאָכ ניט באַטייַט קיינ ניצאָכנ פונ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט, ווייַל די מערהייַט אינ די סאָוועטנ האָט דערווייַל נאָכ געהערט צו די מענשעוויקעס אונ עסערנ; דאָס וואָלט אָבער געווענ א קאָלאָסאַלער טריט פאָרויס אַפנ וועג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דאָס איבערגייענ פונ דער מאַכט אינ די הענט פונ די סאָוועטנ אינ דעמזאָלזיקנ פעריאָד וואָלט פאַרניכט די הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע, וואָלט געמאַכט א סאָפ צו דער צווייִמאַכט אונ וואָלט איינגעשטעלט די פולע מאַכט פונ די סאָוועטנ. די באָלשעוויקעס וואָלטנ ווייַטער געפירט אינעווייניק אינ די סאָוועטנ דעמ קאַמפ מיט די מענשעוויקעס אונ עסערנ, קעדיי צו מאַכנ די סאָוועטנ פאַר באָלשעוויסטישע אונ שפּעטער זיי צו פאַרוואַנדלענ אינ אָרגאַנענ פונ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אַרויסרוקנדיק אַזא איינשטעלונג, האָט די פּאַרטיי גלייַכצייַטיק אַפ קיינ איינ מינוט ניט אָפּגעשטעלט די קרעפטנצוגרייטונג צו א באַוואָפנטנ אופשטאַנד.

אָבער די מענשעוויקעס אונ עסערנ, וואָס האָבנ געהערשט אינ די סאָוועטנ, האָבנ אַפילע הערנ ניט געוואָלט וועגנ איבערייַסנ מיט דער בורזשואַזיע אונ נעמענ די מאַכט אינ זייערע הענט. דעריבער איז אָנ דער צעגראָמירונג פונ דיזאָזיקע פּאַרטייענ ניט מעגלעכ געווענ קיינ באַוועגונג פונ דער רעוואָליוציע פאָרויס. אָפּנעמענ בא די פשאָרעמאַכערישע פּאַרטייענ יעטווידע ווירקונג אַפ די מאַסנ — אָט דאָס איז געווענ די גרונט־אופגאַבע פונעמ טאָג. די באָלשעוויקעס האָבנ געדולדיק אונ איינגעשפּאַרט גענומענ אופדעקנ אַפ לעבעדיקע בייַשפּילנ די פאַררעטערישע ראָליע פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ. די באָלשעוויקעס האָבנ גענומענ ווייַזנ די מאַסנ אַפ דער פּראַקטיק, אַז די מענשעוויקעס אונ עסערנ פּאַרטיידיקנ דעמ אימפּעריאַליזמ, אַז זיי זייַנענ ניט פייִק צו לייזנ קיינ איינ אופגאַבע פונ דער רעוואָליוציע, אַז בלויז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס פּאַרטיידיקט בעעמעס די אינטערעסנ פונ די אַרבעטנדיקע.

א גרויסע ראָליע אינעמ דעמאַסקירנ פאַר די מאַסנ די אימפּעריאַליסטישע נאַטור פונ דער צייַטווייַליקער רעגירונג האָט געשפּילט מיליוקאָווס נאָטע צו די פאַרבינדעטע.

דעמ ערשטנ מייַ (דעמ 18 אַפּרעל לויטנ אַלטנ סטיל), אינעמ טאָג פונ דער ערשטער אינ רוסלאַנד אָפענער גראַנדיעזער דעמאָנסטראַציע לעקאָוועד דעמ פּראָלעטאַרישנ אַרבעט־יאָנטעוו, האָט דער אויסערנ־מיניסטער מיליוקאָוו אינ זייַנ נאָטע — געהיימ, די מאַסנ זאָלנ ניט וויסנ — דערקלערט די פאַרבינדעטע, אַז רוסלאַנד וועט ווייַטער פירנ די מילכאָמע ביז א פולשטענדיקנ ניצאָכנ, אונ אַז די צייַטווייַליקע רעגירונג זאָגט צו אויסצופילנ אַלע היסכייַוועסנ פונ דער צאַרישער רעגירונג בענעגייע די פאַרבינדעטע — ענגלאַנד אונ פראַנקרייַכ.

מיט דערזאָיקער נאָטע, וואָס האָט געמאָלדנ וועגנ די רויבערישע צילנ פונ דער מילכאָמע, האָבנ די באָלשעוויקעס באַקאַנט געמאַכט די בריייטסטע מאַסנ. זיי האָבנ

---

[1]) „Ленинский сборник" IV, стр. 290.

פאַנאַנדערגעוויקלט צווישנ די מאסנ אנ ענערגישע אגיטאַציע, אופדעקנדיק דעמ אימ־פּעריאַליסטישנ טאָכ פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. דערוויסנדיק זיכ פונ מיליו־קאָווס נאָטע, האָבנ די אופגעבראַכטע אַרבעטער אונ סאָלדאַטנ אָרגאַניזירט דעמ 3 אונ 4 מײַ (20 אונ 21 אַפּרעל) אפ די פּעטראָגראַדער גאַסנ א גראַנדיעזע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אונטער די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ: „אַראָפּ מיט מיליוקאָוונ!", „די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוועטנ!" א. אַנד. [1].

א גרופּע מיטגלידער פונעמ פּעטראָגראַדער קאָמיטעט מיט באָגדאַטיעווונ אינ שפּיצ האָבנ בעשאַס דער דעמאָנסטראַציע אַרויסגעוואָרפנ א לאָזונג טייקעפּ אַראָפּצוואַרפנ די צײַטווײַליקע רעגירונג. דער צ"ק פונ די באָלשעוויקעס האָט אָפּגעהאַלטנ די מאַסנ פונ דעמדאָזיקנ פּריצײַטיקנ טריט אונ האָט שאַרפּ פאַרורטײַלט די „לינקע", וואָס האָבנ געבראָכנ די פּאַרטײַישע דיסציפּלינ אונ האָבנ געשטויסנ די פּאַרטיי אפ אַנ אומקומערישנ וועג.

די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ געמאָלדנ, אַז זיי שטיצנ די צײַטווײַליקע רע־גירונג. זיי האָבנ גענומענ פאַרזיכערנ די מאַסנ, אַז מיליוקאָוו האָט, קלוימערשט, אוועקגעשיקט זײַנ נאָטע אָנעמ וויסנ פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, אונ דעריבער קענ זי ניט טראָגנ פאַר איר קיינ שומ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

אונטערנ דרוק פונ די אופגעבראַכטע מאַסנ האָט דער אויסערנ־מיניסטער מיליו־קאָוו אונ דער קריג־מיניסטער גוטשקאָוו געמוזט אָנגעבנ אינ דעמיסיע. קעדיי צו פאַרשטאַרקנ בא די מאַסנ דעמ אָפּגעשוואַכטנ צוטרוי צו דער צײַטווײַליקער רעגי־רונג, האָבנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ געשיקט אַהינ פאַר מיניסטאָרנ זייערע פאָר־שטייערס — דעמ עסער טשערנאָוו אונ די מענשעוויקעס — צערעטעלי אונ סקאָבעלעוו. אזוי־אַרומ, איז געשאַפנ געוואָרנ א קאָאַליציע־רעגירונג, ד. ה. א רעגירונג, וואָס אינ איר גייענ אַרײַנ בגלײַכ מיט די פאָרשטייערס פונ דער בורזשואַזיע אויכ פאָר־שטייערס פונ די פּשאָרעמאַכערישע פּאַרטייענ.

אַרומ דעמ אַרײַנטרעטנ פונ די פּשאָרעמאַכערס אינ דער בורזשואַזער צײַטווײַלי־קער רעגירונג האָבנ די באָלשעוויקעס פאַנאַנדערגעוויקלט אַנ ענערגישע אגיטאַציע, אופקלערנדיק די מאַסנ, אַז דאָס באַטײַט אַנ אָפּענעמ אַריבערגאַנג פונ די מענשעווי־קעס אונ עסערנ צו א בונד מיט דער בורזשואַזיע.

די דעמאָנסטראַציע פונעמ 3—4 מײַ אונ די דורכגעפירטע דורכ דער פּאַרטיי אופ־קלער־אַרבעט האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס אינ די מאַסנ.

א גרויסע ראָליע אינעמ געווינענ אפ דער זײַט פונ די באָלשעוויקעס די אַרבע־טנדיקע מאַסנ פונ פּויערטומ האָט געשפּילט לענינס אַרויסטרעט אפנ אַלרוסלענדישנ צוזאַמענפאָר פונ די פּויערימ־דעפּוטאַטנ דעמ 4 יונ 1917 יאָר. די דעלעגאַטנ־פּוי־ערימ האָבנ מיט דער געשפּאַנטסטער אופמערקזאַמקײַט אויסגעהערט דעמ פירער פונ די באָלשעוויקעס, ניט געקוקט אפ אַלע פּרוּוונ פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ זײַנ רעדע אַראָפּצורײַסנ. א באַזונדער מיטגעפיל האָט בא די פּויערימ אַרויסגערופנ לענינס רופ — טייקעפּ, ניט וואַרטנדיק אפ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אָנצוהייבנ אפ די ערטער אַנ אָרגאַניזירטנ פאַרכאַפּ פונ די פּריצישע ערדנ.

א גרויסע אַרבעט האָבנ די באָלשעוויקעס געפירט אויכ אינ די פּראָפאַריינענ. די פירנדיקע אַמטנ אינ די פּראָפאַריינענ האָבנ זיכ געפונענ בא די מענשעוויקעס אינ די הענט, דאָכ זײַנענ די ברייטע מאַסנ פּראָפאַריינ־מיטגלידער אַלצ מער אונ מער צוגעשטאַנענ צו די באָלשעוויקעס אונ האָבנ זיי מיטגעפילט.

דעמ 12—16 יונ איז פאָרגעקומענ די פּעטראָגראַדער קאָנפערענצ פונ די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטנ. אפ דעררדאָזיקער קאָנפערענצ זײַנענ דרײַ פערטל דעלעגאַטנ שוינ געגאַנגענ נאָכ די באָלשעוויקעס. אפ דער קאָנפערענצ איז אַרויסגעטראָטנ לענינ אונ האָט גערופנ די אַרבעטער אײַנצופירנ אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק אָ נ ט ר אָ ל איבער דער

[1] דידאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז אַרײַנ אינ דער געשיכטע מיטנ נאָמענ א פּ ר ע ל ־ ד ע מ אָ נ ס ט ־ ר אַ צ י ע, ווײַל זי איז פאָרגעקומענ לויטנ אַלטנ קאַלענדאַר אינ אַפּרעל.

פּראָדוקציע. די קאָנפערענצ האָט אָנגענומענ באָלשעוויסטישע רעזאָליוציעס. די פאַב־זאַווקאָמענ אַפ די ערטער האָבנ דורכגעפירט אינ לעבנ דעמ לאָזונג פונ די באָלשע־וויקעס וועגנ איינפירנ אַנ אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע.

אַ גרויסנ אויטאָריטעט האָבנ די באָלשעוויקעס אויכ באַקומענ צווישנ די סאַמע ברייטע שיכטנ אַרבעטער מיט זייער קאַמפּ פאַר אַנ 8־שאָ‍ּיקנ אַרבעט־טאָג.

דיסקאָנטירנדיק, אַז פיל סאָוועטנ־מיטגלידער האָבנ שוינ ניט אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פונ די מאַסנ, ווייל די מאַסנ האָבנ זיכ געהאַלטנ אינ שנעלנ רעוואָליוציאָ־ניזירנ, האָבנ די באָלשעוויקעס פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע קאַמפּאַניע פאַרנ אָפּרופנ דידאָזיקע סאָוועטנ־מיטגלידער אונ זיי איבערוויילנ. אינ רעזולטאַט פונ די דורכגע־פירטע איבערוואַלנ האָט זיכ די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס אינ די סאָוועטנ באַ־דייטנדיק פאַרשטאַרקט. אינעמ פּעטראָגראַדער סאָוועט האָבנ די באָלשעוויקעס אינ יונ שוינ אויסגעמאַכט בעראַ העלפט אינ דער אַרבעטערשער סעקציע, אונ באַ אַ פערטל אינ דער סאָלדאַטישער. באַ די וואַלנ אינ די ראַיאָנישע דומעס פונ פּעטראָ־גראַד איז די באָלשעוויסטישע ווירקונג אויכ שטאַרק אויסגעוואַקסנ. די באָלשעוויקעס האָבנ אײַנגאַנצנ געוווּנענ די וויבאָרגער ראַיאָנישע דומע. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומענ אויכ אינ אַ ריי אַנדערע שטעט.

צווישנ די סאָלדאַטנ אונ מאַטראָסנ האָט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט געפירט די מילי־טערישע אָרגאַניזאַציע פונ די באָלשעוויקעס. זי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג ניט בלויז אינעמ פּעטראָגראַדער גאַרניזאָנ, נאָר אויכ אינ דער פּראָווינצ, אַפנ פראָנט אונ אינ פלאָט. די באָלשעוויקעס האָבנ אַנטשלאָסנ געקעמפט פאַרנ דורכפירנ אינ לעבנ דעמ באַרימטנ באַפעל נומ. 1, וואָס דער פּעטראָגראַדער סאָוועט האָט אַרויסגעגעבנ דעמ 14 (1) מאַרט צומ מיליטער פונעמ פּעטראָגראַדער מיליטער־קרייז. דערדאָזיקער באַפעל האָט אויסגעגליכט די רעכט פונ די סאָלדאַטנ מיט די רעכט פונ די ציווי־לע בירגער אונ האָט פאַראָרדנט אויסצוקלייבנ אינ די מיליטער־טיילנ אונ אינ פלאָט סאָלדאַטישע אונ מאַטראָסישע קאָמיטעטנ; די מיליטער־טיילנ האָט ער פאַראָרדנט, אַז אינ זייערע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגענ זאָלנ זיי זיכ אונטערוואַרפנ בלויז דעמ סאָ־וועט. פירנדיק אַנ ענערגישע קאַמפּאַניע פאַרנ שאַפנ סאָלדאַטישע אונ מאַטראָסישע קאָמיטעטנ אינ דער אַרמיי אונ אינעמ פלאָט, פאַר אַנ אויסגעוויילטנ קאָמאַנדירנ־באַשטאַנד, האָבנ די באָלשעוויקעס געשטעלט אַנ אויפגאַבע: אַרויסצורייסנ די סאָלדאַטנ אונ מאַטראָסנ פונ אונטער דער ווירקונג פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע גענע־ראַלנ אונ אַדמיראַלנ אונ צו פאַרוואַנדלענ די אַרמיי אונ דעמ פלאָט אינ אַנ אָנשפּאַר פונ דער רעוואָליוציע. די באָלשעוויקעס, וואָס פלעגנ אויסגעוויילט ווערנ אינ די קאָ־מיטעטנ פונ די ראָטעס, פּאָלקנ, אַרמייענ, שיפנ, פלאָטנ, פלעגנ דאָרטנ פירנ אַ פאַר־ביטערטנ קאַמפּ מיטנ רעאַקציאָנערנ אָפיצערנטומ אונ מיט די פאָרשטייערס פונ די פּשראָמאַכערישע פּאַרטייענ פאַר דער ווירקונג אַפ די סאָלדאַטישע אונ מאַטראָסישע מאַסנ. אינ אַלע ריינגענ פונ דער אַרמיי אונ פונעמ פלאָט האָט מענ גענומענ שאַפנ באָל־שעוויסטישע קעמערלעכ. די סאָלדאַטישע אונ מאַטראָסישע מאַסנ האָבנ אַלצ מער אונ מער זיכ גענומענ קערנ אַפ דער זייט פונ די באָלשעוויקעס.

די קאָנפערענצ פונ די באָלשעוויסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ יונ 1917, האָט אַרויסגעוויזנ דעמ שנעלנ וווּקס פונ דער פּאַרטייס ווירקונג אינ דער אַרמיי. באַזונדערס האָט די פּאַרטיי געהאַט אַ גרויסע ווירקונג צווישנ די מאַטראָסנ פונעמ באַלטישנ פלאָט. די קראָנשטאַדטער מאַטראָסנ, אַשטייגער, האָבנ זיכ שנעל גענומענ באַפרייענ פונ דער ווירקונג פונ די קליינבירגערלעכע פּאַר־טייענ אונ זיכ שטעלנ אונטער דער פאָנ פונ די באָלשעוויקעס.

אַזויאַרום, איז אַדאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט געוואַקסנ פונ טאָג אַפ טאָג די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס צווישנ די ברייטע מאַסנ. די מאַסנ האָבנ זיכ גע־נומענ צונויפשמידנ אַרומ אונדזער פּאַרטיי, אונטער אירע שלאַכט־לאָזונגענ.

דעמ 16 יונ 1917 יאָר איז אינ פּעטראָגראַד צונויפגערופנ געוואָרנ דער I אַלרוס־לענדישער סאָוועטנ־צוזאַמענפאָר. אַפ דעמדאָזיקנ צוזאַמענפאָר זײַנענ געווענ פאָרגע־שטעלט מיליאָניקע מאַסנ אַרבעטער, פּויערימ אונ סאָלדאַטנ פונעמ גאַנצנ לאַנד. די

באָלשעוויקעס, וואָס זײַנען געווען אַפּ דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר אין אַ מינדערהײַט, האָבן אומדערמידלעך אויפגעדעקט די פּאַרעטערישע ראָליע פון די מענשעוויקעס און עסערן און זייער פשאָרעמאכערײַ מיט דער בורזשואַזיע. די באָלשעוויקעס האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אַן ענערגישן קאַמפּ אַפּ אָפּצווײַסן פון די מענשעוויקעס די מאַסן צוזאַמענפאָר־דעלעגאַטן און זיי אַריבערצוציִען אַפּ זייער זײַט.



די דעמאָנסטראַציע דעם 18 יונ 1917 י. אין פּעטראָגראַד.

אינעם גאַנגן פונעם צוזאַמענפאָר איז צווישן די דעלעגאַטן באַמערקלעך פאָרגעקומען אַ קער צו דער זײַט פון די באָלשעוויקעס. אַפּ די אָפענע זיצונגען פון דער פראַקציע באָלשעוויקעס פלעגן קומען אַלץ מער און מער מיטפילנדיקע אומפּאַרטייִשע צוזאַמענפאָר־דעלעגאַטן.

דערדאָזיקער קער האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין רעזולטאַט פון דער מעכטיקער דעמאָנסטראַציע דעם 1 יול (18 יונ). אַפּ דערדאָזיקער דעמאָנסטראַציע איז אַ האַלבמיליאָניקע מאַסע אַרבעטער און סאָלדאַטן אַרויסגעגאַנגען דורכויס אונטער באָלשעוויסטישע לאָזונגען: „די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוועטן!", „אַראָפּ מיט די מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן!", „אַראָפּ מיט דער מילכאָמע!", „די ערד פאַר די פּויערים!". וועגן דערדאָזיקער דעמאָנסטראַציע האָט לענין אַפּ מאָרגן געשריבן אין „פּראַוודאַ", אַז דאָס איז געווען די ע ר ש ט ע פּ אָ ל י ט י ש ע ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ צ י ע פ ו נ ט אַ ט, וואָס אין איר האָבן די מאַסן ניט מיט רעזאָליוציעס, נאָר אַפּ דער גאַס מעכטיק אויסגעדריקט זייער ווילן צום קאַמפּ פאַר סאָוועטן־מאַכט.

אין דער פּראָווינץ און אַפּן פראָנט איז די ווירקונג פון דער פּאַרטײַ דעמאָלט נאָך ניט געווען אַזאַ איבערוועגנדיקע, ווי אין פּעטראָגראַד און אין אַנדערע גאָר גרויסע פּראָלעטאַרישע צענטערס, דאָך האָט זיך אויך דאָרט געזומען שנעל פאַרשטאַרקן די סימפּאַטיע פון די מאַסן צו די באָלשעוויקעס.

די פּאַרטיי אינ די יול־טעג.

אינ הינטערלאַנד איז געוואַקסנ דער כורבנ, די אַרבעטלאָזיקײַט; עס האָבנ זיכ גענומענ אָפּשטעלנ די באַנ־ליניעס; די שטעט זײַנענ געווענ אָנ ברויט. די קאַפּיטאַ־ליסטנ האָבנ גענומענ רויִנירנ די פּראָדוקציע, פּלעגנ אומיסטנ פאַרמאַכנ די אונטער־נעמונגענ אונ אַרויסוואַרפנ צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אפ דער גאַס. דאָס האָט גענומענ פאַרשטאַרקנ דעמ צאָרנ פונ די אַרבעטער. עס האָט זיכ גענומענ פאַרשטאַרקנ די שטרײַק־כוואַליע. די אַרבעטער האָבנ גענומענ פאָדערנ, אַז די מאַכט זאָל אַריבער־גײנ צו די סאָוועטנ. די פּויערים האָבנ זיכ גענומענ אופהײבנ קעגנ די פּריצים, צינדנ די גיטער, אָפּנעמענ די ערד. אינ יול האָט די פּויערים־באַוועגונג אַרומגעכאַפּט 325 אויעזדנ.

פאַרזעצנדיק דעמ קאַמפּ אפ צו געווינענ די מאַסנ, האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדער־געוויקלט אַ באַזונדערס ענערגישנ קאַמפּ קעגנ דעמ נײַעמ אָנגריפ אפנ פראָנט, וואָס די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט אינטענסיוו געגרייט.

דעמ 1 יול (18 יונ) האָט קערענסקי, לויט דער פאָדערונג פונ די רוסישע, פראַנצויזישע אונ ענגלישע אימפּעריאַליסטנ אונ מיטנ הסכּמ פונ דער מענשעוויס־טיש־עסערישער מערהײַט אפנ I סאָוועטנ־צוזאַמענפאָר, אָפּגעגעבנ אַ באַפעל דעמ פראָנט וועגנ אַנ אָנגריפ אפ די דײַטשנ. דער פראָנט אָבער האָט אונטער דער ווירקונג פונ דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע אָנגעהויבנ אופהערנ פאָלגנ קערענסקינ. אַ טייל פּאָלקנ האָט זיכ אָפּגעזאָגט אָנצוגרײַפנ. די פּאָלקנ, ווידער, וואָס האָבנ יאָ אָנגעגריפנ, זײַנענ צעגראָמירט געוואָרנ דורכ דער דײַטשישער אַרמיי.

די מאַפּאָלע אפנ פראָנט האָט אַרויסגערופנ צווישנ די סאָלדאַטנ אַ נײַע כוואַליע אופגעבראַכטקײַט קעגנ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. די אַרמיי האָט זיכ גענומענ פאַנאַנדערלייגנ. די סאָלדאַטנ אפנ פראָנט האָבנ אָנגעהויבנ אופהערנ גלייבנ די מענ־שעוויקעס אונ עסערנ אונ האָבנ גענומענ אַריבערגײנ אפ דער זײַט פונ די באָלשע־וויקעס. די סאָלדאַטנ האָבנ אַלצ אָקשאָנעסדיקער אָנגעהויבנ ריידנ, אַז די מיניסטאָרנ־„סאָציאַליסטנ" האָבנ זיכ פאַרקויפט צו דער בורזשואַזיע, אַז מע דאַרפ אַרײַנשטעקנ די באַגנעטנ אינ דער ערד אונ זיכ פאַנאַנדערגײנ אַהײמ.

די בורזשואַזיע האָט גענומענ זאַמלענ קאָנטררעוואָליוציאָנערע קרעפטנ אונ זיכ גרייטנ צומ צעגראָמירנ די רעוואָליוציע. איר פּלאַנ איז באַשטאַנענ אינ דעמ, אַז מע זאָל אַרויספירנ פונ פּעטראָגראַד די רעוואָליוציאָנערע פּאָלקנ, אַנטוואָפענענ די אַר־בעטער אונ צעגראָמירנ די פּאַרטיי באָלשעוויקעס.

די באָלשעוויקעס האָבנ גענומענ אופדעקנ די פּלענער פונ דער בורזשואַזיע אונ אָנווײַזנ די מאַסנ אפ דער געפאַר, וואָס עס דראָט דער רעוואָליוציע. אופגעבראַכטע פונ די מײַסימ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, זײַנענ די פּעטראָגראַדער אַרבעטער אונ סאָלדאַטנ אַרויסגעגאַנגענ דעמ 16—18 (3—5) יול אפ די גאַסנ מיט דער פאָדערונג, אַז די סאָוועטנ זאָלנ נעמענ די מאַכט אינ זײערע הענט.

דער צ"ק פונ די באָלשעוויקעס האָט געפּרוווט אָפּשטעלנ די אַרויסטרעטונג פונ די מאַסנ, ווײַל אינ יענעמ מאָמענט איז זי געווענ פּריצײַטיק אונ דעריבער האָט זי ניט געלוינט פאַרנ פּראָלעטאַריאַט. די אופגעבראַכטקײַט פונ די מאַסנ איז אָבער געווענ אַזוי גרויס, אַז זיי זײַנענ פאָרט אַרויסגעטראָטנ. דעמלט האָט דער צ"ק גערופנ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע צו באַטייליקנ זיכ אינ דער דעמאָנסטראַציע, זיכ צו שטעלנ אינ איר שפּיצ אונ איר צוצוגעבנ אַ פרידלעכנ, אָרגאַניזירטנ כאַראַקטער.

דעמ 17 (4) יול האָבנ אינ די דעמאָנסטראַציעס זיכ באַטייליקט ניט ווייניקער פונ 500 טויזנט מאַנ. עס האָבנ פאַרשטרײַקט די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ. פונ קראָנ־שטאַדט זײַנענ געקומענ די מאַטראָסנ. די רעוואָליוציאָנערע פּאָלקנ — דער 1־טער קוילנ־וואַרפערישער, 1־טער פּוסגייערישער א. אנד. — האָבנ אוועקגעשיקט צומ „וציק" אַ דעלעגאַציע, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אַזעלכע פאָדערונגענ: נעמענ די מאַכט אינ די הענט פונ די סאָוועטנ, אָפּשטעלנ דעמ אָנגריפ, איבערגעבנ די ערד צו די פּויע־רימ, אײַנשטעלנ אַ קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, פאַרמאַכנ די בורזשואַזע צײַ־טונגענ, וואָס האָבנ געפירט אַ קאָנטררעוואָליוציאָנערע אַגיטאַציע א.אַז.וו.

די ארבעטער פונעם פּוטילאָווער זאַוואָד, וואָס זײַנען געקומען מיט דער גאַנצער מאַסע צום טאַווריִשן פּאַלאַץ, האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן ניט אַוועקגיין, ביז וואַנען די סאָוועטן וועלן ניט נעמען אין זייערע הענט די מאַכט. אף אַלע אונטערנעמונגען און אין די קאַזאַרמעס, אף די גאַסן און פּלעצער זײַנען פאָרגעקומען אומופהערלעכע מיטינגען מיט דער פאָדערונג, אַז די מאַכט זאָל אַריבערגיין צו די סאָוועטן.

די וואָרענונג פון די באָלשעוויקעס, אַז די בורזשואַזיע גרייט פאַר די ארבעטער און סאָלדאַטן א בלוט־באָד, האָט זיך פולקום באַשטעטיקט.

באַטאָג דעם 17 (4) יולי איז די גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע אין פּעטראָגראַד באַשאָסן געוואָרן פון הינטער א ווינקל דורך די יונקערישע און אָפיצערישע אָטריאַדן און קאָזאַקישע טיילן, וואָס די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט אַרויסגערופן פון פראָנט.

גלײַכצײַטיק מיט דער דעמאָנסטראַציע אין פּעטראָגראַד זײַנען אין מאָסקווע, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, ניזשני־נאָווגאָראָד, קיִעוו און אַנדערע שטעט אויך פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס, וואָס זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די ארבעטער און פויערים מיט די אָנהענגערס פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג.

נאָכן צעשיסן די דעמאָנסטראַציע האָט די צעווילדעוועטע בורזשואַזיע זיך גענומען אָפּרעכענען מיט דער רעוואָליוציע און מיט דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס. די יונקערס האָבן גענומען אַנטוואָפענען די ארבעטער. דער לאָקאַל פונעם צ״ק פון די באָלשעוויקעס און די רעדאַקציע פון די באָלשעוויסטישע צײַטונגען—„פּראַוודאַ" א.אנד.— זײַנען דורך די יונקערס צעגראָמירט געוואָרן. די באָלשעוויסטישע צײַטונגען זײַנען פאַרמאַכט געוואָרן; באָלשעוויסטישע אַגיטאַטערס האָט מען גענומען דערהאַרגענען אף די גאַסן.

אָפּן פראָנט האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אײַנגעפירט טויט־שטראָף. סאָלדאַטן פלעגט מען צעשיסן פאַרן מיטפילן די באָלשעוויקעס.

די אָנגעזעענסטע טוער פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט מען גענומען אַרעסטירן און אַרײַנזעצן אין טורמע. עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן א באַפעל צו אַרעסטירן לענינען, און ער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן אין אונטערערד. עטלעכע וואָכן צײַט האָט ער זיך באַהאַלטן אָפּן הייסניט אין א פעלד־בײַדל הינטער סעסטראָרעצק, און אין סענטיאַבער, ווען עס איז געוואָרן קאַלט, איז ער איבערגעפאָרן קיין פינלאַנד, וווּ ער איז אָפּגעווען ביזן 20 אָקטיאַבער, אומופהערלעך אָנפירנדיק פונעם אונטערערד מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט.

די מענשעוויקעס און עסערן האָבן פולשטענדיק געשטיצט אַלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלען פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. זיי זײַנען געוואָרן פּאָשעטע מיטהעלפערס פון דער כוצפּעדיק־געוואָרענער קאָנטררעוואָליוציע. די ארבעטער און סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די דעמאָנסטראַציעס פאַר דער סאָוועטן־מאַכט, האָבן זיי דערקלערט פאַר א פאַרברעכערישער באַנדע, פאַר פײַנט פון דער רעוואָליוציע.

די בורזשואַזיע האָט בא דער אַקטיווער מיטהילף פון די עסערן און מענשעוויקעס אָנגעהויבן א גוואַלדיק צעיושעטע העצע קעגן די באָלשעוויקעס. אף אַלע ראָגן און קרײַץ־וועגן האָבן די קאָנטררעוואָליוציאָנערן גענומען שרײַען, אַז די באָלשעוויקעס זײַנען אַגענטן פונעם דײַטשישן אימפּעריאַליזם. עס זײַנען פאַבריצירט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צײַטונגען פאַלשע דאָקומענטן וועגן דעם, אַז לענין איז, קלוימערשט, א דײַטשישער שפּיאָן. די בורזשואַזיע און די פּשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען האָבן גענומען פאָדערן, מע זאָל אַרעסטירן לענינען און מאַכן איבער אים א געריכט: זיי האָבן זיך געקליבן צו דערהאַרגענען דעם פירער פונעם פּראָלעטאַריאַט. די רעגירונג האָט עפנטלעך צוגעזאָגט א גרויסע געלט־באַלוינונג פאַרן אַרויסגעבן לענינען.

אָבער די באַוווּסטזיניקע ארבעטער, סאָלדאַטן און פויערים האָבן ניט געגלייבט אין דערדאָזיקער רעכילעס. אַלע זייערע סימפּאַטיעס זײַנען געווען אף דער זײַט פון די באָלשעוויקעס, אין דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, וואָס איז אַוועק אין אונטערערד,

האָט זיכ אומופהערלעכ געגאָסנ א שטראָמ פונ אלצ נייַע אונ נייַע מיטגלידער, בייס אינ די סאָציַאל-פארטערישע פארטייענ איז געגאנגענ א שנעלע צעפאלונג.

דער VI פארטיי-צוזאמענפאָר.

אינ דידאָזיקע באדינגענ פונ דער אָרגיע פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, אינ אווגוסט 1917 י., איז זיכ צונויפגעקומענ אינ פעטראָגראד האלב-לעגאַל דער VI פארטיי-צוזאמענפאָר. אפנ צוזאמענפאָר זייַנענ געווענ 157 דעלעגאטנ מיט שטימ-רעכט, וואָס האָבנ פאָרגעשטעלט 240 טויזנט פארטיי-מיטגלידער.

דער צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומענ אפנ סמאכ פונ די אָנווייַזונגענ, וואָס לעניג האָט געגעבנ פונעמ אונטערערד. דער דירעקטער אָנפירער פונעמ צוזאמענפאָר איז געווענ כ' סטאַלינ. אינ זייַנ פאָרטראָג אפנ צוזאמענפאָר וועגנ דער פאָליטישער לאגע אינ לאַנד האָט כ' סטאַלינ אויספירלעכ פאנאנדערגעוויקלט די לעניניסטע אָפשאצונג פונעמ מאָמענט. לעניג האָט ערעוו דעמ צוזאמענפאָר אויפגעקלערט, אז די לאגע אינ לאַנד האָט זיכ נאָכ די יול-טעג שארפ געענדערט. צייַטווייַליק האָט געזיגט די קאָנטר-רעוואָליוציע. די צווייִמאכט האָט זיכ געענדיקט,—האָט לעניג געזאָגט,—די מאכט איז צייַט-ווייַליק איבערגעגאנגענ אריבער אינ די הענט פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע. איצט טרעטנ די קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע אונ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע ארויס אָפנ איינע קעגנ דער אנדערער. אפ איינ זייַט שטייט די קאדעטישע פארטיי, וואָס ארומ איר זאמלט זיכ צונויפ די גאנצע קאָנטררעוואָליוציע, אפ דער אנדערער זייַט—די פארטיי באָלשעוויקעס, וואָס ארומ איר זאמלט זיכ אלצ מער אונ מער צונויפ די מאסע ארבעטער, סאָלדאטנ אונ פויערימ. די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ זיכ ענדגילטיק פארוואנדלט אינ א צוגאָב צו דער קאָנטררעוואָליוציע.

ארויסגייענדיק פונ דעמ, האָט לעניג אָנגעוויזנ אפ דער נייטיקייַט צו ענדערונג די טאקטיק פונ דער פארטיי אונ אירע לאָזונגענ. דער לאָזונג „די גאנצע מאכט פאר די סאָוועטנ!" איז נאָכ די יול-טעג פארעלטערט געוואָרנ. דער לאָזונג וועגנ דעמ, אז די גאנצע מאכט זאָל איבערגיינ צו די סאָוועטנ,—האָט לעניג געשריבנ,—איז געווענ ריכטיק אינ אפרעל, מייַ, יונ, פארנ 18—16 (5—3) יול, ד. ה. איידער די מאכט איז פאקטיש אריבער אינ די הענט פונ דער מיליטערישער בורזשואזער דיקטאטור. דעמלט, אינעמ פעריאָד פונ דער צווייִמאכט, ווענ די גאנצע באַוואָפנטע קראפט איז געווענ אפ דער זייַט פונ די סאָוועטנ, וואָלט די בורזשואזיע ניט געקענט ארויסווייַזנ קיינ ערנסטנ ווידערשטאנד, אויב די סאָוועטנ וואָלטנ איינגעגאנגענ נעמענ די מאכט. נאָכ די יול-טעג אָבער,—האָט לעניג דערקלערט,—זייַנענ די מענשעוויסטיש-עסערישע סאָוועטנ געוואָרנ א געצייַג פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. בא דידאָזיקע באדינגענ וואָלט דער לאָזונג „די גאנצע מאכט פאר די סאָוועטנ"! גע-ווענ א שטיצע פאר די מענשעוויסטיש-עסערישע סאָוועטנ, ווייַל ער וואָלט פארדעקט זייער אריבערגאנג אפ דער זייַט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. דעריבער האָט לעניג פאָרגעלייגט ארָאָפצונעמענ דעמדאָזיקנ לאָזונג. אָנשטאָט דעמ לאָזונג „די גאנצע מאכט פאר די סאָוועטנ!"

„... רוקנ מיר ארויס דעמ לאָזונג וועגנ איבערגעבנ די מאכט אינ די הענט פונעמ פראָלעטאריאט אונ אָרעמסטנ פויערטומ"[1], — האָט כ' סטאַלינ געזאָגט אפנ VI צוזאמענפאָר.

דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ דעמדאָזיקנ לאָזונג.

דאָס צייַטווייַליקע אראָפנעמענ דעמ לאָזונג „די גאנצע מאכט פאר די סאָוועטנ!" האָט ניט באטייַט: „אראָפ מיט די סאָוועטנ!". די סאָוועטנ אלס מאסעווע אָרגאניזא-ציעס אונ אלס קומענדיקע אָרגאנענ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור האָבנ יאָ בא-דארפט עקזיסטירנ.

---

[1]) Протоколы VI с'езда, стр. 118. Партиздат, 1934 г.

„...אינ אָט דער נײַער רעוואָליוציע, — האָט לענינ געשריבנ, — וועלנ מיר... זײַנ פארנ אויסבויענ די גאנצע מעלוכע לויטנ טיפּ פונ די סאָוועטנ" [1].

נאָר צוליב דעם דארפנ די סאָוועטנ ווערנ באָלשעוויסטישע, אונ דעריבער האָבנ די באָלשעוויקעס ווײַטער געפירט אנ אומופהערלעכנ קאמף פארנ באקומענ די מערהײַט אינ די סאָוועטנ, ארויסטרײַבנדיק פונדאָרטנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ.

דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזנ, אז די פּארטיי דארפ ווײַטער אָרגאניזירנ די ארבעטער אונ אָרעמסטע פויערים אונ גרייטנ זיי צו א באוואָפנטנ אופשטאנד קעגנ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. צוליב דעם האָט מענ פריִער פאר אלצ געמוזט צעקלאפּנ אלע מינימ אָפּאָרטוניסטנ אינ די רייענ פונ אונדזער פּארטיי.

י. סטאלינ. ו. לענינ. יא. סווערדלאָוו.

ערנ-מיטגליד פונ פּרעזידיום.

מ. אָלמינסקי. א. לאָמאָוו. ק. יורעניעוו.

דער פּרעזידיום פונעם VI פּארטיי-צוזאמענפאָר.

אפנ VI צוזאמענפאָר האָבנ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ זיכ געפּרוווט אראָפּ-שלאָגנ די פּארטיי פונ די לענינישע פּאָזיציעס. אזוי, האָט בוכארינ אינ דער פראגע וועגנ דער ראָליע פונעם פויערטום פּארטיידיקט אפנ צוזאמענפאָר אנ אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע. ער האָט געטײַנעט, אז אלע פויערים, ווי קליינע אייגנטימערס, וועלנ ארויסטרעטנ קעגנ דעם פּראָלעטאריאט אינ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אונ אז דער

[1]) Ленин, т. XXI, стр. 38.

ארבעטער־קלאס וועט, אזויארום, בלײַבנ אײנזאמ, אָנ פארבינדעטע. אופדעקנדיק בוכארינס אנטילעניניסטישע אָנשויונגענ, האָט סטאלינ געזאָגט, אז די מאסע פונעמ אָרעמסטנ פויערטומ וועט ניט שטיצנ די בורזשואזיע, אז די דאָרפישע אָרעמשאפט גייט דערוויַיל נאָכ דער בורזשואזיע איבער איר אומבאוווּסטזיניקייט, מע נארט זי פּאָשעט אָפּ. די פּארטיי דארפ העלפנ דידאָזיקע אָרעמסטע שיכטנ צו פארשטיינ זייער פעלער. דעמלט וועלנ זיי גיינ צוזאמענ מיטנ פּראָלעטאריאט אפ אראָפּצוואַרפנ דעמ קאפּיטאליזמ.

אָפּאָרטוניסטישע אָנשויונגענ האָט אפנ צוזאמענפאָר פּארטיידיקט פּרעאָבראזשענסקי, וואָס איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער לעניניסטישער האנאָכע וועגנ דער מעגלעכקייט פונ א זיג פונעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאנד, ביפראט אינ רוסלאנד. ער אונ זײַנע מיינונגכאווײַרימ האָבנ געהאלטנ, אז איבער דער אָפּגעשטאנענקייט פונ רוסלאנד וועט בא אונדז ניט מעגלעכ זײַנ אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ, אויב די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע וועט ניט זיגנ אינ מײַרעוו. דאָס איז אינ טאָכ גענומענ געווענ א טראָצקיסטישע פּאָזיציע.



דאָס בײַדל בא דער סטאנציע „ראזליוו", ווו לעגינ האָט זיכ ארויסגעבאהאלטנ אינ 1917 יאָר פונ די פארפאָלגונגענ פונ קערענסקיס רעגירונג.

כ׳ סטאלינ איז שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ פּרעאָבראזשענסקי׳ס טראָצקיסטישער פּאָזיציע, פארטיידיקנדיק מיט דער גאנצער קראפט די לענינישע לערע וועגנ דער מעגלעכקייט אופצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאנד.

„עס איז ניט אויסגעשלאָסנ די מעגלעכקייט, אז גראָד רוסלאנד וועט זײַנ דאָס לאנד, וואָס לייגט דורכ א וועג צומ סאָציאַליזמ...", — האָט ער געזאָגט.
„מע דארפ אָפּוואַרפנ די אָפּגעלעבטע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ, אז בלויז אײראָפּע קענ אונדז ווײַזנ א וועג" [1].

אפנ צוזאמענפאָר זײַנענ ארויסגעטראָטנ אויכ רעכטע אָפּאָרטוניסטנ — נאָגינ א. אנד. זיי זײַנענ געווענ קעגנ דער פּארטיי־ליניע אפ א באוואָפנטנ אופשטאנד אונ האָבנ זיכ אנטשלאָסנ ארויסגעזאָגט קעגנ דעמ קאמפ פאר א סאָציאַליסטישער רעוואָ־

[1] Протоколы VI с'езда, стр. 233-234. Партиздат, 1934 г.

ליוציע. לײַקענענדיק אינ דעם, אז נאָכנ 18 — 16 (3—5) יול זײַנענ די מענשעוויקעס אונ עסערנ אָפנ אריבער אפ דער זײַט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, האָבנ די רעכטע געפירט א ליניע אפ א פשאָרע מיט זײ.

דער צוזאמענפאָר האָט אנטשיידנ אָפגעוואָרפנ דידאָזיקע אלע אָפּאָרטוניסטישע פארקריפּלונגענ פונ דער לענינישער ליניע אונ האָט פולשטענדיק באוויליקט די ליניע פונעם צ״ק פונ דער פארטײ.

אלס א באזונדער פראגע איז אפנ צוזאמענפאָר געשטאנענ די פראגע וועגנ לענינס שטעלנ זיכ צום געריכט. דער צוזאמענפאָר האָט דערקלערט, אז די בורזשואזיע האָט בעדייע אויסצונוצנ דעם געריכט־פראָצעס איבער לענינען, קעדיי אָפּצו־

דער פאספאָרט אפנ נאָמענ פונעם ארבעטער פונ סעסטראָרעצקער זאוואָד ק. איוואנאָוו, אפ וועלכנ לענינ האָט אומלעגאַל געוווינט אינ די יול־טעג 1917 י.

גענומענ בא דער פארטײ באָלשעוויקעס איר פירער. עס האָט ניט געקענט זײַנ קיינ שום רייד וועגנ אנ אָנפּנ׳עסדיקנ געריכט איבער לענינענ. דער געריכט וואָלט געווענ אנ עקלדיק אָפּרעכענענ זיכ מיצאַד דער בורזשואזיע מיטנ פירער פונעם וועלט־פראָלעטאריאט. דעריבער האָט דער צוזאמענפאָר לויט דעם כאוועד אָרדזשאָניקידזעס פאָרטראָג אנטשיידנ זיכ ארויסגעזאָגט פאר דעם, אז לענינ זאָל זיכ ניט איבערגעבנ אינ די הענט פונ קערענסקיס רעגירונג, אונ האָט פאָרגעלייגט לענינענ צו פארבלײַבנ אינ אונטערערד.

דער VI צוזאמענפאָר האָט ארײַנגענומענ אינ דער פארטײ די „צווישנראיאָנער“. דאָס זײַנענ געווענ א גרופּע אָפּגעשפּאָלטענע באָלשעוויקעס אונ מענשעוויקעס, וואָס האָבנ זיכ פארייניקט אינ 1913 יאָר אינ פעטערבורג אינ א באזונדער אָרגאניזאציע מיט א צווישנראיאָנ׳ישנ קאָמיטעט אינ שפּיץ. די צווישנראיאָנער זײַנענ געוועזנ א צענטריסטישע אָרגאניזאציע, וואָס פלעגט אָפּוואַרפנ דעם באָלשעוויסטישנ קאמפּ מיטנ אָפּאָרטוניזם אפ צוויי פראָנטנ; זײ זײַנענ געווענ קעגנ א שפּאַלטונג מיט די באשיצ־לערס. אינ די מילכאָמע־יאָרנ זײַנענ זײ געשטאנענ אפ די צענטריסטישע פּאָזיציעס פונ דער צימערוואַלדער מערהײַט. אינ 1917 יאָר זײַנענ די אָנפירערס פונ דער

צווישנראַיאָנישער אָרגאַניזאַציע געווענ טראָצקי, לונאַטשאַרסקי, יורעניעוו, יאָפע א. אנד.

זומער 1917 יאָר האָבנ די צווישנראַיאָנער זיכ דערנענטערט צו די פּאָזיציעס פונ די באָלשעוויקעס. זיי האָבנ זיכ געשטעלט אפ דער פּלאַטפאָרמע פונ סאָוועטנ־מאכט, פונ פאַרוואַנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג, פונ א באַלדיקנ שאָלעמ־פאָרשלאָג מיצאַד דער סאָוועטנ־רעגירונג אפ דער באַזע פונ אָפּזאָגנ זיכ פונ אַנעקסיעס און פונ קאָנטריבוציעס און פונ פולשטענדיקער זעלבסטבאַשטימונג פונ די פעלקער.

אפנ VI צוזאַמענפאָר האָבנ די צווישנראַיאָנער געטאָלדנ, אז זיי נעמענ אָנ די באָלשעוויסטישע ליניע און אײַנשטעלונגענ אינ אלע גרונטיקע פּראָגראַמ־ און טאקטיק־פראַגעס, און אפ דעמ סמאַכ האָט דער צוזאַמענפאָר זיי אַרײַנגענומענ אינ די רייענ פונ די באָלשעוויקעס. אזויאַרומ, איז אינ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַרײַנ אויכ טראָצקי. ווי עס האָט זיכ אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזנ, האָט טראָצקי, אַרײַנגייענדיק אינ דער פּאַרטיי, בלויז אפ א צײַט „באַהאַלטנ אינ שאַפע", לויט כ׳ סטאַלינס אויסדרוק, זײַנ מענשעוויסטישנ באַלאַסט. אינעמ שפּעטערדיקנ פּעריאָד פלעגט טראָצקי ניט איינמאָל אַרויסשלעפּנ דעמדאָזיקנ באַלאַסט צוליבנ קאַמפּ מיט דער פּאַרטיי, ביזוואַנענ ער איז ענדלעכ (אינ 1927 יאָר) ניט פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אנ אָפענעמ קאָנטררעוואָליוציאָנער און איז אינגאַנצנ אַרויסגעטריבנ געוואָרנ פונ פּסס״ר.

אלע באַשלוסנ פונעמ VI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זײַנענ געווענ געצילט אפ צוצוגרייטנ דעמ פּראָלעטאַריאַט און דאָס אָרעמסטע פּויערטומ צו א באַוואָפנטנ אויפשטאַנד.

דאָס איז געווענ א צוזאַמענפאָר פונ שלאַכט־צוגרייטונג צומ אָקטיאַבער. די פּאַרטיי איז אַרויס פונעמ צוזאַמענפאָר נאָכ שטאַרקער צעמענטירט, גרייט צו דער שלאַכט פאַר דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטיי אינ די טעג פונ קאָרנילאָווטשינע.

נאָכנ VI צוזאַמענפאָר האָט די פּאַרטיי פאַרשטאַרקט די אַרבעט פונ דערציִענ און אָרגאַניזירנ די מאַסנ, אלצ מער און מער צונויפשמידנדיק זיי אונטער איר פאָנ. צוויי קרעפטנ—דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע—האָבנ זיכ געגרייט צו אנ אַנטשיידנעמ געראַנגל.

קעדיי צו פאַרשטאַרקנ איר אויטאָריטעט אינ לאַנד, האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג צונויפגערופנ דעמ 25 אויגוסט אינ מאָסקווע א מעלוכישע באַראַטונג, וואָס אפ איר זײַנענ אײַנגעלאַדנ געווענ אויסשליסלעכ פאָרשטייערס פונ דער גרויסבורזשואַזיע, פונ די פּריצים און אָפיצערנטומ. אינ נאָמענ פונ די סאָוועטנ זײַנענ בײַגעווענ אפ דערדאָזיקער באַראַטונג בלויז די מענשעוויקעס און עסערנ, די וויציק־מיטגלידער. די באָלשעוויקעס, אפילע די, וואָס זײַנענ אַרײַנגעגאַנגענ אינעמ באַשטאַנד פונעמ וויציק, זײַנענ צו דער באַראַטונג ניט צוגעלאָזט געוואָרנ.

די אָרגאַניזאַטערס פונ דער מעלוכע־באַראַטונג האָבנ אויס מוירע פאַר די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער און סאָלדאַטנ פונ פּעטראָגראַד באַשלאָסנ צונויפצורופנ דידאָזיקע באַראַטונג אינ מאָסקווע, רעכענענדיק, אז דאָרטנ וועט זי אַראָפּ גלאַט און שטיל. דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער אויכ געשטאַנענ אפ דער וואַכ פונ דער רעוואָליוציע. אלס פּראָטעסט קעגנ דעמ צונויפרופנ די מעלוכע־באַראַטונג האָבנ אפנ רופ פונ די באָלשעוויקעס 400 טויזנט מאָסקווער אַרבעטער אײַנגעאָרדנט אינעמ טאָג, ווענ די באַראַטונג האָט זיכ געעפנט, א גראַנדיעזנ אלגעמיינעמ שטרײַק.

אפ דער מעלוכע־באַראַטונג האָט די בורזשואַזיע אָפנ געפאָדערט צו פאַרניכטנ די סאָוועטנ און צו שאַפנ א מיליטערישע דיקטאַטור, קעדיי צו פירנ ווײַטער די מילכאָמע און צו צעגראָמירנ די רעוואָליוציע. דער רעאַקציאָנערסטער טייל פונ דער בורזשואַזיע האָט געוואָלט צעטרײַבנ ניט בלויז די סאָוועטנ, נאָר אויכ די צײַטווײַליקע רעגירונג, וואָס איר פּאָליטיק האָט זיי אויסגעזענ צו זײַנ א צו ווייכלײַביקע. פאַר א

מיליטערישן דיקטאטאר האָט די בורזשואזיע אָנגעמערקט דעם העכסטן הויפט־קאָמאַנ־ דיר — גענעראַל קאָרנילאָוו, וואָס האָט דער ערשטער אײַנגעפירט אפן פראָנט טויט־ שטראָף, ארויסשטעלנדיק עפנטלעך די געטויטע סאָלדאטן, קעדיי אָנצושרעקן די אי־ בעריקע. קאָרנילאָוו האָט שוין בעשאס דער מאָסקווער בעראטונג געהאט א רוק גע־ טאָן פון פראָנט קיין מאָסקווע קאָזאקן־פאָלקן, קעדיי אײַנצושטעלן זײַן דיקטאטור. אָבער די איינמוטיקע ארויסטרעטונג פונעם מאָסקווער פראָלעטאריאט אינעם טאָג פון דער עפענונג פון דער בעראטונג האָט געצווונגען די בורזשואזיע אָפּצולייגן אפ א שטיקל צײַט דעם פרווו פון א מעלוכע־איבערקערעניש, קעדיי בעסער זיך צוצוגרייטן צו איר.

Россійская Соціалъ-Демократическая Рабочая Партія.

Пролетаріи всѣхъ странъ соединяйтесь!

Ко всѣмъ трудящимся, ко всѣмъ рабочимъ и солдатамъ г. Петрограда.

Контръ-революція наступаетъ на Петроградъ. Предатель революціи, врагъ народа Корниловъ ведетъ на Петроградъ войска, обманутыя имъ. Вся буржуазія во главѣ съ партіей кадетовъ, которая непрестанно сѣяла клевету на рабочихъ и солдатъ, теперь привѣтствуетъ измѣнника и предателя и готова отъ всего сердца аплодировать тому, какъ Корниловъ обагритъ улицы Петрограда кровью рабочихъ и революціонныхъ солдатъ, какъ онъ руками темныхъ, обманутыхъ имъ людей задавитъ пролетарскую, крестьянскую и солдатскую революцію. Чтобы облегчить Корнилову разстрѣлъ пролетаріата, буржуазія выдумала, что въ Питерѣ будто бы восторжествовалъ мятежъ рабочихъ. Теперь вы видите, что мятежъ поднятъ не рабочими, а буржуазіей и генералами во главѣ съ Корниловымъ. Торжество Корнилова — гибель воли, потеря земли, торжество и всевластіе помѣщика надъ крестьяниномъ, капиталиста — надъ рабочимъ, генерала — надъ солдатомъ.

Временное Правительство распалось при первомъ же движеніи Корниловской контръ-революціи. Это правительство, которому часть демократіи неоднократно выражала свое довѣріе, которому она вручила всю полноту власти, — это правительство оказалось не въ состояніи исполнить свою первую и прямую задачу: задавить въ корнѣ генеральско-буржуазную контръ-революцію. Поиски соглашенія съ буржуазіей ослабили демократію, разожгли аппетиты буржуазіи, дали ей смѣлость рѣшиться на открытое возстаніе противъ революціи, противъ народа.

Спасеніе народа, спасеніе революціи — въ революціонной энергіи самихъ пролетарскихъ и солдатскихъ массъ. Только своимъ сплоченіемъ, [illegible] организованностью мы можемъ [illegible]. Мы довѣряемъ руководство рѣшительной борьбой за спасеніе всей революціи [illegible] той власти, которая безоговорочно, безповоротно, всецѣло возьметъ на себя проведеніе въ жизнь требованій пролетарской и солдатско-крестьянской массы. Только эта власть спасетъ революцію, спасетъ отъ наступленія контръ-революціи, спасетъ, несмотря на колебанія, шаткость и безхарактерность колеблющейся части демократіи.

Населеніе Петрограда! На самую рѣшительную борьбу съ контръ-революціей зовемъ мы васъ! За Петроградомъ стоитъ вся революціонная Россія.

Солдаты! Во имя революціи, — впередъ противъ генерала Корнилова!

Рабочіе! Дружными рядами оградите городъ революціи отъ нападенія буржуазной контръ-революціи!

Солдаты и рабочіе! Въ братскомъ союзѣ, связанные кровью февральскихъ дней, покажите Корниловымъ, что не Корниловы задавятъ революцію, а революція сломитъ и смететъ съ земли попытки буржуазной контръ-революціи.

Во имя революціи, во имя власти пролетаріата и крестьянства въ освобожденной Россіи и во всемъ мірѣ — дружной семьей, сплоченными рядами, рука объ руку, всѣ, какъ одинъ человѣкъ, встрѣтьте врага народа, предателя революціи, убійцу свободы!

Вы смогли свергнуть царизмъ — докажите, что вы не потерпите господства ставленника помѣщиковъ и буржуазіи — Корнилова.

Ц. К. Р. С.-Д. Р. П. (большевиковъ).
П. К. Р. С.-Д. Р. П.
Военная Организація при Ц. К. Р. С.-Д. Р. П.
Центральный Совѣтъ Фабрично-Заводскихъ Комитетовъ.
Большевистская фракція Петроградскаго и Центральнаго Сов. Р. и С. Д.

דער אופרוף פונעם צ״ק פון די באָלשעוויקעס, וואָס רופט דעם פראָלעטאריאט און די רעוואָליוציאָנערע סאָלדאטן צום קאמף מיט דער קאָרנילאָווטשינע.

בעשאס דער מאָסקווער בעראטונג האָט די קאדעטישע פארטיי זיך ענדגילטיק צונויפגערעדט מיט קאָרנילאָוון וועגן דער דראָזיקער איבערקערעניש. דעם 8 סענטיאבער האָט קאָרנילאָוו א רוק געטאָן אפ פעטראָגראד דעם 3־טן קאָזאקן־קאָרפוס און א קאוואלערישע דיוויזיע. דער צ״ק פון די באָלשעוויקעס האָט גערופן דעם פראָלעטא־ ריאט און די רעוואָליוציאָנערע סאָלדאטן צו פארטיידיקן די רעוואָליוציע.

די פראָפאריינען האָבן מאָביליזירט זייערע מיטגלידער און זיי געמאכט שלאכט־ גרייט. אין דער רויטער גווארדיע זײַנען אריינגעטראָטן צענדליקער טויזנט ארבעטער. צוזאמען מיטן פעטראָגראדער רעוואָליוציאָנערן גארניזאָן איז דאָס געווען א מוירע־ דיקע קראפט, וואָס איז ארויס אנטקעגן קאָרנילאָווס מיליטער. אין קאָרנילאָווס טיילן זײַנען אוועקגעשיקט געווען באָלשעוויסטישע אגיטאטערס.

די באָלשעוויקעס האָבן אופגעהויבן צום קאמף קעגן קאָרנילאָוון די גאנצע אר־ בעטנדיקע מאסע פון לאנד. קראָנשטאדט האָט אוועקגעשיקט צו פארטיידיקן פעטראָ־ גראד עטלעכע טויזנט מאטראָסן. אין מאָסקווע און אין אנדערע שטעט האָבן די

באָלשעוויקעס ענערגיש באוואָפנט די ארבעטער און האָבנ באשאפנ אָטריאדנ רויטע גווארדיע, וואָס האָבנ נאָכדעם געשפילט אנ אנטשיידנדיקע ראָליע אינ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

אינ אזא שטעט זײַנענ לויט דער פאָדערונג פונ די באָלשעוויקעס געשאפנ געוואָרנ רעווקאָמענ און שטאבנ צו קעמפנ קעגנ דער קאָרנילאָווושטשינע. די מאסנ האָבנ זיכ שארפ א קער געטאָנ צו דער זײַט פונ די באָלשעוויקעס.

אינ די טעג פונ קאָרנילאָווושטשינע האָבנ די באָלשעוויקעס גענומענ פירנ נאָכ זיכ די מערהײַט סאָוועטנ אפילע דאָרטנ, ווו דידאָזיקע מערהײַט האָט נאָכ אלץ געגלייבט די מענשעוויקעס און עסערנ. די זיכ־וואקלענדיקע מאסנ האָבנ אפ דער פראקטיק זיכ איבערצײַגט אינ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערישקײַט פונ דער בורזשואזיע, אינ דער פארעטערישקײַט און אָנמעכטיקײַט פונ די מענשעוויקעס און עסערנ.

די דראנג־קראפט פונ די מאסנ איז געווענ אזוי גרויס, אז קעדיי אײַנצוהיטנ כאָטש וויפל ניט איז זייער ווירקונג אפ די ארבעטנדיקע, האָבנ די מענשעוויקעס און עסערנ באשלאָסנ א מאנעוויר צו טונ—און זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ קאָרנילאָוונ, שטרעבנדיק צו ראטעווענ די צײַטווײַליקע רעגירונג.

דער הויפט פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, קערענסקי, איז געווענ אינ א געהיימער פארשווערונג מיט קאָרנילאָוונ. דערזעענדיק אָבער, אז דער גאנצער ארבעטער־קלאס און די סאָלדאטישע מאסנ האָבנ זיכ אופגעהויבנ קעגנ דער קאָרנילאָווושטשינע, איז ער געצוווּנגענ געווענ צו דערקלערנ, אז ער טרעט אויכ ארויס קעגנ קאָרנילאָוונ. דאָס האָט אָבער בעשומפנ ניט געהייסנ, אז קערענסקי האָט איבערגעריסנ מיט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע. דאָס איז געווענ א מאנעווער, אויסגערעכנט אפ צו באשווינדלענ די מאסנ.

די גאנצע ארבעט אפ צו אָרגאניזירנ דעמ ווידערשטאנד קעגנ קאָרנילאָוונ האָבנ אָפגעטאָנ די באָלשעוויקעס.

מאָביליזירנדיק אלע קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע צומ קאמפ מיט קאָרנילאָוונ, האָבנ די באָלשעוויקעס אפ קיינ האָר ניט אָפגעשוואכט דעמ קאמפ מיט קערענסקיס רעגירונג. זיי פלעגנ אופדעקנ פאר די מאסנ די שוואכקײַט און וואקלעניש פונ קערענסקינ, וועלכער איז ניט געווענ פייִק צו פירנ דעמ קאמפ מיט קאָרנילאָווס קאָנטררעוואָליוציאָנערנ מארש. קעדיי אופצודעקנ דעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טאָכ פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, האָבנ די באָלשעוויקעס פאנאנדערגעוויקלט אנ אגיטאציע אינ די מאסנ צו פאָדערנ פונ קערענסקינ: ארעסטירנ די פירערס פונ דער בורזשואזיע (מיליוקאָוונ, ראָדזיאנקאָנ א. אנד.), צעטרײַבנ די מעלוכע־דומע, צוגעבנ א געזעצלעכע קראפט דעמ איבערגעבנ די ערד די פויערימ, אײַנפירנ אנ ארבעטער־קאָנטראָל איבערנ ברויט און איבער די פאבריקנ, טייקעפ פאָרלייגנ דײַטשלאנד א שאָלעמ. די באָלשעוויקעס האָבנ גאנצ גוט געוווּסט, אז קיינ איינע פונ דידאָזיקע פאָדערונגענ וועט די צײַטווײַליקע רעגירונג ניט אויספילנ און אדאנק דעמ וועלנ זיכ די מאסנ נאָכ מער איבערצײַגנ אינ דער נייטיקײַט זי אראָפצוווארפנ.

עפענענדיק די מאסנ די אויגנ אפנ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טאָכ פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, האָט דידאָזיקע אגיטאציע נאָכ מער גענומענ פארשטארקנ זייער סינע צו קערענסקינ, ענגער פארבינדנ די מאסנ מיט דער פארטיי באָלשעוויקעס און דערנענטערנ דעמ מאָמענט פונעמ באוואָפנטנ אופשטאנד.

אינעמ קאמפ מיט קאָרנילאָוונ האָט די אָנפירונג געהערט אויסשליסלעכ צו די באָלשעוויקעס. די צעגראָמירונג פונ קאָרנילאָוונ איז געזיכערט געוואָרנ בלויז אדאנק דער רעוואָליוציאָנערער אנטשלאָסנקײַט פונ די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבנ ארויסגעוויזנ די פייִקײַט אופצוהייבנ אינ קאמפ קעגנ אימ די ארבעטער, סאָלדאטנ און פויערימ און צו פירנ נאָכ זיכ אינ דידאָזיקע טעג די זיכ־וואקלענדיקע מערהײַט פונ די סאָוועטנ. אונטער דער ווירקונג פונ דער באָלשעוויסטישער אגיטאציע איז אינ קאָרנילאָווס מיליטער פאָרגעקומענ א פולשטענדיקע צעלייגונג. קאָרנילאָוו אליינ איז ארעסטירט און ארײַנגעזעצט געוואָרנ אינ טורמע (פונוואנענ עס איז אימ שפעטער געלונגענ צו אנטלויפנ).

די קאָרנילאָוו־טעג האָבנ געשפילט א קאָלאָסאלע ראָליע אינעם צוגרייטנ דעמ אָקטיאבער. דער אווטאָריטעט פונ די באָלשעוויקעס איז אינ דידאָזיקע טעג אומגעהייער אויסגעוואקסנ אינ די אויגנ פונ די ארבעטנדיקע. די מענשעוויקעס אונ עסערנ אָבער האָבנ קימאט אינגאנצנ אָנגעווירנ זייער ווירקונג אפ די מאסנ. איינער פונ די וויכטיקסטע רעזולטאטנ פונ דער פארטייס קאמפ אינ די קאָרנילאָוו־טעג איז געווענ דאָס, וואָס, מאָביליזירנדיק די מאסנ צום קאמפ מיט קאָרנילאָוונ, האָט זי פאנאנדערגעוויקלט נאָכ א גרעסערע ארבעט אפ צו פארשטארקנ די אָרגאניזירטע אינ אָנהייב פעווראל־רעוואָליוציע אָטריאדנ רויטע גווארדיע אונ האָט באוואָפנט די ארבעטער. דאָס געווער, וואָס די ארבעטער האָבנ באקומענ אינ די קאָרנילאָוו־טעג, האָבנ זיי אויסגענוצט אינ די טעג פונ דער אָקטיאבער־איבערקערעניש.

די פארטיי געווינט די מערהייט אינ די סאָוועטנ אונ אינ אנדערע מאסעווע אָרגאניזאציעס.

אינ סענטיאבער 1917 יאָר האָט די צייטווייליקע רעגירונג דערפירט מיט איר פּאָליטיק דאָס לאנד צו א פולנ עקאָנאָמישנ קראכ. די לייזונג פונ אלע גרונטיקע פראגעס פונ דער רעוואָליוציע — וועגנ שאָלעמ, ערד, גלייכבארעכטיקונג פונ די נאציעס א. אז. וו. — פלעגט די צייטווייליקע רעגירונג אָפלייגנ ביז דער גרינדונג־פארזאמלונג. אָבער דאָס צונויפרופנ די גרינדונג־פארזאמלונג פלעגט זי מיט אלע מיטלענ אָפציענ.

אינ אלע גרונט־פראגעס האָט די צייטווייליקע רעגירונג פאָרגעזעצט די פּאָליטיק פונעמ צאריזמ: קיינ ערד האָט דאָס פויערטומ ניט באקומענ, די מילכאָמע האָט זיכ ווייטער געצויגנ, דער כורבנ אונ דער הונגער האָבנ זיכ אלצ ווייטער פארשטארקט. די מיניסטאָרנ־„סאָציאַליסטנ” האָבנ מיט זייער פּאָליטיק זיכ אינגאנצנ דעמאסקירט אינ די אויגנ פונ די מאסנ אלס אגענטנ פונ דער בורזשואזער קאָנטררעוואָליוציע. די מיניסטאָרנ פאר ערד־ארבעט, די עסערנ טשערנאָוו אונ דערנאָכ ס. מאסלאָוו, האָבנ מיט אלע קויכעס געקעמפט קעגנ דעמ, אז די פויערימ זאָלנ פארכאפּנ די ערד, רופנדיק זיי צו ווארטנ געדולדיק אפ דער גרינדונג־פארזאמלונג אונ שיקנדיק שטראָפ־אָטריאדנ אינ יענע פאלנ, ווענ די פויערימ פלעגנ פארכאפּנ די פּריצישע ערד. דער מענשעוויק סקאָבעלעוו (ארבעט־מיניסטער) פלעגט העלפנ דער בורזשואזיע אָפּצונעמענ בא די ארבעטער דעמ 8־שאָ׳יקנ ארבעט־טאָג אונ האָט געפירט אנ אָפענעמ קאמפ קעגנ די פאבריק־זאוואָדישע קאָמיטעטנ אפ די אונטערנעמונגענ. דער מענשעוויק צערעטעלי פלעגט מיט א באוואָפנטער קראפט דערשטיקנ די פויערשע ארויסטרעטונגענ, פלעגט ארויסטרעטנ אלס פארטיידיקער פונ טויט־שטראָפ אפנ פראָנט אונ פלעגט שטיצנ אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע טריט פונ דער בורזשואזיע. דער עסער קערענסקי האָט אינגאנצנ זיכ דעמאסקירט ווי א באהאלטענער קאָרנילאָוועצ. עס האָבנ זיכ אינגאנצנ געגומענ באשטעטיקנ די ווערטער פונ די באָלשעוויקעס, אז, פארטיידיקנדיק די אינטערעסנ פונ דער אימפעריאַליסטישער בורזשואזיע, וועט די צייטווייליקע רעגירונג גאָרנישט ניט געבנ דעמ פאָלק אונ אז די מענשעוויקעס אונ עסערנ זיינענ ענדגילטיק פארוואנדלט געוואָרנ אינ לאקייענ פונ דער בורזשואזיע, אינ הענקערס פונ דער רעוואָליוציע. די מאסנ האָבנ געזענ, ווי האסטיק עס רוקט זיכ אָנ א ווירטשאפטלעכע קאטאסטראָפע, אונ זייער סינע צו דער בורזשואזיע אונ צו די פשאָרעמאכערישע פארטייענ איז שנעל געוואקסנ. מיט יעדנ טאָג איז צווישנ די ארבעטנדיקע פארשטארקט געוואָרנ די ווירקונג פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

די סאָוועטנ האָבנ צוערשט אינ די גרויסע צענטערס (פעטראָגראד, מאָסקווע, איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק א. אנד.), נאָכדעמ אויכ אינ אנדערע שטעט (אפנ אוראל, אינ סיביר, אפ דער וואָלגע א. אנד.) אָנגעהויבנ אריבערגיינ אינ די הענט פונ די באָלשעוויקעס. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומענ אינ די ארבעטער־אָרגאניזאציעס. די פאבזאווקאָמענ אפ די אונטערנעמונגענ זיינענ שוינ קימאט אומעטומ געווענ אינ די הענט פונ די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבנ אויכ ביסלעכווייז

גענומען געווינען די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. די וויכטיקסטע פּראָפאַריינען (מעטאַליסטנ, טעקסטילער א. אנד.) אין די אינדוסטריעלע צענטערס זײַנען אריבערגעגאנגען אפ דער זײַט פונ די באָלשעוויקעס.

שנעל האָט זיכ גענומען פאַרשטאַרקן די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס אויכ אינ דער ארמיי. די פּאַרטיי האָט גענומען געווינען די סאָלדאַטישע מאסנ דורכ די באָלשעוויסטישע קעמערלעכ אינ די ראָטעס אונ פּאָלקנ, דורכ דער פּאַרטיי־פּרעסע. מיט דער ארבעט פונ דידאָזיקע קעמערלעכ פלעגט אָנפירנ די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע באַם צ״ק פונ דער פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרייניקט טויזנטער סאָלדאַטנ־באָלשעוויקעס [1].

די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע באַם צ״ק פלעגט פאַנאַנדערשיקן איבער די פּאָלקנ אירע אָרגאַניזאַטערס אונ אַגיטאַטערס־פּראָפּאַגאַנדיסטנ. זי פלעגט ארויסגעבנ א צײַטונג „סאָלדאַטסקאַיאַ פּראַוודאַ״, וואָס פלעגט זיכ פאַנאַנדערגיינ אינ צענדליקער טויזנט עקזעמפּליאַרנ אפנ פראָנט אונ אינ די ארמיי־טיילנ אינעם הינטערלאַנד. די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע באַם צ״ק פלעגט ארויסגעבנ אונ פאַרשפּרייטנ צווישנ די סאָלדאַטנ הונדערטער טויזנט באָלשעוויסטישע פלוגבלעטלעכ אונ בראָשורנ. באַזונדערס שטאַרק האָט זיכ געפירט די ארבעט אינ די מאַרשעווע ראָטעס, וואָס פלעגנ אָפּגעשיקט ווערנ אפנ פראָנט. דידאָזיקע ראָטעס פלעגנ מיט זיכ אוועקטראָגנ פונ די פּראָלעטאַרישע צענטערס אפנ פראָנט באָלשעוויסטישע אידייעס אונ לאָזונגעו.

אינ סענטיאַבער האָבנ פיל קאָמיטעטנ אינ די ראָטעס, באַטאַליאָנענ אונ פּאָלקנ שוינ זיכ געפונענ אונטער דער אָנפירונג פונ די באָלשעוויקעס. באַזונדערס שטאַרק איז געווענ די באָלשעוויסטישע ווירקונג אינ דער XII ארמיי, ווו עס איז ארויסגעגאַנגענ די צײַטונג „אָקאָפּנאַיאַ פּראַוודאַ״. קראָנשטאַדט אונ דער באַלטישער פלאָט זײַנען געווענ באָלשעוויסטיש. אונטערנ דרוק פונ די באָלשעוויסטיש־געשטימטע מאַטראָסנ האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פונעם שוואַרציאַמישנ פלאָט דעם 24 סענטיאַבער אויכ אָנגענומענ א רעזאָליוציע וועגנ איבערגעבנ די גאַנצע מאַכט די סאָוועטנ. די סאָוועטנ פונ די סאָלדאַטנ־דעפּוטאַטנ אינעם הינטערלאַנד אונ אפנ פראָנט האָבנ זיכ געשטעלט אפ באָלשעוויסטישע פּאָזיציעס.

מיט יעדנ טאָג איז געוואַקסנ די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס אינ דאָרפ. די פּאַרטיי פלעגט שיקן אפ צו ארבעטנ צווישנ די פויערימ אַגיטאַטערס אונ פּראָפּאַגאַנדיסטנ פונ ארבעטער, פלעגט ארויסגעבנ ספּעציעלע פויערשע צײַטונגענ (אינ פּעטראָגראַד — „דערעווענסקאַיאַ בעדנאָטאַ״, אינ מאָסקווע — „דערעווענסקאַיאַ פּראַוודאַ״). די באָלשעוויסטישע לאָזונגענ: „שאָלעמ״, „די ערד פאַרנ פּאָלק״, „טייקעפּ פאַרכאַפּנ די פּריצישע ערד״ פלעגנ באַגעגענענ דעמ פולנ מיטגעפיל צווישנ די פויערימ.

א באַזונדער ווירקונג אפנ דאָרפ — אַזש ביז די ווײַטסטע ראַנד־געגנטנ פונ רוסלאַנד — פלעגט די פּאַרטיי האָבנ דורכ די סאָלדאַטנ־אָפּלאָזניקעס, וואָס פלעגנ באַזאָרגט ווערנ מיט באָלשעוויסטישע צײַטונגענ, בלעטלעכ אונ בראָשורנ.

אינ די דערפער פלעגט די פּאַרטיי אָרגאַניזירנ, דערהויפּט פונ דער דאָרפישער אָרעמשאַפט אונ פונ די סאָלדאַטנ, וואָס האָבנ זיכ אומגעקערט פונ דער ארמיי, באָלשעוויסטישע קעמערלעכ, וואָס האָבנ געפירט א קאַמפ אפ אריבערצוציענ דאָס פויערטומ אפ דער זײַט פונ די באָלשעוויקעס, אפ צו דעמאַסקירנ די עסערנ אונ אפ ארונטערצורײַסנ זייער ווירקונג אינ דאָרפ.

אדאַנק דער ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס האָט זיכ פאַרנ אָקטיאַבער שטורמיש אופגעהויבנ די פויערשע באַוועגונג. איינציקע גובערניעס (אַשטייגער — פּענזער, טאַמבאָווער א. אנד.) זײַנען אינגאַנצנ געווענ פאַרכאַפּט מיט אנ אופשטאַנד. די שטראָפאָטריאַדנ, וואָס פלעגנ געשיקט ווערנ קעגנ די פויערימ, פלעגנ נאָכ מער צעבלאָזנ די סינע פונעמ פויערטומ צו דער צײַטוויַליקער רעגירונג. קעגנ דער קאָאַליציע (ד. ה. קעגנ דער רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנענ פונ דער בורזשואַזיע, מענשעוויקעס אונ עסערנ) האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט די סאָוועטנ אינ דרײַ אונ צוואַנציק

[1] אפ דער אלרוסלענדישער באָלשעוויסטישער קאָנפערענצ פונ די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומענ סאָפ יונ, זײַנען געווענ פאָרגעשטעלט 26 טויזנט סאָלדאַטנ־באָלשעוויקעס.

גובערניעס און אין פיר ארמייען. די פויערשע סאָוועטן האָבן אויך אָנגע־הויבן אריבערגיין צו די באָלשעוויקעס. דער פּעטראָגראַדער סאָוועט פון די פויערים־דעפּוטאַטן האָט דעם 15 אָקטיאַבער אָנגענומען א רעזאָליוציע, אז די מאכט מוז אריבערגיין צו די סאָוועטן.

נאָך קאָרנילאָווס אופשטאנד איז שטארק אויסגעוואקסן די ראָליע פון די סאָוועטן. דאָרטן, ווו די סאָוועטן זײַנען אריבער צו די באָלשעוויקעס, האָבן זיי מיט זיך פאָר־געשטעלט קעמפערישע מאסן־אָרגאניזאציעס, פייִקע אפּ א באוואָפנטן קאמף מיט דער צײַטווײַליקער רעגירונג. דעריבער האָט די פּארטיי ווידער ארויסגערוקט דעם פריִער־


Вы бы нам сабу-
тира указали когда
будетъ миръ тогда
мы бы вамъ сказали
спасибо и крыкнули
бы вон ...
ура но нахожие
вы не знаетъ но
а знаю когда
будетъ но тогда
будетъ миръ ког-
да срелки возму-
тся за-напалъ
свтю и переве-
лятъ всехъ
К.П. 3969

א צעטעלע, וואָס א סאָלדאט אפּ א פראָנט־מיטינג פארן אָקטיאבער 1917 י. האָט געשיקט איינעם פון די אָנגעזעענסטע לידערס פון די עסערן, יע. ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאיא, וואָס די עסערן האָבן זי גערופן „באָבע פון דער רוסישער רעוואָליוציע".

דיקן לאָזונג: „די גאנצע מאכט פאר די סאָוועטן!" איצט אָבער האָט דער דאָזיקער לאָזונג באטײַט דאָס אריבערגיין פון דער גאנצער מאכט צו די באָלשעוויסטישע סאָוועטן. איצט איז דער דאָזיקער לאָזונג געווען א רוף צו א באוואָפנטן אופשטאנד, פאר דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט.

דאָס געווינען די סאָוועטן, די פּראָפפאראיינען, די סאָלדאטישע ארמיי־קאָמיטעטן און אנדערע מאסעווע אָרגאניזאציעס דורך די באָלשעוויקעס און דער וווּקס פון דער

ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס צווישנ דער פויערשער אָרעמשאפט האָבנ פולקומ באשטעטיקט די ריכטיקײַט פונ דער לענינישער ליניע אינ דער רעוואָליוציע. צו דידאָזיקע דערפאָלגנ האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ אינ רעזולטאט פונ אנ אנט־שלאָסענעמ קאמפ מיט אלע מינימ אָפאָרטוניזמ. אדאנק דער אויסערסט אײַנגעשפארטער ארבעט פונ אלע פארטייִשע אָרגאניזאציעס אינ צענטער אונ אפ די ערטער האָט זיכ די פארטיי אלצ פעסטער צונויפגעבונדנ מיט די ברייטסטע מאסנ ארבעטנדיקע, אָפגעווינענדיק זיי בא די מענשעוויקעס אונ עסערנ.

די פשאָרעמאכערישע פאָליטיק פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָט זיי געפירט צו א פולשטענדיקנ באנקראָט. די מאסנ האָבנ גענומענ ארויסגײנ פונ אונטער זייער ווירקונג. די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט מיט יעדנ טאָג גענומענ פארלירנ דעמ אָנ־שפאר בא די מאסנ. קעדיי זי צו ראטעווענ, האָט דער מענשעוויסטיש־עסערישער ווציק צונויפגערופנ אפנ 27 סענטיאבער די אזויגערופענע דעמאָקראטישע באראטונג פונ די פאָרשטייערס פונ די שטאָטישע זעלבסטפארוואלטונגענ, זעמסטוועס, קאָאָפעראציע, סאָוועטנ, פראָפפאריינענ, ארמייִשע אָרגאניזאציעס א. אנד.

מיט דער הילפ פונ פעלשונגענ אינ דער פאָרשטייערשאפט האָבנ די מענשעווי־קעס אונ עסערנ זיכ באוואָרנט אפ דער באראטונג מיט א מערהײַט זייערע אָנהענ־גערס. זיי האָבנ גערעכנט, אז דידאָזיקע באראטונג וועט אָפציִענ די אויפמערקזאמקײַט פונ די מאסנ פונ א נײַער רעוואָליוציע. גלײַכצײַטיק האָבנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ, אָנגעבנדיק די באראטונג אלס אנ עכטע פאָרשטייערשאפט פונעמ רעוואָליו־ציִאָנערנ פאָלק, געטראכט, אז זי וועט אונטערהאלטנ דעמ אויטאָריטעט פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. אָבער די איבערוועגנדיקע מערהײַט פונ דער באראטונג האָט זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ דער צײַטווײַליקער קאָאליציע־רעגירונג אונ קעגנ דעמ צולאָזנ צו דער מאכט די קאדעטנ.

ניט געקוקט אפ דעמ, האָבנ די מענשעוויקעס אונ עסערנ געבילדעט דעמ 8 אָק־טיאבער א דריטע קאָאליציע־רעגירונג, אונ ווידעראמאָל טאקע — מיטנ אָנטייל פונ די קאדעטנ.

די דעמאָקראטישע באראטונג האָט ארויסגעטיילט פונ זיכ בא 300 מאנ, וואָס האָבנ צוזאמענ מיט די פאָרשטייערס פונ דער בורזשואזיע, וואָס קערענסקי האָט באשטימט, געבילדעט דעמ „צײַטווײַליקנ ראט פונ דער רעפובליק" („פאָרפארלאמענט"), וואָס האָט באדארפט זײַנ א באראטונג־אָרגאנ בא דער צײַטווײַליקער רעגירונג. דערדאָזי־קער פאָרפארלאמענט האָט געדארפט פאָרשטעלנ מיט זיכ א פאָלק־פאָרשטייערשאפט, וואָס, אָנשפארנדיק זיכ אפ איר, זאָל די צײַטווײַליקע רעגירונג דורכפירנ איר פאָליטיק. דאָס איז געווענ א באשײַמפערלעכע פעלשונג, ווײַל דער בורזשואזער אונ קליינביר־גערלעכער באשטאנד פונעמ פאָרפארלאמענט האָט אינ קײנ פאל ניט אָפגעשפיגלט די שטימונגענ פונ די פאָלק־מאסנ. קערענסקי האָט גערעכנט, אז דידאָזיקע פעלשונג וועט אימ דערלויבנ אָפצוציִענ דאָס צונויפרופנ די גרינדונג־פארזאמלונג, אינ עסקעמ מיטנ ווילנ פונ דער בורזשואזיע. די באָלשעוויקעס האָבנ זיכ באטייליקט אינ דער דעמאָקראטישער באראטונג, קעדיי מיט זייערע ארויסטרעטונגענ אפ איר צו דעמאסקירנ זי פאר די מאסנ אלס א פעלשונג מיצאד די מענשעוויקעס אונ עסערנ. די באָלשעוויסטישע פראקציע פונ דער דעמאָקראטישער באראטונג האָט זיכ ארויסגע־זאָגט (מיט 77 שטימענ קעגנ 50) פארנ ארײַנטרעטנ אינעמ פאָרפארלאמענט. קעגנ דערדאָזיקער באשטימונג זײַנענ אָבער שארפ ארויסגעטראָטנ לענינ אונ סטאלינ, דער־ווײַזנדיק איר פעלערהאפטיקייט.

לענינ האָט געשריבנ, אז אינעמ דאָזיקנ מאָמענט, ווענ עס וואקסט אָנ א נײַע רעוואָליוציע, טאָר מענ ניט דערלאָזנ, אז די מענשעוויקעס אונ עסערנ זאָלנ אָפנארנ די מאסנ, אָפציִענדיק זיי מיט פלוידערײַ וועגנ פאָרפארלאמענט פונעמ רע־וואָליוציִאָנערנ קאמפ. מע דארפ בויקאָטירנ דעמ פאָרפארלאמענט, — האָט לענינ גע־שריבנ, — מע דארפ אוועקגײנ אינ די סאָוועטנ, אינ די פראָפפאריינענ, צו די מאסנ, מע דארפ זיי רופנ צומ קאמפ. מע דארפ געבנ די מאסנ א ריכטיקנ לאָזונג: צע־טרײַבנ קערענסקיס באנדע מיט זײַנ פאָרפארלאמענט.

אין העסקעם מיט לעינינס אָנווייַזונגען האָט דער צ"ק פאַריכט דעמדאָזיקן פּעדער: די באָלשעוויקעס זייַנען אַוועק פונעם פאָרפּאַרלאַמענט באַלד אַפּ דער ערשטער זיצונג זייַנער, פאַרעפנטלעכנדיק א דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס איז אויפגעדעקט געוואָרן זייַן קאָנטררעוואָלוציאָנערע ראָליע. אַלע אירע קויכעס האָט די פּאַרטיי קאָנצענטרירט אַפּ צוצוגרייטן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די רעכטע אָפּאָרטוניסטן — קאַמעניעוו, ריקאָוו און אַנדערע, — וואָס זייַנען געווען אַנטשלאָסענע קעגנערס פון א באַוואָפנטן אויפשטאַנד, זייַנען שאַרפּ אַרויסגעטראָטן קעגן דערדאָזיקער פּאַרטיי־ליניע. זיי האָבן פאַרטיידיקט דאָס אָנטיילנעמען אינעם פּאָרפּאַרלאַמענט. נאָכדעם, ווי דער צ"ק האָט איינשטימיק (קעגן איין קאַמעניעוון) אָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן פּאָרשלאָג פון די רעכטע, האָט קאַמעניעוו אַלס פּראָטעסט קעגן דער פּאַרטיי־ליניע דערלאַנגט אין צ"ק א מעלדונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי האָט אַפּ אים אַרופגעלייגט אין וציק.

די צוגרייטונג פונעם אויפשטאַנד.

ניט די דעמאָקראַטישע באַראַטונג, ניט דער פּאָרפּאַרלאַמענט זייַנען ניט געווען אימשטאַנד צו ראַטעווען די צייַטווייַליקע רעגירונג. די מילכאָמע איז געפירט געוואָרן ווייַטער. עס איז געוואַקסן דער הונגער און די אַרבעטלאָזיקייַט. די אונטערגעדריקטע נאַציעס פון פינלאַנד, ווייַסרוסלאַנד, אוקראַינע, גרוזיע, אַרמעניע, אַזערבייַדזשאַן, טאַטאַריע, באַשקיריע א. אַז. וו. האָבן געטראָגן א פאַרביטערטע סינע אַפּ קערענסקיס רעגירונג, וועלכע האָט ווייַטער געפירט די צאַרישע פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

די קלייַנבירגערלעכע פּאַרטייען פון די מענשעוויקעס און עסערן האָבן אין יענעם פּעריאָד געליטן אַן ענדגילטיקן באַנקראָט. די פּאָלק־מאַסן האָבן גענומען אויסדריקן זייער פולן צוטרוי צו די באָלשעוויקעס. אַלע סימאָנים האָבן איידעס געזאָגט, אַז די מאַסן ווילן שוין מער ניט וואַרטן, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו גלייבן די צוזאָגעכצן און איינשמועסונגען פון די פּשאָרעמאַכערס. דער שטרייַק־קאַמף איז דעמאָלט דערגאַנגען צו דער העכסטער אָנשטרענגונג.

קעמפנדיק קעגן די לאָקאַוטן (דאָס פאַרמאַכן די פאַבריקן מיצאַד די אונטערנעמערס), זייַנען די טעקסטילער פון מאָסקווער און איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער ראַיאָנען צוגעגאַנגען האַרט צום פאַרכאַפּן די פאַבריקן. די מאָסקווער לעדער־אַרבעטער האָבן געשטרייַקט צוויי מיט א האַלבן כוידעש בא דער איינמוטיקער שטיצע פון אַנדערע פאַריינען. דער שטרייַק פון די דרוק־אַרבעטער האָט אַרומגעכאַפּט קימאַט דאָס גאַנצע לאַנד. עס האָט זיך דערנענטערט אַן אַלגעמיינער שטרייַק פון די מעטאַליסטן. דער קאַמף פון די דאָנעצער אַרבעטער קעגן דער רעגירונג און די אינדוסטריעלער, וואָס האָבן זיך געפּרוווט דערשטיקן זיי מיט דער הילף פון קאַלעדינס קאָזאַקן, האָט זיך גענומען פאַרוואַנדלען אין א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די אַרבעטער האָבן גענומען פאָדערן, אַז די מאַכט זאָל אַריבערגיין צו די סאָוועטן, זעענדיק אין דעם די איינציקע רעטונג פון אַרבעטלאָזיקייַט און הונגער.

אין דאָרף האָבן זיך גענומען צעוואַקסן די פּויערים־אויפשטאַנדן. אַפּן פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן א סטיכיישע דעמאָביליזאַציע. א היפּשער טייל סאָלדאַטן האָט געוואָרפן דאָס געווער און איז אַוועק פונעם פראָנט אַהיים, ניט וועלנדיק מער מילכאָמע האַלטן. די מאַסן האָבן געפאָדערט פון די באָלשעוויקעס אַנטשלאָסענע טאַטן.

פאַרווירקלעכנדיק די לעניניסטישע טאַקטיק, האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען א קאָלאָסאַלע ווירקונג אין לאַנד. דעם וויכטיקסטן באַטייַט האָבן געהאַט די פאָלגנדיקע פּבאַזונדערקייַטן אין דער טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס:

1) די גאַנצע צוגרייטונג צו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז דורכגעגאַנגען אונטער דער אומגעטיילטער אָנפירונג פון דער איינער פּאַרטיי באָלשעוויקעס;

2) די גרונט־ליניע פון דער פּאַרטייס טאַקטיק איז געווען געצילט אַף צו איזאָלירן די מענשעוויקעס און עסערן, וועלכע זײַנען געווען דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע;

3) דעם קאַמף קעגן די פּשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען פאַר דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט האָבן די באָלשעוויקעס געפירט אונטערן לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוועטן!", סטאַרענדיק זיך צו פאַרוואַנדלען די סאָוועטן אין אָרגאַנען פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט;

4) די פּאַרטיי האָט געוווּנען די מאַסן, ווײַל איר איז געלונגען זיי איבערצײַגן אַף זייער אייגענער דערפאַרונג אין דער ריכטיקײַט פון די באָלשעוויסטישע לאָזונגען.

די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז דעמלט אויך געווען אַ גינסטיקע פאַרן אופשטאַנד פונעם פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד. אַפן גרונט פון דער אומצופרידנקײַט מיט דער מילכאָמע האָבן זיך אין מײַרעוו־אייראָפּע אָנגעהויבן אַרבעטער־שטרײַקן און אומרוען אין די אַרמייען פון די מילכאָמע־פירנדיקע מעלוכעס. לעגין האָט געזאָגט, אַז אויב באַ דידאָזיקע באַדינגען וועט דער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד פאַרכאַפּן די מאַכט און פאָרלייגן אַלע מילכאָמע־פירנדיקע לענדער צו שליסן שאָלעם, וועט דאָס באַגעגענען אַ מיטגעפיל באַ די אַרבעטנדיקע פונעם גאַנצן ערד־קײַלעך. מיט דײַטשלאַנד וועט מען גלײַך קענען שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

„און באַקומען אַ וואָפנשטילשטאַנד איצט,— האָט לעניג געשריבן,— דאָס הייסט שוין באַזיגן די גאַנצע וועלט" [1].

די גינסטיקע אינערלעכע און צווישנפעלקערלעכע לאַגע האָט אויפגעשטעלט אַפן טאָג־אָרדענונג דעם באַוואָפנטן אופשטאַנד. שוין צום סאָף סענטיאַבער האָט לעניג מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט דערקלערט, אַז „דער קריזיס איז צײַטיק געוואָרן", און האָט אויפגעשטעלט אין צ"ק די פראַגע וועגן אַ באַלדיקער צוגרייטונג צום באַוואָפנטן אופשטאַנד. דערבײַ האָט לעניג מיט אַלע קויכעס באַטאָנט די נייטיקײַט צו גרייטן דעם אופשטאַנד זאָרגעוודיק, ווײַל אַן אופשטאַנד, ווי עס האָט געזאָגט מאַרקס, איז קונסט.

לעניג האָט אָנגעוויזן פינף הויפּט־קלאָלים פון דערדאָזיקער קונסט:

1) קיינמאָל זיך ניט שפּילן מיט קיין אופשטאַנד; האָט מען אים אָבער אָנגעהויבן, דאַרף מען וויסן פעסט, אַז מע מוז גיין ביזן סאָף;

2) עס איז נייטיק צונויפצוזאַמלען אַ גרויסן קרעפטן־איבערוואָג אינעם באַשליסנדיקן אָרט, אינעם באַשליסנדיקן מאָמענט, ווײַל אַז ניט, וועט דער סוינע, וואָס האָט אַ בעסערע צוגרייטונג און אָרגאַניזאַציע, פאַרניכטן די אופשטענדלער;

3) וויבאַלד דער אופשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, דאַרף מען האַנדלען מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקײַט און דורכויס, אומבאַדינגט איבערגיין אין אַן אָנגריף. „פאַרטיידיקונג איז דער טויט פאַר אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד";

4) מע דאַרף זיך סטאַרען אָנצופאַלן אַפן פײַנט פּלוצים, אויסנוצן דעם מאָמענט, קאָלזמאַן זײַנע מיליטער איז צעוואָרפן;

5) מע דאַרף זיך דערשלאָגן יעדן טאָג כאָטשבי קלײנינקע דערפאָלגן (מע קאָן זאָגן: יעדע שאָ, אויב עס האַנדלט זיך וועגן איין שטאָט), אונטערהאַלטנדיק פאַר יעדן פרײַז „די מאָראַלישע איבערהאַנט" [2].

אָנווענדנדיק דידאָזיקע קלאָלים צו רוסלאַנד, האָט לעניג אָנגעמערקט אַזאַ פּלאַן פון באַוואָפנטן אופשטאַנד:

„קאָמבינירן אונדזערע דרײַ הויפּט־קרעפטן: דעם פלאָט, די אַרבעטער און

[1] Ленин, т. XXI, стр. 197.
[2] Ленин, т. XXI, стр. 319—320.

די מיליטער־טיילן — אזוי, אז עס זאָלן דורכויס פארנומען ווערן און נ י ט גע־קוקט אף קיינע שום קאָרבאָנעס, איינגעהאלטן ווערן: א) דער טע־לעפאָן, ב) דער טעלעגראף, ג) די אייזנבאן־סטאנציעס, ד) די בריקן אין דער ערשטער ריי...

ארומרינגלען און אָפשניידן פיטער, נעמען אים דורך א קאָמבינירטער אטאקע פון פלאָט, ארבעטער און מיליטער, — אָט דאָס איז די אופגאבע, וואָס פאָדערט קונסט און א דרייפאכיקע דרייסטקייט"[1].

יא. סווערדלאָוו.

י. סטאלין.

פ. דזערזשינסקי.

א. בובנאָוו.

א. אוריצקי.

דער מיליטער־רעוואָליוציאָנערער צענטער אף אָנצופירן מיטן באוואָפנטן אופשטאנד, אויסגעטיילט דורכן צ"ק פון פארטיי דעם 29 (16) אָקטיאבער 1917 יאָר.

קעדיי מיט דערפאָלג אויסצופילן דעמדאָזיקן פלאן, האָט דער צ"ק פון דער פאר־טיי שוין אין סענטיאבער אָנגעהויבן א פראקטישע צוגרייטונג צום אָרגאניזירן אינ דער נאָענטסטער צייט דעם באוואָפנטן אופשטאנד.

אף זיין זיצונג דעם 7 אָקטיאבער האָט דער צ"ק אָפגעגעבן א באזונדער אופ־מערקזאמקייט דעם אָרגאניזירן די רויטע גווארדיע און דעם אויסלערנען זי די מילי־טער־קונסט. באם מיליטערישן אָפטייל פונעם צ"ק זיינען אָרגאניזירט געוואָרן אינס־טרוקטער־קורסן אף צוגרייטן דעם קאָמאנדירן־באשטאנד.

דעם 20 (7) אָקטיאבער איז לענין אריבערגעפאָרן פון פינלאנד קיין פעטראָגראד, קעדיי דירעקט אָנצופירן מיטן צוגרייטן דעם אופשטאנד.

דעם 23 (10) אָקטיאבער איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע זיצונג פונעם צ"ק אונטער לענינס אָנפיר. אף דערדאָזיקער זיצונג האָט דער צ"ק באשלאָסן אָנצוהייבן

[1] Ленин, т. XXI, стр. 320.

אינ די נאָענטסטע טעג דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד. אלע פּארטיי־אָרגאניזאציעס איז פאָרגעלייגט געווענ ריכטנ זייער גאנצע ארבעט אפ צוגרייטנ דעמ אופשטאנד. אפ דערזעלביקער זיצונג איז אויסגעקליבנ געוואָרנ א פּאָליטישער צענטער מיט לענינענ אינ שפּיצ אונ בא כ׳ סטאלינס אָנטייל אפ אָנצופירנ מיטנ אופשטאנד.

קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו זײַנענ אפ דער זיצונג פונ צ״ק ארויסגעטראָטנ קעגנ דער פּארטיי־ליניע, שטרעבנדיק מיט אלע מעגלעכקײַטנ אָפּצוהאלטנ די פּארטיי פונעמ אופשטאנד. אפנ צווייטנ טאָג, דעמ 24 אָקטיאבער, האָבנ זיי דערלאנגט אינ צ״ק אונ צעשיקט צו די פּארטיי־אָרגאניזאציעס א דערקלערונג, אינ וועלכער זיי האָבנ זיכ געסטארעט צו דערווײַזנ, אז דער אופשטאנד איז ניט צו דער צײַט, ווײַל דער פּראָלעטאריאט איז שלעכט אָרגאניזירט אונ די מערהײַט אינ לאנד באציט זיכ, קלוימערשט, פײַנטלעכ צו די באָלשעוויקעס. זיי האָבנ פאָרגעלייגט צו ווארטנ אפ דער גרינדונג־פארזאמלונג, וועלכע וועט לייזנ אלע פראגעס פונ דער רעוואָליוציע. „קעגנ דערדאָזיקער אומברענגערישער פּאָליטיק (פונעמ צ״ק) הייבנ מיר אופ אונדזער וואָרענענדיקע שטימ״,— האָבנ פארענדיקט קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו זייער דערקלערונג.

טראָצקי איז אויכ געווענ קעגנ דעמ אופשטאנד, וואָס די פּארטיי האָט אָנגעמערקט. ער האָט געקעמפט פאר דעמ, אז די מאכט־פראגע זאָל געלייזט ווערנ אפנ II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר. דאָס האָט באטײַט, אז אויב די פּארטיי וואָלט געפאָלגט טראָצקינ אונ וואָלט אָפּגעלייגט דעמ אופשטאנד ביזנ II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר, וואָלט די צײַטווײַליקע רעגירונג באוויזנ צו מאָביליזירנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קרעפטנ אונ וואָלט צעגראָמירט דעמ פּראָלעטאריאט.

דעמ 29 (16) אָקטיאבער איז פאָרגעקומענ א פארברייטערטע זיצונג פונעמ צ״ק צוזאמענ מיטנ פּעטראָגראדער קאָמיטעט אונ מיט די פאָרשטייערס פונ דער מיליטערישער אָרגאניזאציע, פונ די פראקציעס פונ די סאָוועטנ, פּראָפאריינענ, פאבזאווקאָמענ א. אנד. עס איז באהאנדלט געוואָרנ די פראגע וועגנ די פּראקטישע מאָסמיטלענ אפ צוצוגרייטנ דעמ אופשטאנד. קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו האָבנ זיכ ווידער ארויסגעזאָגט קעגנ דעמ אופשטאנד. די ווײַט־גרעסטע מערהײַט האָט זיי שארפ פארורטיילט אלס פּאניק־מאכערס אונ קאפּיטוליאנטנ, וואָס גיבנ זיכ אונטער אינעמ סאמע אנטשיידנעמ מאָמענט פונ דער רעוואָליוציע.

אפ דערדאָזיקער זיצונג האָט דער צ״ק אויסגעטיילט צוגלײַכ מיטנ פּאָליטישנ צענטער אויכ א פּראקטישנ צענטער אפ אָנצופירנ מיטנ אופשטאנד. ער איז באשטאנענ פונ די כ״כ סטאלינ, סווערדלאָוו, דזערזשינסקי, בובנאָוו, אוריצקי.

אפ מאָרגנ איז קאמעניעוו ארויסגעטראָטנ אינ דער מענשעוויסטישער צײַטונג „נאָוואיא זשיזנ״ צו פּארטיידיקנ זײַנע אָפּאָרטוניסטישע אָנשויונגענ. מיט דערדאָזיקער ארויסטרעטונג האָט קאמעניעוו געפּרווט אראָפּצורײַסנ דעמ באשלוס פונעמ צ״ק וועגנ אופשטאנד.

קעדיי צו האלטנ בעסאָד דעמ פּלאנ פונעמ אופשטאנד, האָט דער צ״ק דעמלט ניט געקענט ארויסטרעטנ אָפנ אונ דערציילנ וועגנ דעמ באשלוס, וואָס די פּארטיי האָט אָנגענומענ, טייקעפּ אָנצוהייבנ דעמ אופשטאנד. לענינ האָט געשריבנ, אז

„...קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו האָבנ ארויסגעגעבנ ראָדזיאנקאָנ אונ קערענסקינ דעמ באשלוס פונעמ צ״ק...״ [1].

לענינ האָט זיי אָנגערופנ פארעטערס פונ דער רעוואָליוציע, פארעטערס פונעמ ארבעטער־קלאס, אונ האָט געפאָדערט גלײַכ זיי אויסשליסנ פונ דער פּארטיי.

קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו זײַנענ געבליבנ איינצל־פּערזאָנענ, וואָס האָבנ ניט געפונענ קיינ שומ שטיצע אינ דער פּארטיי. זייער פארעטערישער טריט האָט ניט געשטערט דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד. אפנ סמאכ פונעמ באשלוס פונעמ צ״ק האָבנ די פּארטיי־אָרגאניזאציעס אפ די ערטער פאנאנדערגעוויקלט א קאָלאָסאלע פּראקטישע צוגרייטונג צומ אראָפּווארפנ די צײַטווײַליקע רעגירונג אונ צומ אָרגאניזירנ א נײַע

[1]) Ленин, т. XXI, стр. 355.

מאכט. דער פעטראָגראדער קאָמיטעט האָט פארשטארקט די אגיטאציע צווישנ די מאסנ, האָט פאנאנדערגעוויקלט דאָס לערנענ די ארבעטער די מיליטער־קונסט, האָט פארשטארקט די פארבינדונג פונ די פארטיי־קאָמיטעטנ מיט די פאבזאווקאָמענ און מיט די מיליטערישע טיילנ. יעדער זאוואָד און פאבריק האָבנ געהאט בא זיך ווזוואָדנ און ראָטעס מיליטעריש געשולטע ארבעטער, גרייטע צו גייג אפ אנ אופשטאנד.

די מאָסקווער געגנטלעכע פארטיי־ביוראָ האָט צעשיקט אירע באפולמעכטיקטע אפ צוצוגרייטנ אנ אופשטאנד אינ ניזשני־נאָווגאָראָדער, איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער, וולאדימירער, סמאָלענסקער, טווערער און אנדערע גובערניעס. אפ די זאוואָדנ (אשטייגער, מיכעלסאָנס, „מאָטאָר“ אינ מאָסקווע א. אנד.) האָט מענ אויסגעארבעט געווער און באָמבעס פאר די רויטגווארדייער. עס איז אָרגאניזירט געוואָרנ דאָס באזאָרגנ די ארבעטער מיט געווער דורכ די סאָלדאטנ. א באזונדערס גרויסע ראָליע אינעמ צוגרייטנ דעמ אופשטאנד האָבנ געשפילט די אייזנבאנער פונעמ מאָסקווער קנופ.

דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פארטיי האָט צעשיקט באפולמעכטיקטע קיינ העלסינגפאָרס, קראָנשטאדט, רעוועל, אפנ צאָפנ־מייַרעווידיקנ פראָנט א. אז. וו. אָט די־דאָזיקע אלע אָרגאניזאציעס האָט דער צ״ק געגעבנ א דירעקטיוו צוצוגרייטנ די ארבעטער און מיליטער־טיילנ אפ ארויסצוטרעטנ צו הילפ פעטראָגראד, ווענ ער וועט אופשטיינ קעגנ דער צייטווייליקער רעגירונג. אינ די צענטערס, וואָס ארומ פעטראָגראד, (רעוועל, די XII ארמיי, באלטישער פלאָט א. אז. וו.), זייַנענ געשאפנ געוואָרנ מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטנ, עס זייַנענ באשטימט געוואָרנ קאָמיסארנ א. אז. וו.

אינ העסקעמ מיט די דירעקטיוונ פונעמ צ״ק האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ גאנצ רוסלאנד געפירט אנ ענערגישע צוגרייטונג צומ באוואָפנטנ אופשטאנד און צומ פארכאפנ די מאכט דורכ די ארבעטער און אָרעמסטע פויערימ.

די אָקטיאבער־איבערקערעניש.

לויט דער דירעקטיוו פונעמ צ״ק פונ דער פארטיי האָט דער פעטראָגראדער סאָוועט, ווו די מערהייט האָט געהערט די באָלשעוויקעס, געשאפנ דעמ 22 אָקטיאבער א מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט אפ אָנצופירנ מיטנ אופשטאנד אינ פעטראָגראד. לויטנ באפעל פונ דער צייטווייליקער רעגירונג האָט די קאָמאנדירונג פונ פעטראָגראדער מיליטער־קרייַז זיכ געפרווט ארויסצופירנ דאָס רעוואָליוציאָנערע מיליטער פונ פעטראָגראד אפנ פראָנט, קעדיי אָפצושוואכנ דעמ צענטער פונ דער רעוואָליוציע. אָבער די סאָלדאטישע מאסנ פונ פעטראָגראד האָבנ אנערקענט איבער זיכ בלויז די מאכט פונעמ פעטראָגראדער סאָוועט. דער פעטראָגראדער סאָוועט האָט ניט דערלאָזט ארויסצופירנ דאָס מיליטער פונ פעטראָגראד. דער פעטראָגראדער גארניזאָנ איז שוינ דעמלט געווענ אפ דער זייַט פונ די באָלשעוויקעס און האָט זיכ ארויסגעזאָגט פאר א באוואָפנטנ אופשטאנד. די צייטווייליקע רעגירונג פונ איר זייַט האָט ארויסגערופנ קיינ פעטראָגראד מיליטער־טיילנ פונעמ פראָנט, קעדיי צו צעשמעטערנ די רעוואָליוציע. דער מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט האָט גרייט געמאכט צומ שלאכט די רויטע גווארדיע און דעמ גארניזאָנ. די ארבעטער פונעמ סעסטראָרעצקער געווערזאוואָד האָבנ צוגעשיקט פאר דער פעטראָגראדער רויטער גווארדיע 10 טויזנט ביקסנ. א גרויסע צאָל ביקסנ האָבנ די ארבעטער געפונענ אינ פעטראָפאוולאָווער פעסטונג. מיט דידאָזיקע ביקסנ האָט זיכ באוואָפנט די רויטע גווארדיע פונ פעטראָגראד. באזאָרגנ מיט ביקסנ די ארבעטער פלעגנ אויכ די מיליטער־טיילנ, וואָס זייַנענ געווענ צעשטעלט אינ פעטראָגראד און ארומ אימ. פונ קראָנשטאדט און פונ די נאָענטסטע שטעט זייַנענ ארויסגערופנ געוואָרנ רעוואָליוציאָנערע אָטריאדנ. פונ העלסינגפאָרס איז אָנגעקומענ אנ אָטריאד מינענ־שיפנ.

די מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטנ, וואָס זייַנענ געשאפנ געוואָרנ איבער גאנצ רוסלאנד, האָבנ אייַנגעשטעלט א קאָנטראָל איבער דער טעטיקייַט פונ די קאָמיסארנ פונ דער צייטווייליקער רעגירונג און פונעמ קאָמאנדירנ־באשטאנד פונ די



די אטאקע אפנ ווינטער־פּאלאצ אינ אָקטיאבער 1917 י. (פּעטראָגראד).

מיליטער־טיילנ. זיי האָבנ באזונדערס אכטונג געגעבנ אפּ דער איבערגרופּירונג פונעמ מיליטער, קעדיי נים צו געבנ קיינ מעגלעכקייט דער צייטווייליקער רעגירונג ארויס־צורופנ מיליטער צו זיכ צו הילפּ קיינ פּעטראָגראד.

דעמ 5 נאָיאבער (23 אָקטיאבער) האָט די צייטווייליקע רעגירונג אָנגענומענ א באשלוס איבערצוגעבנ צומ געריכט די מיטגלידער פונעמ מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט, צו ארעסטירנ די באָלשעוויקעס אונ צו פארמאכנ די באָלשעוויסטישע צייטונגענ. דעמ 6 נאָיאבער (24 אָקטיאבער) איז פארמאכט געוואָרנ דער צענטראלער אָרגאנ פונ די באָלשעוויקעס „ראבאָטשי פּוט“ אונ דער אָרגאנ פונ דער מיליטערישער אָרגאניזאציע באמ צ״ק פונ דער פּארטיי — „סאָלדאט“. דעמזעלביקנ טאָג האָט די צייטווייליקע רעגירונג ארויסגערופנ פונ הינטער פּעטראָגראד די יונקערס. די יונקערס

האָבנ פארנומענ די רעגירונג־אנשטאלטנ, די וואָקזאלנ, בריקנ און האָבנ ארויסגעשטעלט אפ די גאסנ פיקעטנ. די טעלעפאָנענ פונ סמאָלני, ווו עס פלעגט אָפּהאלטנ זײַנע זיצונגענ דער רעוואָליוציע־שטאב, זײַנענ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ. די בריקנ איבער דער נעווא זײַנענ צענומענ געוואָרנ, קעדיי אָפּצושנײַדנ די פּראָלעטארישע ראַיאָנענ פונעם שטאָט־צענטער.

די טאט־איניציאַטיוו איז אָבער געווענ בא די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויסטישע פּארטיי האָט אוועקגעשטעלט אונטערנ ביקס דעם פּראָלעטאריאט פונ פּעטראָגראד און פונ זײַנ אומגעגנט. דער אויסגעטיילטער דורכנ צ״ק צענטער אפ אָנצופירנ מיטנ אופשטאנד האָט ארויסגעגעבנ א דירעקטיוו דעם אופשטאנד אָנצוהייבנ. דער אופשטאנד האָט זיכ אָנגעהויבנ דעם 6 נאָיאבער (24 אָקטיאבער). דער דירעקטער אָנפירער פונעם אופשטאנד איז געווענ לעניג.

דעם 6 נאָיאבער (24 אָקטיאבער) האָט דער מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט ארויסגעגעבנ א באפעל ארויסצולאָזנ די באָלשעוויסטישע צײַטונגענ. אפ אָפּצורהיטנ די דרוקערײַ, ווו עס האָבנ זיכ געדרוקט די צײַטונגענ, איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ א קאראול פונעם 1־טנ רעזערוו־באטאליאָנ און פונעם ליטווישנ פּאָלק. די צײַטונגענ זײַנענ דערשינענ. דער מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט האָט ארויסגעגעבנ א באפעל איבערצוחוארפנ די בריקנ און זיי אָפּצוהיטנ. אינאָווענט דעם 6 נאָיאבער האָט מענ אָנגעהויבנ איבערצוחוארפנ די בריקנ. באנאכט פונעם 6 אפנ 7 נאָיאבער (פונעם 24 אפנ 25 אָקטיאבער) האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שלאכטנ פונעם אופגעשטאנענעם פּראָלעטאריאט מיטנ מיליטער פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. די רויטע גווארדיע צוזאמענ מיט די גארניזאָנ־טיילנ האָבנ פארנומענ די וואָקזאלנ, די טעלעפאָנ־סטאנציע, קימאט אלע רעגירונג־אנשטאלטנ, ארויסשלאָגנדיק פונ אומעטום די יונקערס. באטאָג דעם 7 נאָיאבער (25 אָקטיאבער) איז פּעטראָגראד שוינ געווענ אינ די הענט פונעם אופגעשטאנענעם פּראָלעטאריאט. די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט זיכ פארשפּארט אינעם ווינטער־פּאלאצ, ארומרינגלענדיק זיכ מיט יונקערס און מיטנ פרויענ־באטאליאָנ. לעניג האָט אָפּגעגעבנ א דירעקטיוו גלײַכ צו נעמענ דעם ווינטער־פּאלאצ און צו ארעסטירנ די צײַטווײַליקע רעגירונג. שפּעט אינאָווענט דעם 7 נאָיאבער איז גענומענ געוואָרנ דער לעצטער פונקט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע—דער ווינטער־פּאלאצ. די צײַטווײַליקע רעגירונג איז ארעסטירט געוואָרנ. קערענסקי אָבער האָט באוויזנ צו אנטלויפנ. די מאכט איז אריבער אינ די הענט פונעם באָלשעוויסטישנ מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט.

10 אזייגער מיט 45 מינוט אינאָווענט דעם 7 נאָיאבער (25 אָקטיאבער) האָט זיכ געעפנט דער II אלרוסלענדישער צוזאמענפאָר פונ די סאָוועטנ פונ די ארבעטער־, סאָלדאטנ־ און פויערימ־דעפּוטאטנ. די באָלשעוויקעס צוזאמענ מיט זייערע אָנהענגערס זײַנענ אפנ צוזאמענפאָר געווענ אינ אנ איבערוועגנדיקער מערהײַט. די מענשעוויקעס און רעכטע עסערנ, אָנהענגער פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, זײַנענ געווענ א מינדערהײַט. דידאָזיקע פארטעטערס האָבנ דערקלערט אפנ צוזאמענפאָר, אז זיי זאָגנ זיכ אָפּ צו באטייליקנ זיכ אינ די ארבעטנ פונעם צוזאמענפאָר. נאָכנ פארעפנטלעכנ זייער דעקלאראציע, אינ וועלכער זיי האָבנ די אָקטיאבער־איבערקערעניש אָנגערופנ — מיליטערישע פארשווערונג, פארברעכנ קעגנ דעם פאָטערלאנד און דער רעוואָליוציע, זײַנענ די מענשעוויקעס און עסערנ אוועקגעגאנגענ פונעם צוזאמענפאָר. אפנ צוזאמענפאָר זײַנענ געבליבנ בלויז די לינקע עסערנ, וואָס האָבנ זיכ באטייליקט אינ די ארבעטנ פונעם צוזאמענפאָר אינאיינעמ מיט די באָלשעוויקעס. לויט דער פראגע וועגנ דעם אוועקגיינ פונ די מענשעוויקעס און רעכטע עסערנ האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ א רעזאָליוציע, אינ וועלכער ער האָט קאָנסטאטירט, אז דאָס אוועקגיינ פונ דידאָזיקע פשאָרעמאכערישע פּארטייענ האָט נית אָפּגעשוואכט די קראפט פונעם סאָוועטנ־צוזאמענפאָר און זײַנ ווירקונג אפ די מאסנ, נאָר פארקערט, דאָס האָט אימ נאָכ פארשטארקט, ווײַל דער צוזאמענפאָר האָט זיכ אָפּגערייניקט פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ.

איבערנעמענדיק די מאכט פונ די הענט פונעם מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט, האָט דער צוזאמענפאָר זיכ געווענדט צו אלע ארבעטער, סאָלדאטנ און

פויערים פונ רוסלאנד מיט אנ אופרופ, אינ וועלכנ ער האָט געמאָלדנ, אז די גאנצע מאכט איז אריבער צו די סאָוועטנ.

„אָנשפארנדיק זיכ אפנ ווילנ פונ דער קאָלאָסאלער מערהייט ארבעטער, סאָלדאטנ אונ פויערים, אָנשפארנדיק זיכ אפנ פאָרגעקומענעם אינ פעטראָגראד זיגרייכנ אופשטאנד פונ די ארבעטער אונ פונעם גארניזאָנ, נעמט דער צוזאמענפאָר די מאכט אינ זיינע הענט", — איז געזאָגט אינ דעם אופרופ, וואָס לענינ האָט אים אָנגעשריבנ [1].

דעם 8 נאָיאבער (26 אָקטיאבער) האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ א דעקרעט וועגנ שאָלעם, וואָס לענינ האָט אים פאָרגעלייגט. אינ דעמדאָזיקנ דעקרעט האָט דער צוזאמענפאָר פאָרגעלייגט אלע רעגירונגענ אונ פעלקער פונ די מילכאָמע־פירנדיקע לענדער גלייכ צוטרעטנ צו פירנ אונטערהאנדלונגענ וועגנ שליסנ א יושער־דיקנ שאָלעם, ד. ה. אָנ אנעקסיעס (פארכאפנ פרעמדע ערדנ) אונ אָנ קאָנטריבוציעס (מילכאָמע־צינזנ), אז דידאָזיקע אונטערהאנדלונגענ זאָלנ געפירט ווערנ אָפנ, אָנ שום סוידעס. דער צוזאמענפאָר איז געווענ זיכער, אז קיינ איינ בורזשואזע רעגירונג פונ די מילכאָמע־פירנדיקע לענדער וועט ניט איינגיינ אפ אזעלכע באדינגונגענ פונ שאָלעם־אונטערהאנדלונגענ. נאָר דעמלט וואָלטנ ענדגילטיק אנטבלויזט געוואָרנ פאר די ארבעטנדיקע מאסנ פונ אלע לענדער די פארכאפערישע שטרעבונגענ פונ די בורזשואזע רעגירונגענ, זייער ניט־וועלנ פארענדיקנ טייקעפ די מילכאָמע. דאָס אראָפרייסנ די מאסקע פונ די בורזשואזע רעגירונגענ וואָלט מיטגעהאָלפנ אויסצולייטערנ דעם באוווסטזיינ בא די מאסנ אונ אָנצוצינדנ בא זיי א ווילנ צו נעמענ דעם גוירל פונ שאָלעם אינ זייערע הענט. דער שאָלעם־דעקרעט האָט געהאט די גרעסטע היסטאָרישע באדייטונג, איז געווענ א רופ צו אנ אופשטאנד פונ די ארבעטער, סאָל־דאטנ אונ פויערים פונ די מילכאָמע־פירנדיקע לענדער קעגנ „זייערע" אימפעריאַליסטישע רעגירונגענ. דידאָזיקע ראָליע פונעם שאָלעם־דעקרעט האָט לענינ באטאָנט אינ זיינ פאָרטראָג אפנ צוזאמענפאָר, זאָגנדיק, אז אינ אלע מילכאָמע־פירנדיקע לענדער גייענ זיכ פאנאנדער די אינטערעסנ פונ דער רעגירונג מיט די אינטערעסנ פונעם פאָלק אונ אז מיר דארפנ העלפנ די פעלקער אקטיוו זיכ ארייַנצומישנ אינ די פראגעס פונ מילכאָמע אונ שאָלעם.

דערדאָזיקער דעקרעט איז געווענ א געווער אפ דעמאסקירנ די אימפעריאַליסטישע בורזשואזיע אונ אפ פארוואנדלענ די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגער־מילכאָמע. ער האָט נאָכ מער פארשטארקט די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס אינ דער ארמיי אונ האָט פארפעסטיקט די לאגע פונ דער נאָרוואָס אופגעקומענער סאָוועטנ־מאכט.

באלד נאָכנ שאָלעם־דעקרעט האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ א דעקרעט וועגנ דער ערד, וואָס לענינ האָט אים אָנגעשריבנ. דער דעקרעט וועגנ ערד האָט זיכ באזירט אפ דער סוואָדקע פונ 242 אָרטיקע פויערשע אָנזאָגנ, וואָס האָבנ אויסגעדריקט דעם ווילנ פונ א קאָלאָסאלער מערהייט פויערים. לויט דעמדאָזיקנ דעקרעט איז דאָס פריוואט־אייגנטום אפ דער ערד אָפגעשאפט געוואָרנ אפ שטענדיק. די פריצישע, אודעלנע [2], מאָנאסטירישע, קלויסטערשע ערדנ זיינענ איבערגעגעבנ געוואָרנ אינ אנ אומזיסטיקנ באנוצ פאר אלע ארבעטנדיקע.

בלויז פריצישע ערדנ אליינ זיינענ לויטנ דעקרעט אריבערגעגאנגענ אינ באנוצ פונ די פויערים בא 60 מיליאָנ דעסיאטינ. אכוצ דעם זיינענ די פויערים באפרייט גע־וואָרנ פונ דער יערלעכער ארענדע, וואָס זיי פלעגנ צאָלנ די פריצים, אפ א סומע פונ 400—450 מיל. רובל.

---

[1]) Ленин, т. XXII, стр. 11.

[2]) אודעלנע ערדנ—ערדנ, וואָס האָבנ געהערט פערזענלעכ צו די מיטגלידער פונ דער קייזערלעכער פאמיליע (איבערזעצער).

אַלע ערד־אויצרעס (ערץ, נאַפט, קוילן א. אז. וו.), ווי אויך די וועלדער, וואַסערן, די ערד־כאַלאַקים מיט אַ הויכקולטורעלער ווירטשאַפט (סעדער, פּלאַנטאַציעס, פּלאַנץ־סטאַנציעס א. אז. וו.) מיטן גאַנצן אינווענטאַר זײַנען לויטן דעקרעט אַריבערגעגאַנגען אינעם רעשוס פון דער מעלוכע.

עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַן אויסגלײַכערישער ערד־באַנוץ, ד. ה. אַלע ערדן זײַנען אײַנגעטיילט געוואָרן צווישן די אַרבעטנדיקע לויט דער אַרבעט־ אָדער געברויך־נאָרמע.

דאָס אײַנשטעלן דעם אויסגלײַכערישן ערד־באַנוץ האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס אין דער ערד־פראַגע האָט זיך דער איבערוועגנדיקער טייל פּויערטום נאָך געפונען אונטער אַ באַשטימטער ווירקונג פון דער עסערישער פּראָגראַם פון דער ערד־

לענין צווישן די רויטגוואַרדייער און סאָלדאַטן אין סמאָלני, אין אָקטיאַבער 1917 י.

סאָציאַליזאַציע. די מערהײַט פּויערים האָט געוואָלט האָבן קליינע אינדיווידועלע ווירטשאַפטן, וואָס זאָלן סיסטעמאַטיש איבערפאַרטיילט ווערן לויטן אויסגלײַכערישן פּרינציפּ פון ערד־באַנוץ. אָבער די האָרעפּאַשנע מאַסן פּויערטום האָט מען געקענט איבערצײַגן אַף דער זײַט פון דער באָלשעוויסטישער אַגראַר־פּראָגראַם נית מיט געוואַלט, נאָר מיט איבערצײַגונג און מיט אַ בײַשפּיל. דעריבער איז אונדזער פּאַרטיי אין דער פראַגע וועגן דעם ערד־באַנוץ אײַנגעגאַנגען אַף אַ האַנאָכע פאַר די פּויערים, וויסנדיק, אַז די אויפקלער־אַרבעט פון דער פּאַרטיי און די אייגענע דערפאַרונג פון די פּויערים וועלן אומפאַרמײַדלעך באַוועגן זיי איבערצוגיין אין דער פראַגע וועגן דער ערד אינגאַנצן אַף דער זײַט פון די באָלשעוויקעס.

אַרויסטרעטנדיק אַפן צוזאַמענפאָר מיט אַ פּאָרטראָג וועגן דער ערד, האָט לענין געזאָגט:

„אינעם פײַער פונעם לעבן, אָנווענדנדיק אים (דעם ערד־דעקרעט—א וו ט.) אין דער פּראַקטיק, דורכפירנדיק אים אַף די ערטער, וועלן די פּויערים אַליין פאַרשטיין, ווו דער עמעס איז... מיר דאַרפן געבן די פולע פרײַהײַט דער שאַפונג פון די

פאָלק־מאסנ... דער טאָג איז אינ דעם, אז דאָס פויערטום זאָל באקומענ די
פעסטע זיכערקייט, אז קיינ פריצים איז שוינ אינ דאָרפ מער ניטאָ" 1).
אזא ליניע בענעגייע די פויערים איז געווענ די איינציק־
ריכטיקע, ווייל זי, אונ נאָר זי האָט געקענט פארפעסטיקנ דעם
צוטרוי פונ די פויערשע מאסנ צו דער סאָוועטנמאכט, צונויפ־
שמידנ זיי ארום דעם פראָלעטאריאט אונ ארום דער באָלשע־
וויסטישער פארטיי.

דידאָזיקע געניאַלע טאקטיק פונ די באָלשעוויקעס איז א מוסטער פאר די
דערלעכע פארטייענ. דאָס נאָכגעבנ דעם פויערטום האָבנ די באָלשעוויקעס באטראכט,
ווי אנ איבערגאנג־מיטל, וואָס שאט ניט דער זאכ פונעם סאָציא־
ליזמ. לענינ האָט וועגנ דעם געזאָגט:

„... באם באדינג פונ א זיג פונעם סאָציאַליזמ (דער ארבעטער־
קאָנטראָל איבער די פאבריקנ, דאָס שפּעטערדיקע עקספּראָפּריִירנ זיי, די
נאציאָנאליזאציע פונ די בענק, דאָס שאפנ דעם העכסטנ עקאָנאָמישנ ראט,
וואָס רעגולירט די גאנצע פאָלקווירטשאפט אינ לאנד), בא אזא באדינג זײַנענ
די ארבעטער מעכויעוו איינצוגייִנ אפ איבערגאנג־מיטלענ, וואָס עס לייגנ
זיי פאָר די דריבנע ארבעטנדיקע אונ עקספּלואטירטע פויערים, אויב דידאָזיקע
מיטלענ שאטנ ניט דער זאכ פונעם סאָציאַליזמ" 2).
אזא געשיקטע מאנעווירונג מיצאד דער פארטיי איז געווענ א געניאַלער
מוסטער פונ דער באָלשעוויסטישער טאקטיק, ווייל מיט איינ קלאפ, ווי ס'האָט שפּע־
טער געזאָגט לענינ, האָבנ מיר באוויזנ אויסצוקעמפנ דאָס פויערטום בא דער עסע־
רישער פארטיי.

דורכנ פארווירקלעכנ דעם ערד־דעקרעט האָט פולשטענדיק געזאָלט פארניכט ווערנ
די אלטע לײַבייגנטימערישע פארשקלאפונג אינעם דאָרפ. דער באטײַט אָבער פונעם
דעקרעט האָט זיכ דערמיט אלייג נאָכ ווײַט ניט אויסגעשעפּט. די קאָנפיסקאציע פונ
דער פריוואט־באזיצערישער ערד האָט באטײַט צוזאמענ מיט דעם אויכ די קאָנפיס־
קאציע פונ הונדערטער מיליאָנענ רובל קאפּיטאל פונ די בענק, ווו דידאָזיקע ערדנ זײַנענ
אמיינסטנ געווענ פארמאשקנט. אזויארום, איז דער דעקרעט געווענ א צעשמעטערנדיקער
קלאפ ניט בלויז איבערנ לײַבייגנטום, נאָר אויכ איבער דער בורזשואזיע. די פאר־
ניכטונג פונעם פריוואט־אייגנטום אפ דער ערד אינ די באדינגענ פונ א זיג פונ דער פראָ־
לעטארישער רעוואָליוציע האָט געהאט א גוואלדיקנ באטײַט, וואָס האָט אויסערגעוויינלעכ
פארלײַכטערט דעם אריבערגאנג צו דער קאָלעקטיוויזאציע פונ דער לאנדווירטשאפט.
דורכנ איבערגעבנ די הויכ־קולטורעלע ווירטשאפטנ אינ די הענט פונ דער פראָלעטא־
רישער מעלוכע האָבנ געזאָלט געשאפנ ווערנ נעסטנ פונ סאָציאַליסטישער ערד־ארבעט.
דאָס אריבערגייִנ פונעם קאָנפיסקירטנ אינווענטאר אינ די הענט פונ די סאָוועטנ האָט
געגעבנ א מעגלעכקייט צוצוטרעטנ צומ פארווירקלעכנ דעם סאָציאַליסטישנ קאָנטראָל
איבער די קליינע פויערשע ווירטשאפטנ, צומ רעגולירנ זיי א. אז. וו. דאָס אלצ צו־
זאמענ גענומענ האָט געגעבנ דעם ערד־דעקרעט א באטײַט פונ א קאָלאָסאל־וויכטיקנ
געצײַג אינעם קאמפ פארנ איבערבויענ די לאנדווירטשאפט אפ סאָציאַליסטישע יעסוידעס.
דער דעקרעט האָט נאָכ ענגער צונויפגעשמידט ארום דעם
פראָלעטאריאט די ברייטע מאסנ ארבעטנדיקע פויערים אונ
דערמיט האָט ער אויסערגעוויינלעכ פארפעסטיקט די ווירקונג
פונ דער פארטיי אונ פונ דער סאָוועטנמאכט אינ דאָרפ.
דער II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ א דעקרעט וועגנ גרינדנ א ראט
פונ פאָלק־קאָמיסארנ (ראטפאָלקאָמ). אלס פאָרזיצער פונ ראטפאָלקאָמ איז אויסגע־
ווילט געוואָרנ לענינ, אלס פאָלק־קאָמיסאר פאר נאציאָנאלע איניאָנים — סטאלינ, אלס
ראטפּאָלקאָמ־מיטגלידער זײַנענ אויסגעווײלט געוואָרנ: סקוואָרצאָוו־סטעפאנאָוו, קרילענ־
קאָ, מיליוטינ, לונאטשארסקי, ריקאָוו א. אנד.

1) Ленин, т. XXII, стр. 23.
2) Ленин, т. XXII, стр. 90.

דער צוזאמענפאָר האָט געשאפן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אן ארבעטער־פּויערשע סאָוועטישע רעגירונג — אן אָרגאן פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט.

אזויארום האָבן די באָלשעוויקעס נאָכן ארויסרייסן די מאכט פון די הענט פון דער בורזשואזיע אין משך פון צוויי טעג פארווירקלעכט אין לעבן די לאָזונגען וועגן שלום, ערד א. אז. וו. דערמיט האָבן די באָלשעוויקעס באוויזן די מיליאָנען ארבעטער און ארבעטנדיקע פּויערים, אז זייערע לעבנ־אינטערעסן איז אימשטאנד צו פארטיידיקן בלויז די באָלשעוויסטישע פּארטיי.

עס האָבן נאָך ניט באוויזן זיך פּאַנאנדערצופאָרן אלע מיטגלידער פונעם II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר, ווי דער סאָוועטנ־רעגירונג איז אויסגעקומען צו דערשטיקן דעם קאָנטררעוואָליוציאָנערן אופשטאנד פון די יונקערס און קאָזאקן קעגן דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט. די מענשעוויקעס און רעכטע עסערן, וואָס האָבן פארלאָזט דעם צוזאמענפאָר, האָבן צוזאמען מיטן אנטלאָפענעם פון פּעטראָגראד קערענסקין אָרגאניזירט א פארשווערונג. זיי האָבן געשאפן א „קאָמיטעט צו ראטעווען דאָס פאָטערלאנד און די רעוואָליוציע", וואָס זיין ציל איז געווען אראָפּצווארפן די סאָוועטנמאכט, אומצוקערן צוריק צו דער מאכט די צייטווייליקע רעגירונג, צו מאכן א סאָף צו די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען דורך זיי דערקלערט געוואָרן פאר פאָלק־פיינט, און צוזאמען מיט ענגלאנד און פראנקרייך ווייטער צו פירן די מילכאָמע קעגן דייטשלאנד.

ДЕКРЕТЪ О ЗЕМЛѢ

Съѣзда Совѣтовъ Рабоч. и Солдат. Депутатовъ.

(Принятъ на засѣданіе 26-го октября въ 2 часа ночи).

1) Помѣщичья собственность на землю отмѣняется немедленно безъ всякаго выкупа.

2) Помѣщичьи имѣнія, равно какъ всѣ земли удѣльныя, монастырскія, церковныя со всѣмъ ихъ живымъ и мертвымъ инвентаремъ, усадебными постройками и всѣми принадлежностями переходятъ въ распоряженіе волостныхъ земельныхъ Комитетовъ и уѣздныхъ Совѣтовъ Крестьянскихъ Депутатовъ впредь до Учредительнаго Собранія.

3) Какая бы то ни была порча конфискуемаго имущества, принадлежащаго отнынѣ всему народу, объявляется тяжкимъ преступленіемъ, караемымъ революціоннымъ судомъ. Уѣздные Совѣты Крестьянскихъ Депутатовъ принимаютъ всѣ необходимыя мѣры для соблюденія строжайшаго порядка при конфискаціи помѣщичьихъ имѣній, для опредѣленія того, до какого размѣра участки и какіе именно подлежатъ конфискаціи, для составленія точной описи всего конфискуемаго имущества и для строжайшей революціонной охраны всего переходящаго къ народу хозяйства на землѣ со всѣми постройками, орудіями, скотомъ, запасами продуктовъ и проч.

4) Для руководства по осуществленію великихъ земельныхъ преобразованій впредь до окончательнаго ихъ рѣшенія Учредительнымъ Собраніемъ, долженъ повсюду служить слѣдующій крестьянскій наказъ, составленный на основаніи 242 мѣстныхъ крестьянскихъ наказовъ редакціей «Извѣстій Всероссійскаго Совѣта Крестьянскихъ Депутатовъ» и опубликованный въ номерѣ 88 этихъ «Извѣстій» (Петроградъ, номеръ 88, 19 августа 1917 г.).

О землѣ.

Вопросъ о землѣ можетъ быть разрѣшенъ только всенароднымъ Учредительнымъ Собраніемъ.

Самое справедливое разрѣшеніе земельнаго вопроса должно быть таково.

1) Право частной собственности на землю отмѣняется навсегда; земля не можетъ быть ни продаваема, ни покупаема, ни сдаваема въ аренду либо въ залогъ, ни какимъ либо другимъ способомъ отчуждаема. [illegible]

[illegible]

איינער פון די ערשטע דעקרעטן פון דער סאָוועטנמאכט.

דורכשמועלענדיק זיך צו דער זייט פונעם פראָנט, קעדיי א רוק צו טון מיליטער אף פּעטראָגראד, האָט קערענסקי באקומען שטיצע פאר זיך אינעם 3־טן רייטער־קאָרפּוס, וואָס האָט זיך באטייליקט אין קאָרנילאָווס מארש. דער קאָמאנדיר פון דעמדאָזיקן קאָרפּוס איז געווען גענעראל קראסנאָוו. קראסנאָוו האָט צונויפגעקליבן עטלעכע הונדערט קאָזאקן און האָט זיך אוועקגעלאָזט צוזאמען מיט קערענסקין אף פּעטראָגראד. דעם 10 נאָיאבער האָט קראסנאָווס אָטריאד נאָך א שלאכט מיט די רויטגווארדייער פארנומען צארסקאָיע סעלאָ. דער „קאָמיטעט צו ראטעווען דאָס פאָטערלאנד און די רעוואָליוציע" מיטן עסער אווקסענטיעוון אין שפּיץ האָט דעם 11 נאָיאבער איינדערפרי אופגעהויבן אין פּעטראָגראד אן אופשטאנד פון די יונקערס. די יונקערס האָבן פארכאפּט דעם מיכיילאָווער מאנעזש מיט די בראָנעוויקעס און די טעלעפאָנסטאנציע. די פיינט פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע האָבן גערעכנט איינצונעמען דעם באָלשעוויסטישן פּעטראָגראד דורך א קאָמבינירטער אטאקע: דורך א קלאפּ פון דער זייט פון צארסקאָיע סעלאָ און דורך אן אופשטאנד אינעווייניק אין פּעטראָגראד. נאָר זייערע פּלענער זיינען צעקלאפּט געוואָרן.

די באָלשעוויסטישע פּארטיי און די סאָוועטנ־רעגירונג האָבן אוועקגעשטעלט אונטער דער ביקס צענדליקער טויזנט ארבעטער און סאָלדאטן פון פּעטראָגראד. לעניג האָט ארויסגערופן פון קראָנשטאדט און העלסינגפאָרס אָטריאדן מאטראָסן און מינענ־שיפן

מיט דער פאנצער־שיפ „רעספּובליקא" אינ שפּיצ. דער יונקער־אופשטאנד איז ליק־ווידירט געוואָרנ אינ איינ טאָג — צו אָוונט דעמ 11 נאָיאַבער. אונ דעמ 13 נאָיאַבער איז באַ די פּולקאָווער בערגלעכ פאָרגעקומענ אנ אנטשיידענע שלאכט צווישנ דער רויטער גוואַרדיע אונ די מאטראָסנ מיט קראסנאָווס אָטריאַד. די קאָזאקנ זיינענ צעקלאפּט געוואָרנ, אונ דער גענעראַל קראסנאָוו אַליינ איז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענ־שאפט. קערענסקי האָט אויכ דאָסמאָל באוויזנ צו אנטלויפנ. אינ זיינ ווענדונג „צו דער באפעלקערונג", וואָס איז פּובליקירט געווענ אינ „פּראַוודא" דעמ 20 נאָיאַבער, האָט לענינ געשריבנ:



ДЕКРЕТЪ О МИРѢ,

принятый единогласно на засѣданіи Всероссійскаго Съѣзда Совѣтовъ Рабочихъ, Солдатскихъ и Крестьянскихъ Депутатовъ 26 октября 1917 г.

איינער פונ די ערשטע דעקרעטנ פונ דער ראַטנמאכט.

„די ארבעטערשע אונ פּויערשע רעוואָליוציע האָט ענדגילטיק געזיגט אינ פּעטראָגראַד, צעטרייבנדיק אונ ארעסטירנדיק די לעצטע רעשטלעכ פונעמ קליינעמ טייל אָפּגענאַרטע דורכ קערענסקינ קאָזאקנ" [1].

אינ מאָסקווע האָט דער אופגעשטאנענער פּראָלעטאַריאַט גענומענ די מאכט אינ זיינע הענט נאָכ א בלוטיקער שלאכט מיטנ מיליטער פונ דער צייטווייליקער רעגירונג. דידאָזיקע שלאכט האָט געדויערט אכט טעג.

די טרייע דער צייטווייליקער רעגירונג יונקער־אָטריאַדנ האָבנ זיכ פארשפּארט אינעמ קרעמל אונ געוואָלט אימ אויסנוצנ אלס א ניט־באַזיגבארע פעסטונג, אויסרעכענענדיק, אז די מאָסקווער ארבעטער וועלנ ניט וואגנ אָנצורירנ אָט די „אַלטע הייליקייט" אונ וועלנ ניט שיסנ אפנ קרעמל. די יונקערס אונ די אָפיצערנ, וואָס האָבנ זיכ פארפעסטיקט אינעמ קרעמל, פלעגנ פונ דאָרטנ ארויסקריכנ אונ אָנפאַלנ אפ די אָנגרייפנדיקע טיילנ באוואָפנטע ארבעטער אונ סאָלדאטנ. דאָס מיליטער פונ דער צייטווייליקער רעגירונג האָט אויסגענוצט אויכ די מיליטער־שולנ אינ לעפאָרטאָווא. אָנשפּארנדיק זיכ אפ דידאָזיקע צענטערס זייערע, האָבנ זיי געשטעלט א פארביסענעמ ווידערשטאנד די אָנגרייפנדיקע רויטגווארדייִשע אָטריאַדנ. אָבער אדאנק דעמ איינגעשפּארטנ קאמפּ, דעמ אומופהערלעכנ אָנגריפ אונ דער פעסטער אנטשלאָסנקייט פונ די מאָסקווער ארבעטער־ אונ סאָלדאטנ־מאסנ צו מאכנ א סאָפ צו דער צייטווייליקער רעגירונג, זיינענ דידאָזיקע נעסטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע צעגראָמירט געוואָרנ.

די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע האָט גענומענ זיגנ אינ גאנצ רוסלאנד. אומעטומ האָט מענ גענומענ אראָפּוואַרפנ די באאַמטע פונ דער צייטווייליקער רעגירונג אונ די מאכט האָבנ גענומענ די סאָוועטנ. מיטנ אופשטאנד פונעמ פּראָלעטאַריאַט אפ די ערטער האָבנ אָנגעפירט די אָרטיקע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די אנטשלאָסענע ליניע פונ דער פּארטיי אפ אנ אופשטאנד, די פעסטע אָנפירונג פונעמ לעניניִשנ צ"ק, דער אומראכמאָנעסדיקער קאמפּ אפ צוויי פראָנטנ מיט די אָפּאָר־

[1]) Ленин, т. XXII, стр. 54.

אומטוניסטנ, די געשיקטע צוגרייטונג פונעמ אופשטאנד אונטער לענינס אָנפיר, די אומגעטיילטע אָנפירונג פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי מיט די מאסנ — דאָס אלצ האָט באוואָרנט דעמ ניצאָכנ פונעמ פראָלעטאריאט. דורכנ העראָישנ דראנג פונ די באוואָפנטע קרעפטנ פונ די ארבעטער אונ סאָלדאטנ איז אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע אונ עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט. דעמ 7 נאָיאבער (25 אָקטיאבער) האָט זיכ פארענדיקט דער צווייטער עטאפ פונ דער רעוואָליוציע אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער דריטער עטאפ — דער פעריִאָד פונ דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אונ פונ בויענ דעמ סאָציִאליזמ.

דער כאראקטער אונ די באוועג־קרעפטנ פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט פארהעלטנישמעסיק גרינג פארענדיקט מיט דער הערשאפט פונ דער בורזשואזיע אדאנק דער זיכ גינסטיק געשאפענער אינטערנאציִאָנאלער אונ אינערלעכער סיטואציע.

ערשטנס, האָט זיכ די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אָנגעהויבנ בעשאס דער מילכאָמע, ווענ די אימפעריִאליסטישע מעלוכעס זײַנענ געווענ פארנומענ מיטנ קאמפ צווישנ זיכ אונ האָבנ ניט געקענט צודערצײַט קומענ צו הילפ דער רוסישער בורזשואזיע.

צווייטנס, האָט זיכ די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אָנגעהויבנ אפנ פערטנ יאָר פונ דער אימפעריִאליסטישער מילכאָמע, ווענ די אויסגעמאטערטע ארבעטנדיקע מאסנ פונ אלע מילכאָמע־פירנדיקע לענדער האָבנ מער פאר אלצ געלעכצט נאָכ שאָלעמ, ווענ די ארבעטער אונ סאָלדאטנ פונ רוסלאנד האָבנ אפ דער פראקטיק פונ דער קאָאליציע־רעגירונג זיכ איבערצײַגט, אז אָנ א סאָציִאליסטישער איבערקערעניש איז אומעגלעכ ארויסצוגייִנ פונ דער אימפעריִאליסטישער מילכאָמע. דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס פאר א באלדיקנ שאָלעמ האָט ארויסגערופנ דעמ גרעסטנ מיטגעפיל צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע בא די ארבעטער פונ מײַרעוו אונ בא די אונטערדריקטע פעלקער פונ מיזרעכ.

דריטנס, האָט זיכ אינ 1917 יאָר גענומענ אופהייבנ א מעכטיקע ארבעטער־באוועגונג אינ גאנצ אײראָפּע אונ עס האָט גענומענ וואקסנ די רעוואָליוציִאָנערע באוועגונג אינ מיזרעכ, וועלכע איז געווענ געצילט קעגנ דעמ אימפעריִאליזמ. דאָס האָט געגעבנ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע געטרײַע פארבינדעטע אינעמ קאמפ מיט דער וועלט־בורזשואזיע. דער וועלט־אימפעריִאליזמ האָט ניט געקענט ווארפנ אלע זײַנע קרעפטנ קעגנ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווײַל ער איז גענויט געווענ צו פירנ א קאמפ מיט דער רעוואָליוציע בא זיכ אינ לאנד.

א באשליסנדיקנ באטײַט האָט געהאט דאָס, וואָס די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז געווענ צוגעגרייט אונ איז דורכגעגאנגענ אונטערנ אומגעטיילטנ אָנפיר פונ דער אויסגעפרוווטער אינ די קלאסנ־קאמפנ, איינהײַטלעכער, מיט אנ אײַזערנער דיסציפּלינ צוזאמענגעשמידעטער פארטיי באָלשעוויקעס, אונטערנ אָנפיר פונעמ גרעסטנ פירער פונעמ וועלט־פראָלעטאריאט — פונ לענינענ. אָנ דער באָלשעוויסטישער פארטיי וואָלט גאָר קיינ רייד ניט געקענט זײַנ וועגנ א ניצאָכנ פונעמ פראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע. די סטראטעגיע אונ טאקטיק פונ די באָלשעוויקעס אינ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז א מוסטער פאר אלע ברידערלעכע פארטייענ אינ זייער קאמפ פארנ אראָפּוווארפנ דעמ אימפעריִאליזמ.

דער פראָלעטאריאט פונ רוסלאנד האָט שוינ געהאט הינטער זיכ די דערפארונג פונ צוויי רעוואָליוציעס — פונ דער רעוואָליוציע אינ 1905 יאָר אונ פונ דער פעוראל־רעוואָליוציע אינ 1917 יאָר.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט, ענדלעכ, געהאט צו טאָנ מיט דער פארהעלטנישמעסיק שוואכער רוסישער בורזשואזיע. איר אָנשפאר — די מענשעוויקעס* אונ עסערנ — האָט

אינעם פעריאָד פונ דער קערענשטשינע אינגאַנצנ באַנקראָטירט. די מאַסנ האָבנ זיכ פונ זיי אָפּגעקערט אונ זײַנענ אוועקגעגאַנגענ צו די באָלשעוויקעס.

אָט דאָס זײַנענ די גרונט־סיבעס פונעמ פאַרהעלטנישמעסיק לײַכטנ זיג פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

לויט איר כאַראַקטער איז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געווענ א סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע. זי איז געווענ א סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע דערפאַר, וואָס זי האָט אַראָפּגעוואָרפנ די בורזשואַזיע אונ האָט איבערגעגעבנ די מאַכט אינ די הענט פונעמ פּראָלעטאַריאַט. זי האָט אײַנגעשטעלט די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

גלײַכצײַטיק האָט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פאַרבײַגײענדיק געלייזט די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אויפגאַבעס: די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט פאַרניכט דעמ פּריצישנ ערדבאַזיצ, די אונטערדריקונג פונ די נאַציאָנאַליטעטנ, האָט אײַנגעשטעלט די גלײַכבארעכטיקונג פונ די פרויענ, האָט דורכגעפירט דאָס אָפּטיילנ דעמ קלויסטער פונ דער מעלוכע א. אנד.

„מיר האָבנ געלייזט די פראַגעס פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע,—האָט לענינ געלערנט,— פאַרבײַגײענדיק, דערעכאַגעוו, ווי א „זײַטיקנ פּראָדוקט" פונ אונדזער הויפּטלעכער אונ עמעסדיקער פּראָלעטאַריש־רעוואָליוציאָנערער, סאָציאַליסטישער אַרבעט" [1].

די באַוועג־קרעפטנ פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זײַנענ געווענ דער פּראָלעטאַריאַט אונ דאָס אָרעמסטע פויערטומ.

דער אַרבעטער־קלאַס איז געגאַנגענ אויסקעמפנ די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט צוזאַמענ מיטנ אָרעמסטנ פויערטומ קעגנ דעמ קאַפּיטאַליזמ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ, דורכפירנדיק א פּאָליטיק פונ נייטראַליזירנ דאָס מיטלפויערטומ. גלײַכצײַטיק אָבער, איז אַפ וויפל די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט פאַרבײַגײענדיק געלייזט די אויפגאַבעס פונ דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע (אינ דער ערשטער ריי די ערד־פראַגע), „האָט זי געמוזט באַגעגענענ א מיטגעפיל מיצאַד אַלע פויערימ" (סטאַלינ).

דער אינטערנאַציאָנאַלער באַטײַט פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אינ רעזולטאַט פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דער סאַמע אונטערדריקטער אונ עקספּלואַטירטער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט — זיכ אויפגעהויבנ ביז צו דער לאַגע פונ א הערשנדיקנ קלאַס, האָט פאַרניכטעט דאָס פּריוואַט־אייגנטומ אַפ די זאַוואָדנ, אײַזנבאַנענ, בענק אונ ערד. צומ ערשטנ מאָל האָט ער באַהערשט די דאָזיקע קאָמאַנדיר־הייכנ אונ האָט זיי פאַרוואַנדלט אינ א געזעלשאַפטלעכ אייגנטומ. צומ ערשטנ מאָל איז צעשטערט געוואָרנ דער מעלוכישער אַפּאַראַט פונ די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסנ אונ אָנשטאָט אימ איז געשאַפנ געוואָרנ די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט — די סאָוועטישע מעלוכע, א מעלוכע פונ א נײַעמ טיפּ.

„די עפּאָכע פונעמ בורזשואַז־דעמאָקראַטישנ פּאַרלאַמענטאַריזמ איז פאַרענדיקט. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַ קאַפּיטל פונ דער וועלט־געשיכטע — די עפּאָכע פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור" [2], — האָט געשריבנ לענינ.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אַרײַנגעצויגנ אינעמ קאַמפּ פאַרנ פאַרפעסטיקנ די סאָוועטנמאַכט אומגעהייער גרויסע מאַסנ אַרבעטער אונ פויערימ, אונ צומ ערשטנ מאָל אינ דער גאַנצער וועלט איז דער פּראָלעטאַריאַט פונ רוסלאַנד אינ שפּיצ פונ פילמיליאָניקע מאַסנ פויערימ צוגעטראָטנ צומ בויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

---

1) Ленин, т. XXVII, стр. 26.
2) Ленин, т. XXVII, стр. 81.

צעקלאפנדיק די קייטנ פונעמ נאציאנאל-קאלאניאלנ יאכ אינ רוסלאנד, האט די אקטיאבער-רעוואליוציע דערהויבנ די אונטערדריקטע פעלקער פונעמ געוועזענעמ צארישנ רוסלאנד ביז צו דער לאגע פונ פרייע אונ גלייכבארעכטיקטע בויערס פונעמ סאציאליזמ.

די אקטיאבער-רעוואליוציע האט געעפנט א נייע עפאכע אינ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשהייט — די עפאכע פונ פראלעטארישע רעוואליוציעס. זי האט אוועקגעלייגט אנ אנהייב פאר דער פראלעטארישער וועלט-רעוואליוציע. זי האט אנגעצונדנ א רעוואליוציע אינ אייראפע אונ האט אופגעהויבנ די מיזרעכ-פעלקער — טערקיי, כינע, אינדיע, אינדאכינע — צומ קאמפ קעגנ דעמ אימפעריאליזמ.

די אקטיאבער-רעוואליוציע האט דערקלערט א קאמפ דער בורזשואזיע פונ דער גאנצער וועלט. זי האט געוויזנ דעמ וועלט-פראלעטאריאט אונ אלע אונטערדריקטע מאסנ דעמ וועג צומ ארופווארפנ דעמ אימפעריאליזמ אונ צומ מאכנ א סאפ צו דער אימפעריאליסטישער מילכאמע.

גלייכצייטיק איז די אקטיאבער-רעוואליוציע געווארנ א מעכטיקע באזע אונ א פעסטונג פאר דער וועלט-רעוואליוציע, אונ דער זיגערישער פראלעטאריאט פונ רוסלאנד איז געווארנ די שלאג-בריגאדע פונעמ וועלט-פראלעטאריאט. זיינ קאמפ פאר דער בויונג פונעמ סאציאליזמ איז דער סאמע מעכטיקער הייבער פונ צעלייגנ אונ אפשוואכנ דעמ וועלט-אימפעריאליזמ.

אינעמ קאמפ מיטנ אימפעריאליזמ האט דער פראלעטאריאט אונ די אונטערדריקטע פעלקער פונ דער גאנצער וועלט געפונענ אנ אנפיר אונ א שטיצע אינ דער פערזאנ פונעמ זיגערישנ סאוועטנלאנד. דער פראלעטאריאט, ווידער, פונ אלע לענדער, קעמפנדיק מיט זיינ אייגענער בורזשואזיע, שטרעבט ער פונ זיינ זייט צו פארשטארקנ די דיקטאטור פונעמ פראלעטאריאט אינ רוסלאנד. פונעמ מאמענט פונ דער אקטיאבער-רעוואליוציע אנ זיינענ די דערפאלגנ פונעמ פראלעטארישנ קאמפ אינ דער גאנצער וועלט ענג פארבונדנ מיט דער מעכטיקייט פונעמ לאנד, וואס איז

„...די ערשטע נעסט פונעמ סאציאליזמ אינעמ אקעאנ אימפעריאליסטישע לענדער" [1].

די אקטיאבער-רעוואליוציע האט דערלאנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאפ דעמ וועלט-אימפעריאליזמ. זי האט גיגאנטיש פארטיפט דעמ קריזיס פונ דער גאנצער אימפעריאליסטישער סיסטעמ, פארשארפנדיק דעמ קלאסנקאמפ אינעווייניק אינ די אימפעריאליסטישע לענדער.

די אקטיאבער-רעוואליוציע האט ארויסגעריסנ פונ דער אימפעריאליסטישער סיסטעמ א זעקסטכיילעק פונעמ ערד-קיילעכ. זי האט צעשפאלטנ די גאנצע וועלט אפ צוויי קעגנזעצלעכע סיסטעמעס: אפ דער סיסטעמ פונעמ אומקומענדיקנ קאפיטאליזמ אונ אפ דער סיסטעמ פונעמ זיכ בויענדיקנ סאציאליזמ. אינ די קאפיטאליסטישע לענדער ווערט פארשטארקט די אונטערדריקונג, עס וואקסט די ארעמקייט, דער הונגער, עס זיינענ אומפארמיידלעכ מילכאמעס. פארקערט, די סיסטעמ פונעמ סאציאליזמ, וואס האט געזיגט אינ פסס"ר, ברענגט מיט זיכ נאכ ניט קיינ געזעענע אנטוויקלונג פונ די פראדוקטיווע קרעפטנ, א פולע פארניכטונג פונ קלאסנ אונ פונ יעדער עקספלואטאציע פונ איינ מענטשנ דורכנ צווייטנ. זי ברענגט מיט זיכ דעמ גרעסטנ אופבלי פונ דער קולטור אונ די פארבעסערונג פונעמ מאטעריעלנ וווילשטאנד פונ די פעלקער.

אזויארומ איז אויסגעוואקסנ א נייער ווידערשפרוכ, וואס באשליסט אונ באשטימט די גאנצע היינטצייטיקע פאליטישע סיטואציע, — א ווידערשפרוכ צווישנ דעמ סאוועטנלאנד אונ די אימפעריאליסטישע לענדער.

„די ערע פונ דער „שטאנדהאפטיקייט" פונ קאפיטאליזמ איז פארביי, אוועקטראגנדיק מיט זיכ די לעגענדע וועגנ דער אומבארירלעכקייט פונ די בורזשואזע ארדענונגענ.

---

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 101.

עס איז אָנגעקומענ די ערע פונ צוזאמענברוכ פונעמ קאפיטאליזמ" [1].

ענדלעכ, האָט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אופגעדעקט דעמ פארעטערישנ פארצעפ פונ דער אלוועלטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראטיע און האָט זי אָפגעוואָרפנ אינ לאגער פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, אינ לאגער פונעמ אימפעריאַליזמ. אונטער דער פאָנ פונעמ לעניניזמ איז פאָרגעקומענ די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אונטער לענינס פאָנ איז באשאפנ געוואָרנ און עס ארבעט דער III קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל.

„די ערע פונ דער הערשאפט פונעמ II אינטערנאציאָנאל און פונעמ סאָציאַל־דעמאָקראטיזמ אינ דער ארבעטער־באוועגונג האָט זיכ געענדיקט. עס איז אָנגעקומענ די ערע פונ דער הערשאפט פונעמ לעניניזמ און פונעמ III אינטערנאציאָנאל" [2].

ליטעראטור צומ נײַנטנ קאפיטל.

Ленин, Письма издалека. Письмо 1, Соч., т. XX, стр. 13—22.
Ленин, О задачах пролетариата в данной революции, Соч., т. XX, стр. 87—90.
Ленин, Письма о тактике, Соч. т. XX, стр. 99—108.
Ленин, Речи и доклады на Всероссийской апрельской конференции, Соч., т. XX, стр. 240—253, 268—271, 275—278, 280—282.
Ленин, К лозунгам, Соч. т. XXI, стр. 33—38.
Ленин, Грозящая катастрофа и как с ней бороться, Соч. т. XXI, стр. 155—192.
Ленин, Большевики должны взять власть, Соч., т. XXI, стр. 193—194.
Ленин, Марксизм и восстание, Соч., т. XXI, стр. 195—199.
Ленин, Кризис назрел, Соч., т. XXI, стр. 235—241.
Ленин, Удержат ли большевики государственную власть, Соч., т. XXI, стр. 243—284.
Ленин, Письмо в ЦК, МК, ПК, Соч., т. XXI, стр. 293—294.
Ленин, Советы постороннего. Соч., т. XXI. стр. 319—320.
Ленин, Письмо к тт. большевикам, участвующим на областном с'езде советов Северной области, Соч., т. XXI, стр. 321—325.
Ленин, Заседание ЦК РСДРП 23 и 26 октября, Соч., т. XXI, стр. 326—333.
Ленин, Письмо к товарищам, Соч., т. XXI, стр. 334—349.
Ленин, Письмо к членам партии большевиков, Соч., т. XXI, стр. 350—352.
Ленин, Письмо в ЦК РСДРП, Соч., т. XXI, стр. 353—356, 362—364.
Сталин, Доклад о политическом положении на VI с'езде партии, сб. „На путях к Октябрю".
Сталин, Троцкизм или ленинизм. сб. „Об Октябрьской революции", стр. 53—74.
Сталин, Октябрьская революция и тактика русских коммунистов, „Вопросы ленинизма", стр. 76—102.
Сталин, О трех основных лозунгах партии по крестьянскому вопросу, „Вопросы ленинизма", стр. 245—254.
Сталин, О лозунге диктатуры пролетариата и беднейшего крестьянства в период подготовки Октября. „Вопросы ленинизма", стр. 255—262.
Сталин, Международный характер Октябрьской революции, сб. „Об Октябрьской революции," стр. 129—136.

---

[1]) Сталин, сб. „Об Октябрьской революции", стр. 134. Партиздат, 1932 г.
[2]) Сталин, сб. „Об Октябрьской революции", стр. 136. Партиздат, 1932 г.

די פּארטיי אינעמ ערשטנ פּעריִאָד פונ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט.

(אָקטיאבער 1917 י.—יונ 1918 י.)

דער קאמפּ פארנ באשאפנ אונ פארפעסטיקנ די פּראָלעטארישע מעלוכע.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געמאכט דעמ אָנהייב פונעמ איבערגאנג־פּעריִאָד פונ קאפּיטאליזמ צומ קאָמוניזמ אינ סאָוועטנרוסלאנד. אינ פארבינדונג דערמיט האָבנ זיכ געענדערט אויכ די פּארטיי־אויפגאבעס. אויב ביזנ אָקטיאבער האָבנ די באָלשעוויקעס געקעמפט פארנ אראָפּווארפנ די בורזשואזיע אונ פאר דעמ, אז דער ארבעטער־קלאס זאָל פארכאפּנ די מאכט, איז איצט נייטיק געווענ אָנצוהייבנ פירנ א קאמפּ פארנ פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פארנ איבערבויענ די געזעלשאפט אפ נײַע, סאָציִאליסטישע יעסוידעס. דעמ גאנצנ קאמפּ אירנ פארנ סאָציִאליזמ אינ רוסלאנד האָט די פּארטיי געהאלטנ פאר נייטיק אונטערצוווארפנ אונטערנ קאמפּ פאר דער אלוועלטלעכער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

די פּארטיי איז ארויסגעגאנ דערפונ, אז דאָס סאָוועטנרוסלאנד דארפ דורכפירנ

„...דעמ מאקסימומ דערפונ, וואָס מע קענ פארווירקלעכנ אינ איינ לאנד צוליבנ אנטוויקלענ, שטיצנ אונ אופוועקנ די רעוואָליוציע אינ אלע לענדער"[1].

דער וויכטיקסטער אָרגאנ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ דאָס געצײַג פונעמ סאָציִאליסטישנ איבערבויענ די געזעלשאפט איז געווענ די ארויסגעקעמפטע אינ אָקטיאבער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. נאָכפאָלגנדיק דער געניִאלער לערע פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ, האָט לענינ געגעבנ א טיפע באגרינדונג דער לערע וועגנ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. ער האָט קלאָר באוויזנ, אז די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט איז נייטיק אפ צו דערשטיקנ דעמ ווידערשטאנד פונ די אראָפּגעוואָרפענע קלאסנ — פונ די פּריצימ אונ קאפּיטאליסטנ. זי איז נייטיק אפ צו שאפנ א פעסטנ בונד צווישנ דעמ ארבעטער־קלאס אונ דעמ ארבעטנדיקנ פּויערטומ, אפ ארײַנצוציִענ די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג אונטערנ אָנפיר פונעמ פּראָלעטאריאט. זי איז נייטיק דעמ ארבעטער־קלאס אפ צו אָרגאניזירנ א סאָציִאליסטישע פּראָדוקציע אונ אויסצובויענ די אָנקלאסעווע געזעלשאפט.

„צווישנ דער קאפּיטאליסטישער אונ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, — האָט געשריבנ דער גרעסטער לערער פונעמ ארבעטער־קלאס, קארל מארקס, — ליגט א פּעריִאָד פונ רעוואָליוציִאָנערנ פארוואנדלענ די ערשטע אינ דער צווייטער. דעמדאָזיקנ פּעריִאָד אנטשפּרעכט אויכ א פּאָליטישער איבערגאנג־פּעריִאָד, אונ די מעלוכע פונ אָט דעמ פּעריִאָד קענ ניט זײַנ קיינ שומ אנדערע, אויסער דער רעוואָליוציִאָנערער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט"[2].

---

[1]) Ленин, т. XXIII, стр. 385.

[2]) Маркс, Критика Готской программы, стр. 43. Партиздат, 1933 г.

די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט, האָט לענינ געלערנט, קענ ניט אנטשטײנ דורכ א פרידלעכער אנטוויקלונג פונ דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט. די בורזשואזע מעלוכע מיט אירע מאכט-אָרגאנענ (די אלטע ארמײ, פאָליצײ, זשאנדארמעריע, געריכט א. אז. וו.) איז באשאפנ געוואָרנ מיטנ צוועק אונטערצודריקנ די ארבעטנדיקע מאסנ, אונ זי איז א געהאָרכזאמ געצײַג פונ די פארמעגלעכע קלאסנ. *די אלטע מעלוכע-מאשינ מוז מענ אומראכמאָנעסדיק „צעברעכנ", צעשטערנ, פארבײַטנדיק זי מיט א נײַעמ, פראָלעטארישנ מעלוכע-אפאראט. די אָרגאניזאציעס, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר דעמ יעסאָד פונ דער פראָלעטארישער מעלוכישקײַט — דאָס זײַנענ די סאָוועטנ פונ ארבעטער- אונ פויערימ-דעפוטאטנ.* די סאמע ערשטע אופגאבע פונ דער פארטײ נאָכנ אָקטיאבער-זיג איז דעריבער געווענ די אופגאבע — צו „צעברעכנ", צעקלאפנ די אלטע בורזשואז-מעלוכישע מאשינ אונ אויסצובויענ א מעלוכע פונ א נײַעמ טיפ.

די פארטײ האָט זיכ גלײַכ פונ די ערשטע טעג אָנ נאָכנ אָקטיאבער גענומענ גרינטלעכ ברעכנ דעמ אלטנ מעלוכע-אפאראט. זי האָט צעשטערט די בורזשואזע מיניסטעריומס, געריכטנ אונ פאָליצײ; די טשינאָווניקעס פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג זײַנענ צעטריבנ געוואָרנ; די זעמסטוועס אונ שטאָט-דומעס — פארניכט; די אלטע ארמײ איז דעמאָביליזירט אונ ליקווידירט געוואָרנ. שנעל איז געוואקסנ אונ זיכ פארפעסטיקט די רויטע גווארדיע, וועלכע איז געווענ דער עמבריאָנ פונ דער רויטער ארמײ. אינ גאנצנ לאנד, פונ אויבנ ביז אראָפ, האָבנ זיכ געפעסטיקט די סאָוועטנ, וואָס האָבנ גענומענ ארײַנעמענ די מאכט אינ זײערע הענט. פונ שטאנדפונקט פונ דער אינערלעכער לאגע איז דערדאָזיקער פעריאָד געווענ א פעריאָד פונ „צעשטערנ דעמ גאנצנ אפאראט פונ דער אלטער בורזשואזער מאכט"[1].

די נײַע סאָוועטנ-מעלוכע האָט זיכ אינ גרונט אונטערגעשײדט פונ דער בורזשואזער מעלוכע. זי איז באשאפנ געוואָרנ אפ אונטערצודריקנ די עקספלואטארישע מינדערהײַט אינ די אינטערעסנ פונ דער פריִער-עקספלואטירטער מערהײַט. בא די קאפיטאליסטנ אונ פריצימ האָט מענ אָפגענומענ דאָס וואל-רעכט אינ די סאָוועטנ אונ מע האָט זײ באזײַטיקט פונעמ אָנפירנ מיט דער מעלוכע. *דערפאר אָבער האָבנ די ארבעטנדיקע מאסנ באקומענ די מעגלעכקײַט אפנ אקטיווסטנ אונ ברײטסטנ אופנ אָנטײלצונעמענ אינ דער מעלוכישער בויונג.* באפרײַט די ארבעטער פונ דער קאפיטאליסטישער קנעכטשאפט אונ פונ עקאָנאָמישער אָפהענגיקײַט, אָפגענומענ בא דער בורזשואזיע אונ איבערגעגעבנ די ארבעטער די לאָקאלנ פאר פארזאמלונגענ, די דרוקערײַענ אפ צו דרוקנ צײַטונגענ, די טראנספּאָרט-מיטלענ א. אז. וו., — האָט די סאָוועטנמאכט דערמיט געשאפנ אלע נײטיקע באדינגענ פארנ ארײַנציִענ די ארבעטנדיקע אינעמ אָנפירנ מיטנ לאנד. דאָס באשאפנ די סאָוועטנ-מעלוכע האָט געהאט אנ אלוועלטלעכ-היסטאָרישנ באטײַט.

„מיר האָבנ געשאפנ א סאָוועטישנ טיפ מעלוכע, — האָט לענינ געשריבנ, — מיר האָבנ דערמיט אָנגעהויבנ א נײַע אלוועלטלעכ-היסטאָרישע עפּאָכע, די עפּאָכע פונ דער פּאָליטישער הערשאפט פונעמ פראָלעטאריאט, וועלכע איז געקומענ פארבײַטנ די עפּאָכע פונ דער הערשאפט פונ דער בורזשואזיע"[2].

די ארבעטער פונ אנדערע לענדער האָבנ ברײט אויסגענוצט די דערפארונג פונעמ באשאפנ די סאָוועטנ אינ רוסלאנד. סאָוועטנ זײַנענ אנטשטאנענ אונ האָבנ זיכ געבויט אינ פעריאָד פונ די רעוואָליוציאָנערע שלאכטנ אינ דײַטשלאנד, עסטרײַכ, אונגארנ, פינלאנד (אינ די יאָרנ 1919 — 1918) א. אז. וו.

די בורזשואזיע האָט ארויסגעוויזנ דער סאָוועטנמאכט א פארביסענעמ ווידערשטאנד. זי האָט פאַרגענומענ אלערלײ פרוווּנ אופצושטעלנ איר פריִערדיקע הערשאפט. האנט-בא-האנט מיט די קאפיטאליסטנ זײַנענ געגאנגענ די קלײנבירגערלעכע קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע פארטײענ — די מענשעוויקעס אונ עסערנ.

[1] Сталин, сб. „Об Октябрьской революции", стр. 27.
[2] Ленин, т. XXVII, стр 201.

אונטערנ אָנפיר פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט א סאבאָטאזש פונ די אָנגעשטעלטע אינ א גאנצער ריי מעלוכע־אנשטאלטנ. די טשינאָווניקעס פונ א גאנצער ריי מיניסטעריומס, בענק, פּאָטשט, טעלעגראפ א. אז. וו. פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ אויסצופילנ די פאראָרדענונגענ פונ די קאָמיסארנ פונ דער סאָוועטנמאכט, אָפּצוגעבנ אירע פאָרשטייערס דאָס געלט, די קאָרעספּאָנדענצ, דאָקומענטנ א. ד. גל. אינ א גאנצער ריי ערטער האָבנ זיי דערקלערט א שטרײַק, קעדיי צו שטערנ די ארבעטער צו פארפעסטיקנ זיכ בא דער מאכט. אינ זייער קאמפ קעגנ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט האָבנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אויכ אויסגענוצט די פּרעסע־אָרגאנענ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינ זייער רעשוס, אונ האָבנ זיכ פארנומענ אינ זייערע צײַטונגענ אונ זשורנאלנ מיט דער סאמע בייזוויליקער רעכילעס אפ דער פּארטיי אונ אפנ ארבעטער־קלאס. אָבער די פּארטיי האָט געגעבנ אָט דידאָזיקע אלע ארויסטרעטונגענ דעם אנטשיידנדיקסטנ אָפּשטויס. בא דער שטיצע פונ די ארבעטער אונ פונעמ טייל נידעריקערע אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנענ געווענ אפ דער זײַט פונ דער סאָוועטנמאכט, איז דער סאבאָטאזש פונ די טשינאָווניקעס אײַנגעבראָכנ געוואָרנ. לויטנ פאָרשלאָג פונ די באָלשעוויקעס האָט די סאָוועטנרעגירונג דערקלערט די בורזשואזע פּארטיי קאדעטנ פאר פאָלק־סאָנים אונ האָט פארמאכט א גאנצע ריי בורזשואזע צײַטונגענ („דיענ", „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי" א. אנד.).

קעמפנדיק פארנ באשאפנ אונ פארפעסטיקנ די פּראָלעטארישע מעלוכע, האָט די פּארטיי צעגראָמירט אויכ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ אירע אייגענע רייענ גופע. זי האָט געגעבנ דעמ העפטיקסטנ אָפּשטויס די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ (קאמעניעוונ, זינאָוויעוונ א. אנד.), וואָס זייער ליניע האָט באטײַט א פולקומענ אײַנרײַס מיט דער לענינישער שטעלונג פונ די פראגעס וועגנ מאכט אונ וועגנ „צעברעכנ" די בורזשואז־מעלוכישע מאשינ. אָנשטאָט דער רעגירונג פונ פּראָלעטארישער דיקטאטור, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ דורכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האָבנ די רעכטע געהאט פאָרגעלייגט צו שאפנ א רעגירונג פונ „אלע סאָציאליסטישע פּארטייענ" — פונ די באָלשעוויקעס ביז די פאָלק־סאָציאליסטנ אײַנגעשלאָסנ. דידאָזיקע פּאָזיציע פונ די רעכטע איז געווענ ניט עפּעס אנדערש, ווי א קאפּיטוליאציע פאר דער בורזשואזיע, אונ גענומענ האָט זיכ דידאָזיקע פּאָזיציע פונ זייער אָפּלייקענענ דעמ סאָציאליסטישנ כאראקטער פונעמ אָקטיאבער. זי איז געווענ א דירעקטע פאָרזעצונג פונ דער אנטיפּארטייִשער ליניע פונ די רעכטע אפ דער אפּרעל־קאָנפערענצ פונ 1917 יאָר אונ אינעמ פעריאָד פונעמ אָקטיאבערשנ באוואָפנטנ אופשטאנד. די רעכטע האָבנ וויפל ס'איז נאָר מעגלעכ געווענ, זיכ געסטארעט צו סאבאָטירנ אונ אראָפּרײַסנ די פּארטיי־באשלוסנ, פּרווונדיק זיכ דעזאָרגאניזירנ אירע געשלאָסענע רייענ. ברעכנדיק אפנ סאמע שרײַענדיקסטנ אויפנ די פּארטיי־אייניקײַט, פלעגנ זיי ארויסטרעטנ מיט זייער פּלאטפאָרמע אפילע פאר די ברייטע אומפּארטייִשע מאסנ (אינ די סאָוועטנ, פּראָפארייִנענ א. אז. וו). קעדיי ארײַנצוטראָגנ א צעטומלונג אינ דער פּארטיי־מאסע אונ צו צעבינדנ זיכ די הענט צומ קאמפ מיט דער פּארטיי, זײַנענ די רעכטע — קאמעניעוו, זינאָוויעוו אונ ריקאָוו — ארויסגעטראָטנ דעמ 17 (4) נאָיאבער פונעמ צ"ק־באשטאנד. א ריי רעכטע (ריקאָוו, נאָגינ, טעאָדאָראָוויטש א. אנד.) האָבנ גלײַכצײַטיק אויכ געוואָרפנ זייערע פּאָסטנס אינעמ ראט פונ די פאָלק־קאָמיסארנ. לענינ איז אויסערגעוויינלעכ שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ אָט די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, האָט זיי געשטעמפּלט אלס דעזערטירנ אונ געפאָדערט, מע זאָל זיי, אויב זיי וועלנ ווײַטער פאָרזעצנ זייער דעזאָרגאניזאטאָרישע ארבעט, אויסשליסנ פונ דער פּארטיי.

> „... די אָפּאָזיציע, — האָט לענינ געשריבנ, — גייט אינגאנצנ אָפּ פונ אלע גרונט־פּאָזיציעס פונעמ באָלשעוויזמ אונ פונ פּראָלעטארישנ קלאסנקאמפ ביכלאל, איבערכאזערנדיק די טיפּ ניט־מארקסיסטישע ריידעלעכ וועגנ דער אוממעגלעכקייט פונ א סאָציאליסטישער רעוואָליוציע אינ רוסלאנד, וועגנ דער נייטיקייט נאָכצוגעבנ די אולטימאטומס אונ די דראָונגענ מיצאד דער בעפייִרעשער מינדערהייט אינ דער סאָוועטישער אָרגאניזאציע אוועקצוגיינ, אראָפּרײַסנדיק,

אפ אזא אופנ, דעמ ווילנ אונ די באשלוסנ פונעמ II אלרוסלענדישנ סאָוועטנ־צוזאמענפאָר, סאבאָטירנדיק, אפ אזא אופנ, די זיכ־אָנגעהויבענע דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אונ אָרעמסטנ פויערטומ"[1].

די פארטײ האָט אײנמוטיק פארורטײלט די קאפיטוליאנטישע פאָזיציע פונ די רעכטע אונ האָט אופגעפאָדערט פונ זײ, זײ זאָלנ זיכ אומבאדינגט אונטערווארפנ דער פארטײ־דיסציפלינ. קײנ אײנ פארטײ־אָרגאניזאציע האָט די רעכטע ניט געשטיצט. דאָס באשאפנ די פראָלעטארישע מעלוכע אונ דאָס דערשטיקנ דעמ ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע זײַנענ מעגלעכ געוואָרנ בלויז אדאנק דעמ אומקאָמפראָמיסלעכנ קאמפ מיט די וואקלונגענ אינ די רײענ פונ דער פארטײ גופע.

דער ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פראָדוקציע אונ פארטײלונג.

דאָס „צעברעכנ" די אלטע בורזשואז־מעלוכישע מאשינ אונ דאָס באשאפנ די פראָלעטארישע מעלוכע האָבנ געגעבנ דער פארטײ די מעגלעכקײַט מיט דערפאָלג פאנאנדערצוּוויקלענ דעמ קאמפ פארנ איבערבויענ די עקאָנאָמיק פונעמ לאנד אפ סאָציאליסטישע יעסוידעס. דעמ 27 (14) נאָיאבער 1917 יאָר האָט די סאָוועטישע רעגירונג ארויסגעגעבנ א „באשטימונג וועגנ דעמ ארבעטער־קאָנטראָל". דער ארבעטער־קאָנטראָל איז אײַנגעפירט געוואָרנ אפ די פאבריקנ, זאוואָדנ, אינ די האנדל־ אונ באנק־אונטערנעמונגענ, וואָס פארמאָגנ געדונגענע ארבעטער אָדער וואָס גיבנ ארויס ארבעט אפ אהײמ. פארווירקלעכנ דעמ קאָנטראָל האָבנ געדארפט די פאבריק־זאוואָדישע קאָמיטעטנ. די אָרגאנענ פונעמ ארבעטער־קאָנטראָל האָבנ געזאָלט קעמפנ מיטנ סאבאָטאזש פונ די אונטערנעמערס, נאָכשפירנ נאָכנ פראָדוקציע־ארויסלאָז, נאָכ די פינאנצנ, נאָכ דעמ, וויאזוי די אונטערנעמונגענ ווערנ באזאָרגט מיט רויוואַרג א. אז. וו. דער ארבעטער־קאָנטראָל האָט ארונטערגעריסנ די מאכט פונ די קאפיטאליסטנ אפ די אונטערנעמונגענ, ער האָט געהאָלפנ די ארבעטער צו דערווערבנ געוווינהײַטנ אינעמ אָנפירנ מיט דער פראָדוקציע אונ האָט געדינט ווי אנ איבערגאנג־שטאפל צומ נאציאָנאליזירנ די גאנצע אינדוסטריע.

די בורזשואזיע האָט אָנגעהויבנ א פארצווייפלטנ קאמפ קעגנ דעמ ארבעטער־קאָנטראָל.

שטרעבנדיק אײַנצוהאלטנ די פריערדיקע פאָזיציעס אירע, האָט זי מיט אלע מיטלענ געקעמפט קעגנ די מאָסמיטלענ פונ דער סאָוועטנמאכט. דער מאָסקווער פארבאנד פונ די אינדוסטריעלער האָט אלס ענטפער אפ דער באשטימונג וועגנ דעמ ארבעטער־קאָנטראָל דערקלערט, אז „די ארבעטער קענענ ניט זײַנ קאָמפעטענט אינ אזא קאָמפליצירטנ אינינע, ווי די אינדוסטריע". די פעטראָגראדער פאבריקאנטנ אונ זאוואָדטשיקעס האָבנ געמאָלדנ, אז אויב מע וועט אײַנפירנ דעמ ארבעטער־קאָנטראָל — פארמאכנ זײ זײערע אונטערנעמונגענ. די אינדוסטריעלער פונ אוראל האָבנ ארויסגעטראָגנ א באשטימונג אָפצונעמענ די קרעדיטנ בא יענע קרײַזנ, ווו ס'וועט אײַנגעפירט ווערנ דער ארבעטער־קאָנטראָל, א. א. וו. דערבײַ האָבנ זיכ די אונטערנעמערס ניט באגרענעצט מיט הוילע דראָונגענ, זײ פלעגנ זײ באלד דורכפירנ אינ לעבנ. אינ א גאנצער רײ פאלנ פלעגנ די באלעבאטימ פארמאכנ זײערע אונטערנעמונגענ אָדער זײ פלעגנ זײ איבערלאָזנ אפ העפקער, מיט דער האָפענונג, אז די ארבעטער, וואָס וועלנ ניט קענענ באהערשנ די פראָדוקציע, וועלנ זײַנ געצוווּנגענ צו קאפיטולירנ פאר דער בורזשואזיע. דידאָזיקע טאקטיק פונ די אונטערנעמערס, וואָס איז געצילט געווענ קעגנ דער רעוואָלוציע, איז געווענ א דירעקטע דערגאנצונג צו די מיליטערישע ארויסטרעטנ פונ פארשײדענע קאָנטררעוואָלוציאָנערע גרופעס (דער אָנגריפ פונ קערענסקי — קראסנאָוונ אפ פעטראָגראד אינ דער ערשטער העלפט נאָיאבער 1917 י., דער ארויסטרעט פונעמ קאָנטררעוואָלוציאָנערנ גענעראל קאלעדינ אפנ דאָנ אינ דעקאבער 1917 יאָר א. אנד.).

---

1) Ленин, т. XXX, стр 360.

די סאָוועטישע רעגירונג אָבער האָט פאָרגעזעצט אומאָפּנויגלעכ די פּאָליטיק פונ ארבעטער־קאָנטראָל, ענטפּערנדיק אפּ די ארויסטרעטונגענ פונ דער בורזשואזיע מיט מיטלענ פונ אנטשיידנדיקנ דערשטיקנ זי. די פאבריקנ אונ זאוואָדנ פונ די סאבאָטירנדיקע אונטערנעמערס פלעגנ דערקלערט ווערנ פאר מעלוכע־אייגנטום. בלויז דורכנ אומראכמאָנעסדיקנ דערשטיקנ איז מעגלעכ געוואָרנ צו עקספּראָפּריִרנ די קאפּיטאליסטנ אונ צו דעראָבערנ די גרונטיקע קאָמאנדע־הייכנ אינ דער פאָלק־ווירטשאפט.

כאראקטעריזירנדיק אָט דעמ פעריִאָד פונ ווירטשאפטלעכער פּאָליטיק ווי א „רויטגווארדייִשע אטאקע" אפנ קאפּיטאל, האָט לענינ שפּעטער געשריבנ:

„עס פלעגנ אונדז אָפט פאָרווארפנ די לאקייענ פונ דער בורזשואזיע, אז מיר האָבנ געפירט א „רויטגווארדייִשע" אטאקע אפנ קאפּיטאל. דאָס איז א פאָרוווּרפ אנ אומגעלומפּערטער, וועלכער פאסט טאקע פאר לאקייענ פונעמ געלט־זאק. ווײַל די „רויטגווארדייִשע" אטאקע אפנ קאפּיטאל איז אינ איר צײַט אומבאדינגט דיקטירט געוואָרנ דורכ די אומשטאנדנ: ערשטנס, האָט דער קאפּיטאל געשטעלט א מיליטערישנ ווידערשטאנד אינ דער פּערזאָנ פונ קערענסקינ אונ קראסנאָוונ, סאווינקאָוונ אונ גאָצנ... א מיליטערישנ ווידערשטאנד האָט מענ ניט געקענט ברעכנ אנדערש ווי מיט מיליטער־מיטלענ, אונ די רויטגווארדייער האָבנ געטאָנ די איידלמוטיקסטע אונ גרעסטע היסטאָרישע זאכ פונ באפרײַענ די ארבעטנדיקע אונ עקספּלואטירטע פונ אונטערנ דרוק פונ די עקספּלואטאטערס" [1]).

נאָכנ דעקרעט וועגנ ארבעטער־קאָנטראָל איז די סאָוועטישע רעגירונג צוגעטראָטנ צומ נאציִאָנאליזירנ א ריי וויכטיקסטע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט. אינ דעקאבער 1917 יאָר איז דורכגעפירט געוואָרנ די נאציִאָנאליזאציע פונ די בענק, אונ דאָס האָט דערלאנגט דעמ שטארקסטנ קלאפּ איבערנ פינאנצ־קאפּיטאל. וואָס פאר א גוואלדיקע קראפט עס איז געווענ קאָנצענטרירט אינ די הענט פונעמ פינאנצ־קאפּיטאל, איז צו זענ דערפונ, וואָס נאָכ פאר דער מילכאָמע האָבנ די בענק קאָנטראָלירט 85,7% פונ דער גאנצער רוסישער מעטאלורגיע, 76,9% פונ די שטיינקוילנ־גרובנ אונ 85% פונ די נאפט־אונטערנעמונגענ. צו דער מעלוכע אינ די הענט זײַנענ איכ אריבער אלע אײַזנבאנענ, וואָס האָבנ זיכ ביזנ אָקטיאבער געפונענ אינ רעשוס פונ דער צארישער קאזנא אָדער פונ די אקציִאָנערע קאָמפּאניעס. אינ אָנהייב 1918 יאָר איז נאציִאָנאליזירט געוואָרנ דער וואסער־טראנספּאָרט. אפּ אָנצופירנ מיט דער פאָלקווירטשאפט פונעמ לאנד איז אינ דעקאבער 1917 יאָר געשאפנ געוואָרנ דער העכסטער ראט פאר דער פאָלקווירטשאפט (ווסנ"כ) — דער אָרגאנ פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אינעמ געביט פונ דער עקאָנאָמיק פונ לאנד. ווײַטער האָט די סאָוועטישע רעגירונג דערקלערט אינ אָנהייב 1918 יאָר די מאָנאָפּאָל פונעמ אויסערלעכנ האנדל, ד. ה. זי האָט קאָנצענטרירט דעמ גאנצנ ארײַנפיר אונ ארויספיר פונ סכוירעס (דעמ אימפּאָרט אונ דעמ עקספּאָרט) אויסשליסלעכ אינ די הענט פונ דער מעלוכע. אדאנק דער מאָנאָפּאָל פונעמ אויסערנ־האנדל האָט די סאָוועטישע רעגירונג געקראָגנ א מעגלעכקײַט צו רעגולירנ די האנדל־באציִונגענ מיט אויסלאנד אינ הסכּעמ מיט די אינטערעסנ פונ אנטוויקלענ די סאָציִאליסטישע בויונג.

דעמ גרעסטנ באטײַט אינעמ קאמפּ פארנ באפרײַענ די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ פונעמ יאָכ פונ פינאנצ־קאפּיטאל האָט געהאט דאָס, וואָס די סאָוועטנ־רעגירונג האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו צאָלנ די אלטע צארישע כויוועס (דער דעקרעט פונ 28 יאנווארּ 1918 י.), וואָס די אלגעמיינע סומע זייערע האָט דערגרייכט ביז אנערעכ 12 מיליארד גאָלד־רובל.

דאָס פארווירקלעכנ אָט די אלע מאָסמיטלענ איז געווענ בלויז די ערשטע טריט אינעמ געביט פונ סאָציִאליסטישער בויונג. ווײַטער איז נייטיק געווענ צו נאציִאָנאליזירנ אלע פאבריקנ אונ זאוואָדנ פונ דער בורזשואזיע.

[1]) Ленин, т. XXII, стр 445.

אָט פאַרוואָס עס איז עטוואָס שפּעטער (דעמ 28 יונ 1918 י.) אַרויסגעגעבנ געוואָרנ דער דעקרעט וועגנ נאַציאָנאַליזירנ אײַנגאַנצנ די גרויס־אינדוסטריע. שפּעטער איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרנ אויכ די מיטעלע אינדוסטריע. דאָס נאַציאָנאַליזירנ די גרויסע אונ מיטעלע אינדוסטריע האָט קאָנצענטרירט אינ די הענט פונ דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע אַלע וויכטיקסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ פונעמ לאַנד, אונ אפ דעמ יעסאָד האָבנ די פּאַרטיי אונ דער אַרבעטער־קלאַס באַקומענ די מעגלעכקײַט שנעל צו רוקנ פאָרויס די סאָציאַליסטישע בויונג.

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פונ דער ראַטנמאַכט.

אײנע פונ די וויכטיקסטע פראַגעס, וואָס פונ איר לײזונג איז געווענ אָפּהענגיק דאָס פאַרפעסטיקנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, איז געווענ די נאַציאָנאַלע פראַגע. שטרעבנדיק צו דערנענטערנ די אַרבעטנדיקע פונ פאַרשײדענע נאַציאָנאַליטעטנ צוליבנ געמײנזאַמענ קאַמפ מיט די פּריצימ אונ מיט דער בורזשואַזיע, האָט די פּאַרטיי זיכ באַלד גענומענ פאַרניכטנ יעטווידנ נאַציאָנאַלנ דרוק אונ יעטווידע אומגלײַכהײַט.

Декларація правъ народовъ Россіи

1) Равенство и суверенность народовъ Россіи.

Іосифъ Джугашвили-Сталинъ
Председатель Совета Народныхъ Комиссаровъ
В. Ульяновъ (Ленинъ)

דעקלאַראַציע וועגנ די רעכט פונ די פעלקער אינ רוסלאַנד.

דעמ 16 (3) נאָיאַבער 1917 יאָר האָט די סאָוועטישע רעגירונג אַרויסגעגעבנ אַ דעקלאַראַציע וועגנ די רעכט פונ די פעלקער אינ רוסלאַנד. דידאָזיקע דעקלאַראַציע האָט פּראָקלאַמירט די גלײַכהײַט אונ אומאָפּהענגיקײַט פונ אַלע פעלקער, דאָס רעכט אפ זעלבסטבאַשטימונג אוש ביזנ אָפּטײלנ זיכ אונ שאַפנ זעלבשטענדיקע מעלוכעס.

אפ צו פאַרווירקלעכנ די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פונ דער סאָוועטנמאַכט איז באַשאַפנ געוואָרנ אַ פעלק־קאָמיסאַריאַט פאַר די נאַציאָנאַליטעטנ־איניאָנימ, וואָס אינ זײַנ שפּיצ האָט די פּאַרטיי אַוועקגעשטעלט דעמ כ׳ ס ט אַ ל י נ, וועלכער האָט נאָכ ביז דער רעוואָלוציע פאַנאַנדערגעאַרבעט צוזאַמענ מיט לענינענ די יעסוידעס פונ דער טעאָריע אונ פּאָליטיק פונ אונדזער פּאַרטיי אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

מיט איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט די סאָוועטנ־רעגירונג אינ גרונט פאַרניכטעט יעטווידנ נאַציאָנאַלנ דרוק, זי איז בײַגעקומענ דעמ אומצוטרוי צו אַלצ, וואָס איז רוסיש, מיט וועלכנ עס זײַנענ געווענ דורכגעדרונגענ די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ, אונ האָט געשאַפנ אַ פעסטנ גרונט פאַרנ בונד פונ די אַרבעטנדיקע פונ אַלע נאַציאָנאַליטעטנ אינ זײער קאַמפ קעגנ די אונטערדריקער.

דאָס דורכפירן די לעניניש נאַציאָנאלע פּאָליטיק האָט ארויסגערופן א צעיושעטע אופגערײצטקײַט בא דער גרויסהערשערישער רוסישער בורזשואזיע און בא די רוסישע פּריצים. קעגן דער נאַציאָנאלער פּאָליטיק פון דער פּארטיי זײַנען אויך ארויסגעטראָטן די פּארמעגלעכע קלאסן פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאליטעטן. אויסנוצנדיק די נאָך ניט־געגנוגע באוווסטזיניקײַט און אָרגאַניזירטקײַט פון די האָרעפּאשניקעס פון די נאַציאָנאלע ראַנד־געגנטן, האָט די נאַציאָנאלע בורזשואזיע אין א גאנצער ריי ערטער זיך צוגעײַלט נאָך דער אָקטיאבער־איבערקערעניש צו פארכאפּן די מאכט אין אירע

י. סטאלין אין 1917 י.

הענט. אין אוקראַינע האָט זיך דעם 14 (1) נאָיאבער 1917 יאָר דערקלערט פאר א מאכט די אוקראַינישע צענטראלע ראדע, וואָס אין איר שפּיץ האָבן זיך געפונען די אוקראַינישע מענשעוויקעס און עסערן. אין דעקאבער האָט זיך געשאפן א בורזשואזע רעפּובליק אין פינלאנד. אויך די לאַטווישע בורזשואזיע האָט דאן באשטימט צו־צוטרעטן צום צונויפרופן א גרינדונג־פארזאמלונג אין לאַטוויע א. אז. וו. קומענדיק צו דער מאכט, האָט די בורזשואזיע פון די נאַציאָנאלע ראנד־געגנטן אָנגעווענדט אלע אירע קויכעס אפּ אײַנצוהיטן אין אירע הענט אירע ערדן און פאבריקן און אפּ ניט צו געבן די ארבעטנדיקע קיין מעגלעכקײַט ארויסצוווארפן פון זיך דעם עקס־פּלואטאציע־יאָך. קעדיי צו שטערן דער פארשפּרייטונג פון סאָוועטנמאכט אפּ די נאַ־ציאָנאלע געגנטן, האָט די נאַציאָנאלע בורזשואזיע געשלאָסן אָפּמאכן מיט דער רוסי־שער בורזשואזיע און מיט די אימפעריאליסטן פון מײַרעוו.

אזוי, האָט די אוקראַינישע ראדע שוין פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ אָנגעהויבן זיך זוכן א שטיצע בא די פראנצויזישע אימפעריאליסטן,

האָט מיטגעווירקט דער קאָנטררעוואָליוציע אפנ דאָנ, האָט זיכ אָפּגעזאָגט דורכצולאָזנ דורכ איר טעריטאָריע די רויטגווארדייִשע אָטריאדנ צום קאמפ מיט קאַלעדינענ א. אַז. וו.

זוכנדיק שטיצע בא די מײַרעוו־אייראָפּייִשע אימפּעריאַליסטנ און בא דער רוסישער בורזשואַזיע, זײַנענ די רעגירונגענ פונ די נאציאָנאַלע ראנד־געגנטנ פולקום ארונטערגעפאלנ אונטער זייער ווירקונג. אומאָפּהענגיקע בלויז מיטנ מויל, האָבנ זיכ די בורזשואַזע רעגירונגענ פונ די ראנד־געגנטנ פארוואנדלט אינ אייִנפאכע צוגאָבנ צו די מײַרעווריקע אימפּעריאַליסטנ. די פּרווו פונ דער נאציאָנאלער בורזשואַזיע זיכ קעגנצושטעלנ קעגנ סאָוועטנרוסלאנד פלעגנ אומפארמײַדלעכ ברענגענ צו דער פארשטארקונג פונ אַלע מינימ דרוק איבער די ארבעטנדיקע מאסנ, דעריבנ אויכ פונעם נאציאָנאלנ דרוק. און די דערפארונג פלעגט זאָגנ די ארבעטנדיקע מאסנ, אַז בלויז די ראַטנמאכט מיט איר נאציאָנאַלער פּאָליטיק איז פייִק בעעמעס צו באוואָרענענ דאָס באפרײַענ זיכ פונעם דרוק און פונ נאציאָנאלער אומגלײַכקײַט.

האַלטנדיק זיכ שטרענג בא די יעסוידעס פונ איר נאציאָנאלער פּאָליטיק, וועלכע זײַנענ פּראָקלאמירט געוואָרנ אינ דער דעקלאַראציע וועגנ די רעכט פונ די פעלקער אינ רוסלאנד, האָט די סאָוועטנ־רעגירונג אנערקענט די אָפּטיילונג פונ פינלאנד און די אומאָפּהענגיקײַט פונ אוקראַיִנע, ניט געקוקט דערויפ, וואָס די מאכט האָט זיכ דאָרט געפונענ בא דער בורזשואַזיע. דאָס האָט באוויזנ אפילע די אָפּגעשטאַנענסטע מאסנ, אַז די סאָוועטנמאכט זאָגט זיכ אָפּ ניט בלויז מיטנ מויל, נאָר אויכ פאקטיש, פונ דער אלטער צארישער פּאָליטיק פונ פארכאַפּונגענ און גוואלדטאַט. אָבער גלײַכצײַטיק האָט די פּארטיי סיסטעמאַטיש דעמאַסקירט דעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טאָכ פונ דער בורזשואַזיע פונ די נאציאָנאלע ראנד־געגנטנ, אויפדעקנדיק דעמ עקספּלואַטאַטערישנ כאַראַקטער פונ איר פּאָליטיק און איר אומפייִקײַט קאָנסעקווענט צו קעמפנ פאר דער נאציאָנאלער אומאָפּהענגיקײַט. אינ רעזולטאַט פונ דעררעזיקער אגיטאציע און אפנ גרונט פונ די לעקציעס פונעם לעבנ גופע האָבנ די ארבעטנדיקע פונ די נאציאָנאַלע ראנד־געגנטנ גיכ אָנגעהויבנ צו פארשטיינ, אַז זייערע עמעסע פארבינדעטע זײַנענ בלויז די רוסישע ארבעטער, און אַז אנ עמעסע באפרײַונג פונ נאציאָנאַלנ דרוק איז מעגלעכ בלויז אונטער דער סאָוועטנמאכט.

אינ יאנוואר 1918 יאָר האָט אויסגעבראָכנ אנ ארבעטער־רעוואָליוציע אינ פינלאנד. אינ פעוראַל האָט זיכ צעברענט א זיגרײַכער אויפשטאנד פונ די אוקראַיִנישע ארבעטער און פויערימ קעגנ דער אוקראַיִנישער ראַדע. סײַ אינ פינלאנד, סײַ אינ אוקראַיִנע האָבנ זיכ געשאַפנ סאָוועטישע רעגירונגענ. דאָס איז מעגלעכ געווענ בלויז אדאנק דעמ ריכטיקנ דורכפירנ די לעניניסטע נאציאָנאלע פּאָליטיק.

אזויארום, איז אינ רעזולטאַט פונ דער נאציאָנאלער פּאָליטיק פונ דער סאָוועטנמאכט האָבנ די ארבעטנדיקע פונ די אונטערדריקטע פעלקער זיכ אָנגעהויבנ צונויפשליסנ ארום דעמ פּראָלעטאַריאַט פונ רוסלאנד, קעדיי אונטער זײַנ אָנפיר צו קעמפנ פארנ פולקומענ זיג פונעמ סאָציאַליזמ. אָבער די נאציאָנאַלע פּאָליטיק פונ די באָלשעוויקעס האָט ניט בלויז דערנעענטערט דעמ רוסישנ פּראָלעטאַריאַט מיט די ארבעטנדיקע פונ די נאציאָנאַלע ראנד־געגנטנ. זי האָט אויכ מיטגעווירקט צו פארפעסטיקנ דעמ בונד צווישנ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און דער נאציאָנאַל־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ די קאָלאָניעס (כינע, אינדיע, פּערסיע און אַנד.), ווו די ארבעטנדיקע האָבנ זיכ געגומענ איבערצײַגנ אפ דער דערפארונג פונעם דערלייזנ די נאציאָנאַלע פראגע אינ רוסלאנד, אַז בלויז אונטערנ אָנפיר פונעם סאָציאַליסטישנ פּראָלעטאַריאַט איז מעגלעכ פּאָטער צו ווערנ פונ יעטווידנ נאציאָנאַלנ דרוק.

דאָס צעגראָמירנ די נעסטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע און דער טריומפאלער מארש פונ דער סאָוועטנמאכט.

די דעקרעטנ וועגנ שאָלעמ און ערד, די באשטימונג וועגנ ארבעטער־קאָנטראָל, דער קאמפ פארנ פארווירקלעכנ די רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג —

דאָס אַלצ האָט באַוואָרנט פאַר דער סאָוועטנמאַכט די שטיצע פונ די סאַמע ברייטסטע שיכטנ ארבעטנדיקע. זיכ אָנגעהויבנ אינ די גרעסטע צענטערס, האָט זיכ די רעוואָליוציע פארשפרייט אָנ אָפּהאַלט אויכ איבער די ראַנדנ פונעמ לאַנד. די ארבעטער אונ פויערימ פלעגנ אומעטומ אָפּנעמענ בא די פריצימ זייערע ערדנ אונ אײַנפירנ אַנ ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע. גרינגער ווי אומעטומ האָט זיכ די סאָוועטנמאַכט פארפעסטיקט אינ די הויפּטשטעט אונ אינ די גרעסטע אינדוסטריעלע ראַיאָנענ אַדאַנק דעמ, וואָס דאָרט איז געווענ אַ פילצאָליקער פּראָלעטאַריאַט. אַ מער אײַנגעשפּאַרטנ ווידערשטאַנד קעגנ דער סאָוועטנמאַכט האָט ארויסגעוויזנ די קאָנטררעוואָליוציע אינ אַ ריי אַזעלכע ראַנד־געגנטנ, ווו דער פּראָלעטאַריאַט איז געווענ שוואַכער אונ דער בורזשואַזיע איז דעריבער לײַכטער געווענ צו אָרגאַניזירנ דעמ קאַמפ קעגנ די סאָוועטנ.

אָט אַזוינע ראַנד־געגנטנ, ווו די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו אָרגאַניזירנ אַ מער־ווייניק דויערנדיקנ ווידערשטאַנד קעגנ דער סאָוועטנמאַכט, זײַנענ געווענ די אָרענבורגער גובערניע אונ דאָנער געגנט מיט זייער פארמעגלעכער קאָזאַקישער באַפעלקערונג.

אינ אָרענבורג האָט זיכ פאַר אַ מאַכט דערקלערט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אַטאַמאַנ דוטאָוו (נאָיאַבער 1917 י.). אויפנ דאָנ האָט אַ קאָנטררעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש געמאַכט דער גענעראַל קאַלעדינ (דעקאַבער 1917 י.). די געוועזענע צאַרישע גענעראַלנ אַלעקסייעוו, קאָרנילאָוו אונ דעניקינ האָבנ אָנגעהויבנ אָרגאַניזירנ אויפנ דאָנ צומ קאַמפ קעגנ דער סאָוועטנמאַכט אַ פרײַוויליקע אַרמיי. אויפנ דאָנ זײַנענ זיכ אויכ צוזאַמענגעפאָרנ די אָנגעזעענסטע קאָנטררעוואָליוציאָנערנ אונ פאָרשטייערס פונ דער רוסישער בורזשואַזיע — ראָדזיאַנקאָ, מיליוקאָוו, שולגינ א. אַנד. דער דאָנ האָט זיכ, אַזוי ארומ, פארוואַנדלט אינ אַנ אַלרוסלענדישנ צענטער פונ קאָנטררעוואָליוציאָנערע קרעפטנ. אָבער ניט דוטאָוו אונ ניט קאַלעדינ האָבנ זיכ ניט געקענט לאַנג האַלטנ. עס האָט זיכ קעגנ זיי אָרגאַניזירט אַנ אויפשטאַנד פונ די אָרטיקע ארבעטער, פויערימ אונ האָרעפּאַשנע קאָזאַקנ, וועלכע האָבנ צוזאַמענ מיט די אָנגעקומענע פונ צענטער רויט־גוואַרדייִשע אָטריאַדנ צעגראָמירט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע גענעראַלנ אונ ווידער אויפגעשטעלט די סאָוועטנמאַכט. אונטערנ אָנפיר פונ דער פּאַרטיי האָט זיכ זייער דערפאָלגרײַכ פאַנאַנדערגעוויקלט דער אויפשטאַנד פונ די אוקראַאינישע ארבעטער אונ פויערימ קעגנ דער ראַדע־רעגירונג. סאָפ 1917 יאָר איז פאָרגעקומענ אינ כאַרקאָוו דער I סאָוועטנ־צוזאַמענפאָר אינ אוקראַינע, וואָס אויפ אימ איז געשאַפנ געוואָרנ אַנ אוקראַאינישע סאָוועטנ־רעגירונג.

אינ דער צײַט, ווענ די ווירקונג פונ די באָלשעוויקעס האָט געהאַלטנ אינ אײַנוואַקסנ, האָבנ די עסערנ אונ מענשעוויקעס געהאַלטנ אינ פארלירנ זייער לעצטנ אָנשפּאַר בא די ברייטע מאַסנ. אינ נאָיאַבער 1917 האָט זיכ אינ פּעטראָגראַד, ניט געקוקט אויפ דער קעגנווירקונג פונ די רעכטע עסערנ, צונויפגענומענ דער אויסעראָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר פונ די סאָוועטנ פונ פויערימ־דעפּוטאַטנ, וועלכער האָט זיכ ארויסגעזאָגט פארנ שטיצנ די סאָוועטנמאַכט. עטוואָס שפּעטער (דעמ 9 דעקאַבער 1917 י.) איז פאָרגעקומענ דער II אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פונ פויערימ־דעפּוטאַטנ, וואָס אויפ אימ האָבנ די רעכטע עסערנ אַנטוויקלט אַ פארצווייפלטנ קאַמפ קעגנ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אָבער ניט געקוקט אויפ אַלע פּרווונ אויפצוהייבנ די פויערימ קעגנ די באָלשעוויקעס, האָט דער צוזאַמענפאָר, אינ רעזולטאַט פונ אַ הייסנ קאַמפ, באַוויליקט די פּאָליטיק פונעמ ראַטפאָלקאָמ.

די באָלשעוויקעס האָבנ ניט בלויז צעגראָמירט די רעכטע עסערנ, נאָר זיי האָבנ זיכ נאָכ אויכ דערשלאָגנ דערצו, אַז די לינקע עסערנ, וואָס נאָכ זיי איז געגאַנגענ נאָכ אַ היפּשער טייל פויערימ אונ וואָס ביז דעמלט האָבנ זיי געהאַט פארנומענ זייער אַנ אומבאַשטימטע פּאָזיציע, האָבנ איצט דערקלערט, אַז זיי שטיצנ די עקזיסטירנדיקע רעגירונג. אַזוי ווי די לינקע עסערנ האָבנ איבערגעריסנ מיט די רעכטע אונ האָבנ גענומענ שטיצנ די סאָוועטנמאַכט, האָט די פּאַרטיי זיי פאָרגעלייגט אָנטיילצונעמענ אינ דער סאָוועטנ־רעגירונג. די לינקע עסערנ זײַנענ דערויפ אײַנגעגאַנגענ. אינעמ ראַטפאָל־

קאָמ איז פונ די לינקע עסערנ ארײַנ עטלעכע מאנ, פונ זיי איז א לינקער עסער באַשטימט געוואָרנ פארנ פאָלק־קאָמיסאר פאר ערדארבעט. דער אָנטייל פונ די לינקע עסערנ אינ דער רעגירונג איז געווענ פארבונדנ מיטנ באַדינג פונ זייער פולנ אנערקענענ אלע גרונט־דעראָבערונגענ פונעמ אָקטיאַבער (די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, די דעקרעטנ וועגנ ערד, וועגנ שאָלעמ א. אנד.). דער בלאָק מיט די לינקע עסערנ האָט מיטגעהאָלפנ אָפּצורײַסנ פונ די עסערנ יענעמ טייל פויערימ, וואָס האָט זיכ נאָכ געפונענ אונטער זייער ווירקונג. דערדאָזיקער בלאָק האָט אָבער אינ דער מינדסטער מאָס ניט באַטײַט, אז „מע טיילט די מאכט" מיט דער קליינבורזשואזיע אָדער אז ס'ווערט אָפּגעשוואכט די פירנדיקע ראָליע פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי. דער איינציקער אָנפירער מיט דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט איז געווענ אונ געבליבנ די פארטיי באָלשעוויקעס.

זייער א גרויסנ באַטײַט אינעמ קאמפ פארנ פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט האָט געהאט די פארטיי־טאקטיק אינ דער פראגע וועגנ דער גרינדונג־פארזאמלונג. ביזנ אָקטיאַבער האָט זיכ דאָס צוגרייטנ די גרינדונג־פארזאמלונג געפרנעג אינ די הענט בא דער צײַטווײַליקער רעגירונג. די לעצטע האָט זיכ ניט געכאפּט מיט די וואלנ אינ דער גרינדונג־פארזאמלונג, ווײַל זי האָט געשטרעבט זיי אָפּצוציענ וואָס לענגער, ביז ס'וועט זיכ ניט אײַנגעבנ צו צעגראָמירנ די קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע. קעדיי צו דעמאסקירנ דידאָזיקע פאָליטיק, האָט די פארטיי געפאָדערט, אז די גרינדונג־פארזאמלונג זאָל צונויפגערופנ ווערנ אינעמ קירצסטנ טערמינ. דערבײַ פלעגט די פארטיי אונטערשטרײַכנ דעמ צײַטווײַליקנ אונ באַגרענעצטנ באַטײַט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג: זי איז טאַקע די העכסטע אנטפלעקונג פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, זי טויג אָבער ניט אפ צו פארווירקלעכנ די פראָלעטארישע דעמאָקראטיע אונ די אויפגאבעס פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

די וואלנ אינ דער גרינדונג־פארזאמלונג האָבנ זיכ פארענדיקט נאָכ דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש. צוליב דעמ, וואָס געגרייט האָט מענ די וואלנ נאָכ ביזנ אָקטיאַבער אונ פארנומענ האָט זיכ דערמיט די צײַטווײַליקע רעגירונג, האָבנ היפשע שיכטנ האָרעפאשניקעס ניט באַוויזנ זיכ פאנאנדערצוקלײַבנ אינעמ באַטײַט פונ די פארשיידענע פארטייענ. די לינקע עסערנ האָבנ דעמלט נאָכ ניט געהאט איבערגעריסנ מיט די רעכטע אונ זײַנענ געגאנגענ מיט זיי צוזאמענ אינ געמיינזאמע צעטלענ. דאָס אלצ האָט געבראכט דערצו, אז באַדײַטנדיקע מאסנ פויערטומ האָבנ אויסגעוויילט אסאכ פאָרשטייער פונ דערדאָזיקער פארטיי. אינ רעזולטאט פונ די וואלנ איז די מערהײַט אינ דער גרינדונג־פארזאמלונג באַשטאנענ פונ רעכטע עסערנ אונ מענשעוויקעס. די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ פונ אלע מינימ האָבנ זיכ צוגעײַלט ברייט אויסצונוצנ דעמדאָזיקנ פאקט.

די בורזשואזיע, די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ זיכ געפרוווט פארוואנדלענ די גרינדונג־פארזאמלונג אינ אנ אָרגאניזירנדיקנ צענטער פאר אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע קרעפטנ. זיי האָבנ געהאָפט, אז דעמ אויטאָריטעט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג וועלנ אפילע די באָלשעוויקעס זיכ ניט דערוועגנ אָנצורירנ, אונ אז אונטער איר פאָנ וועט זיכ עס זיי אײַנגעבנ פאנאנדערצוּוויקלענ א דערפאָלגרײַכנ קאמפ קעגנ דער סאָוועטנמאכט. סאָפ 1917 יאָר האָט די בורזשואזיע אָרגאניזירט צוזאמענ מיט די מענשעוויקעס אונ עסערנ א „קאָמיטעט צו שיצנ די גרינדונג־פארזאמלונג", וועלכער האָט זיכ אינטענסיוו פארנומענ מיטנ צוגרייטנ אנטיסאָוועטישע ארויסטרעטונגענ.

די באָלשעוויקעס האָבנ וועגנ דער פראגע פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג גענומענ פירנ א ברייטע אויפקלער־ארבעט אינ די מאסנ. זיי האָבנ זיי גענומענ אויפווײַזנ, אז מיטנ זיג פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע איז שוינ פארבײַ די צײַט פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. די מאכט דארפ זיכ געפינענ אויסשליסלעכ בא די סאָוועטנ אינ די הענט. אָבער קעדיי צו באַווײַזנ די מאסנ די גאנצע ריכטיקײַט פונ אָט דער פאָזיציע, האָט מענ זיי געדארפט געבנ די מעגלעכקײַט צו איבערצײַגנ זיכ אפ דער אייגענער דערפארונג אינ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערישקײַט פונ דער בורזשואזער „אוטשרעדילקע".

„קעדיי צו אנטקרוינענ בא די פאָלק־מאסנ אינ די אויגנ די אידיי וועגנ דער גרינדונג־פארזאמלונג, — שרייבט כ׳ סטאלינ, — איז נייטיק געווענ צוצופירנ די־דאָזיקע מאסנ צו די ווענט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג מיט זייער פאָדערונג וועגנ ערד, שאָלעמ, סאָוועטנמאכט, צונויפשטויסנדיק זיי, אזויארומ, מיט דער ווירקלעכער אונ לעבעדיקער גרינדונג־פארזאמלונג; ...בלויז אפ אזא אויפנ האָט מענ געקענט פארגרינגערנ די מאסנ איבערצוצייגנ זיכ אפ זייער אייגענער דערפארונג אינ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערישקייט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג אונ אינ דער נייטיקייט זי צו צעטרייבנ"[1].

אָט פארוואָס די באָלשעוויקעס האָבנ באשלאָסנ, אז די גרינדונג־פארזאמלונג דארפ מענ פונדעסטוועגנ צונויפרופנ, כאָטש די מאכט האָט זיכ שוינ געפונענ בא די סאָוועטנ.

די גרינדונג־פארזאמלונג האָט זיכ געעפנט דעמ 18 (5) יאנוואר 1918 י. די באָלשעוויקעס האָבנ איר פאָרגעלייגט אָנצונעמענ די דעקלאראציע וועגנ די רעכט פונעמ ארבעטנדיקנ אונ עקספלואטירטנ פאָלק, וואָס אינ איר איז דערקלערט געווענ וועגנ דעמ אנערקענענ די סאָוועטנמאכט אונ אלע גרונט־דעראָבערונגענ פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע (דער דעקרעט וועגנ שאָלעמ, וועגנ ערד, ארבעטער־קאָנטראָל א. אז. וו.) די מענשעוויסטיש־עסערישע מערהייט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג האָט זיכ אָפגעזאָגט אפילע צו באהאנדלענ דעמ פאָרשלאָג פונ די באָלשעוויקעס. דערמיט גופע האָט זי שארפ אונטערגעשטראָכנ איר פיינטלעכע באציִונג צו דער סאָוועטנמאכט. אזא טריט האָט באוויזנ די מאסנ אינ טאט די גאנצע קאָנטררעוואָליוציאָנערישקייט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג. לויט דער באשטימונג פונ וועציק דעמ 20 (7) יאנוואר 1918 יאָר איז די גרינדונג־פארזאמלונג פאנאנדערגעלאָזט געוואָרנ. ניט געקוקט אפ דער אגיטאציע פונ די מענשעוויקעס, עסערנ אונ פונ די בורזשואזע פארטייענ, האָבנ זיכ ניט די ארבעטער, ניט די פויערימ ניט אופגעהויבנ זי צו פארטיידיקנ.

אזא רעזולטאט איז געווענ א גלענצנדיקע באשטעטיקונג פונ דער ריכטיקייט פונ דער באָלשעוויסטישער טאקטיק.

אינ יאנוואר, נאָכנ צעטרייבנ די גרינדונג־פארזאמלונג, האָט זיכ צונויפגענומענ דער III סאָוועטנ־צוזאמענפאָר. ער האָט באשטעטיקט די דעקלאראציע וועגנ די רעכט פונעמ ארבעטנדיקנ אונ עקספלואטירטנ פאָלק, וואָס האָט געדינט פאר א גרונט פאר דער שפעטער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע פונ דער סאָוועטנ־רעפובליק.

פונעמ אראָפוואָרפנ די צייטווייליקע רעגירונג ביזנ צעטרייבנ די גרינדונג־פארזאמלונג איז אריבער אינגאנצנ אוועלכע ניט איז צענ וואָכנ. די סאָציאליסטישע רעוואָליוציע האָט אָבער דערגרייכט פאר דער־דאָזיקער צייט צו קאָלאָסאלע דערפאָלגנ. די פארטיי האָט ביזנ גרונט צעבראָכנ די אלטע מעלוכע־מאשינ אונ האָט אופגעבויט די סאָוועטנ־מעלוכע. זי איז צוגעטראָטנ צומ לייזנ די שאָלעמ־פראגע; זי האָט דורכגעפירט די נאציאָנאליזאציע פונ די בענק אונ פונ די גרעסטע אונטערנעמונגענ אונ האָט איינגעשטעלט דעמ ארבעטער־קאָנטראָל. פאריינוועגס, „פארביי־גייענדיק", זיינענ פארניכט געוואָרנ אלע איבערבלייבעכצנ פונעמ לייבייגנטומ אונ עס זיינענ פארענדיקט געוואָרנ די אופגאבעס פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע. דאָס האָט זיכ אויסגעדריקט דערינ, וואָס די סאָוועטנמאכט האָט ליקווידירט דעמ פריצישנ ערדבאזיצ אונ דעמ נאציאָנאלנ דרוק. זי האָט פארניכט אלע טשינענ אונ שטאנדנ פונעמ צארישנ רוסלאנד, א סאָפ געמאכט צו דער אומגלייכבארעכטיקטקייט פונ די פרויענ, האָט דורכגעפירט דאָס אָפטיילנ די קירכ פונ דער מעלוכע א. אז. וו. לענינ האָט געשריבנ, אז פאר עטלעכע וואָכנ האָבנ מיר אופגעטאָנ אינעמ געביט פונ קאמפ מיטנ לייבייגנטומ טויזנט מאָל מערער, איידער עס האָבנ אָפגעטאָנ פאר די אכט כאדאָשימ פונ זייער הערשאפט די קאדעטנ אונ די קליינבירגערלעכע דעמאָקראטנ (די מענשעוויקעס אונ עסערנ).

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 96.

„מיר האָבנ העט ארויסגעשלײַדערט די גאנצע מאָנארכיסטישע אומריינ־קײַט, ווי קיינער ניט, ווי קיינמאָל ניט, — האָט לענינ געזאָגט. — מיר האָבנ ניט איבערגעלאָזט קיינ שטיינ אפ א שטיינ, קיינ ציגל אפ א ציגל אינ דער דווירעסדיקער געבײַדע פונ דער שטאנדנ־סיסטעם" [1]).

צו אזא פולקומענ פארניכטנ דאָס לײַבאייגנשום, צו וועלכנ עס האָט זיכ דער־שלאָגנ דער רוסישער פראָלעטאריאט, האָט זיכ נאָכ ניט דערשלאָגנ קיינ איינ רע־וואָליוציע אינ דער וועלט. די סאָוועטנמאכט האָט זיכ פארשטארקט, פארפעסטיקט און האָט פארשפרייט איר ווירקונג אפ די סאמע ווײַטסטע ראנד־געגנטנ. לענינ האָט אָנגערופנ דעמדאָזיקנ פעריאָד — „טריומפאלער מארש" פונ דער סאָוועטנמאכט.

די פארטיי אינ קאמפ פאר דער לענינישער ליניע אינ דער שאָלעמ־פראגע.

אלס איינע פונ די וויכטיקסטע פראגעס נאָכנ דעראָבערנ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט איז געבליבנ די פראגע וועגנ רוסלאנדס ארויסגיינ פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. אפנ דעקרעט פונעמ II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר וועגנ שאָלעמ



די סטיכיישע דעמאָביליזאציע פונ דער אלטער ארמיי.

האָבנ די רעגירונגענ פונ דער אנטאנטע (ענגלאנד, פראנקרײַכ א. אנד.) ניט געוואָלט אפילע ענטפערנ. אנ אײַנשטימונג צו פירנ שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ האָט געגעבנ בלויז דײַטשלאנד, און צו איר זײַנע צוגעשטאנענע אידע מילכאָמע־פארבינדעטע (עסטרײַכ־אונגארנ, באָלגאריע און טערקײַ). אָבער אײַנגייענדיק אפנ פירנ שאָלעמ־

[1]) Ленин, т. XXVII, стр. 25.

אונטערהאנדלונגען, האָט דײַטשלאַנד אין זינען געהאַט בלויז רײן־אימפּעריאַליסטישע צילן. זי האָט גערעכנט אײַנצוהאַלטן פאַר זיך די פאַרכאַפּטע דורך איר געגנטן — פּוילן, ליטע און א טייל לאַטוויע, צו פאָדערן, אז סאָוועטנרוסלאַנד זאָל איר אויסצאָלן קאָנטריבוציע, און אויסנוצנדיק דעם געשלאָסענעם שאָלעם מיט רוסלאַנד, אריבערצוּוואַרפן א טייל פון איר מיליטער פונעם מיזרעך אפן מײַרעוו־פראָנט. אפן פאַל, אויב סאָוועטן־רוסלאַנד זאָל ניט אײַנשטימען אויסצופילן אָט די דאָזיקע רויבערשע פאָדערונגען, האָט זיך די דײַטשישע רעגירונג געגרייט אָנצוהייבן קעגן רוסלאַנד א נײַעם אָנגריף.

די אונטערהאַנדלונגען מיט דײַטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אין דעקאַבער 1917 י. פאַרן אָרט פון די אונטערהאַנדלונגען איז אויסגעקליבן געוואָרן די שטאָט בריסק, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ספערע פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. די רויבערשע פּלענער פון די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן האָבן זיך אַנטפּלעקט בײַס די אונטערהאַנדלונגען אין דער פולסטער מאָס. פאַר סאָוועטנרוסלאַנד איז אָנגעקומען זייער א שווערער מאָמענט. אין דער פערזאָן פונעם ביז די ציין באַוואָפנטן אימפּעריאַליסטישן דײַטשלאַנד האָט סאָוועטנרוסלאַנד געהאַט פאַר זיך אזא מין קעגנער, וואָס א מילכאָמע מיט אים האָט זי געקענט ברענגען בלויז צו א פולקומער צעגראָמירונג. די פּאַרטיי האָט געמוזט באַשליסן, בא וואָס פאַר א טאַקטיק זיך צו האַלטן, קעדיי צו באַוואָרענען די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

אין יאַנוואַר 1918 יאָר איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע טעזיסן וועגן דער פראַגע פון באַלדיקן שליסן שאָלעם.

פאַר דער סאָציאַליסטישער רעגירונג פון רוסלאַנד — האָט ער געשריבן — שטעלט זיך אן אומאָפּלייגבאַרע פראַגע, — צי זאָל מען באַלד אָננעמען אן אַנעקסיאָניסטישן שאָלעם, אָדער מע זאָל באַלד נעמען פירן א רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע. קיין שום מיטעלע באַשלוסן זײַנען אין טאָך אַרײַן ניט מעגלעך. אָדער שאָלעם — אָדער א באַלדיקע רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע. לענין האָט געהאַלטן, אז א באַלדיקע מילכאָמע איז פאַר סאָוועטן־רוסלאַנד איצט איבער די קויכעס. די אַלטע אַרמיי — האָט ער געזאָגט — פאַלט זיך פונאַנדער, זי איז ניט פייִק אָפּצושלאָגן דעם אָנגריף פונעם דײַטשישן מיליטער; און אפ צו באַשאַפן א נײַע, א סאָציאַליסטישע אַרמיי פאָדערט זיך א באַשטימטע צײַט. דאָס פויערטום איז מיד פון דער דרײַיאָריקער אימפּעריאַליסטישער שכיטע און גיין אפ א רעוואָליוציאָנערער מילכאָמע איז עס ניט אימשטאַנד. אין לאַנד הערשן הונגער און רויִנירונג, געיאַרשנט פון דער אַלטער אָרדענונג. ענדלעך, קען מען אויך ניט פאָרויסזאָגן דעם טערמין, ווען ס'וועט אָנקומען די רעוואָליוציע אין מײַרעוו, וואָס וואָלט געקענט שטערן דעם דײַטשישן אימפּעריאַליזם צו דערקוועטשן סאָוועטן־רוסלאַנד. דאָס אַלץ האָט גערעדט דערפאַר, אז אינעם פאַל פון א באַלדיקער מילכאָמע וואָלט סאָוועטנרוסלאַנד אומפאַרמײַדלעך צעגראָמירט געוואָרן, און אז בא די געשאַפענע באַדינגען טאָר מען ניט אַרײַנטרעטן אין קיין שלאַכט מיטן דײַטשישן אימפּעריאַליזם.

„אונדזער כויוו ווערט איצט, — האָט געשריבן אין איינעם פון זײַנע שפּעטערדיקע אַרטיקלען לענין, — אפן סאַמע פאָרזיכטיקסטן אויפן צו דיסקאָנטירן די קרעפטן, ביז גאָר זאָרגעוודיק אָפּוועגן, צי וועט באַווײַזן אונטערצוקומען אונדזער פאַרבינדעטער (דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט). דער אינטערעס פונעם קאַפּיטאַל איז — צעקלאַפּן דעם סוינע (דעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט) טיילנווײַז, ביזוואַנען עס האָבן זיך נאָך ניט פאַראייניקט (אין טאַט, ד. ה. אָנהייבנדיק א רעוואָליוציע) די אַרבעטער פון אַלע לענדער. אונדזער אינטערעס איז צו טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז, אויסנוצן אפילע דעם קלענסטן שאַנס אפ אָפּצוציִען די אַנטשיידנע שלאַכט ביזן מאָמענט (אָדער „ביז נאָכן“ מאָמענט) פון אזא פאַראייניקונג פון די רעוואָליוציאָנערע אָטריאַדן פון דער איינער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער אַרמיי“[1].

1) Ленин, т. XXII, стр. 511.

ארויסגייענדיק פונ אָט דער פּאָזיציע זײַנער, האָט לענינ אנערקענט פאַר נייטיק אונטערצושרײַבנ דעם שאָלעם מיט דײַטשלאנד. שליסנדיק שאָלעם, — האָט לענינ געזאָגט, — וועט זיכ סאָוועטנרוסלאנד אײַנהיטנ פונ צעגראָמירט ווערנ און וועט געווינענ אנ אָטעם־איבערכאפּ. אויסנוצנדיק דעם אָטעם־איבערכאפּ, וועט די סאָוועטנ־רעפּובליק פאנאנדערוויקלענ א סאָציִאליסטישע בויונג, וועט פארפעסטיקנ דעם בונד פונעם פּראָלעטאריאט מיטנ פּויערטום און וועט אָרגאניזירנ א מעכטיקע רויטע ארמיי צומ קאמפּ מיטנ אימפּעריִאליזמ. און האָבנדיק געשאפנ א רויטע ארמיי, וועט סאָוועטנ־רוסלאנד שוינ בעעמעס זײַנ בעקויעכ פאָרצונעמענ א רעוואָליוציִאָנערע מילכאָמע, מיט דערפאָלג אָפּשלאָגנדיק דעם אָנגריפ פונ די אימפּעריִאליסטישע באנדעס.

די אָנגעמערקטע דורכ לענינענ ליניע איז געווענ א מוסטער פונ א טאקטיק, אויסגערעכנט דערויפ, אז מע זאָל דורכ א ריכטיקנ אָפּטרעטנ

„... געווינענ צײַט, צעלייגנ דעם קעגנער און אָנזאמלענ קרעפטנ אפ אריבערצוגיינ דערנאָכ אינ אנ אָנגריפ“ [1]).

די ארויסגערוקטע דורכ לענינענ טאקטיק איז באגעגנט געוואָרנ מיצאד די סאָנים פונ דער סאָוועטנמאכט מיט דער גרעסטער אופגערייצטקײַט. די קאדעטנ, מענשעוויקעס, עסערנ, — אלע האָבנ זיכ ארופגעוואָרפנ אפ דער פּארטיי מיט באשולדיקונגענ און באגאָסנ זי מיט שטראָמענ קאָנטררעוואָליוציִאָנערע רעכילעס. די בורזשואזיע האָט געשריִענ, אז די באָלשעוויקעס פארקויפנ דאָס פאָטערלאנד, אז זיי פאראטנ רוסלאנד א. אז. וו. צוזאמענ מיט די אנטאנטישע אימפּעריִאליסטנ (ענגלאנד, פראנקרײַכ א. אנד.) האָבנ אונדזערע קלאסנ־פײַנט געוואָלט פאר יעדנ פּרײַז צווינגענ רוסלאנד ווײַטער צו פירנ די מילכאָמע מיט דײַטשלאנד. צו די מענשעוויקעס און רעכטע עסערנ האָבנ צוגעגעבנ זייערע שטימענ אויכ די לינקע עסערנ. און, ענדלעכ, איז קעגנ לענינס ליניע אינ דער שאָלעם־פראגע ארויסגעטראָטנ די גרופּע „לינקע קאָמוניסטנ“, וואָס אינ איר שפּיצ האָבנ זיכ געפונענ אסאכ אָנגעזעענע פּארטיי־טוערס, דערינ אויכ אייניקע צ״ק־מיטגלידער. די סאמע באוווסטע פאָרשטייערס פונעם „לינקנ קאָמוניזמ“ זײַנענ געווענ בוכארינ, אָסינסקי, לאָמאָוו (אָפּאָקאָוו), סטוקאָוו, מאקסימאָווסקי, סאפּראָנאָוו, פּרעאָ־בראזשענסקי, ראדעק, פּיאטאקאָוו א. אנד. די „לינקע קאָמוניסטנ“ האָבנ פארכאפּט אינ זייערע הענט א ריי פּארטיי־קאָמיטעטנ און האָבנ אָנגעהויבנ ארויסגעבנ אייגענע פראקציִאָנעלע אָרגאנענ (א צײַטונג און א זשורנאל מיטנ נאָמענ „קאָמוניסט“). דער פראקציִאָנעלער צענטער זייערער איז געוואָרנ די מאָסקווער געגנטלעכע ביוראָ פונ רסדא״פּ(ב), ווו די מערהײַט האָט געהערט צו די „לינקע קאָמוניסטנ“.

די „לינקע קאָמוניסטנ“ האָבנ פארטיידיקט די טאקטיק פונ א באלדיקער רעוואָליוציִאָנערער מילכאָמע מיט דײַטשלאנד. אינעמ יעסאָד פונ זייער פּאָזיציע איז געלעגנ די מענשעוויסטישע פאָרשטעלונג וועגנ די אנטוויקלונג־וועגנ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. זיי האָבנ געלייקנט אינ דער מעגלעכקײַט אויסצובויענ דעם סאָציִאליזמ אינ אײנ לאנד און אינעם בונד מיטנ פּויערטום. צוגלײַכ מיט טראָצקינ האָבנ זיי געהאלטנ, אז אָנ דער דירעקטער מעלוכישער שטיצע פונעם מײַרעוו־אייראָפּייִשנ פּראָלעטאריאט איז אומעגלעכ צו בויענ דעם סאָציִאליזמ און צו פארפעסטיקנ די פּראָלעטארישע דיקטאטור אינ רוסלאנד. אנ אָטעם־איבערכאפּ, — האָבנ זיי געטײַנעט, — איז אומעגלעכ, וואָרעמ די רעוואָליוציע פונ די רוסישע ארבעטער וועט אומפארמײַדלעכ קומענ אינ א צוזאמענשטויס מיטנ פּויערטום און, ניט ווערנדיק געשטיצט פונעם מײַרעוו־אייראָפּייִשנ פּראָלעטאריאט, וועט זי צעגראָמירט ווערנ. אָנשטאָט א פארפעסטיקונג פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור וועט זיכ באקומענ איר פאנאנדערפאל, איר אומקומ. עס איז איבערגעבליבנ, אזויארומ, בלויז איינס — ארײַנצוטרעטנ אינ א מילכאָמע מיטנ אימפּעריִאליסטישנ דײַטשלאנד, קעדיי זיכ דורכצושלאָגנ א וועג צו אנ אייניקונג מיטנ פּראָלעטארישנ מײַרעוו. די „לינקע“ פלעגנ רעכילעסדיק טײַנענ, אז א שאָלעם מיט דײַטשלאנד באטײַט א קאפּיטוליאציע פאר דער בורזשואזיע, אנ אָפּזאָג פונ רעוואָליוציִאָנערנ קאמפּ. זיי האָבנ זיכ געפּרוווט דערווײַזנ, אז די טאקטיק פונ א

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 58.

באלדיקער מילכאָמע איז די איינציק־אינטערנאציאָנאלע טאקטיק, וואָס העלפט, קלוימערשט, מיט, עס זאָל זיכ גיכער צעבינדנ די רעוואָליוציע אינ מערעוו־אייראָפע.

באנוצנדיק זיכ מיט די אנטשטאנענע שוועריקייטנ, איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער פארטיי אויכ טראָצקי. ער איז אינ טאָכ ארייַנ אויכ געווענ אנ אָנהענגער פונ פירנ די מילכאָמע ווייַטער, אָבער ארויסטרעטנ פלעגט ער אינ א פארדעקטער, פארמאסקירטער פאָרמע.

אָנשטאָט דעמ לאָזונג פונ א רעוואָליוציאָנערער מילכאָמע האָט טראָצקי ארויסגערוקט דעמ לאָזונג: „ניט קיינ שאָלעמ, ניט קיינ מילכאָמע", ד. ה. קיינ מילכאָמע ניט פירנ, אָבער קיינ שאָלעמ ניט אונטערשרייַבנ. אפנ ערשטנ קוק האָט זיכ דערדאָזיקער טראָצקיסטישער לאָזונג, קלוימערשט, אונטערגעשיידט פונעמ לאָזונג וועגנ א באלדיקער מילכאָמע. אָבער דאָס אָפּזאָגנ זיכ אונטערצושרייַבנ דעמ שאָלעמ וואָלט סייַווי געמוזט ברענגענ מיט זיכ אנ אָנגריפ פונעמ דייַטשישנ אימפעריאליזמ. קעדיי ארויסצוגייַנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אונ דערשלאָגנ זיכ צו אנ אָטעמ־איבערכאפ, האָט מענ געמוזט צעגראָמירנ דעמ „לינקנ קאָמוניזמ" אונ דעמ טראָצקיזמ.

די פארטיי האָט גענומענ פירנ אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ מיטנ „לינקנ קאָמוניזמ" אונ מיטנ טראָצקיזמ. די „לינקע קאָמוניסטנ", — פלעגט זאָגנ לענינ, — דיסקאָנטירנ ניט די קעגנזייַטיקע פארהעלטעניש פונ די קעמפנדיקע קרעפטנ. זיי ווילנ ניט זענ, אז די ברייטע מאסנ ארבעטער אונ פויערימ זייַנענ איצט ניט אימשטאנד מילכאָמע צו האלטנ, אז דער דייַטשישער אימפעריאליזמ איז אָנ אנ ערעכ שטארקער פונ דער סאָוועטנ־רעפובליק. ניט זעענדיק אָט דאָס אונ רופנדיק צו א באלדיקער מילכאָמע, פלעגנ די „לינקע" ארייַנפאלנ אינ א רעוואָליוציאָנערער פראזע, וואָס האָט אויסגעבאהאלטנ אונטער זיכ דעמ סאמע געדיכטפארביקנ אָפּאָרטוניזמ.

„עס איז קלאָר פאר אלעמענ (אכוץ עפשער פאר אזוינע, וואָס זייַנענ אינגאנצנ פארשיקערט דורכ דער פראזע), — האָט לענינ געשריבנ, — אז גייַנ אפ אנ ערנסטנ, אופשטענדלערישנ אָדער מיליטערישנ צוזאמענשטויס בעפיירעש אָנ קרעפטנ, בעפיירעש אָנ אנ ארמיי — איז אנ אוואנטיורע, וועלכע ניט זי העלפט די דייַטשישע ארבעטער, נאָר זי פארשוועריקט זייער קאמפ, וועלכע פארגרינגערט די זאכ פונ זייער סוינע אונ פונ אונדזער סוינע" [1].

די „לינקע קאָמוניסטנ" פלעגנ שרייַענ, אז דערדאָזיקער שאָלעמ איז א שאנד, איז א פאראט קעגנ לאטוויע, פוילנ, קורלאנד, ליטע. זיי זייַנענ אָבער געווענ אומפייִקייַנצוזענ, אז העכער פונעמ פרינציפ פונ זעלבסטבאשטימונג אונ פרייַהייַט פונ נאציעס איז די פארטיי מעכויעוו צו שטעלנ די אינטערעסנ פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. די טאקטיק פונ די „לינקע קאָמוניסטנ" אונ פונ טראָצקינ וואָלט געמוזט אומפארמייַדלעכ ברענגענ צו א מאפּאָלע פונ סאָוועטנרוסלאנד; בעמיילע איז זי געווענ צומ גונסטנ דעמ אינטערנאציאָנאלנ אימפעריאליזמ. די פּאָזיציע פונ די „לינקע" אונ פונעמ טראָצקיזמ האָט געטראָגנ א פארברעכעריש־אוואנטיוריסטישנ אונ קאפּיטוליאנטישנ כאראקטער. דער „לינקער קאָמוניזמ" האָט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגענ אונ די ווירקונג פונעמ קלייַנבירגערטומ. כאראקטעריזירנדיק דעמ סאָציאלנ טאָכ פונעמ „לינקנ קאָמוניזמ", האָט לענינ געשריבנ:

„דער סאָציאלער קוואל פונ אזעלכע טיפּנ — דאָס איז דאָס קלייַנבאלעבעסל, וועלכער איז צעיושעט געוואָרנ פונ די מילכאָמע־שרעקנ, פונעמ פלוצימדיקנ רויִנירט ווערנ, פונ די אומגעהערטע הונגער־ אונ כורבנ־מאטערנישנ; דאָס קלייַנבאלעבעסל, וועלכער וואַרפט זיכ היסטעריש, זוכנדיק אנ אויסוועג אונ א רעטונג, וואקלענדיק זיכ צווישנ דעמ צוטרוי צומ פראָלעטאריאט אונ שטיצנ אימ, פונ איינ זייַט, אונ צווישנ פארצווייפלונג־קראמפנ — פונ דער אנדערער זייַט" [2].

---

1) Ленин, т. XXII, стр. 265.
2) „ „ „ „ 468.

אויספילנדיק דעמ אופטראָג, וואָס עס האָט איר געגעבנ די פארטיי, האָט די סאָוועטישע דעלעגאציע אינ בריסק מיט דערפאָלג דעמאסקירט די רויבערישע פלענער פונ די דײַטשישע אימפעריאליסטנ. נאָכנ קאמפ פונ די סאָוועטישע פאָרשטייערס האָבנ מיט מיטגעפיל נאָכגעשפירט די סאמע ברייטסטע מאסנ אינ מיטעל־אייראָפע. אינ צוזאמענהאנג מיט די שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ אינ בריסק האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאסנ־שטרייקנ אינ עסטרייכ און אינ דײַטשלאנד. די דײַטשישע ארבעטער האָבנ געפאָדערט, עס זאָל וואָס גיכער געשלאָסנ ווערנ שאָלעמ מיט דער סאָוועטנ־רעפובליק. די דראָונג פונ א רעוואָליוציע, וואָס האָט געהאלטנ אינ צײַטיק ווערנ, האָט גע־צוווּנגענ דעמ עסטרייכיש־דײַטשישנ אימפעריאליזמ זיכ צוצוײַלנ מיטנ פארווירקלעכנ זײַנע רויבערישע פלענער. די דײַטשנ האָבנ אלצ דרינגלעכער גענומענ פאָדערנ בא דער סאָוועטישער דעלעגאציע, זי זאָל אָנעמענ די פאָרשלאָגנ, וואָס זיי האָבנ ארויס־געשטעלט. קעדיי אָפצושוואכנ די לאגע פונ סאָוועטנרוסלאנד, האָט די דײַטשישע רעגירונג אָנהייב יאנוואר אָנגעהויבנ פירנ באזונדערע אונטערהאנדלונגענ מיט דער אוקראַיִנישער ראדע. די ראדע האָט הינטער זיכ ניט געהאט קיינ שום שטיצע פונ די ארבעטנדיקע פונ אוקראַיִנע, — פאקטיש האָט זיכ שוינ גאנצ אוקראַיִנע דאנ געפונענ בא די אוקראַיִנישע ארבעטער און פויערימ אינ די הענט. אָבער די דײַטשנ האָבנ געפלאנירט אונטערנ שלייער פונ אנערקענענ די אוקראַיִנישע ראדע און אונטערנ אויסרייד פונ געבנ איר הילפ ארײַנצופירנ קיינ אוקראַיִנע זייער מיליטער און זי צו פארוואנדלענ אינ זייער א קאָלאָניע.

וואָס קאָמפליצירטער עס איז געוואָרנ אונדזער צווישנפעלקערלעכע לאגע, אלצ שארפער איז געוואָרנ דער אינערלעכ־פארטייִשער קאמפ. דעמ 21 יאנוואר 1918 יאָר זײַנענ אפ דער בארעטונג פונ פארטיי־טוערס, וואָס זײַנענ זיכ צונויפ־געקומענ אפנ III סאָוועטנ־צוזאמענפאָר, באהאנדלט געוואָרנ לענינס טעזיסנ וועגנ שאָלעמ. צוזאמענ מיט לענינענ זײַנענ ארויסגעטראָטנ סטאלינ, סווערדלאָוו, ארטיאָמ א. אנד. די מערהײַט האָט זיכ פונדעסטוועגנ ארויסגעזאָגט פאר די „לינקע קאָמוניסטנ". אָבער אדאנק לענינס און סטאלינס אקשאָנעסדיקנ קאמפ אפ דער פראקציע און אפנ צוזאמענפאָר גופע האָט זיכ אײַנגעגעבנ דורכצופירנ א באשלוס וועגנ פארציִענ די שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ, מיטנ ציל ווײַטער צו דעמאסקירנ די רויבערישע פּאָליטיק פונעמ דײַטשישנ אימפעריאליזמ, איבערגעבנדיק דער רע־גירונג ברייטע פולמאכטנ אפ צו שליסנ שאָלעמ מיט דײַטשלאנד. טראָצקינ, דעמ פאָרזיצער פונ דער סאָוועטישער שאָלעמ־דעלעגאציע, וואָס איז אָפגעפאָרנ קיינ בריסק, האָט לענינ פערזענלעכ געגעבנ א דירעקטיוו — פארציִענ די שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ, ביז די דײַטשנ וועלנ ניט ארויסשטעלנ קיינ אולטימאטומ (די לעצטע אנטשיידענע פאָדערונג), אָבער נאָכנ ארויסשטעלנ אנ אולטימאטומ — אונטערצושרײַבנ דעמ שאָלעמ. פונדעסטוועגנ האָבנ זיכ ניט די „לינקע קאָמוניסטנ", ניט טראָצקי ניט אונטערגעוואָרפנ צו די אָנווײַזונגענ פונ דער פארטיי. די „לינקע" האָבנ פאָרגעזעצט זייער פראקציאָנעלנ קאמפ. טראָצקי האָט אויכ ווײַטער געפירט זײַנ אנטיפארטייִשע ליניע.

אָנהייב פעברואר האָבנ די דײַטשנ אונטערגעשריבנ א סעפאראטנ אָפמאכ מיט דער אוקראַיִנישער ראדע און האָבנ ארויסגעשטעלט סאָוועטנרוסלאנד אנ אולטימאטומ. פארציִענ ווײַטער די אונטערהאנדלונגענ איז געוואָרנ אומעגלעכ. מיט לענינס און סטאלינס אונטערשריפטנ איז טראָצקינ אוועקגעשיקט געוואָרנ א טעלעגראמע, אינ וועלכער מע האָט אימ פאָרגעלייגט טייקעפ אונטערצושרײַבנ שאָלעמ מיט דײַטשלאנד. אָבער טראָצקי האָט לעהייפעכ צו אלע באקומענע אָנווײַזונגענ פארעפנטלעכט דעמ 10 פעברואר 1918 יאָר אינ בריסק א דערקלערונג, אז די סאָוועטנ־רעגירונג זאָגט זיכ אָפ אונטערצושרײַבנ דעמ שאָלעמ און אז זי הערט אופ מילכאָמע צו האלטנ מיט די מעלוכעס פונעמ פיר־בונד (דײַטשלאנד, עסטרייכ, טערקיי, באָלגאריע). די דײַטשנ האָבנ דערויפ געענטפערט מיט אנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט. פאר גאָר א קורצער צײַט האָבנ זיי פארכאפט לוצק, ראָוונע, מינסק, דווינסק, פּאָלאָצק, פסקאָוו, רעוועל און האָבנ אָנגעהויבנ זיכ רוקנ אינ דער ריכטונג אפ פעטראָגראד. אָפטרעטנ־דיק קימאט אָנ שום ווידערשטאנד, פלעגט אונדזער מיליטער אוועקווארפנ סנאריאדנ,

געווער, איבערלאָזנ סקלאדנ מיט אלערליי מיליטערישע פארמעגנס, אונ אלס רעזולטאט דערפונ האָבנ די דײַטשנ באקומענ א קאָלאָסאלנ מיליטערישנ רויב. עס האָט זיכ געשאפנ אנ אומגעווייגלעכ שווערע לאגע. די פארטיי האָט געמאָלדנ, אז דאָס סאָציאליסטישע פאָטערלאנד איז אינ געפאר. אָבער די „לינקע קאָמוניסטנ" אונ די טראָצקיסטנ האָבנ פונדעסטוועגנ נאָכ אלץ געקעמפט קעגנ שאָלעמ. זייערע אָנהענגערס אינ די אָנפירנדיקע פארטייִשע אונ סאָוועטישע אָרגאנענ האָבנ זיכ געשטעלט פאר אנ אופגאבע — מיט אלע קויכעס צו שטערנ, עס זאָלנ אָנגענומענ ווערנ די דײַטשישע באדינגענ. דעמלט האָט לענינ אפ דער צ"ק-זיצונג דעמ 23 פעווראל 1918 יאָר דערקלערט, אז צו דער פאָליטיק פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראזע מוז נעמענ אנ עק. אויב אָט די פאָליטיק וועט ווײַטער פאָרגעזעצט ווערנ, דאנ טרעט ער ארויס סײַ פונ דער רעגירונג, סײַ פונעמ צ"ק. פונ די בײַוועזנדיקע צ"ק-מיטגלידער האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט פארנ אונטערשרײַבנ דעמ שאָלעמ זיבנ מענטשנ — בא פיר קעגנ אונ פיר אָפגעהאלטענע.

עס איז טייקעפ אוועקגעשיקט געוואָרנ א יעדיע דער דײַטשישער קאָמאנדירונג, אז די סאָוועטנ-רעגירונג איז אײַנשטימיק אונטערצושרײַבנ דעמ שאָלעמ. איצט אָבער האָבנ די דײַטשנ ארויסגעשטעלט אסאכ שווערערע באדינגענ. זיי האָבנ פאר זיכ איבערגעלאָזט ניט בלויז פוילנ, ליטע, א טייל ווײַסרוסלאנד אונ קורלאנד, נאָר זיי האָבנ נאָכ אויכ געפאָדערט, מע זאָל ארויספירנ די רויטע גווארדיע פונ עסטאָניע אונ פינלאנד, האָבנ צוריק אופגעשטעלט אינ אוקראַיִנע די מאכט פונ דער באלעגופישער ראדע, האָבנ געצוווּנגענ, מע זאָל טערקײַ אָפגעבנ די שטעט קארס אונ באטומ אונ צו שליסנ אנ אויסערסט שווערנ עקאָנאָמישנ אָפמאכ מיט דײַטשלאנד. די פראנטוואָרטלעכקײַט פאר דידאָזיקע שווערע פאר סאָוועטנרוסלאנד פאָלגנ איז געפאלנ אפ טראָצקיס פאָליטיק, ווײַל ער האָט אינ בריסק בייזוויליק געבראָכנ די דירעקטיוונ, וואָס עס האָבנ אימ געגעבנ די פארטיי אונ די סאָוועטנמאכט.

די מאָסקווער געגנטלעכע ביוראָ — דער פראקציאָנעלער צענטער פונ די „לינקע" — האָט נאָכנ שליסנ דעמ שאָלעמ ארויסגעדריקט אומצוטרוי דעמ צ"ק פונ דער פארטיי. זי האָט דערקלערט, אז זי האלט פאר אומפארמײַדלעכ א שפּאלטונג אינ דער פארטיי אונ אז אינ די אינטערעסנ פונ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציע איז צוועקמעסיק צו גיינ אפילע אפ דער מעגלעכקײַט צו פארלירנ די סאָוועטנמאכט, וועלכע ווערט, קלוימערשט, א ריינ-פאָרמעלע זאכ. לענינ האָט מיט דער גאנצער קראפט געשטעמפּלט אזעלכע קאפיטוליאנטישע, אנטיפארטייִשע, שפּאלטערישע דערקלערונגענ פונ די „לינקע קאָמוניסטנ" אונ האָט גערופנ נאָכ מער צו פארשטארקנ דעמ קאמפ מיט זיי. לענינ האָט געשריבנ:

„...שענדלעכער פונ יעטווידנ שווערנ אונ ארכי-שווערנ שאָלעמ, וואָס ווערט דיקטירט דורכ דעמ, וואָס מע האָט ניט קיינ ארמיי, — שענדלעכער פונ אוועלכנ איר ווילט שענדלעכנ שאָלעמ איז — די שענדלעכע פארצווייפלונג. מיר וועלנ ניט אומקומענ אפילע פונ א צענדליק ארכי-שווערע שאָלעמ-אָפמאכנ, אויב מיר וועלנ זיכ באציִענ צו אנ אופשטאנד אונ צו א מילכאָמע ע ר נ ס ט. מיר וועלנ ניט אומקומענ פונ די פארכאפּערס, אויב מיר וועלנ ניט לאָזנ זיכ אומברענגענ דורכ דער פארצווייפלונג אונ דער פראזע" [1].

דער VII פארטיי-צוזאמענפאָר אונ דאָס צעגראָמירנ די „לינקע קאָמוניסטנ".

קעדיי צו באשטעטיקנ דעמ אָנגענומענעמ דורכנ צענטראל-קאָמיטעט שאָלעמ-באשלוס אונ קעדיי צו לייזנ אײניקע אנדערע פראגעס, איז אינ מארט 1918 י. צונויפגערופנ געוואָרנ דער VII פארטיי-צוזאמענפאָר. מיט א באריכט-פאָרטראָג וועגנ דער ארבעט פונ צ"ק איז אפנ צוזאמענפאָר ארויסגעטראָטנ לענינ. די „לינקע" האָבנ ארויסגע-

1) Ленин, т. XXII, стр. 303.

שטעלט פאר א קאָרעפערענט וועגן דער שאָלעם־פראגע בוכארינען. דער צוזאמענפאָר האָט באַוויליקט די פּאָליטיק פונעם צ״ק, וואָס איז געווען געצילט צום ארויסגיין אַפ א רעוואָליוציאָנערן אויפן פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.

אָפּגעענדיקט מיט דער שאָלעם־פראגע, האָט דער צוזאמענפאָר דערלייזט נאָך צוויי אנדערע פראגעס—וועגן ענדערן דעם פארטיי־נאָמען און וועגן איבערקוקן די פארטיי־פּראָגראם. לויט לענינס פאָרשלאָג, האָט דער צוזאמענפאָר באשטימט צו ענדערן דעם פארטיי־נאָמען: אָנשטאָט רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פארטיי (באָלשעוויקעס)—רוסלענדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס). אַפ איבערצוקוקן די פארטיי־פּראָגראם איז געשאפן געוואָרן א ספּעציעלע קאָמיסיע מיט לענינען אין שפּיץ.

ניט געקוקט אַפן קלאָר־אויסגעדריקטן ווילן פונעם פארטיי־צוזאמענפאָר, האָט זיך דער קאמף פון די „לינקע״ קעגן דער פארטיי וועגן דער שאָלעם־פראגע נאָך מער פארשארפט. די „לינקע קאָמוניסטן״ האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין די ארבעטן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט און פונעם ראט פון די פאָלק־קאָמיסארן. אַפן IV סאָוועטן־צוזאמענפאָר אין מארט 1918 י., ווו ס׳איז געשטאנען די פראגע וועגן באשטעטיקן דעם בריסקער שאָלעם, זיינען די „לינקע״ פונסניי ארויסגעטראָטן מיט א באזונדער פּלאטפאָרמע, ניט געקוקט אַפן דירעקטן צ״ק־פארבאָט דאָס צו טאָן. אין זייער קאמף קעגן דער פארטיי זיינען די „לינקע קאָמוניסטן״ געגאנגען צוזאמען מיט די לינקע עסערן, וואָס, ניט זייענדיק מאסקים מיט דער פּאָליטיק פון דער סאָוועטנמאכט, זיינען זיי ארויסגעטראָטן פונעם רעגירונג־באשטאנד. די לינקע עסערן האָבן אין די בריסקער טעג געפּרוּווט אריינטרעטן אין אונטערהאנדלונגען מיט די „לינקע קאָמוניסטן״, ביפראט מיט בוכארינען, וועגן מאכן א מעלוכע־איבערקערעניש, ארעסטירן לענינען און שאפן א נייע רעגירונג. דאָס אלץ האָט באוויזן, ווי ווייט די „לינקע קאָמוניסטן״ זיינען אוועק אין זייער אנטיפארטייאישן קאמף.

די פארטיי האָט זיך פונדעסטוועגן דערשלאָגן צו א פולקומער צעגראָמירונג פון די „לינקע״, און זייער ווירקונג איז מיט דער צייט אינגאנצן אויסגערונען געוואָרן. אַפ דער מאָסקווער קאָנפערענץ דעם 4 מארט האָבן די „לינקע קאָמוניסטן״ באקומען סאכאקל 5 שטימען. די איבערוועגנדיקע מערהייט דעלעגאטן האָט זיך ארויסגעזאָגט פאר לענינען. אין דער צייט, ווען די מאָסקווער געגנט־ביוראָ האָט אויסגעדריקט דעם צ״ק אומצוטרוי, איז דער געגנטלעכער פּלענום ניט צוגעשטאנען צו דערדאָזיקער ביוראָ־באשטימונג.

דעם 21 מארט האָבן די „לינקע״ געליטן א מאפּאָלע אַפ דער פּעטראָגראדער פארטיי־קאָנפערענץ, און עטוואָס שפּעטער זיינען זיי צעשמעטערט געוואָרן אויך אַפ דער קאָנפערענץ פון מאָסקווער געגנט. די מאָסקווער געגנט־ביוראָ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אָנהענגערס פון דער לענינישער ליניע. אן ענלעכע בילד, ווי אין פּעטראָגראד און אין מאָסקווע, איז געווען צו זען אויך אין יענע אַלע פארטיי־אָרגאניזאציעס, וואָס ביז איצט האָבן אין זיי געהאט א ווירקונג די „לינקע״.

צו זומער 1918 יאָר איז די פראקציע „לינקע קאָמוניסטן״ צעגראָמירט געוואָרן. די פראקציע באָלשעוויקעס אַפן V סאָוועטן־צוזאמענפאָר (4—10 יול) האָט קימאט אייננשטימיק באוויליקט די פּאָליטיק פון צ״ק און פון ראטפאָלקאָם.

די ריכטיקייט פון דער לענינישער ליניע אין דער פראגע וועגן ארויסגיין פון דער מילכאָמע איז דורכן גאנצן שפּעטערדיקן גאנג פון די היסטאָרישע געשעענישן באשטעטיקט געוואָרן. דעם באקומענעם אָטעם־איבערכאַפּ האָט סאָוועטנרוסלאנד מיט דערפאָלג אויסגענוצט אַפ פאנאנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע בויונג, אַפ אָנזאמלען קרעפטן און אַפ צו אָרגאניזירן די רויטע ארמיי. די קלאסן־ווידערשפּרוכן אין די קאפּיטאַליסטישע לענדער האָבן זיך אַלץ מער פארשארפט, און שוין אין נאָיאבער 1918 יאָר איז אין דייטשלאנד פאָרגעקומען א רעוואָליוציע, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו אנולירן (אָפּשאפן) דעם בריסקער שאָלעם.

„דער בריסקער שאָלעם,—האָט געשריבן לענין,—איז געווען אַ נאָכגעב, וואָס האָט אונדז פארשטארקט און האָט צעברעקלט די קרעפטן פונעם צווישנ־פעלקערלעכן אימפעריאַליזם” [1].

דעם 28 יאנוואר 1918 י. האָט די סאָוועטן־רעגירונג פובליקירט דעם דעקרעט וועגן באשאפן אַ רעגולערע, דיסציפּלינירטע און מעכטיקע ארבעטער־פּויערשע רויטע ארמיי. אָפּשפּיגלענדיק דעם דרוק פון דער קליינביר־גערלעכער סוויווע, זיינען די „לינקע קאָמוניסטן” ארויסגעטראָטן קעגן דער פּארטיי־פּאָליטיק אויך אין דערדאָזיקער פראגע. זיי האָבן זיך ארויסגעזאָגט קעגן שאפן רעגולערע רויטע ארמיי־טיילן און האָבן פאָרגעלייגט צו באגרענעצן זיך מיט אַ פּארטיזאַנישן קאמף. זיי פלעגן ארויסטרעטן קעגן אַ פעסטער דיסציפּלין, פאָדערנדיק, אַז דער קאָמבאשטאנד זאָל זיין אַ געוויילטער. זיי זיינען אויך געווען קעגן אויסנוצן די אלטע מיליטערישע ספּעציאַליסטן. די פּארטיי האָט צעקלאפּט די „לינקע” אויך אין אָט די פּראגעס. אונטער לענינס אָנפיר האָט זי שנעל אַ רוק געטאָן פאָרויס די באשאפונג פון דער ארבעטער־פּויערשער רויטער ארמיי.

דער קאמף פארן לענינישן פּלאן פון סאָציאַליסטישער בויונג.

דאָס שליסן שאָלעם און דאָס געווינען אַן אָטעם־איבעררייס האָבן געגעבן דער פּארטיי די מעגלעכקייט צו ווענדן אין פרילינג 1918 י. די הויפּט־אויפמערקזאמקייט אף די פּראגעס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. ניט געקוקט אפן ווידער־שטאנד פון דער קאָנטררעוואָלוציע, האָט זיך היפּש פאָרויס אַ רוק געטאָן דאָס עקס־פּראָפּריִירן די בורזשואזיע. אָבער עס איז נאָך שוואך געווען אוועקגעשטעלט דאָס אָנפירן מיט דער ווירטשאפט. אויסערסט שלעכט איז געשטאנען די זאך פון סאָציאַליסטישן דיסקאָנט און קאָנטראָל. זייער נידעריק איז געווען די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט. עס זיינען געווען זייער אסאך פאלן פון צעפּלאָסנקייט, עס איז אָפט ניט געווען קיין ארבעט־דיסציפּלין א. אז. וו. די ארבעטער האָבן זיך אָקאָרשט געהאט גענומען צום אָנפירן מיט דער ווירטשאפט—און עס האָבן זיך בא זיי ניט געקענט מיטאמאָל באוויזן די בייטיקע געוווינהייטן און געשיקטקייט. און די קלאסנפיינט האָבן זיך מיט אַלע קויכעס באמיט די ארבעטער צו שטערן. אינעם פעריאָד פון דער „רויטגווארדייִשער אטאקע” אפן קאפּיטאַל איז הויפּטזאכלעך אויסגעקומען צו פארנעמען זיך מיטן דער־שטיקן דעם ווידערשטאנד פון די עקספּלואטאטערס. שפּעטער זיינען אָנגעקומען די בריסקער טעג, ווען עס האָבן זיך אפן ערשטן פּלאן ארויסגערוקט די צווישנפעלקער־לעכע פּראגעס. אין צוזאמענהאנג אָבער מיטן אָטעם־איבעררייס האָט זיך די לאגע וועזנטלעך געענדערט. איצט האָט מען געמוזט אריבערטראָגן דעם שווערפּונקט אפן אָרגאניזירן און אָנפירן מיט דער ווירטשאפט, אפן פארשטארקן דעם אלפאָלקישן דיסקאָנט און קאָנטראָל. לענין האָט געשריבן:

> „מיר, די פּארטיי באָלשעוויקעס, האָבן רוסלאנד איבערציַיגט. מיר האָבן רוסלאנד אויסגעקעמפט—בא די רייכע פאר די אָרעמע, בא די עקספּלואטאטערס פאר די האָרעפּאשניקעס. מיר דארפן איצט מיט רוסלאנד פארוואלטן” [2].

אין אַ ריי זיינע ארבעטן און ארויסטרעטונגען („די אָרדנטלעכע אויפגאבעס פון דער סאָוועטנמאכט”, „וועגן דער „לינקער” קינדערשאפט און קליינבירגערלעכקייט”) האָט לענין (אין פרילינג 1918 י.) אָנגעמערקט דעם פּלאן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. אין סאָוועטנרוסלאנד, פלעגט לענין אָנווייזן, זיינען פאראן עלעמענטן פון פינף ווירטשאפט־פאָרמאציעס.

פריִער פאר אַלץ איז פאראן די פּאטריארכאלע, ד. ה. אין אַ היפּשער מאָס נאטוראַלע פּויערשע ווירטשאפט—בא די אָפּגעשטאנענע יעגערשע און וואנדערנ־

1) Ленин, т. XXVII, стр. 7
2) Ленин, т. XXII, стр. 441

דיקע פעלקער פון די ווײַטע ראנד־געגנטן א. אז. וו. דערנאָך גייט די קליינ־סכוירעדיקע פראָדוקציע, צו וועלכער עס געהערט די ווירטשאפט פון דער מערהײַט פויערים, וואָס פארקויפן טווע, קוסטארן און האנטווערקערס. די דריטע פאָרמאציע דאָס איז דער פריוואטער קאפיטאליזם—די פאבריקן, ערדן און זאוואָדן, וועלכע געהערן צו פריוואטע אונטערנעמערס. די פערטע פאָרמאציע—דאָס איז דער מעלוכע־קאפיטאליזם. צו אים געהערן די אונטערנעמונגען, וואָס די מעלוכע האָט אָפגעגעבן פריוואטע פערזאָנען אין ארענדע, געמישטע אקציאָנערע געזעלשאפטן א. ד. גל. די אונטערנעמערס קריגן דאָ זייער כיילעק רעווען און זײַנען דערלאָזט צום אָנטייל אינעם אָנפירן מיט דער פראָדוקציע. די מעלוכע שליסט אָבער מיט זיי פעסטע אָפמאכן און קאָנטראָלירט זיי נאָכאנאנד. לעצטנס, די פינפטע, און סאמע העכסטע פאָרמאציע איז דער סאָציאליזם — די מעלוכישע אונטערנעמונגען, וואָס מיט זיי פירן אָן די ארבעטער אליין.

פון אלע פינף פאָרמאציעס האָט פארנומען דאָס גרעסטע אָרט די קליינע סכוירע־דיקע ווירטשאפט. צוליב איר צעשטויבטקייט און אומאָרגאניזירטקייט איז אמשווערסטן געווען זי צו דיסקאָנטירן און קאָנטראָלירן. אָפט פלעגט זי זיך אויסדרייען פון דער מעלוכע־מאָנאָפאָל אף ברויט א. אז. וו. אין די באדינגונגען פון רוינירונג און אָפשוואַ־כונג פון דער גרויס־פראָדוקציע איז די קליינאייגנטימערישע, קליינבירגערלעכע סטיכיע געווען דער הויפט־סוינע פונעם סאָציאליזם. לענין פלעגט אָנווײַזן, אז לויט זייער טעכניק און אָרגאניזיר־ווירטשאפטלעכן ניוואָ זײַנען נעענטער פון אלץ געשטאנען צום סאָציאליזם די מעלוכיש־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען.

„... דער סאָציאליזם איז ניט עפעס אנדערש, ווי דער נאָענטסטער טריט פאָרויס פון דער מעלוכיש־קאפיטאליסטישער מאָנאָפאָל,—האָט געשריבן לענין. —
... דער מעלוכיש־מאָנאָפאָליסטישער קאפיטאליזם איז די פולסטע מאטעריעלע צוגרייטונג צום סאָציאליזם, ער איז די פאָדערטיר צו אים, ער איז יענע טרעפל פונעם היסטאָרישן לייטער, צווישן וועלכן (דעם טרעפל) און צווישן דעם טרעפל, וואָס ווערט אָנגערופן סאָציאליזם, איז קיין שום צווישנ־שטאפלען ניט פאראן"[1].

צום אונטערשייד פון די דריבנע צעשטויבטע פראָדוצירערס האָבן זיך די מעלו־כיש־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען געפירט אפן גרונט פון סיסטעמאטישן דיסקאָנט און קאָנטראָל און האָבן זיך געפונען אונטער ניט־אָפגעשוואכטן אופזיכט פון דער מעלוכע. לענין האָט פאָרגעלייגט אויסצונוצן די באזונדערע מינים מעלוכע־קאפיטא־ליזם, אָרגאניזירנדיק מיטן אָנטייל פון דער סאָוועטן־רעגירונג געמישטע אקציאָנערע געזעלשאפטן, אָפגעבנדיק די צי יענע אונטערנעמונגען די קאפיטאליסטן אין ארענדע א. אז. וו. בא דער שוואכקייט פון אונדזער סאָציאליסטישער אינדוסטריע איז אזא אויסנוצן דעמלט געווען אויסערסט צוועקמעסיק, ווײַל דאָס האָט געגעבן די מעגלעכ־קייט צו פארגרעסערן די סכוירע־פראָדוקציע, צו פארשטארקן די סאָציאליסטישע עלעמענטן אפן כעזשבן פון די קאפיטאליסטישע און צו פארגרעסערן די ווירקונג אף די דריבנע סכוירע־פראָדוצירערס.

אין העסקעם מיטן לענינישן פלאן פון ווירטשאפטלעכער בויונג איז די סאָוועטן־רעגירונג צוגעטראָטן צום אונטערהאנדלען מיט א ריי אונטערנעמערס וועגן שאפן געמישטע געזעלשאפטן א. אז. וו.

צוגלײַך דערמיט, אף וויפל מיר האָבן נאָך ניט פארמאָגט אונדזערע אייגענע רויטע אינזשענערן און טעכניקערס, האָט לענין פאָרגעלייגט צוצוציִען און אוועקשטעלן אף ארבעט די אלטע בורזשואזע ספעציאליסטן, אײַנשטעלנדיק איבער זיי א קאָנטראָל מיצאד דער פראָלעטארישער מעלוכע.

„אָן דער אָנפירונג פון ספעציאליסטן פון פארשיידענע צווײַגן פון וויסנ־שאפט, טעכניק, דערפארונג — איז דער איבערגאנג צום סאָציאליזם אומעגלעך, —

---

1) Ленин, т. XXII, стр. 518—519.

האָט געשריבנ לענינ. —... און די ספּעציאַליסטנ זײַנען אינ זייער מאַסע אומ־פאַרמײַדלעכ בורזשואַזע, צוליב דער גאַנצער אומגעבונג פונ יענעם געזעלשאַפט־לעכנ לעבנ, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר ספּעציאַליסטנ" [1]).

לענינ האָט געהאַלטנ פאַר מעגלעכ צו ספּראַווענ זיכ מיט די אויפגאַבעס פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג בלויז באַם באַדינגונג פונ א גרינטלעכנ איבערבויענ די מעטאָדנ פונ אָנפירנ מיט דער ווירטשאַפט, פונ אַרויסרוקנ אפ דער ראָליע פונ אָרגאַניזאַטערס נײַע מענטשנ פונ צווישנ די אַרבעטער גופא, פונ א ברייטנ פאַנאַנדערוויקלענ די זעלבסט־קריטיק, די זעלבסטעטיקײַט פונ די מאַסנ און פונ דעמ סאָציאַליסטישנ פאַרמעסט. דאָס פאַנאַנדערוויקלענ די אַרבעטער־דעמאָקראַטיע און די זעלבסטעטיקײַט פונ די אַרבעטנדיקע האָט לענינ געהאַלטנ פאַר נייטיק צונויפצופאָרנ מיט דער אײַזערנער אַרבעט־דיסציפּלינ און מיט דער איינפּערזאָניקײַט אינעמ אָנפירנ מיט דער פּראָדוקציע.

„מע דאַרפ זיכ אויסלערנענ, — האָט געשריבנ לענינ, — פאַרייניקנ צוזאַמענ דעמ שטורעמדיקנ, מיטינגישנ דעמאָקראַטיזמ פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ, וואָס שלאָגט, ווי א פרילינג־געוויסער, וואָס גייט אויס פונ אַלע ברעגעס, מיט דער אײַזערנער דיסציפּלינ בעשאַס דער אַרבעט, מיט דעמ אָנדערווידערנ־דיקנ אונטערוואַרפנ זיכ דעמ ווילנ פונ איינ פּערזאָנ, פונעמ סאָוועטישנ אָנפירער, בעשאַס דער אַרבעט" [2]).

צוגלײַכ דערמיט האָט לענינ, פאַרופנדיק זיכ אפ זײַנ בוכ „מעלוכע און רעוואָ־ליוציע", אונטערגעשטרײַכט די נייטיקײַט אײַנצושטעלנ א שטרענגנ קאָנטראָל און דיסקאָנט.

„דיסקאָנט און קאָנטראָל — דאָס איז דאָס גרונטיקע, וואָס פאָדערט זיכ, אז עס זאָל אײַנגעאָרדנט ווערנ, אז עס זאָל ריכטיק פונקציאָנירנ די ערשטע פאַזע פונ דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט". און דעמזאָניקנ קאָנטראָל דאַרפ מענ אײַנשטעלנ ניט בלויז „נאָכ דער נישטיקער מערהײַט קאַפּיטאַליסטנ, נאָכ די הערנ, וואָס ווילנ אײַנהיטנ די קאַפּיטאַליסטישע געננג", נאָר אויכ נאָכ יענע אַרבעטער, וואָס זײַנענ „טיפ פאַרדאָרבנ דורכנ קאַפּיטאַליזמ", און נאָכ „די לײדיקגייער, פּריצימ, שווינדלער און ענלעכע היטערס פונ די טראַדיציעס פונעמ קאַפּיטאַליזמ" [3]).

די „לינקע קאָמוניסטנ" זײַנענ ביז זייער ענדגילטיקער צעגראָמירונג אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער פּאַרטײ אויכ אינ די פראַגעס פונ דער ווירטשאַפטלעכער בויונג. זיי האָבנ געלייקנט אינ דער לענינישער לערע וועגנ דעמ איבערגאַנג־פּעריאָד פונעמ קאַפּיטאַ־ליזמ צומ קאָמוניזמ, האַלטנדיק פאַר מעגלעכ א באַלדיקנ איבערגאַנג אינ קעניגרײַכ פונ פולשטענדיקנ ס אָ צ י אַ ל י ז מ. אַרויסגייענדיק דערפונ, פלעגנ זיי אָפּוואַרפנ די מאָסמיטלענ, וואָס פלעגנ פאָרגענומענ ווערנ אינ די אינטערעסנ פונ ווירקלעכנ בויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. זיי פלעגנ אַרויסטרעטנ מיט רעכילעס, אז דאָס אויס־נוצנ דעמ מעלוכע־קאַפּיטאַליזמ און דאָס צוציענ די בורזשואַזע ספּעציאַליסטנ איז קלוימערשט ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַנ איבערגאַנג אפ דער זײַט פונ דער בורזשואַזיע. זיי פלעגנ, ווי נאָר מעגלעכ, באַשמוצנ און סאַבאָטירנ די מאָסמיטלענ, וואָס זײַנענ געווענ געצילט צומ העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, — שטיק־אַרבעט, דיפערענ־צירטער אַרבעטלוינ, איינפּערזאָניקײַט און פעסטע אַרבעט־דיסציפּלינ. פאַרלייגנדיק מיטנ מויל דירעקט צו פאַרבײַטנ דעמ קאַפּיטאַליזמ אפנ סאָציאַליזמ, זײַנענ די „לינקע" אינדערעמעסנ געווענ די פאַרטיידיקערס פונ קליינבירגערלעכער צעלאָזנקײַט און צע־פלאָסנקײַט.

דעמ פאַרווירקלעכנ דעמ לענינישנ פּלאַנ פונ סאָציאַליסטישער בויונג האָט געשטערט דער בירגערקריג, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ זומער 1918 י. אָבער דער־

[1]) Ленин, т. XXII, стр. 446.

[2]) אויכ דאָרטנ, ז. 464.

[3]) אויכ דאָרטנ, ז. 528.

באטייט פונעמ דאָזיקנ פלאנ איז געווענ קאָלאָסאל. ער איז געווענ אינ זיינע גרונטשטריכנ דאָס פאָרבילד פונ דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס די פּארטיי האָט איינגעפירט אינ פרילינג 1921 י.

דער קאמפ פאר ברויט אונ די קאָמיטעטנ פונ דער דאָרפישער אָרעמשאפט.

וואָס מער די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע האָט זיכ אנטוויקלט, האָט זי אלצ ברייטער גענומענ ארומכאפנ אויכ דאָס דאָרפ. נאָכנ ליקווידירנ די פּריצימ האָט די פּארטיי זיכ געשטעלט פאר איר אויפגאבע — צו צעברעכנ דעמ ווידערשטאנד פונ די באלעגופימ, וועלכע האָבנ, זיכ אָנשפּארנדיק אפ זייער עקאָנאָמישער מאכט, געפירט אנ אומופהערלעכנ קאמפ קעגנ דער סאָוועטנמאכט. זיי פלעגנ באהאלטנ די טוויע אונ פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ זי אָפּצוגעבנ לויט פעסטע פּרייזנ. די באלעגופישע פּאָליטיק איז געווענ געצילט צומ צווינגענ דורכ הונגער די ארבעטער אָפּצושאפנ די פעסטע פּרייזנ אפ טוויע, צומ דערלויבנ זיי צו ספּעקולירנ מיט איר אפנ מארק, אונ — אינ דער אונטערשטער שורע — צו צווינגענ די ארבעטער אָפּצוגעבנ אלע זייערע פּאָזיציעס דעמ קאפּיטאליזמ. דער הונגער האָט זיכ באזונדערס פארשארפט אינ פרילינג 1918 יאָר. די ארבעטער פונ מאָסקווע אונ פּעטראָגראד פלעגנ באקומענ צו האלב פונט אונ אפילע צו אכטל פונט ברויט א טאָג. אינ דער פּערזאָנ פונ די באלעגופימ האָט זיכ קעגנ דער סאָוועטנמאכט אויפגעהויבנ „דער סאמע פילצאָליקער אונ דער לעצטער פונ די עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ". **דער קאמפ פאר ברויט איז אינ דידאָזיקע באדינגענ געווענ א דירעקטער אונ אומיטלבארער קאמפ פארנ סאָציאליזמ.**

„עס דאכט זיכ, אז דאָס איז א קאמפ בלויז פאר ברויט, — פלעגט זאָגנ לענינ, — אינדערעמעסנ איז דאָס א קאמפ פארנ סאָציאליזמ"[1].

די פּארטיי האָט גערופנ די ארבעטער אונ די אָרעמסטע פויערימ צומ סאמע אָנראכמאָנעסדיקנ אונ אנטשיידענעמ קאמפ מיט די באלעגופימ.

„די באלעגופימ — דאָס זיינענ די סאמע כייַשע, די סאמע גראָבע, די סאמע ווילדע עקספּלואטאטערס, — האָט געשריבנ לענינ, — וועלכע האָבנ ניט איינמאָל אינ דער געשיכטע פונ אנדערע לענדער צוריקגעשטעלט די מאכט פונ די פּריצימ, קייסאָרימ, גאלאָכימ, קאפּיטאליסטנ... דער באלעגופ קענ אונ קענ גרינג שאָלעמ מאכנ מיטנ פּאָרעצ, קייסער אונ גאלעכ, אפילע אויב זיי האָבנ זיכ צעקריגט, אָבער מיטנ ארבעטער־קלאס — **קיינמאָל ניט**... אנ אָנראכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ די באלעגופימ! א טויט זיי! האס אונ פאראכטונג צו די פּארטייענ, וועלכע פארטיידיקנ זיי: צו די רעכטע עסערנ, מענשעוויקעס אונ די איצטיקע לינקע עסערנ!"[2]

קעדיי צו פארגרייטנ ברויט פאר דער רויטער ארמיי אונ פאר די ארבעטער, זיינענ אינ דאָרפ אריינגעשיקט געוואָרנ ארבעטערשע דערנערונג־אָטריאדנ. לויט לענינס אָנווייז, איז באשאפנ געוואָרנ א באזונדערע דערנערונג־ארמיי. דעמ 11 יונ 1918 י. האָט די רעגירונג ארויסגעגעבנ א באשטימונג וועגנ אָרגאניזירנ קאָמיטעטנ פונ דער דאָרפישער אָרעמשאפט (קאָמבעדנ). די דירעקטע אויפגאבע פונ דידאָזיקע קאָמיטעטנ איז באשטאנענ אינעמ העלפנ אָפּנעמענ בא די באלעגופימ די טוויע־מויסרעס. אָבער די ארבעט פונ די קאָמבעדנ האָט אָנגענומענ אסאכ ברייטערע מאסשטאבנ. בא די באלעגופימ פלעגט מענ צונעמענ די לאנדווירטשאפטלעכע געצייג, מאשינעס, פי אונ עס פאנאנדערטיילנ צווישנ די אָרעמע פויערימ. די קאָמבעדנ פלעגנ

[1]) Ленин, т. XXIII, стр. 87.

[2]) אויכ דאָרטנ, ז. 207—206.

דורכפירנ רעקוויזיציעס, פלעגנ ארופלייגנ אפ די באלעגופים קאָנטריבוציעס, פלעגנ פירנ א קאמפ מיט דער קאָנטררעוואָליוציע אונ ספעקוליאציע אינ דאָרפ. די באלעגופים פלעגט מענ אָנראכמאָנעסדיק אנטבאלעגופעווענ. בא 50 מיליאָנ הא באלעגופישע ערד איז אריבערגעגאנגענ צו די אָרעמסטע אונ מיטעלע פויערים. דאָס קאָנפיסקירטע באלעגופישע פארמעגנ איז פארטיילט געוואָרנ צווישנ די אָרעמע פויערים. די פארטיי פלעגט סיסטעמאטיש אָנפירנ מיטנ גאנצנ קאמפ פונ די אָרעמשאפט־קאָמיטעטנ, קערעווענדיק אימ אינ די אינטערעסנ פונ אנטוויקלענ די סאָציאליסטישע רעוואָליוציע אינ דאָרפ.

די באלעגופים האָבנ גענומענ שטעלנ א פארצווייפלטנ ווידערשטאנד קעגנ דער פאָליטיק פונ זער סאָוועטנמאכט. אונטערנ אָנפיר פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ זיי אופגעהויבנ א גאנצע ריי באוואָפנטע אופשטאנדנ. באזונדערס ברייט האָבנ זיכ פאנאנדערגעשפרייט די באלעגופישע אופשטאנדנ אינ דער ביי־וואָלגע־געגנט אונ אינ מייִרעוו־סיביר. אינ זייער קאמפ קעגנ דער סאָוועטנמאכט פלעגנ זיכ די באלעגופים פארייניקנ מיט דער בורזשואזיע, פריצים אונ אלע איבעריקע קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ.

די דערפאָלגנ פונ אונדזער קאמפ מיטנ באלעגופ זײַנענ אינ א היפשער מאָס געווענ אָפהענגיק פונ אונדזער פאָליטיק בענעגייע צום מיטלפויער. דער מיטלפויער פלעגט נאָכ ארויסוויַיזנ היפשע וואקלונגענ צווישנ דער בורזשואז־באלעגופישער קאָנטררעוואָליוציע אונ צווישנ דער סאָוועטנמאכט. אָבער דער ארבעטנדיקער פויער איז ניט געווענ קיינ סוינע דער סאָוועטנמאכט,— מע האָט אימ געדארפט געווינענ אפ דער זײַט פונ פראָלעטאריאט. דעריבער האָט די פארטיי געגעבנ די קאָמבעדנ אָנווײַזונגענ צוצוציִענ צו זייער ארבעט אויכ די מיטלפויערים, דיסקאָנטירנדיק זייערע נויטנ אונווירטשאפטלעכע באדערפענישנ.

דאָס אנטבאלעגופעווענ פונ 1918 יאָר טאָר מענ ניט צונויפמישנ מיט דער פאָליטיק, וואָס איז אָנגעהויבנ געוואָרנ אינ די יאָרנ 1929—30, ווענ אונדזער פארטיי האָט געשטעלט די אופגאבע צו ליקווידירנ דאָס באלעגופנטום אלס קלאס אפנ גרונט פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

אינ רעזולטאט פונעמ פארביסענעמ קאמפ קעגנ די באלעגופים איז די ווירקונג פונעמ באלעגופנטום אינ דאָרפ שטארק ארונטערגעריסנ געוואָרנ. די פראָלעטארישע רעוואָליוציע האָט זיכ אויסגעקעמפט אינ דאָרפ פעסטע פאָזיציעס. עס האָבנ זיכ פארפעסטיקט די דאָרפישע סאָוועטנ, וואָס האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ עכטע אָנשפאר־פונקטנ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור. דאָס אלצ האָט געהאט אנ אויסערסט וויכטיקנ באטײַט פארנ צערייטנ דעמ איבערגאנג פונעמ לאָזונג „נייטראליזירנ דעמ מיטלפויער" צומ לאָזונג פונ „א פעסטנ בונד מיטנ מיטלפויער". איינער פונ די וויכטיקסטע רעזולטאטנ פונעמ קאמפ פונ די קאָמבעדנ קעגנ באלעגופנטומ איז געווענ די באדײַטנדיקע פארמיטלפויערונג פונעמ פויערטומ; עס האָט זיכ פארקירצט די צאָל ווייניקערדיקע פויערים, ס'איז פארקלענערט געוואָרנ די צאָל באלעגופים אונ עס איז שטארק אויסגעוואקסנ די צאָל מיטלפויערים.

דער קאָמבעדנ־פעריאָד האָט געהאט א קאָלאָסאלנ היסטאָרישנ באטײַט. ער איז געוואָרנ א נײַער עטאפ פונ אנטוויקלענ אונ פארטיפנ די סאָציאליסטישע רעוואָליוציע אינ דאָרפ.

ליטעראטור צומ צענטנ קאפיטל.

Ленин, Доклад о мире, Соч., т. XXII, стр. 13—16.
Ленин, Заключительное слово по докладу о мире, Соч., т. XXII, стр. 17—19.
Ленин, Доклад о земле 8 ноября (26 октября), Соч., т. XXII, стр. 20—23.
Ленин, Проект положения о рабочем контроле, Соч., т. XXII, стр. 25—26.

Ленин, От Центрального комитета социал-демократической рабочей партии (большевиков) ко всем членам партии и ко всем трудящимся массам России, Соч., т. XXII, стр. 58—61.

Ленин, Союз рабочих с трудящимися и эксплуатируемыми крестьянами, Соч., т. XXII, стр. 89—91.

Ленин, Тезисы об Учредительном собрании, Соч., т. XXII, стр. 131—134.

Ленин, Проект декрета о социализации народного хозяйства, Соч., т. XXII, стр. 139—141.

Ленин, Проект Декларации прав трудящегося и эксплуатируемого народа, Соч., т. XXII, стр. 174—178.

Ленин, Тезисы по вопросу о немедленном заключении сепаратистского и аннексионистского мира, Соч., т. XXII, стр. 191—199.

Ленин, О революционной фразе, Соч., т. XXII, стр. 261—269.

Ленин, Странное и чудовищное, Соч., т. XXII, стр. 297—303.

Ленин, Доклад о войне и мире 7 марта, Соч., т. XXII, стр. 313—330.

Ленин, Заключительное слово по докладу о войне и мире, Соч., т. XXII, стр. 331—338.

Ленин, Очередные задачи советской власти, Соч., т. XXII, стр. 435—468.

Ленин, О „левом" ребячестве и мелкобуржуазности, Соч., т. XXII, стр. 511—528.

Ленин, Товарищи-рабочие! Идем в последний решительный бой! Соч., т. XXIII, стр. 203—208.

Ленин, Резолюция ЦК РСДРП(б) по вопросу об оппозиции внутри ЦК 15(2) ноября 1917 г., Соч., т. XXX, стр. 360—361.

Сталин, Об основах ленинизма, „Вопросы ленинизма", стр. 54—55.

Сталин, „О трех основных лозунгах по крестьянскому вопросу (отв. т. Ян—скому), „Вопросы ленинизма", стр. 245—254.

Сталин, сб. „Об Октябрьской революции", Октябрьский переворот и национальный вопрос, стр. 3—10.

Сталин, Партия после взятия власти, сб. „Об Октябрьской революции", стр. 34—39.

עלפטער קאפּיטל.

די פּארטיי אינ פּעריאָד פונ בירגערקריג אונ פונ מיליטערישנ קאָמוניזמ.

דער קאמפ אפ די פראָנטנ פונ בירגערקריג אינ 1918 יאָר.

די אראָפּגעשליידערטע קאפּיטאליסטנ אונ פּריצים האָבנ ניט געקענט שאָלעמ מאכנ מיטנ זיג פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. אפילע נאָכנ צעקלאפּנ קאלעדינענ, דוטאָוונ אונ נאָכנ צעטרייבנ די גרינדונג־פארזאמלונג האָבנ זיי נאָכ ווײַט ניט געהאלטנ זייער זאכ פאר פארשפּילט. זיי האָבנ אָרגאניזירט א גאנצע ריי געהיימע קאָנטררעוואָליוציאָנערע געזעלשאפטנ („רעכטער צענטער“, „נאציאָנאלער צענטער“ אונ אנד.), זיי האָבנ זיכ גענומענ אָרגאניזירנ ווײַסע ארמייענ אונ אָנזאמלענ קרעפטנ פאר אנ אנטשיידנדעמ געראנגל מיט דער סאָוועטנמאכט. דער ציל פונ דער בורזשואזיע אונ פונ די פּריצים איז געווענ: פולשטענדיק צו פארניכטנ די סאָוועטנ, אומצוקערנ צוריק די צוגענומענע בא זיי ערדנ אונ פאבריקנ אונ צוריקופצושטעלנ די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג.

די געטרײַסטע דינער אונ פארבינדעטע פונ די פארמעגלעכע קלאסנ זיינענ געווענ די מענשעוויקעס אונ עסערנ. זייער ווילנ צוריקופצושטעלנ דעמ קאפּיטאליזמ פלעגנ זיי מאסקירנ מיט הויכע פראזעס וועגנ דעמאָקראטיע, גרינדונג־פארזאמלונג, גלײַכהייט אונ פרײַהייט. אינאיינעמ מיט די קאפּיטאליסטנ אונ פּריצים האָבנ זיי גענומענ דעמ אקטיווסטנ אָנטייל אינעמ אָרגאניזירנ דעמ באוואָפנטנ קאמפ קעגנ דער סאָוועטנמאכט. די לאָזונגענ פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ געדינט פאר א שילד, וואָס הינטער אימ האָבנ די בורזשואזיע אונ די פּריצים געזאמלט קרעפטנ אפ אײַנצושטעלנ זייער דיקטאטור אינ א דירעקטער ניט־מאסקירטער פאָרמע.

ניט געקוקט אפ אלע אירע באמיונגענ, האָט זיכ דער רוסלענדישער קאָנטררעוואָליוציע פאָרט ניט אײַנגעגעבנ צו געפינענ קיינ אונטערשטיצונג בא די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ. אירע קרעפטנ אינעווייניק אינ לאנד זיינענ געווענ אבסאָליוט ניט גענוג אפ אראָפּצוווארפנ די סאָוועטנמאכט. אָבער אינ קאמפ קעגנ סאָוועטנרוסלאנד איז ארײַנגעטראָטנ די צווישנפעלקערלעכע בורזשואזיע, וואָס האָט פאר זיכ געשטעלט די אופגאבע צו צעשמעטערנ די ארבעטער־פּויערישע רעפּובליק.

די צוגרייטונג צו א מילכאָמע־אויסטרעט קעגנ דער סאָוועטנמאכט איז געפירט געוואָרנ מיט דער הילפ פונ די אויסלענדישע רעגירונגענ פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער אונ אונטער זייער אָנפיר.

די רעגירונגענ פונ די בורזשואזע מעלוכעס פלעגנ ענערגיש באזאָרגנ דעמ בלאָק פונ די רוסישע פּריצימ אונ קאפּיטאליסטנ מיט געלט, אינסטרוקציעס, פלעגנ ענג צוזאמענבינדנ די טעטיקייט פונ די אונטערערדישע אָרגאניזאציעס אונ די פארשווערונגענ. באלד פונ סאמע אָנהייב אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט מענ אָנגעהויבנ ברענגענ צו פירנ קיינ רוסלאנד פאר דער רוסישער קאָנטררעוואָליוציע מיליטערישע אויסריכטונג, געווער.

די צווישנפעלקערלעכע בורזשואזיע האָט זיכ געהאט אירע מאָטיווו אפ צו שטרעבנ צו דערשטיקנ די רוסישע רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע האָט דורכגעריסנ דעמ פראָנט פונעמ אינטערנאציאָנאלנ אימפּעריאליזמ. זי האָט צעשפּאָלטנ די גאנצע וועלט

אפ צוויי אומקאָמפּראָמיסלעכ־קעגנזעצלעכע לאגערנ — דעמ קאפּיטאליסטישנ אונ דעמ סאָציִאליסטישנ. זי האָט געבראכט צומ שאפנ א סאָוועטנ־רעפּובליק, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר דאָס היימלאנד, דעמ פאָרויסיקנ אָטריאד פונ דער אלוועלטלעכער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. נאָכטועענדיק דעמ בײַשפּיל פונ די רוסישע ארבעטער אונ פויערימ האָבנ זיכ גענומענ אופהייבנ צו אנ אנטשיידענעמ קאמפ די פּראָלעטאריער פונ מײַרעוו־אייראָפּע אונ די אונטערדריקטע פעלקער פונ די קאָלאָניעס. די דוירעס־דיקע געבײַדע פונ קאפּיטאליזמ האָט זיכ אָנגעהויבנ שפּאלטנ אונ שאָקלענ. דאָס אליינ איז שוינ געווענ גענוג, אז די צווישנפעלקערלעכע בורזשואזיע זאָל זיכ מיט פארביסנקײַט א וואָרפ טאָנ אפ סאָוועטנרוסלאנד. נאָר כוצ דעמ האָבנ נאָכ די אויסלענדישע קאפּיטאליסטנ פארלאָרנ אינ צוזאמענהאנג מיט דער רעוואָליוציע דאָס ברייטסטע פעלד פאר עקספּלואטאציע אונ רויבערײַ. פאר דער רעוואָליוציע האָבנ די קאפּיטאליסטנ פונ מײַרעוו פארמאָגט אינ רוסלאנד א ריזיקע צאָל אונטערנעמונגענ. די אויסלענדישע בורזשואזיע פלעגט ארויסקלאפּנ בא די ארבעטנדיקע פונ רוסלאנד ריזיקע פּראָצענטנ פאר אירע הלוואָעס. ענדלעכ, איז רוסלאנד געווענ די צושטעלערנ פונ הארמאטנ־פלייש פאר די אימפּעריִאליסטנ פונ דער אנטאנטע. דער צאריזמ האָט געוואָרפנ אינ דער מילכאָמע קעגנ דײַטשלאנד מיליאָניקע ארמייענ פונ רוסישע סאָלדאטנ, כדי די אנטאנטע זאָל קענענ פארכאפּנ נײַע מערק אונ קאָלאָניעס. דאָס אלצ איז פארניכט געוואָרנ דורכ דער רעוואָליוציע. אָט פארוואָס די אינטערנאציִאָנאלע בורזשואזיע האָט זיכ אזוי צוגעײַלט ארויסצוטרעטנ קעגנ סאָוועטנרוסלאנד.

אינ שפּיצ פונ דער אינטערווענצ אונ דער קאָנטררעוואָליוציע זײַנענ געגאנגענ די אימפּעריִאליסטנ פונ דער אנטאנטע (ענגלאנד, פראנקרײַכ אונ אנד.). דײַטשלאנד פלעגט אויכ אפ פארשיידענע אויפנים העלפנ דער רוסלענדישער קאָנטררעוואָליוציע, כאָטש צווישנ דײַטשלאנד אונ דער אנטאנטע איז געגאנגענ א פארביטערטע מילכאָמע.

אויבנ איז שוינ געווענ דערמאָנט, אז די דײַטשנ האָבנ פארנומענ מיט זייער ארמיי גאנצ אוקראִינע. ניט באנוגענענדיק זיכ דערמיט, האָבנ זיי געשאפנ אפנ דאָנ א קאָנטררעוואָליוציִאָנערע רעגירונג מיטנ גענעראל קראסנאָוו אינ שפּיצ, וועלכער האָט אָרגאניזירט מיט דער הילפ פונ די דײַטשנ א פערציק־טויזנטיקע ארמיי אונ האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ א מארש קעגנ סאָוועטנרוסלאנד. אינ פעריִאָד פונעמ בירגערקריג איז סאָוועטנרוסלאנד געווענ ארומגערינגלט מיט סאָנימ פונ אלע זײַטנ. זי איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א באלאגערטער פעסטונג. עס האָט זיכ געשאפנ א דירעקטע סכאָנה פאר דער עצמ עקזיסטענצ פונ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. די וויכטיקסטע אופגאבע פונ דער פּארטיי איז געווענ: אָפּצושלאָגנ דעמ אָנגריפ פונעמ צווישנפעלקערלעכנ אימפּעריִאליזמ אונ אײַנצוהיטנ די דעראָבערונגענ פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

מוירע האָבנדיק פאר דער אופגעבראכטקײַט פונ זייערע ארבעטער, פלעגנ די אימפּעריִאליסטנ זאָרגעוודיק פארבאָרגנ דעמ פאקט פונ זייער ארײַנמישנ זיכ אינ די איניאָנימ פונ סאָוועטנרוסלאנד.

„דעמ קאמפ פונ דעניקינענ אונ קאָלטשאקנ, יודעניטשנ אונ וורענגעלנ קעגנ דער רעוואָליוציע אינ רוסלאנד פלעגנ די אימפּעריִאליסטנ זײַנ גענויגט צו שילדערנ, ווי א קאמפ אנ אויסשליסלעכ־אינערלעכנ. אָבער מיר האָבנ אלע געוווּסט, אונ ניט בלויז מיר, נאָר די גאנצע וועלט האָט אויכ געוווּסט, אז הינטער די פּלייצעס פונ דידאָזיקע קאָנטררעוואָליוציִאָנערע רוסישע גענעראלנ זײַנענ געשטאנענ די אימפּעריִאליסטנ פונ ענגלאנד אונ אמעריקע, פראנקרײַכ אונ יאפּאָניע, וואָס אָנ זייער אונטערשטיצונג וואָלט אנ ערנסטער בירגער־קריג אינ רוסלאנד געווענ אבסאָליוט אומעגלעכ“[1].

דער בירגערקריג איז געווענ א באוואָפנטער קאמפ פונ דער צווישנפעלקערלעכער אונ רוסישער בורזשואזיע קעגנ סאָוועטנרוסלאנד אלס דעמ אוואנגארד

[1] Сталин, „Об оппозиции“, стр. 425.

פונ דער וועלט־רעוואָליוציע. דאָס איז געווענ א גיגאנטישער געראנגל צווישנ צוויי לאגערנ — דעמ קאפּיטאליסטישנ אונ דעמ סאָציאליסטישנ אונ אלס אזעלכער האָט ער געהאט א קאָלאָסאלנ אינטערנאציאָנאלנ באטײַט.

קאָלומאנ עס האָט זיכ נאָכ געצויגנ די פארביטערטע מילכאָמע צווישנ דער אנטאנטע אונ די לענדער פונעמ פיר־בונד (דײַטשלאנד, עסטרײַכ, טערקײַ, באָלגאריע), האָבנ די אנטאנטע־אימפּעריאליסטנ נאָכ ניט געקענט אויסטיילנ פארנ קאמפ קעגנ סאָוועטנרוסלאנד קיינ באדײַטנדיקע קרעפטנ פונ זייערע אייגענע ארמייענ. אינעמ דאָזיקנ פעריאָד (ביזנ סאמע סאָפ 1918 יאָר) האָבנ זיי געהאָפט אראָפּצוווארפנ די סאָוועטנמאכט הויפּטזאכלעכ מיט די קויכעס פונ די טשעכאָסלאָוואקנ אונ די רוסישע ווײַסגווארדייער. די טשעכאָסלאָוואקנ — דאָס זײַנענ געווענ די געוועזענע סאָלדאטנ פונ דער עסטרײַכ־אונגארישער ארמיי, וואָס זײַנענ גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט אָדער וואָס זײַנענ אליינ אריבערגעלאָפנ צו די רוסנ בעשאס דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע. איבער נאציאָנאלער סינע צו די דײַטשנ זײַנענ זיי אײַנגעגאנגענ צו שלאָגנ זיכ אפ דער זײַט פונ די פארבינדעטע (רוסלאנד, ענגלאנד, פראנקרײַכ) קעגנ דײַטשלאנד. נאָכ אינ דעמ צארס צײַטנ האָט מענ פונ זיי אָנגעהויבנ פאָרמירנ א ספּעציעלנ קאָרפּוס, וועלכער האָט אינ 1917 יאָר אָנטיילגענומענ אינ די שלאכטנ קעגנ די דײַטשנ. טשעכאָסלאָוואקנ איז געווענ בא פערציק טויזנט מאנ. אָפּגענארט דורכ זייערע אָפיצערנ, זײַנענ זיי געווענ א געהאָרכזאמ געווער אינ די הענט פונ די אימפּעריאליסטנ. אָנשפּארנדיק זיכ אפ די טשעכאָסלאָוואקישע באטאליאָנענ, האָט די אנטאנטע געהאָפט שנעל זיכ צו צערעכענענ מיט סאָוועטנרוסלאנד.

אינ מײַ 1918 יאָר האָבנ די טשעכאָסלאָוואקנ גענומענ פאָדערנ, מע זאָל זיי אוועקשיקנ קיינ פראנקרײַכ אפ צו פירנ ווײַטער דעמ קאמפ קעגנ דײַטשלאנד. די סאָוועטנ־רעגירונג האָט געגעבנ איר הסקעמ אריבערצושיקנ די טשעכנ קיינ אויסלאנד אונ האָט אָנגעהויבנ זיי אריבערוווארפנ מיט דער סיבירער אײַזנבאנ קיינ וולאדיוואָסטאָק. די עשעלאָנענ מיט די טשעכאָסלאָוואקנ האָבנ זיכ צעצויגנ איבער דער גאנצער סיבירער אײַזנבאנ־מאגיסטראל — פונ פּענזע ביז וולאדיוואָסטאָק. גראָד אינ דעמדאָזיקנ מאָמענט האָט די אנטאנטע געגעבנ א סיגנאל, אונ די טשעכנ, פּראָוואָצירט דורכ זייערע אָפיצערנ, האָבנ געמאכט אנ אופשטאנד. אויסנוצנדיק די שוואכקײַט פונ די באזונדערע צעוואָרפענע רויטארמייִשע אָטריאדנ, האָבנ די טשעכנ סאָפּ מײַ פארנומענ טשעליאבינסק, נאָוואָניקאָלײַעווסק (איצט נאָוואָסיבירסק), אָמסק, בארנאול אונ וולאדיוואָסטאָק. גאָר אינגיכנ האָבנ זיי אויכ פארכאפּט סאמארע, סימבירסק (איצט אוליאנאָווסק) אונ קאזאנ, ווו אינ זייערע הענט האָט זיכ ארײַנגעכאפּט דער גאָלד־זאפּאס פונ דער רעפּובליק אונ א סומע פונ אנערעכ 600 מיליאָנ רובל. אזוי ארומ זײַנענ אינ די הענט פונ די טשעכנ ארײַנגעפאלנ א היפּשער טייל פונ וואָלגער געגנט, דער אוראל, סיביר אונ דער ווײַטמיזרעכדיקער קאנט. אונטערנ שוץ פונ די טשעכאָסלאָוואקישע באגנעטנ האָט זיכ אינ אָמסק געשאפנ א צײַטווײַליקע סיבירישע רעגירונג, וואָס אינ איר שפּיצ האָבנ זיכ געשטעלט די עסערנ; אינ סאמארע, ווידער, האָבנ די עסערנ אונ מענשעוויקעס אָרגאניזירט א קאָמיטעט פונ די מיטגלידער פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג (Комуч). די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ גענומענ פארזיכערנ, אז אונטער דער מאכט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג וועלנ אלע לעבנ אלציינס גוט אונ פרײַ. זיי האָבנ צוגעזאָגט צו באפרידיקנ איינצײַטיק סײַ די ארבעטער, סײַ די בורזשואזיע. אינדערעמעסנ האָט זיכ די מאכט, פארשטייט זיכ, געפונענ בא די קאפּיטאליסטנ, פּריצימ אונ באמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ אָפיצערנטום. די נאציאָנאליזאציע פונ די פאבריקנ איז אָפּגעשאפט געוואָרנ, די ערדנ האָט מענ אומגעקערט צוריק צו זייערע באזיצערס. דער קאָמיטעט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג האָט זיכ ארויסגעוויזנ בלויז אלס א שירמע אפ אָפּצונארנ אונ אונטערדריקנ די ארבעטנדיקע.

דער אופשטאנד פונ די טשעכאָסלאָוואקנ איז צונויפגעפאלנ אינ איינ צײַט מיט דער פארשארפונג פונעמ קאמפ צווישנ דער אָרעמשאפט אונ דעמ באלעגופנטומ אינ

דאָרפ. דערמונטערט דורכן טשעכאָסלאָוואקישן בונט, האָבן די באלעגופים פארשטארקט זייער קאמפ קעגן דער סאָוועטנמאכט. וווּ־ניט־ווּ פלעגט זיך זיי איינגעבן צו באווירקן אייניקע שיכטן פון מיטלפויערטום און מיטצורייסן זיי מיט זיך. די קאָנטררעוואָליוציע האָט באקומען אן אָנשפאר אין געשטאלט פון די דאָרפישע באלעגופים. דערדאָזיקער אומשטאנד האָט פארגרעסערט די שוועריקייטן פון קאמפ קעגן די סאָנים פון דער רעוואָליוציע און האָט מעמיילע פארלייכטערט פאר דידאָזיקע סאָנים זייערע ארויסטרעטן קעגן די סאָוועטן.

קעדיי צו קומען צוהילפ די רוסישע ווייסגווארדייער, האָבן די ענגלענדער פארנומען מיט זייער מיליטער ארכאנגעלסק, האָבנדיק אין זינען פון דאָרטן זיך א לאָז



דער אטענטאט אפ לענינען אין 1918 י. (בילד פונעם קינסטלער פטשאָלין).

צו טאָן אפ מאָסקווע. אין ארכאנגעלסק האָבן זיי געשאפן א בורזשואזע רעגירונג מיטן באלעגופישן קאָאָפעראטאָר טשייקאָווסקי אין שפיץ. אפן דאָרעם און דאָרעם־מיזרעך האָבן די ענגלענדער פארכאפט באקו און אייניקע ראַיאָנען פון טורקעסטאן. אוקראַינע האָט זיך דעמאלט געפונען אין די הענט פונעם דייטשישן מיליטער. קעדיי צו פארבינדן דעם טשעכאָסלאָוואקישן פראָנט מיטן צאָפנדיקן און אזויארום ארומכאפן סאָוועטנרוסלאנד מיט א האלב־רינג, האָבן די אנטאנטע־אימפעריאליסטן אָנגעמערקט צו אָרגאניזירן אופשטאנדן אין מאָסקווע און אין דריי און צוואנציק אנדערע שטעט. די מערהייט פון דידאָזיקע אופשטאנדן זיינען ניט צו־שטאנד געקומען, אָבער אין די שטעט ריבינסק, מוראָם, יאראָסלאוול האָבן די ווייסגווארדייער פאָרט באוויזן ארויסצוטרעטן. אלס דירעקטע אָנטיילנעמערס אין די אופשטאנדן זיינען ארויסגעטראָטן פארשיידענע מאָנארכיסטישע עלעמענטן און אויך די פאָרשטייערס פון די קליינבירגערלעכע פארטייען — מענשעוויקעס און רעכטע עסערן. די גרעסטע ראָליע אינעם צוגרייטן דעם יאראָסלאווער אופשטאנד האָט געשפילט איינער פון די אָנגעזעענע טוערס פון דער עסערישער פארטיי — באָריס סאווינקאָוו. אינגיכן האָבן זיך אפן וועג פון דירעקטן קאָנטררעוואָליוציאָנערן קאמפ קעגן דער סאָוועטנמאכט געשטעלט אויך די לינקע עסערן, וואָס זייער אריבערגאנג אפ דער זייט פון דער בורזשואזיע האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אינעם פעריאָד פון די בריסקער אונטערהאנדלונגען. ניט איינשטימענדיק מיט דער באָלשעוויסטישער פארטיי אין דער פראגע וועגן בריסקער שאָלעם, זיינען די לינקע עסערן אין מארט 1918 יאָר

ВСѢМ СОВѢТАМ

РАБОЧИХ, КРЕСТ., КРАСНОАРМ. ДЕПУТ.

ВСѢМ арміям, ВСѢМ, ВСѢМ, ВСѢМ.

Нѣсколько часов тому назад совершено злодѣйское покушеніе на тов. ЛЕНИНА. Роль тов. Ленина, его значеніе для рабочаго движенія Россіи, рабочаго движенія всего міра извѣстны самым широким кругам рабочим всѣх стран.

Истинный вождь рабочаго класса не терял тѣснаго общенія с классом интересы, нужды котораго он отстаивал десятки лѣт. Тов. ЛЕНИН выступавшій все время на рабочих митингах в пятницу выступал перед рабочими завода-МИХЕЛЬСОН в Замоскворѣцком районѣ гор. Москвы. По выходѣ с митинга тов. ЛЕНИН был ранен. Двое стрѣлявших задержаны. Их личность выясняется. Мы не сомнѣваемся в том, что и здѣсь будут найдены слѣды правых эс-эров, слѣды наймитов англичан и французов.

ПРИЗЫВАЕМ ВСѢХ ТОВАРИЩЕЙ К ПОЛНѢЙШЕМУ СПОКОЙСТВІЮ, К УСИЛЕНІЮ СВОЕЙ РАБОТЫ ПО БОРЬБѢ С КОНТРЕВОЛЮЦІОННЫМИ ЭЛЕМЕНТАМИ.

НА ПОКУШЕНІЯ, НАПРАВЛЕННЫЯ ПРОТИВ ЕГО ВОЖДЕЙ, РАБОЧІЙ КЛАСС ОТВѢТИТ ЕЩЕ БОЛЬШИМ СПЛОЧЕНІЕМ СВОИХ СИЛ, ОТВѢТИТ БЕЗПОЩАДНЫМ МАССОВЫМ ТЕРРОРОМ ПРОТИВ ВСѢХ ВРАГОВ РЕВОЛЮЦІИ.

Товарищи! Помните, что охрана ваших вождей в ваших собственных руках. Тѣснѣе смыкайте свои ряды и господству буржуазіи вы нанесете рѣшительный, смертельный удар. Побѣда над буржуазіей—лучшая гарантія, лучшее укрѣпленіе всѣх завоеваній октябрьской революціи, лучшая гарантія безопасности вождей рабочаго класса.

Спокойствіе и организація! Всѣ должны стойко оставаться на своих постах! Тѣснѣе ряды!

Предсѣдатель В. Ц. И. К. Я. Свердлов.

30 Августа 1918 года. 10 час. 40 мин. вечера.

אופרופ פונ „ווציק" וועגנ דעמ אטענטאט אפ לענינענ.

ארויסגעטראָטנ פונ דער רעגירונג, שטעלנדיק זיכ פאר א ציל אראָפּצורײַסנ פאר יעדער פרײַז די שאָלעמ-פּאָליטיק פונ דער סאָוועטנמאכט און ארײַנצוציִענ רוסלאנד אינ א נײַער מילכאָמע. גלײַכצײַטיק האָבנ זײ גענומענ פירנ א פּארביטערטנ קאמפּ קעגנ דער דערנערונג-פּאָליטיק פונ דער סאָוועטנמאכט און קעגנ אָרגאניזירנ קאָמבעדנ (אָרעמשאפט-קאָמיטעטנ), פּארטײדיקנדיק די אינטערעסנ פונעמ באלעגופנטומ קעגנ דער דאָרפישער אָרעמשאפט.

דעמ 5 יול 1918 יאָר האָבנ די לינקע עסערנ אופגעהויבנ אינ מאָסקווע אנ אופשטאנד. פארכאפנדיק אפ א קורצער צײַט דעמ טעלעגראפ, האָבנ זיי זיכ געווענדט צו דער באפעלקערונג מיט א רופ ניט אויסצופילנ די פאראָרדענונגענ פונ דער סאָוועטנמאכט אינ אונטערצוהאלטנ דעמ אופשטאנד פונ די לינקע עסערנ.

אָבער די אוואנטיורע פונ די לינקע עסערנ האָט ניט געפונענ קיינ שומ שטיצע בא די מאסנ ארבעטער אונ פויערימ. אדאנק די באמיִונגענ פונ דער ווטשעקא אונ דער רויטער ארמיי איז דער בונט פונ די לינקע עסערנ שנעל ליקווידירט געוואָרנ.

ניט באגרענעצנדיק זיכ מיט אופשטאנדנ, האָבנ די עסערנ געמאכט א ריי אטענטאטנ אפ די אָנגעזעענסטע טוערס אונ פירערס פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי. זומער 1918 יאָר האָבנ די רעכטע עסערנ דערהארגעט אינ פעטראָגראד וואָלאָדארסקינ. דעמ 30 אווגוסט האָט א מיטגליד פונ דער פארטיי רעכטע סאָציִאליסטנ־רעוואָליוציִאָנערנ, פאני קאפלאנ, שווער פארוווּנדעט מיט צוויי רעוואָלווער־שאָסנ לענינענ. דעמזעלבנ טאָג איז אינ פיטער דערהארגעט געוואָרנ אוריצקי — דער פאָרזיצער פונ טשעקא.

די סאָנימ פונ דער רעוואָליוציע האָבנ גענומענ אָנגרײַפנ אפ סאָוועטנרוסלאנד פונ אלע זײַטנ. פאר סאָוועטנרוסלאנד זײַנענ אָנגעקומענ מינוטנ, פול מיט טויט־געפאר.

אינעמ דאָזיקנ געפערלעכסטנ מאָמענט האָט די פארטיי קאָנצענטרירט אלע אירע קויכעס אונ ענערגיע אפ פארשטארקנ די רויטע ארמיי אונ אפנ אָרגאניזירנ אנ אָפּשטויס דער קאָנטררעוואָליוציע. אינ א קורצער צײַט האָט זי באוויזנ צונויפצוזאמלענ, צו באגײַסטערנ אונ אופצוהייבנ אפ א העלדישנ קאמפ די ארבעטער אונ האָרעפּאשנע פויערימ פונ גאנצ סאָוועטנרוסלאנד. פונ באזונדערע צעוואָרפענע רויט־ארמייִשע אָטריאדנ האָבנ זיכ גענומענ שנעל אָרגאניזירנ רעגולערע ארמיי־טײלנ. אפ אָנצופירנ מיט דער רויטער ארמיי האָט זיכ גענומענ אויסבילדנ א גוט־אײַנגעשטעלטער אונ שטענדיק־ווירקנדיקער צענטראליזירטער אפאראט. אינ די ארמיי־טײלנ איז אײַנגעפירט געוואָרנ א פעסטע קאָמאנדירונג אונ עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ אנ אײַזערנע רעוואָליוציִאָנערע דיסציפלינ. די פארטיי האָט דערקלערט א פארביטערטנ קאמפ קעגנ יעדער אומדיסציפלינירטקײַט אונ אייגנווילִיקײַט, מיט וועלכע עס פלעגנ זיכ אָפטמאָל אויסצייכענענ אייניצלנע צעוואָרפענע אָטריאדנ. צוליבנ מאנגל אינ אײגענע רויטע קאָמאנדירנ פלעגט די פארטיי ברייט אויסנוצנ מיליטערישע ספּעציִאַליסטנ פונ געוועזענע אָפיצערנ, צו וועלכע מע פלעגט אלס קאָמיסארנ צושטעלנ די בעסטע, אויסגעפרוּווטע אונ שטאנדהאפטיקסטע באָלשעוויקעס. טויזנטער קאָמוניסטנ האָבנ זיכ אווועקגעלאָזט אפנ פראָנט. אונטערנ אָנפיר פונ די פּאָליטאָפּטײלנ אונ די קאָמיסארנ האָבנ זיי דאָרטנ געפירט א ריזיקע ארבעט אינ פראט פונ אופקלערנ אונ פּאָליטיש דערציִענ די רויטארמייִשע טײלנ, אינ פראט פונ פארשטארקנ זייער שלאכטפײַקײַט אונ באהעפטנ די רויטארמייער ארומ די לאָזונגענ פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי. אינעמ רעזולטאט פונ דער דאָזיקער גיגאנטישער ארבעט האָבנ די ארמיי־טײלנ גענומענ זיכ פארוואנדלענ אינ פעסטע, שטאנדהאפטיקע אָטריאדנ, פײִיק אפנ גרעסטנ העראָיזמ.

דער וויכטיקסטער פראָנט איז זומער 1918 יאָר געווענ דער מיזרעכ־פראָנט (דער טשעכאָסלאָוואקישער). פארנומענ די וואָלגער געגנט, האָבנ די טשעכאָסלאָוואקנ געזאָלט זיכ אווועקלאָזנ אינ א מארש אפ מאָסקווע. אינײינעמ מיט די טשעכנ איז אויכ ארויסגעטראָטנ די „פאָלק־ארמיי”, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרנ דורכנ קאָמיטעט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג אונ האָט געציילט אינ אירע רייענ ארומ צענ טויזנט מאנ. צוליבנ דער באזונדערער געפערלעכקײַט פונעמ מיזרעכדיקנ פראָנט, האָט די פארטיי אפ אימ געווענדט די סאמע ערנסטע אופמערקזאמקײַט. אדאנק די מיטלענ, וואָס די פארטיי האָט אָנגענומענ, האָט זיכ אינ סענטיאבער 1918 יאָר אָנגעהויבנ אפנ מיזרעכ־פראָנט אנ איבערבראָכ. די רויטע טײלנ האָבנ צוגענומענ בא די טשעכנ קאזאנ, דערנאָכ סימבירסק אונ האָבנ גענומענ אָפּשטויסנ די טשעכאָסלאָוואקישע טײלנ אינ דער ריכטונג פונ אוראל. אינ אָקטיאבער האָבנ די רויטע טײלנ פארנומענ

סאמארע, און נאָך אין א שטיקל צײַט ארום — די שטעט בוגורוסלאַן, בוזולוק, סטערליטאמאק און אנדערע. דער קאָמיטעט פון דער גרינדונג־פארזאמלונג איז אנטלאָפן קיין סיביר. גאנץ וואָלגער געגנט איז נאָכאמאָל געווען אין די הענט פון די סאָוועטן.

הארבסט־צײַט האָבן די באנדעס פונעם גענעראל קראסנאָוו אָנגעהויבן ענערגיש אָנצוגרײַפן אפ צאריצין, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א ביז גאָר וויכטיקן פונקט אינעם קאמף צווישן סאָוועטנרוסלאנד און דער דאָרעמדיקער קאָנטררעוואָליוציע. דאָס פארנעמען צאריצין וואָלט געגעבן קראסנאָוון די מעגלעכקײַט זיך צו פארייניקן מיט די אסטראכאנישע און אוראלישע ווײַסע קאָזאקן, צו פארבינדן זיך מיטן טשעכאָסלאָוואקישן פראָנט און אזויארום אָפּצושנײַדן קאווקאז פון סאָוועטנרוסלאנד. קעגן צאריצין זײַנען קאָנצענטרירט געוואָרן אנערעך 40 ווײַסע פּאָלקן. קראסנאָווס באנדעס פלעגן צעיושעטע זיך ווארפן אין שלאכט קעגן די רויטע טיילן. זיי זײַנען אָבער צעקלאפּט און אָפּגעוואָרפן געוואָרן צום דאָן. אינעם אָרגאניזירן דעם זיג פון דער רויטער ארמיי אפן דאָרעם־פראָנט האָט א ריזיקע ראָליע געשפילט דער כ' סטאלין, וואָס אים האָט די פארטיי באפולמעכטיקט צו אָרגאניזירן די באשיצונג פונעם רויטן צאריצין.

כ' סטאלין אינאיינעם מיטן כ' וואָראָשילאָוו, וועלכער האָט צו יענער צײַט אָנגעפירט מיט דער צענטער (צאריצינער) ארמיי, האָבן פארוואנדלט צאריצין אין אן אומבאזיגלעכער פעסטונג, אָן וועלכער עס האָבן זיך צעקלאפּט די פילצאָליקע אטאקעס פונעם גענעראל קראסנאָוו.

אינעם דאָזיקן פעריאָד, ווען דער אָנגריף פון די ווײַסע ארמייען פלעגט באגלייט ווערן מיט פילצאָליקע פארשווערונגען, אופשטאנדן און אטענטאטן, — האָט די פארטיי געענטפערט אפן ווײַסן טעראָר פון דער בורזשואזיע מיט א מאסעווען רויטן טעראָר. אפ די פרווון פון פארשווערונגען און אופשטאנדן אין טיל פון דער רעוואָליוציע, אפ די אטענטאטן און דעם פארעטערישן דערמאָרדן די פירערס פונעם ארבעטער־קלאס האָט די סאָוועטנמאכט געענטפערט מיט אן אומראכמאָנעסדיקן פארניכטן די טוערס פון דער קאָנטררעוואָליוציע. דאָס אָנווענדן דעם מאסעווען רויטן טעראָר איז געווען א מיטל צום דערשרעקן די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטן און אָפּצושוואכן זייער קאמף קעגן דער סאָוועטנמאכט. אין קאמף מיט די אופשטאנדן און אטענטאטן האָט אן אויסשליסלעכע ראָליע געשפילט די אלרוסלענדישע אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע (וועטשעקא, שפעטער אָגעפעו), וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן אין דעקאבער 1917 יאָר און וואָס אין איר שפיץ האָט די פארטיי אוועקגעשטעלט דעם אלטן רעוואָליוציאָנער און פעסטן באָלשעוויק — פעליקס דזערזשינסקי. די אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע האָט אופגעדעקט און ניט דערלאָזט צו־שטאנד קומען א מענגע קאָנטררעוואָליוציאָנערע פארשווערונגען. זי האָט געכאפט בא דער האנט שפיאָנען און אגענטן פון דער אנטאנטע און דעמאסקירט זייער אָנטייל אין די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אופשטאנדן. זי האָט אומבאשטרײַטלעך דערוויזן, אז די געזאנדטע און פאָרשטייערס פון די פארבינדעטע אין רוסלאנד — לאָקאַרט (ענגלאנד), פרענסיס (אמעריקע) און נולאנס (פראנקרײַך) — פלעגן אָנפירן מיט די ארויסטרעטן פון די ווײַסגווארדייער. די וועטשעקא איז געווען דער שלאָגנדיקער שווערד אין די הענט פונעם פראָלעטאריאט, דאָס זיכערסטע געווער און דער וועכטער פון דער רעוואָליוציע. דער העראָישער קאמף פון דער וועטשעקא פלעגט אָנווארפן א שוידער אפ די סאָנים פונעם ארבעטער־קלאס, ארויסרופנדיק אנטציקונג בא די ארבעטנדיקע און עקספּלואטירטע.

אדאנק דעם העלדישן קאמף און דער ריזיקער קרעפטן־אָנשטרענגונג האָט סאָוועטנרוסלאנד געגעבן אן אָפּשטויס דער קאָנטררעוואָליוציע אפ אלע פראָנטן. גלײַכצײַטיק זײַנען אין הארבסט 1918 יאָר פאָרגעקומען קאָלאָסאלע ענדערונגען אין דאָרף. די קאָמבעדן האָבן צעקלאפּט דעם באלעגולע און דערשטיקט זײַן ווידערשטאנד. די כוואַליע פון באלעגופישע אופשטאנדן איז היפש אָפּגעשוואכט געוואָרן. דער מיטל־

פויער האָט זיכ איבערצייגט אינ דער פעסטקייט פונ דער דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט אונ האָט זיכ א קער געטאָנ אינ דער זייט פונ א פעסטנ בונד מיטנ ארבעטער־קלאַס. די סאָוועטנמאַכט האָט זיכ שוינ אַפ אַזויפיל פאַרשטאַרקט אינ דאָרפ, אַז עס איז שוינ מעגלעכ געוואָרנ צו ליקווידירנ די קאָמיטעטנ פונ דער דאָרפישער אָרעמשאַפט. די זיגנ פונ דער רויטער ארמיי אַפ די פראָנטנ אונ די פאַרפעסטיקונג פונ דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור אינ דאָרפ האָבנ איבערגעקערט אַלע פלענער פונ דער אַנטאַנטע, וואָס זיינענ געווענ אויסגערעכנט אַפנ צעקלאַפנ סאָוועטנרוסלאַנד מיט דער הילפ פונ די טשעכאָסלאָוואַקישע באַגנעטנ. אָבער דער קאַמפ פונ דעמ צווישנפעלקערלעכנ אימפעריאַליזמ קעגנ סאָוועטנרוסלאַנד איז ניט אָפגעשטעלט געוואָרנ. אינ עטלעכע כאַדאָשימ ארומ האָט ער זיכ פאַנאַנדערגעפלאַקערט מיט א דאָפלטער קראַפט.

די נאָיאַבער־רעוואָליוציע אינ דײַטשלאַנד אונ די באַשאַפונג פונעמ III קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל.

אינ דער צייט, ווענ אינ סאָוועטנרוסלאַנד האָט זיכ געהאַלטנ אינ פאַנאַנדערוויקלענ דער בירגערקריג, זיינענ אַפנ מיירעוו צייטיק געוואָרנ געשעענישנ, וואָס האָבנ געהאַט א ריזיקנ באַטייט פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער וועלט־רעוואָליוציע. די אָקטיאַבער־איבערקערעניש האָט געמאַכט א קאָלאָסאַלנ איינדרוק אַפ די ארבעטנדיקע פונ אַלע לענדער. דער פראָלעטאַריאַט פונ מיירעוו־אייראָפּע האָט אַלצ שטאַרקער גענומענ אויפהייבנ זיינ פראָטעסט־שטימ קעגנ דער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק פונ זיינע רעגירונגענ. באַזונדערס שנעל האָט גענומענ צייטיק ווערנ דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס אינ באָלגאַריע, עסטרייכ אונ דייטשלאַנד. דערצו האָבנ ניט ווייניק מיטגעווירקט די דעמאָלטיקע מאַפּאָלעס פונ די עסטרייכ־דייטשע ארמייענ אינ דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע אונ די אויסערגעוויינלעכ שווערע לאַגע פונ די ארבעטנדיקע. אינ סענטיאַבער האָבנ די פּאַרבינדעטע דורכגעריסנ די ערשטע שוצ־ליניע פונ די דייטשנ אַפנ מיירעוו־פראָנט. אויסנוצנדיק זייער דערפאָלג, האָבנ זיי געצווונגענ באָלגאַריע, אינ וועלכער עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א רעוואָליוציע, צו קאַפּיטולירנ. אינ אָקטיאַבער האָט די אַנטאַנטע געשלאָגנ א וואָפנשטילשטאַנד מיט טערקיי. אינגיכנ האָט אויסגעבראָכנ א רעוואָליוציע אינ עסטרייכ. דעמ 3 נאָיאַבער 1918 יאָר האָט אויפגעפלאַקערט אַנ אויפשטאַנד פונעמ דייטשישנ מיליטערישנ פלאָט אינ קיל. דעמ 4 נאָיאַבער האָבנ זיכ אינ דייטשלאַנד געשאַפנ די ערשטע סאָוועטנ פונ ארבעטער־ אונ סאָלדאַטנ־דעפּוטאַטנ. דעמ 9 נאָיאַבער האָט אויסגעבראָכנ א רעוואָליוציע אויכ אינעמ צענטער פונ דייטשלאַנד. די ארבעטער אונ סאָלדאַטנ האָבנ אראָפּגעוואָרפנ דעמ קייסער ווילהעלמ, וועלכער איז אינ גרויס איילעניש אַנטלאָפנ קיינ אויסלאַנד.

ראָזע ליוקסעמבורג.

אָבער די נאָכ ניט גענוגנ אָרגאַניזירטקייט פונעמ פראָלעטאַריאַט, די ווירקונג פונ די אָפּאָרטוניסטנ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל אַפ באַדייטנדיקע שיכטנ ארבעטער האָבנ געגעבנ א מעגלעכקייט, אַז צו דער מאַכט זאָלנ קומענ די דינער פונ דער בורזשואַזיע — די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ. אינ שפּיצ פונ דער דייטשישער רעפּובליק האָבנ זיכ געשטעלט די פאַררעטערס פונעמ ארבעטער־קלאַס — די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ עבערט, שיידעמאַנ אונ אַנדערע.

די אנטוויקלונג פונ דער רעוואָלוציע אינ אייראָפּע האָט מיטגעווירקט, אז דאָרטנ זאָלנ זיכ אויספורעמענ קאָמוניסטישע פּארטייענ. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אָרגאניזירנ קאָמוניסטישע פּארטייענ אינ דײַטשלאנד, עסטרײַכ, אונגארנ אונ אינ א רײַ אנדערע לענדער. די קאָמוניסטנ האָבנ גענומענ רופנ דעמ פּראָלעטאריאט ניט צו באגרענעצנ זיכ מיט די ראמענ פונ א בורזשואזער רעפּובליק, נאָר צו קעמפנ פאר דעמ, אז די מאכט זאָל אריבערגייִנ אינ די הענט פונעמ ארבעטער־קלאס. זיי האָבנ פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע אגיטאציע צווישנ די מאסנ, אָרגאניזירנדיק זיי צומ קאמפ קעגנ דער גאנצער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. די פּאָליטישע פירערס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע (קאוטסקי, אָ. באוער, הילפערדינג אונ אנד.) האָבנ גענומענ פארזיכערנ די ארבעטער, אז עס איז נאָכ ניט געקומענ די צײַט אריבערצוגייִנ צומ סאָציאליזמ. אויספּילנדיק זייער ראָליע פונ דינערס בא דער בורזשואזיע, האָבנ זיי געלייקנט אינ דער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט אונ האָבנ געקעמפט קעגנ דעמ, אז די מאכט זאָלנ פארכאפּנ די סאָוועטנ. נארנדיק דעמ פּראָלעטאריאט אונ דאָס פּויערטומ, פלעגנ זיי דערקלערנ, אז פאר די ארבעטער איז אינ זייער קאמפּ נייטיק ניט קיינ פּראָלעטארישע דיקטאטור, נאָר א דעמאָקראטישע רעפּובליק. ניט געקוקט אפ אלע אָנשטרענגונגענ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, איז די ווירקונג פונ די קאָמוניסטישע פּארטייענ פאָרט אומהערלעכ געוואקסנ.

קאַרל ליבקנעכט.

לויטנ רופ פונ די קאָמוניסטנ האָט זיכ אינ יאנוואר 1919 יאָר אָנגעהויבנ אנ אופשטאנד פונ די בערלינער ארבעטער, מיטנ ציל אראָפּצווארפנ די בורזשואזע רעגירונג. די סאָציאַל־דעמאָקראטישע רעגירונג פונ עבערטנ אונ שיידעמאנענ האָט ארויסגעשיקט אנטקעגנ די אופגעשטאנענע ארבעטער ארמיי־טיילנ, וועלכע האָבנ פארגאָסנ מיט בלוט דעמ ארבעטער־אופשטאנד. מיט דער בראָכע פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע האָבנ די אָפיצערישע באנדעס פארכאפּט אונ מיט כײַישער רעציכע דערהארגעט די פירערס פונעמ דײַטשישנ פּראָלעטאריאט — קארל ליבקנעכטנ אונ ראָזע ליוקסעמבורג. אינ מארט 1919 יאָר האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער מיניסטער נאָסקע נאָכאמאָל צעשאָסנ הונדערטער בערלינער ארבעטער, וואָס זײַנענ ארויסגעגאנגענ אפ די גאסנ מיט די פאָדערונגענ צו אנערקענענ די סאָוועטנ, צו באפרײַענ די פּאָליטישע ארעסטירטע א. אז. וו. אָבער די כײַישע בלוט־פארגיסונגענ פונעמ הענקער נאָסקע האָבנ ניט געקענט אָפּשטעלנ דעמ וווּקס פונ דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

אינעם דאָזיקנ פעריאָד פונ טיפסטנ רעוואָליוציאָנערנ קריזיס איז פאָרגעקומענ דער ערשטער קאָנגרעס פונעמ III קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל. דער קאָנגרעס האָט זיכ געעפנט דעמ 2 מארט 1919 יאָר אינ מאָסקווע. אפ אימ זײַנענ בײַגעווענ דעלעגאטנ פונ די קאָמפּארטייענ פונ סאָוועטנרוסלאנד, דײַטשלאנד, עסטרײַכ, אונגארנ שווייצאריע אונ אנדערע לענדער. פארנ קאָנגרעס איז געשטאנענ די קאָלאָסאַל־וויכטיקע היסטאָרישע אופגאבע צו גרינדנ דעמ קאָמינטערנ אונ אויסצוארבעטנ זײַנ פּאָליטישע פּלאטפאָרמע.

דער קאָנגרעס האָט אויסגעהערט לענינס פאָרטראָג וועגנ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע אונ דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. די דאָזיקע פראגע איז די איקערדיקע אונ אנטשיידנדיקע פראגע פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דער פּראָלעטאריאט האָט געקענט זיגנ בלויז דורכנ אראָפּווארפנ די בורזשואזיע אונ דורכנ פארווירקלעכנ זײַנ דיקטאטור. אָנווײַזנדיק דערופ, האָט לענינ אינ זײַנ פאָרטראָג אומ־

ראַכמאָנעסדיק דעמאַסקירט די גאַנצע ליגנערישקייט פון דין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריעס וועגן דעם, אַז דער סאָציאַליזם קען זיגן אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז אין טאָג געקומען בלויז די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. קעדיי דער סאָציאַליזם זאָל זיגן, מוז דער פּראָלעטאַריאַט צעברעכן דעם בורזשואַז־מעלוכישן אַפּאַראַט און אויפבויען אַ מעלוכע פון סאָוועטישן טיפּ. דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק באַוויליקט די פּרינציפּן פון לענינס פּאָרטראָג, אָננעמענדיק זיי אַלס באַזע אַף אויסצואַרבעטן די פּלאַטפאָרמע פונעם קאָמינטערן.

די צייטונגען פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1919 י.

אין דער פּלאַטפאָרמע, וואָס דער קאָנגרעס האָט אויסגעאַרבעט, איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די אימפּעריאַליסטישע סיסטעם לעבט איבער אַ קראַך, אַז דער קאַפּיטאַליזם האַלט בײַ אַן איינבראָך און עס איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון דער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע. דער קאָנגרעס האָט דערקלערט, אַז אין דערדאָזיקער עפּאָכע באַשטייט די גרונט־אויפגאַבע פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אינעם אויסקעמפן די סאָוועטנמאַכט, און האָט גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אַנטשיידענעם און מעסירעסנעפעשדיקן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם—פאַר דער אַלוועלטלעכער דיקטאַטור פונעם אַרבעטער־קלאַס. די פּלאַטפאָרמע פונעם קאָנגרעס האָט מיט דער פולער קלאָרקייט אָנגעמערקט די וועגן פונעם דאָזיקן קאַמף, פאַרפעסטיקנדיק די צעמענטירטקייט פון די באַזונדערע קאָמוניסטישע אָטריאַדן, וואָס קעמפן קעגן דעם אימפּעריאַליזם. דידאָזיקע פּלאַטפאָרמע איז געווען די פאָן, אַרום וועלכער עס האָבן זיך פאַרייניקט אַלע אויסגעהאַלטענע און עמעסע קעמפערס פאַרן קאָמוניזם. די אַרבעטן פונעם קאָנגרעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן אויסוויילן דעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — דעם אָנפירער מיטן קאַמף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין דער צווישן־צייט, וואָס צווישן די קאָנגרעסן פון קאָמינטערן.

דערדאָזיקער קאָנגרעס האָט געהאט א קאָלאָסאַלנ היסטאָרישנ באטײַט. אונטער לענינס דירעקטער אָנפירונג האָט ער אוועקגעלײגט דעמ פונדאמענט פאר א צווישנפעלקערלעכער אָרגאניזאציע פונ דער קאָמוניסטישער באוועגונג. ער האָט באשאפנ דעמ קאָמינטערנ — די וועלט־פארטײ פונ א נײַעמ טיפ, וואָס באזירט זיכ אפ דער גראניטענער באזע פונעמ מארקסיזמ־לעניניזמ. ער האָט געלײגט דעמ אָנהײב פאר אנ אָרגאניזירטנ אינטערנאציאָנאלנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט קעגנ דער וועלט־בורזשואזיע, פאר דער דיקטאטור פונעמ ארבעטער־קלאס.

די דײַטשישע רעוואָליוציע האָט געהאט אנ אויסערסט־שטארקע ווירקונג אפנ גורל פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אינ רוסלאנד. ווי נאָר עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אײַנבראָכ פונעמ דײַטשישנ אימפעריאליזמ, האָבנ די דײַטשישע אונ עסטרײַכישע סאָלדאטנ פונ די אָקופירטע געגנטנ אומאָפהאלטלעכ אָנגעהויבנ זיכ ציענ אהײמ. אונטער דער ווירקונג פונ דער באָלשעוויסטישער אגיטאציע האָבנ זײ אָנגעהויבנ אָרגאניזירנ סאָלדאטישע סאָוועטנ אונ אופשטײנ קעגנ זײערע אָפיצערנ. אינ פארלויפ פונ א קורצער צײַט האָבנ די דײַטשנ פארלאָזט אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד, ליטע, לאטוויע אונ עסטאָניע, ווו די אופגעשטאנענע ארבעטער אונ פויערימ האָבנ מיט דער שטיצע פונ די רויטע ארמײ־טײלנ גענומענ די מאכט אינ זײערע הענט, אָרגאניזירנדיק סאָוועטנ פונ ארבעטער־ אונ פויערימ־דעפוטאטנ.

אינ אוקראַינע איז צוריק אופגעשטעלט געוואָרנ סאָוועטנמאכט. עס האָבנ זיכ געשאפנ סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקנ אינ לאטוויע, עסטאָניע, ווײַסרוסלאנד אונ ליטע. דידאָזיקע רעפובליקנ זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אינ אנ ענגסטנ בונד מיט סאָוועטנרוסלאנד.

דער אײַנבראָכ פונעמ דײַטשישנ אימפעריאַליזמ האָט אײדעס געזאָגט וועגנ דעמ אלצ שטײַגנדיקנ וווּקס פונ דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, האָט אינ א גוואלדיקער מאָס פארשטארקט די מעכטיקײַט פונ סאָוועטנרוסלאנד אלס דעמ פאָרויסיקנ אָטריאד פונ דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. אָבער דאָס האָט אינ קײנ פאל ניט באטײַט, אז עס איז אָפגעשוואכט געוואָרנ דער פארנעמ פונעמ קאמפ מיטנ צווישנפעלקערלעכנ אימפעריאַליזמ. נאָכנ אײַנבראָכ פונעמ אימפעריאַליסטישנ דײַטשלאנד, — בלײַבט אײנ גרופע זיגערס, די ענגליש־פראנצויזישע אימפעריאַליסטנ. זײ באקומענ איצטער די מעגלעכקײַט אויסצוטײלנ אסאכ מער קרעפטנ אפ אָנצופאלנ אפ סאָוועטנרוסלאנד. פאָרויסזעענדיק א פארשטארקטנ אָנגריפ פונעמ ענגליש־פראנצויזישנ אימפעריאַליזמ נאָכנ אײַנבראָכ פונעמ אימפעריאַליסטישנ דײַטשלאנד אונ די אומפארמײַדלעכקײַט פונ א ווײַטערדיקנ פארשארפטנ קאמפ צווישנ סאָוועטנרוסלאנד אונ דעמ אימפעריאַליזמ, האָט לענינ נאָכ ערעוו דער דײַטשישער רעוואָליוציע געשריבנ:

„מיר האָבנ באשטימט ביז צו פרילינג צו האָבנ אנ ארמײ פונ א מיליאָנ מענטשנ. מיר דארפנ איצטער האָבנ אנ ארמײ פונ 3 מיליאָנ מענטשנ. מיר קענענ זי האָבנ. אונ מיר וועלנ זי האָבנ" [1]).

דער VIII פארטײ־צוזאמענפאָר.

אינ מארט 1919 יאָר, נאָכנ ערשטנ קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ, איז פאָרגעקומענ דער VIII צוזאמענפאָר פונ אלק"פ(ב). דער צוזאמענפאָר האָט באהאנדלט אונ אָנגענומענ א נײַעמ פראָגראמ־פראָיעקט, וועלכנ עס האָט אויסגעארבעט א קאָמיסיע אונטער לענינס פאָרזיצ. ער האָט אויסגעהערט אונ געלײזט די פראגעס וועגנ דער באציִונג צומ מיטלפויער, וועגנ מיליטערישער בויונג, די אָרגאניזיר־פראגנ אונ אאנד.

מיט א פאָרטראָג וועגנ דער פארטײ־פראָגראמ איז ארויסגעטראָטנ לענינ. דער נײַער פראָגראמ־פראָיעקט האָט געגעבנ אנ אָפשאצונג דעמ אימפעריאַליזמ אונ דער

[1]) Ленин, т. XXIII, стр. 217.

זיכ-פאנאנדערוויקלענדיקער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. אינעם פּראָיעקט איז ארויסגעשטעלט געוואָרנ די פאָדערונג פונ א סאָוועטנ-מעלוכע, עס זיינענ אָנגעמערקט געוואָרנ די גרונטיקע מאָמענטנ פונ דער פּארטיי בא דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט אינעם אלגעמיינ-פּאָליטישנ אונ מיליטערישנ געביט, אינ דער נאציאָנאלער פראגע, אינ דער פראגע פונ ווירטשאפטלעכער בויונג א.אז.וו. די נייע פּראָגראם האָט פולשטענדיק אנטשפּראָכנ די פאָדערונגענ פונ קאמפ פונעם פּראָלעטאריאט אינ דער עפּאָכע פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. זי איז געווענ א מארקסיסטיש-לעניניש שלאכט-געווער אינעם קאמפ פארנ פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט אונ אינ דער בויונג פונעם סאָציאליזם.

באם באהאנדלענ דעם פּראָגראם-פּראָיעקט האָט דער צוזאמענפאָר געגעבנ אנ אנטשיידענעמ אָפּשטויס בוכארינס פרוווּנ צו פארקריפּלענ די לענינישע כאראקטעריסטיק פונעם טאָכ פונ אימפעריאליזם. דער אימפעריאליזם האָט זיכ בוכארינענ פאָרגעשטעלט ווי א „ריינער", דורכויסיקער אימפעריאליזם, אינ וועלכנ דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליזם אונ די פּאָשעטע סכוירע-פּראָדוקציע האָבנ שוינ אופגעהערט שפּילנ אוועלכע ס'ניט איז וועזנטלעכע ראָליע. אײנײנעם מיט די טעאָרעטיקערס פונעם II אינטערנאציאָנאל (קאוטסקי, הילפערדינג) האָט בוכארינ באהויפּט, אז די אנטוויקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס (טרעסטנ, סינדיקאטנ א. ד. גל.) פארניכט די אייגנטימלעכע פאר דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט אנארכיע אינ דער פּראָדוקציע, פארבייט זי אפ אנ „אָרגאניזירטנ קאפּיטאליזם", אונ אינ צוזאמענהאנג דערמיט שטארבט אָפּ דער קאמפ אינעווייניק אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. די דאָזיקע בוכארינס טעאָרעטישע אָנשויונגענ, וואָס ער האָט געהאט ארויסגעזאָגט צוערשט נאָכ אינ דער צייט פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע, זיינענ געווענ טיפּ-פעלערדיק אונ פּאָליטיש שעדלעכ. דאָס אָפּלייקענענ די ראָליע פונ דער קליינער סכוירע-פּראָדוקציע האָט אומפארמיידלעכ געמוזט פירנ צום אָפּלייקענענ די ראָליע פונ די קליינע פּראָדוצירערס אויכ אינ געביט פונ פּאָליטישנ קאמפ, צום טראָצקיסטישנ קוק אפנ פויערטום. אינ ענגנ צוזאמענהאנג מיט דער טעאָריע וועגנ „ריינעמ" אימפעריאליזם האָט זיכ אויכ געפונענ בוכארינס אָפּאָרטוניסטישע אָפּלייקענענ די ראָליע פונ די נאציאָנאל-קאָלאָניאלע באוועגונגענ באם אימפעריאליזם.

קעגנ בוכארינענ איז אפנ צוזאמענפאָר ארויסגעטראָטנ מיט דער גאנצער שארפקייט לענינ. קיינ „ריינער" אימפעריאליזם—האָט ער דערקלערט—האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, עקזיסטירט אינערגעצ ניט אונ וועט ניט עקזיסטירנ. אינ לעבנ קומט אויס אפ שריט אונ טריט זיכ צונויפצושטויסנ מיט די סאמע פארשיידנסטע דערשיינונגענ פונ קאפּיטאליזם אונ פונ פּאָשעטער סכוירע-פּראָדוקציע, וואָס עקזיסטירנ באנאנד אונ איינצייטיק מיטנ אימפעריאליזם. דעריבער, האָט לענינ דערקלערט, איז רעדנ וועגנ „ריינעמ" אימפעריאליזם — דער גרעסטער פעלער. דער צוזאמענפאָר האָט באשטימט איבערצולאָזנ אינ דער פּראָגראם אָנ קיינ שום ענדערונגענ די לענינישע כאראקטעריסטיק פונעם אימפעריאליזם.

באם באהאנדלענ די פּראָגראם איז דעם צוזאמענפאָר אויסגעקומענ צו דעמאסקירנ בוכארינס אָפּאָרטוניזם אויכ אינ דער נאציאָנאלער פראגע. דאָס רעכט פונ נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג—האָט געזאָגט בוכארינ—ווידערשפּרעכט דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט, ווייל אונטערנ וואָרט נאציע דארפ מענ פארשטיינ אלע קלאסנ, דעריבער אויכ די בורזשואזיע, וועלכע מע דארפ אראָפּווארפנ. ריכטיקער וואָלט, לויט בוכארינס מיינונג, געווענ צו געבנ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג בלויז די ארבעטנדיקע. דעם לאָזונג פונ זעלבסטבאשטימונג פאר נאציעס האָט בוכארינ פארגעלייגט צו דערלאָזנ בלויז פאר אזוינע לענדער, ווו דער פּראָלעטאריאט האָט זיכ נאָכ ניט צונויפגעלייגט ווי א קלאס אונ האָט נאָכ ניט באזייטיקט די קעגנזעצלעכקייט פונ זיינע אינטערעסנ צו די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע. „מיר וועלנ גאָרנישט ניט פארלירנ,—האָט געזאָגט בוכארינ,—אויב מיר וועלנ פאר די קאָלאָניעס, פאר די האָטענטאָטנ, בושמענער, נעגערס, אינדוסנ א. אנד. ארויסשטעלנ דעם לאָזונג וועגנ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג". פּיאטאקאָוו איז אינ זיינ ארויסטרעט אפנ

צוזאַמענפאָר געגאַנגענ נאָכ ווײַטער פונ בוכאַרינענ. ער האָט געלייקנט אפילע אינעמ רעכט פונ די ארבעטנדיקע אפ זעלבסטבאַשטימונג, פאַרלייגנדיק „פעסט צו שטעלנ זיכ אפנ וועג פונ שטרענגער פראָלעטאַרישער צענטראַליזאַציע און פראָלעטאַרישער פאַרייניקונג".

לעניג האָט אַנטשיידנ און שאַרפ באַקעמפט בוכאַרינס און פּיאַטאַקאָווס פּאָזיציעס אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער האָט אָנגעוויזנ, אז גוואַלדיקע מאַסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, ניט נאָר אינ די קאָלאָניעס, נאָר אפילע אינ א גאַנצער ריי פאַרגעשריטענע לענדער, האָבנ נאָכ ניט באַזיניקט די קעגנזײַטיקײַט פונ זייערע קלאַסנווע אינטערעסנ צו די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע. אַלס באַווײַז האָט ער זיכ פאַרופנ אפנ בײַשפּיל פונ פּוילנ, דײַטשלאַנד און פינלאַנד, ווו באַדײַטנדיקע שיכטנ ארבעטנדיקע האָבנ נאָכ אַלץ געגלייבט זייער בורזשואַזיע. אונדזער אָפּלייקענענ דאָס רעכט פונ נאַציעס אפ זעלבסטבאַשטימונג וואָלט בלויז אַרויסגערופנ צווישנ זיי אַנ אומצוטרוי צו די באָלשעוויקעס און סאָוועטנרוסלאַנד און וואָלט געבראַכט נוצנ בלויז די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטנ. פאַרופנדיק זיכ אפנ בײַשפּיל פונ דײַטשלאַנד, האָט לעניג אָנגעוויזנ, אז קאָלומאַנ דאָס דײַטשישע קליינבירגערטום אָדער א טייל פונ די דײַטשישע ארבעטער געפינענ זיכ נאָכ אונטער דער ווירקונג פונ דער בורזשואַזיע און האָבנ מוירע, אז די באָלשעוויקעס זאָלנ ניט מיט געוואַלט אָנהייבנ אײַנפירנ זייערע פאַראָנדקעס אינ דײַטשלאַנד, ביז דעמאָלט קענ דער בוכאַרינישער לאָזונג פונ „זעלבסטבאַשטימונג פאַר די ארבעטנדיקע" בלויז פאַרשווערנ דעמ קאַמפ פאַר דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דער צוזאַמענפאָר האָט פולשטענדיק אײַנגעשטימט מיט לעניגענ.

אפנ גרונט פונ דער לעניגישער פּראָגראַמ אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט די פּאַרטיי געבויט איר גאַנצע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. אינ די נאַציאָנאַלע ראַיאָנענ, וואָס פלעגנ באַפרײַט ווערנ פונ די ווײַסגוואַרדייער (אוקראַינע, טורקעסטאַנ, באַשקיריע א. אנד.), האָבנ זיכ גענומענ שאַפנ נאַציאָנאַלע סאָוועטישע רעפּובליקנ, מיט וועלכע עס האָבנ אָנגעפירט די ארבעטער און פּויערימ פונ די דאָזיקע ראַיאָנענ גופע. סאָוועטנרוסלאַנד האָט געהאָלפנ דידאָזיקע רעפּובליקנ צו אַנטוויקלענ זייער נאַציאָנאַלע קולטור, צו באַשאַפנ אפ דער מוטער-שפּראַכ שולנ, טעאַטערס, קלובנ, צו אָרגאַניזירנ זייער נאַציאָנאַלע פּרעסע א. אז. וו. די סאָוועטנ-רעגירונג האָט אויכ געזאָרגט וועגנ דעמ, אז אינ די באַפרײַטע געגנטנ זאָל וואָס גיכער אופגעשטעלט ווערנ די ווירטשאַפט, אז עס זאָלנ זיכ דאָרטנ אַנטוויקלענ פאַבריקנ, זאַוואָדנ, די אינדוסטריע און די ערדאַרבעט. אינ רעזולטאַט דערפונ האָבנ די ברייטע ארבעטנדיקע מאַסנ פונ די נאַציאָנאַלע געגנטנ זיכ גענומענ דורכדרינגענ מיט צוטרוי און מיטגעפיל צו דער סאָוועטנמאַכט. דאָס האָט געפירט צו א קראַכ פונ אלע פּרוווּנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע אָנצושפּארנ זיכ אפ די ארבעטנדיקע פונ די נאַציאָנאַלע ראַנד-געגנטנ און צו א פאַרשטאַרקונג פונ דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

„די רוסישע ארבעטער,—זאָגט דער כ' סטאַלינ,—וואָלטנ ניט געקענט באַזיגנ קאָלטשאַקנ, דעניקינענ, ווראַנגעלנ אָנ אזא מיטגעפיל און צוטרוי צו זיכ מיצאַד די אונטערדריקטע מאַסנ פונ די ראַנד-געגנטנ פונעמ געוועזענעמ רוסלאַנד" [1].

די צווייטע זייער וויכטיקע פראַגע אפנ צוזאַמענפאָר איז געווענ וועגנ דער באַציונג צומ מיטלפּויער, וואָס איז צו יענעמ פעריאָד, ווי לעניג האָט געזאָגט, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דער „צענטראַלער פיגור" פונ דער ערדאַרבעט. מיט א פאָרטראָג וועגנ דער באַציונג צומ מיטלפּויער איז אַרויסגעטראָטנ לעניג. ער האָט אָנגעוויזנ, אז אינ קאַמפ קעגנ אַראָפּוואַרפנ די בורזשואַזיע איז דער פראָלעטאַריאַט געגאַנגענ אײַנגעמ מיט דער אָרעמשאַפט בא דער נייטראַליזאַציע פונעמ מיטלפּויער. נאָכ דער פאַרפעסטיקונג פונ דער דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט מוז די פראַגע וועגנ דעמ מיטלפּויער געשטעלט ווערנ אפ אַנ אַנדער אופנ. דער מיטל-

[1] Сталин, сб. „Об Октябрьской революции", стр. 40.

פויער, האָט לעניג געזאָגט, איז טיילווײַז א אייגנטימער, טיילווײַז א האָרעפּאשניק. דאָס איז אזא קלאס, וואָס וואקלט זיכ. אָבער אויב די קאפּיטאליסטנ אונ פּריצימ דארפ מענ עקספּראָפּריִרנ, אומראכמאָנעסדיק דערשטיקנדיק זייער ווידערשטאנד, איז בענעגייע דעמ מיטלפּויער דארפ מענ זיכ האלטנ בא גאָר אנ אנדער פּאָליטיק. דער מיטלפּויער איז ניט קיינ סוינע דער סאָוועטנמאכט, אונ די פּארטיי דארפ מיט איר פּאָליטיק זיכ דערשלאָגנ צומ פּארשטארקנ דעמ פעסטנ בונד מיטנ מיטלפּויער, נישט דערלאָזנדיק קיינ שומ געוואלט איבער אימ. לעניג האָט אונטערגעשטראָכנ, אז די אָרטיקע אָרגאניזאציעס פלעגנ אָפטמאָל ברעכנ דעמדאָזיקנ קלאל, עקספּראָפּריִרנדיק באגלײַכ מיטנ באלעבוס אויכ דעמ מיטלפּויער, אָפּזאָגנדיק אימ אינ ווירטשאפטלעכער הילפ, ווערגירנדיק אימ איבערגעוואלט אינ די קאָמונעס א. אז. וו. אזא מינ געוואלט בענעגייע דעמ מיטלפּויער, האָט לעניג דערקלערט, ברענגט א קאָלאָסאלנ שאָדנ. דאָס שטויסט דעמ מיטלפּויער אינ די אָרעמס פונעמ באלעבוס. מע דארפ ארבעטנ אזוי, מע זאָל געווינענ דעמ צוטרוי פונעמ מיטלפּויער אונ „זיכ ניט דערוועגנ צו קאָמאנדעווענ”.

צו כ׳ לעניגס פּאָרטראָג האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ א ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס אינ איר גרונט איז געלייגט געוואָרנ דער לענינישער לאָזונג: „אנ אָנשפּאר אפ דער אָרעמשאפט, א פעסטער בונד מיטנ מיטלפּויער אונ א קאמפ קעגנ באלעבוס”. די פּאָליטיק בענעגייע צומ מיטלפּויערטומ, וואָס עס האָט אָנגעמערקט דער צוזאמענפאָר, האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע היסטאָרישע ראָליע. זי האָט געגעבנ דער פּארטיי די מעגלעכקייט צו באהעפטנ ארומ דעמ פּראָלעטאריאט די ברייטע מאסנ ארבעטנדיקע פויערימ אונ צו דערשלאָגנ זיכ צו א זיג אינעמ בירגערקריג. אפ דערזעלביקער באזע האָט די פּארטיי אויכ מיט דערפאָלג פאנאנדערגעוויקלט די סאָציאליסטישע בויונג אינעמ פּעריאָד וואָס נאָכנ אריבערגאנג פונ מילכאָמע צו פרידנ.

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט האָט מענ אפּנ צוזאמענפאָר אָפּגעגעבנ די פּראגעס פונ מיליטערישער בויונג. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזנ, אז אינ דער עפּאָכע פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע איז אומעגלעכ צו בויענ אנ ארמיי אפנ אלטנ שטייגער. עס דארפ אויסגעבויט ווערנ א רויטע ארמיי, וואָס, אלס געווער פונ פּראָלעטארישער דיקטאטור, קאָנ זי באשטיינ אויסשליסלעכ פונ פּראָלעטאריאט אונ ארבעטנדיקנ פויערטומ. די ארבעט פונ לערנענ אונ דערציִענ די רויטע ארמיי דארפ געפירט ווערנ אפ דער באזע פונ קלאסנזונ צוזאמענשלוס אונ סאָציאליסטישער אויפקלערונג. קעדיי אויסצופילנ דידאָזיקע ארבעט, דארפ מענ אינ דער רויטער ארמיי אָרגאניזירנ קאָמקעמערלעכ אונ פּאָליטאָפּטיילנ, באשטימענ צוגלייַכ מיט די שלאכט־נאטשאלניקעס מיליטערישע קאָמיסארנ, וואָס אינ זייער פליכט זאָל אויכ ארייַנגיינ דאָס קאָנטראָלירנ די טעטיקייט פונ די מיליטערישע ספּעציאליסטנ. ארויסזאָגנדיק זיכ פארנ צוגרייטנ אינ דער סאמע ברייטסטער מאָס אייגענע רויטע קאָמאנדירנ, האָט דער צוזאמענפאָר אויכ אָנגעוויזנ אפ דער נייטיקייט אויסצונוצנ אינ דער רויטער ארמיי די אלטע מיליטערישע ספּעציאליסטנ, בא דעמ באדינג, אז זייערע טאטנ זאָלנ קאָנטראָלירט ווערנ דורכנ קאָמיסארישנ באשטאנד. דער צוזאמענפאָר האָט זיכ ווייַטער ארויסגעזאָגט פאר דעמ, אז אלע פּראָלעטארייער אונ אָרעמסטע פויערימ זאָלנ זיכ לערנענ מיליטערישע לימודימ, אז עס זאָל עקזיסטירנ דער ענגסטער צוזאמענבונד צווישנ דער רויטער ארמיי מיט די פאבריקנ, זאוואָדנ א. אז. וו.

דידאָזיקע גרונט־פּרינציפּנ, מיט וועלכע די פּארטיי האָט זיכ אָנגעפירט באמ בויענ די רויטע ארמיי, האָבנ ארויסגערופנ אפּנ צוזאמענפאָר דערווידערונגענ מיצאד דער אזוי־גערופענער „מיליטערישער אָפּאָזיציע” (וו. סמירנאָוו, סאפּאראָוו א. אנד.), וואָס האָט ארויסגעשטעלט אלס קאָרעפּערענט וועגנ דער מיליטערישער פראגע אפנ צוזאמענפאָר וו. סמירנאָווג. די „מיליטערישע אָפּאָזיציע” האָט געלייקנט אינ דער נייטיקייט אויסצונוצנ די מיליטערישע ספּעציאליסטנ אונ איז געווענ קעגנ א פעסטער

דיסציפלינ אינ דער רויטער ארמיי. זי האָט פארטיידיקט פארטיזאנישע מעטאָדנ אונ פאָרמעס פונ קאמפ. איר שטאנדפונקט איז געווענ אנ אָפהילכ פונ די אָנשויונגענ פונ די „לינקע קאָמוניסטנ" אינ דער מיליטערישער פראגע. דער צוזאמענפאָר מיט לעניננ אונ סטאלינענ אינ שפיצ האָט אנטשיידנ פארורטיילט די „מיליטערישע אָפּאָזיציע", וועלכע האָט, אינ טאָכ גענומענ, אָפגעלייקנט די נייטיקייט פונ באשאפנ א רעגולערע רויטע ארמיי.

די באשלוסנ פונעם צוזאמענפאָר זיינענ אויכ געווענ געצילט קעגנ דער פעלערהאפטער ליניע פונ טראָצקינ, וועלכער פלעגט ארויסווייזנ א דורכויסיקנ צוטרוי צו די מיליטערישע ספעציאליסטנ, פלעגט ניט דערשאצנ דעמ באטייט פונ די קאָמיסארנ, פאָליטאָפטיילנ אונ קאָמקעמערלעכ, אָפרייסנדיק זיכ פונ דער פארטיי אונ אראָפּשלאָגנדיק זיכ אפ אפאראטיש־ביוראָקראטישע ארבעט־מעטאָדנ.

די ליניע, וועלכע דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעמערקט, האָט געגעבנ א דורכויס קלאָרנ, דייטלעכנ אונ פאָליטיש־ריכטיקנ ענטפער אפ אלע וויכטיקסטע פראגעס פונ דער מיליטערישער בויונג.

א קאָלאָסאלנ באטייט האָבנ אויכ געהאט די באשלוסנ פונעמ צוזאמענפאָר וועגנ דער אָרגאניזיר־פראגע. די באדינגענ פונעמ בירגערקריג האָבנ געפאָדערט די געהעריקע מעטאָדנ פונ פארטיי־בויונג. עס איז נייטיק געווענ א שטאָלענע דיסציפלינ, אז די אונטערשטע פארטיי־אָרגאניזאציעס זאָלנ אומדערווידערלעכ אויספילנ די באשטימונגענ פונ די העכערע אינסטאנציעס.

„יעדער באשלוס,—איז געזאָגט געוואָרנ אינ דער רעזאָלוציע פונעמ צוזאמענפאָר,—דארפ פריער פאר אלצ אויסגעפירט ווערנ, אונ ערשט דערנאָכ איז דערלאָזבאר אנ אפעליאציע צומ געהעריקנ פארטיי־אָרגאנ. אינ אָט דעמ זינ איז אינ דער פארטיי אינ דער געגעבענער עפּאָכע נייטיק מאמעש א מיליטערישע דיסציפלינ".

אינעמ פעריאָד פונעמ בירגערקריג פלעגנ ברייט אָנגעווענדט ווערנ פארטיישע מאָביליזאציעס פונ קאָמוניסטנ אינ דער רויטער ארמיי. עס פלעגנ דורכגעפירט ווערנ אויכ „פארטיי־וואָכנ",—דעמלט פלעגט פאָרקומענ א ברייטע ווערבירונג פונ נייע מיטגלידער אינ דער פארטיי פונ צווישנ די מער איבערגעגעבענע אונ געטרייע דער פארטיי ארבעטער אונ פויערימ. די ערשטע „פארטיי־וואָכ" איז דערקלערט געוואָרנ אינ אָקטיאבער 1919 יאָר אינ מאָמענט פונ דעניקינס גרעסטע דערפאָלגנ אונטער טולע. נישט געקוקט אפ דער זיכ־אָנרוקנדיקער גרויסער מילכאָמע־געפאר, האָבנ זיכ די ארבעטער אינ א ברייטער כוואליע אריינגעגאָסנ אינ די פארטיי־רייענ. דאָס האָט באוויזנ, ווי ענג עס איז דער צוזאמענבונד צווישנ דער אלק"פ(ב) מיטנ ארבעטער־קלאס.

אינ צוזאמענהאנג מיט די „פארטיי־וואָכנ" האָט לענינ געשריבנ:

„... פונ דער פראָלעטארישער מאסע, וועלכע האָט געזענ דעניקינס „דערפאָלגנ" אונ האָט געוווסט אלע שווערקייטנ, אָנשטרענגונגענ, געפארנ, האָט זיינענ גראָד איצט פארבונדנ מיטנ נאָמענ אונ מיטנ פאָסטנ פונ א קאָמוניסט, האָבנ זיכ אופגעהויבנ טויזנטער אונ טויזנטער צו פארפעסטיקנ די פארטיי קאָמוניסטנ, צו נעמענ אפ זיכ אזא אומגעהייער שווערנ יאָכ פונ מעלוכישער פארוואלטונג.

דער דערפאָלג פונ דער סאָוועטנמאכט, דער דערפאָלג פונ אונדזער פארטיי איז מאמעש א מערקווירדיקער!... ארבעטער, וואָס האָבנ אריבערגעטראָגנ אומדערהערטע פיינ פונ הונגער, קעלט, כורבנ, רויִנירונג, איז ניט בלויז זיי היטנ איינ די גייסט־מונטערקייט... נאָר זיי נעמענ נאָכ אפ זיכ, ניט געקוקט אפ דער גאנצער ניט־צוגעגרייטקייט אונ ניט־דערפארנקייט, דעמ יאָכ פונ אָנפירנ מיט דער מעלוכישער שיפ! אונ דאָס איז אינ א מאָמענט, ווענ דער שטורעמ האָט דערגרייכט צו א ווילדער קראפט...

מיט אזוינע וווּנדער איז פול די געשיכטע פונ אונדזער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. אזוינע וווּנדער וועלנ ברענגענ זיכער אונ אומבאוויגט,—ווי גרויס

עס זאָלנ ניט זײַנ די באַזונדערע שווערע ניסיונעס — צו אַ פולשטענדיקנ זיג פונ דער אַלוועלטלעכער סאָוועטנרעפובליק"[1].

צוגלײַכ מיט די „פּאַרטײ־וואָכנ" זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ אויכ פּאַרטײִשע איבערעגיסטראַציעס, קעדײ אָפּצורײניקנ די פּאַרטײ־רײענ פונ פאַנאַנדערגעלײגטע אונ זיכ צוגעשאַרטע עלעמענטנ.

דער קאַמפ מיט קאָלטשאַקנ אונ דעניקינענ. דאָס צעגראָמירנ יודעניטשנ.

די דערפאָלגנ פונ סאָוועטנרוסלאַנד אונ די אַנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע אינ מײַרעוו־אײראָפּע האָבנ אַרויסגערופנ אינ די רײענ פונ דער צווישנפעלקערלעכער בורזשואַזיע אַ קאָלאָסאַלנ אומרו. דער צווישנפעלקערלעכער אימפּעריאַליזמ האָט באַשטימט פאַר יעדנ פּרײַז צו צעגראָמירנ די רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד. די מאַפּאָלע פונ די דײַטשנ אינ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט דער אַנטאַנטע אַרויסצושיקנ קעגנ דער סאָוועטנרעפובליק באַדײַטנדיקע קרעפטנ פונ אירע אײגענע אַרמײענ. אינ דעקאַבער 1918 יאָר האָבנ די פאַרבינדעטע אַרויסגעזעצט אינ אָדעס אַ דעסאַנט. אינ שוואַרצנ יאַמ איז צוגעשיקט געוואָרנ אַ פראַנצויזישע עסקאַדרע. אינ פעווראַל האָט די אַנטאַנטע אַפנ דאָרעמ (אוקראַינע, קרימ) צונויפגעזאַמלט גאַנצ גרויסע קרעפטנ. אינ אָדעס האָט זיכ געפונענ אַ פראַנצויזישע אַרמײ פונ אַרומ 12 טויזנט מאַנ, וואָס איז אַפ דרײַ פערטל באַשטאַנענ פונ קאָלאָניאַלע טײלנ (קאָלירטע מיליטער). אַכוצ דעמ האָבנ קײנ אָדעס צוגעשיקט זײער מיליטער די סערבנ, פּאָליאַקנ אונ גריכנ (סאַכאַקל באַ 12 טויזנט מאַנ). אַפנ צאָפנ האָט די אַנטאַנטע קאָנצענטרירט באַ 50 טויזנט סאָלדאַטנ. באַדײַטנדיקע קויכעס האָבנ די אינטערווענטנ געוואָרפנ אויכ אַפנ ווײַטנ מיזרעכ אונ קײנ סיביר.

גלײַכצײַטיק האָבנ זיכ די אימפּעריאַליסטנ גענומענ פאַרנ ווײַטערדיקנ פאַרשטאַרקנ די רוסישע קאָנטררעוואָליוציע. דאָס מיליטער פונעמ עסערישנ „קאָמיטעט פונ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג" איז צעשמעטערט געוואָרנ דורכ דער רויטער אַרמײ. די אַנטאַנטע האָט באַשלאָסנ צו פאַרבײַטנ דעמ עסערישנ קאָמיטעט אַפ אַ גענעראַלישער דיקטאַטור. פאַר אַ מיליטערישנ דיקטאַטער, וואָס זאָל שטײנ אינ שפּיצ פונ די קרעפטנ פונ דער רוסלענדישער קאָנטררעוואָליוציע, האָבנ די אימפּעריאַליסטנ אַרויסגערוקט דעמ אַדמיראַל קאָלטשאַק. דעמ 18 נאָיאַבער 1918 יאָר האָט קאָלטשאַק געמאַכט אַנ איבערקערעניש, האָט אַרויסגעגעבנ אַ באַפעל וועגנ אַרעסטירנ אונ איבערגעבנ צומ מיליטערישנ פעלד־געריכט די מיטגלידער פונ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, „וואָס האָבנ ניט אוועקגעלײגט זײערע פולמאַכטנ", אונ ער האָט זיכ דערקלערט פאַרנ רעגירער פונ גאַנצ רוסלאַנד. אונטער זײַנ מאַכט האָט זיכ געפונענ גאַנצ סיביר. אַפנ דאָנ אונ אַפ קובאַנ האָט די מאַכט פאַרכאַפּט דער גענעראַל דעניקינ, וועלכער האָט זיכ גערעכנט פאַר קאָלטשאַקס פאַרטרעטער אינ דאָרעמ־רוסלאַנד. צאָפנ־רוסלאַנד איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ אינ די הענט פונעמ גענעראַל מילער. אַפנ מײַרעוו האָט זיכ געגרײט אַרויסצוטרעטנ קעגנ סאָוועטנרוסלאַנד דער גענעראַל יודעניטש. אָט די־דאָזיקע גאַנצע באַנדע ווײַסע גענעראַלנ האָט געהאַט אײנ גרונט־אויפגאַבע — צו דערשטיקנ די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ אָפּצושטעלנ די מאָנאַרכיסטישע אָרדענונג. אַפ דער טעריטאָריע, וואָס זײ האָבנ פאַרנומענ, פלעגט מענ די אַרבעטער אונ פויערימ אומראַכמאָנעסדיק פאַרפאָלגנ. די פּריצימ פלעגט מענ אומקערנ זײערע מאַיאָנטקעס, די פאַבריקאַנטנ אונ די זאַוואָדטשיקעס — זײערע אונטערנעמונגענ. אַפנ סאַמע גראָבנ אונ ווילדנ אויפנ פלעגנ פאַרפאָלגט ווערנ אַלע ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטנ. אונטער דער מאַכט פונ די ווײַסע גענעראַלנ האָבנ זיכ אינ אַ ברײטער כוואַליע, פּונקט ווי אינ די סאַמע פינצטערע צײַטנ פונעמ צאַרישנ רעזשימ, פאַנאַנדערגעגאָסנ ייִדישע פּאָגראָמענ.

[1]) Ленин, т. XXIV, стр. 490—491.

דער ערשטער פּלאַן פון די אימפּעריאַליסטן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מע זאָל איינצייטיק אַ קלאַפּ טאָן אַף מאָסקווע: פון דאָרעם—מיט די קרעפטן פון דער אַנטאַנטע און פון גענעראַל דעניקינ, פון מיזרעכ—מיט די קרעפטן פון אַדמיראַל קאָלטשאַק, און פון צאָפן—מיטן ענגליש-אַמעריקאַנישן מיליטער.

דעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם האָט זיכ ניט איינגעגעבן דורכצופירן זיינ פּלאַן אינ פולן אויסנוצן די אייגענע אַרמייען. די פּאַרטיי האָט פּאַנאַנדערגעוויקלט אַ ריזיקע אַרבעט אינ די רייען פונעם ווייסן מיליטער און אינ די אַרמיי-טיילן פון די פאַרבינדעטע. די ווירקונג פון דער רעוואָליוציע האָט פאַרכאַפּט אויכ די



א בריק, וועלכע עס האָבן אופגעריסן די אָפּטרעטנדיקע קאָלטשאַקאָווצעס.

סאָלדאַטן פון דער אַנטאַנטע, וועלכע האָבן אופגעהערט פאָלגן זייערע קאָפּיצערן און האָבן זיכ אָפּגעזאָגט צו קעמפן מיט די באָלשעוויקעס. אפן דאָרעם האָט זיכ אונטערן אָנפיר פונעם איצטיקן מיטגליד פון צ״ק פון דער פראַנצויזישער קאָמפּאַרטיי, א. מאַרטי, געגרייט אַן אופשטאַנד פון די פראַנצויזישע מאַטראָסן. די פראַנצויזישע מאַטראָסן האָבן זיכ אָנגעהויבן ברידערן מיט די רוסישע אַרבעטער, אָנטיילנעמענדיק אינ דעמאָנסטראַציעס און פאַרזאַמלונגען.

די לאַגע איז געוואָרן אַזוי־פיל געפערלעכ פאַר די אימפּעריאַליסטן, אַז זיי זיינען געצווונגען געווען אָנצוהייבן שנעל אַרויספירן זייער מיליטער פון רוסלאַנד. סאָוועטנרוסלאַנד האָט אָפּגעוווּנען בא דער אַנטאַנטע אירע סאָלדאַטן, אַרויסרייסנדיק דערמיט דאָס שטאַרקסטע געווער פון די הענט פון אונדזערע קעגנער. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער רעוואָליוציאָנערער זיג, וועגן וועלכן לענינ האָט געזאָגט:

„...דער זיג, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן, צווינגענדיק צוצונעמען דאָס פראַנצויזישע און ענגלישע מיליטער, דאָס איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער זיג, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן איבער דער אַנטאַנטע. מיר האָבן בא איר צוגענומען אירע סאָלדאַטן. מיר האָבן אַף איר אומענדלעכן מיליטערישן און טעכנישן איבערגעוויכט געענטפערט דערמיט, וואָס מיר האָבן צוגענומען דעם דאָזיקן איבערגעוויכט דורכ דער סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטנדיקע קעגן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען“ [1].

[1]) Ленин, т. XXIV, стр. 594.

די אנטאנטע האָט זיך אָבער פאָרט ניט אָפגעזאָגט פונ אָנצוגרײַפנ אפ סאָוועטנ־רוסלאנד. קאָלטשאק איז אריבערגעגאנגענ אינ אָנגריפ און האָט פארכאפט פערמ. די רויטע ארמיי האָט זיך אָפגעקײַקלט אפ צוריק, און אפנ פערמער באַצירק האָט זיך געשאפנ אנ אויסערגעוויינלעכ שווערע לאגע. קעדיי צוריקצושטעלנ די לאגע אפנ מיזרעכ־פראָנט, האָט די פארטיי אהינ אוועקגעשיקט דעמ כ' סטאלינ, וועלכער האָט אינ א קורצער צײַט זיך דערשלאָגנ צו אנ איבערבראָכ אפנ גאנצנ פראָנט. אָבער די אימפעריאַליסטנ האָבנ אָנגעווענדט אלע קרעפטנ אפ צו פארהאלטנ דעמ מארש פונ דער רויטער ארמיי. בא דער שטיצע פונ דער אנטאנטע האָט די אלגעמיינע צאָל פונ דער קאָלטשאקישער ארמיי זיך פארגרעסערט ביז 300 טויזנט סאָלדאטנ. גלײַכצײַטיק איז דעניקינס ארמיי אויסגעוואקסנ ביז 200 טויזנט מאנ. אינ פרילינג 1919 יאָר האָט די אנטאנטע פארווירקלעכט איר ערשטנ מארש קעגנ סאָוועטנרוסלאנד, וועלכער איז געווענ אויסגערעכנט אפ צו צעקלאַפנ די סאָוועטנמאכט דורכ די פאראייניקטע קרעפטנ פונ פוילנ, קאָלטשאקנ, דעניקינענ, יודעניטשנ און די געמישטע ענגליש־רוסישע אָטריאַדנ אינ טורקעסטאנ און ארכאנגעלסק. קאָלטשאק האָט געדארפט דערלאנגענ דעמ אנטשיידנסטנ, דעמ הויפט־קלאפ. די איבעריקע ארמייענ האָבנ באַדארפט דערלאנגענ הילפ־קלעפ.

דער מארש פונ דער אנטאנטע איז באַגלייט געוואָרנ מיט באַלעגופישע אופשטאנדנ, וואָס עס האָבנ אָרגאניזירט די סאָנימ פונ דער סאָוועטנמאכט. אָבער אדאנק די באַשטימונגענ פונ דעמ VIII פארטיי־צוזאמענפאָר וועגנ א בונד מיטנ מיטלפויער און אדאנק דעמ קער פונעמ מיטלפויערטומ אינ דער זײַט פונ דער סאָוועטנמאכט האָט זיך די באַלעגופימ ניט אײַנגעגעבנ מיטצורײַסנ נאָכ זיך די ברייטע שיכטנ האָרעפאשנע פויערימ.

פאנאנדערוויקלענדיק דעמ אָנגריפ, איז קאָלטשאק אינ מיטנ אפרעל שוינ געווענ א 60—80 קילאָמעטער פונ דער וואָלגע. דעניקינ האָט זיך פארפעסטיקט אינ דאָנבאס, ווו ער האָט דעמלט פארכאפט לוגאנסק, און האָט זיך גענומענ גרייטנ צו אנ אָנגריפ אפ צאריצינ און סאראטאָוו, האָפנדיק צו פאראייניקנ זיך דאָרטנ מיט קאָלטשאקנ. אפנ מײַרעוו האָט יודעניטש פארכאפט יאמבורג (איצט קינגיסעפ), גדאָוו און פסקאָוו. עס האָבנ זיך אפ מײַרעוו גענומענ רודערנ אויכ די פאָליאקנ, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ דראָענ דער הויפטשטאָט פונ ווײַסרוסלאנד — מינסק. אינ מײַ 1919 יאָר האָט דאָס קאָנטררעוואָליוציאָנערע מיליטער פארנומענ ריגע, און לאטוויע איז נאָכאמאָל ארונטערגעפאלנ אונטער דער מאכט פונ די ווײַסגווארדייער. סאָוועטנרוסלאנד איז ווידעראמאָל געשטאנענ פאר א קאָלאָסאלער געפאר.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ מארש פונ דער אנטאנטע האָט די פארטיי געגעבנ א לאָזונג: „אלע אפ קאָלטשאקנ!" אפנ פראָנט זײַנענ געוואָרפנ געוואָרנ פרישע רעזערוו און מיליטער־טײלנ. אינ די טעזיסנ פונ צ"ק, וועלכע עס האָט צונויפגעשטעלט לענינ, איז פארגעלייגט געוואָרנ אָנצושטרענגענ אלע קרעפטנ אפ צו צעקלאַפנ דעמ סוינע, פארווירקלעכנ אינ די בײַפראָנטישע ראַיאָנענ א דורכויסיקע באַוואָפענונג פונ די פראָפפאריינ־מיטגלידער, פארשטארקנ די אַג־טאציע צווישנ די רויטארמייער, פארבעסערנ זייער באַזאָרגונג א. אז. וו.

אינ 22 גובערניעס זײַנענ מאָביליזירט געוואָרנ און אוועקגעשיקט אפנ פראָנט גרויסע אָטריאַדנ קאָמוניסטנ, פראָפפאריינ־מיטגלידער און קאָמיוגיסטנ. אנטקעגנ קאָלטשאקנ זײַנענ אוועקגעשיקט געוואָרנ פילצאָליקע פארטייעס פרײַוויליקע.

דער קעגנער האָט ארויסגעוויזנ דעמ פארביסנסטנ ווידערשטאנד קעגנ אונדזערע טײלנ, אָבער אדאנק דעמ אויסשליסלעכנ העראָיזמ פונ די רויטארמייִשע טײלנ איז דאָס פארויסגיינ פונ די קאָלטשאקישע ארמייענ אָפגעשטעלט געוואָרנ.

סאָפ אפרעל 1919 יאָר האָט די רויטע ארמיי אונטער פרונזעס אָנפיר דערלאנגט קאָלטשאקנ אונטער בוגורוסלאנ דעמ ערשטנ ערנסטנ קלאפ. אינגיכנ זײַנענ די קאָלטשאקישע ארמייענ געצווונגענ אָנצוהייבנ אנ אלגעמיינעמ צוריקמארש אפנ גאנצנ פראָנט.

קיִנ צאַפּנ־מיִרעוו, ווו עס האָט אָנגעגריפּנ יודעניטש, האָט די פּאַרטיי אוועקגעשיקט אפּ צו באַשיצנ פּעטראָגראַד דעמ כ' סטאַלינ. אינ פאַרלויפ פונ דריַי וואָכנ האָט זיכ דעמ כ' סטאַלינ אײַנגעגעבנ צו שאַפנ א פולשטענדיקנ איבערבראָכ אפנ גאַנצנ פראָנט. אונטערנ דרוק פונ די רויטע אַרמיי־טיילנ האָט זיכ יודעניטשעס מיליטער אָפּגעקײַקלט אפּ צוריק. דער כ' סטאַלינ איז באַלוינט געוואָרנ מיט אנ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ.

אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעניקינס אָנגריפ אפנ דאָרעמ, וואָס האָט זיכ צו יענער צײַט אָנגעהויבנ, האָט טראָצקי, ניט דערשאַצנדיק די נייטיקײַט פולשטענדיק צו צעשמעטערנ קאָלטשאַקנ, פאָרגעלייגט אָפּצושטעלנ דאָס פאַרפאָלגנ דאָס קאָלטשאַקישע מיליטער, צו פאַרפעסטיקנ זיכ אפנ טײַכ בעלאַיא, ניט אַריבערגייענדיק דעמ אוראַל, אונ אַריבערצוּוואַרפנ א טייל דיוויזיעס פונעמ מיזרעכדיקנ פראָנט אפנ דאָרעמדיקנ.

אָבער דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי איז ניט אײַנגעגאַנגענ אפ דעמ, האַלטנדיק, אַז

„מע טאָר ניט איבערלאָזנ אינ קאָלטשאַקס הענט דעמ אוראַל מיט זײַנע זאַוואָדנ, מיט זײַנ אײַזנבאַנ־נעצ, ווו ער (קאָלטשאַק) קענ גרינג קומענ צו־זיכ, צונויפנעמענ א פויסט אונ נאָכאַמאָל צוקומענ צו דער וואָלגע,—מע מוז פריִער פאַר אַלצ דורכטרײַבנ קאָלטשאַקנ אפ יענער זײַט אוראַלער באַרג־רוקנ, אינ די סיבירער סטעפּעס אַרײַנ, אונ בלויז דעמאָלט קענ מענ זיכ פאַרנעמענ מיטנ איבערוואַרפנ די קרעפטנ אפנ דאָרעמ" [1].

דער באַשלוס פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט צו צעגראָמירנ קאָלטשאַקנ ביזנ סאָפ. אָנהייב 1920 יאָר האָט די רויטע אַרמיי פאַרניכטעט די לעצטע רעשטלעכ קאָלטשאַקישע אַרמייענ. קאָלטשאַק אַלײנ האָט זיכ אַרײַנגעפּאַקט אינ געפאַנגענשאַפט אונ איז לויטנ אורטייל פונעמ רעוואָליוציאָנערנ טריבונאַל צעשאָסנ געוואָרנ.

די מאַפּאָלע פונ די קאָלטשאַקישע אַרמייענ האָט געצוווּנגענ די אַנטאַנטע צו ענדערנ איר פּלאַנ פונ אָנפאַלנ אפ סאָוועטנרוסלאַנד. די הויפּט־ראָליע איז איצט אָפּגעגעבנ געוואָרנ דעניקינענ, וועלכנ עס האָבנ געזאָלט העלפנ יודעניטש אונ דאָס בורזשואַזע פוילנ. אינ העסקעמ מיטנ דאָזיקנ פּלאַנ האָט זיכ אָנגעהויבנ דער צווייטער מאַרש פונ דער אַנטאַנטע אַנטקעגנ דער סאָוועטנרעפּובליק. צומ אָנהייב יול 1919 יאָר האָט דעניקינ באַוויזנ צו פאַרכאַפּנ צאַריצינ, די גאַנצע לינקבערעגיקע אוקראַינע אונ קרימ. דעמ 10 אויגוסט האָט ער געוואָרפנ קעגנ אונדזערע טיילנ מאַמאָנטאָווס רײַטער־קאָרפּוס, וועלכער האָט דורכגעריסנ אונדזער פראָנט אונ דורכגעמאַכט א פאַרוויסטנדיקנ רייד אינעמ רוקנ פונ אונדזער רויטער אַרמיי. אינ מאַמאָנטאָווס הענט זײַנענ אפ א קורצער צײַט אַרײַנגעפאַלנ די שטעט טאַמבאָוו, וואָראָנעזש, קאָזלאָוו, יעלעצ. מאַמאָנטאָוו האָט זיכ דאָ מיט אנ אומדערהערטער אַכזאָריעסדיקײַט אונ כײַשקײַט צערעכנט מיט די אַרבעטער, פּויערימ, קאָמוניסטנ אונ סאָוועטישע טוערס. די אַרמיי־אָנפירונג מיט טראָצקינ אינ שפּיצ איז ניט געווענ פייִק צו אָרגאַניזירנ דאָס צעקלאַפּנ מאַמאָנטאָווג, אונ ער האָט זיכ אינ א שטיקל צײַט אַרומ ווידעראַמאָל פאַראייניקט מיט דעניקינס הויפּט־קרעפטנ.

אינ אָנהייב אָקטיאַבער האָבנ די דעניקינצעס פאַרנומענ וואָראָנעזש, אָריאָל אונ די שטאָט נאָוואָסיל אינ טולער גובערניע. דאָס פאַרנעמענ אָריאָל האָט געשטעלט אונטער א קלאַפּ טולע אונ געשאַפנ א דירעקטע דראָונג פאַר מאָסקווע.

דעניקינס דערפאָלגנ דערקלערנ זיכ אינ א היפּשער מאָס מיט די פעלערנ אינ דער אַרבעט פונעמ רעוומילראַט פונ דער רעפּובליק אונ אינ דער ערשטער ריי מיט טראָצקיס פעלערנ. בא טראָצקינ פלעגט זיכ דער רעוומילראַט קימאַט ווי ניט צונויפקלײַבנ; די גאַנצע לאַסט פונ דער אַרבעט פלעגט אַריבערגעלייגט ווערנ אפ צווייטראַנגיקע טוערס א. אז. וו. לעניִנ האָט נימ איינמאָל מיט דער גרעסטער אופגעבראַכטקײַט אָנגעוויזנ אפ די פעלערנ אינ דער אַרבעט פונעמ רעוומילראַט, פאָדערנדיק, זיי זאָלנ טייקעפ

---

[1] Сталин, Об оппозиции, стр 110.

באוויַיזיקט ווערנ. אזוי, לעמאָשל, האָט ער דעמ 16 סענטיאַבער 1919 יאָר אינ א בריוו צומ רעוומילראט־מיטגליד, ס. י. גוסעוו, דערקלערט, אז „אונדזער רעוומילראט ארבעט שלעכט", אז ער שפילט זיכ אינ באַרויִקונג, אינ דער צײַט ווענ „אינ דער עמעסנ איז בא אונדז א שטילשטאנד—קימאט א צעוואַלגערונג". אָנווײַזנדיק אפ פאלנ פונ ניט־דירעוודיקײַט, לאנגזאמקײַט אונ ניט־בייגעוודיקײַט פונ אונדזער רעוו־מילראט, האָט לענינ פארענדיקט דעמ בריוו מיט א צושריפט: „אפּאָנעמ, אז אונדזער רעוומילראט „קאָמאנדעוועט", זיכ ניט אינטערעסירנדיק אָדער ניט וועלנדיק נאָכשפּירנ נאָכנ אויספילנ. אויב דאָס איז ביקלאל א פעלער, איז אינ דער מיליטערישער זאכ איז דאָס מאמעש אנ אומקומ".



סטאלינס אָנקומ אינ דער I רײַטער־ארמיי (ננײַ־אָסקאָל) אינ 1919 י.
(ביִלד פונעמ קינסטלער אווילאָוו).

אינ דער צײַט ווענ אפנ דאָרעמ־פראָנט האָט זיכ דעניקינ דערנעענטערט צו מאָסקווע, האָט יודעניטש אפנ צאָפנ־מײַרעוו פארנומענ קראסנאָיע סעלאָ, גאטשינא, אונ האָט זיכ שוינ געפונענ קימאט בא די ווענט פונ פעטראָגראד. דער קאָנטררעוואָליוציע האָט זיכ נאָכ קיינמאָל ניט אײַנגעגעבנ צו דערשלאָגנ זיכ צו אזעלכע גרויסע דערפאָלגנ. אינעמ קעגנערישנ לאגער האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ א סימכע צוליבנ פארשטייענדיקנ פארנעמענ מאָסקווע אונ פעטראָגראד. אָבער די סאָנימ פונ דער רעוואָליוציע האָט זיכ אויכ דאָס מאָל ניט אײַנגעגעבנ צו פארווירקלעכנ זייערע פלענער.

מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פונ אלע קרעפטנ האָבנ די פארטיי אונ דער ארבעטער־קלאס אָרגאניזירט אנ אָפּשטויס די דעניקינישע באנדעס. עס איז דורכגע־פירט געוואָרנ א מאָביליזאציע פונ די קאָמוניסטנ אינ פעטראָגראד, מאָסקווע אונ אינ אנדערע שטעט. אינ אייניקע ערטער האָט די מאָביליזאציע ארומגעכאפּט 50% פונעמ גאנצנ פארטיי־באשטאנד. אינ רעשוס פונעמ דאָרעמ־פראָנט זײַנענ בלויז פאר איינ כוידעש אריבערגעוואָרפנ געוואָרנ בא 2000 פאראנטוואָרטלעכע טוערס. די פארטייִשע אָרגאניזאציעס אינ די ראיאָנענ, וועלכע עס האָט פארכאפּט דער קעגנער, פלעגנ זיכ ארײַנגיסנ אינ דער רויטער ארמיי קימאט אינ גאנצנ באשטאנד. דער צ"ק פונ דער

פארטיי האָט פאָרגעלייגט אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס אוועקצושטעלנ דעמ גאנצנ מעלוכישנ אפאראט צו דינסט דער אופגאבע פונ פארניכטנ דעניקינענ.

די אָנפירונג מיטנ קאמפ אפנ דאָרעמ־פראָנט האָט דער צענטראל־קאָמיטעט איבערגעגעבנ דעמ כ׳ סטאלינ, באזייַטיקנדיק טראָצקינ פונ יעטווידנ אריַינמישנ זיכ אינ די איניאָנימ פונעמ דאָרעמ־פראָנט. די מייַסע איז, וואָס אונטער טראָצקיס אָנפירונג איז אויסגעארבעט געוואָרנ אזא פלאנ פונ קאמפ מיט דעניקינענ, וועלכער האָט געדראָט מיט א גרויסער געפאר פאר סאָוועטנרוסלאנד. לויטנ דאָזיקנ פלאנ איז פאָרויסגעזענ געוואָרנ צו דערלאנגענ דעניקינענ דעמ הויפט־קלאפ אפ נאָוואָראָסיסק, אנטוויקלענדיק דעמ אָנגריפ דורכ די דאָנער סטעפעס. דער מארש דורכ די דאָנער סטעפעס איז געווענ פארבונדנ מיט אומגעהייערע שוועריקייַטנ איבער דעמ פעלנ פונ וועגנ און איבער דער פייַנטלעכער באציִונג פונעמ קאָזאקנטומ צומ רויטנ מיליטער. דער מארש אפנ דאָנ וואָלט בלויז געקענט צונויפשמידנ די קאָזאקנ ארומ דעניקינענ, פארשטארקנדיק אזויארומ אונדזער קעגנער. דיסקאָנטירנדיק אָט דאָס אלצ, האָט דער כ׳ סטאלינ פאָרגעלייגט א נייַעמ פלאנ פונ קאמפ מיט דעניקינענ: צו ווענדנ דעמ הויפט־קלאפ דורכ כארקאָוו און דאָנעצער באסיינ אפ ראָסטאָוו. דערדאָזיקער פלאנ האָט באוואָרנט פאר דער רויטער ארמיי דעמ מיטגעפיל פונ דער באפעלקערונג (דאָנעצער ארבעטער און די דאָרפישע אָרעמשאפט פונ אוקראִינע), קוילנ־רעזערוונ, א געדיכטע אייַזנבאנ־נעצ און א גאנצע ריי אנדערע מייַלעס. דער צ״ק פונ דער פארטיי האָט אָנגענומענ כ׳ סטאלינס פלאנ, האָט אָפגעשאפט טראָצקיס פלאנ און האָט געגעבנ דעמ כ׳ סטאלינ ריזיקע פולמאכטנ אפ צו פארווירקלעכנ דעמ נייַעמ פלאנ.

צוליבנ קאמפ מיט דער דעניקינישער קאוואלעריע איז לויט כ׳ סטאלינס פאָרשלאָג אָרגאניזירט געוואָרנ די רומפולע I רייַטער־ארמיי, וואָס אינ איר שפיצ האָט די פארטיי אוועקגעשטעלט די כ״כ בודיאָני און וואָראָשילאָוו.

מיטנ לאָזונג „אלע אפ דעניקינענ!“ האָבנ די ארבעטער און פויערימ פונ סאָוועטנרוסלאנד זיכ געשטעלט אלע ווי איינער צו פארטיידיקנ זייערע דעראָבערונגענ קעגנ דער בורזשואז־פריצישער קאָנטררעוואָליוציע.

אינ דער צווייטער העלפט אָקטיאבער האָבנ די רויטע טיילנ פארנומענ אָריאָל. בודיאָניס רייַטער־ארמיי האָט דערלאנגט אנ אנטשיידנדעמ קלאפ דעניקינענ אונטער וואָראָנעזש און קאסטאָרנע. אינ טיל בא דעניקינענ זייַנענ אונטערנ אָנפיר פונ די באָלשעוויקעס פאָרגעקומענ אופשטאנדנ פונ די אומצופרידענע ארבעטער און פויערימ. נאָכיאָגנדיק טראָט־בא־טראָט די אָפטרעטנדיקע דעניקינצעס, האָט די רויטע ארמיי באפרייַט אוקראִינע און צאָפנ־קאווקאז. דער גוירל פונ דער דעניקינשטשינע איז, אזויארומ, באשטימט געוואָרנ. דעניקינ איז אנטלאָפנ קיינ אויסלאנד. די רעשטנ פונ זייַנ מיליטער האָבנ זיכ באהאלטנ אינ קרימ און אפ צאָפנ־קאווקאז.

אינ רעזולטאט פונ א פארביטערטנ קאמפ האָט זיכ אייַנגעגעבנ צו ליקווידירנ אויכ יודעניטשנ, אָפקעמפנדיק דעמ רויטנ פעטראָגראד פונעמ אָנפאל פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באנדעס.

אינ יאנואר 1920 יאָר האָט ענגלאנד אראָפגענומענ די בלאָקאדע פונ סאָוועטנרוסלאנד. אינ פעווראל איז אונטערגעשריבנ געוואָרנ א שאָלעמ־אָפמאכ מיט עסטאָניע. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ מיט לאטוויע און ליטע. דאָס אלצ איז געווענ א רעזולטאט פונ אונדזערע זיגנ און האָט היפש פארבעסערט די אינטערנאציאָנאלע לאגע פונ דער סאָוועטנ־רעפובליק.

די עקאָנאָמישע פאָליטיק אינ פעריאָד פונעמ בירגערקריג.

אינ דער צייַט פונ בירגערקריג, ווענ אלצ איז געשטעלט געוואָרנ צו דינסט דער לאנדשוצ, איז די עקאָנאָמישע פאָליטיק פונ דער פארטיי פולשטענדיק געווענ אונטערגעוואָרפנ צו די אינטערעסנ פונ מילכאָמע־קאמפ.

אלט יערושע פונעמ אלטנ אימפעריאליסטישנ רעזשימ האָבנ מיר באקומענ א רויִנירט לאנד, וואָס זייַנע פראָדוציר־קרעפטנ זייַנענ געווענ אינגאנצנ אונטערגע־

ריסנ. דער קאמפ, וואָס די קאָנטררעוואָליוציע האָט אָנגעהויבנ פירנ קעגנ דער סאָוועטנמאכט, האָט נאָכ מער פארערגערט אונדזער עקאָנאָמישע לאגע.

נאָכנ שליסנ בריסקער שאָלעמ אונ נאָכ דעמ, ווי אפנ דאָנ האָט זיכ אויסגעבילדעט די רעגירונג פונעמ גענעראַל קראסנאָוו, איז סאָוועטנרוסלאנד צעריסנ געוואָרנ אפ צוויי טײלנ. פארלוירנ באקו אונ גראָזני, איז די סאָוועטנ־מעלוכע געבליבנ אָנ נאפט. די טשעכאָסלאָוואקנ האָבנ אָפגעשניטנ דעמ סאָוועטישנ צענטער פונ דער סיבירער טוווע אונ פונ די אוראלער זאוואָדנ. אָנשטאָט די 775 מיליאָנ פוד טוווע־מויסרעס, וועלכע עס פלעגט געווײנלעכ האָבנ דאָס פאררעוואָליוציאָנערע רוסלאנד



ו. אי. לענינ אפ א שאבעסניק.

(אָנ פוילנ) יעדנ יאָר, האָט סאָוועטנרוסלאנד אינ די יאָרנ 1918—1920 געהאט בלויז צו 87 מיליאָנ פוד. די בלאָקאדע, מיט וועלכער די אימפעריאליסטנ האָבנ ארומגערינגלט די סאָוועטנ־רעפובליק, האָט ניט געגעבנ קײנ מעגלעכקײַט ניט ארײַנצופירנ אונ ניט ארויסצופירנ וועלכע ניט איז סכוירעס. די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט איז מיט שנעלע טעמפנ געפאלנ. אינ רעזולטאט פונ דעמ אלעמענ האָבנ דער הונגער, די ארעמקײַט אונ די רויִנירונג אָנגענומענ אומדערהערטע מאסשטאבנ. בא די געשאפענע באדינגענ איז די הויפט־אויפגאבע באשטאנענ אינ דעמ, אז מע זאָל ריכטיק פאנאנדערטײלנ די פאראנענע רעזערוונ, באזאָרגנדיק די ארבעטער אונ די רויטע ארמײ מיט אלע נײטיקע פראָדוקטנ.

אפ אָנצוהאָדעווענ די באפעלקערונג אונ די רויטע ארמײ, האָט די סאָוועטנרעגירונג אײַנגעפירט א ראזוויאָרסטקע אפ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ. לויט דער ראזוויאָרסטקע האָבנ די פויערימ געמוזט אָפגעבנ דער מעלוכע אלע זײערע טוווע־מויסרעס, איבערלאָזנדיק בא זיכ בלויז א שטרענג באשטימטע דורכ דער מעלוכע צאָל טוווע, וואָס איז נײטיק אפ צו פארזײענ די פעלדער אונ אפ צו שפײַזנ זיכ אלײנ. פאר די אָפגעגעבענע לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ פלעגנ די פויערימ קענענ באקומענ בלויז אנ אומבאדײַטנדיקע צאָל אינדוסטריעלע סכוירעס, וואָרעמ

די אינדוסטריע האָט אינ די מילכאָמע־אומשטאנדנ געארבעט מיט גרויסע איבערשלאָגנ. די פויערימ, ווי עס האָט זיכ דערנאָכ אויסגעדריקט לענינ, האָבנ אזויווי אויסגעליִענ דער מעלוכע זייער טווּע דערפאר, וואָס זיי האָבנ באקומענ פונ דער ארבעטער־מעלוכע „די גאנצע ערד אונ א שוצ קעגנ דעמ פּאָרעצ”. די טווּע, וואָס מע פלעגט צונויפנעמענ דורכ דער ראזוויאָרסטקע, פלעגט פאנאנדערגעטיילט ווערנ צווישנ דער באפעלקערונג דורכ די אָרגאנענ פונ דעמ פאָלק־קאָמיסאריאט פאר דערנערונג („נארקאָמפּראָד”). דערביי פלעגנ אינ דער ערשטער ריי באפרידיקט ווערנ מיט פּראָדוקטנ די רויטארמייער, דערנאָכ די ארבעטער אונ זייערע מישפּאָכעס, דערנאָכ פארשיידענע קאטעגאָריעס אָנגעשטעלטע א.אז.וו. קיינ ספּעקוליאנטנ, וואָס לעבנ פונ פרעמדער ארבעט, פלעגט די מעלוכע אינגאנצנ ניט באזאָרגנ.

די אינדוסטריע איז אינ די יאָרנ פונ בירגערקריג קימאט אינגאנצנ נאציאָנאליזירט געוואָרנ. אפּנ 1 יונ 1918 יאָר האָבנ זיכ אינ די הענט פונ דער מעלוכע געפונענ סאכאקל 487 אונטערנעמונגענ. אינ 1920 יאָר זיינענ שוינ געווענ נאציאָנאליזירט בא 67 טויזנט אונטערנעמונגענ, דערינ אויכ אסאכ קליינע. די דורכגעפירטע נאציאָנאליזאציע האָט געגעבנ די מעגלעכקייט איינצוברעכנ דעמ ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע אונ פּאָרצוזעצנ די ארבעט אפ די וויכטיקסטע אונטערנעמונגענ. עס איז נאציאָנאליזירט געוואָרנ אויכ דער גאנצער האנדל. אדאנק דער שטארקער אנטווערטונג פונעמ פאפירענעמ געלט, וואָס די מעלוכע האָט ארויסגעלאָזט (דאָס גאָלד אונ זילבער איז ארויסגענומענ געוואָרנ פונ אומזאצ נאָכ בא דער צארישער רעגירונג), האָט מענ ביסלעכווייז גענומענ אריבערגיינ אפ אָנגעלטיקע פאנאנדערעכענונגענ. דער ארבעטלוינ פלעגט טיילווייז אויסגעצאָלט ווערנ אינ נאטור. עס איז איינגעשטעלט געוואָרנ א מיליטאריזאציע פונ דער ארבעט: די ארבעטער איז פארווערט געווענ פריי אריבערצוגיינ פונ איינ אונטערנעמונג אפ אנ אנדערער; פאר די פויערימ איז איינגעפירט געוואָרנ די פליכט צו געבנ פורנ, די פליכט אָפּצורייניקנ די איינזנבאנ־וועגנ פונ שניי א.אז.וו. כוצ דעמ זיינענ אינ 1920 יאָר אָרגאניזירט געוואָרנ ארבעט־ארמייענ. אזוי פלעגט מענ רופנ יענע רויטארמייִשע טיילנ, וועלכע מע פלעגט אריבערפירנ פונעמ מיליטערישנ פראָנט אפנ ארבעט־פראָנט. די ארבעט־ארמייענ זיינענ געוואָרפנ געוואָרנ אפ האָלצ־פארגרייטונג, אפ ארויסבאקומענ שטיינקוילנ אונ אנדערע מינימ הייצונג. דאָס אָרגאניזירנ דידאָזיקע ארמייענ איז פאָרגעקומענ אינעמ מאָמענט פונעמ קורצטערמיניקנ איבעררייס, וואָס האָט זיכ איינגעשטעלט אפנ פראָנט, נאָכ דעמ ווי מע האָט צעקלאפּט קאָלטשאקנ אונ דעניקינענ. עס האָט זיכ דעמלט געשאפנ די מעגלעכקייט צייטווייליק ארויפצונעמענ אייניקע רויטארמייִשע טיילנ פונעמ פראָנט, אָבער דעמאָביליזירנ די ארמיי האָט ניט דערלויבט די געפאר פונ א נייעמ אָנגריפ, וועלכנ די אימפּעריאליסטנ האָבנ געגרייט אפ סאָוועטנ־רוסלאנד. די גאנצע פארוואלטונג מיט דער פאָלקווירטשאפט פונעמ לאנד איז געווענ שטרענג צענטראליזירט, איז געווענ אונטערגעוואָרפנ אלערליי „גלאווקנ” אונ „צענטרענ” — ספּעציעלע אנשטאלטנ, וואָס האָבנ אָנגעפירט מיט פארשיידענע ווירטשאפט־צווייגנ פונ אנ איינהייטלעכנ צענטער. אזא מינ צענטראליזאציע איז נייטיק געווענ, קעדיי ריכטיק צו דיסקאָנטירנ אונ פאנאנדערצוטיילנ יענע קליינע רעזערוונ, וואָס זיינענ נאָכ געווענ אינ לאנד. ניט געקוקט אפ די אויסערגעוויינלעכ שווערע ארבעט־באדינגענ, ניט געקוקט אפנ הונגער אונ רויִנירונג אינ לאנד, האָבנ די ארבעטער ארויסגעוויזנ אפנ ווירטשאפטלעכנ פראָנט דעמ גרעסטנ ענטוזיאזמ. אלס בוילעטסטער דערווייז דערפונ זיינענ געווענ די קאָמוניסטישע שאבעסניקעס — א נייע פאָרמע פונ קאָמוניסטישער ארבעט. די קאָמוניסטישע שאבעסניקעס, וואָס האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט דעמ אויסדרוק פונ א נייער, פרייער אונ באוווסטזיניקער דיסציפּלינ פונ די ארבעטנדיקע גופע, האָט לענינ צוגעגעבנ א קאָלאָסאלנ באטייט. ער האָט זיי אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „גרויסער אָנהייב” אונ האָט זיי באטראכט אלס שפּראָצלינג פונ א נייער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. ער האָט געשריבנ:

„... הונגעריקע ארבעטער, ארומגערינגלטע מיט דער בייזוויליקער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אגיטאציע פונ דער בורזשואזיע, פונ די מענשעוויקעס אונ

עסערנ, אָרדענענ אײַנ „קאָמוניסטישע שאַבעסניקעס", אַרבעטנ איבערשאָענ
אָנ יעדנ לוינ, אונ דערגרייכנ צו אַ ריזיקער העכערונג
פונ דער אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט, ניט געקוקט דערויפ, וואָס זיי
זײַנענ מיד, אויסגעמאַטערט, אויסגעצערט פונ ניט־דערעסנ. צי איז דאָס דענ
ניט דער גרעסטער העראָיזמ? צי איז דאָס דענ ניט דער אָנהייב פונ אַ קער,
וואָס האָט אַנ אַלוועלטלעכ־היסטאָרישנ באַטײַט?"[1].

די קאָמוניסטישע שאַבעסניקעס זײַנענ ברייט פאַרשפּרייט געווענ ניט בלויז אינ די
פּראָדוציר־קעמערלעכ, נאָר אויכ אינ די מיליטערישע אונ אינ די סאָוועטישע קע־
מערלעכ. אינ די שאַבעסניקעס פלעגנ צוגלײַכ מיט די קאָמוניסטנ נעמענ אָנטייל
אויכ ברייטע אומפּאַרטייִשע מאַסנ.

די עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס האָט זיכ צונויפגעלייגט אינעמ פּעריאָד פונעמ
בירגערקריג, האָט געטראָגנ דעמ נאָמענ „מיליטערישער קאָמוניזמ".

„דער אייגנאַרטיקער „מיליטערישער קאָמוניזמ", — האָט געשריבנ לענינ, —
איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס מיר פלעגנ פאַקטיש נעמענ בא די פּויערימ
אַלע מויסרעס, אונ אַמאָל אַפילע ניט די מויסרעס, נאָר אַ טייל פונ דער
דערנערונג, וואָס איז נייטיק געווענ פאַרנ פּויער; מיר פלעגנ עס נעמענ אַפּ
צו דעקנ די הוצאָעס אַפּ דער אַרמיי אונ אַפּ אויסצוהאַלטנ די אַרבעטער.
נעמענ פלעגנ מיר עס מערסטנטיילס אַפּ באָרג, פאַר פּאַפּירנ געלט. אַפּ אַנ
אַנדער אויפנ באַזיגנ די פּריצימ אונ די קאַפּיטאַליסטנ אינ אַ רויִנירטנ קליינ־
פּויערשנ לאַנד האָבנ מיר ניט געקענט"[2].

אַזוי־אַרומ האָט זיכ אײַנגעשטעלט אַ מיליטעריש־פּאָליטישער בונד צווישנ דעמ
פּראָלעטאַריאַט אונ דעמ פּויערטומ.

אַלס אַ סיסטעמ פונ פאַנאַנדערטיילנ פּראָדוקטנ אינ די באַדינגענ פונ מילכאָמע
אונ אינטערווענצ האָט די פּאָליטיק פונ מיליטערישנ קאָמוניזמ געשפּילט אַ ריזיקע
פּאָזיטיווע ראָליע. זי האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט צו באַזאָרגנ די אַרבעטער אונ די
רויטע אַרמיי מיט ברויט אונ אָפּצוהאַלטנ אַ זיג אינעמ בירגערקריג. אָבער באַטאָנענדיק
דעמ פּאָזיטיוונ באַטײַט פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ, האָט לענינ גלײַכצײַטיק אָנגעוויזנ
אויכ אַפּ דעמ, אַז דער מיליטערישער קאָמוניזמ איז ניט געווענ אונ האָט ניט געקענט
זײַנ יענע ריכטיקע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס אַנטשפּרעכט צו די ווירטשאַפטלעכע
אויפגאַבעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט. אַזעלכע מאָסמיטלענ, ווי די ראַזווערסטקע, ווי דאָס
פולשטענדיקע אָפּשאַפנ דעמ פּריוואַטנ האַנדל אַ.אַז.וו., פלעגנ שטאַרק פאַרשווערנ די
אַנטוויקלונג פונ דער פּויערשער ווירטשאַפט. דעריבער פלעגט לענינ שטענדיק אונטער־
שטרײַכנ, אַז דער מיליטערישער קאָמוניזמ איז געווענ בלויז אַ צײַטווײַליק מאָס־
מיטל, וואָס איז אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער מילכאָמע אונ דער רויִנירונג
אינעמ לאַנד.

עס איז ניט אויסגעשלאָסנ די מעגלעכקײַט, אַז אויכ אינ די סאָציאַליסטישע רע־
וואָלוציעס פונ אַנדערע לענדער זאָל אויסקומענ אײַנצופירנ דעמ מיליטערישנ קאָ־
מוניזמ, אָבער דערבײַ וועט אַלצ אָפּהענגענ פונ דער אָנגעשטרענגטקײַט אונ פונעמ
דויער פונעמ בירגערקריג, פונ דער קראַפט פונ דער קאָנטרעוואָלוציע אונ אינ־
טערווענצ.

„אינ פאַל פונ אַ וואַרשײַנלעכער מיליטערישער אינטערווענצ פונ די
קאַפּיטאַליסטנ, — ווערט געזאָגט אינ דער קאָמינטערנ־פּראָגראַמ, — אונ פונ אַ
דויערנדיקער קאָנטרעוואָלוציאָנערער מילכאָמע קעגנ דער דיקטאַטור פונעמ
פּראָלעטאַריאַט, דאַרפ די ווירטשאַפטלעכע אָנפירונג אַרויסגיינ פריִער פאַר אַלצ
פונ די אינטערעסנ פונ פאַרטיידיקנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור; דערבײַ
קענ אויסקומענ די נייטיקײַט אײַנצופירנ אַ מיליטעריש־קאָמוניסטישע ווירט־
שאַפטלעכע פּאָליטיק"[3].

---

[1]) Ленин, т. XXIV, стр. 341.

[2]) Ленин, т. XXVI, стр. 332.

[3]) פּראָגראַמ פונ קאָמינטערנ, IV אָפּטייל, 4 פּונקט: „די יעסוידעס פונ דער עקאָנאָמישער פּאָ־
ליטיק פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור".

די פּארטיי — דער אָרגאַניזאַטער פונ דער רויטער ארמיי.

די קאָלאָסאַלע אומגעהערטע דערפאָלגנ, וואָס סאָוועטנרוסלאַנד האָט דערגרייכט אינעמ בירגערקריג, זייַנענ מעגלעכ געווענ בלויז אַדאַנק דעמ, וואָס דער אָנפירער פונ דער רויטער ארמיי אונ דער אָרגאַניזאַטער פונ אירע זיגנ איז געווענ די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. לענינ האָט געזאָגט, אַז אַזאַ נעס, ווי דאָס, וואָס די רויטע ארמיי האָט צעקלאַפּט די רוסישע בורזשואַזיע אונ די פּריצימ, וועלכע האָבנ געהאַט די שטיצע פונ די אַלוועלטלעכ־מעכטיקע אימפּעריאַליסטנ, האָט געקענט פּאָרקומענ

„...בלויז אַדאַנק דעמ, וואָס די פּאַרטיי איז געווענ אפ דער וואַכ, וואָס די פּאַרטיי איז געווענ אַמשטרענגסטנ דיסציפּלינירט, אונ אַדאַנק דעמ, וואָס דער אויטאָריטעט פונ דער פּאַרטיי פלעגט פאַרייניקנ אַלע מעלוכע־אַמטנ אונ אַנשטאַלטנ, אונ לויטנ לאָזונג, וואָס עס פלעגט געבנ דער צ״ק, פלעגנ גייג, ווי איינ מענטש, צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער אונ אינ לעצטנ סאַכאַקל מיליאָנעג... בלויז דערפאַר האָט דער געשעענער נעס געקענט געשענ“ [1].

די פּאַרטיי האָט אפנ VIII צוזאַמענפאָר אויסגעאַרבעט א מיליטערישע פּראָגראַמ אונ אָנגעמערקט די גרונט־יעסוידעס פונ דער מיליטערישער בויונג. זי האָט דורכגעפירט א גיגאַנטישע אַרבעט אפ צוצוגרייטנ אונ צו דערציִענ די רויטאַרמייִשע מאַסנ. זי האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט פלענער פונ מיליטערישנ קאַמפ אונ האָט אָנגעפירט מיט די שלאַכט־אָפּעראַציעס אפ אַלע פילצאָליקע פראָנטנ. מיט איר אַגיטאַציע אונ פּראָפּאַגאַנדע האָט די פּאַרטיי פאַרשטאַרקט דעמ פּאָליטישנ באַוווּסטזייַנ פונ די רויטאַרמייער, צווישנ וועלכע עס איז געווענ ניט ווייניק ניט־שטאַנדהאַפטיקע, ווייניקבאַוווּסטזיניקע עלעמענטנ, וואָס זייַנענ געקומענ פונ די דערפער. אַדאַנק דער פּאָליטישער אַרבעט פונ די קאָמוניסטנ זייַנענ דידאָזיקע אָפּגעשטאַנענע שיכטנ אויפגעקלערט, איבערדערצויגנ אונ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ פעסטע, באַוווּסטזיניקע קעמפערס פאַר דער סאָוועטנמאַכט. די קאָמוניסטנ זייַנענ געווענ דער מעכטיקער סקעלעט פונ דער רויטער ארמיי, איר פעסטער רוקנבייג. אינ די שלאַכטנ פלעגנ די קאָמוניסטנ ווייַזנ א בייַשפּיל אַלע איבעריקע רויטאַרמייער. זיי פלעגנ שטענדיק גייג פאָרויס, זאַמלענדיק אַרומ זיכ די אומפּאַרטייִשע רויטאַרמייער. אויב ערגעצ־ווו פלעגט דראָענ א געפאַר, אונ דער סויגע פלעגט אָנהייבנ אָפּהאַלטנ זיגנ, פלעגט די פּאַרטיי שטענדיק וואַרפנ אַהינצו אירע פּאָרגעשריטנסטע קעמפערס, — אונ די לאַגע פלעגט זיכ ענדערנ צומ בעסערנ.

איינע נאָכ דער אַנדערער פלעגנ פּאָרקומענ פּאַרטייִשע מאָביליזאַציעס אפנ פראָנט. אינ בייַפראָנטישנ פּאַס פלעגנ די פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס אָפּטמאָל מאָביליזירנ אינ דער ארמיי אַרייַנ אַלע זייערע מיטגלידער קימאַט אָנ אויסנאַמ. שוינ אינ 1918 יאָר האָט די רויטע ארמיי געציילט 35 טויזנט קאָמוניסטנ אינ אירע רייענ. אינ 1919 יאָר איז דידאָזיקע צאָל פאַרגרעסערט געוואָרנ ביז 121 טויזנט, אונ צומ 1920 יאָר איז שוינ אינ דער ארמיי געווענ אַריבער 280 טויזנט קאָמוניסטנ. דידאָזיקע 280 טויזנט האָבנ אויסגעמאַכט מער ווי א דריטל (34%) פונ אונדזער גאַנצער פּאַרטיי.

אנ אויסשליסלעכ וויכטיקע ראָליע האָבנ אינ דער רויטער ארמיי געשפּילט די קאָמקעמערלעכ, פּאָליטאָפּטיילנ אונ די קאָמיסאַרנ פונ די רויטאַרמייִשע טיילנ. די קאָמיסאַרנ זייַנענ געווענ די פּאָרשטייערס פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער סאָוועטנמאַכט. אַלס קאָמיסאַרנ פלעגנ באַשטימט ווערנ די בעסטע, שטאַנדהאַפטיקסטע אונ אויסגעפּרווטסטע באָלשעוויקעס. זייַענדיק עלטערע כאַווײרימ אונ אָנפירערס פונ די פּאַרטיי־קעמערלעכ, פלעגנ זיי אויספילנ א ריזיקע אַרבעט אינ געביט פונ דערציִענ די רויטאַרמייִשע מאַסנ. אפ די קאָמיסאַרנ איז אויכ געלעגנ די פליכט נאָכצוקוקנ אונ צו קאָנטראָלירנ יענע קאָמאַנדירנ, וואָס זייַנענ אַמאָל געווענ אָפיצערנ. צווישנ דעמדאָזיקנ טייל קאָמאַנדע־באַשטאַנד פלעגנ זיכ אָפּטמאָל געפינענ וואַקלדיקע עלעמענטנ אונ אַמאָל אפילע פאַרבאָרגענע קאָנטררעוואָליוציאָנערנ. די קאָמיסאַרנ פלעגנ זיכ שטעלנ אפ די סאַמע געפערלעכע ערטער, ווייַזנדיק א בייַשפּיל פונ העכסטער

[1] Ленин, т. XXV, стр. 96.

העלדישקײַט, מיטרײַסנדיק נאָך זיך די אומאנטשיידענע און די וואקלדיקע. אונטערשטרײַכנדיק די ראָליע פון די קאָמיסארן אינעם בירגערקריג, האָט לענין געזאָגט, אז „אָן די מיליטקאָמען וואָלטן מיר נישט געהאט קיין רויטע ארמיי". די אויסארבעטונג פון די וויכטיקסטע מיליטערישע פּלענער פלעגט דורכגיין אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פונעם צ"ק אלק"פּ(ב), און דאָס האָט געהאט אן אנטשיידנדיקן באטײַט פאר די זיגן אף די פראָנטן.

א קאָלאָסאלע ארבעט האָט די פּארטיי אויך דורכגעמאכט אינעם געביט פון אָרגאניזירן און אָנפירן מיטן קאמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע אינעם טיל בא די

א גרופּע אָנגעזעענסטע אָנפירערס אינעם בירגער־קריג — בודיאָני, פרונזע, וואָראָשילאָוו.

ווײַסע. די ווײַסע רעגירונגען האָבן גוט פארשטאנען דעם באטײַט פונעם דאָזיקן קאמף און זיי פלעגן אפן רעציכעדיקסטן אויפן פארפאָלגן די קאָמוניסטן. קאָמוניסטן פלעגט מען אויסשפּירן, עס פלעגן זיך נאָך זיי יאָגן זשאנדארמען, פּאָליציייִשע שפּיאָנען, פּראָוואָקאטערס. אן ארעסטירטן קאָמוניסט האָט אומפארמײַדלעך געדראָט א פײַנפולער טויט. די קאָמוניסטן זײַנען געצוווּנגען געווען זיך אויסצובאהאלטן, אוועקצוגיין אין טיפן אונטערערד. אָבער ניט געקוקט אף די אלע אומגעהייער שווערע און פײַנלעכע באדינגען, פלעגט די פּארטיי זיך דערשלאָגן צו דעם, אז די ווײַסע ארמייען און די אָטריאַדן פון די אינטערווענטן פלעגן צעלייגט ווערן, פלעגן פארלירן זייער שלאכטפייִקײַט, און די ארבעטער און פּויערים פלעגן זיך אופהייבן אף א באוואָפנטן אופשטאנד קעגן די ווײַסע רעגירונגען. אין טיל בא קאָלטשאקן און דעניקינען זײַנען באשאפן געוואָרן גאנצע פּארטיזאנישע ארמייען, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די גרעסטע געפאר פאר די ווײַסע גענעראלן.

אן אויסשליסלעכע ראָליע אינעם אָרגאניזירן די זיגן אף די פראָנטן פונעם בירגערקריג האָט געשפּילט לענין. לענין איז געווען דער הויפּט־אָנפירער און פירער פון דער רויטער ארמיי. אלע וויכטיקסטע באשלוסן פון דער פּארטיי און דער רעגירונג איבער מיליטערישע פראגעס פלעגן אָנגענומען ווערן באם נאָענטסטן אָנטייל און אונטערן דירעקטן אָנפיר פון לענינען, וואָס פלעגט ניט בלויז באשטימען די

יעסוידעס פונ אונדזער מיליטערישער פּאָליטיק, נאָר ער פלעגט אויכ נאָכשפּירנ נאָכ דער אנטוויקלונג פונ יעדער אָפּעראַציע, קומענדיק אומעטום צו דער צייַט צוהילפ מיט זייַנע אָנווייַזונגענ.

לענינס נאָענטסטער מיטהעלפער אונ מיטקעמפער איז געווענ כ׳ סטאַלינ, וועלכער האָט ארויסגעוויזנ אינעם בירגערקריג אייגנשאפטנ פונ א געניאַלנ סטראַטעג אונ אויסגעצייכנטנ אָרגאַניזאַטער. דעמ כ׳ סטאַלינ פלעגט די פּאַרטיי שטענדיק געבנ די סאמע פאַראַנטוואָרטלעכע אונ שווערע אויפטראָגנ, מיט וועלכע ער פלעגט זיכ שטענדיק גלענצנדיק ספּראַווענ.

ארומ לענינענ אונ סטאַלינענ פלעגנ זיכ גרופּירנ א גאנצע ריי אָנגעזעענסטע טוערס אונ העלדנ פונעמ בירגערקריג. איינער פונ זיי איז געווענ כ׳ ק. וואָראָשילאָוו, א געוועזענער לוגאנסקער ארבעטער, א שלאָסער אונ אנ אלטער באָלשעוויק, איצט דער פאָלק־קאָמיסאר פאר לאנדשוץ. כ׳ וואָראָשילאָוו האָט זייַנ מיליטערישע ארבעט אָנגעהויבנ אלס אָרגאַניזאַטער אונ אָנפירער פונ די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדנ אינ אוקראַיִנע. נאָכ דעמ, ווי די דייַטשנ האָבנ פאַרנומענ אוקראַיִנע, האָט ער זיכ דורכגעשלאָגנ מיט זייַנע אָטריאַדנ קיינ צאַריצינ, וווּ ער איז באשטימט געוואָרנ אלס קאָמאַנדיר פונ דער X רויטער ארמיי. אונטער דעמ כ׳ וואָראָשילאָווס אָנפיר האָט די X ארמיי אויסגעהאַלטנ א העראָיִשנ קאמפ, אָפּשלאָגנדיק אלע פילצאָליקע אטאַקעס פונעמ גענעראַל קראַסנאָווס מיליטער. שפּעטער איז כ׳ וואָראָשילאָוו באשטימט געוואָרנ פאר א מיטגליד פונ רעוומילראַט פונ דער I רייַטער־ארמיי, וואָס מיט איר נאָמענ זייַנענ פאַרבונדנ אסאַכ העראָיִשע העלדנטאַטנ. א פאַרדינטע באַרימטקייַט האָט געקראָגנ אינעמ בירגערקריג אויכ דער קאָמאַנדיר פונ דער I רייַטער־ארמיי, כ׳ בודיאָני, א זונ פונ א פויער פונ דאָנער געגנט אונ א געוועזענער וואַכמיסטער פונ דער אלטער ארמיי. איינער פונ די אָנגעזעענסטע מיליטערישע טוערס אינעמ בירגערקריג איז געווענ (דער איצט שוינ פאַרשטאָרבענער) מ. וו. פרונזע. א פּאַרטיי־מיטגליד פונ 1904 יאָר אונ אנ אלטער אָנטיילנעמער פונ שלאַכט־אָטריאַדנ, האָט ער נאָכ אינ 1905 יאָר אָנטיילגענומענ אינעמ דעקאַבערשנ באוואָפנטנ אויפשטאַנד. אינעמ בירגערקריג איז אונטער זייַנ אָנפיר צעשמעטערט געוואָרנ וורַאנגעל אונ עס זייַנענ ליקווידירט געוואָרנ מאַכנאָס אונ פעטליורעס באַנדעס. זייַער אָנגעזעענע מיליטערישע אָרגאַניזאַטערס זייַנענ אויכ געווענ די כ״כ אָרדזשאָניקידזע, קיראָוו אונ אנדערע. אזא באשטאַנד אָנפירערס פונ דער רויטער ארמיי האָט באוואָרנט דאָס פעסטע אונ אנטשיידענע דורכפירנ די לענינישע ליניע אינ אלע אָנ אויסנאַמ פראַגעס פונ מיליטערישער בויונג. בייַס עס פלעגנ זיכ ארויסווייַזנ שטרעבונגענ צו פאַרקריפּלענ די לענינישע ליניע אינ די פראַגעס פונ דער מיליטערישער זאַכ (טראָצקי, די פאָרשטייערס פונ דער „מיליטערישער אָפּאָזיציע" אפנ VIII צוזאַמענפאָר א. אנד.), פלעגט זיי די פּאַרטיי געבנ דעמ שאַרפסטנ ווידערשטאַנד.

דאָס צעקלאַפּנ די ווייַסע ארמייענ איז מעגלעכ געווענ בלויז אונטערנ אָנפיר פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויספילנדיק די אָנווייַזונגענ פונ איר גרעסטנ פירער לענינענ אונ פונ זייַנ נאָענטסטנ מיטקעמפער, כ׳ סטאַלינ, האָט די פּאַרטיי אָרגאַניזירט דעמ זיג איבער דער קאָנטררעוואָלוציע אונ אינטערווענצ.

„די גרויסע ערע צו זייַנ דער אָרגאַניזאַטער פונ אונדזערע זיגנ, — האָט
געזאָגט דער כ׳ סטאַלינ, — געהערט... דעמ גרויסנ קאָלעקטיוו פונ די פאָרגע־
שריטענע ארבעטער פונ אונדזער לאנד — דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי" [1].

דער IX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אָנהייב אפּרעל 1920 יאָר, נאָכ די זיגנ איבער קאָלטשאַקנ, דעניקינענ אונ יודעניטשנ איז פאָרגעקומענ דער IX צוזאַמענפאָר פונ אלק״פּ(ב). אדאַנק דעמ ליקווידירנ די וויכטיקסטע פראָנטנ אונ דער פאַרבעסערונג פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע

1) Сталин, „Об оппозиции", стр. 109.

פונ סאָוועטנרוסלאנד האָט דער צוזאמענפאָר זיכ פארנומענ דעריקער מיט פראגעס פונ ווירטשאפטלעכער בויונג. אָבער עפענענדיק דעמ צוזאמענפאָר, האָט לענינ באַ־ טאָנט, אז נישט געקוקט דערויפ, וואָס עס איז אראָפּגענומענ געוואָרנ די בלאָקאדע און וואָס אייניקע מעלוכעס האָבנ אונדז געמאכט שאָלעמ־פאָרשלאָגנ, קענענ אָבער פאָרט די צווישנפעלקערלעכע אימפעריאליסטנ אינ יעדנ מאָמענט אָנהייבנ נאָכאמאָל מילכאָמע־אָפעראציעס אנטקעגנ סאָוועטנרוסלאנד. דעריבער, האָט אָנגעוויזנ לענינ,

„...דארפנ מיר אונדזערע טריט צומ שאָלעמ באגלייטנ מיט דער אָנשטרענגונג פונ אונדזער גאנצער מיליטערישער גרייטקייט, בעשומויפנ ניט אנטוואָפענענדיק אונדזער ארמיי“ [1].

דער צוזאמענפאָר האָט באהאנדלט און אָנגעמערקט א גאנצע ריי מאָס־ מיטלענ אינ געביט פונ קאמפ מיטנ הונגער און מיט דער רויִנירונג אינעמ לאנד.

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט האָט דער צוזאמענפאָר געווענדט אפ די פראגעס פונ אָרגאניזירנ די אָנפירונג מיט דער ווירטשאפט. די גרונט־אויפגאבע באמ אָרגאני־ זירנ די פארוואלטונג מיט דער אינדוסטריע איז איצט באשטאנענ אינעמ שאפנ א קאָמפעטענטע, פעסטע, ענערגישע אָנפירונג סײַ אינ יעדער באזונדערער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, סײַ אינ גאנצע אינדוסטריע־צווײַגנ. קעדיי אײַנפאכער און פינקטלעכער צו אָרגאניזירנ די אָנפירונג מיט דער פראָדוקציע און קעדיי אײַנצושפאָרנ אָרגאני־ זאטערישע קרעפטנ, האָט דער צוזאמענפאָר באשטימט צו געמענ א קורס אפ אנ אײנפערזאָניקער אָנפירונג. קעדיי צו פארבעסערנ די ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציע און זיכ צו דערשלאָגנ צו א וווקס אינ דער פראָדוקציע, האָט דער צוזאמענפאָר אָנערקענט פאר נייטיק דורכצופירנ אינ לעבנ פונויבנ ביז אראָפ א פינקטלעכע פאראנטוואָרטלעכקײַט פונ א באשטימטער פערזאָנ פאר א באשטימטער ארבעט. די קאָלעגיִאלקײַט האָט אנ אָרט בלויז אינ פראָצעס פונ באהאנדלענ אָדער לייזנ אוועלכע ניט איז פראגע, — ווערט געזאָגט אינ דער רעזאָליוציע וועגנ אָרגאניזירנ די אָנפירונג מיט דער אינדוסטריע, וואָס עס האָט אָנגענומענ דער צוזאמענפאָר, — זי דארפ אָבער אומבאדינגט אָפטרעטנ איר אָרט פאר דער אײנפערזאָניקער אָנפירונג אינעמ פראָצעס פונ אויספילנ.

דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעארבעט און באשטעטיקט אנ אײנהײַטלעכנ ווירטשאפטלעכנ פלאנ. לויטנ דאָזיקנ פלאנ איז פאָרויסגעזעענ געוואָרנ אויפצו־ שטעלנ דאָס ווירטשאפטלעכע לעבנ פונעמ לאנד אפ אזא אויפנ: פריִער פאר אלצ פאר־ בעסערנ דעמ צושטאנד פונעמ טראנספאָרט, אונטערפירנ און שאפנ רעזערוונ טוויע, רויווארג, הייצונג; דערנאָכ אריבערטראָגנ דעמ שווערפונקט אפ מאשינ־בויונג פארנ טראנספאָרט, אפנ ארויסבאקומענ הייצונג, רויווארג און טוויע. די אויפגאבע פונעמ צווייטנ עטאפ האָט באדארפט זײַנ: צו פארשטארקנ די מאשינ־ בויונג פארנ פראָדוצירנ פראָדוקטנ פונ מאסנ־געברויכ, און דערנאָכ איז אינ דער ריי געשטאנענ די אויפגאבע צו פארשטארקנ דאָס פראָדוצירנ סכוירעס פונ ברייטנ געב־ רויכ. די נייטיקײַט אָנצוהייבנ פונעמ אויפשטעלנ דעמ טראנספאָרט און פונעמ שאפנ רעזערוונ רויווארג, הייצונג און טוויע איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער פולשטענ־ דיקער צעשטערטקײַט פונ אונדזערע אײַזנבאנענ, דורכנ הונגער, רויִנירונג א. אז. וו., וואָס האָבנ געשטאמט פונ דער אינטערווענצ און בלאָקאדע. אָנמערקנדיק דעמ אײנהײַטלעכנ ווירטשאפטלעכנ פלאנ, האָט דער צוזאמענפאָר אָנערקענט פאר נייטיק אויפצושטעלנ אינ צענטער פונ דער טעכנישער זײַט פונ דער זאכ דאָס ברייטע אויסנוצנ עלעקטרישע ענערגיע אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט אינעמ לאנד. דער צוזאמענפאָר האָט זיכ ארויסגעזאָגט דערפאר, אז די וויכטיקסטע אונטער־ נעמונגענ זאָלנ באזאָרגט ווערנ מיט רויווארג, הייצונג און דערנערונג אינ דער ערשטער ריי און אינ שלאָג־אָרדענונג. אלע באשטימונגענ פונעמ צוזאמענפאָר וועגנ די ווירטשאפטלעכע פראגעס זײַנענ געווענ דורכגעדרונגענ מיטנ גײַסט פונ שטרענגסטנ צענטראליזמ און פונ סאמע אומדערווײַטערלעכנ אונטערווארפנ זיכ פונ

[1]) Ленин, т. XXV, стр. 102.

די אונטערשטע אָרגאנענ צו דִי העכערע, וואָס דאָס איז באזונדערס נייטיק געווענ אינ די באדינגענ פונ מילכאָמע, הונגער אונ רויִנירונג.

די פארטיי האָט געגעבנ דעמ שארפסטנ ווידערשטאנד אלע פרווונ צו פארקריפלענ די ליניע, וואָס זי האָט אָנגעמערקט אינ די פראגעס פונווירטשאפטלעכער בויונג. מיט לענינענ אינ שפיצ האָט זי דערלאנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאפ דער גרופע פונעמ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" („דעציסטנ"), וואָס די אָנגעזעענסטע פירערס אירע זיינענ געווענ סאפראָנאָוו, מאקסימאָווסקי אונ אָסינסקי. אָפשפיגלענדיק די ווירקונג פונ דער קליינבירגערלעכער סטיכיִע, וואָס איז געווענ אומצופרידנ מיטנ רעזשימ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור, אפ באזונדערע פארטיי־שיכטנ, האָט די גרופע פונעמ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" זיכ געפרווט ארונטעררייסנ דעמ צענטראליזמ פונ דער סאָוועטישער אונ ווירטשאפטלעכער סיסטעמ, אָפצושוואכנ די אָנפירנדיקע ווירקונג פונעמ צענטער אפ די ערטער. די גרופע האָט געקעמפט פאר קאָלעגיִאלקייט, קעגנ איינפערזאָניקער אָנפירונג אונ פלעגט ארויסטרעטנ קעגנ א פעסטער ארבעט־דיסציפלינ.

דעמאסקירנדיק די גרופע פונעמ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" אינ דער פראגע פונ איינפערזאָניקער אָנפירונג אונ קאָלעגיִאלקייט, האָט לענינ געשריבנ:

„קאָלעגיִאלקייט, אלס דער גרונט־טיפ פונ אָרגאניזירנ די סאָוועטישע פארוואלטונג, שטעלט מיט זיכ פאָר עפעס עמבריִאָנעלס, אזוינס, וואָס איז נייטיק אפ דער ערשטער סטאדיע, ווענ עס קומט אויס צו בויענ אפסניי. אָבער בא איינגעשטעלטע מער אָדער ווייניקער שטאנדהאפטיקע פאָרמעס איז דער אריבערגאנג צו פראקטישער ארבעט פארבונדנ מיט איינפערזאָניקייט, ווי מיט א סיסטעמ, וואָס באוואָרנט מערער פאר אלצ דעמ בעסטנ אויפנ פונ אויסנוצנ די מענטשלעכע פייִקייטנ, א רעאלנ, אונ ניט קיינ וואָרטלעכנ קאָנטראָל איבער דער ארבעט"[1].

די גרופע „דעציסטנ" איז געווענ געשטימט קעגנ די ספעציִאליסטנ אונ קעגנ שטיק־ארבעט אונ האָט פארטיידיקט די קליינבירגערלעכע אויסגלייכערײ. אינ אוקראִינע זיינענ די אָנהענגערס פונעמ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" ארויסגעטראָטנ אפילע קעגנ דעמ שאפנ קאָמיטעטנ פונ דאָרפישער אָרעמשאפט, אנטפלעקנדיק אזויארומ מיט אנ אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט זייער באלעגופישע נאטור. די אנטיפארטייִשע אָנשויונגענ פונ דער גרופע אינ די פראגעס פונ דער ווירטשאפטלעכער אונ סאָוועטישער בויונג זיינענ בא איר נאָכ באגלייט געוואָרנ מיט א פולשטענדיקנ אָפזאָגנ זיכ פונ די לענינישע פרינציפנ פונ פארטיי־בויונג. זי האָט געקעמפט פארנ דערלאָזנ פראקציעס אונ גרופירונגענ אינ דער פארטיי, געפרווט אָפרייסנ אונדזערע סאָוועטישע, ווירטשאפטלעכע אונ פראָפאריינישע אָרגאנענ פונ דער פארטיי אונ פונ איר צ"ק. פארטיידיקנדיק דעמ קאָלעגיִאלנ אויפנ פונ אָנפירנ מיט דער ווירטשאפט, האָבנ די „דעציסטנ" פראָקלאמירט, אז קאָלעגיִאלקייט אינ דער אָדער אינ יענער פאָרמע שטעלט מיט זיכ פאָר די נייטיקע באזע פונ דעמאָקראטיזמ.

„איכ שטעל פעסט, — האָט געזאָגט לענינ וועגנ די אָנשויונגענ פונ דער גרופע אפנ IX צוזאמענפאָר, — אז פאר די 15 יאָר פארעוואָלוציִאָנערע געשיכטע פונ דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע וועט איר ניט געפינענ קיינ שומ ענלעכס אפ דעמ. דעמאָקראטישער צענטראליזמ באטייט בלויז דאָס, אז די פאָרשטייערס פונ די ערטער קומענ זיכ צונויפ אונ קלייבנ אויס א פאראנטוואָרטלעכנ אָרגאנ, וועלכער דארפ פארוואלטנ. אָבער וויאזוי? דאָס ווענדט זיכ אָנ דעמ, וויפל עס זיינענ פאראנ פאסיקע מענטשנ, אָנ דעמ, וויפל עס זיינענ דאָרטנ פאראנ גוטע אדמיניסטראטערס. דער דעמאָקראטישער צענטראליזמ באשטייט אינ דעמ, וואָס דער צוזאמענפאָר קאָנטראָלירט דעמ צ"ק, זעצט אימ אראָפ אונ באשטימט א נייעמ"[2].

[1]) Ленин, т. XXV, стр. 17.
[2]) Ленин, т. XXV, стр. 111.

נעמענדיק זיכ דעם נאָמענ „דעמאָקראַטישער צענטראַליזמ“, האָט די גרופּע דער־מיט בלויז געפּרוווט פאַרפירנ די מאַסנ, דערפאַר ווײַל איר גאַנצע פּאָזיציע האָט זיכ געפונענ אינ א פולשטענדיקנ ווידערשפּרוכ מיטנ לעניניסטישנ פּרינציפּ פונ דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ.

אינ א ריי פראַגעס (וועגנ קאָלעגיאַלקײַט, פּראָפּאַראַיינענ א. אַז. וו.) האָבנ אַלציינע פּאָזיציעס, וואָס די גרופּע פונ „דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ“, פאַרנומענ אויכ טאָמסקי אונ ריקאָוו. אינ די טעזיסנ, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ צומ IX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָט טאָמסקי פאַרטיידיקט דעמ שטאַנדפּונקט, אַז בלויז קאָלעגיאַלקײַט קענ זיכערנ דעמ אָנטייל פונ די ברייטע מאַסנ אינעמ אָנפירנ מיט דער פּראָדוקציע. שטרעבנדיק אָפּצושוואַכנ די ווירקונג פונ דער פּאַרטיי אַפ די פּראָפּאַראַיינענ, האָט טאָמסקי פאָרגע־לייגט אונטערצוווארפנ די קאָמוניסטישע פראַקציעס אינ די פּראָדוציר־פאַראַיינענ דירעקט אונטער דער פראַקציע פונ ווצספ"ס. אָבער די פּאַרטיי מיט לענינענ אינ שפּיצ האָט געגעבנ אַנ אַנטשיידנדעמ אָפּשטויס טאָמסקיס אונ ריקאָווס פעלערנ.

אינ דער צײַט, ווענ די גרופּע פונ „דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ“ איז אַרויסגע־טראָטנ קעגנ איינפּערזאָניקער אָנפירונג, קעגנ א פעסטער אַרבעט־דיסציפּלינ אונ א שטרענגנ צענטראַליזמ, האָט טראָצקי זיכ געפּרוווט צו פאַרקריפּלענ די ליניע פונ אונדזער פּאַרטיי גראָד אינ א קעגנגעזעצלעכער ריכטונג. ער פלעגט זיכ שטענדיק אַראָפּ־גליטשנ אינ די פראַגעס פונ ווירטשאַפטלעכער בויונג אַפ די פּאָזיציעס פונ אָפּלייקע־נענ יעדנ מינ דעמאָקראַטיזמ, פאַרבײַטנדיק די איינפּערזאָניקע אָנפירונג מיט אַנ אַפּאַ־ראַטיש־ביוראָקראַטישנ קאָמאַנדעווענ, אונ אָנשטאָט נײַע פאָרמעס פונ סאָציאַליסטישער אַרבעט האָט ער זיכ געפּרוווט אײַנצושטעלנ ריינ־מיליטערישע אַרבעט־פאָרמעס אונ אַרבעט־מעטאָדנ. באַזונדערס העל איז דאָס געווענ צו זענ אַפנ בײַשפּיל פונ די אַרבעט־אַרמייענ.

די אַרבעט־אַרמייענ, וואָס די פּאַרטיי האָט באַשאַפנ אַלס א צײַטווײַליק מאָסמיטל, האָט טראָצקי באַטראַכט ווי א מוסטער פונ אַרבעט־אָרגאַניזאַציע פאַרנ גאַנצנ פעריאָד פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. די ווירטשאַפטלעכע אויפשטעלונג פונ סאָוועטנרוס־לאַנד פלעגט ער זיכ פאָרשטעלנ „אַפ דער באַזע פונ א מאַסעווונ אָוועקנ די אַרבעט פונ דער ניט־קוואַליפיצירטער פּויער־אַרבעטערשער מאַסע (אַרבעט־אַרמיי) אינ יענע ריכטונג, וואָס זײַנענ אונדז פאַרבליבנ פונ דער פאַרמילכאָמע־דיקער אינדוסטריע“ [1].

דידאָזיקע טראָצקיס פּאָזיציע איז געווענ פּאָליטיש טיפ־פעלערדיק אונ שעדלעכ. די פּאַרטיי האָט זי דעמאַסקירט, פּונקט ווי זי האָט עס געטאָנ מיט דער פּלאַטפאָרמע פונעמ „דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ“.

די מילכאָמע מיטנ ווײַסנ פּוילנ אונ מיט ווראַנגעלנ. דער סאָפ פונעמ בירגערקריג.

די ווײַטערדיקע געשעענישנ האָבנ באַוויזנ, ווי גערעכט עס איז געווענ לענינ, ווענ ער האָט אַפנ IX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געוואָרנט וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ א נײַער מילכאָמע. אינ מיטנ אַפּרעל 1920 יאָר איז קעגנ סאָוועטנרוסלאַנד אַרויס־געטראָטנ דאָס פּריצישע פּוילנ, וואָס איז אונטערגעהעצט געוואָרנ דורכ דער צווישנ־פעלקערלעכער בורזשואַזיע. דאָס איז געווענ דער דריטער מאַרש פונ דער אַנטאַנטע קעגנ דער סאָוועטנ־רעפּובליק. אָנהייב מײַ האָט זיכ די פּאָליאַקנ אײַנגעגעבנ אָפּצושטויסנ די רויטע טיילנ אַפנ דאָרעמ־מײַרעוודיקנ פראָנט אונ צו פאַרכאַפּנ קיִעוו. געשטיצט פונעמ צווישנפעלקערלעכנ אימפּעריאַליזמ, האָט דאָס פּריצישע פּוילנ פאָרגעשטעלט מיט זיכ אַנ ערנסטע געפאַר.

ווידעראַמאָל זײַנענ אינ צענטער פונ דער אויפמערקזאַמקײַט פונ דער גאַנצער פּאַרטיי אוועקגעשטעלט געוואָרנ די פראַגעס פונ מילכאָמע אונ פונ פאַרשטאַרקנ די

---

1) Письмо Сталина к Ленину, сб. „Сталин“, стр. 43. Гиз, 1929.

רויטע אַרמײ. נאָכאַמאָל זײַנענ פֿאָרגעקומענ אײנע נאָכ דער אַנדערער מאָבּיליזאַציעס פֿונ קאָמוניסטנ אױפֿנ פֿראָנט.

פֿאַר א מיטגליד פֿונ רעוומילראַט פֿונעם דאָרעמ-מײַרעוודיקנ פֿראָנט האָט די פּאַרטײ באַשטימט דעמ כ׳ סטאַלינ. אונטער זײַנ אָנפֿיר איז אױפֿנ דאָרעמ-מײַרעוודיקנ פֿראָנט אָנגעהויבּנ געוואָרנ א קאָנטער-אָנגריפֿ פֿונ אונדזערע מיליטער-טײלנ. דעמ 5 יול האָט די I רײַטער-אַרמײ אינ שפּיצ מיט די כ״כ בודיאָני אונ וואָראָשילאָוו דורכגעריסנ דעמ פּוילישנ פֿראָנט אונ איז פֿאַרגאַנגענ די פּאָליאַקנ פֿונ הינטנ אַרומ. די רײַטער-אַרמײ האָט פֿאַרנומענ זשיטאָמיר אונ בערדיטשעוו. די פּוילישע אַרמײענ האָבּנ אָנגעהויבּנ שנעל אָפּצוטרעטנ. קימאַט אײנצײַטיק האָט זיכ אָנגעהויבּנ דער אָנגריפֿ



לענינס רעדע אױפֿנ טעאַטראַלנ פּלאַצ פֿאַרנ אָפּשיקנ מיליטער אױפֿנ פּוילישנ פֿראָנט אינ 1920 י.
(בּילד פֿונעמ קינסטלער בּראָדסקי).

פֿונ דער רויטער אַרמײ אױפֿנ מײַרעוודיקנ פֿראָנט. אונדזערע טײלנ זײַנענ אַריבּער דעמ טײַכ בּערעזינאַ אונ, אומופֿהערלעכ טרײַבּנדיק דעמ סוינע, זײַנענ זײ אינמיטנ אוי-גוסט שוינ געווענ אונטער די ווענט פֿונ וואַרשע. גלײַכצײַטיק האָט די I רײַטער-אַרמײ גראָמירט דעמ סוינעס אַרמײענ אינ גאַליציע אױפֿ די צוטרעט-וועגנ צו לוואָוו.

די פּוילישע אַרבּעטער אונ די אָרעמסטע פּויערימ האָבּנ זיכ געגרײט צו אַנ אױפֿ-שטאַנד קעגנ זײער בּורזשואַזיע. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרנ א פּוילישער רעוו-קאָמ אינ בּאַשטאַנד פֿונ די כ״כ מאַרכלעווסקי, פֿעליקס קאָנ אונ פֿעליקס דזערזשינסקי. עס האָט זיכ געדוכט, אַז דאָס פֿרײַשע פּוילנ דערלעבּט שוינ זײַנע לעצטע טעג.

אינ פֿאַל, ווענ די ווײַספּאָליאַקנ וואָלטנ פֿולשטענדיק צעקלאַפּט געוואָרנ, וואָלט די מאַכט אינ פּוילנ אַריבּערגעגאַנגענ צו די אַרבּעטער אונ פּויערימ. די רעוואָליוציע-בּוואַליע אינ מײַרעוו-אײראָפּע וואָלט זיכ געווענ אױפֿהײבּנ נאָכ העכער. דאָס אַלצ וואָלט בּאַטײַט א קאָלאָסאַלנ קלאַפּ איבּער דער גאַנצער סיסטעמ פֿונעמ אינטער-נאַציאָנאַלנ קאַפּיטאַליזמ.

אָבּער אינ דעמ מאָמענט, ווענ די רויטאַרמײיִשע טײלנ האָבּנ זיכ שוינ געפֿונענ אונטער די ווענט פֿונ וואַרשע, האָבּנ די פּוילישע אַרמײענ דורכגעריסנ אונדזער פֿראָנט,

אונ די רויטע ארמיי איז געווענ געצווונגענ אָפּצוטרעטנ. די סיבעס פונעמ דורכפאַל אונטער ווארשע זיינענ געווענ פריִער פאַר אַלצ סיבעס פונ א ריינ מיליטעריש־סטראַטעגישנ כאַראַקטער. איבער דער שולד פונ אונדזער הויפּט־קאָמאַנדירונג אונ, אינ דער ערשטער ריי, פונעמ פאָרזיצער פונ רעפּובליקאַנישנ רעוומילראַט טראָצקי, האָט זיכ דער אָנגריפ פונ דער רויטער ארמיי אַנטוויקלט אָנ א געהעריקער פאַרפעסטיקונג פונ די פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס. די ארמייענ פונעמ מייַרעוו־פראָנט האָבנ זיכ געריקט פאָרויס, ניט אויסנוצנדיק די מעגלעכקייט צו פאַרפעסטיקנ זיכ אפ אוועלכנ ס'ניט איז נאַטירלעכנ גרענעצ, קעדיי איבערצוגרופּירנ די קרעפטנ אונ אונטערצוציִענ די רעזערוונ. אייניקע טיילנ זיינענ צו ווייט פאַרלאָפנ פאָרויס. דער טיל האָט זיכ אָפּגעריסנ פונעמ פראָנט. אפ די פאָדערשטע פּאָזיציעס האָבנ די שלאַכט־לייט אָנגעהויבנ פילנ א מאַנגל אינ דערנערונג, שיס־מאַטעריאַלנ אונ אינ פרישע רעזערוונ. אונ דאָס אַלצ איז פאָרגעקומענ אינ דעמ מאָמענט, ווענ די אַנטאַנטע־אימפּעריאַליסטנ האָבנ אָנגעשטרענגט אַלע זייערע קרעפטנ אפ צו העלפנ דעמ ווייסנ פוילנ אָפּצושלאָגנ דעמ אָנגריפ פונ דער רויטער ארמיי. עס איז דעריבער קיינ וווּנדער ניט, וואָס אינ דער אונטערשטער שורע זיינענ אונדזערע טיילנ אונטער ווארשע געצווונגענ געווענ אָפּצוטרעטנ.

כאַראַקטעריזירנדיק די סיבעס פונעמ דורכפאַל פונ דער רויטער ארמיי אונטער ווארשע, האָט כ' סטאַלינ שפּעטער געשריבנ:

„...אַנ אָנגריפ אָנ א פאַרפעסטיקונג פונ די פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס, דאָס איז אַנ אָנגריפ, וואָס איז פאַרורטיילט אפ א דורכפאַל. ווענ קענ אַנ אָנגריפ זיינ דערפאָלגרייכ, לאָמיר זאָגנ, אינ מיליטער־געביט? דעמלט, ווענ מענטשנ באַנוגענענ זיכ ניט גלאַט אזוי מיטנ באַוועגנ זיכ פאָרויס, נאָר זיי סטאַרענ זיכ איינצייטיק צו פאַרפעסטיקנ די פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס, איבערצוגרופּירנ זייערע קרעפטנ אינ העסקעמ מיט דער געענדערטער לאַגע, אונטערציִענ די טילנ, אונטערצופירנ רעזערוונ. צו וואָס איז דאָס אַלצ נייטיק? קעדיי צו באַוואָרענענ זיכ פונ אומגעריכטקייטנ, צו ליקווידירנ באַזונדערע דורכבריִסנ, פונ וועלכע ס'איז ניט גאַראַנטירט קיינ איינ אָנגריפ, אונ צוצוגרייטנ אזוי אַרומ די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פונעמ פיינט. דער פעלער פונעמ פוילישנ מיליטער אינ 1920 יאָר, אויב מע זאָל נעמענ בלויז די מיליטערישע זייט פונ דער זאַכ, באַשטייט אינ דעמ, וואָס עס האָט ניט געלייגט קיינ אַכט אפנ דאָזיקנ קלאַל. דערמיט, אַגעוו, דערקלערט זיכ דאָס, וואָס דערקייקלענדיק זיכ אַלע אינייינעמ ביז קיִעוו, זיינענ זיי געצווונגענ געווענ דערנאָכ פונקט אזוי אַלע אינייינעמ זיכ אָפּצוקייקלענ ביז ווארשע. דער פעלער פונעמ סאָוועטישנ מיליטער אינ 1920 יאָר, אויב מע זאָל ווידעראַמאָל נעמענ בלויז די מיליטערישע זייט פונ דער זאַכ, באַשטייט אינ דעמ, וואָס עס האָט באַ זיינ אָנגריפ אפ ווארשע איבערגעכאַפּט דעמ פעלער פונ די פּאָליאַקנ[1].

אפנ אויסגאַנג פונ דער פּוילישער קאַמפּאַניע האָבנ זייער אומגינסטיק געווירקט אויכ אייניקע פּאָליטישע פעלערנ, וואָס עס זיינענ באַגאַנגענ די פּוילישע קאָמפּאַרטיי אונ דער פּוילישער רעווקאָמ. די ערדנ, וואָס זיינענ צוגענומענ געוואָרנ באַ די פּריצימ אינ די ראַיאָנענ, וואָס זיינענ באַפרייט געוואָרנ פונ די ווייספּאָליאַקנ, זיינענ ניט פאַרטיילט געוואָרנ צווישנ די פּויערימ: זיי האָבנ געזאָלט אָפּגעגעבנ געוואָרנ פאַר ראַטנווירטנ. אזא פּאָליטיק האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט געקענט פאַרפעסטיקנ דעמ מיטגעפיל פונ די פּוילישע פּויערימ צו די סאָוועטנ. אינ דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי האָט געהאַט אַנ אָרט אויכ א ניט־דערשאַצונג פונעמ לעניניסטנ לאָזונג וועגנ דעמ רעכט פונ נאַציעס אפ זעלבסטבאַשטימונג, אונ דאָס האָט לייכטער געמאַכט פאַר די ווייספּאָליאַקנ זייער אויפגאַבע איינצושמועסנ די פּוילישע אַרבעטנדיקע, אַז די רויטע

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 479.

אַרמײ קעמפט קלוימערשט פאַרן פאַרניכטן די זעלבשטענדיקײַט פונ דער פוילישער מעלוכע אונ פאַרן פאַרײניקן פוילן צו רוסלאַנד.

אָבער די רויטע אַרמײ איז אײנגיכן געקומען צו־זיך אונ איז נאָכאַמאָל געווען פײַיק צו געבן אַ אָפּשטויס דעם פוילישן מיליטער. דעריבער האָט פוילן ניט גע־וואַגט פירן ווײַטער די מילכאָמע אונ האָט, ניט געקוקט אפן ווידערשטאַנד פונ דער אַנטאַנטע, אונטערגעשריבן מיט אונדז אַ שאָלעם־אָפּמאַך. דער פּלאַן פונ דער אַנטאַנ־טע צו דערשטיקן סאָוועטנרוסלאַנד מיט דער הילף פונעם ווײַסן פוילן האָט זיך, אַזוי־אַרום, געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל.

אַ פּלאַקאַט פונ דער עפּאָכע פונעם בירגערקריג.

בעשאַס דער פוילישער קאַמפּאַניע האָט זיך פונ דאָרעם אָנגערוקט אַף סאָוועטנ־רוסלאַנד אַ נײַע געפאַר: די אַרמײ פונעם גענעראַל וורַאַנגעל. פונ די רעשטנ פונעם דעניקינישנ מיליטער האָט וורַאַנגעל מיט פראַנקרײַכס הילף אָרגאַניזירט אינ קרים אַ שטאַרקנ פויסט, אונ אינ יול 1920 יאָר האָט ער פאַנאַנדערגעוויקלט אַנ אָנגריף קעגנ דער רויטער אַרמײ, געבנדיק, אַזויאַרום, אַ גוואַלדיקע שטיצע די ווײַספּאָ־ליאַקנ. עס האָט זיך אים אײַנגעגעבנ צו פאַרנעמענ אַ טײל דאָרעם־אוקראַינע, שאַפנ־דיק אַ געפאַר פאַרנ דאָנבאַס אונ פאַר קאַטערינאָסלאַוו.

אָבער נאָכנ שליסנ דעם וואָפנשטילשטאַנד מיט פוילנ האָט אונדזער אַרמײ־אָנפירונג באַקומענ די מעגלעכקײַט אַריבערצווואַרפנ אַפנ וורַאַנגעלישנ פראָנט היפּשע פאַרשטאַרקונגענ. אונטער פרונזעס אַלגעמײנעם אָנפיר איז דאָס רויטע מיליטער איבער־געגאַנגענ אינ אָנגריף אינ דער קרימער ריכטונג אונ האָט דערלאַנגט וורַאַנגעלנ אַנ אַנטשײדענעם קלאַפּ. אינ נאָיאַבער האָט די רויטע אַרמײ דורך אַ העראָישנ שטורעם גענומענ די שטאַרק באַפעסטיקטע פּאָזיציעס פונ פּערעקאָפּ אונ טשאָנגאַר אונ האָט זיך אַרײַנגעריסנ אינ קרים. וורַאַנגעל האָט געמוזט אַפּדערגיך אַנטלויפנ מיט די רעשטנ פונ זײַנ אַרמײ קײנ אויסלאַנד. מיטנ צעשמעטערנ וורַאַנגעלנ איז דער בירגערקריג, אינ גרונט גענומענ, פאַרענדיקט געוואָרנ. עס איז געבליבנ בלויז צו דערקלאַפּנ די רעשטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע אונ אינטערווענץ אַפנ ווײַטנ מיזרעך, אינ טראַנסקאַווקאַז א. אַז. וו.

די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אונ דער II קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ.

אינ סאַמע ברענ פונ דער סאָוועטיש-פוילישער מילכאָמע איז פאָרגעקומענ דער II קאָנגרעס פונ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל (19 יול — 6 אויגוסט 1920 יאָר). זינט דעמ I קאָנגרעס איז אריבער העכער א יאָר. פאר דערדאָזיקער צײַט האָט זיכ די אלוועלטלעכע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אופגעהויבנ אפ א נאָכ ניט געוועזענער הייכ. אינ מארט 1919 יאָר איז געשאפנ געוואָרנ א סאָוועטישע רעפובליק אינ אונגארנ, אונ אינ אפרעל איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ סאָוועטנמאכט אויכ אינ בײַערנ (א טייל פונ דײַטשלאַנד). די אונגארישע אונ בײַערישע סאָוועטישע רעפובליקנ האָבנ עקזיסטירט א קורצע צײַט אונ זײַנענ דערנאָכ געפאלנ אונטער די קלעפ פונ דער אינטערווענצ אונ קאָנטררעוואָליוציע, אָבער מיט זייער קאמפ האָבנ זיי איבערגעלאָזט א ניט-פארמעקלעכנ שפור אינ דער ארבעטער-באַוועגונג. דער קאמפ איז ווײַטער געפירט געוואָרנ אונ זיכ אנטוויקלט, ניט געקוקט אפנ ווײַסנ טעראָר אונ אפ די פארפאָלגונגען פונ די בורזשואזע רעגירונגען. אינ מארט 1920 יאָר האָבנ די דײַטשישע ארבעטער דערקלערט אנ אלגעמיינעמ שטרײַק. אינ אייניקע ראַיאָנענ פונ דײַטשלאַנד האָבנ זיכ אָרגאַניזירט אָטריאַדנ פונ א רויטער ארמיי. נאָכ אייראָפע איז נאָכגעגאנגענ אזיע. אינ 1920 יאָר איז פאָרגעקומענ דער אופשטאנד פונ די ארבעטנדיקע אינ קאָרייע קעגנ דעמ יאפאַנישנ אימפעריאַליזמ. אינ 1920 יאָר האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט א בורזשואזנ-נאציאָנאַלע רעוואָליוציע אינ טערקײַ. אינעמ קאמפ קעגנ אימפעריאַליזמ זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אויכ די רעזערווג פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע — די פילמיליאָניקע פעלקער פונ די קאָלאָניאַלע לענדער.

די אלוועלטלעכע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג האָט זיכ געצויגנ צו סאָוועטנרוסלאַנד ווי צו איר פאָרויסיקנ אָטריאַד. אפ די פרווונ פונ די אימפעריאַליסטנ צו צעגראָמירנ סאָוועטנרוסלאַנד האָט דער פראָלעטאריאַט פונ מײַרעוו געענטפערט מיט שטרײַקנ, דעמאָנסטראַציעס אונ אנדערע פראָטעסט-פאָרמעס. אינ דײַטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָרוועגיע, דאַניע האָבנ די ארבעטער זיכ אָפגעזאָגט אָנצולאָדנ געווער אונ מיליטערישע אויסריכטונג פאר די ווײַספאָליאַקנ אונ פאר די רוסישע קאָנטררעוואָליוציאָנערנ. אינ ענגלאַנד זײַנענ אָרגאַניזירט געוואָרנ „קאָמיטעטנ פונ טאַט" אפ צו קעמפנ קעגנ דער אינטערווענצ. אָט די דאָזיקע הילפ פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ פראָלעטאריאַט האָט געהאַט א ריזיקנ באַטײַט פאר סאָוועטנרוסלאַנד: אָנ דערדאָזיקער הילפ וואָלט די סאָוועטנמאַכט ניט געקענט בײַשטיינ קעגנ אירע סאָנימ. מיר האָבנ געזיגט דערפאַר, האָט געזאָגט לענינ, וואָס „די ארבעטנדיקע פונ די אנטאַנטע-לענדער האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ נעענטער צו אונדז, איידער צו זייער אייגענער רעגירונג", אונ אונדזערע סאָנימ, אומענדלעכ מעכטיקערע, האָבנ געליטנ א מאַפּאָלע דערפאַר, ווײַל

„...צווישנ זיי איז ניט געווענ, האָט ניט געקענט זײַנ אונ ס'וועט ניט זײַנ קיינ איינִיקײַט, אונ יעדער כוידעש קאמפ מיט אונדז האָט פאר זיי באַטײַט א פאנאנדערפאַל אינעווייניק אינ זייער לאַגער"[1].

די מײַרעוו-איירָאָפּיישע ארבעטער זײַנענ נאָכ ניט געווענ אזויפיל שטארק אונ אָרגאַניזירט, אז זיי זאָלנ קענענ צונעמענ בא זייערע אימפעריאַליסטנ אלע מעגלעכקײַטנ צו שטיצנ די רוסישע קאָנטררעוואָליוציע. זיי זײַנענ אָבער פאָרט געווענ אימשטאַנד צו שטערנ דער אנטאַנטע, אז זי זאָל ברייט אויסנוצנ אירע אייגענע ארמייענ אינעמ קאמפ קעגנ סאָוועטנרוסלאַנד.

אינ די באַדינגענ פונעמ אלצ אָנוואַקסנדיקנ קריזיס פונעמ קאפיטאַליזמ אונ פונ דער אלגעמיינער פארשארפונג פונעמ קלאַסנקאמפ איז געוואַקסנ די ווירקונג פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל. דער III אינטערנאַציאָנאַל איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מוירעדיקער קראַפט, וואָס האָט געצוווּנגענ סײַ די בורזשואזע רעגירונגענ, סײַ די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פארטייענ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל זיכ צו רעכענענ מיט אימ. א רײ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פארטייענ האָבנ דערקלערט וועגנ זייער

---

[1] Ленин, т. XXV, стр. 49.

ארויסטרעטע פונעמ II אינטערנאציאָנאַל און האָבנ אויסגעדריקט זייער ווונטש צוצושטיינ צומ III אינטערנאַציאָנאַל. עס איז פאָרגעקומענ א פאנאנדערגרענעצונג אויכ אינ די רייענ פונ דער אנארכאָ־סינדיקאַליסטישער באַוועגונג. די בעסטע פאָרשטייערס פונ דערדאָזיקער באַוועגונג האָבנ זיכ אַריינגעשלאָסנ אינ קאָמינטערנ. דאָס אַלצ האָט איידעס געזאָגט וועגנ דער ריזיקער קראַפט און ווירקונג פונ דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אָבער דער שנעלער וווּקס פונ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ האָט געהאַט פאַרבאָרגנ אינ זיכ אויכ געוויסע געפאַרנ. די געוויסע מיטגלידער פונ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אנארכיש־סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבנ געבראַכט מיט זיכ אינ די



לענינ האַלט א רעדע פונ דער טריבונע בײַמ ווינטער־פּאַלאַצ (אינ לענינגראַד) פאַר די מאַניפעסטאַנטנ בעשאַס דעמ II קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ (1920 י.).

קאָמוניסטישע רייענ רעשטנ פונ זייערע פריערדיקע אָנשויונגענ. אינ ענגלאַנד, דײַטשלאַנד און אינ א ריי אַנדערע לענדער האָבנ זיכ באַוויזנ „לינק־קאָמוניסטישע“ גרופּעס, וואָס האָבנ געלייקנט אינעמ פּרינציפּ פונ אָנטיילנעמענ אינ פּאַרלאַמענט און פונ אַרבעטנ אינ די פּראָפאַריינענ, און פלעגנ זיכ אַראָפּגליטשנ ביז צומ אַנאַרכיזמ. אינ אַנדערע פאַלנ האָבנ זיכ באַמערקט רעכטע פעלערנ, וואָס זײַנענ באַשטאַנענ אינעמ ניט־וועלנ ענדגילטיק איבערײַסנ מיט די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנשויונגענ א. אַז. וו. אַסאַכ פירערס פונ די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייענ פלעגנ ניט־אויפריכטיק דערקלערנ וועגנ זייער מיטגעפיל צומ קאָמינטערנ, אַבי ניט צו פאַרלירנ זייער ווירקונג אינ די מאַסנ. די אויפגאַבע פונעמ II קאָנגרעס איז באַשטאַנענ אינעמ אָנמערקנ די טאַקטיק און סטראַטעגיע פונעמ קאָמוניסטישנ קאַמפּ, אינעמ דעמאַסקירנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנויגנ אינ די סעקציעס פונעמ קאָמינטערנ און ניט דערלאָזנ, אַז דער באַשטאַנד פונ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ זאָל פאַרוואַסערט ווערנ דורכנ אַרײַנטרעטנ פונ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ. דער קאָנגרעס האָט אויסגעאַרבעט און באַשטעטיקט די 21 באַדינגונגענ פונ אַרײַנטרעטנ אינ קאָמינטערנ, וואָס האָבנ אָנטשיידנ פאַרצאַמט פאַר די אָפּאָרטוניסטנ און צענטריסטנ דעמ וועג אַרײַנצוטרעטנ אינ אימ. אינ קאָמינטערנ זײַנענ דערלאָזט געוואָרנ בלויז אַזעלכע

אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן אויסגעשלאָסן פון זייערע רייען די אָפאָרטוניסטן און צענטריסטן. דער קאָנגרעס האָט אויך אָנגענומען רעזאָליוציעס וועגן דער ראָליע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין דער רעוואָליוציע, וועגן דער באציִונג צום פארלאמענטארישן קאמף און צו דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג. דעמאסקירנדיק דעם אָפאָרטוניזם סיי פון רעכטן, סיי פונעם „לינקן" סעקטאנטישן שניט, האָט דער קאָנגרעס אָנגעמערקט די וויכטיקסטע פרינציפן פון דער אָרגאניזאציע און פון דער טאקטיק פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל, ברייט אויסנוצנדיק דערביי די רייכע קאמף־דערפארונג פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

א קאָלאָסאל־וויכטיקן באטייט האָבן געהאט די טעזיסן וועגן דער אגרארער און נאציאָנאל־קאָלאָניאלער פראגע, וועלכע עס האָט אָנגענומען דער קאָנגרעס. אין די דאָזיקע טעזיסן, וואָס זיי האָט צונויפגעשטעלט לענין, איז אָנגעמערקט געוואָרן א דייטלעכע און קלאָרע ליניע פארן קאמף פונעם אינטערנאציאָנאלן פראָלעטאריאט פאר דער אָנפירונג מיטן פויערטום און מיט דער נאציאָנאל־קאָלאָניאלער באוועגונג אין פעריאָד פון דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

די סאכאקלען, די דערפארונג און דער אינטערנאציאָנאלער באטייט פונעם קאמף פונעם באָלשעוויזם אינעם פעריאָד פון בירגערקריג.

די דריי יאָר מילכאָמע, אינטערווענץ און בלאָקאדע האָבן געבראכט סאָוועטן־רוסלאנד א קאָלאָסאלן שאָדן. א גרויסע צאָל פאבריקן, שאכטעס און זאוואָדן זיינען רויִנירט געוואָרן. די גרויס־אינדוסטריע איז פארקלענערט געוואָרן אין פיר מאָל; דער טשוהון־אויסשמעלץ איז אין פארגלייך מיט די פארמילכאָמעדיקע נאָרמעס דערגאנגען ביז 2,4%, דער ארץ־ארויסבאקום ביז 1,7%, דער פארזיי־שעטעך פון די טוווע־קולטורן איז פאר דער צייט פונעם בירגערקריג פארקירצט געוואָרן אין פארגלייך מיטן 1916 יאָר אָפ 28%, דער פארזיי־שעטעך פון טעכנישע קולטורן — אָפ 56%. דער טוווע־אופזאמל איז פארקירצט געוואָרן אָפ 30%. די גערעטענישקייט איז אין פארגלייך מיט דער פארמילכאָמע־צייט געפאלן ביז 70%. אָט די אלע חורבנות זיינען באגלייט געוואָרן מיט ריזיקע מענטשלעכע קאָרבאָנעס: הונדערטער און טויזנטער ארבעטנדיקע זיינען געפאלן אין שלאכטן, געשטאָרבן פון עפידעמיעס א. אז. וו. דער צווישנפעלקערלעכער אימפעריאליזם האָט מיט זיין קאמף קעגן דער סאָוועטן־רעפובליק זיך דערשלאָגן דערצו, אז דאָס פאנאנדערוויקלען די סאָציאליסטישע בויונג איז אויסגעקומען אָנצוהייבן אין אויסערגעוויינלעך שווערע באדינגען. אָבער דער אינטערנאציאָנאלער און רוסישער בורזשואזיע האָט זיך ניט איינגעגעבן צו דערגרייכן זייער וויכטיקסטן הויפט־ציל: צו פארניכטן די מאכט פונעם ארבעטער־קלאס. מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון אלע זייערע קרעפטן האָבן די פארטיי און דער ארבעטער־קלאס צעשמעטערט אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע ארמייען, האָבן דערלאנגט א קלאפ דער צווישנפעלקערלעכער בורזשואזיע און אָפגעראטעוועט פון אלע אירע אָנפאלן די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. צוזאמען דערמיט האָט די פארטיי אָפגעראטעוועט פונעם דראנג פון די אימפעריאליסטן אויך אלע איבעריקע דעראָבערונגען פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע: די נאציאָנאליזאציע פון דער ערד, בענק, אינדוסטריע, טראנספאָרט, פארבינדונג און די מאָנאָפאָל פונעם אויסערלעכן האנדל. דער פארטיי און דער סאָוועטנמאכט האָט זיך איינגעגעבן צו פארהיטן דעם פונדאמענט, וואָס איז נייטיק אָפ צו אנטוויקלען די סאָציאליסטישע בויונג.

אין רעזולטאט פון די העלדישע זיגן פון דער רויטער ארמיי, פונעם צעשמעטערן די קאָנטררעוואָליוציע און די אינטערווענץ איז אויך געענדערט געוואָרן די צווישנפעלקערלעכע לאגע פון דער סאָוועטן־רעפובליק. דער אָפענער באוואָפנטער קאמף צווישן דעם אימפעריאליזם און סאָוועטנרוסלאנד האָט אויפגעהערט. פאר סאָוועטן־רוסלאנד האָט עס באטייט דעם אָנקום פון א פעריאָד פון אָטעם־איבערכאפ. דער־דאָזיקער אָטעם־איבערכאפ איז געווען בלויז א צייטווייליקער, זייער ניט קיין זיכערער און

ניט קיינ פעסטער. ער האָט אָבער פאָרט געגעבנ די מעגלעכקייטנ צו ווענדנ די הויפט־אופמערקזאמקייט אָפ די פראגעס פונ אופשטעלנ די ווירטשאפט. נאָכנ ענדיקנ די מילכאָמע האָבנ די בורזשואזע מעלוכעס אָנגעהויבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ מיט סאָוועטנרוסלאנד וועגנ באנייענ די עקאָנאָמישע באציִונגענ. געליטנ א מאפּאָלע אָפ די מילכאָמע־פראָנטנ, האָבנ זיי גערעכנט אונטערצוווארפנ אונטער זיכ רוסלאנד דורכ מאָסמיטלענ פונ עקאָנאָמישער אופווירקונג. געפינענדיק זיכ אינ א קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג, האָט די סאָוועטנ־רעפובליק זיכ ניט געקאָנט אָפזאָגנ פונ באציִונגענ מיט דער קאפיטאליסטישער וועלט. אָבער די אופגאבע פונ דער סאָוועטנמאכט איז באשטאנענ אינעמ אויסנוצנ די עקאָנאָמישע באציִונגענ מיט די בורזשואזע לענדער צוליב די צוועקנ פונעמ ווייטערדיקנ פארשטארקנ די פראָלעטארישע דיקטאטור אונ פונעמ אָפשוואכנ דעמ צווישנפעלקערלעכנ אימפעריאליזמ.

דעמאָנסטראציע דעמ 1־טנ מיי 1919 י. אינ איטאליע.

בייסנ אריינטרעטנ אינעמ בירגערקריג איז סאָוועטנרוסלאנד געווענ אינ מיליטערישער הינזיכט אסאכ שוואכער פונ אירע מעכטיקע קעגנערס—די בורזשואזע מעלוכעס. אינ עקאָנאָמישער הינזיכט איז זי געווענ אנ אָפגעשטאנענע לאנד, רויִנירט דורכ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. נישט געקוקט אָבער אָפ דעמ אלעמענ, איז דער פראָלעטאריאט פונ רוסלאנד ארויס דער זיגער פונעמ בירגערקריג. אינ יעסאָד פונעמ דאָזיקנ זיג איז געלעגנ די ריכטיקע פאָליטיק, וואָס עס האָט געפירט די קאָמוניסטישע פארטיי.

די פארטיי האָט געזיגט פריִער פאר אלצ דערפאר, וויל זי האָט אומאָפנויגלעכ געקעמפט פאר דער *דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט*, סיסטעמאטיש דעמאסקירנדיק די לאָזונגענ וועגנ אלגעמיינעמ וואלרעכט, גרינדונג־פארזאמלונג, פאָלקרעכט א. אז. וו., מיט וועלכע די עסערנ אונ מענשעוויקעס פלעגנ נארנ די ברייטע מאסנ. די פארטיי האָט אופגעהויבנ צומ העלדישנ קאמפ פאר דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט דעמ גאנצנ ארבעטער־קלאס אונ האָט אָרגאניזירט די *רויטע ארמיי*, ניט געקוקט אָפ דער גאנצער שווערקייט אונ קאָמפליצירטקייט פונ דער דאָזיקער ריזיקער היסטאָרישער אופגאבע.

אינ'פארלויפ פונעמ גאנצנ פעריאָד פונ בירגערקריג האָט די פארטיי מיט דערפאָלג געפירט דעמ קאמפ פארנ פארווירקלעכנ דעמ בונד צווישנ די ארבעטער אונ דעמ האָרעפּאשנעמ פויערטומ.

די בורזשואזיע אונ די פריצימ האָבנ מיט דער הילפ פונ די מענשעוויקעס אונ עסערנ אָנגעווענדט אלע זייערע קרעפטנ אפ אָפּצורייסנ די פויערימ פונ די ארבעטער, אפ צו פארניכטנ דעמ ארבעטער־פויערשנ בונד, רעכענענדיק, אז אפ אזא אופנ וועט זיכ זײ אײַנגעבנ צו צעשמעטערנ די סאָוועטנמאכט. אונדזערע קלאסנסאָנימ האָבנ זיכ געפרווט מיטרײַסנ די פויערשע מאסנ אפ זייער זײַט, קעדיי אויסצורײַסנ דעמ באָדנ פונ אונטער די פיס פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור. אָבער ווי עס האָבנ זיכ ניט געסטארעט די קעגנער פונ דער סאָוועטנמאכט, האָט זיכ זײ פאָרט ניט אײַנגעגעבנ אָנצושפארנ זיכ אפ די פויערימ. דאָס אָנקומענ פונ די ווײַסע פלעגט אומעטומ אונ שטענדיק באגלייט ווערנ מיט געוואלט, מיטנ שמײַסנ פויערימ, מיטנ צוריקער פונ די פריצימ א. אז. וו. די פויערימ פלעגנ זיכ אפ דער פראקטיק איבער־צײַגנ, אז בלויז די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט טראָגט באפרײַונג פאר די אר־בעטנדיקע מאסנ, אונ געשטעלט פארנ אויסוואל: די ווײַסע אָדער די סאָוועטנמאכט, — האָבנ זײ זיכ אומצערײַסלעכ פארבונדנ מיט דער סאָוועטנמאכט.

גלײַכצײַטיק האָט די פארטיי אבסאָליוט ריכטיק געלייזט אויכ די נאציאָנאלע פראגע. זי האָט געגעבנ יעדנ פאָלק דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג, אזש ביזנ אָפּטיילנ זיכ; זי האָט אײַנגעשטעלט א פרײַוויליקנ מיליטעריש־ווירטשאפטלעכנ בונד צווישנ די באפרײַטע נאציעס אונ צווישנ צענטראל־רוסלאנד; זי פלעגט סיסטעמא־טיש געבנ ווירטשאפטלעכע אונ קולטורעלע הילפ די אָפּגעשטאנענע נאציאָנאליטעטנ. זי האָט געהאָלפנ די ארבעטנדיקע פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ צו באפרײַענ זיכ פונעמ קאפיטאליסטישנ אונ פריצישנ יאָכ. זי האָט געוווּנענ דעמ צוטרוי פונ די נאציאָנאלע ראנד־געגנטנ צו דער סאָוועטנמאכט. דורכנ ריכטיקנ שטעלנ אונ לייזנ די נאציאָנאלע פראגע האָט די פארטיי דערלאנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאפ דער צווישנפעלקערלעכער בורזשואזיע.

דער אינטערנאציאָנאלער כאראקטער פונעמ באָלשעוויסטישנ קאמפ האָט באוואָרנט פאר סאָוועטנרוסלאנד די שטיצע פונעמ גאנצנ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט. בײַס אינעמ לאגער פונ דער אלוועלטלעכער בורזשואזיע זײַנענ געוואקסנ די רײַבונגענ אונ עס האָט זיכ אלצ פארברייטערט דער קאמפ, האָט זיכ די אלוועלטלעכע רעוואָליוציאָ־נערע באוועגונג אלצ ענגער צונויפגעשלאָסנ ארומ סאָוועטנרוסלאנד. די שטיצע פונעמ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט איז געווענ די וויכטיקסטע פאָרהאנאָכע פארנ זיג פונעמ רוסלענדישנ פראָלעטאריאט אינעמ קאמפ קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע אונ אינטערווענצ.

צולעצט דארפ מענ נאָכ צוגעבנ, אז די גאנצע טעטיקײַט פונ דער פארטיי אינ די יאָרנ פונעמ בירגערקריג איז פאָרגעקומענ אפ דער באזע פונ אנ אומקאָמפּראָ־מיסלעכנ קאמפ מיטנ אָפּאָרטוניזמ סײַ אינ רוסלאנד, סײַ אפ דער צווישנפעלקערלע־כער ארענע. דאָס אלצ צוזאמענ גענומענ האָט פארזיכערט דאָס צעשמעטערנ די קאָנטררעוואָליוציע.

די דערפארונג פונעמ בירגערקריג פונ די יאָרנ 1918—1921 האָט א קאָלאָסאלנ אינטערנאציאָנאלנ באטײַט. זי האָט געוויזנ, וואָס פארא מעטאָדנ עס דארפ אָנווענדנ דער פראָלעטאריאט אינ זײַנ קלאסנווער מילכאָמע אנטקעגנ דעמ אימפעריאליזמ, אונ האָט פעסטגעשטעלט די באדינגענ, וואָס זײַנענ נייטיק פארנ זיג פונעמ פראָלעטא־ריאט אינעמ בירגערקריג.

ליטעראטור צומ עלפטנ קאפיטל.

Ленин, Речь на об'единенном заседании ВЦИК, Московского Совета, фабрично-заводских комитетов и профсоюзов Москвы 29 июля 1918 г. Соч., т. XXIII, стр. 151—164.

Ленин, Письмо об'единенному заседанию ВЦИК, Московского Совета, с представителями фабрично-заводских комитетов и профсоюзов, 3 октября 1918 г. Соч., т. XXIII, стр. 215 - 217.

Ленин, Завоеванное и записанное. Соч., т. XXIV, стр. 25—26.

Ленин, VIII с'езд РКП(б), Доклад о партийной программе 19 марта 1919 г. Соч., т. XXIV, стр. 131—140.

Ленин, Заключительное слово по докладу о партийной программе 19 марта 1919 г. Соч., т. XXIV, стр. 143—157.

Ленин, Доклад о работе в деревне 23 марта 1919 г. Соч., т. XXIV, стр. 158—171.

Ленин, Резолюция об отношении к среднему крестьянству. Соч., т. XXIV, стр. 173—175.

Ленин, Тезисы ЦК РКП(б) в связи с положением восточного фронта. Соч., т. XXIV, стр. 224—226.

Ленин, Великий почин. Соч., т. XXIV, стр. 329—349.

Ленин, Письмо к рабочим и крестьянам по поводу победы над Колчаком. Соч., т. XXIV, стр. 431—436.

Ленин, Экономика и политика в эпоху диктатуры пролетариата. Соч., т. XXIV, стр. 507—515.

Ленин, Письмо к рабочим и крестьянам Украины по поводу побед над Деникиным. Соч., т. XXIV, стр. 655—660.

Ленин, IX съезд РКП(б), Доклад Центрального Комитета 29 марта. Соч., т. XXV, стр. 102—109.

Ленин, Заключительное слово по докладу Центрального Комитета 30 марта, Соч., т. XXV, стр. 109—111.

Сталин, Октябрьская революция и национальная политика русских коммунистов, сб. „Об Октябрьской революции“, стр. 39—42.

Сталин, К военному положению на юге, см. С. Рабинович „История гражданской войны“, стр. 169—174.

Сталин, Новый поход Антанты на Россию, см. С. Рабинович „История гражданской войны“, стр. 175—179.

Ленин, Все на борьбу с Деникиным, см. С. Рабинович „История гражданской войны“, стр. 155 - 168. Партиздат, 1933 г.

Ворошилов, Сталин и Красная армия. см. сб. „Сталин“, стр. 56—90, Гиз, 1929 г.

צוועלפטער קאפיטל.

די פארטיי באַם אריבערגאנג צומ נעפ אונ בייסנ אופשטעל־פעריאָד.

די לאגע אינ לאנד אונ די פארטיי־אופגאבעס ערעוו דעמ אריבערגאנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פאָליטיק.

ווי נאָר עס האָט זיכ פארענדיקט דער בירגערקריג, האָט די פארטיי אוועקגעשטעלט אינ צענטער פונ איר אופמערקזאמקייט דעמ קאמפ פאר דערווירטשאפטלעכער בויונג. די איינציקע מאטעריעלע באזע פארנ סאָציאַליזמ, האָט געזאָגט לענינ, קאָנ זיינ בלויז די גרויס־אינדוסטריע, וואָס איז פייִק צו רעאָרגאניזירנ אויכ די ערדארבעט. דאָס שאפנ א גרויסע אינדוסטריע אונ אנ אנטוויקלטע טעכניק האָט די פארטיי באטראכט ווי די וויכטיקסטע אופגאבע, וואָס פונ איר לייזונג הענגענ אָפ די דערפאָלגנ פונעמ איבערבויענ די געזעלשאפט אפ סאָציאַליסטישע יעסוידעס.

אינעמ קאמפ פאר א גרויסער אינדוסטריע אונ פאר א הויכ־אנטוויקלטער טעכניק האָט געהאט א ריזיקנ באטייט דער פלאנ פונ עלעקטריפיצירנ דאָס לאנד, וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ אפנ VIII סאָוועטנצוזאמענפאָר (דעקאבער 1920). דערדאָזיקער פלאנ איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ לויט לענינס פאָרשלאָג דורכ דער מעלוכישער קאָמיסיע צו עלעקטריפיצירנ סאָוועטנרוסלאנד („גאָעלראָ”). לויטנ דאָזיקנ פלאנ איז געווענ פאָרויסגעזעענ אינ פארלויפ פונ 10 יאָר אויסצובויענ א גאנצע נעצ גרויסע עלעקטרישע סטאנציעס — וואָלכאָווער, שטעראָווקע, שאטורער סטאנציע א. אנד. די עלעקטריפיקאציע האָט געזאָלט ארונטערפירנ א באזע פונ גרויסער מאשינ־טעכניק אונטער דער גאנצער פאָלקווירטשאפט אונדזערער. לענינ האָט דעמ פלאנ פונ דער עלעקטריפיקאציע אָנגערופנ די צווייטע פארטיי־פראָגראמ.

„אונדזער פארטיי־פראָגראמ, האָט געזאָגט לענינ, קאָנ ניט בלייבנ בלויז א פארטיי־פראָגראמ. זי דארפ פארוואנדלט ווערנ אינ א פראָגראמ פונ אונדזער ווירטשאפטלעכער בויונג. אז ניט, טויג זי ניט אויכ ווי א פארטיי־פראָגראמ. זי דארפ דערגאנצט ווערנ מיט א צווייטער פארטיי־פראָגראמ, מיט א פלאנ פונ ארבעטנ אפ צוריקופצושטעלנ די גאנצע פאָלקווירטשאפט אונ זי דערפירנ ביז דער היינטצייטיקער טעכניק. אָנ דעמ עלעקטריפיקאציע־פלאנ קענענ מיר צו קיינ עמעסער בויונג ניט אריבערגיינ... קאָמוניזמ — דאָס איז סאָוועטנמאכט פליוס עלעקטריפיקאציע פונעמ גאנצנ לאנד”[1].

כ׳ סטאלינ האָט דעמלט טאקע טיפ ריכטיק אָפגעשאצט דעמ קאָלאָסאלנ באטייט פונעמ עלעקטריפיקאציע־פלאנ פארנ סאָציאַליסטישנ איבערבויענ דאָס לאנד. ער איז מיט דער גרעסטער ענערגיע ארויסגעטראָטנ פארנ פארווירקלעכנ דעמ עלעקטריפיקאציע־פלאנ, וועלכער איז, לויט זיינע ווערטער, געווענ א מייסטערישער עסקיז פונ א „ווירקלעכ־איינהייטלעכנ אונ ווירקלעכ־מעלוכישנ פלאנ”[2].

דער צוזאמענפאָר האָט אויכ אָנגענומענ א גאנצע ריי באשטימונגענ וועגנ די לאנדווירטשאפט־פראגעס. עס איז באשטימט געוואָרנ צו אָרגאניזירנ ספעציעלע

---

1) Ленин, т. XXVI, стр. 45—46.

2) זע דעמ כאווער סטאלינס בריוו צו לענינענ אינעמ זאמלבוכ: „Сталин“, стр. 33—34. Гиз, 1930.

פארזיי־קאָמיטעטן, וואָס זייער פליכט איז געווען נאָכצושפּירן נאָכן אויספילן דעם פּאַרזיי־פּלאַן. קעדיי צו פאַרזיכערן די פּויערים אין פאַרבריי טערן די פאַרזיי־שעטעכן און אינעם פאַרבעסערן זייערע ווירטשאַפטן, איז באַשטימט געוואָרן צו פּראַקטיקירן פּרעמירונגען פון גאַנצע דאָרף־געמיינדעס און אויך פון באַזונדערע פּלייִ־סיקע באַלעבאַטים.

א קאָלאָסאַלן באַטייַט האָט געהאַט דער פאַקט, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט דעם דעקרעט פון ראַספּאָלקאָם פונעם 25 נאָיאַבער 1920 יאָר וועגן קאָנצעסיעס. לויטן דאָזיקן דעקרעט איז דערלאָזט געוואָרן, אַז באַזונדערע אונטערנעמונגען און באַצירקן זאָלן אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע צו אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן מיטן טנייַ, אַז אַ באַשטימטער טייל פון זייער פּראָדוקציע זאָל איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פון דער סאָוועטן־מעלוכע.

די רוינירטקייַט פונעם אייַזנבאַן־טראַנספּאָרט. דאָס אופזעצן זיך אַפן אַ צוג.

די מילכאָמע האָט אויסערגעוויינלעך שווער זיך אָפּגעשפּיגלט אַף אונדזער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט. אָפּגעבנדיק אַלע זייערע מויסרעס דער מעלוכע און ניט באַקומענדיק אָנשטאָט דעם קיין גענוגע צאָל אינדוסטריעלע סכוירעס, האָבן די פּויערים ביסלעכווייַז גענומען פאַרקירצן זייערע פאַרזיי־שעטעכן. עס האָט זיך געפילט אַ שאַרפער מאַנגל אין הייצונג, רויוואַרג און דערנערונג־פּראָדוקטן פאַר די אַרבעטער. צווישן דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און דער פּויערשער עקאָנאָמיק האָט זיך געשאַפן אַ פאַנאַנדערשלוס. דאָס שאַפן אַ שווערע אינדוסטריע און דאָס עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף ריזיקע שוועריקייַטן.

די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייַטן זייַנען באַגלייט געוואָרן מיט פּאָליטישע שוועריקייַטן. די באַלעגופים און די פאַרשיידענע קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן אויסגענוצט די אומצופרידנקייַט פון די פּויערים מיט דער ראַזוויאָרסטקע. אין אַ גאַנצער ריי ראַיאָנען האָט זיך אַנטוויקלט דער באַנדיטיזם, עס זייַנען פאָרגעקומען באַלעגופישע אופשטאַנדן. די באַלעגופים פלעגט זיך אַמאָל אייַנגעבן מיטצורייַסן מיט זיך אַ געוויסן טייל מיטלפּויערים.

באַזונדערס ברייט האָבן זיך די באַלעגופישע אופשטאַנדן פאַרשפּרייט אין סיביר, אין אוקראַינע, אין וואָלגער געגנט און אַפן דאָן. אין טאַמבאָווער גובערניע האָט אופגעפלאַקערט אַ גרויסער אופשטאַנד אין שפּיץ מיט אַנטאָנאָוון („אַנטאָנאָוושטשינע”).

בא דער געשאפענער לאגע האָט אַן אויסשליסלעכן באטייט באקומען די פראגע וועגן פארשטארקן דעם צוזאמענשלוס צווישן דעם ארבעטער־קלאס מיטן פויערטום. אָן דער פארשטארקונג פון די ווירטשאפטלעכע פארבינדונגען איז אוממעגלעך געווען די דערפאָלגרייכע בויונג פונעם סאָציאַליזם. אָבער קעדיי צו פארשטארקן דעם צוזאמענשלוס און אריינצוטראָגן א פאָליטישע בארויקונג אין דאָרף, האָט מען געמוזט איבערקוקן די עקאָנאָמישע פאָליטיק פונעם פעריאָד פון בירגערקריג.

די דיסקוסיע וועגן דער ראָליע און דעם באטייט פון די פראָפארייענ.

די שווערע באדינגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס לאנד, האָבן ניט געקענט ניט אָפּשפּיגלען זיך אויך אפן ארבעטער־קלאס. דער פראָלעטאריאט האָט זיך פאר דער מילכאָמע־צייט היפש צעזייט: אסאך ארבעטער זיינען אוועקגעגאנגען אפ די פראָנטן, אין דאָרף אריין, אסאך זיינען אריבערגעגאנגען ארבעטן אינעם סאָוועטישן אפאראט.

די ארבעט־פראָדוקטיווקייט און די ארבעט־דיסציפּלין זיינען שטארק געפאלן. די ברייטע אומפארטייאישע אָרגאניזאציעס פונעם ארבעטער־קלאס (די פראָפארייענ א. אנד.), וואָס האָבן אוועקגעשיקט די בעסטע טוערס אפ די מיליטערישע פראָנטן, זיינען באדייטנדיק אָפּגעשוואכט געוואָרן. די שוואכקייט פון דער פראָפארייען־ארבעט האָט געשטערט צום אריינציִען די מאסן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג.

די מילכאָמע האָט געווירקט אויך אפ באזונדערע ריינגען פון דער פארטיי גופע. אין די שלאכט־אומשטאנדן איז ניט מעגלעך געווען ברייט פאנאנדערצוּוויקלען די אינערלעך־פארטייאישע דעמאָקראטיע און די פארטייאיש־דערציִערישע ארבעט. א טייל פון די נייע מיטגלידער אירע, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די יאָרן פון בירגערקריג, האָט נאָך די פארטיי ניט באוויזן צו איבערדערציִען און צו מאכן פאר פולקום באוווּסטזיניקע. אין א ריי אָרגאניזאציעס האָבן זיך געלאָזט פילן באמערקלעכע אנטפלעקונגען פון ביוראָקראטיזם און פון אָפּרייסן זיך פון די מאסן. אין דידאָזיקע באדינגען האָט זיך אין האַרבסט 1920 יאָר אָנגעהויבן אן אינערלעך־פארטייאישע דיסקוסיע. פארשיידענע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, וואָס דאָס הויפּט־אָרט צווישן זיי האָבן דעמלט פארנומען די אָנטיילנעמערס פון דער גרופּע „דעמאָקראטישער צענטראליזם", האָבן געפרווט אויסנוצן די ווירטשאפטלעכע און פאָליטישע שוועריקייטן. די „דעציסטן" זיינען ארויסגעטראָטן בעשאס דער דיסקוסיע מיט פאָדערונגען וועגן פולשטענדיקן אָפּשאפן יעטווידער באשטימען פונויבן אפ פארטיי־פּאָסטנס, וועגן דערלאָזן פראקציעס, גרופּירונגען א. אז. וו. אין דעם האָבן זיי איינגעזען דעם וועג „געזונט צו מאכן" די פארטיי און צו באזייטיקן די פעלערן פון דער פארטיי־ארבעט. געשלאָסן געוואָרן איז די דיסקוסיע אפ דער IX פארטיי־קאָנפערענץ (סענטיאבער 1920 י.). אפ צו פארטיידיקן די אָפּאָזיציאָנעלע שטאנדפונקטן זיינען אפ דער קאָנפערענץ ארויסגעטראָטן לוטאָווינאָוו, יורעניעוו א. אנד. אָבער די קאָנפערענץ האָט געגעבן א שארפן אָפּשטויס די פארשטייערס פון דער אָפּאָזיציע. קעדיי צו פארשטארקן די פארטיי־רייען און צו באזייטיקן די פעלערן, וואָס זיינען געווען אין דער פארטיי־ארבעט, האָט די IX קאָנפערענץ אָנגענומען א ספּעציעלן באשלוס, אין וועלכן עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פאנאנדערצוּוויקלען די אינערלעך־פארטייאישע דעמאָקראטיע און די פארטייאיש־דערציִערישע ארבעט, צו פארשטארקן דעם קאמף קעגן ביוראָקראטיזם, קעגן די פאלן פון אָפּרייסן זיך פון די מאסן א. אז. וו.

אפ צו קעמפן מיטן ביוראָקראטיזם און מיט די פאלן פון שטייגערישער צעלייגונג האָט די קאָנפערענץ באשטימט צו אָרגאניזירן צוהילף דער פארטיי קאָנטראָל־קאָמיסיעס, וואָס די רעכט און די פליכטן זייערע זיינען דערנאָך באדייטנדיק פארברייטערט געוואָרן.

אין צוזאמענהאנג מיטן דעמלטיקן אריבערגאנג צו דער פרידלעכער סאָציאַליסטישער בויונג האָט א באזונדער באטייט באקומען די פראגע וועגן די פראָפארייענ. אפ

די פראָפאריינענ האָבנ געזאָלט ארויפגעלייגט ווערנ ריזיקע אופגאבעס אינ געביט פונ דערציִענ די מאסנ אונ פונ אריַינציִענ זיי אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג. אונטערנ אָנפיר פונ דער פארטיי האָבנ די פראָפאריינענ באדארפט אופהייבנ אונ באגײַסטערנ די מאסנ צומ העלדישנ קאמפ אפ בײַצוקומענ די ווירטשאפטלעכע שוועריקײַטנ, העכערנ די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט, פארשטארקנ די ארבעט־דיסציפּלינ א. אז. וו. די ברייטע שיכטנ ארבעטער האָט די פארטיי געקענט ארײַנציִענ אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג בלויז אָנשפארנדיק זיכ אפ די פראָפאריינענ, ווי אפ טרײַב־רימענס פונ דער פארטיי צומ קלאס. אָבער די פראָפאריינענ האָט מענ געמוזט פארפעסטיקנ, ענגער פארבינדנ זיי מיט די מאסנ, — בלויז דעמלט האָבנ זיי געקענט זיכ ספראווענ מיט זייערע נײַע אופגאבעס אפנ נײַעמ עטאפ.

די פארטיי האָט געהאלטנ, אז די שוואכקײַט פונ דער פראָפאריינענ־ארבעט ווערט דערקלערט מיט דער אלגעמיינער שווערער לאגע אינ לאנד. קעדיי צו פארשטארקנ די פראָפאריינענ, קעדיי צו מאכנ זיי פייִק צו א דערפאָלגרײַכנ קאמפ פארנ ארײַנציִענ די ברייטע שיכטנ ארבעטנדיקע אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג, איז נייטיק געווענ צו פארשטארקנ די דערציִערישע ארבעט פונ די פאריינענ אונ פארבינדנ זיי ענגער מיט די ברייטע מאסנ.

צוליב דעמ צוועק האָט מענ די אלטע מיליטעריש־קאָמוניסטישע מעטאָדנ באדארפט פארבײַטנ אפ נײַע: א ברייטע אנטוויקלונג האָבנ געזאָלט באקומענ די מעטאָדנ פונ ארבעטער־דעמאָקראטיע, געווײַלטקײַט, אלגעמיינע פארזאמלונגענ, באריכטנ פונ די אויסגעווײלטע אָרגאנענ פאר די ווײלערס א. אז. וו. אינ דערדאָזיקער פלאכ האָט די פארטיי אוועקגעשטעלט די פראגע אפ דער V אלרוסלענדישער קאָנפערענצ פונ די פראָפאריינענ (נאָיאבער 1920).

אָבער קעגנ דערדאָזיקער ליניע אינ דער פראָפאריינענ־פראגע איז אפ דער קאָנפערענצ ארויסגעטראָטנ טראָצקי, וועלכער האָט דערנאָכ זײַנע אָנשויונגענ פאָרמולירט אינ א ספעציִעלער פלאטפאָרמע. טראָצקי האָט דערקלערט, אז די פראָפאריינענ לעבנ איבער א ספעציִעלנ קריזיס, וועלכער איז ניט פארבונדנ מיט דער אלגעמיינער שווערער לאגע אינ לאנד. די פראָפאריינענ, האָט טראָצקי געזאָגט, דארפנ זיכ ניט פארנעמענ מיטנ פארטיידיקנ די קולטורעלע אונ מאטעריִעל־שטייגערישע אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע. זיי דארפנ ניט אָפגעבנ קיינ אופמערקזאמקײַט דעמ דערציִענ די ברייטע מאסנ, דערפאר ווײַל נאָכ דעמ, ווי די מאכט איז אריבער צומ פראָלעטאריאט, דארפ זיכ מיט דעמ אלעמענ פארנעמענ די ארבעטער־מעלוכע. דאָס איינציקע, וואָס די פראָפאריינענ דארפנ יאָ טאָנ, — דאָס איז באטייליקנ זיכ אינ דער ווירטשאפטלעכער בויונג פונעמ לאנד, דערבײַ דארפ זיכ דידאָזיקע באטייליקונג אויסדריקנ אינ א דירעקטנ אָנפירנ מיט דער ווירטשאפט. טראָצקיס צענטראלער לאָזונג אינ דערדאָזיקער דיסקוסיע איז געווענ — פארמעלוכעווענ די פראָפאריינענ; דערדאָזיקער לאָזונג האָט פאָרויסגעזעענ א פאָרסירטע צונויפוואקסונג פונ די פראָפאריינענ מיט דער מעלוכע, די פארוואנדלונג פונ די פראָפאריינענ אינ פאָשעטע צוגאָבנ צומ פארוואלטונג־אפאראט. טראָצקי האָט געלייקנט אינ דער נייטיקײַט פאנאנדערצוויקלענ אינ די פראָפאריינענ די ארבעטער־דעמאָקראטיע. ער האָט פאָרגעלייגט נאָכ מערער צו פארשטארקנ אינ דער פאריינ־ארבעט די צוואנג־מעטאָדנ, בלײַבנדיק אינגאנצנ אפנ באָדנ פונ די מעטאָדנ פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ. טראָצקי האָט געהאלטנ פאר נייטיק „איבערצוטרייסלענ” דעמ אלטנ באשטאנד אָנפירערס פונ דער פראָפבאוועגונג. אינ צענטראל־קאָמיטעט פונ די אײַזנבאנ־ארבעטער אונ ארבעטער פונעמ וואסער־טראנספאָרט („צעקטראנ”), ווו די אָנפירונג איז געווענ אינ די הענט פונ די טראָצקיסטנ, איז די זאכ אדאנק דער טראָצקיסטישער פאָליטיק פונ „איבערטרייסלענ” דערגאנגענ שיר ניט ביז צו א שפאלטונג.

דאָס איז באזונדערס כאראקטעריסטיש אינ צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס זייערע ארויסטרעטנ קעגנ דער פארטיי פלעגנ די טראָצקיסטנ שטענדיק מאסקירנ מיט דעמאגאָגישע לאָזונגענ פונ קאמפ פאר דער סאמע ברייטער אונ מיט גאָרנישט ניט באגרענעצטער דעמאָקראטיע.

די פּאַרטיי מיט לענינען אינ שפּיצ האָט אָנגעהויבנ דעמ סאַמע אַנטשיידענעמ אונ אומראַכמאָנעסדיקנ קאַמפּ קעגנ טראָצקינ אונ די טראָצקיסטנ.

לענינ האָט אָנגעוויזנ, אַז די פּראָפאַריינענ קענענ ניט פּאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַ טייל פונ די פּאַרוואַלטונג־אַפּאַראַטנ, ווײַל אינ דער סיסטעמ פונ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור פאַרנעמענ זיי אַ באַזונדער אָרט. די ראָליע פונ די פּראָפאַריינענ — דאָס איז די ראָליע פונ טרײַב־רימענס פונ דער פּאַרטיי צומ פּראָלעטאַריאַט. אָפּלייקענענדיק דידאָזיקע ראָליע פונ די פּראָפאַריינענ, האָט טראָצקי דערמיט אַליינ געפּרוווט רויבנ אײנעמ פונ די סאַמע שטאַרקסטע זײַלנ פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די הויפּט־אויפגאַבע פונ די פּראָפאַריינענ, האָט געזאָגט לענינ, באַשטייט אינ דעמ, אַז זיי זאָלנ דערציִענ אונ לערנענ. די פּראָפאַריינענ —

„...דאָס איז אַנ אָרגאַניזאַציע אַ דערציִערישע, אַנ אָרגאַניזאַציע אָפּ אַרײַנציִענ, לערנענ, דאָס איז אַ שול, אַ שול פונ פאַרוואַלטנ, אַ שול פונ באַלעבאַטעווענ, אַ שול פונ קאָמוניזמ" [1]).

לענינ האָט אָנגעוויזנ, אַז מע טאָר אויכ ניט לייקענענ אינ דער נייטיקײַט, אַז די פּראָפאַריינענ זאָלנ פאַרטיידיקנ די קולטורעלע אונ מאַטעריעל־שטייגערישע אינטערעסנ פונ די אַרבעטער. כאָטש אונדזער מעלוכע איז אַנ אַרבעטער־מעלוכע, האָט געזאָגט לענינ, איז אָבער בײַ אונדז נאָכ דאָ גענוג ביוראָקראַטישע פאַרקריפּלונגענ, מיט וועלכע מע דאַרפ פירנ אַ קאַמפּ, קעדיי צו פאַרבעסערנ די לאַגע פונ די ברייטע מאַסנ אונ קעדיי צו פאַרפולקומענ די פּראָלעטאַרישע מעלוכע גופע.

לענינ האָט אָנגעוויזנ, אַז קיינ שומ ספּעציעלער קריזיס אינ די פּראָפאַריינענ עקזיסטירט ניט. דער קריזיס פונ די פּראָפאַריינענ איז בלויז אַנ אָפּשפּיגלונג פונ דער אַלגעמיינער שווערער לאַגע אינ לאַנד. קעדיי צו באַשטימענ, אינ וואָס פאַר אַ ריכטונג מע דאַרפ איבערבויענ די אַרבעט פונ די פּראָפאַריינענ, דאַרפ מענ זיכ צוקוקנ צו די קלאַסעווע ענדערונגענ, וואָס קומענ פאָר אינעמ לאַנד.

„אַנאַליזירנדיק דעמ לויפנדיקנ פּאָליטישנ מאָמענט, — האָט געזאָגט לענינ, — וואָלטנ מיר געקענט זאָגנ, אַז מיר לעבנ איבער אַנ איבערגאַנג־פּעריאָד אינעמ איבערגאַנג־פּעריאָד. די גאַנצע דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט איז אַנ איבערגאַנג־פּעריאָד, אָבער איצט האָבנ מיר, אַזוי צו זאָגנ, אַ גאַנצנ פּאַק נײַע איבערגאַנג־פּעריאָדנ. די דעמאָביליזאַציע פונ דער אַרמיי, דער סאָפּ פונ דער מילכאָמע, די מעגלעכקײַט פונ אַסאַכ אַ לענגערנ פרידלעכנ אָטעמ־איבערכאַפּ, ווי פריִער, פונ אַ פעסטערנ איבערגאַנג פונ מיליטערישנ פראָנט אָפּנ אַרבעט־פראָנט. דערפונ אַליינ, בלויז דערפונ ענדערט זיכ שוינ די באַציִונג פונעמ קלאַס פּראָלעטאַריאַט צומ קלאַס פויערטומ. וויאַזוי ענדערט זי זיכ? צו דעמ דאַרפ מענ זיכ אויפמערקזאַמ צוקוקנ... דאָס פאָלק איז שטאַרק מיד געוואָרנ, אַ גאַנצע ריי רעזערווג, וואָס מע האָט באַדאַרפט אויסנוצנ אָפּ אײַניקע שלאָגפּראָדוקציעס, זײַנענ שוינ פאַרנוצט געוואָרנ, די באַציִונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט צומ פויערטומ ענדערט זיכ" [2]).

יעדער מינ מעכאַנישער איבערטראָגנ די מיליטעריש־קאָמוניסטישע מעטאָדנ אָפּ די נײַע באַדינגונגענ — האָט דערקלערט לענינ — אונ נאָכ מערער דאָס אײַנפלאַנצנ די טראָצקיסטישע פּאָליטיק פונ „איבערטרייסלענ", קענ ברענגענ בלויז צו אַ שפּאַלטונג צווישנ דער פּאַרטיי אונ די פּאַריינענ, קענ ברענגענ דערצו, אַז די פּאַריינענ זאָלנ זיכ אָפּרײַסנ פונ די מאַסנ. עס בילדנ זיכ אויס נײַע פאָרמעס פונ קעגנזײַטיקע באַציִונגענ צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ דעמ פויערטומ. עס זײַנענ נייטיק נײַע מעטאָדנ פונ ווירטשאַפטלעכער אַרבעט; אונ אַנטשפּרעכיק דערצו דאַרפ מענ אָנמערקנ אויכ נײַע מעטאָדנ פאַר דער אַרבעט פונ די פּראָפאַריינענ. דאָסדאָזיקע נײַע דאַרפ זיכ אויסדריקנ פריִער פאַר אַלצ אינעמ ברייטנ פאַנאַנדערוויקלענ די פּראָפאַריינישע דעמאָקראַטיע אונ אינעמ פאַרשטאַרקנ די דערציִערישע אַרבעט פונ די פּראָפאַריינענ.

---

1) Ленин, т. XXVI, стр. 64.

2) „ „ „ 73.

אנ אנטיפּארטייִשע פּאָזיציע האָט אויכ פאַרנומענ דער כ׳ בוכארינ, וואָס איז ארויסגעטראָטנ מיט דער אזויגערופענער „בופערישער״ פלאטפאָרמע. מע האָט זי אָנגערופנ בופערישע דערפאר, ווײַל איר אווטער האָט זיכ געשטעלט פאר א ציל „שאָלעמ צו מאכנ״ די פארטיי מיטנ טראָצקיזמ. דער גרונט־טעזיס פונ דער בוכארינישער פלאטפאָרמע איז באשטאנענ אינ דעמ, אז די פראָפאריינענ דארפנ מיט זיכ פאָרשטעלנ סײַ א שול פונ קאָמוניזמ, סײַ א טייל פונ די פארוואלטונג־אפאראטנ. בוכארינ האָט, אזויארומ, איינ טייל פונ זײַנ גרונט־טעזיס אנטליִענ בא לענינענ, אונ דעמ צווייטנ בא טראָצקינ.

לענינ האָט פולשטענדיק אונ ביזנ סאָפ דעמאסקירט אויכ בוכארינס „שאָלעמ־מאכערישע״ פאָזיציע. ער האָט שארפ אויסגעלאכט בוכארינענ פאר זײַנ ע ק ל ע ק ט י ז מ (דאָס הייסט פאר זײַנ ניט־דיִאלעקטישנ, מעכאנישנ צונויפמישנ פארשיידנארטיקע טיילנ) אונ האָט געוויזנ, אז אינ טאָכ ארײַנ ליגט הינטער דער בוכארינישער „שאָלעמ־מאכערײַ״ פארבאָרגנ אנ עמעסע פארטיידיקונג פונעמ טראָצקיזמ, אז אינ זײַנ פלאט־פאָרמע שלעפּט בוכארינ דורכ דעמ טראָצקיזמ אינ א פארמאסקירטער פאָרמע. די כאראקטעריסטיק, וואָס לענינ האָט געגעבנ דער בוכארינישער פאָזיציע, איז גאנצ באשײַמפערלעכ באשטעטיקט געוואָרנ אינעמ גאנג פונעמ אינערלעכ־פארטייִשנ קאמפ. צומ סאָפ פונ דער דיסקוסיע האָט בוכארינ צעלאָזט זײַנ אייגענע פראקציע אונ איז איניינעמ מיט זײַנע אָנהענגערס אָפנ אריבער אפ דער זײַט פונעמ טראָצקיזמ.

דער כ׳ סטאלינ האָט אָנגעוויזנ, אז די מיינונג־פארשיידנהײַטנ בארירנ די פראגע וועגנ די א ו י פ א נ ִ מ פונ פארשטארקנ די ארבעט־דיסציפּלינ אינעמ ארבעטער־קלאס, וועגנ די מ ע ט א ָ ד נ פונ צוגייג צו די ארבעטער־מאסנ, וואָס ווערנ ארײַנגעצויגנ אינעמ צוריקופשטעלנ די אינדוסטריע, וועגנ די ו ו ע ג נ צו פארוואנדלענ די איצטיקע שוואכע פראָפאריינענ אינ מעכטיקע, עמעס פראָדוצירערישע פארײַנענ. דער כ׳ סטאלינ האָט געשריבנ:

„עס עקזיסטירנ צוויי מעטאָדנ: דער צ ו א נ ג ־מעטאָד (מיליטערישער מעטאָד), אונ דער א י ב ע ר צ ײַ ג ו נ ג ־מעטאָד (פראָפאריינישער מעטאָד)... אָבער די גרופּע פארטיי־טוער מיט טראָצקינ אינ שפּיצ, פארשיקערט פונעמ דערפאָלג פונ די מיליטערישע מעטאָדנ אינ דער ארמיי־סוויווע, האלט, אז מע קענ אונ מע דארפ אריבערפלאנצנ דידאָזיקע מעטאָדנ אויכ אינ דער ארבעטער־סוויווע, אינ די פראָפאריינענ... טראָצקיס פעלער באשטייט אינ דעמ, וואָס ער דערשאצט ניט דעמ אונטערשייד צווישנ דער ארמיי אונ דעמ ארבעטער־קלאס, וואָס ער שטעלט אפ איינ ברעט די מיליטערישע אָרגאניזאציעס אונ די פראָ־פאריינענ, וואָס ער פּרווט זיכ, אפּאָנעמ, לויט דער אינערציע, אריבערטראָגנ די מיליטערישע מעטאָדנ פונ דער ארמיי אינ די פראָפאריינענ אונ אינעמ ארבעטער־קלאס...״

די פארטיי האָט דעמאסקירט אויכ אנדערע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגענ, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ אינ דער פראָפאריינישער דיסקוסיע. אינ יאנואר 1921 יאָר איז פארעפנטלעכט געוואָרנ די פלאטפאָרמע פונ דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע״, וואָס די אווטערס איר זײַנענ געווענ שליאפּניקאָוו, א. קאָלאָנטײַ, מעדוועדיעוו א. אנד. די „ארבעטער־אָפּאָזיציע״ האָט דערקלערט, אז די פארטיי אונ די סאָוועטנמאכט געפינענ זיכ אפנ וועג צו איבערגעבורט. די איינציקע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ נאָכ איינ־געהיט זייער פראָלעטארישנ טאָכ, — האָט געטײַנעט די „ארבעטער־אָפּאָזיציע״, — דאָס זײַנענ די פראָפאריינענ. אינ העסקעמ מיטנ דאָזיקנ שטאנדפּונקט אירנ האָט זי ארויס־גערוקט די פאָדערונג איבערצוגעבנ די גאנצע אָנפירונג מיט דער פאָלקווירטשאפט אינ די הענט פונ די פראָפאריינענ. אלס דעמ העכסטנ אָרגאנ פונ ווירטשאפטלעכער אָנפירונג האָט זי פאָרגעלייגט צונויפצורופנ א צוזאמענפאָר פונ די פראָדוצירערס, ד. ה. א צוזאמענפאָר פונ פאָרשטייערס פונ אלע ווירטשאפט־צווײַגנ אינעמ לאנד. אינ טאָכ האָט עס באטײַט: פארבײַטנ די ווירטשאפטלעכע אָרגאנענ מיט פראָפאריינישע. אינ דער צײַט ווענ טראָצקי האָט ארויסגערוקט דעמ לאָזונג וועגנ „פארמעלוכעווענ״ די פראָפאריינענ, האָט די „ארבעטער־אָפּאָזיציע״ פראָקלאמירט דעמ לאָזונג פונ

„פארפראָפאריינעווענ" די מעלוכע. אינ די פראגעס פונ אינערלעכ־פארטייִשער בויונג איז די „ארבעטער־אָפּאָזיציע" געווענ אנ אָנהענגערנ פונ דער סאמע אומבאגרענעצטער־פרייהייט פונ פראקציאָנעלע גרופּירונגענ.

די פלאטפאָרמע פונ דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע" האָט בוילעטער פונ אלע אנדערע פלאטפאָרמעס אָפּגעשפּיגלט דעמ דרוק פונ דער קלייִנבירגערלעכער סטיכיִע אפנ ארבעטער־קלאס, די אומצופרידנקייט פונ די קלייִנבירגערלעכע עלעמענטנ מיטנ שטרענגנ רעזשימ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור. לענינ האָט כאראקטעריזירט די פלאטפאָרמע פונ דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע" אלס א דירעקטנ אָפּגאנג פונעמ מארקסיזמ אינ דער זייט פונ אנארכאָ־סינדיקאליזמ — א קלייִנבירגערלעכע שטרעמונג, וואָס לייקנט אָפּ די פארטיי, די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אונ אנערקענט די פראָפאריינענ פאר דער העכסטער אונ דערביִי פאר דער אייִנציקער אָרגאניזאציָאָנעלער פאָרמע פונעמ רעוואָליוציָאָנערנ פראָלעטאריאט.

עס איז ארויסגעטראָטנ מיט איר פלאטפאָרמע אויכ די גרופּע פונ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" אינ שפּיצ מיט אָסינסקינ, סאפּראָנאָווונ, מאקסימאָווסקינ א. אנד. די פלאטפאָרמע פונ דער גרופּע „דעמאָקראטישער צענטראליזמ" האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט איר אויסשליסלעכער פּרינציפּלאָזיקייט. שטרעבנדיק צו געווינענ פאר זיכ א ווירקונג אפ די מאסנ, פלעגט זיכ די גרופּע פונ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" ניט אָפּשטעלנ ניט פאר דעמאגאָגיע, ניט פאר רעכילעס אפ דער פארטיי. לענינ האָט אָנגעוויזנ, אז די פלאטפאָרמע פונעמ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" אנטהאלט אינ זיכ פארבאָרגנ עלעמענטנ פונעמ ערגסטנ מינ מענשעוויזמ אונ עסעראָווּשטשינע. פאר אירע דעמאגאָגישע געענג אונ פּרינציפּלאָזיקייט האָט לענינ די גרופּע „דעמאָקראטישער צענטראליזמ" אָנגערופנ מיטנ נאָמענ פראקציע „שרייערס העכער פאר אלע".

די דיסקוסיע האָט געוויזנ, אז די מיינונגס־פארשיידנהייטנ אינ דער פארטיי גייענ אינ טאָכ גענומענ אסאכ וויטער, אייִדער די פראגע וועגנ דער ראָליע אונ באטייט פונ די פראָפאריינענ. זיי האָבנ באריירט אויכ די פראגעס וועגנ דער פראָלעטארישער מעלוכע, וועגנ דער ראָליע פונ דער פארטיי אונ וועגנ די באזונדערקייטנ פונ דעמ פעריִאָד, וואָס דאָס לאנד לעבט איבער. די פארשיידנקייט פונ די שטאנדפונקטנ האָט זיכ ארויסגעוויזנ אויכ אינעמ צוגאנג צו דערלייזנ די גרונט־אויפגאבעס פונ דער ווירטשאפטלעכער בויונג. דער קאמפ האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט ארומ דער פראגע, צי דארפנ מיר בויענ אונדזער עקאָנאָמיק אינ בונד מיטנ פויערטומ, אָדער, גרינגשאצנדיק דאָס פויערטומ, נאָכ שטארקער פארטיפנ די מעטאָדנ פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ, ווי דאָס האָט פאָרגעלייגט טראָצקי.

אָנהייבנדיק פונ דעקאבער 1920 יאָר, האָט די דיסקוסיע אָנגענומענ אנ אויסער־געוויינלעכ ברייטנ פארנעמ. עס איז קימאט ניט געווענ קיינ אייִנ אָרגאניזאציע, וואָס זאָל ניט אָנטיילנעמענ אינ דער דיסקוסיע. אינ די באדינגענ פונ דער אָנוואקסנ־דיקער אונ זיכ אלצ פארשטארקנדיקער קלייִנבירגערלעכער סטיכיִע האָט אזא לאגע פאָרגעשטעלט מיט זיכ די גרעסטע געפאר. איינע פונ די וויכטיקסטע פארטיי־אויפגאבעס איז געווענ — פארשטארקנ די צוואקלטע אייִניקייט, דערשלאָגנ זיכ צו א פולשטענדיקער פארניכטונג פונ די פראקציעס אונ גרופּירונגענ. לענינ האָט מיט דער גרעסטער אייִנגעשפּארטקייט געשטעלט דידאָזיקע אויפגאבע פאר אלע פארטיי־מיטגלידער, באטאָנענדיק אז די פארטיי איז קראנק, אז עס פיבערט זי אונ אז די דיסקוסיע איז דער גרעסטער פעלער.

אונטער לענינס אָנפיר האָט די פארטיי ביסלעכווייז אויסגעקעמפט בא די אנטי־פארטייִשע שטרעמונגענ אייִנ פּאָזיציע נאָכ דער אנדערער. אינ יאנוואר 1921 יאָר איז פאָרגעקומענ די XIV פעטראָגראדער פארטייִשע קאָנפערענצ, אפ וועלכער די איבערוועגנדיקע מערהייט פונ אלע בייגעוועזענע האָט זיכ ארויסגעזאָגט פאר לענינס פלאטפאָרמע. פאר דער לענינישער פלאטפאָרמע האָט געשטימט אויכ די איבערוועגנדיקע מערהייט אָרגאניזאציעס פונ סיביר, אוקראיִנע, צאָפנ־קאווקאז, ווייסרוסלאנד א. אז. וו. אינ פעווראל 1921 יאָר האָט זיכ פאר דער לענינישער ליניע ארויסגעזאָגט אויכ די

פארטיי־קאָנפערענצ פונ דער מאָסקווער גובערניע. דאָס ענדגילטיקע צעשמעטערנ די אנטי־פּארטייִשע שטרעמונגענ איז פאָרגעקומענ אפנ X פּארטיי־צוזאמענפאָר, אינ מארט 1921 י.

דער X צוזאמענפאָר אונ דאָס פארבײַטנ די ראזוויאָרסטקע אפ א שטײַער.

אָנהייב 1921 יאָר האָבנ דיווירטשאפטלעכע שוועריקײַטנ דערגרייכט צו אויסער־געוויינלעכע מאסשטאבנ. צוליב די איבערשלאָגנ אינ רויוואַרג, הייצונג אונ דערנערונג האָט מענ געמוזט אָפּשטעלנ א גאנצע ריי אונטערנעמונגענ. סאָפ פעווראל 1921 האָט אויסגעבראָכנ דער קראָנשטאדטער אופשטאנד, וואָס אינ אים האָבנ זיכ בוילעט אָפּגעשפּיגלט די אלע שוועריקײַטנ, וואָס עס האָט איבערגעלעבט דאָס לאנד.



דיאגראמ: דער ארויסבאקומ פונ שטיינקוילנ אינ די יאָרנ 1921—1913.
(אינ מיליאָנענ פודנ).

די מערהײַט קראָנשטאדטער מאטראָסנ איז שוינ לאנג ניט געווענ יענער רעוואָ־ליוציאָנערער אוואנגארד, וואָס עס זײַנענ געווענ די קראָנשטאדטער מאטראָסנ אינ 1917 יאָר. די בעסטע אונ סאמע קעמפערישע עלעמענטנ פונ די מאטראָסנ זײַנענ אוועק אפ די פראָנטנ. די גאנצע גרונט־מאסע פונ די נײַע מאטראָסנ איז אפנ ענגסטנ אויפנ געווענ פארבונדנ מיטנ פויערטומ. פּאָליטיש נאָכ אינגאנצנ רוי, זײַנענ זיי געווענ א דאנקבארער מאטעריאל פאר דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אגיטאציע, וואָס עס האָבנ שוינ לאנג געפירט צווישנ די קראָנשטאדטער מאטראָסנ פארשיידענע ווײַס־גווארדייִשע עלעמענטנ.

אונטער דער ווירקונג פונ דער ווײַסגווארדייִשער אגיטאציע האָבנ די מאטראָסנ ינ מארט 1921 יאָר ארויסגעטראָגנ א רעזאָליוציע, אינ וועלכער זיי האָבנ געפאָדערט: איבערצווײַלנ די סאָוועטנ דורכ א געהיימער אָפּשטימונג, פרײַהײַט פאר דער מענשעוויסטישער אונ עסערישער פּארטיי, אָפּצושאפנ די פּארצאמ־אָטריאדנ אונ די ערד־נאציאָנאליזאציע. זיי האָבנ ארעסטירט די מערהײַט פונ זייערע קאָמיסארנ אונ

פּאָרשטייערס פונ דער סאָוועטנמאַכט אונ האָבנ גערופנ אַלע אַרבעטער, פּויערים אונ רויטאַרמייער נאָכצוטאָנ זייער בײַשפּיל. אינ די הענט פונ די אופשטענדלער האָט זיכ געפונענ אַנ ערשטקלאַסיקע פעסטונג, א גרויסע צאָל קריג־שיפנ, ריזיקע רעזערווג סנאַריאַדנ, באַוואָפענונג א. אַז. וו.

די פאָרשטייערס פונ דער רוסלענדישער קאָנטררעוואָליוציע פונ יענער זײַט גרענעצ האָבנ גלײַכ אָפּגעשאַצט די לאַגע אונ האָבנ גענומענ גרייטנ הילפ פאַר די קראָנשטאַדטצעס. דער אופשטאַנד האָט געדראָט פאַרוואַנדלט צו ווערנ אינ אַנ אָר־גאַניזירנדיקנ צענטער פאַר דער גאַנצער קאָנטררעוואָליוציע.

פאַר דער פאַרטיי אונ פאַר דער סאָוועטנ־רעגירונג האָט זיכ געשטעלט די אופגאַבע צו ליקווידירנ דעם אופשטאַנד אינ דער סאַמע קורצער צײַט. אָפּ צו דערשטיקנ דעם אופשטאַנד זײַנענ אַוועקגעשיקט געוואָרנ קורסאַנטישע אונ רויטאַרמייִשע טיילנ.

נאָכ אײַנעם פעריאָד פונ דער פראָפּאַריישער דיסקוסיע האָט לענינ אָנגעוויזנ אָפּ דער נייטיקייט אַריבערצוגיינ צו נײַע פאָרמעס פונ צווישנבאַציִונגענ מיטנ פּויער־טום. אָנהייבּ פעוראַל 1921 יאָר האָט ער שוינ אָפּ דער פּאָליטבּיוראָ פונעם צ״ק פונ דער פאַרטיי גאַנצ פּראַקטיש אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגנ פאַרבײַטנ די ראַזווערסטקע אָפּ א שטײַער. אינ לענינס ספּעציִעלע טעזיסנ איז גערעדט געוואָרנ וועגנ דער נייטיקייט צו „באַפרידיקנ דעם ווונטש פונעם אומפּאַרטייִשנ פּויערטום צו פאַרבײַטנ די ראַזוויאָרסטקע אָפּ א טווע־שטײַער” אונ עס איז אָנערקענט געוואָרנ פאַר נייטיק צו „פאַרברייטערנ פאַרנ ערד־באַאַרבעטער די פרײַהײַט אויסצונוצנ זײַנע מויסרעס נאָכנ אָפּגעבנ דעמ שטײַער אינ דעמ אָרטיקנ ווירטשאַפטלעכנ אומזאַצ...” דער קראָנשטאַדטער בּונט האָט באַוויזנ, אַז די פראַגע וועגנ פאַרבײַטנ די ראַז־וויאָרסטקע אָפּ א שטײַער איז אויסערגעוויינלעכ שטאַרק צײַטיק געוואָרנ.

די פראַגע וועגנ פאַרבײַטנ די ראַזוויאָרסטקע אָפּ א שטײַער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרנ אָפּנ X פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיכ געעפנט דעמ 8 מאַרט 1921 יאָר. די אַרבעט פונעמ צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומענ אינ אַנ אויסערגעוויינלעכ אָנגעשטרענגטער סיטואַציע. אינ אַסאַכ ערטער זײַנענ נאָכ פאָרגעקומענ באַנדיטישע אופשטאַנדנ, די ווירטשאַפטלעכע שוועריקײַטנ האָבנ ניט אופגעהערט, עס האָט זיכ נאָכ אויכ ניט געהאַט אײַנגעגעבנ צו ליקווידירנ דעמ קראָנשטאַדטער בּונט. אָפּ צו ליקווידירנ דעמ בּונט איז אַרויסגעפאָרנ אויכ א היפּשער טייל צוזאַמענפאָר־דעלעגאַטנ מיטנ כ' וואָראָשילאָוו אינ שפּיצ. ענדגילטיק דערשטיקנ דעמ בּונט האָט זיכ אײַנ־געגעבנ ערשט אַביסל שפּעטער, ווענ דער צוזאַמענפאָר האָט שוינ געהאַט פאַרענדיקט זײַנ אַרבעט.

לויט לענינס פאָרטראָג האָט דער צוזאַמענפאָר באַשטימט אָפּצושאַפנ די ראַזוויאָרסטקע אונ אײַנצופירנ דעמ דערנערונג־שטײַער. די גרייס פונעמ שטײַער איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ אַסאַכ א קלענערע, איידער די גרייס פונ דער ראַז־וויאָרסטקע. די פּויערים איז געגעבנ געוואָרנ די מעגלעכקײַט נאָכנ אָפּגעבנ דעמ שטײַער פרײַ אויסצונוצנ זייערע מויסרעס אינ די גרענעצנ פונ דעמ אָרטיקנ ווירט־שאַפטלעכנ אומזאַצ.

לענינ האָט באַגרינדעט די נייטיקײַט פונ אַזא באַשטימונג אָפּ פאָלגנדיקנ אויפנ:

> „קעדיי צו זיכערנ די אומופּהערלעכע אופשטעלונג פונ דער גרויס־אינדוסטריע, דאַרפ מענ דעמ דערנערונג־וועזנ אַוועקשטעלנ אַזוי, אַז דער פאָנד, לאָמיר זאָגנ, פונ 400 מיליאָנ פּוד, זאָל זײַנ געזיכערט אונ ריכטיק פאַרטיילט. אופזאַמלענ אים מיט דער הילפ פונ דער אַלטער ראַזוויאָרסטקע וואָלטנ מיר באַשטימט ניט געקענט. די יאָרנ 1920 אונ 1921 האָבנ עס באַוויזנ. איצט זעענ מיר, אַז די דאָזיקע אופגאַבע, וואָס שטעלט מאָר קאָלאָסאַלע שוועריקײַטנ, קאָנ מענ דורכ דעמ דערנערונג־שטײַער פונדעסטוועגנ יאָ אויספילנ. דורכ די אַלטע אויפנים וועלנ מיר די דאָזיקע אופגאַבע ניט אויספילנ, אונ מיר דאַרפנ צוגרייטנ נײַע אויפנים. לייזנ די דאָזיקע אופגאַבע דורכ דעמ דערנערונג־שטײַער אונ דורכ ריכטיקע באַציִונגענ צום פּויער, ווי צו א קליינ־פּראָדוצירער, קאָנענ מיר. מיר

האָבן ביז איצט נ̣יט ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשענקט דערויף, קעדיי דאָס טעאָרעטיש צו דערווייזן" [1]).

דערדאָזיקער באַשלוס פונעם צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן היסטאָרישן באַטייט. דאָס האָט באַטייט, אַז די פּאַרטיי זאָגט זיך אָפּ פונעם מיליטערישן קאָמוניזם און גייט אַריבער אויף די רעלסן פון אַ נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. אָנוועמענדיק דעם באַשלוס וועגן דערלויבן די פּויערים פרײַ אויסנוצן זייערע מויסרעס אין די גרענעצן פונעם אָרטיקן אומזאַץ, האָט דער צוזאַמענפאָר דערמיט נאָך ניט געמיינט צו דערלויבן די פרײַהייט פון האַנדל. עס איז געווען פאָרויסגעזעען,



דיאַגראַם: דאָס אויסשמעלצן טשוהון און מאַרטען-שטאָל אין די יאָרן 1921—1913.
(אין מיליאָנען פּודן).

אַז נאָך דעם, ווי די פּויערים וועלן אָפּגעבן דער מעלוכע דעם שטײַער, וועלן זיי איין טייל פון זייערע רעשטן אויסטוישן אויף סכוירעס פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, און דעם צווייטן טייל — אויף קוסטאַרישע אָדער האַנטווערקערישע אויסאַרבעטונגען. קעדיי צו אָרגאַניזירן דעם סכוירע־אויסטויש צווישן דער מעלוכישער אינדוסטריע און דעם פּויערטום, איז אָנגעמערקט געוואָרן צו שאַפן אַ ספּעציעלן סכוירע־אויסטויש־פאָנד. אָבער, ווי עס האָט דערנאָך געוויזן די דערפאַרונג, האָט מען אָבער סכוירע־אויסטויש אַליין זיך ניט געקענט אָפּשטעלן; דעמאָלט איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצוגיין פונעם סכוירע־אויסטויש צום קויפן און פאַרקויפן אין אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב. מעמיילע איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אין געוויסע באַגרענעצטע ראַמען דער פרײַער האַנדל. די מעגלעכקייט פרײַ אויסצונוצן זייערע ברויט־רעשטן האָט געגעבן די פּויערים אַ שטויס צום פאַרברייטערן די פאַרזיי־שטעכן, באַוואָרענענדיק, אַזוי אַרום, די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. און אויף דער באַזע פונעם וווּקס פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיך געקענט אַנטוויקלען אויך די אינדוסטריע. דאָס אײַנפירן „די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק" (פאַרקירצט — „נעפּ") האָט

[1]) Ленин, т. XXVI, стр. 394—395.

מיטגעווירקט, אז עס זאָל צוריקגעשטעלט ווערנ דער אויסטויש צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, אונ האָט פֿארשטארקט דעמ צוזאמענשלוס צווישנ דער אינדוסטריע אונ דער פויערשער ווירטשאפֿט.

דאָס דערלויבנ דעמ פֿרײַענ האנדל האָט אומפֿארמײַדלעכ געמוזט ברענגענ מיט זיכ אויכ א געוויסע אופֿלעבונג פֿונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ — נעפלײַט, באַלעגופֿימ א. אז. וו. אינ דערדאָזיקער אופֿלעבונג האָבנ ניט געקענט ניט זײַנ פֿארבאָרגנ געוויסע געפֿארנ. צווישנ די קאפיטאליסטישע אונ סאָציאַליסטישע עלעמענטנ האָט זיכ אומפֿארמײַדלעכ געמוזט אָנהייבנ דער אײַנגעשפארטסטער אונ פֿארביטערטסטער קאמפ. אָנווײַזנדיק אפֿנ דאָזיקנ אומשטאנד, האָט לענינ געזאָגט, אז עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ די פֿראגע: ווער וועמענ וועט באזיגנ? אָבער דאָס האָט ניט באַטײַט, אז די סאָוועטנמאכט דארפֿ קעמפֿנ מיט די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ דורכ פאָשעטע פֿארבאָטנ. אינ די הענט פֿונעמ פראָלעטאריאט איז געבליבנ די גאנצע מאכט. דערלויבנדיק דעמ פֿרײַענ האנדל, האָט דער פראָלעטאריאט גלײַכצײַטיק אײַנגעהיט אינ זײַנע הענט אלע קאָמאנדע־הייכנ פֿונ דער פֿאָלקווירטשאפֿט — די נאציאָנאליזירטע אינדוסטריע, די בענק, די ערד א. אז. וו. דאָס האָט באוואָרנט פֿארנ פראָלעטאריאט די מעגלעכקײַט אונטערצוווארפֿנ דעמ קאפיטאליזמ אונטער זײַנ קאָנטראָל, ארײַנצופֿירנ אימ אינ די ראמענ פֿונ מעלוכע־קאפיטאליזמ (ארענדע, קאָנצעסיעס) אונ בײַצוקומענ אימ.

„נעפ דאָס איז א ספעציעלע פאָליטיק פֿונ דער פראָלעטארישער מעלוכע, אויסגערעכנט אפֿנ דערלאָזנ דעמ קאפיטאליזמ באַמ פֿאראנענזײַנ פֿונ די קאָמאנדע־הייכנ אינ די הענט פֿונ דער פראָלעטארישער מעלוכע; אויסגערעכנט אפֿנ קאמפ פֿונ די קאפיטאליסטישע אונ סאָציאַליסטישע עלעמענטנ; אויסגערעכנט אפֿנ וווקס פֿונ דער ראָליע פֿונ די סאָציאַליסטישע עלעמענטנ צומ שאָדנ פֿונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ; אויסגערעכנט אפֿנ זיג פֿונ די סאָציאַליסטישע עלעמענטנ איבער די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ; אויסגערעכנט אפֿנ פֿארניכטנ די קלאסנ, אפֿנ אופֿבויענ דעמ פֿונדאמענט פֿונ דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק" [1].

מיטנ אײַנפֿירנ דעמ נעפ האָט די פארטיי באוואָרנט דעמ צוזאמענשלוס מיטנ פויערטומ אונ די מעגלעכקײַט דערפֿאָלגרײַכ צו בויענ דעמ סאָציאַליזמ. לענינ האָט געהאלטנ, אז דער נעפ דאָס איז די איינציק־ריכטיקע ווירטשאפֿטלעכע פאָליטיק פֿונעמ פראָלעטאריאט אינעמ איבערגאנג־פּעריאָד פֿונ קאפיטאליזמ צו קאָמוניזמ. דערבײַ האָט לענינ געהאט אינ זינענ ניט בלויז סאָוועטנרוסלאנד, נאָר אויכ אלע איבעריקע לענדער. אומעטומ, ווו עס וועט פֿאָרקומענ א פראָלעטארישע רעוואָלוציע, ווו עס וועט זיכ אָנהייבנ די בויונג פֿונעמ סאָציאַליזמ אינ בונד מיטנ האָרעפֿאשנעמ פויערטומ, וועט דער פראָלעטאריאט מוזנ דורכפֿירנ אזוינע מאָסמיטלענ, וואָס זײַנענ אייגנטלעכ פֿאר דער נײַער עקאָנאָמישער פאָליטיק. אפֿ דעמ ווײַזט אויכ אָנ די פראָגראמ פֿונ קאָמינטערנ. נעפ, ווי די איינציק־ריכטיקע ווירטשאפֿטלעכע פאָליטיק פֿונעמ פראָלעטאריאט אינעמ איבערגאנג פֿונעמ קאפיטאליזמ צומ קאָמוניזמ, האָט א *קאָלאָסאלנ אינטערנאציאָנאלנ באטײַט*.

קעדיי צו באוואָרענענ די אייניקײַט אונ באהעפֿטקײַט פֿונ דער פארטיי, האָט דער X צוזאמענפֿאָר, לויט לענינס פֿאָרשלאָג, אָנגענומענ א ספעציעלע רעזאָלוציע, וואָס פֿארווערט אלערליי פראקציעס אונ גרופירונגענ. דער צוזאמענפֿאָר האָט באפֿולמעכטיקט דעמ צענטראל־קאָמיטעט אָנצונעמענ די שטרענגסטע מיטלענ, אזש ביזנ אויסשליסנ פֿונ דער פארטיי, בענעגייע יענע, וואָס וועלנ ברעכנ די פארטיי־דיסציפלינ. אינ א באזונדער פונקט איז באשטימט געוואָרנ ניט אָפֿצושטעלנ זיכ, אויב דאָס וועט נייטיק זײַנ, אפֿילע פֿארנ אויסשליסנ פֿונ דער פארטיי צ"ק־מיטגלידער, וואָס ברעכנ די לענינישע פארטיי־איינקײַט. דאָס איז געווענ א דירעקטע וואָרענונג שליאפניקאָוונ אונ טראָצקינ, וועלכער האָט, זײַענדיק א מיטגליד פֿונעמ צענטראל-

[1]) Сталин, Об оппозиции, стр. 211.

קאָמיטעט, זיכ אַרויסגעוויזנ בעשאַס דער פּראָפּאַריינישער דיסקוסיע פאַרנ סאַמע בייזווילִיקנ דעזאָרגאַניזאַטער. דער צוזאַמענפאָר האָט פאַרבּרייטערט די רעכט אונ פליכטנ פונ די קאָנטראָל־קאָמיסיעס אונ האָט אויכ אויסגעווײלט א צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע (צק״ק).

פאַנאַנדערקלײַבנדיק די פראַגע וועגנ דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישנ אָפּנויג, האָט דער צוזאַמענפאָר אינ א ספּעציעלער רעזאָליוציע אַנערקענט פאַר אומעגלעכ צונויפּ־צופּאָרנ די פּראָפּאַגאַנדע פונ די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע אָנשויונגענ פונ דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע״ מיטנ זײַנ אינ די פאַרטיי־ריינ. דידאָזיקע אַלע באַשטימונגענ,



דיאַגראַם: דער אַרויסבאַקום פונ נאַפט אינ די יאָרנ 1921—1913.
(אינ מיליאָנענ פּודנ).

וואָס זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ לויט לענינס פאָרשלאָג, האָבנ געהאַט א קאָלאָסאַלנ באַטײַט. דער כורבנ אינ לאַנד אונ די שווערע לאַגע פונ דער אינדוסטריע, די אומצופרידנקײַט אינ דאָרפ, די טײלווײַזע אופלעבונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ צוזאַמענ־האַנג מיטנ אַריבערגײנ צומ נעפּ, די שווערקײַטנ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער דעמאָ־ביליזאַציע פונ דער אַרמײ, די שווערקײַטנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג — דאָס אַלצ האָט געפאָדערט די גרעסטע באַהעפטקײַט אונ דיסציפּלינ. אינעמ קאַמפּ פאַר אַזא מינ באַהעפטקײַט אונ דיסציפּלינ האָבנ די באַשטימונגענ פונעמ X צוזאַמענ־פאָר געשפּילט זייער א גרויסע ראָליע.

א קאָלאָסאַלע אופמערקזאַמקײַט האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעגעבנ אויכ די פראַגעס פונ פאַרטיי־בויונג. די פאָרמעס אונ מעטאָדנ פונ דער אַרבעט ווערנ באַשטימט דורכ די באַזונדערקײַטנ פונ דער געגעבענער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואַציע אונ דורכ יענע אופגאַבעס, וועלכע דרינגענ קאָנקרעט פונ דערדאָזיקער סיטואַציע אַרויס. אינ די יאָרנ פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ איז די וויכטיקסטע שלאָג־אופגאַבע געווענ די אופגאַבע פונ מיליטעריש־שלאַכטישער טאַט. אינ העסקעמ דערמיט איז דעמאָלט נײטיק געווענ דער גרעסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער צענטראַליזמ אונ א געוויסע צונויפּוויקלונג פונ דער איגערלעכ־פאַרטײִשער דעמאָקראַטיע. די מעטאָדנ פונ דער פאַרטיי־אַרבעט

פֿלעגנ זיכ דערנעענטערנ צו דער סיסטעמ פֿונ שלאַכט־באַפֿעלנ. אַלס צענטראַלע אופֿגאַבע אַפֿנ נײַעמ עטאַפּ האָט דער צוזאַמענפֿאָר אַנערקענט די אופֿגאַבע אופֿצו־הייבנ דעמ טעאָרעטישנ ניװאָ פֿונ די פּאַרטײ־מיטגלידער, צוצוציִענ זײ צומ אַקטיװנ אָנטייל אינעמ אַלגעמײנ־פּאַרטײִשנ לעבנ אונ צו פֿאַרשטאַרקנ דעמ צוזאַמענבונד פֿונ דער פּאַרטײ מיט די ברייטע מאַסנ. אַפֿ אויסצופֿילנ דידאָזיקע אופֿגאַבעס האָט דער צוזאַמענפֿאָר אַנערקענט פֿאַר נייטיק ברייט פֿאַנאַנדערצוװיקלענ די פֿאָרמעס אונ מעטאָדנ פֿונ **אינערלעכ־פּאַרטײִשער** דעמאָקראַטיע.



דיאַגראַמ: די פּראָדוקציע פֿונ דער באַװל־אינדוסטריע אינ די יאָרנ 1913—1921 (אינ מיל. פּודנ).

איינע פֿונ די װיכטיקסטע פֿראַגעס איז געװענ אַפֿנ צוזאַמענפֿאָר די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. מיט אַ פּאָרטראָג װעגנ דערדאָזיקער פֿראַגע איז אַרויסגעטראָטנ כ׳ **סטאַלינ**. אינ זײַנ פּאָרטראָג האָט ער באַטאָנט דעמ פֿאַקט פֿונ עקאָנאָמישער, פּאָליטישער אונ קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקײַט פֿונ די נאַציאָנאַלע ראַנד־געגנטנ אינ פֿאַרגלײַכ מיט די פֿאָרגעשריטענע ראַיאָנענ פֿונ סאָװעטנרוסלאַנד. דידאָזיקע אָפּגעשטאַנענקײַט איז אַ רעזולטאַט פֿונ דער פּאָליטיק פֿונעמ צאַריזמ, װעלכער פֿלעגט שטיקנ די ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטנ אונ האַלטנ די ראַנד־געגנטנ אינ דער לאַגע פֿונ קאָלאָניעס — צושטעלערס פֿונ רויװאַרג פֿאַר די אינדוסטריעלע צענטערס. אַלס רעזולטאַט דערפֿונ האָט די איבערװעגנדיקע מערהײַט נאַציאָנאַלע ראַיאָנענ ניט געהאַט קיינ אייגענעמ פּראָלעטאַריאַט אונ די אינדוסטריע האָט זיכ אינ דידאָזיקע ראַיאָנענ געפֿונענ אַפֿ אַנ אויסערגעװײנלעכ נידעריקער אַנטװיקלונג־שטופֿע. קעדײ צו דערגרייכנ אַ פֿולשטענדיקע אונ פֿאַקטישע גלײַכהײַט פֿונ די פֿעלקער אינ סאָװעטנרוסלאַנד, האָט מענ געמוזט ליקװידירנ ביזנ סאָפֿ די אָפּגעשטאַנענקײַט פֿונ די פֿריִער אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ אינ װירטשאַפֿטלעכנ, פּאָליטישנ אונ קולטורעלנ זינענ. צוליב דעמ האָט דער צוזאַמענפֿאָר אַנערקענט פֿאַר נייטיק פּלאַנמעסיק אײַנצופֿלאַנצנ די אינדוסטריע אינ די געװעזענע קאָלאָניעס אונ האַלב־קאָלאָניעס פֿונעמ צאַרישנ רוסלאַנד, קעדײ צו געבנ זײ די מעגלעכקײַט זיכ אופֿצוהייבנ ביז צומ עקאָנאָמישנ ניװאָ פֿונ די פֿאָר־

18—898

געשריטענע אינדוסטריעלע ראַיאָנען. דער צוזאַמענפאָר האָט אנערקענט פאר נייטיק צו קומען צו הילפ די נאַציאָנאַלע ראַנד־געגנטן אינעם פארשטארקן און אנטוויקלען די פאַראַנאַנע שולן, דעם געריכט, די אדמיניסטראַציע א. אז. וו. אפ דער מוטער־שפראַך, צו פארשנעלערן דאָס צוגרייטן קוואַליפיצירטע קאַדרען פאַרטייִשע און סאָוועטישע טוערס פון די נאַציאָנאַלן גופע. דער צוזאַמענפאָר האָט גערופן צום סאַמע אנטשיידענעם און אומראַכמאָנעסדיקן קאַמפ מיט די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנויגן פון דער לעניניִשער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין דער זײַט פון גרויסרוסישן שאָוויניזם און פון אָרטיקן נאַציאָנאַליזם. דער אָפּנויג אין דער זײַט פונעם גרויסמעכטיקן שאָוויניזם איז א רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון דער גרויסמעכטיקער רוסישער בורזשואַזיע. ער באַשטייט אין דער גרינגשעצערישער באַציִונג צו די קולטורעלע,ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע באַזונדערקייטן פון די נאַציאָנאַלע ראַנד־געגנטן, אינעם ניט־וועלן דיסקאָנטירן די דאָזיקע באַזונדערקייטן, אינעם שטרעבן אָפּצומעקן און צו דערשטיקן אַלץ, וואָס איז ניט רוסיש.

דער גרויסרוסישער שאָוויניזם פלאַנצט אײַן צווישן די פריִער־אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אומצוטרוי צו דער סאָוועטנמאַכט, ער שטערט זייער ווײַטערדיקן באַהעפטן זיך אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט און ברענגט דערמיט א קאָלאָסאַלן שאָדן דער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס. דער צוזאַמענפאָר האָט אנערקענט דעם גרויס־מעכטיקן שאָוויניזם פאַר דער הויפּט־געפאַר אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דער אָפּנויג אין דער זײַט פונעם אָרטיקן נאַציאָנאַליזם איז א רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון דער אָרטיקער בורזשואַזיע, בורזשואַזער אינטעליגענץ און פונעם קליינבירגערטום אפ באַזונדערע פּאַרטיי־שיכטן. ער דריקט זיך אויס אינעם איבערשאַצן די באַזונדערקייטן פון די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, אינעם ניט־וועלן פירן אַן אויסגעהאַלטענעם קאַמפ מיט די בורזשואַזע עלעמענטן פון דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט. דער אָרטיקער נאַציאָנאַליזם פאַרבײַט די קלאַסעווע ליניע מיטן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן" שטאַנדפּונקט. דער אָרטיקער נאַציאָנאַליזם באַציט זיך מיט אומצוטרוי צו אַלצדינג, וואָס איז רוסיש, אפילע דעמלט, ווען דאָס דאָזיקע רוסישע איז לויט זײַן כאַראַקטער פּראָלעטאַריש.

די פּאַרטיי האָט געקענט אויספילן אירע אויפגאַבעס בלויז אינעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמפּ מיטן גרויסמעכטיקן שאָוויניזם און אָרטיקן נאַציאָנאַליזם.

ענדלעך, האָט דער צוזאַמענפאָר פאַרענדיקט די דיסקוסיע וועגן די פּראָפּאַריינען, זיך אַרויסזאָגנדיק מיט אַן איבערוועלגנדיקער מערהײַט שטימען פאַר לענינס פּאָזיציע. סײַ טראָצקיס פּלאַטפאָרמע, סײַ די פּלאַטפאָרמע פון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע" האָבן באַקומען א נישטיקע צאָל שטימען.

דער III קאָנגרעס פון קאָמינטערן.

בײַם די פּאַרטיי האָט שוין געהאַלטן אין אַריבערגיין צום נעפּ, האָט זיך די צווישן־פעלקערלעכע לאַגע שטאַרק געענדערט. אָנשפּאַרנדיק זיך אַפ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, אַפ די אָפּענע אָפּאָרטוניסטן און צענטריסטן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, האָט די מײַרעוו־אייראָפּייִשע בורזשואַזיע דערשטיקט א גאַנצע ריי גרויסע אַרויסטרעטן פונעם אַרבעטער־קלאַס. סאָפ 1920 יאָר איז דערשטיקט געוואָרן די ברייטע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון די איטאַליענישע אַרבעטער, וואָס איז געווען געצילט צום פאַרכאַפּן די פאַבריקן און זאַוואָדן. אין מאַרט 1921 יאָר האָט די דײַטשישע בורזשואַזיע דערשטיקט דעם אויפשטאַנד פונעם דײַטשישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אין א קאַמפּ פאַר דער מאַכט. דער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז זיך אַראָפּלאָזן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענדערונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע האָבן זיך פאַר דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַרויסגערוקט נײַע אויפגאַבעס. אפ צו לייזן די דאָזיקע אויפגאַבעס איז זומער 1921 צונויפגערופן געוואָרן דער III קאָנגרעס פון קאָמינטערן.

דער קאָנגרעס האָט געגעבנ אנ אָפּשאצונג דער צווישנפעלקערלעכער לאגע אונ דעמ צושטאנד פונ דער קאָמוניסטישער באוועגונג. ער האָט באטאָנט דאָס אָנקומענ פונ א צייטווייליקנ שטילשטאנד אינעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ אונ האָט אָנגעוויזנ אפ דער ראָליע פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אלס דעמ הויפּט־אָנשפאר פונ דער בורזשואזיע. דער קאָנגרעס האָט געשטעלט פאר די קאָמוניסטישע פארטייענ די אופגאבע צו געווינענ די מאסנ בא די פארטייענ פונעמ II אינטערנאציאָנאל. מע האָט גאדארפט צונעמענ בא דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איר ווירקונג אינעמ ארבעטער־קלאַס, געווינענ די מאסנ אפ דער אייגענער זייט אונ אזויארומ צונעמענ בא דער בורזשואזיע איר הויפּט־אָנשפאר. אָנעמ געווינענ די מאסנ — איז געזאָגט געוואָרנ אינ די באשטימונגענ פונעמ קאָנגרעס — קענ מענ ניט צעברעכנ די מאכט פונעמ קאפיטאל אונ אויסקעמפנ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט. קעדיי צו געווינענ די מאסנ בא דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט דער קאָנגרעס פאָרגעלייגט די קאָמפארטייענ צו נעמענ דעמ סאמע אקטיוונ אָנטייל אינעמ אָנפירנ מיטנ אלטעגלעכנ עקאָנאָמישנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאַס, צו געווינענ די אָנפירונג מיט די פראָפפאריינענ אונ מיט די אנדערע מאסעווע אָרגאניזאציעס אונ ארויסצושטויסנ פונ דאָרטנ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ. דער קאָנגרעס האָט פאָרגעלייגט סיסטעמאטיש צונויפצובינדנ דעמ קאמפ פאר די אלטעגלעכע עקאָנאָמישע פאָדערונגענ מיטנ צוגרייטנ די ארבעטער־מאסנ צומ קאמפ פאר דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט, דעמאסקירנדיק אפ יעדנ טראָט די פארעטערישקייט פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די באשטימונגענ פונעמ קאָנגרעס זיינענ דערנאָכ גענוי אנטוויקלט געוואָרנ אינ די טעזיסנ פונעמ אויספיר־קאָמיטעט פונ קאָמינטערנ וועגנ דער טאקטיק פונ איינהייטלעכנ פראָנט. די טעזיסנ האָבנ אָנגעוויזנ, אז אפ צו געווינענ די מאסנ בא דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דארפנ די קאָמוניסטנ פירנ אנ ארבעט צווישנ אלע ארבעטער, אומאָפּהענגיק פונ זייער פארטייישער אָנגעהעריקייט. די קאָמוניסטנ דארפנ גיינ אויכ צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער, פאָרלייגנדיק זיי ארויסצוטרעטנ אינאיינעמ מיט די קאָמוניסטנ אינ אנ איינהייטלעכנ פראָנט קעגנ דער בורזשואזיע. ארויסרוקנדיק איינפאכע, פאר די ברייטע מאסנ פארשטענדלעכע לאָזונגענ, דארפנ די קאָמוניסטישע פארטייענ באווייזנ די ארבעטער, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וויל ניט פירנ דעמ קאמפ אפילע פאר די סאמע באשיידענע פאָדערונגענ אונ אז בלויז די קאָמוניסטנ זיינענ די עמעסע פארטיידיקערס פונ די פראָלעטארישע אינטערעסנ.

אינעמ קאמפ פאר דער טאקטיק פונ איינהייטלעכנ פראָנט האָט דער קאָמינטערנ ארויסגערוקט דעמ לאָזונג וועגנ אנ *ארבעטער־רעגירונג*. דערדאָזיקער לאָזונג איז געווענ א רופ צו *אלע* ארבעטער, אומאָפּהענגיק פונ זייער פארטייישער אָנגעהעריקייט, זיכ צו באהעפטנ ארומ די קאָמוניסטנ אפ אראָפּצוווארפנ די בורזשואזיע אונ אפ אויסצוקעמפנ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט. דער קאָמינטערנ האָט אָנגעוויזנ, אז איינער פונ די וויכטיקסטע באדינגענ פאר די קאָמוניסטישע פארטייענ באמ דורכפירנ די טאקטיק פונ אנ איינהייטלעכנ פראָנט דאָס איז: איינהיטנ פאר זיכ די פרייהייט פונ קריטיק אונ די פולשטענדיקע פאָליטישע זעלבשטענדיקייט.

באהאנדלט די פראגעס, וואָס זיינענ געווענ פארבונדנ מיטנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט אפנ מיזרעכ, האָט דער III קאָנגרעס דערנאָכ אויסגעהערט לענינס א פאָרטראָג וועגנ דעמ אריבערגיינ צומ נעפּ. די נייע טאקטיק פונ די באָלשעוויקעס האָט געהאט א ריזיקנ באטייט ניט בלויז אינעמ קאמפ פאר סאָציאַליזמ אינ סאָוועטנלאנד, נאָר אויכ פארנ זיג פונעמ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט.

„אונדזער וויכטיקסטע אופווירקונג אפ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָלוציע מאכנ מיר איצט דורכ אונדזער ווירטשאפטלעכער פאָליטיק, — האָט לענינ אָנגעוויזנ אינ איינער פונ זיינע רעדעס נאָכנ אריבערגיינ צומ נעפּ. — אלע קוקנ אפ דער סאָוועטישער רוסלענדישער רעפובליק, אלע ארבעטנדיקע אינ אלע לענדער פונ דער וועלט אָנ שומ אויסנאמ אונ אָנ שומ גוזמע... אינעמ דאָזיקנ געביט איז דער קאמפ אריבערגעטראָגנ אינעמ אלוועלטלעכנ פארנעמ.

וועלנ מיר לייזנ דידאָזיקע אופגאַבע — איז דעמאָלט האָבנ מיר געוווּנענ אינ אינטערנאַציאָנאַלנ מאַסשטאַב אפ געוויס אונ ענדגילטיק" [1].

אפנ קאָנגרעס האָט לענינ דערקלערט די סיבעס פונעם אריבערגייג צו דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, רעפערירט איר טאָכ אונ אָנגעוויזנ אפ איר באַטײַט. דער קאָנגרעס האָט פולשטענדיק באַוויליקט די טאַקטיק פונ אַלק"פּ(ב). ער האָט דערקלערט, אַז דער אריבערגאַנג צום נעפּ געפינט זיכ אינ העסקעם סײַ מיט די אינטערעסנ פונעם קאַמפּ פאַרנ פאַרשטאַרקנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אינ דער סאָוועטנ־רעפּובליק, סײַ מיט די אינטערעסנ פונ דער גאַנצער צווישנפעלקערלעכער אַרבעטער־באַוועגונג.

די פּאַרטיי אפ די וועגנ פונ פאַנאַנדערוויקלענ די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק.

נאָכ דעמ, ווי עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ דער נעפּ, האָבנ זיכ שנעל אַנטוויקלט דער האַנדל־ אונ געלט־אומזאַץ. די פּאַרטיי האָט זיכ גענומענ צום גרינטלעכנ איבערבויענ די מעטאָדנ פונ דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט אונ צום דורכפירנ אַ גאַנצע ריי נײַע עקאָנאָמישע מאָסמיטלענ. אפ צו רעגולירנ דעמ געלט־אומזאַץ אונ דעמ מאַרק זײַנענ אָרגאַניזירט געוואָרנ בענק, קרעדיט־אַנשטאַלטנ, בירזשעס. עס האָבנ זיכ באַוויזנ האַנדל־קאָמפּאַניעס, קאָאָפּעראַציעס פונ פאַרשיידענע מינימ, אַקציאָנערע געזעלשאַפטנ א. אַז. וו. די מעלוכישע פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ זײַנענ אריבערגעפירט געוואָרנ אפ ווירטשאַפטלעכער אויסרעכענונג. דאָס אויסצאָלנ דעמ אַרבעטלוינ אינ נאַטור איז פאַרביטנ געוואָרנ אפ געלט־לוינ.

אפ וויפל דער איבערגאַנג פונעם מיליטערישנ קאָמוניזמ צומ נעפּ איז געווענ אַ גאַנצ שאַרפער קער, האָבנ ניט אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער מיטאַמאָל פאַרשטאַנענ אונ ריכטיק אָפּגעשאַצט דעמ באַטײַט פונעמ נעפּ. אינ אַ ריי פאַלנ פלעגנ די מעטאָדנ אונ אַרבעט־געוווינהײַטנ, וואָס האָבנ זיכ אײַנגעשטעלט אינעמ פּעריאָד פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ, באַקעמפט ווערנ מיט שווערקײַטנ אונ נישט גענוג שנעל, אונ דאָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיכ אַנ ערנסטע געפאַר. אינ אַנדערע פאַלנ פלעגט דאָס דערלאָזנ דעמ האַנדל אונ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ באַטראַכט ווערנ ווי אַ צוריקטריט פונעמ קאַפּיטאַליזמ אונ פונ דער בורזשואַזיע ביקלאַל. די פּאַרטיי האָט אַנטשיידנ געקעמפט פאַר אַ ריכטיקנ פאַרשטײַנ דעמ נעפּ אונ פאַרנ פאַרווירקלעכנ די אופגאַבעס, וואָס זײַנענ מיט אימ געווענ פאַרבונדנ; אינ אַ גאַנצער ריי לענינס אַרויסטרעטונגענ אונ אַרטיקלענ איז געגעבנ געוואָרנ אַ טיפע, אויסשעפּנדיקע דערקלערונג פונעמ טאָכ אונ באַטײַט פונעמ נעפּ. אַ באַזונדערס גרויסע ראָליע האָט געשפּילט אינעמ דאָזיקנ פּע־ריאָד לענינס בראָשור „וועגנ דעמ דערנערונג־שטײַער".

די פּאַרטיי האָט אפ איר X קאָנפערענצ (מײַ 1921 י.) אָנגעוויזנ, אַז דער נעפּ ווערט אײַנגעפירט אפ אַ „לאַנגנ פּעריאָד, וואָס ווערט אויסגעמאָסטנ מיט אַ ריי יאָרנ". דערמיט איז אונטערגעשטראָכנ געוואָרנ, אַז די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק איז ניט קיינ צײַטווײַליקע, צופעליקע דערשײַנונג, — נאָר אַז זי איז אויסגערעכנט אפ אַ דויער־דיקנ קאַמפּ־פּעריאָד. לענינ האָט דערקלערט, אַז דאָס דערלאָזנ קאַפּיטאַליסטישע עלע־מענטנ באַמ נעפּ שטעלט מיט זיכ פאָר אינ אַ געוויסנ זינ אַ צוריקטרעט. דאָס איז אָבער אַזאַ צוריקטרעט, — האָט געזאָגט לענינ, — וואָס טראָגט בלויז אַ צײַטווײַליקנ כאַראַקטער אונ איז געצילט צומ פאַרשטאַרקנ די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט. דערדאָזיקער צוריקטרעט איז געווענ נייטיק אפ צו פאַרשטאַרקנ דעמ צוזאַמענשלוס מיטנ פּויערטומ, ווײַל אַז ניט, האָט דעמ פּראָלעטאַריאַט געדראָט אַ געפאַר זיכ אָפּצו־רײַסנ פונ די גרונט־מאַסנ פונעמ האָרעפּאַשנעמ פּויערטומ. פאַרפעסטיקנדיק דעמ צו־זאַמענשלוס, האָט געזאָגט לענינ, וועלנ מיר איבערבויענ די רייענ אונ נאָכאַמאָל אריבערגייג אינ אָנגריפ אפ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ, אָבער שוינ איינעמ מיטנ גאַנצנ האָרעפּאַשנעמ פּויערטומ, וואָס דאָס אַלײנ בלויז קענ ברענגענ צומ זיג

[1]) Ленин, т. XXVI, стр. 410—411.

פונעמ סאָציאַליזמ. מיר זײַנענ אָפּגעטראָטנ, האָט לענינ דערקלערט, קעדיי זיכ פאַנאַנדערצויאָגנ אונ דערנאָכ נאָכ שטאַרקער א שפּרונג טאָנ פאָרויס.

„צונויפשליסנ זיכ מיט דער פּויערשער מאַסע, מיטנ מאַסעוונ האָרעפּאַשנעמ פּויערטומ אונ אָנהייבנ רוקנ זיכ פאָרויס אומפאַרגלײַכלעכ, אומענדלעכ פּאַמעלעכער, איידער מיר האָבנ געטרוימט, אָבער דערפאַר אַזוי, אַז עס וועט זיכ בעמעס מיט אונדז אינײנעמ רוקנ פאָרויס די גאַנצע מאַסע. דעמלט וועט אויכ די פאַרשנעלערונג פונ דערדאָזיקער באַוועגונג אינ איר צײַט זײַנ אַזא, וואָס מיר קענענ איצטער וועגנ איר אַפּילע נישט טרוימענ" [1].

אינ פאַרלויפ פונעמ ערשטנ יאָר פונ דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָבנ אירע רעזולטאַטנ נאָכ ניט באַוויזנ זיכ ארויסצוווײַזנ אינ דער גאַנצער פולקײַט. אינ איינציקע ערטער האָט זיכ נאָכ פאַרצויגנ דער בירגערקריג (לעמאָשל, אפנ ווײַטנ מיזרעכ). אינ האַרבסט 1921 יאָר איז אפ דער וואָלגע־געגנט אונ אפנ וואַלד־סטעפּישנ פּאַס אוקראַינע אדאַנק דער אומגערעטעניש אָנגעפאַלנ זייער א שטאַרקער הונגער. אָבער שוינ אינ ערשטנ יאָר פונעמ נעפּ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָפּצושטעלנ דאָס ווײַטערדיקע פאַלנ פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאַנדווירטשאַפט. דאָס אָפּגעבנ דעמ דערנערונג־שטײַער איז געגאַנגענ מיט דערפאָלג. צופרידנשטעליק איז אויכ דורכגעגאַנגענ דער האַרבסט־פאַרזײ פונ 1921 יאָר. אינעמ דאָרפ איז ביסלעכווײַז ליקווידירט געוואָרנ דער באַנדיטיזמ.

עס האָט זיכ אויכ געהאַלטנ אינ פאַרבעסערנ די צווישנפעלקערלעכע לאַגע פונ סאָוועטנרוסלאַנד. אַסאַכ קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס האָבנ אײַנגעשטעלט מיט אונדז האַנדל־באַציִונגענ.

דער האַנדל איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דער גרונט־פאָרמע פונעמ צוזאַמענשלוס צווישנ שטאָט אונ דאָרפ; פונעמ וויסנ וויִאַזוי צו האַנדלענ איז געווענ אָפּהענגיק, ווי ווײַט שנעל אונ פעסט אונדז וועט זיכ אײַנגעבנ צונויפבינדנ די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע מיט דער פּויערשער עקאָנאָמיק. אָבער די ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגענ פלעגנ ארויסווײַזנ א ניט־גענוגע פייִקײַט צו האַנדלענ אונ צו פירנ די ווירטשאַפט. דער מעלוכישער האַנדל אונ די קאָאָפּעראַציע האָבנ געליטנ פונ א היפּשער ניט־דירעודיקײַט,— מע פלעגט האַנדלענ מיט גרויסע בײַ־הויצאָעס א. אז. וו. עס איז שנעל געוואַקסנ אינעמ האַנדל־געביט די ראָליע פונעמ פּריוואַטנ קאַפּיטאַל, וועלכער פלעגט נאָכ אפנ דאָזיקנ עטאַפּ פונעמ נעפּ מיט דערפאָלג קאָנקורירנ מיטנ מעלוכישנ אונ קאָאָפּעראַטיוונ האַנדל. בלויז פאַר איינ האַלב יאָר — פונ יאַנוואַר ביז יול 1922 יאָר — איז די צאָל פּריוואַטע האַנדל־אונטערנעמונגענ אינעמ לאַנד אויסגעוואַקסנ פונ 285 טויזנט ביז 450 438. אַזא מינ לאַגע האָט געהאַלטנ פאַרבאָרגנ אינ זיכ גרויסע געפאַרנ, ווײַל ווענ דער האַנדל וואָלט ארײַנגעפאַלנ אינ די הענט פונעמ פּריוואַטניק, וואָלט די אינדוסטריע אָפּגעשניטנ געוואָרנ פונעמ פּויערטומ אונ וואָלט אפ אימ ניט געקענט ווירקנ. בא דערדאָזיקער סיטואַציע איז צונויפגערופנ געוואָרנ דער XI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (אינ מאַרט 1922 י.).

דער XI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אונ דער סאָפּ פונעמ צוריקטרעט.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעהערט לענינס פאָרטראָג, אינ וועלכנ עס איז אונטערגעפירט געוואָרנ א סאַכאַקל פונ דער ארבעט, וואָס איז אָפּגעטאָנ געוואָרנ פאַרנ יאָר, אונ עס איז אָנגעמערקט געוואָרנ א רײ נײַע אויפגאַבעס.

לענינ האָט אָנגעוויזנ, אַז דער אריבערגאַנג פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ צומ נעפּ, וועלכער איז אָנגעהויבנ געוואָרנ לויט דער באַשטימונג פונעמ X פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, איז אינ גרונט פאַרענדיקט. די אַלטע מעטאָדנ פונ ווירטשאַפט־פירנ זײַנענ פאַרביטנ געוואָרנ אפ נײַע, צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגענ פונ דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. אינ דער אינדוסטריע, האַנדל, לאַנדווירטשאַפט, אפנ טראַנספּאָרט — אומעטומ איז די פּאַרטיי אריבערגעגאַנגענ אפ די רעלסנ פונ נעפּ. דאָס, וואָס די

[1]) Ленин, т. XXVII, стр. 231—232

פארטיי האָט אינ דערדאָזיקער הינזיכט אופגעטאָנ, איז געווענ פולקומ גענוג אפ צו דערשלאָגנ זיכ צו אנ עקאָנאָמישנ צוזאמענשלוס מיטנ פויערטומ. אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָט לענינ אינ זײַנ פאָרטראָג דערקלערט, אז דער צוריקטרעט איז פארענדיקט.

„א יאָר צײַט האָבנ מיר געהאלטנ אינ אײנ אָפּטרעטנ,—האָט געזאָגט לענינ,—מיר דארפנ איצטער זאָגנ אינ נאָמענ פונ דער פארטיי: —גענוג! דער ציל, וועלכנ דער צוריקטרעט האָט געהאט אינ זינענ, איז דערגרייכט. דערדאָזיקער פעריאָד ענדיקט זיכ, אָדער ער האָט זיכ געענדיקט“ [1].

נאָכ דעמ, ווי דער אריבערגאנג צו דער נײַער עקאָנאָמישער פאָליטיק איז פארענדיקט, האָט געזאָגט לענינ, איז דאָס וויכטיקסטע—ריכטיק צוצוקלײַבנ מענטשנ אונ אוועקצושטעלנ דעמ קאָנטראָל איבער דער אויספילונג. „ניט אינ אנשטאלטנ, ניט אינ רעאָרגאניזאציעס, ניט אינ נײַע דעקרעטנ איז דער איקער,—האָט לענינ געשריבנ נאָכ ערעוו דעמ XI צוזאמענפאָר,—נאָר אינ מענטשנ אונ אינעמ קאָנטראָל איבערנ אויספילנ“ [2]. די פראגע, ווי ווײַט שנעל אונ דערפאָלגרײַכ אונדז וועט זיכ אײַנגעבנ א רוק צו טאָנ פאָרויס די סאָציאַליסטישע בויונג, וועט געלייזט ווערנ—האָט געזאָגט לענינ—פריער פאר אלצ דורכנ ריכטיקנ צוקלײַבנ מענטשנ.

מיט א גוואלדיקער קראפט האָט לענינ אינ זײַנ פאָרטראָג פארשארפט די אופמערקזאמקײַט פונ דער פארטיי אפ דער האנדל־פראגע. לענינ פלעגט נאָכ ביזנ צוזאמענפאָר אָנווײַזנ אפנ באטײַט פונעמ האנדל אלס ספּעציעלע פאָרמ פונ צוזאמענשלוס צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, רופנדיק די פארטיי „זיכ צו לערנענ האנדלענ“. ער האָט געזאָגט, אז אויב עס איז ניטאָ קײנ בליענדיקע גרויסע אינדוסטריע, וואָס זאָל זײַנ פעיִק זיכ צו אָרגאניזירנ אזוי, אז זי זאָל מיטאמאָל באפרידיקנ דאָס פויערטומ מיט פראָדוקטנ, איז דעמלט דער אײנציקער אויסוועג צו אנטוויקלענ א מעכטיקנ בונד פונ די ארבעטער אונ פויערימ—דער האנדל אונ דער ביסלעכווײַזער אופשטײַג פונ דער לאנדווירטשאפט אונ דער אינדוסטריע.

„די פראָלעטארישע מעלוכע,—האָט געזאָגט לענינ,—דארפ ווערנ א פאָרזיכטיקער, שפּאָרעוודיקער, געשיקטער „באלעבאָס“, א פּינקטלעכער הורטסויכער,—אנדערש וועט זי דאָס קלײנפויערשע לאנד ניט קענענ אוועקשטעלנ עקאָנאָמיש אפ די פיס; קײנ אנדער אריבערגאנג צומ קאָמוניזמ איז איצט, אינ די געגעבענע באדינגענ, פאראלעל מיטנ קאפּיטאליסטישנ (דערווײַל נאָכ קאפּיטאליסטישנ) מײַרעוו, ניט פאראנ“ [3].

דידאָזיקע טעזיסנ האָט לענינ נאָכ ברייטער אנטוויקלט אפנ צוזאמענפאָר. ער האָט אָנגעוויזנ, אז די מעלוכע איז ארײַנגעטראָטנ אינ א פארביטערטנ פארמעסט מיטנ פריוואטנ סויכער אונ קאפּיטאליסט. עס גײט א פארצווייפלטער קאמפ צווישנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ מיט דער פראָלעטארישער מעלוכע: ווער וועט שנעלער אונ בעסער באהערשנ דעמ מארק אונ פארשטארקנ דעמ צוזאמענבונד מיטנ פויערטומ. דאָס פויערטומ גלייבט דער סאָוועטנמאכט אונ איז גרייט זי פולשטענדיק צו שטיצנ, נאָר אויב ס'וועט זיכ ארויסווײַזנ, אז די סאָוועטנ־מעלוכע ספּראוועט זיכ ניט מיט דער ווירטשאפט אונ האנדלט ערגער פונעמ פריוואטנ קאפּיטאליסט, איז דעמלט וועלנ די פויערימ אומפארמײַדלעכ זיכ א קער טאָנ קעגנ דער סאָוועטנמאכט.

פונ אנדערע פראגעס, וואָס זײַנענ אוועקגעשטעלט געוואָרנ אפנ צוזאמענפאָר, האָט א גרויסנ באטײַט געהאט די פראגע וועגנ דער ארבעט פונ די פראָפּפאראײנענ. דידאָזיקע פראגע איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ אינ צוזאמענהאנג מיט א גאנצער רײ וועזנטלעכע ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ פארלויפ פונעמ יאָר ארבעט אפ דער באזע פונ דער נײַער עקאָנאָמישער פאָליטיק. די מעלוכישע אונטערנעמונגענ

---

[1] Ленин, т. XXVII, стр. 238.
[2] „ „ „ 217.
[3] „ „ „ 30.

זײַנענ איבערגעגאנגענ אפֿ ווירטשאפֿטלעכער אויסרעכענונג, און דאָס האָט באַטײַט, אז זיי זײַנענ אריבערגעפֿירט געוואָרנ אפֿ קאָמערציעלע יעסוידעס.

צוגלײַכ מיט די מעלוכישע זאוואָדנ און פֿאבריקנ האָבנ זיכ באוויזנ פּריוואטע אונטערנעמערס און הענדלערס. אפֿ וויפֿל עס האָט זיכ באמ נעפּ אָנגעמערקט א געוויסע אופֿלעבונג פֿונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ, איז אײנע פֿונ די גרונט־אופֿגאבעס פֿונ די פּראָפֿפֿאריינענ איצט געווענ צו פֿארטיידיקנ די קלאסנ־אינטערעסנ פֿונעמ פּראָלעטאריאט און צו אָרגאניזירנ זײַנ קאמפֿ מיטנ קאפּיטאליזמ. אונטערשטרײַכנ־דיק די קאָלאָסאלע ראָליע פֿונ די פּראָפֿפֿאריינענ אלס א שול פֿונ קאָמוניזמ און אלס א טרײַב־רימענ פֿונ דער פּארטיי צומ ארבעטער־קלאס, האָט דער צוזאמענפֿאָר אָנגעוויזנ, אז אפֿ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ דארפֿנ די פּראָפֿפֿאריינענ פֿארשטארקנ דעמ קאמפֿ מיט די ביוראָקראטישע פֿארקריפּלונגענ און פֿארטיידיקנ די מאטעריעל־שטייגערישע נויטנ פֿונ די ארבעטנדיקע מאסנ. גלײַכצײַטיק האָט דער צוזאמענפֿאָר אונטערגעשטראָכנ, אז אינ דער ארבעטער־מעלוכע איז דער פּראָלעטאריאט פֿאראינטערעסירט אינעמ שנעלנ וווּקס און אינ דער אנטוויקלונג פֿונ דער פּראָדוקציע און אז די פּראָפֿפֿאריינענ דארפֿנ דעריבער מיט אלע מעגלעכקײַטנ מיטהעלפֿנ די מעלוכישע און ווירטשאפֿטלעכע אָרגאנענ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג. בעשאס א קאָנפֿליקט אפֿ א מעלוכישער אונטערנעמונג האָבנ די פּראָפֿפֿאריינענ באדארפֿט שפּילנ א פֿארמיטלערישע ראָליע.

א קאָלאָסאל־וויכטיקנ באטײַט פֿאר דער פֿארשטארקונג פֿונ די פּראָפֿפֿאריינענ האָט געהאט די באשטימונג פֿונעמ צוזאמענפֿאָר, אז זיי זאָלנ אריבערגײנ אפֿ א פֿרײַוויליקער מיטגלידערשאפֿט.

אפֿנ צוזאמענפֿאָר איז נאָכאמאָל אויסגעקומענ אוועקצושטעלנ די פֿראגע וועגנ דער גרופּע „ארבעטער־אָפּאָזיציע". נאָכ דעמ, ווי דידאָזיקע גרופּע איז פֿאנאנדערגעלאָזט געוואָרנ, האָט זי פֿאָרט ניט אופֿגעהערט צו פֿירנ איר פֿראקציאָנעלע ארבעט. אונטער שליאפּניקאָווס, מעדוועדיעווס און קאָלאָנטײַס אָנפֿירונג פֿלעגט די גרופּע אײַנאָרדענענ געהיימע פֿארזאמלונגענ, פֿירנ א פֿראקציאָנעלע ארבעט, און אזוי־ארומ ארײַנטראָגנ א צעלייגונג אינ די פּארטיי־רייענ. די „ארבעטער־אָפּאָזיציע" פֿלעגט רעכילעסדיק מײַנענ, אז אינ צוזאמענהאנג מיטנ אריבערגײנ צומ נעפּ האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ איבערגעבורט פֿונ דער פּארטיי און פֿונ דער סאָוועטנ־מעלוכע. די מענשעוויקעס און די אויסלענדישע סאָציאל־דעמאָקראטנ פֿלעגנ ברייט אויסנוצנ די רעכילעס, וועלכע עס פֿלעגט פֿארשפּרייטנ דידאָזיקע גרופּע. אָנהייב 1922 יאָר האָט די „ארבעטער־אָפּאָזיציע" אינ דער פּערזאָנ פֿונ 22 מיטגלידער אירע זיכ געווענדט מיט א ספּעציעלער מעלדונג צומ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל. אינ דערדאָזיקער מעלדונג איז געזאָגט געוואָרנ, אז די פּארטיי איז אראָפּגעגאנגענ פֿונ די רעלסנ פֿונ פּראָלעטארישער פּאָליטיק א. א. וו. דער קאָנגרעס האָט אנערקענט דידאָזיקע מעלדונג פֿאר א ליגנערישער און האָט דעמאסקירט די רעכילעס פֿונ דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע". דער XI צוזאמענפֿאָר האָט זיכ פֿאראייניקט צומ דאָזיקנ קאָנגרעס־באשלוס און האָט געמאכט שליאפּניקאָוונ, קאָלאָנטײַ און מעדוועדיעוונ די לעצטע און אנטשיידענע וואָרענונג.

נאָכנ XI צוזאמענפֿאָר איז פֿארנ גענעראל־סעקרעטאר פֿונעמ צ"ק פֿונ דער פּארטיי אויסגעוויילט געוואָרנ דער כ' סטאלינ. דאָס אויסוויילנ אימ האָט געהאט א קאָלאָסאלנ באטײַט פֿאר דער ווײַטערדיקער פֿארפֿעסטיקונג פֿונ די פּארטיי־רייענ און פֿארנ באוואָרענענ אנ אויסגעהאלטענע לענינישע אָנפֿירונג מיט אונדזער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

די פּארטיי־בויונג נאָכנ אריבערגאנג צומ נעפּ.

פֿאר דער צײַט פֿונ בירגערקריג איז די פּארטיי אויסערגעווײנלעכ שטארק אויסגעוואקסנ. צומ X פּארטיי־צוזאמענפֿאָר האָט די צאָל פּארטיי־מיטגלידער באטראָפֿנ 750 טויזנט מאנ. אזא ריזיקער וווּקס איז געווענ א סימענ פֿונ דער פּארטייס קראפֿט, פֿונ איר קאָלאָסאלער ווירקונג אפֿ די ארבעטנדיקע מאסנ. אָבער אינ פּראָצעס פֿונ שנעלנ

וווקס האָבן אינ דער פּארטיי באוויזנ ארײַנצודרינגענ אויכ אייניקע ניט־שטאנדהאפטיקע, ניט גענוג באוווסטזיניקע עלעמענטנ. אינ פּארטיי האָבן זיכ דורכגעשמוגלט אפּילע אייניקע פרעמדע עלעמענטנ, צוגעשארטע, קאריעריסטנ, איבערגעפארבטע מענשעוויקעס אונ עסערנ.

קעדיי צו פארשטארקנ די פּארטיי־רייענ, איז זומער 1921 יאָר דורכגעפירט געוואָרנ, אינ העסקעמ מיטנ באשלוס פונעמ פּארטיי־צוזאמענפאָר, א פּארטיי־רייניקונג. סאכאקל זײַנענ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ בא 200 טויזנט מאנ; דאָס האָט באטראָפנ אנערעכ א דריטל פונעמ גאנצנ פּארטיי־באשטאנד. די רייניקונג האָט געהאט א קאָלאָסאלנ פּאָליטישנ באטײַט. זי האָט פארגרעסערט די צונויפגעשמידטקײַט אונ שלאכטפייִקײַט פונ די פּארטיי־רייענ, האָט אויפגעהויבנ זייער אידייִש־פּאָליטישנ ניוואָ אונ אזויארומ מיטגעהאָלפנ דער פּארטיי אויסצופילנ אירע נײַע אויפגאבעס אינ די נעפּ־באדינגענ.

פארנ פּעריִאָד פונ בירגערקריג איז דער פּראָצענט ארבעטער אינ דער פּארטיי פארקלענערט געוואָרנ. אסאכ פונ די אלטע קאָמוניסטנ־ארבעטער זײַנענ אומגעקומענ אינ די שלאכטנ. צווישנ די נײַ־אויפגענומענע פּארטיי־מיטגלידער איז געווענ א גאנצ היפּשע צאָל אזעלכע, וואָס האָבן געשטאמט פונ דער קליינבירגערלעכער סוויווע. דאָס אלצ האָט ניט געקאָנט ניט האָבן קיינ ווירקונג אפ דער שטאנדהאפטיקײַט אונ שלאכטפייִקײַט פונ באזונדערע פּארטיי־רינגענ, ביפּראט נאָכ אינ צוזאמענהאנג מיטנ איבערגייִנ צומ נעפּ, ווענ עס האָט אויפגעלעבט די קליינבירגערלעכע סטיכיִע. די פּארטיי האָט זיכ געשטעלט פאר אנ אויפגאבע צו רעגולירנ דעמ סאָציִאלנ באשטאנד אירנ אזוי, אז דאָס וויכטיקסטע אָרט אינ אירע רייענ זאָלנ פארנעמענ די ארבעטער, וואָס זײַנענ דער רוקנביינ פונ דער פּארטיי. צוליב דעמ האָבן סײַ דער X, סײַ דער XI פּארטיי־צוזאמענפאָרנ באגרענעצט דאָס אויפנעמענ אינ דער פּארטיי די ניט־ארבעטער־עלעמענטנ.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ איבערגאנג פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ צומ נעפּ האָבן זיכ געענדערט אויכ די מעטאָדנ פונ דער פּארטיי־ארבעט. אפנ X צוזאמענפאָר איז באשטימט געוואָרנ ברייט פאנאנדערצוּוויקלענ די אינערלעכ־פּארטייִשע דעמאָקראטיע אונ די פּארטייִש־דערציִערישע ארבעט. צוליבנ קאמפּ פאר דער אייניקײַט אונ פעסטקײַט פונ דער פּארטיי זײַנענ פארברייטערט געוואָרנ די רעכט אונ די פליכטנ פונ די קאָנטראָל־קאָמיסיעס, וואָס זײַנענ אָרגאניזירט געוואָרנ לויטנ באשלוס פונ דער סענטיאבער־קאָנפערענצ פונ 1920 יאָר. לויט דער אָנווײַזונג פונעמ X צוזאמענפאָר איז די אויפגאבע פונ די קאָנטראָל־קאָמיסיעס באשטאנענ אינעמ פארפעסטיקנ די אייניקײַט אונ דעמ אווטאָריטעט פונ דער פּארטיי, אינעמ קאמפּ מיט די אנטפּלעקונגענ פונ ביוראָקראטיזמ, קאריעריזמ, שטייגערישער צעלייגונג א. אז. וו.

אנטשיידנ אונ סיסטעמאטיש קעמפנדיק מיט די אנטיפּארטייִשע אָפּנויגנ, האָט די פּארטיי געמאכט ריזיקע דערפאָלגנ אינעמ פארפעסטיקנ אונ פארשטארקנ אירע רייענ. די באשלוסנ פונעמ XI צוזאמענפאָר האָבן דערלאנגט דעמ שטארקסטנ קלאפּ איבער דער גרופּע „ארבעטער־אָפּאָזיציע". שפּעטער זײַנענ ליקווידירט געוואָרנ נאָכ צוויי אנטיפּארטייִשע גרופּעס — די „ארבעטער־גרופּע" אונ די גרופּע „ארבעטער־עמעס".

די „ארבעטער־גרופּע", וואָס אינ איר שפּיצ איז געשטאנענ מיאסניקאָוו, איז געווענ א בראָכשטיק פונ דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע". דאָס איז געווענ א בעפייִרעש קאָנטררעוואָליוציִאָנערע גרופּע, וואָס האָט ארויסגערוקט דעמ לאָזונג פונ פּרעסע־פרײַהײַט פאר אלעמענ — „פונ אנארכיסטנ ביז מאָנארכיסטנ" — אונ וואָס האָט זיכ פארנומענ מיטנ אָרגאניזירנ אונטערערדישע קעמערלעכ אפ צו קעמפנ קעגנ דער פּארטיי.

די גרופּע „ארבעטער־עמעס" האָט זיכ געפונענ אונטער דער שטארקסטער ווירקונג פונ באָגדאנאָוונ (א געוועזענער „אָטזאָוויסט" — אָנפירער פונ דער גרופּע „וופּעריאָד", ער האָט געהאט געפּרווט פארבײַטנ די מארקסיסטישע פילאָסאָפיע אפ אידעאליזמ; ער איז אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פּארטיי אינ 1909 יאָר). זי האָט געלייקנט אינעמ סאָציִאליסטישנ כאראקטער פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אונ אינ

דער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט און איז אינ טאָכ געווענ א וואריִאנט פונעמ קאָנטררעוואָליוציִאָנערנ מענשעוויזמ.

נישט געקוקט אפ דעמ, וואָס דער X צוזאמענפאָר האָט בעפיירעש פארווערט פראקציִאָנעלע גרופּירונגענ, איז טראָצקי פאקטיש פארבליבנ אפ זיינע אנטיפּארטייִשע פּאָזיציעס. ער האָט ניט געגלייבט אינ דער מעגלעכקייט פונ א צוזאמענשלוס מיטנ פויערטומ. ער האָט געהאלטנ, אז די פּארטיי וועט זיכ ניט ספראווענ מיט די ווירטשאפטלעכע שוועריקייטנ. אָבער באקומענדיק אנ איינמוטיקנ אָפּשטויס מיצאד דער פּארטייִשער מערהייט, האָבנ די טראָצקיסטנ זיכ פּארטייִעט, ווארטנדיק ביז עס וועלנ אָנקומענ וועלכע ניט איז גרויסע שוועריקייטנ, קעדיי דעמלט ארויסצוטרעטנ קעגנ דער פּארטיי אינ א פאנאנדערגעוויקלטנ פראָנט.

פארשטארקנדיק אונ צעמענטירנדיק אירע רייענ, אפ קיינ איינ האָר ניט אָפּטרעטנדיק פונ דער לעניניסטישער ליניע, האָט די פּארטיי אומאָפּנויגלעכ זיכ געדרוקט פאָרויס אינ געביט פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג.

לענינס לעצטער ארויסטרעט.

אינ פרילינג 1922 יאָר איז לענינ קראנק געוואָרנ. די גיגאנטישע אומופהערלעכע ארבעט, וואָס האָט געפאָדערט די גרעסטע קרעפטנ־אָנשטרענגונג, האָט ארונטערגעריסנ זיינ געזונט. אָבער אפילע אינ דערדאָזיקער לאגע פלעגט לענינ זיכ איילנ אויסצונוצנ די קורצע איבעררייסנ אינ זיינ קרענק, קעדיי אָנטיילצונעמענ אינ דער פּארטייִשער אונ מעלוכישער ארבעט. אונ הארבסט 1922 יאָר איז ער ארויסגעטראָטנ אפנ IV קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ מיט א פּאָרטראָג וועגנ די פינפיאָריקע סאָכאקלענ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע אונ די פּערספּעקטיוונ פונ דער צווישנפעלקערלעכער רעוואָליוציע. אינעמ פּאָרטראָג האָט לענינ אָנגעוויזנ אפ די ערשטע באדייטנדיקע דערפאָלגנ אינ דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. מיט שנעלע טעמפּנ איז געגאנגענ די אופשטעלונג פונ דער לייכטער אינדוסטריע אונ עס האָט זיכ געהאלטנ אינ אופהייבנ די לאנדווירטשאפט. ניט־צופרידנשטעליק האָט עס דערווייל געהאלטנ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער שווערער אינדוסטריע. אָבער אונטערפירנדיק די סאכאקלענ פונ דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, האָט לענינ שוינ געהאט די מעגלעכקייט צו זאָגנ, אז זי בארעכטיקט זיכ.

אָנהייב 1923 יאָר האָט לענינ אָנגעשריבנ א ריי ארטיקלענ: „זייטלעכ פונעמ טאָגבוכ", „וועגנ אונדזער רעוואָליוציע", „וועגנ דער קאָאָפּעראציע", „וויאזוי זאָלנ מיר רעאָרגאניזירנ די ארבעטער־פויערשע אינספּעקציע?", „בעסער ווייניקער, נאָר בעסער". דאָס זיינענ געווענ לענינס לעצטע ווערק, אינ וועלכע ער האָט אָנגעמערקט די פּערספּעקטיוונ פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ קאמפּ אונ די אופגאבעס, וואָס שטייענ פאר דער פּארטיי.

אינ איירָאָפּע האָט די רעוואָליוציִאָנערע כוואליע געהאלטנ אינ פאלנ,— די אלוועלטלעכע פּראָלעטארישע רעוואָליוציע האָט זיכ פארצויגנ. דער רוסלענדישער סאָוועטנ־רעפּובליק איז אויסגעקומענ צו בויענ דעמ סאָציִאליזמ אליינ — אינ א קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג. עס איז אופגעקומענ די פראגע, בא וואָס פאר א טאקטיק דארפ זיכ האלטנ די קאָמוניסטישע פּארטיי אינ אזוינע באדינגענ, בא וואָס פאר א פּאָליטיק דארפ זיכ האלטנ ווייטער די סאָוועטנ־רעפּובליק? לענינ האָט ארויסגעזאָגט די פעסטע זיכערקייט, אז ניט געקוקט אפנ אָפּפלוס פונ דער רעוואָליוציע אינ איירָאָפּע, וועט די פּארטיי פאָרט קענענ אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ. מיר האָבנ אלצ, וואָס איז נייטיק אונ גענוג, — האָט ער געשריבנ, — אפ אויסצובויענ א פולשטענדיקע סאָציִאליסטישע געזעלשאפט.

אָפּשטעלנדיק זיכ אפ דער אנטשיידנדיקער אופגאבע פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג — אפ דער אופגאבע צו שאפנ א גרויסע מאשינ־אינדוסטריע, האָט לענינ געהאלטנ, אז זי קענ פולשטענדיק געלייזט ווערנ באמ באדינג, אז מע וועט איינהיטנ

דעם צוזאמענשלוס מיטן פויערטום און אז מע וועט זיך האלטן באַם שטרענגסטן עקאָנאָמיע־רעזשים.

„אויב מיר וועלן אײַנהיטן פארן ארבעטער־קלאס די אָנפירונג מיטן פויער־טום, — האָט געשריבן לענין, — וועלן מיר באקומען די מעגלעכקײַט פארן פרײַז פון דער גרעסטער און גרעסטער עקאָנאָמיע אין דער ווירטשאפט פון אונדזער מעלוכע זיך צו דערשלאָגן, אז יעדער קלענסטע אײַנשפּאָרונג זאָלן מיר פאר־היטן פאר דער אנטוויקלונג פון אונדזער גרויסער מאשין־אינדוסטריע... דעמלט, —

וו. אי. לענין און י. וו. סטאלין אין גאָרקי.

האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר זײַן אימשטאנד, אויב זיך אויסדריקן בילדעריש, אריבערצוזעצן זיך פון איין פערד אפ א צווייטן, נעמלעך — פונעם פערד דעם פויערשן, קאפצאָנישן, ...אפן פערד פון דער גרויסער מאשין־אינדוסטריע, פון עלעקטריפיקאציע, וואָלכאָווברי א. אז. וו.[1]).

אינעם ארטיקל „וועגן דער קאָאָפעראציע” איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן דער לענינישער קאָאָפעראטיווער פּלאן, וועלכער האָט אָנגעמערקט די קאָלעקטיוויזאציע פון דער פויערשער ווירטשאפט „מיט א ווי ווײַט מעגלעך איינפאכן, לײַכטן און פארן פויער צוטריטלעכן וועג”. לענין האָט אָנגעוויזן, אז אין צוזאמענהאנג מיטן איבער־גאנג צום נעפּ באקומט די קאָאָפעראציע גאָר אן אויסשליסלעכן באטײַט. די קאָאָפער־ירונג פון די פויערים שאפט אן אומצערײַסלעכן פעסטן צוזאמענבונד צווישן דער פויער־שער ווירטשאפט מיט דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע. אויסנוצנדיק די קאָאָפעראציע

[1]) Ленин, т. XXVI, стр. 417.

אלס א טרײַב־רימען, באקומט די פּארטיי די מעגלעכקייט ארײַנצוציִען די ברייטע פּויערשע מאסן אין דער סאָציאליסטישער בויונג. אָנווײַזנדיק אפן ריזיקן באטײַט פון דער קאָאָפּעראציע, האָט לענין פאָרגעלייגט אָפּצוגעבן איר די סאמע ערנסטע אויפמערקזאמקייט, צו באזאָרגן זי מיט אלע נייטיקע מיטלען א. אז. וו.

ווײַטער האָט לענין געווענדט א ספּעציִעלע אויפמערקזאמקייט אפן פארבעסערן די ארבעט פונעם מעלוכישן אפּאראט, וואָס אין באזונדערע ריינגען זײַנע האָט זיך נאָך באמערקט אסאך ביוראָקראטיזם און פארשלעפּעניש. קעדיי „דער קאמף פאר פארפולקומען דעם מעלוכישן אפּאראט זאָל זײַן דערפאָלגרײַכער, האָט לענין פאָרגעלייגט צונויפצוגיסן די ארבעטער־פּויערשע אינספּעקציע מיט דער צק״ק; דאָס האָט באדארפט צוגעבן דער רק״אי נאָך א גרעסערן אויטאָריטעט. דידאָזיקע צונויפגיסונג אײַנײַנעם מיטן פארשטארקן די רק״אי מיט מיטלען, טוערס א. אז. וו. האָט זי געזאָלט פארוואנדלען אינעם שטארקסטן געצײַג אין קאמף פארן פארבעסערן דעם מעלוכישן אפּאראט.

א באזונדער זאָרג האָט לענין ארויסגעוויזן בענעגייע צו דער פּארטיי, וואָס די פּראקציאָנעלע ארויסטרעטן פון פארשיידענע אָפּאָרטוניסטישע גרופּירונגען האָבן גע־דראָט צו צעשטערן איר אייניקײַט. קעדיי צונויפצושמידן די פּארטיי און אויסצומײַדן די געפאר פון א שפּאלטונג, האָט לענין פאָרגעלייגט צו פארשטארקן די צק״ק, פאר־בינדנדיק זי נאָך פעסטער מיטן צ״ק פון דער פּארטיי.

אין דער געשטאלט פון דער רעאָרגאניזירטער רק״אי און צק״ק האָבן זיך באקומען הויך־אויטאָריטעטע אָרגאנען, וואָס האָבן געהאט אלע נייטיקע געגעבענע אפ צו פירן א דערפאָלגרײַכן קאמף פארן פארפולקומען דעם מעלוכישן אפּאראט און פארן פארשטארקן די לעניניסטישע אייניקײַט פון דער אלק״פּ(ב).

אין געביט פון די צווישנפעלקערלעכע באציִונגען האָט לענין געהאלטן פאר נייטיק שטרעבן זיך צו האלטן בא דער שאָלעם־פּאָליטיק, פארשטארקנדיק גלײַכצײַטיק די שוצפייִקײַט פונעם לאנד. ער איז געווען פעסט איבערצײַגט אינעם אָנקום פון א נײַעם אויפשטײַג פון דער צווישנפעלקערלעכער רעוואָליוציע און אינעם ענדגילטיקן זיג פונעם סאָציאליזם אין דער גאנצער וועלט.

דאָס אריבערגײַן אין אָנגריף אפ די רעלסן פון נעפּ.

פּראָקלאמירנדיק אפן XI צוזאמענפאָר דעם סאָף פונעם צוריקטרעט, האָט די פּארטיי איבערגעבויט אירע רייען און האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אריבערגיין אין אָנגריף אפ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן. די אינדוסטריע און די לאנדווירט־שאפט זײַנען געוואקסן מיט שנעלע טעמפּן. עס איז געוואקסן דער ארבעטלוין פון די ארבעטער, עס האָט זיך געהעכערט דער לעבנ־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע מאסן. אדאנק די אָנשטרענגונגען פון דער פּארטיי און דער סאָוועטנמאכט האָט זיך אײַנגע־געבן זיך צו דערשלאָגן צו באדײַטנדיקע דערפאָלגן אינעם ברענגען אין אָרדענונג דעם געלט־אומזאץ. אין הארבסט 1922 יאָר איז ארויסגעלאָזט געוואָרן דער טשער־וואָנעץ. דאָס ארויסלאָזן דעם טשערוואָנעץ איז געווען דער ערשטער טראָט; נאָך אים איז שפּעטער געקומען די פולשטענדיקע פארפעסטיקונג פונעם סאָוועטישן רובל. אפ דער באזיס פונעם אלגעמײַנעם אויפשטײַג פון דער אינדוסטריע און דער לאנדווירט־שאפט איז פאָרגעקומען אן אומפּהערלעכע פארשטארקונג פונעם סאָציאליסטישן סעק־טער. עס האָט זיך אלץ מער געפעסטיקט דער צוזאמענשלוס פונעם פּראָלעטאריאט מיטן פּויערטום. א קאָלאָסאל־וויכטיקן היסטאָרישן באטײַט האָט געהאט דאָס שאפן אין סאָף 1922 יאָר דעם פארבאנד פון סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקן, אין וועלכן עס זײַנען ארײַנגעגאנגען: רספס״ר, די טראנסקאווקאזער פעדעראציע, ווײַס־רוסלאנד און אוקראִינע [1]). די אלע רעפּובליקן האָבן זיך אײַנמוטיק פאראייניקט אין

[1]) שפּעטער—אין 1925 יאָר זײַנען אינעם פסס״ר נאָך ארײַנגעטראָטן די אוזבעקיסטאנישע און טורקמעניסטאנישע רעפּובליקן, און אין 1929—טאדזשיקיסטאן.

איינ פֿארבאנדישער מעלוכע. דאָס מיליטער־וועזנ, די אויסלענדישע פּאָליטיק, דער טראנספּאָרט, די פֿארבינדונג, דער אויסערלעכער האנדל, די אלגעמיינע אָנפֿירונג מיט דער פֿאָלקווירטשאפֿט פֿונעמ פֿארבאנד איז איבערגעגעבנ געוואָרנ צו די פֿארבאנדישע קאָמיסאריאטנ — דעמ פֿאָלק־קאָמיסאריאט פֿאר מיליטערישע אונ יאמ־אינאָנימ, דעמ פֿאָלק־קאָמיסאריאט פֿאר אויסערלעכע אינאָנימ, דעמ פֿאָלק־קאָמיסאריאט פֿארנ אויסערנ־האנדל א. אז. וו. יעדע רעפּובליק האָט איינגעהיט איר „ציק" אונ יענע פֿאָלק־קאָמי־סאריאטנ — פֿאָלקאָמבילד, פֿאָלקאָמגעזונט, פֿאָלקאָמסאָצפֿארזיכערונג א. אנד., — וואָס האָבנ צו טאָנ מיט פֿראגעס פֿונ אָרטיקנ רעפּובליקאנישנ באטייט. ניט אָפּשוואכנדיק אינ דער מינדסטער מאָס די זעלבשטענדיקייט פֿונ די באזונדערע רעפּובליקנ, האָט די פֿאריייניקונג פֿארשטארקט די מעכטיקייט פֿונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, אירע פּאָזיציעס אינעמ קאמפֿ מיטנ צווישנפֿעלקערלעכנ אימפּעריאליזמ אונ האָט באוואָרנט די דערפֿאָלגרייכסטע פֿאנאנדערוויקלונג פֿונ דער סאָציאליסטישער בויונג אינ העסקעמ מיט די אינטערעסנ פֿונעמ פֿארבאנד אינגאנצנ גענומענ.

אינ פֿרילינג 1922 יאָר האָט סאָוועטנרוסלאנד באקומענ א פֿאָרשלאָג פֿונ די אנטאנטע־רעגירונגענ צו באטייליקנ זיכ אינ די אונטערהאנדלונגענ וועגנ אופֿשטעלנ די ווירטשאפֿטלעכע פֿארבינדונגענ צווישנ סאָוועטנרוסלאנד מיט די קאפּיטאליסטישע לענ־דער. די אונטערהאנדלונגענ זיינענ צוערשט פֿאָרגעקומענ אינ גענוא (איטאליע), אונ דערנאָכ זיינענ זיי אריבערגעטראָגנ געוואָרנ קיינ האאג (האָלאנד). די קאפּיטאליסטנ האָבנ פֿאָרגעלייגט סאָוועטנרוסלאנד קרעדיטנ: זיי האָבנ אָבער געפֿאָדערט, אז זי זאָל אָפּצאָלנ די צארישע כויוועס אינ א סומע פֿונ אנערעכ 14 מיליארד רובל, אז זי זאָל זיכ אָפּזאָגנ פֿונ דער מאָנאָפּאָל פֿונעמ אויסערלעכנ האנדל אונ זאָל אומקערנ דער אויסלענדישער בורזשואזיע די העזייקעס, וואָס יענע האָט געליטנ אינ צוזאמענ־האנג מיט דער נאציאָנאליזאציע. אנדערש גערעדט, די אנטאנטע־רעגירונגענ האָבנ געפֿאָדערט, אז סאָוועטנרוסלאנד זאָל זיכ אָפּזאָגנ פֿונ די וויכטיקסטע דעראָבערונגענ פֿונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אונ זאָל געבנ איר האסקאָמע צו ווערנ א קאָלאָניע פֿונעמ צווישנפֿעלקערלעכנ אימפּעריאליזמ. די דעלעגאציע פֿונעמ סאָוועטנרוסלאנד האָט לויט דער אָנווייזונג פֿונעמ צ"ק פֿונ דער פּארטיי געענטפֿערט אפֿ אזוינע מינע פֿאָר־שלאָגנ מיטנ סאמע אנטשיידנסטנ אָפּזאָג. אָבער א גאנצער ריי כאווייריִמ האָט זיכ אויסגעדוכט, אז באמ שאפֿנ א גרויסע מאשינ־אינדוסטריע וועלנ מיר מיט אונדזערע קרעפֿטנ אליינ פֿאָרט ניט קאָנענ אויסקומענ. ניט גלייבנדיק אינ די אינערלעכע קרעפֿטנ פֿונ דער רעוואָליוציע, האָבנ זיי געהאלטנ פֿאר נייטיק א ווייטערדיקנ צוריקטרעט אונ האָבנ פֿאָרגעלייגט צו גיינ אפֿ אומדערלאָזבארע פֿשאָרעס בענעגייע דער בורזשואזיע. סאָקאָלניקאָוו האָט אריינגעטראָגנ א פֿאָרשלאָג אָפּצושאפֿנ די מאָנאָפּאָל פֿונעמ אוי־סערלעכנ האנדל. קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו האָבנ פֿארטיידיקט א פּראָיעקט איבערצו־געבנ דעמ ענגלענדער אורקווארט זיינע געוועזענע אונטערנעמונגענ אינ רוסלאנד אפֿ פֿארקנעכטנדיקע פֿאר אונדז באדינגענ. טראָצקי האָט אריינגעטראָגנ א פֿאָרשלאָג צו דערלויבנ די סאָוועטישע אונטערנעמונגענ צו פֿארזעצנ זייער פֿארמעגנ בא פּרי־וואטע קאפּיטאליסטנ. אלע אזוינע מינימ פֿאָרשלאָגנ פֿלעגנ שטענדיק קריגנ דעמ סאמע פֿעסטנ אונ אנטשיידענעמ אָפּשטויס מיצאד לענינענ אונ מיצאד דער גאנצער פּארטיי.

אָבער אינ דער סאָוועטישער אונ ווירטשאפֿטלעכער ארבעט זיינענ נאָכ געווענ אסאכ פֿעלערנ, וואָס האָבנ געשטערט פֿאנאנדערצוויקלענ דעמ אָנגריפֿ אפֿ די קאפּי־טאליסטישע עלעמענטנ. עס האָבנ נאָכ געהאט אנ אָרט ביוראָקראטיזמ אונ פֿארשלע־פּעניש. דאָס אויסהאלטנ דעמ סאָוועטישנ אונ ווירטשאפֿטלעכנ אפּאראט האָט געקאָסט זייער טייער, אונ אפֿ דעמ האָט געווענדט די אופֿמערקזאמקייט לענינ אינ זיינע לעצטע ווערק. די סאָנימ פֿלעגנ אויסנוצנ יעדנ פֿעלער פֿונעמ אפּאראט, יעדנ שוואכנ רינג זיינעמ, קעדיי ארײַצודרייסנ אונ טאָרמאָזירנ די סאָציאליסטישע בויונג. דער צושטאנד פֿונעמ האנדל האָט זיכ אפֿילע פֿארבעסערט, פֿאָרט אָבער איז ער נאָכ ניט געווענ קיינ צופֿרידנשטעליקער. די פּרייזנ אפֿ אינדוסטריעלע סכוירעס אונ אפֿ לאנדווירט־שאפֿטלעכע פּראָדוקטנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שטארק פֿאנאנדערצוגיינ, עס האָט זיכ

צווישנ זיי געשאפנ א „שער“. די פרייַזנ אפ אינדוסטריעלע סכוירעס זייַנענ געשטאַנענ זייער הויכ, פארקערט, די פרייַזנ אפ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ זייַנענ געפאלנ ביז גאָר נידעריק. דידאָזיקע „שער“ איז אנטשטאנענ צוליב א גאנצער ריי סיבעס: די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ זייַנענ ניט געווענ אינ דער גענוגער מאָס אָנגעלאָדנ, אונ דאָס פלעגט באַ דער נידעריקער ארבעט-פראָדוקטיווקייַט ברענגענ צו א הויכנ ניוואָ פונעם זעלבסטקאָסט פונ די סכוירעס; צו שוואכ איז געפירט געוואָרנ דער קאמפ מיט די בייַ-הויצאָעס; אטאכ ווירטשאפטלערס פלעגנ אינ זייער יאָגעניש נאָכ א גרויסנ רעוועכ ארופשרויפנ די פרייַזנ איבער דער מאָס א. אז. וו. אָבער דער וווּקס פונ די אינדוסטריעלע פרייַזנ באַם איינצייַטיקנ פאלנ פונ די לאנדווירטשאפטלעכע פרייַזנ האָט גענומענ שטארק שלאָגנ איבער דער קויפ-פייִקייַט פונעם פויערטום, אונ דער פאנאנדערגאנג צווישנ די פרייַזנ האָט זיכ געקענט נעגאטיוו אָפּרופנ אפנ צוזאמענשלוס צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. אייניקע ווירטשאפטלערס, וואָס האָבנ דאָס ניט געוואָלט פארשטיינ, האָבנ נאָכ העכער גענומענ אופשרויפנ די פרייַזנ. אינ דאָרפ האָט זיכ נאָכנ אייַנפירנ דעם נעפ געלאָזט מערקנ א געוויסע אופלעבונג פונ די באלעגופישע עלעמענטנ. די באלעגופים האָבנ זיכ געפרווט אייַנשפאנענ אינ זייער יאָכ די אָרעמשאפט אונ די באטראקעס, אויסנוצנדיק זייער ארבעט אפ שקלאַפישע באדינגענ. דאָס אלצ האָט אוועקגעשטעלט פאר דער פארטיי א גאנצע ריי פראגעס, וואָס מיטנ דערלייזנ זיי האָט זיכ פארנומענ דער XII פארטיי-צוזאמענפאָר (אפרעל 1923).

דער XII פארטיי-צוזאמענפאָר.

דער XII צוזאמענפאָר פונ אונדזער פארטיי איז געווענ דער ערשטער צוזאמענפאָר נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, אינ וועלכנ לענינ האָט צוליב זייַנ קרענק שוינ ניט געקאָנט נעמענ קיינ דירעקטנ אָנטייל. אָבער דער צוזאמענפאָר האָט אינ זייַנ ארבעט אויסגענוצט לענינס אלע אָנווייַזונגענ, וואָס ער האָט געמאכט אינ זייַנע לעצטע ווערק.

דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעהערט אונ באהאנדלט די פראגעס וועגנ דער אינדוסטריע, וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ, וועגנ דער נאציאָנאלער פאָליטיק א. אנד. דער צוזאמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכנ, אז דער וווּקס פונ דער אינדוסטריע איז מעגלעכ בלויז אפ דער באזע פונ איינצייַטיקער אנטוויקלונג פונ דער ערדארבעט, ווייַל די לאנדווירטשאפט איז די באזע פאר דער אינדוסטריע.

וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ האָט דער צוזאמענפאָר אנערקענט פאר נייטיק: צו פארשטארקנ אלע מינימ קאָאָפעראציע, צו באוואָרענענ דאָס באזאָרגנ דאָס פויערטום מיט קרעדיטנ אונ מיטצוהעלפנ דעם אופשטייַג פונ דער פויערשער ווירטשאפט דורכנ דורכפירנ פארשיידענע אגראָנאָמישע מאָסמיטלענ. אדאנק דער אנטוויקלונג פונעם מארק אונ פונעם געלט-אומזאצ איז פארנ פויערטום געוואָרנ אלצ לוינעוודיקער אונ באקוועמער אריַינצוטראָגנ דער מעלוכע דעם שטייַער ניט מיט טוווע, נאָר מיט געלט. דער צוזאמענפאָר האָט דעריבער באשטימט טיילווייַז צו פארבייַטנ דעם דערנערונג-שטייַער אפ א געלט-שטייַער. אינ די באשלוסנ פונעם צוזאמענפאָר איז געווענדט געוואָרנ גרויס אופמערקזאמקייַט אפנ אָרגאניזירנ די אָרעמשאפט אונ דאָס באטראקנטום אונ אפנ געבנ זיי די נייטיקע הילפ אינעם קאמפ מיטנ באלעגופ.

אינ העסקעמ מיט לענינס אָנווייַזונגענ וועגנ רעאָרגאניזירנ די רק"אי האָט דער צוזאמענפאָר באשטימט צונויפצוגיסנ די רק"אי מיט דער צק"ק אלק"פ(ב).

איינע פונ די וויכטיקסטע פראגעס אפנ צוזאמענפאָר איז געווענ די נאציאָנאלע פראגע. מיט א פאָרטראָג וועגנ דערדאָזיקער פראגע איז ארויסגעטראָטנ דער כ' סטאלינ. ער האָט אינ זייַנ פאָרטראָג פארשארפט די אופמערקזאמקייַט פונ דער פארטיי אפ דער נייטיקייַט צו פירנ א ווייַטערדיקנ קאמפ פארנ ליקווידירנ די פאקטישע אומגלייַכהייַט צווישנ די פעלקער אונ פארנ באקעמפנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ אינ דער נאציאָנאלער פראגע. אינ צוזאמענהאנג מיטנ אריבערגאנג צום נעפ אונ מיטנ טיילווייַזנ וווּקס פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ האָט זיכ אָנגעמערקט אנ אופלעבונג

פונעמ בורזשואַזנ נאַציִאָנאַליזמ, אונ אונטער זײַנ ווירקונג האָבנ זיכ אינ אײניקע פּאַרטײ־שיכטנ פאַרשטאַרקט די אָפּנויגנ אינ דער זײַט פונ גרויסמעכטיקנ שאָוויניזמ אונ אָרטיקנ נאַציִאָנאַליזמ. א באַזונדערס בולטנ אויסדרוק האָט דער אָרטיקער נאַציִאָנאַליזמ באַקומענ אינעמ פעריאָד פאַרנ XII צוזאַמענפאָר אינ דער קאָמפּאַרטײ פונ גרוזיע, ווו עס האָט זיכ געשאַפנ א גרופּע פונ די אַזוי־גערופענע גרוזינישע אָפּנויגלער׳ס. די דאָזיקע גרופּע האָט געפאָדערט פאַר גרוזיע באַזונדערע לגאָטעס אונ רעכט אָפּנ כעזשבנ פונ אַנדערע טראַנסקאַווקאַזער רעפּובליקנ — אַרמעניע אונ אַזערבײַדזשאַנ. זי פלעגט פאַרשפּרײטנ רעכילעס, אַז די פּאַרטײ דערשאַצט קלומערשט ניט די נאַציִאָנאַלע באַזונדערקײַטנ אונ נויטנ פונעמ גרוזינישנ פאָלק. די פּאַרטײ האָט אָפּנ XII צוזאַמענפאָר שאַרפ פאַרורטײלט די אָפּנויגנ אינ דער נאַציִאָנאַלער פראַגע — סײַ דעמ אָפּנויג אינ דער זײַט פונ גרויסמעכטיקנ שאָוויניזמ, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר די הויפּט־געפאַר, סײַ דעמ אָפּנויג אינ דער זײַט פונ אָרטיקנ נאַציִאָנאַליזמ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ א גאַנצע רײ באַשטימונגענ, וואָס זײַנענ געגאַנגענ לויט דער ליניע פונ פאַרשטאַרקנ דעמ קאַמפּ פאַרנ פאַרניכטנ די פאַקטישע אומגלײַכהײַט פונ די פעלקער. די באַשלוסנ פונעמ XII צוזאַמענפאָר אײנײנעמ מיט די רעזאָליוציעס פונעמ X צוזאַמענפאָר וועגנ דער נאַציִאָנאַלער פראַגע האָבנ באַשאַפנ דעמ וויכטיקסטנ יעסאָד פאַר דער נאַציִאָנאַלער פּאָליטיק פונ דער פּאַרטײ אינעמ פעריאָד פונ דער סאָציִאַליסטישער בויונג.

באַמ באַהאַנדלענ דעמ באַריכט־פּאָרטראָג פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטײ האָבנ אײניקע כאַווײרימ געמאַכט אָפּאָרטוניסטישע פּרוּווּנ צו פאַרקריפּלענ די לענינישע ליניע אינ דער פראַגע וועגנ די צווישנבאַציִונגענ צווישנ דער פּאַרטײ אונ דער מעלוכע. מיט אַזעלכע פּרוּווּנ זײַנענ אַרויסגעטראָטנ קראַסינ אונ אָסינסקי, וועלכע האָבנ געטײַנעט, אַז די פּאַרטײ־אָרגאַנענ זײַנענ ניט אימשטאַנד אַרומצוכאַפּנ אַלע קאָמפּליצירטע אונ שווערע זײַטנ פונעמ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ, אַז די פּאַרטײ שטערט אַפילע אָפּטמאָל מיט אירע אָנווײַזונגענ דער אַרבעט פונ די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנענ, אונ אַז מע דאַרפ דעריבער באַגרענעצנ די ווירקונג פונ דער פּאַרטײ אַפ די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנענ. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פונקט אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט זיכ אַרויסגעוויזנ אויכ אינ טראָצקיס טעזיסנ וועגנ דער אינדוסטריע, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צומ XII צוזאַמענפאָר אונ וואָס די פעלערנ זײערע האָט אויסגעפאָרשט דער צענטראַל־קאָמיטעט. הינטער די פּרוּווּנ אָפּצושוואַכנ די אָנפירנדיקע ווירקונג פונ דער פּאַרטײ אָפּנ מעלוכישנ אַפּאַראַט האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ די שטרעבונג צו פאַרקריפּלענ די יעסוידעס פונ דער סאָוועטישער אונ ווירטשאַפטלעכער בויונג. די איבערוועגנדיקע מערהײַט פונעמ צוזאַמענפאָר מיטנ כ׳ סטאַלינ אינ שפּיצ האָט געגעבנ אַנ אַנטשײדענעמ אָפּשטויס אָט די אַלע אָפּאָרטוניסטישע פּרוּווּנ. גלײַכצײַטיק האָט דער צוזאַמענפאָר פאַרורטײלט יעטווידנ פּרוּוו צו פאַרבײַטנ דעמ סאָוועטישנ אַפּאַראַט מיט די פּאַרטײ־אָרגאַנענ; אַזאַ מינ שטאַנדפּונקט האָט פּאַרטײדיקט זינאָוויעוו אינ זײַנ אַרויסטרעט אָפּנ XII צוזאַמענפאָר, ווו ער האָט אַנטוויקלט דעמ געדאַנק וועגנ דער „דיקטאַטור פונ דער פּאַרטײ". אינ דער רעזאָליוציע, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ צומ באַריכט פונעמ צ"ק, איז ספּעציעל אונטערגעשטראָכנ געוואָרנ די נײטיקײַט פונ א ניט־אָפּגעשוואַכטער פּאַרטײִשער אָנפירונג מיט אונדזער גאַנצער סאָוועטישער אונ ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. „נאָכ נעענטער צו דער ווירטשאַפט, נאָכ מער אויפמערקזאַמקײַט, אָנפירונג אונ קרעפטנ פאַר די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנענ — אָט דאָס איז דער פּאַרטײ־לאָזונג אָפּנ נאָענטסטנ פעריאָד", — איז געזאָגט געוואָרנ אינ דער רעזאָליוציע פונעמ צוזאַמענפאָר.

די ווירטשאַפטלעכע שוועריקײַטנ פונ די יאָרנ 1923—1924 אונ דער קאַמפּ מיט דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע.

די אויפשטעלונג פונ דער פאָלקווירטשאַפט איז נאָכנ XII צוזאַמענפאָר אומאָפּנויגלעכ געגאַנגענ פאָרויס. די גאַנצע פּראָדוקציע פונ דער גרויסער אונ מיטעלער אינדוס־

טריע האָט זיכ אופגעהויבנ אינ 1923 יאָר ביז 33% פונעם פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ (ערעוו דעמ אריבערגיינ צומ נעפ האָט זי באטראָפנ סאכאקל 18% פונעם פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ). די לאנדווירטשאפט האָט דערגרייכט ביז דריי פערטל פונ איר פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ. די צאָל אינדוסטריעלע ארבעטער איז בלויז פארנ 1922/23 ווירטשאפטלעכנ יאָר אויסגעוואקסנ אפ 17%. ענדלעכ, — אונ דאָס האָט געהאט א קאָלאָסאלנ באטייט, — האָט די אינדוסטריע אינגאנצנ גענומענ אָנגעהויבנ ביסלעכווייז צו ארבעטנ אָנ העזעק. ניט אַלע אירע צווייגנ האָבנ זיכ געפונענ אינ אנ אלציינער לאגע, — אינ דער שווערער אינדוסטריע, לעמאָשל, האָט עס געהאלטנ ערגער, — אָבער אנ אלגעמיינער אופשטייג איז פאָרט געווענ. די פארטיי האָט ביסלעכווייז גענומענ אָפגעווינענ בא די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ איינ פאָזיציע נאָכ דער אנדערער.

גלייכצייטיק האָט דער אונטערשייד צווישנ די אינדוסטריעלע אונ לאנדווירטשאפטלעכע פרייזנ („די שער”) אָנגענומענ צו הארבסט 1923 יאָר א קאָלאָסאלנ פארנעמ. אינ רעזולטאט דערפונ האָבנ די פויערימ קימאט אופגעהערט צו קויפנ אינדוסטריעלע סכוירעס. די קאָאָפעראטיוו, האנדל־אנשטאלטנ אונ טרעסטנ האָבנ אָנגעהויבנ פילנ א שארפנ מאנגל אינ אומזאצ־מיטלעג. עס זיינענ אופגעקומענ אזעלכע שוועריקייטנ, וואָס האָבנ א קלאפ געטאָנ איבער דער גאנצער פאָלקווירטשאפט. די פראגע וועגנ צוזאמענשלוס האָט נאָכאמאָל באקומענ א גאנצ שארפנ כאראקטער. אפ דער באזע פונ די ווירטשאפטלעכע שוועריקייטנ האָט זיכ אויכ פארערגערט די לאגע פונ א געוויסנ טייל ארבעטער.

די ווירטשאפטלעכע שוועריקייטנ פונ די יאָרנ 1923—1924 זיינענ אויסגענוצט געוואָרנ דורכנ טראָצקיזמ צוליב א נייעמ אָנגריפ קעגנ דער פארטיי. דעמ 8 אָקטיאבער 1923 י. האָט טראָצקי אָנגעגעבנ א מעלדונג אינ צענטראל־קאָמיטעט, באשולדיקנדיק די פארטייישע אָנפירונג, אז זי פירט דאָס לאנד צו אנ אומקומ. באלד נאָכ טראָצקיס מעלדונג איז אינ צ״ק אָנגעקומענ די פלאטפאָרמע פונ „די 46”, וועלכע עס האָבנ אונטערגעשריבנ די אָנגעזעענסטע פאָרשטייערס פונעמ טראָצקיזמ. אונטערנ דאָזיקנ דאָקומענט זיינענ געשטאנענ די אונטערשריפטנ פונ פיאטאקאָוו, פרעאָבראזשענסקינ, אי. נ. סמירנאָוונ א. אנד. צו דער טראָצקיסטישער פלאטפאָרמע האָבנ זיכ אויכ פאריי ניקט די אָנהענגערס פונ דער גרופע פונ „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ” מיט אָסינסקינ אונ סאפראָנאָוונ אינ שפיצ; עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רודערנ די רעשטלעכ פונ דער געוועזענער „ארבעטער־אָפאָזיציע” (שליאפניקאָוו אונ אנד.), וועלכע פלעגנ מיט זייערע ארויסטרעטנ קעגנ דער פארטיי מיטהעלפנ דעמ טראָצקיזמ. אזויארומ, האָבנ זיכ אונטער דער אנטיפארטייישער פאָנ פונעמ טראָצקיזמ פאריי ניקט די פארשיידנארטיקסטע עלעמענטנ, וואָס פארבונדנ צווישנ זיכ האָט זיי דער געמיינזאמער האס צו דער פארטייישער אָנפירונג.

די אָפאָזיציע מיט טראָצקינ אינ שפיצ האָט אינ דער ערשטער ריי געווענדט אירע אטאקעס קעגנ דעמ לענינישנ צ״ק אונ דעמ פארטייישנ אפאראט. די אָפאָזיציאָנערנ האָבנ געשריענ, פונקט אזוי, ווי די מענשעוויקעס אינעמ פעריאָד פונעמ II צוזאמענפאָר, אז אינ דער פארטיי איז ניטאָ קיינ דעמאָקראטיע, אז דער אפאראט האָט פארביטנ מיט זיכ די פארטיי, אז אינ דער פארטיי הערשט א פארקוועטשונג, א ביוראָקראטישער דרוק א. אז. וו. דאָס אַלצ איז געווענ א שרייענדיקער ליגנ. די פארטיי־אָנפירונג מיט כ׳ סטאלינ אינ שפיצ פלעגט סיסטעמאטיש קעמפנ פארנ פאנאנדערוויקלענ א ברייטע אינערלעכ־פארטייישע דעמאָקראטיע. ביפראט איז די פראגע וועגנ דער פארטייישער דעמאָקראטיע ספעציעל באהאנדלט געוואָרנ אפנ סענטיאבער־פלענומ פונ צ״ק אינ 1923 יאָר, נאָכ לאנג פאר דעמ, איידער די אָפאָזיציע איז וועגנ דעמ ארויסגעטראָטנ. אָבער די מייסע איז, וואָס די טראָצקיסטנ האָט ניט באפרידיקט דער לענינישער צוגאנג צו דעמאָקראטיע. דער טראָצקיזמ האָט פארשטאנענ אונטער דעמאָקראטיע פרייהייט פאר פראקציאָנעלע גרופירונגענ, אונ אָט פאר דעראָזיקער פרייהייט האָבנ געקעמפט די פאָרשטייערס פונ דער אָפאָזיציע.

דער ציל פונ דער אָפאָזיציע איז געווענ א גאנצ קלאָרער: אָנריידנ רעכילעס אפ דער פארטיי, ארונטעררייסנ דעמ צוטרוי צו איר לענינישנ צ״ק אונ פרווונ פארכאפנ

די פּאַרטיי־אָנפירונג אין די אייגענע הענט. אין דער בראָשור „דער נייער קורס" האָט טראָצקי געוואָרפן דער פּאַרטיי־אָנפירונג א רעכילעסדיקע באַשולדיקונג אין איבערגעבורט, פאַרגלייכנדיק די אַלטע באָלשעוויסטישע קאַדרען מיט די אָפּאָרטוניסטישע פירערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. שטרעבנדיק אויסצונוצן אַלס אָנשפּאַר פאַר זיך די ווייניקער פאַרהאַרטעוועטע פּאַרטיי־יוגנט, האָט טראָצקי געפּרווט אַנטקעגנשטעלן זי קעגן די „אַלטע לייט". ער האָט דערקלערט, אַז דער „באַראָמעטער פון דער פּאַרטיי", איר פילבאַרסטער און פּאָרגעשריטנסטער טייל איז די פּאַרטיי־יוגנט, באַזונדערס די סטודענטן פון די הויכשולן, וואָס אין זייער סוויווע האָט דער טראָצקיזם געפונען א געוויסן אָפּקלאַנג. די גאַנצע שולד פאַר די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן פלעגט די אָפּאָזיציע אַרופוואַרפן אויפן צ"ק. זי פלעגט שרייען, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פירט אָן אָן יעטווידן פּלאַן און גיט ניט קיין ריכטיקע דירעקטיוון. די אָפּאָזיציע־אָנהענגערס האָבן פאָרגעלייגט צו העכערן די פרייזן אויף די אינדוסטריעלע סכוירעס, אפילע ווען דאָס זאָל ברענגען צו א רויִנירונג פונעם פויערטום. זיי האָבן, אַזויאַרום, אָפּגעלייקנט דעם לענינישן קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן און דעם לענינישן לאָזונג פון א בונד מיטן מיטלפויערטום. דאָס דאַרף פלעגן די טראָצקיסטן באַטראַכטן ווי א מין „קאָלאָניע" פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, פאָרלייגנדיק איינצושטעלן מיטן פויערטום עקספּלואַטאַציע־באַציִונגען. צוגייענדיק צו די פראַגעס פון אינדוסטריעלער בויונג פון א געשעפטמאַכערישן, קאָמערציעלן שטאַנדפּונקט, האָט טראָצקי פאָרגעלייגט צו פאַרמאַכן אַלע אונטערנעמונגען, וואָס טראָגן ניט אריין קיין האַכנאָסע, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אפילע פאַרן פאַרמאַכן אַזוינע גיגאַנטן, ווי דער בריאַנסקער, פּוטילאָווער זאַוואָדן א. אַז. וו. די אָפּאָזיציע האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם איינשטעלן א פעסטן רובל, האַלטנדיק פאַר אומעגלעך צו שאַפן א שטאַנדהאַפטיקע וואַליוטע. די אַנטי־לענינישע פּאָזיציע פונעם טראָצקיזם האָט געקענט ברענגען בלויז צום פולן קראַך פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אין זייער צעשפּאַלטערישער, פאַרברעכעריש־דעזאָרגאַניזאַטערישער אַרבעט פלעגן זיך די טראָצקיסטן ניט באַגרענעצן בלויז מיט די פּאַרטיי־ראַמען, — זיי האָבן זיך געפּרווט אויפשטעלן קעגן דער פּאַרטיי דעם סאָוועטן־אַפּאַראַט און די רויטע אַרמיי.

די פּאַרטיי האָט אונטער אָנפיר פון איר לענינישן צ"ק געגעבן דעם טראָצקיזם א שאַרפן ווידערשטאַנד. צוערשט האָט זיך די טראָצקיסטן געהאַט איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך צו געוויסע דערפאָלגן אין א ריי קאָמערלעך פון די הויכשולן. אָבער אפילע די־דאָזיקע אומבאַדייטנדיקע דערפאָלגן האָבן זיך אויך געהאַלטן זייער א קורצע צייט. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער פּאַרטיי האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם טראָצקיזם.

אַלע גרעסטע פּראָלעטאַרישע צענטערס, דערין אויך מאָסקווע, פּעטראָגראַד, כאַרקאָוו, דאָנבאַס, באַקו, אוראַל א. אנד., האָבן איינמוטיק אונטערגעהאַלטן די ליניע פון דער פּאַרטיי.

די פּאָזיציע פונעם טראָצקיזם איז דעמאַסקירט געוואָרן פאַר די ברייטע פּאַרטיי־מאַסן, און דער טראָצקיזם האָט געליטן א שענדלעכן דורכפאַל. די סאַכאַקלען פונעם איינערלעך־פּאַרטיייִשן קאַמף זיינען אונטערגעפירט געוואָרן אויף דער XIII פּאַרטיי־קאָנפערענץ (יאַנוואַר 1924 י.), וועלכע האָט דערקלערט, אַז אין דער פּערזאָן פונעם טראָצקיזם „האָבן מיר פאַר זיך... ניט בלויז א דירעקטן אָפּגאַנג פונעם לעניניזם, נאָר אויך א בעפיירעש אויסגעדריקטן קליינבירגערלעכן אָפּנויג". די אָפּאָזיציע, — איז געזאָגט געוואָרן אין דער ספּעציעלער רעזאָליוציע, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, — שפּיגלט אָפּ אָביעקטיוו געגומען דעם דרוק פונעם קליינבירגערטום אויף די פּאָזיציעס פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי און אויף איר פּאָליטיק. דאָס צעקלאַפּן די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע האָט מיטגעווירקט צו א נאָך גרעסערער באַהעפטונג פון די פּאַרטיי־רייען און האָט באַוואָרנט די ווייטערדיקע דערפאָלגן אינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

לעגינס טויט און דער לעגינישער פריזיוו.

דעם 21 יאנואר 1924 י. איז געשטאָרבנ לענינ. די פארטיי האָט פארלאָרנ איר גרעסטנ פירער און אָרגאניזאטער, וואָס אונטער זײַנ אָנפיר האָט זי אינ פארלויפ פונ צוואַנציקער יאָרנ געפירט א זיגרײַכנ קאמפ. דאָס איז געווענ א גרויסער אָנווער פארנ סאָוועטישנ און אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט. אָבער נאָכ בײַס לענינ האָט געלעבט, האָט אינ דער אָנפירונג פונ דער פארטיי און רעוואָליוציע א קאָלאָסאלע ראָליע געשפילט זײַנ טרײַער און פעסטער שילער און מיטקעמפער — י. סטאלינ, וואָס איז נאָכ אפנ XI פארטיי־צוזאמענפאָר אויסגעווײלט געוואָרנ פארנ גענעראל־סעקרעטאר פונ דער פארטיי. אפנ II אלפארבאנדישנ סאָוועטנ־צוזאמענפאָר האָט כ׳ סטאלינ אינ נאָמענ פונ דער פארטיי און אינ נאָמענ פונ אלע ארבעטנדיקע פונעם לאנד געגעבנ א פלאמיקע שוווע אויסצופילנ אײַליטשס אלע אָנווײַזונגענ און געבאָטנ. אינ דערדאָזיקער מערקווירדיקער שוווע איז געווענ געזאָגט:

„אוועקגײענדיק פונ אונדז, האָט כ׳ לענינ אונדז אָנגעזאָגט צו האלטנ הויכ און היטנ אינ ריינקײַט דעם גרויסנ נאָמענ פונ א פארטיי־מיטגליד.

מיר שווערנ דיר, כ׳ לענינ, אז מיר וועלנ מיט ערע אויספילנ דעמדאָזיקנ געבאָט דײַנעם!

אוועקגײענדיק פונ אונדז, האָט כ׳ לענינ אונדז אָנגעזאָגט צו היטנ, ווי דעם שווארצאפל פונ אויג, די אײניקײַט פונ אונדזער פארטיי.

מיר שווערנ דיר, כ׳ לענינ, אז מיר וועלנ מיט ערע אויספילנ אויכ דעמדאָזיקנ געבאָט דײַנעם!

אוועקגײענדיק פונ אונדז, האָט כ׳ לענינ אונדז אָנגעזאָגט צו היטנ און צו פעסטיקנ די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

מיר שווערנ דיר, כ׳ לענינ, אז מיר וועלנ ניט שוינענ אונדזערע קויכעס, קעדיי מיט ערע אויסצופילנ אויכ דעמדאָזיקנ געבאָט דײַנעם!

אוועקגײענדיק פונ אונדז, האָט כ׳ לענינ אונדז אָנגעזאָגט צו פעסטיקנ מיט אלע קרעפטנ דעם בונד פונ די ארבעטער און פויערים.

מיר שווערנ דיר, כ׳ לענינ, אז מיר וועלנ מיט ערע אויספילנ אויכ דעמדאָזיקנ געבאָט דײַנעם!"

ווײַטער איז געזאָגט געוואָרנ, אז די פארטיי וועט אומדערמידלעכ פארפעסטיקנ און פארברײטערנ דעם פארבאנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקנ, פעסטיקנ די מעכטיקײַט פונ דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמײ און פעסט היטנ די געטרײַקײַט צו די פרינציפנ פונעם קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל, קעמפנדיק פארנ פארפעסטיקנ און פארברײטערנ דעמדאָזיקנ פארבאנד פונ די ארבעטנדיקע פונ דער גאנצער וועלט.

די שוווע, וואָס עס האָט געגעבנ דער כ׳ סטאלינ, איז געווענ א פאָנ, וואָס ארום איר האָט זיכ צונויפגעשמידט די פארטיי אינ איר קאמפ פארנ אויסבויענ דעם סאָציאַליזם און פארנ זיג פונ דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. די פארטיי איז אפ קײנ אײנ שפאנ ניט אָפגעטראָטנ פונ די יעסוידעס פונעם לענינִיזם, אויספילנדיק אונטער כ׳ סטאלינס אָנפיר אלע אָנווײַזונגענ פונ איר גרויסנ פירער — לענינענ. אפ לענינס טויט האָבנ די אומפארטײַשע ארבעטער זיכ אָפגערופנ מיט א מאסעווג ארײַנטרעטנ אינ אונדזער פארטיי. דידאָזיקע ארײַנטרעטנ האָבנ געקראָגנ דעם נאָמענ לענינישער פריזיוו. אינ הײַפעכ צו דער טראָצקיסטישער רעכילעס וועגנ דער איבערגעבורט פונ דער פארטיי, וועגנ דעם, אז די פאָליטיק פונ דער פארטיי פירט צום אומקום, און אינ הײַפעכ צום פאָרויסזאָגנ, אז דער ארבעטער־שיכט אינ דער פארטיי וועט נאָכ לאנג זײַנ א נישטבאדײַטנדיקער, האָבנ די ארבעטער ארויסגערוקט אינ דער פארטיי 203 טויזנט נײַע מיטגלידער. דאָס איז געווענ א דירעקט אָפלײקענענ די רעכילעסדיקע אויסטראכטעגישנ פונעם טראָצקיזם און האָט אײדעס געזאָגט וועגנ דעם אומצערײַסלעכנ צוזאמענבונד פונ דער פארטיי מיט די ברײטע פראָלעטארישע מאסנ. אינ רעזולטאט פונעם לענינישנ פריזיוו איז די אלגעמײנע צאָל

פאַרטיי־מיטגלידער, וואָס איז נאָכ דער ריינִיקונג פונ 1921 יאָר פאַרקירצט געוואָרנ ביז עפּעס מער פונ 400 טויזנט מאנ, איצט געשטיגנ ביז 666 טויזנט מאנ. עס איז היפּש פאַרגרעסערט געוואָרנ דער פּראָצענט אַרבעטער אינ דער פּאַרטיי, עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרנ איר אַרבעטערשער גרונט־קערנ.

דער XIII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. דער קאַמפּ קעגנ טראָצקיס „לעקציעס פונ אָקטיאַבער“.

אינ מײַ 1924 יאָר איז פאָרגעקומענ דער XIII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אינ געביט פונ ווירטשאַפטלעכער בויונג האָט דאָס לאַנד, ניט געקוקט אַפ די נעוויִעס פונ די טראָצקיסטנ וועגנ דעם אומפאַרמײַדלעכנ קראַכ פונ דער גאַנצער פּאַרטיי־פּאָליטיק, דערגרייכט צו באַדײַטנדיקע דערפאָלגנ. דער ארויסבאַקומ פונ שטיינקוילנ אונ נאַפט האָט זיכ אויפגעהויבנ ביז 50% פונעם פאַרמילכאָמעדיקנ ארויסבאַקומ; די לײַכטע אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסנ ביז 70%. דער פאַרזיי־שעטעכ האָט באַטראָפנ אַנערעכ 80% פונעם פאַרמילכאָמעדיקנ שעטעכ, דער אַרבעטלוינ איז דערגאַנגענ ביז 2/3 פונעם פאַרמילכאָמעדיקנ. דער מעלוכישער האַנדל אונ די קאָאָפּעראַציע האָבנ אויכ געמאַכט גרויסע דערפאָלגנ. אָבער זיי האָבנ זיכ נאָכ פאָרט אויסגעצייכנט מיט אַ היפּשער ניט־רירעוודיקײַט אונ ניט־בייגעוודיקײַט. צוליב דידאָזיקע אייגנשאַפטנ פונ דער קאָאָפּעראַציע פלעגט מיט איר גאַנצ דערפאָלגרײַכ קאָנקורירנ דער פּריוואַטער האַנדל, וואָס האָט אינ זײַנע הענט קאָנצענטרירט אַ גאַנצ באַדײַטנדיקנ טייל פונ דעם האַנדל־אומזאַצ אינ לאַנד. אונטערשטרײַכנדיק דעם גוואַלדיקנ באַטײַט פונ דער קאָאָפּעראַציע, האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומענ אַ גאַנצע ריי באַשלוסנ, וואָס זײַנענ געווענ געצילט צו פאַרבעסערנ איר אַרבעט, צו באַזאָרגנ זי מיט קרעדיטנ, אַראָפּצוזעצנ די גײַ־הויצאָעס א.אז.וו. די באַשלוסנ פונעם צוזאַמענפאָר זײַנענ געגאַנגענ לויט דער ליניע פונ פאַנאַנדערוויקלענ אונ פאַרווירקלעכנ דעם לענינישנ קאָאָפּעראַטיוונ פּלאַנ.

אַ גרויסע אויפמערקזאַמקײַט האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעגעבנ דער פּאַרטיי־אַרבעט אינ דאָרפ. עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ צו פאַרבעסערנ די אָרגאַניזאַציע פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכנ קרעדיט, צו אַנטוויקלענ די אַרבעט פונ די קאָמיטעטנ פאַר פּויערשער קעגנזײַטיקער הילפ, צו פאַרשטאַרקנ די אָרגאַניזאַציע פונ די באַטראַקעס אונ פונ דער דאָרפישער אָרעמשאַפט. דידאָזיקע אַלע באַשלוסנ האָבנ אינ זיכ געהאַט אייגנ גרונט־ציל: צו באַהעפטנ די אָרעמשאַפט אונ די מיטלפּויערים אַרומ דעמ אַרבעטער־קלאַס, אויפצוהייבנ זייער פּאָליטישע באַוווסטזיניקײַט, באַהעפטנדיק זיי צו דער סאָציאַליסטישער בויונג.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט דעם באַשלוס פונ דער XIII קאָנפערענצ וועגנ דעמ קליינבירגערלעכנ אָפּנויג אינ דער פּאַרטיי. דער אָנפירער פונ דער אָפּאָזיציע, טראָצקי, האָט אַפנ צוזאַמענפאָר צוגעזאָגט „צו האַלטנ די הענט בא די נעט“ („держать руки по швам“), ד. ה. אונטערצוּוואַרפנ זיכ דער פּאַרטיי־דיסציפּלינ. אָבער ווי עס האָט זיכ דערנאָכ ארויסגעוויזנ, איז דאָס בלויז געווענ אַ מאַנעווער אַפ אָפּצונאַרנ די פּאַרטיי. אינ האַרבסט 1923 יאָר האָט טראָצקי געמאַכט אַ נײַעמ ארויסטרעט, ארויסלאָזנדיק אַ זאַמלונג פונ זײַנע אַרטיקלענ מיט אַ רעכילעסדיקנ פאָרוואָרט אונטערנ נאָמענ „די לעקציעס פונ אָקטיאַבער“. אינ דעמדאָזיקנ פאָרוואָרט האָט טראָצקי אָטנ סאַמע בייזוויליקנ אויפנ פאַרקרימפּלט די גרונט־פאַקטנ פונ דער געשיכטע פונ באָלשעוויזמ. ער האָט באַהויפּט, אַז דער באָלשעוויזמ איז געוואָרנ אַנ אויסגעהאַלטענע רעוואָליוציאָנערע שטרעמונג ערשט אינ 1917 יאָר, „איבערבאַוואָפענענדיק זיכ“ אינ דער זײַט פונעם טראָצקיזמ. די הויפּט־ראָליע אינעמ אָנפירנ מיט דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש האָט טראָצקי צוגעשריבנ ניט דער פּאַרטיי אונ לענינענ, נאָר זיכ. די געשיכטע פונעם באָלשעוויזמ האָט טראָצקי אַזוי געשילדערט, קעדיי צו דיסקרעדיטירנ די פּאַרטיי אונ פאַרבײַטנ דעמ לעניניזמ אַפ טראָצקיזמ. אָבער די פּאַרטיי איז נאָכנ צעגראָמירנ די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע פונ 1923 יאָר געוואָרנ

נאָכ צוזיפגעשמאָלצענער און שטארקער. אונטערנ אָנפיר פונ איר פירער, כ׳ סטאַלינ, האָט זי שנעל אָפגעשלאָגנ דעמדאָזיקנ ארויסקריכ פונעם טראָצקיזמ.

אנ אויסשליסלעכנ באטײַט אינעם דעמאסקירנ די טראָצקיסטישע אָנשויונגענ און אײגעמ פארטײדיקנ די יעסוידעס פונעמ לעניניזמ האָט געשפילט כ׳ סטאלינס בוכ „וועגנ די יעסוידעס פונעמ לעניניזמ", וואָס איז דערשינענ אינ 1924 יאָר. דאָסדאָזיקע בוכ, וואָס האָט אפנ בעסטנ אויפנ אויסגעדריקט און ווײַטער אנטוויקלט דעמ לעניניזמ, איז געווענ דער גרעסטער אײַנלאָג אינעם אויצער פונ דער מארקס־לענינישער טעאָריע. אפ דעמדאָזיקנ בוכ, וואָס איז געווענ געווידמעט דעמ לענינישנ פריזיוו, האָבנ זיכ דערצויגנ גאנצע דורעס אײַזנפעסטע באָלשעוויקעס.

דער פלענומ פונ צ"ק האָט אינ פעווראל 1925 יאָר געמאכט טראָצקינ א שטרענגע וואָרענונג, אָנווײַזנדיק, אז עס איז אומעגלעכ צונויפצופּאָרנ דאָס זײַנ אינ דער פארטײ מיטנ פרײדיקנ א רעוויזיע פונעמ לעניניזמ און מיטנ ארונטערײַסנ די פארטײ־אײניקײַט. גלײַכצײַטיק האָט דער פלענומ אראָפגענומענ טראָצקינ פונ זײַנ פאָסטנ אלס פאָרזיצער פונ רעוומילראט. פאר פאָרזיצער פונ רעוומילראט איז באשטימט געוואָרנ דער אלטער באָלשעוויק, דער אָנגעזעענער מיליטערישער טוער און העלד פונעמ בירגערקריג—כ׳ פרונזע.

דער V קאָנגרעס פונעמ קאָמינטערנ.

נאָכנ XIII צוזאמענפאָר פונ אלק"פ(ב) איז זומער 1924 יאָר פאָרגעקומענ דער V קאָנגרעס פונעמ קאָמינטערנ. אינעמ פעריאָד צווישנ דעמ IV און V קאָנגרעסנ זײַנענ אינ א גאנצער רײ מײַרעוו־אײראָפּײַישע לענדער פאָרגעקומענ שארפע קלאסנשלאכטנ. אינ דײַטשלאנד האָבנ זיכ די ארבעטער אפ דער באזע פונעמ טיפסטנ עקאָנאָמישנ קריזיס אויפגעהויבנ צומ קאמפ קעגנ דער הערשאפט פונ דער בורזשואַזיע און געפּרוווט זיכ שאפנ אינ אײניקע ערטער (אינ 1923 י.) זײערע אײגענע ארבעטער־רעגירונגענ (אינ זאקסנ, טיורינגיע). אינ אָקטיאבער 1923 יאָר איז פאָרגעקומענ א העלדישער אופשטאנד פונ די האמבורגער ארבעטער קעגנ דער בורזשואזער דײַטשישער רעגירונג. עס זײַנענ פאָרגעקומענ בלוטיקע שלאכטנ צווישנ די רעוואָליוציאָנערע און קאָנטררעוואָליוציאָנערע קרעפטנ אינ באָלגאריע (יול און סענטיאבער 1923 יאָר). אינ 1923 יאָר זײַנענ אופגעשטאנענ די ארבעטער אינ קראקאָוו (פוילנ). אינ א רײ אײראָפּײַישע לענדער האָט זיכ געשאפנ א רעוואָליוציאָנערע סיטואציע, וואָס האָט געשטעלט אפנ טאָג־אָרדענונג די פראגע וועגנ א דירעקטנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט פאר דער מאכט. אָבער די רעוואָליוציאָנערע שלאכטנ פונ 1923 יאָר האָבנ זיכ ווידעראמאָל געענדיקט מיט א מאפּאָלע פונעמ ארבעטער־קלאס. אָנשפארנדיק זיכ אפ די אָפענע אָפּאָרטוניסטנ און צענטריסטנ פונעמ II אינטערנאציאָנאל, האָט די בורזשואזיע אויכ דאָט מאָל אָפגעשלאָגנ דעמ אָנגריפ פונ די רעוואָליוציאָנערע מאסנ. אײנע פונ די וויכטיקסטע סיבעס, וואָס האָט געבראכט צו א דורכפאל פונ די רעוואָליוציאָנערע שלאכטנ פונ 1923 יאָר, זײַנענ געווענ די גראָבע אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ, וואָס עס האָט דערלאָזט די אָנפירונג פונ א רײ קאָמוניסטישע פארטײענ.

די אָנפירונג פונ דער דײַטשישער קאָמפארטײ, וואָס אינ איר שפּיצ זײַנענ געשטאנענ די דערנאָכ אויסגעשלאָסענע פונעמ קאָמינטערנ רעכטע אָפּאָרטוניסטנ בראנדלער און טאלהײמער, איז ניט געווענ פײַיק צו שטעלנ זיכ אינ שפּיצ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אָנגריפ פונ די מאסנ. בראנדלער, טאלהײמער און זײערע אָנהענגערס האָבנ אינ טאָכ ארײַנ ניט געגלײבט אינ די קרעפטנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט. באמ צוזענ די אלצ אָנוואקסנדיקע רעוואָליוציאָנערע כוואליע האָבנ זײ זיכ פארלוירנ און ארויסגעוויזנ די גרעסטע אומבאהאָלפנקײַט, זוכנדיק שטיצע בא דער דײַטשישער סאָציאל־דעמאָקראטיע און אָפגעבנדיק איר אײנ פּאָזיציע נאָכ דער אנדערער. באזונדערס העל האָט זיכ דאָס אויסגעדריקט אינ בראנדלערס און טאלהײמערס פארקריפלענ די טאקטיק פונעמ אײנהײַטלעכנ פראָנט. אנ ארבעטער־רעגי־

רונג פלעגנ זיי זיכ פאָרשטעלנ ווי א רעגירונג „פונ א בלאָק פונ אלע ארבעטער־פארטייענ". דאָס אויסקעמפנ אנ ארבעטער־רעגירונג האָבנ זיי זיכ פאָרגעשטעלט אפ א פרידלעכנ, פארלאמענטארישנ אופנ. אדאנק בראנדלערס—טאלהיימערס פוילער פאָזיציע האָט זיכ די זאקסישע ארבעטער־רעגירונג, וועלכע האָט זיכ געשאפנ אינ 1923 יאָר, געפונענ אינגאנצנ אינ די הענט פונ די „לינקע" סאָציאַל־דעמאָקראטנ. די פארטיי אונ די מאסנ פלעגנ זיכ רייַסנ צומ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע, אָבער אינ שפיצ איז געשטאנענ א פוילע אָנפירונג, אונ דאָס האָט ניט געקענט ניט ווירקנ נעגאטיוו אפנ אויסגאנג פונעמ קאמפ.

גרויסע פעלערנ האָט אויכ דערלאָזט די קאָמוניסטישע פארטיי אינ באָלגאריע, ווו די גרויס־בורזשואזיע אינ שפיצ מיט צאנקאָווונ איז אינ יול 1923 יאָר ארויסגעטראָטנ קעגנ סטאמבאָליסקיס קליינבירגערלעכער רעגירונג. בעשאסנ געראנגל צווישנ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע אונ סטאמבאָליסקיס רעגירונג האָט זיכ די באָלגארישע קאָמפארטיי געשטעלט אפנ שטאנדפונקט פונ „נייטראליטעט", פארלייַכטערנדיק דערמיט דעמ זיג פונ דער בורזשואזער קאָנטררעוואָליוציע. זי האָט ניט פארשטאנענ, אז איר אופגאבע איז צו צעשמעטערנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע בורזשואזיע, ניט אונטערהאלטנדיק סטאמבאָליסקינ, נאָר פאָרזעצנדיק דעמ קאמפ פאר דער רעוואָליוציאָנערער מאָביליזאציע פונ די מאסנ אונטער דער פאָנ פונעמ קאָמוניזמ.

די פעלערנ, וועלכע זייַנענ דערלאָזט געוואָרנ דורכ דער אָנפירונג פונ די קאָמפארטייענ אינ דייַטשלאנד אונ אינ באָלגאריע, האָבנ באוויזנ, אז אפילע אינ די בעסטע קאָמפארטייענ פונ מייַרעוו־אייראָפע זייַנענ נאָכ געווענ שטארק די סאָציאַל־דעמאָקראטישע איבערבלייַבעכצנ. אפילע די בעסטע פארטייענ האָבנ זיכ נאָכ אסאכ באדארפט לערנענ, קעדיי געשיקט דורכצופירנ אינ לעבנ די גרונט־יעסוידעס פונ דער לענינישער טאקטיק. דעריבער האָט דער V קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ ארויסגערוקט אלס איינע פונ די גרונט־אופגאבעס — די באָלשעוויזירונג פונ די קאָמפארטייענ. די באָלשעוויזירונג האָט באטייַט, אז די מייַרעוו־אייראָפייִשע קאָמפארטייענ דארפנ אייַנייגענענ די טאקטישע אונ אָרגאניזאציאָנעלע יעסוידעס פונעמ לעניניזמ. „באָלשעוויזירונג — איז געזאָגט געוואָרנ אינ די טעזיסנ פונעמ קאָנגרעס וועגנ די טאקטיק־פראגעס — דאָס באטייַט, אז מיר דארפנ אריבערטראָגנ אינ אונדזערע סעקציעס דאָס אלצ, וואָס עס איז אינעמ רוסישנ באָלשעוויזמ געווענ אונ פאראנ אינטערנאציאָנאלס, אלגעמיינבאטייַטיקס". די באָלשעוויזירונג האָט באטייַט, אז די מייַרעוו־אייראָפייִשע קאָמפארטייענ דארפנ פארוואנדלט ווערנ אינ פעסטע אונ מעכטיקע מאסעווע פארטייענ, וואָס פארייניקנ אינ זיכ די פייִקייַט צו מאנעווירנ מיט רעוואָליוציאָנערער אומקאָמפראָמיסלעכקייַט, דעמ קאמפ פארנ סאָציאליזמ אונ פאר דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט מיטנ קאמפ פאר די אלטעגלעכע פאָדערונגענ. די באָלשעוויזירונג איז מעגלעכ געווענ בלויז אפ דער באזע פונ אנ אייַנגעשפארטנ, אייַזנפעסטנ קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אינ די אייגענע רייענ — פאר דער לענינישער ליניע אינ די פראגעס פונ טאקטיק אונ פונ אָרגאניזירנ דעמ פראָלעטארישנ קאמפ.

צו דער צייַט פונעמ V קאָנגרעס האָט דער טראָצקיזמ אָנגעהויבנ פארוואנדלט ווערנ אינ א צענטער, ארומ וועלכנ עס האָבנ זיכ גענומענ קאָנצענטרירנ פארשיידענע אָפּנויגלערס אינ די רייענ פונעמ קאָמינטערנ. אינ דייַטשלאנד האָבנ טראָצקינ אונטערגעהאלטנ בראנדלער אונ טאלהיימער, אינ פראנקרייַכ האָבנ זיכ אפ דער זייַט פונעמ טראָצקיזמ געשטעלט די שפעטער אויסגעשלאָסענע פונ דער פארטיי רעכטע אָפּאָרטוניסטנ — סוווארינ, מאָנאט אונ ראָסמער. אינ נאָרוועגיע איז פאר טראָצקינ ארויסגעטראָטנ טראנמעל, וועלכער איז דערנאָכ אויכ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פארטיי א.אז.וו. פונ דער אנדערער זייַט, האָט ראדעק, וועלכער האָט געהערט צו דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע אינ דער אלק״פ(ב), זיכ אינגאנצנ סאָלידאריזירט מיט די דייַטשישע רעכטע — מיט בראנדלערנ אונ טאלהיימערנ. דער קאָנגרעס האָט אנטשיידנ פארורטיילט סייַ די רעכטע, סייַ די „לינקע" אָפּנויגנ, וואָס האָבנ זיכ געהאלטנ אינ

אראָפּקײַקלענ צו דער פּאָזיציע פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. א באַזונדער אופ־ מערקזאַמקײַט האָט ער אָפּגעגעבנ דער פראַגע װעגנ דעמ אַרויסטרעט פונ דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע אינ סאָװעטנרוסלאַנד. דער קאָנגרעס האָט אנערקענט די פּאָליטיק פונ אלק"פּ(ב) פאַר א פולשטענדיק ריכטיקער אונ האָט שאַרפ פאַרורטײלט דעמ טראָצקיזמ, באַשטעטיקנדיק די באַשלוסנ פונ דער XIII קאָנפערענצ אונ פונעמ XIII צוזאַמענפאָר װעגנ דעמ טראָצקיזמ אלס א קלײנבירגערלעכנ אָפּנױג אינ דער פּאַרטײ. מיטנ דאָזיקנ באַשלוס האָט דער קאָנגרעס דערלאַנגט דעמ טראָצקיזמ דעמ שטאַרקסטנ קלאַפּ.

ליטעראַטור צומ צװעלפטנ קאַפּיטל.

Ленин, О профессиональных союзах, о текущем моменте и об ошибках т. Троцкого, Соч., т. XXVI, стр. 63—68, 73—81.

Ленин, Кризис партии, Соч., т. XXVI, стр. 87—94.

Ленин, Еще раз о профсоюзах, о текущем моменте и об ошибках т.т. Троцкого и Бухарина, Соч., т. XXVI, стр. 113—120, 123—136.

Ленин, Об едином хозяйственном плане, Соч., т. XXVI, стр. 168—174.

Ленин, Доклад о натуральном налоге 15 марта 1921 г. Соч., т. XXVI, стр. 237—249.

Ленин, Заключительное слово по докладу о натуральном налоге 15 марта 1921 г. Соч., т. XXVI, стр. 249—259.

Ленин, Доклад об единстве партии и анархо-синдикалистском уклоне, Соч., т. XXVI, стр. 265—271.

Ленин, Заключительное слово по докладу об единстве и анархо-синдикалистском уклоне, Соч., т. XXVI, стр. 272—276.

Ленин, О продовольственном налоге, Соч., т. XXVI, стр. 321—352.

Ленин, Новая экономическая политика и задача политпросветов. Доклад на II Всероссийском с'езде политпросветов 17 октября 1921 г. Соч., т. XXVII, стр. 37—52.

Ленин, VII Московская губпартконференция. О новой экономической политике. Доклад и заключительное слово, Соч., т. XXVII, стр. 55—78.

Ленин, XI с'езд РКП(б). Политический отчет ЦК РКП(б), Соч., т. XXVII, стр. 225—247.

Ленин, Заключительное слово по политическому отчету, Соч., т. XXVII, стр. 260—262.

Ленин, О кооперации, Соч., т. XXVII, стр. 391—397.

Сталин, Наши разногласия, сб. „Об оппозиции", стр. 5—14.

Сталин, Об очередных задачах партстроительства. Доклад и заключительное слово на XIII конференции РКП(б), стр. 51—81.

Сталин, Троцкизм или ленинизм. Речь на пленуме фракции ВЦСПС 19 ноября 1924 г., сб. „Об оппозиции", стр. 117—124.

Сталин, Заключительное слово по политическому отчету ЦК XIV с'езду ВКП(б), стр. 211—216.

דרײַצנטער קאפיטל.

די פארטיי בײַסנ אריבערגאנג צום רעקאָנסטרוקטיוונ פעריאָד.

די לאגע פונ די סאָוועטנ־רעפובליקנ נאָכנ XIII פארטיי־צוזאמענפאָר.

שוינ אינ די ערשטע נעפ־יאָרנ האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ צו היפשע דערפאָלגנ אינעם אופלעבנ די פאָלקווירטשאפט פונעם לאנד. מע האָט גענומענ אופשטעלנ די שאכטעס, פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס זײַנענ רויִנירט געוואָרנ דורכ דער מילכאָמע אונ אינטערווענצ. צום סאָפ 1925 יאָר איז די אלטע אויסשטאטונג, וואָס איז געווענ אינ לאנד, געוואָרנ אינ גרונט אָפגערעמאָנטירט אונ געלאָזט אינ גאנג. די אופשטעלונג פונ דער פאָלקווירטשאפט איז געגאנגענ פאָרויס מיט אומגעהערט־שנעלע טעמפנ, מיט אזוינע טעמפנ, וואָס זײַנענ ניט מעגלעכ אינ קיינ שום קאפיטאליסטישנ לאנד. אזוי, צום בײַשפיל, איז די מעטאל־אינדוסטריע אויסגעוואקסנ אינ 1924/25 יאָר אינ פארגלײַכ מיטנ פריִערדיקנ יאָר קימאט אינ צ וו יי מ אָ ל, אונ די אינדוסטריע אינגאנצנ גענומענ — אופ 60%. ס'האָט זיכ באמערקלעכ פארגרעסערט די ספעציפישע וואָג פונ די ס אָ צ יִ א ל י ס ט י ש ע ווירטשאפט־פאָרמעס — פונ דער מעלוכע־אינדוסטריע, מעלוכע־האנדל, קאָאָפעראציע. דער כיילעק פונעם פריוואטנ קאפיטאל האָט געהאלטנ אינ אײַנפאלנ. אינ דער אינדוסטריע האָט דער פריוואטער קאפיטאל באטראָפנ צום סאָפ 1925 יאָר בלויז בא 20%, אינעם האנדל איז דער כיילעק פונעם פריוואטניק פארקלענערט געוואָרנ אינ פארלויפ פונ 1924/25 יאָר פונ 35% ביז 27% פונעם גאנצנ אומזאצ. די געלט־רעפאָרמע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ 1924 י., האָט אײַנגעפירט אָנשטאָט דעם אנטווערטיקטנ פאפיר־געלט א פעסטע וואליוטע (דעם טשערוואָנעצ) אונ האָט פארפעסטיקט די פינאנציִעלע לאגע פונעם לאנד. דער שנעלער אופשטײַג פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט האָט געפירט צו א צאָליקנ וווקס פונעם פראָלעטאריאט אונ צו א פארבעסערונג פונ זײַנ מאטעריעלער לאגע. פונ אפרעל 1924 ביז אָקטיאבער 1925 יאָר איז די צאָל ארבעטער אויסגעוואקסנ פונ 5,5 מלנ. ביז 7 מלנ. מאנ, ד. ה. אופ 27%. דער ארבעטלוינ איז פאר דערזעלביקער צײַט אויסגעוואקסנ מערער ווי אופ 50% אונ האָט קימאט דערגרייכט ביז צום פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ, אונ אינ אייניקע פאלנ אימ אפילע אריבערגעשטיגנ. עס האָט זיכ אויכ פארבעסערט די מאטעריעלע לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ פויערטום, אונ באזונדערס פונעם אָרעמפויערטום, וואָס האָט באקומענ פונ דער מעלוכע א באדײַטנדיקע הילפ. אינ 1924/25 יאָר האָבנ די ווייניק־פארמעגלעכע שיכטנ פונעם פויערטום באקומענ פונ דער מעלוכע אלס שטיצע ארום 210 מלנ. רובל.

ס'איז באמערקלעכ פארבעסערט געוואָרנ די מאטעריעלע לאגע פונ די ארבעטער אונ פויערימ. ס'איז שנעל געוואקסנ אויכ זייער פאָליטישע אקטיוויקײַט. דורכ פארשיידענע מאסנ־אָרגאניזאציעס האָט די פארטיי גענומענ ארײַנציִענ אינ אקטיווער פאָליטישער ארבעט מיליאָנענ ארבעטער אונ פויערימ. אינ די פראָפפאריינענ, פרײַוויליקע געזעלשאפטנ, פרויִשע דעלעגאטנ־פארזאמלונגענ אונ ד. גל. איז אויסגעוואקסנ א ברייטער אקטיוו, וואָס האָט אָנגעהויבנ נעמענ דעם אקטיווסטנ אָנטייל אינ דער סאָציאליסטישער בויונג. די פארטיי האָט אלצ מער גענומענ פארפעסטיקנ איר ווירקונג אינ די מאסנ, צוזאמענשליסנ ארום זיכ די ברייטע שיכטנ פונ אומפארטייִשנ אקטיוו אונ ארײַנציִענ זײַנ בעסטנ טייל אינ אירע רייענ. פארנ 1924 יאָר איז די

פארטיי אויסגעוואקסנ פונ 446 טויזנט ביז 741 טויזנט מיטגלידער אונ קאנדידאטנ, אונ צום סאָפ 1925 יאָר איז שוינ געווענ א ריבער א מיליאָנ קאָמוניסטנ. אָט דער קאָלאָסאלער דראנג פונ די ארבעטער אינ דער פארטיי האָט העלער פונ אלצ באוויזנ, ווי שטארק ס'איז אויסגעוואקסנ אינ די מאסנ דער אווטאָריטעט פונ דער פארטיי. זייער א גרויסע אופמערקזאמקייט האָט די פארטיי גענומענ ווענדנ אפנ פארבעסערנ די אינערלעכע פארטיי־ארבעט. אריינגענומענע אינ אירע רייענ אינ פארלויפ פונ צוויי יאָר 640 טויזנט נייע קאנדידאטנ, האָט די פארטיי אנטוויקלט אנ ענערגישע ארבעט, שטרעבנדיק צו דערציִענ פונ זיי אינ מעשעכ פונעמ קירצסטנ טערמינ עמעסע באָלשעוויקעס. אינ 1924/25 יאָר איז, אינ פארגלייכ מיטנ פריִערדיקנ יאָר, אינ פיר מאָל אויסגעוואקסנ די פארטבילדונג־נעצ (אונ אינ דאָרפ אינ 25 מאָל), אינ צוויי מאָל איז פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל צייטונגענ, אינ 13 מאָל — דאָס ארויסגעבנ לענינס ווערק. ס'האָט היפש אופגעלעבט די ארבעט פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס, ס'האָט זיכ ברייטער אנטוויקלט די אינערלעכ־פארטייִשע דעמאָקראטיע, ס'איז געשטיגנ די אקטיווקייט פונ דער פארטייִשער מאסע.

די אינטערנאציאָנאלע לאגע פונעמ סאָוועטנלאנד איז אינ דעמ פעריאָד אויכ באמערקלעכ פארפעסטיקט געוואָרנ. די פארשטארקונג פונעמ סאָוועטנפארבאנד האָט געצווונגענ די קאפיטאליסטנ, זיי זאָלנ דערווייל דולדנ „דאָס פרידלעכע צוזאמענלעבנ" מיטנ פסס"ר. דעמ קאפיטאליזמ איז געלונגענ צייטווייליק ארויסצוקראטשקענ זיכ פונ דעמ עקאָנאָמישנ כאאָס, אינ וועלכנ ער איז געבליבנ שטעקנ נאָכ דער מילכאָמע. די פראָדוקציע אונ דער האנדל אינ די קאפיטאליסטישע לענדער האָבנ צו יענעמ מאָמענט זיכ דערנעענטערט צומ פארמילכאָמע־ניוואָ. איינצייטיק דערמיט איז נאָכנ צעקלאפנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ דייטשלאנד אינ 1923 יאָר אונ נאָכנ דערשטיקנ דעמ באָלגארישנ אופשטאנד אינ 1923 יאָר אָנגעקומענ אינ דער אלוועלטלעכער ארבעטער־באוועגונג א געוויסער שטילשטאנד, אנ אָפפלוס פונ דער רעוואָליוציע. דאָס איז געווענ א פעריאָד, ווענ דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט האָט געזאמלט קויכעס, איבערגעבויט זיינע רייענ צוליב א נייעמ אָנגריפ. די אלק"פ(ב) אונ דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל האָבנ דעמאָזיקנ פעריאָד א נאָמענ געגעבנ פעריאָד פונ טיילווייזער סטאביליזאציע, ד. ה. פונ פארפעסטיקנ די דערגרייכטע דורכנ קאפיטאליזמ לאגע. מיר האָבנ צוויי סטאביליזאציעס — האָט געזאָגט דער כ' סטאלינ, —

„אפ איינ פאָליוס סטאביליזירט זיכ דער קאפיטאליזמ, פארפעסטיקנדיק די דערגרייכטע לאגע אונ זיכ אנטוויקלענדיק ווייטער. אפנ צווייטנ פאָליוס סטאביליזירט זיכ די סאָוועטנ־אָרדענונג, פארפעסטיקנדיק פאר זיכ די דעראָבערטע פאָזיציעס אונ באוועגנדיק זיכ פאָרויס אפנ וועג צומ זיג...

... וואָס פאר אנ אונטערשייד איז פאראנ צווישנ דידאָזיקע צוויי סטאביליזאציעס? ווּהינ פירט איינע אונ די צווייטע סטאביליזאציע?

די סטאביליזאציע אינ די באדינגענ פונ קאפיטאליזמ, פארשטארקנדיק צייטווייליק דעמ קאפיטאל, פירט צוזאמענ דערמיט אומבאדינגט צומ פארשארפנ די ווידערשפרוכנ פונעמ קאפיטאליזמ: א) צווישנ די אימפעריאליסטישע גרופעס פונ פארשיידענע לענדער; ב) צווישנ די ארבעטער אונ קאפיטאליסטנ פונ יעדער לאנד; ג) צווישנ דעמ אימפעריאליזמ אונ די קאָלאָניאלע פעלקער פונ אלע לענדער.

די סטאביליזאציע אָבער אינ די באדינגענ פונ דער סאָוועטנ־אָרדענונג, פארשטארקנדיק דעמ סאָציאליזמ, פירט צוזאמענ דערמיט אומבאדינגט צומ מילדערנ די ווידערשפרוכנ אונ צומ פארבעסערנ די קעגנזייטיקע באציונגענ: א) צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ דעמ פויערטומ אינ אונדזער לאנד; ב) צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ די קאָלאָניאלע פעלקער פונ די אונטערדריקטע לענדער; ג) צווישנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ די ארבעטער פונ אלע לענדער" [1].

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 111.

אנערקענענדיק די סטאביליזאציע פונ קאפיטאליזמ, פלעגנ די פארטיי אונ דער קאָמינטערנ שארפ אונטערשטרײַכנ איר צײַטווײַליקנ, ניט־שטאנדהאפטיקנ כאראקטער; זיי פלעגנ אָנווײַזנ, אז דער אָנגעקומענער צײַטווײַליקער אָפּפלוס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג וועט זיכ אומפארמײַדלעכ פארבײַטנ אפ א נײַעמ צופלוס. די סטאביליזאציע פונעמ קאפיטאליזמ האָט איינצײַטיק געפירט צומ פארשארפנ אלע ווידערשפרוכנ פונעמ אימפעריאליזמ: עס האָבנ זיכ גענומענ פארשטארקנ די ווידערשפרוכנ צווישנ באזונדערע אימפעריאליסטישע מעלוכעס, צווישנ די אימפעריאליסטישע לענדער אונ די קאָלאָניעס, צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ דער בורזשואזיע אינ אלע מעלוכעס. עס זײַנענ אלצ שארפער געוואָרנ די ווידערשפרוכנ צווישנ דער קאפיטאליסטישער וועלט אונ פסס"ר.

די ענגלישע בורזשואזיע האָט דעמלט פאָרגענומענ א צעיושעטע צוגרייטונג צו א נײַער אינטערווענצ קעגנ פסס"ר, צונויפשליסנדיק צוליב דעמדאָזיקנ צוועק אונדזערע מײַרעוודיקע שכײנימ — רומעניע, פוילנ, לאטוויע, עסטאָניע, פינלאנד. די אלק"פ(ב) אונ דער קאָמינטערנ האָבנ געפירט אנ אומדערמידלעכנ קאמפ קעגנ דער זיכ אָנרוקנדיקער מילכאָמע־געפאר. ניט געקוקט אפ די פילצאָליקע פראָוואָקאציעס, האָט די פארטיי מיט דער גרעסטער פעסטקײַט געפירט א שאָלעמ־פאָליטיק, פלעגט דעמאסקירנ די צוגרייטונג צו א נײַער מילכאָמע, האָט גענומענ פארפעסטיקנ די האנדל־באציִונגענ צווישנ פסס"ר אונ די קאפיטאליסטישע לענדער. אינ הארבסט 1924 יאָר האָבנ פראנקרײַכ אונ יאפּאָניע אָפיציעל אנערקענט פסס"ר, דאָס האָט איידעס געזאָגט וועגנ א באדײַטנדיקער פארפעסטיקונג פונ דער אינטערנאציאָנאלער לאגע פונ פסס"ר.

גלײַכצײַטיק דערמיט האָט די פארטיי געטאָנ אלצ, וואָס איז מעגלעכ, אפ צו פארשטארקנ די רויטע ארמיי, האָבנדיק פעסט אינ זינענ, אז וואָס שטארקער ס'וועט זײַנ די רויטע ארמיי, אלצ שווערער וועט זײַנ די אימפעריאליסטנ אָנצוהייבנ א מילכאָמע קעגנ פסס"ר.

אינ 1924/25 יאָר איז אונטער מ. וו. פרונזעס אָנפיר, אונ נאָכ זײַנ טויט — אונטער ק. יע. וואָראָשילאָווס אָנפיר, פאָרגענומענ געוואָרנ א „מיליטערישע רעפאָרמע". עס איז פארבעסערט געוואָרנ די אָרגאניזאציע פונ דער ארמיי, פארשטארקט געוואָרנ איר טעכנישע קראפט, פארפעסטיקט געוואָרנ די קאדרענ, באדײַטנדיק געהעכערט געוואָרנ די פאָליטיש־דערציִערישע ארבעט אונ די שלאכט־לערנונג אינ דער ארמיי, פארפעסטיקט געוואָרנ דער פאָליטישער אפאראט אינ דער ארמיי. דאָס אלצ האָט נאָכ העכער אופגעהויבנ די דיסציפלינ אינ דער רויטער ארמיי אונ נאָכ מער פארשטארקט איר שלאכט־פײַיִקײַט.

די דערפאָלגנ, וואָס דער סאָוועטנפארבאנד האָט דערגרייכט פאר די פיר יאָר נײַע עקאָנאָמישע פאָליטיק, האָט די פארטיי דעראָבערט אינ א פאראקשנטנ קאמפ קעגנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ. דערלאָזנדיק באמ אײַנפירנ דעמ נעפ אינ געוויסע גרענעצנ האנדל־פרײַהײַט, האָט די פארטיי געוווסט, אז דאָס וועט ארויסרופנ א געוויסנ וווקס פונ קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אינ לאנד. אינעמ אופשטעל־פעריִאָד האָבנ אופגעלעבט די שטאָטישע בורזשואזיע (דער נעפמאנ) אונ דאָס באלעגופנטומ אינ דאָרפ. די פרעמדע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ דורכ פארשיידענע וועגנ ארײַנגעדרונגענ אינ סאָוועטנ־אפאראט, האָבנ געפירט א פארביסענעמ קאמפ קעגנ דער פאָליטיק פונ דער פראָלעטארישער מעלוכע, שטרעבנדיק צו פארקערעווענ די אנטוויקלונג פונעמ לאנד אפ א קאפיטאליסטישנ וועג. דער ווידערשטאנד פונעמ קלאסנסוינע איז געוואָרנ אלצ שטארקער, וואָס מער ס'האָט זיכ גענומענ פארפעסטיקנ די סאָציאליסטישע ווירטשאפט אונ וואָס אנטשיידענער די פארטיי האָט גענומענ דורכפירנ די פאָליטיק פונ באגרענעצנ אונ ארויסשטויסנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ.

דאָס באלעגופנטומ האָט אינ זײַנ קאמפ קעגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט גענומענ אָנווענדנ אלע מיטלענ, ניט אָפּשטעלנדיק זיכ פארנ דערהארגענענ סאָוועטישע טוערס, אקטיוויסטנ, דאָרפקאָרנ א. א. וו. אינ גרוזיע האָבנ די מענשעוויקעס בא דער שטיצע פונ די אויסלענדישע אימפעריאליסטנ אונ אָנשפארנדיק זיכ אפ די געוועזענע אדללײַט־ערדבאזיצערס אונ אפ די באלעגופימ אָרגאניזירט אינ אווגוסט 1924

יאָר אנ אופשטאנד. דערדאָזיקער אופשטאנד איז איננ מעשעכ פונ עטלעכע טעג ליקווידירט געוואָרנ. דאָס האָט אָבער באַשייַמפערלעכ באַוויזנ, ווי פארביסנ דער קלאסנטורינע קעמפט קעגנ דער סאָוועטנמאכט. גלייַכצייַטיק דערמיט איז צווישנ די אָרעמ־מיטעלע מאסנ פונעמ פויערטומ געווענ איננ דעמדאָזיקנ פעריאָד א באַשטימטע אומצופרידנקייַט מאכמעס דעמ מאנגל איננ אינדוסטריעלע סכוירעס אונ די הויכע פרייַזנ אפ זיי. ווו־ניט־ווו זייַנענ נאָכ פארבליבנ אייניקע רעשטלעכ פונעמ מיליטערישנ קאָמוניזמ. איננ א רייִ פאלנ האָט זיכ געלאָזט פילנ די אדמיניסטרירונג, דאָס ברעכנ דעמ פרינציפ פונ אויסגעוויילטקייַט, דאָס אומגעזעצלעכע צונעמענ באַמ מיטלפויער דאָס וואלרעכט א. אנד. דאָס אלצ פלעגט ארויסרופנ אנ אומצופרידנקייַט באַ די מיטלפויערימ אונ באַ א טייל אָרעמפויערימ איננ דאָרפ. אויסנוצנדיק דידאָזיקע אומצופרידנקייַט, האָט דער באַלעגופ מיט אלע קויכעס גענומענ פרוווונ אופצושטעלנ די אָרעמ־ אונ מיטלפויערימ קעגנ דער פאָליטיק פונ דער פארטיי אונ פונ דער סאָוועטנמאכט. איננ אייניציקע פאלנ פלעגט די באַלעגופימ געלינגענ נאָכצופירנ נאָכ זיכ א געוויסנ טייל מיטלפויערימ אונ אפילע אָרעמפויערימ. דעריבער האָט די פארטיי שוינ באַלד נאָכנ XIII צוזאמענפאָר אוועקגעשטעלט מיט דער גאנצער שארפקייַט די פראגע וועגנ דער ארבעט איננ דאָרפ, קעדיי צו פאריכטנ די פארגאנגענע פעלערנ אונ צו פארפעסטיקנ דעמ בונד מיט די גרונט־מאסנ אָרעמ־אונ מיטלפויערימ.

די XIV פארטיי־קאָנפערענצ.

די הויפט־אופגאבע איננ דעמדאָזיקנ פעריאָד איז באַשטאנענ אינעמ צוזאמענשליסנ ארומ דעמ פראָלעטאריאט די הויפט־מאסע פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ אונ אינעמ פארשטארקנ די פארטיי־אָנפירונג איננ דאָרפ.

„דאָס וויכטיקסטע באַשטייט איצט דערינ, אז מע זאָל זיכ צוזאמענשליסנ מיט דער הויפט־מאסע פונעמ פויערטומ, אופהייבנ זייַנ מאטעריעלנ אונ קולטורעלנ ניווע אונ זיכ א לאָז טאָנ פאָרויס צוזאמענ מיט דערדאָזיקער גרונט־מאסע אפנ וועג צומ סאָציאליזמ“ [1] — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ.

צוליב דעמ איז פריִער פונ אלצ נייטיק געווענ אופצושטעלנ אונ אופצוהייבנ די פויערשע ווירטשאפט, צו פארגרעסערנ די צאָל לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ, וואָס דאָס פויערטומ ווארפט ארויס אפנ מארק, צו פארברייטערנ אפ אזא אויפנ דעמ סכוירע־אומזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

אפ דער XIV אלפארבאנדישער קאָנפערענצ (וואָס איז פאָרגעקומענ איננ אפרעל 1925 י.) האָט די פארטיי דורכגעפירט א גאנצע רייִ מאָסמיטלענ, וואָס האָבנ געזאָלט מיטווירקנ דער אנטוויקלונג פונ דער אָרעמ־מיטלפויערשער ווירטשאפט.

קעדיי צו פארינטערעסירנ דעמ פויער, ער זאָל בעסער באַארבעטנ די ערד, זייַנענ פארבאָטנ געוואָרנ אָפטע איבערפארטיילונגענ פונ דער ערד. ס׳איז דערלויבט געוואָרנ אָפצוגעבנ אונ צו נעמענ ערד איננ ארענדע. דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקייַט אויסצונוצנ יענע ערד־פלעצער, וואָס זייַנענ איבער די אָדער יענע סיבעס צייַטווייַליק געבליבנ ניט באַארבעט. עס איז דערלאָזט געוואָרנ אָנצווענדנ לוינ־ארבעט איננ דער פויערשער ווירטשאפט באַמ שטרענגסטנ אָפהיטנ די סאָוועטישע ארבעט־געזעצנ. דאָס האָט געזאָלט געבנ דעמ מיטלפויער א מעגלעכקייַט פולער אויסצונוצנ די פרייַע ארבעט־קראפט, וואָס איז געווענ איננ דאָרפ. גלייַכצייַטיק איז פאר דער אָרעמשאפט געווענ באַוואָרנט א פולקומע שטיצע פונ אירע אינטערעסנ מיצאד דער מעלוכע, א שטיצע קעגנ די עקספלואטאטערישע שטרעבונגענ פונעמ באַלעגופ. עס איז פארשטארקט געוואָרנ די ערד־אייַנאָרדענונג־ארבעט, פארבעסערט געוואָרנ די אגראָנאָמישע הילפ פארנ פויערטומ א. אז. וו. דער לאנדווירטשאפטלעכער שטייַער איז אראָפגעזעצט געוואָרנ קימאט אפ 40%, דערבייַ האָט דידאָזיקע פארקלענערונג אָנגערירט אויסשליסלעכ די אָרעמשאפט אונ די מיטלפויערימ. ס׳איז געגעבנ געוואָרנ שטיצע פאר

---

[2]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр 128.

די קוסטארנ, אונ אדאנק דעם האָט זיכ פארגרעסערט די צאָל אינדוסטריִעלע סכוירעס פארנ דאָרפ. אָט די אלע מאָסמיטלענ זײַנענ געווענ געצילט צום פארפעסטיקנ די אָרעמ־מיטלפויערשע ווירטשאפטנ, צום העכערנ די פראָדוקטיווקײַט פונ דער לאנדווירטשאפט. זיי האָבנ געזאָלט אלמעגלעכ סטימולירנ די אָרעמפויערים אונ באזונדערס די מיטלפויערים צו אנטוויקלענ זייער ווירטשאפט, צו העכערנ זייער פארינטערעסירטקײַט אינעם פארברייטערנ די פארזיי־שעטעכנ, אינעם פארבעסערנ די ערדבאארבעטונג א. אז. וו. פארבעסערנדיק די לאגע פונ דער מיטלפויערשער ווירטשאפט, האָט דידאָזיקע פאָליטיק געזאָלט פארפעסטיקנ דעם בונד צווישנ דעם פראָלעטאריאט אונ דער גרונטיקער מיטלפויערשער מאסע אינ דאָרפ. דאָס באלעגופנטום אינ דאָרפ האָט זיכ געפרווט אויסנוצנ אינ זײַנע אינטערעסנ אָט די אלע מאָסמיטלענ, וואָס האָבנ געזאָלט סטימולירנ די אנטוויקלונג פונ דער אינדיווידועלער אָרעמ־מיטלפויערשער ווירטשאפט. אָבער די פראָלעטארישע מעלוכע, האָבנדיק אינ אירע הענט די גרויס־אינדוסטריע, די בענק, דעם מעלוכע־אפאראט, האָט אויסגענוצט איר גאנצע קראפט אפ צו דערשטיקנ די עקספלואטאטארישע טענדענציעס פונעמ באלעגופ אונ האָט געפירט אנ אומאָפבייגלעכע פאָליטיק פונ באגרענעצנ אונ ארויסשטויסנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, פארשטארקנדיק אונ פארפעסטיקנדיק די סאָציִאליסטישע ווירטשאפטפאָרמעס. די הויפט־לאסט פונ די שטײַערנ איז אריבערגעלייגט געוואָרנ אפ די פלייצעס פונעמ באלעגופישנ טייל אינ דאָרפ. מיט דער הילפ פונ אירע דערנערונג־רעזערוונ האָט די מעלוכע רעגולירט דעם מארק אונ אונטערגעהאלטנ די פרײַזנ אפנ געהעריקנ ניוואָ, אראָפרײַסנדיק אפ אזא אויפנ די ספעקולאנטישע מאכינאציעס פונעמ באלעגופ.

אינ דידאָזיקע באדינגענ האָט באקומענ דעם גרעסטנ באטײַט די קאָאָפעראציע. די אָרעמ־אונ מיטלפויערים האָבנ גענומענ דורכ דער קאָאָפעראציע פארקויפנ זייערע פראָדוקטנ אונ אײַנקויפנ אינדוסטריִעלע סכוירעס, לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס א. אז. וו. דערמיט האָבנ זיי זיכ גענומענ צוזאמענשליסנ מיטנ סאָוועטישנ מארק, מיט דער סאָציִאליסטישער אינדוסטריע. דורכ די פארשיידענע מינימ קאָאָפעראציע האָט די פראָלעטארישע מעלוכע גענומענ אָנפירנ מיט די מיליאָנענ צעשטויבטע אָרעמ־מיטלפויערשע ווירטשאפטנ. גלײַכצײַטיק איז די גאנצע פארטיי־פאָליטיק אינ דער קאָאָפעראציע געווענ געצילט צום ארויסשטויסנ אונ באגרענעצנ דאָס באלעגופנטום. עס איז פארשטארקט געוואָרנ דער קאמפ קעגנ אומווירטשאפטלעכקײַט אונ גנייוועס. די קאָאָפעראציע איז פארפעסטיקט געוואָרנ מיט טוערס.

אָט די גאנצע ארבעט פונ דער פארטיי איז געווענ געצילט צום פארווירקלעכנ לענינס קאָאָפעראטיוו פלאנ, וועלכנ ער האָט אָנגעמערקט אינ זײַנע לעצטע ארטיקלענ („וועגנ קאָאָפעראציע”). די פארטיי פלעגט באטראכטנ די געבוריכערישע, לאנדווירטשאפטלעכע, קרעדיטישע אונ געווערבישע קאָאָפעראציע בלויז אלס *דעם ערשטנ טראָט*, וואָס וועט אינ דער צוקונפט צוגרייטנ דאָס פויערטום צו דער העכסטער קאָאָפעראציע־פאָרמע — צום פארגעזעלשאפטלעכנ די פראָדוציר־מיטלענ, צו דער *קאָלעקטיוויזאציע*.

פארפעסטיקנדיק די אָרעמ־מיטלפויערשע ווירטשאפט, האָט די פארטיי גלײַכצײַטיק פארשטארקט מיט אלע מיטלענ די *פאָליטישע* ארבעט אינ דאָרפ. די פארטיי האָט געשטרעבט צו פארקערעווענ די אויסגעוואקסענע פאָליטישע אקטיווקײַט פונ די אָרעמ־מיטלפויערשע שיכטנ אפנ פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, ניט לאָזנדיק דעם באלעגופ אויסנוצנ דידאָזיקע אקטיווקײַט אינ זײַנע אינטערעסנ.

נאָכ מיט עטלעכע כאדאָשימ פאר דער XIV קאָנפערענצ, אינ אָקטיאבער 1924 י., האָט דער פלענום פונ צ״ק לויט כ׳ מאָלאָטאָווס פאָרטראָג וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ ארויסגערוקט די אופגאבע *אופצולעבנ די ארבעט פונ די סאָוועטנ*. די XIV קאָנפערענצ האָט אינ אירע באשלוסנ אונטערגעשטראָכנ, אז דער קאמפ פארנ אופלעבנ די סאָוועטנ איז איינער פונ די איקערדיקע מאָסמיטלענ, וואָס וועט מיטהעלפנ פארפעסטיקנ דעם פראָלעטארישנ אָנפיר אינ דאָרפ. דורכפירנדיק דידאָזיקע ליניע אינ דער פראקטיק, האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ, אז די סאָוועטנ האָבנ זיכ

נאָכ מער דערנעענטערט צו די אָרעמ־מיטלפויערשע מאסנ, אז זייער אָנפירערישע ראָליע איז נאָכ מער אויסגעוואקסנ. די פארטיי האָט שטרענג נאָכגעשפירט נאָכנ אָפהיטנ דעמ וואל־פרינציפ אינ די סאָוועטנ. אינ די סאָוועטנ האָבנ גענומענ ארויסגערוקט ווערנ אומפארטייישע פויערימ אונ פויערטעס, וואָס האָבנ אנ אוטאָריטעט בא דער מאסע. אפ אזא אויפנ האָט זיכ גענומענ שאפנ א ברייטער אומפארטייִשער אקטיוו.

אנ ענערגישנ קאמפ האָט די פארטיי געפירט פארנ פארפעסטיקנ די רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט, קעגנ די פאלנ פונ מיסברויכנ מיט דער מאכט אונ ברעכנ די סאָוועטישע געזעצנ מיצאד איינצלנע אָרטיקע טועדס. אָט די אלע מאָסמיטלענ זיינענ אויכ געווענ געצילט צומ פארפעסטיקנ דעמ בונד פונעמ פראָלעטאריאט מיט די מיטלפויערשע מאסנ אינ דאָרפ אונ צומ ענדגילטיקנ פארניכטנ אלע רעשטלעכ פונ מיליטערישנ קאָמוניזמ.

גלייכצייטיק האָט די פארטיי גענומענ לייגנ גרויס אויפמערקזאמקייט אפ דער דאָרפישער אָרעמשאפט, וואָס איז געווענ דער אָנשפאר פאר דער סאָוועטנ־מאכט אינ דאָרפ. אונגדזער אויפגאבע, האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ, איז אָרגאניזירנ דעמ קאמפ פונעמ אָרעמפויערטומ אונ אָנצופירנ מיט דעמדאָזיקנ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופנטומ. די פארטיי האָט אינ אירע באשלוסנ (אפ דער XIV קאָנפערענצ, אפ די פלענומס פונ צ״ק אינ אפרעל אונ אינ אָקטיאבער 1925 י.) ספעציעל אונטערגעשטראָכנ, אז ס׳איז נייטיק א באזונדער אויפמערקזאמע באציִונג צו די נויטנ פונ דער אָרעמשאפט אונ א שטיצע פאר דערדאָזיקער אָרעמשאפט. עס איז פארשטארקט געוואָרנ די מאטעריעלע הילפ פארנ אָרעמפויערטומ אינ דער פאָרמע פונ ארויסגעבנ האלוואָעס אונ שטיצע פאר די אָרעמפויערשע קאָלווירטנ א. אנד. דער אָקטיאבער־פלענומ פונ צ״ק אינ 1925 יאָר האָט צו כ׳ מאָלאָטאָווס פאָרטראָג ארויסגעטראָגנ א באשלוס וועגנ אָרגאניזירנ אָרעמשאפט־גרופעס. דידאָזיקע גרופעס האָבנ גענומענ געשאפנ ווערנ בא די סאָוועטנ, בא דער קאָאָפעראציע, בא די קאָמיטעטנ פונ דער פויערשער קעגנזייטיקער הילפ אונ האָבנ פאריייניקט די אָרעמפויערימ אונ די באטראקעס, וואָס זיינענ אהינ אריינגעגאנ. די אָרעמשאפט־גרופעס האָבנ געזאָלט, ווי כ׳ סטאלינ האָט אָנגעוויזנ, —

„...ליקווידירנ די צעשטויבטקייט פונ דער אָרעמשאפט אונ געבנ איר א מעגלעכקייט צו אָרגאניזירנ זיכ מיט דער הילפ פונ די קאָמוניסטנ אינ א זעלבשטענדיקער פאָליטישער קראפט, וואָס זאָל קענענ דינענ פארנ פראָלעטאריאט אלס אָרגאניזירטער אָנשפאר אינ דאָרפ אינעמ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופ, אינעמ קאמפ פארנ מיטלפויערטומ" [1].

ביים די איבערוואלנ אונ אינ דער גאנצער ארבעט פונ די דאָרפ־אָרגאניזאציעס פלעגנ די אָרעמשאפט־גרופעס פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ דער אָרעמשאפט אונ פונעמ באטראקנטומ. אָרגאניזירנדיק די אָרעמשאפט אונ פאראייניקנדיק ארומ איר די מיטלפויערשע מאסנ, האָט די פארטיי גענומענ איזאָלירנ דאָס באלעגופנטומ אינ דאָרפ אונ צוזאמענשליסנ די גרונט־מאסנ פונ די ארבעטנדיקע פויערימ צוליבנ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופ.

קעדיי צו באוואָרענענ דאָס אויספירנ אָט די אלע אויפגאבעס, האָט די פארטיי דורכגעפירט א גרויסע ארבעט אפ צו פארפעסטיקנ די דאָרפישע פארטיי־אָרגאניזאציעס. עס איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרנ א גרויסע פארטייִש־דערציִערישע ארבעט. עס זיינענ ברייטער אריינגעצויגנ געוואָרנ אינ דער פארטיי באטראקעס, אָרעמפויערימ אונ דער בעסטער טייל מיטלפויערימ. עס האָבנ זיכ גענומענ פארפעסטיקנ די קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס. עס איז לעבעדיקער געוואָרנ די ארבעט פונ די קאָמוניסטישע פראקציעס אינ די סאָוועטנ, אינ דער קאָאָפעראציע, אינ די קאָמיטעטנ פונ פויערשער קעגנזייטיקער הילפ. עס איז פארשטארקט געוואָרנ דאָס

[1]) Сталин, Политотчет на XIV с’езде партии, стр. 46.

אויסרוקנ פּאָשעטע ארבעטער אונ פויערימ אפ אָנפירנדיקער ארבעט. א ברייטנ פארנעמ האָט באַקומענ דאָס שעפטומ פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ איבערנ דאָרפ. אינ דאָרפ זײַנענ אוועקגעשיקט געוואָרנ 3 טויזנט פּראָפּאַגאַנדיסטנ.

אָט דאָס זײַנענ געווענ די גרונט־מאָסמיטלענ בענעגייע דעמ דאָרפ, וואָס די פארטיי האָט דורכגעפירט אינ 1925 יאָר. שוינ אינ עטלעכע כאָדאָשימ ארומ האָבנ זיכ געלאָזט פילנ די פּאָזיטיווע רעזולטאַטנ פונ דערדאָזיקער פּאָליטיק. עס האָט זיכ באַדײַטנדיק פארבעסערט די פּאָליטישע שטימונג פונעמ פויערטומ אונ ס׳איז אויסגעוואַקסנ זײַנ צוטרוי צו דער פארטיי. דער אויטאָריטעט פונ דער סאָוועטנמאַכט אינ דאָרפ איז געשטיגנ. אינ דער סאָוועטנבויונג זײַנענ ארײַנגעצויגנ געוואָרנ נײַע שיכטנ ארבעטנדיקע. עס איז געשטיגנ די אַקטיווקײַט באַ די וואַלנ. ארומ די סאָוועטנ אונ דער קאָאָפּעראַציע איז אויסגעוואַקסנ א היפשער אומפּארטײיִשער אַקטיוו, וואָס, שטיצנדיק זיכ אפ אימ, האָט די פארטיי פארפעסטיקט איר אָנפירונג.

גלײַכצײַטיק מיט די פראגעס וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ האָט די XIV קאָנפערענצ באַהאַנדלט די פראגע וועגנ *דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע*, אונ ביפּראַט וועגנ דער *מעטאַל־אינדוסטריע*. די קאָנפערענצ האָט צו כ׳ דזערזשינסקיס פאָרטראָג מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט אָנגעוויזנ אפ דער *נייטיקײַט צו אנטוויקלענ אַמשנעלסטנ די מעטאַל־אינדוסטריע*. אינ פארבינדונג דערמיט, וואָס די גאַנצע אַלטע אויסשטאַטונג איז אינ גרונט געווענ אויסגענוצט אונ געלאָזט אינ גאַנג, איז די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע מעגלעכ געווענ בלויז אפנ וועג פונ אויפבויענ נײַע אונטערנעמונגענ אונ פונ איבערויסשטאַטנ די אַלטע. דאָס האָט אָבער געפאָדערט א קאָלאָסאַלע אנטוויקלונג פונ דער מעטאַל־אינדוסטריע.

„...די מעטאַל־אינדוסטריע איז די גרונט־באַזע פונ דער אינדוסטריע ביקלאַל, ווײַל ניט די לײַכטע אינדוסטריע, ניט דער טראַנספּאָרט, ניט דאָס הייצוואַרג, ניט די עלעקטריפיקאַציע, ניט די לאַנדווירטשאַפט קאָנענ ניט אוועקגעשטעלט ווערנ אפ די פיס אָנ א מעכטיקער אנטוויקלונג פונ דער מעטאַל־אינדוסטריע. דער וווּקס פונ דער מעטאַל־אינדוסטריע איז די באַזע פארנ וווּקס פונ דער גאַנצער אינדוסטריע ביקלאַל אונ פונ דער פאָלקווירטשאַפט ביקלאַל“[1], — האָט געזאָגט דער כ׳ סטאַלינ.

די קאָנפערענצ האָט מאָביליזירט די גאַנצע פארטיי צומ קאַמפ פאר מעטאַל. דער מעטאַל־פּלאַנ אפנ 1924/25 יאָר איז אינ פארגלײַכ מיטנ פאָריקנ יאָר פארגרעסערט געוואָרנ קימאַט אינ צוויי מאָל (360—370 מלנ. רובל קעגנ 191 מלנ. רובל). עס איז געלאָזט געוואָרנ אינ גאַנג א גאַנצע ריי קאָלאָסאַלע זאוואָדנ אונ באַזונדערע צעכנ, וואָס האָבנ פריִער ניט געאַרבעט. די פארטיי האָט אפ אזא אויפנ געגרייט די נייטיקע באַדינגענ, קעדײי א רוק צו טאָנ פאָרויס אינ דער נאָענטסטער צײַט די אינדוסטריאַליזאַציע פונעמ לאַנד.

די פראגע וועגנ דעמ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד אונ דער קאַמפ פונ דער פארטיי קעגנ דער „נײַער אָפּאָזיציע“.

א קאָלאָסאַל־וויכטיקנ באַטײַט האָבנ געהאַט די באַשלוסנ פונ דער XIV פארטקאָנפערענצ וועגנ *דער מעגלעכקײַט פונ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד*.

נאָכ אינ די יאָרנ פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט לענינ דערוויזנ, אז ס׳איז מעגלעכ דער זיג פונ סאָציאַליזמ פריִער אינ געציילטע אונ אפילע אינ איינ, באַזונדער גענומענעמ, קאַפּיטאַליסטישנ לאַנד. די פארטיי האָט שוינ אינ די מילכאָמע־יאָרנ געפירט אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאַמפ פאר אָט דער לענינישער לערע—קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ טראָצקי א. אנד., וואָס האָבנ אינ דערדאָזיקער לערע געלייקנט. בעשאַס דער רעוואָליוציע אינ 1917 יאָר פלעגנ לענינ אונ סטאַלינ שטענדיק אונטערשטרײַכנ

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 131—132.

אינ זייער קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ (קאמעניעוו, ריקאָוו, פרעאָבראַזשענסקי א. אנד.), אז ס'איז יאָ מעגלעכ דער זיג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאנד, קאָנקרעט גערעדט, אינ רוסלאנד. נאָכנ אָקטיאבער ליגט דידאָזיקע לענינישע לערע וועגנ דער מעגלעכקייט פונ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאנד אינ גרונט פונ דער גאנצער פארטיי־פּאָליטיק. אָט די צענטראַלע אידיי פלעגט די פארטיי מיט לענינענ אינ שפיצ שטענדיק פארטיידיקנ אינ קאמפ קעגנ אַלע אָפּאָרטוניסטנ. אזוי, צומ בייַשפיל, האָט די פארטיי אינ 1918 י. אינ קאמפ קעגנ די „לינקע קאָמוניסטנ" אופגעדעקט, אז זייער אנטיפארטייִשע פּאָזיציע האָט אויכ געשטאמט פונעמ לייקענענ אינ דער מעגלעכקייט פונ א זיג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאנד.

לענינ האָט ניט איינמאָל אָנגעוויזנ די וועגנ, דורכ וועלכע די פארטיי קאָנ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאנד. ניט לאנג פאר זייַנ טויט האָט ער ווידער געשריבנ, אז מיר האָבנ „אַלצ, וואָס איז נייטיק אונ גענוג אפ אויסצובויענ א פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט", אז „דאָס נעפישע רוסלאנד וועלנ מיר פארוואנדלענ אינ א סאָציאַליסטישנ". לענינס פלאנ פונ עלעקטריפיצירנ דאָס לאנד אונ זייַנ קאָאָפעראטיווער פלאנ האָבנ באשטימט די גענעראַלע פארטיי־ליניע אינעמ קאמפ פארנ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ.

די XIV קאָנפערענצ האָט אינ אירע רעזאָליוציעס ווידער מיט דער גאנצער קראפט אונטערגעשטראָכנ די לענינישע פרינציפנ וועגנ דערדאָזיקער פראגע. זי האָט שארפ געשטעמפלט די אנטיפארטייִשע פּאָזיציע טראָצקיס, וועלכער האָט געהאלטנ אינ אייג לייקענענ די מעגלעכקייט פונ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאנד.

דאָס איז געווענ א פעריאָד, ווענ די פארטיי האָט ליקווידירט די ווירטשאפטלעכע רויִנירטקייט, האָט צוריקופגעשטעלט די אינדוסטריע אונ אָנגעהויבנ אריבערגייִנ צומ איבערבויענ די גאנצע פאָלקווירטשאפט אפ א נייַער טעכנישער באזע. פונ דער אנדערער זייַט, איז אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד די אַלוועלטלעכע פראָלעטארישע רעוואָליוציע פארהאלטנ געוואָרנ אונ ס'איז אָנגעקומענ א צייַטווייַליקע טיילווייַזע סטאביליזאציע פונעמ קאפיטאַליזמ. בא אזא סיטואציע האָט די פראגע וועגנ דער מעגלעכקייט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ איינ לאנד באקומענ א קאָלאָסאַלנ פּאָליטישנ באטייַט. „מע קאָנ ניט בויענ, ווי ס'געהער צו זייַנ, ניט ווימנדיק, צוליב וואָס דו בויסט",— האָט געזאָגט כ' סטאַלינ. אינ וועלכער ריכטונג צו בויענ, וואָס בויענ, וואָסערע דארפנ זייַנ די פערספעקטיוו פונ אונדזער בויונג,—דאָס זייַנענ אלצ אזעלכע פראגעס, וואָס ניט לייזנדיק זיי, האָט די פארטיי ניט געקאָנט מאכנ קיינ איינ טראָט פאָרויס. צי בויענ מיר צוליבנ פארפעסטיקנ דעמ קאפיטאַליזמ, אָדער צוליבנ אויסבויענ א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט?

„צי האָבנ מיר די מעגלעכקייט צו בויענ א סאָציאַליסטישע ווירטשאפט איצט, אינ די נעפ־באדינגענ, בא א טיילווייַזער סטאביליזאציע פונ קאפיטאַליזמ,—אָט אינ דעמ באשטייט איצט איינע פונ די וויכטיקסטע פראגעס פונ אונדזער פארטייִשער אונ סאָוועטישער ארבעט"[1],—האָט געזאָגט כ' סטאַלינ.

אפ דערדאָזיקער פראגע האָט די פארטיי אָנ שומ וואקלענישנ געענטפערט, אז דאָס לאנד פונ פראָלעטארישער דיקטאטור, וואָס איז ארומגערינגלט מיט קאפיטאַליסטנ, קאָנ אונ דארפ אויסבויענ בא זיכ דעמ סאָציאַליזמ. דאָס באטייַט, אז די פארטיי קאָנ באוואָרענענ דעמ זיג פונ די סאָציאַליסטישע עלעמענטנ איבער די קאפיטאַליסטישע, קאָנ אויפוועקנ די ארבעטנדיקע מאסנ פונעמ פויערטומ אפנ סאָציאַליסטישנ וועג, מאכנ א סאָפ צו דער פונ אמאָל געיִארשנטער טעכנישער אונ קולטורעלער אָפגעשטאנענקייט, אָרגאניזירנ בא זיכ א סאָציאַליסטישע ווירטשאפט, ליקווידירנ די קלאסנ, פארוואנדלענ אַלע ארבעטנדיקע אינ ארבעט־לייַט פונ דער אָנקלאסעווער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט.

די פארטיי איז ארויסגעגאנגענ דערפונ, אז מיר קאָנענ אונ דארפנ אויסבויענ מיט אייגענע קויכעס א פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט

[1]) Сталин, Об оппозиции, стр. 464.

אינ אונדזער לאנד, בײַקומענדיק אַלע אינערלעכע שוועריקײַטנ און ווידער־שפרוכנ. אָבער צוגלײַכ מיט די אינערלעכע ווידערשפרוכנ זײַנענ נאָכ פאראנ ווידערשפרוכנ אויסערלעכע — ווידערשפרוכנ צווישנ פסס״ר און דער קאפיטאליס־טישער וועלט. קאָלזמאנ פסס״ר געפינט זיכ אינ א קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג, אזוי לאנג וועט עקזיסטירנ די געפאר פונ אנ אינטערווענצ, די דראָונג מיצאד דער אימפעריאליסטישער וועלט, וואָס וועט שטרעבנ צו צעשמעטערנ דאָס לאנד פונ פראָלעטארישער דיקטאטור. דעריבער, קאָלזמאנ מיר בלײַבנ אינ א קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג, קאָנ מענ ניט רעכענענ, אז דאָס לאנד פונ פראָלעטארישער דיקטאטור איז גאראנטירט פונ א געפאר פונ אויסנ.

„א פולע גאראנטיע פונ אנ אינטערווענצ, — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ, — און דאָס הייסט אויכ דער ענדגילטיקער זיג פונ סאָציאליזמ — איז דעריבער מעגלעכ בלויז אינ א צווישנפעלקערלעכנ מאסשטאב, בלויז אינ רעזולטאט פונ געמיינזאמע אָנשטרענגונגענ פונ די פראָלעטאריער אינ א ריי לענדער, אָדער — נאָכ בעסער — בלויז אינ רעזולטאט פונעמ זיג פונ פראָלעטאריאט אינ עטלעכע לענדער“ [1]).

קעגנ דער פארטיי־פּאָליטיק, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרנ אפ דער XIV קאָנ־פערענצ, האָבנ אָנגעהויבנ א קאמפ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיכ געפרווט ארויפרײַסנ די פארטיי־ליניע. צום ערשטנ האָבנ קעגנ דער פארטיי־ליניע אָנגעהויבנ אנ אטאקע די „לינקע“ אָפּאָרטוניסטנ, וואָס האָבנ דעמלט באקומענ דעמ נאָמענ „נײַע אָפּאָזיציע“. אלס פירערס פונ דער „נײַער אָפּאָזיציע“ זײַנענ ארויס־געטראָטנ זינאָוויעוו און קאמעניעוו. טייקעפ נאָכ דער XIV קאָנפערענצ האָבנ זיי אָנגעהויבנ א קאמפ קעגנ אירע באשלוסנ. אינעמ גרונט פונ דער גאנצער אנטיפאר־טייִשער ליניע פונ דער „נײַער אָפּאָזיציע“ איז געלעגנ איר לייקענענ אינ לענינס לערע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונעמ זיג פונ סאָציאליזמ אינ איינ לאנד.

אינ אָט דער באשליסנדיקער גרונט־פראגע זײַנענ קאמעניעוו און זינאָוויעוו איבער־געגאנגענ אריבער אפ די פּאָזיציעס פונ טראָצקיזמ, לייקענענדיק אינ דער מעגלעכקײַט אויפצובויענ דעמ סאָציאליזמ אינ איינ לאנד. ארויסגייענדיק דערפונ, האָט די „נײַע אָפּאָזיציע“ געלייקנט אינעמ סאָציאליסטישנ כאראקטער פונ אונדזער גאנצער בויונג. זי איז ארויסגעטראָטנ מיט אנטיפארטייִשע באהויפּטונגענ, אז די גאנצע סיסטעמ פונ דער סאָוועטנווירטשאפט איז מעלוכע־קאפיטאליזמ, ד. ה. אזא קאפיטאליזמ, וואָס געפינט זיכ אונטער מעלוכע־קאָנטראָל. די אָפּאָזיציע האָט געטײַנעט, אז דער נעפּ דאָס איז א פּאָליטיק פונ אָפּטרעטנ, אז דער נעפּ דאָס איז קאפיטאליזמ. די סאָציאליסטישע אינדוסטריע, די מאָנאָפּאָל פונ אויסערלעכנ האנדל, דעמ מעלוכע־באנק, וואָס זײַנענ די וויכטיקסטע קאָמאנדיר־הייכנ פונ סאָציאליזמ, פלעגט די אָפּאָזיציע רעכילעסדיק אָנרופנ מעלוכע־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגענ. צום מעלוכע־קאפיטאליזמ פלעגט די אָפּאָזיציע צורעכענענ אויכ די קאָאָפּעראציע, האגאמ די פארטיי האָט ניט איינמאָל אָנגעוויזנ, אז די קאָאָפּעראציע איז דער גרויסער טראקט צומ סאָציאליזמ, דער וויכטיקסטער רינג, וואָס מיט זײַנ הילפ וועט אינ דער סיסטעמ פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט אײַנגעשלאָסנ די צעשטיבטע אָרעמ־מיטלפויערשע ווירטשאפט.

אינ הארבסט 1925 יאָר האָט זינאָוויעוו ארויסגעלאָזט א בוכ „לעניניזמ“, אינ וועלכנ ער האָט אונטער דער מאסקע פונ רעפערירנ לענינס לערע אנטוויקלט די אנטיפאר־טייִשע טעאָריע פונ דער „נײַער אָפּאָזיציע“, פארקריפלענדיק אפנ גראָבסטנ אויפנ אַלע גרונט־פראגעס פונ לעניניזמ.

אנ אויסשליסלעכע, באשליסנדיקע ראָליע אינעמ דעמאסקירנ דידאָזיקע אנטיפאר־טייִשע אײַנשטעלונג האָט געשפּילט כ׳ סטאלינ, וואָס אונטער זײַנ אָנפיר האָט די

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 125.

פארטיי דורכגעפירט דעם גאנצנ קאמפ קעגנ דער „נײַער אָפּאָזיציע". אינעם קאמפ קעגנ קאמעניעוונ און זינאָוויעוונ האָט כ' סטאלינ אינ זײַנע ארבעטנ („צו די פראגעס פונ לעניניזמ", „וועגנ דעם סאָציאַל־דעמאָקראטישנ אָפּנויג אינ אונדזער פארטיי", „נאָכ א מאָל וועגנ דעם סאָציאַל־דעמאָקראטישנ אָפּנויג אינ אונדזער פארטיי" א. אנד.) מיט אנ אויסשעפּנדיקער פולקײַט פאנאנדערגעארבעט און ווײַטער אנטוויקלט לענינס לערע וועגנ דעם זיג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאנד, וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, וועגנ די וועגנ אויסצובויענ א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט א. אנד. אָט דידאָזיקע כ' סטאלינס ארבעטנ האָבנ דעמ גרעסטנ פּאָליטישנ און טעאָרעטישנ באטײַט פאר דער אלק"פּ(ב) און פארנ קאָמינטערנ.

איר אריבערגאנג אפ די טראָצקיסטישע פּאָזיציעס אינ די גרונט־פראגעס פונ דער פארטיי־פּאָליטיק האָט די „נײַע אָפּאָזיציע" צוגעדעקט מיט רעכילעסדיקע געשרייענ וועגנ דער איבערגעבורט פונ דער פארטיי, וועגנ איר אריבערגאנג אפ באלעגופישע רעלסנ א. אז. וו. די באשלוסנ פונ דער XIV קאָנפערענצ וועגנ דער פארטיי־פּאָליטיק אינ דאָרפ פלעגט די „נײַע אָפּאָזיציע" ליגנעריש שילדערנ ווי א נאָכגעב דעמ באלעגופ, ווי א שטיצע פארנ באלעגופ. קעדיי אראָפּצורײַסנ די פארטיי־ליניע, האָבנ קאמעניעוו און זינאָוויעוו אָנגעהויבנ פאניקיאָריש צעבלאָזנ אינ זייערע עפנטלעכע ארויסטרעטונגענ אינ דער פרעסע און אפ פארזאמלונגענ די באלעגופישע געפאר אינ לאנד. מיט דער הילפ פונ בעכיירעש פאלשע ציפערנ פלעגנ זיי טײַנענ, אז דאָס באלעגופנטומ האלט אינ זײַנע הענט שיר ניט צוויי דריטל פונ דער גאנצער טוווע אינ לאנד, אז די באלעגופימ האָבנ „פארפלייצט" אלע דאָרפראטנ א. ד. גל. זיכ צודעקנדיק מיט „לינקע" פראזעס וועגנ דער באלעגופישער געפאר, זיכ פארשטעלנדיק פאר א פארטיידיקערנ פונ דער אָרעמשאפט, האָט די „נײַע אָפּאָזיציע" געפירט א קאמפ קעגנ דער לענינישער פּאָליטיק פונ א בונד צווישנ דעמ פראָלעטאריאט מיטנ מיטלפויער, געפרווט שטויסנ די פארטיי צו אנ אײַנרײַס מיט דער גרונט־מאסע מיטלפויערימ אינ דאָרפ. זינאָוויעוו פלעגט אָפנ ארויסטרעטנ קעגנ דער נייטיקײַט פונ א בונד מיטנ מיטלפויער; ער פלעגט רעכילעסדיק באהויפּטנ, אז לענינ איז געווענ ניט פאר א בונד מיטנ מיטלפויער, נאָר פארנ נייטראליזירנ דעמ מיטלפויער בא דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. די „נײַע אָפּאָזיציע" פלעגט, אזויארומ, אָפנ ארויסטרעטנ קעגנ דעמ גרונטיקנ סטראטעגישנ לאָזונג, וואָס איז דעקלארירט געוואָרנ דורכ דער פארטיי לויט לענינס פאָרשלאָג אפנ VIII פארטיי־צוזאמענפאָר און וואָס פלעגט פונ דעמלט אָנ דורכגעפירט ווערנ. די אָנשויונגענ און לאָזונגענ פונ דער אָפּאָזיציע, „לינקע" לויט זייער פאָרמע און מענשעוויסטישע לויטנ טאָכ, האָבנ אָפּגעשפיגלט דעמ דראנג פונ דער קלייִנבירגערלעכער סטיכיִע אפ דער פארטיי, די שטרעבונג פונ די קלייִנבירגערלעכע עלעמענטנ אָפּצושוואכנ די אלק"פּ(ב) און די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט.

אינ די פראגעס פונ פארטייִשער בויונג האָט די אָפּאָזיציע ארויסגערוקט א דעמאגאָגישע פאָדערונג, אז צומ קומענדיקנ צוזאמענפאָר זאָל אינ דער פארטיי זײַנ ניט ווייניקער פונ 90% וואָרשטאט־ארבעטער. דאָס האָט באטײַט, אז די פארטיי האָט געזאָלט אינ דעמ נאָענטסטנ יאָר אויסוואקסנ אפ א 4—5 מלנ. נײַע מיטגלידער, ד. ה. ארײַנעמענ אינ אירע רייענ קימאט דעמ גאנצנ ארבעטער־קלאס פונ לאנד. אָט די קלוימערשט „לינקע" פאָדערונג וואָלט פארוואנדלט די פארטיי אינ א מענשעוויסטישער „ברייטער פארטיי", וואָלט צונישט געמאכט יעדנ אונטערשייד צווישנ דער פארטיי אלס דעמ פאָרגעשריטענעמ טייל פונעמ ארבעטער־קלאס און צווישנ דער אומפארטייִשער מאסע. די פארטיי האָט אנטשיידנ דעמאסקירט דעמ אנטיפארטייִשנ, מענשעוויסטישנ כאראקטער פונ דערדאָזיקער פאָדערונג פונ דער אָפּאָזיציע.

אינ לענינגראד, ווו ס'האָט געארבעט זינאָוויעוו, איז דער „נײַער אָפּאָזיציע" געוועזנ געלונגענ דורכ גענארערײַ צו פארכאפּנ אפ א געוויסער צײַט אינ אירע הענט די אָנפירונג פונ דער אָרגאניזאציע. די אָפּאָזיציע האָט דאָ פאנאנדערגעוויקלט אנ אקטיווע פראקציאָנעלע ארבעט: זי פלעגט פארשפרייטנ אָפּאָזיציאָנעלע דאָקומענטנ, אײַנאָרדענענ פארזאמלונגענ א. אז. וו. די צײַטונג „לענינגראדסקאיא פראוודא", דער

אָרגאנ פונעם לענינגראדער קאָמיטעט, איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א פראקציאָנעלנ אָפאָזיציע־אָרגאנ, וואָס פלעגט טאָג־איינ, טאָג־אויס פירנ א קאמפ קעגנ דער פארטיי. אָפ דער גובערניאלער קאָנפערענצ אינ דעקאבער 1925 יאָר האָט די אָפאָזיציע אָפ־גענארט די ארבעטער־דעלעגאטנ, פארבאהאלטנדיק פאר זיי אירע מיינונג־פארשיידנ־הייטנ מיט דער פארטיי. די אָפאָזיציע האָט דורכגעשמוגלט אפ דער קאָנפערענצ אירע אנטיפארטייִשע מיינונגענ אונטער דער מאסקע פונ פארטיידיקנ די ליניע פונ צ״ק. אדאנק דעם איז דער אָפאָזיציע געלונגענ דורכצופירנ אירע אָנהענגערס אינ באשטאנד פונ גובקאָם אונ אפנ XIV פארטיי־צוזאמענפאָר.

די פארטיי האָט גלייכ פונ אָנהייב אָנ געגעבנ א שארפנ אָפשניט דער „נייער אָפאָזיציע". א גאנצע ריי פארטיי־קאָנפערענצנ, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ איינצייטיק מיט דער לענינגראדער, אינ דער ערשטער ריי די מאָסקווער, האָבנ אפנ אנטשיידנסטנ אויפנ פארמישפעט די אנטיפארטייִשע ארויסטרעטנ פונ דער „נייער אָפאָזיציע" אונ האָבנ איינמוטיק זיכ צוזאמענגעשלאָסנ ארומ דעם לענינישנ צ״ק.

דער XIV צוזאמענפאָר פונ אלק״פ(ב) — דער צוזאמענפאָר פונ דער אינדוסטריאליזאציע פונ פסס״ר.

דער XIV פארטיי־צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומענ אינ דעקאבער 1925 יאָר. דעם פאָליטישנ באריכט אפנ צוזאמענפאָר האָט געמאכט כ׳ סטאלינ. ער האָט אונטערגעפירט די סאכאקלענ פארנ פריערדיקנ פעריאָד אונ האָט אָנגעמערקט דעם ווייטערדיקנ וועג פונ דער סאָציאליסטישער בויונג. פאר די ערשטע פינפ יאָר נעפ האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ צו קאָלאָסאלע דערפאָלגנ אינעמ אופשטעלנ די פאָלקווירטשאפט. אפנ טאָג־אָרדענונג האָבנ זיכ געשטעלט נייע אופגאבעס.

„אויב דעמלט, אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ דער נייער עקאָנאָמישער פאָליטיק, — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ, — האָבנ מיר געמוזט אָנהייבנ פונ דער לאנדווירטשאפט, ווייל די אנטוויקלונג פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט איז געווענ געווענדט אָנ דער לאנדווירטשאפט, איז איצט, קעדיי פאָרצוזעצנ די בויונג פונעם סאָציאליסטישנ פונדאמענט פונ אונדזער ווירטשאפט, קעדיי א רוק צו טונ פאָרויס די ווירטשאפט אינגאנצנ גענומענ, נייטיק צו קאָנצענטרירנ די אופמערקזאמקייט דאפקע אפ דער אינדוסטריע. איצט קאָנ די לאנדווירטשאפט גופע זיכ ניט באוועגנ פאָרויס, אויב דו וועסט צו דער צייט ניט דערלאנגענ קיינ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, טראקטערס, אינדוסטריע־אויסארבעטונגענ א. אז. וו." [1].

אינ זיינ פאָרטראָג אפנ XIV צוזאמענפאָר האָט כ׳ סטאלינ ארויסגערוקט אלס די צענטראל־אופגאבע פונ דער פארטיי — *דעם קאמפ פאר דער אינדוסטריאליזאציע פונעם לאנד*. אונדזער גענעראלע ליניע, — האָט ער געזאָגט, — באשטייט דערינ, אז פסס״ר זאָל פארוואנדלט ווערנ פונ אנ אָפגעשטאנענעם, אגרארנ (לאנדווירטשאפטלעכנ) לאנד אינ א פאָרגעשריטנ אינדוסטריעל לאנד מיט א הויכ־אנטוויקלטער טעכניק.

די פראגע וועגנ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע איז אינעמ דאָזיקנ פעריאָד געוואָרנ די וויכטיקסטע אופגאבע פונ דער סאָציאליסטישער בויונג. לענינ פלעגט ניט איינמאָל זאָגנ, אז

„די איינציקע מאטעריעלע באזע פארנ סאָציאליזמ קאָנ זיינ די גרויסע מאשינ־אינדוסטריע, וואָס איז פייִק צו רעאָרגאניזירנ אויכ די לאנדווירטשאפט" [2].

בלויז זיכ אָנשפארנדיק אפ א מעכטיקער סאָציאליסטישער אינדוסטריע, האָט די פארטיי געקאָנט פארווירקלעכנ די סאָציאליסטישע איבערבויונג פונעם דאָרפ, געבנ

[1]) Сталин, О хозяйственном положении Советского Союза, стр. 6—7.
[2]) Ленин, т. XXVI, стр. 434.

דעמ דאַרפ טראַקטערס, קאָמבײַנעס, כימישע באַגיטיקונגענ, פאַרוואַנדלענ די אָפּגע־שטאַנענע פּויערשע ווירטשאַפט אינ א לאַנדווירטשאַפט א פאָרגעשריטענער, א פאַר־געזעלשאַפטלעכטער, א באַוואָפנטער מיט א הויכער טעכניק. אָנ א *הויכ־אַנטוויקלטער גרויס־אינדוסטריע*, — פלעגט לעניג זאָגנ, — קאָנ קײנ *רייד ניט זײַנ וועגנ סאָציאַליזמ ביקלאַל*.

דערקלערנדיק דעמ טאָכ פונ דער אינדוסטריאַליזאַציע־פּאָליטיק, האָט כ' סטאַלינ אונטערגעשטראָכנ, אז ניט *יעדע אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע איז אינדוסטריאַליזאַציע*. דער צענטער פונ דער אינדוסטריאַליזאַציע, איר באַזע באַשטייט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער *שווערער* אינדוסטריע (הייצוואַרג, מעטאַל א. ד. גל.), אינעמ אנטוויקלענ די פּראָדוציר־מיטלענ, אינעמ אנטוויקלענ אנ אייגענע מאַשינבויונג. די אינדוסטריאַליזאַציע פונעמ לאַנד האָט אנ אויפגאַבע ניט בלויז צו פאַרגרעסערנ דעמ כיילעק פונ דער אינדוסטריע אינ דער פאָלקווירטשאַפט פונעמ לאַנד, נאָר זי דאַרפ *באַוואָרענענ פאַר אונדזער לאַנד, וואָס איז ארומגערינגלט מיט אימפּעריאַליסטנ, א ווירטשאַפטלעכע זעלבשטענדיקייט*, פאַרהיטנ עס פונ פאַרוואַנדלט צו ווערנ אינ א צוגאָב צומ אלוועלטלעכנ אימפּעריאַליזמ.

„דערפונ איז אָבער געדרונגענ, — האָט געזאָגט כ' סטאַלינ, — אז די אינ־דוסטריאַליזאַציע פונ אונדזער לאַנד קאָנ זיכ ניט אויסשעפּנ מיטנ אנטוויקלענ אבי וועלכע אינדוסטריע, מיטנ אנטוויקלענ, לאָמיר זאָגנ, די לײַכטע אינדוס־טריע, הגאַמ די לײַכטע אינדוסטריע אונ איר אנטוויקלונג זײַנענ אונדז אבסאָ־ליוט נייטיק. דערפונ איז געדרונגענ, אז די אינדוסטריאַליזאַציע דאַרפ מענ פאַרשטיינ, פריִער פונ אלצ, ווי דאָס אנטוויקלענ בא אונדז די שווערע אינדוס־טריע, אונ באַזונדערס ווי דאָס אנטוויקלענ אונדזערע אנ אייגענע מאַשינבויונג, אָט דעמ הויפּט־נערוו פונ דער אינדוסטריע ביקלאַל. אָנ דעמ איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידנ וועגנ באַוואָרענענ די עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט פונ אונ־דזער לאַנד“ [1].

זײַענדיק די באַזע פאַר דער בויונג פונ סאָציאַליזמ, האָט די אינדוסטריאַליזאַציע פונעמ לאַנד געזאָלט פאַרפעסטיקנ גלײַכצײַטיק די מיליטערישע קראַפט פונ פּסס״ר אונ האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט צו פאַרטיידיקנ פּסס״ר פונ די אימפּעריאַליסטנ. אָפּגעשטאַ־נענע שלאָגט מענ, — האָט כ' סטאַלינ געזאָגט אינ איינער פונ זײַנע שפּעטערדיקע רעדעס, — דאָס אלטע רוסלאַנד האָט מענ געהאַלטנ אינ איינ שלאָגנ פאַר זײַנ אָפּגעשטאַ־נענקײַט.

„אָט אזא איז שוינ דער געזעצ פונ די עקספּלואַטאַטערס — שלאָגנ די אָפּ־געשטאַנענע אונ שוואַכע. דער וועלפישער געזעצ פונעמ קאַפּיטאַליזמ: דו ביסט אָפּגעשטאַנענ, דו ביסט שוואַכ — הייסט עס, אז דו ביסט אומגערעכט, הייסט עס, אז מע מעג דיכ שלאָגנ אונ פאַרקנעכטנ. דו ביסט מעכטיק — הייסט עס, אז דו ביסט גערעכט, הייסט עס, אז מע דאַרפ זיכ פאַר דיר היטנ.... נאָר מיר ווילנ ניט זײַנ קײנ געשלאָגענע... אָט פאַרוואָס מיר טאָרנ מער ניט אָפּשטיינ“ [2].

איינצײַטיק האָט די עקאָנאָמישע פאַרשטאַרקונג פונ פּסס״ר געהאַט דעמ גרעסטנ צווישנפעלקערלעכנ רעוואָלוציאָנערנ באַטײַט. די ווירטשאַפטלעכע דערפאָלגנ פונ פּסס״ר האָבנ באַוויזנ דעמ וועלט־פּראָלעטאַריאַט די פּאָרצוגנ פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, האָבנ אלצ מער פאַרפעסטיקט זײַנע סימפּאַטיעס צומ פּסס״ר אונ צומ קאָמוניזמ, האָבנ גענומענ פאַרשטאַרקנ די זאַכ פונ דער וועלט־רעוואָליוציע.

„פאַרוואַנדלענ אונדזער לאַנד פונ אנ אגראַרס אינ א אינדוסטריעלס, וואָס איז מיט זײַנע אייגענע קויכעס פעיִק צו פּראָדוצירנ די נייטיקע אויסשטאַטונג, —

---

1) Сталин, О хозяйственном положении Советского Союза, стр. 9—10.
2) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 583—584.

20 — 898

אָט אינ וואָס ס'איז דער טאָכ, דער גרונט פונ אונדזער גענעראַלער ליניע", — האָט געזאָגט אפנ צוזאמענפאָר כ' סטאַלינ.

אָט דאָס איז געווענ די גרונט־איינשטעלונג פונעם XIV צוזאמענפאָר, וועלכע האָט באשטימט די ווייטערדיקע פארטיי־ליניע. דערפאר רופט די פארטיי אָנ דעמ XIV צוזאמענפאָר — אינדוסטריאַליזאציע־צוזאמענפאָר.

די פארטיי־ליניע איז באגעגנט געוואָרנ מיט פארביסענע אטאקעס מיצאד די אָפּאָרטוניסטנ. נאָכנ צ"ק־באריכט, וואָס איז געמאכט געוואָרנ דורכ די כ' כ' סטאַלינ אונ מאָלאָטאָוו, האָט די לענינגראדער דעלעגאציע, וואָס איז אינ איר איבערוועגנדיקער מערהייט באשטאנענ פונ זינאָוויעווס אָנהענגער, גענומענ פאָדערנ א וואָרט פאר זינאָוויעוונ פאר א ביי־פאָרטראָג. דאָס איז געווענ מיצאד דער „נייער אָפּאָזיציע" אנ אָפענע מילכאָמע־דערקלערונג דער פארטיי.

רעכילעסדיק אָנפאלנדיק אפ דער פארטיי אונ אפ איר אָנפירונג, האָט זינאָוויעוו אינ זיינ ביי־פאָרטראָג אינ אלע גרונט־פראגעס קעגנגעשטעלט דער ליניע פונ צ"ק די אנטיפארטייאישע מיינונגענ פונ דער אָפּאָזיציע, באשולדיקנדיק גלייכצייטיק די פארטיי אינ איבערגעבורט אונ אינ אָפּאָרטוניזמ. די אָפּאָזיציע האָט אפנ צוזאמענפאָר געשטימט קעגנ דער רעזאָליוציע, וואָס האָט באוויליקט די ליניע פונ צ"ק, אָפנ אונטערשטרייכנדיק דערמיט, אז זי גייט זיכ פאנאנדער אינ גרונט מיט דער פארטיי־ליניע. דערביי האָט זי אָפנ דערקלערט דעמ צוזאמענפאָר, אז זי וועט זיכ ניט אונטערוואַרפנ אונטער זיינע באשלוסנ. דאָס איז געווענ מיצאד דער אָפּאָזיציע א דירעקט דראָענ מיט א שפּאלטונג, א דראָונג צו שאפנ א צווייטע פארטיי. איינצייטיק האָט די אָפּאָזיציע אפנ צוזאמענפאָר אינ זינאָוויעווס „ביי־פאָרטראָג" גערופנ אלע געוועזענע אנטיפארטייאישע גרופּעס, וואָס די פארטיי האָט זיי געהאט צעגראָמירט, זיי זאָלנ זיכ פארייניקנ, שטרעבנדיק זיי צוזאמענשליסנ ארומ זיכ צוליבנ קאמפ קעגנ דער לענינישער פארטיי־ליניע.

דער צוזאמענפאָר איז מיט אנ אבסאָליוטער איינמוטיקייט ארויסגעטראָטנ קעגנ דער אָפּאָרטוניסטישער ליניע פונ דער „נייער אָפּאָזיציע" אונ האָט איינשטימיק, אויסער די אָפּאָזיציע־פאָרשטייערס, באוויליקט די ליניע פונ צ"ק. אונטערגעשטראָכנ די נייטיקייט צו קעמפנ אפ צוויי פראָנטנ, האָט דער צוזאמענפאָר אנערקענט, אז דער הויפּט־פייער דארפ ווערנ געצילט קעגנ דער „לינקער" געפאר, קעגנ די „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ, וויל זיי האָבנ געשטויסנ די פארטיי צומ אראָפרייסנ דעמ בונד מיטנ מיטלפויער, צומ אראָפרייסנ די גאנצע סאָציאַליסטישע בויונג. טאקע דערפאר איז די „לינקע" טראָצקיסטישע געפאר געווענ אפנ געגעבענעמ עטאפ די הויפּט־געפאר.

גלייכצייטיק האָט דער צוזאמענפאָר מיט דער גאנצער שארפקייט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ דער נייטיקייט צו קעמפנ מיט די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, וואָס פלעגנ פארשמירנ דעמ וווקס פונעמ באלעגופּנטומ, וואָס פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ פונעמ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופ, וואָס האָבנ ניט געוואָלט צוזאמענשליסנ די אָרעמשאפט אונ דאָס באטראכטנומ קעגנ דעמ באלעגופ.

אינ צוזאמענהאנג מיט דער אויסבילדונג פונעמ פארבאנד פונ סאָציאַליסטישע סאָוועטנ־רעפּובליקנ אינ 1922 יאָר, האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומענ א באשלוס איבערצובייטנ דעמ פארטיי־נאָמענ — אָנשטאָט רוסלענדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס) — רק"פ(ב), ווי זי האָט געהייסנ נאָכנ VII פארטיי־צוזאמענפאָר, אפ אלפארבאנדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס) — אלק"פ(ב).

באלד נאָכנ שליסנ דעמ צוזאמענפאָר האָט דער צ"ק קאָמאנדירט קיינ לענינגראד א ריי צ"ק־מיטגלידער מיט די כ"כ מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, קאלינינ אינ שפּיצ, אפ צו דערקלערנ די צוזאמענפאָר־באשלוסנ די קאָמוניסטנ אונ די אומפארטייאישע ארבעטער פונ לענינגראד. אפ די פארזאמלונגענ פונ די פארטיי־קעמערלעכ איז דעמאסקירט געוואָרנ די גענארעריי פונ דער „נייער אָפּאָזיציע", וואָס האָט געהאט פארבאהאלטנ פאר דער מאסע איר אנטיפארטייאישע ליניע, האָט זיכ פארשטעלט אינ

לענינגראד פאר א פארטייִדיקערנ פונ דער צ״ק־ליניע, אונ ארײַנקריגנדיק זיכ אפ אזא אויפנ אפנ צוזאמענפאָר, איז זי דאָרטנ ארויסגעטראָטנ קעגנ דער פארטיי, צודעקנדיק זיכ מיטנ אויטאָריטעט פונ דער לענינגראדער אָרגאניזאציע. די איבערוועגנ־דיקע מערהײַט — אריבער 97% פונ די לענינגראדער באָלשעוויקעס — האָט פולקומ באַוויליקט די פארטיי־ליניע. די ראיאָנע אונ גובערניאַלע לענינגראדער פארטיי־קאָנפערענצנ, וואָס זײַנענ צונויפגערופנ געוואָרנ אינ א כודעש ארומ נאָכנ צוזאמענפאָר — אינ פעברואַל 1926 יאָר, — האָבנ אָנ שומ באוואָרענישנ זיכ געשטעלט אפ דער לענינישער פארטיי־ליניע אונ האָבנ אפ אנ אנטשיידענעמ אויפנ פארמישפעט די „נײַע אָפּאָזיציע“ אונ די פריִערדיקע אָנפירונג פונ דער לענינגראדער אָרגאניזאציע. אלס סעקרעטאר פונ לענינגראדער קאָמיטעט איז אויסגעוויילט געוואָרנ כ׳ קיראָוו. אזוי ארומ, איז דער פארטיי געלונגענ אינ קירצסטנ טערמינ צו דעמאסקירנ די אָפּאָזיציע אינ דער לענינגראדער אָרגאניזאציע, וואָס די „נײַע אָפּאָזיציע“ האָט זי געוואָלט דורכ אָפּנארערײַ אויסנוצנ צוליבנ קאמפ קעגנ דער פארטיי.

„דער היסטאָרישער באטײַט פונעמ XIV צוזאמענפאָר פונ אלק״פּ (ב) באַשטייט דערינ, וואָס ער האָט געקענט אופדעקנ ביזנ וואָרצל די פעלערנ פונ דער „נײַער אָפּאָזיציע“, וואָס ער האָט אָפּגעשליידערט איר אומגלויבנ אונ כניקענ, קלאָר אונ דײַטלעכ אָנגעמערקט דעמ וועג פארנ ווײַטערדיקנ קאמפ פאר סאָציאליזמ, געגעבנ דער פארטיי א פערספעקטיוו פונ זיג אונ דערמיט גופע באוואָפנט דעמ פראָלעטאריאט מיט אנ אומבאזיגלעכנ גלויבנ אינעמ ניצחונ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג“ [1].

דער קאמפ פונ דער פארטיי פארנ אינדוסטריאליזירנ דאָס לאנד.

נאָכנ XIV צוזאמענפאָר האָט די פארטיי מיט דער גרעסטער ענערגיע גענומענ פירנ א קאמפ פארנ פארווירקלעכנ אינ לעבנ די אינדוסטריאליזאציע פונ פסס״ר.

צומ סאָפ 1925 יאָר האָט די אינדוסטריע שוינ דערגרייכט ביזנ פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ. קעדיי ווײַטער זי צו אנטוויקלענ, איז נייטיק געווענ אריבערצוגיינ צומ גרינט־לעכנ רעקאָנסטרוירנ די אלטע זאוואָדנ אונ צומ בויענ נײַע. די דערצו נייטיקע מיטלענ האָט פסס״ר ניט געקאָנט באקומענ פונ אויסלאנד (קרעדיטנ), ס׳איז נייטיק געווענ זיי צו געפינענ אינעווייניק אינ לאנד. ניט געקוקט אפ דער קאָלאָסאלער שווערקײַט פונ דערדאָזיקער אויפגאבע, האָט די פארטיי דאָכ זי געשטעלט פאר זיכ, ווײַל די באזונ־דערקײַטנ פונ דער סאָוועטנ־מעלוכע האָבנ געגעבנ א פולע מעגלעכקײַט צו פארווירק־לעכנ די אינדוסטריאליזאציע פונעמ לאנד מיט אייגענע קויכעס. פסס״ר האָט זיכ נאָכנ אָקטיאבער אָפּגעזאָגט צו צאָלנ די צארישע כויוועס. אדאנק דעמ פלעגנ יערלעכ פארבלײַבנ אינ דער פאָלקווירטשאפט פונעמ לאנד הונדערטער מיליאָנענ רובל, וואָס פלעגנ פריִער אוועקגיינ אפ צו דעקנ די דאָזיקע כויוועס.

אינ רעזולטאט פונ דער עקספּראָפּריִאציע פונ דער בורזשואזיע איז די סאָוועטנ־מעלוכע געווענ בעקויעכ אָפּצוגעבנ פאר דער אינדוסטריאליזאציע דעמ גאנצנ רעוועכ, וואָס פלעגט זיכ באקומענ פונ דער מעלוכישער אינדוסטריע אונ פונעמ אויסערלעכנ האנדל (פריִער פלעגט אָט דער גאנצער רעוועכ ארײַנפאלנ אינ די הענט פונ דער בורזשואזיע). דורכ די שפּאָר־קאסעס, אונ אויכ דורכ האלוואָעס, האָבנ די ארבעטנדיקע מאסנ געגעבנ דער מעלוכע אלע זייערע פרײַע מיטלענ. א געוויסנ טייל מיטלענ אפ צו אינדוסטריאליזירנ דאָס לאנד פלעגט געבנ דאָס פויערטומ אינ דער פאָרמע פונ שטײַערנ. די פארטיי פלעגט אָבער וואכזאמ נאָכשפּירנ נאָכ דעמ, אז די באשטײַערונג פונ דאָרפ זאָל ניט פירנ צומ אָפּשוואכנ די לאנדווירטשאפט אונ צומ צעשטערנ דעמ פּאָליטישנ בונד מיט דער גרונט־מאסע פונעמ פויערטומ. אדאנק דעמ, וואָס די פאָלק־ווירטשאפט פונ פסס״ר איז א פּלאנעווע, איז די סאָוועטנ־מעלוכע געווענ בעקויעכ זיכ צו דערשלאָגנ, אז יעדער קאָפּיקע זאָל אויסגענוצט ווערנ מאקסימאל צוועקמעסיק.

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 237.

טאקע אינ אָט דעם פעריאָד (1925/26 י.) זײַנענ צום ערשטנ מאָל צונויפגעשטעלט געוואָרנ די *קאָנטראָל־ציפערנ* פונ דער *פאָלקווירטשאפט*. דאָס איז געווענ אנ אײנהײַטלעכער פלאנ פונ ווירטשאפטלעכער ארבעט אפ א גאנצ יאָר. דער פלאנ פלעגט קאָאָרדינירנ די באזונדערע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט. דאָס איז געווענ א קאָלאָסאלע דערגרייכונג, וואָס האָט באוויזנ, אז פאר די פריערדיקע יאָרנ האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ צו גרויסע דערפאָלגנ אינעם *פלאנעוונ* אָנפירנ מיט דער סאָציאליסטישער בויונג.

צוגלײַכ דערמיט האָט א קאָלאָסאלנ באטײַט געהאט דער קאמפ פאר אנ עקאָנאָמישנ, שפאָרעוודיקנ פארווענדנ די מעלוכישע מיטלענ. „מיר דארפנ אײַנפירנ אנ אויסערסט־שטרענגנ, רעציכעדיקנ עקאָנאָמיע־רעזשים", — האָט געזאָגט דער כ׳ סטאלינ. אינ אפרעל 1926 יאָר האָט דער צ״ק ארויסגעלאָזט א ווענדונג *וועגנ דורכפירנ אנ עקאָנאָמיע־רעזשים*. דידאָזיקע ווענדונג האָט געשפילט א קאָלאָסאלע פאָליטישע ראָליע. דער צ״ק האָט געשטעלט אנ אופגאבע צו פארקירצנ די הוצאָעס אפנ מעלוכע־אפאראט אפ 400—300 מלנ. רובל. די פארטיי אונ די ברייטסטע ארבעטער־מאסנ זײַנענ מאָביליזירט געוואָרנ צום קאמפ פארנ עקאָנאָמיע־רעזשים. עס איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרנ אנ ארבעט אפ צו פארקירצנ אונ פארבעסערנ דעם מעלוכע־אפאראט, אונ אינ רעזולטאט דערפונ איז דער אפאראט באלד אינ פארלויפ פונעם ערשטנ יאָר פארקירצט געוואָרנ אפ 20—40%. אפ די אונטערנעמונגענ איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרנ א קאמפ פארנ אראָפּוצנ דעם זעלבסטקאָסט, פארנ העכערנ די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט, פארנ ראציאָנאליזירנ די פראָדוקציע.

שוינ אינ דער נאָענטסטער צײַט האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ צו זייער באדײַטנדיקע דערפאָלגנ. אינ 1925/26 יאָר איז די אינדוסטריע אויסגעוואקסנ אפ 42% אינ פארגלײַכ מיטנ פריערדיקנ יאָר, די לאנדווירטשאפט — אפ 43%. די קאפיטאלע אײַנלאָגנ זײַנענ אויסגעוואקסנ *מער ווי אינ צוויי מאָל*. דער ארבעטלוינ פונ די ארבעטער איז געשטיגנ אפ 22%. ס׳איז אויסגעוואקסנ דער באטײַט פונעם סאָציאליסטישנ סעקטער אינ דער פאָלקווירטשאפט, אונ ס׳איז געפאלנ דער כיילעק פונעם פריוואטנ קאפיטאל. אינ דער אינדוסטריע איז פארנ 1925/26 יאָר דער כיילעק פונעם פריוואטנ קאפיטאל געפאלנ פונ 20,8% ביז 18,1%, אינעם האנדל — פונ 27% ביז 23,7%.

די XV *אלפארבאנדישע פארטקאָנפערענצ*, וואָס איז פאָרגעקומענ דעם 26 אָקטיאבער — 3 נאָיאבער 1926 י., האָט אנערקענט, אז די קאָלאָסאלע ארבעט אפ אופצושטעלנ די פאָלקווירטשאפט איז אינ גרונט פארענדיקט.

> „*דער אופשטעל־פעריאָד קאָנ זיכ רעכענענ אינ אלגעמײַנעמ שטריכנ פאר פארענדיקט*. איצט טרעט ארײַנ די פאָלקווירטשאפט אינ א נײַעמ פעריאָד פונ איר אנטוויקלונג, אינ א פעריאָד פונ איבערבויענ די ווירטשאפט אפ דער באזע פונ א נײַער, העכערער טעכניק", — האָט די קאָנפערענצ געזאָגט אינ איר רעזאָליוציע.

אינעם אופשטעל־פעריאָד איז אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט געווענ באוואָרנט די אָנפירנדיקע ראָליע פונ די קאָמאנדיר־הייכנ, וואָס געפינענ זיכ אינ די הענט באם פראָלעטאריאט (די סאָציאליסטישע אינדוסטריע אונ טראנספּאָרט, דער אויסערנ־האנדל, די בענק). אינ גרונט איז דערגרייכט געוואָרנ דער פארמילכאָמע־ניוואָ אינ דער אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט אונ אפנ טראנספּאָרט. אינ האנדל־געביט האָבנ די איבערוועגנדיקע ראָליע געוווּנענ די קאָאָפעראציע אונ דער מעלוכע־האנדל. עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ א פעסטע וואליוטע אונ אופגעבויט געוואָרנ א קרעדיט־סיסטעם. עס האָט זיכ פארענדיקט דאָס אופזאמלענ דעם פראָלעטאריאט, וואָס איז געווענ צעשטויבט בײַסנ בירגער־קריג. עס האָט זיכ פארבעסערט זײַנ מאטעריעלע לאגע, עס האָבנ זיכ פארפעסטיקט זײַנע אָרגאניזאציעס. די קאָנפערענצ האָט אינ אירע רעזאָליוציעס אונטערגעשטראָכנ, אז די באזונדערקײַטנ פונ דער סאָוועטנ־מעלוכע זיכערנ אפ ווײַטער אינ אסאכ מאָל א שנעלערנ אנטוויקלונג־טעמפּ, איידער ס׳איז מעגלעכ

אינ די באַדינגענ פונ א קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע. די קאָנפערענצ האָט אוועקגעשטעלט פאַר דער פּאַרטיי אונ פאַרנ אַרבעטער־קלאַס פונעמ סאָוועטנפאַרבאַנד די גרעסטע היסטאָרישע אויפגאַבע: אינ א פאַרהעלטנישמעסיק גאַנצ קורצנ טערמינ דעריאָגנ, אונ דערנאָכ אויכ אַריבעריאָגנ דעמ ניוואָ פונ דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פונ די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. נאָכ פאַרנ אָקטיאַבער האָט לענינ געזאָגט: „אָדער אומקומענ, אָדער דעריאָגנ די פאָרגעשריטענע לענדער אונ אַריבעריאָגנ זיי אויכ עקאָנאָמיש". צוליב דעמ אָבער איז נייטיק געווענ צו אַנטוויקלענ עמעס־באָלשעוויסטישע טעמפּנ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג. די פּאַרטיי האָט מיט דער פולער אופריכטיקײַט געזאָגט, אַז דאָס וועט פאָדערנ די גרעסטע קויכעס־אָנשטרענגונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס אונ אַז די רעזולטאַטנ פונ דער נײַער בויונג (ד. ה. די פּראָדוקציע פונ די נײַע פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ) וועלנ זיכ לאָזנ פילנ ערשט אינ עטלעכע יאָר אַרומ.

די פּאַרטיי האָט געקאָנט אויספילנ די אויפגאַבעס, וואָס זײַנענ פאַר איר געשטאַנענ, בלויז אַרײַנציִענדיק אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג די ברייטסטע מאַסנ אַרבעטער אונ אַרבעטנדיקע פּויערימ. צוליב דעמ האָט מענ געמוזט איבערבויענ אונ פאַרבעסערנ די אַרבעט פונ די מאַסנ־אָרגאַניזאַציעס — פונ די פּראָפאַריינענ אונ סאָוועטנ. די פראַגע וועגנ דער אַרבעט פונ די פּראָפאַריינענ איז געשטאַנענ אויפנ XIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אונ אויפ דער XV קאָנפערענצ. דער XIV צוזאַמענפאָר האָט אינ זײַנ רעזאָליוציע באַצייכנט דעמ צאָליקנ אונ קוואַליטאַטיווג וווּקס פונעמ פּראָלעטאַריאַט, דאָס שטײַגנ פונ זײַנ אַקטיווקײַט, אונ האָט אוועקגעשטעלט פאַר די פּראָפאַריינענ די אויסערסט־וויכטיקע אויפגאַבע — נאָכ מער צו דערנענטערנ די אַרבעטער־מאַסע צו די פּראָדוקציע־פּראַגעס. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזנ אויפ דער נייטיקײַט ברייט צו אַנטוויקלענ די פּראָפאַריינישע דעמאָקראַטיע — אויסוויילנ די אָנפירערשאַפט, אָפּגעבנ באַריכטנ, אויפלעבנ די אַרבעט פונ די פּראָדוציר־באַראַטונגענ. גלײַכצײַטיק האָט דער צוזאַמענפאָר אונטערגעשטראָכנ, אַז די פּראָפאַריינענ דאַרפנ נענטער צוגיינ צו די טאָגטעגלעכע באַדערפענישנ פונ די אַרבעטער אונ זייערע באַדינגענ, קעמפנדיק אַנטשיידנ מיט אַלערליי אַנטפּלעקונגענ פונ ביוראָקראַטיזמ אינ דער פּראָפאָרגאַניזאַציע.

נאָכנ צוזאַמענפאָר האָט די פּאַרטיי זיכ דערשלאָגנ צו א היפּשער אויפלעבונג אינ דער אַרבעט פונ די פּראָפאַריינענ. עס איז אויסגעוואַקסנ א קאָלאָסאַלער פּראָפאַקטיווער שיכט. צו האַרבסט־צו 1926 יאָר איז אינ דער פּראָפאַרבעט אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ בא 2 מלנ. פאַריינ־מיטגלידער; עס האָט זיכ פאַרבעסערט די מאַסנ־אַרבעט פונ די פּראָפאַריינענ; ס'האָט אויפגעלעבט די אַרבעט פונ די פּראָדוציר־באַראַטונגענ. די פּראָפאַריינענ האָבנ פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמפּ פאַרנ העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, פאַרנ דערציִענ א סאָציאַליסטישע דיסציפּלינ בא די אַרבעטער, פאַר אנ עקאָנאָמיע־רעזשימ.

אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע האָבנ זיכ אינ דער פּראָדוקציע אַרײַנגעגאָסנ מיליאָנענ נײַע אַרבעטער. די פּאַרטיי האָט מיט דער הילפ פונ די פּראָפאַריינענ דערצויגנ דידאָזיקע נײַע שיכטנ אַרבעטער אונ זיי אַרײַנגעצויגנ אינעמ אַקטיווג אָנטייל אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

צוגלײַכ מיט די פּראָפאַריינענ האָט די פּאַרטיי געווענדט די סאַמע ערנסטע אויפמערקזאַמקײַט אויפנ אויפלעבנ די סאָוועטנ. נאָכ דער XIV קאָנפערענצ האָט באַדײַטנדיק אויפגעלעבט די אַרבעט פונ די סאָוועטנ, ס'איז אויסגעוואַקסנ זייער אויטאָריטעט. די איבערוואַלנ פונ די סאָוועטנ, וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ אינ 1925/26 י., האָבנ באַוויזנ א גרויסנ וווּקס פונ פּאָליטישער אַקטיווקײַט סײַ אינ שטאָט, סײַ אינ דאָרפ. אינעמ גאַנג פונ די איבערוואַלנ פלעגנ אַנטשיידנ באַזײַטיקט ווערנ די ווי־ניט־ווי פאַרבליבענע מעטאָדנ פונ אַדמיניסטרירנ אונ פונ באַשטימענ פאָרשטייערס פונויבנ. אינ די סאָוועטנ זײַנענ ברייט אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ אומפּאַרטייִשע אַרבעטער אונ פּויערימ.

די וואלנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ די באדינגענ פונ א פארביסענעמ קלאסנקאמפ אינ דאָרפ. דער באלעגופ, ניט האָבנדיק די מעגלעכקײַט אלײנ ארײַנצודרינגענ אינ די סאָוועטנ, האָט זיכ באמיט מיט אלע) מיטלענ דורכצושמוגלענ אהינ זײַנע אגענטנ, פאָדקולאטשניקעס. אינ דאָרפ האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט א פארביסענער קלאסנקאמפ פארנ מיטלפויער. די סאכאקלענ פונ די איבערוואלנ האָבנ באוויזנ, אז די גרונט־מאסע אָרעמ־אונ מיטלפויערימ גייט פעסט נאָכ דער פארטיי אונ נאָכ דער סאָוועטנמאכט.



דאָס בויענ א הרעבליע אפנ דניעפערבוי.

די ארבעט מיט דער אָרעמשאפט, וואָס די פארטיי האָט פאנאנדערגעוויקלט, האָט פאר די לעצטע אָנדערהאלבנ יאָר געגעבנ באדײַטנדיקע רעזולטאטנ. אינ דער גע־שטאלט פונ די אָרעמפויערימ־גרופעס האָט די פארטיי געהאט אינ דאָרפ א פעסטנ אָנשפאר באמ דורכפירנ איר גאנצע פאָליטיק. די אקטיווקײַט פונ דער אָרעמשאפט איז אָבער נאָכ אלצ געווענ אבסאָליוט ניט קיינ גענוגע אונ איז באדײַטנדיק אָפגע־שטאנענ פונ דער אקטיווקײַט פונעמ מיטלפויער. דעריבער האָט דער צ"ק־פלענומ אינ יול 1926 יאָר מיט א באזונדער קראפט אונטערגעשטראָכנ די גאנצע וויכטיקײַט פונ דער ארבעט מיט דער אָרעמשאפט אונ די נייטיקײַט פונ א נאָכ גרעסערער אופלעבונג פונ די אָרעמפויערימ־גרופעס.

דער קאמפ פונ דער פארטיי קעגנ דעמ אָפאָזיציאָנעלנ בלאָק.

די פארטיי האָט געפירט איר ליניע אינ די באדינגענ פונ א פארביטענעמ קלאסנ־קאמפ, בײַקומענדיק גלײַכצײַטיק דעמ פארצווייפלטנ ווידערשטאנד פונ די אָפאָרטור־גיסטישע עלעמענטנ — סײַ פונ די רעכטע, סײַ פונ די „לינקע". דאָס באלעגופנטומ, וואָס האָט אינ דעמ פעריאָד באמערקלעכ אופגעלעבט, האָט אויסגענוצט אלע מעג־לעכקײַטנ, קעדיי אָנצורייצנ די אָרעמ־מיטלפויערישע מאסנ קעגנ דער אלק"פ(ב) אונ דער סאָוועטנמאכט. עס האָט אויסגענוצט די אומצופרידנקײַט, וועלכע איז ארויסגע־רופנ געוואָרנ דורכ דעמ, וואָס די אינדוסטריע, ניט געקוקט אפ איר שנעלנ וווקס,

פלעגט ניט באַווײַזנ צו באַגרײַפנ דעמ אומופּהערלעכ־וואַקסנדיקנ נאָכפּרעג פונעמ דאָרפ אפ אינדוסטריעלע סכוירעס. אָט די וואַקלונגענ פונ די קלײנבירגערלעכע שיכטנ האָבנ געפונענ אַנ אָפּשפּיגלונג צווישנ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ די רײענ פונ אַלק״פּ(ב), וואָס האָבנ געפירט אַ פאַרשאַרפטנ קאַמפ קעגנ דער פּאַרטײ.

פונ אײנ זײַט, איז דער פּאַרטײ אויסגעקומענ צו קעמפנ קעגנ די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ. די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ פלעגנ לײקענענ אינעמ וווּקס פונעמ באַלעבאָטישנ עלעמענט אינ דאָרפ, פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ פונעמ קאַמפ מיטנ באַלעגופ, האָבנ ניט געפירט קײנ אַרבעט מיט דער אָרעמשאַפט. זײ פלעגנ ביקלאַל לײקענענ אינ דער עקזיסטענצ פונעמ באַלעגופ אינ דאָרפ. פאַרטושירנדיק אַפ וויפל נאָר מעגלעכ דעמ קאַפּיטאַליסטישנ טאָכ פונעמ באַלעגופ, פלעגנ די רעכטע אימ שילדערנ ווי אַ „פלײ־סיקנ באַלעבאָס״. בוכאַרינ האָט אינ 1925 יאָר אינ אײנעמ פונ זײַנע אַרטיקלענ געוואָלט דערווײַזנ, אַז דער באַלעגופ וועט דורכ דער קאָאָפּעראַציע ביסלעכווײַז אַרײַנוואַקסנ אַפ אַ פרידלעכנ אויפנ, אָנ שומ קלאַסנקאַמפ, אינעמ סאָציאַליזמ. אינ אײנער פונ זײַנע רעדעס האָט בוכאַרינ אַרויסגערוקט אַ לאָזונג „באַרײַכערט זיכ״, געווענדט צומ פויערטומ אינגאַנצנ גענומענ, דערינ אויכ צומ באַלעגופנטומ. דערדאָזיקער לאָזונג, אונטערגעכאַפּט אינ דער פרעסע דורכ בוכאַרינס שילער (סלעפּקאָוו א. אַנד.), פלעגט פּאָשעט צוגעבנ כײשעק דעמ באַלעגופ צו אַנטוויקלענ זײַנ עקספּלואַטאַטאָרישע ווירט־שאַפט. די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינעמ סאָוועטישנ אַפּאַראַט פלעגנ זיכ פּרוּווּנ ברעכנ די גרונט־פּרינציפּנ פונ דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע אונ פאַרברײ־טערנ דאָס וואַלרעכט, געבנדיק וואַלרעכט אַ טײל באַלעגופישע עלעמענטנ. אײנצלנע רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ פּאָלקאָמפּינ אונ אַנדערע פּאָל־קאָמאַטנ פלעגנ אַרונטערפאַלנ אונטער דער ווירקונג פונ די בורזשואַזע ספּעציאַליסטנ אונ פּרוּווּנ דורכפירנ אַזעלכע מאָסמיטלענ, וואָס זאָלנ מיטהעלפנ דער פאַרפעסטיקונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ. דער צ״ק האָט צו־דערצײַט דעמאַסקירט דידאָזיקע רעכט־אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק, וואָס איז געווענ געצילט צומ פאַרטײדיקנ די אינטערעסנ פונעמ באַלעגופ. דער צ״ק האָט גלײַכ פאָר־געלײגט בוכאַרינענ אָראָפּצונעמענ זײַנ אָפּאָרטוניסטישנ לאָזונג „באַרײַכערט זיכ״.

אַרויסטרעטנדיק קעגנ דעמ לענינישנ פּלאַנ פונ אינדוסטריאַליזירנ דאָס לאַנד, האָבנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ (שאַנינ, סאָקאָלניקאָוו) געהאַלטנ, אַז פּסס״ר דאַרפ בלײַבנ אַנ אַגראַר לאַנד, וואָס פירט אַרויס לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ אונ פירט אַרײַנ אינדוסטריעלע סכוירעס פונ אויסשטאַטונג. דאָס איז געווענ אַ ליניע אַפ צונויפוויקלענ די אינדוסטריע; זי וואָלט געבראַכט דערצו, אַז פּסס״ר וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ צוגאָב צו דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמ. נאָכ אַפּנ XIV צוזאַמענפאָר האָט כ׳ סטאַלינ געגעבנ דעמ סאַמע ענערגישנ אָפּשטויס אָט די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, וואָס זײַנענ אַרויסגעטראָטנ סײַ פאַרנ צוזאַמענפאָר, סײַ אַפּנ צוזאַמענפאָר גופע קעגנ דער פּאָליטיק פונ אינדוסטריאַליזירנ דאָס לאַנד.

פונ דער צווײטער זײַט, האָט די פּאַרטײ ווײַטער געפירט דעמ קאַמפ קעגנ די טראָצקיסטנ אונ דער „נײַער אָפּאָזיציע״, וואָס זײַנענ אינ יענעמ פּעריאָד נאָכ געווענ די הויפּט־געפאַר. צעגראָמירט אַפּנ XIV צוזאַמענפאָר, האָט זיכ די „נײַע אָפּאָזיציע״ ניט בלויז ניט אָנטוואָפנט אונ ניט אָפּגעשטעלט איר אַנטיפּאַרטײישנ קאַמפ, נאָר, פאַרקערט, זי האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט אירע אַטאַקעס קעגנ דער פּאַרטײ. דערדאָזיקער קאַמפ האָט אָנגענומענ אַ באַזונדערס שאַרפנ כאַראַקטער נאָכנ XIV צוזאַמענפאָר (פרי־לינג 1926 י.), ווענ די „נײַע אָפּאָזיציע״ האָט זיכ פאַרײניקט מיט דער גרופּע טראָצקיסטנ אונ האָט באַשאַפנ דעמ אײנהײַטלעכנ אָפּאָזי־ציאָנעלנ בלאָק.

קאַמענעוו אונ זינאָוויעוו, וועלכע זײַנענ אָקאָרשט, אינ 1923/24 יאָר, געווענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ טראָצקינ, אונ אינ יאַנוואַר 1925 יאָר האָבנ זײ אַפילע געהאַט געפאָדערט, מע זאָל אויסשליסנ טראָצקינ פונ דער פּאַרטײ, — זײַנענ אינגאַנצנ אַריבער אַפ טראָצקיס פּאָזיציעס אינ אַלע גרונט־פראַגעס. זינאָוויעוו האָט אַפּנ יולער צ״ק־פּלענומ אינ 1926 יאָר אָפּנ דערקלערט, אַז ער פאַרײניקט זיכ צו טראָצקיס פּאָזיציע,

און האָט באַרעכטיקט טראָצקיס אַנטיפּאַרטיייִשע אַרבעט פונ 1923 יאָר אָנ. טראָצקי, פונ זײַנ זײַט, האָט דערקלערט, אַז ער איז דעמלט אומזיסט געווענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ קאַמעניעוונ און זינאָוויעווג. טראָצקי, קאַמעניעוו און זינאָוויעוו זײַנעג אַרײַנגעטראָטנ אינ אַ בלאָק און האָבנ איינער דעם אַנדערנ געגעבנ אַנ אַמניסטיע, אָפּגעזאָגט זיכ צו דערמאָנענ איינער דעם צווייטנס פעלערנ, קעדיי מיט אַנ איינהײַטלעכנ פראָנט צו קעמפנ קעגנ דער פּאַרטיי. דאָס איז געווענ אַ פּרינציפּלאָזע פאַרייניקונג פונ אָפּאָרטוניסטנ, וואָס זיי האָט פאַרייניקט אַ געמיינזאַמער האַס צו דער לעניניסטיער פּאַרטיי־ליניע און צו דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט מיט כ׳ סטאַלינענ אינ שפּיצ.

דערדאָזיקער בלאָק האָט זייער דערמאָנט אָנעם פּרינציפּלאָזנ אויגוסט־בלאָק, וואָס טראָצקי האָט געהאַט געשאַפנ אינ 1912 יאָר אָפּ צו קעמפנ קעגנ לענינענ און די באָלשעוויקעס. דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז געוואָרנ דער צענטער, אַרום וועלכנ עס האָבנ זיכ פאַרייניקט אַלע אַנטיפּאַרטייִשע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ. עס האָבנ ווידער אויפגעהויבנ דעם קאָפּ די שערבלעכ פונ דער צעקלאַפּטער דורכ דער פּאַרטיי „אַרבעטער־אָפּאָזיציע“ (שליאַפּניקאָוו, מעדוועדיעוו א. אַנד.). זיי זײַנענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער פּאַרטיי מיט אַנ אָפּנ־מענשעוויסטישער פּלאַטפאָרמע. אינ אָט דער פּלאַטפאָרטע האָבנ זיי געפאָדערט אָפּצוגעבנ אונדזער סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אינ אַ קאָנצעסיע צו די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטנ. זיי זײַנענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ דעם צוזאַמענשלוס מיט דער אָרעם־מיטלפּויערשער מאַסע אינ דאָרפ, גרויסהאַלטעריש טרעטנדיק זי אַלס „דערעוועגשטשינע“. אינ די אינטערנאַציאָנאַלע פראַגעס האָבנ זיי אינ טאָכ געפאָדערט צו ליקווידירנ די ברידערלעכע קאָמפּאַרטייענ און אַרײַנצוטרעטנ אינ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייענ. צודעקנדיק זיכ מיט „לינקע“ פראַזעס, אַרויסשטעלנדיק זיכ אַלס פּאַרטיידיקערנ פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָט זיכ די „אַרבעטער־אָפּאָזיציע“, אַזויאַרום, ענדגילטיק אַראָפּגעקײַקלט אינ לאַגער פונעם קאָנטררעוואָליוציאָנערנ מענשעוויזמ. צוגלײַכ מיט שליאַפּניקאָוונ און מעדוועדיעוונ זײַנענ צוזאַמענ מיטנ אָפּאָזיציאָנעלנ בלאָק אַרויסגעטראָטנ אויכ די רעשטלעכ פונ דער אַנטיפּאַרטייִשער גרופּע פונ „דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ“ (סאַפּראָנאָוו, וו. מ. סמירנאָוו א. אַנד.). זייער פּאָזיציע האָט זיכ אינ די גרונט־פראַגעס ענג צוזאַמענגעשלאָסנ מיט דער טראָצקיסטישער פּלאַטפאָרמע פונעם אָפּאָזיציאָנעלנ בלאָק.

דער צווייאָריקער פּעריאָד צווישנ דעמ XIV און XV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרנ (1926—1927) איז געווענ אַ פּעריאָד פונ אַנ אויסשליסלעכ אָנגעשטרענגטנ קאַמפּ קעגנ דער אָפּאָזיציע. אינ פאַרלויפ פונ אָט די צוויי יאָר האָבנ די אָפּאָרטוניסטנ אָנ אויפהער אַטאַקירט די פּאַרטיי־ליניע און געפּרוווט צעשטערנ איר איינהײַט און אַראָפּוואַרפנ די לעניניסטישע פּאַרטיי־אָנפירונג מיטנ כ׳ סטאַלינ אינ שפּיצ. דעריבער איז די פּאַרטיי געווענ געצוווּנגענ אינ מעשעכ פונ אָט דעמ גאַנצנ פּעריאָד אָפּצוגעבנ פיל קויכעס און אויפמערקזאַמקײַט דעם קאַמפּ קעגנ דער אָפּאָזיציע. ניט האָבנדיק צעקלאַפּט די אָפּאָרטוניסטנ, וואָלט די פּאַרטיי ניט געקאָנט אויספילנ יענע קאָלאָסאַלע אַרבעט אינעם געביט פונ סאָציאַליסטישער בויונג, וואָס איז מיט דערפאָלג דורכגעפירט געוואָרנ אינ פאַרלויפ פונ אָט די יאָרנ.

אינ דער גרונט־פראַגע וועגנ דעם גורל פונ אונדזער רעוואָליוציע איז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק אינגאַנצנ געשטאַנענ אָפּ מענשעוויסטישע פּאָזיציעס. טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו האָבנ ווײַטער געקעמפּט קעגנ לענינס לערע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד און האָבנ אַנטשיידנ געלייקנט אינעם סאָציאַליסטישנ כאַראַקטער פונ אונדזער בויונג. פּונקט ווי די מענשעוויקעס, האָט די אָפּאָזיציע אָפּגעוואָרפנ די מעגלעכקײַט אויסצובויענ דעם סאָציאַליזמ אינ בונד מיט די גרונט־מאַסנ פונ פּויערטומ. זיי האָבנ יעטווידע פּויערשע ווירטשאַפט געהאַלטנ פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער, צוגויפמישנדיק, אַזויאַרום, אינ איינ קופּע סײַ דעם באַלעגופּ־עקספּלואַטאַטער, סײַ דעם פּויער־האָרעפּאַשניק—דעם אָרעמ־ און מיטלפּויער.

די אָפּאָזיציע האָט געטײַנעט, אַז דאָס פּויערטומ בײַ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, פּונקט ווי אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, קאָנ זיכ אַנטוויקלענ

בלויז אין דער קאפיטאליסטישער ריכטונג. זי האָט געלייקנט אין דער מעגלעכקייט צו אנטוויקלענ די פויערשע ווירטשאפט אינ דער סאָציאליסטישער ריכטונג אינ די באדינגענ פונ פראָלעטארישער דיקטאטור. דערביי פלעגט די אָפּאָזיציע צודעקנ איר טראָצקיסטישע ליניע מיט „לינקע" פראזעס וועגנ דעם וווקס פונ דער באלעגופישער געפאר.

אינ אינדוסטריע־געביט האָבנ טראָצקי, קאמעניעוו אונ זינאָוויעוו ארויסגערוקט די אָפּאָרטוניסטישע פראָגראמ פונ „איבער־אינדוסטריאליזאציע". זיי האָבנ פאָרגעלייגט צו פארשטארקנ די טעמפּנ פונ אנטוויקלענ די אינדוסטריע אפנ כעזשבנ פונ א דירעקטנ עקספּלואטירנ דאָס פויערטום. קעדיי צו באקומענ די נייטיקע מיטלענ פאר א פארשטארקטער אינדוסטריע־בויונג, האָט דער טראָצקיסט פּרעאָבראזשענסקי פאָרגעלייגט צו נעמענ באם פויער ניט ווייניקער, ווי עס פלעגט בא אימ נעמענ דער קאפּיטאליזמ פאר דער רעוואָלוציע. די אָפּאָזיציע (טראָצקי, פּרעאָבראזשענסקי, פּיאטאקאָוו, וו. סמירנאָוו, סמילגא א. אנד.) האָט פאָרגעלייגט, ערשטנס, צו פארגרעסערנ דעמ שטייער־אָפּצאָל פונעמ פויערטום, אונ, צווייטנס, צו העכערנ די פּרייזנ אפ די אינדוסטריעלע סכוירעס. דאָס העכערנ די פּרייזנ אפ די אינדוסטריעלע סכוירעס וואָלט געבראכט צו א באדייטנדיקנ פאנאנדערגייג זיכ („שער") צווישנ די פּרייזנ אפ די לאנדווירטשאפט־פּראָדוקטנ אונ צווישנ די פּרייזנ אפ די אינדוסטריע־סכוירעס, דאָס וואָלט אופגערייצט די ארבעטנדיקע מאסנ פונ פויערטומ קעגנ דעמ ארבעטער־קלאס. די פּאָליטיק פונ העכערנ די פּרייזנ וואָלט געבראכט צומ ארָאָפּזעצנ דעמ ארבעטלוינ, וואָלט געמאכט די אינדוסטריעלע סכוירעס צוטרעטלעכ בלויז פאר די פארמעגלעכע שיכטנ אונ פארנ באלעגופישנ אויבערקעפּל אינ דאָרפ, וואָלט אונטערגעריסנ די שטאנדהאפטיקייט פונעמ טשערוואָנעצ.

די פּארטיי איז ארויסגעגאנגענ פונ לענינס טעזיס, אז בויענ די סאָציאליסטישע ווירטשאפט קאָנ מענ, בלויז באוועגנדיק זיכ צוזאמענ מיט דער גרונט־מאסע פונ פויערטומ. אנטוויקלענדיק מיט אלע מעגלעכקייטנ די אינדוסטריאליזאציע פונעמ לאנד, האָט די פּארטיי גלייכצייטיק אקשאָנעסדיק געקעמפט פארנ ווייטערדיקנ אופשטייג פונ דער אָרעמ־מיטלפויערשער ווירטשאפט. פארקערט, די טראָצקיסטנ אונ די „נייע אָפּאָזיציע", מאסקירנדיק זיכ מיט „לינקע" פראזעס וועגנ „איבער־אינדוסטריאליזאציע", פלעגנ שטויסנ די פּארטיי אפ א דירעקטנ איינרייס מיטנ פויערטומ, אפנ וועג פונ אנ אָפּענעמ קאמפ מיטנ דאָרפ.

פונקט אזא אנטיפּארטייישנ כאראקטער האָבנ געטראָגנ די פארשלאָגנ פונ דער אָפּאָזיציע אינ געביט פונ מעלוכע־האנדל אונ קאָאָפּעראציע. די פּארטיי־ליניע איז געווענ געצילט צומ אנטוויקלענ ווי ווייט מעגלעכ דעמ מעלוכע־האנדל אונ די קאָאָפּעראציע אונ צומ ארויסשטויסנ דעמ פּריוואט־הענדלער פונעמ האנדל. פארקערט, די אָפּאָזיציע (פּיאטאקאָוו א. אנד.) האָט געפאָדערט ארויסצונעמענ פונ דער קאָאָפּעראציע אונ פונעמ האנדל די אהינ ארייַנגעלייגטע מעלוכע־מיטלענ. די אָפּאָזיציע האָט דערקלערט, אז דידאָזיקע מיטלענ זייַנענ נייטיק אפ פאנאנדערצוויקלענ די אינדוסטריע. אינדערעמעסנ אָבער האָט דידאָזיקע אנטיפּארטייישע פאָדערונג געזאָלט פירנ דערצו, אז דער גאנצער האנדל אינ לאנד זאָל איבערגעגעבנ ווערנ אינ די הענט פונ פּריוואטנ הענדלער.

אזויארום, ניט געקוקט אפ די „לינקע" פראזעס וועגנ איבער־אינדוסטריאליזאציע, האָבנ אלע פאָדערונגענ פונ דער אָפּאָזיציע אָפּגעשפּיגלט אינ טאָכ אריינ די שטרעבונגענ פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ אונ האָבנ געפירט צומ ארָאָפּרייַסנ די סאָציאליסטישע בויונג.

אינ איר קאמפ קעגנ דער לענינישער פּארטיי־ליניע האָט די אָפּאָזיציע געלייקנט אינעמ פּראָלעטארישנ כאראקטער פונ דער סאָוועטנ־מעלוכע, טייַנענדיק, אז די הערשאפט אינ אונדזער לאנד גייט קלוימערשט אלצ מער איבער אינ די הענט פונ די נעפּלייט, באלעגופים אונ קליינבירגער.

די אָפּאָזיציע האָט געפאָדערט פרייַהייט פונ פראקציעס אינ אלק"פ(ב). די פארשטייערס פונ דער אָפּאָזיציע (צ. ב. אָסאָווסקי) זייַנענ דערגאנגענ דערצו, אז זיי

האָבנ געפאָדערט פרײַהײַט פאַר אנדערע פּאָליטישע פּארטייענ אינ פּסס"ר. דאָס איז געווענ אנ אָפנ־בורזשואזע פּלאטפאָרמע. זי האָט אָפּגעשפּיגלט די שטרעבונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ צו באקומענ פּאָליטישע פרײַהײַט צוליבנ קאמף קעגנ דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט.

אָט דאָס איז געווענ די ליניע פונעם אָפּאָזיציאָנעלנ בלאָק. הינטער זײַנע „לינקע" פראזעס איז געווענ פארבאָרגנ א בעפיירעשע ליקווידאטערײַ.

די פּארטיי האָט ניט געקאָנט דערלאָזנ קיינ פרײַע עקזיסטענצ פונ פראקציעס, ווײַל די לעניניסטישע פּארטיי איז שטארק דאַנקע מיט איר אייניקײַט אונ צונויפגעשלאָסנקײַט. די פּארטיי האָט אויכ ניט געקאָנט דערלאָזנ, עס זאָלנ געשאפנ ווערנ אנדערע פּאר־טייענ, ווײַל בא דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט קאָנ עקזיסטירנ בלויז די איינ אונ איינציקע אונ איינהײַטלעכע פּארטיי—אלק"פּ(ב). די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט קאָנ ניט געבנ קיינ פּאָליטישע פרײַהײַטנ די קאַפּיטאליסטישע קלאסנ. די פאָדערונגענ פונ דער אָפּאָזיציע האָבנ באטײַט א פולשטענדיקנ אָפּזאָג פונעם באָל־שעוויסטישנ פארשטיינ די פּארטייישקײַט אונ אנ אריבערגאנג אפ מענשעוויסטישע פּאָזיציעס, זיי האָבנ אינ טאָכ געפאָדערט צו ליקווידירנ די פּראָלעטארישע דיקטאטור.

כ' סטאלינ האָט געזאָגט וועגנ דעם טאָכ פונ דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע:

> „קאַפּיטולאנטישקײַט אינ טאט אלס אינהאלט, „לינקע" פראזעס אונ „רעוואָליוציאָנער"־אוואנטיוריסטישע שטיק אלס פאָרמע, וואָס מאסקירט אונ רעקלאמירט דעם קאַפּיטוליאנטישנ אינהאלט, — אָט דאָס איז דער טאָכ פונעם טראָצקיזם. דידאָזיקע צווייענדיקײַט פונעם טראָצקיזם שפּיגלט אָפּ די צווייענ־דיקע לאגע פונעם שטאָטישנ קליינבירגערטום, וואָס ווערט רויִנירט, וואָס קאָנ ניט פארטראָגנ דעם „רעזשים" פונ דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט אונ סטארעט זיכ אָדער „מיטאמאָל" איבערשפּרינגענ אינ סאָציאַליזם ארײַנ, קעדיי אויסגעלייזט צו ווערנ פונ דער רויִנירונג (דערפונ שטאמט דער אוואנטיוריזם אונ די היסטעריק אינ דער פּאָליטיק), אָדער, אויב דאָס איז ניט מעגלעכ, אײַנצוגיינ אפ די ערשט־בעסטע נאָכגעבנ דעם קאַפּיטאליזם (דערפונ שטאמט די קאַפּיטוליאנטישקײַט אינ דער פּאָליטיק)" [1].

אפנ אפּרעלער אונ יולער צ"ק־פּלענומס אינ 1926 יאָר האָט די פּארטיי געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ אָפּשטויס די פאָדערונגענ פונ דער אָפּאָזיציע אונ האָט ביזנ גרונט אנטפּלעקט איר אנטיפּארטייישנ טאָכ. קיינ שום אָפּקלאנג אינ דער גרונט־מאסע פונ די ארבעטער האָט די אָפּאָזיציע ניט געפונענ. פונדעסטוועגנ איז די אָפּאָזיציע אינ אָנהייב אָקטיאבער 1926 יאָר ווידער אריבערגעגאנגענ צו אָפּענע אטאקעס קעגנ דער פּארטיי. טראָצקי, זינאָוויעוו א. אנד. האָבנ זיכ געפּרוווט ארויסטרעטנ אינ אייניקע קעמערלעכ אינ מאָסקווע (אפנ זאוואָד „אוויאָפּריבאָר", אפ דער ריאזאנ־אוראלער אײַזנבאנ) אונ אינ לענינגראד (אפנ „רויטנ פּוטילאָוועצ"), שטרעבנדיק אופצורייצנ די קעמערלעכ קעגנ דער פּארטיי־ליניע. די אָפּאָזיציע האָט אָבער דאָ אויכ געליטנ א פולשטענדיקע מאפּאָלע. אלע קעמערלעכ אָנ אויסנאם האָבנ זיכ געשטעלט ווי אנ אײַזערנע וואנט צו פארטיידיקנ דעם לעניניסטישנ צ"ק קעגנ די ארויסקריכנ פונ דער אָפּאָזיציע. אפנ „רויטנ פּוטילאָוועצ" האָבנ די ארבעטער זינאָוויעווונ ניט געלאָזט ריידנ.

דערזענ זייער דורכפאַל, האָבנ די פירערס פונ דער אָפּאָזיציע (טראָצקי, קאמע־ניעוו, זינאָוויעוו, פּיאטאקאָוו, סאָקאָלניקאָוו, יעוודאָקימאָוו) ערעוו דער XV פּארטיי־קאָנפערענצ, דעם 16 אָקטיאבער 1926 יאָר, דערלאנגט א מעלדונג, ווו זיי דערקלערנ, אז זיי זאָגנ זיכ אָפּ פונ פראקציאָנעלער ארבעט. שפּעטער האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס איז געווענ א צווייפּענעמדיקער מאנעווער. דורכ דעם האָט די אָפּאָ־זיציע געוואָלט געווינענ צײַט ביז א מער פּאסיקנ פאַר איר מאָמענט אונ אײַנהיטנ אירע קאדרענ. די XV קאָנפערענצ האָט מיט דער גאנצער שארפקײַט אונטערגעשטעלט די פראגע וועגנ דער אָפּאָזיציע. אינעם פּאָרטראָג וועגנ דעם אָפּאָזיציאָנעלנ בלאָק

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 559.

(„וועגנ דעמ סאָציאַל־דעמאָקראַטישנ אָפּנויג אינ אונדזער פּאַרטיי") האָט כ׳ סטאַלינ געגעבנ אַנ אויסשעפּנדיקנ אַנאַליז פונעמ אָפּאָרטוניסטישנ טיפּ פונעמ אָפּאָזיציאָנעלנ בלאָק. ער האָט באַוויזנ, אַז די אַנשולדיקונגענ פונ דער אָפּאָזיציע וועגנ אַלע גרונט־פראַגעס פונ דער טעאָריע אונ פּאָליטיק זיינענ פיינטלעכ דער לענינישער לערע, אַז מע קענ זיי ניט צונויפּפּאַרנ מיטנ לענינִיזמ אונ אַז „זיי זיינענ אַ דירעקטע דערנענטערונג צו די אַנשולדיקונגענ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". די אָפּאָזיציע איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָפּנויג אינ אונדזער פּאַרטיי.

כ׳ סטאַלינ האָט אונטערגעשטראָכנ, אַז קאַמענִיעווס אונ זינאָוויעווס ליניע פונ געפאַלנקייט־ אונ מאַפּאַלע־שטימונג אונ זייער אַריבערגאַנג אַפ טראָצקיס פּאָזיציעס זיינענ ניט צופעליק, אַז דאָס איז אַנ איבערכאַזערונג פונ יענער שטרייקברעכערישער מאַפּאַלע־פּאָזיציע, וואָס זיי האָבנ געהאַט פאַרנומענ אינ אָקטיאַבער 1917 י.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ זאַמלפּונקט פאַר אַלע אַנטיפּאַרטייִשע, באַנקראָטירטע שטרעמונגענ ניט בלויז אינ אַלק"פּ(ב), נאָר אויכ אינ קאָמינטערנ, וואָס האָבנ זיכ פאַראייניקט צוליבנ קאַמפּ קעגנ דער לענינישער ליניע.

זיכ מאַסקירנדיק מיט אַ „לינקער" פראַזע, האָט זיכ די אָפּאָזיציע אַלצ מער אַראָפּגעגליטשט אינ לאַגער פונ מענשעוויזמ.

ניט צופעליק האָבנ דעריבער אַלע פיינט פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט—די ווייסגוואַרדייעצ, קאַדעטנ, עסערנ, מענשעוויקעס, אונ אויכ די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פונ אַנדערע לענדער—אָפּגעגריסט דעמ קאַמפּ פונעמ אָפּאָזיציאָנעלנ בלאָק, האָפנדיק, אַז דערדאָזיקער קאַמפּ וועט ברענגענ צו אַ שפּאַלטונג אינ אַלק"פּ(ב) אונ צו דער צעפאַלונג פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

די קאָנפערענצ האָט שאַרפ געשטעמפּלט קאַמענִיעווס, זינאָוויעווס אונ טראָצקיס פּרווונ אַרויסצוטרעטנ מיט אַ פאַרטיידיקונג פונ זייערע אַנטיפּאַרטייִשע מיינונגענ אונ האָט אָנגעוויזנ, אַז ס׳איז אויכ אַפּ ווייטער נייטיק צו קעמפנ אָפּנ ענערגישסטנ אופנ קעגנ דער אָפּאָזיציע, איבערהאַקנדיק יעדנ פּרווו פונ איר זייט צוריק אופצושטעלנ די פראַקציאָנעלקייט.

דער VII פאַרברייטערטער פּלענומ פונ אויספּירקאָמ פונ קאָמינטערנ (אינ דעקאַבער 1926 י.) האָט צו כ׳ סטאַלינס פּאָרטראָג („נאָכאַמאָל וועגנ דעמ סאָציאַל־דעמאָקראַטישנ אָפּנויג אינ אונדזער פּאַרטיי") אינ דער פולער מאָס באַשטעטיקט די באַשלוסנ פונ דער XV קאָנפערענצ וועגנ דער אָפּאָזיציע. דער פּלענומ האָט אופגעדעקט די פראַקציאָנעלע אַרבעט פונ דער אָפּאָזיציע אינ די ברידערלעכע פּאַרטייענ אונ אירע פּרווונ צו שאַפנ פראַקציאָנעלע גרופּעס אינ פראַנקרייכ, דייטשלאַנד אונ אַנדערע לענדער צוליבנ קאַמפּ קעגנ קאָמינטערנ. דער פּלענומ האָט אונטערגעשטראָכנ, אַז מיט איר קאַמפּ קעגנ אַלק"פּ(ב) אונ קאָמינטערנ שאַפט די אָפּאָזיציע אַ דירעקטע שטיצע פאַר די פיינט פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אונ פאַר די פאַרעטערס פונ קאָמוניזמ.

די געפאַר פונ אַ נייער אינטערווענצ אונ דער אַריבערגאַנג פונ דער אָפּאָזיציע צו אַנ אַנטיסאָוועטישנ קאַמפּ.

אינ אָנהייב 1927 יאָר האָט די אָפּאָזיציע ווידער אָנגעהויבנ אירע אַטאַקעס קעגנ דער פּאַרטיי, אויסנוצנדיק דאָס מאָל די קאָמפּליצירטקייט פונ דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע, אינ וועלכער דעמ סאָוועטנפאַרבאַנד איז אויסגעקומענ צו קעמפנ.

דאָס איז געווענ אַ פּעריאָד, ווענ ס׳האָבנ זיכ שטאַרק פאַרשאַרפט אַלע אימפּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכנ. דער קאַמפּ צווישנ באַזונדערע אימפּעריאַליסטישע לענדער אונ גרופּעס לענדער (צווישנ אַמעריקע אונ ענגלאַנד, ענגלאַנד אונ פראַנקרייכ, פראַנקרייכ אונ דייטשלאַנד א. אז. וו.) האָט אָנגענומענ אַ העכסט־שאַרפנ כאַראַקטער. אינ אַ ריי לענדער האָט זיכ אויכ פאַרשטאַרקט די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג.

א שאַרפער אופשטײַג פון רעוואָליוציאָנערע שטימונגען איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד. די פירערס פון די ענגלישע פראָפאַריינען זײַנען נאָך אין 1925 יאָר געצוווּנגען געווען, אונטערן דראַנג פון די אַרבעטער־מאַסן, צו גײן אַף אַ דערנעענטערונג מיט די סאָוועטישע פראָפאַריינען און צו שליסן מיט זײ אַ פאַרשטענדיקונג וועגן אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַל און קעגן דער געפאַר פון אַ נײַער מילכאָמע. צוליב דעם ציל איז באַשאַפן געוואָרן דער ענגליש־רוסישער פראָפאַריינען־קאָמיטעט (APK). עמעס, די געשעענישן האָבן אײַנגיכן באַווײַזן, אַז די אָנפירערס פון די ענגלישע פראָפאַריינען האָבן מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט אָראָפּצורײַסן די פאַרשטענדיקונג, אַקשאָנעסדיק אָפּזאָגנדיק זיך פון יעטווידן קאַמף קעגן זײער אייגענער בורזשואַזיע.

אין 1926 יאָר איז אין ענגלאַנד פאָרגעקומען דער העלדישער שטרײַק פון די ענגלישע באַרג־אַרבעטער, וועלכער האָט זיך געצויגן 6 כאַדאָשים, און אויך אַן אַלגעמיינער שטרײַק, וואָס איז געווען זײער אַ שטאַרקער קלאַפּ איבערן ענגלישן אימפּעריאַליזם. דערדאָזיקער שטרײַק האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן אופשטײַג פון רעוואָליוציאָנערע שטימונגען באַם ענגלישן אַרבעטער־קלאַס.

אויסערסט שטורמיש האָט זיך אין יענער צײַט אַנטוויקלט דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף אין כינע. דער אַלגעמיינער שטרײַק אין שאַנכײַ אין מײַ 1925 יאָר האָט אַרומגעכאַפּט אַ האַלב מיליאָן אַרבעטער. דער אַלגעמיינער שטרײַק אין דאָרעם־כינע—אין קאַנטאָן און אין האָנקאָנג—האָט געדויערט ע ט ל ע כ ע כ א ד אָ ש י ם. זומער 1925 יאָר האָט די רעוואָליוציאָנערע רעגירונג פון קאַנטאָן אָנגעהויבן דעם מאַרש אַף צאָפן. אין רעזולטאַט פון אָט דעם מאַרש איז די גאַנצע דאָרעם־העלפט פון כינע אַריבער צום אָנהייב 1927 יאָר אין די הענט פון דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. אין לאַנד האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ מעכטיקע אַרבעטער־ און פויערים־באַוועגונג. די ווירקונג פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פאַרטײ אַף די מאַסן איז שנעל געוואַקסן. דער קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן אימפּעריאַליזם האָט אָנגענומען אַן אויסערסט שאַרפן כאַראַקטער. דאָס אַלץ האָט געשטעלט אין אַ געפאַר די הערשאַפט פון די אימפּעריאַליסטן אין כינע. גלײַכצײַטיק האָט די כינעזישע רעוואָליוציע זײער שטאַרק געווירקט אַפן וווּקס פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין אַנדערע קאָלאָניאַלע לענדער (אינדאָכינע, האָלענדישע אינדיע א. אַנד.).

זומער 1927 יאָר האָבן די עסטרײַכישע אַרבעטער אין ווין פאַנאַנדערגעוויקלט אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער רעגירונג. דערדאָזיקער קאַמף איז דערשטיקט געוואָרן מיט דער הילף פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

דער אימפּעריאַליזם האָט מיט אַן אומדערהערטער אַכזאָריעס גענומען דערשטיקן די שטײַגנדיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, אָנשפּאַרנדיק זיך דערבײַ אַף די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטײען. די בורזשואַזיע האָט אַלץ מער אָפן גענומען אַריבערגײן צו פאַשיסטישע פאַרוואַלטונג־מעטאָדן. אין פוילן האָט פּילסודסקי מיט דער הילף פון אַן איבערקערעניש אײַנגעשטעלט זומער 1926 יאָר אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור. אין פרילינג 1927 יאָר האָבן די אימפּעריאַליסטן גענומען גרייטן אַן אינטערווענץ אין כינע אַף צו דערשטיקן די כינעזישע רעוואָליוציע. ענגלאַנד האָט איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט פסס״ר, אינטענסיוו גרייטנדיק אַן אַנטיסאָוועטישע מילכאָמע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַלע לענדער האָט געפירט אַ צעיושעטע העצ־קאַמפּאַניע קעגן פסס״ר, נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם צוגרייטן אַ נײַע אינטערווענץ. „די געפאַר פון אַ נײַער וועלט־מילכאָמע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט", — האָט געשריבן זומער 1927 יאָר דער אויספירקאָם פון קאָמינטערן אין זײַן אופרוף. דער VIII פּלענום פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן אין מײַ 1927 יאָר האָט די הויפּט־אופמערקזאַמקײַט געווענדט טאַקע אַף דער מילכאָמע־געפאַר.

די אַלק״פּ(ב) האָט דעמאָלט אַרויסגערוקט אַלס די וויכטיקסטע אופגאַבע — די לאַנדשוץ, זי האָט גענומען ענערגיש פאַרשטאַרקן די רויטע אַרמײ און שאַפן רעזערוון אַף אַ פאַל פון אַ מילכאָמע.

אָט דעם שווערנ פאר פסס״ר מאָמענט האָט די אָפאָזיציע אויסגענוצט צוליב א נײַעמ אָנפאַל אפ דער פארטיי אונ אפנ קאָמינטערנ. די גאַנצע ענערגיע זייערע האָבנ די טראָצקיסטנ געווענדט ניט קעגנ די אימפעריאַליסטנ, וואָס העצנ אונטער צו א מילכאָמע, נאָר קעגנ דער אלק״פ(ב) אונ דעמ קאָמינטערנ, דערקלערנדיק, אז „די געפערלעכסטע געפאַר איז דער פארטיי־רעזשימ״. טראָצקי האָט אָפנ דערקלערט, אז אינ פאַל פונ א מילכאָמע־אָנפאל אפ פסס״ר וועט די אָפאָזיציע זיכ באַנוצנ מיט די שוועריקײַטנ אפ אראָפצוווארפנ די סאָוועטנ־רעגירונג אונ די פארטייִשע אָנפירונג. די פארטיי האָט מיט דער גאַנצער שארפקײַט פארשטעמפלט אָט די ליניע פונ דער אָפאָזיציע, אלס א ליניע אפ א מאפאָלע פונעמ סאָוועטנפארבאנד, ווײַל מע קאָנ ניט פארטיידיקנ די סאָוועטנמאכט, גלײַכצײַטיק דערווײַזנדיק, אז די סאָוועטנמאכט ווערט איבערגעבוירנ, פירט א באַלעגופישע פאָליטיק א. אז. וו. אייגנצײַטיק, איז אָט די ליניע פונ דער אָפאָזיציע געווענ געצילט צומ אָפשוואכנ די סימפאטיעס פונעמ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט צומ סאָוועטנפארבאנד, צומ אָפשוואכנ זײַנ גרייט־קײַט ארויסצוטרעטנ אפ צו פארטיידיקנ דעמ פסס״ר.

וועגנ דער רויטער ארמײ, וואָס די פראָלעטאריער פונ דער גאַנצער וועלט האלטנ זי מיט שטאָלצ פארנ אָנשפאר פונ דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, פלעגט די אָפאָזיציע רעכילעסדיק דערקלערנ, אז זי ווערט קלוימערשט אויכ איבערגע־בוירנ אונ פארוואנדלט זיכ אינ א באַלעגופישער. די אָפאָזיציע האָט געצילט איר ארבעט אפ אָפצושוואכנ די שלאכטפייִקײַט פונ דער רויטער ארמײ, שטרעבנדיק מיט דער הילפ פונ גראָבער דעמאגאָגיע אופצורייצנ די מאסע רויטארמייער קעגנ דעמ קאָ־מאנדירנ־באשטאנד אונ קעגנ די אָנפירנדיקע פארטייִשע קאדרנ אינ דער ארמײ.

די פארטיי אונ דער קאָמינטערנ זײַנענ געווענ געצוווּנגענ צו פירנ אנ ענערגישנ קאמפ קעגנ דער טראָצקיסטישער אָפאָזיציע אויכ בענגייע די פראגעס פונ דער כי־נעזישער רעוואָליוציע. ארויסגייענדיק פונ די טראָצקיסטישע אײַנשטעלונגענ, האָט די אָפאָזיציע אָפגעלייקנט דעמ פ ו י ע ר ש נ כאראקטער פונ דער כינעזישער רעוואָליוציע אונ די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונעמ כינעזישנ פויערטומ. זי האָט געלייקנט אינ דער מעגלעכקײַט פונ א בונד צווישנ דעמ כינעזישנ פראָלעטאריאט מיטנ פויערטומ אונ מיט דער שטאָטישער אָרעמשאפט. זי האָט געלייקנט אינ דער העגעמאָניע פונעמ פראָלע־טאריאט אינ דער רעוואָליוציע. טראָצקי האָט אויכ געלייקנט אינעמ קאָלאָסאלנ רע־וואָליוציאָנערנ באטײַט, וואָס עס האָט געהאט דער קאמפ קעגנ דעמ אימפעריאַליזמ אינ כינע. ער האָט פאָרגעלייגט צו שאפנ סאָוועטנ אינ כינע אונ אראָפצווארפנ די נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, וואָס האָט דעמלט עקזיסטירט אונ וואָס נאָכ איר זײַנענ געגאנגענ די רעוואָליוציאָנערע פאָלק־מאסנ. די אָפאָזיציע האָט זיכ גע־פרווט אָפרײַסנ דעמ פראָלעטאריאט פונ כינע פונ דער נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. זי האָט געשטויסנ דעמ פראָלעטאריאט איבערצורײַסנ מיט זײַנע פארבינ־דעטע; איר פאָליטיק האָט געדראָט דערמיט, אז דער פראָלעטאריאט זאָל בלײַבנ איינ־זאמ אינ דער רעוואָליוציע.

די אלק״פ(ב) אונ דער קאָמינטערנ האָבנ אונטער כ׳ סטאַלינס אָנפיר אפנ סאמע ענערגישנ אופנ דעמאסקירט די אומקומלעכקײַט פונ אָט דער פאָליטיק טראָצקיס.

אינ דער פראגע וועגנ ענגליש־רוסישנ קאָמיטעט האָט די אָפאָזיציע געפאָדערט טייקעפ איבערצורײַסנ מיט אימ, ארויסצוטרעטנ פונ אימ אפ דעמ סמאכ, וואָס די אָנפירערס פונ די ענגלישע פראָפאריינענ זײַנענ אָפאָרטוניסטנ. די דאָזיקע פאָרשלאָגנ פונ דער אָפאָזיציע זײַנענ געווענ די גראָבסטע פארקריפלונג פונ די גרונט־פרינציפנ פונ דער לענינישער פאָליטיק. ארײַנטרעטנדיק אינ ענגליש־רוסישנ קאָמיטעט, זײַנענ די סאָ־וועטישע פראָפפאריינענ געגאנגענ אפ א געמיינזאמענ קאמפ ניט מיט די פירערס, נאָר מיט די ענגלישע ארבעטער־מאסנ. אָנטיילנעמענדיק אינעמ ענגל.־רוס. קאָמיטעט, האָבנ די סאָוועטישע פראָפפאריינענ געהאט א מעגלעכקײַט זיכ צונויפצובינדנ דורכ אימ מיט דער מאסע ענגלישע ארבעטער, צו ווירקנ אפנ בעסערנ, מער רעוואָליוציאָנערנ טייל זייערנ אונ גלײַכצײַטיק צו דעמאסקירנ די פארעטערישקײַט פונ זייערע פירערס. די

פשאָרעמאַכערישע פירערס פונ די ענגלישע פראָפאַריינענ האָבנ שוינ פונ לאַנג געשטרעבט ארויסצופרײַבנ די סאָוועטישע פראָפאַריינענ פונעמ ענגל.־רוס. קאָמיטעט. זיי האָבנ עס אָבער ניט געוואָגט צו טאָנ, ווײַל דער אויטאָריטעט פונ פסס״ר איז אינ די מאַסנ געווענ אויסערגעוויינלעכ הויכ. די פאָדערונג פונ דער אָפאָזיציע ארויסצוטרעטנ פונעמ ענגל.־רוס. קאָמיטעט האָט באַטײַט א דירעקטע הילפ פאַר אונדזערע סאָנימ, וועלכע האָבנ נאָר געוואַרט דערויפ.

די אָפאָזיציע האָט אינטענסיוו גענומענ באַהעפטנ ארומ זיכ אַלע אָפאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינעמ קאָמינטערנ (אינ דײַטשלאַנד, פראַנקרײַכ א. אנד. לענדער), שליסנ בלאָקנ מיט די אַנטיפאַרטייִשע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ די קאָמפאַרטייענ. די אָפאָזיציע פלעגט אָפנ אָנפאַלנ אפ די ברידערלעכע קאָמפאַרטייענ — די פוילישע, עסטרײַכישע, ענגלישע, כינעזישע, — שטרעבנדיק צו שאַפנ אינ זיי א שפאַלטונג אונ ארונטערצורײַסנ זייער אויטאָריטעט אינ די אויגנ פונ די ארבעטער אינ די קאַפיטאַליסטישע לענדער.

דעריבער האָט דער VIII פלענומ פונ קאָמינטערנ אָנגעוויזנ אינ זײַנ רעזאָליוציע, אז די טראָצקיסטישע אָפאָזיציע העלפט מיט דירעקט מיט איר ארבעט דער בורזשואזיע אונ אירע אגענטנ אינ זייער קאַמפ קעגנ דער אַלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

אינ 1927 יאָר האָט די אָפאָזיציע זיכ ענדגילטיק אויסגעפורעמט ווי אנ אונטערערדישע פאַרטיי מיט איר צ״ק, מיט פאַרטייִשע קאָמיטעטנ אפ די ערטער, מיט באַזונדערע מיטגלידאָפצאָלנ א. אז. וו. זומער 1927 יאָר האָט די אָפאָזיציע ארויסגעלאָזט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע פלאַטפאָרמע, וואָס איז אינ טאָכ געווענ א פראָגראַמ פונ א נײַער פאַרטיי. ניט געקוקט אפ דער אומגעהייערער פראַקציאָנעלער ארבעט, איז דער אָפאָזיציע געלונגענ אָנצוזאַמלענ אונטער אָט דער פלאַטפאָרמע בלויז בא אנ אָנדערהאַלבנ טויזנט אונטערשריפטנ, וואָס האָבנ געשטיצט די אָפאָזיציע. דערבײַ, ווי ס'האָט זיכ אינגיכנ ארויסגעוויזנ, האָט א גוטע העלפט פונ די אונטערגעשריבענע די פלאַטפאָרמע אינ די אויגנ ניט געזענ.

אינעמ גאַנג פונעמ קאַמפ פונ דער אָפאָזיציע קעגנ דער פאַרטיי האָט זיכ ארויסגעוויזנ איר פולשטענדיקער דורכפאַל, וואָס האָט געזאָגט איידעס, אז זי האָט ניט געהאַט קיינ שומ מיטגעפיל ניט אינ דער פאַרטיי, ניט אינעמ ארבעטער־קלאַס. געליטנ אזא מאַפאָלע, האָט די אָפאָזיציע דערלאַנגט אינ צ״ק דעמ 8 אויגוסט 1927 יאָר א צווייטע מעלדונג וועגנ אָפזאָג פונ פראַקציאָנעלער ארבעט. אָט די צווייטע מעלדונג פונ דער אָפאָזיציע איז אָבער אויכ געווענ פונקט אזא צווייפנעמדיקער מאַנעווער, ווי די ערשטע: ניט געקוקט אפ אַלע צוזאָגענישנ, האָט די אָפאָזיציע נאָכ מער פאַרשטאַרקט איר אַנטיפאַרטייִשע ארבעט. ניט באַגרענעצנדיק זיכ מיטנ קאַמפ אינעווייניק אינ דער פאַרטיי, איז די אָפאָזיציע דערמלט איבערגעגאַנגענ שוינ צו א בעפיירעש אַנטיסאָוועטישער טעטיקײַט: זי האָט גענומענ ארויסטרעטנ קעגנ דער פאַרטיי אונ דער סאָוועטישער רעגירונג אפ אומפאַרטייִשע פאַרזאַמלונגענ א. אז. וו. צומ צענטנ יאָרטאָג פונ אָקטיאַבער האָט די סאָוועטישע רעגירונג ארויסגעלאָזט א מאַניפעסט וועגנ אריבערגאַנג אפ א 7־שאָיִקנ ארבעטטאָג, וואָס האָט געהאַט אנ אַלוועלטלעכ־היסטאָרישנ באַטײַט. דערדאָזיקער מאַניפעסט האָט באַשײַמפערלעכ געוויזנ דעמ גאַנצנ אַלוועלטלעכנ פראָלעטאַריאַט, אז די סאָוועטנמאַכט פאַרבעסערט די לאַגע פונעמ ארבעטער־קלאַס. די אָפאָזיציע האָט געשטימט אונ איז ארויסגעטראָטנ קעגנ אָט דעמ מאַניפעסט. באַלד נאָכדעמ האָט די אָפאָזיציע אײַנגעאָרדנט אפנ יאַראָסלאַווער וואָקזאַל (בײַמ באַגלייטנ דעמ אָפאָזיציאָנער סמילגא) אנ עפנטלעכע אַנטיסאָוועטישע דעמאָנסטראַציע. בײַמ X יאָרטאָג פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, דעמ 7 נאָיאַבער 1927 יאָר, האָט די אָפאָזיציע אויכ געפרוווט אײַנצואָרדענענ עפנטלעכע אַנטיסאָוועטישע דעמאָנסטראַציעס אפ די גאַסנ פונ מאָסקווע אונ לענינגראַד. די אָפאָזיציע האָט אָרגאַניזירט אונטערערדישע דרוקערײַענ, באַנוצנדיק זיכ דערבײַ מיט דער הילפ פונ די דירעקטע סאָנימ פונ דער סאָוועטנמאַכט. אָרגאַניזירנדיק אײַנע אזא דרוקערײַ, איז די אָפאָזיציע ארײַנגעטראָטנ אינ א בלאָק מיט בורזשואזע

אינטעליגענטנ, וואָס זײַנענ געווענ פארבונדנ מיט די ווײַסגווארדייער, וועלכע האָבנ געגרייט א מיליטערישע פארשווערונג קעגנ דער סאָוועטנמאכט.

אזוי ארומ, האָט זיכ די אָפאָזיציע צומ מאָמענט פונ XV פארטיי־צוזאמענפאָר (דעקאבער 1927 י.) ענדגילטיק ארויפגעקײַקלט אפנ וועג פונ אָפענעמ קאמפ קעגנ דער פראָלעטארישער דיקטאטור. דער אנטיסאָוועטישער קאמפ אינעווייניק אינ פסס״ר אונ די פארשפרייטונג פונ רעכילעס קעגנ פסס״ר אינ אויסלאנד האָבנ אוועקגעשטעלט די אָפאָזיציע אינ איינ רײ מיט די אָפענע פײַנט פונ פסס״ר. אפ אָט דעמ סמאכ האָבנ דער צ״ק אונ די צק״ק אינ נאָיאבער 1927 יאָר אויסגעשלאָסנ פונ דער פארטיי טראָצקינ אונ זינאָוויעווונ, אלס די הויפט־פירערס פונ דער אָפאָזיציע. קאמעניעוו, סמילגא, יעוודאָקימאָוו, ראקאָווסקי, מוראלאָוו א. אנד. זײַנענ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונעמ באשטאנד פונ צ״ק אונ צק״ק, אונ די פראגע וועגנ זייער פארבלײַבנ אינ דער פארטיי איז איבערגעגעבנ געוואָרנ אפנ באשלוס פונ XV צוזאמענפאָר פונ אלק״פ(ב), וואָס האָט געדארפט פאָרקומענ אינ דער נאָענטסטער צײַט.

דער XV פארטיי־צוזאמענפאָר — דער צוזאמענפאָר פונ קאָלעקטיוויזאציע.

דער XV פארטיי־צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומענ אינ דעקאבער 1927 י.

דער כ׳ סטאלינ איז ארויסגעטראָטנ מיט א באריכט־פאָרטראָג פונ צ״ק, ווו ער האָט געגעבנ א דעטאלנ אנאליז פונ דער צווישנפעלקערלעכער לאגע. ער האָט אונטערגעשטראָכנ דעמ איבערבראָכ־כאראקטער פונעמ מאָמענט, וואָס ווערט איבערגעלעבט: ניט געקוקט דערופ, וואָס די אלוועלטלעכע ווירטשאפט האָט צו יענער צײַט דערגרייכט אינ גרונט ביז צומ פארמילכאָמע־ניוואָ, האָט די אומופהערלעכע פארשארפונג פונ אלע קאפיטאליסטישע ווידערשפרוכנ געפירט צו א ווײַטערדיקער פארטיפונג אונ פארשארפונג פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאפיטאליזמ. דער צײַטווײַליקער אָפפלוס פונ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג האָט אָנגעהויבנ פארביטנ צו ווערנ אפ א נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ צופלוס. דאָס איז באשטעטיקט געוואָרנ דורכנ ווינער אופשטאנד אינ 1927 י., דורכ די רעוואָליוציאָנערע דעמאָנסטראציעס אינ פראנקרײַכ אונ אינ דײַטשלאנד, דורכ דער לינק־ווערנדיקער ארבעטער־באוועגונג אינ ענגלאנד אונ דורכנ אומעטומיקנ וווקס פונ דער ווירקונג פונעמ קאָמינטערנ. „אײראָפע טרעט בעפײרעש ארײַנ אינ א פעריאָד פונ א נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג״,—האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ אפנ צוזאמענפאָר. די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אינ פסס״ר האָבנ געהאט א קאָלאָסאלע ווירקונג אפנ גאנצנ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט, ארונטערײַסנדיק די שטאנדהאפטיקײַט פונעמ אימפעריאליזמ. די פילצאָליקע ארבעטער־דעלעגאציעס, וואָס פלעגנ קומענ אינ פסס״ר פונ אויסלאנד (באזונדערס אסאכ זײַנענ זיי געווענ אינ סאָפ 1927 יאָר אינ צוזאמענהאנג מיטנ X יאָרטאָג פונ אָקטיאבער), האָבנ, באקענענדיק זיכ מיט די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג, פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט דעמ עמעס וועגנ דעמ לאנד פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור. די באריכטנ פונ אָט די אומפארטייישע דעלעגאטנ בא זיכ אינ לאנד וועגנ אלצ, וואָס זיי האָבנ געזענ אינ פסס״ר, זײַנענ געווענ די בעסטע אגיטאציע פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ פאר דער סאָוועטנמאכט. „פסס״ר ווערט בעפײרעש די פאָנ פונעמ ארבעטער־קלאס אינ אײראָפע אונ פונ די אונטערדריקטע פעלקער אינ די קאָלאָניעס״,—האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ.

דער צוזאמענפאָר האָט אינ זײַנע באשלוסנ אונטערגעשטראָכנ, אז די ריכטיקע פאָליטיק פונעמ צ״ק האָט געזיכערט די פארפעסטיקונג פונ דער צווישנפעלקערלעכער קראפט פונ פסס״ר.

אונטערפירנדיק די סאכאקלענ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג צומ צענטנ יאָרטאָג פונ אָקטיאבער, האָט דער צוזאמענפאָר אנגערקענט, אז סײַ די אינדוסטריע, סײַ די לאנדווירטשאפט האָט אריבערגעשטיגנ דעמ פארמילכאָמע־ניוואָ, ס׳איז אויסגע־

וואקסנ די צאָל באשעפטיקטע ארבעטער, ס׳איז געשטיגנ דער ארבעטלוינ און די ארבעט־פראָדוקטיווקייט.

זינט דעם XIV צוזאמענפאָר האָט די פארטיי זיכ דערשלאָגנ צו די סאמע ערנסטע דערפאָלגנ אינעם אינדוסטריאליזירנ דאָס לאנד. אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט פונעמ לאנד איז שנעל געוואקסנ די ספעציפישע וואָג פונ דער אינדוסטריע, אינ דער ערשטער ריי — פונ דער פראָדוקציע פונ פראָדוציר־מיטלענ. ס׳האָט זיכ באדייטנדיק א רוק געטאָנ פאָרויס די עלעקטריפיקאציע פונעמ לאנד. ס׳איז געמאכט געוואָרנ אנ אנהייב שאפנ נייע אינדוסטריע־צווייגנ (מאשינבויונג, כימישע אינדוסטריע א. אז. וו.). בלויז פארנ 1926/27 יאָר איז אינ דער אינדוסטריע און אינ טראנספאָרט



טראקטערס גייענ ארויס אקערנ די קאָלווירטישע פעלדער.

ארייַנגעלייגט געוואָרנ בא א 2 מיליארד רובל. ס׳האָט זיכ אָנגעהויבנ די בויונג פונ דניעפּערבוי, טורקסיב, מאגניטאָגאָרסק, סטאלינגראדער טראקטער־זאוואָד. די פארטיי האָט זיכ דערשלאָגנ צו א באדייַטנדיקנ אראָפּזעצנ די פרייַזנ אפ אינדוסטריעלע סכוירעס, צו א געוויסער העכערונג פונ דער ארבעט־פראָדוקטיווקייַט, צו א פארקלענערונג פונעמ זעלבסטקאָסט. דער מעלוכישער און קאָאָפּעראטיווער האנדל האָט אלצ מער גענומענ ארויסשטויסנ דעמ פריוואטנ האנדל־קאפּיטאל. עס איז באדייַטנדיק פארפעסטיקט געוואָרנ דער צוזאמענשלוס צווישנ שטאָט און דאָרפ; ס׳האָט זיכ פארבעסערט די באזאָרגונג פונעמ דאָרפ מיט אינדוסטריעלע סכוירעס. דאָס אלצ האָט געגעבנ א פולשטענדיקנ גרונט צו מאכנ אנ אויספיר, אז

„...אונדזער לאנד גייט צומ סאָציאליזמ זיכער און געשווינד, אָפּשטויסנדיק אפנ הינטערגרונט און ארויסשטויסנדיק טראָט נאָכ טראָט די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ פונ דער פאָלקווירטשאפט“[1]).

דער צוזאמענפאָר האָט באופטראָגט דעמ צ״ק, ער זאָל ווייַטער פירנ מיט ניט־אָפּגעשוואכטע טעמפּנ די פּאָליטיק פונ סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע. ס׳איז נייטיק צו פארפעסטיקנ דעמ דערגרייכטנ אנטוויקלונג־טעמפּ אינ דער סאָציאליסטישער

[1]) Сталин, Политотчет ЦК XV с’езду ВКП(б), стр 52.

אינדוסטריע און פארשטארקנ אימ אינ דער נאָענטסטער צוקונפט,— האָט כ׳ סטאַלינ געזאָגט אפנ צוזאמענפאָר.

דער צוזאמענפאָר האָט באהאנדלט די פראגע וועגנ די גרונט־אײַנשטעלונגענ פונעמ פינפיאָריקנ פלאנ פונ דער פאָלקווירטשאפט.

די הויפט־אופגאבע פונעמ פינפיאָריקנ פלאנ איז באשטאנענ אינעמ פארווירקלעכנ די לענינישע אידיי וועגנ אינדוסטריאַליזירנ דאָס לאנד. דעריבער האָט דער צוזאמענפאָר באזונדערס פארשארפט די אויפמערקזאמקײַט אפ דער נייטיקײַט צו אנטוויקלענ די שווערע אינדוסטריע און די מאשינבויונג, ד. ה. יענע צווײַגנ, וואָס האָבנ געזאָלט פארפעסטיקנ די עקאָנאָמישע קראפט און די שוצפייִקײַט פונ פסס״ר, אָפּשוואכנ זײַנ אָפּהענגיקײַט פונ דער קאפיטאליסטישער וועלט און מיטווירקנ דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונ דער לאנדווירטשאפט.

דאָס וויכטיקסטע אָרט האָבנ פארנומענ אפנ XV פארטיי־צוזאמענפאָר די פראגעס פונ דער לאנדווירטשאפט. די פראָדוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט האָט אינ יאָר 1926/27 באטראָפנ 108,3% פונ דער פארמילכאָמעדיקער. עס זײַנענ פארגרעסערט געוואָרנ די פארזיי־שטעטנ. עס איז געשטיגנ די לאנדווירטשאפטלעכע טעכניק. ניט געקוקט אָבער אפ די דערגרייכטע דערפאָלגנ, איז דער טעמפ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט דאָך באדײַטנדיק אָפּגעשטאנענ פונעמ וווּקס פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע.

דערפונ האָט געקאָנט זײַנ בלויז אײַנ אויסוועג: אריבערפירנ די דריבנע און צעשטויבטע פויערשע ווירטשאפט אפנ וועג פונ א גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאפט, אריבערגײַנ צו א געזעלשאפטלעכער ערד־באארבעטונג מיט דער הילפ פונ א הויכער מאשינ־טעכניק. דער XV פארטיי־צוזאמענפאָר האָט אנערקענט, אז די באדינגענ פאר א מאסנווער קאָלווירטישער באוועגונג זײַנענ שוינ צײַטיק געוואָרנ.

„אינ איצטיקנ פעריאָד דארפ די אופגאבע צו פאראייניקנ און פארוואנדלענ די דריבנע אינדיווידועלע ווירטשאפטנ אינ גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאפטנ געשטעלט ווערנ אלס די גרונט־אופגאבע פונ דער פארטיי אינ דאָרפ״,— האָט געזאָגט דער צוזאמענפאָר אינ דער רעזאָלוציע צו כ׳ מאָלאָטאָווס פאָרטראָג „וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ״.

צום מאָמענט פונעמ XV צוזאמענפאָר האָט די פארפעסטיקטע אינדוסטריע שוינ געקענט געבנ אנ אָנגעוועענע שטיצע דער לאנדווירטשאפט, באוואָפענענדיק זי מיט מאשינעס, כימישע באגיסיקונגענ א. אז. וו. די געבורטס־קאָאָפעראציע האָט ארומגעכאפט שוינ אריבער א העלפט פונ דער גאנצער דאָרפ־באזאָרגונג. די לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפעראציע האָט קימאט אפ צוויי דריטל ארומגעכאפט דעמ אָפּזאצ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע. די ראטווירטנ האָבנ פאנאנדערגעוויקלט א פראקטישע הילפ פאר די פויערימ, העלפנדיק זיי אריבערצוגײַנ צו א קאָלעקטיווער ערד־באארבעטונג. אנ אויסערסט וויכטיקנ באטײַט האָט געהאט דער בײַשפּיל פונעמ שעווטשענקאָווער ראטווירט אינ אוקראינע, וועלכער האָט אָרגאניזירט די ערשטע מאשינ־טראקטער־סטאנציע (מט״ס).

דאָס אלצ האָט צוגעגרייט די פויערשע מאסנ צום אריבערגײַנ צו קאָלעקטיווער ווירטשאפט, ווײַזנדיק זיי אפ זייער אייגענער דערפארונג די מײַלעס פונ א גרויסער ווירטשאפט אינ פארגלײַכ מיט א צעשטויבטער דריבנער ווירטשאפט.

„דאָס נײַע אינ די באשלוסנ פונעמ XV צוזאמענפאָר אינ פארגלײַכ מיטנ XIV צוזאמענפאָר באשטייט... אינ דעמ, וואָס דער XV צוזאמענפאָר האָט אוועקגעשטעלט די אלמעגלעכע אנטוויקלונג פונ דער קאָלווירטישער באוועגונג אלס איינע פונ די וויכטיקסטע אופגאבעס פונעמ טאָג״[1],— האָט געזאָגט כ׳ סטאַלינ.

דעריבער רופט אָנ די פארטיי דעמ XV צוזאמענפאָר איבערהויפט א צוזאמענפאָר פונ קאָלעקטיוויזאציע. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעצייכנט אלס אָרדנטלעכע פארטיי־אופגאבעס, אז ס׳איז נייטיק מיט אלע מעגלעכקײַטנ צו פאר־

---

2) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 373.

שטארקנ די קאָאָפּעראַציע, צו געבנ אַלערליי הילפ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ, צו פארשטארקנ די הילפ פאר דער אָרעמשאפט א. אז. וו.

אנ אויסערסט־וויכטיקנ באַטײַט האָט געהאט די אויפגאבע, וואָס דער צוזאמענפאָר האָט ארויסגערוקט — צו פארשטארקנ דעם קאמפ פאר א קולטורעלנ אויפשטײַג פונעם ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פונעם פויערטום.

דער XV צוזאמענפאָר האָט איינ זײַנע באשלוסנ באזונדערס באצייכנט דעם קאָלאָסאלנ וווּקס אונ די פארפעסטיקונג פונ דער פארטיי. די פארטיי האָט צו יענער צײַט געהאט 1 מיליאָנ 200 טויזנט מיטגלידער אונ קאנדידאטנ. עס האָט זיכ באדײַטנדיק פאנאנדערגעוויקלט די אינערלעכ־פארטייישע דעמאָקראטיע; עס איז אויפגעלעבט



דאָס דרעשנ אינ א ראטווירט.

געוואָרנ די ארבעט פונ די אונטערשטע קעמערלעכ; עס איז געשטיגנ די אקטיווקײַט פונ די פארטיי־מיטגלידער. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזנ, אז דעמ צענטער פונ דער גאנצער ארבעט דארפ מענ אריבערטראָגנ אינ די צעכנ. עס זײַנענ פארפעסטיקט געוואָרנ די צעכ־קעמערלעכ; מע האָט אָנגעהויבנ אויסטיילנ צעכ־אָרגאניזאטערס, אונ אדאנק דעמ איז פארשטארקט געוואָרנ די פארבינדונג פונ דער פארטיי מיט די אומפארטייישע ארבעטער. עס איז היפש אויסגעוואקסנ דער פאָליטישער ניוואָ פונ די פארטיי־מיטגלידער.

דער צוזאמענפאָר האָט מיט דער גאנצער קראפט אונטערגעשטראָכנ, אז אינ די באדינגענ פונ סאָציאליסטישנ אָנגריפ וואקסט אויכ דער ווידערשטאנד פונ די פײַנטלעכע קלאסנ, וואָס שליסנ זיכ צונויפ מיט די ביוראָקראטישע עלעמענטנ אינעמ סאָוועטישנ אפאראט אונ פרווונ זיכ וור־ביט־ווי אָפנ ארויסטרעטנ קעגנ דער פארטיי אונ דער סאָוועטנמאכט. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזנ, אז מע מוז נאָכ אנטשיידענער אָנגרײַפנ אפנ באלעבופ אינ דאָרפ אונ ווײַטער ארויסשטויסנ דעמ פריוואטנ קאפיטאל אינ שטאָט.

גלײַכצײַטיק האָט דער צוזאמענפאָר גערופנ די פארטיי נאָכ מער צו פארשטארקנ דעמ קאמפ קעגנ פארשיידענע ארויסקריכנ פונעמ קלאסנסוינע, מיט אלע מעגלעכקײַטנ צו פארפעסטיקנ די פראָלעטארישע דיקטאטור, צו העכערנ די אקטיווקײַט אונ זעלבסטטעטיקײַט פונ די פראָלעטארישע אונ אָרעמ־מיטלפויערשע מאסנ, צו פארשטארקנ די ווירקונג פונעמ פראָלעטאריאט אפ די ברייטע שיכטנ פונ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ.

באהאנדלט די פראגע וועגנ דער אָפאָזיציע, האָט דער צוזאמענפאָר אנערקענט, אז זי איז ענדגילטיק פארוואנדלט געוואָרנ אינ א געצײַג פונ דער בורזשואזיע אינעווייניק אינ פסס״ר, אינ אנ אָטריאד פונ דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאלדעמאָקראטיע. דער צוזאמענפאָר האָט געשטעלט דער אָפאָזיציע א קאטעגאָרישע

פאָדערונג אנטשיידנ זיכ צו אנטזאָגנ, צו פארמישפּעטנ אירע מענשעוויסטישע אַנשויונגענ אונ צו נעמענ אפּ זיכ די פליכט צו פארטיידיקנ די פארטיי-ליניע.

נאָכ דעמ, ווי די אָפּאָזיציע האָט זיכ אנטזאָגט אונטערצוווארפנ זיכ אונטער אָט דער פאָדערונג, האָט דער צוזאמענפאָר באשלאָסנ אויסצושליסנ פונ דער פארטיי 75 אקטיווע אָפּאָזיציע-טוערס [1]. בענגייע די פאשעטע מיטגלידער פונ דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע האָט דער צוזאמענפאָר באופטראָגט דעמ צ"ק אונ די צק"ק אָנצונעמענ מיטלענ אָפּ פאנאנדערצוויקלענ צווישנ זיי א ברייטע דערקלערונג-ארבעט, אָפּריייניקנדיק גלייַכצייַטיק די פארטיי פונ אלע בעפּיירעש אומפארבעסערלעכע עלעמענטנ פונ דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. אייינצייַטיק האָט דער צוזאמענפאָר אויסגעשלאָסנ פונ אלק"פּ(ב) 23 געוועזענע אָנטיילנעמערס פונ דער גרופּע „דעמאָקראטישנ צענטראליזמ" (סמירנאָוו וו. מ. אונ אנד.), וואָס האָבנ צוזאמענ מיט דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע געפירט א קאמפ קעגנ אלק"פּ(ב) אונ זייַנענ צו יענעמ מאָמענט ענדגילטיק פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ אנטיסאָוועטישער גרופּירונג.

אינעמ קאמפ קעגנ דער אָפּאָזיציע האָט די פארטיי זיכ צוזאמענגעשלאָסנ מיט אנ אויסשליסלעכער אייינמוטיקייַט ארומ איר לענינישנ צ"ק אונ דעמ פירער פונ דער פארטיי כ' סטאלינ. אפנ XV צוזאמענפאָר האָט זי אונטערגעפירט אנ ענדגילטיקנ סאכאקל פונעמ לאנגיאָריקנ קאמפ מיטנ טראָצקיזמ. דער טראָצקיזמ האָט געשלאָסנ זייַנ אנטוויקלונג-קרייַז.

„...דער טראָצקיזמ איז געווענ א פראקציע פונעמ מענשעוויזמ, איידער די טראָצקיסטנ זייַנענ אריינגעטראָטנ אינ אונדזער פארטיי; ער איז צייַטווייַליק געוואָרנ א פראקציע פונעמ קאָמוניזמ נאָכנ אריינטרעטנ פונ די טראָצקיסטנ אינ אונדזער פארטיי; ער איז ווידער געוואָרנ א פראקציע פונ מענשעוויזמ נאָכנ ארויסטרייַבנ די טראָצקיסטנ פונ אונדזער פארטיי. „דער הונט האָט זיכ אומגעקערט צו זייַנ מייקעכץ" [2], — האָט געשריבנ כ' סטאלינ.

א טייל טראָצקיסטנ האָט שפּעטער פארשטאנענ אונ אנטשיידנ פארמישפּעט די קאָנטררעוואָליוציאָנערישקייַט פונעמ טראָצקיזמ אונ איז אָנגענומענ געוואָרנ צוריק אינ דער פארטיי. א צווייטער טייל טראָצקיסטנ, מיט טראָצקינ אינ שפּיצ, איז ענדגילטיק פארוואנדלט געוואָרנ אינ אָפּענע קאָנטררעוואָליוציאָנערנ, אינעמ פאָרויסיקנ אָטריאד פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע, וועלכע פירט איצט צוזאמענ מיט די סאָציאַל-פאשיסטנ פונ אלע לענדער א צעיושעטנ קאמפ קעגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אינ פסס"ר אונ קעגנ דער אלק"פּ(ב).

ליטעראטור צומ דרייַצנטנ קאפּיטל.

Сталин, К итогам работ XIV конференции РКП(б), „Вопросы ленинизма".
Сталин, Вопросы и ответы. Речь в Свердловском ун-те, „Вопросы ленинизма".
Сталин, К вопросам ленинизма, „Вопросы ленинизма".
Сталин, О трех основных лозунгах партии по крестьянскому вопросу (ответ т. Ян-скому), „Вопросы ленинизма".
Сталин, Политический отчет ЦК XIV с'езду ВКП(б). Партиздат, 1933 г.
Сталин, Политический отчет ЦК XV с'езду ВКП(б). Партиздат, 1933 г.
Сталин, О социал-демократическом уклоне в нашей партии. Доклад и заключ. слово на XV Всерос. конференции ВКП(б), сб. „Об оппозиции".
Сталин, Еще раз о социал-демократическом уклоне в нашей партии. Доклад и заключ. слово на VII расширенном пленуме ИККИ, сб. „Об оппозиции".
Сталин, Вопросы китайской революции (тезисы для пропагандистов), сб. „Об оппозиции".
Резолюции XIV и XV с'ездов ВКП(б), XIV и XV конференций ВКП(б), сб. „ВКП(б) в резолюциях и решениях с'ездов, конференций и пленумов ЦК", ч. 2.

---

[1] כוצ די פריער אויסגעשלאָסענע טראָצקינ אונ זינאָוויעוונ האָט דער צוזאמענפאָר אויסגעשלאָסנ פונ דער פארטיי: קאמעניעוונ, ראדעקנ, ראקאָווסקינ, דראָבניסנ, יעוודאָקימאָוונ, זאלוצקינ, לאשעוויטשנ, נ. מוראלאָוונ, פּיאטאקאָוונ, ר. ראפּאָילנ, סאפּראָנאָוונ, סמילגענ, סאָסנאָווסקינ, ל. סארכאנאָוונ, אי. נ. סמירנאָוונ א. אנד.

[2] Сталин, Ответ тт. Олеховичу и Аристову, „Большевик" № 16, 1932 г

פערצנטער קאפיטל.

דער רעקאָנסטרוקטיווער פעריִאָד.

די פּארטיי אפנ וועג צום פאנאנדערגעוויקלטנ סאָציִאליסטישנ אָנגריפ.

נאָכנ אריבערגײַנ פונעם אופשטעל־פעריִאָד צום רעקאָנסטרוקטיוונ האָבנ זיכ פאר דער פּארטיי געשטעלט נײַע ריזיקע אופגאבעס.

אפנ גרונט פונ די דערפאָלגנ, וואָס זײַנענ דערגרייכט געוואָרנ אינעם אופשטעל־פעריִאָד, האָט די פּארטיי אוועקגעשטעלט אנ אופגאבע סאָציִאליסטיש איבערצובויענ (רעקאָנסטרויִרנ) די גאנצע פאָלקווירטשאפט.

דערקלערנדיק דעם טאָכ פונ אָט די פּארטיי־אופגאבעס, האָט כ' סטאלינ געזאָגט:

„אויב בעשאסנ אופשטעל־פעריִאָד איז געווענ די רייד וועגנ אָנלאָדנ די אלטע זאַוואָדנ אונ העלפנ דער לאנדווירטשאפט אפ איר אלטער באזע, איז איצטער האנדלט זיכ וועגנ דעמ, אז מע זאָל גרינטלעכ איבערבויענ, רעקאָנסטרויִרנ אי די אינדוסטריע, אי די לאנדווירטשאפט, ענדערנדיק זייער טעכנישע באזע, באוואָפנענדיק זיי מיט דער הײַנטצײַטיקער טעכניק. דאָס באטײַט, אז פאר אונדז שטייט אנ אופגאבע איבערצובויענ די גאנצע טעכנישע באזע פונ דער פאָלקווירטשאפט" [1].

דער טאָכ פונ דער לאגע איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס די רעקאָנסטרוקציע קענ זיכ ניט באגרענעצנ מיטנ איבערבויענ די טעכנישע באזע פונ דער פאָלקווירטשאפט. זי פאָדערט באגלײַכ דערמיט איבערצובויענ — דערהויפּט אינ דאָרפ — די סאָציִאל־עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ. דאָס האָט באטײַט שאפנ א גרויסע סאָציִאליסטישע ווירטשאפט צוגלײַכ מיט דער שטאָט אויכ אינ דאָרפ, דאָס האָט באטײַט פארניכטנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ אונ שאפנ אזוינע באדינגונגענ, אז אָט די עלעמענטנ זאָלנ ניט קענענ אופקומענ אונ זיכ אנטוויקלענ אינ פסס"ר.

אינ דער אינדוסטריע, וואָס איז אינ פסס"ר געווענ פארייניקט אונ האָט געהערט צו דער פּראָלעטארישער מעלוכע, האָט די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע געהאט שוינ א פארטיקע סאָציִאל־עקאָנאָמישע באזע. די אופגאבע איז דאָ באשטאנענ אינ דעמ, מע זאָל איבערבויענ די גאנצע אינדוסטריע אפנ גרונט פונ דער פאָרגעשריטענער הײַנטצײַטיקער טעכניק אונ ארויסשטויסנ ביזנ סאָפ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ. די איבערבויונג האָט געפאָדערט, מע זאָל ארײַנלייגנ מער מעלוכע־מיטלענ אינ דער פאָלקווירטשאפט. קעדיי אָנצופירנ מיט די אונטערנעמונגענ אונ באהערשנ די נײַע הײַנטצײַטיקע פאָרגעשריטענע טעכניק, איז אויכ נייטיק געווענ צו שאפנ נײַע קאדרענ. די פּארטיי האָט מאָביליזירט אלע מיטלענ אפ א רוק צו טאָנ פאָרויס מיט גיכערע טעמפּנ די סאָציִאליסטישע רעקאָנסטרוקציע פונ דער אינדוסטריע. אינ יאָר 1928-29 איז אויסגעגעבנ געוואָרנ 2 מיליארד 700 מיליאָנ רובל אפ קאפּיטאלע ארבעטנ אינ דער אינדוסטריע אונ אינ טראנספּאָרט. דאָס האָט באטײַט א פארגרעסערונג אפ 20% קעגנ דעמ פארגאנגענעמ יאָר. דאָס האָט באטײַט, אז די טעמפּנ פונ אינדוסטריִאליזירנ דאָס לאנד אינעמ רעקאָנסטרוקטיוונ פעריִאָד ווערנ היפּש פארשטארקט.

---

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 526.

באזונדערס גרויסע אויפגאבעס האָבנ זיכ אוועקגעשטעלט פאר דער פארטיי בעשאסנ רעקאָנסטרוקטיווג פעריִאָד אינ געביט פונ דער לאנדווירטשאפט, ווו דאָס הויפט־אָרט האָט נאָכ פארנומענ די קליינע, אָפּגעשטאנענע אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאפט. סאָציִאליסטיש רעקאָנסטרויִרנ דאָס דאָרפ האָט באטייט סיי איבערבויענ די טעכנישע באזיע פונ דער לאנדווירטשאפט, סיי גלייכצייטיק איבערמאכנ די אינדיווידועלע האָרעפּאשנע פויערשע ווירטשאפט, פארוואנדלענ זי אינ א גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאפט. קאָלזמאנ עס עקזיסטירט א פריוואטע פויערשע ווייניק־סכוירעדיקע ווירטשאפט, וואקסנ אויס אונ אנטוויקלענ זיכ אָנ איפהער אונ אומפארמיידלעכ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, וואָס קעמפנ קעגנ סאָציִאליזם. קעדיי צו פארניכטנ די עצעם מעגלעכקייט פארנ אויפקום אונ וווקס פונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, איז נייטיק געווענ צו פארניכטנ די נאָכ עקזיסטירנדיקע קאפיטאליסטישע עלעמענטנ (דעם באלעגופ אינ דאָרפ) אונ צו פאראייניקנ די האָרעפּאשנע פויערשע ווירטשאפטנ אינ גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאפטנ. בלויז אזא פּאָליטיק קענ ברענגענ צום אויסקאָרטשעווענ אלע וואָרצלענ פונ קאפיטאליזם אינ דער לאנדווירטשאפט.

איבערמאכנ די צעבראָקלטע, אָפּגעשטאנענע פויערשע ווירטשאפט איז מעגלעכ געווענ בלויז אפנ גרונט פונ אלמעגלעכנ אנטוויקלענ די אינדוסטריע, דערינ אויכ יענע אינדוסטריע, וואָס שאפט די נייטיקע געצייג (מאשינעס, טראקטערס א. אז. וו.) אפ צו רעקאָנסטרויִרנ די לאנדווירטשאפט. די אינדוסטריע שפּילט א פירנדיקע ראָליע אינעם סאָציִאליסטישנ איבערבויענ דאָס דאָרפ, אינ די פארטיי האָט פעסט געפירט א פּאָליטיק צו אינדוסטריִאליזירנ דאָס לאנד. אזויארום, איז די רעקאָנסטרוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט פארבונדנ געווענ אפנ ענגסטנ אויפנ מיט דער רעקאָנסטרוקציע פונ דער אינדוסטריע.

איבערגייענדיק צום רעקאָנסטרוקטיווג פעריִאָד, האָט די פארטיי פארשטארקט דעמ אָנגריפ אפ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אונ געשאפנ די נייטיקע באדינגונגענ צום ליקווידירנ זיי ענדגילטיק אינעם סאָוועטנפארבאנד.

אָט דער סאָציִאליסטישער אָנגריפ האָט ארויסגערופנ א פארצווייפלטנ ווידערשטאנד מיצאד די רעשטלעכ קאפיטאליסטישע קלאסנ, מיצאד אלע עלעמענטנ, וואָס זיינענ פיינטלעכ צו דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. דער קלאסנקאמפ אינ לאנד האָט זיכ אומגעהייער פארשארפט.

דער קאמפ פונ דער פארטיי אפנ ברויט־פראָנט.

די אויפגאבע סאָציִאליסטיש איבערצומאכנ די לאנדווירטשאפט האָט זיכ געשטעלט באזונדערס שארפ אינ פארבינדונג מיט די שוועריקייטנ אינ די טווּוע־פארגרייטונגענ. די טווּוע־פארגרייט־קאמפאניע אינ הארבסט 1927 אונ ווינטער 1927־28 איז דורכגעגאנ ניט־צופרידנשטעליק, אונ אינ רעזולטאט דערפונ האָט זיכ באקומענ א דעפיציט פונ 128 מיליאָנ פוד טווּוע קעגנ דעמ פארגאנגענעם יאָר.

פונוואנענ־זשע האָבנ געשטאמט אונדזערע שוועריקייטנ אפנ ברויט־פראָנט? כ׳ סטאלינ האָט אינ א צאָל ארויסטרעטונגענ זיינע (די פּאָרטראָגנ „אפנ ברויט־פראָנט“, „וועגנ די סאכאקלענ פונעם יול־פלענום פונ צ״ק אינ 1928 יאָר“, די רעדעס אפ די צ״ק־פלענומס אינ די יאָרנ 1928 אונ 1929) געגעבנ א דייטלעכנ ענטפער דערויפ אונ אָנגעוויזנ דעמ ריכטיקנ וועג, וויִאזוי די שוועריקייטנ בייצוקומענ.

די ברויט־שוועריקייטנ האָבנ געשטאמט דערפונ, וואָס די טווּוע־ווירטשאפט איז אומגעהייער אָפּגעשטאנענ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע. סכוירע־טווּוע, ד.ה. אזא טווּוע, וואָס גייט פארנ פארקויפ, איז ארויסגעארבעט געוואָרנ אסאכ לאנגזאמער, איידער עס איז געוואקסנ די באדערפעניש אינ ברויט.

פאר די יאָרנ פונעם אופשטעל־פעריִאָד, אונ באזונדערס זינט דעמ אָנהייב פונ רעקאָנסטרוקציע־פעריִאָד, איז די אינדוסטריע היפּש ארויסגעוואקסנ. עס זיינענ אויסגעוואקסנ נייע אונטערנעמונגענ, שטעט, עס איז אריינגעצויגנ געוואָרנ נייע ארבעט־קראפט, אזוי, אז עס האָט זיכ ביז גאָר פארגרעסערט דער נאָכפרעג אפ ברויט. די לאנדווירט־

שאפט אָבער, דערהויפּט די טוווּ־ווירטשאַפט, איז געשטאַנען אַפּ זייער אַ נידעריקער שטופּע. זי איז געווען אָפּגעשטאַנען, צעבראָקלט, און וואָס ווײַטער—איז זי געוואָרן נאָך מער צעשטויבט און צעבראָקלט. ביז דער מילכאָמע איז געווען 16 מיליאָן פויערשע ווירטשאַפטן, און אין 1927־28 יאָר — 25 מיליאָן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל טוווּע, וואָס דאָס פויערטום האָט אַרויסגעפירט אַפּן מאַרק, ווײַל אַ קליינע ווירטשאַפט גיט ווייניקער טוווּע פאַרן מאַרק.

פריִער, אין צאַרישן רוסלאַנד, פלעגן די באַלעגופים געבן פאַרן מאַרק אַ העלפט פון דער גאַנצער טוווּע, די פּריצים פלעגן געבן אַ פערטל־טייל, און דעם איבעריקן פערטל־טייל פלעגן געבן די אָרעמע און מיטעלע פויערים. אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין יאָר 1926־27 זײַנען די הויפּט־אויסאַרבעטער פון טוווּע געווען די אָרעמע און מיטעלע פויערים, זיי האָבן געגעבן דרײַ פערטל פון דער גאַנצער סכוירע־טוווּע, די באַלעגופים—אַ פינפטל־טייל, דאָס איבעריקע — די קאָלווירטן און ראַטווירטן. די גרונט־אויסאַרבעטונג פון טוווּע איז אַריבער פון די פּריצים און באַלעגופים צו די קליינע פויערים, וואָס זייער מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך באַדײַטנדיק פאַרבעסערט. „דאָס איז געווען אַ באַשליסנדיק געווינס, וואָס די גרונט־מאַסן פויערטום האָבן באַקומען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע" (סטאַלין). דאָס האָרעפּאַשנע פויערטום האָט אָנגעהויבן בעסער צו נערן זיך, צו געברויכן מער ברויט און ווייניקער צו געבן ברויט פאַרן פאַרקויפ. אַזויאַרום, האָט דער וווּקס פון ברויט־געברויך באַם פויערטום גופע און די צעבראָקלונג פון דער פויערשער ווירטשאַפט געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר 1926־27 איז אין לאַנד באַקומען געוואָרן אַזויפיל טוווּע, וויפל ביז דער מילכאָמע, אָבער פאַרן פאַרקויפ איז געגאַנגען צוויי מאָל ווייניקער טוווּע. אָט דאָס זײַנען געווען די גרונט־סיבעס פון אונדזערע שוועריקײַטן אַפּן ברויט־פראָנט.

אָט די לאַגע האָט אויסגענוצט דער קלאַסנפײַנט. די באַלעגופישע עלעמענטן אין דאָרפ,—כאָטש זיי האָבן ניט געהאַט די הויפּט־מאַסע טוווּע אין זייערע הענט,—האָבן צעוויקלט אַ קאַמפ קעגן די מעלוכישע טוווּע־פאַרגרייטונגען, אַגיטירנדיק די פויערים, זיי זאָלן דער מעלוכע ניט געבן קיין ברויט. דערמיט האָבן זיי געוואָלט אַראָפּרײַסן די סאָציאַליסטישע בויונג.

צו אָט די סיבעס זײַנען נאָך צוגעקומען די פעלערן אין דער אַרבעט פונעם פאַרגרייט־אַפּאַראַט, דאָס אַרײַנפירן אין דאָרפ אַרײַן ניט גענוג אינדוסטריעלע סכוירעס אַ.אַז.וו.

די שוועריקײַטן אינעם טוווּע־פאַרגרייט אין די יאָרן 1927—28 האָבן געדראָט מיט ערנסטע פאָלגן דער גאַנצער ווירטשאַפט, ווען די פאַרטיי זאָל ניט געווען געפינען אַ מיטל, וויאַזוי זיי בײַצוקומען. דאָס ניט אויספילן דעם פאַרגרייט־פלאַן האָט געקענט אַראָפּרײַסן דאָס אַרויספירן טוווּע קיין אויסלאַנד, און מיר וואָלטן ניט געקענט אײַנקויפן דאָרט די נייטיקע מאַשינעס צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. די טוווּע־שוועריקײַטן האָבן אויך געשטעלט פאַר אַ געפאַר דאָס באַזאָרגן די שטעט און די רויטע אַרמיי.

די פאַרטיי האָט אַוועקגעשטעלט אַן אויפגאַבע צו ליקווידירן די טוווּע־שוועריקײַטן צום קירצסטן טערמין. צוליב דעם האָט מען געדאַרפט נעמען די אין לאַנד פאַראַנענע טוווּע, צומאַלעמערשטן — בא די באַלעגופיש־פאַרמעגלעכע שיכטן.

כאַראַקטעריזירנדיק די לאַגע צו יאַנוואַר 1928, האָט כ' סטאַלין געזאָגט:

„מיר זײַנען געשטאַנען, אַזויאַרום, פאַר אַן אויסוואַל: אָדער אָניאָגן דאָס פאַרלוירענע און אײַנשטעלן אַ נאָרמאַלן טעמפּ פון טוווּע־פאַרגרייטונג פאַר דער שפּעטערדיקער צײַט, אָדער בלײַבן שטיין פאַר דער אומפאַרמײַדלעכקײַט פון אַן ערנסטן קריזיס אין אונדזער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט. וואָס האָט מען געדאַרפט פאַרנעמען אַפּ אָנצויאָגן דאָס פאַרלוירענע? מע האָט געדאַרפט צומאַלעמערשטן אַ קלאַפּ טון איבער די באַלעגופים און ספּעקוליאַנטן, וואָס האָבן אויפגעשרויפט די פּרײַזן אַפּ טוווּע און געדראָט דעם לאַנד מיט אַ הונגער; מע האָט געדאַרפט, צווייטנס, אַרײַנפירן מאַקסימום סכוירעס אין די טוווּע־ראַיאָנען;

מע האָט געדאַרפט, ענדלעכ, אוועקשטעלנ אפ די פיס אַלע אונגדזערע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אונ שאפנ אנ איבערבראָכ אינ דער גאַנצער טוועו־פאַרגרייטע־רישער אַרבעט אונדזערער, אַרויסיאָגנדיק פונ דער פּראַקטיק דעמ זעלבשטראָמ. אַזויאַרומ, זײַנענ מיר געצוווּנגענ געווענ צו לאָזנ אינ גאַנג אויסעראָרדנטלעכע מיטלענ. די אָנגענומענע מיטלענ האָבנ געבראַכט זייער רעזולטאַט, מיר האָבנ באַוויזנ צומ סאָפ מאַרט צונויפצוזאַמלענ 275 מיליאָנ פּוד טוועו"[1].

אינ אָט דער קורצער כאַראַקטעריסטיק איז אויסגעדרוקט דער טאָכ פונ דער ריזיקער אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי האָט אָפּגעטאָנ אינ געביט פונ די טוועו־פאַרגרייטונגענ. די פּאַרטיי האָט מאָביליזירט די קױכעס פונ אונטנ ביז אַרופ אונ בעעמעס „אוועקגעשטעלט אפ די פיס" אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אונ אָרגאַנענ פונ דער סאָוועטנמאַכט. פונ די שטעט איז געוואָרפנ געווענ א גרויסע צאָל טוערס אפ די טוועו־פאַרגרייטונגענ אונ אויכ אפ אַלגעמיינ־פּאַרטייִשער אונ סאָוועטישער אַרבעט אינ דאָרפ.

אָט דער פּעריאָד פונ קאַמפ פאַר ברויט האָט אויסערגעוויינלעכ קלאָר באַוויזנ, אַז דער קלאַסנסויגע אינ דאָרפ דרימלט ניט, אַז אפנ אָנגריפ פונ דער פּראָלעטאַרישער מאַכט ענטפערט ער מיטנ אָרגאַניזירנ א ווילדנ ווידערשטאַנד אונ וויל, שטיצנדיק זיכ דאָס מאָל אפ ברויט, בײַקומענ אָט די מאַכט דורכ „אויסהונגערונג". דאָס באַלעגופנטומ האָט ניט צוגעשטעלט קיינ ברויט אפ מעלוכע־פרײַזנ אונ האָט אַגיטירט די פּויערימ, צומאַלעמערשטנ די פּאַרמעגלעכע שיכטנ, זיי זאָלנ סאַבאָטירנ די מעלוכישע פאַרגרייטונגענ. די באַלעגופימ האָבנ אַנטוויקלט א ספּעקוליאַציע מימ טוועו דורכ די שטאָטישע הענדלערס אונ האָבנ געשלעפּט אפ אָט דעמ וועג די גאַנצע פּויערשע מאַסע. די באַלעגופימ פלעגנ אָרגאַניזירנ מאָרדנ פונ פאַרגרייט־באַפולמעכטיקטע אונ אַנדערע טוערס אינ דאָרפ, פלעגנ אונטערצינדנ די שיט־פּונקטנ א. אז. וו.

די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבנ מאָביליזירט די אָרעמ־מיטלפּויערימ אינ דאָרפ אונ האָבנ אײַנגעבראָכנ דעמ סאַבאָטאַזש פונעמ באַלעגופנטומ. קעדיי צו באַוואָרענענ דעמ דערפאָלג פונ דער גאַנצער טוועו־פאַרגרייט־קאַמפּאַניע, האָט מענ אָנגעהויבנ מער אויסאַרבעטנ אונ אַרײַנפירנ אינ דאָרפ אַרײַנ אינדוסטריִעלע סכוירעס. ס'איז פאַרבעסערט געוואָרנ די אַרבעט פונ די טוועו־פאַרגרייט־אָרגאַניזאַציעס. פונעמ סאָוועטישנ אונ קאָאָפּעראַטיווּנ אַפּאַראַט זײַנענ אַרויסגערייניקט געוואָרנ די צעלייגטע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ דורכגעדרונגענ געווענ מיטנ הענדלער־גײַסט אונ האָבנ נאָכגעטאַנצט נאָכ די באַלעגופימ.

צו די באַלעגופימ אונ אויפקויפערס־ספּעקוליאַנטנ, וואָס פלעגנ אויפשרויפנ די פרײַזנ אונ אָראָפּרײַסנ די מעלוכע־פאַרגרייטונגענ, זײַנענ אָנגעווענדט געוואָרנ *אויסעראָרדנטלעכע מיטלענ*: מע האָט זיי צוגעצויגנ צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר ספּעקוליאַציע אונ קאָנפיסקירט בא זיי די טוועו־רעזערוונ (מע האָט אָנגעווענדט דעמ אַרטיקל 107 פונ קרימינאַל־קאָדעקס). *די אויסעראָרדנטלעכע מיטלענ, וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ באַמ ברייטנ אָנטייל פונ די אָרעמ־מיטלפּויערשע שיכטנ, האָבנ אָפּגעשפּילט זייער א גרויסע ראָליע אינעמ קאַמפ פאַר ברויט.*

אינ רעזולטאַט פונ דערדאָזיקער גאַנצער אַרבעט האָט די פּאַרטיי צומ סאָפ מאַרט 1928 יאָר באַוואָרנט אנ איבערשטײַג פונעמ פּלאַנ טוועו־פאַרגרייט.

קעמפנדיק פאַרנ אויספילנ די טוועו־פאַרגרייטונגענ, האָט די פּאַרטיי באַגלײַכ דערמיט אָנגעצייכנט אַנטשיידנדיקע מאָסמיטלענ, וויִאַזוי ענדגילטיק צו לייזנ די טוועו־פּראָבלעמ, אונ זי האָט צעוויקלט א ברייטע אַרבעט אפ סאָציִאַליסטיש איבערצובויענ די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אינ א צאָל באַשטימונגענ (אפ די פּלענומס אינ אַפּרעל, יול, נאָיאַבער אינ יאָר 1928) אויסגעאַרבעט פּראַקטישע מאָסמיטלענ, וויִאַזוי ברייטער פאַנאַנדערצוּוויקלענ די קאָלעקטיוויזאַציע

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 338—339.

און אויכ צו שאפנ ראטווירטנ, וואָס זאָלנ אינ א 4—5 יאָר ארומ געבנ דער מעלוכע ניט ווייניקער ווי 100 מיליאָנ פוד טוווע א יאָר.

באגלייכ דערמיט האָט די פארטיי אינ אָט דעמ פעריִאָד געשטיצט די אינדיווידועלע אָרעמ־מיטלפויערשע ווירטשאפטנ, געהויבנ זייער פראָדוקטיווקייט, ארייַנגעצויגנ די פויערימ אינ דער קאָאָפּעראציע, שליסנדיק מיט זיי קאָנטראקטאציע־אָפּמאכנ א. אז. וו.

אפנ גרונט פונ אָט דער פראָגראמ האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס גענומענ זיכ צומ לייזנ די טוווע־פראָבלעמ, וואָס איז אינ אָט די באדינגונגענ געווענ איינע פונ די וויכטיקסטע פראָבלעמעס פונ דער ווירטשאפט־פּאָליטיק. ווענ מיר זאָלנ זיכ ניט געווענ באוואָרענענ מיט ברויט, וואָלט ניט מעגלעכ געווענ צו פארווירקלעכנ די גרויסע אופגאבעס פונ אינדוסטריאליזירנ דאָס לאנד, וואָלט ניט מעגלעכ געווענ אויסצופילנ דעמ פינפיאָריקנ פּלאנ, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרנ אינ א קורצער צייַט ארומ. אפ אזא אויפנ איז דער קאמפ פאר ברויט געווענ אנ עכטער קאמפ פאר דער מעגלעכקייַט צו בויענ מיט דערפאָלג דעמ סאָציִאליזמ.

אינעמ פעריִאָד פונ פארביסענעמ קאמפ פאר ברויט, וואָס (דער קאמפ) האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט אינ די יאָרנ 1927—28, איז היפש אופגעלעבט געוואָרנ די פארטיי־ארבעט אינ דאָרפ, אונ באגלייכ דערמיט איז אופגעדעקט געוואָרנ א צאָל פעלערנ אונ פארקריפּלונגענ פונ דער פארטיי־ליניע. אינ אייניקע דאָרפישע פארטיי־אָרגאניזאציעס זייַנענ דעמאסקירט געוואָרנ אָפענע רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעוואקסנ מיט די באלעבאטישע עלעמענטנ, נאָכגעטאנצט נאָכ זיי אונ ניט געקעמפט פאר ברויט. פונ דער אנדערער זייַט, זייַנענ באגאנגענ געוואָרנ „לינקע" איבערבויגנ: ווו־ניט־ווו האָט מענ בעשאס די ברויט־פארגרייטונגענ אָנגעווענדט אויסעראָרדנטלעכע מיטלענ אויכ צומ מיטלפויער.

די פּלענומס פונ צענטראל־קאָמיטעט (אינ אפּרעל אונ יול 1928) האָבנ מיט דער גאנצער קראפט א קלאפ געטאָנ איבער אָט די פארקריפּלונגענ פונ דער פארטיי־ליניע. אפנ גרונט פונ אָט די באשטימונגענ פונ צ"ק האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס פארשטארקט דעמ קאמפ קעגנ די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, וואָס האָבנ ניט געוואָלט ווייַטער אנטוויקלענ דעמ אָנגריפ אפנ באלעבוס. באגלייכ דערמיט איז געגעבנ געוואָרנ א שארפער אָפּשטויס די „לינקע" איבערבייגערס, וועלכע האָבנ פונ צייַטווייַליקע אונ אויסעראָרדנטלעכע מיטלענ געוואָלט מאכנ א שטענדיקנ קורס, וועלכע האָבנ דערלאָזט איבערבויגנ בענעגייע די מיטלפויערימ.

דער שאכטער פּראָצעס אונ די לעקציעס פונ אימ.

דער קלאסנקאמפ אינ אָט דעמ פעריִאָד האָט זיכ פארשארפט ניט בלויז אינ דאָרפ, נאָר אויכ אפ אנדערע בוי־באצירקנ. אינ יאָר 1928 האָבנ די גפ"או־אָרגאנענ אופגעדעקט אינ דאָנבאס, אינ שאכטער קוילנ־ראיאָנ, א קאָנטררעוואָליוציִאָנערע אָרגאניזאציע; געשאפנ האָבנ זי די געוועזענע שאכטע־אייגנטימערס אונ זייערע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבנ געדינט אינ דער סאָוועטישער אינדוסטריע. אָט די אָרגאניזאציע האָט זיכ געשטעלט פאר אנ אופגאבע—דורכ שעדיקערייַ אראָפּצורייַסנ די פאנאנדערהויקלונג פונ דער אינדוסטריע אונ די פארפעסטיקונג פונ דער לאנדשוץ. זי איז ענג געווענ פארבונדנ מיט קאפּיטאליסטישע מעלוכעס, אונ מיט איר שעדיקערישער ארבעט האָט זי געוואָלט פארגרינגערנ די אימפעריִאליסטנ אָנצופאלנ אפ דער סאָוועטנ־רעפּובליק.

די שעדיקער פלעגנ פארפלייצנ די בעסטע שאכטעס אונ אינ דערזעלבער צייַט פאנאנדערארבעטנ אזויגע באצירקנ, וואָס טויגנ גאָר ניט, זיי פלעגנ סיסטעמאטיש אראָפּרייַסנ דאָס מעכאניזירנ די קוילנ־אינדוסטריע, קאליע מאכנ מאשינעס א. אז. וו. דער פּראָצעס פונ די שאכטער שעדיקערס האָט אופגעדעקט, מיט וואָס פארא נייַע

מעטאָדנ (שעדיקערײַ) די בורזשואזע קאָנטררעוואָליוציע קעמפט קעגנ דער פראָלעטארישער מעלוכע אינעם רעקאָנסטרוקטיוו פעריאָד. אונ אָט די שעדיקערײַ־סיסטעם איז געווענ אנ עטאפ פונ דעמ פארביסענעמ קלאסנקאמפ, וואָס עס האָבנ צעוויקלט קעגנ דער פראָלעטארישער דיקטאטור די רעשטלעכ קאפיטאליסטישע קלאסנ אינ אונדזער לאנד. אינ די יאָרנ 1930—1931 זײַנענ אופגעדעקט געוואָרנ גרויסע שעדיקער־אָרגאניזאציעס, וואָס זײַנענ דעמאסקירט געוואָרנ אפ אָפענע געריכט־פראָצעסנ (די „פראָמפארטײַ" א. אנד.).

אינ פארבינדונג מיטנ דעמאסקירנ די שעדיקער־אָרגאניזאציע האָט די פארטײַ אופגעדעקט א צאָל פעלערנ אינ דער ארבעט פונ די ווירטשאפטלעכע, פראָפעסיאָנעלע אונ אויכ פונ אײניקע פארטײַישע אָרגאניזאציעס: צו די פעלערנ געהערט דאָס פארלירנ די קלאסנ־וואכזאמקײַט צו די בורזשואזע ספעציאליסטנ, דאָס ביוראָקראטישע באציענ זיכ צו די ארבעטערס אָנווײַזונגענ, דאָס ניט־גענוגע צוציענ ארבעטער צום אָנפירנ מיט דער פראָדוקציע, דאָס שטיקנ די זעלבסטקריטיק א. אנד. דער צ"ק האָט ספעציעל באהאנדלט די פראגע וועגנ די לעקציעס פונעמ שאכטער פראָצעס אפ די פלענומס אינ יול 1928 אונ אינ נאָיאבער 1929. אינ די באשטימונגענ צו כ' מאָלאָטאָווס אונ כ' קאהאנאָוויטשעס פאָרטראָגנ האָט די פארטײַ אוועקגעשטעלט מיט דער גאנצער שארפקײַט די אופגאבע צו שאפנ וואָס גיכער א נײַע טעכנישע אינטעליגענצ פונ די רײַענ פונעמ ארבעטער־קלאס. די אופגאבע צו שאפנ נײַע ספעציאליסטנ איז „די וויכטיקסטע אופגאבע פונ דער גאנצער פארטײַ", — האָט אָנגעוויזנ דער צ"ק. קעדײַ אויסצופילנ אָט די אופגאבע, איז פארגרעסערט געוואָרנ דאָס אסיגנירנ מיטלענ אפ צוצוגרייטנ נײַע ספעציאליסטנ; מע האָט גרינטלעכ איבערגעבויט אונ פארבעסערט די גאנצע סיסטעם פונ צוגרייטנ טעכנישע קאדרענ; עס זײַנענ געשיקט געוואָרנ צו לערנענ זיכ גרויסע גרופעס דורכגעקאָנטראָלירטע קאָמוניסטנ אונ ארבעטער („פארט־טויזנטער" אונ „פראָפ־טויזנטער") א. אז. וו. אפנ גרונט פונ די צ"ק־באשלוסנ וועגנ שאכטער פראָצעס איז אָפגעטאָנ געוואָרנ א גרויסע ארבעט אפ צוצוציענ די ארבעטער־מאסנ צום אָנפירנ מיט דער פראָדוקציע אונ אויכ צום פארבעסערנ די מאטעריעלע אונ קולטורעלע לעבנבאדינגונגענ פונ די דאָנבאסער ארבעטער. די פארטײַ־אָרגאניזאציעס האָבנ פארשטארקט די וואכזאמקײַט בענוגייע די פײַנטלעכע עלעמענטנ, א קלאפ געטאָנ מיט דער גאנצער קראפט איבער דעמ ביוראָקראטיזמ אונ ענערגיש גענומענ זיכ אײַנצורפלאנצנ אינ דער גאנצער ארבעט ברייטע ארבעטער־דעמאָקראטיע אונ זעלבסטקריטיק.

דאָס פאנאנדערוויקלענ די אינערלעכ־פארטײַישע דעמאָקראטיע אונ די זעלבסטקריטיק, דאָס ארײַנציענ ברייטע ארבעטער־מאסנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג אונ אינעם קאמפ פארנ אויסוואָרצלענ אלע פעלערנ אינ דער ארבעט — דאָס האָט באקומענ א באזונדערס גרויסנ באטײַט אינ די באדינגונגענ פונ רעקאָנסטרוקטיוו פעריאָד. דער צ"ק האָט זומער 1928 יאָר זיכ געווענדט צו אלע פארטײַ־אָרגאניזאציעס אונ צום ארבעטער־קלאס מיט א רופ ברייט צו צעוויקלענ די זעלבסטקריטיק.

„...זעלבסטקריטיק איז אונדז נייטיק אזויווי לופט, אזויווי וואסער, — האָט געזאָגט כ' סטאלינ. — ...זאָל די פארטײַ, זאָלנ די באָלשעוויקעס, זאָלנ אלע ערלעכע ארבעטער אונ האָרעפאשנע עלעמענטנ אינ אונדזער לאנד אופדעקנ די פעלערנ פונ אונדזער ארבעט, די פעלערנ פונ אונדזער בויונג, זאָלנ זיי אָנצייכענענ וועגנ, וויאזוי צו ליקווידירנ אונדזערע פעלערנ, קעדײַ אינ אונדזער ארבעט אונ אינ אונדזער בויונג זאָל ניט זײַנ קיינ פארגליווערטקײַט, קיינ זומפ, קיינ פוילונג, קעדײַ די גאנצע ארבעט אונדזערע, אונדזער גאנצע בויונג זאָל זיכ פארבעסערנ פונ טאָג צו טאָג אונ זאָל גײנ פונ דערפאָלג צו דערפאָלג" [1].

---

[1]) Сталин, Доклад московскому активу, апрель 1928 г. Сб. „Сталин о печати", стр. 37—38, Леноблиздат, 1932 г.

אָט די ווענדונג פון צ"ק וועגן פאַנאַנדערוויקלען די זעלבסטקריטיק האָט אָפּגעשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אינעם אויסוואָרצלען די פעלערן און אינעם פאַרבעסערן די גאַנצע אַרבעט.

די פּאַרטיי קעמפט קעגן דעם רעכטן אָפּנויג, ווי קעגן דער הויפּט־געפאַר.

ווען מיר זײַנען אַריבער צום רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד, האָבן די פײַנטלעכע אונטערגייענדיקע קלאַסן, צומאַלעמערשטן דאָס באַלעגופּנטום, פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד קעגן דער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט, אַלס אַן ענטפער אויפן סאָציאַליסטישן אָנגריף פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אָט דער ווידערשטאַנד פון די פײַנטלעכע קלאַסן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אייניקע ניט־שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן אין די פּאַרטיי־רייען. די גרונט־אַנטפּלעקונג פון אָפּאָרטוניסטישע וואַקלונגען איז אינעם דאָזיקן פּעריאָד געוואָרן דער אָפּן־אָפּאָרטוניסטישער רעכטער אָפּנויג. אַלס אָנפירנדיקע גרופּע פון דער רעכטער אָפּאָזיציע זײַנען אַרויסגעטראָטן דרײַ צ"ק־מיטגלידער — בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי. די רעכטע האָבן פאַרביסן געקעמפט קעגן דער לעניניסטישער ליניע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, געסטאַרעט זיך א קער צו טאָן די גאַנצע פּאַרטיי אויפן וועג פון רעכט־אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק.

כדי צו צעגראָמירן דעם רעכטן אָפּנויג און כדי צו באַוואָרענען, עס זאָל דורכגעפירט ווערן די ריכטיקע לעניניסטישע פּאָליטיק, און דערשלאָגן זיך א זיג פון סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד, האָט די פּאַרטיי געמוזט דורכפירן א גרויסן קאַמף קעגן דעמדאָזיקן אָפּנויג.

דער רעכטער אָפּאָרטוניזם האָט זיך קלאָר אַנטפּלעקט אין פּראָצעס פון די טוווּע־פאַרגרייטונגען. די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די אויסעראָרדנטלעכע מיטלען; זיי האָבן געהאַלטן די פּאַרטיי־פּאָליטיק פאַר ניט קיין ריכטיקער, זיי פלעגן באַשולדיקן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַז ער קוועטשט צופיל אָן אויף די באַלעגופּישע שיכטן אין דאָרף. שוין אינעם פּעריאָד פונעם יולער צ"ק־פּלענום אין יאָר 1928 האָבן זיך געלאָזט פילן בוכאַרינס רעכט־אָפּאָרטוניסטישע וואַקלונגען אין דער פראַגע וועגן אויסעראָרדנטלעכע מיטלען און וועגן אַנטוויקלען די קאָלווירטן.

א בולטער אויסדרוק פון דער רעכט־אָפּאָרטוניסטישער פּלאַטפאָרמע איז אין יענעם פּעריאָד געווען פרומקינס (פאַרטרעטער פון פאָלק־קאָמיסאַר פאַר פינאַנסן) בריוו אין צ"ק. זומער 1928 איז פרומקין אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָפן־באַלעגופּישער אַנטיפּאַרטייִשער פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט דערקלערט אָפן, אַז די פּאַרטיי דאַרף ניט שטערן די באַלעגופּישע ווירטשאַפטן צו אַנטוויקלען זיך, זי דאַרף ניט פאַרברייטערן די ראַטווירטן און קאָלווירטן, ווי דאָס האָט באַשטימט דער צ"ק; זי דאַרף פאַרלאַנגזאַמען די טעמפּן פון אַנטוויקלען אונדזער אינדוסטריע. אויף א רעכילעסדיקן אופן האָט ער געטײַנעט, אַז ס'איז פאַראַן בא אונדז א פאַנאַנדערשלוס מיטן מיטלפויער, אַז די לאַנדווירטשאַפט לעבט איבער א יערידע, — דאָס איז אין דער צײַט, ווען אינדערעמעסן האָבן די אָרעם־מיטלפויערשע מאַסן פאַרגרעסערט דעמלט זייערע פאַרזייען. ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצורוקן דעם לאָזונג: „צוריק צום XIV צוזאַמענפאָר".

אין האַרבסט 1928 יאָר, ערעוו דעם ערשטן יאָר פון פינפיאָר, האָט בוכאַרין פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „נאָטיצן פון אַן עקאָנאָמיסט". דאָרט האָט ער פאָרגעלייגט צו פאַרלאַנגזאַמען די טעמפּן פון אַנטוויקלען די אינדוסטריע און האָט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז אין דער ווירטשאַפטלעכער בויונג דאַרף זיך די פּאַרטיי גלײַכן לויט די „שמאָלע ערטער". דאָס האָט געהייסן, אַז די פּאַרטיי דאַרף ניט מאָביליזירן די קוכעס אויף בײַצוקומען די שוועריקײַטן (צום בײַשפּיל, די טוווּע־פאַרגרייטונגען, דאָס

פעלנ פונ בוי־מאַטעריאַלנ), נאָר זי דאַרפ זיכ אונטערגעבנ אָט די שוועריקײַטנ, צו־ גריפוויקלענ די אַנטוויקלונג פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.

בוכאַרינ איז אַרויסגעטראָטנ ווי דער הויפט־טעאָרעטיקער פונעמ רעכטנ אָפּנויג. זײַנע אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ (בעשאַס דער מילכאָמע, אינעמ פעריאָד פונ „לינקנ קאָמוניזמ", זײַנ לאָזונג „באַרײַכערט זיכ" אינ יאָר 1925 אונ אַנד.), וואָס ער האָט געהאַטנ אָנערקענט אונטערנ דרוק פונ דער פּאַרטיי,—אָט די פעלערנ האָבנ זיכ געלאָזט פילנ מיט א באַזונדער קראַפט אינ די באַדינגונגענ פונ רעקאָנסטרוקטיווע פעריאָד. א־ אָט דעמ פעריאָד האָט בוכאַרינ אַנטוויקלט א פּאַראַקשנטנ קאַמפ קעגנ דער לענינ־ שער פּאַרטיי־ליניע; ער איז אַרויסגעטראָטנ מיט א גאַנצער סיסטעמ רעכט־אָפּאָרטו־ ניסטישע אָנשויונגענ, וואָס זײַנענ געווענ פאַרבונדנ אַפנ ענגסטנ אויפנ מיט זײַנע פריערדיקע פעלערנ. דער טעאָרעטישער יעסאָד פונ אָט דעמ אָפּנויג איז געווענ בו־ כאַרינס ניט־מאַרקסיסטישע אַנטילענינישע טעאָריע, אַז בא דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט לעשט זיכ אויס דער קלאַסנקאַמפ, די טעאָריע וועגנ דעמ באַלעגופט אַרײַנוואַקסנ אינעמ סאָציאַליזמ.

לענינ האָט געלערנט, אַז נאָכ דעמ, ווי דער פּראָלעטאַריאַט פאַרכאַפט די מאַכט שטעלט זיכ ניט אָפּ דער קלאַסנקאַמפ, נאָר, פאַרקערט, ער ווערט נאָכ שאַרפער. בו־ כאַרינ אָבער האָט געטײַנעט, אַז די סאָציאַליסטישע בויונג וועט דורכגײנ פרידלעכ, מיט זעלבשטראָמ, ניט פאַרשאַרפנדיק דעמ קלאַסנקאַמפ. לויט זײַנ טעאָריע, וועלנ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ (באַלעגופימ, קאָנצעסיאָנערנ א. אַנד.) אַרײַנוואַקסנ אינ סאָציאַליזמ, אונ אַזויאַרומ וועלנ שטיל אונ גלאַטיק פאַרניכטעט ווערנ די קלאַסנ אונ עס וועט אויפגעבויט ווערנ דער סאָציאַליזמ. אָט די טעאָריע בוכאַרינס האָט אינ גרונט פאַרקריפּלט מאַרקס אונ לענינס לערע וועגנ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַ־ ריאַט אונ האָט געפירט דערצו, אַז די פּראָלעטאַרישע מעלוכע זאָל אומקומענ, עס זאָלנ זי פאַרניכטנ די פײַנטלעכע צו איר קלאַסנ־קויכעס.

„פאַרניכטנ די קלאַסנ דורכ א פאַרביסענעמ קלאַסנקאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט — אַזא איז לענינס פאָרמולע,— האָט געזאָגט כ' סטאַ־ לינ.

פאַרניכטנ די קלאַסנ דורכ דעמ, וואָס דער קלאַסנקאַמפ וועט זיכ אויסלעשנ, אונ די קאַפּיטאַליסטנ וועלנ אַרײַנוואַקסנ אינ סאָציאַליזמ,— אַזא איז כ' בוכאַרינס פאָרמולע.

וואָס קענ זײַנ געמײנזאַמס צווישנ אָט די צוויי פאָרמולעס? ס'איז קלאָר, אַז צווישנ זיי איז ניטאָ אונ ס'קענ ניט זײַנ קײנ שומ געמײנזאַמס" [1].

אינ די רעדעס אונ מעלדונגענ אינ צ"ק אינ די יאָרנ 1928—1929 פלעגט בוכאַ־ רינ אונ אַנדערע רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אַרויסטרעטנ קעגנ אינדוסטריאַליזירנ דאָס לאַנד אונ קעגנ די טעמפּנ, וואָס די פּאַרטיי האָט גענומענ אינעמ בויענ דעמ סאָ־ ציאַליזמ. זיי פלעגנ אינ גרונט פאַרקריפּלענ לענינס ליניע בענעגייע דעמ פויערטומ, פלעגנ פירנ א קאַמפ קעגנ דער פּאָליטיק פונ סאָציאַליסטישנ איבערבויענ דאָס דאָרפ, וואָס עס האָט געפירט דער צ"ק. בוכאַרינ פלעגט זיכ סטאַרענ צו פאַרשמירנ דעמ מיטלפויערס צווייענדיקע נאַטור אונ פלעגט אַרויסטרעטנ קעגנ לענינס פּאָליטישנ אָפּ־ שאַצנ דעמ מיטלפויער:

„דער פויער, אַלס א האָרעפּאַשניק, ציט צומ סאָציאַליזמ, האַלטנדיק פאַר בעסער די דיקטאַטור פונ די אַרבעטער, אײדער די דיקטאַטור פונ דער בור־ זשואַזיע. דער פויער, אַלס א טוווע־פאַרקויפער, ציט צו דער בורזשואַזיע, צומ פרײַענ האַנדל, ד. ה. צוריק צומ „געוויינטנ" אַלטנ, „דורערדיקנ" קאַפּי־ טאַליזמ" [2].

די אינדיווידועלע ווײניק־סכוירעדיקע פויערשע ווירטשאַפט געבוירט קאַפּיטאַליזמ אָנ אַנ אויפהער אונ אומפאַרמײַדלעכ. דעריבער, — האָט געזאָגט לענינ, — איז קאָלומאַנ

1) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 399.

2) Ленин, т. XXIV, стр. 314.

עס עקזיסטירט אָט די ווירטשאַפט, איז אינ אונדזער לאַנד פאַראַנ א באָדנ פאַר דער אנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזם.

ענדגילטיק פאַרניכטנ דעמ קאַפּיטאַליזמ קענ מענ בלויז דורכנ איבערבויענ סאָציאַליסטיש די פויערשע ווירטשאַפט.

„מיר האָבנ די וואָרצלענ פונ קאַפּיטאַליזמ ניט אויסגעריסנ און דעמ פונדאַמענט, דעמ יעסאָד באַמ אינערלעכנ סוינע ניט אונטערגעריסנ, — האָט לענינ געזאָגט אינ אָנהייב נעפּ. — דער לעצטער האַלט זיכ אפ דער קליינער ווירטשאַפט, אינ קעדיי אונטערצורייסנ אים, איז פאַראַנ איינ מיטל — אריבערפירנ די ווירטשאַפט פונ לאַנד, דעריבער אויכ די ערד־אַרבעט, אפ א נייער טעכנישער באַזע, אפ דער טעכנישער באַזע פונ דער הייַנטצייטיקער גרויס־פּראָדוקציע" [1].

כ׳ בוכאַרינ איז אַרויסגעטראָטנ קעגנ אָט די באַשליסנדיקע אָנווייַזונגענ לענינס. די פּאָליטיק פונ א בונד מיטנ פויערטומ פלעגט ער אויסטייַטשנ ווי א פּאָליטיק פונ אומופהערלעכנ האַנאָכעס דעמ פויערטומ. דאָס האָט געהייסנ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אָפּזאָגנ זיכ פונעמ סאָציאַליסטישנ איבערבויענ דאָס דאָרף. דאָס איז געווענ געצילט דירעקט קעגנ לענינענ. וועלכער האָט געלערנט, אַז אונדז איז נייטיק ניט אבי א וואָסער בונד מיטנ פויערטומ, נאָר אַזא בונד מיט די גרונטיקע מיטלפויערשע מאַסנ, וואָס באַזירט זיכ אפנ קאַמפּ קעגנ די באַלעבאָטישע עלעמענטנ, וואָס באַוואָרנט די אָנפירנדיקע ראָליע פונעמ פּראָלעטאַריאַט, וואָס פאַרפעסטיקט די פּראָלעטאַרישע מעלוכע און פירט צומ פאַרניכטנ די קלאַסנ.

בוכאַרינס ליניע האָט געפירט דערצו, אַז מע זאָל לאָזנ די ווייניק־סכוירעדיקע און די באַלעבאָטישע ווירטשאַפט פרייַ זיכ אנטוויקלענ; זי האָט פאַרקריפּלט אינ גרונט דעמ טאָכ און די אויפגאַבעס פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. קעמפנדיק קעגנ דער פּאָליטיק פונ קאָלעקטיוויזאַציע, האָט כ׳ בוכאַרינ געטייַנעט, אַז ניט די קאָלווירטנ זייַנענ דער ברייטער טראַקט צומ סאָציאַליזמ, נאָר די קאָאָפּעראַציע (די געברויכ־ און אָפּזאַצ־קאָאָפּעראַציע) אַזויאַרומ האָט ער קעגנגעשטעלט די קאָלווירטנ דער קאָאָפּעראַציע, אינ דער צייַט, ווענ אינ לענינס קאָאָפּעראַטיוונ פּלאַנ זייַנענ זיי געווענ אפנ ענגסטנ אויפנ פאַרבונדנ; לענינ האָט געזאָגט, אַז די קאָלווירטנ זייַנענ די העכסטע פאָרמע פונ קאָאָפּעראַציע.

אַרויסגייענדיק פונ אָט די אַלע אַנטילענינישע אייַנשטעלונגענ, האָבנ די רעכטע פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמפּ קעגנ דעמ צענטראַל־קאָמיטעט אינ אַלע גרונט־פראַגעס פונ דער פּאַרטיי־פּאָליטיק.

זומער און האַרבסט 1928 איז א גרופּע טוערס פונ דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע, אינ שפּיצ מיטנ סעקרעטאַר פונ מ"ק, אוגלאַנאָוונ, אַרויסגעטראָטנ מיט א פּאַרטייַדיקונג פונ די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציעס. צוזאַמענ מיט בוכאַרינענ און פרומקינענ האָבנ די אוגלאַנאָווצעס פאָרגעלייגט, מע זאָל לאָזנ פרייַ זיכ אנטוויקלענ די באַלעבאָטישע ווירטשאַפטנ אינ דאָרף, און אָנשטאָט דער שווערער אינדוסטריע זאָל מענ אנטוויקלענ די לייַכטע אינדוסטריע. זיי האָבנ געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל פירנ א ליניע פונ אומופהערלעכנ האַנאָכעס דעמ פויערטומ און האָבנ געשטיצט אַלע איבעריקע רעכט־אָפּאָרטוניסטישע פאָרשלאָגנ.

די אוגלאַנאָווישע אָנפירונג פונ מ"ק (אוגלאַנאָוו, קאָטאָוו, ריוטינ א. אנד.) האָט זיכ געפּרוווט אָרגאַניזירנ אינ מאָסקווע א רעכט־אָפּאָרטוניסטישנ אקטיוו און אויסצונוצנ די גאַנצע מאָסקווער אָרגאַניזאַציע צו קעמפנ קעגנ דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע, קעגנ דעמ צ"ק און קעגנ דעמ פּאַרטיי־פירער, כ׳ סטאַלינ. פּונקט ווי די טראָצקיסטנ, האָבנ אויכ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אינ זייערע רעכילעסדיקע אָנפאַלנ אפנ צ"ק און אפנ כ׳ סטאַלינ איבערגעכאַזערט די מענשעוויקעס, וועלכע האָבנ אינ זייער צייַט פּונקט אַזוי ווילד געטריבנ רעכילעס אפ לענינענ.

אָבער אַלע פּרווונ פונ די אוגלאַנאָווצעס זייַנענ דורכגעפאַלנ. די מאָסקווער אָרגאַניזאַציע האָט געגעבנ אַנ אומראַכמאָנעסדיקנ ווידערשטאַנד דער אוגלאַנאָווישער

[1] Ленин, т. XXVI, стр. 46.

גרופע, האָט אראָפּגענומען די רעכטע פון דער ארבעט און אוועקגעשטעלט אפ זייער אָרט פעסטע פארטיידיקערס פון דער לענינישער ליניע פון צ״ק.

אינעם קאמפ קעגנ דעם רעכט־אָפּאָרטוניסטישנ קעפּל פון דער מאָסקווער אָרגאניזאציע האָט אָפּגעשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע די ווענדונג פון צ״ק צו אלע מיטגלידער פון דער מאָסקווער אָרגאניזאציע און כ׳ סטאלינס רעדע אפנ אָקטיאבער־פּלענום פון מ״ק אינ 1928 יאָר. כ׳ סטאלינ האָט דערוויזנ, אז די רעכטע גייענ אוועק פון דער לענינישער פּאָליטיק און קאפּיטולירנ פארנ קלאסנסוינע. אלע פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ איינמוטיק באוויליקט דאָס צעגראָמירנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אינ דער מאָסקווער אָרגאניזאציע.

אינ פארבינדונג דערמיט, וואָס עס האָבנ זיכ פארשטארקט די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע וואקלונגענ, האָט כ׳ סטאלינ פארשארפט דער פּארטייס אופמערקזאמקייט אפנ קאמפ קעגנ דעם רעכטנ אָפּאָרטוניזם. אפנ צ״ק־פּלענום אינ נאָיאבער 1928 האָט ער דעמאסקירט די באלעגופישע פּלאטפאָרמע פונעם רעכטנ אָפּנויג, וואָס איז דעמלט געשאפנ געוואָרנ, און האָט באוויזנ דעם גאנצנ שאָדנ אירנ פאר דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאליסטישער בויונג. איינצייטיק דערמיט האָט כ׳ סטאלינ אָנגעוויזנ, אז מע טאָר ניט אָפּשוואכנ דעם קאמפ קעגנ דעם „לינקנ" אָפּנויג, וואָס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט אנ אָפּנויג צום טראָצקיזם. די פארשטייערס פון אָט דעם אָפּנויג פלעגנ פארטיידיקנ די פּאָליטיק פון איבער־אינדוסטריאליזאציע און די פּאָליטיק, וואָס פירט צו אנ איינרייס צווישנ דעם ארבעטער־קלאס און דעם מיטלפויער; זיי פלעגנ דערלאָזנ אנטי־מיטלפויערשע איבערבויגנ א. אז. וו. סיי דער רעכטער, סיי דער „לינקער" אָפּנויג פירנ צום צוריקופשטעלנ דעם קאפּיטאליזם אינ אונדזער לאנד; דער „לינקער" אָפּנויג איז א שאָטנ פונעם רעכטנ — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ. וואָס־זשע פאר אנ אויסזען האָבנ זיי איצט און וואָס פאר אנ אונטערשייד איז פאראנ צווישנ זיי?

„דער אונטערשייד באשטייט אינ דעם, וואָס די פּלאטפאָרמעס זיינענ בא זיי פארשיידענע, די פאָדערונגענ פארשיידענע, דער צוגאנג און די מעטאָדנ פארשיידענע. אויב, צום ביישפּיל, די רעכטע טיינענ: „מ׳האָט ניט געדארפט בויענ קיינ דניעפּערבוי", און די „לינקע", פארקערט, דערווידערנ: „וואָס איז פאר אונדז איינ דניעפּערבוי, דערלאנגט אונדז אלע יאָר א דניעפּערבוי", — איז דארפ מענ אנערקענענ, אז אנ אונטערשייד איז, אפּאָנעם, יאָ פאראנ. אויב די רעכטע טיינענ: „טשעפּע ניט דעם באלעגופ, לאָז אים פריי זיכ אנטוויקלענ", און די „לינקע", פארקערט, דערווידערנ: „שלאָג ניט בלויז דעם באלעגופ, נאָר דעם מיטלפויער אויכ, וואָרעמ ער איז פונקט אזא פּריוואט־אייגנטימער, ווי דער באלעגופ", — איז דארפ מענ אנערקענענ, אז אנ אונטערשייד איז, אפּאָנעם, יאָ פאראנ. אויב די רעכטע טיינענ: „עס זיינענ אָנגעקומענ שוועריקייטנ, צי איז ניט צייט אונטערצוגעבנ זיכ", און די „לינקע", פארקערט, דערווידערנ: „וואָס פאר א ווערט האָבנ פאר אונדז שוועריקייטנ, מיר שפּייענ אפ אייערע שוועריקייטנ; מיר פליענ בליצשנעל פאָרויס", — איז דארפ מענ אנערקענענ, אז אנ אונטערשייד איז, אפּאָנעם, יאָ פאראנ... פאר אונדז, לענינצעס, איז אָבליגאטאָריש דער קאמפ אפ צוויי פראָנטנ — סיי קעגנ דעם רעכטנ אָפּנויג, סיי קעגנ דעם „לינקנ" אָפּנויג"[1].

די פּארטיי האָט מיט דער גאנצער קראפט אונטערגעשטראָכנ, אז דער רעכטער אָפּנויג איז אינ אָט דעם פּעריאָד די הויפּט־געפאר, ער שפּיגלט אָפּ די באלעגופּישע געפאר, וואָס אינ פּעריאָד פון סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע, ווענ עס ווערנ אויסגעריסנ די וואָרצלענ פון קאפּיטאליזם, איז זי די גרונט־געפאר אינ לאנד.

„און טאקע דערפאר, וואָס דער רעכטער אָפּנויג שפּיגלט אָפּ דעם ווידערשטאנד

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 377.

פונ די גרונט־עלעמענטנ פונ די אונטערגײענדיקע קלאסנ, טאקע דערפאר איז דער רעכטער אָפנויג די גרונט־געפאר אינ אונדזער צײַט אינ דער פארטײ"[1].

דער רעכטער אָפנויג האָט איצט פאָרגעשטעלט מיט זיכ די הויפּט־געפאר אויכ דערפאר, ווײַל די פארטײ האָט צו אָט דער צײַט צעגראָמירט דעמ טראָצקיזמ, וואָס איז געווענ די הויפּט־געפאר אינ דער פארטײ אפנ פריערדיקנ עטאפ.

קעמפנדיק קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, וואָס איז ארויסגעטראָטנ מער אָדער ווײניקער אָפנ, האָט די פארטײ אײנצײַטיק פארשטארקט דעמ קאמפ קעגנ יענע עלעמענטנ, וואָס באציִענ זיכ טאָלעראנט צו די אנטפּלעקונגענ פונ אָפּאָרטוניזמ און קעמפנ ניט קעגנ זײ. שאָלעמ־מאכערס—דאָס זײַנענ פארבאָרגענע אָפּאָרטוניסטנ, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר א גערונג־באזע פארנ אָפּאָרטוניזמ. זײ שוואכנ אָפּ דעמ קאמפ פונ דער פארטײ אפ צווײ פראָנטנ און טאָרמאָזירנ די צעגראָמירונג פונ די אָפּאָרטוניסטנ. דעריבער דארפ מענ קעגנ דער שאָלעמ־מאכערײַ קעמפנ פונקט אזוי שארפ, ווי קעגנ די רעכטע און „לינקע". די באשטימונגענ פונעמ נאָיאבערשנ צ"ק־פּלענומ האָבנ מאָביליזירט אלע פארטײ־אָרגאניזאציעס צומ קאמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ.

באלד נאָכנ פּלענומ האָט די פארטײ דורכגעפירט א גרויסנ קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפנויג אינ דער אָנפירונג פונ די פראָפאַרײנענ. באזונדערס קלאָר האָט זיכ דאָרט אנטפּלעקט דער רעכטער אָפנויג בעשאסנ VIII צוזאמענפאָר פונ די פראָפאַרײנענ (דעקאבער 1928).

דאָס קעפּל פונ דער פראָפאַרײנישער אָנפירונג אינ שפּיצ מיטנ כ' טאָמסקי איז געשטאנענ פולקומ אפ דער פּלאטפאָרמע פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ און האָט זיכ געפּרווט ארופצופירנ די פראָפאַרײנענ אפנ אָפּאָרטוניסטישנ וועג און אויסצונוצנ זײ אלס אנ אָנשפּאר אינעמ קאמפ קעגנ דער פארטײ. ארויסגײענדיק פונ זײער רעכט־אָפּאָרטוניסטישער ליניע, האָבנ זיכ די פראָפאַרײנישע אָפּאָרטוניסטנ געסטארעט אנטקעגנצושטעלנ די פראָפאַרײנענ קעגנ דער פארטײ. די אָנפירונג פונ אלפארבאנדישנ פראָפראט האָט זיכ דעמלט מיט אלע קויכעס קעגנגעשטעלט דעמ איבערבויענ די פראָפאַרײנענ, ווי עס האָבנ געפאָדערט די באדינגונגענ פונעמ רעקאָנסטרוקטיוונ פעריִאָד. אָנשטאָט צו מאָביליזירנ די מאסנ צומ קאמפ פאר גיכע טעמפּנ, פארנ פאַנאנדערוויקלענ די אינדוסטריע און איבערמאכנ דאָס דאָרפ, האָט זי זיכ געסטארעט אײַנצוהאלטנ די פראָפעסיִאָנעלע אָרגאניזאציעס אינ א זײַט פונ אָט די אופגאבעס. א בולטער בײַשפּיל פונעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ איז דער פאקט, וואָס דער סאָצפארמעסט און די שלאָגלערײַ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אָנעמ אָנטײל פונ דער אָנפירונג פונ די פראָפאַרײנענ. די רעכטע האָבנ זיכ באזונדערס געסטארעט אײַנצוהאלטנ די פראָפאַרײנענ פונ אָנטײלצונעמענ אינ דער קאָלעקטיוויזאציע פונ דאָרפ.

די פארטײ פּלעגט אפנ ענגסטנ אויפנ פארבינדנ די ארבעט פונ די פראָפאַרײנענ, וואָס איז געציִלט צו פארבעסערנ די סאָציִאַליסטישעווירטשאפט, מיט דער אלטעגלעכער ארבעט צו פארבעסערנ די מאטעריעל־שטײגערישע לאגע פונ די פראָפאַרײנ־מיטגלידער. די רעכטע, פארקערט, האָבנ געהאלטנ, אז די פראָפאַרײנענ דארפנ זיכ פארנעמענ בלויז מיטנ פארטײדיקנ די מאטעריעלע אינטערעסנ פונ דער פראָפאַרײנ־מאסע. אזויארומ, האָבנ זײ דעמ פאַרײנס „פארטײדיקונג"־פונקציעס קעגנגעשטעלט קעגנ די פּראָדוקציע־פונקציעס און פארקריפּלט לענינס אָנווײַזונגענ וועגנ די אופגאבעס פונ די פראָפאַרײנענ בא דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט.

די רעכטע אָפנויגלערס האָבנ ניט געפירט די ארבעט פונ די פראָפאַרײנענ אינ אזא ריכטונג, אז זײ זאָלנ העלפנ אויספילנ די גרונט־אופגאבעס פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, ווי דאָס האָט שטענדיק געפאָדערט לענינ. די פראָפאַרײנענ, האָבנ געהאלטנ די רעכטע, דארפנ זיכ פארנעמענ בלויז מיט קולטור־שטײגערישע פראגעס, מיט פארטײדיקנ די שמאָלע, צעכישע אינטערעסנ פונ דער פראָפאַרײנישער מאסע. די רעכטע האָבנ ניט מאָביליזירט די פראָפאַרײנענ אפ אויסצופילנ די אופגאבעס פונעמ רעקאָנסטרוקטיוונ פעריִאָד. די פראָפעסיִאָנעלע פאַרײנענ האָבנ זײ אנטקעגנגעשטעלט דער מעלוכע און זיכ אראָפּגעקײַקלט צומ מענשעוויזמ.

---

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 561.

אפנ VIII פראָפאַרײַנ־צוזאַמענפאָר האָט די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע אָנפירונג צעװיקלט א פאַרביסענעמ קאַמפ קעגנ דער לענינישער ליניע פונ צ״ק. באַזונדערס אײַנגעשפּאַרט האָט זי געקעמפט קעגנ אַרײַנפירנ אינ פּרעזידיום פונ אַלפאַרבאַנדישנ פראָפראַט דעמ סעקרעטאַר פונ צ״ק אַלק״פ(ב), כ׳ קאַהאַנאָװיטש. דאָס אַרײַנפירנ דעמ כ׳ קאַהאַנאָװיטשנ, דעמדאָזיקנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קעמפער קעגנ אָפּאָרטוניזמ, האָט באַװאָרנט, אַז עס זאָל צעגראָמירט װערנ דער אָפּאָרטוניזמ אינ די פראָפאַרײַנענ און עס זאָל דורכגעפירט װערנ די גענעראַלע פּאַרטײ־ליניע, און טאַקע דערפאַר איז די פראָפאַרײַנישע אָנפירונג אַרויסגעטראָטנ קעגנ אַרײַנפירנ דעמ כ׳ קאַהאַנאָװיטשנ. דאָס האָט זײער קלאָר באַװיזנ זײער רעכט־אָפּאָרטוניסטישנ טאָכ און זײער קאַמפ קעגנ דער ליניע פונ צ״ק פונ דער פּאַרטײ. טאָמסקי האָט געװאָלט אויסנוצנ דעמ VIII צוזאַמענפאָר אָפ צו אָרגאַניזירנ דאָרטנ זײַנע אָנהענגערס און צו שאַפנ א גרופע אָפ צו קעמפנ קעגנ דעמ צ״ק.

אָבער ניט געקוקט אָפ אַלע מאַנעװרעס, האָבנ די רעכטע אינ די פראָפאַרײַנענ געליטנ א פולשטענדיקנ קראַכ. די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס (די קאָמפראַקציעס) אינ די פראָפאַרײַנענ האָבנ, אונטער דער אָנפירונג פונ צ״ק, פאַנאַנדערגעװיקלט אַנ אַקטיװנ קאַמפ פאַרנ דורכפירנ אינ דער פראָפבאַװעגונג די פּאַרטײ־ליניע, זײ האָבנ אַראָפגענומענ די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע אָנפירונג און אַװעקגעשטעלט אָפ איר אָרט פעסטע דורכפירערס פונ דער באָלשעװיסטישער ליניע.

די רעכטע האָבנ אָבער ניט אויפגעהערט צו קעמפנ קעגנ דער פּאַרטײ. אָפנ צ״ק־פּלענומ אינ אַפּרעל 1929 יאָר איז דער גאַנצער אָנפירנדיקער דרײַליגנ פונ דער רעכטער אָפּאָזיציע — בוכאַרינ, ריקאָװ און טאָמסקי, און אויכ אוגלאַנאָװ, אַרויסגעטראָטנ מיט א פאַנאַנדערגעװיקלטער רעכט־אָפּאָרטוניסטישער פּלאַטפאָרמע און װידער איבערגעכאַזערט זײערע רעכילעסדיקע באַשולדיקונגענ. די רעכטע זײַנענ אַרויסגעטראָטנ װי אָפענע פאַרטײדיקערס פונעמ באַלעגופנטומ. לויט זײער מײנונג, איז אינ לאַנד קײנ באַלעגופימ אינגאַנצנ ניטאָ. און יענע, װאָס די פּאַרטײ האַלט זײ פאַר באַלעגופימ, זײַנענ גאָר קײנ באַלעגופימ ניט, נאָר אָרעמעלײַט, — האָט געטײַנעט כ׳ בוכאַרינ. די רעכטע גרופע האָט זיכ געסטאַרעט גרינגלעכ צו ענדערנ די פּאַרטײ־פּאָליטיק. אָנשטאָט צו פאַרגרײטנ טװוע, אָנדריקנדיק אָפנ באַלעגופישנ איבער־שיכט אינ דאָרפ, האָבנ די רעכטע פאָרגעלײגט אַרײַנצופירנ טװוע פונ אויסלאַנד. װענ מע זאָל געװענ אַזוי טונ, װאָלט אויסגעקומענ צו פאַרקלענערנ דעמ אַרײַנפיר פונ אינדוסטריעלער אויסשטאַטונג און פאַרהאַלטנ די אינדוסטריאַליזאַציע פונ לאַנד. אַרויסטרעטנדיק קעגנ אַנטװיקלענ קאָלװירטנ און ראַטװירטנ, האָט די רעכטע אָפּאָזיציע געטײַנעט, אַז פונ זײ װעט די מעלוכע קענענ באַקומענ ברויט, אינ בעסטנ פאַל, אינ 10 — 5 יאָר אַרומ. דעריבער האָבנ זײ געפאָדערט צו אַנטװיקלענ די אינדיװידועלע װירטשאַפט. זײ זײַנענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ די נײַע, פּראָדוצירערישע פאָרמעס פונ צוזאַמענשלוס (קעגנ קאָנטראַקטאַציע, קעגנ באַזאָרגנ דאָס פויערטומ דורכ דער קאָאָפּעראַציע מיט טראַקטערס, מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס א. אַז. װ.) און האָבנ געפאָדערט פאַנאַנדערצואַנטװיקלענ דעמ פרײַענ האַנדל און די מאַרק־סטיכיע. דאָס װאָלט געבראַכט צו דער הערשאַפט פונ ספּעקולאַציע און צו דער אַנטװיקלונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ. באַמ באַהאַנדלענ אָפנ פּלענומ דעמ 5־יאָריקנ פּלאַנ זײַנענ די רעכטע געװענ קעגנ אים. אינ קעגנזאַצ צומ פינפיאָר האָט כ׳ ריקאָװ אַרויסגעשטעלט זײַנעמ אַנ אָפּאָרטוניסטישנ צװײיאָריקנ פּלאַנ. דער טאָכ פונ אָט דעמ פּלאַנ איז באַשטאַנענ אינ דעמ, אַז אָפ דער אינדוסטריע דאַרפ מענ אויסגעבנ װײניקער מיטלענ, אַז מע דאַרפ אָפשװאַכנ די טעמפנ פונ אינדוסטריאַליזאַציע און אַנטװיקלענ די אינדיװידועלע, דערינ אויכ די באַלעגופישע, װירטשאַפט, — אָנשטאָט פאַנאַנדערצואַנטװיקלענ די קאָלעקטיװיזאַציע, װי דאָס איז אָנגעמערקט געװענ אינעמ פינפיאָריקנ פּלאַנ. די גאַנצע טעאָריע און פּראַקטיק פונ די רעכטע זאָגט קלאָר אײדעס, אַז אינ טאָכ אַרײַנ קײַקלענ זײ זיכ אַראָפ צומ אָפלײקענענ די מעגלעכקײַט אויפצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאַנד און אַז זײ זײַנענ א באַלעגופישע אַגענטור אינ די פּאַרטײ־רײַענ.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ האָבנ באקומענ א צעשמעטערנדיקנ אָפּשטויס מיצאד דעמ צ״ק־פלענומ אונ מיצאד אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס. כ׳ סטאלינ האָט דעמאסקירט אינ זיינ רעדע אפנ פלענומ דעמ טעאָרעטישנ אונ פּאָליטישנ טאָכ פונעמ רעכטנ אָפּנויג אונ האָט באוויזנ, אז בא דער פארטיי אונ בא דער אָפּאָזיציע זיינענ צוויי פארשיידענע פּאָליטישע ליניעס. איינ ליניע — דאָס איז די רעוואָליוציאָנערע, לענינישע ליניע פונ דער גאנצער פארטיי אונדזערער. די צווייטע ליניע — דאָס איז די ליניע פונ בוכארינס גרופּע. אָט די צווייטע ליניע איז אינ גרונט די ליניע פונעמ רעכטנ אָפּנויג, האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ.

„דער קאמפ קעגנ רעכטנ אָפּנויג איז ניט קיינ צווייטראנגיקע אויפגאבע פונ אונדזער פארטיי... צי פארשטייט כ׳ בוכארינס גרופּע, אז אָפּזאָגנ זיכ צו קעמפנ קעגנ רעכטנ אָפּנויג הייסט *פאראטנ* דעמ ארבעטער־קלאס, *פאראטנ* די רעוואָליוציע? צי פארשטייט כ׳ בוכארינס גרופּע, אז ניט בייקומענדיק דעמ רעכטנ אָפּנויג אונ די שאָלעמ־מאכעריי, איז ניט מעגלעכ בייצוקומענ די שוועריקייטנ, וואָס שטייענ פאר אונדז, אונ אז, ניט בייקומענדיק אָט די שוועריקייטנ, איז ניט מעגלעכ זיכ צו דערשלאָגנ צו באשליסנדיקע דערפאָלגנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג?“ [1].

כ׳ סטאלינס דייטלעכ פאָרמולירנ דעמ טאָכ פונעמ רעכטנ אָפּנויג האָט געהאָלפנ דער פארטיי גיכ זיכ פאנאנדערצוקלייבנ אינ דער אנטילענינישער קאפיטוליאנטישער פּאָזיציע פונ די רעכטע אונ צודערצייט צו מאָבילизירנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס. *די גאנצע ארבעט פונ דער פארטיי אינ מעשעכ פונ אָט דעמ פּעריאָד איז דורכגעגאנגענ אונטערנ צייכנ פונ קאמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ אפ צוויי פראָנטנ, קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג, אלס דער הויפט־געפאר, אונ קעגנ דער שאָלעמ־מאכעריי מיטנ אָפּאָרטוניזמ.*

אינעמ גאנג פונעמ קאמפ קעגנ די רעכטע איז אויפגעדעקט געוואָרנ זייער פראקציאָנעלע ארבעט. באגלייכ מיט דער פראקציאָנעלקייט, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרנ אינ די פראָפאריינענ, אינ דער מאָסקווער אָרגאניזאציע א. אז. וו., האָבנ די רעכטע אָנגעווענדט א נייעמ מאנעווער פונ פראקציאָנעלנ קאמפ קעגנ דער פארטיי — די פּאָליטיק פונ דעמיסיעס. זיי האָבנ סאבאָטירט די ארבעט, וואָס איז זיי געגעבנ געוואָרנ. טאָמסקי איז אייגנוויליק אוועק פונ דער ארבעט אינ די פראָפאריינענ; בוכארינ האָט אויכ אייגנוויליק, אָנ דער דערלויבעניש פונ דער פארטיי, אויפגעהערט ארבעטנ אינ קאָמינטערנ. ענדלעכ, האָט בוכארינ זיכ געפרוווט נאָכ אינ יול 1928 יאָר שאפנ אנ אנטיפארטיישנ בלאָק מיט קאמעניעוונ, קעדיי צו קעמפנ קעגנ צ״ק. די פארטיי האָט צודערצייט דעמאסקירט אָט די פראקציאָנעלע ארבעט, אָפּגעהאקט זי אונ אָנגעוויזנ די פראקציאָנערנ, אז אויב זיי וועלנ ווייטער פרווונ אזוינס טונ, וועלנ זיי ארויסגעשלאָסנ ווערנ פונ דער פארטיי.

אינעמ גאנג פונעמ קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ איז אָפּגעטאָנ געוואָרנ א קאָלאָסאלע פּאָליטיש־דערציִערישע ארבעט. די פארטיי האָט דערקלערט אירע מיטגלידער אונ די ברייטע מאסנ אומפארטייישע ארבעטער דעמ עכטנ לענינישנ קוק אפנ בויענ דעמ סאָציאליזמ, זי האָט געקעמפט פארנ העכערנ די אידייִשע באָלשעוויסטישע פארהארטעוועטקייט אונ פּאָליטישע אונטערגעשמידטקייט פונ דער פארטיי־מאסע. *אינעמ קאמפ קעגנ טראָצקיזמ אונ קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג זיינענ געוואקסנ נייע פארטיי־קאדרענ. זיי האָבנ זיכ פארהארטעוועט אונ זיינענ געוואקסנ אינ דער ריזיקער בוי־ארבעט, אינ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ פאר דער לענינישער פארטיי־ליניע אונ האָבנ זיכ באהעפט ארומ דעמ צ״ק אונ ארומ דעמ פארטיי־פירער, כ׳ סטאלינ.*

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 430–431.

דער VI קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ אונ דאָס אָנעמענ די פּראָגראַם פונ דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע.

אינ יול־אווגוסט 1928 יאָר איז אינ מאָסקווע פאָרגעקומענ דער VI קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ. ער האָט געהאַט א קאָלאָסאַלנ באַטײַט אינעם פאַרפעסטיקנ די קאָמפּאַרטייענ אונ אינעם ווײַטערדיקנ קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

דער קאָנגרעס האָט זיכ צונויפגעזאַמלט אינ דעם פּעריאָד, ווענ אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זײַנענ אָנגעוואַקסנ עלעמענטנ פאַר א נײַעם רעוואָליוציאָנערנ אויפשטײַג. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, ווי דאָס האָט אָנגעוויזנ דער VI קאָנגרעס, איז ארײַנגעטראָטנ אינעם דריטנ פּעריאָד פונעם נאָכמילכאָמעדיקנ קריזיס אינ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. דער ערשטער פּעריאָד (די יאָרנ 1918—1923) איז געווענ א פּעריאָד פונ א זייער שאַרפנ קריזיס אינ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם; דעמלט האָבנ זיכ פאַנאַנדערגעוויקלט דירעקטע רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגנ קאַפּיטאַליזם. דער צווייטער פּעריאָד (נאָכ דער מאַפּאָלע פונ דער דײַטשישער רעוואָליוציע אינ יאָר 1923) איז געווענ א פּעריאָד פונ א צײַטווײַליקער סטאַבּיליזירונג פונ קאַפּיטאַליזם אונ פונ אנ אָפּפלוס פונ דער רעוואָליוציאָנערער כוואַליע, א פּעריאָד, ווענ, פונ דער אַנדערער זײַט, האָט זיכ דער סאָוועטנפאַרבאַנד דערשלאָגנ צו ערנסטע דערפאָלגנ אינעם בויענ דעם סאָציאַליזם.

אינעם דריטנ פּעריאָד האָט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איבערגעשטיגנ דעם ביז־מילכאָמעדיקנ צושטאַנד, אונ דער סאָוועטנפאַרבאַנד, פונ דער צווייטער זײַט, האָט צו יענער צײַט אויפגעשטעלט די צעשטערטע ווירטשאַפט אונ איז ארײַנגעטראָטנ אינעם רעקאָנסטרוקטיווג פּעריאָד.

דער גרונט־שטריכ פונעם דריטנ פּעריאָד איז דאָס, וואָס ער פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכנ אינ דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט: די ווידערשפּרוכנ צווישנ די ארבעטער אונ די קאַפּיטאַליסטנ, צווישנ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צווישנ זיכ, צווישנ די אימפּעריאַליסטישע אונ קאָלאָניאַלע לענדער, צווישנ דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אונ דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער דריטער פּעריאָד איז א פּעריאָד, ווענ עס ווערט צעטרייסלט די קאַפּיטאַליסטישע סטאַבּיליזאַציע אונ עס פאַרשאַרפט זיכ שטאַרק דער אַלגעמיינער קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם.

די רעזאָליוציע פונעם VI קאָנגרעס זאָגט:

„דער דריטער פּעריאָד, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכנ צווישנ דעם וווּקס פונ די פּראָדוקטיווע קויכעס אונ צווישנ די פאַרשמעלערטע מערק, מאַכט פאַר אומפאַרמײַדלעכ א נײַע פאַזע פונ אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס צווישנ די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, פונ זייערע מילכאָמעס קעגנ דעם פאַרבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובּליקנ, פונ נאַציאָנאַל־באַפרײַערישע מילכאָמעס קעגנ דעם אימפּעריאַליזם אונ קעגנ די אינטערווענציעס פונ די אימפּעריאַליסטנ, א נײַע פאַזע פונ גיגאַנטישע קלאַסנ־שלאַכטנ“ [1]).

ארויסגייענדיק פונ אָט דער אָפּשאַצונג פונעם נײַעם פּעריאָד, האָט דער קאָנגרעס פאָרמולירט די גרונט־אויפגאַבּעס פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די קאָמפּאַרטייענ דאַרפנ אָרגאַניזירנ דעם קאַמף קעגנ אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, פאַרנ פאַרטיידיקנ דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די כינעזישע רעוואָליוציע אונ די קאָלאָניאַלע אויפשטאַנדנ. זיי דאַרפנ פאַנאַנדערוויקלענ א קאַמף קעגנ אָנגריפ פונ קאַפּיטאַל אונ פאַר די טאָגטעגלעכע נויטנ פונעם ארבעטער־קלאַס, אומדערמידלעכ קעמפנ פאַרנ דעראָבּערנ אָפּ דער זײַט פונ די קאָמפּאַרטייענ די מערהײַט פונעם ארבעטער־קלאַס אונ גרייטנ קויכעס צום קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פנ פּראָלעטאַריאַט. פונ אָט די אויפגאַבּעס, וואָס זײַנענ געשטאַנענ פאַר די קאָמפּאַרטייענ, איז ארויסגעדרונגענ די נייטיקײַט צו פאַרשאַרפנ דעם קאַמף קעגנ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אונ צומאַלעמ־

[1]) „Коммун. Интернационал в документах“, стр. 769. Партиздат 1933.

ערשטנ קעגנ איר „לינקנ" פליגל, וואָס באנוצט „לינקע" פראזעס, באשווינדלט דורכ זיי די ארבעטער און פארהאלט זייער אָפּקערנ זיכ פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. פונדאנענ איז אויכ ארויסגעדרונגענ די אויפגאבע צו פארשטארקנ אינ די קאָמפארטייענ דעמ קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפנויג, ארויסצואָגנ פונ דער פארטיי די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, צו פארשטארקנ דעמ קאמפ קעגנ דער שאָלעמ-מאכערײַ, וואָס דעקט צו דעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ, און צו פארפעסטיקנ די פארטיי-דיסציפלינ.

דער קאָנגרעס האָט פארצייכנט, אז די קאָמפארטייענ האָבנ דורכגעפירט א דערפאָלג-רײַכנ קאמפ קעגנ די טראָצקיסטישע גרופירונגענ, און אָט די גרופירונגענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צו צעפאלנ נאָכנ צעגראָמירנ די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע אינ דער אלק"פ(ב). פארצייכענענדיק דאָסדאָזיקע, האָט דער קאָנגרעס קאָנצענטרירט די אויפמערקזאמקײַט אפנ פארשטארקנ דעמ קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפנויג, וואָס איז געוואָרנ אינ אָט דעמ פעריאָד די הויפט-געפאר אינ קאָמינטערנ.

„דער רעכטער אָפנויג אינעמ קאָמוניזמ, — האָט געזאָגט כ' סטאלינ אינ יאָר 1928, — אינ די באדינגונגענ פונ קאפיטאליזמ באטײַט א טענדענצ, א נייגונג פונ אײַנ טייל קאָמוניסטנ, עמעס, ניט קיינ אויסגעפורעמטע און, עפשער, נאָכ ניט קיינ באזיניקטע, אָבער דאָכ א נייגונג — אָוועקצוגיינ פונ דער רעוואָלוציאָנערער לינייע פונ מארקסיזמ אינ דער ריכטונג צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע... דער זיג פונעמ רעכטנ אָפנויג אינ די קאָמפארטייענ פונ די קאפיטאליסטישע לענדער פירט צומ אָנוואקסנ פונ באדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק אפ אײַנצוהיטנ דעמ קאפיטאליזמ" [1].

דער VI קאָנגרעס האָט אָנגעוויזנ אלע פארטייענ, אז באגלײַכ מיטנ רעכטנ אָפנויג איז נייטיק צו קעמפנ קעגנ אלערליי „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ, וואָס האלטנ, אז קעדיי צו דעראָבערנ די מערהײַט ארבעטער אפ דער זײַט פונ קאָמוניזמ איז ניט נייטיק קיינ טאקטיק פונ אײַנהײַטלעכנ פראָנט, וואָס לייקענענ דעמ באטײַט פונ דער ארבעט אינ די פראָפפארייננ, ווילנ ניט פירנ קיינ סיסטעמאטישע און אײַנגעשפארטע ארבעט אפ צוצוגרייטנ די קויכעס פונ פראָלעטאריאט צו די אנטשיידנדיקע שלאכטנ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ.

דער וויכטיקסטער מאָמענט אינ דער ארבעט פונעמ VI קאָנגרעס איז געווענ די פראגע וועגנ דער פראָגראמ פונ קאָמינטערנ. דאָס אָנעמענ די פראָגראמ פונ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל האָט געהאט א קאָלאָסאלנ פאָליטישנ באטײַט פאר דער גאנצער אינטערנאציאָנאלער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

„דער וויכטיקסטער באטײַט פונ דער פראָגראמ פונ קאָמינטערנ, — זאָגט דער כ' סטאלינ, — באשטייט אינ דעמ, וואָס זי פאָרמולירט וויסנשאפטלעכ די גרונט-פראָבלעמעס פונ דער קאָמוניסטישער באוועגונג, מערקט אָנ די גרונט-וועגנ, וויאַזוי צו לייזנ אָט די פראָבלעמעס, און שאפט, אזויארומ, פאר די סעקציעס פונ קאָמינטערנ יענע קלאָרקײַט פונ די צילנ און מיטלענ, וואָס אָנ איר איז ניט מעגלעכ זיכער צו גיינ פאָרויס" [2].

די פראָגראמ איז אויסגעארבעט געוואָרנ בײַ כ' סטאלינס דירעקטנ אָנפירנדיקנ אָנטייל, און אדאנק דעמ האָט דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט באקומענ אנ עכט-לענינישנ, טיפנ און דײַטלעכנ דאָקומענט. די פראָגראמ פונ קאָמינטערנ איז אויסגעארבעט אפ דער גראניטענער באזע פונ מארקס-ענגעלסעס, לענינ-סטאלינס לערע.

אינ דער פראָגראמ איז אויסגענוצט געוואָרנ יענע ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונעמ לענינִיזמ, וואָס עס האָט געגעבנ כ' סטאלינ נאָכ לענינס טויט.

עס איז אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ א רײ פראגעס, וואָס כ' סטאלינ האָט זיי פאנאנדערגעארבעט און דערמיט אנטוויקלט און אויפגעהויבנ אפ א העכערער שטופע די

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 348—349.

[2]) אויכ דאָרטנ, ז. 337.

טעאָריע פונ מארקסיזמ־לעניניזמ. פאנאנדערארבעטנדיק ווײַטער לענינס לערע מיקויעכ די אנטוויקלונג־וועגנ פונ דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאפט, האָט כ׳ סטאלינ געגעבנ א טיפנ אנאליז פונעמ קאמפ צווישנ די צוויי סיסטעמעס — דעמ סאָוועטנפארבאנד אונ דער קאפיטאליסטישער וועלט — אונ געוויזנ, אז די גאנצע אנטוויקלונג פונ דער וועלט־געשיכטע ווערט איצט באשטימט דורכנ קאמפ פונ אָט די צוויי קעגנזעצלעכע לאַגערנ. כ׳ סטאלינ האָט אנטוויקלט מארקס־ענגעלס־לענינס לערע וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ וועגנ דעמ איבערגאנג־פעריאָד פונ קאפיטאליזמ צומ סאָציאַליזמ. כ׳ סטאלינ האָט קאָנקרעטיזירט אונ ווײַטער אנטוויקלט לענינס לערע וועגנ דעמ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאנד. ער האָט אנטוויקלט מארקס־לענינס לערע וועגנ דער נאציאָנאל־קאָלאָניאַלער פראגע, ווי וועגנ א באשטאנד־טײל פונ דער אל־געמײנער טעאָריע וועגנ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָלוציע. כ׳ סטאלינ האָט אנטוויקלט לענינס לערע וועגנ דער פארטיי אונ וועגנ איר קאָלאָסאלער ראָליע אינ דער סיסטעמ פונ פראָלעטארישער דיקטאטור אונ האָט אנטוויקלט לענינס אנאַליז פונ די סאָציאַלע אונ אידײיִשע וואָרצלענ פונעמ אָפּאָרטוניזמ. ער האָט דערבײַ אופגעדעקט אונ געוויזנ די באזונדערקײַטנ פונ זײַנע אנטפלעקונגענ, ער האָט גע־וויזנ, וויאַזוי אפ פארשײדענע עטאפנ פונ קלאסנקאמפ דארפ מענ ווענדנ דעמ הויפט־קלאפ קעגנ פארשײדענע מינימ אָפּאָרטוניזמ א. אז. וו.

דער ארבעטער־קלאס האָט באקומענ אינ זײַנע הענט א פראָגראמ־דאָקומענט, וואָס זײַנע פאָרמולירונגענ זײַנענ א געזעצ פאר מיליאָנענ אָרגאניזירטע פראָלעטא־ריער אינ אלע וועלט־טײלנ אונ צווישנ אלע ראסעס אונ נאציעס. דאָס איז א פראָ־גראמ פונעמ טויט־קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע פאר דער אלוועלטלעכער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט; דאָס איז א וועגווײַזער פאר מיליאָנענ אונטערדריקטע אינ זײער קאמפ קעגנ די אונטערדריקערס אינ אלע טײלנ פונ דער וועלט.

אינ צוזאמענהאנג מיט די באדינגונגענ פונעמ דריטנ פעריאָד האָט דער VI קאָנ־גרעס ספעציעל באהאנדלט די פראגע וועגנ דער מילכאָמע־געפאר. ער האָט אונטער־געשטראָכנ, אז דאָס אָנוואקסנ פונ די ווידערשפרוכנ אינעמ קאפיטאליסטישנ לאגער פירט דערצו, אז עס פארשטארקט זיכ די געפאר פונ מילכאָמעס, צומאלעמערשטנ די געפאר פונ א מילכאָמע קעגנ דעמ סאָוועטנפארבאנד. גראָד אָט דאָס האָבנ ניט גע־וואָלט אנערקענענ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אינ קאָמינטערנ; זײ האָבנ געלײקנט, אז ס׳איז דאָ א געפאר פונ א באוואָפנטנ אָנפאל אפנ סאָוועטנפארבאנד, אונ דערמיט האָבנ זײ געהאָלפנ אונדזערע סאָנימ.

דער סאָוועטנפארבאנד, זאָגט דער באשלוס פונ קאָנגרעס, האָט דערגרײכט צו קאָלאָסאלע דערפאָלגנ אינעמ בויענ דעמ סאָציאַליזמ, אונ אָט די דערפאָלגנ באגײַס־טערנ דעמ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט צומ קאמפ קעגנ קאפיטאליזמ, זײ זײַנענ א באשײַמפערלעכע באשטעטיקונג, אז די גענעראלע ליניע פונ דער אלק״פ(ב) איז פולקומ א ריכטיקע.

אינ א יאָר ארומ — אינ יול 1929 — איז פאָרגעקומענ דער X פלענומ פונעמ אויס־פירקאָמ פונ קאָמינטערנ. דער פלענומ האָט אונטערגעשטראָכנ, אז דאָס לעבנ האָט אינגאנצנ באשטעטיקט די ריכטיקײַט פונ דער אָפּשאצונג, וואָס עס האָט געגעבנ דער VI קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ. פאר אָט דער צײַט האָט דער קאָמינטערנ דורכ־געפירט א קאָלאָסאלנ קאמפ קעגנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ (אינ די קאָמפארטײענ אינ אמעריקע, דײַטשלאנד, טשעכאָסלאָוואקיע באזונדערס), וואָס האָבנ ניט אופגעהערט זײער קאמפ קעגנ דער לענינישער ליניע פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל. דער פלענומ האָט אנערקענט, אז דאָס פארטײדיקנ דעמ רעכטנ אָפּנויג פאָרט זיכ ניט מיטנ געפינענ זיכ אינ דער קאָמפארטײ. אָט דער באשלוס האָט פארפליכטעט אלע פארטײענ אָפּצורײניקנ זײערע רײענ פונ יענע מיטגלידער, וואָס פארטײדיקנ רעכט־אָפּאָרטוניס־טישע אָנשויונגענ.

ערעוו דעמ פלענומ האָט בוכארינ אָפּגעדרוקט אנ ארטיקל, ווו ער האָט זיכ גע־סטארעט צו דערווײַזנ, אז דער קאפיטאליזמ איז איצט פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ

„אָרגאניזירטנ קאפיטאליזמ". באגרינדעט האָט בוכארינ אָט די פאַרדיקונג זײַנע מיט דערװײַזונגענ װעגנ דער אנטװיקלונג פונ דער טעכנישער באזע פונ קאפיטאליזמ, װעגנ זײַנ פארפעסטיקונג. אזױארומ, האָט זיכ בוכארינ אראָפגעקײַקלט אפ סאָציאל־דעמאָקראטישע פאָזיציעס. אָט די רעכט־אָפאָרטוניסטישע טעאָריע װעגנ „אָרגאניזירטנ קאפיטאליזמ", װאָס האָט ניט קײנ שומ געמײנזאמס מיטנ לעניניזמ, האָט געװיזנ, אז כ׳ בוכארינ, ניט בלויז װאָס ער אנערקענט ניט זײַנע רעכט־אָפאָרטוניסטישע פעלערנ, נאָר ער פארטיפט זײ נאָכ מערער. דער פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ האָט באשטימט ארויסצופירנ בוכארינענ פונעמ פרעזידיומ פונ אויספיר־קאָמיטעט.

די XVI קאָנפערענצ פונ דער אלק"פ(ב) אונ דאָס באשטעטיקנ דעמ פלאנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר.

אינ אפרעל 1929 יאָר איז פאָרגעקומענ די XVI פארטײ־קאָנפערענצ. זי האָט באשטעטיקט דעמ פלאנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר. דאָס אָנעמענ דעמ פינפיאָריקנ פלאנ האָט געהאט א קאָלאָסאלנ באטײַט פארנ סאָװעטנפארבאנד אונ פאר דער גאנצער אינטערנאציאָנאלער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג.

די אויפגאבעס פונעמ פינפיאָר, װי ס׳האָט געזאָגט דער כ׳ סטאלינ, זײַנענ באשטאנענ אינ דעמ, מע זאָל פארװאנדלענ דעמ סאָװעטנפארבאנד פונ א לאנד אנ אגראַרס אונ א שװאכס אינ א לאנד אנ אינדוסטריעלס אונ פולקומ א זעלבשטענדיקס. דער פראָלעטאריאט דארפ ביזנ סאָפ ארויסשטויסנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, פארברײטערנ די סאָציאליסטישע װירטשאפט אונ שאפנ א װירטשאפטלעכע, עקאָנאָמישע באזע אפ צו פארניכטנ די קלאסנ אונ אויפצובויענ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט אינ פסס"ר. פארנ פינפיאָר איז געשטאנענ די אויפגאבע — אריבערצופירנ די קלײנע אונ צעבראָקלטע לאנדװירטשאפט אפ די רעלסנ פונ א גרויסער קאָלעקטיװער װירטשאפט. דאָס האָט געדארפט באװאָרענענ די עקאָנאָמישע באזע פארנ סאָציאליזמ אינ דאָרפ אונ ליקװידירנ די מעגלעכקײַט צוריקופצושטעלנ דעמ קאפיטאליזמ אינ סאָװעטנפארבאנד. קעדײ אויסצופילנ אָט די פלענער, איז נײטיק געװענ אריבערצופירנ דאָס לאנד מיט זײַנ אָפגעשטאנענער טעכניק אפ די רעלסנ פונ דער הײַנטצײַטיקער טעכניק אונ צו שאפנ אזעלכע פראָדוקציע־צװײַגנ, װאָס זאָלנ קענענ באװאָפענענ די גאנצע אינדוסטריע אונ די לאנדװירטשאפט מיט נײַ טעכניש געצײַג.

ענדלעכ, איז פארנ פינפיאָר געשטאנענ די אויפגאבע אויפצוהײבנ אפ דער העכסטער שטופע די שוצפײַיקײַט פונעמ לאנד.

דער פינפיאָריקער פלאנ האָט פאָרויסגעזענ, מע זאָל ארײַנלײגנ אינ דער פאָלקװירטשאפט א קאָלאָסאלע סומע — 64,5 מיליארד רובל, אינ דער צײַט, װענ פאר די פריערדיקע פינפ יאָר איז געװענ ארײַנגעלײגט 26,5 מיליארד רובל. דערבײַ האָט מענ די גאנצע בויונג געדארפט פירנ פאר אײגענע מיטלענ. פונ אויסלענדישע מעלוכעס האָט אונדזער לאנד ניט באקומענ אויסגעבאָרגט קײנ אײנ גראָשנ. די אינדוסטריע־פראָדוקציע האָט פארנ פינפיאָר געזאָלט אויסװאקסנ אינ 2,8 מאָל, אונ די פראָדוקציע פונ דער שװערער אינדוסטריע — אינ 3,3 מאָל. די שװערע אינדוסטריע אונ איר הארצ — די מאשינבויונג — זײַנענ געװענ דער גרונט־רינג פונעמ פינפיאָר. אינ דעמ עלעקטרעבוי־געביט איז לויטנ פלאנ געװענ פאָרויסגעזעענ אויסצובויענ 42 עלעקטרישע סטאנציעס; די טשוהונ־פראָדוקציע האָט געזאָלט פארגרעסערט װערנ פונ 3 מיליאָנ טאָנ ביז 10 מיליאָנ; דאָס ארויסבאקומענ שטײנקוילנ האָט געזאָלט געהעכערט װערנ פונ 35 מיליאָנ טאָנ ביז 75 מיליאָנ אינעמ לעצטנ יאָר פונעמ פינפיאָר. די פארטײ האָט אָנגעמערקט, אז אינ משעכ פונעמ פינפיאָר זאָלנ מיר אינעמ געװעזענעמ אָפגעשטאנענעמ רוסלאנד שאפנ א גאנצע רײ אבסאָליוט נײַע פראָדוקציע־צװײַגנ — די אװטאָ־טראקטערישע אינדוסטריע, די כימישע, מאשינבויערישע אונ אנדערע.

דער פּלאנ האָט אָנגעמערקט צו קאָלעקטיוויזירנ 20% פֿונ אַלע פּויערשע ווירטשאַפֿטנ אונ צו פֿאַרגרעסערנ די פּראָדוקציע פֿונ דער לאַנדווירטשאַפֿט אינ אָנדערהאַלבנ מאָל.

אַזא גראַנדיעזנ אונ דרייסטנ פּלאנ פֿונ א ריזיקער בויונג האָט געקענט אַרויסשטעלנ בלויז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וואָס איז געווענ פֿולקומ זיכער, אַז, האַלטנדיק זיכ בא דער לענינישער ליניע, וועט זי אָט דעמ פּלאנ אויספֿילנ, בײַקומענדיק דעמ ווידערשטאַנד פֿונ די קלאַסנ־סאָנימ.

די XVI קאָנפֿערענצ האָט אָנגעוויזנ, אַז דאָס פֿאַרווירקלעכנ דעמ פֿינפֿיאָריקנ פּלאנ איז פֿאַרבונדנ מיטנ בײַקומענ שוועריקײַטנ פֿונ אינערלעכנ אונ אויסערלעכנ כאַראַקטער. אָט די שוועריקײַטנ זײַנענ אַרויסגעדרונגענ פֿונ דער אָנגעשטרענגטקײַט פֿונעמ פּלאנ גופֿע. אונ אַנ אָנגעשטרענגטנ פּלאנ האָט דיקטירט דאָס, וואָס דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד געפֿינט זיכ אינ א קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג. כוצ דעמ, האָט דיקטירט אַנ אָנגעשטרענגטנ פּלאנ די טעכניש־עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקײַט פֿונעמ לאַנד אונ די קאָמפּליצירטקײַט פֿונ דער אויפֿגאַבע איבערצומאַכנ סאָציאַליסטיש די פֿילמיליאָניקע צעשטויבטע פּויערשע ווירטשאַפֿטנ. די שוועריקײַטנ באַמ דורכפֿירנ דעמ פֿינפֿיאָר זײַנענ געוואָרנ נאָכ ערנסטער מאַכמעס דעמ, וואָס עס האָט זיכ פֿאַרשאַרפֿט דער קלאַסנקאַמפּ, אונ מאַכמעס דעמ ווידערשטאַנד מיצאַד די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ, וואָס ווערנ אַרויסגעשטויסנ דורכ דעמ אָנגריפֿ פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט.

גוט פֿאַרשטייענדיק דאָס אַלצ, האָט די פּאַרטיי באַמ באַשטעטיקנ דעמ פֿינפֿיאָריקנ פּלאנ אונטערגעשטראָכנ, אַז ס'איז נייטיק צו דערשלאָגנ זיכ, ער זאָל פֿולשטענדיק אויסגעפֿילט ווערנ. מיט א באַזונדער קראַפֿט האָט די פּאַרטיי אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגנ דער נייטיקײַט צו אַנטוויקלענ די סאַמע גיכסטע טעמפּנ אינעמ דורכפֿירנ דעמ פֿינפֿיאָר. מאָביליזירנדיק די פּאַרטיי אונ דעמ פּראָלעטאַריאַט פֿונ פֿסס"ר אַפֿ אויסצופֿילנ דעמ פֿינפֿיאָר, האָט כ' סטאַלינ אַפֿ דער קאָנפֿערענצ פֿונ ווירטשאַפֿטלערס אָנהייב 1931 יאָר אָנגעוויזנ, וואָס פֿאַר א קאָלאָסאַלנ היסטאָרישנ באַטײַט עס האָט דער קאַמפּ פֿאַר טעמפּנ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

„צײַטנווײַז פֿרעגט מענ,—האָט געזאָגט כ' סטאַלינ—צי קענ מענ ניט אַביסל פֿאַרלאַנגזאַמענ די טעמפּנ, אײַנהאַלטנ די באַוועגונג. ניינ, מע טאָר ניט, כאַווייריִמ! מע טאָר ניט אַראָפּזעצנ די טעמפּנ! פֿאַרקערט, וויפֿל ס'איז נאָר מעגלעכ, דאַרפֿ מענ זיי פֿאַרגרעסערנ. דאָס פֿאָדערנ פֿונ אונדז אונדזערע פֿאַרפֿליכטונגענ פֿאַר די אַרבעטער אונ פּויערימ פֿונ פֿסס"ר; דאָס פֿאָדערנ פֿונ אונדז אונדזערע פֿאַרפֿליכטונגענ פֿאַרנ אַרבעטער־קלאַס פֿונ דער גאַנצער וועלט.

אײַנהאַלטנ די טעמפּנ — באַטײַט אָפּשטיינ, אָבער אָפּגעשטאַנענע שלאָגט מענ. נאָר מיר ווילנ ניט זײַנ קיינ געשלאָגענע... צי ווילט איר, אַז אונדזער סאָציאַליסטיש פֿאָטערלאַנד זאָל געשלאָגנ ווערנ אונ עס זאָל פֿאַרלירנ זײַנ אומאָפּהענגיקײַט? נאָר אויב איר ווילט דאָס ניט, מוזט איר אינ קירצסטנ טערמינ ליקווידירנ זײַנ אָפּגעשטאַנענקײַט אונ אַנטוויקלענ עכטע באָלשעוויסטישע טעמפּנ אינעמ בויענ זײַנ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט. קיינ אַנדערע וועגנ איז ניטאָ" [1].

די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ האָבנ געקעמפֿט קעגנ די טעמפּנ אונ קעגנ דעמ גאַנצנ פֿינפֿיאָריקנ פּלאנ אונ האָבנ פֿאַרגעלייגט צו קאָנצענטרירנ די הויפּט־אויפֿמערקזאַמקײַט אַפֿנ אַנטוויקלענ די לײַכטע אינדוסטריע (וואָס גיט ציצ, שוכוואַרג, קליידונג) אָנשטאָט דער שווערער אינדוסטריע, וואָס שאַפֿט די עקאָנאָמישע באַזע פֿאַרנ סאָציאַליזמ. דערמיט גופֿע האָבנ זיי זיכ אָפּגעזאָגט אויפֿצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאַנד. פּונקט אַזוי, ווי די עקאָנאָמיסטנ אונ אַנדערע אָפּאָרטוניסטנ פֿלעגנ באַמ אויפֿקומ פֿונ דער אַרבעטער־באַוועגונג אינ רוסלאַנד פֿאַרטיידיקנ די „גראָשנ־אינטערעסנ" אונ פֿלעגנ זיכ אָפּזאָגנ צו קעמפֿנ פֿאַרנ ענדגילטיקנ זיג, פֿאַר דער דיקטאַטור פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט, פּונקט אַזוי האָבנ איצט די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, פֿאַרטיידיקנדיק די געברויכ־אינטערעסנ פֿונעמ הײַנטיקנ טאָג, זיכ אָפּגעזאָגט אַפֿנ ווײַטיקסטנ עטאַפּ פֿונ

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 583, 584.

דער סאָציִאַליסטישער בויונג — אינעם רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד — אויסצופילן די אופגאבעס פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור — אויסצובויען דעם סאָציִאַליזם.

קעדיי אויסצופילן די אופגאבעס פונעם פינפיאָריקן פּלאַן, איז נייטיק געווען צו מאָביליזירן די מיליאָניקע מאסן פון ארבעטער־קלאַס און האָרעפּאשנעם פּויערטום. די XVI קאָנפערענץ האָט אָנגענומען א ווענדונג וועגן פּאַנאַנדערוויקלען דעם סאָציִאַליסטישן פּארמעסט און גערופן דעם ארבעטער־קלאַס אָנצושטרענגען אַלע זײַנע קויכעס אַפּ אויסצופילן די קאָלאָסאַלע אופגאבעס פונעם פינפיאָר. דער פּארמעסט און דער פינפיאָר זײַנען אומצערײַסלעך פארבונדן צווישן זיך, — זאָגט די ווענדונג פון דער קאָנפערענץ. — דער סאָציִאַליסטישער פּארמעסט איז א מעכטיק מיטל צו דערוועקן און צו אָרגאניזירן די איניציִאַטיוו פון די מאסן אַפּ אויסצופילן דעם פינפיאָריקן פּלאַן און איז גלײַכצײַטיק א מעכטיק מיטל צו אנטוויקלען די זעלבסטקריטיק פון אונטן.

דער סאָציִאַליסטישער פּארמעסט איז געוועזן א נײַער, א קאָמוניסטישער ארבעטמעטאָד, און אַפּן גרונט פון אָט דעם מעטאָד האָט די פּארטיי מאָביליזירט די מעכטיקע אקטיווקײַט פון די פילמיליאָניקע האָרעפּאשניקעס מאסן צום קאַמפּ פארן סאָציִאַליזם.

די קאָנפערענץ האָט ווײַטער אונטערגעשטראָכן, אַז קעדיי אויסצופילן די היסטאָרישע אופגאבעס פונעם פינפיאָר, איז נייטיק אומאָפּנויגלעך צו קעמפן קעגן די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן.

צוטרעטנדיק צום קאַמפּ פארן פארווירקלעכן דעם פינפיאָר, האָט די פּארטיי אַפּ דער XVI קאָנפערענץ באַשטימט דורכצופירן א פּארטיי־ריײניקונג. די ריײניקונג האָט געדאַרפט אָן ראַכמאָנעס ארויסוואַרפן פון די פּארטיי־רייען אַלע פרעמדע עלעמענטן — פּארפּאַלענע ביוראָקראטן, צוגעשארטע, אַזוינע, וואָס זײַנען פארבונדן מיטן קלאַסנסוינע, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער פּארטיי. די ריײניקונג דאַרפ אויך דעמאַסקירן און ארויסוואַרפן די פארבאָרגענע טראָצקיסטן און אָנהענגערס פון אַנדערע אנטיפּארטייִשע גרופּעס.

די XVI קאָנפערענץ האָט אויך ארויסגעטראָגן א באַשטימונג וועגן א קאַמפּ קעגן דעם ביוראָקראטיזם, וועגן א ריײניקונג פונעם סאָוועטן־אַפּאַראַט. דער מעלוכע־אַפּאַראַט האָט געמוזט אָפּגערייניקט ווערן פון ביוראָקראטיזם און פון קלאַסנפרעמדע עלעמענטן צוליב דעם, ער זאָל קענען אויספילן די אופגאבעס פונעם פינפיאָר־פּלאַן.

די קאָנפערענץ האָט ספּעציִעל באַהאַנדלט די פראגע וועגן אופהייבן די לאַנדווירטשאַפט און האָט אָנגעמערקט צו אנטוויקלען נײַע, פּראָדוצירערישע פאָרמעס פון צוזאַמענשלוס מיטן פּויערטום. די סאָוועטישע אינדוסטריע האָט צו יענער צײַט שוין געגעבן א מעגלעכקײַט צו העלפן דעם פּויערטום ניט בלויז אינעם באַפרידיקן זײַנע פערזענלעכע באַדערפעניש, נאָר אויך אינעם גרינטלעכן אופהייבן און איבערבויען די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע. אַפּ אָט דעם גרונט האָט די פּארטיי פאָרגעסערט די צאָל מאַשין־טראַקטער־סטאַנציעס און גענומען שטאַרקער באַזאָרגן די אָרעם־מיטלפּויערשע מאסן מיט מאַשינעס און מיט אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע געצײַג, גלײַכצײַטיק פארייניקנדיק אָט די שיכטן פון פּויערטום אין קאָלווירטן.

דאָס יאָר פון גרויסן איבערבראָך.

די גאַנצע ארבעט פון דער פּארטיי נאָך דער XVI קאָנפערענץ איז געווען געצילט אַפּ אויסצופילן דעם פינפיאָר־פּלאַן. קעדיי צו דערגרייכן אָט דעם ציל, האָט די פּארטיי איבערגעבויט די ארבעט פון די פּארטיי־אָרגאַניזאַציעס, זי האָט זיי אויסגעקערעוועט „מיטן פּאָנעם צו דער פּראָדוקציע". די פּארטיי־אָרגאַניזאַציעס אין די אונטערנעמונגען האָבן פּאַנאַנדערגעוויקלט אַן ארבעט אַפּ צונויפצושליסן דעם ארבעטער־

קלאַס אַרומ דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע, געבנדיק אַנ אומראַכמאָנעסדיקנ ווידערשטאַנד אַלע קלײנבירגערלעכע שטימונגענ. קעמפנ פאַרנ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ יעדנ אינדוסטריע־צווײַג און אינ יעדער אונטערנעמונג — דאָס איז געווענ די גרונטיקע פּאָליטישע אויפגאַבע פונ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

קעדיי אויסצופילנ אָט די אויפגאַבע, האָט יעדער קעמערל געדאַרפט גײנ אינ אַוואַנגאַרד פונ די אַרבעטער בײַ זיכ אינ דער אונטערנעמונג — אינ די גרונטיקע פּראָדוקציע־פּראָצעסנ. פונקט אַזוי, ווי אינ פּעריאָד פונ בירגערקריג פלעגנ די קאָמוניסטנ גײנ אינ די פאָדערשטע רייענ אַפנ פראָנט און פלעגנ קאָנצענטרירנ די אויפמערקזאַמקײַט פונעמ אַרבעטערקלאַס אַפ די גרונט־פּראָגעס פונ באַוואָפנטנ קאַמפ, פונקט אַזוי איז איצט, אינ רעקאָנסטרוקציוו פּעריאָד, האָבנ זיכ די קאָמוניסטנ געשטעלט אַפ די באַשליסנדיקע באַצירקנ פונעמ קאַמפ פאַרנ פינפיאָר און האָבנ מאָביליזירט די קויכעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס אַפ אויסצופילנ אים.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט סיסטעמאַטיש, טאָג־אײַנ, טאָג־אויס, אָנגעפירט מיטנ איבערבויענ די אַרבעט פונ אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אָנגעהויבנ פונעמ געגנטלעכנ און ראַיאָנישנ קאָמיטעט ביז די קעמערלעכ אינ די אונטערנעמונגענ, אינ דאָרפ און אינ סאָוועטנ־אַפּאַראַט. דער צ״ק האָט געקעמפט פאַרנ איבערבויענ זייער גאַנצע אַרבעט אינ העסקעמ מיט די אויפגאַבעס פונעמ פינפיאָר. ער האָט גענוי אָנגעצייכנט פאַר די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס די קאָנקרעטע אויפגאַבעס אינ אַלע געביטנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג — אינ געביט פונ מעטאַל, קוילנ, נײַע בויונגענ, וואַלד־אינדוסטריע, נאַפט, אינ די ראַטווירטנ, אינעמ קאַמפ פאַר קאָלעקטיוויזאַציע, פאַר ברויט א. אַז. וו.

אָט די קאָלאָסאַלע אַרבעט פונ דער פּאַרטיי האָט געגעבנ אירע רעזולטאַטנ אינ סאַמע קירצסטנ טערמינ. די רעזולטאַטנ האָבנ זיכ געלאָזט פילנ צומאַלעמערשטנ אינ דעמ, וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרנ באַמ אַרבעטער־קלאַס אַנ אַרבעטאויפשטײַג און הויכע אַקטיווקײַט, געצילט צומ אויספילנ די אויפגאַבעס פונעמ פינפיאָר.

דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסט, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ נאָכ ביז דער XVI פּאַרטקאָנפערענצ, האָט גענומענ אַרײַנציִענ אַלצ ברייטערע שיכטנ פונעמ אַרבעטער־קלאַס. אינעמ פאַנאַנדערוויקלענ דעמ סאָציאַליסטישנ פאַרמעסט האָט אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע דער לענינישער קאָמיוג. דער קאָמיוג האָט דער ערשטער זיכ אָפּגערופנ אַפנ רופ פונ דער פּאַרטיי און פונ דער פּאַרטיי־פּרעסע, וואָס האָט אינ יאַנוואַר 1929 יאָר אָפּגעדרוקט לענינס אַרטיקל „ווי אַזוי דאַרפ מענ אָרגאַניזירנ דעמ פאַרמעסט". לויט דער איניציאַטיוו פונעמ קאָמיוגישנ קאָלעקטיוו האָט דער לענינגראַדער זאַוואָד „רויטער פּוטילאָוועצ" אַרויסגערופנ אַפ א געוועט די דאָרעמדיקע און אוראַלער מעטאַלורגישע זאַוואָדנ און האָט אָרגאַניזירט אַנ אינערלעכ־זאַוואָדישנ פאַרמעסט אַפנ בעסטנ צעכ. אינ מאַרט 1929 יאָר האָבנ די אַרבעטער פונעמ זאַוואָד „רויטער וויבאָרזשעצ" אַרויסגערופנ אַפ א פאַרמעסט אַלע אונטערנעמונגענ פונעמ סאָוועטנפאַרבאַנד. אָט דער אַרויסרופ האָט געפונענ א מעכטיקנ אָפּקלאַנג באַ די ברייטע שיכטנ פונ אַרבעטער־קלאַס, און שוינ אינ א כוידעש אַרומ זײַנענ אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ סאָצפאַרמעסט און אינ שלאָגלערײַ זעכציק טויזנט פּראָלעטאַריער פונ די גרעסטע אונטערנעמונגענ.

אינ רעזולטאַט פונ דער אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבנ אָפּגעטאָנ, זײַנענ צומ סאָפ יאָר אַרײַנגעצויגנ געווענ אינ סאָצפאַרמעסט און שלאָגלערײַ 29% פונ אַלע אַרבעטער אינ סאָוועטנפאַרבאַנד. און צומ יאָר־טאָג זינט דער זאַוואָד „רויטער וויבאָרזשעצ" האָט זיכ געווענדט מיט זײַנ אַרויסרופ — צומ 1 מאַרט 1930 יאָר — זײַנענ שוינ א העלפט פונ אַלע אַרבעטער געווענ שלאָגלערס.

אינעמ קאַמפ פאַרנ פינפיאָר זײַנענ אויפגעקומענ נײַע, סאָציאַליסטישע פאָרמעס פונ אַרבעט, וואָס זײַנענ דערנאָכ מעסט אַרײַנ



די גרעסטע בויונגן



ערשטע פּיטיצקי,

א י נ ל ע ב נ. מיליאָנענ אַרבעטער האָבנ זיכ דערקלערט פאַר שלאָגלערס, האָבנ געשאפנ שלאָג־בריגאַדעס צו קעמפנ פאַרנ אויספילנ דעמ פינפיאָר־פּלאַנ וואָס גיכער אונ וואָס בעסער. די שלאָגלערס האָבנ ארויסגעשטעלט העכערע אַרבעט־נאָרמעס, האָבנ פאַרקלענערט די טאַריפנ, קעדיי דערמיט צו טרײַבנ די פּראָדוקציע פאָרויס. מיט זייער בײַשפּיל האָבנ זיי אָנגעצונדנ די גאַנצע מאַסע אַרבעטער אונ זיי געפירט פאָרויס. די אַרבעטער פונ די לענינגראַדער זאַוואָדנ, קעמפנדיק פאַרנ אויספילנ דעמ פינפיאָר, האָבנ געשאפנ די אידיי פונ אַנ אַנטקעגנ־פּלאַנ. לויט דער איניציאַטיוו פונ די דאָנבאַסער שאַכטיאָרנ איז אָרגאַניזירט געוואָרנ א געזעלשאַפטלעכער בוקסיר: די פאָרויסגייענדיקע אונטערנעמונגענ האָבנ „גענומענ אפנ בוקסיר“ די אָפּשטייענדיקע אונ האָבנ זיי געגעבנ די נייטיקע הילפ, קעדיי צו פאַרוואַנדלענ זיי פונ אָפּגעשטאַנענע אינ פאָרגעשריטענע. אָט דער אויפשטײַג פונ אַקטיוויקײַט פונעמ אַרבעטער־קלאַס האָט געגעבנ א קאָלאָסאַלנ שטויס אינעמ העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיוויקײַט אונ אינעמ ענדערנ די באַציִונג צו דער אַרבעט.

„די אַרבעט האָט אָנגעהויבנ פאַרוואַנדלט צו ווערנ פונ א קנעכטישער קאַטערזשנער זאַכ, אזוי ווי זי איז געווענ באַמ קאַפּיטאַליזמ, — אינ א זאַכ פונ ערע, אינ א זאַכ פונ רומ, אינ א זאַכ פונ העלדישקײַט אונ העראָיזמ“ (ס ט א ל י נ).

אינעמ דאָרפ איז די אַרבעט פונ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס געווענ געווענדט אפ צו אָרגאַניזירנ דעמ סאָציאַליסטישנ איבערבוי פונ דער פויערשער ווירטשאַפט. ד ע ר ג ר ו נ ט־א י נ ה א ל ט פ ו נ ד ע ר פּ א ר ט י י־א ר ב ע ט א י נ ד אָ ר פ א י נ י ע נ ע מ פּ ע ר י אָ ד א י ז ב א ש ט י מ ט ג ע ו ו ע נ ד ו ר כ ד י א ו י פ ג א ב ע ס פ ו נ ד ע ר ק אָ ל ע ק ט י ו ו י ז א צ י ע, ו ו אָ ס ע ס ה אָ ט א ר ו י ס ג ע ש ט ע ל ט ד ע ר XV צ ו ז א מ ע נ פ אָ ר א ו נ ד י XVI ק אָ נ פ ע ר ע נ צ. דעמ קאַמפ פאַר קאָלעקטיוויזאַציע האָבנ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אפנ ענגסטנ אויפנ פאַרבונדנ מיטנ דורכפירנ די גרונט־קאַמפּאַניעס אינ דאָרפ (מיט די טווּוע־פאַרגרייטונגענ, מיט דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע). אינעמ פעריאָד נאָכנ XV צוזאַמענפאָר אונ נאָכ דער XVI קאָנפערענצ האָט די פּאַרטיי אָפּגעטאָנ א קאָלאָסאַלע אַרבעט אינ דאָרפ. צונויפשליסנדיק ארומ דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע די אָרעמ־מיטלפויערשע מאַסנ, האָבנ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס גענומענ אַלצ אַנטשיידענער אָנגרײַפנ אפנ באַלעגופ אונ האָבנ זיכ געשטעלט אינ שפּיצ פונ דער מאַסנ־באַוועגונג פאַרנ קאָלעקטיוויזירנ די לאַנדווירטשאַפט. די קאָמוניסטנ, וואָס האָבנ געהאַט אנ אייגענע ווירטשאַפט אינ דאָרפ, פלעגנ ארײַנטרעטנ אינ קאָלווירט, קעדיי צו ווײַזנ אליינ א בײַשפּיל.

פאַר אָט דער צײַט איז אינ דאָרפ ארײַנ קאָמאַנדירט געווענ באַ א האַלבנ מיליאָנ טוערס. די אינדוסטריעלע צענטערס פלעגנ שיקנ אַרבעטער־בריגאַדעס אפ דער ברויט־פאַרגרייט־קאַמפּאַניע אונ פאַרזיי־קאַמפּאַניע (באַ הונדערט טויזנט מענטשנ). די פּאַרטייִשע אונ סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס האָבנ אויכ קאָמאַנדירט ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט מענטשנ. פאַר אָט דעמ פעריאָד „איז אויסגעוואַקסנ אונ ס'האָט זיכ אויפגעהויבנ די אָרגאַניזירנדיקע אונ אָרגאַניזאַטאָרישע ראָליע פונעמ פּראָלעטאַריאַט בנוגע דעמ דאָרפ“[1]. פאַרנ פאַרפעסטיקנ די פּראָלעטאַרישע אָנפירונג מיטנ דאָרפ האָט געהאַט א קאָלאָסאַלנ באַטײַט דאָס ליקווידירנ, לויט כ' סטאַלינס איניציאַטיוו, די קרײַזנ זומער 1930. אינ רעזולטאַט דערפונ זײַנענ אסאַכ טוערס ארייבערגעוואָרפנ געוואָרנ אינ ראַיאָנ ארײַנ, אונ דער מעלוכע־אַפּאַראַט איז נאָכ נענטער געוואָרנ צו די פויערשע מאַסנ.

דעמ דערפאָלגרײַכנ קאַמפ פונ אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פאַרנ אויספילנ די אויפגאַבעס פונעמ פינפיאָר האָט מיטגעווירקט דאָס פאַנאַנדערוויקלענ די זעלבסטקריטיק אינ דער פּאַרטיי, אינ די פּראָפפאַריינענ אונ אינ די סאָוועטנ, אונ אויכ די גענעראַלע פּאַרטיי־רייניקונג אינ 1929 יאָר. מיט דער הילפ פונ די אומפּאַרטייִשע אַרבעטער אונ האָרעפּאַשנע פויערימ האָט די פּאַרטיי דורכגעקאָנטראָלירט יעדנ קאָמוניסט — זײַנ קלאַסנ־פעסטקײַט, וויאַזוי ער קעמפט פאַרנ אויספילנ דעמ פינפיאָר־פּלאַנ. צו דער פּאַרטיי־רייניקונג זײַנענ צוגעצויגנ געוואָרנ די ברייטע מאַסנ אַרבעטער

[1] Каганович, Орготчет ЦК на XVI с'езде ВКП(б), стр. 67.

אונ האָרעפּאשנע שיכטנ פונ דאָרפ, וואָס האָבנ געזענ, וואָס פאר א קאָלאָסאלע ארבעט די פארטיי טוט אפ צו שאפנ א סאָציאליסטישע אָרדענונג, — אונ זיי האָבנ זיכ נאָכ מער באהעפט ארומ זייער באָלשעוויסטישנ אוואנגארד. אינ פראָצעס פונ דער רייניקונג האָט די פארטיי ארויסגעוואָרפנ פונ אירע רייענ 10% ניט־טויגנדיקע, צעלייגטע עלעמענטנ אונ איז ארויס פונ דער רייניקונג נאָכ מער פארהארטעוועט אונ צעמענטירט.

דער פארטייס קאָלאָסאלע ארבעט צו פארווירקלעכנ די באשטימונגענ פונעמ XV צוזאמענפאָר אונ פונ דער XVI. קאָנפערענצ האָט געבראכט צו ריזיקע דערפאָלגנ אינ דער סאָציאליסטישער אנטוויקלונג פונ פסס״ר.

כ׳ סטאלינ האָט כאראקטעריזירט דאָס יאָר 1929, ווי א *יאָר פונ גרויסנ איבערבראָכ אפ אלע פראָנטנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג.* דערדאָזיקער איבערבראָכ איז געגאנגענ אונטערנ צייכנ פונ אנטשיידנעמ *אָנגריפ* פונ סאָציאליזמ אפ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ. די כאראקטעריסטישע באזונדערקייט פונ אָט דעמ אָנגריפ באשטייט אינ דעמ, וואָס ער האָט געבראכט צו א ריי באשליסנדיקע *דערפאָלגנ* אינ די גרונט־געביטנ פונעמ סאָציאליסטישנ איבערבוי פונ דער פאָלקווירטשאפט. אָט דער גרויסער איבערבראָכ איז געגאנגענ לויט דריי גרונט־ליניעס: דאָס איז ארבעט־פראָדוקטיווקייט, בויונג פונ דער אינדוסטריע אונ בויונג פונ דער לאנדווירטשאפט.

אינ געביט פונ ארבעט־פראָדוקטיווקייט האָט זיכ דער איבערבראָכ ארויסגעדריקט אינ דער פאנאנדערוויקלונג פונ דער *שעפערישער איניציאטיוו* אונ פונ א מעכטיקנ *ארבעט־אויפשטייג* בא מיליאָניקע מאסנ פונעמ ארבעטער־קלאס, וואָס האָט געשאפנ שלאָג־בריגאדעס, פאנאנדערגעוויקלט דעמ סאָצפארמעסט א. אז. וו. די סאָציאליסטישע ארבעט־מעטאָדנ זיינענ פעסט ארייַנ אינ לעבנ, ארייַנ־ציִענדיק אלצ גרעסערע מאסנ ארבעטער, אונ דערנאָכ אויכ די קאָלווירטניקעס.

אינ געביט פונ בויענ די אינדוסטריע האָט די פארטיי אינ גרונט געלייזט די פראָבלעמ פונ אָנזאמלענ מיטלענ אפ צו אנטוויקלענ די שווערע אינדוס־טריע, זי האָט געפונענ פארגיכערטע טעמפנ אונ געשאפנ די פאָרהאנאָכעס אפ צו פארוואנדלענ אונדזער לאנד אינ א לאנד א מעטאליש. פארנ יאָר האָבנ די קאפי־טאלע ארייַנלייגונגענ אינ דער *אינדוסטריע* באטראָגנ 3 מיליארד 400 מיליאָנ רובל. אינ דער צייט, ווענ אינ פארגאנגענעמ יאָר איז ארייַנגעלייגט געווענ 1 מיליארד 600 מיליאָנ רובל. דער פלאנ פונעמ ערשטנ יאָר פונ פינפיאָר איז אינ א ריי פונ די וויכטיקסטע צווייַגנ איבערגעשטיגנ געוואָרנ. די פראָדוקציע פונ דער שווערער אינ־דוסטריע איז ארויסגעוואקסנ פארנ יאָר אפ 30% אָנשטאָט די פלאנירטע 25%. די פראָדוקציע פונ דער גאנצער גרויסער אינדוסטריע איז ארויסגעוואקסנ אפ 29% אָנ־שטאָט די פלאנירטע 21%.

אינ געביט פונ לאנדווירטשאפט האָט זיכ דער פארטיי אייַנגעגעבנ א קער צו טונ די גרונט־מאסנ פויערטומ אינ א גאנצער ריי ראיאָנענ פונעמ אלטנ, *קאפיטאליסטישנ* אנטוויקלונג־וועג, צומ נייַעמ, *סאָציאליסטישנ* אנטוויקלונג־וועג. די קאָלווירטישע פעלדער האָבנ אָנגעהויבנ פארנעמענ אלצ מער אונ מער אָרט אינ לאנד. אינ יאָר 1928 האָבנ זיי באטראָפנ 1 מיליאָנ 390 טויזנט הא, אונ אינ יאָר 1929—שוינ 4 מיליאָנ 260 טויזנט הא. די צאָל ווירטשאפטנ, וואָס זייַנענ ארייַנ־געטראָטנ אינ די קאָלווירטנ, איז ארויסגעוואקסנ פונ 445 טויזנט ביז 1 מיליאָנ צומ סאָפ 1929 יאָר. אינעמ איבערבראָכ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ דאָרפ אינ יענעמ יאָר, איז דאָס איקערדיקע אונ גרונטיקע באשטאנענ אינ דעמ, וואָס *אינ די קאָלווירטנ ארייַנ איז אוועק מאסנווייַז דער מיטלפויער.*

די פארטיי האָט מיט דערפאָלג דורכגעפירט די טווע־פארגרייט־קאמפאניע. אָפ־ווארפנדיק די פאָרשלאָגנ פונ די רעכטע ארייַנצופירנ טווע פונ אויסלאנד, האָט די פארטיי באוואָרנט דאָס לאנד מיט ברויט אפנ כעזשבנ פונ אינערלעכע קוואלנ.

די דערגרייכטע רעזולטאטנ האָבנ געוויזנ שוינ פונעמ ערשטנ יאָר אָנ פונעמ פינפיאָר, אז מע קענ ניט בלויז אויספילנ דעמ פינפיאָריקנ פלאנ, נאָר אז מע קענ

אים אריבערשטײַגן. אפן גרונט פון די דערפאָלגן אין יאָר 1928־29 האָבן די שלאָג־לערס, די פאָרגעשריטענע ארבעטער, די קאָלעקטיוון און אונטערנעמונגען ארויסגע־רוקט די אידיי וועגן דעם, אז דעם פינפיאָר־פלאן דארף מען אויספילן אין פיר יאָר. דער צ"ק האָט אפ זײַן פלענום אין נאָיאבער 1929 יאָר אונטערגעצויגן די סאכאקלען פונעם ערשטן יאָר פון פינפיאָר און אפן קומענדיקן יאָר (1930) האָט ער אָנגעמערקט צו גיין מיט נאָך העכערע טעמפן. עס איז באשטימט געוואָרן צו מאכן גרעסערע קאפיטאל־אײַנלאָגן און צו באקומען א גרעסערע פראָדוקציע, אײדער דאָס האָט אָנגעמערקט אפן יאָר 1930 דער פינפיאָר־פלאן.

די גאנצע פארטיי־ארבעט אין אָט דעם פעריאָד איז דורכ־געגאנגען אין ניט־אָפגעניגטן אלטעגלעכן קאמף אפ צוויי פראָנטן.

די פארטיי האָט אָפגעטאָן א קאָלאָסאלע ארבעט צו דעמאסקירן די רעכט־אָפאָר־טוניסטישע טעאָריעס, וואָס האָבן געשטאמט דעריקער פון בוכארינען און פון זײַנע שילער (סלעפקאָוו, אײַכענוואלד, מארעצקי א. אנד.). באגלײַך דערמיט האָט די פארטיי אויך אופגעדעקט די אנטפלעקונג פון רעכטן אָפנויג אין דער פראקטיק. גאנץ העלע פאקטן פונעם רעכטן אָפאָרטוניזם האָט דער צענטראל־קאָמיטעט אופגעדעקט אין 1930 יאָר אין אסטראכאן און אין סאראטאָוו. אין אסטראכאן האָט א גרופע טוערס אָפן געפירט אזא פאָליטיק, וואָס איז געווען געצילט צו אנטוויקלען דעם פריוואטן קאפיטאל אין דער פיש־אינדוסטריע. אפ אָט דעם גרונט איז פאָרגעקימען אן אָפענע צונויפוואקסונג מיט די קאפיטאליסטישע עלעמענטן, ס'האָט געהאט אן אָרט א שטייגערישע פאנאנדערלייגונג א. אז. וו.

אין סאראטאָווער קרײַז האָט א גרופע אָנפירנדיקע טוערס נאָכגעטאנצט נאָך די רעכט־אָפאָרטוניסטישע עלעמענטן און דורכגעפירט א ניט־ריכטיקע פאָליטיק אין די טוווע־פארגרייטונגען, זי האָט זיך אָפגעזאָגט אָנצוגרײַפן אפן באלעגופ און האָט סאבאָטירט די קאָלווירטישע און ראטווירטישע בויונג. נאָך פריער, אין יאָר 1928, זײַנען אופגעדעקט געוויזן רעכט־אָפאָרטוניסטישע געשווירן אין ארטיאָמאָווסקער קרײַז, אין סמאָלענסקער גובערניע, וואָלאָגדער גובערניע און אין אײניקע אנדערע אָרגאני־זאציעס.

דער צענטראל־קאָמיטעט פלעגט אָן ראכמאָנעס אויסרײַסן מיטן וואָרצל די אלע אנטפלעקונגען פון רעכטן אָפאָרטוניזם, ער פלעגט מאָביליזירן די אופמערקזאמקײַט פון דער פארטיי אפ דידאָזיקע דערשײַנונגען און פלעגט באווײַזן אפ קאָנקרעטע בײַשפּילן דעם באלעגופישן טאָך פונעם רעכטן אָפאָרטוניזם און די נייטיקײַט אָן ראכמאָנעס צו קעמפן קעגן אים.

באגלײַך מיטן רעכטן אָפאָרטוניזם האָט די פארטיי געגעבן א ווידערשטאנד אויך די „לינקאטשישע" עלעמענטן, וואָס זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן דער פארטיי־ליניע אין סאָפ 1928 יאָר און אין 1929 יאָר. די „לינקאטשעס" — סטען, שאצקין, לאָמינאדזע א. אנד., וואָס זײַנען געווען ניט מער ווי אן אָפגרעפץ פון טראָצקיזם, — האָבן זיך אין טאָך ארויפגעקײַקלט אפ די פאָליטישע און אָרגאניזאציאָנעלע פאָזיציעס פון טראָצ־קיזם. אלע זייערע גרונט־טעזיסן האָבן איבערגעכאזערט פארשיידענע פונקטן פון דער טראָצקיסטישער פלאטפאָרמע. ארויסטרעטנדיק אונטערן שלייער פון אומ־קאָמפּראָמיסלעכן קאמף קעגן דעם רעכטן אָפנויג, פלעגן די „לינקאטשעס" איבערכאזערן די טראָצקיסטישע באשולדיקונג, אז די פארטיי פארנעמט די פאָזיציעס פון „צענטריזם". אפ דער גרונט־מאסע קאָמוניסטן, וואָס פלעגט אומדערמידלעך קעמפן אין דער טעאָריע און אין דער פראקטיק פאר דער גענעראלער פארטיי־ליניע — אפ אָט די קאָמוניסטן האָבן די „לינקאטשעס" געזאָגט, אז זיי זײַנען א „זומפ", אז זיי זײַנען פארט־באלעבאָסלעך, און אז קעגן זיי דארף מען ווענדן דעם הויפט־פײַער. די „לינקאטשישע" פירערס (סטען) האָבן ארויסגעשטעלט א לאָזונג, אז יעדער קאָמוניסט און קאָמיוגיסט דארף דורכקאָנטראָלירן די פארטיי־ליניע אפ זײַן אײגענער דער־פארונג. אָט דער לאָזונג „צווייפל אין אלצדינג" איז געווען אן אָפענער רופ, מע

זאָל זיכ באַציִען מיט אומצוטרוי צו דער פּארטיי־אָנפירונג און צו די גרונט־קאדרען פונ דער פּארטיי. די „לינקאטשעס" האָבנ ווידער באַגײַט די אלטע טראָצקיסטישע אידיי וועגנ שאפנ א פּארבאנד פונ פויערשער אָרעמשאפט. אינ דער צײַט, ווענ די פּארטיי פלעגט אינעמ דאָזיקנ פעריאָד—דורכנ אָרגאניזירנ אָרעמשאפט־גרופּעס בא די סאָוועטנ—קעמפנ פארנ פארשטארקנ די פּראָלעטארישע אָנפירונג מיטנ פויערטומ,— אינ דערזעלבער צײַט האָבנ די „לינקאטשעס" פּאָרגעלייגט צו שאפנ א ספּעציִעלנ פּארבאנד פונ פויערשער אָרעמשאפט מיט אייגענע געוויילטע אָרגאנענ פונ אונטנ ביז ארופ. אָט דער פּארבאנד האָט זיכ ניט געזאָלט געפינענ בא די סאָוועטנ, גלײַכ ווי די אָרעמשאפט־גרופּעס, ער האָט געזאָלט פאָרשטעלנ מיט זיכ א זעלבשטענדיקע אָרגאניזאציע. אזא ספּעציִעלע פויערשע אָרגאניזאציע וואָלט קעגנגעשטעלט געוואָרנ די סאָוועטנ, אלס אָרגאנענ פונ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט; דאָס וואָלט באַטײַט פאר זיי אנ אָפּשוואכונג און עס וואָלט געפירט אינ דערווירקלעכקײַט צומ פארשטארקנ די באלעגופּישע ווירקונג אינ דאָרפ. אזויארומ, זײַנענ די פּאָרשלאָגנ פונ די „לינקאטשעס" געווענ פּאקטיש געצילט קעגנ דעמ בונד פונעמ ארבעטער־קלאס מיטנ פויערטומ. די „לינקאטשעס" האָבנ אינ טאָכ ארײַנ זיכ אראָפּגעקײַקלט ביז צומ פּארטיידיקנ דעמ באלעגופּישנ לאָזונג וועגנ שאפנ א באזונדערנ פויערשנ פּארבאנד.

די פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ געגעבנ אנ אנטשיידענעמ ווידערשטאנד די „לינקאטשישע" עלעמענטנ. דאָס האָט זיי געצוווּנגענ צו אנערקענענ זייערע פעלערנ, אָבער די ווײַטערדיקע געשעענישנ האָבנ באוויזנ, אז מיט אָט די אנערקענונגענ זייערע האָבנ א ריי „לינקאטשעס" (צומ בײַשפּיל, שאצקינ, סטענ) פּאָשעט אָפּגענארט די פּארטיי. די דערגרייכונגענ פונעמ יאָר פונ גרויסנ איבעריבראָכ און דער ניט־אָפּגענויגטער קאמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ האָבנ געבראכט דערצו, אז א טייל רעכטע— מיכײַלאָוו, קאָטאָוו און אנד.—האָבנ אפנ נאָיאבער־פּלענומ פונ צ"ק אינ יאָר 1929 אויכ אנערקענט זייערע פעלערנ און האָבנ דערקלערט, אז זיי פארורטיילנ די ליניע פונ דער רעכטער אָפּאָזיציע. די לידערס אָבער פונ די רעכטע—בוכארינ, טאָמסקי, רייקאָוו—האָבנ ניט געוואָלט אנערקענענ זייערע פעלערנ און האָבנ געפּרוווט אײַנהיטנ זייערע פּאָזיציעס, קעדיי ארויסצוטרעטנ קעגנ דער פּארטיי דאנ, ווענ עס וועט קומענ א שווערערער מאָמענט, אפ וועלכנ זיי האָבנ זיכ געריכט.

דער צ"ק האָט באַשטימט ארויסצופירנ פונ דער פּאָליטביוראָ דעמ אידעאָלאָג פונ דער רעכטער אָפּאָזיציע, דעמ כ׳ בוכארינ, און האָט ארויסגעטראָגנ א וואָרענונג די איבעריקע. גלײַכצײַטיק האָט דער פּלענומ אָנגענומענ א באשלוס, אז דאָס פּראָפּאגאנדירנ די אָנשויונגענ פונעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ און די טאָלעראנטע באציִונג צו אימ פּאָרט זיכ ניט מיטנ געפינענ זיכ אינ די רייענ פונ דער אלק"פּ(ב).

אָט די היסטאָרישע באשטימונג האָט געזאָגט, אז יעדערער, וואָס פּרוווט זיכ ארויסטרעטנ און פּארטיידיקנ די ליניע פונ דער רעכטער אָפּאָזיציע און וועד עס באציט זיכ צו איר טאָלעראנט, דארפ ארויסגעשלאָסנ ווערנ פונ דער פּארטיי. די פּארטיי האָט ניט געקענט דערלאָזנ אינ אירע רייענ אזוינע מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אראָפּגעקײַקלט צומ אָפּאָרטוניזמ און טאָרמאָזירנ דעמ קאמפ פארנ בויענ דעמ סאָציאליזמ. דערלאָזנ פּראָפּאגאנדירנ די אָנשויונגענ פונעמ רעכטנ אָפּנויג און א טאָלעראנטע באציִונג צו אימ—דאָס וואָלט געהייסנ אנטוואָפּענענ די פּארטיי אינעמ מאָמענט פונ אָנגעשטרענגטנ קלאסנקאמפ.

אינ א צײַט ארומ נאָכנ פּלענומ האָבנ די לידערס פונ דער רעכטער אָפּאָזיציע דערלאנגט א מעלדונג, אז זיי אנערקענענ זייערע פעלערנ און אז די גענעראלע פּארטיי־ליניע איז א ריכטיקע. דאָס, וואָס דאָס רעכט־אָפּאָרטוניסטישע אויבערקעפּל האָט אנערקענט זײַנע פעלערנ, האָט אבסאָליוט ניט באַטײַט, אז די פּארטיי דארפ אופהערנ קעמפנ קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג. ניט געקוקט אפ די גרויסע דערגרייכונגענ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג צו יענער צײַט, האָט דער קלאסנקאמפ אינ לאנד ניט געקענט אָפּגעשוואכט ווערנ; די רעשטלעכ פונ די צעגראָמירטע

קלאסנ, וואָס זײַנענ פריִער געווענ פריווילעגירט, האָבנ ניט געקענט שאָלעמ מאכנ מיט דער סאָוועטנמאכט און האָבנ פאָרגעזעצט דעמ קאמפ פאר רעסטאווירנ די קאפיטאליסטישע באציִונגענ. דער רעכטער אָפנויג איז דעריבער אפ ווײַטער אויכ געבליבנ די הויפט־געפאר אינ דער פארטיי. די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ ניט אויפגעהערט צו קעמפנ קעגנ אימ אינ טעאָריע און אינ דער פראקטיק. ביפראט, אז דאָס רעכטע אויבערקעפל פלעגט זײַנ עצעמ אנערקענענ די פעלערנ אָפט ניט באשטעטיקנ מיטנ פאקטישנ פארטיידיקנ די פארטיי־ליניע.

ליטעראטור צומ פערצנטנ קאפיטל.

Сталин, На хлебном фронте, „Вопросы ленинизма“, стр. 315—324.

Сталин, Доклад на собрании актива ленинградской организации 13 июля 1928 г. об итогах июльского пленума ЦК. „Вопросы ленинизма“, стр. 334—340.

Сталин, О правой опасности в ВКП(б). Речь на пленуме МК и МКК 19 октября 1928 г., „Вопросы ленинизма“, стр. 347—356.

Сталин, Об индустриализации страны и о правом уклоне в ВКП(б). Речь на пленуме ЦК 19 ноября 1928 г. „Вопросы ленинизма“. стр. 357—384.

Сталин, О правом уклоне в ВКП(б). Речь на пленуме ЦК в апреле 1929 г. „Вопросы ленинизма“, стр. 385—431.

Сталин, Год великого перелома, „Вопросы ленинизма“. 432—441.

Сталин, Политочет XVI съезду ВКП(б). Вопросы ленинизма“, 487—577.

Резолюции пленума ЦК в апреле 1928 г., „ВКП(б) в резолюциях“, ч. 2.

Резолюции пленума ЦК в июле 1928 г. „ „ „

Резолюции пленума ЦК в ноябре 1928 г. „ „ „

Резолюции пленума ЦК в апреле 1929 г. „ „ „

Резолюции XVI конференции ВКП(б) „ „ „

Резолюции пленума ЦК в ноябре 1929 г. „ „ „

פופצנטער קאפיטל.

רעקאָנסטרוקטיווער פעריאָד.

(פאָרזעצונג).

די פארטיי אינעם פעריאָד פונ סאָציאַליסטישנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט.

די גאנצע פארטיי־ארבעט אינעם נעפּ־פעריאָד האָט געבראכט צו קאָלאָסאַל־גרויסע דערגרייכונגענ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג. דאָס יאָר 1929 איז געווענ א יאָר פונ א גרויסנ איבערבראָכ אפ אַלע באַצירקנ פונ אָט דער בויונג. אפ אָט דעמ גרונט האָט כ׳ סטאַלינ אינ דער צווייטער העלפט 1929 יאָר אוועקגעשטעלט די אופגאבע אריבערצוגיינ אינ א סאָציאַליסטישנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט. פאר אזא אָנגריפ האָט די פארטיי געשאפנ אַלע נייטיקע פאָרבאדינגענ.

די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ מאָביליזירט די קלאסנ־וואכזאמקייט אונ רעוואָליוציאָנערע אקטיווקייט פונ די מאסנ קעגנ די קאפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ לאנד. די פארטיי האָט אָרגאניזירט דעמ סאָציאַליסטישנ פארמעסט אונ דעמ ארבעט־אופשטייג פונ די מאסנ, זי האָט אופגעהויבנ זייער זעלבסטעטיקייט צומ קאמפּ קעגנ ביוראָקראטיזמ, זי האָט ברייט פאנאנדערגעוויקלט די זעלבסטקריטיק אונ איבערגעבויט די ארבעט פונ די סאָוועטנ, פראָפאריינענ אונ אנדערע אָרגאניזאציעס אינ הׂעסקעמ מיט די אופגאבעס פונ קאמפּ פארנ פינפיאָר. זי האָט באשאפנ אינ אָט די אָרגאניזאציעס א קערנ פונ די אקטיווסטע אונ רעוואָליוציאָנערסטע טוערס, ארויסגעטריבנ פונ דאָרטנ די אָפּאָרטוניסטישע אונ ביוראָקראטישע עלעמענטנ אונ ארויסגערוקט נייע טוערס פונונטנ.

ווייטער האָט די פארטיי צונויפגעזאמלט אַלע מעגלעכע מיטלענ אונ האָט זיי פארווענדט אפ צו אנטוויקלענ די אינדוסטריע, די ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ. זי האָט געוואָרפנ אפ אָט די באַצירקנ אירע בעסטע קויכעס.

ס׳איז מאָביליזירט געוואָרנ די גאנצע פארטיי, ס׳זיינענ פארפעסטיקט געוואָרנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אונ אָפּגערייניקט געוואָרנ פונ די ביוראָקראטישע אונ איבערגעבוירענע עלעמענטנ. די פארטיי האָט דורכגעפירט אנ אנטשלאָסענעמ קאמפּ אפ צוויי פראָנטנ, האָט צעגראָמירט די אָפּאָרטוניסטנ אונ אוועקגעשטעלט אינ די פאָדערשטע רייענ עמעסע, פעסטע לענינצעס. אָט די גאנצע אָפּגעטאָנענע ארבעט האָט געגעבנ א מעגלעכקייט דער פארטיי אוועקצושטעלנ די פראגע, אז איצט באשטייט די אופגאבע פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור אינעמ אריבערגיינ פונעמ סאָציאַליסטישנ אָנגריפ אפ באזונדערע באַצירקנ פונ ווירטשאפטלעכנ פראָנט צו א פאנאנדערגעוויקלטנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט — סיי אינ דער אינדוסטריע, סיי אינ דער לאנדווירטשאפט. ניטנ אריבערגיינ אינ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ די פראגע וועגנ ליקווידירנ דאָס באַלעגופנטומ אלס קלאס.

דאָס ליקווידירנ דאָס באַלעגופנטומ אלס קלאס אפנ גרונט פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

שוינ אינ מיטנ 1929 יאָר האָט די קאָלעקטיוויזאציע פונ דער לאנדווירטשאפט זיכ פאנאנדערגעוויקלט אַלצ ברייטער אונ אָנגעהויבנ ארומכאפנ דורכויס גאנצע ראיאָנענ פונ פסס״ר. א ריי געגנטנ, וואָס ארבעטנ אויס דעריקער טווע־קולטורנ (צאָפנ־קאַוו־

קאָז, דער סטעפּ־טייל פֿונ אוקראַינע, נידערוואָלגער קאַנט א. אנד.), האָבנ באַזונדערס היפּש א שפּאַנ געטאָנ פֿאָרויס אינעמ קאַמפּ קעגנ באַלעגופּנטומ אונ אינעמ אַרײַנציִענ אינ די קאָלווירטנ די האָרעפּאַשנע מאַסנ פֿונ דאָרפֿ. נאָכנ צ״ק־פּלענומ איג נאָיאַבער 1929 י., וואָס האָט אונטערגעשטראָכנ דעמ שטורמישנ וווּקס פֿונ דער קאָלווירטישער באַוועגונג, האָט די פּאַרטיי אויפֿגעשטעלט די פֿראַגע וועגנ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, צוזאַמענמערשטנ אינ אָט די געגנטנ. קאָלעקטיוויזירנ דאָס פּויערטומ, פֿאַרייניקנדיק די אָרעמפּויערשע אונ מיטלפּויערשע מאַסנ פֿונ דאָרפֿ, האָט באַטײַט — פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכנ די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלענ (דאָס אַרבעט־פֿי, די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס) אונ אונטערגרײַסנ דעמ עצעמ פֿונדאַמענט פֿאַר דער עקזיסטענצ פֿונעמ באַלעגופּנטומ אונ די מעגלעכקײַט צו עקספּלואַטירנ די אָרעמשאַפֿט. דערזענ, אַז די האָרעפּאַשנע מאַסנ פֿונ פּויערטומ טרעטנ פֿעסט אַרופֿ אַפֿנ סאָציאַליסטישנ אַנטוויקלונג־וועג, האָבנ די באַלעגופּימ אָנגעהויבנ פֿירנ קעגנ דעמ א צעיושעטנ קאַמפּ. אינ זייער קאַמפּ האָבנ זיי באַנוצט אַלע מיטלענ. די באַלעגופּימ פֿלעגנ אומדערמידלעכ אַגיטירנ קעגנ די קאָלווירטנ, אונטערצינדנ דאָס קאָלווירטישע פֿאַרמעגנ, דערהאַרגענע קאָמוניסטנ אונ אַקטיוויסטנ־קאָלווירטניקעס אונ, ענדלעכ, ווענ דאָס האָט ניט געגעבנ די געווונטשענע רעזולטאַטנ, האָבנ די באַלעגופּימ גענומענ דורכקריכנ אינ די קאָלווירטנ אַרײַנ, קעדיי צו פּרוּוונ זיכ צעוואַלגערנ זיי פֿונ אינעווייניק.

קעגנ אָט די צעווילדעוועטע קלאַסנפֿײַנט אונ קעדיי ווײַטער פֿאַנאַנדערצוּוויקלענ די קאָלעקטיוויזאַציע, האָבנ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס גענומענ צונויפֿשמידנ אינ דאָרפֿ די האָרעפּאַשנע מאַסנ פֿונ פּויערטומ, אינ דער ערשטער ריי די אָרעמשאַפֿט, אויפֿהייבנדיק זיי צומ אַקטיווונ קאַמפּ פֿאַרנ סאָציאַליסטישנ איבערבויענ דאָס דאָרפֿ. אינ דעמזעלביקנ פּעריאָד האָט די פּאַרטיי אַוועקגעשיקט אינ דאָרפֿ אַרײַנ צוהילפֿ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַנ אָטריאַד פֿונ 25 טויזנט אַרבעטער־פֿרײַוויליקע, וועלכע האָבנ געשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אינעמ פֿאַנאַנדערוויקלענ די קאָלווירטישע באַוועגונג.

אינ ברענ פֿונעמ קאַמפּ פֿאַרנ סאָציאַליסטישנ איבערמאַכנ דאָס דאָרפֿ, ווענ עס האָט זיכ געהאַלטנ אינ לייזנ די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, האָט כ׳ סטאַלינ אינ זײַנ היסטאָרישער רעדע אַפֿ דער קאָנפֿערענצ פֿונ די אַגראַרניקעס־מאַרקסיסטנ, אינ סאָפֿ דעקאַבער 1929 י., אַרויסגערוקט דעמ לאָזונג וועגנ ליקווידירנ דאָס באַלעגופּנטומ אַלס קלאַס אַפֿנ גרונט פֿונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

אָט דער לאָזונג האָט געשפּילט א באַשליסנדיקע ראָליע פֿאַרנ זיג פֿונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג. דאָס ליקווידירנ דאָס באַלעגופּנטומ ווי א קלאַס האָט געדאַרפֿט דורכגעפֿירט ווערנ אַפֿ דער באַזע פֿונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. די פּאָליטיק פֿונ ליקווידירנ דאָס באַלעגופּנטומ אַפֿנ גרונט פֿונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע האָט באַוואָרנט, אַז עס זאָלנ ליקווידירט ווערנ די פּאַראַנענע אינ דאָרפֿ קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ. אַפֿסנײַ אויפֿקומענ אונ אַנטוויקלענ זיכ אינ דאָרפֿ האָבנ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ מער שוינ ניט געקענט, וואָרעמ דער אָרעמער אונ מיטלער טייל פּויערטומ איז אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. אַפֿ אַזאַ אויפֿנ האָט געזאָלט באַוואָרנט ווערנ דאָס אויסקאָרטשעווענ די וואָרצלענ פֿונ קאַפּיטאַליזמ אינ דער לאַנדווירטשאַפֿט אונ דאָס באַשאַפֿנ אַנ אָרדענונג פֿונ קאָלווירטישער פּראָדוקציע, א פּראָדוקציע פֿונ סאָציאַליסטישנ טיפּ.

דעמ 5 יאַנוואַר 1930 יאָר האָט דער צ״ק פֿונ דער פּאַרטיי אָנגענומענ דעמ היסטאָרישנ באַשלוס וועגנ ליקווידירנ דאָס באַלעגופּנטומ אַלס קלאַס אַפֿנ גרונט פֿונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. דער צ״ק האָט באַשטימט, אַז צומ סאָפֿ פֿינפֿיאָר דאַרפֿ די קאָלעקטיוויזאַציע פֿונ דאָרפֿ אינ גרונט פֿאַרענדיקט ווערנ. דער צ״ק האָט אײַנגעשטעלט קאָלעקטיוויזיר־טערמינענ, דיסקאָנטירנדיק אַלע באַזונדערקײַטנ פֿונ די

פארשיידענע ראיאָנען פון ססס״ר, און ער האָט אָנגעוויזן א ריי פראקטישע מאָס־מיטלען, וויאַזוי דורכפירן אָט די באשטימונג. דער צ״ק האָט אונטערגעשטראָכן, אז די קאָלעקטיוויזאציע דארף מען דורכפירן אפן גרונט פון אבסאָליוטער פרייוויליקייט, און האָט אָנגעוויזן, אז די ארטעל־פאָרמע איז די גרונט־פאָרמע פון דער קאָלווירטישער בוויגנג אין איצטיקן מאָמענט. לויטן סטאטוט, וואָס עס האָט באשטעטיקט דער צ״ק פון דער פארטיי, ווערן אינעם לאנדווירטשאפטלעכן ארטעל פארגעזעלשאפטלעכט די גרונטיקע פראָדוציר־מיטלען (מאשינעס און דער איבעריקער אינווענטאר, ארבעט־פי), די ארבעט, דער ערד־באנוץ און די ווירטשאפטלעכע געביידעס. אין ארטעל ווערן אָבער ניט פארגעזעלשאפטלעכט די ביי־הויפיקע ערד, די ווינהייזער, דאָס ניט־סכוירעדיקע מילכ־פי, דאָס קליינ־פי, די היימישע אויפעס א. א. וו. דאָס אלץ בלייבט באם קאָלווירטניק אין דער ווירטשאפט. אָט די איינצל־ווירטשאפט זיינע דארף בא אים זיין א צוגאָב צו דער גרונטיקער, קאָלווירטישער ווירטשאפט. דער ארטעל איז דער גרונט־רינג אין דער קאָלווירטישער באוועגונג, — האָט געזאָגט כ׳ סטאלין. די קראפט פונעם לאנדווירטשאפטלעכן ארטעל באשטייט אין דעם, וואָס ער איז מער צוטרעטלעכ פארן באוווסטזיין פון די ברייטע פויערשע מאסן.

דער לאָזונג צו ליקווידירן דאָס באלעגופנטום האָט באטייט א קער צו א נייער פאָליטיק. אָנשטאָט דער פאָליטיק פון באגרענעצן און ארויסשטויסן די באלעגופישע עלעמענטן איז דערקלערט געוואָרן א פאָליטיק צו ליקווידירן דאָס באלעגופנטום אלס קלאס.

ביז אָט דעם פעריאָד פלעגט די פארטיי קעמפן קעגן באלעגופ, פירנדיק א פאָליטיק פון ארויסשטויסן און באגרענעצן דאָס באלעגופנטום. מיט דער הילפ פון שטייערן און אנדערע מיטלען פלעגט זי באגרענעצן די אנטוויקלונג פון די באלעגופישע ווירטשאפטן און זייערע עקספלואטאטארישע שטרעבונגען. אפן גרונט פון אָט דער פאָליטיק פון באגרענעצן און ארויסשטויסן דאָס באלעגופנטום האָט מען געקענט ארויסשטויסן איינצלנע אָטריאַדן זיינע, מ׳האָט עס אָבער ניט געקענט פארניכטן אלס קלאס. אין די הענט באם באלעגופנטום פלעגן בלייבן די לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, דאָס ארבעט־פי און אנדערע פראָדוציר־מיטלען, עס פלעגט דערלאָזט ווערן צו דינגען ארבעט־קראפט און צו ארענדירן ערד. ענדלעכ, פלעגט פארווערט ווערן צו אנטבאלעגופעווען. בייס מיר זיינען אריבער צו דער נייער פאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופנטום אלס קלאס, זיינען אָט די אלע באגרענעצונגען אָפגעפאלן. די סאָוועטנ־רעגירונג האָט אָפגעשאפן דעם געזעץ וועגן דינגען ארבעט־קראפט אין פויערשע ווירטשאפטן, דעם געזעץ וועגן ארענדירן ערד און האָט געגעבן דאָס רעכט די געגנטלעכע און קאנטישע אויספיר־קאָמיטעטן צו קאָנפיסקירן דאָס פארמעגן און ארויסצוזעצן די באלעגופים פון די ראיאָנען פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

פון איצטער אָן איז איינגעשטעלט געוואָרן א פעסטע אומצוריקרופלעכע פאָליטיק פון ליקווידירן דעם סאמע פילצאָליקן קאפיטאליסטן־קלאס, די סאמע רעציכעדיקע עקספלואטאטערס, ווי עס פלעגט רופן די באלעגופים לענין. דאָס פארווירקלעכן אָט די פאָליטיק האָט זיכ געוועגדט אָנעם פאנאנדערוויקלען די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע און אָן די דערפאָלגן פון דער קאָלווירטישער בוויגנג. קעדיי צו באוואָרענען אָט די דערפאָלגן, האָבן די פארטיי־אָרגאניזאציעס פאנאנדערגעוויקלט א קאָלאָסאלע ארבעט.

קיין מער שטורמישן פעריאָד און קיין מער פארשארפטן קלאסנקאמפ האָט דאָס דאָרף ניט איבערגעלעבט זינט די יאָרן 1917—1918. עס זיינען געבראכט געוואָרן אין באוועגונג די ברייטסטע אָרעמ־מיטלפויערשע מאסן; זיי פלעגן ארויסווייזן אן אויסערגעוויינלעכ־הויכע אקטיווקייט, זייענדיק באגייסטערט פון די ביישפילן פונעם ארבעט ענטוזיאַזם באם ארבעטער־קלאס. דער ווינטער פון 1929—30 יאָר איז אין דער געשיכטע פון דער קאָלווירטישער בוויגנג געווען א פעריאָד פון פארשארפטן קלאסנ־קאמפ. אין משעכ פון אָט דעם פעריאָד האָט די פארטיי באוויזן צו באוואָרענען און צו פארפעסטיקן דעם וויכטיקסטן היסטאָרישן קער פונעם פויערטום אפן וועג פון סאָציאַליזם.

23—898

דאָס קאָנפיסקירנ די ערד בא די פּויִצימ אינ 1917 יאָר איז געווענ דער ערשטער טריט פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אינ דאָרפ. דאָס אריבערגייִנ צו קאָלווירטנ איז דער צווייטער אונ דער אנטשיידענער טריט, וואָס האָט באשטימט דעמ וויכטיקסטנ עטאפּ אינעמ אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ אינ פסס״ר.

אָט דעמ קער פונ די אָרעמ־מיטלפּויערשע מאסנ אונ די גיכע קאָלעקטיוויזאציע־דערפאָלגנ האָט צוגעגרייט די גאנצע פארטיי־פּאָליטיק אפ די פריִערדיקע אנטוויקלונג־עטאפּנ אונ זיי זייַנענ געווענ א רעזולטאט פונעמ ניט־אָפּגעניגטנ דורכפירנ די לעבנישע ליניע. די פארטיי האָט זיכ דערשלאָגנ צו א מעכטיקער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, דעריבער פונ יענער אינדוסטריע, וואָס ארבעט אויס לאנדווירטשאפט־מאשינעס. דערגרייכנדיק צו א קאָלאָסאלנ וווּקס פונעמ מאטעריִעלנ אונ קולטורעלנ ניוואָ, האָט די פּראָלעטארישע מעלוכע באקומענ א מעגלעכקייַט צו געבנ די געהעריקע הילפ אפ איבערצובויענ סאָציִאליסטיש דאָס דאָרפ. די אָרגאניזירטע אינ די פריִערדיקע יאָרנ קאָלווירטנ, ראטווירטנ אונ מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס האָבנ געוויזנ דעמ פּויערטומ די מייַלעס פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט, וואָס באזירט זיכ אפ דער פאָרגעשריטענער טעכניק (טראקטערס אונ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס), קעגנ דער אָפּגעשטאנענער אינדיווידועלער ווירטשאפט. די פארטיי האָט קאָנסעקווענט געפירט די לעבנישע פּאָליטיק פונ דערציִענ די מאסנ, האָט פאנאנדערגעוויקלט די ארבעט פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער קאָאָפּעראציע, וואָס פלעגט צוגעווינענ דעמ פּויער צו קאָלעקטיווער ארבעט. פאר די דרייַ יאָר טוווע־פארגרייטונגענ האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ פּראָצעס פונ אנטשלאָסענעמ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופ באהעפט די גרונט־מאסנ פונ דער אָרעמשאפט אונ פונ די מיטלפּויערימ אונ דעמאס־קירט דעמ באלעגופ אלס זייער ערגסטנ סוינע.

צו אָט דער צייַט האָט די פּראָלעטארישע דיקטאטור שוינ פארמאָגט א גענוגע מאטעריעלע באזע אפ צו ליקווידירנ דאָס באלעגופנטומ אלס קלאס אונ צו פארבייַטנ זייַנ פּראָדוקציע אפ דער פּראָדוקציע פונ די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ. דאָס האָרע־פּאשנע פּויערטומ האָט זיכ איבערצייַגט אינ דעמ, אז דער סאָציִאליסטישער וועג עפנט פאר אימ א מעגלעכקייַט ארויסצוגייִנ פונ דאלעס, פונ באלעגופישער קנעכטשאפט אונ פונ אָפּגעשטאנענקייַט צו א נייַ לעבנ אינ די באדינגענ פונ דער סאָציִאליסטישער אָרדענונג.

דער קאמפ פונ דער פארטיי קעגנ די איבערבייגנ אינ דער קאָלווירטישער בויִונג.

די באשטימונג פונ צ״ק פונ 5 יאנוואר 1930 יאָר האָט אָנגעוויזנ, אז אינ יענע געגנטנ, ווו די קאָלעקטיוויזאציע איז געווענ מער צוגעגרייט (צאָפנ־קאווקאז, מיטל־וואָלגע אונ נידער־וואָלגע), איז מעגלעכ צו פארענדיקנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע אינ פרילינג 1931 יאָר; פאר א רייִ אנדערע געגנטנ (אוקראינע, צענטראל־שווארצערדישע געגנט, אוראל, סיביר, קאזאקסטאנ א. אז. וו.) איז אָט דער טערמינ אָנגעמערקט געווענ אפ פרילינג 1932 י., אונ, ענדלעכ, פאר א רייִ נאציִאָנאלע אונ אנדערע ראיאָנענ איז אָנגעמערקט געווענ צו פארענדיקנ די קאָלעקטיוויזאציע צומ סאָפ פינפיאָר — אינ יאָר 1933. אָבער א רייִ אָרטיקע אָרגאניזאציעס האָבנ אונטער דער ווירקונג דעריקער פונ די גרויסע דערפאָלגנ אינ דער קאָלווירטישער באוועגונג — אָנשטאָט צו קעמפנ פארנ פארפעסטיקנ אָט די דערפאָלגנ — באשלאָסנ צו פארווירקלעכנ די קאָלעקטיוויזאציע „אינ איינ האלב־שאָ” אונ האָבנ זיכ געשטעלט אפנ וועג פונ יאָגעניש נאָכ א גרויסנ קאָלעקטיוויזיר־פּראָצענט. אָט די אָרגאניזאציעס האָבנ גע־בראָכנ דעמ פּרינציפּ פונ פרייַוויליקנ ארייַנטרעטנ אינ קאָלווירט אונ אָנגעהויבנ איינפלאנצנ קאָלווירטנ אפ א צוואנג־אופנ, ניט דיסקאָנטירנדיק באמ דורכפירנ די קאָלעקטיוויזאציע די באזונדערקייַטנ פונ די פארשיידענע ראיאָנענ אינ פסס״ר. די ראיאָנענ, וואָס זייַנענ ווייניקער געווענ צוגעגרייט צו דער קאָלעקטיוויזאציע — מיטל־אזיע, טראנסקאווקאז, מאָסקווער געגנט אונ די צענטראל־שווארצערדישע

געגנט — האָבנ באַשלאָסנ ניט אָפּצושטײנ פונ די מער צוגעגרײטע אונ צו פאַרענדיקנ די קאָלעקטיוויזאַציע אינ פרילינג 1930 יאָר, בעפירעש ברעכנדיק דערמיט דעם באַשלוס פונ צ"ק. אינ הײפּעכ צו די בעפירעשע אָנווײַזונגענ פונ צ"ק וועגנ פארפעסטיקנ דעם אַרטעל, האָבנ אײניקע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבנ מיטאַמאָל שאַפנ קאָמונעס אונ אויכ קאָלווירט־גיגאַנטנ, וואָס פאַרײניקנ מיטאַמאָל עטלעכע דערפער. אינ א רײ ערטער האָט מענ פאַרגעזעלשאַפטלעכט דאָס קלײנפי, די אויפעס, די בײ־הויפיקע ערדנ, די גערטנער א. ד. גל. אינ יאָגעניש נאָכ גיכע קאָלעקטיוויזיר־



ל. מ. קאַהאַנאָוויטש.

טעמפּנ האָבנ אײניקע אָרגאַניזאַציעס זיכ פאַרנומענ מיט הוילער אַדמיניסטרירונג אונ ניט דורכגעפירט באַצײַטנס קײנ פּאָליטישע אַרבעט מיטנ פויערטום. זײ האָבנ באַשלאָסנ „אָנצוקוועטשנ" אַפ דעם אַנ־באַלעגופעווענ אונ האָבנ דערלאָזט אינ דעם זינ איבער־בויגנ, „אַנטבאַלעגופעווענדיק" ווי־ניט־ווי אויכ דעם מיטלפויער.

אָט די אַלע „לינקע" איבערבויגנ, וואָס עס האָבנ דערלאָזט אײניקע פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס, האָבנ געשאַפנ אַנ ערנסטע געפאַר פאַר דער קאָלווירט־ישער באַוועגונג, האָבנ געפירט צו א סיכסעכ מיטנ מיטלפויער אונ צום אַרונטערײַסנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. אָט די פעלערנ פונ די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָט טײקעפּ אויסגענוצט דער קלאַסנפײַנט. דאָס באַלעגופנטום האָט אָנגעהויבנ א צעיושעטנ קאַמפּ קעגנ דער סאָוועטנמאַכט. באַזונדערס האָבנ די באַלעגופים אַגיטירט, אַז דאָס פויערטום זאָל פאַרנ אַרײַנטרעטנ אינ קאָלווירט פאַרניכטנ דאָס פי; זײ האָבנ פאַרשפּרײט קלאַנגענ, אַז אינ די קאָלווירטנ „וועט מענ סײַווי אַלצ צונעמענ". צוגלײַכ דערמיט פלעגנ די באַלעגופים אונ זײערע נאָכטענצערס אַרויסטרעטנ מיט פאָרשלאָגנ צו שאַפנ קאָמונעס,

קאָלווירטנ־„גיגאַנטנ״, מיט פאַרשלאָגנ, אז ס׳איז נײטיק צו קאָלעקטיוויזירנ „אפ אלע הונדערט פּראָצענט״, שטרעבנדיק אַרויסצורופנ דערמיט אנ אומצופרידנקייט בײַ די פּויערימ און אַרונטערצורײַסנ די קאָלווירטישע באַוועגונג. אינ רעזולטאַט פונ דער באַלעגופּישער פּראָוואָקאַציע און פונ די אייגנטימערישע שטרעבונגענ בײַמ אינדי־ווידועלנ פּויער איז אינ יענעמ פּעריאָד פּאַרניכט געוואָרנ א מעגגע פי, און דאָס האָט געבראַכט אינ א ריי ערטער צו אנ ערנסטנ אַרונטערײַסנ די פּיציכט. דאָכ האָט זיכ נעגאַטיוו אָפּגערופנ אפ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ די פּויערשע ווירט־שאַפטנ און אפנ באַזאָרגנ די שטעט מיט פּיצוכט־פּראָדוקטנ. אינ א ריי ראַיאָנענ פונ פּסס״ר זײַנענ פאָרגעקומענ פּרוּווונ פונ קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַנטיסאָוועטישע אַרויסטרעטנ, וואָס זײַנענ געווענ געצילט קעגנ דער גאַנצער פּאָליטיק פונ דער פּאַרטיי און פונ דער סאָוועטנ־מעלוכע. נאָכ מער אַזוינע אַרויסטרעטנ האָבנ די קלאַסנפײַנט געהאַט געגרייט; זיי האָבנ זיכ געסטאַרעט אויסצונוצנ די פעלערנ פונ די אָרטיקע אָרגאַנענ אפ צו אָרגאַניזירנ דאָס פּויערטומ קעגנ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

אינ אָט דעמ ביז גאָר פּאַראַנטוואָרטלעכנ מאָמענט אינעמ לעבנ פונ דער פּראָ־לעטאַרישער מעלוכע איז כ׳ סטאַלינ אַרויסגעטראָטנ — דעמ 2 מאַרט 1930 י. — מיטנ אַרטיקל „קאָפּשווינדל פונ דערפאָלגנ״, און דערנאָכ דעמ 3 אַפּרעל — מיט אנ אַרטיקל „אנ ענטפער די כאַווייריִמ קאָלווירטניקעס״. כ׳ סטאַלינס אַרטיקלענ און דער באַשלוס פונ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי פונ 15 מאַרט 1930 יאָר האָבנ מיט דער גאַנצער באָלשעוויסטישער אַנטשלאָסנקייט און פעסטקייט גערופנ צו אָרדענונג די איבערבייגערס און געוויזנ דעמ געהעריקנ אָרט די צו־היציקע קאָלעק־טיוויזאַטערס. אָט די דירעקטיווּנ האָבנ אָנגעוויזנ אפנ קאָלאָסאַלנ פּאָליטישנ שאָדנ פונ די איבערבייגנ אינ דער קאָלווירטישער בויונג, וואָס לעבנ אויפ פונדאַמענט די טראַג־קיסטישע באַציִונג צומ מיטלפּויער.

דער צ״ק האָט אַנטשלאָסנ אויסגעבעסערט די דערלאָזטע איבערבייגנ און האָט באַנײַט די אָנפירונג אינ אייניקע געגנטלעכע און ראַנטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס (אינ מאָסקווער געגנט, טראַנסקאַוו־אַז), וואָס האָבנ דערלאָזט פּאָליטישע פעלערנ.

אינ דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע איז אינ יענעמ פּעריאָד, אינ אַפּרעל 1930 יאָר, אויסגעוויילט געוואָרנ אַלס סעקרעטאַר פונ מ״ק כ׳ ל. מ. קאַהאַנאָוויטש — דער סעק־רעטאַר פונ צ״ק אלק״פּ(ב) און דעמ כ׳ סטאַלינס נאָענטסטער מיטקעמפער.

אַנערקענענדיק זײַערע פעלערנ אינ דער קאָלווירטישער בויונג, האָבנ די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אָפּגעטאָנ א גרויסע אַרבעט צו פּאַרווירקלעכנ די אָנווײַזונגענ פונעמ כ׳ סטאַלינ און פונעמ צ״ק. אָט די אַלע מאָסמיטלענ האָבנ באַוואָרנט אנ איבערבראָכ אינ דער שטימונג פונ יענע שיכטנ מיטלפּויערטומ, וואָס זײַנענ געווענ פּאַרטשעפּעט דורכ דער ניט־ריכטיקער פּאָליטיק פונ אייניקע אָרגאַניזאַציעס. אָט די מאָסמיטלענ האָבנ געבראַכט דערצו, אז עס איז פּאַרפעסטיקט געוואָרנ דער וווּקס פונ דער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס האָט קימאַט אינ צוויי מאָל אַריבערגעשטיגנ די פּראָיעקטירונגענ פונעמ פינפיאָריקנ פּלאַנ. אַזוי אַרומ האָט די פּאַרטיי באַוויזנ צו מאָביליזירנ די קויכעס אפ אויסצופילנ די אָרדנטלעכע אויפגאַבעס פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ 1930 יאָר.

דער XVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — א צוזאַמענפאָר פונ פּאַנאַנדערגעוויקלטנ סאָציאַליסטישנ אָנגריפ אפנ גאַנצנ פראָנט.

צומ XVI צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומענ פונעמ 26 יונ ביזנ 13 יול 1930 יאָר, איז די פּאַרטיי געקומענ מיט א מעכטיקנ צווייִמיליאָניקנ קאָלעקטיוו (1 מיליאָנ 261 טויזנט פּאַרטיי־מיטגלידער און 712 טויזנט קאַנדידאַטנ). די פּאַרטיי האָט געהאַט אינ אירע רייענ קמאַט אפ 50% וואַרשטאַט־אַרבעטער. אָט דער אומגעזעע־נער וווּקס פונ דער פּאַרטיי האָט געוויזנ, מיט וואָס פאַר א קאָלאָסאַלנ צוטרוי עס באַציִענ זיכ צו איר פּאָליטיק דער אַרבעטער־קלאַס און די האָרעפּאַשנע מאַסנ פּויערימ.

כ׳ סטאלינ האט אינעמ פאליטישנ פארטראג פונ צ״ק פאנאנדערגעוויקלט א בילד פונעמ וואקסנדיקנ סאציאליזמ אינ פססר, פונ איינ זייט, אונ פונ דער פוילנדיקער קאפיטאליסטישער וועלט — פונ דער אנדערער זייט. דער פעריאד צווישנ XV אונ XVI צוזאמענפארנ איז געווענ אנ איבערבראכ־פעריאד. דאס איז געווענ אנ איבערבראכ אי פארנ סאוועטנפארבאנד, אי פאר די קאפיטאליסטישע לענדער אינ גאנצ דער וועלט.

„אבער צווישנ אט די צוויי איבערבראכנ איז פאראנ א גרונטלעכער אונ־טערשייד. אינ דער צייט, ווענ פארנ סאוועטנפארבאנד האט דער איבערבראכ באטייט א קער צו א נייעמ, מער ערנסטנ עקאנאמישנ אופשטייג, איז פאר די קאפיטאליסטישע לענדער האט דער איבערבראכ באטייט א קער צו אנ עקאנאמישער ירידה. בא אונדז, אינ פססר, איז פאראנ א וואקסנדיקער אופשטייג פונ דער סאציאליסטישער בויונג סיי אינ דער אינדוסטריע, סיי אינ דער לאנדווירטשאפט. בא זיי, בא די קאפיטאליסטנ, איז פאראנ א וואקסנדיקער קריזיס פונ דער עקאנאמיק סיי אינ דער אינדוסטריע, סיי אינ דער לאנדווירטשאפט“ 1).



דער אלגעמיינער אויסזענ פונ סטאלינגראדער טראקטער־זאוואד.

צומ מאמענט פונעמ XVI צוזאמענפאר איז די קאפיטאליסטישע וועלט געווענ ארומגעכאפט מיט אנ אומגעזעענעמ אינ דער געשיכטע עקאנאמישנ קריזיס, וואס האט געהאלטנ אינ איינ פארטיפנ זיכ. אינ די קאפיטאליסטישע לענדער איז שטארק פארקירצט געווארנ די פראדוקציע אינ אלע אינדוסטריע־צווייגנ, אויסער דער מיליטער־אינדוסטריע. קאלאסאלע רעזערוונ סכוירעס פליגנ ניט געפינענ קיינ אפזאצ. שטרעבנ־דיק ארויסצוגיינ פונ קריזיס אונ אויפצוהייבנ די פרייזנ אפ סכוירעס, פלעגנ די קאפיטאליסטנ פארניכטנ קאלאסאלע מאסנ פראדוקטנ: ארויסווארפנ זיי אינ יאמ אריינ, הייצנ די לאקאמאטיוונ מיט קיקורוזע, האדעווענ כאזיירימ מיט קארנ אונ ווייצ א. אז. וו. אונ פונ דער אנדערער זייט, האבנ 25 מיליאנ ארבעטער ניט געהאט קיינ ארבעט אונ זיינענ געווענ פארמישפעט אפ דאלעס, הונגער אונ אויסשטארבונג.

אט דער וואקסנדיקער קריזיס האט גענומענ אלצ מער צעטרייסלענ דעמ עצעמ־פונדאמענט פונעמ קאפיטאליזמ אונ פארשארפנ אלע זיינע ווידערשפרוכנ. אונטער דער ווירקונג פונעמ קריזיס איז נאכ מער פארשטארקט געווארנ די מילכאמע־געפאר אונ צומאלעמערשטנ די געפאר פונ א מילכאמע קעגנ דעמ סאוועטנפארבאנד, ווארעמ די קאפיטאליסטנ שטרעבנ צו צעגראמירנ דעמ סאוועטנפארבאנד אונ דורכ דעמ ארויס־גיינ פונעמ קריזיס. אזא איז געווענ די לאגע אינ דער קאפיטאליסטישער וועלט.

פונ דער אנדערער זייט, האט כ׳ סטאלינ געוויזנ אפנ XVI צוזאמענפאר די קאלאסאלע דערגרייכונגענ פונ דער סאציאליסטישער בויונג אינ פססר. א ריי אינדוסטריע־צווייגנ — די מאשינבויערישע, עלעקטראטעכנישע אונ די נאפט־אינדוסטריע — זיינענ

1) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 487.

געווען אפן וועג צום אויספילן דעם פינפיאָר־פּלאַן אין 3—2½ יאָר. די פּראָדוקציע פון דער גאַנצער אינדוסטריע האָט אין יאָר 1928־1929 באַטראָפן 142% אין פאַר־גלייך מיט דער פאַרמילכאָמעדיקער, און אין יאָר 1929־1930 האָט זי געדאַרפט דער־גרייכן ביז 180%. באַזונדערס שטאַרק איז געוואַקסן די שווערע אינדוסטריע. די דורכן פאָלקווירטשאַפט־ראַט פלאַנירטע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, וואָס נעמט אַרום אַלע גרונט־צווייגן פון דער אינדוסטריע און די גאַנצע שווערע אינדוסטריע, האָט זיך דערשלאָגן פאַר דריי יאָר צו אַ פאַרגרעסערונג מער ווי אין צוויי מאָל. „מע קען ניט ניט אָנערקענען, אַז קיין איין לאַנד אין דער וועלט ווייס ניט פון אַזעלכע גוואַלדיקע טעמפּן אין דער אַנטוויקלונג פון איר גרויסער אינדוסטריע",— האָט געזאָגט דער כ' סטאַלין.

דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל איז ענדגילטיק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער אינדו־סטריע. אין יאָר 1929־1930 האָט ער באַטראָפן אַ נישטיקן ביסלעך — 0,7%. דאָס האָט באַטייט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן זיינען דאָ ענדגילטיק צעשמעטערט געוואָרן, אַז די לעניניסטישע פראַגע „ווער — וועמען?", ד. ה. ווער וועט זיגן — צי די סאָציאַליסטישע עלעמענטן, צי די קאַפּיטאַליסטישע, — אַז אָט די פראַגע איז, אַזוי־אַרום, געלייזט געוואָרן אין דער אינדוסטריע לטובֿת דעם סאָציאַליזם ענדגילטיק און איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געהאַלטן ערעוו דעם פאַרוואַנדלט ווערן פון אַ לאַנד אַן אַגראַרס אין אַ לאַנד אַן אינדוסטריעלס. אין יאָר 1929־1930 האָט די אינדוסטריע באַטראָפן ניט ווייניקער ווי 53% פון דער גאַנצער פּראָדוקציע פון דער פאָלק־ווירטשאַפט אין ססס"ר, און די לאַנדווירטשאַפט — 47%.

אין דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיך די פּאַרטיי צווישן דעם XV און XVI צוזאַמענפאָר דער־שלאָגן צו קאָלאָסאַלע היסטאָרישע דערפאָלגן. דאָס בויען ראַטווירטן און קאָלווירטן האָט געגעבן דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן אין אַן אויסערגעוויינלעך־קורצן טערמין. די ראַטווירטן האָבן אויסגעפילט דעם פינפיאָר פון די טוווע־קולטורן אין דריי יאָר. די טוווע־פּראָדוקציע פון די קאָלווירטן איז פאַרגרעסערט געוואָרן אין 50 מאָל. דער פאַרזיי־שעטעך פון די קאָלווירטן איז פאַר דריי יאָר אויסגעוואַקסן מער ווי אין 40 מאָל, ווייל אַ קאָלאָסאַלע מאַסע פּויערים איז אַריינגעטראָטן אין די קאָלווירטן. צום 1 מיי 1930 יאָר איז אין די גרונטיקע טוווע־ראַיאָנען אַריינגעצויגן געווען אין דער קאָלעקטיוויזאַציע 40—50 פּראָצענט פּויערשע ווירטשאַפטן. אַף אַזאַ אויפן איז דער פינפיאָר־פּלאַן אינעם קאָלווירטישן סעקטער אויסגעפילט געוואָרן מיט אַן איבער־שטייג אין צוויי יאָר. די מעלוכע האָט באַקומען פון די קאָלווירטן אין יאָר 1930 מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער טוווע, וואָס עס פאַרקויפט דאָס פּויערטום. די פּאַרטיי האָט איצט דערגרייכט דערצו,— האָט געזאָגט כ' סטאַלין,— אַז „דעם גורל פון דער לאַנדווירטשאַפט און פון אירע גרונט־פּראָבלעמעס וועלן פון איצט אָן באַ־שטימען ניט די אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפטן, נאָר די קאָלווירטן און ראַט־ווירטן". די טוווע־פּראָבלעם איז אין גרונט געלייזט. דער פאַרזיי־שעטעך פון די טוווע־קולטורן האָט אין 1930 יאָר דאָס ערשטע מאָל איבערגעשטיגן דעם פאַר־מילכאָמעדיקן פאַרנעם. די טעכנישע קולטורן (באַוולניק, ליין, בורעקעס א. אַנד.) זיינען אויסגעוואַקסן אין צוויי מאָל קעגן דעם פאַרמילכאָמעדיקן ניוואָ.

די דערפאָלגן אין דער קאָלעקטיוויזאַציע האָבן געבראַכט צו אַ גרינטלעכן איבער־בראָך אין דאָרף לטובֿת דעם סאָציאַליזם.

„אַף אַ נייעם אויפן שטעלט זיך איצטער די פראַגע וועגן דעם אָנשפּאַר פון דער כאָזיעטנמאַכט אין דאָרף,— זאָגט די באַשטימונג פון צוזאַמענפאָר.— פון איצטער אָן טיילט זיך דאָס דאָרף אין די וויכטיקסטע טוווע־ראַיאָנען אין ססס"ר אַף צוויי גרונט־טיילן: אַף קאָלווירטניקעס, וואָס זיינען דער ווירקלעכער און פעסטער אָנשפּאַר פון דער סאָוועטנמאַכט, און אַף ניט־קאָלווירטניקעס פון די אָרעם־און מיטל־פּויערים, וואָס ווילן נאָך דערווייל ניט אַריינטרעטן אין די קאָלווירטן, נאָר

וואָס די מאסנ־דערפאַרונג פונ די קאָלווירטנ וועט זיי אָנ סאָפעק איבערצייַנג אינ פאַרהעלטנישמעסיק גאָר קורצע טערמינענ, אז ס'איז נייטיק ארופצוטרעטנ אפנ וועג פונ קאָלעקטיוויזאַציע"[1].

אינעמ קאָלווירט זייַנענ פאַרגעזעלשאַפטלעכט די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלענ (דאָס לאַנדווירטשאַפטלעכע געצייַג, דאָס ארבעט־פי), אונ דער פויער ארבעט אפ דער ערד, וואָס געהערט צו דער מעלוכע. אינ קאָלווירט איז ער שוינ ניט קיינ פּאָרשטייער פונ יענער קליינסכוירעדיקער פּראָדוקציע, וואָס פונ איר ווערט אומפאַרמייַדלעכ געבוירנ סטיכייִש אונ טאָג־איינ, טאָג־אויס קאַפּיטאַליזמ. אפ אזא אופנ איז דורכנ אריינטרעט פונעמ פויערטומ אינ די קאָלווירטנ אונטערגעריסנ געוואָרנ די באַזע פאַר דער



דער ערשטער צוג אינ טורקסיב.

אנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ אונ ס'זייַנענ אויסגעקאָרטשעוועט געוואָרנ אלע זייַנע וואָרצלענ, אזוי אז ער וועט שוינ מער קיינמאָל ניט קענענ אופקומענ. די קאָלעקטיוויזאַציע פונ דאָרפ שטעלט, אזוי'ארום, די מאסנ פונעמ האָרעפּאַשנעמ פויערטומ אפנ וועג פונ סאָציאַליזמ.

אפנ גרונט פונ אָט די אלע דערגרייכונגענ האָט זיכ די פּאַרטיי דערשלאָגנ צו א פאַרבעסערונג אינ דער מאַטעריעלער אונ קולטורעלער לאַגע פונ די ארבעטער אונ פויערימ. צומ XVI צוזאַמענפאָר איז די ארבעטלאָזיקייַט פאַרקלענערט געוואָרנ אפ 700 טויזנט מאנ אינ פאַרגלייַכ מיטנ פאַרגאַנגענעמ יאָר, אונ די פּאַרטיי האָט גיכ געפירט דאָס לאַנד צומ פולשטענדיקנ ליקווידירנ די ארבעטלאָזיקייַט. דער רעאַלער ארבעטלוינ פונ די ארבעטער, איינגעשלאָסנ די סאָציאַלע סטראַכירונג אונ די אראָפּרעכענונגענ פאַרנ פאָנד צו פאַרבעסערנ דעמ ארבעטער־שטייגער, איז אויסגעוואַקסנ ביז 167 % אינ פאַרגלייַכ מיטנ פאָרמילכאָמעדיקנ ניוואָ. פאַר 830 טויזנט ארבעטער

---

[1]) „ВКП(б) в резолюциях", ч. 2, стр. 650.

איז פארווירקלעכט געוואָרנ דער 7־שעהיקער ארבעט־טאָג. צוהילפ דעמ פויערטומ האָט די מעלוכע פאר די לעצטע דריי יאָר אסיגנירט 4 מיליארד רובל — דורכ דער קרעדיט־סיסטעמ אונ דורכנ מעלוכע־ביודזשעט. וואָס מער עס איז געוואקסנ דער סאָציאליסטישער סעקטער, איז אָנ אויפהער קלענער געוואָרנ די ראָליע פונ די עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ אינ לאנד.

אָט די אלע זיגנ האָט די פארטיי אויסגעקעמפט אינ די באדינגענ פונ א פארביסענעמ קלאסנקאמפ, אינ די באדינגענ פונ ביַיקומענ די שוועריקייטנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג. אָט די שוועריקייטנ זיינענ ארויסגעדרונגענ פונ די באזונדערקייטנ פונעמ רעקאָנסטרוקטיוונ פעריאָד, ווענ דער ארבעטער־קלאס האָט געמוזט איבערמאכנ ניט בלויז די טעכנישע באזע פונ דער גאנצער סאָוועטישער ווירטשאפט, נאָר אינ דער לאנדווירטשאפט האָט ער געדארפט איבערבויענ אינ גרונט אויכ די סאָציאל־עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ, אויסוואָרצלענדיק אלע רעשטלעכ פונ די קאפּיטאליסטישע קלאסנ. אָט די ארבעט פונ דער פארטיי פלעגט ארויסרופנ א פארביסענעמ ווידערשטאנד מיצאד די קלאסנפיינט — מיצאד דעמ באלעגופנטומ, מיצאד דעמ איבערקעפל פונ דער בורזשואזער אינטעליגענצ, וואָס פלעגט זיכ פארנעמענ מיט שעדיקעריי, מיצאד די ביוראָקראטישע עלעמענטנ אינעמ אפּאראט אונ, ענדלעכ, מיצאד דער קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג, וואָס פונ דאָרט פלעגנ אונטערגעשטיצט ווערנ אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ.

דאָס אלצ האָט באטייט, אז אונדזערע שוועריקייטנ זיינענ שוועריקייטנ פונ קלאסנקאמפ, אז הינטער אָט די שוועריקייטנ שטייענ די קלאסנפיינט פונעמ פּראָלעטאריאט. אָבער צוגלייכ דערמיט זיינענ אונדזערע שוועריקייטנ, ווי ט'האָט געזאָגט כ' סטאלינ, שוועריקייטנ פונ וווּקס, אונ ניט פונ יערידע. ווענ ס'האנדלט זיכ אינ פסס״ר וועגנ די אָדער יענע שוועריקייטנ, באטייט דאָס, אז די פארטיי קעמפט דערפאר, אז מיר זאָלנ זיכ רוקנ פאָרויס, מיר זאָלנ אויסארבעטנ מער אינדוסטריעלע אונ לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע, מיר זאָלנ גיכער אויסבויענ פאבריקנ, זאוואָדנ, ראטווירטנ, מט״ס, גיכער פארבעסערנ די לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פויערטומ א. אז. וו. דער גאנצער טאָכ פונ אָט די שוועריקייטנ רעדט וועגנ דעמ, אז זיי אליינ אנטהאלטנ אינ זיכ די מעגלעכקייט ביַיצוקומענ זיי.

די אויפגאבע איז באשטאנענ אינ דעמ, מע זאָל מאָביליזירנ אלע קויכעס פונ דער פּראָלעטארישער מעלוכע צוליבנ ווייטערדיקנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט. קיינ אנדער וועג ביַיצוקומענ אָט די שוועריקייטנ איז ניטאָ אונ עס קענ ניט זיינ. די פאראנענע דערגרייכונגענ האָבנ באוויזנ, אז די פּראָלעטארישע מעלוכע פארמאָגט אלע נייטיקע באדינגענ אפ דעמ, אז מע זאָל, אָנשטרענגענדיק די קויכעס, פארווירקלעכנ די אָנגעמערקטע אויפגאבעס פונעמ רעקאָנסטרוקטיוונ פעריאָד. דער צוזאמענפאָר האָט גערופנ די גאנצע פארטיי צו קעמפנ פארנ אויספילנ די נייע גוואלדיקע אויפגאבע — אויסצופילנ דעמ פינפיאָר־פלאנ אינ פיר יאָר. אָט דער לאָזונג האָט אפנ נאָענטסטנ צייט־פעריאָד געשאפנ די גרונט־אויפגאבע פאר אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס אונ פארנ ארבעטער־קלאס פונ פסס״ר.

אינ דער פראגע וועגנ דער פארטיי־ארבעט אינ דאָרפ האָט דער צוזאמענפאָר אָנגעוויזנ, אז די וויכטיקסטע אויפגאבע אינעמ פאָרשטייענדיקנ פעריאָד איז — אלזייטיק צו פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ אונ אויכ ווייטער אריינצוציענ די אָרעמ־מיטלפויערשע ווירטשאפטנ אינ די קאָלווירטנ אריינ.

די גרונט־פאָרמע פונ די קאָלווירטנ איז, ווי ס'זאָגט די באשטימונג פונעמ צוזאמענפאָר, דער לאנדווירטשאפטלעכער ארטעל.

די גאנצע דערפארונג פונעמ סאָציאליסטישנ איבערבויענ דאָס דאָרפ האָט באשטעטיקט דעמ טעזיס, אז דער ארטעל איז אפ דער איצטיקער אנטוויקלונג־שטופע די איינציק־ריכטיקע פאָרמע פונ דער קאָלווירטישער באוועגונג. דער ארטעל האָט ריכטיק צונויפגעפאָרט אונ פאָרט צונויפ די פּערזענלעכע שטייגערישע אינטערעסנ פונ די קאָלווירטניקעס מיט זייערע געזעלשאפטלעכע אינטערעסנ; דער ארטעל פאסט

געלונגענ צו די פּערזענלעכע אינטערעסנ צו די געזעלשאַפטלעכע, פאַרגרינגערנדיק דערמיט דאָס דערציִענ די געכטיקע אינדיווידואַלנ אינ גײַסט פונ קאָלעקטיוויזמ.

באַזונדערס האָט דער צוזאַמענפאָר אונטערגעשטראָכנ דעמ געדאַנק, אַז מאָר־פעסטיקנדיק דעמ אַרטעל, אַלס די גרונט־פאָרמע פונ דער קאָל־ווירטישער באַוועגונג אַפנ איצטיקנ עטאַפּ, טאָרנ מיר ניט פאַר־געסנ, אַז אינ קאָלווירט פאַרענדיקט זיכ ניט, נאָר ס׳הייבט זיכ ערשט אָנ די סאָציִאַליסטישע איבערדערציִונג פונעמ קאָלווירט־ניק, אונ דעריבער מוז מענ סיסטעמאַטיש קעמפנ פאַרנ בײַקומענ די קלײנבירגערלעכע וואַקלונגענ אינעווײניק אינ די קאָלווירטנ. דער צוזאַמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכנ, אַז עס איז ניט דערלויבאַר אינ דער מינדסטער מאָס צו אידעאַליזירנ דעמ קאָלווירטניק. דאָס באַלעבאָטישקײט, וואָס איז דורכ טויזנטער פעדעמ פאַרבונדנ מיטנ קלײנעמ פּריוואַטשטומ, איז נאָכ ניט געווענ אינ־גאַנצנ דערקלאַפּט אונ פלעגט אַרויסוווײַזנ אַ פאַרביסענעמ ווידערשטאַנד קעגנ דער פאַרפעסטיקונג פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג. עס פּרוווט זיכ אויסנוצנ דעמ קאָל־ווירטניקס אַלע פּריוואַט־אײגנטימערישע איבערבלײַבעכצנ אונ שאַפנ בא אימ אַזאַ שטימונג, אַז דער קאָלווירטניק זאָל שטרעבנ אַרײַנצוכאַפּנ באַמ קאָלווירט אונ בא דער מעלוכע וואָס מערער, אונ צו געבנ זײ וואָס ווײניקער.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעצײכנט אַ רײ מאָסמיטלענ צומ דערפאָלגרײַכנ אַנט־וויקלענ די לאַנדווירטשאַפט. דערבײַ האָט ער אָנגעוויזנ, אַז צוגלײַכ מיטנ אַנטוויק־לענ די טוועדיקע אונ טעכנישע קולטורנ איז נײטיק צו באַוואָרענענ אַ פאַרשטאַרק־טע אַנטוויקלונג פונ דער פיצוכט, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק געליטנ אינ רעזול־טאַט פונ דעמ קאַמפּ, וואָס עס האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס באַלעבאָטישקײט אינ פאַרבינ־דונג מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע.

אײנ וועג בלויז איז געווענ אַפּ צו לײזנ אַלע פּראָגעס פונ דער לאַנדווירטשאַפט— דאָס איז דער וועג ווײַטער פאַנאַנדערצוּוויקלענ די גרויסע ווירטשאַפט פונ סאָ־ציִאַליסטישנ טיפּ (ראַטווירטנ, קאָלווירטנ). גלײַכצײַטיק האָט דער צוזאַמענפאָר אונטער־געשטראָכנ, אַז אינעמ איצטיקנ פּעריאָד טאָר מענ ניט ניט דערשאַצנ די אינדיווידועלע אָרעמפּויערשע אונ מיטלפּויערשע ווירטשאַפטנ.

אינ די באַשלוסנ וועגנ דער אַרבעט פונ די פּראָפאַרײנענ האָט דער צוזאַמענפאָר צוּועקגעשטעלט פאַר זײ אַנ אויפגאַבע — פאַנאַנדערוויקלענ אַ מאַסנ־אַרבעט אַפּ צו מאָביליזירנ אַלע קרײַעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס צומ אויספירנ די אָנגעמערקטע אויפגאַבעס פונ דער סאָציִאַליסטישער בויונג. די נײַע פּראָפאַרײנישע אָנפירונג האָט באַדאַרפט באַוואָרענענ אַ ווײַטערדיקנ ווירקלעכנ קער מיצאַד אַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס צו די פּראָדוקציע־פּראָגעס אינ יעדער אונטערנעמונג, ברײטער פאַנאַנ־דערוויקלענ דעמ סאָציִאַליסטישנ פאַרמעסט אונ די שלאָגלערײַ, דערוועקנ די איניציִ־אַטיוו פונ די מאַסנ אַפּ איבערצושטײַגנ דעמ פינפיאָר־פּלאַנ אונ דורכפירנ אַ פּאָלי־טישע דערציִערישע אַרבעט. אָט די אַלע אויפגאַבעס דאַרפנ ענג פאַרבונדנ ווערנ מיט דער אַלטעגלעכער אַרבעט צו פאַרבעסערנ די מאַטעריִעלע אונ קולטורעלע לאַגע פונעמ אַרבעטער־קלאַס.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַהאַנדלט כ׳ מאָלאָטאָווס פּאָרטראָג וועגנ דער אַרבעט פונ דער דעלעגאַציע פונ אַלק״פּ(ב) אינעמ קאָמינטערנ. פולשטענדיק באַווילִיקנדיק די טעטיקײט פונ דער דעלעגאַציע, האָט דער צוזאַמענפאָר באַטאָנט, אַז די אָפּשאַצונג וועגנ דעמ צושטאַנד פונעמ קאַפּיטאַליזמ, וואָס עס האָט געגעבנ דער קאָמינטערנ אונ אונדזער פּאַרטײ, האָט זיכ אינגאַנצנ באַשטעטיקט. דער קאַפּיטאַליזמ האָט איבער־געלעבט אַ קריזיס, וואָס האָט אַלצ שטאַרקער געוועקט צו אַ רעוואָלוציִאָנערנ קאַמפּ די ברײטע שיכטנ פונ פּראָלעטאַריאַט אונ האָרעפּאַשנע מאַסנ. פאַרנ סאַרגאַנגענעמ פּעריִאָד זײַנענ די בירגערלעכע קאָמפּאַרטײענ אינ אויסלאַנד קרעפטיקער געוואָרנ אונ האָבנ פאַרשטאַרקט זײער ווירקונג אַפּ דער רעוואָלוציִאָנערער באַוועגונג. זײ האָבנ זיכ דערשלאָגנ דערצו אינ אומאָפּנויגלעכנ קאַמפּ, צומאַלעמערשטנ, קעגנ די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינעמ קאָמינטערנ.

דער XVI צוזאַמענפאָר איז געווענ דער ערשטער צוזאַמענפאָר נאָכ לענינס טויט, ווו עס איז ניט געווענ קיינ שום וויפל־ניט־איז אויסגעפורעמטע אָפּאָזיציע, וואָס זאָל אנטקעגנשטעלנ דער פּאַרטיי־ליניע איר אייגענע פּאָליטישע ליניע.

צוויי פירערס פונ די רעכטע — ריקאָוו אונ טאָמסקי — האָבנ אפנ צוזאַמענפאָר אנערקענט זייערע פעלערנ אונ דערקלערט, אַז די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע איז א ריכטיקע. אָבער אָט די ווערטער־דערקלערונגע האָבנ ניט געקענט באַפרידיקנ דעמ צוזאַמענפאָר, ווארעמ די רעכטע האָבנ ניט אויסגעפילט די צוזאָגנ, וואָס זיי האָבנ געגעבנ אפנ צ"ק־פּלענומ אינ נאָיאַבער 1929 יאָר, אונ האָבנ ניט געקעמפט קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזנ, אַז די אויפריכטיקייט פונעמ אנערקענענ די פעלערנ מוז מענ דערווייזנ אינ דער פּראַקטיק דורכ אַנ אקטיוונ קאַמפּ פארנ דורכפירנ די פּאַרטיי־ליניע. די „לינקאָכשישע" עלעמענטנ, וואָס האָבנ אונטערנ דרוק פונ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אנערקענט זייערע פעלערנ נאָכ פארנ צוזאַמענ־פאָר, האָבנ אויכ קאַפּיטולירט פאַר דער פּאַרטיי.

וואָס איז שייכ דעמ טראָצקיזמ, איז ער נאָכנ ארויסיאָגנ זיינע אָנהענגערס פונ דער פּאַרטיי פארוואַנדלט געוואָרנ אינעמ פאָרויסיקנ אָטריאַד פונ דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע אונ האָט געגומענ ארויסטרעטנ אַלס איניציאַטער אינעמ קאַמפּ קעגנ דעמ סאָוועטנפאַרבאַנד. צומ מאָמענט פונעמ XVI צוזאַמענפאָר איז טראָצקי ארויסגעטראָטנ אינ דער אויסלענדישער בורזשואַזער פּרעסע מיט „פּעסטשטעלונגענ" וועגנ דעמ דורכפאַל פונעמ פינפיאָר־פּלאַנ אונ וועגנ דער אומעגלעכקייט דורכצופירנ די אינדוסטריאַליזיר־טעמפּנ, וואָס די פּאַרטיי האָט גענומענ. ער פלעגט ארויסטרעטנ קעגנ דער קאָלעקטיוויזאַציע אונ האָט זיכ אנטפּלעקט פונ אַלע זייטנ פאַר אַנ אָפנ־נעמ קאָנטררעוואָליוציאָנער, וואָס געפינט זיכ אינעמ לאַגער פונ די בלוטיקע סאָנימ פונעמ ארבעטער־קלאַס.

פארצייכענענדיק די צעגראָמירונג פונ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אונ די צעמענטירטקייט פונ דער פּאַרטיי אפנ גרונט פונ דער גענעראַלער ליניע, האָט דער צוזאַמענפאָר גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכנ מיט דער גאַנצער אנטשיידנקייט, אַז דער קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ טאָר בעשומויפנ ניט אָפּגעשוואַכט ווערנ.

כאַווער סטאַלינ האָט אינ זיינ פאָרטראָג אפנ צוזאַמענפאָר געגעבנ א טיפנ אנאַליז פונעמ טאָכ פונ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנויגנ אונ האָט מיט דער גאַנצער קראַפט אונטערגעשטראָכנ די אויפגאַבע — אומאָפּנויגלעכ צו קעמפנ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אפ צוויי פראָנטנ, קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג אַלס דער הויפּט־געפאַר.

דער כ' סטאַלינ האָט געזאָגט:

> „אַנ אָפּשפּיגלונג פונעמ ווידערשטאַנד פונ די אָפּלעבנדיקע קלאַסנ זיינענ עס אַלע אונ איטלעכע אָפּנויגנ פונ דער לענינישער ליניע, וואָס זיינענ פאַראַנ אינ די רייענ פונ אונדזער פּאַרטיי.
>
> צי קענ מענ פירנ א דערפאָלגרייכנ קאַמפּ מיט די קלאַסנ־סאָנימ, ניט קעמפנדיק גלייכצייטיק מיט זי אָפּנויגנ אינ אונדזער פּאַרטיי, ניט בייקומענדיק דידאָזיקע אָפּנויגנ? ניינ, מע קענ ניט. מע קענ ניט, ווייל ס'איז אומעגלעכ פאַנאַנדערצוּוויקלענ אַנ עמעסנ קאַמפּ מיט די קלאַסנ־סאָנימ, האָבנדיק אינ טיל זייערע אַנ אָפּשפּיגלונג איג דער פּאַרטיי, איבערלאָזנדיק אינ טיל מענטשנ, וואָס גלייבנ ניט אינ אונדזער זאַכ אונ וואָס סטאַרענ זיכ ווי ווייט מעגלעכ פאַרטאַרמאָזירנ אונדזער באַוועגנ פאָרויס.
>
> פינדאַנענ דרינגט ארויס דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמפּ מיט די אָפּנויגנ פונ דער לענינישער ליניע, אַלס די אָרדנטלעכע אויפגאַבע פונ דער פּאַרטיי.
>
> פאַרוואָס איז דער רעכטער אָפּנויג איצט די הויפּט־געפאַר אינ זער פּאַרטיי? דערפאַר, וואָס ער שפּיגלט אָפּ די באַלעבאַטישע געפאַר, אונ די באַלעבאַטישע געפאַר אינעמ געגעבענעמ מאָמענט, אינעמ מאָמענט פונעמ פאַנאַנדערגעוויקלטנ אָנגריפ אונ פונעמ אויסקאָרטשעווענ די וואָרצלענ פונעמ קאַפּיטאַליזמ, איז די הויפּט־געפאַר אינ לאַנד"[1].

[1]) Стенограф. отчет XVI с'езда ВКП(б), стр. 51.

כ׳ סטאלינ האָט אויכ באטאָנט די נייטיקייט צו פארשארפנ דער פארטייס אופמערקזאמקייט אפנ קאמפ קעגנ די אָפּנויגנ אינ דער נאציאָנאלער פראגע, וואָרעמ אינ צוזאמענהאנג מיט דער פארשארפונג פונעמ קלאסנקאמפ אינעמ לאנד זײַנענ לעבעדיקער געוואָרנ אָט די אָפּנויגנ. די הויפט־געפאר אפנ געגעבענעמ עטאפ איז געווענ דער אָפּנויג צומ גרויסמעכטישנ שאָוויניזמ, וואָס פרוווט זיכ פארקריפלענ די לענינישע נאציאָנאלע פאָליטיק פונ דער פארטיי אונ קעמפט קעגנ פארפעסטיקנ די נאציאָנאלע סאָוועטישע רעפובליקנ אונ קעגנ אנטוויקלענ די נאציאָנאלע קולטורנ. לענינ פלעגט באהויפטנ, אז די נאציאָנאלע אונטערשיידנ וועלנ פארשווינדנ בלויז נאָכ א לאנגער אנטוויקלונג אפנ גרונט פונעמ זיג פונ סאָציאליזמ



קינדער־יאסליעס אינ איינעמ פונ די קאָלווירטנ אינ מיטל־אזיע.

אינעמ וועלט־מאסשטאב. אונ אינ פולשטענדיקנ אונ שארפנ ווידערשפרוכ צו לענינס קוק האָבנ די פאָרשטייערס פונעמ דאָזיקנ אָפּנויג אנטוויקלט אנ אויסערסט־שעדלעכע אנטילענינישע טעאָריע, אז אינ צוזאמענהאנג מיט די דערפאָלגנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג דארפ מענ שוינ איצט צונויפגיסנ אלע נאציעס פונ פסס״ר אינ איינ נאציע, מיט רוסיש אלס דער הערשנדיקער שפראכ. וועגנ אָט די אָנשויונגענ פונ די אָפּוויגלערס האָט כ׳ סטאלינ געזאָגט אפנ XVI צוזאמענפאָר:

„די, וואָס נייגנ זיכ אָפּ אינ דער זײַט צומ גרויסרוסישנ שאָוויניזמ, האָבנ א טיפנ טאָעס, ווענ זיי האלטנ, אז דער פעריאָד פונ בויענ דעמ סאָציאליזמ אינ פסס״ר איז א פעריאָד פונ פאנאנדערפאל אונ ליקווידאציע פונ די נאציאָנאלע קולטורנ. די זאכ שטייט גראָד פארקערט. אינדערעמעסנ איז דער פעריאָד פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פונ דער בויונג פ״נ סאָציאליזמ אינ פסס״ר — א פעריאָד פ״נ אויפבלי פונ די נאציאָנאלע קולטורנ, סאָציאליסטישע לויטנ אינהאלט אונ נאציאָנאלע לויט דער פאָרמע“[1].

די פאָרשטייערס פונעמ גרויסמעכטישנ שאָוויניזמ האָבנ געהאט פאָרגעלייגט צו פארניכטנ אויכ די נאציאָנאלע רעפובליקנ אונ געגנטנ אונ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ אנטוויקלענ

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 565—566.

די נאציאָנאלע קולטור פונ די פריִער אונטערדריקטע פעלקער. די, וואָס נייגנ זיכ אָפ אינ דער זײַט צום גרויסמעכטישנ שאָוויניזם, שטרעבנ אונטערצושײַכנ דעם פרינציפ פונ גלײַכבארעכטיקונג פונ די נאציעס אינ פסס״ר אונ זיי קעמפנ קעגנ דער פאָליטיק פונ דער פארטיי צו נאציאָנאליזירנ דעם מעלוכע־אפאראט, די שולנ אונ אנדערע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס. דערדאָזיקער אָפנויג האָט אינ דערווירקלעכקײַט אויסגעדריקט אונ דריקט איצט אויס די שטרעבונג פונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ פונ דער פריִער הערשנדיקער גרויסרוסישער נאציע צוריק אומצוקערנ זייער הערשאפט. פונ דער אנדערער זײַט, איז לעבעדיקער געוואָרנ דער אָפנויג צום אָרטיקנ נאציאָנאליזם, וואָס האָט זיכ אָנגעשפארט אפ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ פינ די אָרטיקע נאציאָנאליטעטנ. די, וואָס נייגנ זיכ אָפ צום אָרטיקנ נאציאָנאליזם, שטרעבנ צו פארווישנ די קלאסנ־ווידערשפרוכנ אינעווייניק בא זיכ אינ דער נאציע. זיי האָבנ ניט געוואָלט זעענ דאָס, וואָס דערנעענטערט אונ פארייניקט די האָרעפאשנע מאסנ פונ די נאציאָנאליטעטנ פונ פסס״ר, אונ פלעגנ אונטערשטרײַכנ בלויז דאָס, וואָס קענ זיי דערווײַטערנ איינע פונ דער אנדערער. די פאָרשטייערס פונ אָט דעמ אָפנויג פלעגנ פירנ א פאָליטיק פונ צעברעקלענ דעם סאָוועטנפארבאנד, זיי זײַנענ געווענ פארבונדנ מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אינ אויסלאנד אונ פלעגנ גיסנ וואסער אפ דער מיל פונ די פײַנטלעכע מעלוכעס, וואָס האָבנ געגרייט א מילכאָמע קעגנ פסס״ר.

„די פארטיי דארפ פארשטארקנ דעם קאמפ קעגנביידע אָפנויגנ אינ דער נאציאָנאלער פראגע אונ קעגנ דער שאָלעמ־מאכערײַ צו זיי, — איז געזאָגט אינ דער באשטימונג פונעמ צוזאמענפאָר. — גלײַכצײַטיק דארפ זי פארשטארקנ די אויפמערקזאמקײַט צום פראקטישנ דורכפירנ די לעניניסטישע נאציאָנאלע פאָליטיק, צום אויסלעבנ די עלעמענטנ פונ נאציאָנאלער אומגלײַכהײַט אונ צום ברייטנ אנטוויקלענ די נאציאָנאלע קולטור פונ די פעלקער פונ סאָוועטנפארבאנד“[1].

דער צוזאמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכנ, אז די רעכטע געפאר בלײַבט די הויפט־געפאר, אונ אז דער קאמפ קעגנ איר, אונ אויכ קעגנ די „לינקאטשישע“ פארקריפלונגענ פונ דער פארטיי־ליניע — דארפ זײַנ די וויכטיקסטע אויפגאבע פונ אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס. די פארטייִשע וואכזאמקײַט איז געווענ נייטיק נאָכ מער דערפאר, ווײַל די אָפאָרטוניסטנ פונ פארשיידענע מינימ פלעגנ אָנווענדנ א נײַעמ מאנעוור אינ זייער קאמפ קעגנ דער פארטיי. ניט ריזיקירנדיק ארויסצוטרעטנ קעגנ דער פארטיי־ליניע אָפנ, פלעגנ זיי דערקלערנ, אז זיי זײַנענ מאסקימ מיט איר, אונ אינדערעמעסנ פלעגנ זיי פירנ א פארבאָרגענעמ קאמפ קעגנ דער פארטיי אונ צוגרייטנ קויכעס צו נײַע ארויסטרעטנ קעגנ איר. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזנ, אז די איבערגעגעבנקײַט פונ יעדנ פארטיי־מיטגליד ווערט דורכגעקאָנטראָלירט ניט בלויז לויט זײַנע מעלדונגענ וועגנ דער ריכטיקײַט פונ דער גענעראלער פארטיי־ליניע, נאָר לויטנ אקטיוונ פארטײדיקנ זי אונ לויטנ קעמפנ פארנ דורכפירנ זי אינ דער טאָגטעגלעכער ארבעט.

צום XVI צוזאמענפאָר האָט די פארטיי באוואָרנט דאָס צעגראָמירנ די אָפאָרטוניסטישע עלעמענטנ. דער צוזאמענפאָר איז געווענ א העלע דעמאָנסטראציע פונ דער באָלשעוויסטישער איינִיקײַט אינ פונ די קאָלאָסאלע זיגנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג. אינעמ פעריאָד נאָכנ XV פארטיי־צוזאמענפאָר האָט די פארטיי, ווי מיר האָבנ געזענ, פאַנאנדערגעוויקלט אנ ארבעט צו רעקאָנסטרויִרנ די גאנצע פאָלקווירטשאפט. אינ אָט דעמ פעריאָד איז די פארטיי אריבער פונעמ אָנגריפ אפ איינצלנע באצירקנ פונעמ ווירטשאפטלעכנ פראָנט צום אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט — אי אינ דער אינדוסטריע, אי אינ דער לאנדווירטשאפט. רעקאָנסטרויִרנדיק די פאָלקווירטשאפט, האָט זי אָרגאניזירט דעמ אָנגריפ פונעמ סאָציאליזמ קעגנ די קאפיטאליסטשע עלעמענטנ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ.

צום XVI צוזאמענפאָר איז געווענ דורכגעמאכט א קאָלאָסאלער היסטאָרישער עטאפ; עס איז דערגרייכט געוואָרנ א ריזיקער וווקס פונ דער אינדוסטריע אונ עס איז מיט דערפאָלג פארווירקלעכט געוואָרנ די פאָליטיק פונ דורכויסיקער קאָלעקטיווי־

[1] „ВКП(б) в резолюциях“ ч. 2, стр. 624.

זאציע און פונ ליקווידירנ דאָס באלעגופנטום אלס קלאס. צו אָט דעמ מאָמענט האָט זיכ די פארטיי דערשלאָגנ צו קאָלאָסאלע דערפאָלגנ אינעמ אָנגריפ פונ סאָציאליזמ אפנ גאנצנ פראָנט, בײקומענדיק די גרויסע שוועריקײטנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג, ליקווידירנדיק די איבערבויגנ אינ דער קאָלווירטישער באוועגונג, וואָס האָבנ געקענט ברענגענ צומ ארונטערפײסנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, און דערופ האָבנ שוינ טאקע געהאט אויסגערעכנט אירע סאָנימ. אויב דער XIV פארטיי־ צוזאמענפאָר איז געווענ א צוזאמענפאָר פונ אינדוסטריאליזאציע, דער XV — א צוזא־ מענפאָר פונ קאָלעקטיוויזאציע, איז „דער XVI צוזאמענפאָר געווענ א

צו דער נאציאָנאלער פאָליטיק פונ דער פארטיי. א לימעד אינ שול אינ איינער פונ די רעפובליקנ אינ מיטל־אזיע.

צוזאמענפאָר פונ א פאנאנדערגעוויקלטנ אָנגריפ פונ סאָציאליזמ אפנ גאנצנ פראָנט, א צוזאמענפאָר פונ ליקווידירנ דאָס באַ־ לעגופנטומ אלס קלאס און פונ דורכפירנ אינ לעבנ די דורכוי־ טיקע קאָלעקטיוויזאציע״ (סטאלינ).

צומ פעריאָד פונעמ XVI צוזאמענפאָר האָט די פארטיי אפנ גרונט פונ דער דורכ־ געפירטער ארבעט געבראכט דערצו, אז דער סאָוועטנפארבאנד איז ארײנ־ געטראָטנ אינ פעריאָד פונ סאָציאליזמ.

כ' סטאלינ האָט אפנ גרונט פונ א זייער טיפנ אנאליז פונ די דערפאָלגנ פונ פסס״ר דאָס פעסטגעשטעלט און האָט פונ דער טריבונע פונעמ XVI צוזאמענפאָר פראָקלאמירט דעמ קאָלאָסאלנ זיג פונעמ פראָלעטאריאט.

„ס'איז קלאָר, אז מיר זײנענ שוינ ארויס פונעמ איבערגאנג־פעריאָד אינ זײנ אלטנ זינ און זײנענ ארײנגעטראָטנ אינ פעריאָד פונ דירעקטער און פאנ־ אנדערגעוויקלטער סאָציאליסטישער בויונג אפנ גאנצנ פראָנט, — האָט געזאָגט כ' סטאלינ. — ס'איז קלאָר, אז מיר זײנענ שוינ ארײנגעטראָטנ אינ פעריאָד פונ סאָציאליזמ, וואָרעמ דער סאָציאליסטישער סעקטאָר האלט איצט אינ די הענט אלע ווירטשאפטלעכע הייבערס פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט, כאָטש

ביזנ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און ביזנ פארניכטנ די קלאסנ־אונטערשיידנ איז נאָכ ווײַט"[1]).

דידאָזיקע דערגרייכונג פונ דער פארטיי האָט געהאט א קאָלאָסאלנ באטײַט. זי איז געווענ אויסגעקעמפט אפ די וועגנ פונ דער נײַער עקאָנאָמישער פאָליטיק, וואָס איז אײַנגעפירט געוואָרנ אונטער לענינס דירעקטנ אָנפיר. נאָכ לענינס טויט האָט די פארטיי אפנ גרונט פונ דערדאָזיקער פאָליטיק באוואָרנט אינעם ערשטנ לאנד פונ פראָלעטארישער דיקטאטור א קאָלאָסאלנ און אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט ניט געוועזענעם זיג. דאָס האָט געוויזנ דעם גאנצנ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט, אז נאָכ לענינס טויט פארמאָגט די פארטיי אנ עכט־לענינישנ שטאב, וואָס אינ שפיצ זײַנעמ שטייט לענינס בעסטער מיטקעמפער און שילער — כ' סטאלינ, וועלכער, דורכפירנדיק פאר אָט די יאָרנ א קאָלאָסאלנ קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע פארקריפּלונגענ פונ לענִיניזם, איז פײַיק געווענ צו באהעפטנ די גאנצע פארטיי און צו מאָבילִיזירנ דעם ארבעטער־קלאס אפ אויסצובויענ דעם סאָציאַליזם. כ' סטאלינ ווײַזט מיט זײַנ טעטיקײַט, פונקט ווי די גרויסע פירערס פונעם פראָלעטאריאט מארקס—ענגעלס—לענינ, א גלענצנדיקע פאראייניקונג פונ דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און פראקטיק. ער פאראייניקט דאָס פראקטישע אָנפירנ מיטנ קאמפ פארנ סאָציאַליזם און דאָס ווײַטערדיקע אנטוויקלענ מארקס־ענגעלס־לענינס לערע. כ' סטאלינ האָט ווײַטער אנטוויקלט די טעאָריע פונ מארקסיזם־לענִיניזם. דעריבער שטייט כ' סטאלינס נאָמענ אינ איינ ריי מיט אָט די גרויסע טעאָרעטיקערס און פירערס פונעם ארבעטער־קלאס.

כ' סטאלינ האָט, אָנפירנדיק מיט דער פארטיי־ארבעט, אנטוויקלט די מארקס־לענינישע לערע וועגנ דער פראָלעטארישער דיקטאטור, פאנאנדערגעארבעט די פראגעס וועגנ די פאָרמעס פונ קלאסנקאמפ פונעם פראָלעטאריאט אפ פארשיידענע עטאפּנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, די פראגעס וועגנ די וועגנ צו פארניכטנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ און די קלאסנ בִּיכלאל. אנטוויקלענדיק לענינס לערע וועגנ דער מעגלעכקײַט אויסצובויענ דעם סאָציאַליזם אינ איינ לאנד, האָט כ' סטאלינ פאנאנדערגעוויקלט אפ אָט דעם גרונט דעם גענעראלנ פלאנ פונ אָנגריפ פונעם סאָציאַליזם אפנ גאנצנ פראָנט; ער האָט קאָנקרעטיזירט די מעטאָדנ, פאָרמעס און וועגנ פונ אויפבויענ די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.

כ' סטאלינ האָט אנטוויקלט לענינס לערע וועגנ אינדוסטריאַליזאציע און קאָלעקטיוויזאציע, אלס באדינג פארנ זיג פונ סאָציאַליזם אינ פסס"ר. ער האָט פא א.־דערגעארבעט די פראגע וועגנ די קאָנקרעטע וועגנ פונעם סאָציאַליסטישנ איבערמאכנ דאָס פויערטום אונטערנ אָנפיר פונעם פראָלעטאריאט, וועגנ א פּראָדוציר־צוזאמענשלוס, וועגנ די באדינגענ און מעטאָדנ פונעם קאָלעקטיוויזירנ די לאנדווירטשאפט, וועגנ ליקווידירנ דאָס באלעגופנטום אלס קלאס אפנ גרונט פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע א. אז. וו.

די פאנאנדערוויקלונג פונעם קאמפ פארנ פינפיאָר און דער ווידערשטאנד פונ די קלאסנפײַנט פונעם פראָלעטאריאט.

די באשלוסנ פונעם XVI צוזאמענפאָר האָבנ געגעבנ דער פארטיי א שלאכטפּראָגראם פונ ארבעט פארנ ווײַטערדיקנ פאנאנדערוויקלענ די סאָציאַליסטישע בויונג. *די גרונט־ארבעט פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ דער אונטערנעמונג, אינ דאָרפ, אינ די סאָוועטנ, אינ די פראָפפאראיינענ א. אז. וו. איז קאָנצענטרירט געווענ אפנ אויספילנ דעם פינפיאָרפלאנ אינ פיר יאָר.*

דער אָנגריפ, וואָס די פראָלעטארישע דיקטאטור האָט דורכגעפירט אפנ גאנצנ פראָנט, האָט ארויסגערופנ אנ אלצ שטארקערנ ווידערשטאנד מיצאד די רעשטלעכ קאפּיטאליסטישע קלאסנ. יעדער טאָג אינ דער ארבעט פונ דער פארטיי פלעגט

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 572.

ברענגענ נײַע באַװײַזנ פונ דער טיפסטער שעדלעכקײַט אונ פולשטענדיקער אומבאַגרינדעטקײַט פונ דער רעכט־אָפּאָרטוניסטישער טעאָריע װעגנ דער אױסלעשונג פונעמ קלאַסנקאַמפּ אינעמ איבערגאַנג־פּעריאָד.

װעגנ דער פאַרשאַרפונג פונעמ קלאַסנקאַמפּ האָט באַזונדערס העל אײדעס געזאָגט די שעדיקערישע טעטיקײַט פונ די קאָנטררעװאָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, װאָס זײַנענ אױפגעדעקט געװאָרנ דורכ די אָרגאַנענ פונ אָגפּ״או אינ די יאָרנ 1930 אונ 1931.

אינ אָט דעמ פּעריאָד זײַנענ אױפגעדעקט געװאָרנ דרײַ זײער גרױסע קאָנטררעװאָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס: די „פּראָמפּאַרטײ“, די „האָרעפּאַשנע פּױערשע פּאַרטײ“, די „פאַרבאַנדישע ביוראָ פונ מענשעװיקעס“ אונ אַנד.

די „פּראָמפּאַרטײ“ האָט געהאַט פאַרײניקט דעמ אױבערשיכט פונ דער אַלטער בורזשואַזער טעכנישער אינטעליגענצ אונ פלעגט זיכ פאַרנעמענ מיט שעדיקערײַ דעריקער אינ דער אינדוסטריע. די דאָזיקע שעדיקער־אָרגאַניזאַציע האָט זיכ געשטעלט פאַר אַנ אױפגאַבע אָראָפּצוװאַרפנ די סאָװעטנמאַכט אונ האָט אָנגעצילט דעמ הױפּטקלאַפּ אַפ אָראָפּצופירנ דעמ פּינפיאָר. דינענדיק אינ סאָװעטישע אַנשטאַלטנ, פלעגנ די מיטגלידער פונ אָט דער אָרגאַניזאַציע כאָרעװ מאַכנ באַזונדערע באַצירקנ פונ דער אינדוסטריע; זײ פלעגנ צונױפשטעלנ פלענער אַזױ, אַז אינעמ באַשליסנדיקנ מאָמענט זאָל פעלנ דאָס סאַמע נײטיקסטע; זײ פלעגנ אומיסטנ אָפּציִענ די קױכעס פונ פאַנאַנדעראַרבעטנ די בעסטע שאַכטעס אונ אַרצגרובנ אונ טאָרמאָזירנ, שעדיקנ די אַנטװיקלונג פונ דער מעטאַלורגיע, מאַשינבױונג א.אַז.װ. די „פּראָמפּאַרטײ“ איז געװענ פאַרבונדנ מיט אױסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, װאָס האָבנ געגרײט אַנ אָנפאַל אַפ דער סאָװעטנ־רעפּובליק. זײ האָבנ געהאַט אָנגעמערקט אַ טערמינ פונ דער מילכאָמע — צוערשט אַפ זומער 1930 י., אונ דערנאָכ — אַפ זומער 1931 י. די „פּראָמפּאַרטײ“ פלעגט זיכ פאַרנעמענ מיט שפּיאָנאַזש אונ האָט זיכ געגרײט אױפצורײַסנ אינעמ באַשליסנדיקנ מאָמענט די גרעסטע אונטערנעמונגענ, באַזונדערס יענע, װאָס אַרבעטנ פאַרנ לאַנדשוץ, כאָרעװ צו מאַכנ די אײַזנבאַנענ אונ דערמיט צו באַװאָרענענ דעמ זיג פונ די סאָנים איבער דער סאָװעטנ־רעפּובליק.

אַנ אַנדער אָרגאַניזאַציע שעדיקערס — די אַזױגערופענע „האָרעפּאַשנע פּױערשע פּאַרטײ“ פלעגט שעדיקנ הױפּטזאַכלעכ אינ דער לאַנדװירטשאַפט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיכ אױכ אַװעקגעשטעלט פאַר אַנ אױפגאַבע צו פאַרניכטנ די סאָװעטישע אָרדענונג. די „האָרעפּאַשנע פּױערשע פּאַרטײ“ האָט געהאַלטנ אַ קורס אַפ צו פאַרװאַנדלענ אונדזער לאַנד אינ אַ לאַנדװירטשאַפטלעכס, אונ דאָס װאָלט געמאַכט פונ אונדזער לאַנד אַ קאָלאָניע, אַ צוגאָב צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אונ אינ דער לאַנדװירטשאַפט האָט זי געהאַלטנ אַ קורס צו אַנטװיקלענ דעמ באַלעגופּ, װאָס ער איז געװענ איר קלאַסנ־באַזע. די אַנטװיקלונג פונ דער באַלעגופּישער װירטשאַפט אינ דאָרפ האָט געזאָלט ברענגענ צו דער הערשאַפט פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ דאָרפ אונ דערנאָכ אױכ אינ דער גאַנצער װירטשאַפט פונעמ לאַנד. די „האָרעפּאַשנע פּױערשע פּאַרטײ“ האָט געפּלאַנירט, פּונקט װי די „פּראָמפּאַרטײ“, מיט דער הילפ פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָראָפּצװאַרפנ די סאָװעטנמאַכט. אַ באַזונדער סינע מיצאַד דער דאָזיקער פּאַרטײ פלעגט אַרױסרופנ די װאַקסנדיקע קאָלעקטיװיזאַציע אינ דאָרפ אונ די ליקװידאַציע פונעמ באַלעגופּנטומ אַלס קלאַס. דעריבער האָט זי באַזונדערס פאַנאַנדערגעװיקלט איר קאָנטררעװאָליוציאָנערע טעטיקײַט אַפ אָראָפּצורײַסנ די קאָלעקטיװיזאַציע. מיט אַלע מיטלענ פלעגט זי שעדיקנ באַמ מעכאַניזירנ די לאַנדװירטשאַפט, באַמ בױענ ראַטװירטנ, קאָלװירטנ א.אַז.װ. בײַסנ דעמאַסקירנ די „האָרעפּאַשנע פּױערשע פּאַרטײ“ איז אױפגעדעקט געװאָרנ אײנ זײער װיכטיקער פאַקט — אירע פירערס האָבנ אָפנ דערקלערט, אַז זײ האָבנ אױסגערעכנט אַפנ זיג פונעמ רעכטנ אָפּנײג אינ דער פּאַרטײ. די פּאָליטיק פונעמ רעכטנ אָפּנײג האָט, לױט זײער מײנונג, געדאַרפט ברענגענ צו אַ פאַרשטאַרקונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ דאָרפ, דערנאָכ אינ גאַנצנ לאַנד, אונ װאָלט געהאָלפנ אױפצושטעלנ די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אינ פּסס״ר.

אויסנוצנדיק די קלאַסנ־בלינדקייט פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ (צום בײַשפּיל, פונעמ געוועזענעמ פּאָלקאָמערד, א. פּ. סמירנאָוו), פּלעגנ די פאָרשטייערס פונ דער „האָרעפּאשנער פויערשער פּארטיי" דורכקריכנ אינ די סאָוועטישע אָרגאַנענ און, געפינענדיק דאָרט זייערע אויסדריקערס אינ געשטאַלט פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, פּלעגנ זיי זיכ סטארענ דורכ זיי דורכצופירנ די באַלעבאַטישע פּאָליטיק.

די דריטע קאָנטררעוואָליוציאָנערע גרופּע איז געווענ די אָרגאַניזאציע מענשעוויקעס, וואָס האָט געארבעט אונטערנ נאָמענ „פּארבאנדישע ביוראָ פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פּארטיי". דער אָפענער געריכט־פּראָצעס איבער די מענשעוויקעס האָט באוויזנ דעמ פּראָלעטאריאט די גאנצע טיפקייט פונעמ פאַלנ און פונעמ פּאראַט פונ דערדאָזיקער פּארטיי, וואָס איז געווענ א באשטאנד־טייל פונעמ II אינטערנאציאָנאַל.

די מענשעוויקעס האָבנ זיכ געשטעלט פאר א ציל, אז די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ זאָלנ אומגעקערט ווערנ צו זייערע געוועזענע אייגנטימערס, מע זאָל אָפּשאפנ די נאציאָנאַליזאציע פונ דער ערד, מע זאָל געבנ אבסאָליוטע פרײַהייט דעמ פּריוואטנ האנדל און מע זאָל אָפּשאפנ די מאָנאָפּאָל פונ אויסערלעכנ האנדל. די פּאָליטיק זייערע איז געווענ געצילט צומ אראָפּוואַרפנ די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט און צומ אײַנשטעלנ א בורזשואזע מאכט. די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאציע איז געווענ פארבונדנ מיט די שעדיקערס פונ דער „פּראָמפּארטיי" און אינאיינעמ האָבנ זיי געגרייט א מילכאָמע קעגנ פסס"ר.

דער געריכט־פּראָצעס איבער דער „פּארבאנדישער ביוראָ פונ דער רסדא"פּ" איז געווענ א פּראָצעס איבערנ גאנצנ רוסלענדישנ מענשעוויזמ און אויכ איבערנ II אינטערנאציאָנאַל. די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאציע איז געווענ אייגנ בלוט און פלייש פונ דער אינטערנאציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, וואָס האָט געוווּסט און האָט סטימולירט די שעדיקערישע ארבעט פונ די מענשעוויקעס. דער פּראָצעס איבער דער „פּארבאנדישער ביוראָ" האָט אונטערגעצויגנ א סאכאקל אונטער דער גאנצער געשיכטע פונ דער אנטוויקלונג פונ דער מענשעוויסטישער פּארטיי, וואָס, אָנהייבנדיק דעמ קאמפּ קעגנ לענינענ אפנ II פּארטיי־צוזאמענפאָר, האָט זי פארענדיקט איר שענדלעכנ וועג מיט שעדיקערײַ, מיטנ קאמפּ קעגנ דער בויונג פונעמ סאָציאַליזמ, וואָס פאר איר (פאר דער בויונג) האָבנ געקעמפט מיט א קאָלאָסאלער ענערגיע מיליאָנער ארבעטער און האָרעפּאשנע פויערימ פונ פסס"ר.

די טעטיקייט פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאציעס האָט געוויזנ דאָס גאנצע בילד פונעמ קאמפּ מיצאד די רעשטלעכ קאפּיטאליזמ קעגנ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אינעמ נעפּ־פּעריאָד און האָט אנטפּלעקט די נײַע מעטאָדנ פונ זייער קאמפּ אפנ געגנבעגנעמ עטאפּ. די קלאסנפײַנט האָבנ געהאָפּט צוערשט, בײַסנ אײַנפירנ דעמ נעפּ, אז די פּראָלעטארישע דיקטאטור וועט איבערגעבוירנ ווערנ אפּ די וועגנ פונ דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. זיי האָבנ גערעכנט, אז דערלאָזנדיק א געוויסע אנטוויקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ, וועט זיכ די סאָוועטנמאכט נעמענ קײַקלענ בארג אראָפּ; אז די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ וועלנ זיכ אלצ מער אנטוויקלענ אינ אלעווירטשאפט־צווײַגנ און וועלנ סאָפּקאָלסאָפּ צווינגענ די פּראָלעטארישע דיקטאטור, זי זאָל זיכ אונטערגעבנ. ארויסגייענדיק פונ אָט די אויסרעכענונגענ, זײַנענ אסאכ פארביסענע סאָנימ פונעמ ארבעטער־קלאס געגאנ ארבעטנ אינעמ סאָוועטנ־אפּאראט, קעדיי דאָרטנ זיכ צו פארפעסטיקנ און צו פּרווונ טרײַבנ די אנטוויקלונג פונ לאנד אפנ קאפּיטאליסטישנ וועג.

אָבער בײַס דער ארבעטער־קלאס, פארפעסטיקנדיק זיכ אפּ די ערשטע סטאדיעס פונ נעפּ, איז אוועק אינ אָנגריפּ, האָבנ דידאָזיקע עלעמענטנ דערזענ, אז זייערע האָפענונגענ איז ניט באשערט צו פארעכטיקנ זיכ, און האָבנ אָנגעהויבנ אָרגאַניזירנ אלע קלאסנפײַנט פונ דער סאָוועטנמאכט. באזונדערס קלאָר האָבנ זיי דערזענ דעמ קראכ פונ זייערע אויסרעכענונגענ אפּ דער איבערגעבורט פונ דער פּראָלעטארישער מעלוכע דעמלט, ווענ די באָלשעוויסטישע פּארטיי האָט זיכ אינ רעקאָנסטרוקטיוו פעריאָד געלאָזט אינ אָנגריפּ אפנ גאנצנ פראָנט און האָט פּראָקלאמירט דעמ לאָזונג

וועגנ ליקווידירנ דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס. אַלס אַנ ענטפער אָפ אָט דעמ אָנגריפ האָט די גאַנצע כאַפטע קלאַסנ־סאָנים געגומענ שטעלנ א פארביסענעמ ווידערשטאַנד, אָרגאַניזירנדיק שעדיקעריי און אַנ אינטערווענצ, זאַמלענדיק קויכעס אָפ אראָפצוווארפנ די סאָוועטנמאַכט.

אַלע קאָנטרעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבנ אויסגערעכנט דערופ, אַז אויב עס וועט זיינ א שפאַלטונג אינ דער פאַרטיי, וועט זייער אופגאַבע אויסערגעוויינלעכ פאַרגרינגערט ווערנ. דעריבער האָבנ זיי באַגריסט דעמ קאַמפ פונ די טראָצקיסטנ קעגנ דער פאַרטיי; דעריבער האָבנ זיי געהאָפט אָפ א זיג פונ דער רעכטער אָפאָזיציע, וואָס ער וואָלט פאַר זיי געעפנט א וועג צומ קאַפיטאַליזמ.

אָט די אַלע אויסרעכענונגען און דער קאַמפ פונ די קלאַסנפיינט זיינען איינגעבראָכנ געוואָרנ, און זייערע אָרגאַניזאַציעס זיינען צעגראָמירט געוואָרנ דורכ דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די דעמאַסקירטע שעדיקעריי האָט באַוויזנ באַשיימפערלעכ יעדנ אַרבעטער און יעדנ האָרעפאַשנעמ פויער, אַז די בויונג פונ סאָציאַליזמ קומט פאָר אינ באַדינגענ פונ א פאַרביסענעמ קלאַסנקאַמפ און אַז מע דאַרפ מאָביליזירנ אַלע קויכעס אָפ צו צעשמעטערנ די סאָנים פונ דער סאָוועטנ־רעפובליק.

אַלס ענטפער אָפ דער שעדיקעריי האָבנ זיכ די האָרעפאַשנע מאַסנ נאָכ מער באַהעפט אַרומ דער פאַרטיי אָפ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר.

דאָס צעגראָמירנ דעמ רעכט־„לינקאַטשישנ“ בלאָק.

דער פאַרשטאַרקטער ווידערשטאַנד פונ די קלאַסנ־פיינט און איניקע שוועריקייטנ, וואָס זיינען דורכ דעמ אַרויסגערופנ געוואָרנ, האָבנ לעבעדיקער געמאַכט די אָפאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ דער פאַרטיי. די פאָרשטייערס פונעמ רעכטנ אָפנויג און אויכ איניקע „לינקאַטשישע“ עלעמענטנ האָבנ זיכ געפרווט אַטאַקירנ די פאַרטיי. אינ סאָפ יאָר 1930 זיינען די רעכטע אָפאָרטוניסטנ — סלעפקאָוו, מאַרעצקי, ריוטינ — ווידער אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער פאַרטיי־ליניע, אַנטפלעקנדיק דערמיט, אַז אַלע זייערע דערקלערונגענ וועגנ אָנערקענענ זייערע פעלערנ זיינען צוויעסדיק און ניט־אופריכטיק. אַלע אַנטפלעקונגענ פונ אָפאָרטוניזמ פלעגנ טייקעפ באַקומענ אַנ איינמוטיקנ ווידערשטאַנד מיצאַד אַלע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס פלעגנ וואַכזאַמ נאָכשפירנ, וויאַזוי עס ווערנ דורכגעפירט די באַשלוסנ פונעמ XVI צוזאַמענפאָר.

נאָכנ XVI צוזאַמענפאָר — אינ דעקאַבער 1930 י. — האָט די פאַרטיי אופגעדעקט און צעקלאַפט די אופגעקומענע אינ יענעמ פעריאָד אָפאָרטוניסטישע אָרגאַניזאַציע אינ געשטאַלט פונ סירצאָוו־לאָמינאַדזעס רעכט־„לינקאַטשישנ“ בלאָק[1].

סירצאָוו האָט אָרגאַניזירט אַנ אונטערערדישע אַנטיפאַרטייישע גרופע און האָט ווערבירט אַהינ זיינע אָנהענגערס. לאָמינאַדזע איז געשטאַנענ אינ שפיצ פונ דער פראַקציאָנעלער גרופע „לינקאַטשעס“, וואָס האָט עקזיסטירט א היפשע צייט.

אָט די פראַקציאָנעלע אונטערערדישע גרופעס האָבנ זיכ צונויפגערעדט צווישנ זיכ און האָבנ אָרגאַניזירט א רעכט־„לינקאַטשישנ“ בלאָק מיט סירצאָוונ און לאָמינאַדזענ אינ שפיצ. דער כאַראַקטעריסטישער שטריכ פונ אָט דעמ בלאָק, וואָס האָט פאָרגעשטעלט א נישטיקע, פונ די פאַרטיי־מאַסנ אָפגעריסענע גרופע פאַריסענע אינטעליגענטנ, — איז געווענ צווייפענעמדיקייט. זיכ גיט דערוועגנדיק אָפנ אַרויסצוטרעטנ קעגנ דער פאַרטיי, פלעגנ די פאָרשטייערס פונעמ רעכט־„לינקאַטשישנ“ בלאָק מיטנ מויל דערקלערנ, אַז די פאַרטיי־ליניע איז א ריכטיקע, און אינדערעמעסנ פלעגנ זיי גלייכצייטיק פירנ א פאַרבאָרגענעמ פראַקציאָנעלנ קאַמפ און אָרגאַניזירנ זייערע אָנהענגערס צו אַנ אַטאַקע אָפ דער פאַרטיי.

[1]) סירצאָוו איז געווענ פאָרזיצער פונ ראַטפאָלקאָמ פונ רספס״ר; לאָמינאַדזע איז געווענ סעקרעטאַר פונ טראַנסקאַווקאַזער קאַנטישנ פאַרטיי־קאָמיטעט.

24—889

דער רעכט־„לינקאַטשישער" בלאָק, וואָס איז געווענ א פּרינציפּלאָזע פאַרייניקונג פונ רעכט־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ מיט „לינקאַטשעס", איז אינ אַלע גרונט־פּראָגעס געשטאַנענ אַפ דער פּאָליטישער פּאָזיציע פונעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ. סירצאָוו אונ לאָמינאַדזע מיט זייער גרופּע האָבנ געפאָדערט „ראַדיקאַל צו ענדערנ די פּאַרטיי־ליניע" אונ טייקעפ צו פאַרקירצנ די אינדוסטריאַליזאַציע־טעמפּנ. זיי האָבנ געקעמפט קעגנ די פּלענער פונעמ פינפיאָר, קעגנ דער פּאָליטיק פונ קאָלעקטיוויזאַציע, איבער־כאַזערנדיק טראָצקיס ווידעררייענ, אַז ס'איז אומעגלעכ צו שאַפנ קאָלווירטנ אַפנ גרונט פונ פּאָשעטנ פאַרגעזעלשאַפטלעכנ די פויערשע פּראָדוציר־מיטלענ.

אינ דער צייט, ווענ אינערעמעסנ האָבנ קאָלאָסאַלע מאַסנ אַרבעטער אונ קאָל־ווירטניקעס אַרויסגעוויזנ אומגעזעענע מוסטערנ פונ אַרבעט־העראָיזמ,— אינ דערזעל־ביקער צייט פּלעגנ די פאָרשטייערס פונעמ בלאָק רעכילעסדיק באַהויפּטנ, אַז אינעמ לאַנד „פעלט שעפערישע איניציאַטיוו, אַז עס באַמערקט זיכ עפּעס א מינ פאַלנ פונ דער ענערגיע" (סירצאָוו). דער רעכט־„לינקאַטשישער" בלאָק פּלעגט לייקענענ אינ דער אָפּשאַצונג פונ דער פּאַרטיי, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַרייַנגעטראָטנ אינ פּעריאָד פונ סאָציאַליזמ. אַלע אָנשויונגענ פונ דידאָזיקע צווייפּנעמדיקע האָבנ, אַזויאַרומ, איידעס געזאָגט וועגנ פּאַניק, וועגנ דעמ, אַז זיי טרעטנ אָפּ פאַר די קלאַסנ־סאָנימ, אַז זיי קייַקלענ זיכ אינ דער ווירקלעכקייַט אַראָפּ צו דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעאָריע וועגנ דער אומעגלעכקייַט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאַנד.

קעדיי צו באַרעכטיקנ זייער אָפּאָרטוניסטישע פּלאַטפאָרמע, פּלעגנ די פירערס פונעמ בלאָק אָנווענדנ גראָבע רעכילעסדיקע מעטאָדנ אינעמ קאַמפּ קעגנ דער פּאַרטיי. זיי פּלעגנ דערקלערנ, אַז די מיטיילונגענ וועגנ די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג זייַנענ בלויז „אויגנ־פאַרבלענדעניש", „פּאָטיאָמקינס דערפער" א.אז.וו.

דער צ"ק אונ די צק"ק האָבנ די פירערס פונ דערדאָזיקער גרופּע סירצאָוונ אונ לאָמינאַדזענ אויסגעשלאָסנ פונעמ צ"ק פונ דער פּאַרטיי, שאַצקינענ — פונ דער צק"ק, אונ די אַנדערע גרופּע־מיטגלידער אויסגעשלאָסנ פונ דער פּאַרטיי. דאָס אויפדעקנ דעמ רעכט־„לינקאַטשישנ" בלאָק האָט געוויזנ דער פּאַרטיי נאָכאַמאָל די גאַנצע ריכטיקייַט פונ די באַשלוסנ פונעמ XVI צוזאַמענפאָר וועגנ דער נייטיקייַט אומאָפּנויגלעכ צו קעמפנ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ, וועגנ דעמ, אַז דער אָפּאָרטוניזמ ווענדט אָנ נייַע קאַמפּ־מעטאָדנ קעגנ דער פּאַרטיי (צווייפּנעמדיקייַט).

די פּאַרטיי אינ קאַמפּ פאַרנ דריטנ, אַנטשיידנדיקנ יאָר פונעמ פינפיאָר.

דאָס צווייטע יאָר פונעמ פינפיאָר (דאָס ווירטשאַפטלעכע יאָר 1929־1930) איז א יאָר פונ נייַע גרויסע דערגרייכונגענ פונ דער פּאַרטיי אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג. די פאַרגעבונגענ, וואָס עס האָט אייַנגעשטעלט פאַרנ דאָזיקנ יאָר דער פינפיאָריקער פּלאַנ, זייַנענ אויסגעפילט געוואָרנ מיט א: אַריבערשטייַג אינ אַלע גרונט־צווייַגנ פונ דער ווירטשאַפט.

אינ דער גרויסער אינדוסטריע איז די פּראָדוקציע אויסגעוואַקסנ פאַרנ יאָר אַפ 25%. די גאַנצע פאַבריק־זאַוואָדישע אינדוסטריע האָט געגעבנ אינ דעמ יאָר צוויי מאָל מער פּראָדוקציע, איידער פאַר דער מילכאָמע.

אינ דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיכ די פּאַרטיי דערשלאָגנ צו א פאַרגרעסערונג פונעמ פאַרזיי־שעטעכ פאַרנ יאָר — פונ 118 מיליאָנ ביז 127 מיליאָנ האַ; די גאַנצע אופזאַמלונג פונ טווע האָט אינ יאָר 1930 באַטראָפנ 87,4 מיליאָנ טאָנ קעגנ 71,7 מיליאָנ טאָנ אינעמ פריערדיקנ יאָר; דער סכומ צונויפגעזאַמלטער באַוולניק אונ צוקער־בורעקעס איז אויסגעוואַקסנ פאַר איינ יאָר קימאַט אינ צוויי מאָל.

אָט די דערפאָלגנ אינ דער לאַנדווירטשאַפט זייַנענ געווענ א דירעקטער רעזולטאַט פונעמ שאַפנ קאָלווירטנ, פונעמ דורכפירנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע אונ פונעמ ליקווידירנ דאָס באַלעגופנטומ אַלס קלאַס.

איינע פונ די וויכטיקסטע דערגרייכונגענ פונ יענעמ יאָר איז געווענ דאָס פולשטענדיקע ליקווידירנ די ארבעטלאָזיקייט אינ גאַנצנ סאָוועטנפארבאנד. אינ דער צייט, ווענ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער איז געווענ א קאָלאָסאלע ארבעטלאָזע — 25 מיליאָנ מענטשנ, וואָס האָבנ ניט געוווּסט, ווו וועלנ זיי נעמענ אפּ איבערצולעבנ דעמ מאָרגנדיקנ טאָג, איז אינ פסס״ר קיינ ארבעטלאָזע מער ניט געווענ.

אפנ גרונט פונ דידאָזיקע דערפאָלגנ האָט דער פּלענומ פונ צ״ק אונ צקק אינ דעקאַבער 1930 יאָר באשטימט פארנ דריטנ יאָר פונ פינפיאָר נאָכ העכערע טעמפּנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. דער צ״ק האָט אונטערגעשטראָכנ, אז דאָס יאָר 1931 איז דאָס אנטשיידנדיקע יאָר אינעמ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר.



די אַלגעמיינער אויסזענ פונ אוראַלער מאשינבוי־זאוואָד (אוראַלמאש).

אפנ דעקאַבער־פּלענומ פונ צ״ק האָבנ די פּירערס פונ די רעכטע — די כ״כ בוכארינ אונ ריקאָוו — אינ זייערע ארויסטרעטונגענ אנערקענט, כאָטש מיט אנ אויסערגעוויינלעכער פארשפּעטיקונג, די קאָלאָסאלע דערפאָלגנ פונ דער פּארטיי, אָבער מיט זייער פּראַקטישער ארבעט פלעגנ זיי ניט קעמפנ ווי געהעריק פאר דער גענעראַלער פּארטיי־ליניע, פארנ פארווירקלעכנ דעמ פינפיאָר. דער צ״ק־פּלענומ האָט באשטימט ארויסצופירנ דעמ כ׳ ריקאָוו פונ דער פּאָליטביוראָ אונ אראָפּצונעמענ אימ פונעמ פּאָסטנ פונ פּאָרזיצער פונ ראטספאָלקאָמ. אפנ פּאָסטנ פונ פּאָרזיצער פונ ראטספאָלקאָמ האָט דער צ״ק ארויסגערוקט דעמ פעסטנ לענינעצ, כ׳ מאָלאָטאָוו, וואָס האָט אינ מעשעכ פונ 10 יאָר געארבעט אלס סעקרעטאר פונ צ״ק אלק״פּ(ב) אונטער כ׳ סטאַלינס דירעקטער אָנפירונג.

אינעמ דריטנ יאָר פונ פינפיאָר האָט די סאָציאַליסטישע בויונג אָנגענומענ אומגעהייערע מאסשטאבנ. אינ יאָר 1931 האָט די פּארטיי באשלאָסנ צו פארענדיקנ דאָס בויענ העכער 1 000 אונטערנעמונגענ אונ 1 040 מאשינ־טראַקטערישע סטאנציעס, וואָס שפּילנ א קאָלאָסאלע ראָליע אינעמ סאָציאַליסטישנ איבערמאכנ דאָס דאָרפ. אינ דער צאָל אונטערנעמונגענ זיינענ אריינגעגאנגענ די גיגאנטנ פונ דער וועלט־טעכניק: אווטאָמאָביל־זאוואָדנ אינ מאָסקווע אונ אינ גאָרקי, דער כארקאָווער טראַקטער־זאוואָד, דער סאראטאָווער קאָמביינענ־זאוואָד, דער מאגניטאָגאָרסקער אונ קוזנעצקער מעטאלורגישע זאוואָדנ, וואָס האָבנ אינעמ אוראַל־קוזנעצקער ראיאָנ געזאָלט אוועקלייגנ דעמ פונדאמענט פאר דער צווייטער קוילנ־מעטאלורגישער באזע אינ פסס״ר, א ריי זייער גרויסע שאכטעס אונ ארצגרובנ אינ דאָנבאס א. אז וו. אינ

דער אינדוסטריע אונ אינ דער לאנדווירטשאפט איז אריינגעלייגט געוואָרנ א קאָלאָסאלע סומע — 17 מיליארד רובל, אינ דער צייט, ווענ אינ יאָר 1930 איז געווענ אריינגעלייגט 10 מיליארד רובל.

קעדיי צו פארווירקלעכנ אָט דעם פּלאנ, האָט מענ געמוזט אנטוויקלענ די סאמע גיכסטע ארבעט־טעמפּנ.

„די רעאלקייט פונ אונדזער פּראָגראם, — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ, — דאָס זײַנענ לעבעדיקע מענטשנ, דאָס זײַנענ מיר מיט אײַך, אונדזער ווילנ צו ארבעט, אונדזער גרייטקייט צו ארבעטנ אפּ א נײַעם אופנ, אונדזער אנטשלאָסנקייט אויסצופילנ דעם פּלאנ." [1]).



דער מאגניטאָגאָרסקער מעטאלורגישער זאוואָד.

אינ אײַנקלאנג מיט דער־ראדיקער אײַנשטעלונג האָבנ אלע פּארטיי־אָרגאניזאציעס פּאנאנדערגעוויקלט א קאָלאָסאלע ארבעט. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט אָנגענומענ א ריי ביז גאר וויכטיקע באשלוסנ וועגנ די פּראגעס פונ פּארטיי־ארבעט, קעדיי צו מאָביליזירנ די קויכעס פונעם ארבעטער־קלאס אונ פונ די קאָלווירטניקעס (די באשטימונג פונ צ״ק וועגנ דער פּארטייִש־מאסנווערק ארבעט אינ צעכ אונ אינ דער בריגאדע, די ווענדונג פונ צ״ק אונ וצספּ״ס וועגנ קאמפּ פארנ פּלאנ פונ דריטנ יאָר פונ פינפיאָר א אנד.). די גרונט־ארבעט פונ יעדער קעמערל איז געווענ געצילט צום אויספילנ דעם אינדפינפּלאנ פונ דריטנ יאָר פונ פינפיאָר. די פּארטיי האָט געקעמפט פארנ ווײַטערדיקנ העכערנ די אוואנגארד־ראָליע פונ די קאָמוניסטנ אינ דער פּראָדוקציע. די פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ אפּנ גרונט פונ די אָנווײַזונגענ פונ צ״ק קאָנצענטרירט א באזונדערע אויפמערקזאמקייט אפּנ באוואָרענ, אז אבסאָליוט אלע קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ זאָלנ זיכ באטייליקנ אינ די שלאָג־בריגאדעס אונ אינ סאָצפארמעסט. א באזונדערע אויפמערקזאמקייט האָט דער צ״ק געווענדט דערופ, אז די פּארטייִשע אָנפירונג זאָל זײַנ א קאָנקרעטע, אנ אָפּעראטיווע, אז דער שווערפּונקט פונ דער ארבעט זאָל אריבערגעטראָגנ ווערנ אינעם אונטערשטנ פּראָדוקציר־ אונ פּארטיי־רינג (אינ צעכ, בריגאדע, פּארטגרופּע). מע דארפ אונטערשטרייכנ, — האָט געזאָגט כ׳ קאהאנאָוויטש, — אז די קאָנקרעטקייט פונ דער אָנפירונג

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 603.

איז איצט דער צענטראלער אנטשיידנדיקער באדינג פארן דערפאָלגרייכן דורכפירן אין לעבן די קאָנטראָל־ציפערן. די פּארטיי־אָרגאניזאציעס דארפן זיין אין קורס פון דער טעכניק, פון דער עקאָנאָמיק, פון די פינאנצן אינעם זאוואָד, אין דער פאבריק, אין דער שאכטע; זיי דארפן וויסן דעטאל דעם גאנצן גאנג פון דער פּראָדוקציע, און אַפ דעמדאָזיקן גרונט קאָנקרעט אָנפירן.

די בריגאדע איז געוואָרן דאָס גרונט־קעמערל פון דער שלאָגלער־באוועגונג, דער גרונטיקער פּראָדוציר־איינס, וואָס פון זיין ארבעט איז געווענדט דאָס אויספילן דעם פינפיאָר. דעריבער האָבן די פּארטיי־אָרגאניזאציעס קאָנצענטרירט די אויפמערקזאמקייט צומאלעמערשטן אַפ דער ארבעט פון דעמדאָזיקן אונטערשטן רינג.

צוגלייך דערמיט האָבן די פּארטיי־אָרגאניזאציעס אין פּראָצעס פון קאמף פארן פינפיאָר געפירט א סיסטעמאטישע ארבעט פון קלאסעווער דערציִונג און פון באהעפטן די מאסן פון פּראָלעטאריאט ארום דער פּארטיי־ליניע. אָט די ארבעט איז געווען נאָך מער נייטיק דערפאר, ווייל פאר די יאָרן פונעם פינפיאָר האָבן זיך אין די רייען פונעם פּראָלעטאריאט אריינגעגאָסן נייע קאָלאָסאלע מאסן. אין יאָר 1930 איז אריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּראָדוקציע 750 טויזנט נייע ארבעטער, און אין יאָר 1931 — נאָך 2 מיליאָן. די פּארטיי האָט פאנאנדערגעוויקלט אן ארבעט אַז ארומצונעמען מיט דער באָלשעוויסטישער ווירקונג די נייע קאדרען ארבעטער און צו געבן אן אומראכמאָנעסדיקן ווידערשטאנד די קלאסן־פרעמדע עלעמענטן, וואָס זיינען אריינגעדרונגען אין די אונטערנעמונגען.

מיט א באזונדערער שארפקייט פלעגן זיך שטעלן די דאָזיקע אויפגאבעס אַפ די פּילצאָליקע נייבויונגען און אין די נייע אונטערנעמונגען, ווו עס האָבן זיך געשאפן נייע צענטערס פון אינדוסטריע און פון פּארטיי־ארבעט. ארום די אויפקומענדיקע אינדוסטריע־גיגאנטן זיינען פאר די יאָרן פינעם פינפיאָר אויסגעוואקסן נייע שטעט מיט הונדערטער טויזנטער ארבעטער־באפעלקערונג. עס זיינען אויסגעוואקסן אין די 2—3 יאָר מאגניטאָגאָרסק, קוזנעצק, בערעזניקי, באָבריקי, קאראגאנדא, שטעט ארום דעם דניעפּערבוי, סטאלינגראדער און כארקאָווער טראקטער־זאוואָדן א אז. וו. דאָ פלעגט די פּארטיי אין גאנג פון דער בויונג שאפן פריִער פאר אלץ שטארקע באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס, וואָס, שטעלנדיק זיך אין שפּיץ פון די פילטויזנטיקע ארבעטער־קאָלעקטיוון, פלעגן זיי באוואָרענען דאָס פאנאנדערוויקלען שלאָגלערישע ארבעט־טעמפּן און דאָס ריכטיקע פּאָליטישע דערציִען די נייע קאדרען.

אפן גרונט פון דער אָפּגעטאָנענער ארבעט האָבן די פּארטיי־אָרגאניזאציעס באוואָרנט די מאָביליזירונג פון די ברייטסטע שיכטן פונעם ארבעטער־קלאס אַפ אויסצופילן די אויפגאבעס פונעם דריטן, אנטשיידנדיקן יאָר פון פינפיאָר. נאָך אין 1930 יאָר האָט די פּארטיי דורכגעפירט א לענינישן שלאָגלער־פּריזיוו, וועלכער האָט געגעבן א מיליאָן שלאָגלערס און האָט געהאָלפן דערפאָלגרייך אויסצופילן דעם פּלאן. צום אָנהייב 1931 יאָר איז אפן גרונט פון דער ווענדונג פון צ״ק פון 3 סענטיאבער 1930 יאָר נאָכאמאָל דורכגעפירט געוואָרן א פּריזיוו פון ארבעטער אין די שלאָג־בריגאדעס אפן נאָמען פון „דריטן יאָר פון פינפיאָר", און אין רעזולטאט דערפון האָבן 65% פון אלע ארבעטער אין סאָוועטנפארבאנד געארבעט שלאָגלעריש אַפ אויסצופילן דעם פינפיאָר אין פיר יאָר.

די סענטיאבער־ווענדונג פונעם צ״ק האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אינעם אָרגאניזירן די ארבעטער־מאסן צום קאמף פארן פּלאן פון 1931 יאָר. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט אָנגעוויזן, אז די פּארטיי שטעלט קאָלאָסאלע אויפגאבעס פאר דער אינדוסטריע און פאר דער לאנדווירטשאפט. בלויז דער צוּוווּקס פון דער פּראָדוקציע פארן דאָזיקן ווירטשאפטלעכן יאָר וועט זיין געגליכן צו דער גאנצער פארמילכאָמעדיקער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. ניט וויניקער ווי א העלפט פויערישע ווירטשאפטן אין פסס״ר דארפן אריינגעצויגן ווערן אין דער קאָלעקטיוויזאציע. דער צ״ק האָט אין

זייַנ באשטימונג וועגנ קאמפ פארנ דריטנ, אנטשיידנדיקנ יאָר געגעבנ אַלע פארטיי־אָרגאניזאציעס אבסאָליוט דייַטלעכע, קאָנקרעטע אָנווייַזונגענ וועגנ פאנאנדערוויקלענ די פארטיי־ארבעט, וועגנ די מאָסמיטלענ, וואָס ס'איז נייטיק דורכצופירנ אפ צו מאָביליזירנ די קויכעס פונעמ ארבעטער־קלאס. דער צ"ק האָט פאנאנדערגעשיקט אפ די ערטער 25 בריגאדעס אינ שפיצ מיט צ"ק־באַזולמעכטיקטע אפ צו דערקלערנ די ווענדונג פונ צ"ק אונ אפ אָנצומערקנ א קאָנקרעטנ ארבעט־פלאנ. די קאנטישע פארטיי־קאָמיטעטנ האָבנ געוואָרפנ פונקט אזוינע בריגאדעס אינ די ראַיאָנענ ארייַנ.



דער קאָקסכימישער קאָמבינאט פונ מאגניטאָגאָרסקער מעטאלורגישנ זאוואָד.

דער ארבעט־העראָיזמ אונ די אנטוויקלונג פונ די סאָציאליסטישע ארבעט־פאָרמעס האָט אינ מעשעכ פונ אָט דעמ יאָר דערגרייכט צו אנ אומגעזעענעמ שוונג. אינ א גאנצער ריי וויכטיקסטע פראָדוקציע־צווייַגנ (אינ די בוי־ארבעטנ, אינעמ מאָנטאזשירנ די אויסשטאטונג פונ די נייַ־געבויטע אונטערנעמונגענ, אינ דער ארבעט אפ די אלטע אונטערנעמונגענ א. אז. וו.) זייַנענ דערגרייכט געוואָרנ וועלט־רעקאָרדנ, וואָס האָבנ באוויזנ אנ אומגעזעענע שנעלקייַט פונ דער ארבעט אונ א הויכע קוואליטעט. צו דער מ'ט 1931 יאָר האָבנ א ריי גרעסטע אונטערנעמונגענ אונ גאנצע אינדוסטריע־צווייַגנ אויסגעפילט דעמ פינפיאָר אינ $2\frac{1}{2}$ יאָר (די נאפט־אינדוסטריע, די עלעקטראָטעכנישע אינדוסטריע, דער מאָסקווער עלעקטרעזאוואָד, די לענינגראדער מאשינבוי־זאוואָדנ א. אז. וו.). פאר דער ערשטער העלפט פונעמ אנטשיידנדיקנ יאָר זייַנענ געלאָזט געוואָרנ אינ גאנג 166 נייַע זאוואָדנ, פאבריקנ, שאכטעס.

די רעקאָרד־צייַגערס פונ דער ארבעט, וואָס זייַנענ דערגרייכט געוואָרנ אינ פראָצעס פונ סאָציאליסטישנ פארמעסט, זייַנענ געוואָרנ מוסטערנ, וואָס לויט זיי פלעגנ זיכ גלייַכנ די מיליאָניקע אָטריאדנ ארבעטער אינ פסס"ר, אָט די בייַשפילנ

פונ ארבעט־העראָיזמ זײַנענ געווענ מוסטערנ פונ העראָישנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט פארנ סאָציאליזמ, פונקט אזוי ווי אינ פעריאָד פונעמ בירגערקריג זײַנענ אזוינע מוסטערנ געווענ די העראָישע העלדנטאטנ פונ דער רויטער ארמײ.

אינ דאָרפ האָבנ די פארטײ־אָרגאניזאציעס אינעמ דריטנ יאָר פונ פינפיאָר געקעמפט פארנ אויספילנ די באשלוסנ פונעמ דעקאבערשנ צ״ק־פלענומ, וואָס האָט אוועקגעשטעלט די אויפגאבע ארומצונעמענ דורכ דער קאָלעקטיוויזאציע:

80 פראָצענט פויערשע ווירטשאפטנ אינעמ סטעפ־טייל אוקראינע, אינ הינטער־וואָלגער טייל פונ נידער־וואָלגער קאנט, אינ צפונ־קאווקאז;

50 פראָצענט אינ דער צענטראל־שווארצערדישער געגנט, אפנ אוראל, אינ סיביר און אינ אײניקע ראיאָנענ פונ קאזאקסטאנ און אוקראינע;

20 פראָצענט אינ די טווע־ראיאָנענ פונ געברויכ־פאס (מאָסקווער, לענינגראדער, איוואנאָווער געגנטנ א. אנד.).

אָט די ארבעט פונ די פארטײ־אָרגאניזאציעס אינ דאָרפ אפ ווײַטער פאנאנדערצוויקלענ די קאָלעקטיוויזאציע פלעגט פאָרקומענ אינ דער ענגסטער פארבינדונג מיטנ דורכפירנ דעמ צווייטנ באָלשעוויסטישנ פרילינג און דערנאָכ די אראָפנעמ־קאמפאניע און די טווע־פארגרייטערישע קאמפאניע. די וויכטיקסטע פארטײ־אויפגאבע אינ דאָרפ איז אינ יענעמ פעריאָד געווענ — אָרגאניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעכ צו פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ.

דער צ״ק פונ דער פארטײ האָט אינ זײַנ באשטימונג דעמ 2 אווגוסט 1931 יאָר „וועגנ די טעמפנ פונ דער ווײַטערדיקער קאָלעקטיוויזאציע און וועגנ די אויפגאבעס צו פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ“ מיט א באזונדער קראפט אונטערגעשטראָכנ, אז די פארטײ־אָרגאניזאציעס דארפנ אוועקשטעלנ אינ צענטער פונ זייער ארבעט דאָס אָרגאניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעכע פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ אינ זייער איצטיקער אָרטעלישער אנטוויקלונג־סטאדיע. די אָרגאניזירונג פונ דער ארבעט, די אוועקשטעלונג פונעמ דיסקאָנט, דאָס דורכפירנ די שטיק־ארבעט, דער קאמפ פאר דער קוואליטעט פונ דער ארבעט, די אָרגאניזירונג פונ הויכ־סכוירעדיקע קאָלווירטישע פערמעס, דאָס שאפנ קאדרענ — אָט די אלע פראגעס זײַנענ ארויסגערוקט געוואָרנ אלס ערשטרייַקע אויפגאבעס פונ דער פארטײ־ארבעט אינ דאָרפ. צו זומער 1931 יאָר האָבנ א רײ גרעסטע ראיאָנענ פונ פסס״ר — צפונ־קאווקאז, נידער־וואָלגע, דער לינקברעגיקער טייל מיטל־וואָלגע, דער איבערוועגנדיקער טייל פונ אוקראינע און קרימ א. אנד. — שוינ אינ גרונט פארענדיקט די קאָלעקטיוויזאציע, ארומנעמענדיק העכער 80% פויערשע ווירטשאפטנ. די מערהײַט אנדערע ראיאָנענ (צענטראל־שווארצערדישע געגנט, מײַרעוו־סיביר, די באוולניק־ראיאָנענ פונ מיטל־אזיע א. אנד.) זײַנענ געווענ אפנ וועג צומ פארענדיקנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע. די אויפגאבע ארײַנצוציִענ די אָרעמ־מיטלפויערשע מאסנ אינ די קאָלווירטנ ארײַנ האָט, אזויארומ, געהאלטנ אינ געלייזט ווערנ מיט דערפאָלג אפנ גרונט פונ דער פאָליטיק פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע און ליקווידאציע פונעמ באלעגופנטומ אלס קלאס. אינ אָט די באדינגענ האָט זיכ פאר דער פארטײ מיט א באזונדער קראפט געשטעלט די פראגע וועגנ פארפעסטיקנ די פאראנענע דערגרייכונגענ, וועגנ פארשטארקנ די געשאפענע קאָלווירטנ. דער צ״ק האָט אינ זײַנע באשלוסנ אָנגעוויזנ, אז אזויווי עס איז שוינ פארענדיקט די ערשטע סטאדיע פונ דער אָרגאניזאציאָנעלער אויספורעמונג פונ די קאָלווירטנ, וואָס האָבנ ארומגעכאפט מער ווי צוויי דריטל אָרעמ־מיטלפויערשע באפעלקערונג, — איז איצט דארפ מענ קאָנצענטרירנ די הויפט־אויפמערקזאמקײַט אפנ אָרגאניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעכנ פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ. די פארטײ־ארבעט אינ דאָרפ דארפ מענ פאנאנדערוויקלענ ארומ אָט די פראגעס, וואָרעמ דער ווײַטערדיקער אָנגריפ פונ סאָציאליזמ אינ דאָרפ איז איצט געווענ געווענדט דעריקער פונ די דערפאָלגנ פונ דער קאָלווירטישער פראָדוקציע.

אפנ גרונט פונ די אָנווײַזונגענ פונעמ יונ־פלענומ און פונ די באשלוסנ פונעמ צ״ק אינ 1931 יאָר האָבנ די פארטײ־אָרגאניזאציעס פאנאנדערגעוויקלט אנ ארבעט אפ

ריכטיק צו אָרגאַניזירנ די ארבעט אינ די קאָלווירטנ, אפ ריכטיק צו צעטיילנ די האכנאָסעס—ניט לויט דער צאָל עסערס, נאָר לויט דער צאָל ארבעטטעג. די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ אָרגאניזירט די ארבעט אפנ גרונט פונ שטיק־אָפּצאָל אונ פלעגנ באוואָרענע, אז צו די טראקטערס, צו די פערד א. אז. וו. זאָל צוגעפעסטיקט ווערנ א שטענדיקער באשטאנד טוער. דורכ דידאָזיקע מאָסמיטלענ פלעגט די פארטיי פארפעסטיקנ די נייע קאָלווירטישע אָרדענונג, פארבעסערנ די קאָלווירטישע אונ ראטווירטישע פראָדוקציע, ארויסיאָגנדיק פונ דאָרטנ די באלעגופישע אויסגלייכעריי אונ אָנפערזאָניקייט.

כ׳ סטאלינס 6 באדינגענ.

אינעמ קאמפ פארנ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ די באדינגענ פונ דער אומגעוועענער אינ דער וועלט בויונג האָט געמוזט באקומענ א קאָלאָסאלנ באטייט די קוואליטעט פונ דער ארבעט. ס׳האָט זיכ אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ דער גאנצער סיסטעמ אונ וועגנ די מעטאָדנ פונ דער ארבעט אינ די נייע באדינגענ, וועג עס איז דערגרייכט געווענ א קאָלאָסאלער וווקס פונעמ סאָציאליסטישנ סעקטער אונ ווענ דער סאָוועטנפארבאנד איז אריינגעטראָטנ אינ פעריאָד פונ סאָציאליזמ.

פארנ לעצטנ פעריאָד האָבנ זיכ די אנטוויקלונג־באדינגענ פונ אונדזער לאנד היפש געענדערט, עס האָט זיכ געשאפנ א נייע סיטואציע, וואָס האָט געפאָדערט נייע ארבעט־מעטאָדנ. אונ א ריי אָנפירער־ווירטשאפטלער האָבנ ניט פארשטאנענ די ענדערונג פונ דער סיטואציע אונ פלעגנ זיכ ווייטער ארבעטנ אפנ אלטנ שטייגער.

כ׳ סטאלינ האָט אינ סאמע אָנהייב פונעמ דריטנ, אנטשיידנדיקנ יאָר פונעמ פינפיאָר—אינ פעווראל אונ אינ יונ 1931 י.—אופגעדעקט אינ זיינע ארויסטרעטונגענ די גרונט־פעלערנ אינ דער ארבעט אונ האָט ארויסגערוקט א דיטלעכע פראָגראמ, וויאזוי דער ווייטערדיקער גאנג פונ דער סאָציאליסטישער בויונג פאָדערט איבערצובויענ די אָנפירונג.

כ׳ סטאלינ האָט פריער פאר אלצ אונטערגעשטראָכנ מיט דער גאנצער קראפט די נייטיקייט צו קעמפנ פאר גיכע טעמפּנ פונ סאָציאליסטישער בויונג.

„מיר זיינענ אָפּגעשטאנענ פונ די פאָרגעשריטענע לענדער אפ 100—50 יאָר,—
האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ,—מיר מוזנ דורכלויפנ אָט די שטרעקע אינ צענ יאָר.
איז אָדער מיר וועלנ דאָס אָפּטונ, אָדער מע וועט אונדז דערקוועטשנ” [1].

ארויסרוקנדיק דידאָזיקע קאָלאָסאלע היסטאָרישע אופגאבע, האָט כ׳ סטאלינ אָנגעוויזנ, וויאזוי מיר דארפנ ארבעטנ, אפ וואָסערע גרונט־פראגעס מע מוז קאָנצענטרירנ די אופמערקזאמקייט פונ דער פארטיי אונ פונ דער פראָלעטארישער מעלוכע.

פריער פאר אלצ האָט זיכ געשטעלט מיט דער גאנצער שארפקייט די פראגע וועגנ באהערשנ די טעכניק פונ דער פראָדוקציע. קעדיי אָנצופירנ מיט דער ווירטשאפט אינ אלע אירע צווייגנ, דאָרט ווו עס ארבעט דער געגעבענער קאָמוניסט, די געגעבענע פארטיי־אָרגאניזאציע, דארפנ זיי באהערשנ די טעכניק, וואָרעמ אָנ דעמ ווערט די אָנפירונג פארוואנדלט אינ א פוסטנ אונטערשרייבנ פאפירנ. אפ דער ערשטער אלפארבאנדישער קאָנפערענצ פונ די טוערס פונ דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע דעמ 4 פעווראל 1931 יאָר האָט כ׳ סטאלינ ארויסגערוקט דעמ לאָזונג צו „באהערשנ די טעכניק”. דערדאָזיקער לאָזונג האָט געשפילט א קאָלאָסאלע ראָליע אינ דער סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע אונ איז געוואָרנ די ארבעט־פראָגראמ פאר די פארטיי־אָרגאנענ אונ פאר די אָרגאניזאציעס פונעמ ארבעטער־קלאס. די אופגאבע באשטייט אינ דעמ, האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ,

„... אז מיר אליינ זאָלנ באהערשנ די טעכניק, מיר אליינ זאָלנ ווערנ די באלעבאטימ פונ דער זאכ. בלויז אינ דעמ ליגט די גאראנטיע, אז אונדזערע פלע־

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 584.

נער וועלן אײַנגאַנצן אויסגעפּילט ווערן... די באָלשעוויקעס דאַרפן באַהערשן די טעכניק. ס'איז שוין צײַט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אַליין ווערן ספּעציאַליסטן. די טעכניק אין רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד אַנטשיידט אַלץ"[1].

באַלד נאָך דעם, אין דער רעדע אויף דער באַראַטונג פון דיווירטשאַפטלער — דעם 23 יוני 1931 י. — האָט כ' סטאַלין אָנגעצייכנט די פּראָגראַם פונעם ווײַטערדיקן איבערבויען די אַרבעט. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער באַזונדערער געפאַר פון דער אויסגלײַכערײַ און אָנפּערזאָניקײַט, וואָס האָבן באַקומען אַ פאַרשפּרייטונג אין דער אַרבעט פון דער אינדוסטריע.

די „לינקאַטשישע" עלעמענטן פלעגן די אויסגלײַכערײַ דערפירן ביז אַ פּרינציפּ און פלעגן האַלטן, אַז אויפן איצטיקן עטאַפּ דאַרף פאַרניכטעט ווערן דער אונטערשייד צווישן קוואַליפיצירטער און ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעט און דער אונטערשייד אין זייער באַלוינונג. אַ קאָלאָסאַל בייז אין דער אַרבעט פון דער אינדוסטריע איז געווען די פליסעוודיקײַט פון דער אַרבעט־קראַפט. די סיבעס פון אָט דער פליסעוודיקײַט זײַנען געווען: די ניט־ריכטיקע אָרגאַניזירונג פונעם אַרבעטלוין, די ניט־ריכטיקע טאַריף־סיסטעם, די „לינקאַטשישע" אויסגלײַכערײַ אין געביט פון אַרבעטלוין. די אויסגלײַכערײַ פלעגט פירן צו אַ פליסעיודיקײַט פון דער אַרבעט־קראַפט און פלעגט ניט אַרויסרופן בײַ די אַרבעטער קיין שטרעבונג צו העכערן זייער קוואַליפיקאַציע.

אַ קאָלאָסאַל בייז איז אויך געווען די אָנפּערזאָניקײַט אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט אין די אונטערנעמונגען, וואָס פלעגט אויך געשטיצט ווערן דורך די „לינקאַטשעס". די אָנפּערזאָניקײַט פלעגט פירן צום פאַרניכטן דעם אַרבעטערס פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אַרבעט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, און פאַר די ווערקשטעלן, מאַשינעס און אַנדער פּראָדוציר־געצײַג, וואָס זײַנען אים אָנגעטרויט געוואָרן. אָט די אויסגלײַכערײַ און אָנפּערזאָניקײַט פלעגן ברענגען אַ קאָלאָסאַלן שאָדן דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אָנווײַזנדיק אויף אָט די אַלע פעלערן אין דער אַרבעט און אויפן ניט דיסקאָנטירן די נײַע באַדינגען, האָט כ' סטאַלין אַרויסגערוקט אַ פּראָגראַם פון איבערבויען די אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען פון 6 באַדינגען, וועלכע שאַפן אַן אײנהײַטלעכע גאַנצע סיסטעם און נעמען אַרום אַלע גרונט־פראַגעס פון דער אָנפירונג מיט דער עקאָנאָמיק אין לאַנד.

בענעגייע אַרבעט־קראַפט איז איצט די אויפגאַבע באַשטאַנען אין דעם, אַז מע זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויפן זעלבשטראָם, אויף דעם, אַז אַרבעטער וועלן אַליין קומען פון דאָרף אין די אונטערנעמונגען אַרײַן, נאָר מע זאָל אַריבערגיין צום אָרגאַניזירטן ווערבירן און צוגרייטן אַרבעט־קראַפט פאַר דער אינדוסטריע. פריער פלעגט די אַרבעטלאָזיקײַט, דער דאַלעס און דער הונגער אין דאָרף טרײַבן מענטשן אין שטאָט אַרײַן. איצטער איז די אַרבעטלאָזיקײַט ליקווידירט, די דיפערענצירונג אין דאָרף און די באַלעגופישע עקספּלואַטאַציע זײַנען אַרונטערגעריסן אין וואָרצל, און די קאָלווירטן גיבן אַ מעגלעכקײַט די פויערים צו לעבן און צו אַרבעטן אויף אַ מענטשלעכן אויפן. דערפון דרינגט אַרויס די נייטיקײַט, ערשטנס, צו ווערבירן אַרבעטער אויף אַן אָרגאַניזירטן אויפן — דורכן שליסן אָפּמאַכן מיט קאָלווירטן און מיט קאָלווירטניקעס, און, צווייטנס, דרינגט דערפון אַרויס די נייטיקײַט — טייקעף איבערצוגיין צום מעכאַניזירן די שווערערע אַרבעטן (אָנלאָדונג, אויסלאָדונג, בוי־אַרבעטן א. אז. וו.).

בענעגייע דעם אַרבעטלוין איז די אויפגאַבע באַשטאַנען אין דעם, מע זאָל פאַרניכטן די אויסגלײַכערײַ און אײַנשטעלן אַזאַ אַרבעטלוין־פּאָליטיק, וואָס זאָל באַוואָרענען דאָס פאַרפעסטיקן די אַרבעטער אין דער אונטערנעמונג, וואָס זאָל דורכפירן אַן אונטערשייד צווישן קוואַליפיצירטער און ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעט. קוואַליפיצירטע אַרבעט איז נייטיק העכער צו באַלוינען, כדי צו שאַפן אַ שטרעבונג בײַם אַרבעטער צו העכערן די קוואַליפיקאַציע. ס'איז אויך נייטיק סיסטעמאַטיש צו קעמפן פאַרן העכערן דעם מאַטעריעל־קולטורעלן ניוואָ פון די אַרבעטער.

---

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 583, 585.

באנײַע ארגאניזירנ די ארבעט איז די אופגאבע באשטאנענ אינ דעמ, מע זאָל ליקווידירנ די אָנפערזאָניקײַט, ווײַל זי באטײַט דאָס פעלנ פונ יעדער פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער אופגעגעבענער ארבעט, פאר די ווערקשטעלנ אונ אינסטרומענטנ. ס'איז נײטיק געווענ צו דערשלאָגנ זיכ, אז יעדער ארבעטער זאָל זײַנ פולשטענדיק פאראנטוואָרטלעכ פאר זײַנ ארבעט אונ פאר דעמ מעכאניזמ, וואָס מע האָט אימ אָנגעטרויט. ווײַטער האָט מענ געמוזט ריכטיק צעשטעלנ די קויכעס, ריכטיק אָרגאניזירנ די ארבעט אינ יעדער אונטערנעמונג, אונ אפ אָט דעמ גרונט קעמפנ פארנ סיסטעמאטישנ העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אונ פארנ פארבעסערנ די קוואליטעט פונ דער פּראָדוקציע.

באנײַע דער פּראָדוציר־טעכנישער אינטעליגענצ זײַנענ די באדערפענישנ פונעמ לאנד אויסגעוואקסנ אינ צענדליקער מאָל אזויפיל. אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז נײטיק געווענ צו דערשלאָגנ זיכ, אז דער ארבעטער־קלאס פונ אונדזער לאנד זאָל האָבנ זײַנ אייגענע פּראָדוציר־טעכנישע אינטעליגענצ. צוליב דעמ האָט מענ געמוזט, פונ איינ זײַט, צוגרייטנ דידאָזיקע קויכעס אינ לערנ־אנשטאלטנ, אונ, פונ דער אנדערער זײַט, צוגרייטנ זיי פונ צווישנ די פּראקטישע טוערס אינ די אונטערנעמונגענ, פונ צווישנ די פאָרגעשריטענע קולטורעלע ארבעטער־שלאָגלערס.

בא דער אלטער טעכנישער אינטעליגענצ, אפילע בא יענעמ טייל אירנ, וואָס פלעגט פריִער מיטפילנ די שעדיקערס, האָבנ זיכ צומ אָנהייב דריטנ יאָר פונ פינפיאָר באוויזנ באשטימטע סימאָנימ פונ א קער צו דער סאָוועטנמאכט.

דאָס צעגראָמירנ אונ דעמאסקירנ די שעדיקערשע אָרגאניזאציעס, דער קראכ פונ די פּרווונ פונ א באוואָפנטנ קאמפּ קעגנ פּסס״ר אונ די דערפּאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג — אָט דאָס האָט אלצ מער באוואָרנט דעמדאָזיקנ קער. אינ איינקלאנג דערמיט האָט מענ געדארפט ענדערנ די באציִונג צו די אלטע אינזשענער־טעכנישע קויכעס, באציִענ זיכ צו זיי מיט מער אופמערקזאמקײַט אונ זאָרג, דרייסטער צוציִענ זיי צו דער ארבעט.

באנײַע דער ווירטשאפטלעכער אויסרעכענונג איז די אופגאבע באשטאנענ אינ דעמ, אז די אָנזאמלונגענ, וואָס זײַנענ נײטיק פאר דער ווײַטערדיקער בויונג, זאָל מענ באוואָרענענ אינ דער שווערער אינדוסטריע גופע. פאר יענע גראנדיִעזע ארבעטנ, וואָס עס האָט אָנגעמערקט דער פינפיאָריקער פּלאנ, זײַנענ שוינ קארג געווענ די אלטע אָנזאמלונגענ, וואָס פלעגנ גיינ פונ דער לײַכטער אינדוסטריע, פונ דער לאנדווירטשאפט אונ פונעמ סאָוועטישנ בידזשעט. עס האָבנ זיכ געפּאָדערט צוגאָב־אָנזאמלונגענ, אונ זיי דארפ געבנ די שווער־ע אינדוסטריע גופע. צוליב דעמ איז נײטיק שטרענג דורכצופירנ די ווירטשאפטלעכע אויסרעכענונג אינ אלע אונטערנעמונגענ, אונ דאָס באטײַט פארניכטנ די אומווירטשאפטלעכקײַט, סיסטעמאטיש אראָפּזעצנ דעמ קערנקאָסט, מאָביליזירנ די אינערלעכע רעסורסנ פונ דער אינדוסטריע.

כ' סטאלינס 6 באדינגענ האָבנ א קאָלאָסאלנ היסטאָרישנ באטײַט. זיי באשטימענ דעמ עצעמ טאָכ, די ארבעט־סיסטעמ פונ אָנפירנ מיט אלע פאָלקווירטשאפט־צווײַגנ; זיי באשטימענ די לאגע, די רעכט אונ פליכטנ פונ יעדנ ארבעטער באנײַע דער מעלוכע־אונטערנעמונג. אינ זיי איז געווענ אונטערגעשטראָכנ די אויסשליסלעכע וויכטיקײַט פונעמ פּרינציפּ פונ איינפערזאָניקער אָנפירונג.

א ריי פעלערנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע, האָבנ איידעס געזאָגט, אז עס האָט געפעלט קענטשאפט אויסצונוצנ אלע קאָלאָסאלע מעגלעכקײַטנ פונעמ סאָוועטנפארבאנד, עס האָט געפעלט קענטשאפט ריכטיק אָנצופירנ מיט די זאוואָרנ, פאבריקנ אונ מיט אנדערע אונטערנעמונגענ. קעדיי גוט אוועקצושטעלנ די אָנפירונג אפ א נײַעמ אויפנ, איז נײטיק, צומאלעמערשטנ, צו פארשטיינ די נײַע סיטואציע, די נײַע באדינגענ פונ דער ארבעט אינ דער אינדוסטריע אונ איבערצובויענ די ארבעט אינ העסקעמ מיט די פּאָדערונגענ פונ אָט דערדאָזיקער סיטואציע.

„צוליב דעם פּאָדערט זיכ,—האָט געזאָגט כ׳ סטאַלינ,—אַז אונדזערע ווירט־שאַפטלעכע אָנפירערס זאָלנ אָנפירנ מיט די אונטערנעמונגענ ניט „אינ אַלגע־מיינ, ניט „פונ דער לופט“, נאָר קאָנקרעט, זאַכלעכ. אַז זיי זאָלנ צוגייג צו יעדער פראַגע ניט פונעמ שטאַנדפּונקט פונ אַלגעמיינער פּלאַפּלערײַ, נאָר אַפּ א שטרענג־זאַכלעכנ אויפנ, אַז זיי זאָלנ זיכ ניט באַגרענעצנ מיט פּאַפּיר־שרײַבערײַ אָדער מיט אַלגעמיינע פראַזעס אונ לאָזונגענ, נאָר זיי זאָלנ אַרײַנדרינגענ אינ דער טעכניק פונ דער זאַכ, אינ די דעטאַלנ פונ דער זאַכ, אַרײַנדרינגענ אינ די „קלייניקײַטנ“, וואָרעמ פונ „קלייניקײַטנ“ בויענ זיכ איצט גרויסע זאַכנ... מע דאַרפ מאַכנ א סאָפּ צו דער פּאַפּירענער „אָנפירונג“ אונ איבערשליסנ זיכ אַפּ א ווירקלעכער, זאַכלעכער, באָלשעוויסטישער אַרבעט“ [1].

כ׳ סטאַלינס 6 באַדינגענ זײַנענ א קאָנקרעטע אַרבעט־פּראָגראַמ; זיי ווײַזנ אָנ, וויאַזוי מע דאַרפ אינ די נײַע באַדינגענ אַפּ א נײַעמ אויפנ אַרבעטנ, אַפּ א נײַעמ אויפנ אָנפירנ, כדי אויסצופילנ די גראַנדיעזע אויפגאַבעס פונעמ פינפיאָר־פּלאַנ אונ מיט דערפאָלג צו פאַרווירקלעכנ דאָס אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ.

אַזוי אַרומ, איז צוזאַמענ מיט די פעסטגעשטעלטע אויפגאַבעס אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג אָנגעוויזנ געוואָרנ דער וועג אונ די מיטלענ, וויאַזוי זיי אויסצופילנ.

פאַר אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זײַנענ כ׳ סטאַלינס 6 באַדינגענ געווענ די וויכ־טיקסטע אַרבעט־פּראָגראַמ אינ פאַרלויפ פונעמ גאַנצנ ווײַטערדיקנ פּעריאָד, ביזנ איצ־טיקנ מאָמענט. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אינ גאַנצנ לאַנד—אינ די אונטערנעמונגענ, קאָלווירטנ, אַנשטאַלטנ א. אַז. וו.—האָבנ פאַנאַנדערגעוויקלט א קאָלאָסאַלע אַרבעט אַפּ דורכצופירנ אינ לעבנ כ׳ סטאַלינס 6 באַדינגענ אונ האָבנ אומאָפּגעוויגלעכ געקעמפט דערפאַר, אַז מע זאָל דידאָזיקע באַדינגענ אײַנוואָרצלענ אינ אַלע צווײַגנ פונ אונדזער ווירטשאַפט, אינ אַלע באַצירקנ פונ דער ריזיקער סאָוועטנ־מעלוכע. די פּאַרטיי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א גרויסע אַרבעט פאַר טעכנישער לערע, פאַרנ באַהערשנ די פּראָדוציר־טעכניק, שאַפנדיק אינ גאַנצנ לאַנד א קאָלאָסאַלע נעצ טעכנישע שולנ, קרײַזלעכ צו דערלערנענ די טעכניק פונ דער פּראָדוקציע א. אַז. וו.

דער קאַמפ פאַרנ רעקאָנסטרויִרנ דעמ טראַנספּאָרט אונ די שטאָטישע ווירטשאַפט אונ פאַרנ פאַנאַנדערוויקלענ דעמ קאָלווירטישנ האַנדל.

נאָכדעמ, ווי די פּאַרטיי האָט זיכ דערשלאָגנ אינ פאַרלויפ שוינ פונ די ערשטע יאָרנ פונ פינפיאָר דערצו, אַז עס איז געלייזט געוואָרנ די טווע־פּראָבלעמ, אונ דאָס לאַנד איז באַזאָרגט געוואָרנ מיט ברויט, האָט זי פאַרשאַרפט די אויפמערקזאַמקײַט אַפּנ לייזנ די איבעריקע באַזאָרגונג־פראַגעס. דידאָזיקע פראַגעס זײַנענ ספּעציעל באַהאַנדלט געוואָרנ אַפּ די פּלענומס פונ צענטראַל־קאָמיטעט.

אַפּנ פּלענומ פונ צענטראַל־קאָמיטעט אינ אָקטיאַבער 1931 יאָר איז אָנגעמערקט געווענ א גרויסע פּראָגראַמ פונ ברייטנ פאַנאַנדערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האַנדל. דער צ״ק האָט אונטערגעשטראָכנ, אַז דער וווּקס פונ דער לײַכטער אינדוסטריע אונ די וואַקסנדיקע מעגלעכקײַטנ צו פאַרגרייטנ לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ באַוואָ־רענענ די אָנגעמערקטע פאַנאַנדערוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל. כדי צו פאַר־ווירקלעכנ דידאָזיקע אויפגאַבע, האָט מענ געמוזט אַפּנ סאַמע אַנטשלאָסענעמ אויפנ קעמפנ קעגנ דעמ פאַרסכוירעוועג, מע האָט געמוזט פאַרגרעסערנ די צאָל מאַגאַזינענ, קלייטנ אינ דער גאַנצער האַנדל־נעצ, דערשלאָגנ זיכ צו א גרינטלעכנ פאַרבעסערנ די אַרבעט פונעמ האַנדל־קאָאָפּעראַטיוונ אַפּאַראַט.

דער פּלענומ האָט אָנגעוויזנ, אַז די הויפּט־סיבע, וואָס טאָרמאָזירט דאָס פאַנאַנ־דערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האַנדל, איז דאָס, וואָס א היפּשער טייל טוערס

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 602.

פונעם האנדל־קאָאָפעראטיוונ אפאראט זײַנענ ניט פײַיק אריבערצוגײַנ פונעם מעכאנישנ פאנאנדערטײַלנ סכוירעס צום פאנאנדערוויקלענ דעם סאָוועטישנ האנדל. פונ דעמדאָזיקנ אפאראט איז, ווי ס׳האָט אונטערגעשטראָכנ דער צ״ק, ניט בלויז ניט ארויסגעיאָגט דער נעפּמאנישער גײַסט, נאָר פארקערט — פאר דער לעצטער צײַט האָט זיכ אָט דער גײַסט נאָכ מער פארשטארקט. דערדאָזיקער נעפּמאנישער גײַסט פלעגט זיכ ארויסדריקנ אינעם פעלנ פונ א ווירקלעכער זאָרג פארנ געברויכער, אינעם גראָבנ ברעכנ די פרײַזנ־פּאָליטיק, אינעם פארכאפּנ זיכ מיטנ קאָמערציעלנ האנדל אונ אינעם יאָגנ זיכ נאָכ הויכע רעוואָכים. פאר די פארטיי־אָרגאניזאציעס איז מיט א באַזונדער קראפט ארויסגעשטעלט געוואָרנ די אויפגאבע אויסצוואָרצלענ אָט די אַלע דעפעקטנ, וואָס שטערנ פאנאנדערצוּוויקלענ דעם סאָוועטישנ האנדל.



א נײַער ארבעטער־ייִשעוו אינ באקו.

דער צ״ק פלעגט אונטערשטרײַכנ אינ יענעם פעריאָד, אז בלויז אפנ גרונט פונ פאנאנדערוויקלענ דעם סכוירע־אומזאצ איז מעגלעכ גיכ צו באוואָרענענ די ווײַטערדיקע פארבעסערונג פונעם באזאָרגנ די ארבעטער אונ די האָרעפאשניקעס אינ דאָרפ מיט אינדוסטריעלע סכוירעס אונ מיט לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ.

אביסל שפעטער האָט די פארטיי אָנגעוויזנ, אז דאָס דורכפירנ די אָנגעמערקטע מאָסמיטלענ אינ געביט פונ סכוירע־אומזאצ וועט געבנ א מעגלעכקײַט צוצוגרייטנ אפנ גרונט פונעם דערגרייכטנ וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט דאָס אָפּשאפנ דעם נאָרמירטנ סכוירע־פארקויפ אונ פארבײַטנ די סיסטעם פונ צענטראליזירטער פארטיילונג אפ א פאנאנדערגעוויקלטנ סאָוועטישנ האנדל.

דאָסדאָזיקע פאנאנדערוויקלענ דעם סאָוועטישנ האנדל דארפ מענ דורכפירנ איינצײַטיק מיטנ ניט־אָפּגעגעניגטנ קאמפ קעגנ יעדער מינ ספעקוליאציע אונ אפנ גרונט פונעם פעסטנ דורכפירנ די סאָוועטישע פרײַזנ־פּאָליטיק.

ארויסרוקנדיק אָט די אַלע אויפגאבעס, האָט די פארטיי פעסט א קלאפּ געטאָנ איבער יענע „לינקאטשישע" עלעמענטנ, וואָס פלעגנ — אינ קעגנזאצ צו דער פארטיי־ליניע אפ פאנאנדערצוּוויקלענ דעם סכוירע־אומזאצ — ארויסרוקנ טעאָריעס, אז „דאָס געלט שטארבט אָפּ" — אונ מע דארפ איבערגײַנ צו א „פראָדוקטנ־אויסטויש" א. אז. וו. שוינ אפ דער געגעבענער סטאדיע פונ דער סאָציאליסטישער בויונג.

די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע ארבעט אפ צו פארבעסערנ אינ די קירצסטע טערמינענ דאָס באזאָרגנ די ארבעטער מיט פראָדוקטנ. צוליב דעם האָט מענ גענומענ שאפנ א פעסטע באזע אינ דער פאָרמע פונ ראטווירטנ, בײַשטאָטישע ווירטשאפטנ פונ דער ארבעטער־קאָאָפעראציע, בא די פאבריקנ אונ זאוואָדנ א. אז. וו.

אפנ צ״ק־פּלענומ אינ אָקטיאבער 1931 יאָר איז אוועקגעשטעלט געווענ די פראגע וועגנ ברייטנ פאנאנדערוויקלענ דעמ קאָלווירטישנ האנדל.

איינפירנדיק דעמ קאָלווירטישנ האנדל, איז די פארטיי אונ די רעגירונג ארויסגעגאנגענ דערפונ, אז מע דארפ געבנ דעמ פויער א נייעמ סטימול צו פארבעסערנ די קאָלווירטנ־ארבעט, געבנ די קאָלווירטניקעס א צוגאָב־קוואל פונ האכנאָסע אונ פארפעסטיקנ זייער ווירטשאפטלעכע לאגע. דאָס, וואָס די קאָלווירטנ פארקויפנ זייער פראָדוקציע אפנ מארק, נאָכנ צושטעלנ די אָפּגערעדטע צאָל פראָדוקציע פאר די מעלוכע־אָרגאנענ,—דאָס איז געווענ גלייכצייטיק א נייער אונ וויכטיקער קוואל צו פארבעסערנ ווייטער די ארבעטער־באזאָרגונג. איינפירנדיק דעמ קאָלווירטישנ האנדל, האָט דער צ״ק דיסקאָנטירט ניט בלויז די פּאָזיטיווע זייטנ דערפונ, נאָר אויכ די נעגאטיווע זייטנ. אז ס׳איז דערקלערט געוואָרנ דער קאָלווירטישער האנדל אונ ס׳האָט זיכ איינגעשטעלט א העכערער מארק־פּרייז אפ טוווע, האָט זיכ בא די פויערימ געשאפנ א געוויסע איינגעהאלטנקייט אינ פראט פונ צושטעלנ טוווע דער מעלוכע. דיסקאָנטירנדיק דאָס, האָט דער צ״ק פ.נ דער פארטיי אונ די רעגירונג בעפיירעש אָנגעוויזנ, אז דעמ קאָלווירטישנ טוווע־האנדל מעג מענ עפענענ בלויז נאָכ דעמ, ווי עס וועט אינגאנצנ אויסגעפילט ווערנ דער פּלאנ פונ די טוווע־פארגרייטונגענ אונ דאָס צונויפזאמלענ די זריע.

באלד נאָכ די באזאָרגונג־פראגעס האָט די פארטיי אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ דער שטאָטישער ווירטשאפט אונ וועגנ פארבעסערנ די שטייגער־באדינגענ פונעמ ארבעטער־קלאס. אפנ צ״ק־פּלענומ אינ יונ 1931 יאָר האָט דער צענטראל־קאָמיטעט לויט כ׳ ל. מ. קאהאנאָוויטשעס א ספּעציעלנ פאָרטראָג אָנגעצייכנט א ברייטע פראָגראמ פונ סאָציאליסטישנ איבערבויענ די שטאָטישע ווירטשאפט. די באשלוסנ פונעמ יונ־פּלענומ זיינענ געווענ א קער־פּונקט אפנ וועג צו שאפנ א סאָציאליסטישע ווירטשאפט פונ די שטעט. אפנ גרונט פונ אָט די באשלוסנ האָט די פארטיי אָפּגעטאָנ א קאָלאָסאלע ארבעט אינ דעמ געביט. אינ פארלויפ פונעמ ערשטנ פינפיאָר איז ברייט פאנאנדערגעוויקלט געוואָרנ די ארבעט אפ סאָציאליסטיש איבערבויענ די גרעסטע פּראָלעטארישע צענטערס — מאָסקווע, לענינגראד, כארקאָוו, סווערדלאָווסק א. אנד. אונ אויכ אפ וווילייגאָרדענענ די נייע שטעט, וואָס זיינענ געשאפנ געוואָרנ פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר. אינ פארלויפ פונ פינפיאָר איז אויסגעבויט געווענ 27 מיליאָנ קוואדראט־מעטער וווינ־שעטעכ אפ א סומע פונ העכער 4 מיליארד רובל. אינ מאָסקווע זיינענ אויסגעבויט געוואָרנ 3100 הייזער מיט א שעטעכ פונ 2 מיליאָנ 100 טויזנט קוואדראט־מעטער, אינ לענינגראד — 1 מיליאָנ 350 טויזנט קוואדראט־מעטער, אינ דאָנבאס — 2 מיליאָנ 500 טויזנט קוואדראט־מעטער א. אז. וו.

א באזונדערס מוסטערדיקע ארבעט צו פארבעסערנ די שטאָטישע ווירטשאפט האָט אָפּגעטאָנ די מאָסקווער פארטיי־אָרגאניזאציע.

די מאָסקווער באָלשעוויקעס האָבנ אינ פארלויפ פונ אנ אויסערגעוויינלעכ קורצנ טערמינ באוויזנ צו פארוואנדלענ די געיארשנטע אלטע קויפּיקע סאָכרישע מאָסקווע אינ א ריינער, מוסטערדיקער הויפּטשטאָט פונ דער פּראָלעטארישער מעלוכע, אונ זיי קעמפנ אויכ ווייטער פארנ סיסטעמאטישנ פארבעסערנ די שטאָטישע ווירטשאפט.

איינעמ דריטנ יאָר פונ פינפיאָר האָט די פארטיי מיט א באזונדער קראפט ארויסגערוקט די פראגע וועגנ סאָציאליסטישנ רעקאָנסטרוירנ דעמ טראנספּאָרט אונ וועגנ פארבעסערנ זיינ ארבעט. אינ פארלויפ פונ 1931 יאָר איז דידאָזיקע פראגע צוויי מאָל געווענ געשטעלט אפנ פּלענומ פונ צענטראל־קאָמיטעט.

פארצייכענענדיק דעמ היפּשנ וווקס פונעמ אייזנבאנ־טראנספּאָרט פאר די נעפּ־יאָרנ, האָט דער צ״ק אָנגעוויזנ, אז דער טראנספּאָ״ט וואקסט ניט אינ דער מאָס, ווי עס ווערט פאנאנדערגעוויקלט די בוירונג אינ לאנד, אונ אינ רעזולטאט דערפונ איז דער טראנספּאָרט געוואָרנ א שמאָל אָרט אינ דער פאָלקווירטשאפט.

„די אָפּגעשטאנענקייט אינ דער טעכנישער איבערבאוואָפענונג פונעמ אייזנבאנ־טראנספּאָרט, די היפּשע אָפּגענוצטקייט פונ זיינ גרונט־קאפּיטאל, די שעדיקערייִ, וואָס האָט אָנגענומענ א גרויסנ פארנעמ פאר די פריערדיקע יאָרנ, —

פונ אײנ זײַט, און, פונ דער אנדערער זײַט, — די גרויסע אָרגאניזאַציאָנעלע פעלערנ אינ דער סיסטעם פונעם אָנפירנ מיטנ טראנספּאָרט און, דעריקער, דאָס דורכפירנ די אָנפּערזאָניקע פּאָר־סיסטעם באַם פעלנ פונ א געהעריקער טעכנישער באַזע און דאָס אײַנגלידערנ די אָנפּערזאָניקײַט אינ אנדערע רינגענ פונ דער טראנספּאָרט־ווירטשאפט — דאָס אלץ האָט געבראכט צו א פארערגערונג פונעם צושטאנד פונ לאָקאָמאָטיונ־פּארק, צו א שארפנ פאלנ פונ דער ארבעט־דיסציפּלינ, צו א פאלנ פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיוויקײַט און צו א היפּשער אַלגעמײנער פארערגערונג אינ דער ארבעט פונעם טראנספּאָרט אינ דער צווייטער העלפט 1930 יאָר און אינעם ערשטנ קווארטאל פונעם 1931 יאָר.

דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי האָט צודערצײַט מאָביליזירט די אופמערקזאמקײַט פונ דער גאנצער פּארטיי ארום די טראנספּאָרט־פראגעס און האָט אָ.געמערקט קארדינאלע מאָסמיטלענ אפ געזונט צו מאכנ די אײַזנבאנ־ווירטשאפט"[1].

די פּלענומס פונ צ"ק האָבנ אָנגעצייכנט א ברייטע פּראָגראם פונ איבערבויענ דעם טראנספּאָרט אינ פארבינדונג מיט די אלגעמײנע אופגאבעס פונעם רעקאָנסטרוקטיוונ פּעריאָד. דערבײַ איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכנ געוואָרנ די נייטיקײַט אריבערצופירנ דעם טראנספּאָרט אפ ווירטשאפטלעכער אויסרעכענונג און צו בויענ די גאנצע ארבעט אפנ גרונט פונ כ' סטאלינס 6 באדינגענ. קעדיי צו פארווירקלעכנ די גרויסע אופגאבעס, וואָס זײַנענ אוועקגעשטעלט געוואָרנ פארנ אײַזנבאנ־טראנספּאָרט, האָט דער צ"ק געוואָרפנ אהינ די נייטיקע פּארטייִשע קויכעס.

כ' סטאלינס בריוו „וועגנ אייניקע פראגעס פונ דער געשיכטע פונעם באָלשעוויזם".

די פארשארפונג פונעם קלאסנקאמפ אינעם רעקאָנסטרוקטיוונ פּעריאָד און די פארשטארקונג פונעם ווידערשטאנד מיצאד די קלאסנפײַנט פונעם פּראָלעטאריאט האָט געפונענ אנ אָפּשפּיגלונג אפנ טעאָרעטישנ פראָנט. די סאָנים פונ דער פּארטיי, וואָס זײַנענ צעקלאפּט געוואָרנ אינ דער אָפענער שלאכט, האָבנ זיכ גענומענ פּרוווּנ דורכצושמוגלענ זייערע פײַנטלעכע אידייעס, צודעקנדיק זיכ מיט דער פאָנ פונ דער מארקסיסטישער טעאָריע. די פּארטיי האָט צעקלאפּט דעם קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טראָצקיזם און דעם רעכטנ אָפּאָרטוניזם; זי האָט דעמאסקירט די פײַנטלעכע צום לעניניזם טעאָריעס אינ דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (וואָס עס האָט געפּריידיקט דער שעדיקער־מענשעוויק רובינ) און אינ דער פילאָסאָפיע (וואָס עס האָט געפּריידיקט דעבאָרינס גרופּע). זי האָט אופגעדעקט די אנטיפּארטייִשע טעטיקײַט פונ ריאזאנאָוונ, וועלכער פלעגט העלפנ דער מענשעוויסטישער קאָנטררעוואָליוציאָנערער ארבעט, א. אז. וו.

צום סאָפ 1931 יאָר האָט כ' סטאלינ אָנגעשריבנ א בריוו אינ זשורנאל „פּראָלעטארסקאיא רעוואָליוציא" — „וועגנ אייניקע פראגעס פונ דער געשיכטע פונעם באָלשעוויזם". דערדאָזיקער בריוו וועגנ די פראגעס פונ דער טעאָריע און געשיכטע פונעם באָלשעוויזם האָט געהאט א קאָלאָסאלנ באַטײַט פאר אונדזער פּארטיי און פארנ גאנצנ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל.

אינ זײַנ בריוו האָט כ' סטאלינ דעמאסקירט די טראָצקיסטישע קאָנטראבאנדע, וואָס פלעגט דורכגעשמוגלט ווערנ אינ דער ליטעראטור וועגנ דער פּארטיי־געשיכטע. די טראָצקיסטישע קאָנטראבאנדיסטנ פלעגנ דורכשמוגלענ געמײנע רעכילעס אפ לענינענ, אפ דער פּארטיי, אָפּלייקענענדיק דעם אינטערנאציאָנאלנ כאראקטער און באַטײַט פונעם באָלשעוויזם. אפ א רעכילעסדיקנ אופנ פלעגנ זיי זיכ פּרוווּנ שילדערנ לענינענ ווי א צענטריסט אָדער א האלב־צענטריסט, אינ דער צײַט ווענ לענינס גאנצע ארבעט איז א מוסטער פונ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ קעגנ אָפּאָרטוניזם, קעגנ צענטריזם אי אינ די רייענ פונ דער רסדא"פּ, אי אינעם II אינטערנאציאָנאל. יעדער טריט פונ לענינס קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ אינ רוסלאנד פלעגט גלײַכצײַטיק דערלאנ־

[1]) „ВКП(б) в резолюциях", ч. 2, стр. 699.

גענ אנ אומראכמאָנעסדיקנ קלאַפּ די אָפּאָרטוניסטנ אינעם II אינטערנאציאָנאל. לענינס ליניע אפ א שפּאלטונג מיט די אָפּאָרטוניסטנ־מענשעוויקעס אינ רוסלאנד איז געווענ א מוס־טער דערפונ, וויאזוי עס דארפנ האנדלענ עמעסע רעוואָליוציאָנערנ אינעם II אינטערנא־ציאָנאל. די קאָנטראבאנדיסטנ פלעגנ דורכשמוגלענ מענשעוויסטיש־טראָצקיסטישע רעכילעס וועגנ דער פּאָזיציע פונ די באָלשעוויקעס אינ די רעוואָליוציעס פונ די יאָרנ 1905 אונ 1917. די קאָנטראבאנדיסטנ פלעגנ לייקענענ דעם פאקט, אז די באָלשע־וויקעס מיט לענינענ אינ שפּיצ האָבנ נאָכ ביזנ 1905 יאָר ארויסגערוקט די טעאָריע וועגנ דעם אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָ־ליוציע אינ א סאָציאליסטישער אונ האָבנ דורכגעפירט אָט דידאָזיקע טעאָריע אינ דער פראקטיק בעשאס די רעוואָליוציעס פונ 1905 אונ 1917 יאָר. אינ זײַנ בריוו זאָגט כ׳ סטאלינ, אז דידאָזיקע „היסטאָריקער" סטארענ זיכ דורכצופירנ זייער קאָנ־טראבאנדיסטישע ארבעט דערוויַל לויט צוויי ליניעס.

„ע ר ש ט נ ס, סטארענ זיי זיכ צו דערווייַזנ, אז לענינ פלעגט אינעם פאר־מילכאָמע־פעריאָד ניט דערשאצנ די געפאר פונ צענטריזם. דערביַי לאָזט מענ איבער פארנ ניט־אויסגעפרווטנ לייענער זיכ אָנצושטויסנ, אז לענינ, הייסט עס, איז דעמלט נאָכ ניט געווענ קיינ עמעסער רעוואָליוציאָנער, אז ער איז אזא געוואָרנ ערשט נאָכ דער מילכאָמע, נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ „איבער־באוואָפנט" מיט טראָצקיס הילפ. פאר א טיפישנ פאָרשטייער פונעם דאָזיקנ מינ קאָנטראבאנדיסטנ קענ מענ רעכענענ סלוצקינ...

צ ו ו י י ט נ ס, סטארענ זיי זיכ צו דערווייַזנ, אז לענינ האָט אינעם פאר־מילכאָמע־פעריאָד ניט פארשטאנענ די נייטיקייַט דערפונ, אז די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע זאָל אריבערוואקסנ אינ א רעוואָליוציע א סאָציא־ליסטישער. דערביַי לאָזט מענ איבער פארנ ניט־דערפארענעמ לייענער זיכ אָנצושטויסנ, אז לענינ, הייסט עס, איז נאָכ דעמלט ניט געווענ קיינ עמעסער באָלשעוויק, אז ער האָט פארשטאנענ די נייטיקייַט פונ אזא מינ אריבערוואקסנ ערשט נאָכ דער מילכאָמע, נאָכדעמ, ווי ער האָט זיכ „איבערבאוואָפנט" מיט טראָצקיס הילפ. פאר א טיפישנ פאָרשטייער פונעם דאָזיקנ מינ קאָנטראבאנ־דיסטנ קענ מענ רעכענענ וואָלאָסעוויטשנ, דעם אווטער פונעם „קורס געשיכטע פונ אלק"פּ(ב)" [1].

כ׳ סטאלינ האָט דעמאסקירט אָט די אלע רעכילעסדיקע טעאָריעס סלוצקיס, וואָ־לאָסעוויטשעס אונ זייער גלייַכנ. כ׳ סטאלינס בריוו האָט מיט דער גאנצער קראפט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ העכערנ די פארטייִשע וואכזאמקייַט אונ וועגנ אומ־ראכמאָנעסדיקנ קאמפּ קעגנ די טראָצקיסטישע אונ אנדערע פארקריפלונגענ פונ דער געשיכטע פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

באווייַזנדיק דעמ טאָכ פונ דער טראָצקיסטישער קאָנטראבאנדע, האָט כ׳ סטאלינ אופגעדעקט אונ געוויזנ דעמ גאנצנ שאָדנ פונעם פוילנ ליבעראליזם, וואָס האָט באַ־קומענ צווישנ א טייל באָלשעוויקעס א געוויסע פארשפרייטונג. בלויז מיט דער הילפ פונ אָט דעמ פוילנ ליבעראליזם,—זאָגט כ׳ סטאלינ,—האָבנ די טראָצקיסטישע קאָנטרא־באנדיסטנ געקענט דורכשמוגלענ זייער אנטיפארטייִשע רעכילעס אפ לענינענ אונ אפ די באָלשעוויקעס. דעריבער איז:

„...ליבעראליזם בענעגייע דעמ טראָצקיזמ, זאָל זייַנ אפילע א צעקלאפּטנ אונ פארמאסקירטנ, א קליינקעפּלדיקייַט, וואָס גרענעצט מיט פארברעכנ, מיט פאראט דעמ ארבעטער־קלאס" [2].

די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ אפנ גרונט פונ כ׳ סטאלינס בריוו דורכגעפירט א גרויסע ארבעט, אונ אינ פראָצעס פונ אָט דער ארבעט זייַנענ דעמאסקירט גע־וואָרנ פארשיידענע אָפּאָרטוניסטישע פארקריפלונגענ פונ דער געשיכטע אונ טעאָריע פונעם באָלשעוויזמ. גלייַכצייַטיק האָט די פארטיי ברייט דערקלערט די עמעסע לעני־נישע אָנשויונגענ אינ די גרונט־פראגעס פונעם באָלשעוויזם.

---

[1] Сталин, Вопросы ленинизма, стр. 613.

[2] דאָרטנ.

כ׳ סטאלינס בריוו האָט אָפגעשפילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אינעמ העכערנ די פארטייִשע וואכזאמקײַט סײַ אפנ טעאָרעטישנ פראָנט, סײַ אפ אלע באצירקנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אינ זײַנ בריוו האָט כ׳ סטאלינ ארויסגערוקט די אויפגאבע אוועקצושטעלנ דאָס דערלערנענ די פארטיי־געשיכטע אפ וויסנשאפטלעכע באָלשעוויסטישע רעלסנ.

די געשיכטע פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי האָט א קאָלאָסאלנ באטײַט פארנ הײַנטיקנ טאָג. דאָס דערלערנענ די דערפארונג פונעמ באָלשעוויסטישנ קאמפ פארנ סאָציאַליזמ, וועלכע האָט א וועלט־היסטאָרישנ באטײַט, באוואָפנט דעמ ארבעטער־קלאס צו לייזנ די אויפגאבעס, וואָס שטייענ פאר אימ אינעמ קאמפ פארנ ענדגילטיקנ ניצאָכנ פונעמ סאָציאַליזמ.

די XVII קאָנפערענצ פונ אלק״פ(ב).

אפ דער XVII קאָנפערענצ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ פעווראל 1932 יאָר, האָט די פארטיי אונטערגעצויגנ די סאכאקלענ פונ דער קאָלאָסאלער ארבעט אינעמ דריטנ, אנטשיידנדיקנ יאָר פונ פינפיאָר אונ האָט אָנגעצייכנט א פלאנ פארנ לעצטנ יאָר פונ פינפיאָר. צוגלײַכ דערמיט האָט די קאָנפערענצ באשטעטיקט די דירעקטיוונ צומ צונויפשטעלנ דעמ פלאנ פונעמ צווייטנ פינפיאָר, וואָס האָבנ א קאָלאָסאלנ פאָליטישנ באטײַט.

דער גרונט־באטײַט פונ דער XVII קאָנפערענצ באשטייט אינ דעמ, וואָס זי האָט ארויסגערוקט אפנ פאָדערגרונט דאָס פארווירקלעכנ אינעמ צווייטנ פינפיאָר די אויפגאבע ענדגילטיק צו ליקווידירנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אונ קלאסנ ביקלאל אונ אויכ צו פארניכטנ די סיבעס, וואָס געבוירנ קלאסנ־אונטערשיידנ אונ עקספלואטאציע.

„די XVII קאָנפערענצ פונ אלק״פ(ב) האלט, אז די קאָלאָסאלע נאטור־רײַכטימער פונעמ לאנד, די באָלשעוויסטישע טעמפנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, די וואקסנדיקע אקטיווקײַט פונ די ברייטע מאסנ ארבעטער אונ קאָלווירטניקעס אונ די ריכטיקע פארטיי־ליניע באוואָרענענ פולשטענדיק אזא פאנאנדערוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קויכעס פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאפט אינעמ צווייטנ פינפיאָר, וואָס אפ איר גרונט וועלנ ענדגילטיק ליקווידירט ווערנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אינ פסס״ר. די קאָנפערענצ האלט, אז די גרונטיקע פאָליטישע אויפגאבע פונעמ צווייטנ פינפיאָר איז — ענדגילטיק צו ליקווידירנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אונ קלאסנ ביקלאל, פולשטענדיק צו פארניכטנ די סיבעס, וואָס געבוירנ קלאסנ־אונטערשיידנ אונ עקספלואטאציע, אונ בײַצוקומענ די רעשטלעכ קאפיטאליזמ אינ דער עקאָנאָמיק אונ אינעמ באוווסטזײַנ פונ די מענטשנ, צו פארוואנדלענ די גאנצע ארבעטנדיקע באפעלקערונג פונ לאנד אינ באוווסטזיניקע אונ אקטיווע בויערס פונ דער אָנקלאסעווער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט“[1].

די דאָזיקע גיגאנטישע היסטאָרישע אויפגאבעס אויפצובויענ די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט אינעמ צווייטנ פינפיאָר איז די פארטיי געווענ אימשטאנד ארויסצורוקנ אפנ גרונט פונעמ דערפאָלגרײַכנ פארווירקלעכנ דעמ פלאנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר.

ס׳איז נייטיק געווענ צו באוואָרענענ דעמ לאָזונג, וואָס די פארטיי האָט ארויסגערוקט, וועגנ פארווירקלעכנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר. די XVII קאָנפערענצ האָט באהאנדלט דעמ סאכאקל פונ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע פארנ 1931 יאָר אונ די אויפגאבעס אפנ 1932 יאָר.

דאָס 1931 יאָר איז פארענדיקט געוואָרנ, ווי ס׳האָט פארצייכנט די קאָנפערענצ, מיט נײַע גרויסע זיגנ. די אינדוסטריע־פראָדוקציע איז אויסגעוואקסנ פארנ יאָר אפ 21 פראָצענט. דערבײַ איז די פראָדוקציע פונ דער שווערער אינדוסטריע, וואָס האָט

[1]) „ВКП(б) в резолюциях“, ч. 2, стр. 740—741.

25—898

א באזונדערס וויכטיקן באטײַט, אויסגעוואקסן אף 28%. אין 1931 יאָר האָבן א רײ
אינדוסטריע־צווײַגן אויסגעפילט און איבערגעשטיגן די פארגעבונגען פונעם פינפ־
יאָריקן פלאַן אין 3 — $2\frac{1}{2}$ יאָר (די מאשינבויונג, די פיש־ און קאָנסערוונ־
אינדוסטריע, די נאפט־אינדוסטריע, די עלעקטראָטעכנישע א. אנד.). אין פארלויפ פון
אָט דעם יאָר האָט מען פארענדיקט בויען און געלאָזט אין גאנג קאָלאָסאלע אינדוסט־
ריעלע גיגאַנטן: דעם מאָסקווער און דעם גאָרקער אווטאָמאָביל־זאוואָד, דעם כאר־
קאָווער טראקטער־זאוואָד, סאראטאָווער קאָמבײַנען־זאוואָד, אוראלער קופער־שמעלצ־
זאוואָד, די ערשטע רײ פונעם אוראלער מאשינבוי־זאוואָד, פון בערעזניקער, וואָס־
קרעסענסקער און נעווער כימקאָמבינאטן. עס האָבן גענומען ארבעטן 79 נײַע שאכ־
טעס און א רײ עלעקטרישע סטאנציעס — די זויעווער, שטעראָווקער, קוזנעצקער,
מאגניטאָגאָרסקער און אנדערע. ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אף געלאָזט צו ווערן אין
גאנג די גרעסטע אין דער וועלט דניעפּערשע הידראָסטאנציע. ס'איז אָפּגעטאָן גע־
וואָרן א קאָלאָסאלע ארבעט אַז צו שאפן א צווייטע קוילן־מעטאלורגישע באזע —
אין מיזרעכ — און מע האָט צוגעגרייט צו לאָזן אין גאנג די ערשטע רײ פונעם
מאגניטאָגאָרסקער און קוזנעצקער זאוואָדן.
אינעם דריטן, אנטשיידנדיקן יאָר האָבן גענומען ארבעטן נײַע אונטערנעמונגען
מיט א גרונט־קאפיטאל אף א קאָלאָסאלער סומע פון 3,5 מיליארד רובל. אזויארום,
איז פאר איין יאָר געלאָזט געוואָרן אין גאנג אזויפיל, וויפל פאר די פריערדיקע
$2\frac{3}{4}$ יאָר. אין 1931 יאָר איז די צאָל ארבעטער אויסגעוואקסן אף צוויי מיליאָן
מאַן. דער ארבעטלוין איז פארגרעסערט געוואָרן אף 16%.
די העראָישע ארבעט פון דער פארטײ און פונעם ארבעטער־קלאס האָט באוואָ־
רנט דאָס אויספילן דעם פינפיאָר־פלאַן אין פיר יאָר.
אין לאנדווירטשאפט־געביט האָט די קאָלווירטישע באוועגונג אין 1931 יאָר אָפּ־
געהאלטן אנטשיידנדיקע ניצכוינעס אין דער מערהײַט ראיאָנען פון
פסס"ר. אין די איקערדיקע טווע־ראיאָנען איז די קאָלעקטיוויזאציע געווען פארענ־
דיקט. אין די אנטשיידנדיקע באוולניק־ און בורעקעס־ראיאָנען זײַנען אין די קאָל־
ווירטן ארײַנגעצויגן געוואָרן העכער 50% פון אלע ווירטשאפטן. עס איז אין גרונט
פארענדיקט געוואָרן דאָס ליקווידירן דאָס באלעגופנטום אלס
קלאס אין די טווע־ און רויוואַרג־ראיאָנען פון פסס"ר.
אין רעזולטאט פון דער ארבעט פון דער פארטײ האָט זיך דאָס קאָל־
ווירטישע פויערטום פארוואנדלט אין דער צענטראלער פיגור
פון דער ערד־ארבעט, און די קאָלווירטן זײַנען געוואָרן די
גרונט־פראָדוצירערס ניט בלויז פון טווע, נאָר אויך פונעם וויכ־
טיקסטן לאנדווירטשאפטלעכן רויוואַרג. דער סאָוועטנפאר־
באנד, — זאָגן די באשלוסן פונעם צ"ק־פלענום אין יונ 1931 יאָר און פון דער XVII
קאָנפערענץ, — איז פון א לאנד פון קלײנער און קלענסטער ערד־
ארבעט פארוואנדלט געוואָרן אין א לאנד פון דער גרעסטער
אין דער וועלט ערד־ארבעט אפן גרונט פון קאָלעקטיוויזאציע, פון פאנאנ־
דערוויקלען די ראטווירטן און פון ברייטן אָנווענדן די מאשינ־טעכניק.
דערדאָזיקער זיג פון סאָציאליזם, וואָס לייזט די וויכטיקסטע און שווערסטע אופ־
גאבע פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, האָט א וועלט־היסטאָרישן באטײַט.
די פארטײ האָט זיך דערשלאָגן, אז אינעם דריטן, אנטשיידנדיקן יאָר פונעם
פינפיאָר איז פארענדיקט געוואָרן דאָס אויסבויען דעם פונדאמענט
פון דער סאָציאליסטישער עקאָנאָמיק אין פסס"ר. די פראגע, וואָס
לענין האָט געשטעלט באם אײַנפירן דעם נעפּ — „ווער וועמען?", איז געלייזט
געוואָרן לעטויוועס דעם סאָציאליזם פולשטענדיק און איינמאָל פאר אלעמאָל אי אין
שטאָט, אי אין דאָרף.
פארצייכענענדיק אלע אָנגעוויזענע דערגרייכונגען פון דער פארטײ, האָט די
XVII פארטײ־קאָנפערענץ אָנגעוויזן, אז דער קלאסנקאמפ ווערט פאָרגע־
זעצט, און אז אפ ווײַטער מוז ער אומפארמײַדלעך פארשארפט

ווערנ אינ באזונדערע מאָמענטנ אונ אפ באזונדערע באצירקנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. צו וויַטערדיקע דערפאָלגנ קענ זיכ דער ארבעטער־קלאס דערשלאָגנ בלויז דורכ פארשטארקנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, אינ אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ קעגנ די רעשטלעכ קאפּיטאליזמ, דורכ אנ איַינגעשפּארטער ארבעט אפ סאָציאַליסטיש איבערצודערציִענ די האָרעפּאשנע מאסנ אונ אפ אלצ מער פארשטארקנ דעמ פסס״ר אלס באזע פונעמ צווישנפעלקערלעכנ סאָציאַליזמ.

דאָס פערטע יאָר פונעמ פינפיאָר האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ אזוינע באדינגענ, ווענ אפנ סאָוועטנפארבאנד האָט זיכ אָנגערוקט א דירעקטע מילכאָמע־געפאר. די יאפּאנישע אימפעריאַליסטנ האָבנ דעמאָלט פארכאפּט מאנדזשוריע, וואָס גרענעצט מיט פסס״ר. ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז יאפּאָניע האָט געהאט גענויע פּאנאנדער־געארבעטע פּלענער פונ אנ אָנפאל אפ דער סאָוועטישער רעפּובליק אונ זי האָט בלויז געוואַרט אפ א באקוועמענ מאָמענט אָנצוהייבנ א מילכאָמע.

פאר דער פארטיי האָט זיכ געשטעלט די אויפגאבע צו מאָביליזירנ אלע נייטיקע קויכעס, קעדיי צו זיַינ גרייט אינ יעדנ מאָמענט צו געבנ א ווידערשטאנד דעמ סוינע. צוליב דעמ איז א טייל אינדוסטריע איבערגעשלאָסנ געוואָרנ אפ אויסצוארבעטנ שוץ־מיטלענ אָנשטאָט דער געוויינלעכער פּראָדוקציע (לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, ווערקשטעלנ א.אז.וו.).

אפנ גרונט פונ די דערגרייכונגענ אינ דער אינדוסטריע פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר איז די סאָוועטישע רעפּובליק געווענ אימשטאנד גיכ צו מאָביליזירנ די נייטיקע שוץ־מיטלענ אונ צו ברענגענ זיי אינ שלאכט־גרייטקייַט. אָט די דערפאָלגרייַכע ארבעט צו מאָביליזירנ די באוואָפנטע קויכעס, וואָס האָבנ זיכ איצט אָנגעשפּארט אפ דער מעכטיקער אינדוסטריע, האָט געצווּנגענ די אימפעריאַליסטנ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ זייערע פּלענער אָנצופאלנ אפנ סאָוועטנפארבאנד אינ 1932 יאָר.

שוינ אינ יאָר 1929, בעשאסנ צוזאמענשטויס אפנ וויַטנ מיזרעכ, האָבנ זיכ די אימפעריאַליסטנ באשיַימפערלעכ איבערציַיגט, אז דער סאָוועטנפארבאנד היט וואכזאמ אָפּ זיַינע גרענעצנ אונ ער שלאָגט שטארק די יעניקע, וואָס פּרווּנ זיכ אָנפאלנ אפ אימ. זומער 1929 יאָר האָבנ זיכ די כינעזישע גענעראַלנ געפּרוּווט פארכאפּנ די מיזרעכ־כינעזישע איַיזנבאנ, וואָס געהערט צומ סאָוועטנפארבאנד, אונ דערנאָכ פארכאפּנ אויכ דעמ סאָוועטישנ וויַטנ מיזרעכ, שטרעבנדיק דורכ דעמ אריַינצוציִענ דעמ פסס״ר אינ א מילכאָמע אונ אראָפּצורייַסנ די בויונג פונ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע. די סאָוועטישע מעלוכע האָט דעמאָלט דורכנ שאפנ די באזונדערע וויַטמיזרעכדיקע ארמיי געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ ווידערשטאנד די אימפעריאַליסטנ אונ געוויזנ, אז זי וועט קיינעמ ניט דערלויבנ אומבאשטראָפט אָנצופאלנ אפ דער סאָוועטישער רעפּובליק.

אפנ גרונט פונ דער פּראָגראמ פונעמ 1932 יאָר, וואָס עס האָט אָנגעמערקט די XVII קאָנפערענצ, האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס פאנאנדערגעוויקלט אנ ארבעט, וואָס האָט פארענדיקט דאָס אויספילנ דעמ פינפיאָר־פּלאנ אינ פיר יאָר. אפ צו אנטוויקלענ די אינדוסטריע זיַינענ אסיגנירט געוואָרנ נייַע מיטלענ — 12 מיליארד רובל. די צאָל ארבעטער איז פארגרעסערט געוואָרנ אפ 1 מיליאָנ 200 טויזנט מאנ. דער ארבעטלוינ — אפ 11%. די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ געקעמפט דערפאר, אז די אינדוסטריע זאָל אויספילנ די אויפגאבעס פונעמ לעצטנ יאָר פונעמ פינפיאָר אונ זאָל געבנ פּראָדוקציע אפ 34 מיליארד רובל.

אָנוויַיזנדיק אפ די פעלערנ אינ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע אינעמ יאָר 1931, האָט די קאָנפערענצ באזונדערס אונטערגעשטראָכנ די נייטיקייַט צו העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקייַט (אפ 22% אינ פארגלייַכ מיטנ יאָר 1931) אונ אראָפּצוזעצנ דעמ קערנקאָסט (אפ 7%). אינ 1931 יאָר האָט די אינדוסטריע ניט אויסגעפילט דעמ פּלאנ לויט די דאָזיקע צייַגערס: ארבעטלוינ איז אויסגעצאָלט געוואָרנ מער ווי עס האָט דערלויבט דער ארבעטלוינ־פאָנד, אונ די פארגעבונגענע אראָפּצוזעצנ דעמ קערנקאָסט זיַינענ ניט אויסגעפילט געוואָרנ. דעריבער איז נייטיק געווענ אינ 1932 יאָר צו דערשלאָגנ זיכ, אז די אינדוסטריע־פּלענער זאָלנ אויסגעפילט ווערנ לויט די דאָזיקע אלע צייַגערס.

די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ אינ 1932 יאָר געקעמפט דערפאר, מע זאָל א סאָפ מאכנ צו דער אָנפערזאָניקייט אונ אויסגלייכעריי, פארפעסטיקנ די ווירטשאפטלעכע אויסרעכענונג אונ זיכ דערשלאָגנ, אז אינ אלע ארבעט־צווייגנ זאָלנ איינגעגלידערט ווערנ כ׳ סטאלינס 6 באדינגענ. אינעמ קאמפ פארנ אויספילנ דעמ פלאנ פונעמ פערטנ, דעמ שלוס־יאָר פונ פינפיאָר, האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאמקייט צומאלעמערשטנ אפנ אויספילנ די פלענער פונ דער שווארצער מעטאלורגיע, פונעמ קוילנ־ארויסבאקומ אונ פונ דער מאשינבויונג.

אינ דער לאנדווירטשאפט האָבנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ פארלויפ פונ אָט דעמ יאָר געקעמפט פארנ אלמעגלעכנ פארפעסטיקנ די דערגרייכטע דערפאָלגנ, פרייער פאר אלצ די דערפאָלגנ אינ קאָלעקטיוויזאציע־געביט. דאָס באלעגופנטומ איז נאָכ ניט געווענ ענדגילטיק פארניכטט אינ לאנד אונ עס פלעגט ארויסווייזנ א צעיושעטנ ווידערשטאנד קעגנ דעמ פאנאנדערגעוויקלטנ אָנגריפ פונעמ פראָלעטאריאט.

א גרויסנ פאָליטישנ באטייט האָט געהאט די ארבעט, וואָס עס האָבנ אָפגעטאָנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אפ צו באוואָרענענ, אז די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ זאָלנ פינקטלעכ אונ צודערצייט אויספילנ זייערע פליכטנ פאר דער מעלוכע בענעגייע צושטעלנ זייער פראָדוקציע. דאָס באלעגופנטומ האָט פאנאנדערגעוויקלט א פארביטערטנ קאמפ קעגנ דעמ אָפגעבנ די מעלוכע־אָרגאנענ טווע, שטרעבנדיק ארויפצורייסנ אלע מאָסמיטלענ פונ דער פארטיי, וואָס זיינענ געצילט צומ פארפעסטיקנ אָרגאניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעכ די קאָלווירטנ. די באלעגופישע עלעמענטנ האָבנ אָרגאניזירט א סאבאָטאזש פונ די מעלוכע־פארגרייטונגענ, ספעקולירנדיק אפ די רעשטלעכ אייגנטימערישע געפילנ בא די קאָלווירטניקעס. זיי פלעגנ ארייננדרינגענ אינ די קאָלווירטנ ארייַנ, פלעגנ זיכ פארנעמענ דאָרט מיט שעדיקעריי, צעגאנווענענ די קאָלווירטישע גערעטעניש אונ פארמעגנ, סטארענדיק זיכ פאנאנדערצולייגנ די קאָלווירטנ פונ אינעווייניק אונ אופצושטעלנ זיי קעגנ דער פראָלעטארישער מעלוכע. דערדאָזיקער באלעגופישער סאבאָטאזש האָט זיכ באזונדערס שטארק אָנטפלעקט אינ יענע געגנטנ פונעמ סאָוועטנפארבאנד, ווו ביז דער רעוואָליוציע איז שטארק געווענ דער באלעגופישער שיכט (צומ ביישפיל, אינ יענע ראיאָנענ פונ צאָפנ־קאווקאז, וואָס האָבנ געהאט א באלעגופיש־קאָזאקישע באפעלקערונג).

אינ פראָצעס פונ קאמפ פארנ לעצטנ יאָר פונעמ פינפיאָר האָט די פארטיי צעגראָמירט די אנטיפארטיייִשע, קאָנטררעוואָליוציאָנערע גרופע פונ די רעשטלעכ פונ דער טראָצקיסטישער אונ רעכטער אָפאָזיציע. אינ הארבסט, אינ אָקטיאבער 1932 י., איז פעסטגעשטעלט געווענ, אז די געוועזענע אָנטיילנעמערס פונ דער טראָצקיסטישער אונ פונ דער רעכטער אָפאָזיציע — ריוטינ, האלקינ, סלעפקאָוו, מארעצקי, קאיוראָוו, איוואנאָוו א.אנד. — האָבנ זיכ געפרווט שאפנ אנ אונטערערדישע אָרגאניזאציע אפ צו קעמפנ קעגנ דער פארטיי אונ קעגנ דער פראָלעטארישער דיקטאטור. דידאָזיקע קאָנטררעוואָליוציאָנערע גרופע האָט אינ אירע דאָקומענטנ אנטוויקלט א פראָגראמ פונ צוריקופשטעלנ דאָס באלעגופנטומ אונ דעמ קאפיטאליזמ ביקלאל. זי האָט ארויסגערוקט די פאָדערונג, מע זאָל פאנאנדערלאָזנ די ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ אונ מע זאָל די אונטערנעמונגענ פונ דער סאָוועטישער אינדוסטריע איבערגעבנ די קאפיטאליסטנ אפ קאָנצעסיע. דעמ שארפ פונ זייער קאמפ פלעגנ דידאָזיקע קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ ווענדנ קעגנ דער לענינישער אָנפירונג פונ דער פארטיי אונ קעגנ איר צ״ק.

די טעטיקייט פונ אָט דער גרופע, וואָס אירע מיטגלידער האָבנ זיכ אינ די פריִערדיקע יאָרנ געפונענ אינ די רייענ פונ דער רעכטער אונ דער טראָצקיסטישער אָפאָזיציע, האָט באשיימפערלעכ באוויזנ אלע ארבעטער, צו וואָס פאר א רעזולטאטנ עס ברענגט דאָס פארטיידיקנ דעמ אָפאָרטוניזמ אונ דאָס ניט אונטערווארפנ זיכ די פארטיי־באשלוסנ.

די אָנטיילנעמערס פונ דערדאָזיקער גרופע, וואָס אינ איר זיינענ ארייננגעגאנגענ אי אויסגעשלאָסענע פונ דער פארטיי (אזוינע ווי ריוטינ), אי אזוינע, וואָס האָבנ

זיכ נאָכ געפונענ אינ דער פאַרטיי און פלעגנ זי צווייפענעמדיק אָפנאַרנ (ווי סלעפקאָוו, מאַרעצקי), — פלעגנ אַרויסטרעטנ ווי אָפענע קאָנטררעוואָליוציאָנערנ, ווי סאָנים פונעמ אַרבעטער־קלאַס און פונ דער סאָוועטנמאַכט. זיי פלעגנ, אינ טאָכ גענומענ, שטרעבנ צו ליקווידירנ אַלע דעראָבערונגענ פונ דער סאָוועטנמאַכט.

כוץ דידאָזיקע אָנטיילנעמערס פונ דער גרופע האָט די פאַרטיי דעמאַסקירט די מיטהעלפער פונ דער גרופע, די מענטשנ, וואָס האָבנ געוווּסט וועגנ דער עקזיסטענצ פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער גרופע, פלעגנ לייענענ אירע דאָקומענטנ, און דאָכ ניט צו וויסנ געגעבנ דער פאַרטיי, פלעגנ אָפנאַרנ די פאַרטיי און דערמיט מיטהעלפנ דער אַרבעטע פונ ריוטינ—האַלקינס גרופע. דידאָזיקע מיטהעלפער זײַנענ געוועזנ די „אַלטע" אָפאָרטוניסטנ — זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, אוגלאַנאָוו, סטענ א. אנד.

די צק"ק האָט אַלע גרופע־אָנטיילנעמערס און אירע מיטהעלפער אויסגעשלאָסנ פונ די פאַרטיי־רייענ און האָט גערופנ די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס צו נאָכ א גרעסערער וואַכזאַמקײַט און צו א ניט־אָפגעשוואַכטנ קאַמפ קעגנ דעמ אָפאָרטוניזמ.

באַלד נאָכ דעמ, אינ דעקאַבער 1932 י., איז אויפגעדעקט און דעמאַסקירט געוואָרנ נאָכ איינ פראַקציאָנעלע אַנטיפאַרטיייִשע גרופירונג פונ די לעצטע רעשטנ פונעמ רעכטנ אָפאָרטוניזמ — דאָס איז די גרופע פונ סמירנאָוו, טאָלמאַטשאָוו, אייסמאָנטנ. די פאָרשטייערס פונ אָט דער גרופע האָבנ געפירט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע אַרבעט, געצילט קעגנ דער פאַרטיי־אָנפירונג, קעגנ איר גענעראַלער ליניע.

די פאַרטיי האָט דעמאַסקירט דידאָזיקע טעטיקײַט פונ סמירנאָוו—אייסמאָנטס גרופע, האָט זי צעגראָמירט ביזנ סאָפ און א ריי אָנטיילנעמערס אירע אויסגעשלאָסנ פונ דער פאַרטיי. צוגלײַכ דערמיט האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פעסטגעשטעלט, אַז די צ"ק־מיטגלידער, די כ"כ ריקאָוו און טאָמסקי, און דער קאַנדידאַט פאַר א צ"ק־מיטגליד כ' שמידט פלעגנ האַלטנ א פאַרבינדונג מיט סמירנאָוונ און מיט אייסמאָנטנ און דערמיט האָבנ זיי סטימולירט זייער אַנטיפאַרטיייִשע אַרבעט. מיט זייער אויפירונג פלעגנ זיי געבנ א מעגלעכקײַט די אַנטיפאַרטיייִשע עלעמענטנ צו האָפנ אַפ א שטיצע מיצאַד די געוועזענע פירערס פונ דער רעכטער אָפאָזיציע.

דער צ"ק האָט געפאָדערט בא די כ"כ ריקאָוו, טאָמסקי און שמידט, זיי זאָלנ גרינטלעכ ענדערנ זייער אויפירונג, זיי זאָלנ פאַנאַנדערוויקלענ א קאַמפ קעגנ די אַנטיפאַרטיייִשע עלעמענטנ, און ער האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלנ זיכ ווײַטער אַזוי אויפירנ, וועלנ צו זיי אָנגעווענדט ווערנ האַרבע מיטלענ פונ פאַרטיייִשער שטראָפ.

די גאַנצע טעטיקײַט פונ אָט די ביידע גרופעס האָט באַוויזנ, אַז די נײַע מעטאָדנ פונ די קלאַסנפײַנט, וואָס שטרעבנ איצט אַראָפצורײַסנ די סאָציאַליסטישע בויונג, אַרבעטנדיק מיט דער „שטילער סאַפע", — אָט די מעטאָדנ נעמענ איבער די צעלייגטע עלעמענטנ אינ דער פאַרטיי, וואָס שטעלנ זיכ אַפנ וועג פונ געהיימער, צעלייגנדיקער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אַרבעט. די אָפאָרטוניסטנ ווערנ, אַזוי־אַרומ, שוינ פונ די ערשטע טריט אָנ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ.

די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבנ אינ 1932 יאָר פאַנאַנדערגעוויקלט א ברייטע אַרבעט אינ שטאָט און אינ דאָרפ לויט אַלע ליניעס, אַפ צו באַוואָרענענ, אַז די אויפגאַבעס, וואָס זײַנענ געשטעלט פאַרנ לעצטנ יאָר פונעמ פינפיאָר, זאָלנ אויסגעפילט ווערנ. די פאַרטיי האָט נאָכ מער פאַרפעסטיקט איר אויטאָריטעט צווישנ די ברייטע מאַסנ פונ פראָלעטאַריאַט און צווישנ די קאָלווירטניקעס.

> „אונדזער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט זיכ נאָכ מער צונויפגעשמאָלצנ, האָט זיכ נאָכ ענגער פאַרבונדנ מיט די אַרבעטער־מאַסנ אַפנ באָדנ פונ קאַמפ פאַרנ דורכפירנ די גענעראַלע פאַרטיי־ליניע, פאַרנ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר", — האָט געזאָגט דער כ' קאַהאַנאָוויטש אינ מײַ 1932 י.

דידאָזיקע אַרבעט פונ דער פאַרטיי האָט באַוואָרנט דאָס אויספילנ דעמ פלאַנ פונעמ פערטנ יאָר — דעמ שלוס־יאָר — און צוגלײַכ דערמיט דאָס אויספילנ דעמ פינפיאָריקנ פלאַנ אינ פיר יאָר.

דער סאָפ פונ דער סטאַביליזאַציע פונעמ קאַפיטאַליזמ אונ דער איבערגאַנג צו אַ נײַעמ פעריאָד פונ רעוואָליוציעס אונ מילכאָמעס.

אינ דער צײַט, ווענ אינ פסס״ר איז פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרנ אַ קאָלאָסאַלע בויונג, האָט אינ דער קאַפיטאַליסטישער וועלט געבושעוועט אַ טיפער, נאָכ אומגעזעענער עקאָנאָמישער קריזיס.

דער XI פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ סאָפ 1931 י., האָט פארצייכנט, אַז די גרונט־כאַראַקטעריסטיק פונעמ צושטאַנד פונ דער גאַנצער וועלט אינעמ איצטיקנ מאָמענט זײַנענ די וואַקסנדיקע ווידערשפרוכנ צווישנ די צוויי סיסטעמעס — צווישנ דעמ לאַנד פונעמ זיכ־בויענדיקנ סאָציאַליזמ, פונ איינ זײַט, אונ צווישנ דער גאַנצער קאַפיטאַליסטישער וועלט — פונ דער אַנדערער. אינ רעזולטאַט פונעמ קריזיס, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ אינ פאַנאַנדערוויקלענ, פלעגנ זיכ אינ אַלע לענדער פאַרמאַכנ אַלצ מער פאַבריקנ, זאַוואָדנ, שאַכטעס אונ אַנדערע אונטערנעמונגענ אונ אַרויסוואַרפנ מיליאָנענ אַרבעטלאָזע. עס איז געוואַקסנ די פאַראָרעמונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס, וואָס אַפ זײַנע פלייצעס האָט זיכ די בורזשואַזיע געסטאַרעט איבערצוואַרפנ די גאַנצע לאַסט פונעמ קריזיס — דורכנ אַראָפּזעצנ דעמ אַרבעטלוינ, דורכנ פאַרגרעסערנ די שטײַערנ, דורכנ פאַרקירצנ די סטראַכירונג א.אז.וו.

אונטער דער ווירקונג פונעמ קריזיס איז אינ דאָרפ פאָרגעקומענ אַ רויִנירונג פונ די פויערשע ווירטשאַפטנ; עס איז געוואַקסנ דער דאַלעס אונ די אויסשטאַרבונג פונ דער באַפעלקערונג. זוכנדיק אַנ אויסוועג פונעמ קריזיס, פלעגנ די בורזשואַזע מעלוכעס פאַרגרעסערנ די שטײַערנ, די אַרענדע־אָפצאָלנ אונ פאַרשיידענע אַנדערע צאָלונגענ אינ דאָרפ, אונ דאָס האָט געבראַכט צו אַ ווײַטערדיקער פאַראָרעמונג פונעמ פויערטומ.

דער XI פלענומ האָט פעסטגעשטעלט, אַז אינ רעזולטאַט פונעמ קריזיס פאַרשאַרפנ זיכ אַלע ווידערשפרוכנ אינ דער קאַפיטאַליסטישער וועלט אונ פריִער פאַר אַלצ די ווידערשפרוכנ צווישנ די קאַפיטאַליסטישע לענדער אונ דעמ סאָוועטנפאַרבאַנד. די קאָמוניסטישע פאַרטייענ פונ אַ ריי לענדער, ווי דאָס האָט פאַרצייכנט דער פלענומ, האָבנ זיכ דערשלאָגנ אַ ריי דערגרייכונגענ זינט דעמ X פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ: ס׳איז אויסגעוואַקסנ זייער פאָליטישע ווירקונג אינ די רייענ פונעמ אַרבעטער־קלאַס אונ אינ אַ געוויסער מאָס צווישנ דעמ פויערטומ. פאַר אָט דעמ פעריאָד האָבנ די קאָמפאַרטייענ פאַרשטאַרקט זייער אַרבעט אינעמ אָנפירנ מיט די עקאָנאָמישע שלאַכטנ פונעמ פראָלעטאַריאַט אונ האָבנ זיכ דאָ דערשלאָגנ צו אַ ריי דערפאָלגנ (דײַטשלאַנד, פוילנ). אינ אַ ריי לענדער האָבנ זיי פאַנאַנדערגעוויקלט אַ זעלבשטענדיקע רעוואָליוציאָנערע פראָפּאַריינישע באַוועגונג איבער די קעפ פונ די רעפאָרמיסטישע פראָפאַרייִנענ אונ האָבנ זיכ דערשלאָגנ צו אַנ אָרגאַניזאַציאָנעלנ וווּקס. פאַר אָט דעמ פעריאָד האָט די כינעזישע קאָמפאַרטיי דערגרייכט צו גרויסע ניצחוינעס אונ האָט באַוואָרנט דאָס שאַפנ סאָוועטנ אונ אַ רויטע אַרמיי, וואָס האָבנ גענומענ אַלצ מער פאַרברייטערנ זייער טעטיקײַט־קרײַז.

צו אָט די אַלע דערגרייכונגענ האָבנ זיכ די קאָמוניסטישע פאַרטייענ דערשלאָגנ פריִער פאַר אַלצ דורכנ אומאָפּנויגלעכנ קאַמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ אינ די אייגענע רייענ. אויספילנדיק די אָנווײַזונגענ פונעמ VI קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ, האָבנ די פאַרטייענ קאָנצענטרירט זייער פײַער קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג אַלס דער הויפט־געפאַר.

די הויפט־אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אַלע קאָמוניסטישע פאַרטייענ, ווי ס׳האָט אָנגעוויזנ דער פלענומ, באַשטייט אינ געווינענ די מערהײַט פונ אַרבעטער־קלאַס צוליב די אַנטשיידענע שלאַכטנ פאַר דער דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט. דעמ קאַמפ פאַרנ געווינענ די מערהײַט דאַרפנ די קאָמפאַרטייענ פירנ אַפנ איצטיקנ עטאַפ אינ דרײַ גרונט־ריכטונגענ:

1) קעמפן קעגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל און אָרגאַניזירן אַ ברייטן קאָנטער־אָנגריף פונעם פּראָלעטאַריאַט (קעגן אראָפּזעצן און פאַרן העכערן דעם אַרבעטלוין, פאַרן שטיצן די אַרבעטלאָזיקע, פאַר אַ 7־שאָעדיקן אַרבעט־טאָג, קעגן מאַסן־אָפּזאָגן פון דער אַרבעט א.אז.וו.);

2) קעמפן קעגן דער בורזשואַזער דיקטאַטור אין אַלע אירע פאָרמעס (קעגן דעם אונטערנעמערישן און פּאָליציייִשן טעראָר, פאַר דער פרייַהייט פון די אַרבעטערשע רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, פאַרן פאַנאַנדערלאָזן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און פאַרן באַוואָפענען די אַרבעטער א.אז.וו.);

3) קעמפן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער מילכאָמע און קעגן דער מילכאָמע־אינטערווענץ אף דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אָט דער קאַמף פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען דאַרף געפירט ווערן צוגלייַך מיטן אומאָפּנויגלעכן דעמאַסקירן די סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע, מיטן אַרויסבאַפרייַען די אַרבעטער־מאַסן פון אונטער איר ווירקונג, וואָרעם אָן דעם איז ניט מעגלעך צו באַפרייַען דעם פּראָלעטאַריאַט פון די קייטן פון קאַפּיטאַליזם. דער פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן, וואָס האָט זיך ברייט אָפּגעשטעלט אף דער גאַנצער היסטאָרישער ראָליע פון דער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע, האָט אָנגעוויזן, אַז זי איז דער איקערדיקער סאָציִאַלער אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע. דעריבער איז דער קאַמף קעגן דער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע, דאָס דעמאַסקירן זי אין די אויגן פון די ברייטע מאַסן אַ נייטיקער באַדינג אף צו מאָביליזירן די מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף פאַרן אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם.

דער פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן האָט פעסטגעשטעלט, אַז „די געפאַר פון אַ מילכאָמע־אינטערווענץ קעגן פסס״ר איז געוואָרן אַ דירעקטע געפאַר פאַרן גאַנצן וועלט־פּראָלעטאַריאַט”. די גאַנצע טעטיקייַט פון די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס באַווייַזט, אַז זיי גרייטן טאָג־אייַן, טאָג־אויס אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אפן סאָוועטנפאַרבאַנד.

אויבן, ניט געקוקט אף די אַלע צוגרייטונגען, האָט די מילכאָמע נאָך ניט אויסגעבראָכן, דערקלערט זיך דאָס, ערשטנס, מיט די ווידערשפּרוכן צווישן באַזונדערע אימפּעריִאַליסטישע לענדער, צווייטנס — מיט דער וואַקסנדיקער גרייטקייַט פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צו שטיצן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד, און דריטנס — מיט דער קאָנסעקווענטער שאָלעם־פּאָליטיק, וואָס עס פירט די סאָוועטנמאַכט.

דער פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן האָט גערופן אַלע קאָמוניסטן, אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס פון גאָר דער וועלט צו קעמפן קעגן דער מילכאָמע־געפאַר און צו פאַרטיידיקן דאָס ערשטע לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דאָס יאָר, וואָס איז אַריבער נאָכן XI פּלענום, האָט אינגאַנצן באַשטעטיקט די כאַראַקטעריסטיק פון דער אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס עס האָט געגעבן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער צייַט, ווען דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג דעם פינפיאָר, האָט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ניט אופגעהערט צו בושעווען און צו פאַרטיפן זיך דער עקאָנאָמישער קריזיס. די פּראָדוקציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אַזוי שטאַרק פאַרקירצט געוואָרן, אַז העכער אַ העלפט אַרבעטער זייַנען געוואָרן אַרבעטלאָזיק. די פאַראָרעמונג פונעם פויערטום האָט אָנגענומען אומגעזעענע מאַסשטאַבן.

גלייַכצייַטיק איז געוואַקסן דער רעוואָליוציאָנערער אופשטייַג סייַ אין די אימפּעריִאַליסטישע לענדער, סייַ אין די קאָלאָניעס. אין 1932 יאָר האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט שטורמישע און אייַנגעשפּאַרטע שטרייַקן, רעוואָליוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס, פאַרביטערטע צוזאַמענשטויסן פון די אַרבעטער מיט דער פּאָליציי און מיט די פאַשיסטן, שלאַכט־אַרויסטרעטונגען פון די פויערשע מאַסן א.אז.וו.

אין פאַרלויף פון די יאָרן 1931 און 1932 האָבן זיך אויך פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס. יאַפּאָניע האָט גענומען פירן אַ

מילכאָמע קעגנ כינע, זי האָט פארכאפט מאנדזשוריע. עס זײַנענ פארשארפט געוואָרנ די באציִונגענ צווישנ יאפאָניע און אמעריקע, צווישנ דײַטשלאנד און פראנקרײַכ, דײַטשלאנד און פוילנ. עס האָט זיכ פארשטארקט די צוגרײטונג פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער מילכאָמע קעגנ פסס"ר.

ארויסגײענדיק פונ אָט די אלע פאקטנ, האָט דער XII פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ, אינ סענטיאבער 1932 י., פעסטגעשטעלט, אז ס'איז אָנגעקומענ דער סאָפ פונ דער קאפיטאליסטישער סטאביליזאציע. דאָס האָט באוויזנ, אז דער אלגעמײנער קריזיס פונעמ קאפיטאליזמ הײבט זיכ אויפ אזא נײַער שטופע און אז עס קומט פאָר אנ איבערגאנג צו א נײַעמ פעריאָד פונ רעוואָליוציעס און מילכאָמעס. דער ערשטער אזא פעריאָד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ בעשאס דער אימפעריאליסטישער וועלט־מילכאָמע אינ 1914 יאָר, האָט געבראכט דערצו, אז אינ א רײ לענדער זײַנענ פאָרגעקומענ רעוואָליוציעס און אינ רוסלאנד איז אראָפגעשלײַדערט געוואָרנ די קאפיטאליסטישע אָרדענונג און עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. דער XII פלענומ האָט אונטערגעשטראָכנ, אז איצט טרעט ארײַנ די קאפיטאליסטישע וועלט אינ א נײַעמ פעריאָד פונ רעוואָליוציעס און מילכאָמעס. ווענ עס איז געווענ אָנגעקומענ די קאפיטאליסטישע סטאביליזאציע, האָט זיכ דאָס כאראקטעריזירט מיט דרײַ גרונט־מאָמענטנ: די פראָדוקציע און דער וועלט־האנדל פונ די קאפיטאליסטישע לענדער האָבנ דעמאָלט דערגרײכט ביז צומ פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ און ערטערווײַז אימ אפילע איבערגעשטיגנ. צווײטנס, האָבנ זיכ דעמאָלט די אימפעריאליסטנ פונ פראנקרײַכ, ענגלאנד און אמעריקע צונויפגערעדט צווישנ זיכ וועגנ ראבעווענ דײַטשלאנד און האָבנ אײַנגעשטעלט דאועסעס און יונגס פלענער. די אימפעריאליסטנ פונ יאפאָניע, ענגלאנד און אמעריקע האָבנ זיכ צונויפגערעדט וועגנ צעטײלנ זײער ווירקונג אינ פארשײדענע טײלנ פונ כינע. די גרעסטע אימפעריאליסטישע לענדער האָבנ זיכ אויכ צונויפגערעדט וועגנ פאנאנדערטײלנ די קאָלאָניעס. ענדלעכ, האָט זיכ אינ יענעמ פעריאָד געקענט אײַנשטעלנ א טײלווײַזע קאפיטאליסטישע סטאביליזאציע בלויז דערפאר, ווײַל דער בורזשואזיע האָט זיכ אײַנגעגעבנ אפ א צײַט צו דערשטיקנ די רעוואָליוציע אינ אײראָפע, אינ דער ערשטער רײ — אינ דײַטשלאנד. די קאפיטאליסטנ האָט זיכ אויכ אײַנגעגעבנ אָפצושלאָגנ דעמ אָנגריפ פונעמ פראָלעטאריאט, וואָס האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט נאָכ דער מילכאָמע אינ אלע איבעריקע קאפיטאליסטישע לענדער.

איצט זײַנענ לויט די אלע דרײַ ליניעס פאָרגעקומענ גרינטלעכע ענדערונגענ, און דאָס האָט געבראכט צומ סאָפ פונ דער קאפיטאליסטישער סטאביליזאציע. די וועלט־פראָדוקציע און דער וועלט־האנדל פונ די קאפיטאליסטישע לענדער זײַנענ דערגאנגענ צו אנ אויסערגעוויינלעכ נידעריקנ ניוואָ — אינ רעזולטאט פונעמ שרעקלעכנ קריזיס, וואָס ציט זיכ שוינ פיר יאָר.

צווײטנס, האָבנ זיכ אינ יענע אָפמאכנ, וואָס זײַנענ דערגרײכט געווענ צווישנ די אימפעריאליסטנ, איצט געבילדעט זײער טיפע שפאלטנ. דאועסעס און יונגס פלענער זײַנענ אראָפגעריסנ געוואָרנ. יאפאָניעס פארכאפנ א טײל כינע און דאָס פארהאנדלענ דערמאָזיקנ טײל אינ אירער א קאָלאָניע האָט אראָפגעריסנ די אָפמאכנ, וואָס זײַנענ אײַנגעשטעלט געווענ בנוגע כינע. די קאפיטאליסטישע מעלוכעס, דערינ אויכ דײַטשלאנד, גרײטנ זיכ צו א נײַעמ קאמפ פארנ איבערטאַרטײלנ די קאָלאָניעס.

דריטנס, אויב דער וויכטיקסטער סימענ פונ דער סטאביליזאציע פונעמ קאפיטאליזמ איז געווענ די אָפשוואכונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, איז איצט געפינט זיכ די וועלט אפנ אויפשטײַג פונ דער רעוואָליוציאָנערער כוואליע. די אלוועלטלעכע ארבעטער־באוועגונג גײט צו א פעריאָד פונ נײַע רעוואָליוציעס.

ענדלעכ, געהערט די אנטשײדנדיקע ראָליע אינעמ אראָפרײַסנ די קאפיטאליסטישע סטאביליזאציע צו די גיגאנטישע דערפאָלגנ פונעמ סאָוועטנפארבאנד.

דער XII פלענום האָט, אזויארום, אײַנגעשטעלט דעם וויכטיקסטנ היסטאָרישנ גרענעצ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער באוועגונג, האָט אָנגעמערקט א רײַ פראקטישע אויפגאבעס אפ צוצוגרייטנ די קאָמפארטייענ צו די קומענדיקע שלאכטנ קעגנ דעם קאפיטאליזמ. דער פלענומ פונ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ האָט פארשארפט די אויפמערקזאמקײַט אפ דרײַ גרונט־אויפגאבעס פונ אלע סעקציעס פונ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל: אפנ קאמפ קעגנ דעם אָנגריפ פונ קאפיטאל, קעגנ דעם פאשיזמ אונ דער רעאקציע, קעגנ דער זיכ אָנרוקנדיקער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אונ דער מילכאָמע קעגנ פסס״ר.

די סאכאקלענ פונעמ ערשטנ פינפיאָר.

אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטיי האָט דער ארבעטער־קלאס פונ פסס״ר פאנאנדערגעוויקלט אינ 1932 יאָר א ריזיקע ארבעט אונ האָט זיגרײַכ פארענדיקט דעם



קוזניעצקער זאוואָד.

פינפיאָר אינ פיר יאָר. אינ רעזולטאט פונ אָט דעמ זיג איז דער סאָוועטנפארבאנד פונ א לאנד אנ אגרארנ פארוואנדלט געוואָרנ אינ א פאָרגעשריטנ אינדוסטריעל לאנד.

ס'איז באשאפנ געוואָרנ א נײַע מעכטיקע מעטאלורגישע אינדוסטריע. פריער איז די מעטאלורגישע אינדוסטריע קאָנצענטרירט געווענ דעריקער אינ דאָרעמ, אונ איצט איז אינ מיזרעכ פונ פסס״ר געשאפנ א צווייטער קוילנ־מעטאלורגישער צענטער — אוראל־קוזבאס, ווו עס ווערנ אויסגענוצט די אומגעהייער רײַכע געפינ־ערטער פונ קוילנ אונ ארצ אינ אוראל אונ אינ סיביר. דאָרט זײַנענ אויסגעוואקסנ קאָלאָסאלע זאוואָדנ פונ שווארצער אונ קאָלירטער מעטאלורגיע: מאגניטאָגאָרסקער, קוזנעצקער, אוראלער קופער־קאָמבינאט. אסאכ אנדערע מעטאלורגישע זאוואָדנ זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ אינ פארשיידענע ראיאָנענ פונ פסס״ר. דער סאָוועטנפארבאנד קאָנ איצט אויסארבעטנ אוטאָמאָבילנ, טראקטערס, שוצ־מיטלענ, מעכטיקע טורבינעס אונ פארשיידענע אינסטרומענטנ פונ מעטאל פונ סאָוועטישער פראָדוקציע. דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכנ אינ די יאָרנ פונ פינפיאָר א גיגאנטישע בריונג אינ געביט פונ מאשינבוי. די פראָדוקציע פונ דער סאָוועטישער מאשינבויונג איז פארגרעסערט געוואָרנ אינ צענ מאָל אינ פארגלײַכ מיטנ פארמילכאָמעדיקנ

1913 יאָר. אינ די מאשינבוי־אונטערנעמונגענ איז בא א העלפט פונ אלע ווערקשטעלנ אײַנגעשטעלט געוואָרנ פאר די יאָרנ פונעם ערשטנ פינפיאָר. אדאנק דעמ האָט זיכ די טעכניק פונ דער סאָוועטישער מאשינבויונג אופגעהויבנ אזוי הויכ, אז איצט קענענ מיר יעדע מאשינ, יעדנ ווערקשטעל מאכנ אינ די זאוואָדנ פונ סאָוועטנפארבאנד. א באזונדער באטײַט פאר דער גאנצער פאָלקווירטשאפט האָט באקומענ דאָס לאָזנ אינ גאנג אינ 1933 יאָר דעמ אוראלער אונ דעמ קראמאטאָרסקער זאוואָד פונ שווערער מאשינבויונג. דידאָזיקע זאוואָדנ



דיאגראמ: דער קוילנ־ארויסבאקומ אינ פסס״ר. יעדער וואגאָנעטקע באטײַט 15 מלנ. ט שטײנקוילנ.

האָבנ ניט קײנ גלײַכע צו זיכ אינ קײנ אײנ קאפיטאליסטישנ לאנד לויט דער מעכטיקײַט אונ לויט דער טעכניק.

די פראָדוקציע פונ דער לאנדווירשאפטלעכער מאשינבויונג איז פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר פארגרעסערט געוואָרנ מער ווי אינ 5,5 מאָל. הונדערטער טויזנטער קאָמפליצירטסטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, טראקטערס, קאָמבײַנעס, אווטאָמאָבילנ ווערנ איצט יערלעכ אויסגעארבעט אינ פסס״ר. די גרעסטע אינ דער וועלט סטאלינגראדער אונ כארקאָווער טראקטער־זאוואָדנ, וואָס זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ אינ פארלויפ פונ פינפיאָר, קענענ ארויסלאָזנ יאָר־יערלעכ 100 טויזנט טראקטערס. דער טשעליאבינסקער זאוואָד קאָנ געבנ, בא דער פולער מעכטיקײַט, 40 טויזנט זייער גרויסע קײטנ־טראקטערס א יאָר. כוצדעמ איז אויסגעבויט אינ סאראטאָוו א קאָמבײַנענ־זאוואָד, אינ ראָסטאָוו — א זאוואָד פונ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס אונ אינ דער שטאָט גאָרקי — דער גרעסטער אינ אײראָפע אווטאָמאָבילנ־זאוואָד. אויכ הונדערטער אנדערע זאוואָדנ, וואָס פארמאָגנ א נײַע קאָמפליצירטע טעכניק, זײַנענ אויסגעבויט אינ פסס״ר.

די מעכטיקע נעצ נײַע עלעקטרישע סטאנציעס האָט פארגרעסערט די אויסארבעטונג פונ עלעקטרישער ענערגיע אינ 6,7 מאָל אינ פארגלײַכ מיטנ יאָר 1913 אונ אינ 2,6 מאָל אינ פארגלײַכ מיטנ יאָר 1928. אהער גײט ארײַנ דער שטאָלצ פונ

אונדזער לאנד — די גרעסטע אינ דער וועלט דניעפּערשע הידראָסטאנציע] אפ לענינס נאָמענ.

פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר זײַנענ פארלייגט געוואָרנ נײַע קאָלאָסאלע קוילנ־שאכטעס אונ מעכאניזירט געוואָרנ די אלטע שאכטעס אינ דאָנבאס אונ אינ קוזבאס; עס זײַנענ אפּסנײַ אויסגעשטאט געוואָרנ די גרעסטע נאפט־געווערבנ אינ קאווקאז. דער ארויסבאקומ פונ שטיינקוילנ אונ נאפט איז אויסגעוואקסנ מער ווי אינ 3 מאָל אינ פארגלײַכ מיט דער פארמילכאָמעדיקער צײַט.



דיאגראמ: דער וווקס פונעמ טשוהונ־אויסשמעלצ. יעדער שעפּ־עמער באטײַט 2 מלנ. ט טשוהונ.

דורכ אומדורכגייעוודיקע בערג אונ סטעפּעס איז דורכגעלייגט דער טורקסיב, וואָס פארייניקט די באוולניק־ראיאָנענ פונ מיטל־אזיע מיט די טווע־ראיאָנענ פונ סיביר. עס איז אויסגעבויט דער גרעסטער אינ דער וועלט קאנאל, וואָס פארייניקט דעמ ווײַסנ יאמ מיטנ באלטישנ. עס זײַנענ דורכגעלייגט צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער נײַע אײַזנבאנ־וועגנ, וואָס פארבינדנ דעמ צענטער מיט די ווײַטע ראיאָנענ פונ לאנד.

די אָפּגעשטאנענע נאציאָנאלע ראיאָנענ פונ צארישנ רוסלאנד, וואָס דער צאריזמ פלעגט זיי אכזאָריעסדיק עקספּלואטירנ אונ דריקנ, זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ זייער גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס מיט היפּשע קאדרענ פונ פּראָלעטאריאט פונ די אָרטגעבוירטיקע נאציאָנאליטעטנ.

פאר די יאָרנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר איז די גאנצע אינדוסטריע־פּראָדוקציע פונ פּסס״ר אויסגעוואקסנ מער ווי אינ דרײַ מאָל אינ פארגלײַכ מיט דער פארמילכאָמעדיקער צײַט אונ מער ווי אינ צוויי מאָל אינ פארגלײַכ מיטנ 1928 יאָר. דער קאָלאָסאלער זיג אינ דעמ געביט באשטייט אינ דעמ, וואָס עס האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו שאפנ נײַע אינדוסטריע־צווײַגנ, וואָס לויט זייער פארנעמ שטײַגנ זיי אריבער די עקאָנאָמיש־פאָרגעשריטענע לענדער פונעמ קאפּיטאליזמ.

אפּנ יאנואר־פּלענומ פונ צ״ק אונ פונ צק״ק אינ 1933 יאָר האָט כ׳ סטאלינ בעשאסנ אונטערפירנ די סאכאקלענ פונעמ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר געזאָגט:

„באַ אונדז איז ניט געווען קיין שוואַרצע מעטאַלורגיע, די באַזע פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן.

באַ אונדז איז ניט געווען קיין טראַקטער־אינדוסטריע. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן.

באַ אונדז איז ניט געווען קיין אויטאָמאָביל־אינדוסטריע. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן.

באַ אונדז איז ניט געווען קיין װערקשטעל־בויונג. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן.



דיאַגראַם: דער אַרויסבאַקום פון נאַפט און גאַז אין ססר״ר. יעדע ציסטערנע באַטרעפט 5 מלן. ט נאַפט און גאַז.

באַ אונדז איז ניט געווען קיין ערנסטע און הײַנטצײַטיקע כימישע אינדוסטריע. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן.

באַ אונדז איז ניט געווען קיין װירקלעכע און ערנסטע אינדוסטריע פאַרן אויסאַרבעטן הײַנטצײַטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן.

באַ אונדז איז ניט געווען קיין אַוויאַציע־אינדוסטריע. באַ אונדז איז זי איצט פאַראַן“ [1]).

די דאָזיקע דערפאָלגן האָבן פאַרפעסטיקט די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקײַט פון אונדזער לאַנד, וואָרעם דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט באַקומען אַ מעגלעכקײַט דעם באַשליסנדיקן טייל פון די נייטיקע מאַשינעס אויסצואַרבעטן באַ זיך אין די אייגענע אונטערנעמונגען.

די דאָזיקע דערפאָלגן האָבן ענדגילטיק פאַרפעסטיקט די סאַמע פאָרגעשריטענע אין דער וועלט פּאָליטישע מאַכט — די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אפן ערד־קײַלעך איז ניטאָ קיין מער שטאַנדהאַפטיקע און קיין מער פעסטע מאַכט, איידער די

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма (дополнение), стр. 17.

מאכט פון די סאָוועטן אין פסס"ר. אונדזער לאַנד איז געוואָרן אַפּ אַזוי־פיל ווירקעוודיק און מעכטיק, אַז מיט אים זײַנען געצוווּנגען זיך צו רעכענען אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון דער וועלט. אויספילנדיק דעם פינפיאָר האָט דער אַרבעטער־קלאַס געמאַכט דאָס סאָוועטנלאַנד מעכטיק אין מיליטערישער הינזיכט, וואָרעם דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט באַקומען אַ מעגלעכקײַט אויסצואַרבעטן אין אַ מאַסן־פאָרנעם אַלע הײַנטצײַטיקע שוץ־מיטלען, וואָס זײַנען נייטיק אַפּ צו באַזאָרגן די רויטע אַרמיי אין פאַל פון אַן אָנפאַל אַפּ פסס"ר.



דיאַגראַם: די טראַקטער־פּראָדוקציע אין פסס"ר. יעדער טראַקטער באַטײַט 20 טויזנט אַרויסגעלאָזטע טראַקטערס.

אין רעזולטאַט פונעם ערשטן פינפיאָר, ווען די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט ווערט רויִנירט דורכן ביז איצט נאָך ניט־געוועזענעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָט זיך פסס"ר אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון די עקאָנאָמיש־אַנטוויקלטסטע לענדער.

לויטן אויסאַרבעטן טראַקטערס, קאָמבײַנען און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און לויטן טאָרף־אַרויסבאַקום האָט פסס"ר פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט.

פאַרן אָנהייב פינפיאָר — אין 1928 יאָר — האָט פסס"ר געהאַט פאַרנומען דאָס זעקסטע אָרט אין דער וועלט לויטן אויסשמעלצן טשוהון, און דאָס פינפטע אָרט לויטן אויסשמעלצן שטאָל. אין 1932 יאָר האָט זיך פסס"ר אַרויסגערוקט אַפן צווייטן אָרט אין דער וועלט און אַפן ערשטן אין אייראָפּע סײַ לויט טשוהון און סײַ לויט שטאָל.

אין דער אַלגעמיינער מאַשינבויִונג איז פסס"ר איבער פונעם פערטן אָרט אַפן צווייטן אָרט אין דער וועלט און אַפן ערשטן אין אייראָפּע.

אינעם אַרויסבאַקומען נאַפט האָט פסס"ר אָנשטאָט דעם דריטן אָרט אין דער וועלט פעסט פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט אַפן ערד־קײַלעך און דאָס ערשטע אין אייראָפּע.

אין כימיע איז פסס"ר איבער פונעם 8־טן אָרט אין דער וועלט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרנומען אין 1928 יאָר, אַפן דריטן אָרט אין דער וועלט אין 1932 יאָר.

אינעם קוילנ־ארויסבאקום איז פסס״ר אריבער פונעם 6־טנ אָרט אפנ פערטנ.

אינעם אויסארבעטנ עלעקטרישע ענערגיע איז פסס״ר אריבער פונעם 8־טנ אָרט, וואָס ער האָט געהאט פארנומענ אינ 1928 יאָר, אפנ פינפטנ אָרט אינ דער וועלט אינ 1932 יאָר.

אזויארום, האָט דער ארבעטער־קלאס פונ פסס״ר אונטער דער אָנפירונג פונ אלק״פ(ב) אויסגעפילט די גרונט־אופגאבע פונעם פינפיאָר אינ אינדוסטריע־געביט. ער האָט באשאפנ אנ אייגענע פאָרגעשריטענע טעכנישע באזע אפ סאָציאליסטש צו



דיאגראם: די פראָדוקציע פונ גריגגע אונ לאסט־אווטאָמאָבילנ אינ פסס״ר:
יעדער אווטאָמאָביל באטייט 10 טויזנט ארויסגעלאָזטע איטאָמאָבילנ.

רעקאָנסטרויִרנ די גאנצע פאָלקווירטשאפט אונ האָט דערגרייכט אנטשיידנדיקע דערפאָלגנ אינעם אויספילנ די היסטאָרישע אופגאבע, וואָס לענינ האָט אוועקגעשטעלט,—צו דעריאָגנ אונ איבעריאָגנ אינ טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט די פאָרגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער.

אינ רעזולטאט פונ די דערפאָלגנ אינ דער אינדוסטריאליזאציע האָט די לאנדווירטשאפט פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר באקומענ אפ 1 600 מיליאָנ רובל לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. דאָס האָט פארגרעסערט מער ווי אינ צוויי מאָל די באזאָרגטקייט פונ דער לאנדווירטשאפט מיט מאשינעס. אויב פריער האָט די לאנדווירטשאפט אינגאנצנ ניט געהאט קיינ טראקטערס, האָט זי אינ פארלויפ פונ ערשטנ פינפיאָר באקומענ העכער 153 טויזנט נייע טראקטערס, דערינ העכער 94 טויזנט פונ סאָוועטישער פראָדוקציע. עס זיינענ דאָס ערשטע מאָל אָרגאניזירט געוואָרנ 2 446 מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס, וואָס אדאנק זיי האָט די גרונט־מאסע פונ פויערטום באקומענ א מעגלעכקייט אפנ גרונט פונ דער קאָלעקטיוויזאציע אופצוהייבנ די לאנדווירטשאפט אפ א ניט־געוועזענער הייך.

דאָס אלצ האָט באוואָרנט, אז עס זאָל געלייזט ווערנ די סאמע וויכטיקסטע, ווי עס האָט געזאָגט לענינ, אונ די סאמע שווערסטע אופגאבע פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע: פונ א לאנד מיט אנ אָפּגעשטאנענער צעבראָקלטער לאנדווירטשאפט איז פסס״ר פארוואנדלט געוואָרנ אינ א לאנד פונ דער סאמע גרעסטער אינ דער וועלט ערד־ארבעט. דורכפירנדיק די לענינישע פאָליטיק פונ אינדוסטריאליזאציע אונ פונ קאָלעקטיוויזירנ די לאנדווירטשאפט, האָט די פארטיי אינ פארלויפ פונ דריי יאָר אָרגאניזירט 200 טויזנט קאָלווירטנ אונ 5 טויזנט ראטווירטנ. די קאָלווירטנ האָבנ פארייניקט העכער 60% פויערשע ווירטשאפטנ אונ

ארומגענומען העכער 70% פונ אלע פויערשע ערדנ. דער פינפיאָר־פּלאנ אינ לאנד־ווירטשאפט־געביט איז איבערגעשטיגנ געוואָרנ אינ דריי מאָל.

אינ רעזולטאט פונ דער קאָלעקטיוויזאציע האָט זיכ איינגעגעבנ צו פארגרעסערנ דעמ פארזיי־שעטעכ אפ 21 מיליאָנ הא אינ פארגלייכ מיטנ פארזיי־שעטעכ פונ יאָר 1928. אפנ גרונט פונעמ אופשטייג פונ דער לאנדווירטשאפט האָט זיכ די פארטיי דער־שלאָגנ דערצו, אז אָנשטאָט די 500—600 מיליאָנ פוד טווע, וואָס פלעגנ פארגרייט ווערנ פריער, האָט די סאָוועטישע מעלוכע באקומענ א מעגלעכקייט נאָכ דער קאָלעק־טיוויזאציע צו פארגרייטנ ביז 1400 מיליאָנ פוד טווע א יאָר.



דיאגראמ: דער וווקס פונ דער קאָלעקטיוויזאציע פונ די פויערשע ווירטשאפטנ אונ פונעמ פארזיי־שעטעכ. יעדער שטוב באטייט 10% פויערשע ווירטשאפטנ, יעדער רעכטעק באטייט 10% פונעמ פארזיי־שעטעכ.

אפ אזא אופנ האָט דאָס דערפאָלגרייכע אויספילנ דעמ פינפ־יאָר אינ פיר יאָר אינ לאנדווירטשאפט־געביט געשאפנ פאר דער סאָוועטנמאכט די סאמע פעסטע עקאָנאָמישע באזע אינ דאָרפ, די באזע פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט.

די באשליסנדיקע דערפאָלגנ אינ דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאנדווירטשאפט האָבנ געבראכט צו א גרינטלעכער פאר־בעסערונג אינ דער מאטעריעלער לאגע פונ די ארבעטנדיקע. אינ דער צייט, ווענ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט די ארבעטלאָזיקייט דערגרייכט צו אנ אומגעוויינעמ פארנעמ (לויט די ציפערנ פונ די קאפּיטאליסטנ אליינ איז אינ 1932 יאָר געווענ בא 50 מיליאָנ ארבעטלאָזע), אינ דער צייט ווענ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער וואקסט שנעל די פאראָרעמונג פונ די ארבעטער־מאסנ אונ די רויִנירונג פונעמ האָרעפאשנעמ פויערטומ,—איז אינ פסס"ר פולשטענדיק ליקווידירט די ארבעטלאָזי־קייט אונ עס וואקסט דער מאטעריעלער וווילשטאנד פונ די ברייטס־טע ארבעטנדיקע מאסנ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ.

די צאָל פונ גאנצנ פּראָלעטאריאט אינ פסס"ר איז צומ אָנהייב 1932 יאָר פאר־גרעסערט געוואָרנ אינ צוויי מאָל אינ פארגלייכ מיטנ 1913 יאָר.

פאר די יאָרנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר איז די צאָל ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע אינ פסס"ר פארגרעסערט געוואָרנ אינ צווייענ: פונ 11,6 מיליאָנ ביז 22,8 מיליאָנ. דערביי איז די איבערוועגנדיקע מערהייט ארבעטער איבערגעפירט געוואָרנ אפ א 7־שעהיקנ ארבעט־טאָג. אזויארומ איז אינ סאָוועטנפארבאנד פארווירקלעכט געוואָרנ דער סאמע קירצסטער ארבעט־טאָג אינ גאָר דער

וועלט. די פאָלק־האכנאָסע, דערינג די האכנאָסע פונ די ארבעטער אונ פויערים, איז פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר פארגרעסערט געוואָרנ אפ 85% אינ פארגלײַכ מיטנ 1928 יאָר. דער דורכשניטלעכער יאָריקער ארבעטלוינ פונ די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע אינ דער גרויס־אינדוסטריע איז פארגרעסערט געוואָרנ אפ 67%. דער פאָנד פונ סאָציאַלער סטראכירונג איז אויסגעוואקסנ קימאט אינדרײַענ, דערגרייכנדיק העכער 4 מיליארד רובל.

די פארבעסערונג פונעם מאטעריעלנ וווילשטאנד פונ די ארבעטנדיקע האָט זיכ אויכ אויסגעדריקט אינעם וווקס פונ דער געזעלשאפטלעכער דערנערונג, וועלכע האָט ארומגעכאפט העכער 70% ארבעטער פונ די באשליסנדיקע אינדוסטריע־צווײַגנ; אינ דער אנטוויקלונג פונ דער הײַזער־בויונג, וואָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט אריבער־צוזעצנ הונדערטער טויזנטער ארבעטער אינ בעסערע הײַזער אונ ווױנונגענ; אינ דער פאנאנדערוויקלונג פונ קינדער־הײַזער, יאסליעס; אינ די ברייטע מאָסמיטלענ אפ צו וווילײַנאָרדענענ די שטעט אונ אפ אויסצובויענ נײַע סאָציאַליסטישע שטעט.

דער קאָלווירטישער אנטוויקלונג־וועג פונ דער לאנדווירטשאפט האָט באפרײַט די אָרעם־מיטלפויערשע מאסנ פונעם באלעגופישנ יאָכ אונ עקספלואטאציע אונ האָט אופגעהויבנ די אָרעמשאפט אינ די קאָלווירטנ צו דער לאגע פונ באזאָרגטע מענטשנ.

אפ אזא אויפנ איז אדאנק דעמ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר פארניכט געוואָרנ די ארבעטלאָזיקײַט, ליקווידירט געוואָרנ די ניט־זיכערקײַט אינעמ מאָרגנדיקנ טאָג בא די ארבעטער, פארניכט געוואָרנ די פאראָרעמונג אונ רוינירונג אינ דאָרפ אונ עס איז דערגרייכט געוואָרנ אנ אופשטײַג פונ דער אָרעמשאפט אינ די קאָלווירטנ בינז ניוואָ פונ מיטלפויערים.

דער וווקס פונ די באדערפענישנ בא די ארבעטער אונ פויערים אונ דער קאָלאָ־סאלער וווקס פונ דער אינדוסטריעלער אונ לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע האָבנ געבראכט צו אנ אופלעבונג אונ פארברייטערונג פונעמ סכוירע־אומזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. דאָס האָט געפונענ אנ אויסדרוק אינעמ פארגרעסערנ די פראָדוקציע פונ דער לײַכטער אינדוסטריע בינז 187% אינ פארגלײַכ מיטנ 1928 יאָר, אינעמ וווקס פונעם לאָכאַלדימדיקנ קאָאָפעראטיוו־מעלוכישנ האנדל אפ 175%, אינעמ וווקס פונ דער מעלוכיש־קאָאָפעראטיווער האנדל־נעצ אונ, ענדלעכ, אינ דער פאנאנדערוויקלונג פונעם קאָלווירטישנ האנדל.

אפ אזא אויפנ האָט דאָס אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר אינ געביט פונעמ סכוירע־אומזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ גע־בראכט דערצו, אז פונעמ סכוירע־אומזאצ זײַנענ אינגאנצנ ארויס־געשמיסנ געוואָרנ די פריוואט־הענדלער. דער סאָוועטישער האנדל וויקלט זיכ פאנאנדער אָנ קאפיטאליסטנ אפנגרונט פונ דער אנט־וויקלטער מעלוכישער אינדוסטריע, אונ אויכ פונ די ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ.

אפנ גרונט פונעמ עקאָנאָמישנ אופשטײַג פונ לאנד איז גיכ געוואקסנ די קולטור־בויונג. פונ א לאנד מיט א קאָלאָסאלנ פראָצענט ניטגראמעטנע איז פסס״ר פאר־וואנדלט געוואָרנ אינ א לאנד פונ דורכויסיקער גראמעטנעקײַט. די צאָל גראמעטנע איז פונ 33% אינ 1913 יאָר אויסגעוואקסנ בינז 90% אינ 1932 יאָר. צום סאָפ ערשטנ פינפיאָר איז פארווירקלעכט געוואָרנ די אלגעמײַנע אָבליגאַ־טערישע אָנפאנג־בילדונג: עס איז קאָלאָסאל אויסגעוואקסנ די פרעסע, די נעצ קלובנ, שולנ, לייענשטיבלעכ, ביבליאָטעקנ. אינ דער צײַט, ווענ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער זענ מיר א יערידע אונ א צעשטויבונג פונ די וויסנשאפטלעכע אונ טעכ־נישע קאדרענ,—איז אינ פסס״ר שנעל געוואקסנ די פראָלעטארישע אינטעליגענצ. פאר די יאָרנ פונ פינפיאָר איז די צאָל אינזשענערנ אונ טעכניקערס פארגרעסערט געוואָרנ קימאט אינדרײַענ.

אינ די פריער אָפגעשטאנענע נאציאָנאלע ראיאָנענ, ווו דער צאריזמ פלעגט שטיקנ די נאציאָנאלע קולטור (צום בײַשפיל אינ אוקראינע, ווײַסרוסלאנד, קאזאקסטאנ,

טאַטאַריע, טורקעסטאַנ), איז פאָרגעקומענ א ניט־געוועזענער אויפבלי פונ דער קולטור — א נאַציאָנאַלער לויט דער פאָרמע אונ סאָציאַליסטישער לויטנ אינהאַלט. דאָס ניט־אָפּגענויגטע דורכפירנ די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט באַוואָרנט, עס זאָל זיכ פאַרפעסטיקנ די ברידערשאַפט פונ די אַרבעטנדיקע פונ אַלע נאַציאָנאַליטעטנ אינעמ איינהײַטלעכנ פאַרבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ.

אינ רעזולטאַט פונעמ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ 4 יאָר אינ דער אינדוסטריע, אינ דער לאַנדווירטשאַפט אונ אינעמ האַנדל האָט דער סאָציאַליזמ געזיגט ענדגילטיק אונ איינמאָל פאַר אַלעמאָל. די לעצטע רעשטלעכ פונ די שטאַרבנדיקע קלאַסנ זײַנענ אַרויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ דער אינדוסטריע, פונ דער לאַנדווירטשאַפט, פונעמ האַנדל. אפנ גרונט פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע זײַנענ ענדגילטיק אונטערגעריסנ געוואָרנ די וואָרצלענ פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ דאָרפ, עס איז צעגראָמירט, כאָטש נאָכ ניט ענדגילטיק דערקלאַפּט געוואָרנ, דאָס באַלעגופנטומ. דאָס קאָלווירטישע פּויערטומ איז געוואָרנ דער פעסטער אָנשפּאַר פונ דער סאָוועטנמאַכט אינ דאָרפ.

אזוי אַרומ איז ענדגילטיק געלײזט געוואָרנ די פראַגע „ווער וועמענ?” לעטויוועס דעמ סאָציאַליזמ, אונ דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיכ ענדגילטיק פאַרפעסטיקט אפנ סאָציאַליסטישנ וועג סײַ אינ שטאָט, סײַ אינ דאָרפ.

דאָס אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ 4 יאָר האָט א וועלט־היסטאָרישנ באַטײַט. דער פינפיאָר האָט פאַרוואַנדלט דעמ סאָוועטנפאַרבאַנד אינ אנ אומבאַזיגלעכער פעסטונג פונ דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע. דאָס אויספילנ דעמ פינפיאָריקנ פּלאַנ האָט א קאָלאָסאַלנ אינטערנאַציאָנאַלנ באַטײַט. „עס קענ ניט זײַנ קיינ שומ סאָפּעק, אז דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ רעוואָליוציאָנערנ באַטײַט פונעמ פינפיאָר איז בעעמעס גאָר ניט אויסצומעסטנ”, — זאָגט דער כ׳ סטאַלינ. דער פינפיאָר באַווײַזט דעמ אַרבעטער־קלאַס אונ די אַרבעטנדיקע אינ אַלע לענדער, אז פאַר זיי איז ניטאָ אונ עס קענ ניט זײַנ קיינ אַנדער אויסוועג פונעמ קאַפּיטאַליסטישנ קריזיס, קיינ אַנדער וועג צו באַפרײַענ די אַרבעטנדיקע, אויסער דעמ וועג פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

„די דערפאָלגנ פונעמ פינפיאָר מאָביליזירנ די רעוואָליוציאָנערע קויכעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס אינ אַלע לענדער קעגנ דעמ קאַפּיטאַליזמ — דאָס איז אנ אומבאַשטרײַטלעכער פאַקט”[1].

די רעזולטאַטנ פונעמ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ 4 יאָר האָבנ צעקלאַפּט די האָפענונגענ פונ די סאָנימ פונעמ סאָוועטנפאַרבאַנד, אז דעמ פינפיאָר איז אומעגלעכ אויסצופילנ. דער אַרבעטער־קלאַס פונ פסס״ר האָט אינ דער פּראַקטיק באַוויזנ, אז אונטערנ אָנפיר פונ דער אַלק״פּ(ב) איז ער פײַיק ניט בלויז צו שטירצנ די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, נאָר אויכ צו בויענ אונ אויסצובויענ די נײַע, סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

דער זיג פונעמ פינפיאָר האָט צעשמעטערט אפ פיצ־פיצלעכ די בורזשואזע טעאָריע פונ די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ אונ פונעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טראָצקיזמ וועגנ דער אומעגלעכקײַט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד. דער זיג פונעמ פינפיאָר האָט צעשמעטערט אפ פיצ־פיצלעכ אַלע אײַנשטעלונגענ פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, וואָס פלעגנ טײַנענ, אז דעמ פינפיאָר־פּלאַנ איז ניט מעגלעכ אויסצופילנ, אז די באָלשעוויסטישע טעמפּנ זײַנענ ניט פאַר אונדזערע קויכעס, אונ וואָס פלעגנ ציִענ די פּאַרטיי אונ דעמ אַרבעטער־קלאַס אפנ וועג פונ צוריקופשטעלנ דעמ קאַפּיטאַליזמ. די סאַכאַקלענ פונעמ פינפיאָר האָבנ געוויזנ, אז ס׳איז פולקומ מעגלעכ אויסצובויענ א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אינ איינ לאַנד, אז איר עקאָנאָמישער פונדאַמענט איז שוינ אויסגעבויט אינ פסס״ר. די סאַכאַקלענ פונעמ פינפיאָר האָבנ באַוויזנ דער גאַנצער וועלט אַלע מײַלעס פונ דער סאָציאַליסטישער סיסטעמ אינ פאַרגלײַכ מיט דער קאַפּיטאַליסטישער, וואָס לעבט אָפּ איר צײַט אונ דאַרפ פאַרביטנ ווערנ דורכ דער נײַער, סאָציאַליסטישער סיסטעמ.

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма (дополнение), стр. 13.

„ענדלעכ, האָבנ די סאכאקלענ פונעם פינפיאָר געוויזנ, אז די פארטיי איז אומבאזיגלעכ, אויב זי ווייסט, וווהינ צו פירנ די זאכ, אונ האָט ניט מוירע פאר קיינ שוועריקייטנ" [1].

אָנפירנדיק מיטנ קאמפ פארנ אויספילנ דעם פינפיאָר, האָט די פארטיי באוואָרנט א שטורמישנ וווקס פונ דער פּאָליטישער אקטיווקייט אונ פונ דער באוווסטזיניקייט פונעם ארבעטער־קלאס אונ פונ דער גאנצער מאסע האָרעפּאשניקעס אינ פּסס"ר. אינעם קאמפ פארנ פינפיאָר איז אויסגעשמידט געוואָרנ א נייער טיפּ פונ א סאָציאליסטישנ טוער — פונעם שלאָגלער, דעם מעסירעסנעפעשדיקנ קעמפער, וואָס איז מיט לייב אונ לעבנ איבערגעגעבנ דעם סאָציאליזם, וואָס פאר אים איז ארבעט געוואָרנ א זאכ פונ ערע, העלדנטאט אונ העראָישקייט. אפנ כעזשבנ פונ אָט די בעסטע שלאָגלערט איז די פארטיי געוואקסנ, אונ פאר א קורצער צייט האָבנ אירע רייענ דערגרייכט ביז העכער 3 מיליאָנ מיטגלידער אונ קאנדידאטנ. העכער 5 מיליאָנ מיטגלידער ציילט דער לענינישער קאָמיוג. אינעם קאמפ פאר דער גענעראלער ליניע האָט די פארטיי דערגרייכט צו א ניט־געוועזענער צעמענטירטקייט אונ שלאכטפייקייט. צעגראָמירט דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערנ טראָצקיזם, דעמאסקירט דעם רעכטנ אָפּאָרטוניזם אלס די הויפּט־געפאר, דורכגעפירט אנ אומבארכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ די „לינקאטשישע" איבערבויגנ, קעגנ יעדערליי אנטיפארטייאישע אונ קאָנטררעוואָלוציאָנערע גרופּירונגענ, — האָט די פארטיי געבראכט דעם ארבעטער־קלאס צומ זיג פונ סאָציאליזם.

אינ קאמפ פארנ אויסבויענ דעם סאָציאליזם האָט זיכ די גאנצע פארטיי אונ דער ארבעטער־קלאס נאָכ ענגער באהעפט ארומ זייער פירער אונ לערער, דעם אָרגאניזאטער פונ די גרויסע ניצחוינעס פונ סאָציאליזם — ארומ כאווער סטאלינ. **בלויז אדאנק דעם, וואָס מיטנ גאנצנ קאמפ האָט אָנגעפירט די אלק"פּ(ב), איר לענינישער צענטראל־קאָמיטעט, בלויז אדאנק דעם, וואָס אינ שפּיצ פונ דער פארטיי אונ פונעם ארבעטער־קלאס, אינ שפּיצ פונעם קאמפ פארנ פינפיאָר איז געשטאנענ כ' סטאלינ, — האָט זיכ די פארטיי ארויסגעוויזנ פאר אומבאזיגלעכ, אונ דער ארבעטער־קלאס האָט געקענט אָפּהאלטנ דעם גרויסנ ניצאָכנ — אויספילנ דעם פינפיאָר אינ פיר יאָר.**

ליטעראטור צומ פופצנטנ קאפּיטל.

Сталин, К вопросам аграрной политики в СССР, „Вопросы ленинизма", стр. 442—460.

Сталин, К вопросу о политике ликвиадции кулачества как класса, „Вопросы ленинизма", стр. 461—464.

Сталин, „Головокружение от успехов", „Вопросы ленинизма", стр. 465—470.

Сталин, Ответ товарищам колхозникам, „Вопросы ленинизма", стр. 471—486.

Сталин, Политотчет XVI с'езду. „Вопросы ленинизма", стр. 487—577.

Сталин, О задачах хозяйственников, „Вопросы ленинизма", стр. 578—585.

Сталин.—Новая обстановка, новые задачи хозяйственного строительства, „Вопросы ленинизма", стр. 586—603.

Сталин, О некоторых вопросах истории большевизма. „Вопросы ленинизма", стр. 604—614.

Сталин, Доклад на январском пленуме ЦК 1933 г.

Сталин, О работе в деревне. 1933 г.

Резолюции XVI съезда ВКП(б). „ВКП(б) в резолюциях", ч. 2.

Резолюции пленума ЦК в декабре 1930 г. „

Резолюции пленума ЦК в июне 1931 г. „

Резолюции пленума ЦК в октябре 1931 г. „

Резолюции пленума ЦК в октябре 1932 г. „

Резолюции XVII конференции ВКП(б). „

Постановление ЦК о темпах коллективизации. „

Постановление ЦК о борьбе с искривлениями партлинии в колхозном движении, „ВКП(б) в резолюциях", ч. 2.

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма (дополнение), стр. 39.

זעכצנטער קאפיטל.

די פארטיי אינ קאמפ פארנ צווייטנ פינפיאָר.

דער יאנוואר־פּלענום פונ צ״ק אינ צקק״ק אינ 1933 יאָר.

דעם כ׳ סטאלינס, מאָלאָטאָווס אונ קויבישעווס פאָרטראָגנ וועגנ די סאכאקלענ פונעם ערשטנ פינפיאָר אונ וועגנ דעם פּלאנ פונעם ערשטנ יאָר פונ צווייטנ פינפיאָר, דעם כ׳ סטאלינס רעדע וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ, דעם כ׳ קאהאנאָוויטשעס פאָרטראָג וועגנ שאפנ פּאָליט־אָפּטיילנ אינ די מט״ס אונ אינ די ראטווירטנ אונ די באשלוסנ וועגנ די דאָזיקע פראגעס — שטעלנ אוועק דעם יאנוואר־פּלענום פונ צ״ק, לויטנ באטײַט זײַנעם, אינ דער רײ פונ די וויכטיקסטע פארטיי־געשעענישנ, אינ איינ רײ מיט פארטיי־צוזאמענפאָרנ.

דער יאנוואר־פּלענום פונ צ״ק האָט נאָכנ אונטערציִענ די סאכאקלענ פונ די היסטאָרישע ניצחוינעס פונעם ערשטנ פינפיאָר ארויסגערוקט די גרונטיקע פּאָליטישע אופגאבעס אפנ פאָרשטייענדיקנ פעריאָד.

דער ערשטער פינפיאָר איז געווענ א פינפיאָר פונ בויענ נײַע אונטערנעמונגענ אינ דער אינדוסטריע אונ אינ דער ערד־ארבעט. דער כאראקטעריסטישער שטריכ פונ אָט דעם פעריאָד איז געווענ די באגײַסטערונג, דער פּאטאָס פונ בויענ. דער צווייטער פינפיאָר וועט צוגלײַכ מיטנ ווײַטערדיקנ אנטוויקלענ די בויונג זײַנ דעריקער א פינפיאָר פונ באהערשנ די נײַע אונטערנעמונגענ אונ פונ אָרגאניזאציאָנעלנ פארשטארקנ די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ. דעם אופשטײַג, וואָס די פארטיי האָט אינעם ערשטנ פינפיאָר אָרגאניזירט צוליב דער נײַער בויונג, מוז מענ איצט, ווי ס׳האָט געזאָגט דער כ׳ סטאלינ,

„...דערגאנצנ מיטנ ענטוזיאזמ, מיטנ פּאטאָס פונ *באהערשנ* די נײַע זאוואָדנ אונ די נײַע טעכניק, מיטנ ערנסטנ אופהייבנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, מיטנ ערנסטנ פארקירצנ דעם קערנקאָסט. *אינ דעם באשטייט איצט דער איקער*" [1].

אינעם ערשטנ פינפיאָר האָט די פארטיי געדארפט דורכפירנ א פּאָליטיק פונ מאקסימאל פארגיכערטע טעמפּנ אינעם אנטוויקלענ דאָס לאנד, ווארעמ עס איז נייטיק געווענ גיכ צו שאפנ א פארגעשריטענע אינדוסטריע, צו באזאָרגנ די לאנדווירטשאפט מיט טראקטערס, מיט לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, ניט צו דערלאָזנ עס זאָלנ זיגנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ. עס איז אויכ נייטיק געווענ צו שאפנ הײַנט־צײַטיקע שוץ־מיטלענ, וואָס אָנ זיי וואָלט ניט מעגלעכ געווענ צו פארטיידיקנ זיכ פונ די אימפּעריאליסטנ. ווענ די פארטיי זאָל ניט געווענ פארגיכערנ דעם לויפ פונעם סאָוועטנפארבאנד, האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ,

„...וואָלטנ מיר געהאט אינ אזא פאל א מילכאָמע־אינטערווענצ; ניט קיינ ניט־אָנפאל־פּאקטנ, נאָר א מילכאָמע, א געפערלעכע אונ אפּ טויט, א מילכאָמע א בלוטיקע אונ ניט קיינ גלײַכע, ווארעמ אינ אָט דער מילכאָמע וואָלטנ מיר געווענ קימאט אומבאוואָפנט קעגנ די סאָנים, וואָס פארמאָגנ אינ זייער רעשוס אלע הײַנטצײַטיקע אָנפאל־מיטלענ" [2].

---

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма (дополнение), стр. 22.

[2]) Сталин, Вопросы ленинизма (дополнение), стр. 20.

די גרעסטע בויונגען פונעם 2טן פינפיאָר



1933-1937

איצטער, צום אָנהייב צווייטנ פינפיאָר, ווענ עס איז שוינ געשאפנ א באזע פונ דער הײַנטצײַטיקער טעכניק פאר דער אינדוסטריע, פארנ טראנספּאָרט, פאר דער לאנדווירטשאפט, אונ ווענ עס איז הויכ אופגעהויבנ די שוצפייִקײַט פונעם לאנד, — איצט איז שוינ ניטאָ קיינ נייטיקײַט אונטערצוטרײַבנ דאָס לאנד. כוצדעם זײַנען אויסגעבויט פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס זייער טעכניק איז נאָכ ניט באהערשט אונ וואָס מע מוז זיי ווי ס׳דארפ צו זײַנ באהערשנ. אָבער דאָס באהערשנ זיי פאָדערט מער צײַט אונ שטעלט פאָר מער שוועריקײַטנ, ווי דאָס אויסנוצנ די אלטע אונטערנעמונגענ. ארויסגייענדיק דערפונ, האָט כ׳ סטאלינ פאָרגעלייגט אײַנצושטעלנ פארנ צווייטנ פינפיאָר ווייניקער פארגיכערטע טעמפּנ פארנ וווקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

אפנ צ״ק־פּלענום האָט כ׳ סטאלינ מיט דער גאנצער קראפט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ דער נייטיקײַט צו פארבעסערנ די פּארטיי־ארבעט אינ דאָרפ. אינ פארבינדונג מיט דער געשאפענער לאגע אינ דאָרפ האָט ער מיט דער גאנצער באָלשעוויסטישער אָפנקײַט פארשארפט די אופמערקזאמקײַט אפ די גרונט־פעלערנ אינ דער ארבעט פארנ לעצטנ פעריאָד.

דער הויפּט־פעלער איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס אינ 1932 יאָר זײַנענ די טוווע־פארגרייטונגענ דורכגעגאנגענ מיט גרעסערע שוועריקײַטנ, איידער אינ 1931 יאָר. דערבײַ האָט מענ דעמ שלעכטנ גאנג פונ די פארגרייטונגענ ניט געקענט דערקלערנ מיט א שלעכטער גערעטעניש, ווײַל די גערעטעניש איז געווענ א בעסערע, איידער אינ פארגאנגענעמ יאָר. די סיבעס פונ אָט דעמ פעלער האָבנ געשטעקט אָט אינ וואָס:

די ערשטע סיבע איז דאָס, וואָס די דאָרפישע טוערס האָבנ ניט דיסקאָנטירט די נײַע סיטואציע אינ דאָרפ, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ מאכמעס דעמ קאָלווירטישנ טוווע־האנדל. נאָכנ אײַנפירנ דעמ קאָלווירטישנ האנדל האָט דער פויער באקומענ א מעגלעכקײַט צו פארקויפנ די טוווע לויט דער מארק־פרײַז, וואָס איז העכער, איידער די פעסטגעשטעלטע מעלוכע־פרײַז. דאָס האָט געשאפנ א געוויסע אײַנגעהאלטנקײַט באמ פויער בענעגייע דעמ אָפגעבנ טוווע דער מעלוכע. קעדיי אויסצופילנ די מעלוכע־פארגעבונגענ אינ געביט פונ די טוווע־פארגרייטונגענ, האָבנ די פּארטיי־אָרגאניזאציעס אינ אזוינע באדינגענ געדארפט אָנהייבנ די טוווע־פארגרייטונגענ שוינ פונ די ערשטע טעג אָנ פונעמ שניט. זיי אָבער האָבנ אָנשטאָט צוצוגרייטנ די טוווע־פארגרייטונגענ, אָנגעהויבנ סטימולירנ דאָס שאפנ פארשיידענע מינימ פאָנדנ אינ די קאָלווירטנ (סטראכיר־פאָנד, פאָנד פאר געזעלשאפטלעכער דערנערונג, פאר פיצוכט א. אז. וו.), פארגרעסערנדיק אינ צוויי־דרײַ מאָל דעמ פארנעמ פונ אָט די פאָנדנ. די דירעקטערס פונ די ראטווירטנ האָבנ אויכ דערלאָזט דעמדאָזיקנ פעלער, אונ אײַנהאלטנדיק די טוווע, וואָס זיי האָבנ געדארפט אָפגעבנ דער מעלוכע, פלעגנ זיי זי פארקויפנ אפ דער זײַט. מאכמעס די אלע סיבעס פלעגנ די טוווע־פארגרייט־פּלענער ניט אויסגעפילט ווערנ.

די צווייטע סיבע פונ די פעלערנ איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס אסאכ קאָמוניסטנ האָבנ ניט פארשטאנענ די ענדערונג פונ דער סיטואציע אינ דאָרפ אינ צוזאמענהאנג מיטנ פארענדיקנ די קאָלעקטיוויזאציע. זיי האָבנ ניט פארשטאנענ, אז דער אריבערגאנג צו קאָלעקטיווער ווירטשאפט פארקלענערט ניט, נאָר פארגרעסערט, אדערעבע, די זאָרג פונ דער פּארטיי פאר דער לאנדווירטשאפט, פארגרעסערט איר אָנפיר־ראָליע אינעמ אנטוויקלענ די לאנדווירטשאפט. פאר דער ווירטשאפט־פירונג איז איצט פאראנטוואָרטלעכ דער אָנפירער פונ קאָלווירט. בייס אינ דאָרפ האָט געהאט די איבערהאנט די אינדיווידועלע ווירטשאפט, — דעמאָלט פלעגט זיכ דער איינצלפויער אליינ זאָרגנ פאר זײַנ ווירטשאפט, אויסרעכענענ זײַנע אייגענע קויכעס אונ אליינ טאקע פלעגט ער טראָגנ די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר זײַנ ווירטשאפט. אינ יענע באדינגונגענ האָט זיכ די פּארטיי געקענט באגרענעצנ מיט איינצלנע אקטנ פונ געבנ הילפ אונ אייצעס דעמ איינצלפויער. איצט אָבער, נאָכנ אריבערגיינ צו א קאָלעקטיווער ווירטשאפט, דארפ די פּארטיי נעמענ אינ אירע הענט ארײַנ די

אָנפֿירונג מיט די קאָלווירטן, זי דאַרף העלפֿן די קאָלווירטניקעס פֿירן זייער ווירטשאַפֿט אויפֿן גרונט פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק.

א קאָלווירט איז א גרויסע ווירטשאַפֿט, אָבער א גרויסע ווירטשאַפֿט טאָר מען ניט פֿירן אָן א פּלאַן. אזא ווירטשאַפֿט טאָר מען ניט איבערלאָזן, זי זאָל זיך אַנט־וויקלען מיטן זעלבשטראָם, נאָר מע מוז זי באַוואָרענען מיט אן אָנפֿירונג פֿון גראַמעטנע מענטשן, וואָס זײַנען פֿייִק צו פֿירן די קאָלווירטישע ווירטשאַפֿט לויט א באַשטימטן פּלאַן און אָרגאַניזירטערהייט.

די באַדינגען פֿון דער קאָלווירטישער ווירטשאַפֿט אין דאָרף פֿאַרגרעסערן, אַזוי אַרום, די זאָרג און די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון דער פּאַרטיי און פֿון דער סאָוועטנמאַכט. דעריבער מוזן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס גוט וויסן דאָס קאָלווירטישע לעבן, זיי מוזן אַרײַנדרינגען אין אַלע פּראָטים פֿונעם קאָלווירטישן לעבן און פֿון דער קאָלווירטישער אָנפֿירונג. אינדערעמעסן אָבער זײַנען א רייי ראַיאָנישע און געגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס געווען אָפּגעריסן פֿונעם לעבן פֿון די קאָלווירטן, פֿון זייערע באַ־דערפֿענישן. דערגרייכט א הויכן קאָלעקטיוויזאַציע־פּראָצענט, האָבן זיך דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַרויִקט און זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן זעלבשטראָם.

די דריטע סיבע פֿון די פֿעלערן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַסאַך כאַווייִרים האָבן איבערגעשאַצט די קאָלווירטן אַלס א נײַע ווירטשאַפֿט־פֿאָרמע. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז וויבאַלד עס זײַנען פֿאַראַן קאָלווירטן, וואָס זײַנען א סאָציִאַליס־טישע ווירטשאַפֿט־פֿאָרמע, איז שוין דערמיט אַליין באַוואָרנט דאָס ריכטיקע פֿירן די קאָלווירטישע ווירטשאַפֿט און דאָס פֿאַרוואַנדלען די קאָלווירטן אין מוסטערדיקע סאָציִאַליסטישע ווירטשאַפֿטן. אָט די כאַווייִרים האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דער קאָלווירט אַליין, פֿאַר זיך גענומען, כאָטש ער איז טאַקע א סאָציִאַליסטישע ווירט־שאַפֿט־פֿאָרמע, איז פֿונדעסטוועגן ניט גאַראַנטירט פֿון פֿאַרשיידענע געפֿאַרן און פֿון דעם, אַז אין אים זאָלן אַרײַנדרינגען קאָנטררעוואָליוציִאָנערע עלעמענטן, וואָס באַ באַשטימטע באַדינגען קענען זיי אויסנוצן דעם קאָלווירט צוליב זייערע צוועקן. דער טאָכ פֿון דער זאַך באַשטייט, הייסט עס, אין דעם, וואָס פֿאַר אן אינהאַלט עס ווערט אַרײַנגעגאָסן אין אָט דער קאָלווירטישער פֿאָרמע, ווער עס שטייט אין שפּיץ פֿונעם קאָלווירט, ווער עס פֿירט מיט אים אָן. דעריבער קענען זיך די קאָלווירטן גלענצנדיק פֿאַרשטאַרקן און אַנטוויקלען אויפֿן סאָציִאַליסטישן וועג דעמלט, ווען אין זייער שפּיץ שטייען עמעסע באָלשעוויקעס. און, פֿאַרקערט, די קאָלווירטן קענען אויף א געוויסן פּעריִאָד אויסגענוצט ווערן צוליב קאָנטררעוואָליוציִאָנערע צילן, אויב אין שפּיץ וועלן שטיין קלאַסנסאָנים.

די פֿערטע סיבע פֿון די פֿעלערן אין דער דאָרף־אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס א גאַנצע רייי קאָמוניסטן האָבן ניט פֿאַרשטאַנען די ענדערונג אין דער טאַקטיק פֿונעם קלאַסנסוינע אין דאָרף. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿאַרצעפּ פֿונעם קלאַסנסוינע האָט זיך געענדערט די לעצטע צײַט, און אַז דעריבער מוז מען אויך ענדערן די טאַקטיק פֿון דער פּאַרטיי. פֿאַרשטאַנען דעם קוייעכ פֿון דער זיגערישער קאָלווירטישער אָרדענונג, זײַנען די קלאַסנפֿײַנט אַריבער פֿון אן אָפֿענעם קאַמף קעגן די קאָלווירטן צו אן אַרבעט „מיט דער שטילער סאַפּע”. די באַלעגופֿים טרעטן אַצינד ניט אַרויס מיט א ביקס אין די הענט און אַגיטירן ניט אָפֿן קעגן די קאָלווירטן. זיי האָבן זיך צוגעסטאַרעט דורכצוקריכן אין די קאָלווירטן אַרײַן און צו פֿאַרנעמען דאָרטן שטעלעס פֿון קאַמער־פֿאַרוואַלטערס, ווירטשאַפֿט־פֿאַרוואַלטערס, סעקרעטאַרן א. אַז. וו., און דאָרטן פֿירן זיי א שעדיקערישע אַרבעט. די באַלעגופֿים זײַנען צעקלאַפּט, נאָר נאָך ניט ענדגילטיק דערקלאַפּט. און דעריבער טאָר מען זיך אַבסאָליוט ניט באַרויִקן מיט דעם, אַז זיי האָבן קלוימערשט אויפֿגעהערט קעמפֿן און זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם געדאַנק אַראָפּצוּדרייען דעם קאָפּ דער סאָוועטנ־מאַכט.

דידאָזיקע סיטואַציע פֿון קלאַסנקאַמף אין לאַנד פֿאָדערט, מע זאָל פֿאַרשטאַרקן די רעוואָליוציִאָנערע וואַכזאַמקײַט, קעדיי צו קענען אַראָפּרײַסן די מאַסקעס פֿון די קלאַסנפֿײַנט און ווײַזן זייער עמעסן קאָנטררעוואָליוציִאָנערן פּאָנעם.

די פינפטע סיבע פונ די פעלערנ איז באשטאנענ אינעם ניט־דערשאצנ די ראָליע אונ די פאראנטוואָרטלעכקײַט פונ די קאָמוניסטנ אינ דער קאָלווירטישער בויונג אונ אינ די טוווע־פארגרייטונגענ. כ׳ סטאלינ האָט געזאָגט, אז אינ די שוועריקײַטנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ די טוווע־פארגרייטונגענ, זײַנענ שולדיק ניט די פויערימ, נאָר די קאָמוניסטנ. די פארטיי אונ די סאָוועטנמאכט האָבנ איצט א קאָלאָסאלנ אויטאָריטעט. אונ אויב אינ די קאָלווירטנ האָט געהאלטנ שלעכט, ביפראט — בענעגייע די טוווע־פארגרייטונגענ, איז שטעקט די סיבע דערפונ אינ די אָנגעוויזענע פעלערנ. אפנ אויסבעסערנ די פעלערנ מוז מענ דעריבער קאָנצענטרירנ אלע פארטיי־קויכעס, דעמלט וועלנ די פאראנענע באשליסנדיקע דערגרייכונגענ פונ דער פארטיי אינ דאָרפ פארשטארקט ווערנ, אונ די רעשטלעכ קלאסנסאָנימ וועלנ אינגאנצנ דערקלאפט ווערנ.

די גאנצע סיטואציע פונ דער ארבעט אינ דאָרפ האָט געפאָדערט גרינטלעכ צו פארבעסערנ די אָנפירונג מיט דער לאנדווירטשאפט, מיט דער ארבעט פונ די קאָלווירטנ. עס איז נייטיק געווענ אוועקצושטעלנ אפ דער געהעריקער הייכ די סאָציאַליסטישע דערציִונג פונעמ קאָלווירטישנ פויערטומ אונ אויסצובעסערנ די פעלערנ, וואָס עס האָבנ דערלאָזט די דאָרפישע פארטיי־אָרגאניזאציעס.

די גאנצע דערפארונג פונ דער ארבעט האָט געוויזנ, אז מיט די קויכעס בלויז פונ די אָרטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס וועט זײַנ אויסערגעוויינלעכ שווער צו ספראווענ זיכ מיט אָט די אופגאבעס.

כ׳ סטאלינ, דיסקאָנטירנדיק די גאנצע לאגע אינ דאָרפ אונ די קאָלאָסאלע אופגאבעס, וואָס שטייענ פאר דער פארטיי אינ געביט פונ פארפעסטיקנ די קאָלווירטישע אָרדענונג, האָט ארויסגערוקט א פאָרשלאָג צו שאפנ אזא אָרגאניזאציע, וואָס זאָל קענענ באוואָרענענ, אז די דאָזיקע אלע אופגאבעס זאָלנ אויסגעפילט ווערנ.

„... די פאָליט־אָפטיילנ פונ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס אונ פונ די ראטווירטנ, — האָט ער געזאָגט, — זײַנענ איינס פונ יענע באשליסנדיקע מיטלענ, וואָס מיט זייער הילפ וועט מענ קענענ באזײַטיקנ די דאָזיקע פעלערנ אינעם סאמע קורצנ טערמינ" [1].

אויסגעהערט דעמ כ׳ קאהאנאָוויטשעס ספעציעלנ פאָרטראָג וועגנ דער ראָליע אונ די אופגאבעס פונ די פאָליט־אָפטיילנ, האָט דער צ״ק־פלענומ אָנגענומענ א באשלוס צו שאפנ פאָליט־אָפטיילנ אונ האָט פארפליכט די פארטיי־אָרגאניזאציעס אויסצוטיילנ פאר זייערטוועגנ פעסטע, דורכגעקאָנטראָלירטע באָלשעוויקעס.

דער יאנוואר־פלענומ פונ צ״ק האָט באוויזנ מיט דער גאנצער בוילעטקײַט, אז די גרויסע היסטאָרישע אופגאבע אופצובויענ די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט וועט דער ארבעטער־קלאס קענענ אויספילנ בלויז אינ פארביטערטנ קלאסנקאמפ קעגנ די רעשטלעכ קאפיטאליזמ. די וואקסנדיקע מעכטיקײַט פונ דער סאָוועטנמעלוכע פארשטארקט דעמ ווידערשטאנד מיצאד די רעשטלעכ פונ די אָפשטארבנדיקע קלאסנ. זיי ענדערנ די פאָרמע פונ זייער קאמפ. מאסקירנדיק זיכ, שטרעבנ זיי דורכצוקריכנ אינ די קאָלווירטנ ארײַנ אונ אינ די אונטערנעמונגענ, קעדיי ווי ווײַט מעגלעכ שעדיקנ אונ אונטערײַסנ די סאָציאַליסטישע בויונג פונ אינעווייניק. גנייווע אונ גזיילע פונעמ געזעלשאפטלעכנ אייגנטומ איז געוואָרנ איינע פונ די פאָרמעס פונ קאמפ פונעמ קלאסנסוינע. דעריבער האָט די פארטיי פאנאנדערגעוויקלט אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ פאר אָפהיטנ דאָס הייליקע אונ אומבארירלעכע סאָציאַליסטישע אייגנטומ — קעגנ די באלעגופימ, זשוליקעס, בארײַסערס, כוליגאנעס. לענינ האָט געלערנט:

„רײַכע אונ זשוליקעס — דאָס זײַנענ צוויי זײַטנ פונ איינ מעדאל, דאָס זײַנענ די צוויי הויפט־קאטעגאָריעס פ א ר א ז י ט נ, וואָס דער קאפיטאליזמ האָט זיי אויסגעהאָדעוועט; דאָס זײַנענ די הויפט־סאָנימ פונעמ סאָציאַליזמ. דידאָזיקע סאָנימ דארפ מענ נעמענ אונטער א ספעציעלער אופזיכט פונ דער גאנצער

[1]) Сталин, Вопросы ленинизма (дополнение), стр. 50.

באפעלקערונג; מיט זיי דארפ מענ זיכ אָפּרעכענענ, באַ זייער מינדסטנ ברעכנ די קלאָלימ און געזעצנ פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, אומראכ-מאָנעסדיק"[1].

קעדיי צו דערשלאָגנ די קלאסנסאָנימ, קעדיי צו פארטיידיקנ דאָס סאָוועטנלאנד פונ אנ אָנפאל פונויסנ און אופצובויענ דעמ קאָמוניזמ, איז נייטיק—ווי ס'האָט אָנגעוויזנ כ' סטאלינ—א מעכטיקע און שטארקע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. אינעמ צווייטנ פינפיאָר שטייט דעריבער פאר דער פארטיי די אופגאבע צו פארשטארקנ די פראָלעטארישע דיקטאטור, צו פארשטארקנ די רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט און אופצוהייבנ די קלאסנ-וואכזאמקייט.

"...רעוואָלוציאָנערע וואכזאמקייט און גרייטקייט צו צעשמעטערנ דעמ קלאסנסוינע—דאָס דארפ זײַנ דער גרונט-געבאָט פונ א קאָמוניסט און די הויפט-פאָרהאנאָכע פאר דעמ ווײַטערדיקנ באוועגנ זיכ פאָרויס"[2].

אזויארומ, איז אינ די באדינגענ פונעמ דויערנדיקנ אָנגריפ פונ סאָציאַליזמ אינ גאנצנ פראָנט אומפארמײַדלעכ נאָכ אויכ אפ ווײַטער די פארשארפונג פונעמ קלאסנ-קאמפ אינ אייניצלנע מאָמענטנ און באזונדערס אפ אייניצלנע באצירקנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. אינ צוזאמענהאנג דערמיט ווערט נאָכ אומפארמײַדלעכ אינ פארלויפ פונ א לענגערער צײַט דורכדרינגענ אינ דער ארבעטער-סוויווע און אפילע אינ דער פארטיי פרעמדע דעמ פראָלעטאריאט קלאסנ-ווירקונגענ. די XVII פארטיי-קאָנפערענצ און דער יאנוואר-פלענומ פונ צ"ק און צק"ק האָבנ מיט דער גאנצער קראפט אונטערגעשטראָכנ די נייטיקייט ווײַטער פאנאנדערצוּוויקלענ אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ.

אינ זייער קאמפ קעגנ דער פארטיי האָבנ די אָפּאָרטוניסטנ פונ אלע מינימ גענומענ אָנווענדנ, ווי קלאסנסאָנימ, מאסקירונג-מיטלענ, צווייפּנעמדיקײַט, מיטנ מויל ארויסטרעטנדיק פאר דער פארטיי-ליניע, און פאקטיש פרוּוונדיק זיכ זי אראָפּצורײַסנ. דעריבער האָט די פארטיי אָנגעוויזנ, אז מע דארפ העכערנ די פארטיי-וואכזאמקייט און די קריגערישקייט אינעמ קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ סײַ אינ דער טעאָריע, סײַ אינ דער פראקטיק. יעדע אויסבאהאלטערײַ, מיטהילפ און די מינדסטע טאָלעראנט-לערײַ צומ קאָנטררעוואָלוציאָנערנ טראָצקיזמ און צומ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ איז אינ אזעלכע באדינגענ א פאראט דער זאכ פונעמ ארבעטער-קלאס און קאָנ ניט צונויפּ-געפּאָרט ווערנ מיטנ געפינענ זיכ אינ די רייענ פונ דער לענינישער פארטיי. עס איז נייטיק, אז יעדער פארטיי-מיטגליד זאָל אינ דער ווירקלעכקייט פירנ אנ עמעסנ קאמפ פאר דער גענעראלער פארטיי-ליניע, פאר דעמ פראקטישנ פארווירקלעכנ די פאָליטיק פונעמ צ"ק פונ דער פארטיי.

אפנ גרונט פונ די באשלוסנ פונעמ יאנוואר-פלענומ האָט די פארטיי אינ 1933 יאָר פאנאנדערגעוויקלט א קאָלאָסאלע ארבעט אינ דאָרפ. אינ אנ אויסערגעוויינלעכ קורצנ טערמינ איז געוואָרפנ געוואָרנ פונ די צענטערס פונעמ לאנד אינ די פּאָליט-אָפּטיילנ פונ מט"ס און פונ די ראטווירטנ העכער 18 טויזנט דורכגעקאָנטראָלירטע, פעסטע, קוואליפיצירטע פארטיי-טוערס, וואָס זיי האָט ספּעציעל אָפּגעקליבנ דער צענטראל-קאָמיטעט פונ דער פארטיי. דער צ"ק האָט ספּעציעל געשאפנ א לאנדווירט-שאפטלעכנ אָפּטייל, וואָס האָט אוועקגעשטעלט די גאנצע ארבעט זײַנע לויט א נײַעמ, פּראָדוקציאָנעלנ פּרינציפּ, ארומנעמענדיק אלע פראגעס פונ דער אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ דאָרפ — די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע, קאדרענ, די פארטייישע און סאָוועטישע ארבעט, די קולטור א. אז. וו. אינ שפּיצ פונ דעמ אָפּטייל האָט דער צ"ק אוועקגעשטעלט דעמ כ' ל. מ. קאהאנאָוויטש — כ' סטאלינס נאָענטסטנ מיטקעמפער.

אנ אויסערגעוויינלעכ גרויסע ראָליע אינעמ פארפעסטיקנ די קאָלווירטישע אָרדענונג און אינעמ אופהייבנ די לאנדווירטשאפט האָט געשפּילט דער ערשטער אלפאר-באנדישער צוזאמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס-שלאָגלערס. אפ אָט דעמ צוזאמענפאָר,

[1] Ленин, т. XXII, стр. 164

[2] „ВКП(б) в резолюциях“, ч. 2, стр. 769.

וווהינ עס זיינענ זיכ צונויפגעפאָרנ פאָשעטע קאָלווירטניקעס־שלאָגלערס פונ אלע עקנ סאָוועטנפארבאנד, זײַנענ ארויסגעטראָטנ אונ האָבנ דערקלערט די פארטיי־פאָליטיק אינ געביט פונ סאָציאַליסטישנ איבערבויענ דאָס דאָרפ דער כ׳ סטאלינ אונ אויכ אנדערע אָנפירנדיקע טוערס פונ דער פארטיי אונ דער רעגירונג — די כ״כ מאָלאָטאָוו, קאהאנאָ־וויטש, וואָראָשילאָוו, קאלינינ אונ אנדערע.

כ׳ סטאלינ האָט ארויסגערוקט דעמ לאָזונג: „מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע, אונ די קאָלווירטנ פאר באָלשעוויסטישע". אויב אלע קאָלווירטניקעס, — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ, — וועלנ ארבעטנ ערלעכ, וועלנ ארבעטנ אפ זיכ, אפ זייערע קאָלווירטנ, — וועלנ זיי אינ דער סאמע נאָענטסטער צײַט האָבנ א שעפע פראָדוקטנ אונ וועלנ קענענ פירנ א פולקומ קולטורעל אונ פאר־מעגלעכ לעבנ.

דערדאָזיקער לאָזונג האָט אָפגעשפילט א קאָלאָסאלע היסטאָרישע ראָליע אינעמ אופהייבנ די קאָלווירטישע פראָדוקציע.

צוגלײַכ דערמיט האָט דער כ׳ סטאלינ גערופנ די קאָלווירטניקעס, זיי זאָלנ זיכ באציִענ צו די אינדיווידועלע פויערימ מיט גרעסערער אופמערקזאמקײַט, זיי זאָלנ זיכ אויסלערנענ צו פארשטיינ די ענדערונגענ, וואָס קומענ פאָר אינ די שטימונגענ פונ די אינדיווידועלע פויערימ בענעגייע דער קאָלווירטישער באוועגונג. ניט דער־ווידערנדיק קעגנ אופנעמענ די אינדיווידועלע פויערימ אינ קאָלווירט ארײַנ מיט אנ אָפקלײַב, האָט דער כ׳ סטאלינ אנטשיידנ דערווידערט קעגנ דעמ, אז מע זאָל פאר־מאכנ דעמ וועג אינ קאָלווירט ארײַנ אלע אינדיווידועלע פויערימ, אָנ אָפקלײַב. ער האלט פאר באזונדערס וויכטיק ארײַנצוציִענ אינ די קאָלווירטנ די פרויענ.

דער קאָלווירטניקעס־צוזאמענפאָר איז געווענ ביז גאָר אינטערעסאנט אויכ אינ דעמ פראט, וואָס ער האָט געוויזנ די אויסשליסלעכע פייִקײַט פונ די פארטיי־אָנפירער אויסצודריקנ די קאָמפליצירטסטע פראגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אויסערגעוויינלעכ פאָשעט, פארשטענדלעכ פאר מיליאָנענ פויערימ. יעדער ארויסטרעט אפנ צוזאמענפאָר האָט געוויזנ, וויִאזוי דער טיפער פאָליטישער אינהאלט פאָרט זיכ מיט א פאָשעטער צוטרעטלעכער פאָרמע פונ איבערגעבנ.

די פאָליט־אָפטיילנ האָבנ פאנאנדערגעוויקלט אינ דאָרפ אנ אויסערגעוויינלעכ ענערגישע, מעסירעסנעפעשדיקע ארבעט, ארומנעמענדיק מיט זייער פאָליטישער אופווירקונג אלע גרונט־זײַטנ פונעמ לעבנ פונעמ קאָלווירטישנ דאָרפ. צומאלעמ־ערשטנ האָבנ זיי דורכגעפירט א קאָלאָסאלע ארבעט אפ צו דערקלערנ כ׳ סטאלינס לאָזונג וועגנ א פארמעגלעכנ לעבנ. דערדאָזיקער לאָזונג איז געוואָרנ דאָס אייגנס פונ דער מאסע קאָלווירטניקעס, איז געוואָרנ א פאָנ פאר דער ארבעט פונ מיליִאָנענ מענטשנ.

די פאָליט־אָפטיילנ האָבנ צעוויקלט אנ ארבעט אפ אָפצוריייניקנ די קאָלווירטנ אונ דעמ סאָוועטנ־אפאראט אינ דאָרפ פונ די ווײַסגווארדייִשע, באלעגופישע אונ אנדערע קלאסנפײַנטלעכע עלעמענטנ. די פאָליט־אָפטיילנ האָבנ זיכ גענוי פארנומענ מיט אלע פראגעס פונ דער קאָלווירטישער פראָדוקציע. דאָס צוגרייטנ אונ דאָס ריכטיקע אויס־נוצנ דעמ מאשינ־טראקטערישנ פארק, דאָס צוגרייטנ זריִע צומ פארזיי, דאָס אָרגאניזירנ די ארבעט אינ די קאָלווירטנ, דאָס ריכטיקע אוועקשטעלנ דעמ דיסקאָנט פונ די ארבעט־טעג, דער קאמפ קעגנ צעקראָכנקײַט אונ קעגנ פויליאקעס, קעגנ צעגאנווענענ דאָס קאָלווירטישע אונ מעלוכישע אייגנטומ, דאָס אָרגאניזירטע דורכפירנ די גרונטיקע לאנדווירטשאפטלעכע קאמפאניעס — דעמ פארזיי אונ דעמ אראָפנעמ פונ דער גערעטעניש א. אז. וו. — דידאָזיקע אלע פראגעס פלעגנ שטיינ אינ צענטער פונ דער אופמערקזאמקײַט פונ די פאָליט־אָפטיילנ. קעדיי אויסצופילנ דידאָזיקע אופגאבעס, האָבנ זיי פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע מאסנ־ארבעט, באהעפטנדיק ארומ זיכ דעמ קאָלווירטישנ אקטיוו.

נעמענדיק אינ אכט די קאָלאָסאלע ראָליע פונ די פאָליט־אָפטיילנ אינעמ סאָציאַ־ליסטישנ איבערמאכנ דאָס דאָרפ, האָט דער צ״ק אינ יונ 1933 יאָר אָנגענומענ א באשטימונג איבערצובויענ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ דאָרפ. דער פריִערדיקער

די פּאָליטביוראָ
פונ צ״ק אלק״פּ(ב)

יאָסיפּ וויסאריאָנאָוויטש סטאלינ
גענעראל-סעקרעטאר פונ צ״ק אלק״פּ(ב).

וויאטשעסלאוו מיכײַלאָוויטש
מאָלאָטאָוו (סקריאבינ).

לאזאר מאָיסייעוויטש
קאהאנאָוויטש.

קלימענט יעפרעמאָוויטש
וואָראָשילאָוו.

מיכאיל איוואנאָוויטש
קאלינינ.

גריגאָרי קאָנסטאנטינאָוויטש
אָרדזשאָניקידזע.

וואלעריאנ וולאדימיראָוויטש
קויבישעוו.



סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו.
אומגעקומען פון דער פאַררעטערישער
האַנט פון א סוינע פון ארבעטער־קלאַס
דעם 1/XII—1934 אין לענינגראַד.

אנדריי אנדרייעוויטש
אנדרייעוו.

סטאַניסלאַוו וויקענטיעוויטש
קאָסיאָר.

קאַנדידאַטן אין פּאָליטביוראָ פון צ״ק אלק״פּ(ב)

אנאַסטאַס איוואַנאָוויטש
מיקאָיאַן.

וולאַס יאַקאָוליעוויטש
טשובאַר.

גריגאָרי איוואַנאָוויטש
פּעטראָווסקי.

פּאַוועל פּעטראָוויטש
פּאָסטישעוו.

יאַן ערנעסטאָוויטש
רודזוטאַק.

אנדריי אלעקסאַנדראָוויטש
זשדאַנאָוו —
סעקרעטאַר פון צ״ק אלק״פּ(ב).

בוי פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס — דעריקער לויטנ טעריטאָריעלנ סימענ — פלעגט ברענגענ דערצו, אז די דאָרפישע קעמערלעכ, וואָס זײַנענ באשטאנענ הויפטזאכלעכ פונ אזוינע קאָמוניסטנ, וואָס ארבעטנ אינ דאָרפישע אנשטאלטנ (אינ דאָרפראט, אינ דאָרפ־קאָאָפעראטיוו, אינ מיליציע, אינ געריכט א. אז. וו.), זײַנענ שלעכט געווענ פארבונדנ מיט די קאָלווירטנ. זיי פלעגנ זיכ ווייניק פארנעמענ מיטנ פראָדוקציע־לעבנ פונ די קאָלווירטנ. די רײַפארטקאָמענ פלעגנ זיכ אָנשפארנ אינ זייער ארבעט אפ דידאָזיקע קעמערלעכ, אונ, ניט האָבנדיק קיינ דירעקטע פארבינדונג מיט די קאָמוניסטנ, וואָס ארבעטנ אינ די קאָלווירטנ, פלעגנ זיי אינ דער מערהײַט פאלנ זײַנ אָפגעריסנ פונ די קאָלווירטישע מאסנ, פונעמ אקטיוו אונ פונ דער דירעקטער אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ.



דער ווײַסיאמיש־באלטישער קאנאל א. נ. פונ י. וו. סטאלינ.

לויטנ באשלוס פונ צ״ק זײַנענ צוגלײַכ מיט די טעריטאָריעלע קעמערלעכ פונ די דאָרפישע אנשטאלטנ געשאפנ געוואָרנ קאָלווירטישע פראָדוציר־קעמערלעכ. אָט די קעמערלעכ ארבעטנ אונטערנ אָנפיר פונ די פאָליט־אָפטיילנ אונ פילנ אויס זייערע דירעקטיוונ. דאָסדאָזיקע איבערבויענ די פארטיי־אָרגאניזאציעס לויטנ פראָדוציר־פרינ־ציפ באוואָרנט די דערגרעענטערונג פונ דער פארטיי־אָנפירונג אונ די פארשטארקונג פונ איר ווירקונג אפ די מאסנ פונ קאָלווירטישנ פויערטומ. די איבערבויונג גיט א מעגלעכקײַט קאָנקרעט אָנצופירנ מיט יעדער קאָלווירט אונ צו פארשטארקנ די אָר־גאניזירנדיקע אונ אָנפירנדיקע ראָליע פונ די קאָמוניסטנ אינ דער קאָלווירטישער פראָדוקציע.

אפנ גרונט פונעמ איבערבוי, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אונטערנ אָנפיר פונ די פאָליט־אָפטיילנ, האָבנ זיכ זייערע פאָזיציעס נאָכ מער פארפעסטיקט. דערמיט זײַנענ באשאפנ געוואָרנ גינסטיקע באדינגענ פארנ אויספילנ די היסטאָרישע ראָליע פונ די פאָליט־אָפטיילנ, וואָס באשטייט, ווי עס האָט געזאָגט דער באשלוס פונעמ יאנוואר פלענומ, אינעמ „ענדגילטיקנ פאראליזירנ די ווירקונג פונעמ קלאסנסוינע אינ קאָלווירט אונ אינ ראטווירט אונ דערשלאָגנ זיכ, עס זאָלנ בײַגעקומענ ווערנ די קליינ־בירגערלעכע איבערבלײַבעכצנ אונ אייגנטימערישע טענדענציעס באמ נעכטיקנ איינצלפויער־אייגנטימער, דעמ הײַנטיקנ קאָלווירטניק".

מיטנ נאָמענ פונ די פאָליט־אָפטיילנ איז איצט פארבונדנ א גאנצע עפּאָכע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ דאָרפ. דורכ די פאָליט־אָפטיילנ האָט די פארטיי

ארומגעכאַפּט מיט איר ווירקונג אַלע זײַטנ אינעם לעבנ פונ דעם קאָלווירטישנ פּויערטום — דעם פּראָצעס פונ לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, דאָס צוגרייטנ קאַדרענ, באַזונדערס קאַדרענ נײַע ארבעטער אינ דער לאַנדווירטשאַפט, ווי טראַקטאָריסטנ, קאָמבײַניאָרנ, אונ אויכ דאָס קולטור־לעבנ, דעם שטייגער א.אז.וו. אדאַנק דעם איז מעגלעכ געוואָרנ דאָס סאַמע טיפסטע ארײַנדרינגענ פונ דער פּאַרטייס אויפווירקונג אפנ פּויערטום, אפ זײַנ ארבעט, אפ זײַנ אידעאָלאָגיע. אָט די אויפווירקונג דער פּאַרטייס, וואָס דערגייט ביז יעדנ קאָלווירטניק אונ צו זײַנ פאַמיליע, שאַפט אַלע נייטיקע באַדינגענ פארנ איבערמאַכנ דאָס קאָלווירטישע פּויערטום אינ באַוווסטזיניקע טוערס פונ דער אָנקלאַסעווער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די פּאָליט־אָפּטיילנ האָבנ באַם פּויערטום א קאָלאָסאַלנ אווטאָריטעט, וואָס זיי האָבנ דערגרייכט מיט זייער פּראַקטישער ארבעט.

„מיר הערנ א מעכטיק קאָל, וואָס גייט פונ רייניעם הארצנ פונ צענדליקער מיליאָנענ פּויערים, וואָס באַזינגענ בוכשטעבלעכ די פּאָליטאָפּטיילטוערס, אַלס באָלשעוויקעס־אָרגאַניזאַטאָרס, אַלס מענטשנ, וואָס האָבנ פאַרייניקט די קאָלווירטישע מאַסע צום קאַמפּ פאַר באָלשעוויסטישע קאָלווירטנ, פאַר א פאַרמעגלעכ קולטורעל לעבנ פונ די קאָלווירטניקעס", — האָט געזאָגט כ' קאַהאַנאָוויטש אינ א יאָר ארום נאָכ דעם, ווי די פּאָליט־אָפּטיילנ האָבנ אָנגעהויבנ ארבעטנ.

די ארבעט, וואָס די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אינ דאָרפ אינ 1933 יאָר, האָט געגעבנ באַשײַמפּערלעכע רעזולטאַטנ. אינ יענעם יאָר איז אינ פסס"ר אראָפּגענומענ געוואָרנ פונ די פעלדער די גרעסטע געדעטעניש ניט בלויז אינ פאַרגלײַכ מיט די פריערדיקע יאָרנ, נאָר אויכ אינ פאַרגלײַכ מיטנ פאַרמילכאָמעדיקנ 1913 יאָר. עס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרנ 5 747 מיליאָנ פּוד טבואה — מיט 1200 מיליאָנ פּוד מער, איידער אינ 1932 יאָר. דעם גרעסטנ צוּוווּקס פונ דער געדעטעניש האָבנ געגעבנ די קאָלווירטנ, וואָס האָבנ געהעכערט די אַלגעמיינע צאָל אראָפּגענומענע טבואה אפ 40%.

אפנ גרונט פונ דער פּאָליטישער ארבעט, וואָס די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אינ דאָרפ, זײַנענ די פאַרפליכטונגענ בענעגייע דער מעלוכע אויסגעפילט געוואָרנ אינ 1933 יאָר אזוי פּינקטלעכ אונ צודערצײַט, ווי קיינמאָל נישט. די קאָלווירטנ האָבנ פארנ טערמינ אונ אינגאַנצנ אויסגעפילט דעם טבואה־פאַרגרייט־פּלאַנ אונ זיכ צעצאָלט מיט די מט"ס. זיי האָבנ זיכ באַוואָרנט מיט זריע מיט 2—3 כאָדאָשימ פריער אונ האָבנ ארויסגעגעבנ די קאָלווירטניקעס פאַר די ארבעט־טעג אסאַכ מער טבואה, איידער אינ פאַרגאַנגענעם יאָר. ניט ווייניק קאָלווירטניקעס האָבנ זיכ דערשלאָגנ צו א פאַרמעגלעכ לעבנ. א גאַנצע ריי ראַיאָנענ פונ פסס"ר זײַנענ פונ הינטערשטעליקע געוואָרנ פאָרגעשריטענע.

אנ אויסערגעוויינלעכ וויכטיקע דערגרייכונג פונעם 1933 יאָר איז דאָס, וואָס ס'האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו דערשלאָגנ זיכ צו א גרינטלעכנ איבערבראָכ אינ דער ארבעט פונ די קאָלווירטנ. אינ די פריערדיקע יאָרנ פלעגט אינ אסאַכ קאָלווירטנ בליענ צעקראָכנקײַט, אומווירטשאַפטלעכקײַט, אנ אומדערלאָזבאַרע באַציִונג צום קאָלווירטישנ אייגנטום, מע פלעגט איבערלאָזנ ניט־אראָפּגענומענע טבואה אינ פעלד. פאַרנ לעצטנ יאָר אָבער האָט זיכ די לאַגע שטאַרק געביטנ צום בעסערנ. די ארבעט־אָרגאַניזירונג, כאָטש זי פאַרמאָגט נאָכ ביז איצט פעלערנ, האָט זיכ היפּש פאַרבעסערט. די איבערוועגנדיקע מערהײַט קאָלווירטניקעס באַציִענ זיכ איצט אנדערש צו זייער ארבעט. דאָס האָט געפונענ א העלנ אויסדרוק אינעם וווּקס פונ סאָציאַליסטישנ פאַרמעסט אונ שלאָגלערײַ אינ די קאָלווירטנ. דידאָזיקע פאָרמעס פונ סאָציאַליסטישער באַציִונג צו דער ארבעט האָבנ איצט טיפע וואָרצלענ אונ א ברייטע פאַרשפּרייטונג אינ די קאָלווירטנ. אפ דער אייגענער לעבנ־דערפאַרונג פאַר די לעצטע יאָרנ האָבנ זיכ די קאָלווירטניקעס איבערצײַגט, אז פונ זייער ארבעט הענגט אָפּ דער ניוואָ פונ זייער לעבנ. אויב אינ די יאָרנ 1931—1932 איז די ארבעט אינ דעם אָדער יענעם קאָלווירט געגאַנגענ שלעכט, — איז האָבנ די קאָלווירטניקעס באַקומענ ווייניק ברויט אונ אנדערע פּראָדוקטנ, אונ אזויארום האָבנ זיי זיכ איבערצײַגט,

אז פון דער שלעכטער ארבעט לײַדן פריִער פאר אלץ זיי אליין. און פארקערט, די פארפעסטיקונג פון די קאָלווירטן, די העכערונג פון דער ארבעט־דיסציפּלין, די פארבעסערונג אינעם אָרגאניזירן די קאָלווירטישע ווירטשאפט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אדאנק דער ארבעט פון דער פארטיי, — דאָס האָט געבראכט צו א שארפער העכערונג פונעם לעבן־ניוואָ פון די קאָלווירטניקעס.

אלע דערפאָלגן אינעם אופשטײַג פון דער לאנדווירטשאפט און אין דער פארבעסערונג פון דער ארבעט אין דאָרף באטראכט די פארטיי בלויז ווי אן אָנהייב פון יענעם קאָלאָסאלן אופבלי פונעם פארמעגלעכן און קולטורעלן לעבן, וואָס עס טראָגט מיט זיך די קאָלווירטישע אָרדענונג. קעדיי דאָס צו דערגרייכן, איז נייטיק ווײַטער צו פארבעסערן די ארבעט.

די ארבעט פון דער פארטיי אינעם ערשטן אינעם צווייטן פינפיאָר איז דורכגעגאנגען אונטערן צייכן פון קאמף פארן העכערן די קוואליטעט אין אלע פאָלקווירטשאפט־צווײַגן.

אינעם ערשטן יאָר פונעם צווייטן פינפיאָר האָבן די פארטיי־אָרגאניזאציעס אין די אונטערנעמונגען קאָנצענטרירט זייער אופמערקזאמקײַט אפן באהערשן די טעכניק פון די אויסגעבויטע אונטערנעמונגען, אפן העכערן די קוואליטעט פון דער ארבעט אין אלע צווײַגן פונעם פראָדוציר־לעבן. די פארטייִש־מאסעווע ארבעט פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס איז געווען געצילט אפ צו באוואָרענען, אז די פלענער זאָלן אויסגעפילט ווערן ניט בלויז אין צאָל, נאָר אויך לויט אלע קוואליטאטיווע צײַגערס (אופהייבן די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט, אראָפּזעצן דעם קערנקאָסט, פארבעסערן די קוואליטעט פון דער פראָדוקציע א.אז.וו.).

די ארבעט פון דער פארטיי אינעם ערשטן יאָר פון צווייטן פינפיאָר האָט באוואָרנט אן איבערבראָך אינעם באהערשן די טעכניק. א ריי אינדוסטריע־צווײַגן האָבן זיך דערשלאָגן צו ערנסטע דערפאָלגן אינעם אָרגאניזאציאָנעלן איבערבוי, אינעם פארפעסטיקן און אינעם לערנען די ארבעטער־קאדרען, אינעם פארשטארקן די ארבעט־דיסציפּלין. אזא אינדוסטריע־צווײַג, ווי די קוילן־אינדוסטריע (דאָנבאס), וואָס פלעגט ניט אויספילן דעם פלאן אין פארלויף פון עטלעכע יאָר, האָט זיך אדאנק דער טאָגטעגלעכער און קאָנקרעטער אָנפירונג מיצאד דעם צ״ק פון דער פארטיי דערשלאָגן אין 1933 יאָר דערצו, אז דער פלאן האָט אָנגעהויבן אויסגעפילט צו ווערן. אפן גרונט פון דער ארבעט, וואָס די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבן אָפּגעטאָן צום סאָף 1933 יאָר, איז 71% ארבעטער אין דער אינדוסטריע ארײַנגעצויגן געוואָרן אינעם סאָציאַליסטישן פארמעסט. אין דער אינדוסטריע און אפן טראנספּאָרט איז געווען העכער 5 מיליאָן שלאָגלערס. עס איז אויסגעפילט געוואָרן די דירעקטיוו פון צ״ק, אז אלע קאָמוניסטן זאָלן ארײַנגעצויגן ווערן אין דער שלאָגלערײַ. אפן גרונט פון דידאָזיקע דערגרייכונגען איז די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט אין 1933 יאָר אין דער גאנצער אינדוסטריע אויסגעוואקסן אפ 10,9%, כאָטש דער פלאן איז נאָך ניט אינגאנצן אויסגעפילט געוואָרן. דאָך איז דאָס געווען א היפּשער טריט פאָרויס, ווארעם אין 1932 יאָר איז די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט אויסגעוואקסן אינגאנצן אפ 2,6%.

דער קערנקאָסט פון דער אינדוסטריִעלער פראָדוקציע אינגאנצן גענומען איז אין 1933 יאָר אראָפּגעזעצט געוואָרן אפ 1¾—2%, בײַס אין 1932 יאָר איז ער, פארקערט, געוואקסן אויסגעוואקסן אפ 14,6%. די אונטערנעמונגען פונעם פאָלקאָמשוועראינדוסטריע האָבן אראָפּגעזעצט דעם קערנקאָסט אפ 4,5%, ד. ה. זיי האָבן קימאט אינגאנצן אויסגעפילט די פארגעבונג. א ריי גרעסטע אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן פאר די יאָרן פונעם ערשטן פינפיאָר און וואָס האָבן געליטן פון דער „קינדער־קרענק” אין פראט פון באהערשן די טעכניק, — האָבן זיך דערשלאָגן אין 1933 יאָר צו אן אבסאָליוטן באהערשן די פּראָיעקט־מעכטיקײַט. די אווטאָמאָביל־ און טראקטער־זאוואָדן און א ריי אנדערע, וואָס זײַנען אינגאנצן באשאפן געוואָרן פארן ערשטן פינפיאָר און וואָס האָבן געליטן פון גרויסע פעלערן אינעם באהערשן די טעכניק, האָבן אין 1933 יאָר אריבערגעשטיגן זייערע פלענער.

אזויארום, זײַנענ נאָכאמאָל דורכגעפאַלנ די האָפענונגענ פונ די קלאַסנסאָנים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיכ ניט ספראַווענ מיט די אופגעבויטע זאַוואָדנ אונ אַז ער וועט ניט קענענ פראָדוקטיוו אויסנוצנ די אונטער־נעמונגענ מיט דער נײַסטער אונ קאָמפּליצירטער אויסשטאַטונג, וואָס איז געבראַכט געוואָרנ צומיינסטנ פונ אויסלאַנד.

דער XVII צוזאַמענפאָר — אַ צוזאַמענפאָר פונ אויסבויער פונ דער אָנקלאַסעווער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

דער XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומענ פונעם 26 יאַנוואַר ביזנ 10 פעוורואַל 1934 יאָר. צו יענער צײַט האָט די פּאַרטיי געציילט אינ אירע רייענ 1 872 טויזנט מיטגלידער אונ 935 טויזנט קאַנדידאַטנ.

דער XVII צוזאַמענפאָר האָט אונטערגעצויגנ די סאַכאַקלענ פונ די קאָלאָסאַלע היסטאָרישע ניצכוינעס, וואָס זײַנענ אויסגעקעמפט געוואָרנ זינט דעם XVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. די אַרבעט פונ דער פּאַרטיי אינ אָט דעם פעריאָד כאַראַקטעריזירנ די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגענ אינ אַלע גרונט־פראַגעס פונ דער אינערלעכער אונ צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק אונ פונעם אינערלעכ־פּאַרטייִשנ לעבנ. פאַרנ פאַרגאַנגענעמ פעריאָד זײַנענ דערגרייכט געוואָרנ אַנטשיידנדיקע דערפאָלגנ אונ ניצכוינעס אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

„פסס״ר האָט זיכ פאַר דעמדאָזיקנ פעריאָד ראַדיקאַל איבערגעשטאַלט, אַראָפּוואַרפנדיק פונ זיכ דעמ אויסזעענ פונ אָפּגעשטאַנענקײַט אונ מיטלאַלטער, — האָט געזאָגט כ׳ סטאַלינ. — פונ אַ לאַנד אַנ אַגראַרס איז ער געוואָרנ אַ לאַנד אַנ אינדוסטריִעלס. פונ אַ לאַנד פונ קליינער איינצלפויערשער לאַנדווירטשאַפט איז ער געוואָרנ אַ לאַנד פונ קאָלעקטיווער, גרויסער, מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט. פונ אַ לאַנד אַ פינצטערס, אַ ניט־גראַמעטנעס אונ אומקולטורעלס איז ער געוואָרנ — ריכטיקער, ער ווערט — אַ לאַנד אַ גראַמעטנע אונ אַ קולטורעלס, וואָס איז באַדעקט מיט אַ קאָלאָסאַל׳ער נעצ הויכשולנ, מיטלשולנ אונ אָנפאַנג־שולנ, וואָס אַרבעטנ אַפ די שפּראַכנ פונ די נאַציִאָנאַליטעטנ פונ פסס״ר.

עס זײַנענ באַשאַפנ נײַע פראָדוקציע־צווײַגנ: וועקשטעל־בויונג, אווטאָמאָביל־אינדוסטריע, טראַקטער־אינדוסטריע, כימישע אינדוסטריע, מאָטאָרנבויונג, עראָפּלאַנענ־בויונג, קאָמבײַנענ־בויונג, פראָדוקציע פונ מעכטיקע טורבינעס אונ גענעראַטערס, פונ קוואַליטאַטיווע שטאָלנ אונ פעראָ־שמעלצונגענ, פונ סינטעטישנ קאַוטשוק, אַזאָט, קינסטלעכע פעדעמ א.אַז.וו. א.ד.גל.

עס זײַנענ אויסגעבויט אונ געלאָזט געוואָרנ אינ גאַנג פאַר דעמדאָזיקנ פעריאָד טויזנטער נײַע, פולקומ הײַנטצײַטיקע אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגענ. עס זײַנענ אויסגעבויט אַזוינע גיגאַנטנ, ווי דער דניעפּערבוי, מאַגניטבוי, קוזניעצקבוי, טשעליאַבבוי, באָבריקי, אוראַלמאַשבוי, קראַממאַשבוי. עס זײַנענ רעקאָנסטרויִרט געוואָרנ אַפ דער באַזע פונ אַ נײַער טעכניק טויזנטער אַלטע אונטערנעמונגענ. עס זײַנענ אויסגעבויט נײַע אונטערנעמונגענ אונ עס זײַנענ געשאַפנ אינדוסטריע־נעסטנ אינ די נאַציִאָנאַלע רעפּובליקנ אונ אינ די ראַנד־געגנטנ פונ פסס״ר: אינ ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, צאָפנ־קאַווקאַז, טראַנסקאַווקאַז, מיטל־אַזיע, קאַזאַקסטאַנ, בוריאַטאָ־מאָנגאָליע, אינ טאַטאַריע, באַשקיריע, אַפנ אוראַל, אינ מיזרעכ־סיביר, אַפנ ווײַטנ מיזרעכ א.אַז.וו.

עס איז געשאַפנ העכער 200 טויזנט קאָלווירטנ אונ 5 000 ראַטווירטנ מיט נײַע ראַיאָנישע צענטערס אונ אינדוסטריִעלע פונקטנ פאַר זיי.

עס זײַנענ אויסגעוואַקסנ קימאַט אַפ אַ פוסטנ אָרט נײַע גרויסע שטעט מיט אַ גרויסער צאָל באַפעלקערונג. עס זײַנענ זיכ קאָלאָסאַל צעוואַקסנ די אַלטע שטעט אונ די אינדוסטריִעלע פונקטנ“ [1].

---

1) Стеногр. отчет XVII с’езда ВКП(б), стр. 15.

דער אופשטייג, וואָס די פּאַרטיי האָט זיכ דערשלאָגנ צומ XVII צוזאַמענפאָר, האָט אַרײַנגעטראָגנ פּרינציפּיעלע ענדערונגענ אינ דער סטרוקטור פונעמ סאָוועטנ־פאַרבאַנד אונ האָט גרינטלעכ איבערגעביטנ דאָס פּאָנעמ פונ לאַנד.

כ' סטאַלינ האָט בעשאַסנ כאַראַקטעריזירנ די ניצחוינעס פונעמ סאָציאַליזמ אינ פסס"ר אונטערגעשטראָכנ, אַז פונ די 5 ווירטשאַפט־פאָרמאַציעס, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינ דער סאָוועטנ־רעפּובליק בײַסנ אײַנפירנ דעמ נעפּ, איז די פּאַטריאַרכאַלע, פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונ מעלוכע־קאַפּיטאַליסטישע פאָרמאַציעס עקזיסטירנ שוינ מער ניט.

עס עקזיסטירנ די סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע אונ די פאָרמאַציע פונ קליינסכוירעדיקער פּראָדוקציע. אָבער די קליינסכוירעדיקע פּראָדוקציע איז איצט אָפּגעשטויסנ אַפ צווייטראַנגיקע פּאָזיציעס, אונ „די סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע איז די אויסשליסלעכ הערשנדיקע אונ די איינציקע קאָמאַנדירנדיקע קראַפט אינ דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט" 1).

די ספּעציפישע וואָג פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעמ באַטרעפט אינ דער אינדוסטריע 99%, אינ דער לאַנדווירטשאַפט — $84{,}5\%$. די סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע איז געוואָרנ די איינציק־הערשנדיקע אונ קאָמאַנדירנדיקע אינ דער פאָלקווירטשאַפט.

אינ דער לאַנדווירטשאַפט כאַראַקטעריזירנ זיכ די דערפאָלגנ פונ דער פּאַרטיי מיטנ אַבסאָליוטנ ניצאָכנ פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג. דער סאָציאַליסטישער סעקטער אינ דער לאַנדווירטשאַפט (די ראַטווירטנ אונ קאָלווירטנ) האָט אַרומגענומענ $84{,}5\%$ פונעמ גאַנצנ טווע־שעטעכ אינ פסס"ר; אינ דער קאָלעקטיוויזאַציע זײַנענ אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ 65% פויערשע ווירטשאַפטנ.

דער גאַנצער גאַנג פונ דער אַרבעט פונעמ XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז אַ גלענצנדיקער באַווײַז פונעמ טריומפ פונעמ לעניניזמ אונ אַ צײַגער פונ די ניצחוינעס, וואָס זײַנענ דערגרייכט געוואָרנ אונטערנ אָנפיר פונעמ געניאַלנ פירער פונ דער פּאַרטיי אונ פונעמ פּראָלעטאַריאַט — כ' סטאַלינ. דער XVII צוזאַמענפאָר וועט אַרײַנ אינ דער פּאַרטיי־געשיכטע אַלס אַ צוזאַמענפאָר פונ זיגערס. ער איז דורכגעגאַנגענ אינ אַנ אַטמאָספער פונ גרעסטנ אופשטײַג אונ ענטוזיאַזמ אונ האָט באַוויזנ די אויסשליסלעכע צעמענטירטקײַט פונ די פּאַרטיי־רייענ, אַפנ גרונט פונ דער לענינישער גענעראַלער ליניע, אַרומ דעמ צ"ק פונ דער פּאַרטיי אונ אַרומ דעמ כ' סטאַלינ.

אונטערגעצויגנ די סאַכאַקלענ פונ די דערגרייכונגענ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג, האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגעמערקט אַ נײַע קאָלאָסאַלע פּראָגראַמ, אַ פּראָגראַמ פונ אויפבויענ די סאָציאַליסטישע אָנקלאַסעווע געזעלשאַפט אינעמ צווייטנ פינפיאָר.

דער פּלאַנ פונעמ צווייטנ פינפיאָר מערקט אָנ פּאַנאַנדערצוויקלענ אַ ריזיקע בויונג, אַרויסגייענדיק פונ דרײַ גרונטיקע פּאָליטישע אופגאַבעס.

די ערשטע אופגאַבע, וואָס עס האָט זי אַוועקגעשטעלט נאָכ די XVII פּאַרטיי־קאָנפערענצ, איז —

„...ענדגילטיק ליקווידירנ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אונ קלאַסנ בּיקלאַל, פולשטענדיק פאַרניכטנ די סיבעס, וואָס געבוירנ קלאַסנ־אונטערשיידנ אונ עקספּלואַטאַציע, אונ בײַקומענ די איבערבלײַבעכצנ פונ קאַפּיטאַליזמ אינ דער עקאָנאָמיק אונ אינעמ באַוווסטזײַנ פונ די מענטשנ, פאַרוואַנדלענ די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פונ לאַנד אינ באַוווסטזיניקע אונ אַקטיווע בויערס פונ דער אָנקלאַסעווער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט".

די צווייטע אופגאַבע — דאָס איז דער ווײַטערדיקער אופשטײַג פונעמ וווילשטאַנד פונ די אַרבעטער אונ קאָלווירטניקעס אונ דאָס הייכערנ אינ $2^1/_2$—3 מאָל דעמ געברויכ־ניוואָ בּאַ די אַרבעטנדיקע.

1) Стеногр. отчет XVII с'езда ВКП(б), стр. 16.

די דריטע אופגאבע איז — פארענדיקנ די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט, פונ דער אינדוסטריע, טראנספּאָרט, לאנדווירטשאפט.

דער כ׳ סטאלינ האָט געגעבנ די אנטוויקלונג־סכעמע פונ דער גענעראַלער פּאר־טיי־ליניע.

דער XIV צוזאמענפאָר איז געווענ דעריקער א צוזאמענפאָר פונ אינדוסטריאַ־ליזאציע.

דער XV צוזאמענפאָר — דעריקער א צוזאמענפאָר פונ קאָלעקטיוויזאציע.

דער XVI צוזאמענפאָר — א צוזאמענפאָר פונ פאנאנדערגעוויקלטנ אָנגריפ פונעמ סאָציאליזמ אפנ גאנצנ פראָנט, א צוזאמענפאָר פונ ליקווידירנ דאָס באַלעבאָסטעוויזאציע קלאס אינ פונ דורכפירנ אינ לעבנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע.

דעמ XVII פּארטיי־צוזאמענפאָר האָט כ׳ סטאלינ אָנגערופנ צוזאמענפאָר פונ זיגערס, א צוזאמענפאָר פונ אופבויענ די אָנקלאססעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.

דער XVII פּארטיי־צוזאמענפאָר האָט, אונטערשטרייכנדיק די סאכאקלענ פונ די קאָלאסאַלע דערגרייכונגענ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג, גלענצנדיק באוויזנ דעמ פולשטענדיקנ טריומפ פונ דער פּארטייס גענעראַלער ליניע אונ פונ איר אָנפירונג מיטנ כ׳ סטאלינ אינ שפּיצ. דער צוזאמענפאָר האָט דעמאָנסטרירט ווי נאָכ קיינמאָל ניט די שטאָלענע, באָלשעוויסטישע אייניקייט פונ דער פּארטיי, איר צונויפגעשמידטקייט ארומ איר פירער כ׳ סטאלינ אונ די גרייטקייט פונ די פּארטייישע מאסנ אָפּצוגעבנ אלע קויכעס דעמ קאמפ פארנ אויסבויענ די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.

די גרויסע ניצחונות פונ דער בויונג האָבנ נאָכ מער באהעפט די ברייטסטע מאסנ ארבעטער, קאָלווירטניקעס, האָרעפּאשניקעס פונ פסס״ר ארומ דעמ כ׳ סטאלינ אונ ארומ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי — דעמ אָרגאניזאטאָר פונ אזוינע ניצחונות, וואָס זיינענ ניט געווענ געוואָרנ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהייט.

דער טריומפ פונ דער גענעראַלער ליניע אונ די באהעפטקייט פונ דער פּארטיי האָבנ אויכ געבראכט דערצו, אז די אָנפירערס פונ די נעכטיקע אָפּאָזיציעס, וואָס פלעגנ די גאנצע צייט נאָכ לענינס טויט ארויסטרעטנ קעגנ דער פּארטיי־ליניע, האָבנ אפנ XVII צוזאמענפאָר דערקלערט וועגנ זייערע פעלערנ אונ וועגנ דער אבסאָליוטער ריכטיקייט פונ דער פּארטיי־ליניע. קאמעניעוו, זינאָוויעוו, פּרעאָבראזשענסקי, ראדעק — די אָנגעזעענסטע אָנפירערס פונ דער טראָצקיסטישער אונ „נייער" אָפּאָזיציע [1]; בוכארינ, ריקאָוו, טאָמסקי — די אָנפירערס פונ דער רעכטער אָפּאָזיציע; לאָמינאדזע, וואָס איז געשטאנענ אינ שפּיצ פונעמ רעכט־„לינקאטשישנ" בלאָק, — די אלע זיינענ איינער נאָכנ אנדערנ ארויסגעגאנגענ אפ דער צוזאמענפאָר־טריבונע מיט אנ אָנגעבויגענעמ קאָפּ אונ האָבנ גערעדט וועגנ זייער כאראָטע. זיי האָבנ אנערקענט די אבסאָליוטע ריכטיקייט פונ דער גענעראַלער ליניע אונ פונ דער פּאָליטיק פונ דער פּארטיי־אָנפירונג, וואָס אינ איר שפּיצ שטייט כ׳ סטאלינ. די געוועזענע אָפּאָזיציאָנערנ האָבנ דערקלערט, אז זייער פּאָליטישע ליניע וואָלט געבראכט צו א מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע אונ צומ ניצאָכנ פונ קאפּיטאליזמ אינ פסס״ר. זיי האָבנ אנערקענט, אז בלויז די עכט־באָלשעוויסטישע אומקאָמפּראָמיסלעכקייט אונ די געניאַלע אָנפירונג פונעמ צ״ק האָבנ אונ פונעמ כ׳ סטאלינ באוואָרנט די גיגאנטישע ניצחונות פונעמ סאָציאַליזמ, וואָס עס האָט דעמאָנסטרירט דער XVII פּארטיי־צוזאמענפאָר.

„אויב אפנ XV צוזאמענפאָר איז נאָכ אויסגעקומענ צו דערווייזנ די ריכטיקייט פונ דער פּארטיי־ליניע אונ צו קעמפנ קעגנ געוויסע אנטילעניניסטישע גרופּירונגענ, אונ אפנ XVI צוזאמענפאָר — צו דערקלאפּנ די לעצטע אָנהענגערס פונ אָט די גרופּירונגענ, איז אפ דעמדאָזיקנ צוזאמענפאָר, — האָט דער־

---

1) דער אָרגאניזאטאָר אלייג פונ דידאָזיקע אָפּאָזיציעס — טראָצקי — זיצט אינ אויסלאנד אונ פירט צוזאמענ מיט די ווייסגווארדייער א קאמפ קעגנ קאָמוניזמ אונ קעגנ דעמ סאָוועטנפארבאנד.

קלערט כ' סטאַלינ, — אַפילע ניטאָ וואָס צו דערוויַיזנ, אונ ס'איז, אייגנטלעכ, ניטאָ וועמענ צו שלאָגנ. אַלע זעענ, אַז די פּאַרטיי־ליניע האָט געזיגט...

מע דאַרפ אָנערקענענ, אַז די פּאַרטיי איז איצט באַהעפט אינ איינ גוס, ווי קיינמאָל ניט פריִער"[1].

דער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגעוויזנ אַנ אַבסאָלוטע אייניקייַט פונ די אָנשויִנגענ אינ אַלע פראַגעס פונ דער פּאַרטיי־פּאָליטיק.

דער צוזאַמענפאָר האָט פולקומ אונ איינשטימיק באַוויליקט די פּאָליטישע ליניע אונ די פּראַקטישע אַרבעט פונעמ צ"ק פונ אַלק"פּ(ב). דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט כ' סטאַלינס פאָרטראָג אונ האָט פאָרגעלייגט אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס צו באַזירנ זיכ אינ זייער אַרבעט אַפ די האַנאָכעס אונ אויפגאַבעס, וואָס זייַנענ אַרויסגערוקט אינ דעמדאָזיקנ פאָרטראָג אונ וואָס זייַנענ געוואָרנ, לויטנ באַשלוס פונעמ צוזאַמענפאָר, אַ פּאַרטייִשער בעזעצ.

אַלע דערגרייכונגענ פונ דער פּאַרטיי באַטייַטנ אָבער ניט, אַז דער קאַמפ איז געענדיקט, אַז דער ווייַטערדיקער אָנגריפ פונ סאָציִאַליזמ פאַלט אָפּ אונ אַז קיינ שומ אָפּנויגנ וועלנ אינ דער פּאַרטיי מער ניט זייַנ. די ניַיע ניצכוינעס וועלנ ניט קומענ פונ זיכ אַליינ, מע מוז זיי אָרגאַניזירנ אונ געווינענ, פירנ פאַר זיי אַנ אומדערמידלעכנ באָלשעוויסטישנ קאַמפּ. דאָסזעלבע איז מיטנ קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ. די פּאַרטיי האָט צעקלאַפּט די אָפּאָרטוניסטנ פונ אַלע מינימ, אָבער די רעשטלעכ פונ זייער אידעאָלאָגיע לעבנ נאָכ אינ די קעפּ פונ איינצלנע פּאַרטיי־מיטגלידער.

איבערבלייַבעכצנ פונ קאַפּיטאַליזמ האָבנ זיכ נאָכ איינגעהיט אינ דער עקאָנאָמיק אונ אינעמ באַוווסטזייַנ פונ די מענטשנ. אונ אַזוי ווי די פּאַרטיי לעבט אונ אַרבעט אינעווייניק אינ דער סוויווע, וואָס רינגלט זי אַרומ, דרינגענ אינ איר ניט זעלטנ אַרייַנ פונ דרויסנ אומגעזונטע שטימונגענ. די ניט גענוג הויכע טעאָרעטישע צוגרייטונג פונ דער מערהייַט פּאַרטיי־מיטגלידער, די שוואַכע אידעאָלאָגישע אַרבעט פונ די פּאַרטיי־אָרגאַנענ, די איבערגעלאָדנקייַט פונ די טוערס מיט פּראַקטישער אַרבעט — דאָס אַלצ פאַרגרינגערט די מעגלעכקייַט, אַז עס זאָלנ אויפלעבנ די רעשטלעכ פונ דער אַנטילעניניסטישער אידעאָלאָגיע. דעריבער איז קעמפנ קעגנ די רעכטע אונ „לינקע" אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ די וויכטיקסטע אויפגאַבע פונ דער פּאַרטיי. די „לינקע" האָבנ זיכ די לעצטע צייַט ענדגילטיק אַראָפּגעקייַקלט אַפ די פּאָזיציעס פונ די רעכטע אונ אינ טאָג שיידנ זיי זיכ מיט גאָרניט אונטער פונ זיי. דעריבער איז אַבסאָליוט ניט־דערלאָזבאַר, קעמפנדיק קעגנ רעכטנ אָפּנויג, אָפּצושוואַכנ דעמ קאַמפּ קעגנ דעמ „לינקנ". אי די רעכטע, אי די „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ אונ אָפּאָרטוניסטישע אָפּנויגנ דאַרפנ באַקומענ אַנ אומראַכמאָנעסדיקנ ווידערשטאַנד מיצאַד אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. די פּאָליטישע אונ אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט פונ דער פּאַרטיי אונ פונ איר פירער כ' סטאַלינ האָט באַוואָרנט די גראַנדיעזע ניצכוינעס פונ סאָציאַליזמ, וואָס עס האָט דורכגעדעמאָנסטרירט פאַר דער גאַנצער וועלט דער XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אינ דעמ ליגט אויכ די גאַראַנטיע, אַז מיר וועלנ אויספילנ דעמ גרויסנ פּלאַנ פונ אויפבויענ די אָנקלאַסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אינעמ צווייטנ פינפיאָר.

„אונדזערע ניצכוינעס זייַנענ אַ רעזולטאַט דערפונ, וואָס אינ שפּיצ פונ אונדזער פּאַרטיי שטייט אַ מענטש, וואָס איז געווענ אימשטאַנד צו מאָביליזירנ די מאַסנ פונקט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייַט אונ פעסטקייַט, ווי לענינ, פאַרטיידיקנ די ריינקייַט פונ מאַרקס־לענינס לערע, צו באַרייַכערנ די דאָזיקע לערע, אויפצוהייבנ הויכ די פאָנ פונעמ קאַמפּ פאַרנ סאָציאַליזמ, צו דערקענענ די אַגענטור פונעמ קלאַסנסוינע אינ אונדזער פּאַרטיי, אָנצוצינדנ מיט אַ פייַער פונ ענטוזיאַזמ די פּאַרטיי, דעמ אַרבעטער־קלאַס

---

[1] Стеногр. отчет XVII с'езда ВКП(б), стр. 28.

אונ דאָס האָרעפאשנע פויערטומ אונ א רוק צו טאָנ אָט די גרויסע ארבעט־ארמײ אפנ לעצטנ שטורעמ פונ קאפיטאליזמ אינ אונדזער לאנד, אפ אופצובויענ די זיגרײַכע סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

אונדזער צוזאמענפאָר שמידט צו צו זיכ די אופמערקזאמקײַט פונ מיליאָנענ, צענדליקער מיליאָנענ מאסנ ניט בלויז אינ אונדזער לאנד, נאָר אויכ אינ גאָר דער וועלט. אונ אונדזער XVII צוזאמענפאָר קענ מיט זיכערקײַט דערקלערנ די דאָזיקע מיליאָנענ ארבעטער אונ פויערימ, אז אויכ אפ ווײַטער, אונטער די פאנאנדערגעוויקלטע פאָנענ פונ מארקס־ענגעלס־לענינ־סטאלינ, וועט די מאָנאָליטע, אידייִש־באהעפטע, פארהארטעוועטע אונ אינ שלאכטנ פארנ סאָציאליזמ אויסגעפרוווטע, אונדזער גרויסע קאָמוניסטישע פארטײ, אונטערנ דירעקטנ שלאכט־אָנפיר פונ אונדזער ערשטנ גרויסנ אָרגאניזאטער אונ לערער סטאלינענ, פירנ די מיליאָנענ צו נײַע גרויסע ניצכוינעס פונ סאָציאליזמ!" (קאהאנאָוויטש).

קורצער אָנווײַזער פון די גרונט־דאַטעס אין דער פאַרטיי־געשיכטע [1].

1861. געפאַלן דאָס לײַבאייגנטום־רעכט אין רוסלאַנד.

1864. מאַרקס און ענגעלס גרינדן דעם I אינטערנאַציאָנאַל.

1870. 23 אַפּרעל — געבוירן געוואָרן אין סימבירסק וו. אי. לענין (אוליאַנאָוו).

1871. 18 מאַרט — 28 מײַ — די פּאַריזשער קאָמונע.

1875. געשאַפן געוואָרן דער „דרום־רוסלענדישער אַרבעטער־פאַרבאַנד" אין אָדעס (אָנפירער — זאַסלאַווסקי).

1878. געשאַפן געוואָרן דער „צפון־פאַרבאַנד פון רוסישע אַרבעטער" אין פעטערבורג (סטעפאַן כאַלטורין, וו. אָבנאָרסקי).

1879. געבוירן געוואָרן י. וו. סטאַלין, אין דער שטאָט גאָרי, טיפליסער גוב.

1881. דערהאַרגעט אַלעקסאַנדער II לויט דער באַשטימונג פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

1883. געגרינדעט די גרופע „אַרבעט־באַפרײַונג".

1884. אָרגאַניזירט בלאַגאָיעווס קרײַזל („די פאַרטיי רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן") אין פעטערבורג.

1885. דער מאָראָזאָוו־שטרײַק אין אָרעכאָוואָ־זועוואָ.

1887. 20 מײַ — געקעפּט א. אי. אוליאַנאָוו אין שליסלבורג.

17 דעקאַבער — אַרעסטירט וו. אי. לענינען צוזאַמען מיט 40 אַנדערע סטודענטן.

19 דעקאַבער — וו. אי. לענינען אויסגעשלאָסן פון קאַזאַנער אוניווערסיטעט און אים אַרויסגעשיקט פון קאַזאַן אין דאָרף קאָקושקינאָ (4 ווערסט פון קאַזאַן).

1889. 27 יולי — 3 אויגוסט — ערשטער קאָנגרעס פון II אינטערנאַציאָנאַל.

1891. די רוסישע אַרבעטער פײַערן דאָס ערשטע מאָל אָרגאַניזירטערהייט דעם 1־טן מײַ (פעטערבורג).

1893. אַרבעטער־אומרוען אין פעטערבורג, כאַרקאָוו, ראָסטאָוו־דאָן.

וו. אי. לענין אַרבעט אינעם מאַרקסיסטישן קרײַז אין סאַמאַרע.

1894. לענין שרײַבט די אַרבעט „וואָס זײַנען אַזוינס די „פאָלק־פרײַנט" און וויאַזוי זיי קעמפן קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

1895. לענין אָרגאַניזירט דעם פעטערבורגער „פאַרבאַנד צו קעמפן פאַרן באַפרײַען דעם אַרבעטער־קלאַס".

אַרעסטירט לענינען און אַנדערע אָנפירערס פונעם „קאַמף־פאַרבאַנד" (באַבושקינען א. אַנד.).

1897. וו. אי. לענין ווערט אַרויסגעשיקט קיין סיביר, אינעם דאָרף שושענסקאָיע, מינוסינסקער אויעזד, יעניסייער גוב.

י. וו. סטאַלין אַרבעט אין מאַרקסיסטישע קרײַזלעך אין טיפליס.

1898. 13—15 מאַרט — I צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי אין מינסק.

י. וו. סטאַלין טרעט אַרײַן אין דער טיפליסער אָרגאַניזאַציע רסדא"פּ.

---

1) אַלע דאַטעס זײַנען אָנגעוויזן לויטן נײַעם סטיל.

1899. ארויס פון דרוק לענינס בוך „די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד".

1900. וו. אי. לענין זיך אומגעקערט פון פארשיקונג.

24 דעקאבער — דערשינען דער 1־טער נומער „איסקרא".

1901. י. וו. סטאלין באהאלט זיך אויס פון דער פאָליציי און גייט אריבער אפ אן אומלעגאלער לאגע.

1902. דערשינען אין שטוטגארט לענינס בוך „וואָס זאָל מען טאָן?"

ארעסטירט דעם כ׳ סטאלין אין באטום און ארויסגעשיקט אים קיין מיזרעך-סיביר.

מארט—מיי — פויערשע אומרוען אין כארקאָווער און פאָלטאווער גובערניעס.

1903. אן אלגעמיינער שטרייק אין דאָרעם־רוסלאנד (אוקראינע, ראָסטאָוו, טראנסקאווקאז).

30 יולי—23 אווגוסט — II צוזאמענפאָר פון רסדא"פ (בריוסעל און לאָנדאָן). די שפאלטונג אפ באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. די אָרגאניזאציאָנעלע אויספורעמונג פונעם באָלשעוויזם.

1904. פונעם 9־טן פעווראל 1904 ביזן 5־טן סענטיאבער 1905 — די רוסיש־יאפאָנישע מילכאָמע.

דערשינען לענינס בראָשור „א טראָט פאָרויס, צוויי טראָט צוריק".

יאנואר — כ׳ סטאלין אנטלויפט פון פארשיקונג קיין טיפליס און שטעלט זיך אין שפיץ פון די טראנסקאווקאזער באָלשעוויקעס (טראנסקאווקאזער פארבאנדישער קאָמיטעט פון רסדא"פ). ס׳ווערט אָרגאניזירט די ביוראָ פון די מערהייט־קאָמיטעטן.

1905. 4 יאנואר — דערשינען דער 1־טער נומער פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג „וופּעריאָד".

22 (9) יאנואר — דער בלוטיקער זונטיק — דער אָנהייב פון דער רעוואָליוציע אין רוסלאנד.

25 אפרעל — 10 מיי — III באָלשעוויסטישער צוזאמענפאָר פון רסדא"פ.

27 מיי — דערשינען דער ערשטער נומער פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג „פראָלעטארי".

27 יונ — דער אופשטאנד אפ דער פאנצער־שיף „פאָטיאָמקין טאווריטשעסקי".

יונ — דערשינען לענינס בראָשור „צוויי טאקטיקעס פון די סאָציאל־דעמאָקראטן אין דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע".

כ׳ סטאלין פירט אָן מיט דער טראנסקאווקאזער אומלעגאלער באָלשעוויסטישער צייטונג „באָרבא פראָלעטאריאטא".

אין טיפליס דערשינען כ׳ סטאלינס בראָשור „אינקורצן וועגן די פארטייאישע מייגונג-פארשיידנהייטן".

אָקטיאבער — אלגעמיינער אָקטיאבער־שטרייק.

26 אָקטיאבער — די ערשטע זיצונג פונעם פעטערבורגער סאָוועט פון ארבעטער־דעפוטאטן.

נאָיאבער — לענין קערט זיך אום פון אויסלאנד קיין רוסלאנד.

20—30 דעקאבער — דער באוואָפנטער אופשטאנד אין מאָסקווע אונטער דער אָנפירונג פונעם מאָסקווער קאָמיטעט באָלשעוויקעס.

25—30 דעקאבער — I קאָנפערענץ פון רסדא"פ אין טאמערפאָרס אונטער לענינס פאָרזיץ. כ׳ סטאלין איז א דעלעגאט אפ דער קאָנפערענץ, געשיקט פון די טראנסקאווקאזער באָלשעוויקעס.

1906. 2 אפרעל — 8 מיי — IV פארייניקונג־צוזאמענפאָר פון רסדא"פ אין שטאָקהאָלם.

30 יולי — 2 אווגוסט — דער אופשטאנד פון די מאטראָסן און סאָלדאטן אין סוועאבאָרג און קראָנשטאט.

16—20 נאָיאבער — II קאָנפערענץ פון רסדא"פ אין טאמערפאָרס.

29 נאָיאבער — 5 דעקאבער — I קאָנפערענץ פון די מיליטער־ און שלאכט־אָרגאניזאציעס פון רסדא"פ אין טאמערפאָרס.

1907. 13 מיי — 1 יונ — V לאָנדאָנער צוזאמענפאָר פון רסדא"פ.

16 יונ — פאנאנדערגעלאָזן די II מעלוכע־דומע. ארעסטירט די סאָציאל־דעמאָקראטישע דומע־פראקציע.

3—5 אווגוסט — III קאָנפערענץ פון רסדא"פ (די צווייטע אלרוסלענדישע) אין העלסינגפאָרס.

18—24 אויגוסט — דער שטוטגארטער קאָנגרעס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. לענין באַטייליקט זיך אין אים און אָרגאַניזירט א באַראַטונג פון די לינקע אינעם אינטערנאַציאָנאַל אין קעגנזאַץ צו זײַנע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן.
18—25 נאָיאַבער — IV קאָנפערענץ פון רסדא״פּ.
כ׳ סטאַלין פירט אָן מיט דער אומלעגאַלער באָלשעװיסטישער אָרגאַניזאַציע אין באַקו און מיט דער צײַטונג „באַקינסקי ראַבאָטשי״.
דעקאַבער — לענין איז געצװוּנגען זיך װידער אויסצובאַהאַלטן אין אויסלאַנד פון די פּאָליציישע פאַרפאָלגונגען.

1908. 3—9 יאַנואַר — V קאָנפערענץ פון רסדא״פּ.
פעװראַל — דערשינען דער ערשטער נומער פונעם צענטראַל־אָרגאַן — „סאָציאַל־דעמאָקראַט״.
מאַרט — אַרעסטירט דעם כ׳ סטאַלין און אים אַרויסגעשיקט קיין סאָלװיטשעגאָדסק.
6—7 סענטיאַבער — א פּלענום פון צ״ק רסדא״פּ אין זשענעװע.
סענטיאַבער — לענין פאַרענדיקט דעם בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם״.

1909. 4—13 יול — א באַראַטונג פון דער פאַרברייטערטער רעדאַקציע פון „פּראָלעטאַרי״ אין פּאַריזש.
כ׳ סטאַלין אַנטלויפט פון פאַרשיקונג קיין באַקו אַף אומלעגאַלער אַרבעט.

1910. 15 יאַנואַר — 5 פעװראַל — א פּלענום פון צ״ק רסדא״פּ אין פּאַריזש.
מאַרט — אַפּרעל — געשאַפן געװאָרן און אָנגעהויבן אַרבעטן די רוסישע קאָלעגיע פונעם צ״ק אין באַשטאַנד פון די כ״כ סטאַלין, דובראָװינסקי, נאָגין א. אַנד.
28 אויגוסט — 3 סענטיאַבער — דער קאָנגרעס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל אין קאָפּענהאַגען. לענין טרעט אַרויס װעגן דער קאָאָפּעראַטיװן־פראַגע און אָרגאַניזירט א פּריװאַטע באַראַטונג פון די לינקע אַף צו קעמפן קעגן דעם אָפּאָרטוניזם און צענטריזם אינעם II אינטערנאַציאָנאַל.
29 דעקאַבער — דערשינען דער ערשטער נומער פון דער באָלשעװיסטישער צײַטונג „זװעזדאַ״.

1911. דעקאַבער — דערשינען דער באָלשעװיסטישער זשורנאַל „פּראָסװעשטשעניע״ אונטער לענינס אָנפיר.
כ׳ סטאַלין אַנטלויפט װידער פון פאַרשיקונג און פירט לויטן אויפטראָג פונעם צ״ק אַן אָנפירנדיקע אונטערערדישע אַרבעט אין פּעטערבורג.

1912. 18—30 יאַנואַר — VI פּראַגער אַלפּאַרטייִשע קאָנפערענץ פון רסדא״פּ. די קאָנפערענץ װיילט אויס א באָלשעװיסטישן צ״ק מיט לענינען אין שפּיץ. כ׳ סטאַלין איז אַרײַנגעפירט געװאָרן אין באַשטאַנד פון צ״ק.
17 אַפּרעל — די לענער צעשיסונג.
22 אַפּרעל — דערשינען די באָלשעװיסטישע צײַטונג „פּראַװדאַ״.
אָקטיאַבער — נאָיאַבער — דער זיג פון די באָלשעװיקעס בא די װאַלן צו דער IV מעלוכע־דומע אין דער אַרבעטער־קוריע.
דערשינען כ׳ סטאַלינס בראָשור „דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״.

1913. 10—14 יאַנואַר — די פעװראַל־באַראַטונג פון צ״ק רסדא״פּ מיט פּאַרטייִשע טוערס אין קראַקאָװ אונטער לענינס אָנפיר.
1 מײַ — ערשטמײַיקע שטרײַקן און דעמאָנסטראַציעס אין א רײי שטעט.
5—14 אָקטיאַבער — די אויגוסט־באַראַטונג (אין יאָר 1913) פון צ״ק רסדא״פּ מיט די פּאַרטייִשע טוערס אין פּאָראָנין אונטער לענינס אָנפיר.
11 נאָיאַבער — געשאַפן א זעלבשטענדיקע באָלשעװיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע („דער זעקסטלינג״) אין דער IV מעלוכע־דומע.
די צאַרישע רעגירונג שיקט אַרויס דעם כ׳ סטאַלין אין טורוכאַנער קאַנט.

1914. יול — שטרײַקן און באַריקאַדעס אין פּעטערבורג.
1 אויגוסט — דער אָנהייב פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.
8 אויגוסט — לענין איז אַרעסטירט געװאָרן דורך די עסטרײַכישע מאַכט־אָרגאַנען.

1 נאָיאַבער — דער מאַניפעסט פונ צ״ק רסדאַ״פּ וועגנ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.

16—17 נאָיאַבער — אַרעסטירט געוואָרנ די באָלשעוויסטישע פראַקציע פונ דער מעלוכע־דומע.

1915. 27 פעוראַל — 4 מאַרט — אַ קאָנפערענצ פונ די אויסלענדישע סעקציעס פונ רסדאַ״פּ אינ בערנ.

5 אויגוסט — I אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענצ אינ צימערוואַלד. לענינ שאַפט אַפ דער קאָנפערענצ די „צימערוואַלדער לינקע״.

אָקטיאַבער — דער זיג פונ די באָלשעוויקעס — אינ פּעטערבורג אונ אינ מאָסקווע בויקאָטירט מענ די וואַלנ אינ די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ.

1916. 24—30 אַפּריל — II אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענצ אינ קינטאַל. לענינ פירט אָנ מיט איר לינקנ פליגל.

2 יול — לענינ פאַרענדיקט די בראָשור „דער אימפּעריאַליזמ, אַלס די העכסטע סטאַדיע פונ קאַפּיטאַליזמ״.

1917. 11—12 מאַרט — אַנ אַלגעמיינער שטרייק אינ פּעטראָגראַד.

11 מאַרט — מאַניפעסט פונ צ״ק רסדאַ״פּ מיטנ רופ צו שאַפנ אַ צייטווייליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג.

12 מאַרט (27 פעוראַל) — די פעוראַל־רעוואָליוציע.

כ׳ סטאַלינ קערט זיכ אום פונ פאַרשיקונג קיינ פּעטראָגראַד.

18 מאַרט — דערשיינענ די „פּראַוודאַ״.

16 אַפּריל — כ׳ לענינס אָנקומ קיינ פּעטראָגראַד אונ זיינ ערשטער אַרויסטרעט באַמ פינלענדער וואָקזאַל.

17 אַפּריל — לענינ טרעט אַרויס מיט די „אַפּריל־טעזיסנ״.

7—12 מײַ — די VII (אַפּריל׳ער) אַלרוסלענדישע קאָנפערענצ פונ רסדאַ״פּ אינ פּעטראָגראַד.

מײַ — דער צענטראַל־קאָמיטעט טיילט אויס פונ זיינ באַשטאַנד אַ פּאָליטבוראָ, וווהינ עס גייענ אַריינ די כ״כ לענינ, סטאַלינ א. אַנד.

4 יונ — לענינ טרעט אַרויס אַפנ אַלרוסלענדישנ צוזאַמענפאָר פונ די פּויערישע דעפּוטאַטנ.

17 יונ — כ׳ לענינ טרעט אַרויס אַפנ I אַלרוסלענדישנ צוזאַמענפאָר פונ די סאָוועטנ פונ אַרבעטערשע אונ סאָלדאַטישע דעפּוטאַטנ.

29 יונ — 6 יול — אַ קאָנפערענצ פונ די מיליטער־אָרגאַניזאַציעס רסדאַ״פּ פונ פראָנט אונ פונ טיל אינ פּעטערבורג. לענינס, סטאַלינס אונ אַנד. פאָרטראָגנ.

1 יול — אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע אינ פּעטראָגראַד אונטער באָלשעוויסטישע לאָזונגענ.

16—18 יול (3—5 יול) — די יול־טעג אינ פּעטראָגראַד. די צייטווייליקע רעגירונג באַפעלט צו אַרעסטירנ לענינענ.

19 יול — לענינ גייט אַריבער אַפ אַנ אומלעגאַלער לאַגע.

8—16 אויגוסט — VI צוזאַמענפאָר פונ רסדאַ״פּ(ב). כ׳ סטאַלינ גיט אָפּ דעמ פּאָליט־באַריכט פונ צ״ק אונ האַלט אַ פאָרטראָג וועגנ דעמ לויפנדיקנ מאָמענט. ער פירט אָנ מיטנ צוזאַמענפאָר, דורכפירנדיק די לענינישע ליניע.

7—12 סענטיאַבער — דעמ גענעראַל קאָרנילאָווס קאָנטררעוואָליוציאָנערער אַרויסטרעט.

אויגוסט — סענטיאַבער — לענינ שרייבט דעמ בוכ „מעלוכע אונ רעוואָליוציע״.

27 סענטיאַבער — לענינ שרייבט פונ אונטערערד די בראָשור „די באָלשעוויקעס דאַרפנ נעמענ די מאַכט״ אונ „דער מאַרקסיזמ אונ דער אויפשטאַנד״.

20 אָקטיאַבער — געעפנט דעמ פאָרפּאַרלאַמענט. די באָלשעוויקעס מאַ־עפנטלעכנ זייער דעקלאַראַציע אונ גייענ אַוועק פונ פאָרפּאַרלאַמענט.

23 אָקטיאַבער — די היסטאָרישע זיצונג פונ צ״ק מיט לענינס אָנטייל, ווו ס׳איז געלייזט געוואָרנ די פראַגע וועגנ דעמ אויפשטאַנד (קעגנ צוויי שטימענ — קאַמענעווס אונ זינאָוויעווס).

29 אָקטיאַבער — אַ פאַרברייטערטע זיצונג פונ צ״ק מיטנ אָנטייל פונ לענינענ אונ פונ פאָרשטייערס פונ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. אָנגענומענ געוואָרנ לענינס רעזאָליוציע־פּראָיעקט וועגנ פאַרשטאַרקנ די צוגרייטונג צומ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד. אויסגעטיילט געוואָרנ אַנ אָרגאַני־

זיר־צענטער אפ אָנצופירנ מיטנ אופשטאנד איז באשטאנד פונ די צ״כ סטאלינ, סווערדלאָוו, דזערזשינסקי אונ בובנאָוו.

1 נאָיאבער — לענינ שרייבט א בריוו אינ צ״ק אונ פאָדערט אויסצושליסנ פונ דער פארטיי זינאָוויעוו אונ קאמעניעוו.

6 נאָיאבער — שפעט אפדערנאכט, אנ איבערגעטאָנענער, גייט לענינ אריבער אינ סמאָלני — אונ נעמט אינ זיינע הענט די דירעקטע אָנפירונג מיטנ אופשטאנד.

7 נאָיאבער (25 אָקטיאבער) — די אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די מאכט אינ פעטראָגראד גייט אריבער אינ די הענט פונ די סאָוועטנ. דאָס מיליטער פונעמ צייטווייליקנ רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט פארנעמט דעמ ווינטער־פאלאצ, די וואָקזאלנ, דעמ הויפט־טעלעגראפ א. אנד. קערענסקי אנטלויפט קיינ גאטשינע. די צייטווייליקע רעגירונג איז ארעסטירט. זיכ געעפנט דער II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר.

8 נאָיאבער — לענינס פאָרשלאָג וועגנ שאָלעמ אונ וועגנ ערד אפ דער זיצונג פונעמ II סאָוועטנ־צוזאמענפאָר. דער צוזאמענפאָר נעמט אָנ דעקרעטנ וועגנ שאָלעמ אונ וועגנ ערד אונ טראָגט ארויס א באשטימונג צו שאפנ אנ ארבעטער־פויערשע רעגירונג. לענינ איז אויסגעוויילט אלס פאָרזיצער פונ ראטפאָלקאָמ, סטאלינ — אלס פאָלק־קאָמיסאר פאר נאציאָנאליטעטנ־איניאָנימ.

12 נאָיאבער — פארעפנטלעכט דעמ דעקרעט וועגנ 8־שאָעדיקנ ארבעט־טאָג.

18 נאָיאבער — דער צ״ק נעמט אָנ א ווענדונג, וואָס עס האָט אָנגעשריבנ לענינ, „צו אלע פארטיי־מיט לידער אונ צו די ארבעטנדיקע מאסנ פונ רוסלאנד" — וועגנ קאמעניעווס, זינאָוויעווס, נאָגינס, ריקאָווס אונ מיליוטינס ארויסטרעט פונ צ״ק אונ פונ ראטפאָלקאָמ.

22 נאָיאבער — לענינ גיט א פאראָרדענונג דעמ גענעראל דוכאָנינ טייקעפ אָנצוהייבנ שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ מיט אלע מילכאָמע־פירנדיקע לענדער. מאכמעס דוכאָנינס אָפזאָג גיט לענינ ארויס א באפעל וועגנ אראָפנעמענ אימ אונ וועגנ באשטימענ פארנ הויפט־קאָמאנדיר דעמ כ׳ נ. וו. קרילענקאָ.

3 דעקאבער — ליקווידירט געוואָרנ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער שטאב פונעמ הויפט־קאָמאנדיר. די מאטראָסנ דערהארגענענ דעמ גענעראל דוכאָנינ.

8 דעקאבער — א באוואָפנטער אופשטאנד פונ קאָזאקנ קעגנ דער סאָוועטנמאכט אינ אָרענבורג (דוטאָווטשטשינע).

20 דעקאבער — געשאפנ אנ אלרוסלענדישע אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע צו קעמפנ קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע אונ קעגנ סאבאָטאזש, אונטער פ. דזערזשינסקיס פאָרזיצ.

1918. 7—10 יאנואר — לענינ שרייבט אנ ארטיקל „וויאזוי דארפ מענ אָרגאניזירנ דעמ פארמעסט".

14 יאנואר — לענינ טרעט ארויס מיט א רעדע וועגנ דעמ לויפנדיקנ מאָמענט באמ ארויסבאגלייטנ די ערשטע עשעלאָנענ פונ דער סאָציאליסטישער ארמיי. טעראָריסטנ־קאָנטררעוואָליוציאָנערנ באשיסנ לענינס אווטאָמאָביל, וואָס האָט זיכ אומגעקערט פונ דער פארזאמלונג.

19 יאנואר — דער ראטפאָלקאָמ נעמט אָנ די טעזיסנ, וואָס לענינ האָט פאָרגעלייגט, פאר א דעקרעט „וועגנ פאנאנדערלאָזנ די גרינדונג־פארזאמלונג". דער ראטפאָלקאָמ גיט ארויס א דעקרעט וועגנ אָרגאניזירנ א רויטע ארמיי אפ פרייוויליקע יעסוידעס.

18 פעווראל — לענינ טרעט ארויס אפ א זיצונג פונ צ״ק מיט א פאָרשלאָג טייקעפ אָנצונעמענ די שאָלעמ־באדינגונגענ, וואָס עס לייגט פאָר די דייטשישע רעגירונג.

25 — 27 פעווראל — לענינ שרייבט אנ ארטיקל „מעשונעדיקס אונ אומגעלומפערטס", געצילט קעגנ די „לינקע קאָמוניסטנ".

1 מארט — לענינ גיט א טעלעגראמע „אלעמענ, אלעמענ, אלעמענ" — וועגנ צוגרייטנ זיכ צו א ווידערשטאנד אינ צוזאמענהאנג מיטנ מעגלעכנ אָנגריפ פונ די דייטשנ אונ וועגנ פארטיידיקנ פעטראָגראד.

6 — 8 מארט — VII פארטיי־צוזאמענפאָר. לענינ טרעט ארויס מיט פאָרטראָגנ וועגנ דער מילכאָמע אונ וועגנ שאָלעמ, וועגנ איבערקוקנ די פראָגראמ אונ וועגנ א נייעמ נאָמענ פונ דער פארטיי.

מע בייט דעמ נאָמענ רסדא״פ(ב) אפ רק״פ(ב).

10 — 11 מארט — דער צ״ק אונ דער ראטפאָלקאָמ פארנ אריבער פונ פעטראָגראד קיינ מאָסקווע.

15 מארט — דער IV אויסעראָרדנטלעכער סאָוועטנ־צוזאמענפאָר נעמט אָנ לויט לענינס פאָרטראָג א באשלוס וועגנ באשטעטיקנ דעמ שאָלעמ־אָפמאכ מיט דייטשלאנד.

25 מײַ — די ערשטע צונויפשטויסן פֿון דער סאָװעטנמאַכט מיט די טשעכאָסלאָװאַקן לעם אָמסק.

10 יוני — לענין שטעלט צונויף אַן אױפֿרוף װעגן דעם טשעכאָסלאָװאַקישן אױפֿשטאַנד.

4—10 יולי — V אַלרוסלענדישער סאָװעטן־צוזאַמענפֿאָר. אָנגענומען די קאָנסטיטוציע. אױסגעשלאָסן די לינקע עסערן פֿון די סאָװעטן.

6 יולי — דער אױפֿשטאַנד פֿון די לינקע עסערן. דער װײַסגװאַרדײַישער בונט אין יאַראָסלאַװל.

16 יולי — צעשאָסן ניקאָלײַ ראָמאַנאָװ.

מיט אױגוסט — לענין שרײַבט אַ װענדונג: „כאַװײַרים אַרבעטער! מיר גײען אין דער לעצטער און אַנטשײדנדער שלאַכט".

30 אױגוסט — בעת לענין איז אַרױסגעגאַנגען פֿון דעם געװעזענעם מיכעלסאָן־זאַװאָד, האָט אים שװער פֿאַרװונדעט די עסערקע פֿ. קאַפּלאַן.

דערמאָרדעט אוריצקין אין פּעטראָגראַד.

2 סעפּטעמבער — דער „װציק" האָט אָנגענומען אַ באַשטימונג װעגן מאַסן רױטן טעראָר און װעגן שאַפֿן אַ רעװמיליטראַט פֿון דער רעפּובליק.

16 סעפּטעמבער — דאָס ערשטע מאָל נאָך דער קראַנקײַט באַטײליקט זיך לענין אין דער זיצונג פֿון צ״ק.

9 נאָװעמבער — דער VI סאָװעטן־צוזאַמענפֿאָר נעמט אָן אַ באַשלוס װעגן פֿאַנאַנדערלאָזן די אָרעמשאַפֿט־קאָמיטעטן.

10 נאָװעמבער — לענין שיקט אַ טעלעגראַמע צו אַלע סאָװעטן װעגן דעם ניצחון פֿון דער רעװאָלוציע אין דײַטשלאַנד.

23 נאָװעמבער — לענין פֿאַרענדיקט די בראָשור „די פּראָלעטאַרישע רעװאָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי".

1919 15 יאַנואַר — דערמאָרדעט אין דײַטשלאַנד קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג.

פֿעברואַל—מאַרט — לענין שרײַבט אַ פּראָיעקט פֿון דער פּאַרטײ־פּראָגראַם.

2—6 מאַרט — I קאָנגרעס פֿונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אונטער לענינס אָנפֿיר. לענינס פֿאָרטראָג אױפֿן קאָנגרעס „װעגן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און װעגן דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט".

16 מאַרט — געשטאָרבן יאַ. מ. סװערדלאָװ.

18 — 23 מאַרט — VIII פּאַרטײ־צוזאַמענפֿאָר. לענין טרעט אַרױס מיט אַ באַריכט פֿון צ״ק און מיט פֿאָרטראָגן װעגן דער פּאַרטײ־פּראָגראַם און װעגן דער אַרבעט אין דאָרף.

3 אַפּריל — לענין שרײַבט אַ צעטעלע י. װ. סטאַלינען מיט באַמערקונגען צום דעקרעט װעגן רעאָרגאַניזירן דעם מעלוכע־קאָנטראָל.

10 מײַ — דער ערשטער קאָמוניסטישער שאַבעסניק אױף דער מאָסקװע־קאַזאַנער אײַזנבאַן.

28 יוני — דערשײַנען לענינס בראָשור „דער גרױסער אָנהײב" װעגן די קאָמוניסטישע שאַבעסניקעס.

9 יולי — אַ בריװ פֿון צ״ק צו די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס: „אַלע צום קאַמף קעגן דעניקינען!"

2—4 דעקאַבער — VIII אַלרוסלענדישע קאָנפֿערענץ פֿון רק״פּ(ב). לענינס פֿאָרטראָג װעגן דער פּאָליטישער טעטיקײַט פֿון צ״ק. זײַן רעדע װעגן די אױפֿגאַבעס פֿון דער סאָװעטנמאַכט אין אוקראַינע.

1920 21 פֿעברואַל — געשאַפֿן די מעלוכע־קאָמיסיע צו עלעקטריפֿיצירן רוסלאַנד מיט ג׳ קרזשיזשאַנאָװסקין אין שפּיץ.

15 מאַרט — לענין איז אַרױסגעטראָטן אױף דער זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון װצספּ״ס קעגן טאָמסקין, ריאַזאַנאָװן און לאָזאָװסקין און האָט פֿאַרטײדיקט די אײנפּערזאָניקײט אינעם פֿאַרװאַלטן מיט די װירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען.

29 מאַרט—5 אַפּרעל — IX צוזאַמענפֿאָר פֿון רק״פּ(ב). לענינס פֿאָרטראָג װעגן דער אַרבעט פֿון צ״ק. זײַן רעדע װעגן דער װירטשאַפֿטלעכער בױונג, — װוּ ער האָט פֿאַרטײדיקט דעם פּרינציפּ פֿון אײנפּערזאָניקער פֿאַרװאַלטונג. זײַן רעדע װעגן דער קאָאָפּעראַציע.

23 אַפּרעל — לענינס 50־טער געבורט־טאָג.

26 אַפּרעל — דאָס פּױלישע מיליטער רײַסט זיך אַרײַן אױף דער טעריטאָריע פֿון אוקראַינע.

27 אפרעל — לעניג פארענדיקט דעם בוך „די קינדער־קרענק פוג „לינקײט“ איגעם קאָמו־ניזמ“.

15 יול — געשאפג דעם פראָפינטערג.

19 יול—7 אוגוסט — II קאָנגרעס פוג קאָמינטערג. לעניגס פּאָרטראָג וועגג דער צווישג־פעלקערלעכער לאגע אוג וועגג די גרונט־אופגאבעס פוגעם קאָמוניסטישג אינטערנאַציאָנאַל. רעדעס וועגג דער ראָליע פוג די קאָמפּארטייעג, וועגג די באדינגעג פוג ארײַגעמעג איג קאָמינטערג.

22—25 סענטיאבער — IX אלרוסלענדישע קאָנפערענצ פוג רק״פ(ב), לעניגס רעדע וועגג דער מילכאָמע מיט פוילג אוג וועגג די פערספעקטיווג פוג א שאָלעמ מיט איר.

30 דעקאבער — אפ דער פראקציע פוג די דעלעגאטג פוגעמ VIII פּראָפאריינער־צוזאמענפאָר טרעט לעניג ארויס מיט א רעדע וועגג די פּראָפאריינעג, וועגג דעם לויפנדיקג מאָמענט אוג וועגג טראָצקיס פעלערג.

1921

18 יאנואר — פארעפנטלעכט איג „פראוודא“ דער פּראָיעקט פוג א באשטימונג פוגעם X רק״פ(ב)־צוזאמענפּאָר וועגג די פּראָפאריינעג („די פלאטפאָרמע פוג צענ“).

19 יאנואר — לעניגס ארטיקל „דער קריזיס פוג דער פארטײ“.

26 יאנואר — דערשינעג לעניגס בראָשור „נאָכאמאָל וועגג די פּראָפאריינעג, וועגג דעם לויפנדיקג מאָמענט אוג וועגג די כאווײרימ טראָצקיס אוג בוכארינס פעלערג“.

28 פעווראל — 18 מארט — דער קראָנשטאטער בונט.

8—16 מארט — X צוזאמענפאָר פוג רק״פ(ב). לעניגס פּאָרטראָג וועגג דער פּאָליטישער טעטיקײַט פוג צ״ק, זײַג רעדע וועגג די פּראָפאריינעג, זײַג פּאָרטראָג וועגג דעם נאטור־שטײַער. כ׳ סטאלינס פּאָרטראָג וועגג דער נאציאָנאַלער פראגע.

13 מארט — אוועקגעשיקט קײַג קראָנשטאט 300 מיטגלידער פוגעמ X צוזאמענפאָר אפ אָנטײל־צונעמג איגעם ליקווידירג דעם בונט.

21 אפרעל — לעניג פארענדיקט די בראָשור „וועגג נער־שטײַער“.

26—28 מײַ — X אלרוסלענדישע קאָנפערענצ פוג רק״פ(ב). לעניגס פּאָרטראָג וועגג נער־שטײַער.

22 יונ—12 יול — III קאָנגרעס פוג קאָמינטערג. לעניג ווערט אויסגעוויילט אלס ערג־פּאָרזיצער. לעניגס רעדע וועגג דער איטאליענישער פראגע. די רעדע, ווו ער האָט פארטיידיקט די טאקטיק פוג קאָמינטערג, דער פּאָרטראָג וועגג דער טאקטיק פוג רק״פ(ב).

2 אוגוסט — לעניגס ווענדונג צומ אינטערנאַציאָנאַלג פּראָלעטאריאט וועגג העלפג די הונ־גערנדיקע איג סאָוועטנרוסלאנד.

20 סענטיאבער — ארויס לעניגס ארטיקל „וועגג דער פארטײ־רייניקונג“.

27 סענטיאבער — לעניגס בריוו צו סטאלינעג „צו דער פראגע וועגג די אופגאבעס פוג ראבקרינ, וועגג דעם פארשטײַג זיי אוג וועגג אויספילג זיי“.

19—22 דעקאבער — XI אלרוסלענדישע קאָנפערענצ פוג רק״פ(ב).

1922

21 פעווראל — 4 מארט — I פארברייטערטער פלענום פוגעם אויספירקאָמ פוג קאָ־מינטערג.

27 פעווראל — די באשטימונג פוג צ״ק וועגג דער מעלדונג, וואָס עס האָט דערלאנגט איג אויספירקאָמ פוג קאָמינטערג די גרופּע „פוג 22“ (שליאפּניקאָוו, קאָלאָנטײַ א. אנד.).

27 מארט—2 אפרעל — XI צוזאמענפאָר פוג רק״פ(ב). לעניג טרעט ארויס מיט א פּאָליט־באריכט פוג צ״ק. כ׳ סטאליג ווערט אויסגעוויילט אלס גענעראל־סעקרעטאר פוג צ״ק.

2—6 אפרעל — די קאָנפערענצ פוג די דרײַ אינטערנאַציאָנאַלג איג בערליג.

20 מײַ — לעניג דיקטירט פוג האָרקי א בריוו סטאלינעג פאר דער פּאָליטביוראָ וועגג דער פּראָקוראטור.

7—11 יונ — II פארברייטערטער פלענום פוג אויספירקאָמ פוג קאָמינטערג.

4—7 אוגוסט — XII אלרוסלענדישע קאָנפערענצ פוג רק״פ(ב).

5 אוגוסט — לעניג באפולמעכטיקט סטאליגעג איבערצוגעבג א דאנק דער אלרוסלענדישער קאָנפערענצ פוג רק״פ(ב), אלס ענטפער אפ איר באגריסונג, אוג דריקט אויס די האָפענונג, אז איג דער נאָענטסטער צײַט וועט ער זיכ אומקערג צו דער ארבעט.

5 נאָיאבער — 5 דעקאבער — IV קאָנגרעס פון קאָמינטערן. לענינס אַרויסטרעט וועגן דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק און וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער וועלט־רעוואָ־ליוציע.

13 דעקאבער — לענינס בריוו צו סטאלינען פארן צ״ק־פּלענום — וועגן דער מאָנאָפּאָל פון אויסערלעכן האנדל.

30 דעקאבער — זיך געעפנט דער ערשטער פאַרבאַנדישער סאָוועטן־צוזאמענפאָר. געשלאָסן דעם פאַרבאַנדישן אָפּמאַך.

1923 2 יאנואר — לענין דיקטירט דעם סעקרעטאר „בלעטלעך פון טאָג־בוך”.

4 און 6 יאנואר — לענין דיקטירט דעם ארטיקל „וועגן דער קאָאָפּעראַציע”.

16—17 יאנואר — לענין דיקטירט דעם ארטיקל „וועגן אונדזער רעוואָליוציע” (וועגן נ. סוכאנאָווס שריפטן).

2—9 פעוראל — לענין דיקטירט דעם ארטיקל „בעסער ווייניקער, נאָר בעסער”.

17—25 אפּריל — XII צוזאמענפאָר פון רק״פּ(ב) — דער ערשטער צוזאמענפאָר אָן לע־נינען. כ׳ סטאלין טרעט ארויס מיטן אָרגבאַריכט פון צ״ק און מיטן פּאָרטראָג „די נאַציאָ־נאַלע מאָמענטן אין דער פּאַרטיי־ישער און מעלוכישער בויונג”.

9—12 יונ — א באַראַטונג פון צ״ק מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע טוערס פון די נאַציאָנאַלע רעפּוב־ליקן און געגנטן. כ׳ סטאלינס פּאָרטראָג „די פּראַקטישע מאָסמיטלען אָפּ דורכצופירן אין לעבן די רעזאָליוציע פונעם XII פּאַרטיי־צוזאמענפאָר וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע”.

12—23 יונ — III פאַרברייטערטער פּלענום פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן.

25—27 אָקטיאבער — פאַרייניקטער פּלענום פון צ״ק און צק״ק מיט פאָרשטייערס פון 10 פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַרישע ראַיאָנען. עס ווערט אַרויסגעטראָגן א באַשטימונג וועגן דער אינערלעך־פּאַרטיייִשער לאַגע און וועגן דער ארבעטער־דעמאָקראַטיע אין צוזאמענ־האַנג מיט טראָצקיס בריוו און מיט דער דערקלערונג פון „די 46”.

דעקאבער — די פּאַרטיי־דיסקוסיע. די מערהײַט פּאַרטיי־קעמערלעך זאָגן זיך אַרויס קעגן דער פּלאַטפאָרמע פון דער אָפּאָזיציע (טראָצקי, פּרעאָבראַזשענסקי, סאַפּראָנאָוו א. אנד.).

2 דעקאבער — כ׳ סטאלינס פּאָרטראָג „וועגן די אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיי” אָפּ דער פאַר־ברייטערטער פאַרזאַמלונג פונעם רויטפּרעסנער ראַיקאָם רק״פּ(ב).

1924 14—15 יאנואר — פּלענום פון צ״ק וועגן די סאַכאַקלען פון דער פּאַרטיי־דיסקוסיע.

16—18 יאנואר — XIII קאָנפערענץ פון רק״פּ(ב). כ׳ סטאלינס פּאָרטראָג „וועגן די אָרדנט־לעכע אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיי־בויונג”.

21 יאנואר, 6 אזייגער מיט 50 מינוט — געשטאָרבן וו. אי. לענין.

23 יאנואר — פאַרעפנטלעכט די ווענדונג פון צ״ק „צו דער פּאַרטיי, צו אלע ארבעטנדיקע” אין צוזאמענהאַנג מיט לענינס טויט.

אָנהייב אפּריל — כ׳ סטאלין לייענט לעקציעס אינעם סווערדלאָווער אוניווערסיטעט „וועגן די יעסוידעס פון לענינִיזם”.

23—31 מײַ — XIII צוזאמענפאָר פון רק״פּ(ב). כ׳ סטאלין טרעט ארויס מיטן אָרגבאַריכט פון צ״ק.

7—8 יול — V קאָנגרעס פון קאָמינטערן.

12—13 יול — IV פאַרברייטערטער פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן.

19 נאָיאבער — כ׳ סטאלינס רעדע „טראָצקיזם אָדער לענינִיזם” אָפּ דער פראַקציע פונעם פּלענום פון וצספּ״ס.

17 דעקאבער — דערשינען כ׳ סטאלינס ארבעט „די אָקטיאבער־רעוואָליוציע און די טאַקטיק פון די רוסישע קאָמוניסטן” (פאָרוואָרט צום בוך „אָפּ די וועגן צום אָקטיאבער”).

1925 1 יאנואר — פאַרעפנטלעכט דער באַשלוס פון „ציק” וועגן באַשטימען אלס פאָרזיצער פון רעוומיליטראַט דעם כ׳ פרונזע.

21 מארט — 6 אפּריל — V פאַרברייטערטער פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינ־טערן.

27—29 אפּריל — XIV קאָנפערענץ פון רק״פּ(ב).

1—31 דעקאבער — XIV צוזאמענפאָר פון אלק״פּ(ב). כ׳ סטאלין טרעט ארויס מיטן פּאָליטבאַריכט פון צ״ק.

1926. 25 יאנואר — דערשינענ כ׳ סטאלינס ארבעט „צו די פראגעס פונ לעניניזמ״ (פאָרוואָרט צומ זאמלבוכ „פראגעס פונ לעניניזמ״).

12 פעברואל — די אויסעראָרדנטלעכע לענינגראדער פארטיי־קאָנפערענצ פארורטיילט די לענינגראדער אָפּאָזיציע אונ פאראייניקט זיכ פולשטענדיק צו די באשלוסנ פונעמ XIV צוזאמענפאָר.

17 פעברואר — 15 מארט — VI פארברייטערטער פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ.

25 אפּריל — פארעפנטלעכט די ווענדונג פונ צ״ק אונ צק״ק וועגנ קעמפנ פארנ עקאָנאָמיע־רעזשימ.

12 יולי — אינ סטאלינגראד אוועקגעלייגט דעמ פונדאמענט פונעמ ערשטנ אינ ססס״ר טראקטער־זאוואָד.

14—23 יולי — פאראייניקטער פלענומ פונ צ״ק אונ צק״ק. כ׳ סטאלינ האלט א רעדע דעמ 15 יולי „וועגנ דעמ ענגליש־רוסישנ קאָמיטעט״. מע שליסט אויס לאשעוויטשנ פונ דער צאָל קאנדידאטנ אינ צ״ק־מיטגלידער אונ זינאָוויעוונ — פונ דער פּאָליטביוראָ אונ מע נעמט אימ אראָפּ פונ דער ארבעט אינ קאָמינטערנ.

8 אָקטיאבער — פארעפנטלעכט די באשטימונגענ פונ דער פּאָליטביוראָ פונ צ״ק, אָנגענומענ דעמ 4 אונ 5 אָקטיאבער, וועגנ דעמ ברעכנ די פארטיי־אייניקייט (אינ צוזאמענהאנג מיט זינאָוויעווס אונ טראָצקיס שפּאלטערישע ארויסטרעטונגענ אפנ „אוויאַ־פּריבאָר״ אינ מאָסקווע אונ אפנ פּוטילאָווער זאוואָד אינ לענינגראד).

17 אָקטיאבער — פארעפנטלעכט: 1) די מיטיילונג פונ צ״ק וועגנ דער אינערלעכ־פארטייִשער לאגע (אינ צוזאמענהאנג מיט דער פראקציאָנעלער ארבעט פונ די טראָצקיסטנ); 2) זינאָוויעווס, קאמעניעווס, פּיאטאקאָווס, סאָקאָלניקאָווס, טראָצקיס אונ יעוודאָקימאָווס מעלדונגענ, אז זיי שטעלנ אָפּ די פראקציאָנעלע ארבעט.

26 אָקטיאבער — 3 נאָיאבער — XV אלפארבאנדישע פארטיי־קאָנפערענצ. כ׳ סטאלינס פּאָרטראָג „וועגנ דעמ סאָציאַל־דעמאָקראטישנ אָפּנויג אינ אונדזער פארטיי״.

22 נאָיאבער — 16 דעקאבער — VII פארברייטערטער פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ. כ׳ סטאלינס פּאָרטראָג „נאָכאמאָל וועגנ דעמ סאָציאַל־דעמאָקראטישנ אָפּנויג אינ אונדזער פארטיי״ אפנ VII פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ.

1927. 18—30 מײַ — VIII פלענומ פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ.

24 מײַ — כ׳ סטאלינס רעדע „די רעוואָלוציע אינ כינע אונ די אויפגאבעס פונעמ קאָמינטערנ״ — אפ דער זיצונג פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ.

29 יולי — 6 אויגוסט — פאראייניקטער פלענומ פונ צ״ק אונ צק״ק. אָנגענומענ א באשטימונג אויסצושליסנ פונ דער פארטיי טראָצקינ אונ זינאָוויעוונ, וואָס זי איז פארביטנ געוואָרנ נאָכ זייער מעלדונג פונ 8־טנ אויגוסט מיט א שטרענגנ פאָרוווּרפ אונ א וואָרענונג.

1 אויגוסט — כ׳ סטאלינ האלט א רעדע „די צווישנפעלקערלעכע לאגע אונ דאָס באשיצנ ססס״ר״ אפנ פלענומ פונ צ״ק אונ צק״ק.

9 סענטיאבער — כ׳ סטאלינס שמועס מיט דער ערשטער אמעריקאנער ארבעטער־דעלעגאציע.

26—28 סענטיאבער — די באשטימונג פונעמ פרעזידיומ פונ מק״ק אלק״פּ(ב) אינעמ איניענ וועגנ דער אומלעגאלער אנטיפארטייִשער דרוקעריי פונ דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. וועגנ דעמזעלבנ איניענ איז דעמ 29 סענטיאבער פארעפנטלעכט געוואָרנ א באשטימונג פונעמ פרעזידיומ פונ צק״ק.

27 סענטיאבער — כ׳ סטאלינ האלט א רעדע „די פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע פונ דער רוסישער אָפּאָזיציע״ אפ דער פאראייניקטער זיצונג פונעמ פרעזידיומ פונעמ קאָמינטערנ־אויספירקאָמ אונ פונ צק״ק.

10 אָקטיאבער — פארעפנטלעכט די מיטיילונג וועגנ אויסשליסנ טראָצקינ אונ וויאָוויטשנ פונ קאָמינטערנ־אויספירקאָמ.

21—23 אָקטיאבער — פאראייניקטער פלענומ פונ צ״ק אונ צק״ק. דער פלענומ האָט אויסגעשלאָסנ פונ צ״ק טראָצקינ אונ זינאָוויעוונ. דעמ 23־טנ אָקטיאבער האלט כ׳ סטאלינ א רעדע אפנ פלענומ: „די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע פריִער אונ איצטער״.

5 נאָיאבער — כ׳ סטאלינס שמועס מיט די אויסלענדישע ארבעטער־דעלעגאציעס.

15 נאָיאבער — פארעפנטלעכט די באשטימונג פונ צ״ק אונ צק״ק וועגנ די אנטיפארטייאישע ארויסטרעטנ פונ די אָפּאָזיציע־לידערס.

12—19 דעקאבער — XV צוזאמענפאָר פונ אלק״פ(ב). כ׳ סטאלינ טרעט ארויס מיטנ פאָליטבאריכט פונ צ״ק.

1928. 9—25 פעווראל — IX פלענום פונעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינט.

6—11 אפּרעל — פאראייניקטער פלענום פונ צ״ק אונ צק״ק: אָנגענו[מענ באש]טימונגענ וועגנ די זוויע־פארגרייטונגענ, וועגנ שאכטער איניענ א. א.

18 מײַ — 5 יול — דער געריכט־פּראָצעס איבער די שעדיקערס (דער שאכטער פּראָצעס).

28 מײַ — כ׳ סטאלינס שמועס מיט די סטודענטנ פונעמ אינסטיטוט פאר רויטער פּראָפעסור אפּ דער טעמע: „אפנ ברויט־פראָנט“.

3 יונ — פארעפנטלעכט די ווענדונג פונ צ״ק וועגנ זעלבסטקריטיק.

4—12 יול — פלענומ פונ צ״ק. אָנגענומענ א באשטימונג וועגנ דער פּאָליטיק פונ די זוויע־פארגרייטונגענ, וועגנ אָרגאניזירנ נײַע (סאָוועדיקע) ראטווירטנ א. אנד.

17 אווגוסט — 1 סענטיאבער — VI קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ. אָנגענומענ די פּראָגראמ פונ קאָמינטערנ.

19 אָקטיאבער — כ׳ סטאלינס ריידע אפנ פלענומ פונ מ״ק אונ מק״ק „וועגנ דער רעכטער געפאר“.

16—24 נאָיאבער — פלענומ פונ צ״ק. אָנגענומענ א באשטימונג וועגנ די קאָנטראָל־ציפערנ אפנ 1928־1929 יאָר, וועגנ די ערשטע סאוכאָזנ אונ וועגנ דעמ ווײַטערדיקנ דורכפירנ דעמ 7-שאָעדיקנ ארבעט־טאָג, וועגנ ווערבירנ ארבעטער אונ וועגנ רעגולירנ דעמ וווקס פונ דער פארטיי א. אנד.

19 נאָיאבער — כ׳ סטאלינס ריידע „וועגנ דער אינדוסטריאליזאציע פונ לאנד אונ וועגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג אינ אלק״פ(ב)“ אפנ פלענומ פונ צ״ק.

1929. 16—23 אפּרעל — פאראייניקטער פלענומ פונ צ״ק אונ צק״ק. באהאנדלט די פראגעס וועגנ אינערלעכ־פארטײַישע איניאָנימ, וועגנ דער פארטיי־ריייניקונג א. אנד. דער פלענומ האָט פארורטיילט בוכארינס, ריקאָווס, טאָמסקיס רעכט־אָפּאָרטוניסטישע פראקציאָנעלע טעטיקײַט.

23—29 אפּרעל — XVI קאָנפערענצ פונ אלק״פ(ב). אָנגענומענ אג אויפרופ וועגנ אנטוויקלענ דעמ סאָציאליסטישנ פארמעסט אונ די שלאָגלערײַ.

29 אפּרעל — פלענומ פונ צ״ק אלק״פ(ב). כ׳ סטאלינס ריידע „וועגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג אינ אלק״פ(ב)“. אוגלאנאָוו ווערט באפרײַט פונ דער ארבעט אלס סעקרעטאר פונ צ״ק.

9 מײַ — דער צ״ק האָט אָנגענומענ א באשטימונג וועגנ א סאָציאליסטישנ פארמעסט צווישנ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ.

3 יול — X פלענומ פונ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ. בוכארינ ווערט אָפּגענומענ פונ דער ארבעט אינ קאָמינטערנ.

1 אווגוסט — דער ערשטער אינטערנאציאָנאלער רויטער אנטימיליטאַריסטישער טאָג.

13 אווגוסט — אינ צוזאמענהאנג מיטנ אָנפאל פונעמ כינעזישנ מיליטער אונ פונ די ווײַסגווארדײַישע אָטריאדנ אפ די מיזרעכ־גרענעצנ פונ פסס״ר איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א באפעל פונעמ פאָלק־קאָמיסאר פאר מיליטער־אונ יאמ־איניאָנימ וואָראָשילאָווג וועגנ אָרגאניזירנ א באזונדערע ווײַטמיזרעכדיקע ארמיי.

7 נאָיאבער — כ׳ סטאלינ שרײַבט אנ ארטיקל צומ 12־טנ אָקטיאבער־יאָרטאָג: „דאָס יאָר פונ גרויסנ איבערבראָכ“.

10—17 נאָיאבער — פלענומ פונ צ״ק. אָנגענומענ באשטימונגענ וועגנ די קאָנטראָל־ציפערנ אפנ 1929־1930 יאָר. דער פלענומ האָט ארויסגעפירט בוכארינענ פונעמ באשטאנד פונ דער פּאָליטבויראָ אונ האָט געמאכט א וואָרענונג די איבעריקע לידערס פונעמ רעכטנ אָפּנויג. די צ״ק־מיטגלידער קאָטאָוו, מיכײַלאָוו, אוגלאנאָוו אונ קוליקאָוו האָבנ דערלאנגט א מעלדונג, אז זיי רײַסנ איבער מיט די רעכטע אָפּנויגערס.

17 נאָיאבער — די טיילנ פונ דער באזונדערער ווײַטמיזרעכדיקער ארמיי האָבנ אָפּגעשלאָגנ דעמ אָנגריפ פונעמ כינעזישנ מיליטער אונ פארפאָלגט עס אפ דער כינעזישער טעריטאָריע.

21 דעקאַבער — כ׳ סטאַלינס 50־טער געבורט־טאָג.

27 דעקאַבער — כ׳ סטאַלין האַלט א רעדע אַף דער קאָנפערענץ פון די אַגראַרניקעס־מאַרקסיסטן „צו די פראַגעס פון דער אַגראַר־פּאָליטיק אין פסס״ר״.

1930. 6 יאַנואַר — פאַרעפנטלעכט א באַשטימונג פון צ״ק „וועגן דעם טעמפּ פון דער קאָלעקטיוויזאַציע און וועגן מעלוכע־מאַסמיטלען צו הילף דער קאָלווירטישער בויונג״.

2 מאַרט — אָפּגעדרוקט כ׳ סטאַלינס אַרטיקל „קאָפּשווינדל פון דערפאָלגן״.

15 מאַרט — פאַרעפנטלעכט די באַשטימונג פון צ״ק „וועגן קעמפן קעגן די פאַרקרימלונגען פון דער פּאַרטיי־ליניע אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג״.

2 אַפּרעל — דער צ״ק האָט אָנגענומען א באַשטימונג וועגן להאַטעס פאַר די קאָלווירטן.

3 אַפּרעל — אָפּגעדרוקט כ׳ סטאַלינס אַרטיקל „אַן ענטפער די כאַווייריִם קאָלווירטניקעס״.

16 יונ — געלאָזט אין גאַנג דעם סטאַלינגראַדער טראַקטער־זאַוואָד.

26 יונ — 14 יול — XVI צוזאַמענפאָר פון אַלק״פּ(ב). כ׳ סטאַלין טרעט אַרויס מיטן פּאָליט־באַריכט פון צ״ק.

1 יול — דער זאַוואָד „קאָמונאַר״ אין זאַפּאָראָזשיע האָט אַרויסגעלאָזט די ערשטע צען קאָמבייַנען.

2 יול — אָפּן מאַגניטבוי אָנגעהויבן בויען די ערשטע דאָמנע.

15 יול — דער צ״ק האָט באַשטימט צו ליקווידירן די קרייַזן.

20 נאָיאַבער — אָפּגעדרוקט בוכאַרינס מעלדונג אין צ״ק, אַז ער אַנערקענט זייַנע פעלערן. דער צ״ק האָט אַנערקענט דידאָזיקע מעלדונג אין גרונט פאַר צופרידנשטעליק.

25 נאָיאַבער — 7 דעקאַבער — דער פּראָצעס איבער דער „פּראָמפּאַרטיי״.

1 דעקאַבער — דער צ״ק און די צק״ק האָבן אָנגענומען א באַשטימונג וועגן דער פראַקציאָנעלער אַרבעט פון סירצאָוו, לאָמינאַדזע א. אַנד.

17 — 21 דעקאַבער — פאַרייניקטער פּלענום פון צ״ק און צק״ק. אַרויסגעטראָגן באַשטימונגען וועגן דעם פּאָלקווירטשאַפטלעכן פּלאַן אַפן יאָר 1931, וועגן דעם באַזאָרגן מיט פלייש און מיט איבערן א. אַנד. דער פּלענום האָט באַפרייַט ריקאָוון פון די פליכטן פון א מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ און פון פאָרזיצער פון ראַטפאָלקאָם פון פסס״ר.

19 דעקאַבער — דער באַשלוס פונעם פּרעזידיום פון פאַרבאַנדישן „ציק״ וועגן באַשטימען דעם כ׳ מאָלאָטאָוו אַלס פאָרזיצער פון ראַטפאָלקאָם.

1931. 1 יאַנואַר — דער טורקסיב איז אָפּגעגעבן אין עקספּלואַטאַציע.

1 — 9 מאַרט — דער פּראָצעס איבער דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער שעדיקערישער אָרגאַניזאַציע פון די מענשעוויקעס.

אָנהייב אַפּרעל — XI פּלענום פונעם אויספּירקאָם פון קאָמינטערן.

11 — 15 יונ — פּלענום פון צ״ק. אָנגענומען באַשטימונגען וועגן די פּאָרלויפיקע סאַכאַקלען פונעם פאַרזיי און וועגן די אויפגאַבעס פון דער אָרפּגעם־קאַמפּאַניע, וועגן דעם אייַזנבאַן־טראַנספּאָרט, וועגן אַנטוויקלען די שטאָטישע ווירטשאַפט.

5 יול — פאַרעפנטלעכט כ׳ סטאַלינס רעדע „א נייַע סיטואַציע — נייַע אויפגאַבעס פון דער ווירטשאַפטלעכער בויונג״, וואָס ער האָט געהאַלטן אַף דער באַראַטונג פון די ווירטשאַפטלערס דעם 23 יונ. אין דער רעדע האָט ער אַרויסגערוקט די 6 באַדינגען פון אַרבעטן אַף א נייַעם אופן.

25 סענטיאַבער — פאַרענדיקט בויען דעם כאַרקאָווער טראַקטער־זאַוואָד.

28 — 31 אָקטיאַבער — פּלענום פון צ״ק. אָנגענומען א באַשטימונג וועגן דעם אייַזנבאַן־טראַנספּאָרט, וועגן פאַנאַנדערוויקלען דעם סאָוועטישן האַנדל, וועגן פאַרבעסערן דאָס באַזאָרגן די אַרבעטער א. אַנד.

נאָיאַבער — אָפּגעדרוקט כ׳ סטאַלינס בריוו צו דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „פּראָלעטאַרסקאַיא רעוואָליוציאַ״ — „וועגן אייניקע פראַגעס פון דער געשיכטע פונעם באָלשעוויזם״.

1932. 30 יאַנואַר — 4 פעווראַל — XVII קאָנפערענץ פון אַלק״פּ(ב). אָנגענומען קאָלאָסאַלוויכטיקע באַשלוסן וועגן דער אַרבעט פון דער אינדוסטריע אינעם שלוס־יאָר פונעם פינפיאָר און וועגן דעם פּלאַן פונעם צווייטן פינפיאָר.

28 סענטיאַבער — 2 אָקטיאַבער — פּלענום פון צ״ק אַלק״פּ(ב). באַהאַנדלט די פראַגעס וועגן אַנטוויקלען דעם סאָוועטישן האַנדל, וועגן אויסאַרבעטן סכוירעס פאַרן ברייטן געברויך, וועגן אַנטוויקלען די שוואַרצע מעטאַלורגיע.

סענטיאבער — אָקטיאבער — XII פלענום פונעם אויספירקאָם פונעם קאָמינטערנ.

21 אָקטיאבער — ווענדונג פונעם פלענום פונ צ״ק אלק״פ(ב) צו די ארבעטנדיקע פונ פסר״ר.

1933. 7 — 12 יאנואר — פאראייניקטער פלענום פונ צ״ק אונ צק״ק. כ׳ סטאלינס פאָרטראָג „וועגנ די סאכאקלענ פונעם ערשטנ פינפיאָר״. כ׳ סטאלינס רעדע „וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ״. צו כ׳ קאהאנאָוויטשעס פאָרטראָג איז אָנגענומענ געוואָרנ א באשלוס צו שאפנ פאָליטאָפטיילנ בא די מט״ס אונ בא די ראטווירטנ.

ס׳איז אָנגענומענ געוואָרנ א באשטימונג וועגנ דער אנטיפארטייִשער גרופירונג — אייסמאָנט, טאָלמאטשאָוו, סמירנאָוו א. פ. אונ אנד.

1934. 26 יאנואר — 10 פעווראל — XVII צוזאמענפאָר פונ אלק״פ(ב). כ׳ סטאלינ טרעט ארויס מיטנ פאָליטבאריכט פונ צ״ק.

א י נ ה א ל ט

פאָרוואָרט צו דער צווייטער רוסישער אופלאגע 3

I קאפיטל. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ רוסלאנד ביזנ אנטשטיינ פונ אלק"פ(ב) . . . . 7—17

די אינדוסטריע אונ די לאנדווירטשאפט צום סאָפ XIX יאָרהונדערט—7. דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקיזם—10. די ערשטע ארבעטער־אָרגאניזאציעס אינ רוסלאנד—14. די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס אינ רוסלאנד—15.

II קאפיטל. די היסטאָרישע צוגרייטונג אונ די געבורט פונ באָלשעוויזם 18—32

רוסלאנד — א קנופ פונ אימפעריאליסטישע ווידערשפרוכנ—18. רוסלאנד — דער צענטער פונ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג—19. לענינ האָט פאראלגעמיינערט די קאמפ־דערפארונג פונ די ארבעטער אינ אלע לענדער—20. לענינס ערשטע ווערק אונ זייער וועלט־היסטאָרישער באטייט—21. לענינס קאמפ אינ די 90־קער יאָרנ פארנ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזם, קעגנ דעמ פאָלקיזם אינ קעגנ דער רעוויזיע פונעמ מארקסיזם—24. דער קאמפ פאר א פארטיי פונ א נייעמ טיפ—26. דער I צוזאמענפאָר פונ דער רסדא"פ—29. לענינס קאמפ מיט די עקאָנאָמיסטנ—30.

III קאפיטל. דער „איסקרא"־פעריאָד אינ די אויספאָרמירונג פונעמ באָלשעוויזם . . . . 33—55

דער קלאסנקאמפ אָנהייב XX יאָרהונדערט—33. דאָס אָרגאניזירנ די „איסקרא"—36. דער וועלט־היסטאָרישער באטייט פונ דער „איסקרא"—40. דער II פארטיי־צוזאמענפאָר—42. דער אינטערנאציאָנאלער באטייט פונ II צוזאמענפאָר—47. דער קאמפ פונ דער פארטיי באָלשעוויקעס קעגנ די מענשעוויקעס אונ קעגנ די שאָלעמ־מאכערס נאָכנ II צוזאמענפאָר—49.

IV קאפיטל. דער באָלשעוויזם אינ דער ערשטער רעוואָליוציע (1905—1907 י.י.) . . . . 56—82

דער קאמפ פונעמ באָלשעוויזם קעגנ דער מילכאָמע אינ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, פארנ פאנאנדערוויקלענ די רעוואָליוציע—56. דער 9 יאנואר 1905 י.—57. דאָס באָלשעוויסטישע אָפשאצנ דעמ כאראקטער, די באוועג־קויכעס אונ אויפגאבע פונ דער רעוואָליוציע 59. די לענינישע אידייענ וועגנ דעמ איבערוואקסנ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער—62. דער III פארטיי־צוזאמענפאָר—64. דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס פאר א ריכטיקער ליניע פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י.—66. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג נאָכנ 9 יאנואר—69. דער פאָליטישער אָקטיאבער־שטרייק—72. די באָלשעוויקעס אינ די נייע באדינגענ—73. די סאָוועטנ פונ ארבעטער־דעפוטאטנ—75. דער באוואָפנטער אופשטאנד אינ מאָסקווע—77.

V קאפיטל. די פארטיי נאָכנ דעקאבער־אופשטאנד . . . . 83—99

לענינס פאָליטישע אָפשאצונג פונ די פערספעקטיוונ פונ דער רעוואָליוציע נאָכנ באוואָפנטנ דעקאבער־אופשטאנד—83. דאָס בויקאָטירנ די I דומע אונ דאָס אריבערגיינ צום אָנטייל אינ דער II דומע—84. וועגנ דער פארטיי־אָנפירונג מיט די פראָפפאריינענ אינ דער רעוואָליוציע פונ די יאָרנ 1905—1907—87. דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס פאר דער פארטיי—88. דער IV שטאָקהאָלמער פאראייניקונג־צוזאמענפאָר פונ רסדא"פ—89. דער קאמפ פאר דער פארטיי נאָכנ צוזאמענפאָר—93. דער V צוזאמענפאָר פונ רסדא"פ—94. די סיבעס פונ דער מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י., אירע לעקציעס אונ אינטערנאציאָנאלער באטייט—95.

VI קאפיטל. די פארטיי באָלשעוויקעס אינ די רעאקציע־יאָרנ (1907—1910 י. י.) . . . . 100—115

די רעאקציע־עפאָכע אונ דער טאָכ פונ דער סט. ווינשטשינע—100. די טאקטיק פונ די באָלשעוויקעס אינ די רעאקציע־יאָרנ—102. דער קאמפ פונ דער פארטיי אפ צוויי פראָנטנ אינ דער ארבעטער־באוועגונג—107. דער קאמפ קעגנ די אָפאָרטוניסטנ אינ די רייענ פונ די באָלשעווי־קעס—110.

VII קאפיטל. די פארטיי אינ פעריִאָד פונעמ נייעמ רעוואָליו־ציִאָנערנ אופשטייג (1911—1914 י. י.) . . . . 116—132

די פארטיי באָלשעוויקעס אינ שפיצ פונעמ נייעמ רעוואָליוציִאָנער אופשטייג—116. די פראגער קאָנפערענצ פונ רסדרא״פ—117. דער אווגוסט־בלאָק—120. די „פראוודא״ אונ די באָלשעוויסטישע פראקציע פונ דער IV מעלוכע-דומע—121. דער קאמפ פונ דער פארטיי מיטנ אָפאָרטוניזמ אינ דער נאציִאָנאלער פראגע—126. דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס מיט די אָפאָרטוניסטנ איִנעמ II אינטערנאציִאָנאל אינ די יאָרנ פונ רעאקציע אונ אופשטייג—128.

VIII קאפיטל. די פארטיי אינ די יאָרנ פונ דער אימפעריִאליסטישער מילכאָמע . . . . 133—151

די אימפעריִאליסטישע מילכאָמע—133. דער קראכ פונעמ II אינטערנאציִאָנאל—134. די טאק־טיק אונ די לאָזונגענ פונ די באָלשעוויקעס אינ די יאָרנ פונ דער אימפעריִאליסטישער מילכאָמע—136. די לענינישע טעאָריע וועגנ דער מעגלעכקייט פונ א זיג פונ סאָציִאליזמ אינ איינ לאנד—138. דער קאמפ פונ די באָלשעוויקעס פארנ שאפנ דעמ III אינטערנאציִאָנאל—140. די רעוואָליוציִאָ־נערע ארבעט פונ די באָלשעוויקעס אינ רוסלאנד—143. דער קאמפ אפ צוויי פראָנטנ מיטנ אָפאָרטו־ניזמ אינ די רייענ פונ די באָלשעוויקעס—148. די לאגע אינ רוסלאנד אונ די ארבעט פונ דער פארטיי ערעוו דער פעווראל־רעוואָליוציע—149.

IX קאפיטל. די פארטיי אינ קאמפ פארנ אָקטיאבער (פעווראל — אָקטיאבער 1917 י.) . . . . 152—197

דאָס אראָפווארפנ דעמ צאריזמ—152. די צווייטמאכט—154. די פארטיי אינ די ערשטע טעג פונ דער רעוואָליוציע—156. לענינס אפרעל־טעזיסנ—157. די VII (אפרעלישע) אלרוסלענדישע פארטיי־קאָנפערענצ—162. דער קאמפ פונ דער פארטיי פאר די מאסנ—163. די פארטיי אינ די יול־טעג—169. דער VI פארטיי־צוזאמענפאָר—171. די פארטיי אינ די טעג פונ קאָרנילאָוו־שטשינע—175. די פארטיי געווינט די מערהייט אינ די סאָוועטנ אונ אינ אנדערע מאסנ־אָרגאניזאציעס—178. די צוגרייטונג פונעמ אופשטאנד—182. די אָקטיאבער־איבערקערעניש—186. דער כאראקטער אונ די באדייט־קרעפטנ פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע—194. דער אינטערנא־ציִאָנאלער באטייט פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע—195.

X קאפיטל. די פארטיי אינעמ ערשטנ פעריִאָד פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט (אָקטיאבער 1917 י.—יונ 1918 י.) . . . . 198—221

דער קאמפ פארנ באשאפנ אונ פארפעסטיקנ די פראָלעטארישע מעלוכע—198. דער ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פראָדוקציע אונ פארטיילונג—201. די נאציִאָנאלע פאָליטיק פונ דער ראטנ־מאכט—203. דאָס צעגראָמירנ די נעסטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע אונ דער טריומפאלער מארש פונ דער סאָוועטנמאכט—205. די פארטיי אינ קאמפ פאר דער לענינישער ליניע אינ דער שאָלעמ־פראגע—209. דער VII פארטיי־צוזאמענפאָר אונ דאָס צעגראָמירנ די „לינקע קאָמוניסטנ״—214. דער קאמפ פארנ לענינישנ פלאנ פונ סאָציִאליסטישער בויונג—216. דער קאמפ פאר ברויט אונ די קאָמיטעטנ פונ דער דאָרפישער אָרעמשאפט—219.

XI קאפיטל. די פארטיי אינ פעריִאָד פונ בירגערקריג אונ מילי־טערישנ קאָמוניזמ . . . . 222—260

דער קאמפ אפ די פראָנטנ פונ בירגערקריג אינ 1918 יאָר—222. די נאָיאבער־רעוואָליוציע אינ דייטשלאנד אונ די באשאפונג פונעמ III קאָמוניסטישנ אינטערנאציִאָנאל—229. דער VIII פארטיי־צוזאמענפאָר—232. דער קאמפ מיט קאָלטשאקנ אונ דעניקינענ. דאָס צעגראָמירנ יודע־

ניטשנ—237. די עקאָנאָמישע פּאָליטיק אינ פּעריִאָד פונעם בירגערקריג—242. די פּארטיי—דער אָרגאַניזאַטאָר פונ דער רויטער ארמיי—246. דער IX פּארטיי־צוזאמענפאָר—248. די מילכאָמע מיטנ ווייסנ פוילנ אונ מיט וורַאנגעלנ. דער סאָפ פונעם בירגערקריג—251. די אינטערנאציִאָנאלע רעוואָליוציִאָנערע באַוועגונג אונ דער II קאָנגרעס פונעם קאָמינטערנ—255. די סאכאקלענ, די דערפארונג אונ דער אינטערנאציִאָנאלער באטייט פונעם קאמפ פונעם באָלשעוויזמ אינעמ פּעריִאָד פונ בירגערקריג—257.

XII קאפּיטל. די פּארטיי באַמ אריבערגאנג צומ נעפּ אונ בייסנ אופשטעל־פּעריִאָד . . . . 261—293

די לאגע אינ לאנד אונ די פּארטיי־אופגאבעס ערעוו דעמ אריבערגאנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק—261. די דיסקוסיע וועגנ דער ראָליע אונ דעמ באטייט פונ די פּראָפּפאריינענ—263. דער X צוזאמענפאָר אונ דאָס פארבאָטנ די ראזוויאָרסטקע אפ א שטייער—268. דער III קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ—274. די פּארטיי אפ די וועגנ פונ פּאנאנדערוויקלענ די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק—276. דער XI פּארטיי־צוזאמענפאָר אונ דער סאָפ פונעם צוריקטרעט—277. די פּארטיי־בוינג נאָכנ אריבערגאנג צומ נעפּ—279. לענינס לעצטער אַרויסטרעט—281. דאָס אריבערגיינ אינ אָנגריפ אפ די רעלסנ פונ נעפּ—283. דער XII פּארטיי־צוזאמענפאָר—285. דיווירטשאפטלעכע שוועריקייטנ פונ די יאָרנ 1923—1924 אונ דער קאמפ מיט דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע—286. לענינס טויט אונ דער לענינישער פּריזיוו—289. דער XIII פּארטיי־צוזאמענפאָר. דער קאמפ קעגנ טראָצקיס „לעקציעס פונ אָקטיאבער"—290. דער V קאָנגרעס פונעם קאָמינטערנ—291.

XIII קאפּיטל. די פּארטיי בייסנ אריבערגאנג צומ רעקאָנסטרוקטיוונ פּעריִאָד . . . . 294—323

די לאגע פונ די סאָוועטנ־רעפּובליקנ נאָכנ XIII פּארטיי־צוזאמענפאָר—294. די XIV פּארטיי־קאָנפערענצ—297. די פראגע וועגנ דעמ זיג פונ סאָציִאליזמ אינ איינ לאנד אונ דער קאמפ פונ דער פּארטיי קעגנ דער „נייער אָפּאָזיציע"—300. דער XIV צוזאמענפאָר פונ אלק"פּ(ב)—דער צוזאמענפאָר פונ דער אינדוסטריִאליזאציע פונ פּסס"ר—304. דער קאמפ פונ דער פּארטיי פארנ אינדוסטריִאליזירנ דאָס לאנד—307. דער קאמפ פונ דער פּארטיי קעגנ דעמ אָפּאָזיציִאָנעלנ בלאָק—310. א געפאר פונ א נייער אינטערווענצ אונ דער אריבערגאנג פונ דער אָפּאָזיציע צו אנ אנטי־סאָוועטישנ קאמפ—315. דער XV פּארטיי־צוזאמענפאָר—דער צוזאמענפאָר פונ קאָלעקטיוויזאציע—319.

XIV קאפּיטל. דער רעקאָנסטרוקטיווער פּעריִאָד . . . . 324—350

די פּארטיי אפנ וועג צומ פּאנאנדערגעוויקלטנ סאָציִאליסטישנ אָנגריפ—324. דער קאמפ פונ דער פּארטיי אפנ ברויט־פראָנט—325. דער שאכטער פּראָצעס אונ די לעקציעס פונ אימ—328. די פּארטיי קעמפט קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנויג, ווי קעגנ דער הויפּט־געפאר—330. דער VI קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ אונ דאָס אָנעמענ די פּראָגראמ פונ דער פּראָלעטארישער וועלט־רעוואָליוציע—337. די XVI קאָנפערענצ פונ דער אלק"פּ(ב) אונ דאָס באשטעטיקנ דעמ פּלאנ פונעם ערשטנ פינפיאָר—340. דאָס יאָר פונ גרויסנ איבערבראָכ—342.

XV קאפּיטל. דער רעקאָנסטרוקטיווער פּעריִאָד (פאָרזעצונג) . . . 351—401

די פּארטיי אינעמ פּעריִאָד פונ סאָציִאליסטישנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט—351. דאָס ליקווידירנ דאָס באלעבאטישע קולאַקעריי אלס קלאס אפנ גרונט פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע—351. דער קאמפ פונ דער פּארטיי קעגנ די איבערבויגנ אינ דער קאָלווירטישער בויונג—354. דער XVI פּארטיי־צוזאמענפאָר — א צוזאמענפאָר פונ פּאנאנדערגעוויקלטנ סאָציִאליסטישנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט—356. די פּאנאנדערוויקלונג פונעם קאמפ פארנ פינפיאָר אונ דער ווידערשטאנד פונ די קלאסנפייַנט פונ פּראָלעטאריאט—366. דאָס צעגראָמירנ דעמ רעכט־„לינקאטשישנ" בלאָק—369. די פּארטיי אינ קאמפ פארנ דריטנ, אנטשיידנדיקנ יאָר פונעם פינפיאָר—370. כ׳ סטאלינס 6 באדינגענ—376. דער קאמפ פארנ רעקאָנסטרויִרנ דעמ טראנספּאָרט אונ די שטאָטישע ווירטשאפט אונ

פארן פאנאנדערװיקלען דעם קאַלװירטישן האנדל—379. כ׳ סטאלינס בריװ „װעגן אײניקע פראגעס פון דער געשיכטע פונעם באָלשעװיזם—382. די XVII קאָנפערענצ פון אלק״פ(ב)—385. דער שאָס פון דער סטאביליזאציע פונעם קאפיטאליזם און דער איבערגאנג צו א נײַעם פעריאָד פון רעװאָליוציעס און מילכאָמעס—390. די סאכאקלען פונעם ערשטן פינפיאָר—393.

XVI קאפּיטל. די פארטײ אין קאמפ פארן צװײטן פינפיאָר . . . 403—419

דער יאנואר־פלענום פון צ״ק און צק״ק אין 1933 יאָר—403. דער XVII צוזאמענפאָר—א צוזאמענפאָר פון אױסבױער די אָנקלאסעװע סאָציאליסטישע געזעלשאפט—415.

קורצער אָנװײַזער פון די גרונט־דאטעס אין דער פארטײ־געשיכטע 420